DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14029

# *Suwałki Memorial Book*

Yizker-bukh Suvalk̦ un di arumik̦e shțețlekh

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

©2003 THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY AND
THE NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
*Harry and Lillian Freedman Fund*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*David and Barbara Margulies*
*The Nash Family Foundation*
*Harris Rosen*
*David and Sylvia Steiner*
*Ruth Taubman*

•

*Original publication data*

| | |
|---|---|
| TITLE | Yizker-bukh Suvalk un di arumike shtetlekh : Bakleroye, Vizshan, Yelineye, Sayni, Punsk, Psherasle, Filiroye, Krasnefalye, Ratsk / redaktor, Berl Kohen. |
| IMPRINT | 880-02 Nyu-York : Suvalker relif-komitet in Nyu-York, 721 [1961] |
| DESCRIPT | 826 columns : ill. ; 29 cm. |
| SUBJECT | Jews -- Poland -- Suwałki.<br>Suwałki (Poland) -- Ethnic relations.<br>Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Suwałki. |
| ADD'L NAME | Kagan, Berl. |
| ADD'L TITLE | Yizkor-book Suwalk and the vicinity |

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

# יזכור־בוך

# סואוואַלק

און די אַרומיקע שטעטלעך:

**באקלעראווע, וויזשאַן, יעלינעווע, סייני, פּונסק,**
**פּשעראסלע, פיליפּאווע, קראסנעפּאליע, ראצק**

רעדאַקטאָר

**בערל כהן**

אַרויסגעגעבן דורכן

סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק

ניו־יאָרק, 1961 — תשכ"א

# סובאלק און אומגעגנט רעליעף קאמיטעט פון ניו יארק

**סובאַלקער אומגעגנט:** ראצק, ווייזשאַן, סייני, פונסק, פיליפּאָווע, באַקלעראַווע, פּשעראַשלע, יעלינעווע, קראַסנעפּאָליע און אַנדערע

**הרב ר׳ דוד ליפשיץ**, ערן־פּאַרזיצער

**חיים זעליגסאָן**, פּאַרזיצער

לעאָן פּערלאַ, קאַסיר

אליעזר פּערלשטיין, געוועזענער סעק.

מרדכי מישעל, סעקרעטאַר

דוד סילווערמאַן, וויצע־פּאַרזיצער

ב. גערשען

ל. דאנסקי

דזש. גלאדסטאון

ה. וולאדקאָווסקי

דזש. טראַפּ

ל. ליוואַי

ד״ר ד. מיראו

ב. סאלינסקי

ש. רימאַן

ל. שערער

דזש. סיימאַן

# בוך קאמיטעט

**הרב ר׳ דוד ליפשיץ**, ערן־פּאַרזיצער

**חיים זעליגסאָן**, פּאַרזיצער

**אליעזר פּערלשטיין**, סעקרעטאַר

**ד״ר ד. מיראו**, קאַסיר

דאָס בוך צו באַקומען ביי:

HYMAN SELIGSON
1505 Morris Avenue
Bronx 57, N. Y.

געזעצט און געדרוקט ביי טברסקי ברידער — 1555 מעקומס רואַד, בראָנקס, ניו יאָרק

# אינהאלט

זייטן

הקדמה ———————————————— 7—8

## א. די ערשטע הונדערט יאָר

הונדערט יאָר סואוואַלק און אומגעגנט — **בערל כהן**

1. ווי אַלט איז סואוואַלק? ———————————— 11—19
2. געשיכטע פון יידישן ישוב ———————————— 19—29
3. דער ווירטשאַפטלעכער מצב ———————————— 29—39
4. יידן אויף ערד ———————————— 39—46
5. סואוואַלקער עמיגראַציע ———————————— 46—60
6. חינוך און השכלה ———————————— 60—76
7. חיבת ציון ———————————— 77—98
8. יידישע ארבעטער-באַוועגונג ———————————— 98—102
9. מוסדות, חברות, עסקנים ———————————— 102—122
10. רבנים ———————————— 123—196
11. שריפטשטעלערס ———————————— 197—218
12. פאַרלעגערס ———————————— 219—232
13. פיאָנערן פון יידיש-העברעאישער פרעסע ———————————— 232—238
14. קאָרעספאָנדענטן ———————————— 239—240
15. חזנים ———————————— 240—243
16. אַרטיסטן ———————————— 243—244
17. פאָלקסלידער אין סואוואַלקער געגנט ———————————— 244—250
18. יידן און קריסטן אַ מאָל ———————————— 250—251
19. עפּיזאָדן און קוריאָזן ———————————— 251—252
20. פּרענומעראַנטן ———————————— 252—266
21. ביבליאָגראַפיע ———————————— 267—280

פון אַן אַלטן טאָגבוך — **אליעזר מרדכי אלטשולער** ———————————— 280—286

## אינהאַלט

### ב. פאַר און צווישןביידע וועלט־מלחמות

זייטן


די לעצטע 40 יאָר — יחזקאל בערלזאָן — — — — — — — — — — — 291—316
אַ שטאָט פון לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכקייט — שמואל דוד בערנשטיין 315—324
אין די יאָרן פון ערשטן וועלטקריג — א. מ. אַלטשולער — — — — — — 323—328
פּאָגראָם אין סואוואַלק אין 1914 — — — — — — — — — — — — — — 327—332
דייטשן אין תלמוד־תורה — אליעזר אראָנאָווסקי — — — — — — — — — 333—336
נאָכן ערשטן וועלטקריג — שלמה סטוצינסקי — — — — — — — — — — 337—340
די ליטווישע אָקופּאַציע־צייט — מ. שלומי־פרידמאַן — — — — — — — — 340—342
דער פּאָגראָם אין 1936 — מרדכי זלאָטניצקי־זהבי — — — — — — — — 343—344
עפּיזאָדן פון מיין יוגנט — שמואל סינענסקי־סימן — — — — — — — — 345—346
ראַצק — אברהם משה קלימאַן — — — — — — — — — — — — — — 347—348
פּינסק — לייב שפּערלינג, אלבערט קירש — — — — — — — — — — — 348—350
מיין שטעטל באַקלעראָווע — שלמה באַראַווסקי — — — — — — — — — — 349—352
פיליפּאָווע — מרדכי פּיוואָוואַרסקי, משה אָשינסקי — — — — — — — — 351—354


### ג. מוסדות, חברות, פּאַרטייען


סואוואַלק אַ נעסט פון תורה — משה ראָזנטאַל־רזיאלי — — — — — — — — 359—362
סואוואַלק די פּשרה־שטאָט — שמואל שוואַך־שחריה — — — — — — — — 363—366
די תורה־יוגנט אין סואוואַלק — הרב יהואש זאַוואָזניצקי — — — — — — — 365—372
די רעוואָלוציע־יאָרן — חיים זעליגסאָן — — — — — — — — — — — — 371—380
סואוואַלקער אנשטאַלטן — יעקב אריה טראָפּ — — — — — — — — — — 379—386
הדרים און שולן — כלב כאַנאָוויטש — — — — — — — — — — — — — 387—388
חובבי־ציון אין אונדזער שטאָט — חיים זעליגסאָן — — — — — — — — — 387—390
פּועלי־ציון אין סואוואַלק — לייבל חן — — — — — — — — — — — — 391—400
ציוניסטישע אַרבעט — גדליה שמחוני — — — — — — — — — — — — 399—404
זכרונות וועגן סואוואַלקער יידן — חנה אַלטשולער — — — — — — — — — 403—406
„ביתר" — שלמה רימאַן — — — — — — — — — — — — — — — — 405—408
סואוואַלקער „טאָז" — אליעזר שערער — — — — — — — — — — — — 407—412
„מכבי" — שלמה רימאַן — — — — — — — — — — — — — — — — 411—420

# א י נ ה אַ ל ט

## ד. טיפן און געשטאַלטן

זייטן


ר׳ בנימין און ר׳ מרדכי מגנצא — **הרב אהרן מגנצא** — — — — — — — — 430—425

פאָרטרעטן פון לומדים, עסקנים און נדיבים — **הרב יהואש זאַוואָזניצקי** 474—431

ר׳ חיים מענדל פרידמאַן — **הרב אהרן ראובן טשאַרני** — — — — — — — 476—473

ר׳ ברוך ראָזנבערג — **אליעזר פערלשטיין** — — — — — — — — — — — 480—477

מיין משפחה — **משה שלומי־פרידמאַן** — — — — — — — — — — — — 486—481

ר׳ מרדכי שפינדלמאַן — **אליעזר פערלשטיין** — — — — — — — — — — 488—485

ר׳ חיים קויפמאַן — **יהודה לייב בלעכמאַן** — — — — — — — — — — 490—487

ר׳ אברהם שמואל ליזעווסקי — — — — — — — — — — — — — — — 492—489

ר׳ אהרן סינענסקי — **חוה גלאַטשטיין** — — — — — — — — — — — 492—491

אַ מאָל איז געווען — **ל. שמעוני** — — — — — — — — — — — — — 504—493

מלמדים — **משה שלומי־פרידמאַן** — — — — — — — — — — — — 506—503

שטריכן און עפּיזאָדן — **יהושע באַכראַך** — — — — — — — — — — — 510—505

הרב מרדכי צבי הלוי ווייסמאַן — **א. סואוואַלקער** — — — — — — — — 512—509

סואוואַלקער געשטאַלטן — **ראובן באַיאַרסקי** — — — — — — — — — — 514—511

איִסטערלישע געשעענישן אין סואוואַלק — **בן־ישראל** — — — — — — — 518—513

דער פאַרבאַהאַלטענער צדיק — **הרב אברהם מגנצא** — — — — — — — — 518—517

סואוואַלקער צונעמענישן — **זלמן דוד ראָזנבלום** — — — — — — — — — 524—519


## ה. סואוואַלקער אין דער וועלט


סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט — **חיים זעליגסאָן** — — — — — — — — — 566—531

די ערשטע סואוואַלקער אין ניו־יאָרק — **חיים זעליגסאָן** — — — — — — — 580—567

סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל — **אברהם קויפמאַן** — — — — — 580—579


## ו. חורבן


הורבן סואוואַלק — **יחזקאל בערלזאָן** — — — — — — — — — — — — 628—595

אויפן בלוטיקן וועג — **חנה לעוויטאַן־ריבאַלד** — — — — — — — — — — 632—629

סואוואַלקער אין סלאָנימער געטאָ — **ד״ר כתריאל איילענדער** — — — — — 636—633

אין די לאַגערן פון עסטלאַנד — **אהרן קערשקאָווסקי (קער)** — — — — — 636—635

# א י נ ה אַ ל ט


זייטן

מיט סואוואַלקער אין טויטלאַגערן — **יעקב פריימאַרק** — — — — — — — 637—638

אומגעקומען אין ליטע — **אברהם לייב ווייס** — — — — — — — — — — 639—640

פון ארכאַנגעלסק און צוריק — **שלמה גוטמאַן** — — — — — — — — — — 639—642

סואוואַלק אין 1957 — **חנה אלטשולער** — — — — — — — — — — — 643—646

חורבן ראַצק — **מרדכי מישעל** — — — — — — — — — — — — — 649—650

ניטאָ מער סואוואַלק — **קלמן אַבראַמאָוויץ** — — — — — — — — — — 651—652


* * *


טרויער אויסדרוקן — — — — — — — — — — — — — — — — — 675—788

א י נ ד ע ק ס — — — — — — — — — — — — — — — — — 789—820

אינהאַלט פון בוך אין ענגליש — — — — — — — — — — — — — — 821—826

# הקדמה

דאָס יידישע סואוואַלק איז אָפּגעמעקט, די יידישע שטעטלעך אַרום זיינען אָפּגעווישט, יידיש לעבן אין זיי איז אַויסגעלאָשן צו גלייך מיט אַלע טויזנטער יידישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע.

זאָל דער זכר פון יידישן סואוואַלק אויך אַוועק מיטן רויך, ווי אירע יידן זיינען מיטן רויך אַוועק?

סואוואַלק — די שטאָט פון אונדזערע חלומות, די שטאָט פון אונדזער יוגנט, די שטאָט פון אונדזערע עלטערן און אורעלטערן, די שטאָט פון אונדזערע תפילות און די שטאָט פון אונדזערע געזאַנגען — זאָל דאָס אַלץ אָן אַ שפּור פאַרשווינדן אויף אייביק אין תהום פון פאַרגעסנקייט?

יידן האָבן ניט געשטעלט זייער עבר קיין דענקמעלער פון אייזן און שטיין. יידן האָבן נאָר געזאָרגט, אַז זייער עבר זאָל דורך המשך ווערן עתיד. פון דור צו דור האָבן יידן זיך איבערגעגעבן זייער גייסטיקע ירושה — אַ גאַראַנטיע פאַר נצח ישראל. „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים לאנשי כנסת הגדולה” — דאָס איז דער גרויסער טראַדיציאָנעלער דענקמאָל פון יידישן פאָלק.

רשעים אָן אַ פאַרגלייך אין דער מענטשלעכער געשיכטע האָבן חרוב געמאַכט אונדזער אַמאָליקע ליבע היימשטאָט. זיי האָבן געוואָלט אומברענגען ניט נאָר דעם יידישן גוף, נאָר אויך אויסוואָרצלען אויף אייביק דעם יידישן גייסט. דער נקמה'דיקער ענטפער מוז זיין: מיר זיינען דאָ און מיר זיינען ממשיך!

אין אונדזער יזכור־ספר קומט צום אויסדרוק דער לעצטער אָטעם און ווייגעשריי פון אונדזערע קדושים וטהורים, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטערס, פון אונדזערע ליבסטע און טייערסטע, די געוואָרפענע אין די גאַזאויוונס, אין די טיפע ערדגריבער, פאַרברענטע, דערשאָסענע, דערשטיקטע. זייער לעצטע תפילה און אויסגעשריי זיינען אין מיטן איבערגעריסן און פאַרשטומט געוואָרן דורך די נאַצישע תלינים. ווילן מיר, אַז דער יזכור־ספר זאָל פאַראייביקן זייער ניט פאַרענדיקטען געבעט און תפילה.

# הקדמה

זייער לעבן איז מערדערלעך אָפּגעהאַקט געוואָרן מיט דעם ניט פאַרענדיקטן רוף: שמע ישראל... קומען מיר דאָ איצט און דורך דעם יזכור־ספר זאָגן מיר אַלע בציבור: יתגדל ויתקדש שמיה רבא...

סואוואַלקער יזכור־בוך איז אָבער ניט נאָר אַ מצבה אויף אונדזערע אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטערס — ס׳איז אויך אַ הייליקע התחייבות ממשיך צו זיין אַלץ, מיט וואָס סואוואַלק און אַלע פאַרשניטענע יידישע שטעטלעך האָבן זיך אויסגעצייכנט: זייער זאַפטיקע יידישקייט, זייער אמונה, זייער נאַציאָנאַלע שאַפערישקייט, זייער פאָלקישער שטייגער־לעבן, זייער אייגן לשון.

אויב די רוצחים האָבן אַזוי מערדערלעך חרוב געמאַכט אונדזערע יידישע סיאוואַלק און די אַלע קהילות אַרום — ווילן מיר אָבער דורך די בלעטער פון יזכור־ספר פרעזערווירן און פאַראייביקן אויף דורות זייער גייסטיקע ירושה.

# די ערשטע הונדערט יאָר

## בערל כהן

# הונדערט יאָר סואוואַלק און אַומגעגנט *)

### אריינפיר

„הכל תלוי במזל״ — אפילו דאָס אָרט פון אַ שטאָט. וואָלט, למשל, סואוואַלק געגרינדעט געוואָרן מיט עטלעכע צענדליק מייל צפונדיקער, אין דער עכטער ליטע, וואָלט איר יידישע ראָל און השפעה געווען אומפאַרגלייכלעך גרעסער. אין דעם פיל-מיליאניקן פוילן איז סואוואַלק געווען קליין, אין דער קליין-צאָליקער ליטע וואָלט זי געווען גרויס. פאַר די שטאַרק-צעוואקסענע יידישע קהילות אין פוילן איז די יידישע עדה אין סואוואַלק געווען נישט באַטייטיק; פאַר די כמות-קליינע יידישע קהילות אין ליטע וואָלט סואוואַלק געווען אַן „עיר ואם״. נאָך מער: פאַרן פאָליאַק איז סואוואַלק געווען אַ מין צוטשעפעניש — ער וואָלט עס קיינעם ניט אָפּגעגעבן, אָבער קיין הונדערט-פּראָצענטיק אייגנס איז עס עפּעס פאַר אים אויך ניט געווען. דער ליטווינער, ווידער, וואָלט סואוואַלק גערן צוגענומען, און דאָך איז עס געווען עפּעס פרעמדס פאַר אים. ווייל סואוואַלק — און איר אומגעגנט — איז געווען חצי פוילן, חצי ליטע, און די יידן דאָרטן האָבן, אייגנטלעך, געלעבט אין אַ דרייפאַכיקן גלות: אין גלות-פוילן און גלות-ליטע איז געווען אַ גלות-סואוואַלק.

די האַלב-פוילן׳דיקייט און האַלב-ליטע׳דיקייט פון יידישן ישוב אין סואוואַלקער געגנט איז באַזונדערס צו מערקן אין זיין שפּראַך (יידיש), מנהגים, כאַראַקטער — אַ געמיש פון פוילישן און ליטווישן יידן.

סואוואַלקער יידן זיינען געווען אַ גרענעץ-ישוב — און די גרענעץ האָט אַרויפגעלייגט איר עיקר-שטעמפּל אויף זייער געשיכטע. גרענעץ-איינוואוינערס האָבן פיינט גרענעצן, ווייל מענטשן, וואָס זעען אָן אויפהער די לאַנד-באַריערן פאַר זייערע אויגן, ווילן פון זיי מער פּטור ווערן, ווי אַנדערע, וואָס זעען זיי ניט. גרענעץ-איינוואוינערס זיינען ווייניקער באַגרענעצט — פון זייערע ד׳ אמות באַמערקן זיי אַ וועלט איבער די גרענעצן. גרענעץ-ישובים זיינען מוטיקער, דרייסטער, פּיאָנערישער, — און אויך די סואוואַלקער יידן זיינען געווען אַ שבט פון פּיאָנערן.

יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט זיינען געווען פּיאָנעריש אין השכלה און עמיגראַציע, ראשונים אין ערדאַרבעט, פּאָרויסגייעריש אין פּראַקטישן ישוב ארץ-ישראל און פון די ערשטע אין חיבת-ציון, יסוד-לייגעריש פון יידיש-העברעאישער פּרעסע אין אַמעריקע, און אפילו דער רוף פאַר יידישע טאָגשולן אין קאָלאָמבוס-לאַנד איז געקומען פון זיי — מיט איבער 80 יאָר צוריק.

אַן אייגנאַרטיקער שבט געווען די סואוואַלקער — די נוגעים בדבר האָבן עס ביי זיין לעבן ניט באַמערקט און אַנדערע האָבן עס ניט דערשאַצט. טאָ זאָלן די ווייטערדיקע שורות זיין אַ חסד של אמת ניט נאָר פאַר די קדושים פון סואוואַלק און די יידישע ישובים אַרום, נאָר אויך פאַר דער קדושה, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיי — ווי פון יעדן פאַרשניטענעם יידישן קבוץ אין מזרח-אייראָפּע — דורך זייער לעבן און שאַפן אין דעם גרויסן קולטור-אוצר פון יידישן פאָלק.

# ווי אַלט איז סואוואַלק ?

דער שטח, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען סואוואַלקער גובערניע, פאַרנעמט 11,005 קוואַדראַט קילאָמעטער.[1] אין מערב האָט סואוואַלקער גובערניע זיך געגרענעצט מיט אָסטפּרייסן, אין צפון, מזרח און דרום — דורך די טייכן ניעמאַן און באַברע — מיט די גובערניעס פון קאָוונע, ווילנע און גראָדנע, און נאָר אין

*) ביז 1905. — דער נאָמען סואוואַלק האָט זיך געשריבן אויף פאַרשיידענע אופנים. דאָס רוב איז געניצט געוואָרן דער העברעאישער אויסלייג סובאלק, אָבער אויף שער-בלעטער פון אַלטע ספרים, אין אַלטע קאָרעספּאָנדענציעס וכדומה טרעפט מען גאַנץ אָפט אויך סוולק, סוולק, סוואלק. אין אַ גט האָט מען געשריבן סוואלק (מיט דריי וואָוון).

1. 12,551 קוו. ק״מ לויט בראָקהויז-לעקסיקאָן, לייפּציק, 1895.

דרום-מערב איז זי דורך דעם שטוטשינער קרייז פון לאָמזשער גובערניע געווען פאַרבונדן מיט די איבעריקע טיילן פון קיניגרייך פוילן.

די טעריטאָריע פון דער שפּעטערדיקער סואוואַלקער גובערניע איז ביז 1386 כמעט אין גאַנצן געווען אַ טייל פון ליטווישן גרויספירשטנטום. פון יענעם יאָר איז זי אַריבער אין רשות פון פּוילישן קיניגרייך. אָבער מלחמות צווישן ליטווינער און פּאָליאַקן פון איין זייט און די פּרייסן פון דער אַנדער זייט האָבן ניט אויפגעהערט ניט פאַר דעם, ניט נאָך דעם. נאָך יעדער מלחמה האָט מען געשלאָסן אָפּמאַכן (1402, 1413, 1420 א״אנד), וואָס ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט דער אָדער יענער צד זיי געבראָכן. אין מעלנער שלום-אָפּמאַך פון 1422 איז

שוין קלאָר געזאָגט געוואָרן, אַז די געגנט געהערט צו ליטע־פוילן.[2]

אין 1795, בעת דער לעצטער טיילונג פון פוילן, איז די סואוואַלקער טעריטאָריע אַריבער צו פרייסן. אין 1807 איז זי איינגעגלידערט געוואָרן אין וואַרשעווער פירשטנטום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, וועלכער האָט אין יענעם יאָר פאַרטריבן די פרייסן פון סואוואַלק. נאפאלעאָנס ממשלה אין סואוואַלקער געגנט, ווי בכלל אין פוילן, האָט קיין אריכת־ימים ניט געהאַט. לויטן ווינער טראַקטאַט פון 21סטן אַפּריל 1815 איז דאָס וואַרשעווער פירשטנטום פּראָקלאַמירט געוואָרן, ווי דאָס „קיניגרייך פוילן", און סואוואַלק, ווי אַ טייל פון אים, איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד.

ביז 1866 איז די טעריטאָריע פון סואוואַלקער גובערניע (צוזאַמען מיט לאָמזשער) געווען איינגעשלאָסן אין אויגוסטאָווער גובערניע. ערשט דעם 19טן דעצעמבער 1866, ווען דאָס קיניגרייך פוילן איז איינגעטיילט געוואָרן אין 10 גובערניעס, איז געשאַפן געוואָרן די גובערניע סואוואַלק.

סואוואַלקער גובערניע איז געווען איינגעטיילט אין 7 קרייזן מיט די ווייטערדיקע קרייזשטעט: סייני, אויגוסטאווע, ווילקאָווישק, מאַריאַמפּאָל, קאַלוואַריע, ניישטאָט־שאַקי און סואוואַלק.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געוועלטיקט איבער סואוואַלק 100 יאָר. נאָכן ערשטן וועלטקריג זיינען דריי קרייזן — סואוואַלק, סייני און אויגוסטאווע — געוואָרן אַ טייל פון אומאָפּהענגיקן פוילן, אָבער די איבעריקע 4 קרייזן זיינען איינגעגלידערט געוואָרן אין די גרענעצן פון דער אומאָפּהענגיקער ליטע.

אין סואוואַלקער גובערניע האָבן געלעבט פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: ליטווינער, רוסן, יידן, פּאָליאַקן, טאָטערס, דייטשן און אַנדערע. דעם גרעסטן פּראָצענט האָבן אויסגעמאַכט די ליטווינער, וועלכע האָבן געוואוינט אין די צפון־טיילן פון דער גובערניע. אין דער דומע האָבן די ליטווינער געהאט אפילו אַן אייגענעם דעפּוטאַט פון סואוואַלקער געגנט. דאָס איז געווען אַ ליטווישער גלח, וואָס איז אויך איינער פון די דומע־זיצונגען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מיאוסע מעשים פון פּאָליאַקן קעגן ליטווינער אין דער פוילישער פּראָווינץ.[3] די רוסן און פּאָליאַקן האָבן בעיקר געוואוינט אין די ווייניק־פּרוכטבאַרע טיילן פון דרום, די יידן — אין די שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער גובערניע.

סואוואַלק איז געווען די וויכטיקסטע און גרעסטע שטאָט אין דער גאַנצער גובערניע, און אפילו ווען זי איז נאָך געווען אַ טייל פון אויגוסטאַווער גובערניע איז זי געווען די הויפּטשטאָט. אָבער איר עלטער־יחוס ווי

2. Suduvos Suvalkijos Istorija, Jonas Totoraitis, Kaunas, 1938.

3. וו. גראסמאן אין „ליטע", ניו־יארק, 1951, זייט 1254.

אַ שטאָט איז דער קלענסטער צווישן די איבעריקע שטעט פון יענער געגנט.

דער שטח, אויף וועלכן עס זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן סואוואַלק און די אַרומיקע שטעטלעך, איז נאָך אין פערצנטן יאָרהונדערט באַשטאַנען נאָר פון אוראַלט־ווילדע וועלדער, גרויסע זומפּן און פיל אָזערעס (דער אויגוסטאָווער וואַלדמאַסיוו איז נאָך היינט באַקאַנט מיט זיין ריזיקער גרייס).

די צאָל מענטשן, וועלכע האָבן באַוואוינט אַ גרויסן טייל פון אָט דער געגנט מיט יאָרהונדערטער צוריק, איז אַלץ קלענער געוואָרן צוליב די אומאויפהערלעכע מלחמות אין יענע מקומות צווישן די רוסן און פרייסן. סוף 13טן יאָרהונדערט (1280) זיינען די אָרטיקע איינוואוינערס בכלל אָפּגעווישט געוואָרן. די גאַנצע געגנט איז געוואָרן נאָך דעם אַ גרויסע פּוסטעניש. אין די כראָניקעס פון דייטשן אָרדן פון 14טן יאָרהונדערט ווערט די געגנט באַצייכנט ווי אַ מדבר.

די גאַנצע טעריטאָריע, וואָס איז געווען גרעסער, ווי די שפּעטערדיקע סואוואַלקער גובערניע, ווערט אין די כראָניקעס פון דייטשן אָרדן אָנגערופן אויף לאַטייך SUDOVIA און אויף דייטש SUDAUEN. דער ליטווישער גרויספירשט וויטאַווט דערמאָנט זי איין מאָל מיטן לאַטייניש TERRA SUDORUM. נאָך דעם ווי די געגנט איז אין גאַנצן חרוב געוואָרן דורך די פיל מלחמות האָט מען אפילו כמעט פאַרגעסן איר נאָמען. אין מיטן 17טן יאָרהונדערט ווערט זי דורך די פּאָליאַקן אָנגערופן KRAJ ZAPUSCZANSKI, אַ שפּעטערדיקער פּוילישער נאָמען פאַר דער געגנט איז TRAKT ZAPUSCZANSKI.[4]

לויט דער „קאלומביא ענציקלאָפּעדיא" האָבן ליטווינער, וועלכע זיינען געלאָפן זיך אויסבאהאלטן פון געזעץ, געשאַפן דעם ערשטן מענטשלעכן ישוב אויף יענעם אָרט, פון וועלכן ס'איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די שטאָט סואוואַלק. שווער צו זאָגן, אויף וויפל דאָס איז הונדערט פּראָצענט אמת. אַזאַ געדיכט־וואַלדיק אָרט איז געווען, ווי אַלע היסטאָריקערס באַטאָנען עס, אַ גוטע באַהעלטעניש פאַר פיל מענטשן, וועלכע זיינען צוליב פאַרשיידענע טעמים אַנטלאָפן פון זייערע שטענדיקע וואוינערטער און זיך דאָ באַזעצט. די דאָזיקע עלעמענטן זיינען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און צווישן זיי זיכער ניט ווייניק ליטווינער, וועלכע האָבן אַרום געלעבט. קלאָר איז לכל הדעות, אַז ליטווינער זיינען געווען שכנים פון די ערשטע תושבים פון סואוואַלק. פון זיי שטאַמט אפילו דער נאָמען פונעם אָרט. די ליטווינער, זיך צוקוקנדיק מסתמא צום אופן לעבן פון זייערע נייע שכנים און זיך דערוויסנדיק מסתמא עפּעס וועגן זייער „יחוס", האָבן דאָס אָרט אַ נאָמען געגעבן Susivilkas, וואָס אויף ליטוויש אין אַ ניט אות־באות איבערזעצונג מיינט עס: צונויפּ־

4. Suduvos Suvalkijos Istorija, Jonas Totoraitis, Kaunas, 1938.

געלאָפּענע, זיך אַרומטרייבנדיקע. שפּעטער, ווען דאָס אָרט איז אַריבער אין רשות פון קיניגרייך פּוילן, איז דער נאָמען פאַרפּוילישט געוואָרן, און פון Susivilkas איז געוואָרן Suvalki. דאָס איז געשען אין יאָר 1667, און דער נאָמען־געבער איז געווען דער קלויסטער פון קאַמעדולן־אָרדן אין וויגרי, וואָס האָט דעם פּלאַץ באַקומען במתנה פון קיניג יאַן קאַזימיר.

דער אַנטוויקל־טעמפּ פון סואוואַלק איז ניט געווען קיין צו געוואַלדיקער. וואָרעם אין 1667 — דאָס הייסט אַן ערך 150 יאָר נאָך דעם, ווי דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן אַ מענטשלעכער ישוב — איז סואוואַלק נאָך אַלץ געווען ניט מער, ווי אַ גרויס דאָרף. ערשט אין 1710 איז אין סואוואַלק אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע קירך.[5] אין 1715 האָט דער קאמעדולן־אָרדן, וואָס צו



סואוואַלקער מאַגיסטראַט

אים האָט געהערט דאָס אָרט, באפרייט די סואוואַלקער פון פאַנשטשיזנע און באַשטימט 300 פּלעצער אויף צו בויען אַ שטעטל. אין 1720 האָט קיניג זיגמונט דער צווייטער געגעבן די סואוואַלקער מאַגדעבורגער רעכט.״



סואוואַלקער מאַרק

אין 1797 האָט סואוואַלק ערשט פאַרמאָגט 214 הייזער, אין וועלכע עס האָבן געלעבט 1.184 מענטשן.

פון דער צווייטער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט ווערט דער וואוקס פון סואוואַלק ראַשיקער. דערצו האָט

---

5. דאָרטן, ז׳ 584.
6. אין אַ רשימה פון קירכן אין דער באַשריבענער געגנט, לויט די אַקטן פון ווילנער סינאָד, ווערט סואוואַלק ניט דערמאָנט. ערשט אין אַ צווייטער רשימה פון זעלביקן מקור אין 1717 ווערט אָנגעגעבן דער נאָמען פון סואוואַלק (Totoraitis, 359).



טורמע גאַס (שפּעטער ד״ר נאַנעוויצא גאַס)

מיטגעהאָלפֿן דער אויסגעבויטער גרויסער שאָסיי סואוואַלק־דווינסק, לויטן באַפֿעל פֿון ניקאָליי דעם ערשטן, און אויך דער אַ ביסל פֿריער דורכגעפֿירטער אויגוס־טאָווער קאַנאַל. אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז איידער עס איז אויסגעבויט געוואָרן די באַן־ליניע וואַרשע־פּעטערבורג, איז סואוואַלק, וואָס איז געלעגן אין מיטן שאָסייוועג פּעטערבורג־וואַרשע, געווען אָפּט אַן אָפּשטעל־אָרט פֿאַר די געהייבנסטע לייט פֿון דער רוסישער קייזערלעכער פֿאַמיליע. אין שטאָט איז אַפֿילו געבויט געוואָרן אַ ספּעציעל הויז פֿאַר די הויכע דורכפֿאָרנדיקע אורחים פֿון פּעטערבורג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דאָס דאָזיקע הויז געווען די רעזידענץ פֿון סואוואַלקער גובערנאַטאָר.

דער אויפֿשטייג טעמפּ פֿון סואוואַלק אין דאָזיקן צייטאָפּשניט זעט זיך קלאָר פֿון דער וואַקסנדיקער צאָל איינוואוינערס אין שטאָט. אין 1856 איז די אַלגעמיינע צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג אין סואוואַלק געווען 10,182.[7] אין 1862 האָבן אין סואוואַלק געוואוינט 11,944 מענטשן,[8] אין 1865 איז זייער צאָל שוין 16,533,[9] אין 1882 — 18,040,[10] אין 1893 — 19,116,[11] אין 1897 — 22,000,[12] אין 1905 — אַרום 23,000.

כמעט אַלע איבעריקע פֿון די 9 שטעטלעך, וואָס ווערן דאָ באַשריבן, זיינען אויסגעוואַקסן ווי שטעט פֿריער, ווי סואוואַלק גופֿא.

באַקאַלאַרעוואָ איז אויסגעוואַקסן פֿון פֿריץ וואָלסקיס הויף, וואָס האָט זיך גערופֿן באַקאַלאַראַוויטשיזנאַ און האָט שוין עקסיסטירט אין 1558. ווי אַ שטעטל איז באַקאַלאַרעוואָ אויסגעבויט געוואָרן אין 1651. אין 1797 האָט דאָס שטעטל געהערט צום פֿריץ כלעווינסקי, האָט פֿאַרמאָגט 67 הייזער און דאָרטן האָבן געלעבט 405 מענטשן.[13] אין רוסיש האָט זיך עס גערופֿן באַקאַלאַרזשעוו, אין ליטוויש — באַקאַלאַרזעוואַ.

פֿיליפּאָווע שטאַמט פֿון אַ דערפֿל, וואָס איז אין מיטן 16טן יאָרהונדערט געשאַפֿן געוואָרן דורך קיניגין באָנאַ ספֿאָרצאַ און האָט זיך גערופֿן שעמבעלעוואָ. אין 1570 האָט דער מקום באַקומען מאַגדעבורגער רעכט פֿון קיניג זיגמונט אויגוסט, וועלכער האָט עס אַ נאָמען געגעבן פֿיליפּאָווע. אין 1797 האָבן דאָרטן געלעבט 795 תושבים אין 120 הייזער. אין 1858 און אין 1897 האָבן צוויי גרויסע שריפֿות באַשעדיקט דאָס שטעטל.[14]

7. יעוור. ענציקלאפעדיא, באנד 13.
8. Jurtzenca, 1862, p. 106.
9. ארץ רוסיא ומלואה, יהושע לעווינזאהן, ווילנא, 1868, ז' 89.
10. כנסת ישראל, ווארשא, תרמ"ו.
11. בראקהויז־לעקסיקאן, לייפציג, 1895, ז' 525.
12. יעוור. ענציקלאפעדיא, באנד 14. לויטן זעלביקן מקור, זיינען אין קרייז סואוואַלק דעמאָלט געווען 92,910 מענטשן, בתוכם 10.472 יידן.
13. טאַטאַרייטיס, זז' 231, 241, 579.
Uznemuné po Prüsais, Augustinas Janulaitis, Kaunas, 1928, p. 191.
14. סלאָווניק געאָגראַפיטשני קראָלעווסטווא פּאָלסקיעגא, ז' 388; יאַנולייטיס, ז' 191; טאַטאַרייטיס, זז' 195, 202, 578.

דאָס שטעטל ראַצק טראָגט דעם נאָמען פֿון דער ראַצקעוויטש משפּחה, וואָס האָט באַקומען די דער־לויבעניש צו קויפֿן ערד אויפֿן דאָזיקן אָרט אין 1507. אין 1748 איז ראַצק אַריבער צום גראַף מיכאַאיל פּאַץ. מאַגדעבורגער רעכט האָט ראַצק באַקומען פֿון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט. אין 1797 האָבן אין ראַצק געלעבט 776 תושבים אין 165 הייזער. אין 1815 איז אַרום שטעטל געשאַפֿן געוואָרן אַ קאָלאָניע פֿון שאָטלענדער, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן פֿון ענגלאַנד.[15]




ראַצק אין 1916

ווישאַן איז אויסגעבויט געוואָרן סוף 16טן יאָר־הונדערט. אין 1559 איז דאָס אָרט נאָך ניט געווען באַוואוינט, דערביי האָט זיך נאָר געפֿונען אַ דערפֿל. אין 1797 זיינען אין ווישאַן געווען 205 הייזער און דאָרטן האָבן געלעבט 946 תושבים. אין 1827 איז די אַלגעמיינע צאָל איינוואוינערס דאָרטן געווען 1,346 און אין 1878 — 2,276.[16]

פּשעראָסלע איז אין 1558 נאָך געווען אַ דאָרף, וואָס האָט געהערט צו י. גראָדזינסקי. אין 1576 האָט קיניג סטעפֿאַן באַטאָראַ געגעבן פּשעראָסלע מאַגדע־בורגער רעכט. אין 1638 האָט דער וואַרשעווער סיים עס געגעבן במתנה צו דער קיניגין צעציליאַ רענאַטאַ, פֿרוי פֿון וולאַדיסלאַוו דעם פֿערטן. אין 1797 האָבן אין פּשעראָסלע געלעבט 1,166 תושבים אין 230 הייזער.[17]

אין פּונסק איז סוף 16טן יאָרהונדערט געווען אַ גרעסערער מענטשלעכער ישוב, ווייל אין 1597 האָט זי שוין געהאַט אַ קירך. אין 1797 האָבן דאָרטן געלעבט 583 איינוואוינערס אין 59 הייזער.[18]

קראַסנעפּאָלע איז אויסגעוואַקסן ווי אַ שטאָט אַרום מיטן 18טן יאָרהונדערט. אין די זעכציקער יאָרן פֿון יענעם יאָרהונדערט האָט זי פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ

15. טאַטאַרייטיס, ז' 579; יאַנולייטיס, ז' 192; ארץ רוסיא ומלואה, ז' 39.
16. יאַנולייטיס, ז' 191; טאַטאַרייטיס, זז' 199, 243; סלאָווניק געאָגראַפיטשני.
17. טאַטאַרייטיס זז' 199, 292, 578; יאַנולייטיס, ז' 191; סלאָווניק געאָגראַפיטשני.
18. טאַטאַרייטיס, ז' 219, יאַנולייטיס, ז' 191.

שטאַרקע קאָנקורענץ צו סייני. אין 1797 האָבן זיך דאָרטן געפונען 105 הייזער און 533 תושבים. אין 1827 האָבן דאָרטן געלעבט 1,414 איינוואוינערס אין 230 הייזער, אין 85־1880 — 2,246 מענטשן אין 289 הייזער.[19]

יעלינעווע איז דאָס יינגסטע פון די אַלע באשריבענע שטעטלעך אין דער געגנט. אין 1797 האָט זי פאַרמאָגט 346 תושבים אין 69 הייזער.[20]

די עלטסטע ידיעה וועגן סייני איז פון 1522, ווען קיניג זיגמונט דער אַלטער האָט אין אָט דעם אָרט געגעבן אַ שטיקל וואַלד צו יאַן ווישנעווסקי. אויף אָט דעם שטח איז אויפגעקומען דער סייניער הויף, וואָס איז גיך אויסגעברייטערט געוואָרן. ווי ס׳איז צו זען פון רעגירונגס־דאָקומענטן, האָט סייני געהאט רעכט פון אַ שטאָט שוין אין 1593, אָבער לויט אַלע סימנים, האָט זי אַזעלכע רעכט געהאט שוין פיל יאָרן פריער. פאַרן שוועדישן קריג זיינען אין סייני געווען אַ פּאָר הונדערט שטיינערנע הייזער, 2 דרוקערייען און אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ פון פירשט ווישנעוועצקי, וואָס אים האָט דעמאָלט געהערט די שטאָט. בעת׳ן שוועדישן קריג איז סייני כמעט אין גאַנצן חרוב געוואָרן. שפּעטער האָט זי זיך ווידער גוט אַנטוויקלט. אין 1778 זיינען אין סייני געווען עטלעכע עלעמענטאַר־שולן און אַ העכער בילדונגס־אַנשטאַלט. אין 1808 איז קיין סייני אריבערגעהויבן געוואָרן דאָס ליצעאום פון לאָמזשע. אין 1835 האָט סייני פאַרמאָגט אַ זיבן־קלאַסיקע גימנאַזיע און אַ קרייזשול.

אין 1797 האָבן געלעבט אין סייני 516 מענטשן אין 96 הייזער, אין 1828 — 3,514 איינוואוינערס, אין 1838 — 3,245, אין 1848 — 3902, אין 1856 — 3,274.

מען האָט געהאַלטן, אַז דער נאָמען סייני שטאַמט פון ליטווישן SENI ("אַלטע), געבויט אויף אַ לעגענדע וועגן דריי אַלטע ריטערס, וועלכע זיינען געקומען אין יענעם אָרט אויסלעבן זייערע יאָרן. פון אַ נאָטיץ אין 1558 איז אָבער אויפגעקלערט געוואָרן, אַז דאָרטן איז אַ מאָל געווען אַ טייכל מיטן נאָמען סיינאַ. ארום אָט דעם טייכל האָבן זיך געפונען דריי ישובים, וואָס אַלע האָבן זיך גערופן סיינאַ. צוויי פון אָט די ישובים זיינען אונטערגעגאַנגען און מען ווייסט גאָרניט וועגן זיי און געבליבן איז דאָס איצטיקע סייני.

סייני איז געווען אַ וויכטיקער צענטער אין דער גאַנצער געגנט, אָבער זינט דעם אויסבוי פון שאָסיי קאָוונע־וואַרשע און דער באַנליניע פּעטערבורג־וואַרשע, איז די שטאָט געוואָרן אַ גרויסער יורד. אין 1910 האָבן געלעבט אין סייני נאָר 3,348 נפשות — ווייניקער ווי כמעט מיט 100 יאָר צוריק.[21]

# געשיכטע פון יידישן ישוב

ווי אַלט איז דער יידישער ישוב אין סואוואַלק? קיין גענויע תשובה קען מען אויף אָט דער פראַגע ניט געבן. אין 1715, בעת דער קאַמעדולן־אָרדן פון וויגריער מאָנאַסטיר האָט אויסגעטיילט אַ שטח ערד אויף אויסצו־בויען סואוואַלק ווי אַ שטאָט, איז פאַר יידן אָנגעצייכנט געוואָרן אַ באַשטימטע גאַס צו וואוינען.[22] אָבער כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט פון יענער דאַטע איז ניט צו געפינען קיין שפּור פון אַ יידיש לעבן אין סואוואַלק, וואָס איז לחלוטין ניט דער פאַל מיט די אַלע איבעריקע שטעטלעך אַרום. בכל אופן האָבן מיר אַזאַ שפּור ניט אָנגעטראָפן. קען דאָ זיין איינס פון די ביידע: אָדער דאָס באַשטימען אַ באַזונדערע גאַס אין סואוואַלק איז געווען נאָר אַן אָנבאָט צו יידן צו קומען אַהין, כדי זיי זאָלן אַנטוויקלען דעם מסחר אין שטאָט — ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך — אָבער יידן האָבן דעם אָנבאָט, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, ניט אָנגענומען; אָדער יידן האָבן זיך יאָ אַפּגערופן אויף דער איינלאַדונג פון די קאַמעדולן און זיך אין סואוואַלק באַזעצט — און אפשר נאָך פריער דאָרטן געוואוינט אַ קורצע צייט — אָבער אין גיכן האָט מען זיי פון דאָרטן אַרויסגעטריבן.

נאָך אַזוי גוט ווי אין יאָר 1800 האָט קיין איין ייד ניט געלעבט אין סואוואַלק. דאָס גיט איבער דער דייטשער היסטאָריקער האַלשע, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט. האַלשע שרייבט, אַז אַנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט איז סואוואַלק „יודען ריין״, און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם איז אין סואוואַלק געווען „אַ גרויסער מאַרק, וואו ס׳איז אָבער ניט געווען וואָס צו קויפן״.[23]

האַלשעס רייד פּאַלן צונויף מיט דער פעסטשטעלונג פון היסטאָריקער וואַשוטינסקי, אַז אין יאָר 1808 האָבן געלעבט אין סואוואַלק 44 יידן.[24] די דאָזיקע קליינע

19. סלאָווניק געאָגראַפיטשני, ז׳ 636; יאַנולייטיס, ז׳ 191.
20. יאַנולייטיס, ז׳ 191.
21. טאַטאַרייטיס, ז׳ 186; יאַנולייטיס, ז׳ 191; אַ דייטש־רוסישע בראָשור, אַרויסגעגעבן אין סואוואַלק ארום 1910 (שער־בלאַט פעלט).
22. סלאָווניק געאָגראַפיטשני; טאַטאַרייטיס, ז׳ 584.

23. האַלשעס בוך האָבן מיר ניט געקענט קריגן און מיר ציטירן לויטן אַרטיקל פון ד״ר פ. פרידמאַן „ווירטשאַפטליכע אומשיכ־טונגס־פּראָצעסן... אין דער פּוילישן יודענשאַפט 1870—1800״, געדרוקט אין „דזשוּאיש סטאַדיס אין מעמאָרי אָף ג. קאָהוט״, ניו־יאָרק, 1935. דאָס זעלביקע ווערט געזאָגט אין סלאָווניק געאָגראַפיטשני, ביי יאַנולייטיס, ז׳ 191, טאַטאַרייטיס, 496, ווי אויך אין
Lietuva, A. Bendorius, Brooklyn, 1952, p. 168.
24. זע הערה 23.
די זעלביקע ציטאַטע פון האַלשען וועגן סואוואַלקער מאַרק ברענגט אויך י. יאַקאָבסאָן אין זיין אַרבעט:
"Die Stellung Der Juden in den 1793 und 1795 von

צאָל יידן אין שטאָט באַווייזט, אַז דער אויפקום פון אַ יידישן ישוב דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט ניט לאַנג. דער שכל איז מחייב, אַז ניט אַלע 44 יידן זיינען אָנגעקומען אין איין טאָג קיין סואוואַלק, נאָר אַ טייל פון זיי האָט זיך דאָרטן באַזעצט מיט אַ געוויסער צייט פריער. דורך דעם וועט דער עלטער־יחוס פון יידישן ישוב אין סואוואַלק זיך אַ ביסל פאַרגרעסערן, אָבער ניט אַריבערשפּרייזן צו ווייט די גרענעץ פון 1800.

אַ ביסל סתירה׳דיק צו אָט דעם אַלעם זיינען די רייד פון פּוילישן היסטאָריקער קאָרזאָן, אַז צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך געפונען דריי טליתים־פאַבריקן אין דובראָווע און סואוואַלק.[25] מען קען ניט אָננעמען, אַז גלייך ביים ערשטן טאָג פון זייער אָנקום קיין סואוואַלק האָבן די יידישע טליתים־פאַבריקאַנטן זיך גענומען צו זייער פּרנסה. עס לייגט זיך נאָך וויניקער אויפן שכל, אַז יידן זאָלן האָבן געמאַכט אַ טליתים־פאַבריק אין אַ שטאָט, אין וועלכער ס׳איז ניטאָ אַ קלענערער קיבוץ יידן. עס קומט בכן אויס, אַז אַ קליינער ישוב יידן איז אין סואוואַלק געווען שוין אַן ערך סוף 18טן יאָרהונדערט. דער צייט־אונטערשייד צווישן די אַלע געשיכטע־מקורות איז אָבער אַ גאַנץ קליינער, און לכל הדעות האָבן יידן זיך אָנגעהויבן פּאַקטיש צו באַזעצן אין סואוואַלק ניט פריער פון סוף 18טן אָדער אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. אויף אַזאַ אויפן באַקומט זיך, אַז גראַד סואוואַלק, די גרעסטע און וויכטיקסטע שטאָט פון דער גאַנצער טעריטאָריע ארום, איז דער סאַמע יינגסטער פון די אַלע אַרומיקע יידישע ישובים.

אַזאַ שטאָט, למשל, ווי ווילקאָווישק, איינע פון די זיבן קרייזשטעט פון סואוואַלקער גובערניע, וואָס האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט סואוואַלק ניט מיט איר צאָל איינוואוינערס, ניט מיט איר צאָל יידן — אין דער דאָזיקער שטאָט איז שוין געווען אויסגעבויט אַ שול אַזש אין 1623, כמעט מיט צוויי הונדערט יאָר פריער, איידער יידן זיינען געקומען קיין סואוואַלק.[26]

אין קאַלוואַריע, וואָס איז אויך געווען אַ קרייזשטאָט אין סואוואַלקער גובערניע, איז שוין געווען אַ יידישער ישוב מיט איבער 250 יאָר צוריק. אין יענער צייט טרעפן מיר אָן דעם נאָמען פון הגאון ר׳ אהרן ברודא, ווי אַ לאַנגיעריקן רב פון קאַלוואַריע.[27] אין 1764 האָט אַ געוויסער שמואל ב״ר אליעזר מק״ק קאַלוואַריע אַרויס־

Preussen Erworbenen Polnischen Provinzen zur Zeit der Besitznahme" ("Monatsschrift für Geschichte und Wissenschaft des Judentums", 64. Jahrgang, Heft 10—12, S. 292).

25. אין ציטירטן אַרטיקל פון ד״ר פרידמאַן, זז׳ 217, 234.

26. די לעגענדע דערציילט, אַז די ווילקאָווישקער שול איז געבויט געוואָרן פון מאַטעריאַל, וואָס די פּרוי פון סטאַראָסטאַ אין פּרען, גראַף סטעפאַן פּאַץ, האָט געגעבן.

27. „משפחת ברודא", עזריאל מאיר ברודא, ורשה, תרצ״ח.

געגעבן אַ ספר אין קיניגסבערג.[28] אין קאַלוואַריע זיינען אין יאָר 1766 שוין געווען 1,055 יידן.[29]

דאָס זיינען נאָר צוויי ביישפּילן פון אַ סך סתם ערטער אין סואוואַלקער גובערניע. מיט ניט קיין וויניק עלטערן יידישן ישוב קענען זיך באַרימען כמעט די אַלע שטעטלעך, וואָס ווערן באַשריבן אין דאָזיקן בוך.

דאָס קליינע ווייזשאַן,[30] וואָס ליגט סך־הכל 28 וויאָרסט פון סואוואַלק, האָט פאַרמאָגט אַ יידישן ישוב שוין מיט איבער 300 יאָר צוריק. די גענויע דאַטע, ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן דאָרטן באַזעצן, איז ניט באַקאַנט. אין 1723 האָט משה יעפריימאָוויטש, אַ פאָר־שטייער פון גראָדנער קהילה, צו וועמען די יידישע עדה אין ווייזשאַן האָט דעמאָלט געהערט, אָנגעגעבן אין גראָדנער שטאָט־פאַרוואַלטונג דעם פּריווילעגיע־טשאַרטער, וואָס די ווייזשאַנער יידן האָבן געהאַט באַקומען פון קיניג יאַן דעם דריטן. דער דאָקומענט איז דאַטירט פון דריטן פעברואַר, 1676, און איז אַ באַשטעטיקונג פון די פּריווילעגיעס, וואָס די ווייזשאַנער יידן האָבן געקראָגן פון קיניג מיכאַאיל דעם 14טן נאָוועמבער, 1670. דער לעצטער דערמאָנט נאָך אין זיין געגעבענער פּריווילעגיע, אַז ער האָט באַקומען אַ פּעטיציע פון זיין יוּווּעליר אין גראָדנע, איזאַק פּיוואָשעוויטש, אין נאָמען פון די ווייזשאַנער יידן, וועגן זייער רעכט צו לעבן אין שטעטל. דער קיניג מיכאַאיל זאָגט צו די ווייזשאַנער יידן צו באַשיצן זייערע רעכט אויף זייערע הייזער, געשעפטן, בתי־מדרשים, בית־עולם, מרחץ. לויט דער געגעבענער פּריווילעגיע, פאַלן די שטעטלשע יידן ניט אַרונטער דער מוניציפּאַלער יוריסדיקציע, נאָר דעם אָרטיקן געריכט מיטן רעכט צו אַפּעלירן צום קיניגלעכן טריבונאַל. זיי דאַרפן ניט גערופן ווערן שבת אָדער יום־טוב צום געריכט. משפּטים צווישן יידן אַליין ווערן דורכגעפירט נאָר דורך די עלטסטע פון די יידן גופא לויטן יידישן דין. די יידן האָבן רעכט צו פיטערן זייערע בהמות אויך אויף די שטאָטישע לאָנקעס און זיך צו באַניצן מיט די דער־בייאיקע וועלדער, ווי אַלע תושבים.[31]

אָבער יידן האָבן געלעבט אין ווייזשאַן שוין פאַר 1670. ס׳איז באַקאַנט, אַז שוין אין 1646 איז דאָרטן געווען טעטיק אַ צעך פון יידישע בעלי־מלאכות.[32] פון דעם קען מען אָננעמען, אַז אַ יידישער ישוב איז געווען אין ווייזשאַן שוין פיל יאָרן פריער, אפשר ארום אנהייב 17טן יאָרהונדערט.

ביז אַרום יאָר 1700 פלעגט מען ברענגען נפטרים פון קיניגסבערג — וואָס האָט דעמאָלט ניט געהאט

28. „דרכי נועם". האָט, אגב, אַ הסכמה פון ווילנער גאון.

29. ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ, באַנד IX, ז׳ 848.

30. אויך ווייזשייני, ווייזשאַני, אָבער ניט ווייזשוני, ווי די „דזשואיש ענציקלאָפּעדיאַ" גיט עס אָן בטעות: ווייזשוני אָדער ווייזשון איז אַ שטעטל אין דער ליטע.

31. יעוור. ענציקלאָפּעדיאַ, V, ז׳ 544; דזשואיש ענציקלאָפּעדיאַ, XII, ז׳ 445.

32. אַרטיקל פון ד״ר מ. ווישניצער אין „ליטע", ב׳ I, ניו־יאָרק, 1951, ז׳ 974.

קיין רעכט אויף אַן אייגענעם בית־עולם — צו קבורה אויפן בית־הקברות פון ווילקאָווישק אָדער וויזשאַן.[33]

אַן ערך אין מיטן אַכצנטן יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן אַ חלירע־עפּידעמיע אין וויזשאַן. אַ גרויסער טייל יידן פון שטעטל איז געקומען צולויפן קיין ווילקאָווישק. מען האָט זיי אָבער אַהין ניט אריינגעלאָזן און די וויזשאַנער אַנטלאָפענע זיינען געבליבן אין דערבייאיקן וואַסיער וואַלד, וואוהין די ווילקאָווישקער יידן פלעגן זיי שיקן עסן און אַנדערע הילף. פיל פון די וויזשאַנער יידן זיינען דעמאָלט אויסגעשטאָרבן אין וואַסי און מען האָט זיי מקבר געווען לעבן אַ לאָנקע, ניט ווייט פון וואַלד, וואו עס איז פאַרבליבן אַ קליינער בית־עולם נאָך ביזן לעצטן חורבן. אור־אייניקלעך פון די וויזשאַנער פליטים האָבן זיך געפונען אין ווילקאָווישק נאָך אין דער צייט פון דער אומאָפּהענגיקער ליטע.[34]

אין 1766 האָבן געלעבט אין וויזשאַן 306 יידן, אין 1856 — 1,130 יידן (827 קריסטן), אין 1879 — 490 יידן, אין 1897 — 312 יידן (1,238 קריסטן).[35] די צאָל פון די יידן אין וויזשאַן איז, בכן, אַנשטאָט צו וואַקסן אַלץ געגאַנגען צוריק.

פון די עלטסטע יידישע ישובים אין סואוואַלקער געגנט איז געווען אויך באַקלעראָווע. דער געוועזענער באַקלעראָווער רב, הרב כאשעסמאַן, וועלכער געפינט זיך איצט אין שיקאַגע, שרייבט מיר אין אַ בריוו, אַז ארום 1910 האָט ער אויפן שטעטלשן בית־עולם געזען אַ מצבה, וואָס איז אַלט געווען צוויי הונדערט עטלעכע און דרייסיק יאָר. אין 1675־1680 האָט שוין, בכן, באקלעראווע געהאַט אַן אייגענעם בית־הקברות. דאָס הייסט, אַז יידן האָבן דאָרטן געוואוינט שוין מיט יאָרן פריער. די באַקלעראָווער יידן האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זייער שטעטלשן עלטער־יחוס און זיי האָבן גערעדט, אַז „גאָר אַ מאָל" האָט סואוואַלקער קהילה געהערט צו באקלעראָווע (וואָס איז היסטאָריש ניט ריכטיק).

אין 1844־1846 האָבן געלעבט אין באַקלעראָווע 156 יידישע משפחות (590 נפשות), אין 1859־1861 — 152 יידישע משפחות (776 נפשות), אין 1897 — 370 יידישע נפשות (קריסטן — 604).[36]

אין פּיליפּאָווע האָבן יידן געלעבט שוין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט. סוף דרייסיקער יאָרן פון יענעם יאָרהונדערט איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער סכסוך צווישן די אָרטיקע יידן און די אַנדערע תושבים פון שטעטל, וועלכע האָבן אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון יידן דאָרטן צו וואוינען.

33. „די יידישע וועלט", ווילקאָווישק, 1935, ז' 13.
34. דאָרטן.
35. יעוור. ענציקלאָפּעדיא, V, ז' 544; סלאָווניק געאָגראַפיטשני, ז' 697. — אין דזשואיש ענציקלאפעדיא איז אריינגעפאַלן אַ גראָבער טעות: די צאָל אַלגעמיינע תושבים פון וויזשאַן אין 1897 ווערט אָנגעגעבן 2274, וואָס זייער מערהייט זיינען יידן — אַ קלאָרער דרוקפעלער.
36. יעוור. ענציקל., III, ז' 694.

אַ ספּעציעלער שליח איז געשיקט געוואָרן אויסצופאָרשן דעם גאַנצן ענין. אין 1741 איז די אויספאָרשונג פאַרענדיקט געוואָרן. די אָרטיקע יידן איז נאָך דעם דערלויבט געוואָרן פריי צו וואוינען אין פּיליפּאָווע, אָבער מיט אַ ריי באַגרענעצונגען: זיי טאָרן ניט בויען קיין נייע בתי־מדרשים, ניט קויפן קיין נייע פּלעצער, אויפן מאַרק קענען זיי קויפן סחורה ערשט נאָך די קריסטן וכדומה.

אין 1765 האָבן געלעבט אין פּיליפּאָווע 274 יידן, אין 1856 — 852 יידן, אין 1861 — 812 יידן, אין 1897 — 548 יידן (קריסטן — 1,476).[37]

די דאָמיניקאַנער אין סייני האָבן אין 1768 געהאָלפן אויפשטעלן אַ בית־מדרש אין שטאָט, כדי צוצוציען יידן.[38] יידן האָבן געלעבט אין סייני נאָך פאַר דעם, ווי דאָס איז געווען צו זען פון די אַלטע מצבות אויפן שטעטלשן בית־עולם.

אין 1828 האָבן געוואוינט אין סייני 2,036 יידן, אין 1838 — 2,030 יידן, אין 1848 — 2,110 יידן, אין 1856 — 2,378 יידן, אין 1897 — 1,918 יידן (קריסטן — 1,860)[39] אין 1885 האָבן די סייניער יידן אויסגעבויט אַ שיינע שול, וואָס האָט געקאָסט איבער 12,000 רובל.[40]



די שול אין ראַצק

אין ראַצק האָבן יידן געלעבט שוין אין די זיבעציקער־אַכציקער יאָרן פון 17טן יאָרהונדערט, ווייל אַן ערך אין יענער צייט האָט דאָס שטעטל שוין פאַרמאָגט אַ רב מיטן נאָמען ר' גרשון. אין 1765 האָבן דאָרטן געוואוינט 472 יידן, אין 1856 — 1,739 יידן, אין 1897 — 1,116 יידן (קריסטן — 810).[41]

אין קראַסנעפּאָלע האָבן יידן געלעבט, משמעות, שוין אין מיטן 18טן יאָרהונדערט, ווייל אַן אָנבאָט פון דאָמיניקאַנער אָרדן אין 1767 צו יידן צו קומען קיין סייני איז געווען אויסגערעכנט ווי אַ מיטל אָפּצוציען יידן פון לעבן אָדער זיך באַזעצן אין קראַסנעפּאָלע. אין 1897

37. סלאָווניק געאָגראַפיטשני, ז' 812; יעוור. ענציקל., XV, ז' 240.
38. טאָטאָרייטיס, ז' 518. זע אויך:
Kurland und Litauen Ostpreussens Nachbaren, Johannes Wronka, Freiburg, 1917, S. 139.
39. יעוור. ענציקל., XIV. ז' 114; סלאָווניק געאָגראַפיטשני.
40. „יודישעס פאָלקס־בלאַט", פעטערבורג, 1885, נר' 14.
41. יעוור. ענציקל., XIII, ז' 336.

האָבן געוואוינט אין שטעטל 576 יידן צווישן 1,252 קריסטן.[42]

אין פשעראָסלע האָבן אין 1766 געלעבט 207 יידן, אין 1856 — 672, אין 1897 — 340 (קריסטן — 1,350).[43]

אין פונסק איז די צאָל יידן אין 1897 געווען — 312 (קריסטן — 407) און אין יעלינעווע — 214 (קריסטן — 384).



מאַרק אין ראַצק

דער גרעסטער טייל פון אָט די אַלע שטעטלעך האָט זיך געפונען אויף אַ מרחק פון ווייניקער ווי 21 וויארסט פון דער גרענעץ, דעריבער איז אויף זיי חל געווען דאָס געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן דאָרטן דאָס באַזעצן זיך פון יידן, וועלכע וואוינען ניט אין דער געגנט.

כמעט גלייך נאָך דעם ווי סואוואַלקער געגנט איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון פרייסן, האָט די פרייסישע רעגירונג זיך גענומען „ברענגען אָרדנונג" אין דער יידן־פראַגע. דעם 17טן אפריל, 1797, האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלן יידן־רעגולאַמין. כאָטש די אַלע תקנות פאַר די יידן אין די נייע פּראָווינצן פון ניי־אָסטפּרייסן זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר, ווייל אין 1815 איז דאָך געקומען דער סוף פון דער פרייסישער הערשאַפט דאָרטן, איז אָבער דאָך כדאי איבערצוגעבן אַ טייל פון די אַלע צוגעגרייטע געזעצן. לויט די נייע תקנות, דאַרפן אַלע יידן, וועלכע לעבן נאָר צייטווייליק אין דער געגנט, פאַרלאָזן זייערע וואוינערטער. יעדער ייד פון 10 יאָר און העכער קריגט אַ „שוצבריוו". פאַרן ניט האָבן ביי זיך דעם „בריוו" ווערט מען שטרענג באַשטראָפט. יידן מוזן האָבן פאַמיליע־נעמען. חתונות ווערן קאָנטראָלירט. פאַר 25 יאָר קען אַ ייד ניט חתונה האָבן. די אָרטיקע יידן טאָרן ניט חתונה האָבן מיט יידן פון אַנדערע מקומות. די יידן האָבן נאָר אַ באַשטימט וואוינאָרט. זיי מעגן לעבן נאָר אין די שטעט. די יידן, וועלכע לעבן אין דערפער, בלייבן דאָרטן נאָר צייטווייליק, מיט פיל באַגרענעצונגען. די צאָל פון די יידישע סוחרים אין די שטעט ווערט באַשרענקט. אַ יידישער סוחר אָן אַ דערלויבעניש ווערט צום דריטן מאָל אַרויס־

42. דאָרטן, XIV, ז' 114 און ב' XI, ז' 821.
43. דאָרטן, IIX, ז' 911; סלאָוויניק, ז' 176.

געטריבן פון זיין וואוינאָרט. ער קען זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין אַנדער פרנסה. ער טאָר ניט פּעדלען מיט זיין סחורה איבער די דערפער. יידן קענען לייען געלט צו קריסטן נאָר דורכן געריכט. פאַר נעמען צו הויכע פּראָצענטן ווערט אַ ייד אַרויסגעטריבן פון דער געגנט. די צאָל בתי־מדרשים ווערט פאַרקלענערט. רבנים מוזן קענען דייטש אָדער פויליש. גרינדן עפנטלעכע יידישע שולן מיט באַשטימטע לערערס דורך דער רעגירונג. אויב קיין יידישע לערערס זיינען ניטאָ, דעמאָלט אריינשיקן קריסטלעכע לערערס אין אַזעלכע שולן. לערנביכער דאַרפן זיין אויף דייטש. יידן ווערן ניט גענומען אין מיליטער, דערפאַר דאַרפן זיי צאָלן אַ גרעסערן שטייער. יידן פון 14 ביז 60 צאָלן אַ ספּעציעלן רעקרוטן־שטייער.[44]

ווען מען קוקט זיך צו צו די אויבן געבראַכטע ציפער וועגן דער אַנטוויקלונג פון די יידישע ישובים אַרום סואוואַלק, פאַלט אין די אויגן דער פאַקט, וואָס פון די פופציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און העכער האָט קיינער פון זיי ניט פּראָגרעסירט, נאָר געגאַנגען אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ. און פונקט דאָס פאַר־קערטע האָט געטראָפן מיט סואוואַלק: דער דאָרטיקער יידישער ישוב האָט גענומען גיך וואַקסן און אין גאָר אַ קורצער צייט איז ער אַריבערגעשטיגן אַלע יידישע קהילות אין יענער געגנט סיי אין צאָל, סיי אין השפעה. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גיך־וואַקסנדיקער השפעה פון יידישן סואוואַלק איז דער פאַקט, וואָס שוין אין 1809, ווען די סואוואַלקער קהילה איז באַשטאַנען נאָר פון עטלעכע מנינים יידן, האָט זי שוין געשיקט אירס אַ פאַרשטייער צו אַ יידישער אסיפה אין וואַרשע. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענקום פון יידישע קהילות אין פוילן, וועלכע האָבן געפּרואווט זיך משתדל זיין, אַז דער שחיטה־שטייער אויף די יידישע שטעטלעך זאָל פאַר־קלענערט ווערן און דערמיט זאָל אָפּגעשריען ווערן די אינסטרוקציע פון פינאַנץ־מיניסטער פון 31סטן מיי, 1909. אין די וואַרשעווער אַרכיוון איז אויפגעהיט געוואָרן אַ טייל פון די מעמאָראַנדומס פון די יידישע קהילות, צווישן זיי אויך איינער פון לאָמזשער גובערניע, דאַטירט פון 3טן אויגוסט, 1809. אויפן לעצטן מעמאָ־ראַנדום זיינען גע'חתמ'עט פיר באַפולמעכטיקטע פון די קהילות אין לאָמזשער גובערניע און איינער פון זיי איז אבא פאַלינעוויטש פון סואוואַלק. דעם 21סטן אויגוסט זיינען די פיר פאַרשטייערס געקומען קיין וואַרשע, וואו זיי האָבן איבערגעגעבן זייער בקשה צום מלוכה־ראָט, וואָס האָט אויף זיין סדר־היום געהאַט אויך די פראַגע פון שחיטה־שטייער.[45]

44. יאַנולייטיס, ז' 216.
45. „בלעטער פאַר געשיכטע", וואַרשע, 1934, נר' 3, ז' 44. — אין יולי 1810 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַן ענלעכע אסיפה. דאָס מאָל איז איינער פון די דעלעגאַטן פון לאָמזשער גובערניע געווען אברהם סימאָן פון סייני (דאָרטן, 1938, אַרטיקל פון ד"ר מ. קרעמער).

דער יידישער קיבוץ אין סואוואַלק איז געוואַקסן, ניט געקוקט אויפן פאַקט, וואָס פון 1823 ביז 1862 האָבן ניט אַלע סאָרטן יידן געמעגט וואוינען אין אַלע גאַסן פון שטאָט. אין 1827 ציילט דער יידישער ישוב אין סואוואַלק 1,209 נפשות,[46] אין 1856 — 6,407,[47] אין 1857 — 6,587,[48] אין 1862 — 7,165 נפשות.

די דאָזיקע ציפערן דאַרפן באטראַכט ווערן ס׳רוב נאָר ווי קרוב לאמת׳דיקע. גערעכט איז י. לעשצינסקי אין זיין מיינונג, אַז נאָר די באַפעלקערונג־צאָלן פון דער פאָלקסציילונג אין 1897 דאַרפן פאַררעכנט ווערן ווי אין גאַנצן פאַרלאָזלעכע. אין גרעסטן טייל פאַלן שטימען טאַקע ניט די ציפערן פון איין מקור צו אַ צווייטן. אַזוי, למשל, פאַלט ניט צונויף די אויבן געבראַכטע צאָל פון יידישע נפשות אין סואוואַלק אין 1862 (7,165) וואָס וואַשוטינסקי גיט אָן, מיט די ציפערן, וואָס ד״ר י. שיפּער ברענגט פאַרן זעלביקן יאָר (7,525)[49]

ד״ר פרידמאַן מיינט, אַז דער גרויסער וואוקס־טעמפּא פון יידישן ישוב אין סואוואַלק איז אַ רעזולטאַט פון דעם גרויסן סחורות־און מענטשן־שמוגל, וואָס איז דענסטמאָל אָנגעגאַנגען אויף דער פרייסישער גרענעץ, פון וועלכער סואוואַלק איז געווען נאָר זעקס און צוואַנציק וויאָרסט ווייט.[50]

לעשצינסקי, ווידער, האַלט, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרטן שטאַרק געוואַקסן אַ דאַנק דער אימיגראַציע פון יידן פון ליטע און ווייסרוסלאַנד.

די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער אימיגראַציע איז געווען דאָס, וואָס אין פּוילן איז די מיליטער־פליכט פאַר יידן איינגעפירט געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער (אין 1843), ווי אין רוסלאַנד (1827). און היות יידן זיינען שוין ממילא געלאָפן פון גזירת יוון, האָבן פיל פון זיי זיך שוין געצויגן צו מקומות, ווי אויגוסטאוור גובערניע, וואָס איז נאָענט צו אַ גרענעץ — על כל צרה שלא תבוא. דער אָנגעלאָף פון די רוסלענדישע יידן אין דער דאָזיקער גובערניע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער גובערנאַטאָר האָט דעם 28סטן יולי, 1851, זיך שריפטלעך געווענדט צו דער אינערן־קאָמיסיע אין וואַרשע מיט אַן אָנפראַגע, וואָס ער זאָל טאָן מיט די אָנגעלאָפענע יידן. און כאָטש דער ענטפער פון וואַרשע איז געווען, אַז מען זאָל די דאָזיקע יידן אַרויסטרייבן, איז אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי שוין פאַרבליבן אין די נייע ערטער.[51] פּונקט אַזוי איז אויך געבליבן מערסטנס אויפן פּאַפּיר דער אוקאַז פון 1843, אַז יידן אויף דער רוסישער זייט, וואָס וואוינען אין אַ ראַדיוס פון 50 וויאָרסט פון דער פרייסיש־עסטרייכישער גרענעץ, זאָלן אַרויסגעטריבן ווערן פון זייערע וואוינערטער.

46. יעוור. ענציקל., XIV, ז׳ 604.
47. „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן״, י. לעשצינסקי, ברלין, 1922.
48. לויט סלאָווניק געאָגראַפיטשני — 7016.
49. Dzieje Handlu Zydowskiego na Ziemiach Polskich, Ignaz Schipper, Warszawa, 1937. p. 462—
ד״ר שיפּער זאָגט, אגב, אַז אין 1862 האָבן יידן אין סואוואַלק אויסגעמאַכט גאַנצע 63% פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.
50. אין שוין ציטירטן אַרטיקל, ז׳ 216.
51. Neueste Wirtschaftsgeschichte Der Juden in Russland und Polen, S. B. Weinryb, Breslau. 1934. s. 14.

אין די יאָרן 1845—1865 האָט זיך דער יידישער ישוב אין אויגוסטאווער גובערניע פאַרגרעסערט אויף גאַנצע 41 פּראָצענט, צווישן דעם אויך סואוואַלק גופא, כאָטש ניט אין אַזאַ הויכן גראַד. אָבער פון 1864/5 האָט זיך דער וואוקס פון יידישן קיבוץ אין סואוואַלק כמעט אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. דער פּוילישער אויפשטאַנד, די הונגער־יאָרן פון 1868־69 און די אַלץ שטייגנדיקע יידישע עמיגראַציע פון דאָזיקן געביט — דאָס זיינען, משמעות, די וויכטיקסטע סיבות פון דעם. בעת׳ן פּוילישן אויפשטאַנד האָבן די יידן געליטן, ווי תמיד, פון ביידע זייטן, סיי מצד די קאָזאַקן, וואָס האָבן אים אונטערדריקט, סיי מצד די אויפשטענדלערס. די לעצטע האָבן ביחוד געפאָדערט געלט פון יידישע קהילות. אַזוי איז, למשל, באַקאַנט, אַז אין 1863 האָבן די ראשי־הקהל אין סואוואַלק אַרויפגעלייגט (און זיכער ניט מיטן גוטן ווילן) אויף די אָרטיקע יידן אַ קאָנטריבוציע פון 6,000 רובל. אויף דער ליסטע פון די 231 יידן, וואָס האָבן די סומע באַצאָלט, איז געווען דער שטעמפּל פון דער קהילה. עמעצער האָט עס גע׳מסר׳ט צו דער רעגירונג — און ס׳איז געוואָרן אַ נייע צרה, ביז מען האָט באַפרייט די אַרעסטירטע ראשי־הקהל.[52]

צוליב אָט די אַלע סיבות האָט אין משך פון 30 יאָר אויף אַ האָר זיך ניט פאַרגרעסערט די יידישע קהילה אין סואוואַלק. אויב אין יאָר 1862 איז די צאָל יידישע נפשות אין סואוואַלק 7,165 (לויט וואַשוטינסקי) אָדער 7,525 (לויט ד״ר שיפּער), איז זייער צאָל אין דער אָפיציעלער פאָלקסציילונג פון 1897 — אין גאַנצע 35 יאָר ארום — ניט מער, ווי 7,458.[53]

פּראָצענטועל איז די צאָל יידישע איינוואוינערס אין סואוואַלק לגבי ניט־יידישע שטאַרק געפאַלן אין משך פון דאָזיקן צייטאָפּשניט. אין 1893 איז די צאָל יידישע נפשות אין סואוואַלק 7,483[54] אויף אַ באַפעלקערונג פון 19,116 נפשות, וואָס מאַכט אויס 31%, בעת מיט 31 יאָר צוריק האָבן די יידן באַטראָפן 63% פון די תושבים אין שטאָט.[55]

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט און ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט איז ווידער פאָרגעקומען אַ שטאַרקע פאַרגרעסערונג פון דער יידישער עדה אין סואוואַלק. מען קען אָננעמען, אַז אין 1905, דער גרענעץ־דאַטע פון אונדזער דאָזיקער אַרבעט, האָט סואוואַלק פאַרמאָגט אַ קהילה פון ארום 10,000 נפשות, וואָרעם אין 1908 זיינען שוין דאָרטן געווען 13 002 יידן.[56]

52. דאָרטן, ז׳ 22.
53. פּערוואַיא פּערעפּיסי נאַסעלעניא ראסיסקאיא אימפּעריא, סואוואַלסקאַיא געבערניא, 1897, פּעטערבורג, 1904.
54. בראָקהויז־לעקסיקאָן, ז׳ 525.
55. די „הצפירה״ פון 1892 (נר׳ 79) ברענגט אין נאָמען פון פּוילישן „וויעק״, אַז אין 1891 האָבן יידן אויסגעמאַכט 60% פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינערס אין סואוואַלק. אין פּעטערבורגער „היום״ (1886, נר׳ 102) שרייבט אַן אַנאָנימער קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק, אַז די צאָל יידן איז דאָרטן גרעסער פון דער צאָל קריסטן. אין „המליץ״ פון 1893 (נר׳ 5) ווערט איבערגעגעבן אין אַ סואוואַלקער קאָרעספּאָנדענץ, אַז אין שטאָט לעבן ביי 10,000 יידן.

# דער ווירטשאַפטלעכער מצב

וואָס איז געווען דער עקאָנאָמישער מצב פון די ייִדן אין סואוואַלק און אין די נאָענט־ליגנדיקע שטעטלעך אין משך פון 19טן יאָרהונדערט? אָן אַ צוטריט צו די געהעריקע אַרכיוו־מאַטעריאַלן קען מען ניט געבן קיין דעטאַלירטע תשובה אויף דעם, אָבער אויפן סמך פון צייטונגען און ספרים קען מען זיך דאָך שאַפן אַן אַלגעמיין בילד פון סואוואַלקער ייִדיש־עקאָנאָמישן לעבן אין יענער צייט, וועגן ייִדישע פרנסות וכדומה.

אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט סואוואַלק זיך ניט אויסגעצייכנט ניט מיט איר אינדוסטריע,, ניט מיט איר מסחר. מיר האָבן ניט קיין ציפערן און דאַטעס וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ייִדן אין סואוואַלק אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָר פון זייער באַזעצן זיך דאָרטן. אָבער אין אַן אָרט, וואו די עקאָנאָמיק איז נאָך גאָר ווייניק אַנטוויקלט, זיינען בדרך כלל ניטאָ קיין פיל שאַנסן פאַר אַ מאַטעריעלן אויפשטייג פון ייִדן. מען קען זיך דעריבער משער זיין, אַז עקאָנאָמיש האָט זיך די ערשטע ייִדן אין סואוואַלק געלעבט ווייט פון גוט. דער היסטאָריקער ע. נ. פרענק מיינט, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן אין סואוואַלקער געגנט אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט איז געווען זייער אַ שלעכטע.[57]

נאָך ערגער איז זי געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. די סומאַטאָכע־און מהומה־יאָרן בעת דעם ערשטן פוילישן אויפשטאַנד (1830—31) און נאָך אים האָבן שטאַרק אַ טרייסל געטאָן דעם אַזוי אויך ניט פעסטן עקאָנאָמישן מעמד פון די סואוואַלקער ייִדן. ע. נ. פרענק שרייבט, אַז זייער עקאָנאָמישער מצב אין יענער צייט איז געווען שרעקלעך. געווען דענסטמאָל גזרות אויף גזרות, אפילו גירושים, און די ייִדן דאָרטן האָבן געליטן דחקות און נויט.

פאַר אונדזער באַהאַנדלטן ענין דאָ איז געוואַלדיק אינטערעסאַנט אַ פאַרגלייך־טאַבעלע, וואָס ע. נ. פרענק ברענגט פאַרן יאָר 1843 וועגן די ייִדישע פרנסות אין די 10 גובערניעס פון קיניגרייך פוילן.[58]

לויט דער דאָזיקער טאַבעלע שטעלט זיך אַרויס, אַז דער ייִדישער ישוב אין סואוואַלקער גובערניע (ווי אַ טייל פון אויגוסטאָווער) איז געווען דער סאַמע

56. אין ציטירטן בוך פון לעשצינסקי, ז׳ 77. — די ציפער פון איבער 12,000 ייִדן אין סואוואַלק אין 1913 גיט אָן וולאַד. וו. קאַפלון־קאָגאַן אין זיין
Die Jüdische Sprach-und Kulturgemeinschaft in Polen, Berlin-Wien, 1917, S. 3.
דאָ איז כדאי צוצוגעבן, אַז אין ס׳רוב גרעסערע שטעט פון סואוואַלקער גובערניע האָבן ייִדן אויסגעמאַכט אַן אַבסאָלוטע מערהייט: שאַקי — 88%, ווילקאָווישק — 86.1%, קאַלוואַריע — 80%, וולאַדיסלאַוואָווע — 79.2%, מאַריאַמפּאָל — 78.7%. אין סייני איז דער פראָצענט אַ רעכט ביסל קלענער, אָבער אַלץ איבער 60 (לויט „ענציקלאָפּעדיא פּאַוושעכנאַ״, וואַרשע, 1903, באַנד 14).

57. „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק״, בערלין, 1923—25, נר׳ 5, ז׳ 17.

58. דאָרטן, ז׳ 188.

פּראָלעטאַרישסטער ייִדישער קיבוץ פון די ייִדישע קיבוצים אין אַלע פּוילישע גובערניעס.

די צאָל ייִדישע קרעמערס און הענדלערס אין אויגוסטאָווער גובערניע אין 1843 איז געווען די קלענסטע פון אַלע איבעריקע גובערניעס אין קיניגרייך פּוילן — 392, בעת, למשל, זייער צאָל אין קאַלישער גובערניע איז געווען 873.

דערפאַר איז אָבער די צאָל ייִדישע בעלי־מלאכות אין אויגוסטאָווער גובערניע אין ס׳רוב פאַלן געווען די גרעסטע אין פאַרגלייך צו די אַנדערע גובערניעס. לאָמיר ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן. אין אויגוסטאָווער גובערניע איז געווען די גרעסטע צאָל שוסטערס — 576, די גרעסטע צאָל סטעלמאַכערס — 109, אפילו ייִדישע שמידן האָט זי פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל — 297. ווען איר פאַרגלייכט עס מיט דער צאָל ייִדישע שמידן אין אַנדערע גובערניעס, ערשט דעמאָלט דערזעט איר די גרייס פון דער ציפער: אין מאַזאָוויעצקער גובערניע — 8, סאַנדאָמירער — 12, קעלצער — 6 וכו׳.

אויך די צאָל ייִדישע סמאָליאַרעס איז אין אויגוס־טאָווער גובערניע געווען די העכסטע — 39 (אין מאַזאָוויעצקער גוב. — 6, קעלצער — 18). דאָס גלייכן מיט דער צאָל ייִדישע מוליאַרעס — די גרעסטע ציפער: 48 (אין פּאָלאָצקער גוב. — 9, סאַנדאָמירער — 6, קאַלישער — 11 וכד׳). די מערסטע שלאָסערס זיינען אויך געווען דאָ.

אין אויגוסטאָווער גוב. איז אויך געווען (צוזאַמען מיט נאָך איניקע גובערניעס) די גרעסטע צאָל ייִדישע טעקסטיל־אַרבעטערס פאַר דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.[59]

ווען מען רעדט וועגן סואוואַלק דערמאָנט מען תיכף די גאַרבערס און בערשטערס. מען פאַרגעסט דערביי, אַז שוין מיט איבער 100 יאָר צוריק איז דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון ייִדישן ישוב אין סואוואַלקער געגנט געווען אין אַ גרויסער מאָס פון אַן אַרבעטנדיקן עלע־מענט. אויב מיר זאָלן נאָך צוגעבן די צאָל ייִדן אין דער לאַנדווירטשאַפט (וואָס וועגן דעם וועלן מיר ריידן באַזונדער אין ווייטערדיקן קאַפּיטל) וועט זיך באַקומען, אַז דער ייִדישער ישוב אין סואוואַלקער געגנט איז לויט זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן בוי אין יענער תקופה געווען איינער פון איינציקאַרטיקע ייִדישע קבוצים אין אייראָפּע.

דער דאָזיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער בוי פון ייִדישן ישוב אין געגנט פון סואוואַלק האָט זיך אָבער מיט דער צייט שטאַרק געאַנדערשט. האַרט פאַרן אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט און מער און מער שפּעטער טרעפן מיר זיך אָן מיט נעמען פון ייִדישע סוחרים, וואָס פאַרנעמען שוין אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אָרטיקן האַנדל. שוין אָנהייב פערציקער יאָרן האָבן ייִדן אַזוי באַהערשט דאָס עקאָנאָמישע לעבן אין דער גו־בערניע, אַז דער אויגוסטאָווער גובערנאַטאָר האָט געוואָרנט די רעגירונג ניט איינצופירן מיליטער־פליכט

59. אין ד״ר פרידמאַנס ציטירטן אַרטיקל, ז׳ 240.

פאַר יידן, ווייל דאָס קען ברענגען צו אַן עקאָנאָמישן חורבן פון דער געגנט.[60] אין אַ באַריכט פון אויגוסטאָווער גובערנאטאר פון 1865 ווערט ווידער איבערגעגעבן, אַז די יידן שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין אויסלאנד־האַנדל פון דער גובערניע.[61] דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז דורך די סוואוואַלקער האַנדלס־קאַמערן איז יענעם יאָר דורכגעגאַנגען אימפּאָרט־סחורה קיין רוסלאַנד אויף אַ ווערט פון 38½ מיליאָן רובל און עקספּאָרט סחורה אויף אַ ווערט פון 21½ מיליאָן רובל.[62]

אין 1867 זיינען אין סוואוואַלקער גובערניע געווען 12 יידישע פאַבריקן, וואו עס זיינען געווען באַשעפטיקט 54 יידישע אַרבעטערס.[63] דער ווערט פון דער פּראָדוצירטער סחורה איז אָבער זייער אַ קליינער — 16 583 רובל. גאָר נישטיק זעט אויס די דאָזיקע סומע, ווען מען פאַרגלייכט זי מיטן ווערט פון סחורה, וואָס אידישע פאַבריקן אין די איבעריקע גובערניעס האָבן אַרויסגעגעבן. אַזוי, למשל, איז אין זעלביקן יאָר דער ווערט פון דער פּראָדוצירטער סחורה אין די יידישע פאַבריקן פון לאָמזשער גובערניע 567,300 רובל און פון קאַלישער — נאָענט צו אַ מיליאָן רובל.[64]

דאָס פאַרענדיקן דעם גרויסן שאָסייוועג וואַרשע־פּעטערבורג, וואָס האָט דורכגעשניטן סוואוואַלק, דער אויסבוי פון דער ריזיקער באַנליניע צווישן די דער־מאָנטע צוויי הויפּטצענטערס פון אַמאָליקן רוסלאַנד און דער אויגוסטאווער קאנאל[65] — דאָס אַלץ האָט פיל פאַרגרעסערט דעם האַנדל־פארקערישן ווערט פון סוואוואַלק און ממילא אויך פון דאָרטיקן יידישן סוחר־טום.[66]

נאַטור־אומגליקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף סוואוואַלקער געביט, האָבן זיך שלעכט אָפּגערופן אויפן

60. אין שוין ציטירטן בוך פון ב. וויינריב, ז׳ 44.
61. אין 1860 איז אין מערערע ערטער פון אויגוסטאָווער גובערניע אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „הויז פאַר פויערים״, וואו די דאָרף־איינוואוינערס האָבן פאַרקויפט זייערע פּראָדוקטן און אויך באַקומען הלוואות. די דאָזיקע קאָנקורענץ פאַרן יידישן מסחר דאָרטן האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן.
62. ד״ר י. שיפּער אין זיין דערמאָנטן פּוילישן בוך, ז׳ 470.
63. איין פאַבריק פון חלב׳ענע ליכט מיט 3 יידישע אַרבעטערס, איין טליתים־פאַבריק — 5 יידישע אַרבעטערס, איין טיכלעך־פאַבריק — 26 יידישע אַרבעטערס, 5 קראָכמאל־פאַבריקן — 7, 3 עסיק־פאַבריקן — 3, איין פאַבריק פון שטרויענע היט — 10 יידישע אַרבעטערס („עקאָנאָמישע שריפטן, ייוו״א, ב׳ II, ז׳ 45).
64. ב. וויינריב, דאָרטן, ז׳ 75.
65. דער אויגוסטאָווער קאַנאַל פאַרבינדט דעם ניעמאַן מיט דער ווייסל. מען האָט אָנגעהויבן בויען דעם קאַנאַל אין 1825 אונטער פּוילישע קריגס־אינזשינערן. אין 1838 איז ער אין גאַנצן פאַרענדיקט געוואָרן. ער האָט אָפּגעקאָסט 16,5 מיליאָן רובל, אויסער האָלץ־מאַטעריאַל, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן פון אירע דערביי־ליגנדיקע ריזיקע וועלדער.
66. אין „הצפירה״ (נר׳ 35, 1899) שרייבט בן־אמר פון סוואוואַלק, אַז די אויסגעבויטע באַנליניע דורך אַליטע און אויגוסטאווע קיין ווילנע און גראָדנע האָט געהאַט אַ גוטע פּעולה אויף דער אויגוסטאָווער געגנט.

עקאָנאָמישן מצב פון די דאָרטיקע יידן. אין 1847 איז אין יענער געגנט געווען אַ שרעקלעכער הונגער. אין 1853 האָט דאָרטן געבושעוועט אַ גרויסע עפּידעמיע פון חלירע. הרב משה ב״מ אהרון, וועלכער איז געווען אַ „רב ומורה בק״ק ראצקע״, דערציילט אין זיין ספר „מטעי משה״,[67] אַז „וגם אני בעונותי הרבים נאספה בתי המשכלת מאד והצנועה מרת לאה נחמה תנצב״ה בעיר סיני ביום א׳ של ר״ה שנת תרי״ג בחולי החלי־רע, ששלט בעוה״ר בכל הקיץ... ונאספו רבבות אנשים ונשים״.[68] פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מגפה, וואָס האָט פאַרשניטן די לעבנס פון מאַסן מענטשן, האָט געמוזט זיך אויסווירקן לרעה אויף דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע אין דער גובערניע און נאָך מער אויף די דאָרטיקע יידן.

ווען סוואוואַלק איז אויסגעוואַקסן צו אַ באַטייטיקן פאַרקערס־צענטער און די באַוועגונג פון דורכפאָרנדיקע האָט זיך פאַרגרעסערט, האָט זיך אויסגעברייטערט שטאַרק די האָטעל־פּרנסה אין שטאָט. ווי עס שיינט, זיינען די האָטעלן אין סוואוואַלק געלעגן מערסטנס אין יידישע הענט. אין אַן אַנאָנס מיט קנאַפּע 100 יאָר צוריק („המגיד״, 1858, נר׳ 16), וואָס איז ווערט דאָ איבער־געדרוקט צו ווערן שוין צוליב זיין דריי־לשון׳דיקייט פון יידיש־דייטש־העברעאיש אַליין, לייענען מיר (אונדזער אָרטאָגראַפיע): „ר׳ משה עפּשטיין, בעל הבית מהאטעל קראַקאָווסקי, מעיר גובערניע סוואַלק, לעססט באקאנט מאַכן אַלע סוחרים פון מדינת פּוילן ורוסלאנד, דאַס פּאַם ערשטן ליפּיץ 1858 ריכטעט ער איין אין זיין האָטעל איין אכסניא פאַר סוחרים מיט 10 נומערן, מיט זייער שיינע מעבל און בעטן, און אַלערהאנט מאכלי כשר, און מיט גרויס אָרדענונג און אויפוואַרטונג, במקח השוה לכל נפש, און ביטטעט אלע סוחרים, דאס זיי זאלן צו אים איינקערן, און יעדער ווירד באשט־מט צופרידן זיין״. פון דעם אַנאָנס איז צו זען, אַז עפּשטיינס האָטעל האָט שוין עקסיסטירט יאָרן פריער.

עטלעכע יאָר שפּעטער געפינען מיר אַן אַנאָנס מיט אַן ענלעכן נוסח דייטש־העברעאיש־יידיש פון „אלחנן אוקראַאינסקי, בבית ר׳ יאָסל זייגערמאַכער״.[69] דער דאָזיקער האָטעל האָט שוין געהאט עקסיסטירט אין סוואוואַלק פון 1861. זיינע געשעפטן זיינען, משמעות, געגאַנגען גוט, און אין 1876 („המגיד״, נר׳ 41) איז דאָ אַ מודעה וועגן זיין פאַרגרעסערונג. ער האָט עקסיסטירט 80 יאָר. פיל יאָרן איז אין „האָטעל אוקראַאינסקי״ געווען איינגעאָרדנט דער „מאכל כשר״ פאַר די הונ־

67. ירושלים, תרל״ח, ז׳ נ״ח. וועגן מחבר וועט זיך ריידן ווייטער.
68. „... איז מיין טאָכטער, די זייער גראָטענע און צנועה לאה־נחמה, אומגעקומען אין סייני, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה תרי״ג (1853), דורך דער חלירע... און עס זיינען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער מענער און פרויען״.
69. „המגיד״, 1866, נר׳ 25 און 35. — דער נאָמען „אוקראַאינסקי האָטעל״ האָט פאַרפירט ניט איין גוי צו מיינען, אַז ער איז הונדערט פּראָצענט גוי׳איש־כשר: אוקראַאינישער...

דערטער ייִדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט אין גאַרניזאָן פון סואוואַלק. דער האָטעל איז אונטערגעגאַנגען ערשט אין דער היטלער־שריפה.

אין 1871 טרעפן מיר אַ מעלדונג וועגן אַ ניי־געגרינדעטן האָטעל אין סואוואַלק אונטערן נאָמען „ענגלישעס הויז" פון ר. בערנשטיין.[70]

פון מיטן די 50ער ביזן סוף 60ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז, לויט אַלע סימנים, געווען אַן עקאָנאָמישער אויפשטייג פון די ייִדן אין סואוואַלק. דאָס איז אויך די צייט פון ייִדישן באַפעלקערונג־צואוואוקס אין שטאָט (מען קען משער זיין, אַז ווען ניט די יאָרן פון הונגער און באַזונדער פון עפּידעמיע, וואָלט דער וואוקס פון ייִדן אין סואוואַלק געווען גרעסער).

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון משה מאיר כהנא אין „המליץ" פון 1863 (נר' 38) ווערט איבערגעגעבן, אַז די ייִדן אין סואוואַלק זיינען געבענטשט „בנכסים ועושר" (מיט גיטער און רייכקייט).

ייִדן אין סואוואַלק האָבן זיך אַלץ מער איינגעפּעס־טיקט אין עקאָנאָמישן לעבן. פאַראַן סימנים פון אַ קליינער היימישער אינדוסטריע. אַזוי, למשל, טרעפן מיר אין „המגיד" פון 1861 (נר' 19) אַן אַנאָנס פון יצחק פעלטין און שוואָגער ישראל עפשטיין, אַז זיי האָבן געעפנט אין סואוואַלק „אַ פאַבריק מכל מיני בענדלאַך, שניר, שלייקעס" אאז"וו. אין „הכרמל" פון 1865 (נר' 19) געפינען מיר אַזאַ מודעה: „הנני להודיע, כי עשיתי בסובאלק פאבריק חדש מכל מיני שטרויהיט, דאַמען־פאסטארעך, גם הערען־מיטצען וקנאבען־מיטצען טובים ויפים מאד מכל המאדעלן החדשים. — שאול דוד צוקערזיס עם נתן ערדרייך".

דער נייער גרויסער הונגער, וואָס האָט פאַרכאַפּט די מערב־רוסישע פּראָווינצן אין 1868—69, האָט אָפּ־געשטעלט דעם אַלץ וואַקסנדיקן עקאָנאָמישן פּראָגרעס פון די ייִדן אין סואוואַלק און אומגעגנט. הונגער ברענגט מיט זיך פאַרשיידענע קראַנקייטן — און מענטשן זיינען פּשוט געפאַלן אין די גאַסן.

אין אַן אויפרוף פון אַ „קאָמיטעט אין מעמל צו העלפן די ברידער אין וועסט־רוסישע פּראָווינצן" ווערט אַלאַרמירט וועגן דער שרעקלעכער נויט, אין וועלכער ס'געפינען זיך די ייִדן פון די הונגער־געפּלאָגטע פּראָ־ווינצן.[71] אין בריוו פון שטעט, וואָס זיינען געלעגן אויף דער אָסטפּרייסישער זייט, ווי מעמל אָדער טילזיט, ווערט אין האַרץ־רייסנדיקע רייד געמאָלן די גרויליקע לאַגע פון די ייִדן אין סואוואַלקער געגנט.[72] דער „המגיד", וואָס איז דערשינען אין ליק, אַ שטעטל ניט ווייט פון דער סואוואַלקער גובערניע, האָט באַזונדערס אויפגעהויבן אַ ויצעקו וועגן דער הונגערנויט. אַ ספּעציעלער „המגיד"־קאָמיטעט האָט אָפּגעשיקט 100 רובל פאַר די הונגער־

70. „המגיד", 1871, נר' 31, 32.
71. "Israelit", 1869, No. 10.
72. דאָרטן, נר' 13.

ליידנדיקע ייִדן. אָבער ניט נאָר די נאָענט־ליגנדיקע שטעט, נאָר די גאַנצע ייִדישע וועלט האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן און געפּרואווט דורך באַלדיקער הילף צו לינדערן די שרעקלעכע נויט.

אַדאָלף קרעמיע, דער פירער פון „כל ישראל חברים", מאָלט אין זיינס אַן אויפרוף דעם הונגער אַזוי:

„אין גאַסן, שולן און בתי־מדרשים גייען ארום איינגעבויגן און אָן כוח הונדערטער מענטשן, וואָס גייען אויס פון הונגער. מענטשן, וואָס נאָר זייער שאָטן זעט זיך און וואָס בעטן זיך, אַז מען זאָל מאַכן אַ סוף צו זייער לעבן. אין די שולן שטאַרבן די תלמידים פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן און די מיידלעך וויינען און קלאָגן פאַר זייערע לערערינס".[73]

קלאָר, אַז אַזאַ שרעקלעכער הונגער האָט שטאַרק אַ טרייסל געטאָן די יסודות פון דער נאָך דעמאָלט יונגער ייִדישער עקאָנאָמיק אין סואוואַלק. אין אַ קאָרעס־פּאָנדענץ פון סואוואַלק אין הונגעריאָר קלאָגט דער מחבר אויף דער גרויסער אָרעמקייט אין שטאָט.[74]

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן פאַרשווינדן פונעם הונגער זיינען ניט נעלם געוואָרן גלייך די אַלע פון אים אַרויס־גערופענע עקאָנאָמישע מחלות. אַזוי, למשל, דערמאָנט אַ קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק, וואָס האָט געשריבן אין 1870, די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די סואו־וואַלקער בעלי־בתים.[75]

דער הונגער איז געווען אַ צוגאָב קלאַפּ פון דער נאַטור, וואָס די ייִדישע עקאָנאָמיק אין סואוואַלקער געגנט האָט באַקומען פון מענטשלעכע הענט. ביזן אָנהייב צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט — און נאָך פיל יאָרן שפּעטער — האָבן אַ טייל ייִדן אין די שטעטלעך פון סואוואַלקער געגנט, וואָס ליגן נאָענט צו דער פּרייסישער גרענעץ, זיך פאַרנומען מיט דער פּרנסה פון אַריבערפירן אחינו בני ישראל קיין פּרייסן. ס'איז אויך אָנגעגאַנגען אַ גרויסער סחורות־שמוגל איבער דער גרענעץ — און די ייִדן האָבן ניט געהאַלטן זייערע הענט אין די קעשענעס. די דאָזיקע גרענעץ־פירעריי איז אין משך פון יאָרן געווען אַ פּרנסה־צווייג פאַר ניט ווייניק ייִדן אין סואוואַלקער געגנט. אגב דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין אָפטע פאַלן האָט דאָס אַריבער־פירן ייִדן די פּרייסישע גרענעץ געטראָגן אויך אַ כאַראַקטער פון אַ מצוה: מען האָט געדאַרפט ראַטעווען ייִדן פון פאַרשיידענע שטראָפן און פורעניות'ן, פון וועלכע זיי זיינען אַנטלאָפן.

73. „הלבנון", 1869, נר' 36. — דער „קיניגסבערגער הויפּט־גרענעץ־קאָמיטעט" האָט זיך צווישן אַנדערע פאַרנומען מיט שיקן אין דייטשע שטעט ייִדישע יתומים פון די געליטענע געגנטן, כדי זיי צו בילדן און לערנען אַ פאַך. אין אַ רשימה פון אַזעלכע יתומים אין דער שטאָט אַכען איז אויך דאָ דער נאָמען פון סואוואַלקער ייִנגל שלמה פריידקאָווסקי (Bericht Der Alliance Israélite Universelle, 1872, Semester II, S. 43).
74. „הלבנון", 1869, נר' 36.
75. דאָרטן, 1870, נר' 21.

איבער די גרענעץ־שטעטלעך פון סואוואַלקער געגנט איז אויך אָנגעגאַנגען אַ גרויסער שמוגל פון קאָנטראַבאַנדע ליטעראַטור, וואָס פאַרשיידענע רוסיש־עמיגראַנטישע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס האָבן געשיקט פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד. יידן האָבן אין דאָזיקן שמוגל אויך געהאַט ניט קיין קליינעם חלק, אין גרעסטן טייל צוליב ריין־אידעאַליסטישע מאָטיוון. זאָל דאָ, אַגב, פאַרצייכנט ווערן דער אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז אויך דער סאָציאַליסטישער „האמת" האָט דורכגעמאַכט זיין וועג קיין פּעטראָגראַד, מאָסקווע, אָדעס און אַנדערע רוסישע צענטערס דורך סואוואַלקער גרענעץ־שטעטלעך. אהרון־שמואל ליבערמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „האמת" און אַליין אַ שטיקל סואוואַלקער, פלעגט זיין צייטשריפט אַריבערשיקן קיין באַקלעראָווע און פון דאָרטן פלעגט עס אָפּגעפירט ווערן קיין סואוואַלק, וואו ס'האָט געוואוינט דער אַלטער טאַטע פון „האמת"־רעדאַקטאָר ר' אליעזר־דוב ליבערמאַן, און יענער פלעגט שוין באַזאָרגן דעם ווייטערדיקן פאַרשפּרייט.[76]

די צאַרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן קעגן גרענעץ־שמוגל, וואָס זיינען געווען בעיקר געצילט קעגן יידן. יענע באַפעלן זיינען געווען גאַנץ באַגרענעצט אין פאַרנעם, ערשט אין 1843 איז אַרויס דער „אוקאַז": אַלע יידן, וועלכע וואוינען אין אַ ראַדיוס פון 50 וויאָרסט ביי דער פּרייסיש־עסטרייכישער גרענעץ, מוזן אין אַ קורצער צייט פאַרלאָזן זייערע ערטער און זיך אַריבערקלייבן טיפער אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע גזירה, וואָס האָט באַריכט הונדערטער טויזנטער יידן, צווישן זיי פיל טויזנטער יידן אין סואוואַלקער געגנט. יידן זיינען, נאַטירלעך, ניט געבליבן פּאַסיוו און אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען, ווי אָפּצושרייען די גזירה. אויף דער גרענעץ פון פּרייסן זיינען די ערשטע צו קעמפן קעגן אָט דער גזירה געווען די יידישע קהילות אין סואוואַלקער געגנט. פון די אויסלענדישע יידישע קהילות איז די איניציאַטיוו צום קאַמף געקומען פון קיניגסבערג. טייל פון קיניגסבערגער יידן זיינען ווירטשאַפטלעך און משפחה'דיק געווען געבונדן מיט יידן אין די סואוואַלקער שטעטלעך. יאָהאַן יאַקאָבי, פון די קיניגסבערגער הויפּט קעמפערס קעגן דער גירוש־גזירה, האָט געהאַט גאָר אַ נאָענטע שייכות מיט דעם סואוואַלקער גובערניע־שטעטל ניישטאָט, וואו זיין פאָטער איז געבאָרן געוואָרן אין 1759. דער דעמאָלטדיקער רוסישער קאָנסול אין קיניגסבערג יאַקאָב פאָן אַדלסאָן האָט אַליין געשטאַמט פון סואוואַלקער שטעטל יורבורג, און כאָטש אַ גע'שמד'טער, איז ער ניט געווען גלייכגילטיק צו דער נייער גזירה אויף די יידן פון זיין געגנט און געהאָלפן זיין פריינד יאָהאַן יאַקאָבי מיט אינפאָרמאַציע.[77]

כאָטש דער באַפעל פון 1843 איז פּאַקטיש קיין מאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן, האָט אָבער דער לאַנגיאָריקער און אַלץ שאַרפערער קאַמף פון דער רעגירונג קעגן גרענעץ־שמוגל מיט דער צייט זיך געענדיקט מיט דערפאָלג, און פון דענסטמאָל האָט דער דאָזיקער חיונה־צווייג ניט פאַרנומען מער קיין חשוב'ן פּלאַץ צווישן די פּרנסות פון די סואוואַלקער יידן.

אויסער דער מכה פון הונגער האָבן אַנדערע שטעטלעך אין סואוואַלקער גובערניע געליטן פון אַ נייער קלאָג. ווען ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1860 די זייער וויכטיקע אייזנבאַן־ליניע פּעטערבורג־וואַרשע, זיינען אַ טייל שטעטלעך געבליבן אָן אַ זייט פון אָט דעם געוואַלטיק וויכטיקן עקאָנאָמישן לעבנסוועג. דאָס האָט זיך גאָר שטאַרק אָפּגערופן אויף זייער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, און אַנדערע פון זיי זיינען פּשוט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אין זייער גאַנצן ווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס.

סואוואַלק, וואָס איז געווען אַ גובערניע־שטאָט און שוין דורך דעם אַליין אַ וויכטיקער צענטער, האָט ניט אַזוי שטאַרק געליטן פון ווערן אָפּגערוקט פון דער באַנליניע. אָבער אַנדערע שטעטלעך אין קרייז זיינען שווער געטראָפן געוואָרן פון דעם.

דער בולט'סטער ביישפּיל דערצו איז סייני. די דאָזיקע שטאָט איז געווען איינע פון די עלטסטע און קולטורעלסטע אין דער גאַנצער גובערניע. זי האָט געשפּילט אַ באַטייטיקע ראָל אויך אין אָרומיקן עקאָנאָמישן לעבן. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכן אויסבוי פון דער באַנליניע וואַרשע־פּעטערבורג, פון וועלכער זי איז אָפּגערוקט געוואָרן אויף אַ מהלך פון איבער דריי מייל, האָט סייני אָנגעהויבן ווירטשאַפטלעך אָפּשטאַרבן. אין „הצפירה" פון 1874 (נר' 14) קלאָגט זיך דער קאָרעספּאָנדענט פון סייני אויף די שלעכטע צייטן אין שטעטל „מפני מעוט מסחרה וקלקול המקום והזמן" (צוליבן פאַרקלענערטן האַנדל און דאָס קאַליע ווערן פון אָרט און צייט).

סואוואַלק אָבער האָט זיך גיך אָפּגעכאַפּט פון די שלעכטע יאָרן. די יידן אין שטאָט האָבן זיך גיך געשטעלט ווידער אויף די פיס, און טאַקע מיט אַ רעכט ביסל עשירות. דער ווייטערדיקער פאַקט קען דינען, ווי אַן אילוסטראַציע פאַר דעם וואוילזיין פון די מערסטע (קבצנים זיינען תמיד דאָ) יידן אין סואוואַלק.

דער באַוואוסטער חובב־ציון פון סואוואַלק ר' א. מ. אלטשולער שרייבט צו ז. ד. לבונטין אין קרעמענטשוג אין אַ בריוו פון 1881 צווישן אַנדערע אַזוי: „... מיר האָבן באַשטימט [אויף א חלק פון אַ חבר, וואָס וויל

76. אין אַ בריוו דאַטירט פון 7טן מיי 1877 שרייבט א. ש. ליבערמאַן, אַז „איצט האָט זיך שוין באַוויזן אַן אַגענט (אויס איבערצייגונג), וועלכער וועט נעמען אַ היפּשע צאָל עקזעמפּליאַרן און אויף אַן אופן, וואָס איז אים שוין באַקאַנט, וועט ער זיי פּינקטלעך אַריבערפירן איבער דער גרענעץ און זיי צושטעלן אַהיים צו די אַבאָנענטן פון עטלעכע שטעט. אַליין איז ער אַ שרייבער און אַ סוחר". ק. מרמר, דער אַרויסגעבער פון „אהרן ליבערמאַנס בריוו" (ניו־יאָרק, 1951, ז' 174), גיט דערביי צו, אַז דער שרייבער־סוחר איז יהודה וויסטינעצקי פון באַקלעראָווע.

77. "Festschrift Zu Dubnows Siebzigsten Geburtstag", Berlin, S. 237, 241.

פאַרן קיין ארץ ישראל. — ב. כ.] צוויי טויזנט רובל... עד היום געפינען זיך אין אונדזער חברה דרייסיק פערזאָנען... אין זייער מערהייט פאַרמאָגן זיי פינף, אַכט, צען טויזנט רובל.[78] אין אַ קורצער צייט ארום האָט זיך די צאָל חברים פאַרגרעסערט אויף 130 — און אַלע האָבן געדאַרפט האָבן איינצוצאָלן (פאַרן פאָרן) 2,000 רובל — און ס'איז זיי נאָך זיכער געבליבן אַ פרוטה אין קעשענע! אַזאַ קלאַס פון פאַרמעגלעכע יידן (און זיי זיינען דאָך געווען געוויס נאָר אַ טייל פון די רייכע יידן אין שטאָט) אין אַ קהילה פון זעקס־זיבן טויזנט נפשות איז אַ באַווייז אויף דער גוטער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין סואוואַלק אין יענער תקופה.

אין סואוואַלק איז שוין געווען אויסגעוואַקסן אַ קלאַס יידישע סוחרים, וועלכע האָבן שוין אָנגעשפּאַרט איבער די מרחקים פון דער ריזיקער רוסישער מדינה, ווי די ראָזנטאַלס, ליפסקיס און אַנדערע. אַזוי, למשל, געפינען מיר אין אַ סואוואַלקער ביכל אַן אַנאָנס פון „גלאַווני סקלאַד אינסטרומענטאַוו מיזיצניך" פון ע. מ. קאַמעניעצקי אין סואוואַלק, אין וועלכן ס'ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז געגרינדעט אין 1889 און האָט פיליאַלעס אין אַזעלכע שטעט, ווי וואַרשע, אָדעס, לאָדז, ביאַליסטאָק, ראָוונע א"אנד.

ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, האָט אויך אין געגנט פון סואוואַלק דער „רויטער האָן" אָנגעטאָן גרויסע שאָדנס. ניט געווען כמעט קיין זומער, עס זאָלן ניט זיין קיין גרויסע אָדער גרעסערע שריפות, ווען גאַנצע שטעטלעך פלעגן אָפּגעווישט ווערן. היות די סיסטעם פון פייער־פאַרזיכער איז נאָך דענסטמאָל כמעט ווי ניט געווען אָנגענומען אין שטעטלעך פון רוסלאַנד, האָט עס ניט זעלטן פּאַסירט, אַז איינגעפונדעוועטע יידישע גביר'ישע משפחות זיינען איבער נאַכט געוואָרן קבצנים. אין „הצפירה" פון 1885 (נר' 17) דערציילט אליהו וויסטינעצקי, אַז י"ג אייר תרמ"ה איז אין סואוואַלק אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה. עס האָבן אָפּגעברענט ארום 30 הייזער און איין אידישע פרוי איז פאַרברענט געוואָרן. דער שאָדן באַטרעפט ביי 400,000 רובל.

מיט אַ יאָר פריער איז פאָרגעקומען אין סואוואַלק אַ קלענערע שריפה אין שול פון הגבירים ראָזנטאַל. 13 הייזער האָבן אָפּגעברענט.[79]

אין „הצפירה" פון 1890 (23סטן אויגוסט) גיט איבער א. בערנשטיין וועגן אַ שריפה אין סואוואַלק, וואָס האָט אָנגעטאָן שאָדן אויף 25,000 רובל.

אַזעלכע שריפות האָבן, נאַטירלעך, אַ ביסל פאַרלאַנגזאַמט דעםווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס פון די יידן אין סואוואַלק. אָבער אַזאַ שריפה וואָס זאָל אוועקשיקן אַ שטאָט מיטן רויך, האָט סואוואַלק ניט איבערגעלעבט. קען זיין טאַקע דערפאַר, וואָס שוין דאַן זיינען אין סואוואַלק געווען עטלעכע הונדערט שטיינערנע הייזער.

78. כתבים לתולדות חבת ציון וישוב א"י". עורך: א. דרויאנוב, תל־אביב, תרצ"ב, כרך ג', ע' 323, נר' 1115.

79. „המליץ", 1884 נר' 5.

די עמיגראַציע מעבר לים, וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער אין איר פאַרנעם פון די אַכציקער יאָרן און ווייטער, האָט געהאַט איר ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין סואוואַלק און אומגעגנט. פאַר אָט די יאָרן געפינען מיר שוין מערערע קאָרעספּאָנדענצן אין די העברעאישע צייטונגען וועגן אָרעמקייט אין סואוואַלק.

אַן אַנאָנימער קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק שרייבט אין 1886,[80] אַ די אָרעמקייט פאַרגרעסערט זיך, ווייל יעדע וואָך זיינען דאָ פיל אַרויספאָרערס פון לאַנד. ער דערמאָנט אויך, אַז „הגביר הידוע" פּאָזנאַנסקי פון לאָדז האָט צוגעשיקט 30 קאָלדרעס פאַר דער אָרטיקער קינדער־היים. דאָס באַווייזט, אַז די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע פון שטאָט — און נאַטירלעך אויך פון איר יידישן קיבוץ — איז געטראָפן געוואָרן פון דער עמיגראַציע.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון עטלעכע יאָר שפּעטער [81] שרייבט איינער פון סואוואַלק, אַז ס'זיינען איצט דאָ ווייניק פרנסות אין שטאָט, אַז די קאָנקורענץ איז אַ גרויסע וכו'.

אַן אַנדער קאָרעספּאָנדענט שרייבט, אַז צוליבן מאַסן־אַרויספאָר פון סואוואַלק זיינען זייער געפאַלן די פּרייזן פון הייזער, און אויב עמעצער וויל כאַפּן אַ קונה אויף אַ הויז, מוז ער עס אָפּגעבן בחצי חנם.[82]

אָבער ניט געקוקט אויף דער ווירטשאַפטלעכער ירידה פון די יידישע ישובים אין סואוואַלקער גובערניע, איז זייער עקאָנאָמישער מעמד דאָך ניט געווען געבראָכן, ביחוד אין פאַרגלייך מיט יידישע ישובים אין ס'רוב אַנדערע גובערניעס אין די נייינציקער יאָרן. די בעסטע מאָס פאַר יידישער אָרעמקייט אַ מאָל איז געווען די צאָל פון יידן, וועלכע נייטיקן זיך אין מעות־חטים. און אַ סטאַטיסטיק וועגן די יאָרן 1894—1898 איבער אַלע גובערניעס פון רוסלאַנד באַווייזט, אַז די קלענסטע צאָל יידישע משפחות, וועלכע זיינען דעמאָלט אָנגעקומען נאָך מעות חטים, איז געווען אין סואוואַלקער גובערניע.[83] האָט טאַקע אַ סואוואַלקער קאָרעספּאָנדענט געשריבן אין 1895, מיט ניט קיין קליינער מאָס פון גוזמא, אַז אין סואוואַלק איז ניטאָ קיין אָרעמקייט.

ביזן אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז לאַנדווירטשאַפט געווען דער יסוד פון דער עקאָנאָמיק אין סואוואַלקער גובערניע. וועגן דער יידישער ראָל אין דאָזיקן סעקטאָר וועט גערעדט ווערן ווייטער. אין פּרוכטהאַנדל און פערד־מסחר האָבן יידן געהאַט אַ קענטיקן חלק. פיל ווייניקער אין טאָרף־פאַרקויף, וואָס איז געלעגן בעיקר אין גוי'אישע הענט. גאָר באַטייטיק איז געווען דער יידישער אָנטייל אין די מילן, גאַרבערייען, בראַנפן־זאַוואָדן א'ן ביר־ברויערייען.

אָבער די הויפּט־עקאָנאָמישע ראָל פון די יידן אין

80. פעטערבורגער „היום", נר' 102.

81. „המליץ", 1894, נר' 122.

82. דאָרטן, 1895, נר' 54.

83. יעוור. ענצעקל., X, ז' 541.

סאָוואַלקער געגנט איז געלעגן אין האַנדל, ביחוד אין קליינהאַנדל. אויך דער וויכטיקסטער עקספּאָרט־אַרטיקל פון גובערניע, האָלץ, וואָס איז געגאַנגען דורכן אויגוסטאָווער קאַנאַל, איז געלעגן אין גאַנצן אין יידישע הענט.

אין ערשטן יאָרצענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין סאָוואַלקער גובערניע אַ קליינע פאַבריק־אינדוסטריע. יידן האָבן געשפּילט אויפן דאָזיקן געביט אַ געוויסע פּיאָנערן־ראָל. יידן זיינען אויך געווען פּיאָנעריש אין אויסבויען אין סאָוואַלקער גובערניע אַ מאָדערנע און ברייט־פאַרצווייגטע קאָמוניקאַציע־סיסטעם דורך אויטאָס. דאָס האָט באַלעבט די גאַנצע געגנט. די ערשטע פירמע אויפן דאָזיקן געביט איז געווען פון מ. ווייסבערג אין סאָוואַלק.

ס׳וועט זיכער ניט זיין קיין גוזמא די פעסטשטעלונג אין אַן אָרטיקער רוסיש־דייטשישער אינפאָרמאַציע־בראָשור, אַז די יידן אין סאָוואַלקער גובערניע זיינען געווען דער פּולס פון גאַנצן אָרטיקן עקאָנאָמישן לעבן.

# יידן אויף ערד

איינער פון די באַזונדערע הויפּטשטריכן, וואָס האָבן אויסגעטיילט די יידן פון סאָוואַלקער גובערניע פון זייערע ברידער אין די מערסטע יידישע קיבוצים אין רוסלאַנד־פּוילן, איז זייער גרויסער פּראָצענט חיונה־ציערס פון דער ערד. טאַקע דעריבער ווידמען מיר אַ ספּעציעלן קאַפּיטל דעם דאָזיקן פּרנסה־צווייג פון סאָוואַלקער יידן.

לויט דער מיינונג פון ע. נ. פרענק, האָט נאָר אין פּלאָצקער גובערניע פון אַלע גובערניעס אין קיניגרייך פּוילן אַריבערגעשטיגן סאָוואַלקער גוב. מיט איר פּראָצענט ערד־יידן. פרענק גיט אָן, אַז 19.7% יידן אין אויגוסטאָווער גובערניע (דער גרעסטער פּראָצענט טאַקע אין סאָוואַלקער טייל) האָבן אין 1843 געלעבט אין דערפער.[84] ווען מען זאָל נאָך צוגעבן די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין די שטעט און שטעטלעך און האָבן געצויגן זייער חיונה (גאַנצע אָדער טיילווייזע) פון ערד, וועט דער פּראָצענט ערד־יידן אין סאָוואַלקער געגנט זיין נאָך העכער.

לויט אַ טאַבעלע פון לעשצינסקין[85] קומט אויס, אַז 29.49% יידן אין סאָוואַלקער גוב. האָבן געלעבט אין דערפער — דאָס איז דאָך כמעט אַ דריטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

אַן אַנדער באַרימטער יידישער פאָרשער, פּראָפ. ב. ברוצקוס, גייט נאָך ווייטער און שרייבט, אַז דער גרעסטער פּראָצענט יידן־לאַנדווירטן געפינט זיך אין סאָוואַלקער גובערניע. אין אַ צווייט אָרט שרייבט ד״ר ברוצקוס, אַז „דערהויפּט זיינען געווען אַ סך יידישע קליינע ערדבאַזיצערס און ערדאַרבעטערס אין סאָוואַלקער גובערניע״.[86]

געוועזן צייטן, ווען אין סאָוואַלקער געגנט האָבן זיך געפונען גאַנצע יידישע דערפער, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אייגענע בתי־מדרשים[87] — און דאָס שוין מיט אַן ערך 125 יאָר צוריק.

ע. נ. פרענק דערציילט וועגן אַ ריי יידישע דערפער אָנהייב די דרייסיקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט. „די חשובסטע קאָלאָניעס — שרייבט ער — זיינען אין יענער צייט [1833] געגרינדעט געוואָרן נעבן דאָרף קאַלעטי אין סייניער קרייז, אויגוסטאָווער גובערניע. דאָס דאָזיקע דאָרף האָט געהערט צו דער רעגירונג, און צוויי יידן, מאיר און יאָסל, וועלכע האָבן דאָרטן געוואוינט, האָבן באַקומען פון דער רעגירונג ערד אויף אייביקן טשינש מיטן באַדינג צו באַזעצן אויף איר יידן, וועלכע וועלן זי באַאַרבעטן אַליין און וועלן נישט נעמען צו הילף קיין קריסטן. דער שטח ערד, וואָס די יידן האָבן געקראָגן, האָט באַקומען דעם נאָמען „פּרזשי־קאַלעטי״. אין יאָר 1840 זיינען דאָרטן שוין געווען 8 דאָרפישע פּויערים־הויפן און אַ באַפעלקערונג פון 77 מענער און 59 פרויען, בלויז יידן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט אויסשליסלעך מיט דאָרפישער ווירטשאַפט״.[88]

ווי מיר זעען, האָבן יידן אין סאָוואַלקער געגנט (צו יענער צייט — טייל פון אויגוסטאָווער גוב.) זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט און אפילו שוין געהאַט ריין־יידישע דערפער מיט יאָרן פריער, איידער פירשט פּאַסקעוויטש, דער רוסישער נאַמעסטניק אין פּוילן, האָט זיך דערטראַכט צו זיין פּלאַן וועגן צוציען פּוילישע יידן צו ערדאַרבעט.[89]

אין זיין אַרטיקל „צו דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קיניגרייך פּוילן״[90] דערציילט ד״ר י. שאַצקי, אַז סוף 1841 האָט פירשט פּאַסקעוויטש איבערגעגעבן וועגן דערמאָנטן פּלאַן אַ יידישער דעלעגאַציע. אין פעברואַר 1843 האָט ער געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ פּראָ־

84. „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק״, בערלין, 25—1923, נר׳ 5, ז׳ 185.
85. „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן״, טאַבעלע XI.
86. „לאַנדווירטשאַפט אין מזרח־אייראפּע״, בערלין, 1926, זייט 38.
87. י. ראַסיין אין „ליטע״, ניו־יאָרק, 1951, ז׳ 997.

88. „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע...״ נר׳ 5, ז׳ 18. — זע אויך אַרטיקל פון ד״ר י. שאַצקי, אין „ייוואָ־בלעטער״, 1934, ב׳ VI, ז׳ 215.
89. אין 1775 האָט דער פּוילישער סיים אָנגענומען אַ באַשלוס צו דערלויבן יידן זיך צו באַזעצן אויף ערד, אָבער קיין גרויסן אָפּקלאַנג ביי יידן אין פּוילן האָט עס ניט געפונען.
90. „ייוואָ־בלעטער״, 1934, נר׳ 2. — זע אויך „היסטאָרישע שריפטן״, ב׳ II, ז׳ 600.

יעקט פאַר באַזעצן יידן אויף ערד. עס זיינען אויך פאָרגעקומען אַ ריי קאָנפערענצן פון די פאָרשטייערס פון די יידישע קהילות אין קיניגרייך פוילן וועגן שאַפן אַ גרויסן פאָנד, וואָס זאָל העלפן דורכפירן דעם פּראָיעקט אין לעבן. דערביי ברענגט ד״ר שאַצקי זייער אַן אינטערעסאַנטן בריוו צום ראש־הקהל אין סואוואַלק, אין וועלכן דער מחבר שרייבט, אַז מען מוז זיך צואיילן מיטן שאַפן דעם ערדפאָנד. אין דובנאוו־ארכיוו איז געפונען געוואָרן אַ קאָפּיע פון אַ בריוו צו די ראשי־הקהל אין סואוואַלק, געשריבן אין מערץ, 1843, וואָס איז ענלעך כמעט וואָרט אין וואָרט מיטן אינהאַלט פון בריוו, וואָס ד״ר שאַצקי ברענגט.[91] דער חילוק אין די ביידע בריוו באַשטייט אין דעם: 1) שאַצקיס געבראַכטער בריוו איז אַדרעסירט צום ראש־הקהל חיים ליפּסקי, דער דובנאוו־בריוו איז געשריבן צו די מנהיגים פון סואוואַלקער קהילה בראש מיט יחזקאל ליפּסקי. 2) שאצקיס געבראכטער בריוו איז געשריבן פון אַן אַנאָנימען משכיל אין יעדוואבנע, דער בריוו פון דובנאוו־אַרכיוו קומט פון וואַרשע. היות אָבער ביידע בריוו זיינען כמעט ענלעך אין אינהאַלט, קומט אליהו טשעריקאָווער צום אויספיר,[92] אַז ביידע בריוו שטאַמען פונעם זעלביקן מחבר, וואָס האָט אים איין מאָל געשריבן פון יעדוואבנע און אַ צווייט מאָל פון ווארשע. די פראַגע פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט אין נאָמען פון סואוואַלקער ראש־הקהל, פאַרענטפערט א. טשעריקאָווער מיט דער השערה, אַז מסתמא האָט ער געהאַט צוויי נעמען חיים־יחזקאל.[93]

דאָ ברענגען מיר די פולע איבערזעצונג פון דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן העברעאישן בריוו צו די סואוואַלקער ראשי־הקהל:

„ווארשע ב׳ ויקהל, תר״נ.

לידידי הנגיד המפורסם מו״ה יחזקאל ליפּסקי ולאלופי מנהיגי... דק׳ סובאלק.

ווי מען הערט, וועלן אין גיכן פאַרווירקלעכט ווערן די פּראָיעקטן וועגן די לאַנדווירטן, וואָס דער דערבאַרעמדיקער פירשט האָט איבערגעגעבן אַ קאָמיטעט. דעריבער בין איך געקומען אין דאָזיקן בריוו אייך אונטערצואיילן, אַז ס׳זאָלן זיין צוגעגרייט די דעקלאַראַציעס, וואָס [דאַרפן] ווערן דורכגעפירט אין אויגוסטאווער גובערניע, וועגן די נדבות פאַר די אָרעמעלייט פון אונדזער פאָלק אויף צו באַזעצן זיי אויף ערד, כדי ווען די זאַך וועט ווערן שריפטלעך פארעפנטלעכט, זאָלן קומען די שליחים פון אויגוסטאווער גובערניע, זאָלן קומען מיט די דעקלאַראַציעס אָן דער מינדסטער פאַרשפּעטיקונג. און אזוי האָבן מיר אויך געשריבן צו די איבעריקע גובערניעס, און אויך צום מופלג מו״ה מענדל שאדאווער האָב איך היינט געשריבן, צוזאַמען מיטן גביר ר׳ מאטיס מינץ, אַז זיי זאָלן זיין רייזעפאַרטיק. קיין אַנדערע נייס זיינען דערווייל ניטאָ.

נאָכן אָנשרייבן דעם דאָזיקן בריוו — ווייל איך האָב פאַרשפּעטיקט די מאָנטיקדיקע פּאָסט — האָב איך געהערט פון מענטשן, וועלכע זיינען געקומען אַהער פון אייער גובערניע, אַז איר האָט נאָך ניט געענדיקט [פאַרשפּרייטן] די דעקלאַראַציעס און איר האָט נאָך ניט קיין זיכערן פאָנד פאַרן אונטערשטיצן די אָרעמעלייט פון אונדזער פאָלק, און איך האָב אפילו געהערט זאָגנדיק, אַז די ראשי־הקהל זיינען געוואָרן אָפּגעלאָזן אינעם גאַנצן ענין און אַז יעדער איינער איז ווייטער פאַרנומען מיט זיינע עסקים און זיי קימערן זיך ניט וועגן אַזאַ גרויסער זאַך. ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָט מיך ארומגעכאַפּט אַ ציטער: וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַזעלכע קלוגע און פאַרשטענדיקע מענטשן ווי איר זאָלט ניט פאַרשטיין און ניט וויסן, וואָס פאַר אַ סוף חס־ושלום עס קען ארויסקומען פון דעם, און איך האָב ניט געוואָלט זיך אַרויסריידן אין אַ שלעכטער שעה, ווי אונדזערע חכמים ז״ל זאָגן: אַל יפתח פה לשטן. איך קען באמת ניט פאַרשטיין, וואָס די מענטשן טראַכטן זיך, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דאָס איז לויטן געזעץ פון אונדזער הייליקער תורה און לויטן ווילן פון דעם דערבאַרעמדיקן פירשט, און וואָס נאָר אין זיין שוץ און אין חסד פון קיסר ירום הודו לעבן מיר. ווי שטעלט מען זיך ניט פאָר דעם סוף חס־ושלום, אויב אויך דאָס מאָל וועט מען זיך ניט צוהערן און אויב מען וועט זיין עקשנות׳דיק און ניט זען צו געניסן פון די חסדים פון פירשט און זיך ניט נעמען צו ערדארבעט, וואָס דאָס איז אין איצטיקן מאָמענט דאָס גרעסטע גליק פאַרן כלל, אויסער דעם עיקר פון העלפן די אָרעמע און זיי באַזעצן אויף אַ שטח ערד און פאַרקלענערן וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך די צאָל ליידיקגייערס. אָך און ווי, וואָס עס קען אַרויסקומען דערפון, ווי מיין האַרץ איז פאַרקלעמט, דער שרעקלעכער סקאַנדאל, וואָס וועט זיך אויפהייבן קעגן אונדזערע יידן — און די צרות וועלן פאַלן אויפן קאָפּ פון די האַרטהאַרציקע און עקשנים.

איך ווייס נישט, וואָס מען קען מיך חס ושלום חושד זיין אין דעם, איך וועל זיך ב״ה אַן עצה געבן אפילו אָן פעלד און אָן שענק, אפילו אָן קרעמעריי (אין דאָזיקן אָרט האָט ער אונדז געמאַכט אַ סימן צו פאַרשטיין, אַז אויב מיר וועלן ניט דערפילן דעם רצון פון

---

91. „היסטאָרישע שריפטן״, ב׳ IV, ז׳ 601.
92. דאָרטן.
93. אַז דער ראש־הקהל פון סואוואַלק אין אָט דער צייט איז געווען יחזקאל ליפּסקי איז קיין ספק ניטאָ; מיר האָבן אַזאַ נאָמען אָנגעטראָפן אין פּרענומעראַנטן־רשימות, בריוו־חתימות וכו׳. אַ נאָמען חיים־יחזקאל האָבן מיר קיין מאָל ניט געזען. וואָלט יחזקאל ליפּסקי געהאַט אַ צווייטן נאָמען, טאָ פאַרוואָס האָט ער עס קיין מאָל ניט געניצט אין זיינע חתימות — אַ זאַך, וואָס איז דעמאָלט ניט געווען אָנגענומען ביי יידן. אונדז דוכט זיך דעריבער, אַז דער משכיל פון יעדוואָבנע האָט פשוט אַ טעות געהאַט אין נאָמען. נאָר איין מאָל („המגיד״, 1858, נר׳ 10) האָבן מיר באַמערקט אַ סטאַטיסטיק פון איינעם אַ סואוואַלקער מיטן נאָמען מרדכי ברי״ח ליפּסקי, וואָס די ראשי־תבות קענען יאָ מיינען ב״ר יחזקאל־חיים און קענען אויך אַנדערש מיינען — און מען קען דעריבער אויף דעם ניט בויען.

פירשט ירום הודו, וועט מען צונעמען פון אונדז אַלע פּרנסות — צושריפט פון סואוואַלקער ראשי־הקהל). אָבער ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן, ברענט ווי פייער, ווען ער זעט, ווי אונדזערע יידן גייען אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, און ס'איז זיך נאָך צו ריכטן אויף פיל שלעכטס, — וועל איך זיך ניט איינהאַלטן פון צו וועקן די הערצער פון אחינו בני ישראל. מיינע פריינד, איך בין ניט קיין פירער און הערשער, ניט קיין רב אָדער שופט — נאָר כדי מיך צו באַרואיקן און פון כעס און פאַרביטערטקייט האָב איך גערעדט ביז איצט, — און איך האָב מיין חוב יוצא געווען. און איך וויל בעטן מחילה פאַר די ווערטער פון מיין דאָזיקן בריוו, וואָס זיינען אַן עדות, ווי גרויס מיינע טרדות זיינען און מיין עגמת נפש, וואָס איך האָב פון דעם, — דעריבער וועל איך מער ניט שרייבן. דעם דאָזיקן בריוו האָב איך געשריבן אינעם הויז פון הרב מו"ה זלמן פּאָזנער, און איך האָב עס געמאַכט גאַנץ בקיצור, ווייל דער אויבן דערמאָנטער הרב הגביר האָט מיך אָנגעזאָגט אייך צו שרייבן מערער שלעכטע זאַכן. — (מיר האָבן דעם בריוו איבערגעשריבן אות באות.)"

(גע'חתמ'עט)
אברהם ראָזנטאל
יחזקאל ליפּסקי
משה עפּשטיין

דער בריוו צו דער סואוואַלקער קהילה דריקט אויס דעם פאַרדראָס פון די דאַמאָלסטדיקע יידישע געזעל־שאַפטלעכע טוערס, הלמאי יידן און באַזונדערס די גבירים ווייזן ניט ארויס קיין אינטערעס צום פּלאַן פון באַזעצן פּוילישע יידן אויף ערד. דער ערשטער אויפרוף וועגן דעם, אין דעצעמבער 1841, האָט ניט געבראַכט די געוואונטשענע רעזולטאַטן, און אין דעצעמבער 1843 האָט מען אַרויסגעלאָזן אַ נייעם קול־קורא אונטערן קעפּל „לבני אמונתנו" וועגן זעלביקן ענין. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז צווישן די ניין חתומים אויפן קול־קורא געפינט זיך אויך דער נאָמען פון „הק' יהודא בכרך, אב"ד דק"ק סייני".[94-95] דער דאָזיקער כבוד איז סייני צוגעטיילט געוואָרן, משמעות, צוליב דעם, וואָס אין יענעם קרייז זיינען שוין געווען אַ צאָל יידישע דערפער, און מסתמא אויך אין זכות פון דעם גרויסן גאון, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין שטאָט.

אין יאָרן ארום, ווען יידן אין סואוואַלקער גובערניע האָבן זיך שוין געהאט גענומען מער צו מסחר, זיינען אין דער דאָזיקער געגנט נאָך אַלץ געווען פיל יידישע לאַנדווירטן. אין 1854 זיינען נאָר אין קרייז פון סייני געווען 44 יידישע פויערים, צוזאַמען מיט זייערע משפחות — 293 נפשות. אין 1855 — 49 יידישע לאַנדווירטן, מיט די משפחות — 401 נפשות. אין 1856 — 64 יידן אויף ערד, מיט די משפחות — 390. אין 1859 — 179, מיט די משפחות — 985. אין 1865 — 196, מיט די משפחות — 1,208.[96] בעת דער גרויסער שריפה אין

95. „בלעטער פאַר דעמאָגראַפיע..." נר' 5.



לאָזדיי, סואוואַלקער גוב., אין 1879 האָבן געשיקט אַהין באַלדיקע הילף דערבייאיקע ערד־יידן: שבח זימאַן פון הויף קירסנע — 15 פּוד ברויט, זיין ברודער זאב זימאַן פון הויף פּאַקעסנע — 10 פּוד ברויט און זייער ברודער אברהם פון הויף אבעלניק — 25 פּוד קאָרן.[97]

אין 1881 האָט איינעם פון די גרעסטע הויפן אין סואוואַלקער גובערניע אָפּגעקויפט דער סואוואַלקער ר' מענדעלע בראמזאָן. זיין פּרייז באַווייזט זיין גרויס־קייט — 150,000 רובל. דער נאָמען פון הויף איז לאַסעוויץ און איז געווען אין יידישן באַזיץ נאָך צענ־דליקער יאָרן, סוף ניינציקער יאָרן איז דער שרייבער און לערער י. ש. ווייס (יהושם הלבני) נאָך געווען דאָרטן אַ לערער אויף „קאָנדיציע".[98]

דער דאָזיקער ר' מנחם מענדל בראמזאָן איז אַ מחבר פון חידושי־תורה אויף יומא („תורת מנחם", ווארשא, תרס"ז). ער איז פון די געציילטע — און אפשר טאַקע דער איינציקער — צווישן יידישע תורה־מחברים אין די לעצטע יאָרהונדערטער, וואָס גיט אָן גלייך אויפן שער־בלאַט זיין דאָרפישן יחוס: „מאת מחברו הכפרי בר פחתי בעל אחוזה לאסעוויץ פלך סובאלק".

בראמזאָן איז נישט נאָר געווען אַ יידישער פּריץ, וועלכער האלט הויפן לשם מסחר. שוין פון זיין יוגנט אָן האָט ער זיך גע'מיאוס'ט פון האַנדל־וואנדל, האָט פיל יאָרן געלעבט אויפן דאָרף און טאַקע ליב געהאט זיין שטיקל ערד. דאָס איז צו זען פון זיין הקדמה, וואָס איז געשריבן ניט אין קיין צו קלאָרן לשון, אין זיין דערמאָנטן ספר: „והנני נותן הודאה על חלקי בחיבור זה אשר זכיתי להיות בין המתמיהים על התגרני מנעוריו שקפץ וזבן ארעא ועמד על הקרקע שגם התקלאי. זה הוא בין המתחברים".

דער בשעתו באַוואוסטער יידישער שרייבער א. י. גאָלדשמידט איז געווען אַ קורצע צייט אַ לערער ביי די בראַמסאָנס און אָט וואָס ער דערציילט וועגן דער דאָזיקער משפחה:

„אַ זעלטן הויז געווען אָט דאָס הויז פון די בראַמ־סאָנס, די אייגנטימערס פון לאָסעוויטש. דער אַלטער בראַמסאָן, ר' מנחם מענדל, אַ האַרציק־גוטער מענטש און אַן אויפריכטיק־פרומער ייד, איז געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה און געשריבן אַ ספר „תורת מנחם" אויף מסכתא יומא. זיין ווייב שיינע לאה איז גע־ווען אַ טיפּ פון אַ פּאַרצייטיקע יידישער אשת־חיל, וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן. זייער עלטערער זון, אלכסנדר, האָט זיך געפירט ווי אַ פּוילישער פּריץ, אָבער דער יינגערער, וואָלף, ביי וועמען איך בין עס אייגנטלעך געווען אויף קאָנדיציע, איז געווען אַן אויסערגעוויינטלע־

96. Die Neueste Wirtsschaftsgeschichte Der Juden, O. S. Weinryb, Breslaü, 1934. S. 188/9.

97. „המליץ", 1879, נר' 37. — די משפחה זימאַן ווערט אויס־גערעכנט צווישן די באַוואוסטע יידישע לאַנדווירטן־משפחות אין שוין ציטירטן בוך „ליטע", ז' 999.

98. „טלטולי דרך", יהושם הלבני, תל־אביב, תרצ"א, ז' 123.

כער האָרעפּאַשניק און האָט מיט גרויס טאַלענט געפירט אַלע עסקים — הן פונעם מאַיאָנטעק, הן פון דער ברויערײ. פעסט אײַנגעפונדעוועט איז געווען אָט דער מאַיאָנטעק אין די הענט פון אָט די יידן שוין דעם פערטן דור...

...„פאַרן אַלטן טאַטן פלעגט מען אויסשרייבן די בעסטע ספרים פון דער תלמוד׳ישער ליטעראַטור. פאַר דער אַלטער מאַמען — רעליגיעזן לייען־שטאָף; פאַר דעם הויז בכלל — טעגלעכע, וועכנטלעכע און חודש׳דיקע העברעאישע, יידישע, רוסישע, פוילישע און דייטשע צייטשריפטן... דא איז געווען אַ גראַנדיעזע ביבליאָטעק, פול מיט מערקווירדיקע, יקר־המציאות׳דיקע עקזעמפּליאַרן.

...די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי [רוסישע, אין צייט פ׳ן ערשטן וועלטקריג] האָט צעראַבירט און צעברענט לאָסעוויטש; די דייטשן האָבן אויס׳געהאַקט די 60 טויזנט ביימער פון בראַמסאָנס וועלדער און פאַרנומען די נאָך גאַנץ פאַרבליבענע רעשטלעך פונעם מאַיאָנטעק. די אַלטע בראָמסאָנס און דער עלטערער זון אַלכסנדר זיינען אַוועקגעשטאָרבן און וואולף... איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער נחלה פון זיינע אבות" („אין צייטן פינסטערע און בייזע", א. י. גאָלדשמידט, ווילנע, 1930, ז׳ 198).

אין 1897 האָבן יידן־לאַנדווירטן אין סואוואַלקער גובערניע פאַרמאָגט 33,000 דעסיאַטין ערד, אייגענע אָדער ארענדירטע. דערביי דאַרף מען נאָך נעמען אין באטראכט, אַז ניט ווייניק יידן האָבן מורא געהאַט אנצוגעבן אין דער פאָלקסציילונג פון 1897 וועגן זייער באַשעפטיקונג אין לאַנדווירטשאַפט.

*98. ד"ר ל. ווערזשבאָוויץ אין „צום אויפקום דורך אַרבעט", קאָוונאָס, 1935, ז׳ 22.

„אין סואוואַלקער קאַנט איז געווען אַ גרויסע גרופּע פון יידישע לאַנדווירטן, וועלכע האָט געהאַט אין אירע הענט צענדליקער טויזנטער העקטאַר לאַנד. פראַנקס, זימאַנס, פריידס, איידעלסעס און נאָך אַנדערע פאַמיליעס האָבן דורך לאַנגע דורות קאָנצענטרירט אין זייערע הענט מערערע הויפן פון טויזנטער העקטאַר".98א)

אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט שרייבט אַ העברעאישער מחבר, אַז „בגברניה סובלק אכרים עברים יושבים על אדמתם בכפרים, ובעצמם עובדים את אדמתם, ומתבואות שדותיהם יביאו לחמם" (אין סואוואלקער גובערניע זיצן יידישע פּויערים אויף זייער ערד אין דערפער, און אליין באארבעטן זיי זייער ערד, און פון די תבואות פון זייערע פעלדער ברענגען זיי אריין זייער ברויט).[99]

די לאַנדווירטשאַפט אין סואוואַלקער גובערניע איז שוין ביים סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געשטאַנען אויף אַ געהעריקן ניוואָ. ניט נאָר גרויסע, נאָר אפילו א סך קליינע הויפן האָבן זיך שוין באנוצט מיט מאַשינען, קינסטלעכער באמיסטיקונג וכדומה. יידן זיינען געווען בעלי־בתים פון אַ ריי מאָדערן־געפירטע הויפן. אַ גרויסער טייל פון אַזעלכע הויפן האָט זיך געפונען אין די קרייזן פון קאלוואריע, ווילקאווישק, מאַריאמפּאָל און ניישטאט (וולאַדיסלאַוואָו), וואָס גייען ניט אריין אין די ראמען פון דער דאָזיקער ארבעט.

נאָך גאָר קורץ פאַרן חורבן מזרח־אייראָפּע איז נאָך געווען אין סואוואַלקער געגנט אַ דאָרף מיטן נאָמען פאַנאַסישאָק־זשידקיימיס.[100]

99. חזיון על הציונים ומתנגדיהם", י. ייסבערעם, ווארשא, תרס"ב, ז׳ 26.

100. י. ראַסיין אין „ליטע", ב׳ ו, ז׳ 1001. — זשידקיימיס מיינט אין ליטוויש: יידיש דאָרף.

# סואוואַלקער עמיגראַציע

צענדליקער יאָרן פאַרן אָנהייב פון דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע אין די לענדער פון יענער זייט ים איז שוין פון סואוואַלקער געגנט אָנגעגאַנגען אַן אויסוואַנדערונג פון יידן אין יעדער ריכטונג. אמת, די דאָזיקע עמיגראַציע האָט ביז די 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט ניט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַקטער. די סואוואַלקער יידן זיינען געווען פון די ערשטע מזרח־אייראפּעאישע יידן, וואָס האָבן געשטעלט זייער פוס אויפן אַמעריקאַנער באָדן, פּונקט ווי בעת׳ן אנהייב פון דער יידישער מזרח־אייראפּעאישער מאסן־עמיגראַציע קיין אמעריקע זיינען זיי ווידער געווען צווישן די ערשטע. די נאָענטקייט פון דער פּרייסישער גרענעץ איז געווען איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן פון דער דאָזיקער דערשיינונג.

יידן פון סואוואַלקער גובערניע (דעמאָלט נאָך אַ טייל פון אויגוסטאָווער) זיינען געקומען קיין אמעריקע מיט אַן ערך 115 — 120 יאָר צוריק. צווישן די יידיש־פּוילישע אימיגראנטן אין די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיך געפונען יידן פון סואוואַלקער געגנט.[1]

דער גרויסער הונגער אין 1847, פון וועלכן סואוואַלקער יידן האָבן באַזונדערס געליטן, האָט, משמעות, געבראַכט דערצו, אַז אַ געוויסע צאָל דאָרטיקע יידן האָבן אויסגעוואַנדערט קיין צפון־אַמעריקע (און אין אַנדערע מקומות). אַ ראיה דערצו איז דער פאַקט, וואָס שוין אין אַ קורצער צייט ארום געפינען מיר קענטיקע שפּורן פון סואוואַלקער יידן אין די פאראייניקטע שטאַטן.

צווישן די גרינדערס פון דער ערשטער קהילה

1. „פוילישע יידן", רעדאַגירט פון י. ז. טיגעל, ניו־יאָרק, 1933, אַרטיקל פון ש. טשאַרנאָבראָדע: „פוילישע יידן אין אַמעריקע ביז 1881".

פון רוסיש־פוילישע יידן אין ניו־יארק אין 1852 זיינען געווען יידן פון ראַצק און פיליפּאָווע: ר׳ לייב ראַצקער, ר׳ שמואל הלוי אייזיקס, ר׳ אברהם ב״ר מאיר ראַצקער און דער פיליפּאָווער ר׳ חיים סאקאלסקי. ר׳ שמואל הלל אייזיקס איז געבאָרן געוואָרן אין ראַצק אין 1825 און געקומען קיין אַמעריקע אין 1847. ער איז געשטאָרבן אין שיקאַגע אין 1917. ר׳ חיים סאקאלסקי האָט געלערנט תורה ביים גאון ר׳ חיים פיליפּאָווער. אין ניו־יארק איז ער געווען אַ סופר סת״ם, האָט אויך געשריבן מערערע מאמרים אין העברעאיש און אַרויס־געגעבן עטלעכע ביכער אויף ענגליש.[2]

נחמן־בער עטלזאָן, אַ געבאָרענער אין סואוואַלקער שאקי, האָט אין 1851 שוין געלעבט אין שיקאַגע. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין אמעריקאנער העב־רעאישע צייטשריפטן.

אין אַ רשימה פון 4 יידן אין ריטשמאנד (ווירדזשיניא) פון יאָר 1855 געפינט זיך דער נאָמען פון מ. לאַזאַרוס, פון קאלווארייע, סואוואַלקער געגנט.[3]

סוף פופציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט טרעפן מיר שוין אָן דעם נאָמען פון אַ יידן פון סואוואַלק, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין עקספּאָרט און אימפּאָרט פון קאַליפאָרניע. זיין נאָמען איז ראובן אייזעקס.[4] דער דאָזיקער ראובן איז מסתמא משפחה מיטן פריער דערמאָנטן שמואל הלל אייזיקס, וואָס זיין נאָמען טרעפן מיר ווידער מיט אַן אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר שפּעטער אויף אַן אויפרוף וועגן יידישע טאָגשולן אין ניו־יאָרק.

די מעשה מיטן דאָזיקן אויפרוף איז זייער אינטערעסאַנט און מען דאַרף אים דאָ כאָטש בקיצור דערמאָנען. אין 1871 איז דערשינען אין ניו־יאָרק אַ מין קול־קורא דורך רבי מ״י איש ליטאי, אַז ס׳איז אַ גרויס אומגליק פאַר יידישע קינדער אין אמעריקע צו לערנען אין אַלגעמיינע שולן. ס׳האָט זיך דעריבער געשאַפן אַן איניציאַטיוו־גרופּע צו גרינדן „באַזונדערע שולן פאַר יידישע קינדער״. מאָדנע, וואָס כמעט אַלע איניציאַטאָרן זיינען געווען פון סואוואַלקער געגנט: דער שוין דערמאָנטער רבי שמואל הלל אייזיקס, אַ געבאָרענער אין ראַצק, הרבני שלמה־זלמן ליאנס, ראש „משכן ישראל לאנשי ראצק״, הרבני משה־ליפּא אברהמס, ראש פון חברה „מזהירי שבת לבני סובאלק״.[5]

אין „המגיד״ 1863 (נר׳ 22) איז דאָ אַ מודעה פון אַ סואוואַלקער פרוי רבקה, אַז איר מאַן, דוב־צבי בן זאב הלוי, פון באַקלעראָווע, איז געשטאָרבן און זי וויל

2. „אוצר זכרונותי״, י. ד. אייזענשטיין, ניו־יורק, 1929, זייטן 29, 133, 247.
3. אין פריער דערמאָנטן טשאַרנאָבראָדעס אַרטיקל, ז׳ 14.
4. געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, ב׳ ו, ניו־יאָרק, 1943, אַרטיקל פון י. ליפשיץ, ז׳ 64.
5. „הצופה בארץ החדשה״, ניו־יארק, 1871, נר׳ 50. — אגב, ר׳ שמואל־הלל אייזיקס האָט פאַרעפנטלעכט פיל תורה־אַרטיקלען אין „תורה מציון״, ירושלים.





האָבן חליצה פון זיין ברודער בצלאל־אליהו, וועלכער איז שוין לאַנגע יאָרן אין אמעריקע.

אין זעלביקן נומער „המגיד״ געפינען מיר אַ מעלדונג פון איינעם גרשון פראַנק פון סואוואַלק, וועלכער זוכט זיין ניט לאַנג אָנגעקומענעם פאָטער אין אַמעריקע, ברוך זאב. זיין פאָטער איז דאָך ניט נעלם געוואָרן פונקט אין דעם יאָר (1863), ווען ער איז געקומען.

שוין אין 1866 איז אין ניו־יארק געשאַפן געוואָרן די „חברה גומלי חסדים לאנשי סובאלק״. דער ראש הגבאים איז געווען ר׳ שמואל מאטוליער, די איבעריקע — יעקב זאב פיאלאנדצער און יעקב דיקהייזער. דער ציל איז געווען צו בויען פאַרן געלט אַ בית־מדרש פאַר דער חברה און געבן שטיצע אָנקומענדיקע סואוואַלקער.

די פאַמיליע פון ד״ר שמואל שולמאַן, וועלכער איז שפּעטער געווען פון די אָנפירנדיקע רעפאָרם־יידן אין אמעריקע, איז אהין אָנגעקומען פון סואוואַלק אין 1867.

אין „המגיד״ פון 1868 (נר׳ 34) מעלדעט אברהם בן מאיר הלוי, אַ ייד פון ראַצק און אַ תושב פון ניו־יארק, אַז די סואוואַלקער ברידער כנהיים זיינען אַנטלאָפן מיט זיינעם אַ זשירירטן וועקסל פון 1,000 דאלאר.

אין די הונגער־יאָרן פון 1868—69 האָט זיך די צאָל סואוואַלקער אין אַמעריקע אַזוי פאַרגרעסערט[6] און די צאָל יידישע אימיגראנטן פון סואוואַלק איז שוין געווען אזוי אויסגעוואַקסן, אַז זיי האָבן שוין געפונען פאַר נייטיק און מעגלעך צו האָבן אַן אייגענעם בית־מדרש. אין 1870 איז טאַקע געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער בית־מדרש פון סואוואַלקער יידן אין אמעריקע אונטערן נאָמען „משכן ישראל לאנשי סובאלק״ (ניו־יארק, 5 איסט־בראָדוויי).

צווישן די „מנהיגי החברה״ פון „בית הכנסת מאַריאַמפּאָלער ילידי פוילן אוהבי שלום״ אין 1871 איז דאָ דער נאָמען פון אריה ליב ב״ר משה דירעקטעראוויץ מסובאלק.[7]

אין 1871 זוכט לאה בת ר׳ צבי־הירש נחימסקי פון ווירזשאַן איינעם שבתי טאבארישקוסקי, וועלכער איז פאַר־פאַלן געוואָרן ערגעץ אין אַמעריקע.[8]

אין די זיבעציקער יאָרן האָבן עמיגרירט קיין אמעריקע פיל יידן פון לודווינאָווע, קאלווארייע, סואוואַלק, ווישטינעץ, ווערזשבאָלאָווע און מאַריאַמפּאָל.[9]

6. אין דערמאָנטן אַרטיקל פון טשאַרנאָבראָדע.
7. „הצופה בארץ החדשה״, ניו־יארק, 1871, נר׳ 45.
8. „המגיד״, 1871, נר׳ 23, הוספה.
9. „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, באַנד ו, ז׳ 239, ניו־יארק, 1943. דאָס ערשטע אויסגערעכנטע שטעטל ווערט דאָרטן בטעות אָנגערופן ליטווינאָוויע. — וועגן דער סואוואַלקער עמיגראַציע אין יענע יאָרן שרייבט דאָס זעלביקע י. לעשצינסקי (דאָרטן, ז׳ 39) און בערנאַרד הארניטש אין זיין
“My First Eighty Years”, Chicago, 1939.
זע אויך פנקס פון ייוו״א, 1927/28, ז׳ 47, וואו ק. מרמר

אין אַ רשימה פון קיניגסבערגער הילפס־קאָמיטעט, דאַטירט דעם 30סטן מערץ, 1870, פון יידן, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע אין 1869/70, ווערן אָנגעגעבן אַ סך יידישע אויסוואַנדערערס פון סואוואַלקער געגנט. לויט די שטעט פאַרטיילן זיי זיך אַזוי:

פון ווידזשאַן — מ. פינקלשטיין.

פון סואוואַלק — ס. אַראַגער, ס. באַרלען, ס. ביר־זענסקי, צ. בערמאַן, ס. בראָדאַ, י. גומבינער, יהודית גומבינער, ב. גרודזינסקי, ג. הירשבערג, ב. וואָלאָווסקי, צ. וואָלאָווסקי, ס. וויראַנסקי, צ. וועגמאַן, חיים טאָווים, ס. טאָווים, י. ליבערמאַן, ל. ליפשיץ, י. לעוויט, ב. נאָווינ־סקי, אַ. סטאָלאָרזשעווסקי, י. סלאַוויצקי, א. עפּשטיין, ס. פּאָפּאָווסקי, א. פינקלשטיין, אַ. פינשטיין, מ. קאַסעל, ל. קלומאָרציסקי, ס. קליינערסקי, י. רובינשטיין, ר. שאַפּירא.

פון סייני: אַ. פרידמאַן, א. זשידאָווסקי.

פשעראָסלע: מ. ווישטינעצקי. פיליפּאָווע: ס. אונטער־בערג, ב. בערקאָווסקי, ס. גרידניסקי, מ. דאַנעגער, י. יערמינסקי, מ. יערמינסקי, ס. ליוואַנאָווסקי, מ. שטשי־קאָלאָווסקי.9א)

אין מיטן די 70ער יאָרן איז שוין געווען אין ניו־יארק אַן איינגעפונדעוועטע סואוואַלקער קאָלאָניע. אירע מיטגלידער שטיצן שוין מוסדות אין סואוואַלק, און אין 1875 געפינען מיר אַ דאַנק צו „אחינו הנכבדים הגבאים מניו־יאָרק” משה אהרן אהרנזאָן, אריה בערגשטיין, לייב יצחק ראָזנבערג, משה ליפּע אַבראַמסקי.9ב)

די ערשטע קהילה פון פּויליש־רוסישע יידן אין באָסטאָן איז געשאַפן געוואָרן אין 1873 און איינער פון אירע גרינדערס איז געווען ברוך יצחק ריינהערץ, געבאָרן אין באַקלעראָווע אין 1848. געווען אַ גביר אַ ייד און אַ גרויסער נדבן, האָט אויך געשריבן אין „המגיד”, „השחר” א״אנד.

דער באַוואוסטער סואוואַלקער חובב־ציון א. מ. אלטשולער שרייבט אין אַ בריוו פון 15טן דעצעמבער, 1881, צו י. ד. לבונטין צווישן אנדערע אזוי: „און אויך די עמיגראַציע („שנוי מקום”) פון דאַנען קיין אמעריקע האָט זיך זייער פאַרשטאַרקט אין די [לעצטע] צענדליקער יאָרן (מיין קורסיוו — ב. כ.). ניטאָ קיין משפחה אין אונדזערע קאַנטן, וואָס זאָל ניט האָבן קיין ברודער, אָנקל אָדער פריינד אין אמעריקע, וועלכע האָבן דאָרטן פּראָגרעסירט און אויסגעוואַקסן”.[10]

אין 1884 שרייבט דניאל ראזנטאַל פון באקלעראָווע, אַז פון די שטעטלעך ארום פרייסן פאָרן פיל יידן קיין אַמעריקע.

אין 1885 שרייבט שמואל יהודה מארקון פון סוא־

באַטאָנט, אַז „אַזוי ווי אין ניו־יארק, זיינען אויך אין שיקאַגאָ די ערשטע יידיש־ריידנדיקע איינוואַנדערערס געקומען פון סואוואַלקער גובערניע”.

*9. ז. שייקאָווסקי אין „ייוואָ־בלעטער”, ב׳ 40, ז׳ 224.

**9. „המגיד”, 1857, נר׳ 39.

10. „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב א״י”, תל־אביב, תרצ״ב, כרך ג׳, נר׳ 1117.

וואַלק וועגן אַ גרויסער יידן־אויסוואַנדערונג פון שטאָט.

אין 1886 גיט איבער אַן אַנאָנימער קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק, אַז יעדע וואָך פאָרן ארויס יידן פון שטאָט.[11]

און דער דאָזיקער אויסוואַנדער־שטראָם האָט אָנגע־האַלטן ניט קיין קורצע צייט. נאָך אין 1892 איז געווען זעלטן אַ וואָך, אַז 20—30 יידישע פאַמיליעס זאָלן ניט אַוועקפאָרן פון סואוואַלק און אומגעגנט קיין אמעריקע.[12] ס׳איז געווען אַזאַ געלאף, אַז די פּרייזן פון די הייזער אין סואוואַלק זיינען שרעקלעך געפאַלן.

דער שרייבער י. ש. ווייס דערציילט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרויסע שטאָט אין אַמעריקע אָדער אַפריקע, וואו עס זאָלן ניט זיין קיין סואוואַלקער.[13]

זאָל דאָ, אגב, דערמאָנט ווערן דער אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז אין די 90ער יאָרן איז אַ ייד פון סואוואַלק געווען אַ באַוואוסטער סענאטאָר אין אמעריקע, כאָטש קיינער האָט מסתמא ניט חושד געווען אים אין אידיש־קייט. דאָס איז דער סענאטאָר האָדזשעס פון אַלאַבאַמאַ, וועלכער האָט אין סואוואַלק זיך גערופן פשוט: חדש.[14] און זאָל דאָ אויך באַצייכנט ווערן אַ ביז גאָר כאַראַק־טעריסטישער פאַקט: ווען ס׳האָט זיך פונאַנדער־געוואַקסן די באַוועגונג פון „עם עולם”, וואָס האָט, צווישן אַנדערע, געוואָלט אויפשטעלן קאָלאָניעס אין אַמעריקע, כדי דאָרטן צו שאַפן אַ ניי יידיש־נאַציאָנאַל לעבן — איז סואוואַלק געווען פון די ראשונים צו דערהערן דעם רוף. אין סואוואַלק איז אין 1881 געווען איינער פון די ערשטע אָפּטיילן פון „עם עולם” אין גאַנץ רוסלאַנד.[15]

אויך קיין דרום־אַפריקע האָבן פרי אויסגעוואַנדערט יידן פון סואוואַלקער געגנט, כאָטש ווייט־ווייט ניט אין אַזאַ מאָס ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ח. גער־שאַטער, איינער פון די באַקאַנטע און חשוב׳ע יידיש־אַפריקאַנער שריפטשטעלערס, שרייבט אין נאָמען פון דעם בשעתו פּאָפּולערן מחבר נ. ד. האָפמאַן, אַז שוין אַן ערך אין 1870 האָט אין קימבערלי געלעבט דער סואוואַלקער ייד צ. ווייס. איינער פון די וויכטיקסטע יידישע סוחרים און געזעלשאַפטלעכע טוערס אין קייפּ־טאַון איז געווען חיים ליבערמאַן, וועלכער איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1852 און איז געקומען קיין דרום־אפריקע אין די זיבעציקער יאָרן. דער דאָזיקער ליבער־מאַן איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייד, האָט זיך אָבער געלאָזט פאַרפירן פון דעם רעפאָרמיסטישן ראַביי א. פּ. בינדער און געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין זיין קייפּ־טאָנער „קאָנגרעגיישן”. ער איז געווען אַזוי אָנגענומען אין זיין נייער היימשטאָט, אַז פון 1904—1907 איז ער געווען בירגערמייסטער פון קייפּטאָן. ער וואָלט אפשר

11. פּעטערבורגער „היום”, 1886, נר׳ 102.

12. „הצפירה”, 1892, נר׳ 139.

13. „המליץ”, 1895, נר׳ 21.

14. „פּוילישע יידן”, ז׳ 41.

15. “To Dwell in Safety”, Dr. M. Wishnitzer, Philadelphia, 1948, p. 61.

אויך אויסגעקליבן געוואָרן אין דרום־אַפריקאַנער פּאַר־לאַמענט אין 1907, אָבער פיל יידן האָבן געשטימט קעגן אים, ווייל ער האָט זיך ווידער נאָכגעשלעפּט נאָך זיין גויאיש־רעפאָרמירטן ראַביי אין דער קעגנערשאַפט צו ציוניזם און צו יידיש לשון, ווי אַן אייראָפּעאישע שפּראַך.[16]

אָבער סואוואַלקער האָבן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן מיט איבער 100 יאָר צוריק ניט נאָר אין די לענדער מעבר לים. אין דער זעלביקער צייט (און על־פּי שכל נאָך פריער) האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער פיל לענדער אין אייראָפּע גופא. די נאָענטקייט פון דער גרענעץ, אָפטע מסחר־באַזוכן אין אויסלאַנד, חתונות מיט פרעמד־שטעטישע וכדומה האָבן גורם געווען די דאָזיקע דער־שיינונג. ס'איז געווען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט געבראַכט צו סואוואַלקער צעשפּרייטקייט איבער אייראָפּעאישע שטעט: יידן פון סואוואַלקער געגנט, וועלכע זיינען געפאָרן אין די לענדער מעבר לים, זיינען אנדערש מאָל געווען געצוואונגען זיך צו פאַרהאַלטן אין זייערע דורכפאָר־ערטער — און אַזוי זיינען אַנשטאַנען אין אייראָפּעאישע מקומות אימיגראַנטן־קאָלאָניעס פון יידן פון סואוואַלקער גובערניע.

אַ קליינע עדה יידן פון סואוואַלקער געגנט האָט זיך געשאַפן אין מאלדאוויע־וואלאכיע און אונגארן.

אין 1840 טרעפן מיר שוין אַ יידן פון אויגוסטאָוועּ, דוד בן יצחק צארנאווסקי, אין קראַיאַוואַ, וואלאכיע,[17] וועלכער זוכט זיין פאַרבליבענע משפחה אין זיין געבוירן־אָרט.

אין 1863 זוכט א. מ. אלטשולער פון סואוואַלק זיין קוזין פינקלשטיין אין אונגאַרן.[18]

אין 1864 איז מאיר הירשפעלד פון ראַצק אַ רעליגיע־לערער אין קלויזנבורג, אונגארן. אין 1876 ווערט ער געזוכט פון זיין ברודער יצחק, וועלכער וואוינט אין באקלעראווע.[19]

אין 1873 זוכט פייגע אייזנבערג פון סואוואַלק איר זון דוד הלוי, וואָס איז אַוועק קיין מאָלדאַוויע־וואַלאַכיע.[20]

אין שוועדן איז שוין אָנהייב 60ער יאָרן געווען אַ קענטיקע קאָלאָניע פון יידן פון סואוואַלקער געגנט, ווי דאָס איז צו זען פון אַ ריי צייטונגס־קאָרעספּאָנדענציעס. זאָלן דאָ געבראַכט ווערן עטלעכעביישפּילן:

מאַניע בת ר' יוסף פון סואוואַלק זוכט אין 1865 איר מאַן יוסף ביאַלאָגאָרסקי, וועלכער איז געבאָרן לעבן סייני און איז אַוועק קיין שטאָקהאָלם.[21]

אין 1870 האָט איינער, אריה־לייב קליין, צוגעשיקט פון קאַרלשטאַדט, שוועדן, אַ נדבה פאַר עטלעכע יידישע

16. "The Jews in South Africa", edited by G. Sharon and L. Hotz, Cape Town, 1955, pp. 42, 48, 69.
17. „המגיד", 1864, נר' 16.
18. דאַרטן, 1863, נר' 24.
19. דאַרטן, 1876, נר' 8, הוספה.
20. דאַרטן, 1873, נר' 30, הוספה.
21. דאַרטן, 1865, נר' 11.





מוסדות פון זיין געבוירן־שטאָט סואוואַלק.[22] קלאָר, אַז דער דאָזיקער ייד האָט שוין דאָרטן געלעבט מיט יאָרן פריער.

אין 1871 געפינען מיר אַן אַנאָנס פון סואוואַלקער יצחק־דוב מירקאָווסקי, אַז ער זוכט זיין זון לייב, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין שוועדן. נאָר דער זעלביקער מירקאָווסקי האָט שוין דעמאָלט אַליין ניט געלעבט אין סואוואַלק, נאָר אין אָסטפּרייסן.[23]

אין זעלביקן יאָר אַטאַקירט אַ צווייטער סואוואַלקער ייד אין שוועדן אַן אַרטיקל אין „המגיד", וואָס האָט באַרעדט יידן אין שוועדן, וועלכע זיינען פון רוסלאַנד־פּוילן. זיין נאָמען איז טוביה בן ר' צבי לייבזאָן.[24] ווי ס'איז צו זען פון אַ צווייטער נאָטיץ, האָט לייבזאָן געלעבט אין סאלוועסבאָרג און טאַקע שוין אַ לענגערע צייט.[25]

אין 1872 איז צבי הירש בערקמאן פון ווישאן אַ שוחט אין גאָטנבערג, שוועדן.[26] אין 1874 טרעפן מיר דעם זעלביקן בערקמאן אין גאָטנבערג, ווי אַ קלייבער פאַר הונגעריקע אין ירושלים.

אַ באַטייטיקער צענטער פון סואוואַלקער לאַנדסלייט איז געווען אין וואַרשע.

אין די 70ער יאָרן האָט געווירקט אין וואַרשע דער דאַמאָלסט באַוואוסטער לערער און שרייבער י. ל. פּאַראַדיסטאל, אַ לאַנגיאָריקער סואוואַלקער תושב. דער באַקאַנטער משכיל און שרייבער אין וואַרשע י. זיבענ־בערג האָט, משמעות, געלעבט אין סואוואַלק אַ לענגערע צייט (גענויער וועגן זיי אין קאַפּיטל „שרייבערס"). סוף פופציקער יאָרן איז שוין געווען טעטיק אין וואַרשע אבעלע מאַרקסאָן, דער באַוואוסטער סואוואַלקער דרוקער־פאַרלעגער. די סואוואַלקער ראָזנטאַלס, וועלכע זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער פיל שטעט פון רוסלאנד־פּוילן, האָבן אויך געהאט זייערע „פאָרשטייערס" אין וואַרשע.

אין 1864 האָט דער סואוואַלקער ייד שמואל מינץ געעפנט אַן אכסניא אין וואַרשע אונטערן נאָמען „האָטעל לויבעס".[27]

אין דער פרענומעראַנטן־רשימה פון וואַרשעווער אויף אַ ספר, וואָס איז דערשינען אין 1865, געפינען מיר דעם נאָמען פון דוד כהנא פון סואוואַלק.[28]

אין דער פרענומעראַנטן־רשימה פון וואַרשעווער אין אַן אַנדער ספר, וואָס איז געדרוקט אין וואַרשע, אין 1871, געפינט זיך דער נאָמען פון שמשון־זאב פיינבערג פון פיליפּאָווע.[29]

אין 1872 האָט אַ סייניער ייד, אשר בער, וואָס האָט

22. דאָרטן, 1870, נר' 5.
23. דאָרטן, 1871, נר' 29.
24. דאָרטן, 1871, נר' 19, הוספה.
25. דאָרטן, 1872, נר' 19, הוספה.
26. דאָרטן, 1872, נר' 48, הוספה.
27. דאָרטן, 1864, נר' 31.
28. „ספר הדעות והמדות" להרלב"ג, חובר והוכן מאת יחיאל מהריח. וואַרשע, 1865.

געלעבט אין וואַרשע, זיך אַליין אויסגעלערנט מייסטעריי און באַקומען אַ פּאַטענט אויף אַ מאַשין צו שניידן אייזן.[30]

אויף אַ מצבה פון 1881 אויפן וואַרשעווער בית־עולם לייענען מיר: „הגביר הישר באדם, תורה אהב מצוה שמר, מ׳ משה (יעקב) בן שוע ונכבד בעדתו הר״ר יהודה ז״ל בראהן, יליד סובאלק, תושב ווארשא. נפטר כ״ו אלול תרמ״ט לפ״ק״.[31] בראהן [ברוין] איז געווען פון די באקאנטע משפחה־נעמען אין סואוואַלק. אין מערערע פּרענומעראַנטן־רשימות פון סואוואַלקער טרעפט מען אָן דעם נאָמען. געווען אפילו אין סואוואַלק אַ קלויז אויפן נאָמען פון (ר׳ יצחק) ברוין.

אין פאַרשיידענע אַנדערע שטעט טרעפן מיר אָן פאַרוואָגלטע יידן פון סואוואַלקער גובערניע אָדער אויך קליינע עדות פון זיי.

קיין אַדעס האָט זיך נאָך פאַר 1865 פאַרוואַלגערט דער סואוואַלקער זרח בן בנימין, וועלכער ווערט געזוכט דורך זיין פרוי חיה־שרה אהרנזאָן, אויך אַ סואוואַלקער.[32]

אין די 60ער יאָרן האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש אַ וון פון סואוואַלקער גביר מאיר ב״ר ניסן רייגראַדסקי, אַ צווייטער זון זיינס האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין פּעטערבורג.

אין 1872 איז ביי דער משפחה פון אברהם־צבי רובליאַנסקי פון באקלעראָווע פארפאַלן געוואָרן אַ דרייצן יעריק יינגל אין בערלין.[33]

אין 1871 קריגן מיר אַ גרוס פון אַ סואוואַלקער ייד אין ריגע, שמעון ווערזבאָלאָווסקי.[34] פון גרוס איז צו זען, אַז ער געפינט זיך דאָרטן ניט דאָס ערשטע יאָר.

אַ קאָלאָניע פון יידישע עמיגראַנטן פון סואוואַלקער געגנט איז אָנהייב 70ער יאָרן (און שפּעטער) געווען אין האַמבורג, וואו זיי זיינען, משמעות, צוליב די אָדער אַנדערע סיבות געבליבן שטעקן אויף זייער וועג צו יענער זייט ים.

אין 1872 זוכט רפאל־מענדל פון וויזשאַן, וועלכער געפינט זיך אין האַמבורג, זיין ברודער זאב ב״ר מנחם מענכין (מענוכין?).[35]

אינעם זעלביקן יאָר האָט דער ייד פון סואוואַלק אברהם־דוד וואָלינסקי שוין אַ האָטעל אין האַמבורג אונטערן נאָמען „האָטעל ווארשאו״. ער אַליין איז נאָך פריער געווען 6 יאָר אַ שוחט אין אלטונא, פּרייסן.[36]

אַ פריאיקע און גרעסערע קאָלאָניע פון סואוואַלקער איינוואַנדערערס האָט עקסיסטירט אין פּאַריז. שוין אין 1843 האָט דאָרטן געלעבט לעאָן האָלענדערסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה אין סואוואַלק. האָלענדערסקי איז געווען אַן אַקטיווער פירער פון די אויפשטענדלערס אין 1831 אין דער סואוואַלקער געגנט.[37]

לעאָן האָלענדערסקי איז געבאָרן געוואָרן אין וויש־טינעץ, סואוואַלקער גובערניע, אין 1808 (לויט איין מקור — אין 1812). ער איז געווען אַ פּיאָנער פון דרוק־אינדוסטריע אין סואוואַלק. זיין בוכהאַלטער האָט דער־ציילט פּאָליציי, אַז האָלענדערסקי דרוקט פּויליש־פּאַטרי־אָטישע ליטעראַטור און יענער איז דעריבער אַנטלאָפן פון סואוואַלק און אַוועק קיין פּאַריז, וואו ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע יידיש־פּאָליטישע עמיגראַנטן. האָלענדערסקי האָט זיך ניט נאָר פאַרנומען מיט פּאָלי־טישער אַרבעט. ער איז געווען אַ נאָוועליסט, פּאָעט, אָפּטער מיטאַרבעטער אין דער יידיש־פראַנצויזישער פּרעסע און אַן איבערזעצער פון העברעאישע ווערק. ער איז דער מחבר, איבערזעצער און אַרויסגעבער פון:

“Les Israélites de Pologne”, Paris, 1846.

“Mochek”, Paris, 1859.

“Dix-huit siécles des prejugès des chretiens”, Paris, 1869.

“Délicés Royales”, Paris, 1864.

ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם „מעדני מלך״ פון אברהם אבן עזרא מיט אַ ריי הערות (פּאַריז, 1864).37א)

האָלענדערסקי איז געשטאָרבן אין פּאַריז אין 1878. אַנדערע האָבן געשריבן, אַז האָלענדערסקי זאָל זיך האָבן גע׳שמד׳ט. דאָס איז אָבער אַ טעות: מען האָט אים פאַר־ביטן מיטן ערשטן פּויליש־פראַנצויזישן שרייבער יאַן טשינסקי.37ב)

אַז די סואוואַלקער האָבן זיך גענומען באַזעצן אין פּאַריז אין די פערציקער־פופציקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס די ערשטע חברה פון פּוילישע יידן אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט איז אין 1856 געשאַפן געוואָרן דורך סואַ־וואַלקער. די חברה האָט געהייסן: Société de Secours Mutuel des Israélites Polonais de la Loi Rabbinique. די חברה האָט אַליין געהאַט אַן אייגענע שול, וואָס מען האָט טאַקע גערופן „דאָס סואוואַלקער שולכל״. אַ טייל פּרעזידענטן פון אָט דער חברה צווישן 1856 און 1882 האָבן געהאַט דעם צונאָמען „דער סואוואַלקער״. אפילו אַ ספר־תורה פאַר אָט דער שול איז געבראַכט געוואָרן אַזש פון סואוואַלק. דאָס איז געשען אין די זיבעציקער יאָרן, און דער חזן אין שול איז אויך געווען אַ סואוואַלקער, ישראל מיכאלאָווסקי. איינער פון די גרינדערס פון דער חברה איז געווען פייוול שטערן [משמעות, פון די סואוואַלקער שטערנס].

אין די פופציקער יאָרן איז געקומען קיין פּאַריז די סואוואַלקער משפחה נאָוואָשעלסקי. אברהם נאָוואָ־שעלסקי איז געווען דער סעקרעטאַר פון דעם ערשטן יידישן קירזשנער־פאַראיין, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּאַריז אין 1879.

30. „המגיד״, נר׳ 47 אין נאָמען פון „איזראַעליטאַ״.
31. „נחלת עולמים״, ש. יעווניך, ווארשא, תרמ״ב, ז׳ 105.
32. „המגיד״, 1865, נר׳ 9.
33. דאָרטן, 1872, נר׳ 34, הוספה.
34. דאָרטן, 1871, נר׳ 11, הוספה.
35. דאָרטן, 1872, נר׳ 28, הוספה.
36. דאָרטן, 1872, נר׳ 1.

*37. “Leon Holenderski's Statement of Resignation”, A. G. Duker, New York, 1953.

**37. „תנועת טוביאנסקי בין היהודים״, א. ז. אשכלי, ירושלים, תרצ״ג.

צווישן די די אַרבעטער־טוערס אין פּאַריז איז געווען זשאַן זשאַווערקאָווסקי, וואָס זיין משפּחה איז געקומען אַהין אין 1868.[38] ער דערציילט אין זיינע זכרונות אַז „אין פּאַריז האָבן מיר געטראָפן פיל סואַ־וואַלקער״.

צווישן די גרינדערס פון יידישן אַרבעטער־סינדיקאַט אין פּאַריז אין 1896 האָבן זיך געפונען: יעקב מאַטולסקי, געבאָרן אין סואוואַלק אין 1859, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט זיין לאַנדספרוי לאה גאָלדמאַן, און שומסקי אייזיק, געבאָרן אין סואוואַלק אין 1862.[39]

אָפּשטאַמיקע פון סואוואַלקער עמיגראַנטן אין פראַנק־רייך האָבן דאָרטן פאַרנומען ביז גאָר חשוב׳ע פּאָליטישע פּאָזיציעס. אין דער סאַמע לעצטער צייט, נאָכן שאַפן די פינפטע פראַנצויזישע רעפּובליק, איז אין גענעראַל דע גאָלס מיניסטאָרן־קאַבינעט אַ מיטגליד דער ייד מישעל באָקאַנאָווסקי, אַן אייניקל פון אַ סואוואַלקער עמיגראַנט אין פּאַריז. באָקאַנאָווסקי איז געווען פון די ערשטע, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דע גאָלס ווידער־שטאַנד־באַוועגונג נאָך מאַרשאַל פּעטענס קאַפּיטולאַציע. דער פאָטער פון באָקאַנאָווסקין, מאָריס, איז אויך געווען אַ מיניסטער. דער באַרימטער פּואַנקאַרע האָט אים אין 1928 איבערגעגעבן די מיניסטער־פּאָרטפעלן פאַר האַנדל און אַוויאַציע. מאָריס איז אומגעקומען בעת אַן אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע אין זעלבן יאָר.39א)

אַ גרויסע יידישע עמיגראַנטן־קאָלאָניע פון סואַ־וואַלקער גובערניע אין אייראָפּע אין די לעצטע 30—40 יאָר פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז געווען אין ענגלאַנד.

אין 1872 האָבן שוין געלעבט אין ענגלאַנד אַזאַ קענטיקע צאָל יידישע אויסוואַנדערערס פון סואוואַלקער גובערניע, אַז עטלעכע יידן (און מסתמא טאַקע פון יענע מקומות) האָבן געמאַכט אַ מסחר פון איבערשיקן געלט פון ענגלאַנד אין סואוואַלקער געגנט.[40]

אין 1873 זוכט צירל ב״ר אברהם קאַלעצקי, פון סואוואַלק, איר מאַן לייב־בער לעווינסקי, וועלכער איז אַוועק קיין לאָנדאָן און דאָרטן פאַרשוואונדן אָן שפּורן.[41]

אין 1876 זוכט מרים שלאַכעצקי פון סואוואַלק, וועלכע האָט חתונה געהאַט אין וואַרשע, איר מאַן, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן.[42]

אין די 70ער יאָרן איז ר׳ נחום ליפּמאַן, אַ גע־

---

37. „עטיודן צו דער געשיכטע פון אייַנגעוואַנדערטן יישעוו אין פראַנקרייך״, ש. פרידמאַן (ז. שייקאָווסקי), פּאַריז, 1937, ז״ז 12, 154.
38. דער אָריגינעלער נאָמען איז מסתמא יאַווערקאָווסקי, פון מאָריס ראָזנפעלדס שווערס משפּחה.
39. אין די פריערדיק ציטירטע ש. פרידמאַנס „עטיודן״, ז״ז 33, 40, 42, 57, 73, 134, 160, 164.
*39. „טאָג מאָרגן־זשורנאַל״, יאַנ׳ 27, 1959, אַרטיקל פון א. אַלפּערין.
40. „המגיד״, 1872, נר׳ 34.
41. דאָרטן, 1873, נר׳ 3, הוספה.
42. דאָרטן, 1876, נר׳ 1.



באָרענער אין סואוואַלק, דער משגיח איבער די שוחטים אין לאָנדאָן.[43]

פאַראַן זייער אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט, וואָס האָט אַ שייכות צו דער יידישער עמיגראַנטן־קאָלאָניע, בתוכה אויך סואוואַלקער, אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט אָנהייב אַכציקער יאָרן. דאָס איז אַ לאַנגער בריוו אין רוסיש, דאַטירט דעם 31סטן יאַנואַר, 1882, לאָנדאָן, „צו זיין מאַיעסטעט דעם הויפּט־פּראָקוראָר ביים הייליקן סינאָד ה׳ פּאָבעדאָנאָסצעוו״. נאָכן דאָזיקן טיטל הייבט דער בריוו זיך אָן מיט די ווערטער, אַז „מיר, די אונטן גע׳חתמ׳עטע יידן פון רוסלאַנד, וואָס מיר זיינען געקומען קיין ענגלאַנד ניט צוליב עפּעס אַ חטא... נאָר דער מאַנגל אין אויסקומעניש אין יידישן תחום־המושב און די גרויסע נויט האָבן אונדז געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד...״ דערנאָך ווערט אויפ־געקלערט, אַז די יידן זיינען ניט קיין עקספּלואַטאָרס, אַז די יידן־באַגרענעצונגען אין רוסלאַנד וועלן ניט דערגרייכן זייער ציל, אַז מען דאַרף אָפּשאַפן די יידן־גזירות אאז״וו. צווישן די 15 חתימות זיינען פאַראַן צוויי פון שטאָט סואוואַלק: אברהם רובינשטיין און פּסח ברוין.43א

אין 1883 ווענדט זיך דער קאָרעספּאָנדענט פון „הצפירה״ (נר׳ 32) אין סייני, חלוונא בערנשטיין, וועגן העלפן אויפהאַלטן די תלמוד־תורה „לכל אחינו בני עירנו סייני, השוכנים כבוד בצרפת ובאנגליה״.

אין 1884 האָבן שוין די סואוואַלקער אימיגראַנטן אין לאָנדאָן געהאַט אַ שול, וואו עס האָבן געדאַווענט אייגענע חזנים.[44]

הרב משה־חיים חיימזאָן, פון סואוואַלק, איז אין די 90ער יאָרן דיין ראשי אין לאָנדאָן.[45]

אין 1894 עקסיסטירט אין לאָנדאָן די חברה „פּועלי צדק בני סובאַלק״ מיט אַן אייגענעם שטענדיקן מגיד.[46]

אין 1896 איז פאָרגעקומען דער חנוכת „בית־הכנסת החדש״ פון „חברת מעגלי צדק אחים דסובאַלק״ אין לאָנדאָן. לכבוד דעם איז דאָרטן אינעם זעלביקן יאָר דערשינען אַ קליין ביכל „זמירות ושירות״ אין העברעאיש און ענגליש.[47]

אין די 90ער יאָרן האָבן סואוואַלקער אפילו אַרויס־געגעבן אַ יידישע צייטונג אין לאָנדאָן.[48]

*

די אויסוואַנדערונג פון יידן פון סואוואַלקער געגנט

---

43. „דורות האחרונים״, ב. צ. אייזענשטאַדט, ניו־יורק, תרע״ד, ז׳ 156.
*43. אין „זכרון יעקב״ פון יעקב הלוי ליפשיץ, חלק ג׳, קובנה, 1939, איז דאָ דער גאַנצער בריוו.
44. „דער פּוילישער אידעל״, לאָנדאָן, 1884, נר׳ 8.
45. „אהלי שם״, שמואל נח גאָטליב, פּינסק, 1912, ז׳ 454.
46. דאָרטן, ז׳ 458.
47. די שול איז געווען בשותפות מיט „חברת בני ברית וחברת בני ווילנא״.
48. באַריכות׳דיקער וועגן דעם אין קאַפּיטל „פּרעסע־פּיאָנערן״.

האָט געבראַכט צו ניט ווייניק משפּחה־טראַגעדיעס. אַ מאַן איז אַוועקגעפאָרן זוכן גליקן אין אַנדערע מקומות און האָט „פאַרגעסן" זיין ווייב, קינדער זיינען געפאָרן פּראָוון זייער מזל אין אַנדערע לענדער און זיינען „פאַרפאַלן" געוואָרן וכדומה — באַגלייט־דערשיינונגען פון יעדער עמיגראַציע.

די פרוי שרה בת ר' יודל, וואָס שטאַמט פון קאָלנע, אָבער וואוינט שוין אין סואוואַלק 16 יאָר, בעט אין 1860 העלפן כאַפּן איר אַנטלאָפענעם מאַן שמואל שלעזינגער.[49]

אין 1869 זוכט סואוואַלקער רב איינעם אריה־לייב קלינקאָווסטיין, וועלכער האָט פאַרלאָזן זיין פרוי און צוויי קינדער.[50]

אין 1872 זוכט רחל סלאָווער פון סואוואַלק איר מאַן דוד אָטינסקי.[51]

אין 1874 זוכט צבי־אריה באַרגשטיין פון סואוואַלק זיין פאָטער, וואָס האָט עמיגרירט און איז פאַרפאַלן געוואָרן.[52]

אין 1873 מעלדעט דער רב פון סייני, אַז דער אויסגעוואַנדערטער ברוך־מאיר וואָלצינסקי פון דאָרף גיבי, לעבן סייני, האָט פאַרלאָזן זיין פרוי.[53]

חיה מישקאָווסקי פון פּשעראָסלע האָט אַ לאַנגע צייט ניט געהערט פון איר מאַן זוסל אין אַמעריקע. ווי אַ תשובה אויף אירס אַ צייטונגס־מודעה איז אָנגעקומען די מעלדונג, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן אין טעקסעס.[54]

אין 1878 איז מנחם־מאַניש לעווין פון סואוואַלק אַוועק קיין אַמעריקע און איבערגעלאָזן זיין ווייב שרה בת נפתלי הירץ פון קיידאַן.

געווען אַ צווייטע באַגלייט־דערשיינונג פון דער עמיגראַציע. ניט אַלע יידישע משפּחות, וואָס האָבן עמיגרירט, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט תיכף מיטצונעמען אַלע זייערע מיטגלידער. געווען זייער פיל פאַלן, ווען נאָר איינצלנע פון אַ פאַמיליע האָבן אויסגעוואַנדערט, כדי שפּעטער „אַרויפצונעמען" אַלע אַנגעהעריקע פון דער משפּחה. אין אַזעלכע פאַלן, אויב אין הויז איז געווען אַ זון, וועלכער האָט געדאַרפט גיין אין די סאָלדאַטן אריין, האָט מען געזוכט ראשית־כל אים „אָפּצוטראַנספּאָרטירן".

צווישן גאַנץ־משפּחה'דיקע יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך, נאַטירלעך, אויך געפונען פיל מיליטער־פליכטיקע יונגעלייט. און כאָטש פאַר בחורים אין מיליטער־עלטער איז געווען פאַרבאָטן צו עמיגרירן, האָט אָבער די נאָענטקייט צו דער גרענעץ פיל יידן אין סואוואַלקער געגנט פאַרלייכטערט בייצוקומען דעם דאָזיקן מכשול.

49. „המגיד", 1860, נר' 17.
50. דאַרטן, 1869, נר' 30, הוספה.
51. דאַרטן, 1872, נר' 29, הוספה.
52. דאַרטן, 1874, נר' 11, הוספה.
53. דאַרטן, 1873, נר' 35, הוספה.
54. דאַרטן, 1877, נר' 22.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז צום פּריזיוו האָבן געפעלט פיל גרופּענע יידישע יונגעלייט, ספּעציעל פון סואוואַלקער גובערניע. געווען דאָרטן פּריזיוו־יאָרן, ווען די צאָל געקומענע יידישע פּריזיוו־ניקעס איז געווען עטלעכע מאָל קלענער, ווי די צאָל גערופענע.

דאָס האָט געגעבן פיל שטאָף פאַר אַנטיסעמיטישע צייטונגען אין פּוילן (און רוסלאַנד) אין יענער צייט צו העצן קעגן יידן. פאַר די אַנטיסעמיטישע קרייזן, וואָס האָבן די יידן ניט געוואָלט האָבן נאָענט צו זיך, איז אָבער דאָך די יידישע עמיגראַציע געווען אַ דאָרן אין אויג: טאָמער, חלילה, וועט די יידן אין נייעם מקום זיין בעסער... אַזוי, למשל, געפינען מיר אין „קוריער וואַרשאַווסקי" פון 23סטן דעצעמבער 1883 אַ גאַנצן טאַראַראַם וועגן אַ יידן, וועלכער פאָרט אַרום איבער סואוואַלקער גובערניע און אַגיטירט צו פאָרן קיין אַמעריקע.[55] אָבער דער ענין פּריזיוו איז געווען גאָר אַ טייערע צוקער־לעקעכל פאַר די אַנטי־יידישע עלעמענטן.

דאָס ניט שטעלן זיך צום פּריזיוו מצד פיל יידישע בחורים לאָזט זיך אויך דערקלערן מיט דעם, וואָס יידן, כידוע, זיינען ניט געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין אויסשרייבן געשטאָרבענע פון די שטאַטביכער, אין אויסרעגיסטרירן אַוועקגעפאָרענע אין אַנדערע שטעטלעך, ווי אויך מיט דעם, וואָס טייל יידן האָבן בכלל ניט געהאַט קיין חשק צו דינען דעם צאַר. אָבער בעיקר איז די דאָזיקע דערשיינונג, לויט אונדזער מיינונג, צו דערקלערן מיט דער עמיגראַציע, ווייל פאַרוואָס איז עפּעס די צאָל יידישע פּריזיוו־אָפּטריניקעס אַזוי הויך גראָד אין גרענעץ־מקומות און ספּעציעל טאַקע אין סואוואַלקער גובערניע?

דאָס ניט שטעלן זיך צום פּריזיוו מצד יידישע יונגעלייט אין סואוואַלקער גובערניע האָט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אַז אין 1883 איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ ספּעציעלער „קול קורא לרבני פלך סובאלק" וועגן דעם. דער מחבר פונעם אויפרוף איז געווען אברהם דובער בר"ש הכהן אייזנדאָרף, דער אינספּעקטאָר פון דער יידישער רעגירונגס־שול אין שאַקי, סואוואַלקער גוב. אינעם אויפרוף ווערט געזאָגט, אַז אויף די יידן לויערט אַ שווערע געפאַר, ווייל פיל פון זיי דרייען זיך אַרויס פון מיליטער־דינסט, און אַז באַזונדערס סכנה'דיק איז די לאַגע אויפן דאָזיקן געביט אין סואוואַלקער גובערניע. די רבנים ווערן געבעטן זיך צו פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער פּראָבלעם, ווי אויך צו רעגיסטרירן

55. געבראַכט אין „המליץ", 1863, נר' 63. אין „המליץ", נר' 68 ווערט די דאָזיקע ידיעה אָפּגעלייקנט דורך שמעון זאב הלוי נאָטעלזאָן פון וולאַדיסלאַוואָווע און דורך ישראל בר"ש מאַרקאָוויץ פון סואוואַלק.
56. „המליץ", 1883, נר' 41.
57. דאַרטן, 1891, נר' 45.
58. „פּראַוויט. וועסטניק", 1893, נר' 37, געבראַכט אין „המליץ", נר' 44.

באצייטנס די נעמען פון די אַוועקגעפּאָרענע, גע־שטאָרבענע אאז״וו.[56]

פון אַ רשימה אין „פּראַוויטעלסטוועני וועסטניק" וועגן יידישע פּריזיוניקעס איז צו זען, ווי שווער די לאַגע איז געווען: פון 637 גערופענע יידישע רעקרוטן אין סאוואַלקער גובערניע אין 1891 זיינען 259 בכלל ניט געקומען.[57]

אין 1893 איז דער פּראָצענט פון ניט געשטעלטע יידן אין סאוואַלקער גובערניע נאָך פיל העכער: פון 779 גערופענע האָבן 499(!) בכלל זיך ניט אָפּגערופן.[58]

אין 1900 איז די צאָל יידישע דעזערטירן נאָך גרעסער. אין אַן אַרטיקל „על הרועים הרעים" שרייבט דער באוואוסטער שריפטשטעלער מרדכי בן הלל הכהן, אַז אין 1900 האָבן 618 יידישע פּריזיוניקעס זיך ניט געשטעלט פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע. ער באַטאָנט, אגב, אַז די צאָל יידישע יונגעלייט, וועלכע קומען ניט צום פּריזיוו, איז באַזונדערס גרויס אין די ערטער, וואָס ליגן נאָענט צו דער גרענעץ.[59]

אַ קאָרעספּאָנדענט פון סייני דערמאָנט אין „המליץ" די אָרטיקע קהל־פירערס, אַז זיי זאָלן אויפּפּאַסן וועגן אויסמעקן די נעמען פון די יעניקע, וועלכע פאַרלאָזן די שטאָט.[60]

אין אַ צווייטער קאָרעספּאָנדענץ פון סייני אין „המליץ" פון זעלביקן יאָר ווערט איבערגעגעבן, אַז פּאָליציי מאָנט געלטשטראָף פון 300 רובל [אויפן סמך

59. „הדור", 1901, נר' 16. אין פּעטערבורגער „הזמן", 1903, נר' 6־7, איז דאָ אַ ליסטע אויך מיט סאוואַלקער יידישע פּרי־זיוניקעס.
60. 1895, נר' 38.

פון אַ ספּעציעל געזעץ] פון די פאַמיליעס, וואָס זייערע מיליטער־פליכטיקע מיטגלידער האָבן ניט דערפילט זייער בירגערלעכן חוב.[61]

דער גובערנאטאר פון סאוואַלקער גוב. ביז 1905 איז, משמעות, ניט געווען קיין יידן־שונא, ווייל בעת ער איז אַריבערגעהויבן געוואָרן קיין פּעטריקאָוו (1905), האָבן אים די פאָרשטייערס פון דער קהילה אין סאוואַלק פריינדלעך אַרויסבאַגלייט און אים געגעבן אַ מתנה אַ זילבער־געבונדענעם חומש. אין זיינע ווערטער צו די יידישע אָרטיקע מנהיגים האָט דער גובערנאטאָר צווישן אַנדערע געזאָגט: פּאַסט אויף, אַז יידן זאָלן זיך ניט אַרויסדרייען פון מיליטער־דינסט, ווייל דאָס ברענגט אייך פיל צרות.[62]

בקיצור — די פּריזיוו, ווי אַן עיקר׳דיקע באַגלייט־דערשיינונג פון דער יידישער עמיגראַציע, האָבן פאַר־שאַפט די יידישע פירערס אין סאוואַלקער גובערניע ניט ווייניק זאָרג און קאָפּ־דרייעניש.[63]

61. 1895, נר' 287.
62. „הפלס", פּאָלטאַווע, תרס״ה, זייט 255.
63. די פראַגע פון דעזערטירן איבער דער פּרייסישער גרענעץ סיי מצד סאָלדאַטן, סיי מצד רעקרוטן, איז ניט געווען קיין „ריין־יידישע". שוין אָנהייב נייַנצנטן יאָרהונדערט, בעת אין רוסלאנד האָט מען נאָך יידן בכלל ניט גענומען אין מיליטער, איז שוין דער דאָזיקער ענין געווען אַקטועל פאַר דער צאַרן־מלוכה. רוסלאַנד האָט געפירט וועגן דעם ספּעציעלע פאַר־האַנדלונגען מיט פּרייסן. אין 1804 זיינען זיי אפילו געקומען צו אַ הסכם, לויט וועלכן פּרייסן האָט געדאַרפט צוריקשיקן אַלע רוסישע דעזערטירן און רוסלאַנד האָט דערפאַר דערלויבט פּרייסן צו קויפן רוסישע פערד פאַר דער פּרייסישער קאַוואַ־לעריע.

# חינוך און השכלה

השכלה — די גייסטיקע שטרעמונג, וואָס האָט געוואָלט אַריינברענגען „די שיינקייט פון יפת׳ן אין די געצעלטן פון שם" — האָט אָנגעהויבן גאָר פרי צו שלאָגן וואָרצלען אין די הערצער פון די יידן אין סאוואַלקער געגנט. בעת אין גרעסטן טייל וואוינערטער פון „תחום־המושב" איז נאָך אַ משכיל געווען אַ זעלטנ־קייט — זיינען שוין אין די שטעטלעך פון סאוואַלקער געגנט געווען משכילים, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָל אין אָרטיקן יידישן קהילה־לעבן, און אין די פופציקער יאָרן האָט די השכלה דאָרטן שוין געהאַט אָנגענומען געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. סאוואַלק און די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס גייען אריין אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט, זיינען קלאַסישע השכלה־שטעטלעך שוין מיט איבער 100 יאָר צוריק.

דאָס בולט׳סטע ביישפּיל זיינען די רבנים אין די דערמאָנטע מקומות. אַלע אָן אויסנאַם (דאַכט זיך) רבנים פון סאוואַלק זיינען געווען ווייט פון דעם טיפּ, וואָס משכילים האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „חשוכים" (פינצ־טערע). דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן גרעסטן טייל רבנים פון די דערבייאיקע שטעטלעך. ווען סוא־וואַלק — אָדער די שטעטלעך ארום — האָט געזוכט אַ רב, האָבן די ראשי־הקהל קודם־כל געפּרואווט אויס־געפינען, צי ער פאַרשטייט דעם גייסט פון דער צייט. דער עצם פאַקט, וואָס די אַלע רבנים זיינען געווען מער־ווייניקער צום האַרצן פון די אָרטיקע משכילים, באַווייזט ווי שטאַרק עס איז געווען דער כוח און די השפּעה פון השכלה אין סאוואַלק און אין איר פּראָוויגץ.

ד״ר נחום סלושץ, דער באוואוסטער העברעאישער געלערנטער, שרייבט אין זיינע רייזע־איינדרוקן וועגן יידן אין סאוואַלקער געגנט די ווייטערדיקע טרעפלעך־כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „אלע גייען דעם גאָלדענעם מיטנוועג... דאָ זיינען נישטאָ קיין גרויסע תורה־לומדים, אָבער דאָ געפינען זיך פיל בעלי־בתים תורה־קענערס. דאָ זיינען ניטאָ קיין אויסגעצייכנטע משכילים, אָבער די השכלה, ביחוד די תכלית׳דיקע, האָט זיך (דאָ) פאַר־שפּרייט אין יעדן אָרט, ניט אַרויסרופנדיק קיין פאַנאַטיזם.

ניטאָ קיין הפקרות, אָבער אויך ניט קיין יתרה'דיקע פרומקייט".[1]

די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג איז ווידער — דער גרענעץ־כאַראַקטער פון דער געגנט. צוליב דער נאָענטקייט צו דער פּרייסישער גרענעץ האָבן די אידייען פון משה מענדלסאָן זיך גיכער פאַר־שפּרייט אין סואוואַלק און איר סביבה. י. ש. ווייס, וואָס איז אַ האַלבער סואוואַלקער, דערציילט, אַז די יידן פון סואוואַלקער געגנט זיינען שטאַרק באאיינפלוסט געוואָרן פון מענדלסאָנס תורה. פיל סואוואַלקער האָבן באַזוכט אַנדערע שטעט, סיי אין „תחום", סיי אויסער אים — און ניט צו איינעם האָט זיך צוגעקלעפּט עפּעס פון נייע לעבנס־פאָרמען. ווי אַ רעזולטאַט טאַקע פון אַזעלכע נסיעות, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט שידוכים, האָבן זיך אַנדערש מאָל אַריבערגעקליבן קיין סואוואַלק יידן פון גרויסשטעט, וואו דאָס לעבן האָט שוין געהאַט אַן אַנדער פּנים — און דאָס האָט ווידער זיך געמוזט אויסווירקן אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון דער אָרטיקער קהילה. ביחוד זיינען דאָס געווען פרויען, ווי, למשל, די טאָכטער פון וואַרשעווער גביר משה ענדלמאַן,[2] די טאָכטער פון מאָסקווער גביר ווישניאַק און אַנדערע.

צוגעהאָלפן צו פאַרוועלטלעכן דעם כאַראַקטער פון יידישן ישוב אין סואוואַלק האָבן אויך די פיל טויזנטער רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין אָרטיקן גאַרניזאָן. בעת מאַנעוורעס פלעגט די שטאָט און די גאַנצע געגנט פּשוט פאַרפלייצט ווערן פון יוונים. דאָס האָט זיך געמוזט אויסווירקן, ווייל אין די ערטער, וואו ס'איז ניט געווען קיין אָפּגעשלאָסנקייט פון דער וועלט, האָבן נייע אידייען און נייע לעבנס־פאָרמען געהאַט מער שאַנסן צו באַהערשן די מוחות.

שוין מיט 100 יאָר צוריק זיינען אין סואוואַלק „געווען עטלעכע לערערס, וועלכע זיינען געקומען פון דייטשלאַנד און האָבן געלערנט אין די רייכע הייזער [תנ"ך] אין דייטשישער איבערזעצונג".[3]

נאָך פריער, אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, זיינען שוין אין סואוואַלק געווען קאָרעספּאָנדענטן פון יידיש־דייטשישע זשורנאַלן.

מיט אַ 115 יאָר צוריק האָט אַ יונגערמאַן פון סואוואַלק, משה רובאָוויץ, זיך אויפגעהויבן און אַוועק־געפאָרן קיין מאַרסעל זיך לערנען מאָלן.

אין די פופציקער יאָרן איז אין אַזאַ קליין שטעטל, ווי

1. „נסיעה בליטא".. ז' 58.
2. משה ענדלמאַן שטאַמט אַליין פון סואוואַלקער גובערניע. ער איז דער זון פון ר' זונדל חלפן, וועלכער האָט געלעבט אין סעריי. ר' זונדל איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ געוואַל־דיקער מדקדק. ווען דער ווילנער גאון האָט זיך אויפגעהאַלטן אין סעריי, האָט מען ר' זונדלען צוגעטיילט דעם כבוד צו לייענען די תורה פאַר אים. ר' זונדלס פאָטער האָט געהייסן ר' משה יפה און האָט געלעבט אין ווילקאָווישק. — משה ענדלמאַנס איידעם אין סואוואַלק איז געווען ר' שלמה־זלמן גלאָבוס, דער זון פון ווילנער גביר און פרנס ר' צבי־הירש דוב־בער אייזנשטאַדט. ש. ז. גלאָבוס איז געשטאָרבן אין 1883.
3. „טלטולי גבר", י. ש. ווייס, ז' 142.

ראַצק, געזעסן אַ ייד, צ. ה. פּערלאָ, און געליפערט די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" און פון איר איבערגעזעצט ידיעות פאַר העברעאישע צייטונגען.[4]

שוין אַזוי גוט ווי אין 1862 איז געגרינדעט געוואָרן אין סואוואַלק אַ „בית־ספר לילדי ישורון". דער גרינדער איז געווען ר' יהודה־לייב פּאַראַדיסטאַל, וואָס וועגן אים וועט ווייטער גערעדט ווערן באַזונדער. די פּראָגראַם פון דער דאָזיקער העברעאישער שול אין סואוואַלק איז געווען עברית, תנ"ך, דקדוק, פּויליש און דייטש. צווישן די לערערס האָט זיך געפונען מרדכי יהלם־שטיין „המשכיל ודובר צחות בשפות שונות". די מיט־העלפערס פון שאַפן אַזאַ שול זיינען געווען: דער גביר שלום ערדיך [ערדרייך?] און זיין זון יוסף, ש. ראָזנטאַל און ש. ז. פּערלאָוויץ.[6] אין אַ צווייטן מקור ווערן נאָך צוגעגעבן די נעמען פון: דוד ליפּסקי, ר' מאָטעלע ליפּסקי, שמואל גרונעם לייפּונער, יעקב לאַסקי, מיכל קליינערמאַן, אליעזר אפרים ראָזנטאַל, משה באַרדין, יהודה וואָלף, י. ליכטנשטיין, ר"ש מינץ, ד. האָלענדערסקי.[6]

אין אַן אַנדער צייטונג ווערט דערציילט, אַז מען גרייט זיך צו בויען אַ בנין פאַר דער שול און אַז בוי־מאַטעריאַלן זיינען שוין דאָ. עס ווערט צוגעגעבן, אַז אויך תלמידים זיינען שוין פאַראַן. צווישן די לערערישע כוחות ווערן אריינגערעכנט יוסף שיינהאָק און ה. שטערן, אַ תלמיד פון דער ראַבינער־שול.[7]

אַ קאָרעספּאָנדענט אין אַ פּערטער צייטונג, משה מאיר כהנא, שרייבט, אַז אין פּראָגראַם פון דער דער־מאָנטער שול גייען נאָך אַריין: חומש מיט רש"י, חשבון און געשיכטע. ער איז נאָך מוסיף, אַז דער אָרטיקער רב האָט באַזוכט די שול, עקזאַמינירט די קינדער און שטאַרק געלויבט פּאַראַדיסטאַלן.[8] דער רב אין סואוואַלק איז דעמאָלט געווען ר' שמואל מאהילעווער.

ווי לאַנג פּאַראַדיסטאַלס שול האָט עקסיסטירט האָבן מיר ניט קיין ידיעות. צוויי יאָר נאָך איר גרינדונג ווערט איבערגעגעבן אין „המגיד", אַז זי אַנטוויקלט זיך זייער גוט.

אין 1861 האָט דער משכיל אשר מרגלית פון פּשעראָסלע — בשותפות מיט ר' שרגא פייבוש בערקמאַן פון ווילקאָווישק — אָפּגעדרוקט דאָס בוך „פעדאָן" פון משה מענדלסאָן.[9]

דער זעלביקער אשר מרגלית איז אין 1862 אַן אַגענט פון „מקיצי נרדמים".[10] אויף אַן אַלגעמיינער אייראָפּעאישער רשימה פון מנדבים אויף „מקיצי נרדמים" אין 1871 איז דאָ דער נאָמען פון ר"ש בר"צ

4. „המגיד", 1859, נר' 46.
5. ש. פּ. שייטליס אין „הכרמל", תרכ"ב, נר' 38.
6. „המגיד", 1863, נר' 41.
7. „יוטצענקא", 1862, נר' 51; 1863, נר' 23.
8. „„המליץ", 1863, נר' 38.
9. „המגיד", 1861, נר' 38, 39.
10. דאָרטן, 1862, נר' 1.

וואַזבוצקי פון סוואַלק. אין 1877 איז אין[11] קליינעם שטעטעלע פיליפּאָווע דורכגעפירט געוואָרן אַ געלט־אַקציע פאַר „מקיצי נרדמים" דורך די משכילים ר' יהודה וויסטינעצקי, שמעון פיינבערג, אליהו הירשהאָרן, יהודה וואָלק, יהודה ישראל קלעצקי.[12] אין אַ רשימה פון סייניער חברים פון אָט דער חברה אין 1866 ווערן אָנגעגעבן די משכילים: יצחק ראָזנבלום, אשר פינקל, זעליק ראָזנפעלד און רא"צ מעלצערזאָן. (12א)

בערך אַ יאָר נאָך דעם, ווי אין סוואַלק איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע שול פאַר יינגלעך, איז אַ יידיש מיידל פון דאָרטן, מרים בת שמעון ווערזבאָלאָווסקי,[13] אַרויס מיט אַ געוואַלד, הלמאי מען זאָרגט זיך ניט פאַר דער יידישער טעכטער־דערציאונג אין שטאָט. זי דערציילט, אַז סוואַלקער עלטערן נעמען פּריוואַט־לערערס פאַר זייערע טעכטער, אָבער דאָס קען ניט לייזן די פּראָבלעם. און זי קומט אַרויס — אין 1863! — מיט אַ פאָדערונג: שאַפט אַ יידישע שול פאַר מיידלעך! ביז גאָר אינטערעסאַנט איז, אַז אברהם מאַפּו, דער באַרימטער העברעאישער שרייבער, האָט די קאָרעספּאָנדענץ שוין געהאַט געלייענט פריער און ער האָט זי צוגעשיקט צום „המגיד", וואו זי איז געדרוקט געוואָרן מיט זיינס אַ הסכמה צום סוף.[14]

אין סוף יאָר 1867 איז קיין סוואַלק געקומען אהרון שמואל ליבערמאַן, דער שפּעטערדיקער באַרימטער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער העברעאישער צייטונג „האמת".[15] ליבערמאַן איז יענעם יאָר באַשטימט געוואָרן צו זיין לערער אין דער אָרטיקער רוסיש־יידישער רעגירונגס־שול. זיין אָפיציעלער נאָמיניר־בריוו האָט זיך אין יידישער איבערזעצונג געלייענט אַזוי:

מיניסטעריום פאַר פאָלקס־אויפקלערונג.
וואַרשעווער בילדונגס־ראַיאָן.
שעף פון סוואַלקער שול־דירעקציע.
סוואַלק, דעם 15טן מאַרץ, 1868.
נומער 1368.

אויפן גרונט פון אַרטיקל 53 פון געזעץ וועגן ציווילן מלוכה־דינסט ווערט אַרנאָלד ליבערמאַן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן אַהער אויף דער שטעל פון צווייטן לערער אין דער סוואַלקער יידישער אָנפאַנגשול, באַשטימט ווי דער צווייטער לערער פון דער יידישער אָנפאַנגשול אין סוואַלק מיט אַ געהאַלט פון 120 רובל יערלעך. דאָס געהאַלט וועט ער באַקומען פון שכר־לימוד, אויף וויפל ער וועט ווערן איינגעצאָלט.[16]

אַ פּאָר חדשים פאַר דעם איז ליבערמאַן אָנגעשטעלט געוואָרן אויף אָנצופירן מיט די ענינים פון סוואַלקער קהילה, וואָס איר פאַרוואַלטונג האָט אים געשיקט דעם ווייטערדיקן בריף:

סוואַלק, דעם 28טן יאַנואַר, 1868.

צום הער אהרן ליבערמאַן, דעם געשעפטס־פירער פון דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג פון סוואַלקער קרייז.

די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג פון סוואַלקער קרייז האָט באַשלאָסן צו באַשטעטיקן אהרן ליבערמאַנען אויף דער שטעל פון געשעפטס־פירער אין די ענינים פון דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג. עס ווערט אָנערקענט פאַר אים די שכירות, וואָס איז באַשטימט לויטן בודזשעט, הונדערט זילבער רובל יערלעך, רעכענענדיק פון טאָג, ווען ער האָט איבערגענומען די שטעל, ד"ה פון ערשטן יאַנואַר, 1868.

[חתימות]
ד. ליכטנשטיין
ישעיהו [ליפּסקי?]
ב. ביאַליסטאָצקי

א. ש. ליבערמאַן איז ניט געווען קיין פּנים חדשות אין סוואַלק. ער האָט פאַרבראַכט אין סוואַלק עטלעכע יאָר אין הויז פון זיין פאָטער, וועלכער האָט דאָרטן געלעבט אַן ערך אין די יאָרן 1849—1853. אין 1869 האָט ער פאַרלאָזן סוואַלק און אָפּגעפאָרן שטודירן אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.[17]

---

11. דאָרטן, 1871, נר' 23, הוספה.
12. דאָרטן, 1877, נר' 41, הוספה.
*12. „רשימה של שמות החברים לחברת „מקיצי נרדמים", ליק, תרכ"ו.
13. מערער וועגן איר אין קאַפּיטל „שרייבערס".
14. „המגיד", 1863, נר' 20.
15. לויט אַנדערע מקורות — אין 1866, וואָס איז, משמעות, אַ טעות, ווייל דעמאָלט זיינען זיינע עלטערן נאָך געווען אין ביאַליסטאָק.

16. „לתולדות האוטופיות", א. ש. ליבערמאַן, אַרויסגעגעבן דורך ד"ר מיכל ברקוביץ (תל־אביב, תרפ"ח), ווי אויך „אהרן ליבערמאַנס בריוו" פון ק. מרמר (ניו־יאָרק, 1951). בכלל הערשט אַ צעטומלעניש בנוגע דער ביאָגראַפיע פון ליבערמאַנען. וואָס שייך זיין סוואַלקער תקופה, שיינען אונדז צו זיין מער קרוב לאמת אונדזערע דאַטעס, וואָס שטיצן זיך בעיקר אויף ש. ל. ציטראָן און אויף פאַרגלייכן מיט אַנדערע מקורות. די פרוי פון ש. ל. ציטראָן איז געווען אַ קרובה פון די ליבערמאַנס, ציטראָן גופא האָט דעם אַלטן ליבערמאַן נאָך געקענט פערזענלעך און אויך געלעבט אין סוואַלק און אומגעגנט אַ ריי יאָרן — ציטראָנס זכרונות זיינען, בכן, גאָר אַ באַגלייבטער מקור וועגן דאָזיקן ענין. ציטראָן האָט געמאַכט טעותים אין דאַטעס, אָבער ס'איז ניטאָ קיין יסוד צו צווייפלען אין זיינע פאַקטן וועגן לעבן פון די ליבערמאנס אין סוואַלק. דער זעלביקער ק. מרמר, וועלכער האָט אין 1951 געגעבן אַזעלכע ווערטפולע דערקלערונגען וועגן ליבערמאַנס בריוו, האָט דאָך נאָך אין 1930 מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די לערעריי פון ליבערמאַן אין סוואַלק (זע: „דער האַמער", ניו־יאָרק, 1930, נאָוועמבער—דעצעמבער). דאָס זעלביקע איז געשען מיט ראובן ברייני אין זיין סעריע אַרטיקלען וועגן ליבערמאַנען („התורן", גליון ט"ו־ט"ז, ניו־יורק, 1917). די צוויי אָפיציעלע בריוו ווערן געגעבן לויט דער איבערזעצונג פון פנחס קאָן אין „פון נאָענטן עבר", וואַרשע, 1938, ב' 5, ז' 7.
17. ווען א. ש. ליבערמאַן איז סוף 1879 אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, איז זיין פרוי רחל אַוועק מיט די קינדער קיין סוואַלק, וואו זיי האָבן געלעבט ביי חנה בערנשטיין, רחל'ס שוועסטער.

אין 1867 איז אין סואוואַלק געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע פּריוואַטשול מיט רוסיש, ווי די לימוד־שפּראַך. איר גרינדער איז שלמה זעליגמאַן, וועלכער איז געווען דער רעליגיע־לערער פאַר די יידישע קינדער אין דער אָרטיקער מלוכה־גימנאַזיע. שפּעטער איז זעליגמאַן געוואָרן קאַזיאָנער ראַבינער פון סואוואַלק און אין 1894 — מלוכה־אינספּעקטאר פון אַלע יידישע שולן און חדרים אין שטאָט. דער דירעקטאר א. סולטאַנאָווסקי האָט אים געגעבן די דערלויבעניש דערצו.[18]

זעליגמאַן האָט געמאָלדן פאַרן גרינדן זיין שול, אַז אין איר וועט מען לערנען אויך העברעאיש. די ערשטע צייט איז זי אָבער געווען כולה רוסיש און דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די סואוואַלקער משכילים־העברעאיסטן.[19]

אין 1869 איז אין סואוואַלק געגרינדעט געוואָרן נאָך אַ פּריוואַטשול דורך זאב דאנייגער הכהן, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין חינוך־וועזן פון סואוואַלק און אין איר יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די שול איז געווען אַ העברעאישע, אָבער רוסיש האָט פאַרנומען אין איר אַ זייער חשוב'ן פּלאַץ. דער רוסיש־לערער אין דאנייגערס שול איז געווען ווישינסקי. די דאָזיקע שול האָט עקסיסטירט ארום 25 יאָר.

אין משך פון זיין פיל יאָריקער פּעדאַגאָגישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט דאנייגער באַקומען ניט ווייניק קעגנערס. לויטן שוין ציטירטן „טלטולי דרך" קומט אויס, אַז די לערערס י. ש. ווייס, ש. ל. ציטראָן און אַנדערע האָבן געהאַט גרויסע טענות צו אים צוליב זיין תקיפות. אויף די שפּאַלטן פון „המליץ" האָט זיך אין 1894 געפירט אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דאנייגערס טעטיקייט, מיט קריטיק פון איין זייט און לויבגעזאַנגען פון דער אַנדער זייט.[20] די מערכה פון דאנייגערן איז, משמעות, געווען זייער אַ שטאַרקע און ס'רוב בעלי־בתים האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אים. אויף איין קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער שול־טעטיקייט פון דאנייגערן, וואָס איז אַן אומדירעקטער ענטפער אויף דער קריטיק, זיינען דאָ איבער 50 חתימות, צווישן זיי פון די חשוב'סטע בעלי־בתים און קהל־פירערס, ווי: שלמה־צבי זעליגמאַן, קאַזיאָנער ראבינער, מנחם־מענדל ראָזנטאַל, מאיר־צבי סערייסקי, יצחק־דוב ברינמאַן, מיכל פרענקל, זלמן ראָזנטאל און אַנדערע. צום סוף איז דאָ אַ באַזונדערע הסכמה אויף די רייד פון המו"צ הרב ר' נפתלי און הרב ר' משה אלטמאַן.[21]

אַן אָפּקלאַנג פון דעם דאָזיקן וויכוח אין „המליץ" געפינט זיך אויך אין „הצפירה" פונעם זעלביקן יאָר (פון 5טן מיי), וואו אברהם ניימאַרק שרייבט, אַז אַ

18. „המגיד", 1867, נר' 31, 36; „המליץ", 1894, נר' 165. שלמה הירש זעליגמאַן, וואָס האָט געענדיקט די ווילנער ראַבינער־שול, האָט דאָס אַראָפּגעבראַכט אהרן ליבערמאַנען קיין סואוואַלק.

19. „הלבנון", 1867, נר' 19; „הכרמל", 1869, נר' 1.

20. נומערן 40, 53, 65, 66.

21. „המליץ", 1894, נר' 83.

דאַנק זאב דאנייגער האָט זיך פיל פאַרבעסערט דער חינוך אין סואוואלק.

אין 1886 איז אין סואוואַלק געשאַפן געוואָרן אַ שול פאַר יידישע מיידלעך, וואָס איז בכלל געווען אַ זעלטענע דערשיינונג אין יענע צייטן אין די שטעטלעך פון „תחום". איר גרינדער איז געווען חייקל מידד, אַ לערער אין סואוואַלק שוין מיט יאָרן פריער. אין צוויי יאָר ארום ווערט איבערגעגעבן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, אַז די מיידלשול אַנטוויקלט זיך גוט.[22]

אין די 80ער יאָרן האָט אין סואוואַלק עקסיסטירט אַ קליינער בית־ספר, וואו מען האָט געלערנט העברעאיש, דייטש און פּויליש. דער מנהל און לערער איז געווען גודינסקאַ.

אין 1892 האָט אָנגעפירט מיט אַ העברעאישער מיידלשול אין סואוואַלק אַ סלאָנימער לערער, וועלכער איז פריער געווען אַ לערער אין גרשון ראָזנצווייגס בית־ספר.

י. ש. ווייס דערציילט, אַז אין דער גאַנצער גובערניע פון סואוואַלק האָט מען געלערנט יידישע מיידלעך „תורה און וויסן פון לשון קודש". ער באַמערקט נאָך, אַז די דאָזיקע טראַדיציע פון לערנען די טעכטער איז געבליבן ביי אַלע יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע, וועלכע זיינען געקומען פון סואוואַלקער גובערניע. דאָס רוב תלמידות אין יידישע שולן אין אַמעריקע — שרייבט ער — זיינען פון סואוואַלקער אָפּשטאַם.[23]

אברהם אליהו סנדלר, אַ לערער פון ווערזשבאָלאָווע (ווירבאַלן), דערמאָנט אין זיין סעריע אַרטיקלען „להורים ולמורים"[24], אַז נאָר אין די גובערניעס פון לאָמזשע און סואוואַלק זיינען געווען עטלעכע יידישע שולן פאַר מיידלעך. אַזעלכע שולן, ווי אויך געמישטע פון יינגלעך־מיידלעך, זיינען שפּעטער פאַרבאָטן געוואָרן, לויט סנדלרס רייד, „בהשתדלות מלמדינו בפלך סוואַלק".

געווען אויך אַ קענטיקע צאָל יידישע שילערינס אין סואוואַלקער מלוכה־גימנאַזיע שוין אָנהייב די זעכציקער יאָרן — אָבער וועגן דעם וועט גערעדט ווערן שפּעטער.

אין 1893 האָט געעפנט אַ העברעאישע שול אין סואוואַלק דער שפּעטער באַוואוסטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער שמואל־לייב ציטראָן. די סואוואַלקער חובבי־ציון און נכבדי העיר האָבן אים געבראַכט פון אויגוסטאָווע. אין אַ יאָר אַרום איז ציטראָן אַריבער קיין מאַריאַמפּאָל, אָבער שפּעטער איז ער ווידער געקומען קיין סואוואַלק, וואו ער האָט געהאט אַ פּריוואַטשול ביז 1897 בערך. זיין הויז איז געווען אַ צענטער פאַר אַלע חובבי־ציון און העברעאיסטן אין שטאָט. דאָרטן איז אויך געווען אַ ציוניסטישער „מנין".

אין דער זעלביקער צייט האָט אָנגעפירט מיט אַ

22. דאָרטן, 1888, נר' 56.

23. „טלטולי גבר", ז' 131.

24. „המליץ", 1903, נר' 139.

שול אין סואוואַלק י. ש. ווייס, וועלכער איז געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט מיט ציטראָנען.

אַ מין חדר מתוקן האָט אין סואוואַלק געהאַט ג. ראָזנצווייג, וועלכער האָט אויסגעפירט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ וויכטיקע פּיאָנערישע ראָל אינעם אויסבוי פון דער יידיש־העברעאישער פּרעסע אין אַמעריקע.

כדאי נאָך צו דערמאָנען דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, אַז אין 1894 האָט דימענט — אַ סואוואַלקער ייד, וואָס האָט פריער געפירט זיינע מסחרים אין מאָסקווע — מנדב געווען אַ מויער אין שולגאַס און 500 רובל מזומן אויף צו גרינדן אַ מלאכה־שול אין סואוואַלק.[25]

*

דער עלטסטער, חשוב׳סטער און לאַנגיאָריקסטער חינוך־מוסד אין סואוואַלק איז געווען די תלמוד־תורה. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין 1851 דורך דעם דעמאָלטדיקן סואוואַלקער רב, דעם באַוואוסטן גאון ר׳ יצחק־אייזיק חבר, און זי האָט אויך געטראָגן זיין נאָמען „אהל יצחק".[26] די תלמוד־תורה והישיבה האָט עקסיסטירט ביזן היטלער־חורבן. זי האָט אַרויסגעגעבן מערערע מורי־הוראה בישראל, און אַ צאָל באַוואוסטע יידישע שרייבערס און עסקנים האָבן געלערנט אין איר.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ע. ב. סמאָלענסקי פון קאַלוואַריע אין „המגיד" ווערן דערמאָנט ווי די [מיט־]גרינדערס פון סואוואַלקער תלמוד־תורה יוסף ראָזנטאַל און דוב־בער ברינמאַן.[27]

אַ ריי יאָרן איז געווען דער מנהל פון תלמוד־תורה דוב־בער אייזנבערג. יוסף שיינהאַק, דער באַוואוסטער סואוואַלקער מחבר, שרייבט אין 1869, אַז זיין חבר אייזנבערג פירט אָן מיט דער תלמוד־תורה איבער 5 יאָר און אַז דאָרטן לערנען זיך ביי 400 תלמידים.[28]

הרב הגאון ר׳ זבולון־לייב באַריט, פיליפּאָווער רב, האָט אין 1872 באַזוכט סואוואַלק און פאַרהערט די תלמידים פון די העכערע מחלקות, וועלכע האָבן שוין געלערנט לויטן דרך פון אַ ישיבה. ער גיט איבער, אַז דאָרטן האָבן דאַמאָלסט געלערנט 8 מלמדים־לערערס און אַז די הנהלה איז באַשטאַנען פון: הרב דמתא — יושב־ראש, יוסף ראָזנטאַל — שני, בנימין דיסקין (דעם רב׳ס איידעם) — מזכיר, זלמן ראָזנטאַל — נאמן און אשר רובינשטיין — משגיח. יוסף ראָזנטאַל, אשר רובינשטיין און זלמן ראָזנטאַל זיינען געווען באַוואוסטע משכילים תלמידי־חכמים, און ס׳איז גאָרניט קיין וואונ־

25. דאָרטן, 1894, נר׳ 65.
26. אין הספד איבער ר׳ יצחק־אייזיקן („נפש נקי", ווארשא, 1853) ווערט געזאָגט, אַז „כמה טרחות טרח לייסד חברת ת"ת המפוארה, אשר יסדה בק"ק סובאלק".
27. 1877, נר׳ 29.
28. „ספר המלואים", ווארשא, 1869. לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ש. פ. צייטליס אין „המגיד" (1868, נר׳ 47, הוספה), איז צו פאַרשטיין, אַז אייזנבערג איז ניט געווען מנהל פון תלמוד־תורה, נאָר פון אירע וויכטיקסטע מעצענאַטן. — אין מערערע קאָרעספּאָנדענציעס רעדט זיך נאָר וועגן 250 תלמידים אין ת"ת.

דער יענער טייל פון באַריכט פון פיליפּאָווער רב, אַז אין תלמוד־תורה לערנט מען דקדוק (אין 1872!) און „לשונות עמים".[29]

אין סואוואַלקער תלמוד־תורה האָט מען געלערנט „דקדוק און פעלקער־שפּראַכן", איידער די רעגירונג האָט עס באַפוילן. דאָס הייסט ניט, נאַטירלעך, אַז אַלע מלמדים אין סואוואַלקער תלמוד־תורה (אָדער אַנדערע חדרים) וואָלטן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, וואָס עס פאָדערט דאָס געזעץ פון 1872 „וועגן די מלמדים אין סואוואַלקער גובערניע". רוסיש, פּויליש וכו׳ האָבן געלערנט אין תלמוד־תורה אָדער חדרים שפּראַכן־לערערס פון דער מלוכה־גימנאַזיע — און וועגן אַ טייל מלמדים איז מען „דורכגעקומען". טשיבולסקי, וואָס איז געווען שול־אינספּעקטאָר אין שטאָט סואוואַלק פאַר קאַרגע 30 יאָר (1871—1899), האָט פאַרשטאַנען די לאַגע פון די אַלטע מלמדים און ניט געפאָדערט פון זיי בכל חומר הדין צו קענען רוסיש. סידאָרסקי, וועלכער איז געקומען אויף זיין אָרט, האָט געהאַט די זעלביקע שטעלונג.[30] אַ פּאָר מלמדים האָט טשיבולסקי באַזייטיקט — צוליב מורא פאַר זיך, ער איז אָבער געווען בדרך כלל אַ יידן־פריינד, און אַ דאַנק אים האָט מען אַראָפּגענומען דעם איסור פאַר יידישע קינדער צו לערנען אין לערער־סעמינאַר פון ווייוועריִ, קרייז מאַריאַמפּאָל.[31]

מיטן רוסיש פון די מלמדים האָט מען זיך אַן עצה געגעבן, פּונקט ווי מען האָט געפונען אַ רפואה צו דער מכה פון געזעץ פון 15טן אפּריל 1888 וועגן דער צאָל פון די מלמדים. לויטן דאָזיקן געזעץ האָט אויף 1000 יידן אין אַ שטאָט געמעגט עקסיסטירן נאָר איין חדר, וואָס האָט אויך געמיינט פּראַקטיש: איין מלמד. די יידן אין סואוואַלקער גובערניע האָבן אָבער אויסגעפּשט׳לט, אַז מלמדים מעגן האָבן באַהעלפערס, וואָס זייער צאָל ווערט דורכן דערמאָנטן געזעץ ניט באַגרענעצט. טשיבולסקי האָט מקבל געווען דעם דאָזיקן אויסטייטש, און אויך דער שול־אינספּעקטאָר פאַר סואוואַלקער קרייז נענאַדקעוויטש האָט עס אָנגענומען.[32]

די תלמוד־תורה אין סואוואַלק איז געווען אַ גרויסע אונטערנעמונג. זי האָט פאַרמאָגט בדרך כלל אַכט ביז צען מלמדים־לערערס און אַ דורכשניט פון 250 תלמידים, וואָס זייער גרעסטער טייל האָט ניט געצאָלט און פיל פון זיי האָט מען נאָך באַשוכט און באַקליידט. דאָס האָט אריינגעטריבן אין גרויסע הוצאות. דעם חלק הארי פון בודזשעט האָבן געשאַפן סואוואַלקער בעלי־בתים. אין 1875 גיבן אָפּ די משגיחים פון תלמוד־תורה אַ דאַנק

29. „הלבנון", 1872, נר׳ 39.
30. זע „המגיד", 1888, נר׳ 10. דער מחבר פון אַרטיקל אין „המגיד" איז א. ס—ר., אָבער לויט אַלע סימנים איז קלאָר, אַז דאָס איז דער שוין פריער דערמאָנטער לערער פון ווערשזבאַלאָווע א. א. סנדלר.
31. „המליץ, 1883, נר׳ 96.
32. א. א. סנדלר אין „המליץ", 1903, נר׳ 139. — געהילף פון טשיבולסקין איז געווען דאַנילעוויטש.

חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך: | בעזהשי"ת | שמח זבולן בצאתך ויששכר באהליך:

ב"ה

# התלמוד תורה הגדולה והישיבה דק"ק סובאלק

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן (שבת קיט)

גדול תלמוד תורה יותר מבנין בית המקדש (מגילה ט"ז)



עקרי התקנות מספר הישיבה

אויסצוגן פון ספר התקנות

## תעודת חבר

בס"ד | ובכו"ס

מיטגליעד שיין

בידי כק"ג חבר ר' דוד בר גרונם פיוווארסקי

מעיר פילעפאווע נ"י

חובת החברים:

דער פפליכטונג פון דיא חברים:

ונתתי להם בביתי ובחומתי יד ושם טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו אשר לא יכרת

סובאלק, דפוס ברינבאן.

א מיטגליד-קארטע פון סואוואלקער תלמוד-תורה

די אָרטיקע מנדבים, און זיי רעכענען אויס נאָמען ביי נאָמען 87 בעלי־בתים.[33]

פאַר די אָרטיקע איז אָבער דאָך געווען שווער צו דעקן דעם גאַנצן בודזשעט און זיי האָבן זיך געווענדט, משמעות, נאָך הילף ביי יידישע בעלי־צדקה אין אויס־לאַנד. וועגן איינעם פון זיי געפינען מיר, אַז ער האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן און האָט אין משך פון אַ ריי יאָרן געגעבן נדבות פאַר סואוואַלקער תלמוד־תורה. דאָס איז געווען דער באַרימטער יידישער מעצענאַט און כלל־טוער ר׳ משה מאָנטעפיאָרי.

אויף איין נדבה פון מאָנטעפיאָרין האָט די הנהלה פון ת״ת אָפּגעשיקט צו אים דעם ווייטערדיקן בריוו:

„ביראת הכבוד הננו החתומים מטה, חברי ועד הת״ת דפה, להודות לך על הסך של 5 לירות שטערלינג, ששלחת לנו למשען הת״ת בעירנו. נפשנו מלאה חרדת קודש בראותנו, כי לבך רחב מני ים לעשות צדקה וחסד, ובהיותך משגיח מן החלונות לתקן ולחזק כל דבר נפל ביעקב, הנך גם מציץ מן החרכים לחזק כל בדק ולשחד מכחך בעד כל פעולה טובה ומועלת.

נפלאים מעשיך, איש צדקות אהב. נפשנו יודעת מאד, כי הנך נעלה על כל רחשי לבנו בהיותך דרוש גם ללא שאלוך וכל מחשבות לבבך רק לרדף צדקה ולהצמיח ישועות בארץ, עד כי תפרש כנפי חסדך בכל רחבי תבל, ובאשר תמצא ידך לזרע צדקות שם הנך. ע״כ תפלתנו ערוכה לד׳, באל הרועה אותך זה מאה שנה, כי יוסף לך שנות חיים וירבה כחול ימיך, יפרח צדיק כתמר ועצמותיך יחלץ, למען תהיה למופת בקרב הארץ ולכבוד בתוך עמך בית ישראל עד שוב כבוד יעקב, בשוב ד׳ שבות עמו״.[34]

די קאָרעספּאָנדענץ וועגן דאָזיקן בריוו איז גע־חתמ׳עט פון ישראל־זלמן סטאַראָפּאָלסקי, אַ גרויסן בר־אורין און שרייבער אין צייטונגען, וואָס איז דעמאָלט (און פיל יאָרן שפּעטער) געווען דער מנהל פון תלמוד־תורה.[35]

פון טיפן דאַנק און דרך־ארץ וועגן צו מאָנטעפיאָרין האָבן די פירערס פון תלמוד־תורה באַשלאָסן אים אויס־צוקלייבן ווי אַן ערן־מיטגליד פון דעם מוסד. דער יידישער באַרימטער נדבן האָט געגעבן זיין הסכמה און אויף אַזאַ אופן איז סער משה מאָנטעפיאָרי געווען מערערע יאָרן אַ „חבר כבוד ותפארת״ פון אַ מוסד אין סואוואַלק.

אַ גרויסן חלק אין גייסטיקן אויסבוי פון דער תלמוד־תורה האָט געהאַט הרב ר׳ יעקב טוביה גאָלד־בערג, וועלכער איז דאָרטן געווען דער ראש הישיבה אין משך פון 31 יאָר (פון 1864—1895). ר׳ יעקב איז געווען פריער אַ רב אין עטלעכע שטעטלעך אַרום

33. „המגיד״, 1875, נר׳ 39.
34. „המגיד״, 1884, נר׳ 33.
35. לויט אַ פריערדיקער קאָרעספּאָנדענץ פון זעלביקן סטאַראָ־פּאָלסקי אין „המגיד״, 1883, נר׳ 23, איז די נדבה געווען 10 פונט. 85 אָרעמע קינדער פון תלמוד־תורה זיינען פאַרן געלט אָנגעטאָן געוואָרן אין נייע מלבושים און געגאַנגען אין אַ גרויסער פּראָצעסיע דורך דער שטאָט.

סואוואַלק. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון לערנען „שפת המדינה״. ער האָט אויך געשריבן חידושי־תורה אין „הלבנון״ און אַנדערע העברעאישע צייטשריפטן.[36]

אין די 90ער יאָרן האָט דער איין שטאָקיקער בנין פון תלמוד־תורה געהאַלטן ביים איינפאַלן. אין 1894 איז ער גרינטלעך רעמאָנטירט געוואָרן און מען האָט אַרויפגעבויט אויף אים נאָך צוויי עטאַזשן.[37]

חדרים, פון פאַרשיידענע טיפּן, זיינען אין 1894 געווען אין סואוואַלקער קרייז 225 מיט 225 מלמדים און 2960 קינדער.[38]

וועגן אַלגעמיינעם שטייגער פון די ישיבה־בחורים אין סואוואַלקער גובערניע שרייבט י. ש. ווייס אין זיין „טלטולי גבר״, אַז זייער לעבן איז געווען בעסער און אַנגענעמער, ווי אין די ישיבות פון ליטע און אַז זיי האָבן זיך דאָרטן געפילט פרייער. דאָס איז זיכער ריכטיק, נעמענדיק אין באַטראַכט די גאַנצע השכלה־אַטמאָספערע אין אָט דער געגנט.

*

איינע פון די באַקאַנטסטע יידישע חינוך־אינ־סטיטוציעס אין סואוואַלקער גובערניע איז געווען די העברעאישע שול אין סייני, וואָס איז געגרינדעט און געפירט געוואָרן פון דעם דעמאָלט גוט־באַוואוסטן השכלה־שרייבער ט״ף (טוביה־פנחס) שאַפּיראָ. אין דער פּראָגראַם פון דער שול זיינען אַריין די לימודים פון: תנ״ך, גמרא, עברית, רוסיש, חשבון, געאָגראַפיע פון רוסלאַנד און אַנדערע.[39]

ט״ף שאַפּיראָס שול, וואָס איז אַזוי שטאַרק אונטער־געשטיצט געוואָרן דורך די משכילים־קרייזן אין סייני, האָט זיך אָבער גאָר גיך אָנגעשטויסן אויף פיל שוועריקייטן און האָט קיין גרויס אריכת־ימים ניט געהאַט. די שול איז געשאַפן געוואָרן אָנהייב 1874 מיט 60 תלמידים און 5 לערערס. אָבער אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון סייני שוין אין זעלביקן יאָר ווערט איבערגעגעבן, אַז די שול האַלט ביים אונטערגיין.[40] ט״ף שאַפּירא אַליין לייקנט אָפּ די קלאַנגען וועגן מעגלעכן פאַרמאַכן זיך פון זיין שול, ער גיט אָבער אַליין צו — אין צווייטן יאָר פון איר עקסיסטענץ — אַז זי האָט זיך פאַר־קלענערט אויף אַ העלפט אין איר צאָל תלמידים און לערערס.[41]

די פערזענלעכקייט פון ט״ף שאַפּירא האָט זיכער געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן יידישן לעבן אין סייני, ביחוד אויף די אָרטיקע משכילים. אַ דאַנק אים זיינען זיי געווען פאַרבונדן מיט צענטראַלע השכלה־מוסדות, ווי, למשל, דער „חברת מרבי השכלה בישראל״ אין

36. געשטאָרבן י״ט אייר תרנ״ה. אים האָבן מספיד געווען הרב הגאון ר׳ טוביה קאצענעלנבויגן, אב״ד סואוואַלק, און הרב ר׳ בנימין מגנצא.
37. „המליץ״, 1894, נר׳ 53 און 1893, נר׳ 27.
38. יעווור. ענציקל.
39. „הצפירה״, 1874, נר׳ 8.
40. „הצפירה״, 1874, נר׳ 19.
41. „הצפירה״, 1875, נר׳ 2.

פעטערבורג, וואָס האָט זיי געשיקט ביכער און צייטונגען.[42] ניט געקוקט אויף דעם, זיינען אָבער, משמעות, די השכלה־פּאָזיציעס אין סייני געווען פיל שוואַכער, ווי אין סואוואַלק, סיי אין די 70ער, סיי אין די 80ער יאָרן. אין אַ גרעסערער קאָרעספּאָנדענץ פון סייני שרייבט אברהם צבי פּאלניצקי אין 1885, אַז די „פינצטערע" נוצן אויס די פּאָגראָמען, ווי אַן אָפּשרעק־מיטל קעגן דער השכלה און אַז פיל יידישע עלטערן שיקן ניט זייערע קינדער אין די וועלטלעכע שולן, ווי אַ תוצאה פון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע.[43] אַנטי־השכלה פּראָפּאָגאַנדע איז, נאַטירלעך, געווען אויך אין סואוואַלק, אָבער אירע ממשות'דיקע רעזולטאַטן זיינען געווען פיל נישטיקער, ווי אין סייני.

ניט נאָר די השכלה נאָר אויך די תלמוד־תורה אין סייני האָט געהאט וויניקער מזל, ווי די תלמוד־תורה אין סואוואַלק.

ט"ף שאפּירא שרייט געוואַלד אין 1883 וועגן דער פּעדאַגאָגישער און פינאַנסיעלער לאַגע פון סייניער תלמוד־תורה.[44]

אין זעלביקן יאָר, אין אַן אַנדער צייטונג, שרייבט אַן ענלעכע קאָרעספּאָנדענץ פון סייני חלוונא בערנשטיין. ער באַטאָנט, אַז דער מצב פון תלמוד־תורה איז שוין פיל יאָרן אַ שלעכטער, און ער רופט נאָך הילף, כדי זי צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג.[45]

טאַקע אינעם זעלביקן יאָר קומט אַ קול־קורא צו שטיצן די תלמוד־תורה „ביחוד לאנשי סגולתנו בניו־יארק ובפעטערסבורג". דער קו"ק איז גע'חתמ'עט דורך די גבאים פון תלמוד־תורה: משה פין, משה שאפּירא, ברוך ליפשיץ, שלמה בערקמאַן.[46]

אַ קלאָר בילד וועגן דער וועלטלעכקייט פון יידן אין סואוואַלק און אין גובערניע איז דער באַזוך פון יידישע ייִנגלעך און אויך מיידלעך אין די מלוכה'שע גימנאַזיעס. דאָרטן איז שוין אפילו אין די 70ער יאָרן ניט געווען קיין זעלטנקייט, אַז יידישע בחורים און מיידלעך זאָלן אפילו פאָרן שטודירן אין די אוניווערסיטעטן פון רוסלאַנד און אויך פון אויסלאַנד.

שוין אין 1867 געפינען מיר אַן אומגעוויינלעך (פאַר יענער צייט) גרויסע צאָל יידישע קינדער אין דער מלוכה־גימנאַזיע פון סואוואַלק: 27 יידישע תלמידים! אין הער מיידל־גימנאַזיע האָבן געלערנט עטלעכע יידישע מיידלעך אינעם זעלביקן יאָר. די 13 יעריקע

42. ח"ץ הכהן גיביאַנסקי, „המליץ", 1878, נר' 25. — אין „תולדות חברת מרבי השכלה בישראל", חלק א', ז' 114 איז דאָ אַ בקשה פון די „מחזיקי בית־הספר בסייני" אין 1874 וועגן הילף.

43. „המליץ", 1885, נר' 38; פּאַלניצקי איז געווען לערער אין סייני און קאלוואריע. אין „ימים ושנים" פון מ. י. פריד (ז' 82) איז דאָ אַ לענגערע שילדערונג וועגן אים.

44. „המליץ", 1883, נר' 27.

45. „הצפירה", 1883, נר' 32.

46. „הצפירה", 1883, נר' 86.



ג. ליפּסקי האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין די קלאַס־עקזאַמענס.[47]

אין 1872 האָט אַ יידישער בחור, קליינערמאַן, געענדיקט די סואוואַלקער גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.[48]

יעקב גאָלדבלאַט פון סואוואַלק האָט אין 1878 שוין געשטודירט אין פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט שפּעטער באַקומען מערערע פּרייזן פאַר זיינע קונסט־אַרבעטן.[49]

אין 1884 איז דער יידישער ערדמעסטער אין סואוואַלק, קורליאנדטשיק, געווען אַן אוניווערסיטעט־געענדיקטער.[50]

שמואל־זונדל פינקלשטיין פון פיליפּאָווע האָט אָנהייב 80ער יאָרן געענדיקט רעאַל־גימנאַזיע אין מאַרבורג.[51]

אין מיטן די 80ער יאָרן איז די צאָל יידישע שילערס אין דער סואוואַלקער רוסישער גימנאַזיע, וועלכע האָבן „אונטערגעקנעלט" מיט זייערע קריסטלעכע חברים, געווען אַזוי גרויס, אַז די דירעקציע האָט דורכגעפירט אַ ספּעציעלע אַנקעטע ביי די יידישע גימנאַזיסטן, ווער פון זיי גיט געצאָלטע לעקציעס צו די ניט־יידישע גימנאַזיסטן. דער ציל איז געווען קלאָר: פאַרבאָטן אַזאַ מין חבר'ן זיך, ווי דאָס איז שוין געווען אין די גימנאַזיעס פון מינסק, ווילנע און אין אַנדערע ערטער.[52]

אין 1887 האָבן 7 יידישע תלמידים געענדיקט די רוסישע גימנאַזיע אין סואוואַלק. 4 פון זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.[53]

אין 1888 זוכט דער גימנאַזיע־שילער פון סואוואַלק יעקב בערנשטיין זיין טאַטן יצחק, וואָס האָט מיט יאָרן פריער געשטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין און ברעסלוי.[54]

סוף אַכציקער יאָרן האָבן צוויי זין פון אסתר און זלמן ראָזנטאַל[55] פון סואוואַלק, אליעזר און אברהם, געלערנט אין דער אָרטיקער גימנאַזיע. זייער טאָכטער מנוחה האָט אין 1889 פאַרענדיקט איר מאטורע־עקזאַמען מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.[56]

די צאָל יידישע גימנאַזיסטקעס אין סואוואַלק איז געווען אזוי גרויס, אַז אפילו די גרינדערס פון „בקור חולים" אין סואוואַלק זיינען געקומען בעיקר פון זייערע רייען.[57] אגב, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער דאָזיקער

47. „המגיד", 1867, נר' 31.

48. „המגיד", 1872, נר' 28.

49. Jewish Encyclopedia, VI., p. 21

50. „דער פּוילישער אידעל", לאָנדאָן, נר' 9.

51. „המגיד", 1885, נר' 21.

52. „המליץ", 1885, נר' 81.

53. „המליץ", 1887, נר' 203.

54. „המגיד", 1888, נר' 35.

55. ז. ראָזנטאַל האָט, אגב, זיך אויסגעצייכנט אויפן פּאַריזער שאכטורניר אין 1867.

56. „המליץ", 1889, נר' 139 און 1890, נר' 3; „יודישעס פאָלקס־בלאַט", נר' 33, פּעטערבורג, 1889.

57. „המליץ", 1890, נר' 215.

ידיעה איז אַליין אַ פרוי, אסתר ברוינראָט — פון די גאַנץ זעלטענע דערשיינונגען אין די דעמאָלטדיקע העברעאישע צייטונגען.

אין 1900 האָבן צווישן די גימנאַזיע־אביטוריענטינס אין סואוואַלק זיך אויסגעצייכנט די יידישע מיידלעך מינע בוראַק פון סואוואַלק און פרייד פון סייני.[58]

אַזאַ גרויסע צאָל משכיל׳ישע און האַלב־משכיל׳ישע אינטעליגענץ, ווי דאָס האָט פאַרמאָגט סואוואַלק, האָט, נאַטירלעך, געפילט אַ גרויסע באַדערפעניש אין אַ יידיש (פינקטלעכער: העברעאיש) בוך. די ערשטע דערלויבעניש, אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, אויף צו עפענען אַ יידישע ביבליאָטעק איז אַרויסגעגעבן אין 1867.[59]

אין 1891 איז געשאַפן געוואָרן אין סואוואַלק די חברה „שפה ברורה", וואָס איר ציל איז געווען צו פאַרשפּרייטן די העברעאישע שפּראַך. „שפה ברורה" האָט געגרינדעט אַן אייגענע ביבליאָטעק אין 1891. דער גביר מאַרקסאָן האָט געגעבן אַ צושטייער צו איר גרינדונג.

די „שפה ברורה" האָט גלייך ביים אנהייב געציילט 70 חברים בערך. זיי האָבן געפירט אַן אַקטיווע טעטיקייט. יעדער חבר האָט געמוזט מיט אַ צווייטן חבר פון „שפה ברורה" ריידן העברעאיש. יעדן מוצאי שבת פלעגן זיי זיך צונויפקומען אין אַ שול הערן אַ העברעאישע לעקציע אָדער דורכפירן אַן אַנדער אונטערנעמונג, אַלץ אויף עברית.[61] אין זעלביקן יאָר האָבן זיי אויפגעפירט לטובת „שפה ברורה" מ. ל. ליליענבלומס „זרובבל",[62] וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פונעם אָרטיקן באַוואוסטן לערער זאב דאנייגער. אין אַ יאָר אַרום איז די זעלביקע פאָרשטעלונג געשפילט געוואָרן דורך די שפה־ברורה׳ניקעס לטובת „לחם עניים". אין „זרובבל" האָט זיך אויך באַטייליקט אַן אָקאָרשט־געגרינדעטער העברעאישער אָרקעסטער מיטן לאַנגן מליצה׳דיקן נאָמען: „מנגנים בכלי־שיר מאהבה מבני ישראל". צווישן די אַרטיסטן אין „זרובבל" האָבן זיך געפונען די לערערס [יעקב אליעזר] ווישינסקי און [שמעון] ווישייסקי.[63]

אין אַ רשימה פון 120 חברים אין 1901 פון „אחיאסף", דער בשעתו וויכטיקסטער געזעלשאַפט פאַר העברעאישער ליטעראַטור, געפינט זיך דער נאָמען פון סואוואַלקער ב. סערייסקי.[64]

58. „הצפירה", 1900, נר׳ 151.
59. „המגיד", 1867, נר׳ 7.
60. „הצפירה", 1891, נר׳ 7/6.
61. „המליץ", 1891, נר׳ 45.
62. „זרובבל" אָדער „שיבת ציון", אַ דראַמע אין 5 אַקטן פון מ. ל. ליליענבלום, אדעס, 1887.
63. „המליץ", 1891, נר׳ 66 און 1892, נר׳ 100; „הצפירה", 1892, נר׳ 87 און 98.
64. „השקפה על מעשה החברה „אחיאסף", ווארשא, תרס"ב.



די סואוואַלקער משכילים האָבן אָרגאַניזירט אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן קורסן פאַר דערוואַקסענע. אַזעלכע אָוונט־קורסן זיינען, למשל, געשאַפן געוואָרן אין 1899 פאַר רוסיש און חשבון. די לערערס זיינען געווען: ווי־שייסקי, אלכסנדראוויץ און מידד. אין זעלביקן יאָר איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן די חברה „תורה מציון" (משמעות, פון ציוניסטן) ספּעציעל פאַר אַרבעטערס צו לערנען תנ"ך און יידישע געשיכטע.[65]

אַ בילד וועגן דער אַלגעמיינער השכלה־שטימונג אין סואוואַלקער גובערניע און ביחוד אין איר הויפּט־שטאָט קען מען געפינען אין די זכרונות און בריוו פון אליעזר מרדכי אַלטשולער, אַ סואוואַלקער מבטן ומלידה.

אַלטשולער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע חובבי־ציון פון סואוואַלק און אומגעגנט צו פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, שרייבט אין 1881, אין אַ בריוו צו ז. ד. לבונטין, וועגן אירע חברים אַזוי: „מיר זיינען אַלע בני תורה ותבונה, ניטאָ קיין איינער אין אונדזער חברה, וואָס קען ניט קיין דריי אָדער פיר שפּראַכן, אויסער דער הייליקער שפּראַך פון אונדזערע אבות."[66]

זאב דאנייגער, וועלכער איז געווען פון אַלטשולערס הויפּט־מיטהעלפערס אין אָרגאַניזירן די אויבן דערמאָנטע גרופּע, באַקלאָגט זיך אין אַ בריוו צום באַקאַנטן יחיאל מיכל פינס אין נאָמען פון זיינע חברים, הלמאי די „חברת מיסדי הישוב" האָט אַ תקנה, אַז „מען טאָר ניט לערנען אַ יידיש קינד קיין שום שפּראַך אויסער העברעאיש".[67]

וועגן דער פראַגע פון רעליגיע שרייבט אַלטשולער, אין זעלביקן בריוו צו לבונטין, די ווייטערדיקע אינ־טערעסאַנטע שורות, וואָס גיבן אַ קלאָר בילד וועגן גייסטיקן פרצוף־פּנים פון יידן אין סואוואַלקער געגנט אין יענער תקופה:

„אויף זיין פראַגע, אויב אונדזער חברה איז באַזירט אויף טאָלעראַנץ אָדער רעליגיעזן פאַנאַטיזם... קען מען זאָגן, אַז אַזעלכע פאַנאַטיקערס זיינען אין אונדזערע קרייזן (גלילותינו) דאָ ווייניק (מיין קורסיוו — ב. כ.) — כאָטש אַזעלכע מענטשן ווערן ניט בטל [אפילו] צווישן טויזנט... אונדזעריקע זיינען דאָ פאַראַן מערער פון זייעריקע, און מיר פירן ניט קיין דיסקוסיעס מיט זיי, און זיי האָבן אויך מורא צו עפענען אַ מויל קעגן אונדז."[68]

געווען ווייניק שטעט אין תחום־המושב, וואו מען האָט געהאַט מורא „צו עפענען אַ מויל" קעגן חובבי־ציון און משכילים.

65. „הצפירה", 1899, נר׳ 124.
66. „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב א"י", כרך ג׳, זייט 323, נר׳ 1115.
67. דאָרטן, ז׳ 119.
68. דאָרטן.

# חיבת ציון

סואוואַלקער יידן זיינען פון די עשרה ראשונים אין דער באַוועגונג פון חיבת־ציון.[1] אין פּראַקטישער אַרבעט פאַר ישוב א״י זיינען די סואוואַלקער טאַקע אפשר די סאַמע ערשטע צווישן אַלע חובבי־ציון.

קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָפט אַ טבע צו איבער־טרייבן די גרויסקייט פון זייער שטאָט, ס׳איז אָבער לחלוטין ניטאָ קיין ברעקל גוזמא אין די רייד פון „אחד מחובבי ציון" פון סואוואַלק, אַז „די מענטשן פון אונדזער שטאָט סואוואַלק זיינען דאָך געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו פאַרווירקלעכן דעם געדאַנק פון ישוב ארץ־ישראל".[2]

אברהם־אליהו סנדלר, ניט קיין פּנים חדשות אין „המליץ", שרייבט דאָרטן, אַז „פיל האָבן געקוקט אויף איר [אויף סואוואַלקער חברה צו קויפן ערד אין א״י], ווי אויף אַ פעסטן יסוד, אויף וועלכן מען קען בויען אונדזער גאַנצן פאָלקס־בנין".[3]

דוד גאָרדאָן, דער באַוואוסטער רעדאַקטאָר פון „המגיד", שרייבט אין איינעם פון זיינע בריוו צו די סואוואַלקער אַלטשולער און ברימאַן, אַז „איר זייט די ערשטע פון אַלע צעשפּרייטע יידן", וועלכע קומען ניט בעטן קיין נדבות פאַר א״י, נאָר גייען אַליין פאַרווירק־לעכן די אידיי.[4]

א. דרויאַנוב, איינער פון די הויפּט־פאָרשערס פון חיבת־ציון, שרייבט וועגן סואוואַלקער חברה „יסוד המעלה", אַז זי איז איינע פון די ערשטע, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַר ישוב הארץ.

אין זיין גרויסער אַרבעט וועגן דער ציוניסטישער ווילנע שרייבט יצחק ברוידעס, אַז סואוואַלק איז געווען צווישן די ערשטע זיבן שטעט פון חיבת־ציון.[5]

אויך אין זייערע ניי־איינגעוואַנדערטע לענדער זיינען סואוואַלקער געשטאַנען אין די ערשטע רייען פון חיבת־ציון. אָנהייב ניינציקער יאָרן איז „דער ערשטער צווישן די יונגע [ניי־געקומענע], וואָס האָט געטראַכט צו מאַכן לאָנדאָן פאַר אַ [יידיש]־נאַציאָנאַלע שטאָט, געווען דער טייערער משכיל איש־כישור" פון סואוואַלק. ער און נאָך דריי חברים „האָבן געהאַט דעם כוח צו שטיין אויף דער בימה און צו פריידיקן פאַר טויזנטער מענטשן" וועגן בנין הארץ. דעם 18טן יאַנואַר, 1893, איז אויף אַן אסיפה פון 20 מענטשן, מערסטנס מיטגלידער פון סואוואַלקער שול אין לאָנדאָן, באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ חברה „אהבת ציון". די חברים האָבן געדאַרפט צאָלן וועכנטלעך און

1. דער ערשטער חובב־ציון אין איינעם פון די אַמאָליקע גרעסטע יידישע צענטערס, אין וואַרשע, איז געווען דער סואוואַלקער שרייבער דוב אריה פרידמאַן. דאָס דערציילט ד״ר י. שאַצקי אין זיין „געשיכטע פון יידן אין ווארשע" (באַנד III, ז׳ 269), אָבער נישט אָנגעבנדיק זיין אָפּשטאַם.
2. „המליץ", 1893, נר׳ 57.
3. דאָרטן, 1883, נר׳ 18.
4. „מימים ראשונים", עורך: א. דרויאנוב, תל־אביב, 1934/35.
5. „וילנה הציונית ועסקניה", תל־אביב, 1939.

דורך דעם וואָלט אין 6־7 יאָר אַרום יעדערער געהאַט זיך איינגעשאַפט אַ שטיקל נחלה אין ארץ־ישראל.[5*]

נאָך צענדליקער יאָרן פאַר חיבת־ציון זיינען יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט עולה געווען קיין א״י. שוין אָנהייב פופציקער און אפשר סוף פערציקער יאָרן זיינען סואוואַלקער געווען אין א״י ניט אויף די פינגערס צו ציילן, אַזוי, אַז אין 1856 האָט שוין עקסיסטירט אין ירושלים אַ כולל סובאלק [ולומזא], וואָס האָט אינעם זעלביקן יאָר זיך באַטייליקט אין גרינדן דאָרטן די חברה קדישא. אין 1866 .איז דער כולל סובאלק (ולומזא) אַריין אין „ועד הכללי של החלוקה".[5**]

פון די מצבות־אויפשריפטן אין אַלטן ירושלים, וואָס אשר־ליב בריסק האָט צונויפגעקליבן, איז צו זען, אַז אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן האָבן אין דער הייליקער שטאָט געלעבט ניט ווייניק סואוואַל־קער. עטלעכע ביישפּילן פון די דאָזיקע אויפשריפטן:

יונה כהן מסוואלק, תרי״ט.

הצדקת והישרה כפה פרשה לעני חנה בת ר׳ יהודה מסוואלק, תרכ״ה (אשת ר׳ זרח מסוואלק שנקרא ר׳ זרח המשיח).

רישל אשת ר׳ חיים גודלעווער מסובאלק, תרכ״ז.

צבי ב״ר זאב הכהן מסואלק, תרל״ב.

רחל בת הרב המגיד יעקב אשת יוסף מסוואלק, תרל״ד.[6]

מצבה פון תרל״ה פון ר׳ יחזקאל מכולל סובאלק, אביו של מאיר אברהם סנדלר.

מצבה פון „הישיש וי״א מ׳ יעקב בר׳ דוד נוסבוים מראצק, נפטר תרל״ו.[6*]

ווען א. מ. אַלטשולער איז אין 1882 געקומען אויף זיין ערשטן וויזיט אין ארץ־ישראל, האָט ער געטראָפן אין ירושלים דעם סואוואַלקער ר׳ ישראל־לייב סלאַבוטיצקי, וואָס לויט זיין מעמד אין דער געזעלשאַפט איז קענטיק, אַז ער האָט דאָרטן געלעבט שוין צענד־ליקער יאָרן.[7]

יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט זיינען אין יענע יאָרן, משמעות, געפאָרן קיין ארץ־ישראל ניט ווייניק

5*. „זכרונות ציון", ד. פאניץ, באלטימארע, 1903, זז׳ 9, 20.
5**. „דור דור ועוליו", דר. י. ד. ווילהלם, ירושלים, 1946, ז׳ 126. — אין 1902 האָבן זיך געפונען אין כולל 616 נפשות, מערער ווי אין יעדן פון אַלע איבעריקע כוללים. די נדבות פון סואוואַלק־לאָמזשע פאַר זייער כולל אין ירושלים האָבן אין זעלביקן יאָר באַטראָפן 7000 דאלאר, מערער פון אַלע איבעריקע כוללים. אין 1903 האָט דער אַמעריקאַנער גביר ר׳ ישראל זילבערטאַל אויסגעבויט הייזער פאַר סואוואַלקער כולל׳ניקעס אין קווארטאל „מאה שערים" פון ירושלים. זע: „ספר זיכרון לקהילת לומזה", ירושלים, תשי״ג, רעדאַגירט פון ד״ר יום־טוב לעווינסקי.
6. זע צום סוף „חלקת־מחוקק" אין ביבליאָגראַפיע־אָפּטייל.
6*. דאָרטן.
7. „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב א״י".

אונטער דער השפעה פון אַ פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז דאָרטן אָנגעגאַנגען. אַזוי, למשל, געפינען מיר, אַז ר׳ צבי־הירש קאַלישער, פון די רבנים־חלוצים פאַרן געדאַנק פון שיבת־ציון, לויבט שטאַרק אין 1873 די אַגיטאַציע פאַר ישוב א״י פון „הרב המאור הגדול וכו׳ זבולון [בארי״ט] נ״י אבדק״ק פיליפּאָווי״.[8]

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך די משפּחה־פאַרבינדונגען מיט לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין א״י שוין מיט יאָרן פריער, זיינען געווען פון די פאַקטאָרן, וואָס סואוואַלק איז געווען פון די ערשטע צו דערהערן דעם רוף פון חיבת־ציון. אַ חלק אין דעם האָט אויך דער פּיאָנערן־גייסט פון די יידן אין סואוואַלקער געגנט צו גיין דאָרטן, וואו אַ וועג האָט נאָך געדאַרפט אויסגעטראָטן ווערן.

אין 1881 איז אין סואוואַלק געשאַפן געוואָרן די אגודה „יסוד המעלה״. איר הויפּט־גרינדער, פירער און אידעאָלאָג איז געווען ר׳ אליעזר־מרדכי אַלטשולער, זיינע הויפּט־מיטהעלפערס — זאב הכהן דאנייגער, ר׳ יצחק־דובברימאַן און יהושע־זאב ברימאַן.

דער ציל פון די סואוואַלקער יסוד־המעלה׳ניקעס איז געווען — עולה זיין קיין א״י. די זאַך האָט אָנגענומען תיכף גאָר קאָנקרעטע פאָרמען. אַלטשולער און זיינע מיטהעלפערס האָבן אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 30 בעלי־בתים, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך מתחייב געווען איינצוצאָלן אויף זיין חלק 2,000 רובל, ווען דער נייטיקער שטח באָדן אין א״י וועט איינגעקויפט ווערן. האַנטגעלט האָט יעדער געגעבן פופציק רובל. די צאָל חברים פון דער אגודה איז גיך אויסגעוואַקסן.

אין אַ בריוו פון 5טן דעצעמבער, 1881, סואוואַלק, צו ז. ד. לבונטין, קרעמענטשוג,[9] שרייבט אַלטשולער וועגן זיין פּלאַן, ווי די זאַך צו פאַרווירקלעכן. קודם כל וועלן געשיקט ווערן אַ פּאָר שליחים קיין א״י, כדי אויסצופאָרשן די לאַגע אויף אָן אָרט, און אויב זייער באַריכט וועט זיין אַ גוטער, „דעמאָלט וועלן געבן די דאָזיקע חברים, ווי אויך די נייע, וועלכע וועלן זיך מצטרף זיין צו אונדז, די געהעריקע סומע געלט, וואָס איז נייטיק פאַרן איינקויף פון דער ערד און פאַרן בנין פון די הייזער, און 5 אָדער מערער חברים וועלן [דעמאָלט] אָפּפאָרן קיין א״י איינצוקויפן די ערד און זי באַאַרבעטן. און ווען ס׳וועט קומען די צייט פון זייען, וועלן אַרויספאָרן צו זיי די איבעריקע חברים, און ווען ס׳וועט קומען די צייט פון שניט, וועלן אָפּפאָרן אַהין זייערע פרויען און קינדער צו שניידן מיט געזאַנג זייערע סנאָפּעס״.

וועגן די צילן פון דער חברה שרייבט אַלטשולער אינעם זעלביקן בריוו, אַז „די כוונה איז אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון לוקסוס״ און אַז „מיר וועלן באַאַרבעטן די ערד מיט אונדזער כוח און אונדזערע הענט״.

8. „הלבנון״, תרל״ג, נר׳ 3.
9. „כתבים לתולדות חבת ציון. . .״, נר׳ 1115, ז׳ 323.



אַלטשולער רעדט דאָרטן אויך וועגן דער שפּראַכן־פראַגע. ער שרייבט: „איינע פון אונדזערע תקנות וועט זיין, אַז אין לאַנד פון אונדזערע אבות וועלן מיר ריידן אין דער שפּראַך פון אונדזערע אבות״. ער ברענגט דאָרטן אויך די מיינונג פון די חברה־פירערס וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ, לימוד פון פרעמדע שפּראַכן וכו׳ [10].



ר׳ מרדכי אליעזר אַלטשולער

אין „יסוד המעלה״ זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי חברים נאָר אַזעלכע, וועלכע „האָבן ליב זייער פאָלק און לאַנד מיטן גאַנצן האַרצן און זיי זוכן דעם טובת הכלל״ און וועלכע נעמען זיך אָן אָפּצוטרייסלען „פון אַלע מיאוסע מידות, וואָס האָבן געמאַכט דעם יידישן נאָמען צו שאַנד אינעם לאַנד, וואו מיר וואוינען״.

אין אַן אַנדער אָרט שרייבט אַלטשולער וועגן די סיבות, וואָס האָבן אין סואוואַלק אַרויסגערופן דעם געדאַנק פון ישוב ארץ־ישראל. ער דערמאָנט, אַז נאָך פאַר די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן האָבן יידן אין רוסלאַנד־פּוילן שוין געהאַט אויסצושטיין פיל צרות, ווי רויבערייען, אונטערצינדונגען פון יידישע שטעטלעך און טאַקע אויך פּאָגראָמען. אויך אין סואוואַלק, שרייבט ער, האָבן יידן מורא געהאַט, אַז מען וועט אונטערצינדן יידישע הייזער־קוואַרטאַלן. יידן פלעגן פשוט ניט שלאָפן פאַר מורא פון שריפות. זיי האָבן אפילו אָנגעשטעלט שומרים, וואָס זאָלן היטן ביי נאַכט די שטאָט. אַלטשולער דערמאָנט, אַז שוין דעמאָלט האָט צווישן די שטעטלשע יידן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ חברה מיטן ציל צו פאָרן קיין א״י.[11] בריוו פון ענלעכן אינהאַלט שרייבט אַלטשולער צו יעקב גאָלדמאַן און זאב דאנייגער צו י. מ. פּינעס.[12]

איידער די סואוואַלקער יסוד־המעלה׳ניקעס האָבן

10. זע וועגן דעם אויך קאַפּיטל „חינוך און השכלה״.
11. „מימים ראשונים״, כרך א׳.
12. דאָרטן זז׳ 93, 94.

באַשלאָסן צו שיקן דעלעגאַטן קיין א״י „לתור את הארץ״, האָבן זיי געפּרואווט אַרויסבאַקומען אינפאָרמאַציע דורך בריוו צו פאַרשיידענע פירנדיקע פערזענלעכקייטן, ביחוד אָבער צו י. מ. פינעס אין ירושלים. זיי האָבן געזוכט ענטפערס אויף די פראַגעס: וועט די טערקישע רעגירונג שטערן זיך צו באַוואָפענען, כדי זיך קעגנ־צושטעלן אין פאַל פון אַן אָנגריף? דאַרף מען מורא האָבן פאַר דער שכנות פון ווילדע אַראַבער? וועט די רעגירונג ניט שטערן „אונדזער רעליגיעזע הנהגה און דעם חינוך פון אונדזערע קינדער״? איז בעסער אָנצו־נעמען די שוץ פון דער טערקישער רעגירונג אָדער די פּראָטעקציע פון אַן אייראָפּעאישער מאַכט? אאז״וו.

איינע פון די שאלות־ותשובות צווישן פינעסן און די סואוואַלקער איז באַזונדערס אינטערעסאַנט. די סואוואַלקער חברים פון „יסוד המעלה״, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין א״י, זיינען אַלע געווען בעלי־בתים. זיי האָבן אָבער געוואוסט, אַז אָן בעלי־מלאכות וועלן זיי ניט קענען אויסקומען, האָבן זיי געשריבן פינעסן, אַז זיי רעכענען מיטצונעמען אויף זייער חשבון 20 יידישע האַנטווערקערס פון סואוואַלק. אויף דעם האָט פינעס זיי געענטפערט, אַז בעלי־מלאכות זיינען גראָד דאָ גענוג, נאָר אויב זיי קענען, זאָלן זיי מיטנעמען 20 קריסטלעכע ערדאַרבעטערס[13] (מיין קורסיוו — ב. כ.).

דערביי איז אויך כדאי צו באַמערקן, אַז אין סואוואַלקער „יסוד המעלה״ זיינען געווען חברים אויך פון מאַריאַמפּאָל, לאַזדיי, קאַלוואַריע, און אויך פון מעזעריטש, בריסק און קאָוונע.

ז׳ תשרי תרמ״ב (1882) האָבן די מיטגלידער פון „יסוד המעלה״ באַשלאָסן אויף אַן אסיפה צו דעלעגירן 2 שליחים קיין ארץ־ישראל: א. מ. אַלטשולער און ר׳ יוסף ראָזנטאַל. היות דער לעצטער האָט שפּעטער חרטה געקראָגן, האָט אַ צווייטע אסיפה אויסגעקליבן אויף זיין אָרט ר׳ יצחק־דוב ברימאַן. אויף הוצאות הדרך האָבן געגעבן די מיטגלידער פון דער חברה.[14]

די אויפגאַבע פון די שליחים איז געווען צו ברענגען: „קלאָרע אינפאָרמאַציע וועגן קלימאַט פון לאַנד, ערד־אַרבעט, לעבן פון די שטאָטישע און דאָרפישע, וועגן תבואה און פּרות, רינד און שאָף; קלאָרע אינפאָרמאַציע וועגן דער נייטיקער סומע פאַר אַ משפחה זיך דאָרטן צו באַזעצן, קלאָרע ידיעות וועגן דער זיכערקייט פאַרן לעבן און אייגנטום מצד דער רעגירונג און די איינ־וואוינערס״.[15]

[די חברה „יסוד המעלה״ האָט געהאַט אַ גאַנצע פּראָגראַם פון ציל און מעטאָדן, וואָס איז געווען אָפּ־

13. דאָרטן.
14. דאָרטן, ז׳ 120.
15. כתבים לתולדות חבת ציון..״, ז׳ 334. — אין דער ביבלי־אָגראַפישער שריפט „קרית ספר״, כרך י׳, ז׳ 406, ווערט אָנגעוויזן אויפן גרויסן ווערט פון אַלטשולערס בריוו פאַר דער געשיכטע פון חיבת־ציון.

געדרוקט אונטערן נאָמען „פּראָגראַממע לאחוזת יסוד המעלה בארץ הצבי״].[16]

אַלטשולער האָט געשריבן פיל סענטימענטאַלע בריוו וועגן זיין אָנקום צו די ברעגעס פון הייליקן לאַנד. וועגן זיין וועג קיין ירושלים שרייבט ער: „מערערע מאָל בין איך אַראָפּ פון וואָגן, און געפאַלן צו דער ערד, און זי אַרומגענומען, און געקושט אירע שטיינער מיט ברענענדיקע ליפּן״.[17]

אין ירושלים האָבן די סואוואַלקער שליחים געהאַט אויסצושטיין ניט פאַרויסגעזעענע צרות. זיי זיינען אריינ־געפאָרן צו זייער פריינד י. מ. פינעס. פינעס איז געווען אַ פרומער ייד, ער איז אָבער ניט אויסגעקומען מיט די קנאים פון ירושלים, וועלכע האָבן אים פשוט אריינגעלייגט אין חרם. די ירושלימער קנאים, צוזאַמען מיטן דערמאָנטן סואוואַלקער תושב אין ירושלים ר׳ אריה סלאבוטיצקי, האָבן געוואָרנט די דעלעגאַטן, אַז אויב זיי וועלן ניט פאַרלאָזן דאָס הויז פון פינעסן, וועט מען זיי אויך אריינלייגן אין חרם. די רבנים פון ירושלים בראש מיטן באַוואוסטן גאון ר׳ יהושע לייב דיסקין האָבן געהאט אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן אריינלייגן אין חרם „די געסט פון סואוואַלק״, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן אויף ניט. ירושלימער פאַנאַטיקערס האָבן אָבער געשריבן קיין סואוואַלק, אַז מען זאָל די שליחים קיין וואָרט ניט גלייבן, ווייל — אַזוי האָבן זיי דערציילט — „שחתנו את דרכנו ונתחברנו לאנשי רשע ומרמה״ (מיר האָבן פאַרדאָרבן אונזער וועג און זיך פאַרבונדן מיט רשעים און ליגנערס).

אַלטשולער און ברימאַן זיינען געווען אין ארץ־ישראל ביי 4 חדשים. כדי עס זאָל ניט ווירקן שלעכט אויף אַנדערע, אויב זיי וועלן אַוועקפאָרן מיט ליידיקן, האָבן זיי איינגעקויפט די „נחלת ארבל הקרובה לטבריא״. די קניה איז אָבער שפּעטער ניט צושטאַנדגעקומען און דאָס האַנטגעלט איז פאַרפאַלן געוואָרן.[18]

דער באַריכט פון די סואוואַלקער דעלעגאַטן איז ניט געווען צו דערמוטיקנדיק. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף פיל שוועריקייטן סיי פאַר די חברים פון „יסוד המעלה״, סיי אין אַ בריוו צו ר׳ שמואל מאָהילעווער.[19] עמעצער האָט דערשנאַפּט די שלעכטע ידיעות וועגן ארץ־ישראל און עס איבערגעגעבן צום „וואסכאָד״. אין „המליץ״ (1885, נר׳ 24) האָט אַלטשולער גיך אָפּגעלייקנט די פאַרעפנטלעכטע ידיעות.

אַלטשולערס אינפאָרמאַציע וועגן מצב אין ארץ־ישראל, וואָס איז דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט ניט צוליב זיין שולד, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. דער באַוואוסטער ייִדיש־רוסישער שרייבער ל. לעוואַנדא שרייבט צו אפרים דיינאַרדן וועגן דעם אזוי: „ווי אַ

16. „כתבים...״, ז׳ 402.
17. „מימים ראשונים״, ז׳ 164.
18. זע ווייטער וועגן י. אבנר, וועלכער מאָלט אַ ביסל אַנדערש די גאַנצע געשיכטע.
19. „מימים ראשונים״, ז׳ 689.

דונער אין מיטן העלן טאָג האָט אַ זעץ געטאָן איבער אונזער קאָפּ דער בריוו, וואָס ה׳ אַלטשולער האָט געשיקט, אין וועלכן ער שילדערט די אַלע פּרטים פון דער לאַגע, וואָס ער האָט געזען אינעם הייליקן לאַנד במשך פון פינף מאָנאַטן — אין וועלכן ער מאָלט אַלע ענינים פון ישוב אין זייער שוואַרצע פאַרבן אָן אַ ברעקל ליכט״.[20]

די סואוואַלקער דעלעגאַטן האָבן דערציילט פאַר זייערע חברים וועגן אַלע מכשולים אויפן וועג פון באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, זייער אויספיר איז אָבער געווען: מיר דאַרפן און מיר מוזן עולה זיין אַהין. אַלטשולערס באַריכט איז געווען אַן אמת׳ע פּראָגראַם־רעדע, וואָס איר תמצית האָט באַטייט: מיר מוזן זיין חלוצים, נאָך אונדז וועלן אַנדערע קומען.[21]

ניט געקוקט אויף דעם ניט גינסטיקן באַריכט פון דער דעלעגאַציע, האָט זיך אָבער די חברה „יסוד המעלה״ פאַרגרעסערט נאָך איר צוריקקער און איר צאָל חברים האָט דערגרייכט 156 (לויט אַ צווייטן מקור — 137). אויך די אַלטע חברים האָבן אָנגענומען דעם אויספיר פון אַלטשולערן און בריקמאַנען און זיי האָבן אויף אַן אסיפה באַשלאָסן צו שיקן אַ צווייטע דעלעגאַציע קיין ארץ־ישראל פון דריי מענטשן: ר׳ מענדל בוראַק, ווי אַ מבין אויף באָדן, ר׳ ברוך ראָזנבערג, ווי אַ קענער פון פראַנצויזיש, וואָס איז געווען נייטיק פאַרן קומען אין באַריר מיט די רעגירונגס־מוסדות אין א״י, און דער דריטער איז געווען אַ בריסקער.

דאָס מאָל זיינען די דעלעגאַטן אויטאָריזירט געוואָרן איינצוקויפן אַ נחלה פון 10.000 דונאַם. מען האָט זיי מיטגעגעבן 5.000 רובל אויף האַנטגעלט. דער סכום איז געקומען פון 100 חברים, וואָס יעדערער האָט געגעבן 55 רובל.[22] (די איבעריקע 500 רובל זיינען מסתמא געגאַנגען אויף הוצאות־הדרך, הכנות וכדומה).

די צווייטע דעלעגאַציע איז אין איר פּערזאָנען־צוזאַמענשטעל געווען גאָר אַנדערש, ווי די ערשטע. ר׳ מענדל בוראַק, אַ ייד אַ גביר, האָט ניט פאַרמאָגט יענע פלאַמיקע אמונה אין חיבת־ציון, ווי אַן אַלטשולער. שוין אונטערוועגס האָט ער חרטה געקראָגן אויף זיין אָננעמען די שליחות און עטלעכע מאָל זיך געוואָלט פשוט אומקערן קיין סואוואַלק. אַזאַ שטימונג פון איין דעלעגאַט האָט געמוזט זיך אויסווירקן אויך אויף די אַנדערע צוויי שליחים.

פון אונטערוועגנס האָבן די דריי דעלעגאַטן טעלע־גראַפירט וועגן אַ ידיעה, אַז די טערקישע רעגירונג פאַרבאָט יידן ניט־בירגערס זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. די רעגירונג דערלויבט אָבער יידן זיך צו קאָלאָניזירן אין דער דערבייאיקער סיריע, פרעגן זיי, צי זאָלן זיי פאָרן ווייטער. אויפן סמך פון אָט דער דעפּעשע איז גיך גערופן געוואָרן אַן אסיפה פון די חברים פון „יסוד המעלה״, וואו ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו טעלע־גראַפירן די שליחים: פאָרט און זעט. וואָס שייך דעם ענין סיריע איז ה׳ תמוז תרמ״ב אַרויס אַ ספּעציעלער אָנפרעג צו אַלע חברים אין סואוואַלק און אין די איבעריקע שטעט, אויף וועלכן כמעט אַלע האָבן גע־ענטפערט: ניין.[23]

ריין אָביעקטיוו האָבן די סואוואַלקער שליחים זיך באמת געפונען אין אַ שווערער לאַגע. געקומען אין אַ לאַנד פון אמת׳ע טערקישע גזעצן, וואו זיי האָבן ניט געפונען זייערע הענט און זייערע פיס, מיט אַ גזירה אויף ערד־פאַרקויף צו ניט־בירגערס, וואָס מען האָט געקענט אַרומגיין נאָר מיט די אָריענטאַליש־פאַר־פלאָנטערטסטע וועגן, מיט אַן איסור ניט צו בויען הייזער און פלאַנצן וויינגערטנער אָן ספּעציעלע דער־לויבענישן, וואָס איז געווען שווער צו באַקומען, ביחוד פאַר פרעמדע, און נאָך אַזעלכע באַגרענעצונגען און באַשווערונגען.

סיי סוביעקטיוו, סיי אָביעקטיוו האָבן זיך די באַ־דינגונגען אויסגעלייגט אַזוי, אַז נאָך עטלעכע וואָכן זיין אין א״י זיינען די דריי שליחים פון סואוואַלקער „יסוד המעלה״ אָפּגעפאָרן מיט ליידיקן.[24] י. מ. פינעס האָט קריטיקירט מענדל בוראַקן, אַז ער איז ניט געווען מיטן גאַנצן האַרצן אין זיין שליחות און דאָס האָט געבראַכט צום דורכפאַל. אַלטשולער אין זיינע זכרונות האָט אויך געהאַט די זעלביקע מיינונג. אָבער די דאָזיקע מיינונג שיינט אונדז צו זיין צו גוזמא׳דיק. נאָך אַלעמען האָט ניט בוראַק, ניט די אַנדערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע באַשטימט ניט צו קויפן קיין נחלה אין א״י. דאָס האָט באַשטימט די הנהלה פון „יסוד המעלה״ אין סואוואַלק בראש מיט אַלטשולערן, ווי ער אַליין גיט עס איבער אין אַ בריוו פון ט׳ באב תרמ״ב צו פינעסן.[25] לויטן זעלביקן בריוו איז צו זען, אַז ס׳איז געווען אַן אַנדער פאַקטאָר, וואָס האָט מיטבאַשטימט דעם אויסגאַנג פון א״י־באַזוך פון דער צווייטער דעלע־גאַציע — די געענדערטע שטימונג פון אַ טייל חברים פון „יסוד המעלה״. אַלטשולער דערציילט דאָרטן, אַז די הויפּט־סיבה, וואָס חברים האָבן געוואָלט פאָרן קיין א״י, איז געווען די מורא פאַרן אייגענעם לעבן. איצט אָבער, שרייבט ער, איז דער דאָזיקער מאָטיוו פיל שוואַכער געוואָרן, ווייל דער נייער אינערן־מיניסטער, גראַף טאָלסטאָי, האָט געגעבן גוטע הבטחות וועגן זאָרגן

20. „דברי הימים לציון ברוסיא״, חלק ב׳, אפרים דיינארד, קארני, תרס״ד, ז׳ 4.
עס איז באמת שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען האָט געקענט שרייבן „ודיבת הארץ בפיהם״ אויף די צוויי געטרייע סואוואַלקער ראשונים פון חיבת־ציון (זע: „חדרה״, עבר הדני, תל־אביב, תשי״א).

21. דאָרטן, ז׳ 221.

22. דאָרטן, ז׳ 401.

23. דאָרטן, ז׳ 256.

24. אין ד. תדהר׳ס „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו״, ז׳ 566, ווערט געזאָגט, אַז „אחוזת יסוד המעלה״ איז שפּעטער אריבער פון די סואוואַלקער צו די מעזריטשער. דאָס איז אָבער אַ טעות: סואוואַלקער „יסוד המעלה״ איז געווען נאָר אַ חברה, ניט קיין אחוזה. געווען אַן אחוזה „יסוד המעלה״ אויך, אָבער זי האָט ניט געהערט צו די סואוואַלקער.

25. דאָרטן, ז׳ 260.

פאַר אַלע טיילן פון דער באַפעלקערונג און זיי געבן גלייכע שוץ. חברים פון „יסוד המעלה", שרייבט נאָך אַלטשולער, האָבן זיך אויך דערשראָקן פאַרן נייעם באַפעל פון אינערן־מיניסטער, אַז פאַר אַגיטאַציע צו פאַרלאָזן רוסלאַנד וועט מען שטאַרק באַשטראָפט ווערן. דער גאַנצער טאָן פון בריוו איז זייער אַן אומעטיקער, און אַ צעבראָכענער דערציילט אַלטשולער פינעסן, אַז „נשארתי בודד במועדי".

אַלטשולער איז נאָך געווען אַ צווייט מאָל אויף אַ באַזוך אין א"י, אין 1904, כדי צו שאַפן אַ באַזע פאַר זיין אגודה — אָבער אויך דאָס מאָל אָן רעזולטאַטן.

אין איינער פון די סואוואַלקער דעלעגאַציעס (ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס געווען אין דער צווייטער) האָט זיך באַטייליקט אויך דער סואוואַלקער מגיד־מישרים ר' יהושע זאב אבנר.[26] אַלטשולער דערמאָנט ניט זיין נאָמען, אָבער אבנר דערציילט אַליין וועגן דעם אין זיין ספר „ציר נאמן". ער שרייבט דאָרטן: „הרעיון הקדוש הזה [ישוב א"י] מצא קן בלבות נכבדי עיר מולדתי סובאלק ונתתי ידי להיות חבר לקיים מ"ע של ישוב א"י, היינו לקנות אחוזת נחלה בארץ־ישראל ולהתיישב שם". אבנר שרייבט מטושטש'דיק, אַז ער האָט געקויפט די „אחוזת אַרביל", וואָס „אין איר האָבן זיך משתתף געווען יידן פון פאַרשיידענע שטעט", אָבער די דאָזיקע אחוזה איז די שפּעטער בטל־געוואָרענע קניה טאַקע פון דער סואוואַלקער צווייטער דעלעגאַציע. ער האָט געגעבן, דערציילט ער, 2,000 רובל האַנטגעלט, אָבער דורך מלשינות איז פון דעם קויף גאָרניט אַרויס־געקומען.

אפרים דיינארד, שרייבנדיק וועגן דער געשיכטע פון חיבת־ציון אין רוסלאַנד, שרייבט אָבער וועגן דעם זייער קלאָר: „איש אחד ה' אבנר בא גם הוא במלאכות בני סובאלק, והאיש יודע תורה ושומר אמונים ומלאכתו שוחט, והאיש הזה אבד כסף רב על חשבון האגודה אשר שלחתו, לא באשמתו, כי אם באשמת אי־ידיעתו".[27]

די סואוואַלקער חברה „יסוד המעלה" — ווי די ערשטע, אָדער איינע פון די ערשטע חברות, וואָס האָבן זיך געשטעלט ווי אַ ציל עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל — איז גיך באַוואוסט געוואָרן אין דער גאַנצער יידיש־נאַציאָנאַלער וועלט. די ידיעה, אַז רייכע און חשוב'ע בעלי־בתים פון אַ גרויסער יידישער קהילה ווילן אויפגעבן אַלע זייערע געשעפטן און פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי אַליין צו באַארבעטן איר ערד — די דאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אויף יידן. די רוסיש־יידישע צייטשריפטן האָבן פיל געשריבן וועגן סואוואַלקער חברה און זי אַרויסגעשטעלט, ווי אַ מוסטער פאַר יידן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די ווערטער פון א. א. סנדלר, אַז סואוואַלקער „יסוד המעלה" איז ביי פיל יידן באַטראַכט געוואָרן ווי „אַ פעסטער יסוד [יתד — פלעקל] צו בויען אויף אים אונדזער גאַנצן פאָלקס־בנין".[28]

26. וועגן אים זע ווייטער.
27. „דברי הימים לציון ברוסיא", חלק א', קארני, תרס"ד, ז' 75.

צוליב מורא פאַר אַ „בייז אויג" זיינען אַרטיקלען וועגן סואוואַלקער חברה און אירע דעלעגאַציעס קיין א"י אָפט געשריבן געוואָרן אָן נאָמען פון מחבר אָדער פאַרדרייענדיק דעם נאָמען פון שטאָט. אַזוי, למשל, איז אין „המגיד" פון 1881 (נר' 42) אָפּגעדרוקט אַ גרויסער אַרטיקל „לישוב ארץ ישראל", וואו עס רעדט זיך וועגן דער שטאָט ק., און אָן נאָמען פון מחבר. אין זיינע בריוו האָט אַלטשולער שפּעטער אויפגעדעקט, אַז דער שרייבער פון אָט דעם אַרטיקל איז ער אַליין, און אַז ק. איז סואוואַלק, איז קלאָר פון גאַנצן סיפור־המעשה.

אין „הצפירה" פון 1881 (נר' 39) האָט יעקב גאָלדמאַן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל „על השאלות של עשרים משפחות מעיר קאלבוס" — און קאלבוס איז די פאַרדרייטע אותיות פון סובאלק.

אין „המגיד" פון 1882 (נר' 14 און ווייטער) זיינען דערשינען אַ ריי אַרטיקלען אונטערן קעפּל „ונשיב לשואלינו דבר" (וועגן „יסוד המעלה"). די אַרטיקלען זיינען געחתמעט פון א' וב' — דאָס זיינען די ערשטע אותיות פון די די פאַמיליע־נעמען פון אַלטשולער און ברימאַן.[29]

ר' אליעזר־מרדכי אלטשולער, וואָס איז געווען דער רוח החיה פון „יסוד המעלה" אין סואוואַלק, איז געבאָרן געוואָרן אין מאַריאַמפּאָל, סואוואַלקער גוב., דעם 2טן פעברואַר 1844. זיין פאָטער האָט געהייסן צבי־הירש, זיין מוטער — רחל. צו 15 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ קוזינע, וואָס איר מוטער האָט געוואוינט אין סואוואַלק. צו 18 יאָר איז אַלטשולער אריבער קיין סואוואַלק, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר און דאָרטן שוין פאַרבליבן כל ימיו.[30]

אַלטשולער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און משכיל. ער האָט אָנגעשריבן אַ פירוש אויפן תהלים, אַ גרויסן פירוש „פרשת מרדכי" אויף „עין יעקב".[31] אין דער הקדמה פון ספר גיט ער איבער זיין גאַנצן משפחה־יחוס. ער דערציילט דאָרטן אויך, אַז ער האָט פינף זין און איין טאָכטער און אַז זיין פרוי הייסט שיינע בת ר' מאיר־יהושע דיקהייזער. צוויי פון זיינע זין, שלמה און זלמן, האָבן געלעבט אין סואוואַלק, די איבעריקע אין לאַזדיי. איינער פון זיי, זלמן, לעבט איצט אין מדינת ישראל.

אַלטשולער איז געשטאָרבן דעם 15טן יאַנואַר, 1921 אין סואוואַלק.

די חברה פון „יסוד המעלה" איז נאָך די ניט געלונגענע צוויי א"י־באַזוכן פון אירע דעלעגאַציעס שטאַרק

28. „מכתבים ממערב ליטא" אין „המליץ", 1883, נר' 18.
29. די ערשטע בקשה צו דער רוסישער רעגירונג צו דערלויבן שאַפן אַ חברה פאַר ישוב א"י איז אָנגעגעבן געוואָרן אין מיי 1885. ערשט אין 1890 איז די דערלויבעניש באַקומען געוואָרן.
30. „מימים ראשונים", כרך א' זייט 91 און כרך ב' זייט 124.
31. „ווארשא, תרנ"ו. אין דרוק דערשינען נאָר חלק א'.

אָפּגעשוואַכט געוואָרן. 6 יאָר נאָך איר גרינדן זיך איז געשאַפן געוואָרן אין סואוואַלק די ערשטע „אָפיציעלע" גרופּע חובבי־ציון — אין נאָוועמבער 1887. אין אָט דער צייט מערקט זיך אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט צו קלייבן געלט פאַר א״י, ביחוד דורך קערות ערב יום־כפור. אין בית־המדרש און בית־הכנסת, אין פיל קלויזן און מנינים איז די קערות־אַקציע דורכגעפירט געוואָרן דורך מ. טשאַסטקאָוו, משה ביאַליסטאָצקי, ישראל־יהודה סערייסקי, הרב ר׳ חיים־מענדל פרידמאַן, משה מאַנסזאָן, חייקל קוסנערזיצקי און אַנדערע.[32]

אין גרינדן די אגודה, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „חובבי ציון מסובאלק", האָבן אַ גרויסן חלק גענומען דער שילער פון זיבעטן קלאַס גימנאַזיע קאַל־וואַריסקי און ש. מאַרקין.[33]

די סואוואַלקער חובבי־ציון, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיכער געהערט צו „יסוד המעלה", זיינען געווען באַווירקט פון אירע אַרבעטס־מעטאָדן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין וואָרט: פאַר אַליין קיין א״י. ס׳איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס שוין אין 1889 האָבן די „חובבי ציון מסובאלק" דעלעגירט זייערס אַ חבר קיין א״י, כדי דאָרטן צו קויפן נחלות פאַר זיי — דעם ח׳ יהודה־דוד בוטקאָווסקי.

די חובבי־ציון האָבן געשאַפן געלט פאַר א״י אויף חתונות, ברית׳ן, דורך עליות, פאַרקויפן משה מאָנ־טעפיאָריס בילדער, יובליי־באַגריסונגען (למשל: צו ר׳ זאב וויסאָצקיס זיבעציק־יאָריקן יובל) וכדומה. אין די העברעאישע צייטונגען, ביחוד אין „המליץ", קען מען געפינען רשימות מיט פיל נעמען פון קלייבערס און מנדבים פאַר א״י פון סואוואַלק, סייני, באַקלאַראָווע, קראַסנאָפּאָלע, ראַצק און אַנדערע.[34]

אין באַקלאַראָווע, פשעראָסלע, פיליפּאָווע זיינען די אגודות חובבי ציון געשאַפן געוואָרן שפּעטער, ווי אין סואוואַלק. אין די דערמאָנטע שטעטלעך איז די גרינדונגס־איניציאַטיוו אַרויס פון די אָרטיקע רבנים — כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּרצוף־פּנים פון די רבנים אין סואוואַלקער געגנט.[35]

לויט מערערע קאָרעספּאָנדענציעס אין די העברע־אישע צייטונגען איז צו זען, אַז אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן איז די אַרבעט פון די חובבי־ציון אין סואוואַלק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איינע פון די סיבות דערפון איז געווען דער פאַקט, וואָס אַקטיווע, פירנדיקע

32. „המליץ", 1887, נר׳ 232.
33. דאָרטן, נר׳ 155. — אין דעם יובליי־העפט לכבוד ק. וויסאָצקי „דרך צדקה" (ווארשא, תרנ״ה) איז דאָ אַ באַגריסונג פון די סואוואַלקער חובבי־ציון און באַזונדערע ברכות פון די סוא־וואַלקער יהודה־לייב קאלוואַריסקי־מרגלית און חיים טובקין (זייטן 115, 141). פון „רשימות החברים לחברת תמיכת ב״י" (אדעססא, תרס״ג) איז צו זען, אַז אין 1902 האָבן עקסיסטירט אין סואוואַלק די חברות פאַר בנין הארץ: „אוהבי ציון", „בני ציון", „בנות ציון".
34. אין דער ביבליאָגראַפיע צום סוף פון דער דאָזיקער אַרבעט ווערן אָנגעגעבן די מקורות.
35. „המליץ", 1898, נר׳ 79.



חברים האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, ווי, למשל, זאב הכהן דאַנייגער.

סואוואַלק, די שטאָט פון „יסוד המעלה", ווערט ניט דערמאָנט אין אַ רשימה פון 1895 פון 30 שטעט, וואָס „האָבן אויסגעהאַלטן זייער ליבע צו ציון פון אָנהייב ביזן סוף" — ד״ה געגעבן 100 רובל אַ יאָר.[36]

סואוואַלק איז טאַקע געוואָרן שוואַכער אין שיקן געלט פאַר א״י, דערפאַר איז זי אָבער געוואָרן שטאַרקער אויף אַ געביט, וואָס איז ניט אַן ערך וויכטיקער, ווי נדבות — זי האָט אָנגעהויבן (אָדער בעסער: ממשיך געווען) צו שיקן אַהין חלוצים. סואוואַלק איז צווישן די ערשטע — ווידער די ערשטע! — צו שיקן מענטשן־פּיאָנערן קיין ארץ־ישראל.[37]

י. ש. ווייס, וואָס איז גוט באַהאַוונט אין סואוואַלקער ענינים, שרייבט, אַז „פון דער שטאָט סואוואַלק — וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט — און פון איר אומגעגנט אַליין זיינען דעמאָלסט [אין די 90ער יאָרן] אָפּגעפאָרן קיין א״י אַרום 30 יונגעלייט און דער גרעסטער טייל פון זיי איז אויסגעשטאָרבן פון דער מאַלאַריע־קראַנקייט אין די ערשטע יאָרן נאָך זייער קומען.[38]

אין 1891 איז אָנגעקומען אַ שיף עולים צו די ברעגעס פון יפו. צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט מען די עולים ניט אַראָפּגעלאָזן און מען האָט זיי אַלעמען געדאַרפט באַזאָרגן מיט צוריקפאָר־בילעטן. צווישן זיי זיינען געווען אויך ראַצקער.[39]

אַ סואוואַלקער קאָרעספּאָנדענט שרייבט אין 1893, אַז די לעצטע 10 וואָכן זיינען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל 5 בחורים (איינער אַ גימנאַזיסט) מיטן ציל צו ווערן ערד אַרבעטערס, און אַנדערע גרייטן זיך עולה צו זיין.[40]

אין זעלביקן יאָר געפינען מיר אין „המליץ" (נר׳ 57) אַ לאַנגן בריוו פון חלוץ ראובן גאָלדנבערג צו זיין טאַטן אין סואוואַלק. ער שרייבט פון חדרה, וואָס סואוואַלקער זיינען געווען צווישן אירע הויפּט־מיט־בויערס, וועגן די סכסוכים מיט י. כאַנקין בשייכות מיטן ענדגילטיקן אָפּשלוס פון אָפּקויפן די חדרה־נחלה (ביי 30,000 דונאַם). ער לייקנט אָפּ די קלאַנגען וועגן פיל קדחת אין קאָלאָניע, און צום סוף גיט ער אַ לעבעדיקע שילדערונג פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט אין קאָלאָניע פון דער פרי ביז ביי נאַכט, וואו עס קומט צום אויסדרוק זיין גרויסע צופרידנקייט מיט זיין נייעם לעבן אין נייעם לאַנד.

כדי צו האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם חלוצישן צושטייער פון סואוואַלק און איר אומגעגנט אין בוי פון ארץ־ישראל, וועלן מיר דאָ דערציילן וועגן אַ טייל פּערזאָנען פון סואוואַלק און פון די 9 שטעטלעך אַרום איר, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין א״י נאָך אין דער

36. „לוח אחיאסף", ווארשא, תרנ״ו, ז׳ 249.
37. „המליץ", 1893, נר׳ 57.
38. „טלטולי גבר", ז׳ 73.
39. „החשבון והמפעל", דו״ח קהל עדת בנ״י יפו־ירושלים, תרנ״א.
40. „המליץ", 1893, נר׳ 5.

חלוצישער תקופה און וואָס האָבן געהאָלפן לייגן ציגל צום בנין הארץ.[41]

## משה־אריה כהנא

מ. א. כהנא איז געבאָרן אין 1814 אין קאַלוואַריע. געווען אַ תלמיד־חכם, אַ גרויסער גביר און שתדלן. ער איז געווען זייער גוט אויפגעטראָגן מיטן סואוואַלקער גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים דערלויבט צו זיצן אין זיין ביוראָ מיט אַ היטל. ווען ניקאַליי דער ערשטער האָט באַזוכט די שטאָט, האָט דער סואוואַלקער גובער־נאַטאָר אים פאָרגעשטעלט פאַרן קייזער. אין 1881 איז ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער איז געווען גבאי אין ירושלימער „כולל סובאלק".[42]

## משה רובאָוויץ

משה רובאָוויץ איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1835. זיין פאָטער, ר' יהודה־לייב, איז געווען אַ סופר סת"ם, זיין מאַמע האָט געהייסן כיענע. גאָר יונג איז רובאָוויץ געפאָרן קיין מאַרסעל, פראַנקרייך, וואו ער האָט זיך געלערנט מאָלן. אין 1851 איז ער שוין געווען אין ירושלים, וואו ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאַרמאַצעווט. דעריבער האָט מען אים טאַקע ס'רוב גערופן ר' משה אפטייקער. ווען ר' משה מאָנטעפיאָרי האָט באַזוכט א"י, האָט רובאָוויץ געמאָלן זיין בילד. ער איז געשטאָרבן אין 1900 אין ירושלים.[43]

## יהושע זאב אבנר

איינער פון די ערשטע אַקטיווע חובבי־ציון אין סואוואַלק איז געווען יהושע זאב אבנר־זיסענווייַן. ער איז אויך געווען אַ שליח פון די סואוואַלקער איינצוקויפן פאַר זיי אַ שטיקל נחלה אין ארץ ישראל (אָן ערך אין די ניינציקער יאָרן[44]). אבנר איז אויך געשיקט געוואָרן קיין אַמעריקע צו זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל.

אבנר האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר „ציר נאמן" (ירושלים, תרנ"ח), וואָס אין זיין הקדמה גיט ער איבער פּרטים וועגן זיך. אויפן שער־בלאַט באַצייכנט ער זיך, ווי „זעירא דמן חבריא קדישא דירושלים יהושע זאב בן לא"א ר' ישראל יצחק ז"ל המכונה זיססענוויין דמתקריא אבנר למשפחת אמי נ"ע".

אבנר איז אַ געבאָרענער אין סואוואַלק, וואו ער איז שפּעטער געווען מגיד מישרים און שוחט. מיט שחיטה האָט ער זיך פאַרנומען אויך אין סייני און לייפּון. ער איז געווען אַ תלמיד פון ר' ישראל סאַלאַנטער און אין ארץ־ישראל — פון הגאון ר' יהושע ליב דיסקין.

ער איז געווען איינער פון די גרינדערס פון דער קאָלאָניע „יסוד המעלה" פון די אנשי מעזעריטש.

41. די ריי לויטן געבוירן־יאָר.
42. „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו", דוד תדהר, ז' 389.
43. דאָרטן, ז' 366.
44. פּרטים וועגן דעם זע זייט 85.

אבנר איז געשטאָרבן אין ירושלים אין 1899 אין עלטער פון 55 יאָר.[45]

## יהודה־דוד בוטקאָווסקי

י. ד. בוטקאָווסקי איז אין 1853 געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק. זיין פאָטער — צבי־נחמיה און זיין מוטער גיטל (שאַפּירא). ער האָט חתונה געהאַט מיט חיה־רחל בת נחום ריווקינד.

יהודה־דוד איז געווען אַ חבר פון אחד־העם'ס „בני משה" און אַ גרויסער חובב־ציון. אין 1886 האָט ער אָנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן אין סואוואַלק אַ חברה פאַרן איינקויף פון אַ שטח באָדן אין א"י. אין 1889 איז ער פון די „חובבי ציון מסובאלק" געשיקט געוואָרן קיין א"י, כדי צו קויפן אַ נחלה פאַר זיי. אין 1891 האָט ער איינגעקויפט ערד, וואו ס'איז שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן חדרה, פון די עלטסטע א"י־קאָלאָניעס. אין 1891 האָט ער אָפּגעשיקט קיין א"י זיין זון נחמן־שלמה, וועלכער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט ניט פאַרטראָגן דעם קלימאַט און גיך געשטאָרבן פון קדחת. אין 1894 האָט ער אַוועקגעשיקט זיין צווייטן זון, צבי־נחמיה.

יהודה־דוד בוטקאָווסקי האָט פיר מאָל באַזוכט ארץ־ישראל. ווען ער האָט שוין געהאַט בדעה זיך ענדגילטיק דאָרטן צו באַזעצן, איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און צעשטערט זיינע פּלענער.

ו' אייר תרע"ו (1916) איז ער געשטאָרבן אין סואוואַלק.[46]

## פאַמיליע כהן־קאַפּלאַן

הלל כהן (קאַפּלאַן) איז אין 1855 געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק ביי שמואל און חנה קאַפּלאַן. ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר אין סואוואַלק, דערנאָך אין ליק (פּרייסן). אונטער דער השפּעה פון ר' דוד גאָרדאָן, רעדאַקטאָר פון „המגיד", וואָס איז דערשינען אין ליק, איז הלל הכהן אין 1882 אָפּגעפאָרן קיין א"י. דאָ האָט ער זיך פאַרנומען בעיקר מיט לאַנדווירטשאַפט. געלעבט אין פּתח־תקוה, וואו ער איז געווען טעטיק אויף פיל געביטן. ער איז געשטאָרבן י"ח שבט תר"ע (1910).[47]

אין 1887 האָט ר' הלל כהן אָפּגענומען זיין גאַנצע משפּחה, וואָס האָט זיך אויך באַזעצט אין פּתח־תקוה. זיין זון ישראל, געבאָרן אין סואוואַלק אין 1881, איז געווען אַן אַרבעטער אין דער קאָלאָניע. זיין צווייטער זון, יחזקאל, געבאָרן אין ליק אין 1882, איז אַ קורצע צייט געווען דער ענגליש־לערער פון דער פיקא־שול אין פּתח־תקוה. יחזקאל האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלגעמיינעם לעבן פון דער „מוטער פון די קאָלאָ־ניעס".[48]

45. „חלקת מחוקק", חוברת ז', עמוד ב'.
46. תדהר, ז' 896.
47. דאָרטן, ז' 1347.
48. דאָרטן, ז' 1207/8.

# פֿאַמיליע גאָלדנבערג

סאָוואַלקער זיינען געווען פֿון די גרינדערס און מיטבויערס פֿון דער קאָלאָניע חדרה, צווישן זיי אויך אליעזר גאָלדנבערג, געבאָרן אין 1849 אין סאָוואַלק, און זיינע זין. זיין פֿאָטער יחזקאל האָט אין 1891 דורך „אגודת קובנה״[49] איינגעקויפֿט 250 דונאַם אין חדרה. אליעזר האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל אין 1896. ער האָט אַליין באַאַרבעט זיין נחלה, געווען אויך טעטיק אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון דער קאָלאָניע. געשטאָרבן אין 1919 אין יבנאל.[50]

אליעזר׳ס עלטסטער זון, ראובן, (געב. 1872, סואַוואַלק) איז דורך זיין פֿאָטער געשיקט געוואָרן אין 1893 צוצוגרייטן דיווירטשאַפֿט, נאָכן איינקויף פֿון די 250 דונאַם. אין חדרה האָט ער געטראָפֿן זיין יוגנט־חבר נחמן־שלמה בוטקאָווסקי (געב. 1885, אין ביאַליסטאָק).ביידע חברים זיינען אָבער כמעט אין דער זעלביקער צייט געשטאָרבן פֿון מאַלאַריע (1898). אויף זייער בשותפֿות׳דיקן קבר אין חדרה איז אויפֿגעשריבן: „בחייהם ובמותם לא נפרדו״.[51]

חיים גאָלדנבערג, דער צווייט־עלטסטער זון פֿון ר׳ אליעזר׳ן, איז געבאָרן געוואָרן אין 1883 אין סאָוואַלק. 1901 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צום איבעריקן טייל פֿון זיין משפּחה, וואָס איז שוין עולה געווען פֿריער, צוזאַמען מיט זיין מוטער חווה־שרה (נישקאָווסקי) און זיינע ברידער משה און יחזקאל. ער איז פֿון די גרינדערס פֿון בית־ספר און ביבליאָטעק אין חדרה. געווען אויך אַ לענגערע צייט מוכתר (דאָרפֿעלטסטער) פֿון דער קאָלאָניע. אין ערשטן וועלטקריג האָט אים די טערקישע מאַכט אין ארץ־ישראל באַשולדיקט אין צושטעלן תבואה פֿאַר די פֿיינטלעכע ענגלישע שיפֿן. אין 1920 איז ער געשיקט געוואָרן קיין פּאַריז צו אי״ק״א צו פֿאַרהאַנדלען וועגן אָרדענען די ענינים פֿון ערד און וועלדער. דאָרטן האָט ער זיך פֿאַרקילט און געשטאָרבן י״ד טבת תרפ״א (1921).[52]

משה גאָלדנבערג, געבאָרן 1886 אין סאָוואַלק, איז געווען אַ לאַנדווירט, געווען אַ חבר פֿון „הסתדרות החקלאים״ און זיך באַטייליקט אין דער שמירה און הגנה פֿון חדרה.[53]

דער יינגסטער פֿון די גאָלדנבערגס, יחזקאל, איז געבאָרן געוואָרן 1891 אין סאָוואַלק. אין „בית־המדרש למורים״ אין ירושלים איז ער געווען צווישן די תּלמידים פֿון דוד יעלין און י. מ. פּינעס. אין 1919 האָט ער שטודירט מעדיצין אין ציריך, שפּעטער אין באָן, וואו ער האָט באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטל. יחזקאל איז געווען דירעקטאָר פֿון „בית־הספר לבנות״ אין ירושלים. אַקטיוו אויפֿן פּעדאַגאָגישן און געזעלשאַפֿטלעכן געביט.[54]

---

49. געאַרבעט אַ צייט בשותפֿות מיט סאָוואַלקער.
50. דאָרטן, 509.
51. דאָרטן, 750, 898.
52. דאָרטן, 787.
53. דאָרטן, 1763.

# מנחם־מענדל נחומאָווסקי

מ. מ. נחומאָווסקי איז אויך פֿון די מיטגרינדערס פֿון חדרה, וואו ער איז געווען אַ לענגערע צייט מוכתר. ער איז געבאָרן געוואָרן אין סאָוואַלק אין 1862. געלערנט אין וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער האָט געשאַפֿן אַ געהיימע א״י־חברה „נס ציונה״. שפּעטער האָט ער אָרגאַניזירט אַזאַ חברה אין קאָוונע, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט חיה־רחל קאָטלער. אין 1890 איז ער אָנגעקומען קיין א״י און זיך באַזעצט אין חדרה, און האָט פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר דער קאָלאָניע.

נחומאָווסקי איז געשטאָרבן אין 1902. אַלע זיינע קינדער, אויסער איינעם, זיינען געשטאָרבן פֿון קדחת.[55]

# חיים ראָזנטאַל

ח. ראָזנטאַל שטאַמט פֿון אויגוסטאָווע, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1865. ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין סאָוואַלק, שפּעטער געלערנט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. געקומען קיין ארץ־ישראל אַרום 1895. געווען טעטיק אין פֿיל קולטור־אַנשטאַלטן.[56]

# יוסף עזריהו (אוזאַרקאָווסקי)

אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין א״י־ישוב איז געווען יוסף אוזאַרקאָווסקי (וועלכער האָט העברעאיזירט זיין נאָמען אויף עזריהו).

עזריהו איז 1872 געבאָרן געוואָרן אין סאָוואַלק. געווען אַ הייסער חובב־ציון נאָך פֿאַר זיין באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל אין יאָר 1893. אין 1900 האָט ער זיך אומגעקערט קיין סאָוואַלק. עזריהו איז געווען דעלעגאַט פֿון דווינסקער חובבי־ציון צום פֿינפֿטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו ער איז געווען אַ חבר פֿון דער „דעמאָקראַטישער פֿראַקציע״.

1905 האָט עזריהו זיך צוריקגעקערט קיין ארץ־ישראל. זיין הויז איז געווען פֿון די ערשטע צען הייזער אין תּל־אביב.

נאָכן פֿאַרנעמען ארץ־ישראל דורך די ענגלענדער איז ער געוואָרן יושב־ראש פֿון דער קהילה אין חיפה. אין 1919 ווערט ער אינספּעקטאָר פֿון אַלע פֿאָלקשולן אין לאַנד, וואָס געפֿינען זיך אונטער דער השגחה פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דערנאָך איז ער געווען שטעלפֿאַרטרעטער פֿון ד״ר יוסף לוריע, מנהל פֿון חינוך־אָפּטייל אין ארץ־ישראל.

עזריהו האָט פֿאַרעפֿנטלעכט וויכטיקע לערנביכער. נאָך זיין טויט (ו׳ ניסן תש״ה) איז דערשינען זיינס אַ בוך וועגן דער מעטאָדיק פֿון לערנען תּנ״ך.[57]

---

54. דאָרטן, 1186.
55. דאָרטן, 575.
56. דאָרטן, 1210.
57. דאָרטן, 1191.

## חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי

סואוואַלקער געגנט האָט אַרויסגעגעבן איינע פון די קאַלירפולע פערזענלעכקייטן פאַר די לעצטע פופציק יאָר פון דער ציוניסטישער געשיכטע, וואָס האָט גע־וואַלדיקע פאַרדינסטן פאַרן אויסלייז פון באָדן אין ארץ־ישראל — חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי.

חיים קאַלוואַריסקי איז געבאָרן געוואָרן דעם 25סטן מערץ 1867 אין הויף דובראַצורטקאָוו, לעבן פּשעראַסלע. זיין פאָטער אשר איז אַ מחבר פון ספר „נחלת אשר". זייער משפחה־יחוס ציט זיך ביזן תוספות יום־טוב.

חיים האָט געלערנט אין חדר און אין דער סוואַלקער רוסישער גימנאַזיע. אין מאָנפּאַליע, פראַנקרייך, האָט ער געענדיקט אַגראָנאָמיע. צוזאַמען מיט די באַוואוסטע ציוניסטישע עסקנים ד״ר יהושע בוכמיל, ד״ר יוסף מאהילעווער און ד״ר יוסף ספיר האָט ער אין מאָנפּאַליע געגרינדעט די ציוניסטישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „עתידות ישראל". זי איז געווען דער ערשטער יידישער סטודענטן־פאַראיין, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין 1895 איז חיים מרגלית־קאַלוואַריסקי עולה געווען קיין ארץ־ישראל. געווען דער סעקרעטאַר פון „בני משה" אין יפו. ער האָט געשאַפן די באַוואוסטע סעדזשעראַ־ווירטשאַפט. ער האָט אויסגעלייזט די ערד, וואו ער האָט געהאָלפן גרינדן די קאָלאָניעס יבנאל, כפר תבור, בית וגן, מנחמיה. אין לעצטן פונקט האָט קאַלוואַריסקי באַזעצט גרים־רוסן, וועלכע זיינען געווען גוטע פויערים. ער האָט אויך אריינגעבראַכט אין יידישן פאַלקסבאַזיץ דעם באָדן פון כנרת, די דגניה׳ס, אילת השחר, תל־חי, כפר גלעדי און נאָך אָן אַ שיעור פונקטן.

קאַלוואַריסקי איז אַ סך מאָל געפאָרן קיין אייראָפּע, כדי צו איבערצייגן ד״ר הערצל אין דער גרויסער חשיבות פון פראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

קאַלוואַריסקי האָט פיל געטאָן אויפן געביט פון שמירה עברית און עבודה עברית (באַשעפטיקן יידישע אַרבעטערס און ידישע וועכטערס אין יידישע ווירט־שאַפטן).

קאַלוואַריסקי האָט געהאַלטן, אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק דאַרף זיך קודם־כל באַזירן אויף יידיש־אַראַבישער פריינדשאַפט. אין דער ריכטונג האָט ער אויך געאַרבעט און אויף דעם געביט האָט ער געהאַט אויך אַ סך קעגנערס. ער האָט געקענט אויסגעצייכנט אַראַביש און געווען אויסגעבונדן מיט די אַראַבער. אַ דאַנק אים האָט באַראָן ראָטשילד געשאַפן אַ שול פאַר אַראַבישע קינדער לעבן ראש־פנה. ער האָט צוזאַמענ־געפירט נחום סאָקאָלאָוו מיט די אַראַבישע פירערס. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט קיניג פייזאל און דאָס פרעזידיום פון אַלסירישן קאָנגרעס איינגעלאַדן קאַלוואַריסקין אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן וועגן רעגולירן די א״י־ענינים. זיין פּלאַן איז אָבער מצד די ציוניסטישע פירערס ניט אָנגענומען געוואָרן.

פון 1923 ביז 1927 איז קאַלוואַריסקי געווען דער לייטער פון אַראַבישן אָפּטייל אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. זיין טעטיקייט, ביחוד אין אָט דעם דאָזיקן פעריאָד, צו דערפירן צו אַן אמת׳ן יידיש־אַראַבישן שלום האָט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן.

צוליב זיינע אנשויאונגען וועגן דער יידיש־אַראַ־בישער פראַגע איז ער צוגעשטאַנען צום „ברית שלום" פון ד״ר י. ל. מאַגנעס און געווען אַ פירנדיקער חבר אין זיין לייטונג.

חיים קאַלוואַריסקי־מרגלית האָט ניט זוכה געווען צו זען די גאולה פון לאַנד, פאַר וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן — ער איז געשטאָרבן דעם 19טן יאַנואַר 1947 אין ירושלים.[58]

## יחזקאל ראַבינזאָן

יחזקאל בן דוד ראַבינזאָן איז 1881 געבאָרן גע־וואָרן אין סוואַלק און אין 1883 איז ער שוין געווען מיט זיינע עלטערן אין ארץ־ישראל. ער איז געווען פון די ערשטע גרינדערס פון „הסתדרות פועלי פתח־תקוה". געשטאָרבן אין 1926.[59]

## יוסף זימאַן

יוסף זימאַן איז געבאָרן געוואָרן 1882 אין פיליפּאָווע ביי זיין פאָטער זאב און מוטער ליבע־פריידע (פראַנק). זיין זיידע חיים האָט שוין אין 1885 אַוועקגעשיקט זיינע צוויי זין אהרון און נטע צו קויפן אַ נחלה אין א״י. זיי זיינען אָבער געקומען צוריק, ווייל זיי האָבן ניט געפונען קיין פּאַסיקע ערד פאַר זיך.

יוסף זימאַן האָט געשאַפן אין קאָונע די געזעלשאַפט „גאולה" פאַרן אויסקויפן א״י־ערד פון אַראַבישע הענט. אין 1925 איז ער אָפּגעפאָרן קיין א״י. געווען פון די ערשטע בויערס פון „נחלת יצחק". ער האָט אויך געהאָלפן שאַפן דעם „איגוד יוצאי ליטא".[60]

## צבי־נחמיה בוטקאָווסקי

צבי־נחמיה בוטקאָווסקי האָט געשפּילט אַ ראָל אין דער תקופה פון ערב־מדינה. ער איז געווען אַ חבר פון ועד הלאומי אין ארץ־ישראל. ער איז געווען מערערע מאָל אַ דעלעגאַט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. די „התאחדות האכרים" האָט אים איין מאָל אויסגעקליבן ווי איר נשיא. ער איז געווען 15 יאָר מוכתר פון חדרה. האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרטיקלען אין דער א״י־פרעסע.

צבי־נחמיה איז געבאָרן געוואָרן 1886 אין סוא־וואַלק. אין 1895 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל מיט אַ טייל פון זיין פאַמיליע. צוליב אַ שווערער קדחת־קראַנקייט האָט ער באַלד פאַרלאָזן א״י. ערשט

58. דאַרטן, 809. — אין „ח״מ קלוריסקי והישוב" (ירושלים, תש״ד) ווערט אַרויסגעהויבן זיין גרויסע ראָל אין בויען נייע ישובים.

59. תדהר, 156.

60. „ילקוט החברה קדישא תל־אביב — יפו והמחוז", תל־אביב, תשט״ו, ז׳ ע״ב; תדהר, 582.

אין 1907 איז ער צוריקגעקומען אַהין, דאָס מאָל שוין אַ פאַרהייראַטער מאַן מיט זיין פרוי רחל וואָלף פון סואוואַלק.

צ. נ. בוטקאָווסקי איז געשטאָרבן אין 1943. אין פרדס־חנה איז אויף זיין נאָמען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „בית בוטקובסקי".[61–62]

## אברהם משה קולר

פון יעלינעווע שטאַמט איינער פון די אַקטיווסטע און פירנדיקע חברים פונעם יידישן אַרבעטער־ציבור אין ארץ־ישראל — א. מ. קולר, געבאָרן 1889.

א. מ. קולר איז דער זון פון יעלינעווער רב ר' בן־ציון שמעון עליסזאָן. צו 12 יאָר האָבן אים זיינע עלטערן געשיקט לערנען אין דער תלמוד־תורה וישיבה פון סואוואַלק.

א. מ. קולר האָט אין סואוואַלק געגעבן „שטונדן" אויף עברית און תנ"ך. צוויי יאָר איז ער געווען לערער אויף תנ"ך און עברית אין יעלינעווע, דערנאָך לערער אין קעלם, ליטע.

אין 1909 איז קולר געקומען קיין ארץ־ישראל. געווען אַקטיוו אין „השומר" און פיל געטאָן פאַר עבודה עברית. צוזאַמען מיט דוד רמז האָט ער געאַרבעט אין „הסתדרות פועלי שומרון" (1916). געווען חבר פון „מרכז הסתדרות הפועלים החקלאים". קולר איז אויך פון די מיטגרינדערס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליס־טישער פאַרטיי אין א"י „אחדות העבודה", וואָס האָט נאָך איר פאַראייניקונג מיטן „הפועל הצעיר" געשאַפן די איצט מעכטיקע אַרבעטער־פאַרטיי אין ישראל מפא"י.

א. מ. קולר איז 7 יאָר געווען אין דער הנהלה פון „מרכז החקלאי". ער האָט אָרגאַניזירט דעם „חירות אמריקה". אין 1920 איז קולר אריבער לעבן אין דער קבוצה „גבע", וואו ער האָט זיך געפונען ביז דער לעצטער צייט.

קולר האָט רעדאַגירט דעם „ניב הקבוצה", „בעמק", „חג ומועד", „האמנות בחיינו".[63]

## יחזקאל־אליהו חרלפ

י. א. חרלפ איז געבאָרן אין 1897 אין באַקלעראָווע. זיין פאָטער יעקב ציט זיין יחוס פון ווילנער גאון, זיין מוטער פייגע־חנה (בלאוס) — פון ר' ישראל סאלאנטער.

חרלפ האָט געלערנט אין די חדרים און ישיבה פון סואוואַלק. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער מיט זיין פאַמיליע פאַרוואָגלט געוואָרן קיין גרוזיע, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד פון אָרטיקן ציוניסטישן וועד. חרלפ איז געשטאַנען בראש פון דער פאַרטיי צעירי־ציון אין גרוזיע. ער האט זיך באטייליקט אין דער

61־62. דאָרטן, 506.

63. דאָרטן, 767.



אלרוסישער ציוניסטישער קאנפערענץ און אין דער קאָנ־פערענץ פון צעירי־ציון אין פעטערבורג אין 1917.

1921 איז חרלפ געקומען קיין ארץ־ישראל. ער איז זייער אקטיוו אין ארבעטער־ציבור. געווען מערערע מאָל דעלעגאט צו די קאָנפערענצן פון „הסתדרות". ער האט אויך פארעפנטלעכט אַ ריי מאמרים אין „דבר" און „הפועל הצעיר" וועגן אקטועלע ענינים.[64]

## אברהם שטערן (יאיר)

דער פירער פון „לוחמי חרות ישראל" („שטערן־גרופע"), וואס האט צוזאמען מיטן „ארגון צבאי לאומי" אָנגעפירט א פארביטערטן קאַמף, בעיקר מיט טעראָר, קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט איז געווען אברהם שטערן פון סואוואַלק.

א. שטערן איז געבאָרן געוואָרן 1907 אין סואוואַלק. זיין פאָטער מרדכי איז געווען אַ צאָן־דאָקטאָר און זיין מוטער לאה איז די טאָכטער פון באַוואוסטן ווילקאָמירער משכיל רפאל גרושקין.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער פאָטער געבליבן אַ קראַנקער אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. די מאַמע איז פאַרוואָגלט געוואָרן מיט אירע קינדער טיף אין רוסלאַנד. גלייך נאָך דער מלחמה איז די מאַמע געקומען צוריק קיין סואוואַלק. שטערן איז דאָרטן נאָך פאַרבליבן עטלעכע יאָר. די שווערע יאָרן אַליין און אָן עלטערן האָבן געלייגט אַ שטעמפל אויף זיין גאַנצן כאַראַקטער. 1921 האָט אברהם שטערן זיך אומגעקערט קיין סואוואַלק, וואו ער האָט געלערנט אין דער אָרטיקער העברעאישער גימנאַזיע. ער איז אויך געווען איינער פון די מנהלים פון דער סואוואַלקער יידישער סקאוטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפן.

אין 1925 האָבן שטערנס עלטערן אים אָפגעשיקט לערנען אין ירושלימער גימנאַזיע. נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים איז ער געפאָרן זיך פאַר־פולקומען אין פלאָרענץ, איטאַליע. אין 1933 האָט ער איבערגעריסן זיין שטודיום און זיך אריינגעוואָרפן אין אונטערערדישן קאַמף קעגן ענגלאַנדס ממשלה אין א"י. פון דעמאָלט איז א. שטערן באַקאַנט אונטערן נאָמען יאיר.

א. שטערן־יאיר איז געווען זייער עקסטרעם. ער האָט אָפגעוואָרפן דעם פאַריזער פשרה־הסכם צווישן זאב זשאַבאָטינסקי און די פאָרשטייערס פון „ארגון". אפילו בעתן פלאַקער פון צווייטן וועלטקריג קעגן היטלערן, ווען די „ארגון"־פירערס אין ארץ־ישראל האָבן פראָקלאַמירט אַ וואָפנרו קעגן ענגלאַנד, איז יאיר אַרויסגעטראָטן קעגן דאָזיקן שריט, פאַרלאָזן דעם „ארגון" און געשאַפן די „שטערן־גרופע".

די ענגלישע א"י־מאַכט האָט געהאט באַשטימט 1,000 פונט פאַר זיין קאָפּ. כ"ה שבט תש"ב איז פאָליציי געקומען אויף זיינע שפורן, האָט אַרומגערינגלט דאָס

64. דאָרטן, 1221.

הויז, וואו ער האָט זיך געפונען, און אין דער אַנטשטאַנענער שיסעריי איז יאיר געטויט געוואָרן.[65]

אין 1950 איז אין תל־אביב אַרויסגעגעבן געוואָרן א. שטערנס אַ בוך לידער „ספר השירים״.

דאָס איז אַ טייל פון סואוואַלק־אָפּשטאַמיקע, וואָס זיינען דאָ און דאָרט פאַרצייכנט געוואָרן צוליב זייערס אַ קלענערער אָדער גרעסערער ראָל אין בנין הארץ. סואוואַלקער געגנט האָט אָבער אַ גרויסן „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט״, וואָס האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן זיך

65. דאַרטן, 1014; „יאיר״ (אומלעגאַלע בראָשור פון „לוחמי חרות בישראל״, [1944?]; „הדם אשר בסף״, יעקב וינשל, תל־אביב, תשט״ז.

איינגערייט צווישן די בויערס פון ארץ־ישראל שוין פון די פופציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט און וואָס איז צעשפּרייט אומבאַמערקט איבער אַלע עקן לאַנד.

דער „שמואל שאפירא מסוואלק״, וואָס מיר האָבן געפונען אין אַ רשימה פון 106 קראַנקע אין ירושלימער שפּיטאָל „משגב לדך״ — איז אין קיין אַנדער אָרט ניט פאַרשריבן מיט זיינע אויפטועןן.[66] אָבער אַזעלכע סואוואַלקער „שאפּירא׳ס״ זיינען דאָ ניט ווייניק אין ארץ ישראל.

ניט די דאָזיקע נעלמים, ניט סואוואַלקער געגנט בכלל האָבן נאָך ניט באַקומען זייער געהעריקן אָפּשאַץ אין דער געשיכטע פון חיבת־ציון און אירע פאָרלויפערס.

66. „השקפה״, 1904, נר׳ 38.

# יידישע ארבעטער־באוועגונג

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערוואַקסן תחילת 20סטן יאָרהונדערט — דאָס איז אָבער די גרענעץ־דאַטע פון אונדזער דאָזיקער אַרבעט, און יענער גרויסער דראַמאַטישער קאַפּיטל קען דאָ נאָר קורץ סקיצירט ווערן.

סואוואַלק האָט סוף נייַנציקער יאָרן פאַרמאָגט אַ נישקשה׳דיקן יידיש־פּראָלעטאַרישן עלעמענט, וואָס האָט גיך אויפגענומען די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען פון „בונד״ און שפּעטער פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען. ניט אומזיסט האָט סואוואַלק געשפּילט אַ קענטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון די פאַרשיידענע אָפּצווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג נאָכן ערשטן וועלטקריג.[1]

אַ ניט קליינע השפעה אויף צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אידעאַלן צווישן די יידישע אַרבעטערס און יוגנטלעכע אין סואוואַלק סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיכער געהאַט די יידישע סטודענטן, וואָס פלעגן זיך אומקערן אַהיים פון די דייטשע און שווייצאַרישע אוניווערסיטעטן. דאָרטן האָט דעמאָלט געוויירט און געברויזט פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטיש־עמיגראַנטישע גרופּעס, און סואוואַלקער יידישע סטודענטן האָבן די אויפשטורעמדיקע אידייען מיטגעבראַכט אין זייערע וואוינערטער.

אַ חלק אין פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אידייען האָבן אויך פאַרשיידענע חשוב׳ע פערזענלעכקייטן פון אַנדערע מקומות, וועלכע פלעגן צוליב די אָדער אַנדערע טעמים זיך צייטווייליק באַזעצן אין סואוואַלק, ווי, למשל, משה קאַמיאָנסקי, דער אינטימער חבר פון באַוואוסטן סאָציאָליסט אליעזר צוקערמאַן, דעם נאָענטן מיטאַרבעטער פון באַרימטן אליעזר ליבערמאַן. קאַמיאָנסקי האָט געלעבט אין סואוואַלק אין די 90ער יאָרן.

1. זע, למשל, „יידישער אַרבעטער־פּנקס״, באַנד I, רעדאַקטאָר: זרובבל, וואַרשע, 1928, ז׳ 353.

שוין אין דער בראשית־תקופה פון דער יידיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט סואוואַלק פאַרנומען אַ קענטיקן פּלאַץ. אין 1901־1902 איז אין סואוואַלק שוין געווען אַקטיוו אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. סואוואַלקער גובערניע איז געווען צווישן די צענטערס, וואו עס האָט זיך דעמאָלט געפירט די הויפּט־טעטיקייט פון „בונד״. אין די פאַרשיידענע געלט־אָפּרעכענונגען פון די שטעטישע אָרגאַניזאַציעס מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ ווערט סואוואַלק אָפט דערמאָנט. די ציוניסטן־סאָציאַליסטן האָבן אין סואוואַלק געהאַט איינעם פון זייערע ערשטע צווייגן.[2] די יידישע גאַרבערס און בערשטערס אין סואוואַלקער געגנט זיינען גיך אָרגאַניזירט געוואָרן, און ווען ס׳איז שפּעטער — סוף 1905 און אין 1907 — דאָרטן אויסגעבראָכן דער גרויסער לאָקאַאוט און דער גרויסער שטרייק, וואָס האָבן זיך געצויגן מערערע וואָכן, איז דער סוף געווען אַ גרויסער נצחון פון די אַרבעטערס.[3]

אין 1903 איז די לוויה פון סואוואַלקער גאַרבעריי־אַרבעטער דוד... אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ דעמאָנסטראַציע פון פינף שעה. אויף זיין קבר האָט מען געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געהאַלטן סאָציאַליסטישע רעדעס. צוריק פון בית־עולם איז מען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען. אַזאַ זאַך איז נאָך ניט געווען קיין אָפטע דערשיינונג און „אַנדערע אָפיציערן האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און זיך געצלמ׳ט״.[4]

אָנהייב 1905 זיינען דער „בונד״ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען אין סואוואַלק געווען שטאַרק אַקטיוו. זיי האָבן דורכגעפירט אַ שטרייק אויף עטלעכע

2. „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד״, נ. א. בוכבינדער, יידיש: ד. רויכעל, ווילנע 1931, זייטן — 170, 186, 193, 393.

3. „גאַרבער־בונד און בערשטער־בונד״, ס. דובנאָוו־ערליך, וואַרשע, 1937, ז׳ 104.

4. „איסקראַ״, 1903, נר׳ 36.

טעג. זיי האָבן געצוואונגען צו פאַרמאַכן די קראָמען. דער „קאַמפּס־אטריאַד" איז געווען באוואפנט מיט קינזשאַלן און רעוואָלווערן. זייער פיל סאָלדאַטן און פּאָליציסטן האָבן פּאַטרולירט די גאַסן. זעקס־זיבן אַרבעטערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי זכריה קריוויצקי, ביי וועמען מען האָט געפונען אַ קינזשאַל, און איינער מיטן נאָמען אברהם, ביידע סואוואַלקער שלאָסערס. שפּעטער איז אויך אַרעסטירט געוואָרן אברהם גליקסמאַן, אַ פּריוואַט לערער, פאַר האַלטן אומלעגאַלע ליטעראַטור.[5]

פאַרשיידענע אַרבעטער־פּראָקלאַמאַציעס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין סואוואַלק. אַנדערש מאָל זיינען די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס געדרוקט געוואָרן אין סואוואַלק און געשריבן טאַקע אויף מאַמע־לשון. אַזאַ פּראָקלאַמאַציע פון סואוואַלקער „בונד" אין 1903, וואָס איז היינט אַ יקר־המציאות,[6] ווילן מיר דאָ איבערגעבן, ווי זי שטייט און גייט:

„רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארב. פּאַרטיי
צו אללע סובאלקער ארבייטער און ארבייטערינען

ברידער און שוועסטער! ווי אַ ברייטער שטראָם האָט זיך די אַרבעטער־בעוועגונג פערשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט; אומעדום, אין אַלע שטאדט און שטאדטלעך האבען זיך די ארבייטער אויפגעוואכט פון זייער שלאָף און זיינען ארויסגעטראָטען אויף אַ קאמפף פאר אַ בעסערען און אַ ליכטיגערען לעבען. אומעדום הערט זיך די שטיממע פון דעם ארבייטער, ווי ער שרייט אויס אפפען פאר דער גאנצער וועלט: „מיר מוזען פערניכטען די יעצטיגע אָרדנונג, וואו מיליאָנען שקלאַפען מאַכען די שעהנסטע פּאלאצען, און האבען אלליין קוים מיט וואָס דאָס לייב צו בעדעקען; וואו די ארבייטער מאכען אללעס, וואס די געזעללשאפט דארף האבען, און אלליין ליידן זיי דחקות און נויטה; וואו אללעס געהערט צו אַ הייפעלע מענשען, וועלכע נעהמען צו די אַללע רייכטימער, וואס דער ארבייטער האט מיט שווערער פּראַצע אָנגעהאָרעוועט און פאר וואָס ער בעקוממט אזא קליינעם געצאָהלט, אז ער זאל קעננען קוים דאס לעבען דערהאלטען און נאך שקלאפען בעשאפפען פאר די קאפּיטאַליסטען. —

דעריבער וויללען מיר אזא ארדנונג, וואו די אללע מיטטלען, מיט וועלכע מען ארבייט אויס די אללע פּראָדוקטען, וואָס די געזעללשאפט דאַרף האָבען, זאללען געהערען צו דער גאנצער געזעללשאפט, און ניט צו איינצעלנע מענשען; אז אללע מענשען זאָללען גלייך געניעססען די פּראָדוקטען פון זייער ארבייט. אָט די ארדנונג, אין וועלכע עס וועט ניט זיין קיין הערר און קיין שקלאף, וואו אללע מענשען וועלען לעבען פריי און זיך ניט פערקויפען, ווי פערד, צום קאַפּיטאַליסט, הייסט די סאָציאַליסטישע ארדנונג. און אום צו פערווירקליכען די ארדנונג, גרינדען זיך סאָציאַל־דעמאָקראַ־

5. „ארבייטער־שטיממע", 1905, נר' 39, ביילאגע.
6. אַן אָריגינאַל געפינט זיך אין ניו־יאָרקער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.



טישע אַרבייטער־ פּאַרטייען, וועלכע שטעללען זיך אויף די פערניכטונג פון דער קאפּיטאַליסטישער ארדנונג, דער שפּיטצע פון דעם אַרבייטער־קלאַס אים קאַמפּף פיר דער ארדנונג פון אונטערדריקונג פון איין מענש דורך דעם צווייטען; זיי פיהרען אַ קאמפף, אום איינצופיהרען די סאָציאַליסטישע ארדנונג.

מיר, סובאלקער ארבייטער סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האבען שוין לאנג אריינגעטרעטען אין די רייהען פון אללוועלטליכען קאמפפענדען פּראָלעטאַריאַט. מיר רופען מוטהיג צום קאַמפף אונזערע איבריגע ברידער און שוועסטער, ווייל מיר פערשטעהען, אז דער ארבייטער־קלאסס איז דער פונדאַמענט פון דער געזעללשאַפט, ער איז דער שמשון הגבור, וועלכער האַלט די זיילען פון יעטציגער ארדנונג. זאלל ער נאר אַ טרייסעל טהאָן די זיילען, דאַנן וועט די פערפוילטע וועלט אומפאללען, און אויף איהר אָרט וועט מען אויפבויען אַ בעססערע און אַ פרייערע וועלט.

מיר, יודישע אַרבייטער, דאַרפען ניט הערען די באָבע מעשיות פון די פערטהיידיגער פון די בורזשואַזיע — פון די רבנים, וועלכע זאָגען, אַז אזוי איז באַשערט פון גאָטט, אָדער, ווי די ציוניסטען טענה'ן, אַז אַלע יודען זיינען ברידער (כל ישראל חברים). ניין, מיר דאַרפען פיהרען אונזער עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאַמפף גלייך מיט אַלע ארבייטער פון אַנדערע נאַציאָנען און שטאנדיק געדענקען די הייליגע ווערטער פון אונזערע פאָר־קאמפפער: „לעבען אין פרייהייט אָדער שטאַרבען אין קאַמפף".

אבער מיר, רוססלאנדער ארבייטער, האָבן נאך אַ שרעקליכע הינדערניסס אויף אונזער וועג, וועלכע דערלאָזט אונז ניט פריי געהען צו אונזער אידעאַל. צוערסט מוזען מיר פערני'כטען די טיראַנישע זעלבסט הערשענדע רעגיערונג, וועלכע ליעגט אויף אונז, ווי אַ פּיאַווקע, זויגט אונזער בלוט און פערהיט שטאנדיג נור די אינטערעססען פון דעם קאַפּיטאַליסטען־קלאַסס. מיר מוזען פערניכטען די אַזיאַטישע רויבער־באַנדע, וואָס שטעללט זיך ניט אָב פאר קיינע שאנדליכע מיטטלען, אום אָבצושוואַכען די מאַכט פון דעם ארבייטער־קלאַסס: דא מיט זיססע ווערטער, דא מיט נאגאיקעס און קוילען, מיט טורמעס און סיביר, דאָ דורך אָנרייצען איין נאַציאָן געגען די אַנדערע (ווי קישינעווער פּראָגראָם), אום צושטערן די אחדות פון די ארבייטער פון אַללע נאַציאָנען.

מיר, אידישע אַרבייטער, ליידען גאַנץ בעזאָנדערס פון דער זעלבסט־הערשענדער רעגיערונג, און דעריבער מוזען מיר מיט נאָך מעהר ענערגיע קאמפפען געגען איהר. זי האָט אונז פערשפּאַרט אין די ד'־אמות פון דער פערפלוכטער „טשערטא אָסיעדלאָסטי", וואו מיר ווערען דערשטיקט פון ענגשאַפט, וואו די קאָנקורענץ צווישן די ארבייטער איז שרעקליך גרויס. דעריבער דאַרפען מיר, אידישע ארבייטער, קאמפפען געגען אללע אויסנאהמס־געזעטצען אום צו עררייכען בירגערליך־נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג דיעזען קאַמפף פיהרט אָן דער

„אַלגעמיינער אידישער ארבייטער־בונד אין ליטא, פּוילין און רוסלאַנד".

אין דער צייט, ווענן דער רוסישער טהראָן טרייסעלט זיך פון די מאכטיגע קלעפּ פון דעם קאמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט, אין דער צייט, ווענן די אידישע בורזשואַזיע בענוצט אללע ניעדערטראַכטיגע מיטטלען, כדי אָבצוהאַלטען דעם שטראָם פון דער אַרבייטער בעוועגונג, — לאָמיר, סובאַלקער ארבייטער סאָציאַלדעמאָקראַטען, צוזאַמען מיט דעם גאַנצען קאמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט הילכענד אויסרופען:

ניעדער מיט דעם קאַפּיטאַליזמוס!
ניעדער די ניעדערטרעכטיגע זעלבסטהעררשונג!
ניעדער מיט דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג!
עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק!
עס לעבע דער סאָציאַליזמוס!

סובאַלקער סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן
פון „בונד".

סעפּטעמבער, 1903 יאָהר".
געדרוקט אין 700 עקז.
דרוקעריי פון „בונד".
די ערשטע בונדישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין סואוואַלק, האָט דער אָרטיקער רב, ר' דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן, געבראַכט אין שול, זי פאָרגעלייענט פאַר אַלעמען און זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.[7]

סואוואַלק האָט ניט ארויסגעגעבן, אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, קיין בונדיסטישע טוערס, וועלכע זאָלן האָבן געווען באַקאַנט אויסער די גרענעצן פון דער שטאָט. דער איינציקער, וועלכער איז געווען באַוואוסט ווי אַ חשוב'ער „בונד"־טוער, איז געווען ד"ר אלכסנדר מאַרגאָליס, געבאָרן אין סואוואַלק אין 1887. זיין פאַמיליע שטאַמט פון סעריי. ער האָט געענדיקט מעדיצין און אַ לענגערע צייט געווען דאקטאר אין סואוואַלקער שטאָטישן שפּיטאָל. ד"ר מאַרגאָליס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.[8]

וועגן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן, וואָס שטאַמען פון סואוואַלק און אומגעגנט, ווערט געשריבן אין קאַפּיטל „חבת־ציון".

7. „די ארבייטער שטיממע", 1903, נר' 35, ז' 16.
8. „דורות בונדיסטן", רעדאַגירט פון י. ש. הערץ, ניו־יארק, 1956, ז' 165. אין מעקסיקאַנער „פּארויס" (1957, נר' 255) ווערט ד"ר מאַרגאָליס באצייכנט ווי איינער „פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן פון דעם „בונד" אין פּוילן".

# מוסדות, חברות, עסקנים

איינער פון די עלטסטע מוסדות אין סואוואַלק איז דער בית הכנסת אָדער די אַלטע שול. די דאָזיקע שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1821. איבער דער ארייננגאַנגס־טיר זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „זה השער לד' צדיקים יבואו בו". אין דער שול זיינען איינגעבויט געוואָרן עטלעכע טרעפּ אויף אַראָפּ, כדי מקיים צו זיין דעם „ממעמקים קראתיך ד'".

ווי אין פיל אַנדערע שטעט, איז דער סואוואַלקער



סואוואַלקער בית־מדרש

בית־הכנסת געשטאַנען אין אַ גרויסן הויף, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך קלויזן און קהל'שע מוסדות. אין דעם גרויסן שולהויף און ארום אים האָט זיך געפונען דער בית־המדרש הגדול, וואָס האָט ארייננגענומען ביי 1000 מתפללים, די פישערשע קלויז (חברה „עין יעקב"), די שניידערשע קלויז, די שוסטערשע קלויז, די מוליאַרישע קלויז, ווי אויך די קלויזן פון חברה „מדרש", חברה „הכנסת אורחים", חברה „תורה". אַ ביסל ווייטער — אויף דער שואל־שמש־גאַס — איז געשטאַנען די קצב'ישע קלויז „זובחי צדק". אויפן שולהויף איז אויך געווען דער מרחץ, די מקווה, דער הכנסת־אורחים, און פסח פלעגן דאָרטן די יידן קומען כשר'ן די כלים.

אויסער די אויבן דערמאָנטע זיינען אין סואוואַלק נאָך געווען פיל אַנדערע קלויזן און מנינים, צעוואָרפן איבער אַלע עקן שטאָט, ווי די קלויזן „חיי אדם", „עץ חיים ובונה צדק", „מנורת המאור", „מחזיקי תורה", „חיי עולם", קלויז „מושב זקנים", „דרך החיים", ראָזנטאַלס קלויז, אהרן אהרנזאָנס קלויז, די סטאָליארישע קלויז, ר' זעלמעלעס (בירגער) קלויז, די קלויז פון ר' ישראל־לייבן, ר' יצחק ברוינס קלויז, זילבערבלאַטס קלויז, בערלינסקיס קלויז, אפרים יעלינעווסקיס קלויז, פּאָסטאַוועלסקיס קלויז, בוראַקס קלויז, פשעדמייסקיס קלויז, עברי'ס קלויז, הירשע לעווינזאָנס קלויז, בעלי־עגלות'ע קלויז, שטיינבערגס קלויז, און די פּאָפּולערע „מנינים"



דער שולהויף נאָכן חורבן

אַ טייל וואַנט מיט צוויי פענצטערס פון סואוואלקער גרויסער שול, דערביי חברה „עין יעקב" (פישערשע קלויז), דערנאָך דער שטאָטישער מרחץ מיט די מקוואות, אַנטקעגן — דאָס לײדיקע אָרט פון דער רואינירטער קלויז „חברה מדרש". אויפן שולהויף דאָס איינציקע יידישע קינד חיה'לע ליפשיץ.

פון ר' אליה ראָזנטאַל, סינענסקי, צווילינג, ר' יעקב שלמה פינקאָוויץ, לייזער זעף, פון די האַנטווערקערס און חובבי־ציון.

דער קול־תורה האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין די פאַרשיידענע חברות פון ש"ס, משניות, קיצור שלחן־ערוך, מנורת־המאור, תהלים און אַנדערע. אין די גרעסערע שולן האָט מען געזאָגט אַ „שעור", געלערנט דאָס „בלאַט" אָדער אַ פרק משניות. אין די שבתים פלעגן די בעלי־בתים לערנערס קומען צום מרא דאתרא הערן אַ „שעור". אויסער דעם זיינען אָפט געקומען אויך קיין סואוואַלק רבנים־אורחים, מגידים און סתם זאָגערס פון דברי תורה און דברי דרוש, וואָס האָבן מחיה געווען די הערצער סיי פון חשוב'ע בעלי־בתים, סיי פון האָרעפּאַשנע יידן נאָך אַן אויס־מאַטערנדיקן טאָג אין קראָם אָדער וואַרשטאַט.

פון די וויכטיקסטע און עלטסטע מוסדות אין סואוואַלק איז געווען אויך דער יידישער שפּיטאָל. לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון יונה קאַפּעלאָוויץ, איז דער יידישער שפּיטאָל אויסגעבויט געוואָרן סוף 1859. אגב, ווערט אין דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענץ דערציילט דער אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז די סואוואַלקער קהילה שיקט יערלעך 800 רובל פאַרן יידישן קראַנקנהויז אין וואַרשע.[1] לויט די רייד פון אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן, ווי צבי־

1. „המגיד", 1860, נר' 9.

הירש אַבראַמזאָן, ש. פּ. שייטליס, אצב"ע מעלצערזאָן און אַנדערע, איז דער בית־חולים געגרינדעט געוואָרן אין 1863. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט געגעבן צושטייער אויפן אויסבוי פון דאָזיקן מוסד איבער 5,000 רובל — אַ גרויסע סומע פאַר יענער צייט. זי האָט אויך געגעבן אַ יערלעכע סובסידיע פון 150 רובל.[2] לויט ד"ר יעקב שאַצקי האָט דער סואוואַלקער שפּיטאָל שוין עקסיסטירט אין 1845, האָט געהאַט ביי 50 בעטן און איז דעמאָלט געווען איינער פון די 10 יידישע שפּיטאָלן אין גאַנץ פּוילן.[3]



שול גאַם

די געבראַכטע דאַטעס זיינען באמת ניט אַזוי סתירה'דיק, ווי דאָס זעט אויס אויפן ערשטן קוק, כאָטש אויך ניט אַזוי פּינקטלעך. אמת איז, אַז דעם 13טן נאָוועמבער, 1862, איז דער יידישער שפּיטאָל אָפיציעל איבערגעגעבן געוואָרן צו דער יידישער קהילה. אָבער דער דאָזיקער שפּיטאָל איז געווען אַ נייער און איז איבערגעבויט געוואָרן פון אַלטן פּוילישן שפּיטאָל. ס'איז אויך געווען אַן אַנדער אַלטער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט, ביים יידישן בית־הקברות, און יענער איז זיכער געבויט געוואָרן פריער.

אין ראַט פון נייעם שפּיטאָל זיינען נאָמינירט געוואָרן 12 גבאים: הרב ר' שמואל מאָהילעווער — יושב ראש, יצחק ביאַלאסטאָצקי, שבתי ראָזנצוויג, מרדכי אהרנזאָן, מרדכי ראָזנטאַל, י. קראַקאָווסקי (מיטגליד פון שטאָטראַט), ישעיה ליפשיץ (מיטגליד פון שטאָטראַט), יצחק בראון, יעקב לוקסעמבורג, שמואל ווילנער, אברהם פאַכוצקי, וואָלף רובינשטיין, פעליקס בראַמסאָן.[4]

דער בנין פון יידישן שפּיטאָל איז געווען זייער אַ גרויסער און מאָדערן איינגעאָרדנט. אין אים זיינען געווען אַן אייגענע אָפּטייק, וואוינונגען פאַר דאָקטוירים און באַדינערס און אַ גרויסע קיך. דער אַנשטאַלט איז אָנגעפירט געוואָרן פון 12 גבאים בראש מיטן רב.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פרויען־פאַראיין צו שטיצן אָרעמע קראַנקע. אין „ועד הנשים התומכות חולים בסובאלק" זיינען געווען: חווה אייזנשטאַט, אידא בוראק, פ. אהרנזאָן, הענע פייגין און גיטל ראָזנטאַל, ווי אויך ד"ר נאַטאַנזאָן און זיין פרוי. דאָס שאַפן די דאָזיקע חברה איז צונויפגעפאַלן מיטן פאַרשפּרייטן זיך פון אַ גרויסער פּאָקן־עפּידעמיע

2. „הכרמל", תרכ"ג, נר' 29; „המליץ", 1863, נר' 12; „המגיד", 1862, נר' 49.

3. „געשיכטע פון יידן אין ווארשע", ד"ר י. שאַצקי, ב' III, ז' 185.

4. „יוטצענקא", 1863, נר' 8. אין דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ ווערט איבערגעגעבן, אַז דאָס געלט פאַרן שאַפן דעם נייעם יידישן שפּיטאָל שטאַמט דאָס רוב „פון אונדזערע קריסטלעכע מיטבירגערס". — אַנשטאָט ליפשיץ דאַרף זיין ליפּסקי. זע אונטן הערה 56.

אין שטאָט, אין 1893.[5] פיל יאָרן פאַרן פרויען־פאַראיין און שפּעטער האָבן פאַר קראַנקע געאַרבעט אויך די חברות „בקור חולים" און „לינת הצדק".

די מיטגלידער פון קאָמיטעט פון „בקור חולים" אין 1864 זיינען געווען: שבתי ראָזנצווייג, מרדכי ראָזנטאַל, יצחק ביאַלאָסטאָצקי, משה קראַקאָווסקי.[6]

אין מהומות־יאָר פון 1863 זיינען פיל משפּחות אין סואוואַלק עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרן. אין אָט דער צייט איז געשאַפן געוואָרן די חברה „תמחוי" צו געבן הונגעריקע עסן. די עסקנים פון „תמחוי" פלעגן ארומגיין איבער די הייזער מיט גרויסע זעק, וואוהין זיי פלעגן אריינלייגן דאָס געגעבענע עסנוואַרג.[7]



דער יידישער שפּיטאָל אין סואוואַלק

אין הונגער יאָר 1868 האָט הרב שמואל מאָהילעווער, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין סואוואַלק, אויסגע׳פּועל׳ט ביים סואוואַלקער פּאָליציי־שעף זשוראַקאָווסקי און גובערנאַטאָר ג. גערווע אַ דערלויבעניש צו קלייבן אין ספּעציעלע 25 פּושקעס געלט אויף ברויט פאַר אָרעמע יידן.[8]

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אַ סך יידישע פאַמיליעס אין סואוואַלקער געגנט האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אַ וואַקל געטאָן און מען האָט געדאַרפט אפילו אָנקומען צו אויסלאַנד. אין איין רשימה פון „לתמיכת עניי אחינו בני ישראל ברוסלאנד ופאלען" פיגורירט סייני ווי אַ מקבל פון 50 רובל און סואוואַלק (צום צווייטן מאָל) — מיט 100 רובל.[9]

אין 1857 איז געשאַפן געוואָרן אין סואוואַלק דער „הכנסת־אורחים", וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען ווייט איבער די גרענעצן פון שטאָט. איר ערשטער נאמן (קאַסיר) איז געווען ר׳ יחזקאל־לייב ליכטנשטיין. די דירה האָט זיך געפונען אויף פּעטערבורגער גאַס נר׳ 806.[10]

אין 1863 האָט דער סואוואַלקער גביר און עסקן אברהם ראָזנטאַל אויסגעבויט אַ ניי הויז פאַר „גמילת חסד". דאָס אַלטע גמ"ח־הויז איז אויך געווען פאַר זיין געל׳ט. ער האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער חברה, געבנדיק פאַר איר ביי 1500 רובל.[11] אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז פון גמ"ח געוואָרן אַ גרויסע ליי־און שפּאָרקאַסע.

אין 1867 איז געגרינדעט געוואָרן „סומך נופלים". אין ערשטן יאָר איז אין קאַסע געווען 450 רובל און עס זיינען געשטיצט געוואָרן 700 יידן. אין דער חברה זיינען געווען 24 גבאים, וואָס לויט אַ ריי פלעגן זיי חודש׳לעך פירן זייער אַרבעט. דער חבר־אָפּצאָל איז געווען מינימום 2½ קאָפּיקעס אַ וואָך.[12]

די חברה „קרבן עצים" האָט געזאָרגט צו באַשאַפן האָלץ פאַר אָרעמע. זי איז געווען, נאַטירלעך, באַזונדערס טעטיק אין ווינטער. אין 1871, ווען ס׳זיינען אָנגעקומען גאָר שטאַרקע פרעסט, האָט די חברה דורכגעפירט אין

5. „המליץ", 1893, נר׳ 72 און 1894, נר׳ 86.
6. „המגיד", 1864, נר׳ 3. — אין 1890 האָבן יידישע גימנאַזיסטקעס אין סואוואַלק בראש מיט מאיר שידאָרסקיס טאָכטער באַנייט אָדער געשאַפן אַ נייעם „בקור חולים" („המליץ", 1890, נר׳ 215).
7. „המליץ", 1863, נר׳ 16 און „המגיד", 1867, נר׳ 7.
8. „המגיד", 1868, נר׳ 7, הוספה; „הכרמל", 1869, נר׳ 5.
9. „המגיד", 1868, נר׳ 16, הוספה.

10. פּעטערבורגער „הזמן", 1903, נר׳ 7/6; „המגיד", 1857, נר׳ 45.
11. „הכרמל", 1863, נר׳ 29; „המגיד", 1863, נר׳ 4.
12. „המגיד", 1867, נר׳ 7.

סואוואַלק אַן אַקציע אויף האָלץ, וואָס האָט אריינגעבראַכט 120 רובל.[13]

דער סואוואַלקער „לחם עניים", וואָס האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט טיילן ברויט און קאַרטאָפל פאַר אָרעמע, האָט אַנדערש מאָל געטיילט אויך האָלץ. אזוי איז געווען, למשל, אין 1892, ווען סואוואַלק האָט דורכגעמאַכט אַן עקאָנאָמישן קריזיס. די פירערס פון „לחם עניים" זיינען דעמאָלט געווען: אַדוואָקאַט גודזי־אַנסקי, אַדוואָקאַט קלינקאָווסטיין און דער משכיל מרדכי ראָזנבערג. זיי האָבן באַקומען די מיטהילף פון ד״ר נאַטאַנזאָן, ד״ר מרגלית און ד״ר ראָטראָזן. יעדער פון זיי פלעגט זיצן אין איינער פון די שולן און טיילן ברויט, קאַרטאָפל און האָלץ.[14]

געווען נאָך חברות אין סואוואַלק, ווי, למשל, „הכנסת כלה", „מלביש ערומים" אאז״וו.

אין 1861 איז שוין געווען טעטיק די חברה „בחורי חמד", וואָס אירע צילן האָבן מיר נישט געקענט אויפ־קלערן. לויטן נאָמען קען מען משער זיין, אַז דאָס איז געווען אַ קרייז פון וואויללערנערס, ווי אַ מין „כולל". די חברה האָט אפילו געהאַט אַן אייגענעם שוחט ר' דוב ב״ר אליעזר, וואָס זיין נאָמען ווערט דערמאָנט צווישן סואוואַלקער פרענומעראַנטן.

אין 1894 האָט יהושע־דוב בוראַק מנדב געווען אַ גרויסן מויער אויף אַ „מושב זקנים". אים געהאָלפן האָבן א. נאַטאַנזאָן און ליפּסקי.[15] אין דעם זעלביקן יאָר האָט דער מושב־זקנים אָפּגעדרוקט, אין העברעאיש און יידיש, זיינע תקנות. די אָרגאַניזאַטאָרס דריקן אויס קודם כל זייער שמחה מיטן אויפשטעל פון דאָזיקן וויכטיקן מוסד: „מה נכבד הוא היום הזה, יום בו התעוררו נדיבי עמנו להקים בית מחסה לזקנים וזקנות".

פאַרן ערשטן יאָר איז געווען אויסגערעכנט אנצו־נעמען ניט מערער פון 20 פּערזאָנען. אויב עמעצער וויל אָבער באַצאָלן 75 רובל אַ יאָר, קען מען מאַכן פאַר אים אַן אויסנאַם. אָנגענומען האָט מען נאָר עלטערע פון 50 יאָר, אַ יוצא מן הכלל זיינען געווען „שוואַכע אָדער פּעהלערדיגע מענשען וועלכע קעננען בשום אופן דורך מיהע אונד ארבייט זייער חיונה פערדינען".

דער רעזשים אין מושב זקנים איז געווען אַ שטרענגער. אין סעיף ל״ו פון די תקנות ווערט געזאָגט: „זיי טאָרען ניכט אויסגעהן אויס דעם האָף פאָן בית מחסה זאָנדערן מיט איין שריפטליכע ערלויבניס פון גבאי אָדער משגיח".

לויטן סעיף כ״ה, האָט אַ פעלדשער געדאַרפט קומען אין מוסד יעדן טאָג, און לויט אַן אָפּמאַך מיט אַ דאָקטאָר איז יענער אויך מחויב געווען צו באַזוכן דעם מושב זקנים, אויב דער פעלדשער האָט עס געהאַלטן פאַר נייטיק.

דאָס געדרוקטע ביכל מיט די תקנות, וואָס איז גאַנץ שווער צו קריגן, האָט דער באַוואוסטער ביבליאָ־גראַף ר' חיים ליבערמאַן אָפּגעקויפט פון די סאָוועטן בעת די לעצטע מלחמה־יאָרן, ווען ער איז פאַרוואָגלט



מושב זקנים

געוואָרן קיין מאָסקווע. דאָס איז געווען איינער פון די צוויי עקזעמפּליאַרן, וואָס די צאַרישע צענזור פלעגט פאָדערן פון יעדער געדרוקטער זאַך. פון צאַרישן צענזאר איז טאַקע דאָרטן אָנגעשריבן, אַז דאָס ביכל איז אָפּגע־דרוקט אין טויזנט עקזעמפּליאַרן.

אַ ריי חברות און מוסדות פלעגן אַראַנזשירן ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען, כדי צו פאַרגרעסערן זייערע הכנסות. „זרובבל" פון ליליענבלום איז מערערע מאָל געשטעלט געוואָרן, אויך „יהודית" פון לערנער און אַנדערע.

די עסקנים אין סואוואַלק האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן טעטיקייטס־שטח, וואָס דער גרעסטער טייל יידישע

13. „המגיד", 1871, נר' 3. — די נדרים פאַרן „קרבן עצים" פלעגט מען דורכפירן אין איינעם פון די לעצטע שבתים אין האַרבסט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן חורבן.
14. „הצפירה", 1892, נר' 87.
15. „הצפירה", 1894, נאָוועמבער 7.

שטעט האָבן עס ניט געהאַט: די זאָרג פאַרן יידישן סאָלדאַט. סואוואַלק איז געווען אַ גאַרניזאָן־שטאָט, און אָפט זיינען דאָרטן געווען הונדערטער יידישע סאָלדאַטן, וועמען די אָרטיקע כלל־טוערס האָבן באַזאָרגט מיט כשר עסן און מיט אַ פלאַץ, וואו צו פאַרברענגען ימים־טובים.

ס׳איז אויסגע׳פועל׳ט געוואָרן, אַז שבת און יום־טוב זאָלן יידישע סאָלדאַטן זיין פריי. פאַרן דאָזיקן צוועק איז געשאַפן געוואָרן אין סואוואַלק אַ ספּעציעלע חברה „מאכל כשר" (אָדער „קופּת הצדקה"), באַזירט אויף וואָכערס. אין 1884 האָט די וועכנטלעכע הכנסה באַטראָפן


תקנות
בית מושב זקנים
של עיר סובאלק.
וירוממוהו בקהל עם ובמושב זקנים יהללוהו.
(תהלים ק״ז)
בית מושב זקנים בעיר סובאלק
תבנית הבית
INSTITUTION MOSCHAW-SEKENIM IN SUWALKI
ווארשא
בדפוס האלטער ואייזענשטאדט, נאלעווקי 7
שנה תרנ״ד לפ״ק
Таконесъ бейсъ Моушевъ-Зкейнимъ
т. е. Правила богадѣльни города Сувалки.
ВАРШАВА
тип. М. И. Гальтера и М. Айзенштадта, Налевки 7.
1894.

תקנות מושב זקנים

30 רובל. די צאָל יידישע סאָלדאַטן האָט דעמאָלט דערגרייכט 47. אין 1894 איז זייער צאָל געווען אַרום 200, אין 1889 — 130 וכו׳.[16]

געווען אָבער אַ פיל־פיל שווערערע אויפגאַבע, ווי באַזאָרגן אוניפאָרמירטע יידישע בחורים מיט כשר עסן. געווען צייטן אין רוסלאַנד, ווען יידן האָבן געזעצלעך זיך געקענט „אויסקויפן" פון מיליטער־דינסט. היות ס׳רוב בעלי־דבר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט עס אַליין צו טאָן און היות ס׳זיינען געווען דרינגלעכע פאַלן, ווען מען האָט געמוזט געבן אויסקויף געלט — איז דאָס ווידער

16. „המליץ", 1884, נר׳ 56 און 60, 1889, נר׳ 143, 1894, נר׳ 9.

— 8 —

ואלה המשפטים אשר על פיהם יתנהג בית מושב זקנים
בעירנו סובאלק אשר קימו וקבלו עליהם כל החברים,
ויכתבו בספר למען יעמדו ימים רבים לזכרון לדור אחרון.

**א)** על המיסדים להשתדל להשיג רשיון מאת הממשלה כאשר כבר השיגו רשיון חברות כאלה בערי המדינה.

**ב)** כמטרת הבית היא כשמו לאסוף בו אנשים זקנים ונשים זקנות ולכלכל את שיבתם ולנהלם כלחם ושמלה וכל מחסורם על מנהלי הבית.

**ג)** מספר תושבי בית־המחסה־לזקנים תלוי, בהכנסות הבית ובהאמצעים לכלכלתם.

**ד)** הבית כהוסדו, יכיל בקרבו לעת עתה לא יותר כעשרים איש ואשה.

**ה)** אם ימצאו זקנים וזקנות אשר ידם משגת לשלם בעד כלכלתם סך שבעים וחמשה רו"כ לשנה, או בני משפחתם ישלמו בעדם, יקבלו בבית המחסה נוסף על מספר העשרים אשר נועד היום.

**ו)** אלה אשר ידם משגת לשלם החצי או פחות ויותר מעט, במספר העשרים יחשבו

---

דיא תקנות פאן בית מושב זקנים וועלכע
אללע חברים האבען בעשטעטיגט:

**א)** דיא גרינדער פאן בית מושב זקנים דארפען ערשטענס איין ערלויבניס פאן רעגירונג בעקאממען זא וויא זאלכע חברות אין פערשידענע שטאדט האבען בעקאממען.

**ב)** דער צוועק (ציעל) פאן דיעזען אנשטאלט איזט זא וויא זיין נאמען אין עבראיש איזט: „בית מושב זקנים" דאס הייסט: „איין אנשטאלט פיר אלטע מעננער אונד פרויען צו אונטערהאלטען" מיט וואהנונג, נאהרונג אונד קליידער.

**ג)** דער צאהל פאן דיא אלטע וועלכע אין דיעזען אנשטאלט צו נעהמען וועררען איזט אבהאנגענר אן דיא הוצאה אונד הכנסה פאן דיא חברה.

**ד)** ביים גרינדען אבער דאס הויז וועט עס ניכט מעהר אלס 20 אלטע ענטהאלטען.

**ה)** אלטע מעננער אדער פרויען וועלכע וועלכט אדער אידרע פריינד פערמאגען פיר איהר אויסהאלטונג 75 רו"כ יאהרליך צו בעצאהלען, וועררען צו נעהמען איבער דעם צאהל.

**ו)** דיא יעניגע וועלכע קאננען נור איין העלפט דאפאן צאהלען אדער אפילו עטוואס מעהרער, וועררען אין צאהל פאן דיא 20 גערעכנט,

— 9 —

ולפעמים לתם דין קדימה על אלה אשר לא ישלמו מאומה כפי ראות המנהלים.

**ז)** בבית מושב זקנים לא יקבלו אנשים ונשים רק מבני חמשים שנה ומעלה, בעלי מומים או חלשים אשר לא יוכלו בשום אופן למצוא מחיתם על ידי עבודה יצאו מהכלל הזה.

**ח)** דין קדימה לאנשים אשר התפרנסו ע"י יגיע כפים עד עת בואם לבית המחסה על אלה אשר פשטו יד לקבל נדבות.

**ט)** דין קדימה לעניי העיר על עניי עיר אחרת, רק אם אלה האחרונים ישלמו כל הוצאות כלכלתם הם או קרוביהם או אנשי עירם, אז יקבלו כמו בסעיף ה', יתר דיני קדימה מסורים בידי מנהלי הבית.

**י)** על הנפשות החפצים להתקבל בבית „מושב־זקנים" להושיט כתב בקשה לה־יושב ראש ולספח אל כתב הבקשה: א) תעודת לידתם, ב) תעודה מאת רופא מומחה אם לא הוכתו במחלה מתדבקת, ג) תעודה מאת שכניהם ומכיריהם כי בשלום ובמישור חיו עד הנה.

**יא)** אם אין מקום פנוי בבית המחסה לקבל עוד, יקבלו אנשי הועד את כתבי

---

אונד האבען וויא איין פריווילעגיום (פערשענסטווא) פריהער אנגענומען צו וועררען אלס דיא וואס קעננען גאר ניכט צאהלען.

**ז)** אין בית מושב וועררען נור 50 יאהריגע אלטע צוגענומען אויסער שוואכע אדער פעלערדיגע מענשען וועלכע קעננען בשום אופן דורך איהר מיהע אונד ארבייט זייער הוגה פעררינגען, וויא מוססען אין אויסנאם זיין.

**ח)** אלטע וועלכע האבען אימסער דורך מיהע אונד ארבייט זייער לעבען פעררינגט האבען איין פריווילעגיום אין בית מושב צו גענומען צו וועררען אויף־דיא וואס האבען זיך פאן בעטל ברויט ערנאהרט.

**ט)** דיא היזיגע שטאדטישע ארמע אלטע האבען איין פריווילעגיום אויף פרעמדע ואנדרערן ווען דיא לעצטע פיר זיך אדער אידרע פריינדע אדער שטאדט־לייטע פיר זיא בעצאהלען קעננען זא האבען זייא פריווילעגיום (פערשענסטווא).

**י)** דיא פרויען וועלכע פערלאנגען צו גענומען וועררען אין בית מושב מוססען זיך שריפטליך מיט איין בקשה צו דעם יושב ראש (פרעזידענר) וועגדען אונד דאצו איין מעטריקא, אונד איין צייגניס פאן איין דאקטאר דאס ער איזט ניכט מיט איין אנשטעקענדע קראנקהייט אנגעשטעקט, אונד איין צייגניס פאן זיינע שכנים אונד בעקאנטע דאס ער איזט איין שטילער אונד ניכט קיין צאנקיזשטיגער מענש (קלאטניק).

**יא)** אויב עס איז שאן מעהר קיין פלאטץ דא אין בית מחסה פיר

צוויי בלעטלעך פון די תקנות מושב זקנים (1894)

געפאַלן אויף די פלייצעס פון די אָרטיקע כלל־טוערס. אין 1866, למשל, האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע מיט 14 יידישע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען בעלי־משפחות. האָבן הרב שמואל מאָהילעווער, ישעיה ליפסקי, דוד ליכטנשטיין, אבעלע מאַרקסאָן און אַנדערע דורכגעפירט אַ געלט־אַקציע, וואָס האָט אריינגעבראַכט די ריזיקע סומע פון 5,000 רובל און אַלעמען אויסגעקויפט.[17]

פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע מאָל איז דער עולם געווען צופרידן, ווי אַזוי די דאָזיקע טעטיקייט פון די כלל־טוערס ווערט דורכגעפירט. אַזוי, למשל, באַקלאָגט זיך שטאַרק אַ קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק, הלמאי מען קויפט אויס אַנדערש מאָל רייכע זינדלעך פון פריזיוו, בעת אָרעמע קינדער (אפילו איבער די יאָרן) לאָזט מען גיין דינען דעם צאַר.[18]

סואוואַלק, ווי אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, האָט אָבער געהאַט צו באַזאָרגן ניט נאָר די אייגענע הצטרכות'ן אַליין. דאָס געפיל פון „כל ישראל חברים" איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז וואו נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אַ צרה פאַר יידן, זיינען זייערע ברידער אין פוילן און רוסלאַנד געווען פון די ערשטע צו העלפן.

אין 1871 מעלדעט אשר מרגלית וועגן אַ גרויסער געלט־אַקציע פאַר די יידישע אָרעמעלייט אַזש פון שטראַסבורג, עלזאַס לאטערינגען. די קלייבערס זיינען געווען ר' בנימין דיסקין און ר' אהרן אהרנזאָן. צווישן די מנדבים ווערן אויסגערעכנט:[19] אהרן בערנשטיין, שלמה ראָזנטאַל, אייזיק אהרנזאָן, זלמן אייזנשטאַדט, אליהו־משה שאַפּירא, מרדכי יפה, משה מינסקי, בצלאל־לייב רובינשטיין און אַנדערע.[20]

אין 1872 ווערט אין סואוואַלק דורכגעפירט אַ גרויסע געלטזאַמלונג פאַר די געליטענע יידן אין פערסיע. צווישן די מנדבים ווערן אויסגערעכנט: אריה סימיאַטיצקי, חיים־צבי ראָכמאַן, אברהם פרידמאַן, אברהם וואַרשאַווסקי, משה פרידמאַן, מרדכי איצקאָווסקי, אריה פליגלטויב, משה־אריה יעזערסקי, אלחנן זילבערשטיין, דוד אמדורסקי, יעקב פאַרעסקי, משה לעוויטאַנסקי, ברוך לובעלסקי, נחמן־אריה ראַבינאָוויץ. אין אַן אַנדער רשימה פון סואוואַלקער ווערן אויסגערעכנט 200 נעמען. די זאַמלערס זיינען געווען: אשר רובינשטיין, מאָריץ לעווינסקי, עזריאל־זעליק גרינבערג, שרגא ברייז, ביילע שיינמאַן, הענע מינץ, לייב עפּשטיין.[21]

אַ געלטזאַמלונג פאַר די יידן אין פערסיע איז דורכגעפירט געוואָרן אויך אין פיליפּאָווע. די זאַמלערס: הרה"ג ר' זבולון בריט, שמואל כץ, יוסף זימאַן. צווישן די מנדבים: דוב קאָמיסארסקי, פ. גיביאַנסקי, זלמן־צבי רויזנגאָלד, א. י. צארנאנסקי, אריה ווישטינעצקי, שלמה

17. „הכרמל", 1869, נר' 1; „המגיד", 1866, נר' 8 און 49, הוספה.
18. „המליץ", 1885, נר' 68.
19. סיי דאָ, סיי ווייטער גיבן מיר בעיקר די יעניקע נעמען, וואָס ווערן ניט דערמאָנט אין אַן אַנדער אָרט.
20. „המגיד", 1871, נר' 11 און נר' 23, הוספה.
21. „המגיד", 1872, נר' 6, 7, הוספה, 10, 14, 23, הוספה.

ראדזיסקאנסקי, משה פשעדמייסקי, אריה כמאַלינסקי, יהושע־יודל טוכמאַן, שרגא ראדזילאָווסקי, שכנא רושינסקי, יהודה־לייזער פינקלשטיין, ברוך סוכאַוועצקי, מרדכי שידלאווסקי, משה סוכאַוועצקי, ר' שאול לייב הלוי, שלמה גארבאַשיקער.[22]

פשעראָסלע האָט אויך געגעבן איר חלק דורך די מנדבים: יצחק מרגלית, ש. געצעוויץ, ח. וויסטינעצקי, י. און ב. מישקאָווסקי, ש. י. אבראַמסקי, י. פרענקל, ג. חאַזאַנאָווסקי, צ. פעלטין, ישראל ברוידע, י. מער־טעלסקי, מ. דאָבראָוואָלסקי, י. מ. פאַשושינסקי, י. ח. פונסקער, א. ר. וויניצקי, מ. ד. יאקובאָווסקי, אַ. שלאַ־כעצקי, ש. גאָטליב, א. קאַרפּאוויץ, י. בראַמסאָן.[23]

אין באַקלעראָווע האָבן פאַרן זעלביקן צוועק געזאַמלט געלט פייוול ראָזין און אשר שטערלינג. די מנדבים־רשימה באַשטייט פון 40 נעמען:[24] משה וויזאַנסקי, יצחק הירש־פעלד, דוד האלצמאַן און זיין זון זאב, יהודה טראָצקי, חנניה סקוראַנסקי, אַבלי גיטלזאָן און זון אריה לייב, מאיר גיטלזאָן, מאיר יונה גאלעמביעסקי, יעקב אנושינסקי, זיין איידעם ברוך אליה, יהודה לייב זימאַן, מרדכי קראַנענבערג, יוסף אייזיק ראָזנטאַל, אברהם זלמן (חזן), חיים זלמן אָרנשטיין, נטע שטערלינג, נחום ווינעראָוויץ, ישראל משה זילבערמאַן, פסח לייב לודווינאווסקי, לייב פלאָצקי, בערל גאָלדבערג און זון מאיר, יחזקאל גוראלסקי, אהרן אַלעקסאַנדעראָוויץ, אברהם אַלעקסאַנדעראָוויץ, ניסן צדיק, מאיר מאַטולסקי, יהודה זאַנטאוויץ, מאיר יצחק זעלאזניצקי, מנשה זוסמאַן, משה צאַרנינסקי, יהושע פרידמאַן, יהושע הורוויץ. אין דער רשימה פון ראַצק זיינען פאַראַן ביי 50 [25] נעמען: ישראל זוברונסקי, אברהם יצחק סטאלאווסקי, גרשון מילערסקי, יהודה לייב פינקלשטיין, דוד ליכטציער, צבי סוכעלסקי, יחזקאל איינפראַנק, אליעזר צבי אָפּנהיים, שמואל כאַדראָווסקי, אליהו איוואַשקאָווסקי, אהרן זאַבלודאָווסקי, יצחק כאַנאָוויץ, זלמן פלאַטנאָווסקי, אברהם דניאל קריינזאָן (ש"ץ ושו"ב), מרדכי קרוגמאַן, יחזקאל דאַווידזאָן, יעקב צבי קארפעל, בערל אניקסבוים, אליעזר יעקל ווערבאלסקי, אפרים דוד ברינמאַן, אברהם יאַלקוט, אהרן אויסטערין, שמעון קרוגמאַן, דוד איסר סעגאלאָוויץ, אליעזר מרגלית, יוסף זאבלודאווסקי, מיכל איינפּראַנק, מאיר סטאַלאָווסקי, אריה לייב ראצקעוויץ, יחיאל משה רויטנבערג, חיים לייזער חייט, טוביה איכלליטנער, ישראל עפּשטיין, עזרא און משה אָשינסקי, אברהם לייב עלטערמאַן, מרדכי פעלענדלער, אברהם זאב גאַרפינקל, משה אריה כאַנאָוויץ, יצחק ראצקעוויץ, אייזיק שטיידאם, אליעזר מאַטלאָוויץ, זיין זון יחזקאל, חיים צבי וירצעבאָווסקי, דוד הירשפעלד, יעקב ספיוואַק, מאיר גאָטליבאָווסקי, יעקב נוסבוים, אברהם יצחק בערוואַלד, ישראל ראובן פלאצינסקי, שלמה ביילאָוויץ, משה רעכטמאַן, מאיר

22. „המגיד", 1872, נר' 7, הוספה.
23. דאָרטן, 1872, נר' 6.
24. דאָרטן, 1872, נר' 4, הוספה, און נר' 15, 16.
25. דאָרטן.

צבי ביילאָוויץ, איטע שאַמפּאַנסקי, אליעזר וואַלאָווסקי, גאָלע קאַרפּעל, יצחק זוברינסקי. די קלייבערס: שמואל נחמיה רברביא[?], נחום בערוואַלד, בנימין טעלשיץ, חיים גיביאַנסקי, פּנחס פּונק, פּנחס קוואַל, יחזקאל בערזין, אברהם מנחם גראַנעוויץ, אהרן פאַלק, משה קיילא, בנימין גוטשטיין, צבי ריינשמיד, יוסף שלימאַקאָווסקי, זאב ווישייסקי, זיסקינד ראָזנבלום, דובער שאַפּירא, דוד שלמה כהן, מנוחה טילע פיינבערג, שלמה לייב שאַפּירא, דוב פרידמאַן, יצחק לייב ווישייסקי, שבתי נייהויז, אריה לייב סטוצינסקי, זיסקינד ראָזנטאַל, אריה באַרדין, שמחה לייב באַלינסקי, צבי אריה דאַנטע, יעקב סעגאַל, אברהם שלאָם, יצחק גיביאַנסקי, צבי דן, זלמן ראָזנפעלד, אברהם יצחק באַבראָווסקי. די קלייבערס: צבי וויזאַנסקי, זעליק ראָזנפעלד. פון סייני — 60:[26] ברוך גוטשטיין, רפאל גוטשטיין, משה ברוך גלאַנטי, חיים שלמה גלאַנטי, דובער פראַנק, אברהם לייפּונער, משה בראַמזאָן, צבי בערנשטיין, צבי גאָלדבערג, ישראל לייפּונער, נח לייפּונער, יוסף קאַמיסאַרסקי, משה לעוויטא, אשר דונקל, איסר וואלצאנסקי, אברהם יצחק ליפשיץ, אריה פראַנק, קלמן פּיוואַרסקי, רפאל לייפּונער, יצחק גאָלדבערג, שלמה גיזיאַנסקי, אשר פונק, אברהם ראגאלסקי, משה פּיק, משה יאַקובזאָן, יחיאל ברוך טעפּליץ, חיים סאבאַצעווסקי, משה גיבאנסקי, מאיר לייב דיליצקי, צבי רובינציק, אליהו שיינהאָלץ, דוד זאַרימבאָווסקי, יעקב ראָזנבלום, יעקב צבי שיינמאַן (שו״ב), חיים משה עלסאָן, יצחק גאַרבאַרסקי, משה יצחק זעליכאָווסקי, יוסף העפּנער, משה אליהו פּינקל, יעקב שאפּירא, יוסף אריה לעווינטינסקי, יקותיאל ווערבלינסקי, נחום לייפּונעק, יעקב וויזאַנסקי, שמואל ראגאלסקי, משה יצחק זעלוויאַנסקי, משה פראַנק, אהרן יצחק פראַנק, אריה לייפּונער, יהודה פראַנק, פּייוול גיבאַנסקי, דובער רוטנבערג, מנחם מענדל זילבערמאַן (ש״ץ), יהודה וויזבוצקי, יצחק אריה קאמיסארסקי, משה לעווינטאַל, שלמה אזאן, אבא פּאלניצקי, צמח באַלינסקי, שמריה כמילעווסקי, אהרן כץ, שמואל אריה האנדלסמאַן, נחום זלמן סאכאַצעווסקי, נחמן לייפּונער, בצלאל טעפּליץ, יעקב ראַצקי, יחזקאל פּרענסקי, מרדכי מאַרקסאָן, נטע גרינבערג, לייב פרייד, יצחק צבי הורוויץ, יוסף יאַבלאָנסקי, אבעל וואַרגלינסקי, קאָפּל יאַווערקאָווסקי, מאיר יונה בילעוויץ, יוסף יהודה ראָזנטאַל, אליהו מרגליות, יהושע שמש, אהרן זלאטאווסקי, ישראל נתן גראדזינסקי, מרדכי אליעזר לאזאווסקי, יצחק ליטמאַן, דוב זאב זילבערמאַן, משה שמש, יעקב קרוקאָווסקי, מאיר סמאלינסקי, זלאַטע גרינבערג, ראובן ראצקאָווסקי, אברהם אליהו הירשפעלד, חנוך כץ, יצחק לייב גוראַלסקי, משה סגל, זעליק שוואַרצמאַן, יוסף פּינקאָווסקי, שמעון אליהו באַראָווסקי, ישראל יעקב קאַפּלאַן.

ווען אין 1874 איז אין ירושלים אויסגעבראָכן אַ גרויסער הונגער האָט באַקלעראָווע געשיקט אַהין 20 רובל דורך די זאַמלערס פ. ראָזען און חנניה סקוראנסקי.

26. דאָרטן.

צוגויפגעקליבן פון 83 פּערזאָנען.[27] דאָס זעלביקע האָבן געטאָן פיליפּאָווע, סוואוואַלק, קראַסנאָפּאָליע, יעלינעווע וכו׳. ס׳זיינען אָבער געווען ניט נאָר הילפסרופן אין יידיש־נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, וואָס האָבן געפונען אַ וואַרעמען אָפּרוף ביי יידן פון סוואוואַלקער געגנט. געווען אויך צרות פון שכנות׳דיקע שטעטלעך, צו וועלכע מען איז ניט געבליבן גלייכגילטיק. דאָס רוב זיינען אַזעלכע צרות געקומען פון שריפות.

אין 1886 איז געווען אַ גרויסע שריפה אין לאַזדיי, ס׳האָבן אָפּגעברענט 250 הייזער. האָט מען פון סוואוואַלק, סייני און אַנדערע תיכף אַרויסגעשיקט ברויט, בגדים און אַנדערע נייטיקע זאַכן.[28] אין 1879 איז אויך געווען אַ גרויסע שריפה אין לאַזדיי, און די דאָרטיקע יידישע קהילה האָט געדאַנקט די יידן פון סייני פאַר זייער הילף.[29]

אין זעלביקן יאָר האָט מען אין סוואוואַלק צונויפגעקליבן 120 רובל פאַר יידן־נשרפים פון אַנדערע דריי שטעטלעך אַרום.[30]

אין 1895 האָבן סוואוואַלקער יידן צונויפגעזאַמלט די גרויסע סומע פון 1000 רובל פאַר דעם ווייטן בריסק, וואו יידן זיינען שטאַרק געטראָפן געוואָרן פון אַ שרעקלעכער שריפה אין יענעם יאָר. די געלט־אַקציע האָבן אָנגעפירט הרב ברוך ראָזנבערג און ר׳ שמואל־יוסף מאַריאַמפּאָלסקי.[31]

אין 1900 האָבן אָפּגעברענט אַרום 200 יידישע משפחות אין אויגוסטאַווע, האָט מען פון סוואוואַלק און ראַצק אַרויסגעשיקט אַהין פורן מיט עסנוואַרג.[32]

די יידישע עסקנים אין סוואוואַלק און אומגעגנט האָבן זיך ניט נאָר באַשעפטיקט מיט הילף און צדקה. געווען אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס־שטחים, וואו זיי האָבן געמוזט זיין וואַכזאַם. דאָס האָט אָפט געהאַט אַ שייכות מיט פּאַסירונגען אין צאַרס הויף און מיט סתם נאַטשאַלסטווע.

ווען אין 1864 איז אין דער קייזערלעכער משפּחה געבאָרן געוואָרן פירשט ניקאָליי, האָבן סוואוואַלקער יידן מאַרשירט מיט מוזיק דורך די גאַסן ביזן בית־מדרש, וואו מען האָט געהאַלטן דרשות לכבוד דער געשעעניש. די יידן האָבן געפּראַוועט אַזאַ יום־טוב, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון ווילנע מוראַוויאָוו האָט טעלעגראַפיש באַגריסט די קהילה אין סוואוואַלק.[33]

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז געווען אַ נייע שמחה: געוואָרן 9 יאָר, ווי דער קייזער זיצט אויפן טראָן. בעת דער צערעמאָניע אין שול איז בייגעווען „השר הגדול״ באַקלאַנאָוו.[34]

אין 1897 האָט באַזוכט סוואוואַלק „שר מדינת פּוילן״

27. דאָרטן, 1874, נר׳ 23, הוספה.
28. „המליץ״, 1886, נר׳ 49.
29. דאָרטן, 1879, נר׳ 30 און „הצפירה״, 1879, נר׳ 27.
30. „המליץ״, 1886, נר׳ 35.
13. דאָרטן, 1895, נר׳ 134.
32. „הצפירה״, 1900, נר׳ 121.
33. אצב״ע [מעלצערזאָן] אין „המגיד״, 1864, נר׳ 5.
34. „המגיד״, 1864, נר׳ 13.

און אייבערקאָמאַנדיר פון וואַרשעווער ראַיאָן פירשט אימעריטינסקי. אויסער דעם אָפיציעלן שטאַטאויפנעם אין גימנאַזיע, וואו ס'האָבן זיך אויך באַטייליקט די יידישע פאָרשטייערס יהושע בוראַק און שיינמאַן, האָט דער פירשט אויך באַזוכט די שול. ביים אריינגאַנג פון שול זיינען געווען אויסגעשטעלט שפּאַלערן פון יידישע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, אַלע אויסגעפּוצט אין זייערע אוניפאָרעמס און אין בלומען. אין שול האָט דעם פירשט באַגריסט דער קאַזיאָנער ראַבינער זעליגמאַן. דער כאָר פון יהודה־לייב חסיד האָט געזונגען עטלעכע רוסישע לידער. דער פירשט האָט באַדאַנקט דעם הרב ר' טוביה קאַצענעלנבאָגן, ראַבינער זעליגמאַן, בוראַקן און סערייסקין. אין קהל־פּנקס האָט ער אריינגעשריבן די וויכטיגע שורות: „איך דריק אויס מיין דאַנק צו דער יידישער קהילה אין סואוואַלק, די רבנים און פירערס פון דער קהילה און דעם חזן מיט זיין כאָר".[35]

אַזעלכע ימים־טובים זיינען געווען אין אַלע שטעטלעך ארום.

צענדליקער און צענדליקער עסקנים און נדבנים האָבן אָנטיילגענומען אין די אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. לויט צייטונגס־קאָרעספּאָנדענצן און ספרים־צושריפטן קען מען ניט צונויפשטעלן קיין פולע רשימה פון זיי, אָבער אַ גרויסער טייל פון זייערע נעמען געפינט זיך אין זיי, און זאָלן זיי דאָ דערמאָנט ווערן.[36]

משה ב"ר אברהם ראָזנטאַל איז געווען אַ תלמיד־חכם, אַ גביר און אַן עוסק בצרכי צבור. ער איז געשטאָרבן יונג (י"ב אייר, תרי"ב). דער גאון ר' יצחק־אייזיק חבר האָט אים מספיד געווען.[37]

משה־עקיבא אַלטשולער איז געווען פון די נכבדי העיר אין סואוואַלק און אַ נאָענטער חבר פון הגאון ר' יוסף חבר, ר' יצחק־אייזיקס זון. צום סוף פון ר' יצחק־אייזיקס ספר „בית נאמן" איז פאַראַן זיינס אַ „מכתם".

אין 1858 איז געשטאָרבן דער גביר און עסקן יהודה־לייב ראָזנטאַל. בעת דער לוויה זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע קראָמען.[38]

אין דער רשימה פון „המתנדבים לחברת שומרי תורה", אין וועלכער ס'געפינען זיך נעמען פון גאונים און גבירים פון דער גאַנצער וועלט, איז דאָ אויך דער נאָמען פון „המשכיל השלם", שלמה ראָזנטאַל פון סואוואַלק.[39]

אין 1869 איז געשטאָרבן „הרב הגביר" בנימין־נטע

---

35. „המליץ", 1897, נר' 179.
36. עסקנים פון חינוך, חבת־ציון וכדומה ווערן דערמאָנט אין די ספּעציעלע קאַפּיטלען. נעמען פון עסקנים, וואָס ווערן דערמאָנט מיט זייערע חברות, ווערן איבערגע'חזר'ט נאָר אין אויסנאַם־פאַלן.
37. „ציון לנפש" פון ר' יוסף חבר, וואַרשע, 1856.
38. פּאַראַדיסטאַל אין „המגיד", 1858, נר' 43.
39. „הלבנון", 1867, נר' 10.

ריבלין. סואוואַלקער רב האָט אים מספיד געווען.[40]

אברהם ראָזנטאַל, דער גרויסער סואוואַלקער בעל־צדקה און גביר, איז געשטאָרבן אין 1870. די עדה אין סואוואַלק איז דעם טאָג איינגעהילט געוואָרן אין טרויער. הרב ר' אליעזר־שמחה און ר' אברהם יערוזאַלימסקי האָבן אים מספיד געווען.[41]

ר' נחמן ב"ר אבא בוטקאָווסקי איז געווען אַ תלמיד־חכם און בעל־צדקה. געשטאָרבן אין 1871.[42]

דער „משכיל ורב" ר' שאול ראָזנטאַל איז געשטאָרבן אין 1873.[43]

פון די סואוואַלקער בעלי־בתים־לומדים איז געווען ר' יצחק גאָרדאָן. חדושי־תורה זיינע געפינען זיך אין „המגיד", 1871, נר' 33.

נחום ראָזנבערג און ניסן ליפּנאַצקי זיינען געווען די מנהלים פון י. ברוינס קלויז.

ר' משה בה"ר יעקב סאָלאָווייטשיק, דער איידעם פון „זקן הדיינים" הרב ר' נפתלי פּרענדזעל, איז געווען אַן אַקטיווער עסקן אין סואוואַלק. געשטאָרבן אין געטינגען אין 1896.[44]

אליעזר־צבי ראַצעווסקי איז געווען אַ סואוואַלקער גביר און משכיל.

ר' שלמה טאַבאַלאָווסקי איז אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן געווען פּריוואַט־אַדוואָקאַט אין סואוואַלק. זיין פאַמיליע האָט געלעבט אין קאַלוואַריע, אָבער זיין ביורא האָט זיך געפונען אין דער גובערניע־שטאָט, וואו ער פלעגט וואוינען 5 טעג אין דער וואָך. אין זיין סואוואַלקער ביורא האָבן געאַרבעט אַ 15 אָנגעשטעלטע. ער האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען. דער רוסישער יוסטיץ־מיניסטער האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז אין פּוילן זיינען דאָ צוויי אויסגעצייכנטע פּריוואַט־אַדוואָקאַטן — פּאַוולאָווסקי אין וואַרשע און טאַבאַלאָווסקי אין סואוואַלק.[45]

שמעון פיינבערג פון פיליפּאָווע האָט אויסגעהאַלטן פיל מוסדות אין זיין שטאָט. ער האָט געגעבן אַ גרויסן חלק געלט פאַרן אויפבוי פון בית־מדרש און פון בית־הכנסת, געהאָלפן גרינדן דעם גמ"ח, געמאַכט דעם פּאַרקאַן אַרום בית־עולם און אַזוי. אויך זיין ברודער מהר"ש הכהן איז געווען אַ בעל־צדקה.[46]

אַ גרויסער מנדב פאַר קהל'שע הצטרכות'ן אין פיליפּאָווע איז געווען שלום רויזנגאָלד, געשטאָרבן אין 1876.[47]

ר' שמואל כ"ץ איז אויך געווען אַן עסקן אין פיליפּאָווע.

---

40. „המגיד", 1869, נר' 12, הוספה.
41. „הלבנון", 1870, נר' 21; „המגיד", 1870, נר' 24.
42. „המגיד", 1871, נר' 42.
43. דאָרטן, 1873, נר' 41, הוספה.
44. „המליץ", 1896, נר' 117.
45. „ימים ושנים", חלק א', מ. י. פריד, תל־אביב, תרצ"ח, ז' 30. — טאַבאַלאָוו איז דער נאָמען פון אַ דאָרף לעבן סואוואַלק.
46. „המגיד", 1865, נר' 40.
47. דאָרטן, 1876, נר' 4, הוספה.

צווישן די חינוך־עסקנים אין סייני איז געווען באקאנט דער גביר ברוך גוטשטיין.

אין 1883 איז פאַרענדיקט געוואָרן דער בוי פון דער גרויסער שול אין סייני, וואָס 1200 דאלאר אויף דעם זיינען גענומען געוואָרן פון די צוואה־געלטער פון סייניער צבי־הירש שניצער, וועלכער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1881. אגב, צו דער דערעפענונג איז געקומען פון סואוואַלק אשר רובינשטיין מיט זיינע דריי זין, וועלכע האָבן מיט זייערע שיינע שטימעס באַשיינט (אומזיסט) די שמחה. איינער פון זיינע זין איז געווען 9 יאָר אַלט.[48]

די סייניער בעלי־בתים מאיר ראָזנבלום און אשר פינקל האָבן פיל געטאָן אויף צו באַזאָרגן אָרעמעלייט מיט האָלץ.

ר׳ אייזיק בישקא ליטויער איז געווען ראש בית־דין אין סייני און פון די דאָרטיקע באוואוסטע עסקנים. געשטאָרבן אין 1884.[49]

אברהם־אבעלע מרגלית פון פיליפּאָווע האָט זיך שטאַרק מתעסק געווען בצרכי צבור. געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים פיליפּאָווער. געשטאָרבן אין 1877.[50]

חיים הכהן וויסטינעצקי האָט זיך באַטייליקט אין פיל חברות פון באַקלערואווע. געווען אַ גרויסער בקי אין תנ״ך און אַ בעל־דקדוק. געשטאָרבן אין 1891.[51]

פון די עסקנים אין פּשעראָסלע פון 1872 ווערט דערמאָנט דער נאָמען פון ר׳ ח״ד(?) זוקאָווסקי.

ר׳ יהודה־לייב בהרב מרדכי ווערבאלסקי (ר׳ לייב יעקלס) איז געווען 36 יאָר פון די פרנסים אין ראַצק. אַ צדיק און בעל־צדקה. געשטאָרבן אין 1871.[52]

אַ באַקאַנטער עסקן אין ראַצק אין די זיבעציקער יאָרן איז געווען ר׳ נחום בערוואַלד. אין דער זעלביקער צייט איז דאָרטן געווען ש״ץ ושו״ב ר׳ דניאל קריינזאָן.[53]

אין די זיבעציקער יאָרן זיינען געווען געטרייע עוסקים בצרכי ציבור אין באקלעראווע ר׳ שרגא ראָזין און ר׳ אשר שטערלינג.[54]

די גרעסטע צאָל עסקנים האָט אַרויסגעגעבן די משפחה ראָזנטאַל, די מיוחס׳דיקסטע און פאַרצווייגטסטע אין סואוואַלק. ניט געווען, דאַכט זיך, קיין פאַל, אַז פון 1843 זאָל ניט זיין קיין מיטגליד פון די ראָזנטאַלס צווישן די ראשי־הקהל פון שטאָט. די סואוואַלקער ראָזנטאַלס זיינען געווען צעשפּרייט איבער פיל שטעט:

48. „הצפירה״, 1883, נר׳ 19; „המליץ״, 1881, נר׳ 7.
49. „המגיד״, 1884, נר׳ 19.
50. דאָרטן, 1877, נר׳ 3.
51. דאָרטן, 1891, נר׳ 18.
52. דאָרטן, 1871, נר׳ 42.
53. דאָרטן, 1872, נר׳ 15.
54. דאָרטן.

ווילנע, גראָדנע, הארודאק, וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָק, וואַרשע, בערלין, לאָדזש, פעטערבורג, מאָסקווע, אפילו אין שטעט פון טיף־רוסלאַנד.[55]

גלייך אין יחוס, אָבער פיל קלענער אין צאָל איז געווען די ליפּסקי־משפחה אין סואוואַלק. אויסער עסקנים שטאַמען פון איר מערערע ראשי־הקהל.

צוליבן פעלן פון אַרכיוו־מאַטעריאלן פאַרמאָגן מיר ניט קיין סיסטעמאַטישע נעמען־רשימות פון די ראשי־הקהל אין סואוואַלק און אומגעגנט פאַר די אַלע יאָרן. טאָ זאָל פאַרצייכנט ווערן דאָס ביסל אינפאָרמאַציע, וואָס ס׳איז יאָ געלונגען אויסצוגעפינען.

אין 1843 זיינען די ראשי הקהל אין סואוואַלק געווען: אברהם ראָזנטאַל, יחזקאל ליפּסקי, משה עפשטיין. אין 1864 — מרדכי ראָזנטאַל, משה קראַקאָווסקי און ניסן האָלענדערסקי.[56] אין 1875 — ישעיה ליפּסקי, יוסף ראָזנטאַל, יהודה שיימאָן. אין 1892 — מנחם־מענדל ראָזנטאַל, אליעזר מרדכי אַלטשולער, משה בארדין.

אין סייני זיינען די ראשי־הקהל אין 1876 געווען: אברהם־יצחק כהנא, מאיר־לייב דושניצקי, יעקב שאַפּירא.[57] אין 1884 — אייזיק ליטאוער, אריה־לייב לייפּונער, חיים שלמה גאַלאַנטי.

די ראשי־הקהל פון ראַצק אין 1892 זיינען געווען: שמעון כ״ץ קרוגמאַן, מאיר סטאָלאָווסקי, יהודה לאַפּינ־דאר.[58]

אין באַקלעראווע זיינען אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט געווען די ראשי־הקהל: מאיר גיטלזאָן, אברהם הלל זילבערמאַן, אברהם מיראַווסקי.[59]

55. „היסטאָרישע שריפטן״, ב׳ III, ז׳ 416, אַרטיקל פון אַננאַ ראָזנטאַל־העליר „בלעטלעך פון אַ לעבנס־געשיכטע״. — אַן עלטער־עלטער־באָבע פון די ראָזנטאַלס האָט שוין אין 1812 געלעבט אין מאָסקווע און אויפגענומען נאַפּאָלעאָנען אין איר הויז לעבן דער רוסישער הויפּטשטאָט. אַן אור־אור־אייניקל אירס, אַנאַ ראָזנטאַל, איז געווען די פרוי פון וולאַדימיר פּעניאַקאָוו, איינעם פון די לעגענדאַרישע פיגורן אין דער ענגלישער אַרמיי בעת׳ן צווייטן וועלטקריג.
("Popski", J. Willet, London, 1954, p. 12).
אין אונגאַרן איז געווען אַ פאַרצווייגטע משפחה ראָזנטאַל. צי זי האָט געהאַט אַ וועלכע ס׳איז שייכות מיט די סואוואַלקער ראָזנטאַלס, ווייסן מיר ניט. זע: „תולדות משפחת ראָזענטהאל״, י. גרינוואַלד, בודאַפּעסט, 1920.
56. אין די ערשטע וואַלן צום שטאָטראַט אין סואוואַלק אין 1862 זיינען אויך אויסגעקליבן געוואָרן די ווייטערדיקע יידישע ראַטמענער: יצחק קלינקאָווסטיין, ברוך בראַמסאָן, שמואל משה קראַקאָווסקי. זייערע ממלא־מקום׳ס: מאיר אהרנזאָן, ניסן האָלענדערסקי, אפרים ליכטנשטיין, אברהם ראָזנטאַל, ישעיה ליפּסקי („הצפירה״, 1862, נר׳ 10). אין „יוטצענקא״ איז דער נאָמען ליפּסקי פאַרדרייט געוואָרן אויף ליפּשיץ.
57. „הצפירה״, 1876, נר׳ 14.
58. דאָרטן, נר׳ 75.
59. פון אַ בריוו צו מיר פון הרב כאַשעסמאַן אין שיקאַגע.

# רבנים

אויפן כסא הרבנות פון סאָוואַלק און איר אומגעגנט זיינען אָפט געזעסן גאוני עולם. גענוג צו דערמאָנען דעם נאָמען פון באַרימטן גאון ר׳ יצחק־אייזיק חבר, רב אין סאָוואַלק, אָדער פון גרויסן גאון ר׳ יהודה בכרך, רב אין סייני. פיליפאָווע האָט געשטאָלצירט מיט איר גאון ר׳ חיים פיליפאָווער, ראַצק — מיט איר גאון ר׳ חיים ראַצקער. פון סאָוואַלקער (און ראַדאָמער) רבנות איז ר׳ שמואל מאָהיליווער אַריבער אין דער פיל גרעסערער קהילה פון ביאַליסטאָק און ר׳ דוד־טעבעלע קאַצענעלנבויגן איז פון סאָוואַלקער כסא־הרבנות אויפגענומען געוואָרן ווי דער רב־הכולל פון פעטערבורג.

ס׳איז נישט קיין פוסטע אַליין־באַרימעריי אַ מודעה פון סאָוואַלקער קהילה אין 1858 וועגן זוכן אַ נייעם רב, אַז סאָוואַלק איז תמיד געווען „כס משרת הרבנות לגדולי זמננו“.[1] די רעדאַקציע פון „המגיד“ באַמערקט וועגן סאָוואַלק, אַז „...מעולם ישבו בה על כס ההוראה גדולי ישראל אנשי שם“.[2] אַזוי זיינען אויך ניט קיין גוזמא די ווערטער פון סייניער רב ר׳ משה בצלאל וועגן זיין שטאָט, אַז „גאוני עולם ישבו בה כסאות למשפט“.[3]

## ערשטע סאָוואַלקער רבנים

מיר האָבן ניט קיין זיכערע ידיעות וועגן דעם, ווער ס׳איז געווען דער ערשטער סאָוואַלקער רב. אָבער מען קען אָננעמען ווי אַ זאַך, וואָס איז קרוב לאמת, אַז דאָס האָט געמוזט זיין אַ רב מיטן נאָמען ר׳ אברהם־אַבעלע בר׳ מרדכי. אין תר״א (1841) איז דער דאָזיקער ר׳ אברהם־אבעלע נאָך געווען רב אין סאָוואַלק, ווייל אויף אַ ספר, וואָס איז דערשינען יענעם יאָר, געפינט זיך צווישן די רבנישע הסכמות־געבערס אויך דער נאָמען פון אברהם בא״א מו״ה מרדכי זלה״ה החופ״ק סובאלק יצ״ו.[4]

אין 1808 זיינען אין סאָוואַלק געווען 44 יידן. די יידישע קהילה איז דאָרטן גאַנץ גיך געוואַקסן און האָט אָנהייב 40ער יאָרן געציילט וואָסערע פיר־פינף טויזנט נפשות — אַ גרויסע קהילה. היות ס׳לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אַזאַ גרויסע יידישע עדה זאָל צענדליקער יאָרן זיין אָן אַ מרא דאתרא און היות וועגן קיין אַנדער רב אין סאָוואַלק איז אונדז ניט באַקאַנט — דאַרף מען משער זיין, אַז ר׳ אברהם־אַבעלע איז געווען רב אין סאָוואַלק אַן ערך 20־25 יאָר.

אַז ער איז געווען רב אין סאָוואַלק סוף דרייסיקער יאָרן איז צו זען פון דעם, וואָס זיין נאָמען געפינט זיך בראש פון אַ סאָוואַלקער פּרענומעראַנטן־רשימה פון יענער צייט, ווי דאָס איז געווען דער מנהג צו געבן דעם נאָמען פון מרא דאתרא.[5] ער איז נפטר געוואָרן אין סאָוואַלק אין תר״ג. דער נוסח פון זיין מצבה אויפן אַלטן בית־עולם איז: ר׳ אברהם בן ר׳ מרדכי רב דפה נפטר ביום כ״ד כסלו בשנת תר״ג לפ״ק. תנצב״ה.[6]

דער צווייטער צו זיצן אויפן כסא הרבנות אין סאָוואַלק איז געווען אויך אַ ר׳ אברהם־אבעלע, אָבער זיין פאָטערס נאָמען איז געווען ברוך. היות ר׳ אברהם־אבעלע בן מרדכי איז געווען רב אין סאָוואַלק ביז צום סוף פון 1842 און היות ר׳ אברהם־אבעלע בן ברוך איז אין 1850 געשטאָרבן קומט אויס, אַז דער לעצטער איז געווען רב אין סאָוואַלק וואָסערע 7־8 יאָר.

וועגן צווייטן סאָוואַלקער רב זיינען אויך פאַראַן ווייניק פרטים, אָבער עטלעכע קורצע ביאָגראַפישע שטריכן זיינען דאָך באַקאַנט. זיין פאָטער, הגאון ר׳ ברוך, איז געווען רב אין אָפּטע און ער ציט זיין יחוס ביז רש״י. ר׳ אברהם־אבעלע איז געווען אַ רב און מקובל אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט דורכגעלערנט 145 מאָל דעם תלמוד בבלי און ירושלמי און 200 מאָל דעם „זהר“. ווי דער „שם הגדולים השלישי“ דערציילט, האָט ער פאַר זיין פטירה אָנגעשריבן דעם פסוק „קמה אלומתי“ און ווענדיק ענדיקן דעם סוף פסוק „וגם נצבה“ איז ער אויסגעגאַנגען.

ס׳איז זייער גריילעך, אַז ר׳ אברהם אבעלע ב״ר ברוך האָט שוין יאָרן געלעבט אין סאָוואַלק, בעת דאָרטן איז נאָך געווען רב ר׳ אברהם־אבעלע ב״ר מרדכי. אויף דער דערמאָנטער סאָוואַלקער פּרענומעראַנטן־רשימה, וואָס בראש פון איר געפינט זיך דער נאָמען ר׳ אברהם ב״ר מרדכי, גייט אויפן צווייטן אָרט „הרב המגיד ר׳ אבלי“. דאָס איז מסתמא דער ר׳ אברהם אבעלע ב״ר ברוך, וועלכער איז אפשר געווען מגיד־מישרים אין סאָוואַלק, איידער ער איז דאָרטן געוואָרן רב.

דער צווייטער סאָוואַלקער רב האָט געהאַט צוויי באַרימטע זין: הרב הגאון ר׳ עזריאל אריה־ליב, אבד״ק מאַריאַמפּאָל, און הרב ר׳ דובער פון ווילקאָווישק. דער בעל „פרי תבואה“, הגאון ר׳ יהודה ליב מרגליות, אבד״ק בוזאַנאָוו און פראַנקפורט ביים מיין, איז געווען ר׳ אברהם־אבעלעס אָנקל.[7]

## הרב הגאון ר׳ יצחק־אייזיק חבר

נאָך דער פטירה פון ר׳ אברהם־אבעלע בן ברוך

---

1. „המגיד“, 1858, נר׳ 32.
2. דאָרטן, 1864, נר׳ 26.
3. „נפש חיה“, ווארשא, תר״מ.
4. „תולדות הארץ“, יוסף שיינהאק, ווארשא, תר״א. זע אויך „מפתח ההסכמות“, נר׳ 69.
5. רב אלפס, עם ביאור „שב־ל הישר“ לר׳ שאול שישקעס, ווילנא, 1839.
6. איר אָפּשריפט, וואָס ווערט דאָ געגעבן, איז גענומען פון לעצטן סאָוואַלקער רב ר׳ דוד ליפשיץ, איצט ניו־יאָרק.
7. „שם הגדולים השלישי“, משה מארקאוויץ, ווילנא, תר״ע, ז׳ ט״ז; „אשכול“, כרך א׳, ז׳ 349. דער „שם הגדולים השלישי“ גיט אָן תר״י ווי זיין פטירה־יאָר, דאָס איז אָבער ניט פּינקטלעך, ווייל שוין אין תר״ט איז ר׳ יצחק חבר געוואָרן רב אין סאָוואַלק.

האָט סואוואַלקער כסא־הרבנות פאַרנומען ר׳ יצחק־אייזיק חבר, איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט.[8] ר׳ יצחק אייזיק איז אויך געווען אַ גרויסער מקובל און האָט מחבר געווען פיל ספרים אויף קבלה. פאַר זיין פטירה האָט ער אָנגעזאָגט, אַז נאָר „בקיאים וטהורים״ זאָלן איבערקוקן און דרוקן זיינע קבלה־ספרים. ר׳ יצחק־אלחנן, קאָוונער רב, האָט געשריבן וועגן אים, אַז „ער א־ז געווען גרויס אין חכמת הקבלה מערער ווי אַלע חכמים פון זיין דור״.[9] ווען ער איז געווען אַ בן־ששים, האָט ער געהאַט שוין זעכציק מאָל דורכ־געלערנט ש״ס.

ר׳ יצחק־אייזיק חבר איז געווען רב 37 יאָר. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1789 אין גראָדנע. האָט געלערנט תורה ביי ר׳ מענדל שקלאָווער. גאָר יונג איז ר׳ יצחק־אייזיק געוואָרן רב אין פאראזאווע,[10] דערנאָך אין ראָזינאָי — 14 יאָר, וואָלקאָוויסק — 7 יאָר, טיקטין — 9 יאָר און צום סוף אין סואוואַלק — 4 יאָר בערך.[11]

סואוואַלקער קהילה האָט טיף אָפּגעשאַצט דעם גרויסן זכות פון האָבן אַזאַ גאון פאַר אַ רב און זי האָט ר׳ יצחק־אייזיקן געהאַלטן אין גרויס כבוד. ער אַליין שרייבט וועגן סואוואַלקער בעלי־בתים, אַז „מצאתי לבבם נאמן אתי להחזיק בימיני לעת זקנותי״. ער רימט שטאַרק די „חכמי העיר״ און דערמאָנט מיט דאַנק די גבירים ר׳ יחזקאל ליפּסקי און ר׳ אברהם ראָזנטאַל, וועלכע האָבן געגעבן אַ „גרויסע סומע״ צו העלפן אָפּדרוקן זיין ספר „בנין עולם״.

ר׳ יצחק־אייזיק איז נפטר געוואָרן אין סואוואַלק ערב ראש־חדש כסלו, תרי״ג.[12] עס האָבן אים מספּיד געווען דער באַוואוסטער גאון ר׳ יצחק אביגדור, דעמאָלט רב אין סייני, הרב הגאון ר׳ מרדכי מעלצער פון קאלוואַ־ריע און ר׳ מרדכי הכהן, זיינס אַן אייניקל.

זיין צוואה איז אַ וואונדערלעכער דאָקומענט. דער גרויסער צדיק, וואָס איז געזעסן טאָג און נאַכט על התורה, האָט אָנגעזאָגט, אַז אין אַלע שולן פון די שטעט, וואו ער איז געווען רב, זאָל מען בעטן מחילה פאַר אים, טאָמער האָט ער געזינדיקט „באבק לשון הרע״, טאָמער האָט ער עמעצן אָנגערירט אין געלט־ענינים אאז״וו. ער האָט אויך געבעטן, אַז זיין מצבה זאָל מען

8. זע הקדמה פון זיין ספר „בנין עולם״.
9. אין הסכמה אויף „בית נאמן״, ווארשא, תרמ״א.
10. אין „ענציקל. יודאאיקא״ — פּאַראַשקאָוו(?).
11. אויף וועלכן סמך עס שרייבט הרב ר׳ אפרים אשרי אין זיין „חורבן ליטע״, אַז ר׳ יצחק־אייזיק חבר איז געווען רב אין שאַוול, איז אונדז ניט באַקאַנט. מסתמא האָט ער אים בטעות פאַרביטן מיטן נאָמען פון אַ שאַוולער רב, וועלכער האָט אויך געהייסן ר׳ יצחק־אייזיק, אָבער זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען ראבינאָוויטש.
12. סיי אין „שם הגדולים״, סיי אין „שם הגדולים החדש״ איז אָנגעגעבן, אַז ער איז געשטאָרבן אין תרי״ב. אַז דאָס איז אַ טעות קען מען זען שוין פון דעם אַליין, וואָס זיין צוואה איז דאַטירט פון כ״ט אלול תרי״ב — בכן, דעם לעצטן טאָג פון תרי״ב. ער האָט געלעבט 64 יאָר און ניט 62 יאָר, ווי „עיר ווילנא״ גיט אָן.

מאַכן וואָס פּשוטער און אַז אין די הספדים זאָל מען אים ניט אָנרופן ניט גאון און ניט גדול.[13]

זיין מצבה לייענט זיך אַזוי:

איש אשר פקודתו שמה מחסום לעט
וסגר ליד חוקקת לקצר במהללו
ולמעט בתאריו
הרב מ׳ יצחק אייזיק בהרב מ׳ יעקב
שהיה אב״ד בכמה ק״ק ופה ק״ק סוואלק
בעהמ״ס בית יצחק וס׳ יד מצרים
וס׳ סדר זמנים וס׳ בנין עולם וס׳ מגן וצינה
ועוד הרבה ספרים יקרים
עלה למעלה ורוחו לגנזי מרומים
ביום ה׳ ער״ח כסלו תרי״ג לפ״ק
תנצב״ה.

ר׳ יצחק־אייזיקס פאָטער, ר׳ יעקב, איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם. ס׳איז דאָ זיינס אַ באור אויף „מגדל עדר״.[14] זיין מוטער איז די טאָכטער פון הרב החסיד ר׳ יצחק פון אמדור. אַ סך יאָרן נאָך דער חתונה איז געשטאָרבן זיין ערשטע פרוי שפּרינצע, די טאָכטער פון ר׳ יהודה־אידל פון פּרוזינע.

פון וואַנען שטאַמט די משפחה חבר?

חבר, כידוע, איז געווען אַ גרויסער טיטל ביי יידן, כאָטש קלענער, ווי דער תואר „רב״. איז פאַראַן טאַקע אַ סברה, אַז פון טיטל חבר שטאַמט דער פאַמיליע־נאָמען פון ר׳ יצחק־אייזיק. זיין זיידן, הייסט עס לויט אָט דער סברה, וועלכער איז געווען אַ פּשוט׳ער ייד, אַ שניידער, און פלעגט גיין איבער די דערפער נייען, האָט מען צוליב זיין גרויסער צדקות און תמימות גערופן מיטן טיטל „חבר״. ר׳ יצחק־אייזיקס פאָטער, ר׳ יעקב, האָט שוין געטראָגן דעם פאַמיליע־נאָמען חבר, און דאָס געסל אין גראָדנע, וואו ס׳האָט זיך געפונען ר׳ יעקב׳ס דירה, האָט מען גערופן „חבר׳ס גאַס״.[15]

עס קען גאַנץ גריילעך זיין, אַז ר׳ יצחק־אייזיק שטאַמט פון יענער באַוואוסטער משפחה, וואָס איר ערשטער ראש האָט שוין געלעבט מיט אַ 300 יאָר צוריק — ר׳ יוסף חבר פון ווין, „אוד מוצל מגזירת ווינא״.

פּראָפ׳ ג. שלום גיט אָן אין זיין „ביבליאָגראַפיאַ קאַבאַליסטיקאַ״ (לייפּציג, 1927, ז׳ 297), אַז ר״ יצחק־אייזיקס פאַמיליע־נאָמען איז גאָר ווילדמאַן. דער „אוצר בדויי השם״ (ז׳ 128) חזר׳ט איבער דאָס זעלביקע אין שלום׳ס נאָמען. ח. ד. פרידבערג אין זיין „בית עקד הספרים״, נייע אויפלאַגע, גייט אויך אויפן זעלביקן דרך. קיינער פון זיי גיט ניט אָן דעם מקור, אויף וועלכן זיי שטיצן זיך. משמעות, אַז עס איז טעות׳דיק די השערה, אַז חבר האָט געהייסן ווילדמאַן. אונדזערע ראיות:

13. „נפש נקי״, ווארשא, 1853. די גאַנצע צוואה — אין „ציון לנפש״ פון ר׳ יוסף חבר, יאהאניסבורג, תרט״ז.
14. „הגדה של פסח״ עם 115 פירושים, ישראל דוד מיללער מהורדנא, ווילנא, תרכ״ג. דער נאָמען פון ר׳ יעקב׳ס פירוש איז „זכרון יעקב״.
15. נ. ט. לאנדאן אין „בית ועד לחכמים״. ניויארק, תרס״ג.

1) אויף קיין איינעם פון זיינע פיל ספרים אין דער נאָמען ווילדמאַן ניטאָ, 2) זיין זון ר׳ יוסף, זיין אייניקל ר׳ מרדכי הכהן, די ווערבלאָווסקיס, וועלכע האָבן אַרויס־געגעבן עטלעכע ספרים זיינע, דערמאָנען קיין מאָל ניט דעם נאָמען ווילדמאַן, 3) פון „שיח יצחק״ איז צו זען, אַז ר׳ יצחק אייזיקס זין און אייניקלעך האָבן זיך גאָר ס׳רוב גערופן ראַבינאָוויץ, 4) און אחרון אחרון — אויף דער מצבה פון זיין קבר איז דאָ נאָר דער נאָמען פון חבר.

די גראָדנער חבר־משפחה איז געקניפּט און געבונדן מיט די באַרימטע מיוחס׳דיקע פאַמיליעס פון הגר״א, ריבלין א״אנד. [16]

ווי עס זאָל אָבער ניט זיין זיין משפחה־יחוס — ר׳ יצחק־אייזיקס יחוס עצמו איז די והותר. ווען אים איז בערך פיל געשריבן געוואָרן און ער אַליין האָט געשאַפן אַן „אייגענע״ ליטעראַטור: גאַנצע 38 חיבורים. פון זיי זיינען 22 דערשינען אין דרוק, אַ טייל נאָך זיין טויט. די כתב־יד׳ן פון די איבעריקע חיבורים זיינען פאַרבליבן ביי זיינע קינדער. הרב הגאון ר׳ יוסף חבר, ר׳ יצחק־אייזיקס זון, האָט צום סוף פון זיין הספד־ספר „ציון לנפש״ (יאהאננעסבורג, תרט״ז) מיט זיין האַנט־שריפט אויסגעשריבן די נעמען פון זיין פאָטערס אַלע ספרים. [17]

ר׳ יצחק אייזיקס געדרוקטע ספרים אָדער פירושים זיינען:

1) באר יצחק, ביאור אויף „לקוטי הגר״א״, ווארשא, תרמ״ט.

2) באר יצחק, ע״י ר׳ שמואל לוריא, ווארשא, תרמ״ח.

3) באר יצחק, פירוש אויף „מים אדירים״ לר׳ מנחם מענדל משקלאב, ווארשא, תרמ״ו.

4) באר יצחק, פירוש אויף „אדרת אליהו״ מהגר״א, ווארשא, תרמ״ז. (אַ נייע אויפלאַגע — תל־אביב, תשט״ו).

5) אור תורה, ביאור על „עמודי התורה״ לר׳ אברהם אחי הגר״א, ירושלים, תרמ״ו.

6) בית יצחק, סדילקוב, תקצ״ו.

7) בית יצחק, חלק ב׳, ברורי המדות, היו״ל ע״י יחיאל מיכל ווערזבלאָווסקי, ווילנא, תרע״א.

8) בית יצחק, כרך שני, ווילנא, תרע״ג.

16. „ספר היחס״, א. ריבלין, ירושלים, תרצ״ה; „קריה נאמנה״, ש. י. פין, ווילנא, תר״ך, ז׳ 90. — אין „אבן שמואל״ (ווילנא, תרל״ד, ז׳ 55) פון א. ל. פרומקין ווערט דערמאָנט איינער אַ ר׳ יצחק חבר „רב גדול ורשום״, פאָטער פון ר׳ חיים חבר, פון די רבנים אין צפת, וואָס ווערט געבראַכט אין די תשובות פון ב״י והמבי״ט. — אין איטאַליע איז אויך געווען אַ משפחה פון בעלי־קבלה מיטן נאָמען חבר.

17. דער עקזעמפּליאַר געפינט זיך אין ניו־יאָרקער יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר. צי די דאָזיקע האַנטשריפטלעכע צושריפט איז דאָ אויף אַלע עקזעמפּליאַרן, ווייסן מיר ניט. אין דער רשימה פון ר׳ יוסף חבר ווערן אויסגערעכנט נאָר דרייסיק חיבורים. ר׳ יוסף גיט צו די באַמערקונג „נדפס״ צו 8 ספרים, שפּעטער זיינען אָבער געדרוקט געוואָרן נאָך 14.

9) בית נאמן, חלק א׳, הוגה והובא לדפוס ע״י בן אחיו יוסף חבר, וארשא, תרמ״א.

10) בית עולמים, ווארשא, תרמ״ט.

11) בנין עולם, על אה״ע, ווארשא, תרי״א.

12) בנין עולם, על ש״ע או״ח ויו״ד, ווארשא, תרס״ד.

13) גנזי מרומים, ביאור אויף מסכת אצילות, [יאהאניסבורג], תרכ״ד.

14) הגהות אויף ש״ס ווילנא, תרמ״ה.

15) יד חזקה, פירוש אין „מגדל עדר״ פון י. ל. מיללער, ווילנא, תרנ״ג.

16) יד מצרים, פירוש על ההגדה, ווארשא, תר״ב.

17) מגן וצנה, יאהאנניסבורג, תרי״ב. (דערשינען אויך אָן נאָמען פון מחבר און אָן יאָר און צייט פון אויסגאַבע, נאָר „כמש״נ באמשטרדם״).

18) סדר זמנים, ווארשא, תר״ד.

19) פרי יצחק, פירוש אויפן „ספר יצירה״, ווארשא, 1884.

20) פתחי שערים, חלק א׳, ע״י ר׳ משה, אב״ד יעדוואבנע, ווארשא, 1888.

21) צפירת תפארה, ביאור אויף שיר השירים, ווארשא, תר״ו.

22) שיח יצחק, הו״ל ע״י מאיר ווערבעלאווסקי, ווילנא, תרע״ב. אַ צווייטע אויסגאַבע — קיידאן, תרצ״ט.

די ניט־פאַרעפנטלעכטע חיבורים:

בית נאמן, חלק ב׳, בנין עולם, חלק ב׳, חידושים מלוקטים, אפיקים [אפיקי ים?], בית דוד, נר מצוה ותורה אור, אור בהיר, קובץ גדול (דרושים), ביאור על יונה, ביאור על התורה, ביאור מעשה מרכבה, ביאור אגדת אין דורשין, קובץ גדול (נאָך דרושים), קובץ, קרני הוד (פירוש על זהר חדש), יד רמה.

אין „רבי יהודה אריה מודינא״ פון נחמיה שמואל לייבאוויטש (ניו־יארק, תרס״א, ע׳ 80, 104) ווערן גע־בראַכט השגות פון ר׳ יצחק אייזיק חבר אויפן ארי׳ ממודינא. אין „עמודי אור״ פון ר׳ יחיאל העליר געפינען זיך תשובות צו אים (ע׳ ס״ט, ע׳, פ״ו, פ״ז).

זיינע חידושים ווערן אויך געבראַכט אין „כור לזהב״ פון יהודה אידל שערעשעווסקי (ווילנא, תרי״ח), „מטעי משה״, משה אהרנסאן (ירושלים, תרל״ח), „בגדי ישע״, שמואל סג״ל (ווילנא, 1844). אין „עמק יהושע אחרון״, יהושע אלתר ווילדמאן (ווארשא תרע״ג), ווערן געבראַכט זיינע עטלעכע דרושים, ווי אויך אין „דעת מרדכי״, ח״א, מרדכי יצחק ראַבינאָוויץ (קיידאן, תרצ״ט).

ר׳ יצחק־אייזיק חבר האָט געגעבן מערערע הסכמות אויף ספרים. מיר האָבן געפונען זיינע הסכמות אויף:

1) „ברכות מים״ (געדרוקט אין „עינות מים״) פון יוסף אלחנן לבית הלוי, ווארשא, 1856.

2) „תולדות הארץ״ פון יוסף שיינהאק, ווארשא, תר״א.

3) „חידושי מוהרמ״ז״ פון הרה״ג משה וואלף, ארויסגעגעבן דורך מנחם־דוד יעבץ, ווילנא, 1858.

4) „בגדי ישע", שמואל הלוי סג"ל, ווילנא, 1844.

5) „בית אהרן", יצחק אהרן ב"ר יהודה ליב, ווילנא, תר"ג.

6) „זכרון יהודה", חלק א׳, יהודה אבעלזאָן, ווילנא, 1851.

7) „אבות דר׳ נתן" הו"ל ע"י אליהו ב"ר אברהם מדעליאַטיץ, ווילנא והוראדנא, 1833.

8) „לקוטי רצב"א", צבי הירש כהנא, ווארשא, תרנ"ז.

9) „מאורי יצחק", אורי יצחק אייזיק ב"ר אבא קדש, ווארשא, 1857.

10) „תנא דבי אליהו", עפ"י אברהם שיק, לעמבערג, 1869.

11) „תוספת שבת", צבי הירש באיארסקי, ווארשא, תרמ"ו.

ר׳ יצחק אייזיק חבר האָט געלאָזן נאָך זיך אַ ברייט־פאַרצווייגטע משפחה — דער גרעסטער טייל אין סואַוואַלקער גובערניע אָדער נאָענט צו איר. לויט פּרענו־מעראַנטן אין ספרים האָבן מיר צונויפגעשטעלט די ווייטערדיקע, זיכער ניט פולע רשימה:

זין: הרב הגאון ר׳ יוסף חבר, אב"ד יעדוואבנע, הרב הגאון ר׳ משה ראַבינאָוויטש, אב"ד יעדוואבנע, אהרן פונדיק, ווילנע.[18]

טאָכטער: חיה.

איידעמס: הרב הגאון ר׳ אליעזר שלמה וועלער, אב"ד וויסאָקי מאַזאָוויעצק, הרב הגאון ר׳ יחיאל העלער.

אייניקלעך: ר׳ בנימין ראבינאוויטש, לייבוש כץ (ביידע יעדוואָבנע), דוד ראַבינאָוויטש (סטוצין), אליעזר אהרן עפּשטיין, אייזיק ראַבינאָוויטש (ביידע ווארשע), ל. ראבינאוויטש, יוסף ראבינאוויטש (ביידע דערעטשין), יהודה כץ (לאָמזשע), ר׳ יצחק־אייזיק וועלער, אב"ד וויסאָקי־מאזאוויעצק, מחבר פון „ברית עולם" (ווארשא, תרנ"ז), מרדכי הכהן (סוואַלק), פלימעניק ר׳ יוסף ב"ר מרדכי, מו"צ ור"מ אין זשעטל.

נאָענטע קרובים: הרב ר׳ ראובן לעווינבוק (אלי־טע), אריה לייב סענדאק (יעדוואָבנע), הרב בן־ציון יפה, ר׳ צבי ב"ר דוד, ר׳ קדש שאצקי, יעקב יאטוויסקי — אַלע אין סטוצין. אין ווארשע: אליעזר קרונסקי, יוסף קיזניצקי. יחיאל־מיכל ווערזבלאָווסקי און מאיר ווערז־בלאָווסקי פון שאַקי. דר׳ משה גליקסאָן, דער באַוואוסטער אַלגעמיין־ציוניסטישער פירער און לאַנגיאָריקער רע־דאַקטאָר פון „הארץ", שטאַמט אויך פון ר׳ יצחק־אייזיקס משפחה.[19]

## הרב הגאון ר׳ יחיאל העלער

דער פערטער צו זיצן אויפן כסא הרבנות פון סואוואַלק איז ר׳ יחיאל העלער (העליר), אַ באַוואוסטער גאון אין זיין דור. העלער איז אַ באַרימטע רבנים־משפחה, וואָס ציט איר יחוס ביזן תוספות יום־טוב. ר׳ יחיאל איז משפחה׳דיק פאַרבונדן מיט די באַוואוסטע יחוס־פאַמיליעס בכרך און אפרתי, וואָס האָבן אַרויס־געגעבן רבנים סיי פאַר סואוואַלקער געגנט, סיי פאַר אַנדערע מקומות. ר׳ יחיאל העלער איז גאָר ענג געקניפּט אויך מיט דער משפחה פון חבר: זיין צווייטע פרוי איז געווען ר׳ יצחק אייזיק חבר׳ס טאָכטער חיה.[20] די ערשטע פרוי זיינע האָט געהייסן פעסע, די טאָכטער פון ר׳ אליהו בער פון קרעטינגע.[21] ר׳ יחיאל׳ס עלטערן — אהרן און רבקה. ער איז אַ נאָענטער משפחה־גליד פון הרב הגאון ר׳ אייזיק לייב, ראַצקער רב. זיין שוועסטער איז ר׳ אייזיק לייבס באָבע.

ר׳ יחיאל העלער איז ניט קיין „פרעמדער" רב אין סואוואַלק. בעת ער איז געווען רב אין דעם דערבייאיקן וואָלקאָוויסק, האָט ער אָפט באַזוכט סואוואַלק. זיין זון, הרב הגאון ר׳ אברהם, איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1842.

ר׳ יחיאל העלער איז געבאָרן געוואָרן 1814 אין קוידענאָוו. פון 1836 ביז 1843 איז ער געווען רב אין הלוסק, דערנאָך אין וואָלקאָוויסק, און סוף 1853 [22] האָט ער פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין סואוואַלק.

ר׳ יחיאל העלער איז געווען רב אין סואוואַלק 5 (אָדער 6) יאָר. לויט איין קאָרעספּאָנדענט אין „המגיד", איז אין שטאָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צוליב אים און ס׳האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים. אין „המגיד" 1858 (נר׳ 32) איז שוין דאָ אַ מודעה פון קהל, אַז סואוואַלק זוכט אַ רב. אגב, דאָרטן ווערט געמאָלדן אויך די שכירות — 15 רובל אַ וואָך, „מלבד הכנסת הרב".

יאָ מחלוקת, ניט מחלוקת — ווען ר׳ יחיאל האָט פאַרלאָזן סואוואַלק, זיינען יידן געווען אַרומגענומען פון טרויער. די גאַנצע עדה האָט אים באַגלייט וויט הינטער דער שטאָט, פיל זיינען געפאַלן צו זיינע פיס און געקושט זיינע בגדים, געוויינט אַ געוויין, ווי אויף אַ לוויה.[23]

נאָך סואוואַלק האָט ר׳ יחיאל העלער איבערגענומען די רבנות אין פלונגיאַן, וואו ער איז נפטר געוואָרן י"א כסלו, תרכ"ב (14טער נאָוועמבער 1861).[24]

---

18. אין „עיר ווילנא", ז׳ 281, ווערט דערציילט אַז אהרן פונדיק איז געקומען קיין ווילנע „לרגל מכירת בשר כשר", איז שוין דאָרטן פאַרבליבן און געוואָרן אַן עושר.

19. אין „שיח יצחק" ווערן געגעבן נאָך פרטים וועגן דער משפחה פון ר׳ יצחק־אייזיקן.

20. געשטאָרבן פיל שפּעטער פון מאַן — כ"ח חשוון, תרנ"ט, אין ירושלים. זע „ספר היחס", א. ריבלין, ז׳ 26.

21. הקדמה אין „יפה נוף", אברהם העלער (פּיעטרקוב, תרס"ח) און הקדמה אין „עמודי אור" פון ר׳ יחיאל העלערן גופא.

22. לויט „עיר ווילנא" און „דזשואיש ענציקלאָפּעדיא" — אין 1854. עס איז אָבער, משמעות, ריכטיקער פון 1853, ווי עס זאָגט עדות „עמק שושנים" [־ראָזנטאַל] אין „המגיד", 1858, נר׳ 27 און „אני ולא אחר" אין „המליץ", 1878, נר׳ 7.

23. „המגיד", 1858, נר׳ 27.

24. די ידיעה אין דער Encyclopedia Judaica, vol. VII, p. 1150, אַז ער איז געשטאָרבן אין 1863, שטימט נישט מיט קיין אַנדערע מקורות. די ידיעה פון „שם הגדולים החדש" — 21 יאָר נאָך זיין טויט — אַז ער איז „נפטר זה לא כביר", איז אויך ניט אַזאַ פּינקטלעכע. אין „בית יצחק" פון יצחק דאנציג (ווילנא, תרכ"ו, דרוש י"ח) איז דאָ אַ הספד אויף אים. —

ר׳ יחיאל העלער האָט אָנגעשריבן די ווייטערדיקע חיבורים:

1) „עוטה אור״, אויף שיר־השירים, מעמל, 1861.

2) „עמודי אור״, שאלות ותשובות, קעניגסבערג, 1858.[25]

3) „אור ישרים״ אין „הגדה לליל שמורים״, קעניגס־בערג, תרי״ז,[26] ווי אויך אין „הגדה של פסח״ עם 115 פירושים הנקרא „מגדל עדר״ פון ישראל־דוד מיללער מהורדנא, ווילנא, תרנ״ג.

4) באור אויף דינים וסדר פסח של הגר״א אין „הגדה של פסח״ עם פירוש „גבול ים״ מאת אליעזר־זלמן גראַיעווסקי, ירושלים, תרנ״א.[27]

5) תוספת מנהגים״ אויף פסח־מנהגים פון הגר״א אין הגדה מיט באור פון יחזקאל ב״ר שלום ראטנער, ווילנא, תרנ״ב.[28]

6) „קינה לדוד״ (צום סוף פון „קדמות ספר הזהר״ פון הגאון ר׳ דוד לוריא, קעניגסבערג, תרט״ז).

7) פירוש על ספר מצוות להרמב״ם, ירושלים, תרפ״ט.

8) „כבוד מלך״, פעטערסבורג, 1856.[29]

9) „דברי יהושע״, קעניגסבערג(?), תר״ב.

---

ש״י פין אין „כנסת ישראל״, ז׳ 521, זאָגט, אַז ר׳ יחיאל האָט פאַרלאָזן סואוואַלק, ווייל „קנאים האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים״.

25. אין דער הקדמה דאַנקט דער מחבר פאַרן העלפן אַרויסגעבן זיין ספר די סואוואַלקער חזקיה אברהם במוהר״י ראָזנטאל, יחזקאל במוהר״נ ליפסקי, יצחק אייזיק במוהר״י ליטויער, אלחנן דוב לנדא.

26. “Bibliographie der Oster-Haggada”, New York, 1949, p. 25.

27. דאָרטן, ז׳ 39.

28. דאָרטן, ז׳ 40.

29. אין אויפטראָג פון דער רוסישער רעגירונג איז „כבוד מלך״ איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און דייטש. די איבער־זעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורך לעאָן מאַנדלשטאַם. דער רוסישער בילדונגס־מיניסטער האָט ר׳ יחיאל׳ן צוגעשיקט אַ דאַנקבריוו פאַר זיין חיבור.

דער תמצית פון „כבוד מלך״ איז דער זעלביקער, ווי די דרשה, וואָס ר׳ יחיאל האָט מיט אַ צייט פריער געהאַלטן אין אַ שול אין ליבאַווע. דער סואוואַלקער רב איז געווען אַן אורח אין אָט דער קורלענדישער שטאָט און ער האָט דאָרטן געהאַלטן אַ דרשה אין דייטש, בעת דער רוסישער קרוינפרינץ אַלעקסאַנדער דער צווייטער און אַ ריי הייכע לייט פון רוסישן אַדל זיינען געווען צו גאַסט אין שול. זיין רעדע האָט שטאַרק אויסגענומען, און עמעצער, קען זיין, האָט אים פאָרגעלייגט עס אַרויסצוגעבן אין בוך־פאָרעם. אַ גרויסער טייל פון דער רעדע איז נאָך פריער געווען געדרוקט אין „שני פרקים״ (פעטערבורג, תרי״ב), אונטערן טיטל „כבוד מלכים בזמנינו״ (דייטש און העברעאיש).

א. י. פפירנא דערציילט אין זיינע זכרונות („רשומות״, תל־אביב, תרפ״ה, כרך א׳, ז׳ 154), אַז לעאָן מאַנדלשטאַם האָט ארויסגעגעבן אַ שאלה־ותשובה פון ר׳ יחיאל העלער וועגן „דינא דמלכותא דינא״ אין אַ באַזונדער בראָשור מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות און מיט אַ דייטשער איבערזעצונג. מיר האָבן עס ניט געזען. זאָל דאָס זיין דער זעלביקער „כבוד מלך״?



אין „מעשה רב״ פון ר׳ יששכר־בער (ווילנא, תקצ״ב) געפינען זיך זיינע הוספות „סדר כהלכתו״.[30]

ר׳ יחיאל העלער האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם ירושלימער כתב־יד פון קבלה־ספר „שאלות ותשובות מן השמים״ פון יעקב הלוי ממרויש.

ר׳ יחיאל האָט געשריבן חדושי־תורה אין „התבונה״ פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

הסכמות פון ר׳ יחיאל העלער געפינען זיך אין די ווייטערדיקע ספרים:

1) „פרדס הבינה״, משה ב״ר אהרן, אמסטרדם, 1842.[31]

2) „עינות מים״, יוסף אלחנן הלוי, ווארשא, 1856.

3) „היכלות הזהר״ עם ביאור הגר״א, קעניגסבערג, תרי״ז, (אָרט און צייט לויט בן־יעקב), מיט ר׳ יחיאל׳ס אַ גרעסערן אַריינפיר א״נ „מעטה תהלה״.

4) „אגדות אליהו״, אליהו שרהזאָן, ניו־יאָרק, תרס״ג.

5) „כתוב לחיים״, אברהם חיים שמאלעוויצער, ווילנא, תרי״ח.

6) „מנחת הזבח״, משה אהרן הכהן, ווארשא, 1885.

7) „ילקוט שמעוני״, הו״ל ע״י משה יהודה איטא־ליענער, תרט״ז.

ר׳ יחיאל האָט געהאַט צוויי טעכטער. איינע האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ משה־לייב סעגאל.[32]

ר׳ יחיאל׳ס זון, ר׳ אברהם, איז פון 1860־1877 געווען רב אין יאַנישאָק, ליטע, דערנאָך אין האזנפוט, לעטלאַנד, און פון 1882 רב ומו״צ אין ליבאַווע (לעפיי). מחבר פון ספר „יפה נוף״. געשטאָרבן 1923. ר׳ אברהם׳ס זון, ר׳ לייב, איז געווען מו״צ אין שאוול.

ר׳ יחיאל׳ס דריי ברידער זיינען געווען אַלע רבנים. ר׳ יהושע — אין פאלאָנגע, טעלז און אַנדערע. מחבר פון דברי יהושע, חוסן יהושע,[33] תולדות יהושע, מעוז הדת, מעיני יהושע, אהל יהושע. ר׳ מאיר — דיין אין ווילנע, שפּעטער רב אין טראָק און קאשטוקאוויץ, ר׳ ישראל (חריף) — אין קוידענאָוו, פריער ר״מ אין מינסק.

ברוך־נתנאל נייווידל, טאַווריקער רב, איז געווען זיינס אַ קרוב. מאיר איילבערג פון סרעדניק איז ר׳

---

30. דער נאָמען פון מחבר אויפן ספר איז יב״א. „קהלת משה״ זאָגט ריכטיק, אַז דאָס זיינען די ראשי־תבות פון ר׳ יחיאל ב״ר אהרן, ווי דאָס איז טאַקע צו זען פון דער אויסגאַבע פון זעלביקן ספר אין תרמ״ה (ווילנא), וואו ר׳ יחיאל׳ס נאָמען ווערט שוין קלאָר אָנגעגעבן.

31. די דאַטע 1842 איז אָדער אַ דרוקפעלער אָדער אַ פאַלסיפיקאַט. ר׳ יחיאלס הסכמה איז דאַטירט „ב׳ שבט תזר״ח״ [תרט״ו], דאָס גלייכן די איבעריקע הסכמות אין ספר. ווי קען אָבער אַ ספר פון 1842 האָבן הסכמות פון 1855? און נאָך: בראש פון די סואוואַלקער פרענומעראַנטן גייט „הגאון ר׳ יחיאל העללער האב״ד״. — קומט אויס, אַז אין 1842 איז ר׳ יחיאל שוין געווען רב אין סואוואַלק, אָבער דאָס איז לחלוטין פאַלש. ביי בן־יעקב׳ן איז טאַקע אָנגעגעבן: אמסטרדם, תרט״ו, דאָס גלייכן ביי פרידבערגן, אָבער מיטן דרוקאָרט: יאָהאַנניסבורג.

32. „ספר היחס״, ריבלין, ז׳ 37.

33. אין „חוסן יהושע״ (ווילנא, תרכ״ב) איז דאָ צ״א אַ הספד אויף ר׳ יחיאל העלער.

יחיאל׳ס אַ שוואָגער. איילבערגס אַ טאָכטער איז געווען די פרוי פון ר׳ משה־בצלאל לוריע, דעם שפּעטערדיקן סאוואַלקער רב — קומט אויס, אַז דיביידע סאוואַלקער רבנים זיינען געווען משפּחה.

ר׳ יחיאל העלער האָט געקענט גוט דייטש און אויך רוסיש. די שפּראַכן־קענטעניש איז אַ כאַראַקטער־שטריך פון כמעט אַלע סאוואַלקער רבנים.

## הרב הגאון ר׳ שמואל מאָהיליווער

נאָך הרב הגאון ר׳ יחיאל העלער איז סאוואַלק געווען אָן אַ רב קרוב צו צוויי יאָר. די סיבות זיינען צוויי: 1) די מחלוקת ארום ר׳ יחיאל העלער, וואָס האָט געשאַפן צדדים אין שטאָט. 2) צו געפינען אַ יורש פאַרן כסא הרבנות, אויף וועלכן ס׳איז געזעסן אַ ר׳ יצחק־אייזיק חבר אָדער אַ ר׳ יחיאל העלער, איז ניט געווען אַזוי לייכט. באַשווערט די זאַך האָט נאָך אויך דער פאַקט, וואָס סאוואַלקער בעלי־בתים האָבן געזוכט אַ רב ניט נאָר מיט תורה און חכמה, נאָר אויך מיט וויסן אין הליכות עולם. סוף־סוף האָט מען זיך געאייניקט אויף דער קאַנדידאַטור פון הרב הגאון ר׳ שמואל מאָהיליווער.[33*]

ר׳ שמואל מאָהיליווער איז געקומען קיין סאוואַלק פון אַ רבנות־שטעלע אין שאַקי. הרב י. ל. פישמאַן באַמערקט ריכטיק, אַז ערשט פון סאוואַלק האָט זיך אָנגעהויבן ר׳ שמואל מאָהיליווערס באַרימטקייט ווי אַ גאון און נאָך מער ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון וועלט פאַרנעם.

כ״ז אדר תר״ך (1860) איז ר׳ שמואל מאָהיליווער אָנגעקומען קיין סאוואַלק. אַ גרויסער המון יידן איז אַרויס אים מקבל פנים זיין אויסער דער שטאָט, טייל פון זיי אין קאַרעטעס. אין אַ קאַרעטע האָט מען אים געבראַכט אין זיין צוגעגרייטער דירה, וואו ר׳ שמואל האָט געזאָגט זיין ערשטע דרשה אין סאוואַלק.[34]

ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט געהאַט דורכצומאַכן שווערע צייטן אין זיין סאוואַלקער רבנות — דעם צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד און דעם אָנהייב פון שרעקלעכן הונגער אין 1868.

אין צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד זיינען געווען אין סאוואַלק און אומגעגנט יידן, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט די פּוילישע אויפשטענדלערס. געווען אויך אַזעלכע יידן, וועלכע זיינען געווען אַקטיוו אין אויפשטאַנד. אַזוי, למשל, ווייסן מיר, אַז פאַכוצקי פון סאוואַלק איז פאַרשיקט געוואָרן אויף פיל יאָרן קיין סיביר פאַר באַטייליקן זיך אין אויפשטאַנד. זיין זון, דער זשורנאַליסט וויליאַם פאַכוצקי, איז טאַקע געבאָרן געוואָרן אין אַ סיבירישן פאַרשיקאָרט. דער פּריוואַט־

*33. סאוואַלקער קהילה האָט פאַרגעלייגט ר׳ ישראל סאַלאַנטער צו ווערן איר מרא דאתרא, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. („געקליבענע שריפטן״, ש. ראָזענפעלד, ניו־יאָרק, 1947, ז׳ 88).

34. „המגיד״, 1860, נר׳ 14.

אַדוואָקאַט שלמה טאבאלאווסקי האָט זיך ווי דורך אַ נס אַרויסגעדרייט פון פאַרשיקט ווערן קיין סיביר און איז אָפּגעקומען מיט צוויי יאָר טורמע פאַר אָנטיילנעמען אין אויפשטאַנד.[35] שמואל ראָזנטאַל, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ באַוואוסטער שאַכשפּילער, האָט נאָך דער צווייטער פּוילישער רעוואָלוציע געמוזט אַנטלויפן פון סאוואַלק.

פון די שתדלנות׳ן מצד ר׳ שמואל מאָהיליווער ביי די מאַכט־אָרגאַנען איז צו זען, אַז פיל יידן פון סואוואַלקער געגנט זיינען געווען פאַרמישט אינעם אויפשטאַנד פון 1863, כאָטש אַ טייל, קען גרייִלעך זיין, זיינען אומשולדיק אריינגעפאַלן.

וואָס איז געווען די אמת׳ע באַציאונג פון ר׳ שמואל מאָהיליווער צום פּוילישן אויפשטאַנד איז אונדז ניט באַקאַנט. אָפיציעל איז ער געווען קאַטעגאָריש קעגן אים. אין דעם זין האָט ער געהאַלטן דרשות און געוואָרנט יידן זיך ניט צו באַטייליקן אין אויפשטאַנד. נאַטירלעך האָט ער דערמיט נושא־חן געווען אין די אויגן פון דער מאַכט און האָט אפילו באַקומען אַן אויסצייכן פון דער רוסישער רעגירונג. אָבער טאַקע אַ דאַנק דעם צוטרוי פון דער מאַכט צו אים, איז ר׳ שמואל מאָהיליווערן געלונגען צו ראַטעווען פון קאַטאָרגע און פון טויט פיל סאוואַלקער יידן, ווי דאָס באַטאָנען אַלע זיינע ביאָגראַפן.

סאוואַלקער יידן האָבן לאַנגע יאָרן ליב געהאַט צו דערציילן אין נאָמען פון זייערע זיידעס און טאַטעס אַ מעשה, ווי אַזוי ר׳ שמואל האָט געראַטעוועט עטלעכע אָרטיקע יידן פון אַ זיכערער תליה. געווען איז עס ערב יום־כפור, ווען ר׳ שמואל האָט זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע (לויט איין נוסח — 10) סאוואַלקער יידן זיינען פאַר׳משפט געוואָרן צום טויט פאַר שפּיאָנאַזש און אַז יום־כפור דאַרפן זיי עפנטלעך געהאַנגען ווערן. ר׳ שמואל מאָהיליווער איז אַוועקגעלאָפן צום גובערנאַטאָר, ער איז דאָרטן אָפּגעווען שעה׳ן, ווייל דער מושל האָט אים בשום אופן ניט געוואָלט אויפנעמען. ווען ר׳ שמואל איז סוף־סוף צוגעקומען צו אים, האָט ער מיט זיינע קלוגע רייד און הייסע טרערן קודם־כל גע׳פועל׳ט, אַז די יידן זאָלן כאָטש יום־כפור ניט געהאַנגען ווערן. און נאָך יום־טוב האָט ער זיי אין גאַנצן אַרויסגעראַטעוועט פון טויט.

ניט אַלע מאָל האָט ר׳ שמואל מאָהיליווער געהאַט הצלחה אין זיינע פּרוואון צו ראַטעווען סאוואַלקער יידן, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין האָבן אַ חלק אין פּוילישן אויפשטאַנד. טאַקע אין זיין סאוואַלקער רבנות־צייט איז דעם 2טן מערץ, 1864, עפנטלעך געהאַנגען געוואָרן אין סאוואַלק אַ יידישער אויפשטענדלער מיטן נאָמען לייב בן מרדכי לייבמאַן. ער איז פאַר׳משפט געוואָרן דורך אַ רוסישן קריגסגעריכט, ווייל ער איז געווען „אין דעם אינסורגענטן־לאַגער, אָנגענומען אַ „טשין״ פון אַ וואַכמייסטער פון די זשאַנ־

35. „ימים ושנים״, מ. י. פריד, תל־אביב, תרצ״ט, ז׳ 30.

דאַרמען־העַנקערס, אויסגעפירט אַ טויטאורטייל און זיך באַטייליקט אין ראַבירן אַ קאַסע״.[36]

אזא סאָרט שתדלנות — פּאַרטיידיקן מענטשן, וועלכע ווערן באַשולדיקט אין אויפשטאַנד קעגן דער מלוכה — און אין אַזאַ אומרואיקער צייט שטעלט דעם שתדלן גופא אין דער גרעסטער סכנה, און ר׳ אברהם משה ראַבינאָוויץ, רב פון פּאָפּעליאַן, ליטע, שרייבט טאַקע אין זיין הספּד־אַרטיקל אויף ר׳ שמואל מאָהיליווער, אַז „ער האָט וויפל מאָל געשטעלט זיין לעבן אין טויטגעפאַר״.[37]

ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט פיל געטאָן פאַר די אָרטיקע יידישע אָרעמעלייט, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער הונגער אין 1868. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו זיינען יידישע הונגעריקע באַזאָרגט געוואָרן מיט אומזיסטן עסן אין קהל׳שע קיכן. ער האָט דורכגעפירט אַ מין שטייער, אַז יעדער (ניט־הונגערנדיקער) ייד פון דער סואוואַלקער עדה דאַרף געבן אַ האַלבע קאָפּיקע פון יעדן פונט פלייש און פון יעדן פונט זאַלץ, וואָס ער קויפט אין דער וואָך, לטובת די יידישע הונגעריקע אין שטאָט. שפּעטער איז די דאָזיקע תקנה בטל געוואָרן, ווייל ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז קעגן געזעץ.[38]

ר׳ שמואל מאָהיליווער איז געווען באַליבט ביי זיין עדה, אָבער ער האָט אויך געהאַט זיינע קעגנערס. אין זייער אַ לאַנגער קאָרעספּאָנדענץ פון סואוואַלק[39] ווערט ער באַשולדיקט אין נוצן פיל חרמות און ס׳ווערט דערציילט וועגן אַ גרויסער מחלוקת צווישן אים און דעם סואוואַלקער בעל־הבית ר׳ אברהם־דוב יערוזאלימסקי. יערוזאלימסקי איז געווען אַ גרויסע און חשוב׳ע משפּחה אין סואוואַלק. אויף די ספרים־פּרענומעראנטן געפינען זיך די נעמען פון מערערע מיטגלידער אירע. צום סוף פון „הגדה של פסח״, וואָס איז דערשינען אין סואוואַלק, ווערט געזאָגט, אַז די תקנות וועגן בעור חמץ האָט איבערגעשריבן „הרב המאוה״ג חו״ב וכו׳ ר׳ אברהם ב״ר שמואל־יוסף ירוזילימסקי״. דער לעצטער איז געווען פריער אַ גביר, דערנאָך איז ער געוואָרן אַ יורד. היות ער איז געווען אַ ייד אַ תלמיד־חכם, האָט ער זיך פאַרנומען אויך מיט פּסק׳ענען שאלות, דער עיקר אָבער — מיט מאַכן שלום צווישן צדדים. האָט פּאַסירט אַ געשיכטע מיט אַן אלמנה, וואָס ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט איר ניט געגעבן קיין חופּה וקדושין צוליב אַ חשש פון חליצה, אָבער ר׳ אברהם־דוב האָט זי מתיר געווען. די אלמנה האָט געפאָלגט ר׳ אברהם־דוב׳ן און ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט זי אַריינגעלייגט דערפאַר אין חרם. ער האָט אויך געוואָלט אסר׳ן ר׳ אברהם־דוב׳ן צו פּסק׳ענען שאלות. אין דעם ענין האָבן זיך אַריינגעמישט די גאונים ר׳

36. אַרטיקל פון ד״ר י. שאַצקי „יידן אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863״ אין „היסטאָרישע שריפטן״, ב׳ I.
37. „המאסף״, חוברת ז׳, ירושלים, תר״ס. זע אויך: „לקסיקון ציוני״, ש. ל. ציטרון, וואַרשא, תרפ״ד, ז׳ 378 און „ספר שמואל״, רעדאַגירט פון הרב י. ל. פישמאַן, ירושלים, תרפ״ג.
38. „המגיד״, 1868, נר׳ 2 און 7.
39. „המליץ״, 1864, נר׳ 19.



חיים פיליפּאָווער און ר׳ מרדכי מעלצער, קאַלוואַריער רב. די זאַך איז אַזש דערגאַנגען צו הגאון ר׳ שלמה קלוגער פון בראָדי. זיי אַלע האָבן אָבער גע׳פּסק׳נט, אַז ר׳ אברהם־דוב א׳ז גערעכט.

די פּרטים פון דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ זיינען גאָר גיך אָפּגעלייקנט געוואָרן אין אַ קורצער נאָטיץ דורך די סואוואַלקער קהל־לייט מרדכי ראָזנטאַל, משה קראַקאָווסקי, ניסן האָלענדערסקי.[40]

ניט געקוקט אויף אַזעלכע אינצידענטן איז דער פּרעסטיזש פון ר׳ שמואל מאָהיליווער ביי סואוואַלקער יידן געווען זייער גרויס. די עדה יידן אין סואוואַלק איז געווען זייער אַנטוישט פון דעם, וואָס זייער רב, נאָך 8 יאָר, האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם כסא־הרבנות אין ראדאם. זייערע געפילן פון כבוד צו אים זיינען געווען לעבעדיק נאָך פיל יאָרן, און ווען ס׳איז גע׳יום־טוב׳ט געוואָרן אין ביאַליסטאָק, אַ צייט שפּעטער, פון אַלע חובבי־ציון אין דער וועלט דער 70־יעריקער יובל פון ר׳ שמואל מאָהיליווער, האָבן צווישן די געסט פון אַ ריי קהילות זיך געפונען אויך די שליחים פון סואוואַלק.

ווען ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט געוואָלט פאַרלאָזן סואוואַלק, האָבן אים געפּרואווט אָפּריידן דערפון ניט נאָר די פירערס פון דער יידישער עדה, נאָר אויך דער גובערנאַטאָר האָט אים געבעטן פאַרבלייבן ווייטער אין שטאָט.[41]

ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט געקענט דריי שפּראַכן: דייטש, רוסיש, אָבער באַזונדערס גוט פּויליש.

ר׳ שמואל האָט ניט געלאָזן נאָך זיך קיין ספרים, אָבער פיל פון זיינע חידושי־תורה זיינען פאַרעפּנטלעכט געוואָרן אין תורה־זשורנאַלן און אין חיבורים פון אַנדערע רבנים.

אין „ספר שמואל״, רעדאַגירט פון הרב י. ל. פישמאַן (ירושלים, תרפ״ז), ווערן געבראַכט זיינע שאלות־ותשובות און חידושים. ערשט אין 1956 האָט מען אַרויסגעגעבן אַ טייל פון ר׳ שמואל מאָהיליווערס תורה־חידושים אין אַ באַזונדער ספר אונטערן נאָמען „חקרי הלכה ושאלות ותשובות״ (ירושלים, תשט״ז), מיט הערות „וזאת ליהודה״ פון הרב י. ל. פישמאַן־מימון.

הסכמות פון ר׳ שמואל מאָהיליווער האָבן מיר געפונען אין די ווייטערדיקע ספרים:

1) „איר יצחק״, יצחק נח בהרב מאיר, ווארשא, תר״ן.

2) „אמרי חיים״, חיים זונדל מכבי, תל־אביב, תרפ״ט.

3) „אשל ברמה״, אפרים הלוי [סמאלענסקי], ווארשא, תרנ״ז.

4) „בית אליקום״, אליקום געציל, ווארשא, תרמ״ו.

40. „הכרמל״, תרכ״ד, נר׳ 41; „המגיד״, 1864, נר׳ 26.
41. י. ניסנבוים אין „לוח אחיאסף״, תרנ״ט, ז׳ 290. א. דיינארד אין זיין „מסע באירופה״ (פּיטסבורג, תרמ״ה, ז׳ 57), זאָגט פאַרקערט, אַז „די סואוואַלקער יידן האָבן ניט געוואוסט אָפּצושאַצן זיין ווערט און זיי האָבן אים געלאָזט אַוועקגיין פון זיי״.

5) „בני גרשון", גרשון ליפשיץ, ווילנא, תרנ"ט.
6) „גן יוסף עדן דוד", יוסף חיים פראַגער, ווארשא, תרנ"א.
7) „דבר אליהו", אליהו ב"ר אברהם יוזפא, ווארשא, תרמ"ד.
8) „דברי חיים", חיים אוריה הכהן, ווילנא, תרמ"ט.
9) „דברי חכמים", מרדכי צבי הלוי, ווארשא, תרל"ו (מיט אַ גרויסן מאמר זיינעם).
10) „דברי משה", [הרמב"ם], הובא לדפוס ע"י יעקב מהרש"ק, ווארשא, 1886.
11) „דובב שפתי ישנים", דוב בער טויבער, ירושלים, תר"ס.
12) „דורש לציון", חיים יעקב קרעמער, ווארשא, תרמ"ו און תרנ"א.
13) „הגדה", אברהם אבוש, מגנצא, תרמ"ז.
14) „הוד תהלה", אפרים אליעזר צבי חרל"פ, ווארשא, תרנ"ט.
15) „ספר ההשלמה", ע"י מנחם מנדיל שחור, ברלין, תרנ"ג.
16) „ספר ההשלמה" לרבנו משולם ב"ר משה, מיט הערות פון י. לובעצקי, פאַריש, תרמ"ה.
17) „זכר למקדש", פלא"י, ווארשא, תרמ"ט.
18) זכרון בספר ואבן ספיר", יוסף ספיר שטיין, ברדיטשוב, תרנ"ח.
19) „זרע יצחק", יואל יצחק קאצינעלינבויגן, ווארשא, תר"ן.
20) „חבת הקדש", יקותיאל ליב עליאן, ווארשא, תרנ"ט.
21) „חדושי רי"ח", יהושע חיים עפשטיין, ווילנא, תר"ן.
22) „חידושי מהרמ"י", משה יחזקאל, ווארשא, 1893.
23) „חיי אדם", אברהם דאנציג, מיט הוספות פון משולם פינקלשטיין, ווארשא, 1888.
24) „ילקוט אבני אמונת ישראל", ישראל פנחס לינטופ, ווארשא, 1895.
25) „ילקוט ארץ־ישראל", יהודה אידל ציזילינג, ווילנא, תר"ן.
26) „כף המאזנים", אלכסנדר זיסקינד גבריאלוב, ווארשא, תרנ"ז.
27) „מדרש רבה", על שיר השירים, עפ"י ברוך עטילזאהן, ווארשא, תרל"ו.
28) „מזקנים אתבונן", בן־ציון כ"ץ, ווארשא, תרנ"ה.
29) „מעון אריה", אריה ליב בינקאוויטש, ווארשא, 1886.
30) „מצות ישיבת ארץ־ישראל", ע"י יונה דוב בלומבערג, ווילנא, תרנ"ח.
31) משניות (זרעים), ווארשא, תרכ"א.
32) „משנת יהודה", חלק א', יוסף שרגא ב"ר איסר יהודה, ווארשא, תרנ"ה.
33) „נהורא דיעקב", יעקב אהרן ב"ר צבי הירש, ווארשא, תרנ"ט.
34) „נזיר מן תלמוד בבלי", עם הגהות מקובצות ע"י ר' יצחק שמואל סימיאַטיצקי, ווילנא, תרס"א.
35) „סניגור", אליעזר צווייפל, ווארשא, תרמ"ה.
36) „עתים לבינה", יוסף גינצבורג, ווארשא [1885].
37) „ספר קהלת", עם פירוש „כוכב מיעקב" ו„שבט מאפרים", אפרים ב"ר צבי הלוי, ווארשא, תרל"א.
38) „קהלת משה", חלק א', ע"י משה חיים טרי־וואַקס, ווארשא, תרס"ב.
39) „שארית יעקב", זלמן יעקב האבערמאַן, ווילנא, תרמ"ד.
40) „שואל אמת", אברהם צבי שילעל, ווילנא, תרמ"ד.
41) „שיח יצחק", חיים יצחק גאַנדמאַן, ווארשא[42]

## הרב הגאון ר' אליעזר־שמחה ראַבינאָוויץ

סוף 1868 אָדער אָנהייב 1869 האָט סאוואַלק געהאַט אַ נייעם רב — הרב הגאון ר' אליעזר־שמחה ראַבינאָוויץ.

ר' אליעזר־שמחה איז געבאָרן אין קאָוונע אין 1839 בערך. ער שטאַמט פון 30 דורות רבנים, ווי עס ווערט געזאָגט אין הקדמה פון בעל „מראות הצבאות". זיין זיידע ר' מנחם מענדל איז געווען אב"ד קאָוונע.

ר' אליעזר שמחה האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר' לוי יפה אין ראַגעווע, ליטע. זייענדיק נאָך גאָר יונג האָט ער באַקומען זיין ערשטע רבנות אין שטאָט פון זיין שווער. ער האָט אָנגענומען די רבנות אויף דריי יאָר צייט בתנאי, אַז פאַר זיין שכירות זאָל מען אויסבויען אַ נייעם בית־מדרש, און אַזוי איז געשען. שפּעטער איז ער געווען עטלעכע יאָר רב אין אַ צווייט ליטוויש שטעטל, אין שאדעווע.

ווען אין רוסלאַנד איז אַרויס די גזירה, אַז מען זאָל שליסן אַלע חדרים, איז ר' אליעזר שמחה געווען איינער פון דער דריי־דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין פעטערבורג צו באַראָן גינצבורג, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין וועגן אָפּשאַפן די גזירה (די אַנדערע צוויי זיינען געווען: ר' שמואל מאָהיליווער און ר' יעקב באַריט פון ווילנא).

ר' אליעזר שמחה איז געווען אַ טיפּישער רב פאַר סאוואַלק — אַ רב אַ גאון און מיט וועלטלעכן וויסן. ישראל זלמן סטאַראַפּאָלסקי, אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „הלבנון", קען זיך ניט גענוג אָפּלויבן פון אים. ער דערציילט, אַז ר' אליעזר־שמחה קען זייער גוט רוסיש,

42. אויף באַרימטע רבנים אָדער שרייבערס פון סאוואַלק און אומגעגנט, וועגן וועלכע ס'איז שוין פיל געשריבן געוואָרן, שטעלן מיר זיך אָפּ בקיצור, זיך באַמיענדיק ארויסצוהייבן בעיקר יענע מאָמענטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו זייער טעטיקייט אין און ארום סאוואַלק, אָדער אַזעלכע ענינים, וואָס זיינען דורך אַנדערע ווייניק באַרירט געוואָרן (למשל: די דאָ געבראַכטע הסכמות־ביבליאָגראַפיע פון ר' שמואל מאַהליווער). — אין ספר „חשבון חברת „משגב לדך" (ירושלים, תרנ"א) איז דאָ ר' שמואל'ס אַ המלצה־בריוו.

געאָגראַפיע, היסטאָריע, אַלגעברע, געאָמעטריע און אַנדערע חכמות.[43]

ר׳ אליעזר־שמחה ראַבינאָוויץ איז געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין סואוואַלק 5־6 יאָר — סוף 1874 איז ער שוין דאָרטן ניט געווען.[44] נאָך זיין פאַרלאָזן סואוואַלק איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת, וואָס פאַר אַ טיפּ רב סואוואַלק זאָל נעמען. איין צד האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף זיין אַ רב, וואָס פאַרשטייט זיך אויך אין וועלטלעכע ענינים, וואָס קען די מלוכה־שפּראַך וכדומה. דער צווייטער צד האָט געוואָלט אַ רב אַ גאון בתורה, וועלכער זאָל זיין באַרימט נאָר מיט זיין גרויסקייט אין לומדות, לערנט תורה און פּסק׳נט שאלות.

ר׳ אליעזר שמחה איז דערנאָך געוואָרן רב אין לאָמזשע. דאָרטן איז ניט געווען קיין שלום־בית צווישן אים און אַ טייל פון די חשוב׳ע בעלי־בתים. ער האָט אויך געהאַט צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט ניט געקענט פאַרטראָגן זיין „ניט יידישע" שטאָלצע האַלטונג לגבי איר. ר׳ אליעזר שמחה איז געווען אַ תקיף בדעתו און געפירט זיין רבנות ביד רמה סיי כלפּי די אָרטיקע בעלי־בתים, סאַי לגבי „נאטשאלסטווא". מען האָט אים אָבער אין לאָמזשע אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבן, אַז ער איז אַריבער קיין קאַלוואַריע, וואו ער איז געווען רב פיל יאָרן. אין 1909 האָט ער פאַרלאָזן קאַלוואַריע און זיך ווידער באַזעצט אין לאָמזשע, וואו ער האָט געהאַט אַ חתונה געהאַטע טאָכטער און אַן אייגן הויז. דאָרטן איז ער נפטר געוואָרן אין 1911.

הרב הגאון ר׳ יעקב ראַבינאָוויץ, ר׳ אליעזר שמחה׳ס זון, איז געווען רב אין ראדווילישאק, ליטע, און אין עדינ־בורג. ער האָט אַרויסגעגעבן זיין פאָטערס הערות אויף „הלכות א״י" לרבנו יעקב בן אשר (לאנדאן, תר״ס). דאָרטן געפינען זיך אויך עטלעכע פּלפּולים פון ר׳ יעקב׳ן.

ר׳ אליעזר שמחה איז געווען אַ מקיל. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח מכוח דעם, צי ביים מל זיין מעג מען פאַרבייטן מציצה מיטן מויל דורך אַ ספּעציעלער מאַשינקע, האָט ר׳ אליעזר־שמחה זיך געשטעלט אויפן צד פון די מתירים.[45]

אַ גרויסע צאָל רבנים האָבן באַקומען סמיכה פון רא״ש ראַבינאָוויץ.[46]

הסכמות זיינע האָבן מיר געפונען אויף:

1) אגדות תלמוד בבלי", עפ״י „פרשת מרדכי", פון א. מ. אלטשולער, ווארשא, תרנ״ו.

43. „הלבנון", 1870, נר׳ 22. — ד. מ. ליפּמאַן אין זיין „לתולדות היהודים בקובנה וסלבודקה", ז׳ 221, דערציילט, אַז ר׳ אליעזר שמחה האָט מיט דער הילף פון סואוואַלקער פּאָליציי־שעף אַרויסגעגעבן אַ רוסישע בראָשור וועגן יידישע נעמען.

44. לויט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון זלמן ראָזנטאַל אין „המגיד", 1875, נר׳ 47, קומט אויס, אַז ר׳ אליעזר שמחה איז שוין אין 1873 ניט געווען רב אין סואוואַלק. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק: אין מיטן 1874 איז ער נאָך פון סואוואַלק געפאָרן מספּיד זיין דעם סייניער רב ר׳ יהושע־העשיל.

45. „אות ברית", ד״ר ש. כהן, קראקא, תרס״ג, ז׳ 212.

46. „אהלי שם", ז׳ 61.

2) „אור יצחק", יצחק נח בהרב מאיר, ווארשא, תר״ן.

3) „בית אליקום", אליקום געציל מאיר, ווארשא, תרמ״ו.

4) „דברי נגידים", יהודה ליב הכהן ודוד מאיר קראליאוויעצקי, ווארשא, 1894.

5) „ונגש הכהן", הלל דוד טריווש, ווילנא, תרמ״ב.

6) „חדושי אב״י", יהודה ליב אניקסטער ב״ר יצחק אייזיק, שיקאגא, תרס״ד.

7) „ספר המלואים", יוסף שיינהאק, ווארשא, 1869.

8) „מלחמת אהרן", אהרן פרידמאן, ווילנא, תר״מ.

9) „עבודת עבד", עזריאל זעליג ב״ר ישכר דובער, ווארשא, תרל״ז.

10) „קרני אור", אלכסנדר זיסקינד מהוראדנא, ווילנא, 1883.

11) „תורת חטאת", עפ״י „שלמי נדבה" מאת נתן נטע קלונימוס, ווארשא, 1903.

## הרב הגאון ר׳ הלל ליבשיץ[47]

צוליב דער אויבן דערמאָנטער מחלוקת איז סוא־וואַלק, נאָכן אַוועקפאָר פון ר׳ אליעזר־שמחה׳ן, ווידער געווען אָן אַ רב באַלד צוויי יאָר. ערשט אָנהייב אָדער אין מיטן 1876 האָט סואוואַלק גענומען אַ נייעם רב — הרב הגאון ר׳ הלל אריה־ליב ליבשיץ. אין יענעם יאָר איז סואוואַלקער רבנות פאָרגעלייגט געוואָרן דעם באַוואוסטן בויסקער רב און חובב־ציון ר׳ מרדכי עליאשבערג, וועלכער האָט זי נישט אָנגענומען.[48]

ר׳ הלל ליבשיץ איז געווען אַ באַוואוסטער רב שוין פאַר זיין קומען קיין סואוואַלק. צוליב אים איז אויך פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן צוויי וויכטיקע יידישע קהילות: פלונגיאַן און סייני. אין פלונגיאַן איז ר׳ הלל געווען רב מערערע יאָרן, אַ דאַנק אַ געשאַפענער לאַגע האָט אים סייני אין 1874 פּלוצעם „אויסגעכאַפּט". ער איז אָבער געווען רב אין סייני נאָר עטלעכע וואָכן און פלונגיאַן האָט אים צוגענומען צוריק.[49] פון דאָרטן איז ר׳ הלל אַריבער קיין סואוואַלק.

ר׳ הלל ליבשיץ איז געזעסן אויף סואוואַלקער כסא־הרבנות 17 יאָר — כמעט אַזוי פיל צייט, ווי אַלע פיר רבנים פאַר אים צוזאַמען. אים איז אויך אויסגעקומען צו זיין רב אין סואוואַלק אין איינער פון די שטורעמ־דיקסטע עפּאָכעס אין יידישן לעבן — פּאָגראָמען, מאַסן־עמיגראַציע, ביל״ו, חיבת־ציון. אָבער ניט געקוקט אויף דעם איז וועגן אים ווייניק געשריבן געוואָרן אין די קאָרעספּאָנדענציעס פון סואוואַלק.

בעת זיין רבנות אין סואוואַלק האָט הרב הלל ליבשיץ געהאַט איין מאָל אַ שטיקל איבעררייד מיטן חפץ־חיים. דער גרויסער גאון איז אין די אַכציקער יאָרן געקומען קיין סואוואַלק, וואו ער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע

47. אין „אהלי שם", ז׳165, איז זיין צווייטער נאָמען אריה, אַזוי אויך אין זיין ספר „בית הלל". אין פרענומעראַנטן ווערט זיין צווייטער נאָמען אָנגעגעבן: פישל.

48. „דזשואיש ענציקל., ב׳ V, ז׳ 111.

49. „הצפירה", 1874, נר׳ 14.

דרשה וועגן מאכל כשר פאַר די יידישע סאָלדאַטן אין אָרטיקן גאַרניזאָן. ער האָט שטרענג גערעדט וועגן דער אחריות פון די בעלי־בתים, אַז די יידישע סאָלדאַטן זאָל ניט אויסקומען צו עסן טרפות. ר׳ הלל ליבשיץ האָט אים נאָך דער דרשה געפרעגט, הלמאַי ער האָט אַזוי שאַרף גערעדט. דערויף האָט דער חפץ־חיים אים געענטפערט: אַן אבל טאָר ניט אַרבעטן, אָבער אויב ער האָט ניט וואָס צו עסן, מעג ער אַרבעטן. די חכמים האָבן אָבער געזאָגט: „תבא מארה לשכניו שהביאוהו לידי כך" (זאָל קומען אַ קללה אויף זיינע שכנים, וואָס האָבן גורם געווען דערצו).[50]

סוף אַכציקער יאָרן איז ביי טייל ניו־יאָרקער פויליש־רוסישע יידן רייף געוואָרן דער געדאַנק פון אויסקלייבן אַ רב הכולל פאַר ניו־יאָרק. צווישן די פאַרבעטענע מזרח־אייראָפּעאישע באַרימטע רבנים אויפן דאָזיקן חשוב׳ן כסא הרבנות איז אויך געווען הרב ר׳ הלל ליבשיץ. זיין קאַנדידאַטור איז געווען די שטאַרקסטע, ווייל זי איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך אַ מערהייט מיטגלידער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. אויף דעם בריוו פון דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס הרב ליבשיץ האָט באַקומען אין 1887, ענטפערט דער סואוואַלקער רב אַזוי:

„קשה עלי כרגע לכתב לכם החלט דעתי עד שובי אי"ה לביתי [ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין יורבורג] בשעה צלחה. בלתי את זאת אשאלה את כבודם, יודיעוני נא באר היטב: א) מי הנה המפלגות ובני בתי כנסיות, אשר כבר התאחדו ומי עוד יפקדו ואדעם בשם, ב) התוכל הרבנות (ה)כללית הזאת להתקיים ע"י הממשלה שתהיה משרה אפיציעלית יתד בל תמוט לעולמים? לשתי השאלות ההנה תתנו נא לי פתרונים בהחזר ואדע אם יתקנני ה׳ בעצה טובה מלפניו להשיב לכם עצה הוגנת לטוב לכם" וכו׳.

אין דער תשובה פון די ניו־יאָרקער „מנהלי אגודת הקהלות" צו הרב ליבשיץ ווערט צ"א געזאָגט:

„אמנם אחרי החקירה והדרישה בענין הגדול והקדוש הזה ראו חברי האספה על ככה להציע את דברינו אלה לפני כבודו דכולא בו ולהודיעו עם הספר, כי הוא הוא אחד מיחידי סגולה שאנחנו מבקשים... ובד׳ בטחנו שיערה עליו רוח ממרום למלא משאלתנו ולא ישיב את פנינו ריקם, כי למי חמדת ישראל ומשושו בעירנו זאת אם לא לגבר מורם מעם כמוהו!...".

די בריוו שרייבערס באַטאָנען, פאַרוואָס זיי ווילן הרב ליבשיץ פאַר ניו־יאָרקער רב הכולל, ווייל זיי זוכן ניט נאָר אַ גאון בתורה, נאָר אויך „משכיל.... ובעל מדות נמוסות, נוח למקום ונוח לבריות, ופיו ממלל רברבין בשפה ברורה ונעימה באחת השפות המתהלכות בתבל, כמו שפת אשכנזית".[51]

50. „דאָס לעבען און שאַפען פון חפץ־חיים", הרב משה מאיר ישר, ניו־יאָרק, 1947, ז׳ 883.
51. די ציטאַטעס זיינען פון י. ד. אייזנשטיינס „אוצר זכרונותי", ניו יורק, 1929, ז׳ 258 א"וו.

פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן ניו־יאָרקער רבנות איז אָבער גאָרנישט אַרויס. הרב ליבשיץ איז נאָך געבליבן רב אין סואוואַלק ביז 1893, ווען ער האָט איבערגענומען דעם כסא הרבנות אין דער גרויסער חשוב׳ער קהילה פון לובלין. דאָרטן איז ער נפטר געוואָרן אין 1910.[52]

ר׳ הלל ליבשיץ האָט געשטיצט די באַוועגונג פון „חיבת ציון". אין „המליץ" פון 1890 (נר׳ 51) איז אָפּגעדרוקט זיינס אַ בריוו, אין וועלכן ער קלערט אויף, אַז ישוב ארץ־ישראל איז אַ גרויסע מצווה און אַז מען דאַרף העלפן די אַלע יעניקע, וועלכע פאַרנעמען זיך איצט מיט בנין הארץ. אין באַוואוסטן חובב־ציוניסטישן „שיבת ציון" פון אברהם יעקב סלוצקי[53] איז דאָ אַ הסכמה בריוו פון ר׳ הלל׳ן וועגן ישוב ארץ־ישראל.

ר׳ הלל איז דער מחבר פון ספר „בית הלל" (וואַרשא, 1887). אין זיין פּאָטערס ספר „מעין חיים" (ווילנא, תר"ן) איז דאָ אַ דרוש פון ר׳ הלל׳ן. אין זיין זונס ספר „המדרש והמעשה" געפינען זיך זיינע הערות אונטערן טיטל „ברכת הורים". זיינס אַ „הדרן" אויף משניות איז געבראַכט אין „חדושי יחיאל" פון זיין ברודער יחיאל אידל ליבשיץ (ווילנא, תרצ"ב). מערערע דרושים פון ר׳ הלל ליבשיץ געפינען זיך אין „פרח לבנון", אַרויסגעגעבן דורך אליעזר ליפא ווייסבלום (ורשה, תרפ"ח). עטלעכע שאלות־ותשובות זיינע ווערן געבראַכט אין „שערי תודה" פון מרדכי עפשטיין (ווילנא, תר"ע) און זיינע חדושי תורה אין „קהלת משה" פון יצחק ב"ר ניסן [רייטבארד], (ווילנא, תר"ס, זז׳ 56, 148).

ר׳ הלל האָט געהאַט דריי זין: יחזקאל, יעקב, אליעזר. ר׳ יעקב איז געווען רב אין סאַלטין, קורלאַנד. ר׳ יחזקאל איז געווען רב אין יורבורג, בויסק, פּלאָצק און קאַליש, מחבר פון באַוואוסטן חיבור „המדרש והמעשה", ר׳ הלל׳ס פּאָטער, הרב הגאון ר׳ דובער זאב, איז געווען רב אין סרעדניק און שטאַמט פון אַ משפחה גאונים וגדולים בישראל.[54]

הרב הגאון ר׳ הלל ליבשיץ איז אַן עכטער המשך אין דער קייט פון סואוואַלקער רבנים, וועלכע זיינען געווען גאונים און דאָך ניט ווייט פון מילי דעלמא. ער האָט אפילו איבערגעזעצט פון דייטש אויף העברעאיש די היסטאָרישע דערציילונג „זיס אפפנהיים" פון ד"ר מ. לעהמאַן (מאַינץ, תרל"ג) און אַנדערע. אויף די איבערזעצונגען האָט ער זיך גע׳חתמ׳עט האל"ה מפלונגיאַן.[55] ר׳ הלל איז געווען אַ יוגנטפריינד פון באַוואוסטן ראַסיינער משכיל „השר העדלמי", וואָס לכבוד אים האָט ער אפילו געשריבן אַ „שיר תהלה".[56]

ר׳ הלל׳ס הסכמות זיינען פאַראַן אין:

52. „לובלין", נ. שמן, טאָראָנטאָ, 1951, זז׳ 89—91.
53. וואַרשא, תרנ"ב, חלק ב׳, ז׳ 26.
54. „לקורות היהודים בלובלין", שלמה ברוך ניסענבוים, לובלין, תר"ס, ז׳ 128; „אהלי שם", ז׳ 165.
55. זע אויך „אוצר בדויי השם" פון חיות, ז׳ 106. „קהלת משה" רופט אים „הרב הנודע בהעתקותיו".
56. „חכם ושר", מ. י. עדעלמאַן, וואַרשא, תרנ"ו.

1) „בית אליקום“, אליקום געציל מאיר, ווארשא, תרמ״ו.

2) „ידות נדרים“, יהודה ראזענבערג, ווארשא, תרמ״ח.

3) „קהלת“, דובער זאב וואלף ליבשיטץ, ווארשא, תרמ״ד (אין פאָרעם פון בריוו).

4) „קרן יהושע“, חלק ב׳, יהושע עפשטיין, פיעט־רקוב, תרס״ו.

5) „שירי מוסר השכל לרב האי גאון“, משה יחזקאל פאגעל, ווארשא, תרנ״ה.

## הרב הגאון ר׳ דוד־טעבלי קאַצענעלנבויגן

נאָך דעם ווי ר׳ הלל ליבשיץ האָט פאַרלאָזן סואַוואַלק, האָט זיך דאָרטן ווידער צעפלאַקערט אַ גרויסע מחלוקת וועגן אַ נייעם רב, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַן אנדערהאַלבן יאָר. סוף 1894 איז סואוואַלקער כסא־הרבנות באַזעצט געוואָרן דורך הרב הגאון ר׳ דוד־טעבלי קאצענעלנבויגן.

ר׳ דוד־טעבלי שטאַמט פון דער באַרימטער רבנים־משפחה קאַצענעלנבויגן,[57] וואָס יחוס׳ט זיך ביזן מהר״ל פון פראג. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1850 אין טאווריק צו זיין פאָטער הרב ר׳ נפתלי־הירץ. אין 1871[58] איז ר׳ דוד־טעבלי געוואָרן רב אין ווירבאַלן (ווערזשבעלאווע), וואו ער איז געווען אַרום 23 יאָר. פון ווירבאלן איז ער דעלעגירט געוואָרן צו דער קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון אין ווילנע, שפּטער אויסגעקליבן געוואָרן אויך אין דער הנהלה.[59]

די מוטער פון ר׳ דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן, כיענע, איז די טאָכטער פון הרב ר׳ יהודה אבעלסאָן, בעל ׳זכרון יהודה״. זיין ברודער ר׳ משה איז געווען רב אין קאמענעץ דליטא, דער צווייטער ברודער ר׳ צבי שמעון — רב אין שיקאַגע.[60]

ר׳ דוד טעבלי איז געווען פאַררעכנט אין דער וועלט ווי איינער פון די באַוואוסטע גאונים אין זיין צייט. ער איז געווען אויך אַן אויסגעצייכנטער קענער פון רוסיש און ווען ס׳איז נייטיק געווען צו האַלטן אַ רעדע אין דער מלוכה־שפּראַך אָדער סתם אַ שתדלנות, האָט ער ניט געדאַרפט אנקומען צום קאזיאָנעם ראַבינער אין סואוואַלק זעליגמאַן. פּראָפ׳ יצחק מארקון דערציילט, אַז ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט ר׳ דוד־טעבלין אין זיין יוגנט גע׳עצה׳ט צו לערנען רוסיש, ווייל ער האָט פאָרויס־

57. דער אויסלייג פון נאָמען האָט פיל וואַריאַציעס.
58. „דזשואיש ענציקלאפעדיא“. לויט „דורות האחרונים“ פון אייזענשטאדטן — 1876.
59. „תולדות חבת ציון“, ש. ל. ציטרון, אודיסה, תרע״ד.
60. „מי נפתוח“, פטרבורג, תרפ״ד, הקדמה. דאָרטן איז אויך דאָ דער גאַנצער יחוס פון ר׳ ד״ט.

געזאָגט, אַז יענער וועט זיין אַ רב אין אַ גרויסער קהילה.

גלייך אין די ערשטע חדשים פון זיין רבנות אין סואוואַלק האָט ר׳ דוד־טעבלי דדורכגעפירט אַ גרויסן יום־טוב לכבוד דעם ראטעווען זיך פון דער קיניגלעכער משפחה פון אַן אַטענטאַט דעם 17טן אָקטאָבער 1888.



הגאון ר׳ דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן

די הויפט־אָנטיילנעמערס זיינען געווען די יידישע סאָלדאַטן פון 6טן דראַגונער־פּולק, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין סואוואַלק. די יידישע סאָלדאַטן האָבן מיטן אַלגעמיינעם אָרקעסטער פון פּולק אריינגעמאַרשירט אין בית־הכנסת, וואו ר׳ דוד־טעבלי און קאזיאָנער ראַבינער זעליגמאן האָבן געהאַלטן רעדעס. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט דעם מלוכה־הימן. דער כאָר פון ר׳ יהודה־לייב חסיד האָט געזונגען.[61–62]

ר׳ דוד־טעבלי קאצענעלבויגן איז ניט געווען קיין גרויסער מאמין אין דער תורה פון ציוניזם, כאָטש ער איז אויך ניט געווען אין דער מחנה פון אירע שאַרפע באַקעמפערס. אין 1899 איז אין סואוואַלק פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַלע ציוניסטישע אָפּטיילן אין די אַרומיקע שטעטלעך. ווי דער הרב דמתא איז ר׳ דוד־טעבלי פאַרבעטן געוואָרן צו דער קאָנפערענץ און ער האָט די איינלאַדונג אנגענומען. אויפן באַנקעט איז אָבער געקומען צו ניט קיין אנגענעמען צווישנפאַל. ווי עס

61־62. „המליץ“, 1894, נר׳ 233.

דערציילט אין זיינע זכרונות דער באַוואוסטער ציוניס־טישער מטיף און מזרחי־פירער יצחק ניסנבוים, איז צווישן די פאַרשיידענע רעדנערס אויפן באַנקעט געווען אויך הרב זלמן השכל(?), אַ דעלעגאַט פון מאַריאַמפּאָל. ער איז געווען אַ פלאַמיקער ציוניסט און אין זיין דרשה האָט ער געבראַכט א גמרא־ווערטל, וואָס אין זיין אויסטייטש איז עס געווען אַ בייסיקער שטאָך פאַר די רבנים, וואָס זיינען קעגן ציוניזם. ר׳ דוד־טעבלי האָט זיך זייער אויפגערעגט און עס האָט אים שטאַרק פאַר־דראָסן פאַרן מבייש זיין רבנים און באַליידיקן דעם כבוד התורה, און האָט זיך אויך שפּעטער ניט געלאָזן איבער־בעטן. ר׳ דוד־טעבלי איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן קאַלט צום ציוניזם.[63]

הרב קאצענעלנבויגן איז געווען פאָרזיצער פון אספּת הרבנים אין ווילנא, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַזעלכע גאונים ווי ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק, דער חפץ חיים און ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי.[64]

ר׳ דוד־טעבלי קאצענעלנבויגן איז געווען אַ פּער־זענלעכקייט פון אזא פאָרמאַט, וואָס איז געווען געוואקסן צו זיין דער גייסטיקער מנהיג פון א פיל גרעסערער קהילה, ווי סואוואַלק. איז ער טאַקע אין 1907 איינ־געלאַדן געוואָרן אויפן כסא־הרבנות פון דער צענ־טראַלסטער יידישער קהילה אין דעמאָלטדיקן רוסלאַנד — פּעטערבורג, וואו ער איז געוואָרן רב־הכולל. ר׳ דוד־טעבלי האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר פּעטערבורגער קהילה, ער האָט קאָלאָסאַל אויפגעטאָן פאַר יידן בכלל אין צייט פון ערשטן וועלטקריג — אָבער דאָס געהערט ניט אין די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט.

איין זאַך זאָל דאָ יאָ דערציילט ווערן, ווייל עס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט סואוואַלק. אין 1908 האָט דער סיים אין פינלאַנד אָנגענומען אַ געזעץ וועגן שחיטה־פאַרבאָט. ר׳ דוד־טעבלי איז עטלעכע מאָל געקומען קיין העלסינגפאָרס, וואו ער האָט מיט הצלחה אינטערווענירט וועגן ענין ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר[1] בעקמאַן. פּלוצים איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער גענעראַל־גובערנאַטאָר — און די געפאַר פון פאַרבאָטן שחיטה אין פינלאַנד איז ווידער געוואָרן זייער אַקטועל. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָט מען אויסגעפונען אין פּעטערבורג אַ מענטשן, וואָס האָט זיך גוט געקענט מיטן נייעם פינישן גענעראַל־גובערנאַטאָר — דאָס איז געווען אַ גענעראַל מיטן נאָמען גולקאָווסקי, וועלכער איז פריער געווען דיוויזיע־אָפיציער

63. „עלי חלדי״, י. ניסנבוים, ורשה, תרפ״ט, ז׳ 150. — זלמן עפּשטיין שרייבט אָבער אין „ההד״ (ירושלים, תרצ״א, חוברת ו׳), אַז ר׳ דוד טעבלי „היה מתיחס בחיוב גמור לישוב א״י ולציוניות כחלק מן היהדות״. — ביי דער געלעגנהייט זאָל שוין דאָ דערמאָנט ווערן, אַז דער זעלביקער ניסנבוים האָט צום פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס באקומען זיי׳ מאַנדאַט פון זעקס ציוניסטישע אגודות אין סואוואַלקער גו׳ ע׳רניע: מאַריאַמפּאָל, ווילקאָווישק, ווערזשבאָלאָווע, קיבאַרט, ווי אָדיסלאַוואָווע, שאַקי.

64. „דאָס לעבען און שאַפען פון חפץ־חיים״, חלק א׳, ז׳ 289.

אין סואוואַלק און האָט זיך געקענט מיט הרב קאַצע־נעלנבויגן. גולקאָווסקי האָט געגעבן ר׳ דוד־טעבלין אַ המלצה־בריוו צום נייעם גובערנאַטאָר און דאָס האָט גע־האָלפן, אַז מיט דער צייט איז בטל געוואָרען דער אַנטי־שחיטה געזעץ אין פינלאַנד.

ר׳ דוד־טעבלי איז נפטר געוואָרן אין לענינגראַד (פּעטערבורג) אין 1930 — נאָך 13 יאָר לעבן אונטער דער ממשלה פון די באָלשעוויקעס.

ר׳ דוד־טעבלי איז דער מחבר פון די ספרים:

1) „דברי דוד״, לענינגראד, תרפ״ח.

2) „גם אלה דברי דוד״, לענינגראד, בדפוס איטצ־קובסקי בברלין, תרפ״ח.

3) „מי נפתוח״, פּטרבורג, תרפ״ד.

די ערשטע צוויי ספרים זיינען אויף דרוש און דער „מי נפתוח״ איז חידושים אויף דער מסכתא יבמות.

ר׳ דוד־טעבלי איז ניט געווען קיין גרויסער הסכמות־געבער אויף ספרים, ווי ער אליין זאָגט עס וועגן זיך. מיר האָבן געפונען זיינע הסכמות אויף:

1) „אבן לב״, יהודה־ליב יפה, ווילנא, 1900.

2) „אגדות תלמוד בבלי״, עם פירוש „פרשת מרדכי״, א. מ. אלטשולער, ווארשא, תרנ״ו.

3) „באר מים״, דוב אהרון ב״ר משה יוסף, פּיעטר־קוב, תרס״ט.

4) „שמירת שבת״, י. האסיל, פּעטערבורג, 1909.

אין „שערי תודה״, חלק ב׳, פון מרדכי עפּשטיין (ווילנע, תרצ״ד) [illegible] ר׳ ד״ט קאצענעלנבויגן.

אין דער קראָטאשין־אויסגאַבע פון תלמוד ירושלמי געפינען זיך הערות פון ר׳ דוד־טעבלין.

## הרב הגאון ר׳ משה בצלאל לוריא[65]

נאָך ר׳ דוד־טעבלי קאצענעלנבויגן האָט דעם כסא־הרבנות אין סואוואַלק פאַרנומען ר׳ משה־בצלאל לוריא. ער איז אַ מחבר פון פיל ספרים. פאַר סואוואַלק איז ר׳ משה־בצלאל געווען לאַנגע יאָרן רב אין שכנות׳דיקן סייני. ער איז נפטר געוואָרן אין סואוואַלק אין 1914.[66]

## הרב הגאון ר׳ אהרן באקשט

נאָך ר׳ משה־בצלאל׳ס פּטירה האָט סואוואַלק גענומען פאַר אַ מרא דאַתרא דעם גאון און באַוואוסטן פאָרשער ר׳ חיים העלער. ס׳איז שוין געווען געשריבן און גע׳־חתמ׳עט דער כתב־רבנות. אין צווישן איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, ר׳ חיים העלער איז מגולגל געוואָרן אין טיף־רוסלאַנד, פיל סואוואַלקער יידן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן פון זייער היימשטאָט, און סואוואַלק איז פאַרבליבן אָן אַ רב גאַנצע זיבן יאָר. אין אָט דער צייט זיינען געווען טעטיק אין שטאָט די לאַנגיאָריקע

*64. „מצודה״, תש״ה, ספר ג—ד, ע׳ 341.

65. מיר מאַכן דאָ אַן אויסנאַם און פאַרענדיקן די רשימה פון רבנים אין סואוואַלק ביזן חורבן.

66. אויספירלעכער וועגן אים אין קאַפּיטל וועגן סייניער רבנים.

אונזער לעזער ג. מאריאנסקי פון סובאלק האט אונז איבערגעשיקט די געבראכטע היסטארישע פאטאגראפיע, ווי סובאלקער אידן האבן אין יאר 1905 באגעגנט דעם רוסישן צאר ניקאלאי און אים איבערגעגעבן א ספר-תורה, וועלכע איז איצט איבערגעשיקט געווארן קיין ארץ-ישראל (ז. „אידישע בילדער" נומער 7). אויפן בילד איז צו זען די דעלעגאציע פון סובאלקער אידן (פון רעכטס): באנקיר גליקשטיין, באנקיר בוראק, דאזער ראזענטאל, באנקיר שיינמאן. דאזער פארוצקי, הרב קאצע־נעלנבויגן (שפעטער רב אין פעטערבורג) „קאוויאנער ראבינער" וועלינגאן, אין צענטער — צאר ניקאלאי 2.

**לפני 32 שנים...** יהודי סובלק מוסרים ספר • תורה להצר הרוסי נקולי השני בעת בקרו את העיר. (ראה „אידישע בילדער" 7). הצלום נמסר ע"י ג. מרינסקי, סובלק.

**Vor 32 Jahren...** Eine Abordnung der jüdischen Gemeinde in Suwalki überreicht im Jahre 1905 dem ehem. russischen Zaren Nikolai II eine Thorarolle. (Siehe »Jüdische Bilder« № 7). Eingesandt von G. Marianski, Suwalki.



באזוך פון צאר ניקאליי אין 1905 אין סואוואלק

סואוואַלקער מורי־הוראה ר׳ בנימין מגנצא און ר׳ משה אלטמאַן.

ערשט אין 1921 איז דער כסא־הרבנות אין סואוואַלק באַזעצט געוואָרן דורך הרב הגאון ר׳ אהרן באַקשט, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין 1867 אין איוויע און וועלכער איז שוין אין זיין יוגנט געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „איוויער עילוי״. ר׳ אהרן איז געווען אַן אָנהענגער פון דער מוסר־שיטה אין קעלם און שפּעטער פון די גרויסע משפּיעים׳דיקע בעלי־המוסר. דער חפץ־חיים האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים.

די ערשטע רבנות־שטעלע פון ר׳ אהרן באַקשט איז געווען בייסעגאָלע, אין 1897, שפּעטער אין שאַדעווע. צוליב דעם יידן־גירוש פון שאַדעווע אין 1915 איז ר׳ אהרן אַוועק אין די ווייטע גובערניעס פון רוסלאַנד. אַ קורצע צייט איז ער געווען רב אין טולע, צאַריצין און פּאָלטאַווע, נאָך ר׳ עקיבא ראַבינאָוויץ, דעם בעל „הפּלס״.

די רבנות פון ר׳ אהרן באַקשט אין סואוואַלק האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך 4 יאָר. אין אָט דער קורצער צייט האָט ער באַוויזן צו שאַפן אַ מין „קיבוץ״ פאַר גאָר פעאיקע לערנערס, בחורים און יונגעלייט. צווישן זיי איז כדאַי צו דערמאָנען: הרב הגאון ר׳ יעקב ניימאַן, שפּעטער ראש־ישיבה אין סואוואַלק און לידע, איצט ר״מ אין ישיבת „אור תורה״ אין פּתח־תקוה; הרב הגאון ר׳ נחמן לאַנדינסקי, שפּעטער ר״מ אין ישיבת גייטסעד (ענגלאַנד), איצט רב אין ניו־יאָרק; הרב הגאון ר׳ דוב סאָקאָלאָווסקי, פון סאָפּאָטקין, איידעם פון מירער רב הגאון ר׳ אברהם צבי קאַמיי, איצט ר״מ אין דער ישיבה „מאור התורה״ אין ירושלים; הרה״ג ר׳ יהודה יעקב צימערמאַן הי״ד, שפּעטער ר״מ אין סואוואַלקער ישיבה; הרה״ג ר׳ מאיר פּעטשינער הי״ד, דערנאָך ר״מ אין סואוואַלק און גראָדנע און רב און אָרלאָווע; הרה״ג ר׳ משה לייב פּאַפּע, שפּעטער רב ערגעץ אין פּוילן; הרה״ג ר׳ יצחק עדלשטיין, איצט אין ירושלים, איידעם פון אויגוסטאָווער דיין ר׳ עזריאל זעליק קושילעווסקי הי״ד; הרה״ג ר׳ אהרן קאַלטמאַן הי״ד, שפּעטער ר״מ אין סואוואַלקער ישיבה.

אין 1925 איז ר׳ אהרן געוואָרן רב אין לאָמזשע און 1930 — אין שאַוול, וואו ער איז אין 1941 אומגעקומען מיט זיין קהילה על קידוש השם.[67]

ר׳ אהרן באַקשט איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גדולי הדור. ער איז פון די גרינדערס פון „אגודת ישראל״ און „מועצת גדולי התורה״.

## הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש

אין יאָר תרפ״ו איז געוואָרן רב אין סואוואַלק הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש, געבאָרן אין יאָר 1879 אין שטעטל לובטש, לעבן נאָווארעדאָק, צו זיין פאָטער ר׳ ישראל אריה און מוטער צפּורה־לאה, וועלכע האָט געשטאַמט פון באַוואוסטן מקובל און גאון ר׳ חיים פון סעליב און זעלווע.

67. „תולדות אנשי שם״, חלק א׳, העורך: א. ראנד, ניו־יורק, תש״י; „אלה אזכרה״, ניו־יורק, תשט״ז.

שוין קינדערווייז האָט ר׳ יוסף אַרויסגעוויזן גרויסע עילוי׳אישע כשרונות, באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון און שאַרפן מוח, ווי אויך מיט זיין איבערנאַטירלעכער התמדה. ער האָט געלערנט פיל יאָרן אין סלאָבאָדקער ישיבה, וואו ער איז באַרימט געוואָרן ווי דער „לובטשער עילוי״.



הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש

אין תרס״ד האָט ער חתונה געהאַט מיט שרה־רבקה, דער טאָכטער פון הרב הגאון הצדיק ר׳ חיים אברהם ש״ס, רב פון זאַסלע, ליטע, וואָס שטאַמט פון דער משפּחה פון הגאון ר׳ שלמה זלמן, ראב״ד אין ווילנא אין די צייטן פון ווילנער גאון. אין תרס״ז איז הרב יאָסעלעוויטש געוואָרן רב אין שטעטל אבעל. ער איז דאָרטן געזעסן יומם ולילה און געלערנט און איז געווען אַ גרויסער מקורב פון די שכנות׳דיקע דווינסקער וועלט־גאונים ר׳ מאיר־שמחה הכהן און דעם ראָגאַטשאָווער עילוי ר׳ יוסף ראָזין, וועלכע האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן און אים מכבד געווען.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון ר׳ מאיר־שמחה דווינסקער, האָט אים אין תרע״ב גענומען פאַר אַ רב טרעסטינע, דאָס באַוואוסטע שטעטל מיט זיינע לומדים און בעלי־בתים. דאָרטן האָט ער דורכגעמאַכט די שווערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. בעת אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין 1914 אַנטלאָפן פון שטעטל, האָט הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש ניט פאַרלאָזן זיין איבערגעבליבענע עדה. ער האָט דעמאָלט געראַטעוועט פיל יידישע לעבנס פון די הענט פון די קאָזאַקן און דורך דעם ניט איין מאָל איינגעשטעלט

זיין אייגן לעבן אין געפאַר. ס׳איז געווען אַ מסירות־נפש׳דיקע אַרבעט, וואָס זיין קהילה האָט עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן. גלייכצייטיק האָט ער אָבער אָנגעהאַלטן זיין געוואַלדיקע התמדה, לערנענדיק גאַנצענע נעכט. עס איז דאַן ניט געווען קיין קעראָסין, פלעגן פרויען פון שטעטל, וויסנדיק דעם רב׳ס התמדה, ברענגען אים ליכטלעך צום לערנען. אָט אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסן טייל פון זיין חיבור אויף ש״ס.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט ער אָרגאַניזירט אַ גרויסע הילפס־אַקציע דורך די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט לטובת די געדריקטע יידן אין שטעטל, געשטאַנען בראש פון קאָמיטעט און געזען, אַז די הילף זאָל פאַרטיילט ווערן יושר׳דיק און ערלעך. די אַמעריקאַנער טוערס און לאַנדסלייט האָבן אָפּגעשאַצט די גרויסקייט פון טרעסטינער רב און זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין קהילה און האָבן אים פאָרגעלייגט אַ וויכטיקע רבנות־שטעלע אין אַמעריקע. הרב יאָסעלעוויטש האָט אָבער ניט געוואָלט אין די שווערע יאָרן פאַרלאָזן זיין עדה.

אין תרפ״ב איז הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש אויפגענומען געוואָרן ווי אַ רב אין סעמיאַטיטש. דאָרטן האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיטן אריינברענגען אָרדענונג אין די שטאָטישע יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען דורך די מלחמה־יאָרן געוואָרן שטאַרק אָפּגעלאָזן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די שחיטה און כשרות־ענינים אויף דער געהעריקער הייך, אָרגאַניזירט די תלמוד־תורה, געבויט אַ מרחץ און מקוואות און אָנגעפירט מיט אַלע קהל׳שע זאַכן. אַ דאַנק דעם איז ער געווען באַליבט און געאַכט ביי אַלעמען אין שטאָט.

אָבער לאַנג איז הרב יאָסעלעוויטש דאָרטן ניט פאַרבליבן. דער נאָמען פון סעמיאַטיטשער רב איז מפורסם געוואָרן, און זומער תרפ״ו איז אָנגעקומען קיין סעמיאַטיטש אַ חשוב׳ע דעלעגאַציע פון דער סאָוואַלקער קהילה און אים פאָרגעלייגט די רבנות אין שטאָט. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון די אנערקענטע תלמידי חכמים און קהילה פאָרשטייערס: ר׳ נפתלי פרידלענדער, ר׳ אברהם שמואל ליזשעווסקי (ביידע אומגעקומען על קידוש השם) און ר׳ שלמה גוטמאַן (דער לעצטער האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך איצט אין תל־אביב).

אויף די סאָוואַלקער פאָרשטייערס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער תנאי פון סעמיאַטיטשער רב: ער פאָרט ניט קיין סאָוואַלק צו האַלטן דרשות אויף פראָבע (ווי דאָס האָבן דעמאָלט געטאָן פיל רבנים), נאָר דער כתב רבנות זאָל אים צוגעשיקט ווערן אין סעמיאַטיטש. די סאָוואַלקער פאָרשטייערס האָבן זיבן שעה פאַרבראַכט מיטן רב אין דברי תורה און אויף אַן אָרט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם באַדינג פון הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש.

אויפן כתב רבנות געפינען זיך די חתימות פון אַלע מיטגלידער פון סאָוואַלקער ועד הקהל: יושב ראש — ד״ר ל. וויכמאַן, סגן — חיים מענדל פרידמאַן, חברים: הרב יואל דוד מאָזעסאָן (איצט רב אין קאַלוואַריער שול אין ניו־יאָרק), ד״ר נפתלי סטאַראָפּאָלסקי, נפתלי פרידלענדער, אברהם שמואל ליזשעווסקי, חיים רייבמאַן, אלחנן סוכאָוואָלסקי, שלמה גוטמאַן, מאיר יצחק בראַמבערג, אלקנה גלאַדשטיין, יצחק שערמאַן, חיים סמעצעכאָווסקי, יעקב איילענדער, יצחק יאַגעל, שלמה האַלענדערסקי, משה איסר רובינטשיק, אהרן וואָראַבייטשיק, יוסף מינסטער, שוכמאַן, יעקב אריה עפּלבוים. צום סוף קומט די חתימה פון קהילה סעקרעטאַר — נחום סלאָוואַטיצקי.

במשך פון זיינע רבנות־יאָרן אין סאָוואַלק האָט הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש פיל אויפגעטאָן פאַר די פאַרשיידענע מוסדות אין שטאָט און גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער האָט איינגעאָרדנט אַ מאכל כשר פאַר די יידישע זעלנערס אין סאָוואַלקער גאַרניזאָן, געפירט פאַרשיידענע געלט־אַקציעס לטובת געדריקטע שיכטן, ווי: הכנסת כלה, מעות חטים, לינת הצדק, האָלץ פאַר אָרעמעלייט או״וו. ביחוד האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם גרויסן שטאָטישן חינוך־מוסד תלמוד־תורה והישיבה „אהל יצחק“, פאַר וועלכן ער האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן, סיי גייסטיק סיי מאַטעריעל, און אַוועקגעשטעלט אים אויף אַ הייכער מדרגה.

הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש איז געווען אַן אָנערקענטער גאון, צו וועמען ס׳פלעגן זיך ווענדן פיל רבנים מיט שאלות ותשובות. ער פלעגט זאָגן יעדן שבת אין בית־המדרש הגדול און ביי זיך אין הויז נאָך שלש סעודות טיפע שעורים אין הלכה פאַר די חשוב׳סטע לומדים פון דער שטאָטישער חברה ש״ס. אין יאָר תר״ץ איז פאָרגעקומען ביי דער חברה ש״ס אַ סיום הגדול אויף גאַנץ ש״ס. לכבוד דעם איז געפּראַוועט געוואָרן אַ גרויסע שטאָטישע שמחה מיט אַ סעודה און גרויס פּאַראַד. ביי דעם סיום האָט דער רב אָנגעהויבן זאָגן אַ שאַרפן און טיפן „הדרן“, וועלכן ער האָט ממשיך געווען אַ גאַנצע וואָך. דאָס האָט אַרויסגערופן פיל באַוואונדערונג און באַגייסטערונג.

זיינע חידושי תורה געפינען זיך אין פאַרשיידענע תורה־זשורנאַלן: יגדיל־תורה (סלוצק), שערי ציון (ירושלים), כנסת (ווילנא) און אַנדערע. זיינע כתבי־יד, חידושים אויף ש״ס בבלי וירושלמי, זיינען בשעת דעם חורבן אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך זיין איידעם הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ, און וועלן אין גיכן דערשיינען אין דרוק.

הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש איז געווען איינער פון די פירנדיקע רבנישע פערזענלעכקייטן אין פוילן, אַ גרויסער דרשן און רעדנער, וועלכער פלעגט באַצויבערן דעם עולם מיט זיינע טיפע געדאַנקען און שאַרפע רעדעס. ווי אַ מיטגליד פון וועד הפועל פון אגודת הרבנים אין פוילן, פלעגט ער זיין אַן אָפטער אָנטיילנעמער פון רבנים־קאָנפערענצן אין וואַרשע, ווילנע און פון די הויפט־וואָרטזאָגערס. אויף איינער פון אַזעלכע קאָנפערענצן אין וואַרשע האָט ער איין מאָל געפאָדערט, אַז יידישע פאַבריקאַנטן אין פוילן זאָלן באַשעפטיקן מער יידישע אַרבעטערס.

הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש האָט אַלע זיינע יאָרן זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איבערגעגעבענער חיבת ציון

ואהבת ישראל. ער האָט אַ סך געטאָן פאַר די ישיבות, פאַר חיזוק היהדות אין שטאָט און איבערן לאַנד און פאַר עניני ארץ ישראל. אין אַלע זיינע רבנות־שטעט האָט ער געטראָגן שטאָלץ און ווירדיק דעם דגל התורה והדת. מען האָט אים גערופן „איש האמת", ווייל ער האָט קיינעם ניט נושא פנים געווען און ניט גע׳חנפ׳עט, אַלע מאָל זיך איינגעשטעלט און געקעמפט פאַרן אמת, כאָטש פיל מאָל האָט ער צוליב דעם געליטן.

הרב יאָסעלעוויטש איז פלוצלונג נפטר געוואָרן מיטוואָך פאַר טאָג, י"ט שבט תרצ"ה, אין עלטער פון קוים 56 יאָר. די פריצייטיקע און פלוצלונגדיקע פטירה פון גרויסן רב און גאון האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין דער יידישער וועלט, בפרט אין שטאָט און אומגעגנט. אַלע רבנים און ראשי־ישיבות פון די אַרומיקע שטעט און אַ סך פון ווייטערע ערטער זיינען געקומען צו דער לוויה, אין וועלכער עס האָט זיך באַטייליקט גאַנץ


אנחנו אלופי ועד קהל עדתנו ב עיר סובאלק יע"א הסכמנו בד"עה אחת להושיב על כסא הרבנות בעירנו את כבוד הרב הגאון הגדול מעוז ומגדל המפורסם לשם ולתהלה אדמו"ר ר' יוסף בהרב"ר ישראל ארי' יוסלעוויטש שליט"א להיות לנו לרב ולראש לכל בני עדתנו להורות בכל דיני הוראה ולדון לנו בכל דין ומשפט יחד עם המו"ץ שבעדתנו ולהשגיח על הכשרות בבתי המטבחים והמקולין, המקואות והעירובין לפקח על סדרי הלימודים של בתי התלמוד תורה והישיבה, להדריך את העם ליראת שמים ואהבת התורה והמצוה ולהטיף לנו נועם אמריו בשבת הגדול ושבת שובה ובכל עת מוכשרת ונדרשת לכך.

ואנחנו מצדנו מתחייבים לתת לו דירה נאה מאור ועצים ודי מחידתו ופרנסתו הכל לפי כבודו.

והא-ל הטוב יסכים לבחירתנו ויאמר כי טוב, ובימי רבנו ובימינו ישלח לנו ה' בעירנו את הברכה חיים והצלחה ונס יגון ואנחה ויוציאנו מגלותנו לרוחה ונעלה לציון בשמחה עד כי תהי' לה' המלוכה.

ועל זה באנו על החתום א' לסדר נשא את ראש בני ישראל שלשה ימים לירח סיון שנת קרב קץ נחמה אמן, לפ"ק פה סובאלק.

סואוואַלקער כתב־רבנות פון הרב הגאון ר' יוסף יאָסעלעוויטש

שטאָט. צוליב דער געוואַלדיקער ענגשאַפט האָט מען דעם נפטר אַרויסגעטראָגן פון בית־המדרש הגדול אויפן שול־הויף — ניט געקוקט אויפן גרויסן פראָסט — וואו עס זיינען געהאַלטן געוואָרן האַרץ־רייסנדיקע הספדים. גרויסע יללות און בכיות האָבן געשפּאַלטן די לופט אַרום.

אויף אַ ספּעציעלער אסיפה פון אַלע קהילה־פאַר־שטייערס, פאַר דעם רב'ס לוויה, איז דעמאָלט איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן פאַר זיין ממלא מקום זיין איידעם הרב הגאון ר' דוד ליפשיץ.

צום יאָרצייט האָט די שטאָט געשטעלט אַן אהל אויף דעם רב'ס קבר, און עס זיינען געהאַלטן געוואָרן רירנדיקע הספדים פון זיין איידעם און פון נאָך געקו־מענע רבנים. דעם רב'ס אהל און מצבה זיינען לאַנג ניט געבליבן שטיין: די זעלביקע מערדערלעכע נאַצישע הענט, וואָס האָבן אויסגעוואָרצלט די לעבעדיקע יידן פון סואוואַלק, האָבן אויך די מצבות פון סואוואַלקער בית־עלמין אויסגעריסן און פאַרניכטעט, צווישן זיי אויך דעם רב'ס אהל. אין יאָר תש"ו, ווען געציילטע סואוואַלקער יידן האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטאָט, איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מצבה אויף זיין קבר.



די ניי־אויפגעשטעלטע מצבה נאָכן חורבן אויפן אָרט פון „אהל" פון הגאון ר' יוסף יוסלביין זצ"ל אב"ד דק"ק סובאלק

דאָס איז דער נוסח המצבה פון צעשטערטן אַלטן אהל אויפן רב'ס קבר:

נפלה עטרת ראשנו ונטל ממנו פארנו

✡

פ"נ
אדוננו מורנו ורבנו אב"ד דעירנו
הרב הגאון האמתי, שר התורה, נזר ישראל ותפארתו,
ע"ה פ"ה ציס"ע הנודע למשגב כקש"ת
מרן אברהם יוסף בר' ישראל ארי'
יוסלביץ זצוק"ל.
שהיה אב"ד בק"ק אבעל, טרעסטינע, סעמיאטיטש,
ומשנת תרפ"ו פה בק"ק סובאלק.
בעל המחבר ספר „חקר התלמוד" על הש"ס
ונושאי כליו, ועוד חדושים יקרים בכתב יד.
לו דומיה תהלה.
נתבקש בישיבה של מעלה ועלתה רוחו בגנזי מרומים
בשנת החמשים ושש לימי חייו, ביום ד'
י"ט שבט שנת תרצ"ה לפ"ק
זכותו יגן עלינו
ותנצב"ה

די רבי'צין שרה־רבקה יאסעלעוויטש איז געווען באַרימט מיט איר חכמה און געלערנטקייט, איז געווען קלאָר אין תנ"ך און געוואוסט פיל מאמרי חז"ל, געווען זייער איבערגעגעבן פאַר ארץ ישראל און זיך אויסגע־צייכנט מיט איר נאָבעלן כאַראַקטער, באַרעמהאַרציקייט און מעשים טובים. נאָך פאַרשיידענע שווערע וואַנדער־וועגן איז זי אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער נאַצישער שחיטה אין שטעטל סימעלישאָק, ליטע, דעם ערשטן טאָג סוכות, תש"ב, ה' ינקום דמה.

זיי האָבן איבערגעלאָזט אַן איינציקע טאָכטער, הרבנית צפורה־חוה, פרוי פון הרב ר' דוד ליפשיץ, און צוויי זין: אליהו דוד און עובדיה יאסעלעוויטש (לעצטנס געביטן זייער פאַמיליע־נאָמען אויף פורת נאָכן פאָטערס נאָמען הרב ר' יוסף „בן פורת־יוסף"). זייענדיק נאָך פון דער יוגנט איבערגעגעבענע טוערס פאַר ארץ ישראל, זיינען זיי אין יאָר תרפ"ט עולה געווען אַהין, וואו זיי פאַרנעמען וויכטיקע און פירנדיקע פּאָזיציעס אין ישוב.

### דער לעצטער סואוואַלקער רב

## הרב הגאון ר' דוד ליפשיץ

דער רב, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם יסורים־וועג פון סואוואַלקער קהילה אין דער לעצטער מלחמה, איז הרב הגאון ר' דוד ליפשיץ, געבאָרן אין מינסק. זיין פאָטער הרב ר' יעקב־אריה, הי"ד, איז דער זון פון הגאון ר' שלמה זלמן ליפשיץ זצ"ל פון גראָדנע, מחבר פון באַ־רימטן ספר אויף סדר קדשים „עולת־שלמה". זיין מוטער איטל, הי"ד, איז די טאָכטער פון הרבני המופלג ר' יהודה־ליב באַרשטש, פון די חשוב'סטע בעלי־בתים אין מינסק.

אין זיין יוגנט האָט הרב ליפשיץ געלערנט אין

מינסקער ישיבה. אין תרע״ט איז זיין פאַמיליע אַריבער קיין גראָדנע. דאָרטן האָט הרב ליפשיץ געלערנט אין דער ישיבה „שער־התורה״ ביי דעם באַוואוסטן גאון ר׳ שמעון שקאָפּ זצ״ל. פון תרפ״ו ביז תרצ״ג האָט ער געלערנט אין דער וועלט־באַרימטער מירער ישיבה. אין די ישיבות האָט ער זיך קונה שם געווען און איז שוין דאַן באַקאַנט געווען ווי אַ זעלטענער חריף ובקי. אין תרצ״ג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון הגאון ר׳ יוסף יאָסעלע־וויטש, צפורה חוה, און נאָך זיין שווערס פטירה, י״ט שבט תרצ״ה, איז ער געוואָרן אויסגעקליבן צו פאַרנעמען זיין כסא הרבנות אין סואַוואַלק.



הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ שליט״א

אין די יאָרן פון זיין רבנות האָט הרב ליפשיץ געפירט די אַלע שטאָט־ענינים און מוסדות מיט פיל איבערגעגעבנקייט און האַרציקייט, געזאָרגט פאַר אָרעמע־לייט און זיך באַמיט מקרב צו זיין און צו העלפן יעדער נייטיקן. לויט דעם מנהג פון זיין שווער זצ״ל, פלעגט ער שבת זאָגן חידושי־תורה פאַר דער חברה־ש״ס אין בית־המדרש הגדול, וואָס איז געווען באַקאַנט אין שטאָט מיט אירע אָנערקענטע לומדים ווי: ר׳ חיים מענדל פרידמאַן, ר׳ נפתלי פרידלענדער, ר׳ מנחם ווייקסלבוים, ר׳ לייזער גאַרבאַרסקי, ר׳ חיים ליב באכראך, ר׳ שלמה דאבקין, ר׳ חיים רייבמאַן, ר׳ זיידל כווילאווסקי, ר׳ טוביה און ר׳ תנחום קרוציניצקי און אַ ריי אַנדערע. בעיקר האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דעם חינוך פון די הונדערטער קינדער אין דער גרויסער שטאָטישער תלמוד־תורה. גלייכצייטיק האָט ער אויך גע־גרינדעט און אָנגעפירט מיט אַ העכערער ישיבה, וואו עס האָבן געלערנט די בעסערע תלמידים, וועלכע פלעגן ענדיקן די תלמוד־תורה, און אויך צענדליקער יונגע בחורים פון די ארומיקע שטעטלעך. די ישיבה האָט געהאַט צוויי כיתות. די טעגלעכע שיעורים האָט געזאָגט דער ראש־ישיבה הרה״ג ר׳ יעקב סקופסקי, הי״ד, אַ פּיליפּאָווער אײדעם, און שבת פאַר נאַכט פלעגן אַלע בחורים קומען צום רב אין הויז, וואו ער פלעגט פאַר זיי זאָגן אַ שיעור און אָפט מאָל אויך אַ מוסר־שמועס.

אַ באַזונדער קאַפּיטל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם רב׳ס טעטיקייט פאַר פאַרשיידענע הצטרכות׳ן פון די יידישע סאָלדאַטן, וועמעס צאָל ס׳פלעגט אָפט דערגרייכן ביז איבער 500. איין מאָל אַ וואָך פלעגן גרעסערע טיילן פון זיי קומען אין בית המדרש הגדול, וואו זיי פלעגן דאַוונען, און דער רב פלעגט פאַר זיי ריידן מענינא דיומא, אויך לערנען פאַרשיידענע דינים. ביחוד האָט ער זיך פיל עוסק געווען אויפצוהאַלטן אין שטאָט דעם „מאכל־כשר״ פאַר די פרומע אידישע זעל־נערס, וואָס האָט זיי געשיקט אין די קאַזאַרמעס היימישע כשר׳ע מיטאָגן. אין אַ גרויסן שטאָטישן זאַל פלעגן איינגעאָרדנט ווערן פאַר אַ ערך 300־400 סאָלדאַטן פראַכטפולע סדרים, וואָס פלעגן אָנגעפירט ווערן דורכן רב, מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטיי־ערס פון ועד־הקהל און נכבדי העיר. פון דאָרטן פלעגט דער רב ערשט גיין פראַווען דעם סדר ביי זיך אין הויז. כדי איינצואָרדענען די פסח־קיך, פלעגט דער רב גלייך נאָך פורים גרינדן ספּעציעלע קאָמיטעטן פון חשוב׳ע בעלי־בתים, וועלכע פלעגן באַזאָרגן די פינאַנס־מיטלען, און פון יוגנטלעכע פאָרשטייערס פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס פלעגן פאָרן מיט פורן איבער דער שטאָט צו זאַמלען די נייטיקע שפּייז־אַרטיקלען.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן עטלעכע נעמען פון די שטענדיקע איבערגעגעבענע עסקנים פאַר דעם: ר׳ בער־טשיק רובינשטיין, ר׳ אביגדור פאיאנס, ר׳ יצחק קוויאַט, ר׳ אהרן קרוציניצקי, ר׳ יוסף גראיעווער, אליהו בערנ־שטיין, חיים זלמן גראדאווסקי, יוסף מיראווסקי, גוטקאָוו־סקי, משה עברי און נאָך. מצה פלעגן געבן די פאדריאַדן, פלייש— די קצבים און פיש — די פישערס, אַלץ אומ־זיסט. יום־טוב פלעגט אַ ספּעציעלער פרויען־קאָמיטעט אָנטיילנעמען אין קיך און העלפן סערווירן דאָס עסן בכבוד.

ערב דעם לעצטן פסח פון 1939, ווען די פוילישע אַרמיי האָט זיך געפונען אין אַלאַרם־צושטאַנד צוליב אַ דראָענדיקן אנגריף מצד נאַצי־דייטשלאַנד, האָט די סוא־וואַלקער אַרמיימאַכט זיך אָפּגעזאָגט צו באַפרייען די יידישע סאָלדאַטן אויף יום־טוב. דער רב האָט זיך דע־מאָלט איינגעשטעלט, געלאָפן צום גענעראַל, און נאָך גרויס אָנשטרענגונג קוים גע׳פועל׳ט, אַז מ׳זאָל לכל הפחות דערלויבן צו פירן די זעלנערס צוויי מאָל טעגלעך אין שול און פון דאָרטן צו דער קיך צום עסן. דערביי האָט דער רב געמוזט זיך פערזענלעך מתחייב זיין, אַז אַלע סאָלדאַטן וועלן צו דער באַשטימטער צייט זיין צוריק אין די קאַזאַרמעס, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער דער שטאָט.

עס פלעגט זיין אַ מנהג אין שטאָט, אַז געוויסע חברות האָבן געהאַט זייערע באַשטימטע שבתים אין יאָר. דעמאָלט פלעגט קומען אַהין דאַווענען דער רב און דרש׳נען לטובת דער חברה, ווי אויך מחזק זיין די חברים פאַר זייער טעטיקייט. אַזוינע שבתים זיינען געווען: שבת פ׳ וירא — פאַר חברה „הכנסת אורחים״, פ׳ שמיני — חברה „תפארת־בחורים״, פ׳ נשא — „חברה מדרש״,

פ׳ בהעלתך — „חברה חייטים״, שבת נחמו — „חברה ש״ס הגדול״. עס איז געווען אַ מנהג אין בית המדרש הגדול און אין „חברה תורה״, אַז יעדער שבת געהערט די עליה איינס פאַר אחרון צו די חברים פון „חברה ש״ס״.

אין באַשטימטע שבתים פון יאָר פלעגט דער רב רופן מנדב זיין לטובת פאַרשיידענע מוסדות, שטאָטישע און אַלגעמיינע, ווי למשל: שבת פ׳ יתרו — פאַר דעם צענטראַלן „ועד־הישיבות״ אין ווילנע, שבת פ׳ במדבר — פאַר דער שטאָטישער תלמוד־תורה, פ׳ אמור — פאַר לינת הצדק און בקור חולים. אויך אין אַנדערע שבתים פון יאָר פלעגן ווערן דורכגעפירט אין די בתי־מדרשים געלט־ביישטייערונגען לטובת פאַרשיידענע צדקה־ענינים, ווי, למשל: ווינטער — אַ האָלץ־אַקציע פאַר אָרעמעלייט, מאכל כשר פאַר זעלנערס, מעות חטים פאַר פסח, וואו דער רב אַליין פלעגט אויך גיין צוזאַמען מיט בעלי־בתים צו די גבירים פון שטאָט.

די פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון הרב ליפשיץ האָט אים באַליבט געמאַכט אין שטאָט און זיין גייסטיקע השפעה איז געווען גרויס צווישן אַלע שיכטן — בעל־בתים לומדים, פשוט׳ן עולם און דער יוגנט. כאָטש ער איז נאָך דעמאָלט גאַנץ יונג געווען, פלעגט מען קומען צו אים מיט פאַרפלאָנטערטע דין־תורה׳ס אויך פון דער פראָווינץ. הרב ליפשיץ איז אויך געווען טעטיק אין יידישן לעבן פון פוילן אויף די געביטן פון חיזוק היהדות, ארץ ישראל און וועד הישיבות און פלעגט זיך אָפט באַטייליקן אין רבנ׳ישע אסיפות און קאָנפערענצן.

סוף תרצ״ט, אין מיטן חודש אלול, איז פלוצלונג אויסגעבראָכן די מלחמה־מהומה: די נאַציס זיינען אַריין אין סואוואַלק און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע תקופה. וואָס אַ טאָג מער איז דער חורבן געוואָרן אַלץ גרעסער. אַ גרויסער טייל שטאָט איז זיך צעלאָפן אין ווייטערע געגנטן, אָבער דער רב, ווי בשעתו זיין שווער הרב יאָסעלעוויטש אין טרעסטינע, האָט ניט פאַרלאָזן זיין עדה, כאָטש ער האָט געהאַט געלעגנהייטן דערצו, און געבליבן אין סואוואַלק ביזן טאָג, ווען ער האָט נאָך געקענט מיט עפּעס העלפן זיין שווער געטראָפענער קהילה. ערשט אַ נאַכט פאַר דעם, ווי די דייטשע מאַכט האָט אים געזוכט צו נעמען ווי אַן ערב׳ניק פאַר דער יידישער קהילה, האָט הרב ליפשיץ מיט נסים זיך געראַטעוועט, אַנטלויפנדיק איבער דער גרענעץ קיין ליטע. דאָ האָט ער זיך אריינגעוואָרפן מיט מסירות נפש צו העלפן די עטלעכע טויזנט יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון די דייטשע הענט.[68]

נאָך לאַנגע וואָגלענישן איז הרב ליפשיץ אין זומער 1941 אָנגעקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז מיט פיל פריינדשאַפט און כבוד אויפגענומען געוואָרן פון די סואוואַלקער לאַנדסלייט, וועלכע באַטראַכטן אים נאָך היינט פאַר זייער רב. הרב ליפשיץ שטייט צוזאַמען מיט די

68. מפי הרב ר׳ דוד ליפשיץ.

*68. וועגן דער ראָל פון הרב ליפשיץ אין דער צייט פון חורבן זע אַרטיקל „חורבן סואוואַלק״.

געציילטע איבערגעבליבענע סואוואַלקער עסקנים בראש פון הילפס־קאָמיטעט פאַר די פליטים פון סואוואַלק און אומגעגנט. אין 1942 איז הרב ליפשיץ געוואָרן ראש־ישיבה אין ישיבת בית־מדרש לתורה אין שיקאַגע. אין יאָר 1945 איז ער אויפגענומען געוואָרן ווי אַ ראש־ישיבה אין דער באַוואוסטער ישיבת ר׳ יצחק אלחנן אין ניו־יאָרק. אויסער זיינע טיפע שעורים אין לערנען איז ער באַרימט מיט זיין גרויסער השפעה אויף די תלמידים, וואָס פיל הונדערטער פון זיי פאַרנעמען שוין אַליין רבנות־שטעלעס איבערן לאַנד.

הרב ליפשיץ איז זייער טעטיק אויף פאַרשיידענע געביטן פון חיזוק היהדות, ארץ ישראל שמירת שבת, חינוך און אחדות ישראל, און איז אין משך פון פיל יאָרן געווען דער יושב־ראש פון פאַראייניקטן רעליגיעזן בלאָק. אין 1956 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ חבר אין פרעזידיום פון אגודת־הרבנים אין אַמעריקע און קאַנאַדע און איז פאַררעכנט אין דער יידישער וועלט ווי אַ באַרימטער ראש־ישיבה און איינער פון די פירנדיקע רבנים און גדולי־התורה.

*

אויפן סמך פון די פריער געבראַכטע ביאָגראַפיעס קענען מיר אויפשטעלן די ווייטערדיקע כראָנאָלאָגישע טאַבעלע פאַר די רבנים אין סואוואַלק:

1) ר׳ אברהם אבלי בן מרדכי - - - 1842/3—

2) ר׳ אברהם אבלי בן ברוך - - - - - 1842/3—1850

3) ר׳ יצחק אייזיק חבר - - - - - - - - 1850—1853

4) ר׳ יחיאל העלער - - - - - - - - - 1853—1858

5) ר׳ שמואל מאהליווער - - - - - - - 1860—1868

6) ר׳ אליעזר־שמחה ראבינאוויץ - - - - 1868/9—1874

7) ר׳ הלל ליבשיץ - - - - - - - - - 1876—1893

8) ר׳ דוד־טעבלי קאצענעלנבויגן - - - 1894—1907

9) ר׳ משה בצלאל לוריע - - - - - - - 1907—1914

10) ר׳ אהרן באַקשט - - - - - - - - - 1921—1925

11) ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש - - - - - - - 1926—1935

12) ר׳ דוד ליפשיץ - - - - - - - - - 1935—1940[69]

*

ס׳איז וויכטיק אויך צו באשרייבן די ראשי־ישיבות,

69. הרב א. אשרי שרייבט אין זיין „חורבן ליטע״ (ניו־יאָרק־מאָנטרעאָל, 1951), אַז הרה״ג ר׳ מאיר אטלאַס איז געווען רב אין סואוואַלק. דאָס איז אָבער ניט ריכטיק. פעלערדיק איז אויך די אונטערשריפט אונטערן בילד פון הרה״ג ר׳ יהודה־לייב גאָרדאָן אין „אוצר התמונות״ פון ב. צ. אייזענשטאַדט, ווי „רב דסובאלק״. אָן יסוד איז די ידיעה אין „דור ודור ודורשיו״ פון י. לעווינשטיין (ווארשא, 1941, ז׳ 73), אַז ר׳ יהושע העלער איז געווען אבד״ק סואוואַלק. טעות׳דיק איז אויך דאָס שרייבן פון ד״ר יעקב קלאַצקין, אַז הרה״ג מעלצער־קלאַצקאָ איז געווען אב״ד סואוואַלק („הדאר״, ניו־יורק, תש״ה, גליון כ׳). קיינער פון די אויסגערעכנטע איז קיין מאָל ניט געווען רב אין סואוואַלק. אַ גרויס רעטעניש איז די ווייטערדיקע אויפשריפט אויף אַ מצבה אין ירושלים: „ת״ח ירא אלקים דרב ר׳ יוסף בהרב הג׳ אברהם האבד״ק סוואלק ז״ל. נלב״ע י״ד טבת שנת תר״ל, תנצב״ה״. („תולדות חכמי ירושלים״, חלק שלישי, אריה ליב פרומקין, ירושלים, תרפ״ט, ע׳ 246). דאָ איז פאראן עפּעס אַ טעות, ווייל סואוואַלק האָט אין יענע יאָרן ניט געהאַט קיין רב מיט אזא נאָמען: קעגן דעם רעדט

דיינים, מורי הוראה און מגידים. וועגן זיי שרייבט מען בדרך־כלל ווייניקער, ווי וועגן רבנים, דעריבער ווייסט מען ווייניקער וועגן זיי. לאָמיר דערציילן דאָס ביסל, וואָס מיר ווייסן.

ווען משה מאָנטעפיאָרי האָט געמאַכט זיין באַרימטע נסיעה קיין פּעטערבורג אין 1842, איז איינער פון די ערשטע אים צו באַגריסן אין קאָוונע געווען אַ סואוואַלקער מורה־הוראה, אַ בלינדער זקן פון 80 יאָר. זיין ברכה צו מאָנטעפיאָרין איז געווען אַזאַ: „אַזוי ווי איר נעמט אויף היינט אַ פּנים, וואָס אַליין זעט עס ניט, אָבער איר קענט עס יאָ זען, אַזוי זאָלט איר זוכה זיין מקבל צו זיין אַ פּנים, וואָס איר וועט עס ניט זען, אָבער אייך וועט עס יאָ זען" (די שכינה).[70]

דער דאָזיקער בלינדער דיין איז אָן ספק געווען איינער פון די עלטסטע מורי־הוראה אין סואוואַלק. צום באַדויערן, ווייסן מיר ניט קיין פּרטים וועגן אים, און אפילו זיין נאָמען איז אונדז ניט באַקאַנט.

איינער פון די עלטסטע און לאַנג־יאָריקסטע דיינים אין סואוואַלק איז ר' אברהם נתן בהרב מוהר"ח שטערין. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1801 און געשטאָרבן אין 1884. געוואָרן דיין אין סואוואַלק אין 1839 און אָנגעהאַלטן דאָרטן זיין דיינות ביז דער פּטירה — גאַנצע 45 יאָר.[71]

זיינס אַ הסכמה איז פאַראַן אין „ספר הדעות והמדות" פון יחיאל מהריח און אין „אבן ציון" פון ר' אליעזר אפרתי.

אַ צווייטער, וואָס איז געווען דיין אין סואוואַלק גלייכצייטיק מיט ר' אברהם־נתן מערערע צענדליק יאָר איז ר' יעקב בהרב מוהר"א. זיין נאָמען איז תמיד דערמאָנט מיטן נאָמען פון ר' אברהם־נתן שטערין, אַזוי אויף דער דערמאָנטער הסכמה פון „ספר הדעות והמדות", אַזוי אין אַ מודעה וועגן אַ יידן, וואָס האָט 4 ווייבער.[72] אין „אבן ציון" איז די צווייטע הסכמה נאָך ר' אברהם־נתן'ס פון „יעקב מרגליות מ"ץ דפה". דאָס איז מסתמא דער זעלביקער יעקב בהרב מוהר"א.

איינער פון די באַוואוסטע דיינים אין סואוואַלק איז געווען ר' נפתלי פּרענדזעל, וועלכער ווערט אין קאָרעספּאָנדענציעס תמיד אָנגערופן „זקן הדיינים". ער איז געשטאָרבן ערב יו"כ תרנ"ו (1896) אין סואוואַלק.[73-74]

באַליבט ביי די סואוואַלקער יידן איז געווען דער דיין הרב ר' בנימין מגנצא (מאַגענצא), וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אָרטיקן יידישן לעבן אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן פון ניינצנטן און ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ר' בנימין איז געווען אַ גרויסער צדיק, אַ גדול בתורה און ביחוד האָט ער גע'שמ'ט פאַר זיין געוואַלדיקער בקיאות אין ש"ס. ער איז תמיד געווען פאַרנומען מיט זאָרגן פאַר אָרעמעלייט, מיט „באַשטעלן" שבתים פאַר אורחים און מיט איינאָרדענען יידישע סאָלדאַטן אויף ימים־טובים. ביי די לעבן געבליבענע סואוואַלקער פון יענער צייט ווערט זיין נאָמען נאָך היינט דערמאָנט מיט כבוד און ליבע. ער איז נפטר געוואָרן אין 1925 (תרפ"ה, ג' אלול).

אַ באַוואוסטער דיין ומו"צ אין סואוואַלק איז געווען הרב ר' חיים משה בהרב ר' שלמה זלמן אַלטמאַן, וועלכער איז דאָרטן געשטאַנען ביי זיין מלאכת הקדש אַ האַלבן יאָרהונדערט· אין דער טומלדיקער צייט בעת און גלייך נאָך דער ערשטער' וועלט־מלחמה איז ער אַ געוויסע צייט געווען אומאָפיציעל דער רב פון שטאָט. הרב אַלטמאַן איז געווען אַ חובב־ציון. אויפן ספר „בית יעקב" פון יעקב בנימין זאב יאַקימאָווסקי (פּיעטרקוב, תרס"ז) איז דאָ זיין הסכמה. ער איז נפטר געוואָרן אין סואוואַלק י"ח שבט, תרצ"ז. הרב שמואל שער, געוועזענער אבד"ק סובאטש (ליטע) און איצט מגדולי משפּיעי חב"ד אין ליובאַוויטשער ישיבה אין ברוקלין, איז געווען זיין שוואָגער.

גאַנצע 31 יאָר איז געווען ראש־ישיבה אין סואוואַלקער „תלמוד תורה והישיבה אהל יצחק" הרב ר' יעקב־טוביה גאָלדבערג.

לענגערע יאָרן איז געווען ראש־ישיבה אין סואוואַלק הרב ר' שמחה פּינסקער. אין 1863 האָט ער שוין דאָרטן געלעבט. יהונתן שעפּף, פון די מיטגרינדערס פון דער ישיבת ר' יצחק־אלחנן אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט פאַרלאָזן סואוואַלק אין 1886, האָט נאָך ביי אים געלערנט.

סואוואַלק האָט געהאַט אירע אייגן־אויסגעהאַלטענע מגידים· זיי זיינען ניט געווען מגידים אינעם שפּעטער אָנגענומענעם זין פון וואָרט — דרשנים און בעלי־משלים. זייער עיקר אויפגאַבע איז געווען צו לערנען מיט דער חברה, וואָס האָט זיי אויסגעהאַלטן, אַ שטיקל שלחן־ערוך, אַ פּרק משניות און מיט אַ טייל אויך אַ בלאַט גמרא. אַזעלכע מגידים האָבן זיך גערופן „מגיד מישרים" (בקיצור: מ"מ). אָפט זיינען זיי באַטיטלט געוואָרן מיט „רב ומורה".

איינער פון אַזעלכע מגידים אין סואוואַלק איז געווען הרב ר' מרדכי ב"ר יהודה הכהן. ער האָט דאָרטן געלעבט מיט איבער 100 יאָר צוריק. ער איז געווען ר' יצחק־אייזיק חבר'ס אַן אייניקל. ר' מרדכי הכהן איז געווען איינער פון די דריי מספידים[75] אויף זיין גרויסן זיידן ער האָט אַרויסגעגעבן ר' יוסף חבר'ס ספר „נפש נקי" (ווארשא, 1853). אויפן שער־בלאַט באַטיטלט ער זיך: „מגיד מישרים לפני חברא בק"ק סוואלק". פון דער הקדמה אין „נפש נקי" דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט מחבר געווען אַ ספר "פּנים מאירות" און אַז ער האָט

---

קלאָר די אויסגעשטעלטע רבנים־טאַבעלע. אגב, דער טיטל „ת"ח ירא אלקים" איז ווייט ניט קיין אָנגענומענער נוסח פאַר אַ רב.

70. „גדולים פון אונדזער צייט", יעקב מארק, ניו־יארק, 1927.

71. „המגיד", 1884, נר' 42, — סואוואַלקער בני־תורה אין אמעריקע דערציילן, אַז זיינע הגהות זיינען געווען צוגעשריבן אויף אַ סך גמרות אין אָרטיקן בית־המדרש און אין „חברה תורה".

72. „המגיד", 1874, נר' 9, הוספה.

73־74. „המליץ", 1896, נר' 206.

75. די איבעריקע צוויי — די גאונים ר' משה יצחק אביגדור און ר' מרדכי מעלצער פון סייני און קאַלוואַריע.

דריי יאָר געלערנט תורה ביי אדמו״ר הגאון בערוש אשכנזי אין סלאָנים.[76]

משה דב קווינט, אַן אָפּשטאַמיקער פון סואוואַלק, דערציילט וועגן ר׳ מרדכי׳ן אַ זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס ער האָט געהערט אין זיין יוגנט. אין די פופציקער יאָרן האָבן פלוצעם זיך אָנגעהויבן כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן אין סואוואַלק. „מ׳האָט פלוצעם אָנגעהויבן דאָרטן כאַפּן יידן אויפן גאַס, ארייַנפירן אין דער פּאָליציי און זיי אָפּשערן באָרד און פאות״. אַ שרעק איז געפאַלן אויף די אָרטיקע יידן און ס׳איז געווען אַ מורא צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

דעמאָלט האָט געלעבט אין סואוואַלק דער מגיד ר׳ מרדכי דעם סופר׳ס (אַזוי רופט אים קווינט), וואָס איז געווען אַ הדרת־פּנים׳דיקער ייד. „הויך געוואַקסן, אַ צאַרטן, רונדן שטערן, טיפע, קלוגע אויגן... אַ שיינע פּאַטריאַרכאַלישע זילבער־ווייסע באָרד״. ר׳ מרדכי האָט געהאַט אַ הייס יידיש האַרץ, געזאָרגט פאַר אָרעמעלייט און שטאַרק געווייטיקט אויף יידישע צרות. פון די נייע אָנפאַלן אויף יידן אין סואוואַלק איז ער געווען גאָר צעבראָכן.

מאַכט זיך גראָד, אַז צו די מיליטערישע מאַנעוורעס איז געקומען קיין סואוואַלק דער קייזער ניקאָליי דער ערשטער בכבודו ובעצמו. אַלע צוגענג זיינען געוואָרן אָפּגעשלאָסן און אַ קייט פון סאָלדאַטן האָבן געהיט דעם צוטריט צום קייזער. מיט אַ מאָל דערזעען דעם מושל׳ס באַגלייטערס מיט גרויס שרעק, ווי איינער וואַרפט זיך אַנידער פאַר די פערד פון דעם מלך׳ס קאַרעטע מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט — ר׳ מרדכי דעם סופר׳ס.

דער קייזער הייסט זיינע אַדיוטאַנטן פרעגן, וואָס ער וויל.

ר׳ מרדכי ענטפערט: איך וויל געבן דאָס פּאַפּיר צום קייזער.

דער קייזער ענטפערט, אַז ער טאָר נישט נעמען קיין בקשות פון ציווילע מענטשן.

אויף דעם ענטפערט ר׳ מרדכי:

„אמת, מאַיעסטעט, איר טאָרט נישט נעמען קיין בקשה, וואָס איז געשריבן מיט טינט, אָבער אַ בקשה, וואָס איז געשריבן מיט בלוט, מוזט איר נעמען!״

ר׳ מרדכי האָט זיך אַזוי צעכליפּעט, אַז דער קייזער האָט באַפוילן די בקשה צוצונעמען.

די בקשה איז געווען אַ ווייגעשריי קעגן די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן אין סואוואַלק און זי האָט דעם ציל דערגרייכט: גאָר גיך איז געוואָרן רואיק־שטיל אין סואוואַלק.[77]

---

76. זע אויך קאַפּיטל „פאַרלעגערס״.

77. „אידישע וועלט״, נר׳ 2, קאָוונע. 1931. — ר׳ משה דוב קווינט איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1858. געווען אַ ייד אַ למדן און משכיל. פון 1892 איז ער געווען 46 יאָר שוחט אין שאַוול, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1938 („יאָר איין — יאָר אויס״, קאָוונע, 1939, ז׳ 223). — דער זעלביקער קווינט איז אָנהייב נייַנציקער יאָרן געווען שוחט אין סואוואַלק, ווי דאָס איז צו זען פון זיינעם אַ בריוו אין ניו־יאָרקער „העברי״



אַ מגיד־מישרים אין סואוואַלק איז אויך געווען הרב אליהו שרהזאן, דער פאָטער פון באוואוסטן כתריאל־צבי. פאַר סואוואַלק איז ר׳ אליהו געווען מגיד־מישרים ומ״ץ אין סטוצין און לאָמזשע. נאָך סואוואַלק איז ער געוואָרן רב אין מישיניץ, פרען און פייזער. אויף זיינע עלטערע יאָרן איז ער עולה געווען קיין ירושלים, וואו ער איז געווען אַ מגיד אין גרויסן בית־הכנסת.

ר׳ כתריאל־צבי האָט אַרויסגעגעבן זיין פאָטערס ספר אויף דער הגדה „אגדת אליהו״ (ניו־יארק, תרס״ג). אין דער „התנצלות בן המחבר״ ווערט איבערגעגעבן, אַז ר׳ אליהו ב״ר יצחק איז געבאָרן אין יאָר 1800 אין מיכאַלישאָק, און נפטר געוואָרן כ״ז אייר, תרל״ט, אין ירושלים. אין יענעם יאָר איז אויך געשטאָרבן זיין פרוי פריידל.[78]

ער האָט מחבר געווען נאָך צוויי ספרים: „עוגת אליהו״, אַרויסגעגעבן דורך חיים מיכל מיכלין (ירושלים, תרע״ג) און „חבת ירושלים״ (ווארשא, תרמ״א).

אין „כליל תפארת משה״, ישעיה ראובן [קלינגער], (קעניגסבערג, תרל״ה) איז דאָ אַ מכתב־תהלה פון ר׳ אליהו שרהזאָן, און אין „ידיו אמונה״, צבי שלעז (ווארשא, תר״מ) — זיינס אַ הסכמה.

איינער פון די ראשי־ישיבות, וועלכער האָט אין סואוואַלק מרביץ תורה געווען 18 יאָר, איז געווען הרב ר׳ צבי הירש יוסף הכהן ב״ר יצחק יעקב רעזניק (רעזניקאָוו), באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ הירשל מייטשעטער. פיל יאָרן פריער איז ער געווען ראש־ישיבה אין סלאָנים. ר׳ צבי יוסף איז געקומען קיין סואוואַלק אין 1894 און נפטר געוואָרן אין עלטער פון 71 יאָר י׳ ניסן, תרע״ב.[79]

ר׳ הירשל מייטשעטערס זון הרב ר׳ מנחם ריזיקאָוו, וועלכער איז געווען פיל יאָרן רב אין ניו־יאָרק און איצט אין עדת „אוהבי שלום״ אין ברוקלין,[80] האָט אונדז דערציילט, אַז הגאון ר׳ משה בצלאל לוריע האָט איין מאָל געזאָגט צו זיין פאָטער: אויב איצט זאָל קומען משיח, וועט איר זיין כהן גדול. ר׳ אייזל חריף, דער באַוואוסטער סלאָנימער רב, האָט אים געזאָגט: ווער עס האָט ניט געלערנט ביי אייך, קען ניט לערנען. ווען ר׳ הירש איז געווען אין סלאָנים, פלעגט ר׳ יאָסל שלופּער, דער דעמאָלטדיקער מרא דאתרא, יעדן ערב יום־כפור אריינגיין צו אים נאָך אַ ברכה.

ר׳ הירש מייטשעטער האָט ניט געלאָזן נאָך זיך קיין ספר, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די צייט, וואָס דאָס שרייבן פאַרנעמט, איז ביטול תורה.

---

(ח׳ תמוז, תרנ״ב) וועגן דעם שוחט ר׳ משה ב״ר יעקב קאפלאן אין אלבאני, ניו־יאָרק. צוזאַמען מיט אים איז גע־חתמ׳עט אויפן בריוו אַ צווייטער שוחט פון סואוואַלק ר׳ דוד ב״ר אליעזר קלייף.

78. „חלקת מחוקק״, אשר ליב בריסק, חוברת ג׳, מחברת ג׳, ע׳ ל״ב. דאָרטן ווערט אָנגעגעבן, אַז ר׳ אליהו איז געשטאָרבן אין תרל״ח.

79. „מתורת צבי יוסף״, מנחם ריזיקאוו, חלק א׳, ניו־יארק, תרפ״ו, הקדמה; „דורות האחרונים״, ב. צ. אייזענשטאַדט, ז׳ 335.

80. „אהלי שם״, ש. י. גאטליב, פינסק, 1912, ז׳ 297.

אַ שטיקל צייט אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז געווען מו״צ אין סואוואַלק הרב ר׳ נוח־זאב ברעסלער. 1904 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דער וועגווייזער״. געווען אויך רב אין שיקאַגאָ און ברוקלין.[81]

ניט קיין רב און ניט קיין דיין, נאָר אַ מחבר פון אַ תורה־ספר איז מרדכי צבי הלוי איש סובאַלק, ווי ער באַטיטלט זיך אַליין אויפן שער־בלאַט פון זיין „דברי חכמים״ (ווארשא, תרל״ו). אין פאָרוואָרט גיט ער אָן זיין פאַמיליע: וויסמאַן, זון פון ר׳ יוסף זעליק. ס׳איז באמת נאָר אַ זאַמלונג מאמרים פון אַנדערע מחברים וועגן געוויסע שבת־דינים אויף אַ שיף און מרדכי צבי האָט נאָר צוגעגעבן קליינע הערות.

ר׳ מרדכי וויסמאַן איז געבאָרן געוואָרן 1845 אין סואוואַלק. ער איז געווען דער אויפפאַסער פון ר׳ שמואל מאָהליוועס גיטער אַרום סואוואַלק. ווען ר׳ שמואל מאָהלי־ווער איז אַריבער קיין ראַדאָם, איז ר׳ מרדכי וויסמאַן מיטגעפאָרן מיט אים אַהין. אין ראַדאָם האָט ער מרביץ תורה געווען. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך חידושי־תורה אין די צייטשריפטן פון „אגודת ישראל״ אין פוילן. זיינע חידושי־תורה זיינען געדרוקט אויך אין ירושלימער „המאסף״. נאָכן אָפּזיין צוויי יאָר אין אַמעריקע האָט ר׳ מרדכי וויסמאַן אין 1935 זיך ווידער באַזעצט אין סואוואַלק, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1938.[82]

ר׳ מרדכי איז דער פאָטער פון באַקאַנטן סואוואַלקער ציוניסטישן עסקן דר׳ לעאָ וויסמאַן. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין תלמוד ונושאי כליו און אין סואוואַלק האָט מען אים גערופן „ר׳ מאָטעלע מופלג״.

צום סוף זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער סואוואַלקער ר׳ ברוך יצחק בר׳ אליעזר לובעלסקי, איינער פון די פּינקטלעכסטע מוהלים, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט. זיין ספר הנימולים, וואָס הייבט זיך אָן אין 1873 און ענדיקט זיך אין 1902, איז געשריבן אין אַ וואונדער־לעכן סדר און נעמט אַרום איבער 10,000 גע׳מל׳טע. לובעלסקי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1904.

*

וועגן סייני, איינער פון די עלטסטע קהילות פון די אַלע דאָ באַשריבענע 9 שטעט און שטעטלעך פון סוא־וואַלקער געגנט, איז אונדז ניט געלונגען אויסצוגעפינען די כראָנאָלאָגיע פון אַלע אירע רבנים. אויב מען זאָל אָננעמען פאַר באַגרינדעט די ידיעה פון בעל „מפתח ההסכמות״[83], איז איינער פון די ערשטע רבנים אין סייני געווען הגאון ר׳ נחמן ב״ר שלמה נפתלי, וואָס האָט געלעבט מיט קרוב 300 יאָר צוריק. צווישן די בעלי „הסכמות הגאונים הגדולים יושבי כסאות למשפט בארצות פולין וליטא...״ אויפן ספר „נופת צופים״ פון ר׳ בצלאל ב״ר שלמה מקאברין (לעמבערג, תקס״ד) איז דאָ אויך זיין נאָמען. זיינע הסכמות געפינען זיך אויך אויף „עמודיה שבעה״ פון דערמאָנטן ר׳ בצלאל. סיי איז דער אויסגאַבע פון דיהרן פורט, שנת ש בצלאל (תנ״ג), סיי אין דער פיל שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון לעמ־בערג, 1888, ווי אויף „שערי שמים״ פון יחיאל מיכל סג״ל (פראג, תל״ה).




ספר הברית פון סואוואַלקער מוהל לובעלסקי

ר׳ נחמן איז לויט די הסכמות „חונה בק״ק לאדמיר״ אָדער „חונה בק״ק ווילנא לע״ע״. אויף וואָס פאַר אַ סמך גיט אָן דר׳ לעווינשטיין, אַז ר׳ נחמן איז געווען רב אין סייני? שווער צו זאָגן. מיר האָבן קיין ראיה צו זיינע רייד ניט געפונען. אין „עיר ווילנא״ (ז׳ 8), וואו עס רעדט זיך וועגן דאָזיקן ר׳ נחמן, ווערט ניט דערמאָנט, אַז אָט דער רב זאָל האָבן וועלכע ס׳איז שייכות צו סייני. אויך דער באַוואוסטער בקי אין רבנ׳ישער גענעאַלאָגיע ח. נ.

81. „לתולדות ישראל באמריקה״, ב. צ. אייזנשטאַדט, ניו־יאָרק, תרע״ז, ז׳ 10.
82. „ההד״, חוב׳ ב׳, תרצ״ח, ירושלים; „המאסף״, שנה י״ב, חוב׳ ה׳.
83. פון ד״ר לעאָפּאָלד לעווינשטיין, בערלין, 1923.







צוויי בלעטלעך פון לובעלסקיס ספר הברית

דעמביצער, שרייבנדיק וועגן אים, דערמאָנט לחלוטין ניט וועגן סייני.[84]

## הרב הגאון ר׳ איצעלע סייניער

אין די אַכציקער־ניינציקער יאָרן פון 18טן יאָר־הונדערט איז אויף סייניער כסא הרבנות געזעסן איינער מיטן נאָמען ר׳ איצעלע סייניער. זיין פאָטער האָט מען גערופן ר׳ אשר הוראָדנער און האָט געשטאַמט פון תוספות יום־טוב. אין דער צייט פון שוואַרצן טויט איז זיין משפחה געקומען קיין ליטע.

הרב הגאון ר׳ איצעלע סייניער איז אַן עלטער־עלטער זיידע פון באַוואוסטן קענער פון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט ד״ר יעקב ראָבינזאָן, וועלכער האָט אונדז אי־בערגעגעבן דאָס ביסל אויבן געבראַכטע אינפאָרמאַציע.

## הרב הגאון ר׳ יהודה בכרך (הגרי״ב)

דער ערשטער רב אין סייני, וועגן וועלכן מיר פאַר־מאָגן זיכערע און מער ידיעות, איז הרב ר׳ יהודה בכרך בהרב ר׳ יהושע העשיל, איינער פון די גרעסטע גאונים פון זיין צייט, באַקאַנט מיטן ראשי־תיבות׳דיקן נאָמען הגרי״ב. ער האָט געלעבט אין סייני מיט אַן ערך 130—140 יאָר צוריק.

ר׳ יהודה איז אַן אָפּשטאַמיקער פון הרב ר׳ טוביה בכרך, וועלכער איז געווען דער ערשטער קדוש אין דער שחיטה פון ראזינאי (גראָדנער גוב.) אין יאָר ת״ך (1660)[85] באכאראך איז דער נאָמען פון אַ שטעטל אין פּרייסן, וואו יידן האָבן דאָרטן געלעבט שוין מיט אַן ערך 800 יאָר צוריק. ס׳לאָזט זיך גרייִלעך שיקן, אַז די משפּחה בכרך אין ראזינאי איז אַן אָפּצווייג פון יענע יידן׳ ס׳איז אַ משפּחה פון „גאוני עולם, הכמים ודינים״.[86]

ר׳ יהודה בכרך איז געבאָרן אין 1775. ער איז געווען רב אין סייני, משמעות, פיל יאָרן. ער האָט ניט אָנגע־נומען די פאָרלייגן פון אַנדערע גרעסערע קהילות צו פאַרנעמען דאָרטן דעם כסא הרבנות, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז אין אַ גרעסערער שטאָט וועט ער זיך ניט קענען גוט אָפּגעבן מיט לערנען תורה. כדי ער זאָל האָבן וואָס ווייניקער ביטול תורה, האָט ער מיט עטלעכע יידן געמאַכט שותפות אַ געשעפט, וואָס איז אַוועק זייער גוט. ר׳ יהודה האָט געלעבט אין עשירות. ער האָט געגעבן גרויסע צדקה און דערמיט געדינט ווי אַ ביישפּיל פאַר די גבירים פון שטאָט.

די משפּחה פון הגרי״ב זיינען געווען לאַנגיאָריקע תושבים אין סואוואַלקער געגנט — ווילקאָווישק, קאַל־וואַריע, סעריי, סאפּאָטקין, סואוואַלק. זיין פרוי, רייזל, איז די טאָכטער פון ר׳ ישראל בורלוינער (בערלינער?) אין סעריי (געשטאָרבן 1863 אין סאפּאַטקין), וואָס אין זיין הויז האָט אַ געוויסע צייט געלעבט דער ווילנער

84. „כלילת יופי״, חלק א׳, קראקא, תרמ״א, ז׳ ע״א.
85. „דעת קדושים״, פעטערבורג, 1897.
86. דאָרטן.

גאון.[87] ר׳ חנוך הענעך בכרך, ר׳ יהודה׳ס זון, איז געווען אַ סואוואַלקער תושב (געשטאָרבן אין סואוואַלק אין 1863 [88]). אויך זיין צווייטער זון, ר׳ אליעזר־משה, האָט געלעבט אין סואוואַלק און געשטאָרבן אין גראָדנע אין 1867[89]). דער באַוואוסטער גאון ר׳ חנוך־הענעך, אבדק״ק קאלוואריע און זאבלודאווע, איז דער שווער פון ר׳ יהושע־העשל בכרך, ר׳ יהודה׳ס פאָטער׳ די פרוי פון הרב ר׳ יצחק־אייזיק בכרך, רב אין אמדור, איז די טאָכטער פון אברהם גראַיעווער פון סואוואַלק. דער צוועלפטער דור אין דער בכרך־משפחה איז אליהו בר׳ אברהם וואַרשאַווסקי פון סואוואַלק.[90] פון דער זעלביקער משפחה שטאַמט אויך „הרב המפורסם״ ר׳ מאיר בן וואָלף הלוי חסיד פון סייני (געלעבט אין ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, בערך). ר׳ מאיר׳ס זון, ר׳ יוסף־אלחנן, איז געווען רב אין סעריי.[91] דער הגרי״ב איז זייער ענג משפחה׳דיק פאַרבונדן מיט דער רבנים־פאַמיליע אפרתי, וואָס איז געווען נאָך מער תושב׳דיק אין סואוואַלקער געגנט.

ר׳ יהודה איז נפטר געוואָרן אין 1846 און געקומען צו קבורה אויפן בית־עולם אין סואוואַלק.[92] און דאָס איז דער נוסח פון זיין מצבה:

הרב הגדול הצדיק מורנו
ר׳ יהודא בן הרב ר׳ יהושע
העשיל בכרך
שחל״ח ביום כ״ט ניסן
שנת תר״ו לפ״ק
תנצב״ה

ר׳ יהודה בכרך האָט געהאַט פיל חידושי תורה, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי איז געבליבן אין כתב־יד. אין די „הוספות חדשות״ אויפן תלמוד בבלי (ווילנא, תרס״ח) זיינען אַריין זיינע באַוואוסטע „נמוקי הגרי״ב״ און צום סוף פון די מסכתות — חידושים על גפ״ת. די „נמוקי הגרי״ב״ זיינען אויך דערשינען אין עטלעכע אויסגאַבעס פון משניות,[93] אין שלחן ערוך יורה דעה פון קעניגסבערגער אויסגאַבע (תרי״ט), אין „משנה תורה״ להרמב״ם (ווילנא, תר״ס), אין „עין יעקב״ (ווילנא, תרנ״ד). הגהות הגרי״ב זיינען פאַראַן אין „תורת חטאת״ פון רמ״א (פיעטרקוב, תרס״ד), אין „דמשק אליעזר״, אליעזר בן יהושע, (פיעטרקוב, תרס״ד). אין

87. „דור דעה״, יקותיאל אריה קאמעלהאר, פיעטרקוב, תרצ״ח, ז׳ ע״ג; „דעת קדושים״, ז׳ 39.
88. „המגיד״, 1863, נר׳ 16.
89. „אנשי שם״, ח. בראַווערמאַן, ווארשא, תרנ״ב, זז׳ י״ח, ל״ב; „תולדות אנשי שם״, דוד טבלי אפרתי, ווארשא, תרל״ה; „עיר גבורים״, שמעון אליעזר פרידנשטיין, ווילנא, תר״מ, ז׳ 89. דער לעצטער זאָגט, אַז אויף דער מצבה אין גראָדנע איז אָנגעגעבן: „הרב החריף אליעזר חנוך בכרך מסובאלק״. דאָ איז אריינגעפאַלן אַ טעות, ווייל זיין נאָמען איז געווען אליעזר־משה.
90. „תולדות יעקב יוסף״, יוסף בכרך, ווילנא, 1867.
91. „דעת קדושים״, זז׳ 38, 40.
92. „דורות האחרונים״, ז׳ 335.
93. ווארשא, תרכ״א—כ״ב; ווילנא, תרנ״ט, תרצ״ג.

„מגיני ארץ" פון וואַרשעווער אויסגאַבע (תרנ"ג) געפינען זיך זיינע הערות.

דער הגרי"ב האָט געגעבן מערערע הסכמות, פון וועלכע מיר האָבן באַגעגנט אין:

1) „תולדות הארץ", יוסף שיינהאַק, ווארשא, תר"א.
2) „פרדס החכמה", משה ב"ר אהרן, סדילקאָב, 1836.
3) „גבורות ארי", ר' אריה ליב, אבד"ק מיץ, ווילנא, 1862.
4) „בגדי ישע", שמואל הלוי סג"ל, ווילנא, 1844.
5) „הלכות רב אלפס", חלק א', ווילנא, תקצ"ט.
6) „שבת אחים", בנימין בישקא כ"ץ, ווילנא־גראָדנא, 1833.
7) „שיר השירים", עפ"י הגר"א, הו"ל ע"י זאב ב"ר יצחק ישראל, ווארשא, 1842.
8) „תאמי צביה", צבי הירש בלאָך, קאָניגסבערג [תרכ"א].
9) „צוואה", יוסף משה אברהם, ווארשא, 1845 (ניו־יאָרק, תשי"ב, צווייטע אויסגאַבע).

ר' יהודה בכרך'ס נאָמען געפינט זיך אויך צווישן די הסכמה־געבערס אויף ש"ס ווילנא אין 1835, בעת דער פייערדיקער מחלוקת מיט די ש"ס־אַרויסגעבערס אין סלאַוויטע.

## הרב הגאון ר' משה־יצחק אביגדור

נאָך דער פטירה פון ר' יהודה בכרך אין 1846 איז דער כסא הרבנות אין סייני ניט פאַרשעמט געוואָרן — עס האָט אים פאַרנומען אַן אַנדער גרויסער גאון, ר' משה־יצחק אביגדור בהרב הג' ר' שמואל מבריסק דליטע, אייניקל פון דעם גאון ר' שמואל, לעצטן ווילנער רב, וואָס שטאַמען פון מהר"ל מפראַג.

הגאון ר' יצחק אביגדור איז פאַר סייני געווען רב אין סלאָנים און וואַשילישאָק און נאָך סייני — אין די גרויסע קהילות פון קאָוונע און שקלאָוו, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין תרכ"ה.[94]

ר' יצחק אביגדור איז געווען רב אין סייני אַרום 31 יאָר ער האָט אָנגעהויבן צו שאַפן דאָרטן אַ גרויסע ישיבה לויטן מוסטער פון וואָלאָזין. ער האָט שוין דע־מאָלט געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן גאון און זייער פיל תלמידים האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען קיין סייני. די ישיבה האָט אָבער געהאַט קורצע יאָרן, ווייל זי איז געווען „ווי אַ שטעכיקער דאָרן פאַר פיל ניט פאַר־גינערס", וועלכע האָבן פאַר'מסר'ט די ישיבה, אַז זי איז אַן אָרט פון רעוואָלוציאָנערן און פאַרברעכערס. ר' משה־יצחק איז פאַרקלאָגט געוואָרן אין געריכט, אַלע זיינע ספרים זיינען קאָנפיסקירט און אָפּגעשיקט געוואָרן צום מלוכה־צענזאָר אין וואַרשע און די ישיבה איז תיכף פאַרמאַכט געוואָרן. דער פסק־דין פון געריכט איז געווען, אַז ר' משה־יצחק איז פריי פון דער באַשולדיקונג וועגן אָנפירן אַן אַנטי־מלוכה'שע טעטיקייט, עס איז אים אָבער

94. „דור ודור ודורשיו", לעווינשטיין, ווארשא, 1941, ז' 77.

פאַרבאָטן געוואָרן צו וואוינען אין פוילן. זיינע ספרים זיינען פון וואַרשע אַריבערגעשיקט געוואָרן אין דער צענטראַל־ביבליאָטעק פון פעטערבורג, וואו זיי געפינען זיך נאָך עד היום. אויף די ראַנדן פון די עמודים אין די ספרים זיינען געווען צוגעשריבן פיל חידושי־תורה, כמנהג הרבנים אין יענער צייט. ס'איז אויך צוגענומען געוואָרן דער כתב־יד פון צווייטן טייל פון זיין ספר „פרדס רמונים".[95]

ר' משה־יצחק אביגדור איז געווען אַ געוואַלדיקער חריף. אין 1849 איז פאַרגעקומען דער סיום־הש"ס פון אַ גרופּע יידן־לומדים אין סייני. אין דער זעלביקער צייט זיינען דאָרטן געווען צוזאַמענגעפאָרן רבנים און גאונים צו אַן אסיפה. כדי אויסצופּרואוון זיין גאונות און חריפות, האָבן די סייניער לומדים געבעטן ר' משה־יצחק אביג־דור'ן צו זאָגן דעם „הדרן", אָבער זיי האָבן דאָס געטאָן נאָר צוויי שעה פאַרן אָנהייב. האָט ער אָנגעהויבן זיין סיום־דרשה זונטיק און גערעדט גאַנצע פינף טעג, יעדן טאָג סותר זייענדיק זיינע רייד פון נעכטן. צווישן זיינע צוהערערס האָבן זיך געפונען אויך די אַלע רבנים, וועלכע זיינען זיך דעמאָלט צוזאַמענגעקומען אין סייני, און אַלע זיינען נתפעל געוואָרן פון זיין גאונ'ישער חריפות.[96]

היות די חידושי־תורה פון הרב אביגדור זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע ספרים, זיינען דערשינען נאָר צוויי חיבורים זיינע:

„פרדס רמונים", פי' על יו"ד הלכות נדה, ווילנא, תרכ"ט, חלק א'.

„גליוני קדש", ניו־יאָרק, תרס"ט, ב' חלקים.

אין „פרדס רמונים" איז דאָ אַ הקדמה פון זיין בן־יחיד ר' אברהם שמואל. ר' יצחק'ס פרוי, שיינע אסתר, איז די טאָכטער פון הגאון ר' יהודה־ליב, אבד"ק מינסק.

אין „חיי יעקב" פון ר' חיים יעקב לנדא, חלק א' (ווילנא, תרע"ג) ווערן געבראַכט זיינע שאלות־ותשובות (ע' נו), ווי אויך אין „תורה מציון", חוברת א' (ירושלים, תרמ"ז).

ר' משה יצחק אביגדור האָט געגעבן פיל הסכמות אויף ספרים. מיר האָבן זיי אָנגעטראָפן אין:

1) „אבני זכרון", אברהם פירקאָוויטש, ווילנא, תרל"ב.
2) 'בית מדרש", משה משקלאָוו, ווילנא, תרכ"א.
3) „גאון אברהם", אברהם ב"ר שאול משקלאָוו, אדעסא, תרכ"ד.
4) „דברי חיים", חיים יואל שארין, ווילנא, 1870.
5) „דרך הישר", צבי פנחס ליפשיץ, ווילנא, תרכ"ד.
6) „החק לזכר", יהודה אבעליזאָן, ווילנא, תר"ך.
7) „זכרון אברהם", אברהם אבלי רוזאַנוס, ווילנא, תרי"ט.
8) „זכרון יהודה", [יהודה אבעליזאָן], ווילנא, 1851.
9) „זכרון למשה", משה ראַסקעס, אדעסא, תרל"ג.

95. „גליוני קדש", משה יצחק אביגדור (ניו־יאָרק, תרס"ט, חלק א'), אַרויסגעגעבן דורך זיינע אייניקלעך ישראל שלום שמו־אלאָוויץ מקאָוונא און יוסף בוטה מניו־יאָרק.

96. דאָרטן, הקדמות.

10) „זכרון מנחם", מנחם מן, ווארשא, תרל"ה.

11) „יאיר נתיב", ר' אברהם הלוי, ווארשא, תרל"ט, צווייטע אויפלאַגע.

12) „יד הקטנה", ר' בעריש ב"ר יעקב, קעניגסבערג, תרט"ז (איבערגעדרוקט אין „גאולה האחרונה" ע"י שלמה הלוי הלפרין, ווארשא, תרפ"ט).

13) ספר „כריתות" לרבנו שמשון מקינון, ווארשא, תרי"ד.

14) „כרם חמד", שלמה פריידעש, ווילנא, תרכ"ז.

15) „לקוטי רצב"א", צבי הירש כהנא, ווארשא, תרכ"ז.

61) „רוח חיים", חיים מוואלאזין, ווילנא, [1858].

17) „תאמי צביה", צבי הירש בלאך, קעניגסבערג, תרכ"א.

18) „תורה שבכתב ושבעל פה", ספר שמות, עפ"י „משרת משה", יהושע העשיל סירקין, פרעסבורג, תרכ"ג.

הרב הגאון ר' משה יצחק אביגדור האָט געגעבן זיין הסכמה אויף דעם ש"ס סלאוויטא אין 1835, בעת דער גרויסער מחלוקת מיט דער ראם־דרוקעריי אין ווילנע וועגן רעכט צו דרוקן אַ נייע אויפלאַגע פון ש"ס.

## הרב הגאון ר' שרגא־פייבל סארנא

פון 1859 ביז סוף 1866 האָט סייניער כסא־הרבנות פאַרנומען הרב הגאון ר' שרגא־פייבל סארנא.[97] מיר ווייסן וועגן דאָזיקן רב זייער ווייניק. בראש פון דער פרענומעראַנטן־רשימה אין יחיאל מהריח'ס „ספר הדעות והמדות" געפינט זיך דער נאָמען פון „הגאון אב"ד ר' שרגא פייביל". דאָס איז, משמעות, הרב סארנא, וועלכער איז מסתמא געווען רב אין סייני אין 1865, ווען דער דערמאָנטער ספר איז אַרויס פון דרוק.

אין „הפלס" (תרס"א, ע' 151) ווערן איבערגעגעבן חידושי תורה אונטערן נאָמען 'מילי דאגדה" פון „הרה"ג מוהר"ר שרגא פייבל סארנא שהיה אבדק"ק סייני ואח"כ בהוראדאק". אין „עמודי אור" פון ר' יחיאל העלער איז דאָ אַ תשובה (ע' נ"ו) צו ר' שרגא פייוול אב"ד סייני.

אויף „אור מתוק" פון ישראל בנימין לביא המכונה לעמפּערט (ווילנא, תרמ"ח) איז דאָ זיינס אַ הסכמה, אויף וועלכער ער חתמ'עט זיך: „שרגא פייוויל מיסקאלקא ומסייני וכעת רב בהורדאק".

זיינע הסכמות זיינען אויך פאַראַן אויף „ערי יהודה", יהודה ליב, (ווילנא, תרכ"ה), אויף זרעים (ווארשא, תרכ"א, ארויסגעגעבן דורך א· מארקסאהן), און אויף „דובב שפתי ישנים", חלק א', ב', ג', דוב טויבער, (ירושלים, תר"ס).

הרב הגאון ר' יחזקאל סאַרנא, דער ר"מ פון „ישיבת חברון" אין ירושלים, וועלכער איז אַן אייניקל פון ר'

97. מיר רעכענען זיין רבנות־צייט אין סייני אויפן יסוד פון דעם, וואָס אַלע רבנים דאָרטן ביז 1859 און פון 1867 זיינען אונדז באקאנט, און היות הרב סרנא איז דאָרטן געווען רב, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז דאָס איז געווען אַן ערך אין די אָנגעגעבענע יאָרן.

שרגא פייבל, שרייבט אונדז, אַז הרב סארנא איז נאָך סייני געווען רב אין אסטראווע (לאָמזשער גובערניע), שפּעטער אין סאָקאָלקע און צום סוף אין האָראָדאָק, וואו ער איז נפטר געוואָרן. ר' יחזקאל גיט צו, אַז הרב סאַרנאָ איז געווען באוואוסט ווי אַ בעל־מופת און פון ווייטע מקומות פלעגט מען קומען צו אים נעמען ברכות.[98]

ר' שרגא פייבל איז געבאָרן געוואָרן אין 1827 און געשטאָרבן י"ב שבט, תרנ"ב. זיין מצבה אויפן ביאַליס־טאָקער בית־עולם האָט געהאַט אַזאַ נוסח: ציון לנפש צדיק. שובי נפשך צדיק למעון שמים. רבות פעלת בהיותך בחיים, גאון היית לגאון ולתפארת, אשר תורתך לך עטרת. הרב הגדול המפורסם מו"ה שרגא פייבל בהרב יוסף זצ"ל היה רב בעיר פּאָפּאָלניע, סייני, אָסטראָווע, סאקאלקע והאראדאק".[99]

## הרב הגאון ר' יהושע העשל עליאַסאָן

אָנהייב 1867 האָט פאַרנומען סייניער כסא הרבנות דער גאון ר' יהושע־העשל עליאַסאָן.[100]

ר' יהושע העשל איז געבאָרן געוואָרן אין קראָזש, ליטע, אין 1799. פאַר סייני איז ער געווען רב אין יאנעווע, זעזמער, שאַקי, ווילקי, סוועָנציאן. אין יאנעווע האָט ער פיל געליטן פון קהל· אין סייני, פאַרקערט, האָט מען אים געוואַלדיק פאַרערט. מען האָט אים דאָרטן געהאלטן פאַר אַן איש־מופת. די סייניער יידן האָבן געגלויבט, אַז ווען ר' יהושע־העשל קומט אין אַן אָרט פון אַן אומגליק, קומט צוזאַמען מיט אים די הצלה.

זיין פרוי איז געווען די באָבע פון העברעאישן שרייבער א. א. פרידמאן. זיין שוועסטער שרה צירל איז די טאָכ־טער פון הרב ר' בענדעט, דעם זון פון צדיק און מקובל ר' אליהו פון קראזש.[101]

ר' יהושע־העשל האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון, מען האָט אים דעריבער גערופן „ר' העשל די אייזערנע קאָפּ".[102] ער איז געווען אַ גרויסער קעגנער פון דער מוסר־באַוועגונג און געפירט אַ קאַמף קעגן איר, צוזאַמען מיט די גאונים ר' לייבעלע קאָוונער און ר' ישעיה, סאַלאַנטער רב. ווען ר' ישראל סאַלאַנטער פלעגט קומען ערגעץ האַלטן דרשות וועגן מוסר, פלעגט ר' יהושע־העשל ספּע־

98. הרב הגאון ר' יחזקאל סארנא פון חברון איז אונדז מודיע, אַז ר' שרגא־פייבל איז געווען רב אין סייני אין 1880 און נאָר עטלעכע חדשים. דאָ מוז אָבער זיין אַ זיכערער טעות: 1) אין יענעם יאָר איז דאָרטן געווען רב ר' משה בצלאל לוריא, 2) דאָס איז אין סתירה צו דער פרענומעראַנטן־רשימה אין דערמאָנטן ספר פון מהריח, 3) אין זיינע הסכמות אויף „זרעים", געגעבן אין תר"ך און אויף „ערי יהודה" אין תרכ"ה, חתמ'עט ער זיך קלאָר: חונה סייני. — אין דער הקדמה פון „דבר אמת", חלק א', ר' דובער [יאהנאוויץ], פּאָלטאווא, תרע"ג, ווערט געזאָגט, אַז ר' שרגא פייוויל איז אין 1872 געווען רב אין אסטראווע.

99. „פּנקס ביאַליסטאק", באַנד ו, א. ש. הערשבערג, ניו־יארק, 1949, ז' 462.

100. „המגיד", 1867, נר' 30.

101. „בית ארזים", א. א. פרידמאן, בערדיטשעב, תרנ"ז, ע' ז'.

102. דאָרטן.

ציעל קומען אַהין און אַרויסטרעטן קעגן, אָפט גלייך נאָך ר' ישראל'ן.[103]

ר' יהושע־העשל איז געווען רב אין סייני נאָר 7 יאָר. אין 1874 איז ער נפטר געוואָרן. 5 רבנים האָבן אים מספיד געווען, צווישן זיי דער סייניער שוחט ר' יעקב־צבי שיינמאַן.[104]

אויף „יד יצחק" פון יצחק צבי הכהן (ווילנא, 1867) איז דאָ זיינס אַ הסכמה.

## הרב הגאון ר' משה־בצלאל לוריע

סוף 1875 איז געוואָרן רב אין סייני הרב הגאון ר' משה־בצלאל לוריע.[105] ער איז געבאָרן אין סוכאָוואָליע אין 1835. פאַר סייני איז ער געווען רב 8 יאָר אין ווילאַן, ליטע, און 8 יאָר אין שאַקי (סוואַלקער גובערניע).[106] ר' משה בצלאל איז אויף סייניער כסא־הרבנות געזעסן 33 יאָר. סוף 1907 איז ער געוואָרן רב אין סוואַלק, וואו ער איז נפטר געוואָרן כ"ו ניסן תרע"ד (1914).[107] זיין צווייטע פרוי איז געווען צערנע מרים בת ר' מאיר איילבערג פון סרעדניק (געשט. ג' תשרי, תרע"ג אין קעניגסבערג). זיין ערשטע פרוי איז געווען דבורה (געשטאָרבן אין ווילאַן, ליטע, י"ג אדר א' תרכ"ז).




הרב משה בצלאל לוריא

הרב לוריא איז געווען אַ הסיד פון ישוב ארץ־ישראל· אויף דעם באַוואוסטן חובב־ציוניסטישן ספר „שיבת ציון" איז דאָ זיינס אַ הסכמה־בריוו וועגן דער נייטיקייט פון בנין הארץ.[108]

ר' משה בצלאל איז געווען „הרב המפורסם בחבוריו הרבים", און דאָס זיינען זיינע חיבורים:

1) 'נפש חיה", אויף מס' בבא מציעא, ווארשא, תר"מ.

2) „נהור שרגא", אויף מס' יבמות, ווילנא, 1871.

3) „מלאכת חושב", אויף מס' תמורה, ווארשא, תרס"ב.

4) „מעשה חושב", אויף מס' ערכין, ווארשא, תרנ"ה.

5) „מצבת משה" אויף מס' מועד קטן, מיט הגהות פון זיין זון הרב הגאון ר' צבי אריה לוריא,[109] ווילנא, תרפ"ד.

6) „מלאכת בצלאל", אויף מס' שבועות, ווארשא, תרצ"ח, מיט הגהות „ארץ צבי" פון זיין זון הרב הגאון ר' צבי אריה ליב לוריא זצ"ל.

7) „מעשה בצלאל", אַ פּירוש אויפן פסקי מהר"ם מריקאַנטי, פיעטרקוב, תרנ"ט.

8) „כובע ישועה" אויף מס' בבא קמא, ווארשא, תרמ"ח.

9) „כתר ישועה", אויף מס' כריתות, פיעטרקוב, תרע"ג.

10) „עמק סוכות", אויף מס' סוכה, בילגורייא, תרס"ט·

11) „תורת הקנאות", אויף מס' סוטה, ווארשא, תרנ"ט.

12) 'שבעת הנרות", על פסקי התשב"ץ, ווארשא, תרס"א.

אין כתב־יד איז פאַרבליבן ר' משה בצלאל'ס אַ חיבור אויף ספר „הפרנס" פון אַ תלמיד פון מהר"ם מרוטנבערג (428 פסקים).

אין דער ווילנער אויסגאַבע פון „נודע ביהודה" (1904) געפינען זיך צווישן די צוגעגעבענע פירושים אויך ר' משה בצלאל'ס.

ר' משה בצלאל איז צוזאַמען מיט אַ ריי רבנים שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַ טייל פון פראַנצויזישע רבנים, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז „יש תנאי בנשואין".[110]

ר' משה בצלאל האָט געגעבן סמיכות צו אַ גרויסער צאָל רבנים. אויך זיינע הסכמות זיינען פאַראַן אויף פיל ספרים. פון זיי האָבן מיר אָנגעטראָפן אין:

1) „אבן לב", יהודה ליב יפה, ווילנא, 1900.

2) „אור זרוע", יצחק ב"ר משה, חלק א', זיטאָמיר, תרכ"ב.

3) „בית יעקב", יעקב בנימין זאב יאקימאָווסקי, פיעטרקוב, 1907·

---

103. „ספר הזכרונות", א. א. פרידמאַן, תל־אביב, תרפ"ו, ז' 26.
104. „המגיד", 1874, נר' 14, הוספה. א. א. פרידמאַן שרייבט בטעות, אַז ער איז געשטאָרבן אין 1870.
105. „הצפירה", 1875, נר. 9.
106. „דור רבניו וסופריו", ב. צ. אייזענשטאַדט, ווארשא, 1895; „ענציקל. יודאַאיקא", ב' VII, ז' 1213.
107. עפּעס וועגן זיין פּריוואַטן לעבן זע „ימים ושנים", חלק א', מ. י. פריד, תל־אביב, תרצ"ח, ז' 58.
108. אברהם יעקב סלוצקי, חלק ב', ווארשא, תרנ"ב.
109. דער ארויסגעבער דאַנקט זיינע יוגנטפריינד פון סייני פאַרן העלפן אַרויסגעבן דעם ספר: יצחק ב"ר דוד שלמה רובין, יהודא ליב ב"ר משה ניסן ראָזנגאָלד, שלמה יעקב ב"ר אברהם ראגאלסקי (אַלע פון אַמעריקע) און זיין שוואָגער ב"צ כהן פון פעטערבורג.
110. „אין תנאי בנשואין", יהודה לובצקי, ווילנא, תר"ץ, ע' כ"ג.

4) „בית יעקב", יעקב רודערמאַן, ווילנא, תרע"ב.
5) דבר אברהם", אברהם זלמנסקי, ווילנא, תרס"ג.
6) „דגול מרבבה", דוב גראָסמאַן, ווילנא, תרע"א.
7) „הועד", עורך: ראובן לעווינבוק, פיעטרקוב, תרע"ד.
8) 'חדושי אב"י", יהודה ליב אניקסטער, שיקאַגאַ, תרס"ד.
9) „ידי משה", יעקב בנימין יאקימאַווסקי, גראַיעווע, תרס"ט.
10) „ילקוט ספורים ומדרשים", ע"י זאב וואלף גרינוואלד, חלק ג', הוצאה שניה, ווארשא, תרפ"ג.
11) „מבית מאיר", מאיר סטאלעוויץ, ווארשא, תרנ"ט.
12) מדרש רבה, על שיר השירים, עפ"י ברוך עטילזאהן, ווארשא, תרל"ו.
13) „מיטב הגיוני היהדות", חלק א', ראובן לעווינ־בוק, פיעטרקוב, תרע"ד.
14) „מעיל שמואל", שמואל הלל גימפל, גראַיעווע, תרע"א.
15) נהורא דיעקב", יעקב אהרן ב"ר צבי־הירש, ווארשא, תרנ"ט, תר"ע.
16) „עבודת הקודש", חיים יוסף דוד אזולאי, ווילנא, תרס"ז.
17) „עטרת צבי", אפרים אליעזר חרל"פ, ווארשא, תרנ"ז.
18) „שנות החיים", חיים דובר מאנושעוויץ, ווארשא, תרס"ח.
19) „תהלות חיים", חיים דוב מאסטראלענקא, ווארשא, תרס"ב.
20) „תוצאות חיים", חיים שלמה כהנא, פיעטרקוב, תרס"ט.
21) „תפארת אברהם", חלק א', פנחס משה גארדאן, ווארשא, תרנ"ז.
22) „תרומת יעקב", יעקב מאיר יאַקאָ, ווילנא, תר"ע.

ר' משה בצלאל'ס זון ר' חנוך זונדל איז געווען רב אין ווישנעווע, אַ צווייטער זון, ר' צבי אריה ליב לוריא — אין קאָפּטשעווע,[111] און זאַלודאָק, מחבר פון „קונטרס עגונה" (תרס"ז). זיין איידעם איז געווען הרב ר' יהודה ליב פאלטעראוויטש, אב"ד פון ביכאוו און סאַמאַראַ, וואו ער איז נפטר געוואָרן. ביי אים איז געבליבן דער כ"י פון ר' משה בצלאל'ס חיבור אויפן „ספר הפרנס".

*

ווען אין סואוואַלק איז נאָך ניט געווען קיין סימן פון קיין יידן, האָט ראצק שוין געהאַט אַן אייגענעם רב. דאָס איז געווען אַן ערך 270—280 יאָר צוריק.

אין „עיר ווילנא" (ז' 165) ווערט דערמאָנט איינער אַ ר' גרשון אבד"ק ראצקי. מיר האָבן געפּרואווט אויס־רעכענען די צייט, ווען ער האָט געלעבט, אויף אַזאַ אופן: ר' גרשון'ס טאָכטער איז געווען די מוטער פון ר' אריה־ליב בהרה"ג ר' נחום, אב"ד פלאָצק. ר' אריה־ליב איז דער זיידע פון ווילנער גביר ר' יוסף זאקהיים, וועלכער איז געשטאָרבן אי'ן 1848 „בזקנה ושיבה" און איז, בכן, געבאָרן געוואָרן אַרום 1769—1770. קומט אויס, אַז ר' אריה־ליב איז געבאָרן אַן ערך 1730—1740, ר' נחום—ארום 1710 און ר' גרשון זאָל האָבן געלעבט און געווירקט אין ראַצק אַרום 1670—1680.

111. „קונטרס הערות" אין „עמק סוכות"; „דור ודורשיו", א. אפּרתי, ווילנא, תרמ"ט.



זיי נייע אויפגעשטעלטע מצבות נאָכן חורבן אויף די קברים פון הגאון ר' משה בצלאל לוריא זצ"ל, סואוואַלקער רב (לינקס), און פון דיין הרב הצדיק ר' בנימין מגנצא זצ"ל, (רעכטס).

מען קען אויך אויף אַ צווייטן וועג פּרואוון אויס־געפינען, ווען ר' גרשון איז געווען רב אין ראַצק. דער דערמאָנטער ר' נחום איז געווען אַ ברודער פון ר' שלום אב"ד בירזש. ר' שלום איז געשטאָרבן (לויט „דעת קדושים") אַרום 1725. אָננעמענדיק, אַז ר' שלום האָט געלעבט אַ 65—75 יאָר, קומט אויס, אַז זיין ברודער ר' נחום איז געבאָרן געוואָרן אַרום 1650—1660, האָט חתונה געהאַט אַרום 1675—1680 מיט ר' גרשון'ס טאָכטער, — און דאָס איז, בכן, די צייט, ווען ר' גרשון, ר' נחום'ס שווער, איז געווען רב אין ראַצק.

אין די פערציקער—פופציקער יאָרן איז געזעסן אויף ראַצקער כסא־הרבנות הרב הגאון ר׳ יעקב יששכר בר׳ יהודה ליב. דאָס איז צו זען פון זיינס אַ הסכמה אויף אַ ספר פון זיין שווער ר׳ אברהם סגל.[112] און מער האָבן מיר נישט געפונען גאָרנישט וועגן זיין פּערזענלעכקייט.

אין די זיבעציקער יאָרן איז געווען רב אין ראַצק הרב הגאון ר׳ זעליק בערמאַן. אין „המגיד" פון 1871 (נר׳ 42) געפינט זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ פון „זעליג לייב בערמאן, חופ"ק ראצק". מען קען אָננעמען פאַר זיכער, אַז ער איז געבליבן רב אין ראצק ניט שפּעטער, ווי ביז 1878, ווייל דעמאָלט איז שוין דאָרטן געווען אַ נייער רב. און דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן הרב בערמאַן.

## הרב הגאון ר׳ חיים ראַצקער

פון די רבנים, מיט וועלכע די ראַצקער האָבן באַזונדערס שטאָלצירט, איז געווען הרב הגאון ר׳ חיים בר׳ אברהם סג"ל, וועלכער איז אַלגעמיין באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ חיים ראַצקער. אין 1878 איז ער שוין זיכער געווען רב אין ראצק, ווי דאָס איז צו זען פון זיין ספר „אורח לחיים" (ווילנא, תרל"ט). אין „תשובה שלמה" פון חיים פישל עפשטיין (פיעטרקוב, תרע"ד) זיינען פאראַן זיינע חידושי תורה.

ר׳ חיים ראצקער איז געווען אַ גאָון בדורו און פיל זיינען געקומען נעמען סמיכות ביי אים. די צאָל פון זיינע אַרויסגעגעבענע סמיכות׳ן איז אומגעהויער גרויס.[113]

ר׳ חיים סג"ל איז געווען רב אין ראצק 14 יאָר.[114] אין 1892 איז ער געוואָרן רב אין יאנעווע, ליטע.

זיינע הסכמות געפינען זיך אויף די ווייטערדיקע ספרים:

„נפש הגר", מרדכי לעווענשטיין, פיעטרקוב, תרס"ז.

„בני גרשון", גרשון ליפשיץ, ווילנא, תרנ"ט.

„ברית יצחק", יצחק איזעקסאן, ווילנא, תרס"ב.

„הגיוני א"ב", אברהם דובער גאלדענזאהן, ווארשא, תרנ"ט.

„פסקי הלכות המרדכי", מרדכי שאטץ, ווארשא, תרס"ב.

„אוצר כל מנהגי ישרון המשכלל", אברהם אליעזר הירשאָוויץ, סט. לואיס, 1917.

„מנהגי ישרון", אברהם אליעזר הירשאוויץ, ווילנא, 1914.

## הרב הגאון ר׳ אייזיק־לייב סטאָליאַר־ספּיר

אין תרס"ג (1903) האָט איבערגענומען די רבנות אין ראַצק הרב הגאון ר׳ אייזיק־לייב (יצחק־יהודה) בר׳ שרגא־עזריה סטאָליאַר.

ר׳ אייזיק־לייב איז געבאָרן אין שאַקי אין 1858. אין 1887 איז הרב סטאָליאַר געוואָרן רב אין אַדעלסק,

112. „לקוטי תהלים", ווארשא, תרנ"ו.
113. „אהלי שם", ז׳ 421.
114. „הצפירה", 1892, נר׳ 75.



1892 — אין קוזניצע. אויפן ראַצקער כסא־הרבנות איז ער געזעסן 18 יאָר (1903—1921). דערנאָך האָט ער עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ביז זיין פּטירה אין 1935 איז ער געווען מו"צ אין פתח־תקוה. אין ארץ־ישראל האָט ער העברעאיזירט זיין פאַמיליע־נאָמען אויף ספּיר. דער קוזניצער רב הרב הגאון ר׳ אליעזר ליפּמאן איז געווען זיין שווער.

נאָך אין זיינע גאָר יונגע יאָרן האָט ער בשותפות מיט זיין ישיבה־חבר יעקב בר׳ שלמה זלמן הורוויץ (דעם שפּעטערדיקן רב אין אַ ניו־יאָרקער קהילה) מחבר געווען אַ ספר, וואָס זיין גאונ׳ישע חריפות האָט געמאַכט אַ רושם. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז דער ספר אַרויס פון דרוק אונטערן נאָמען „אלומת עלומים", חידושי הלכה (ווילנא, 1882). פון דער הקדמה דערוויסן מיר זיך, אַז זיין פרוי איז די טאָכטער פון ר׳ אלחנן בר׳ דוב בערקאָווסקי פון שאַקי, זיין מוטערס נאָמען איז טויבע.

ר׳ אייזיק לייב איז דער מחבר פון די ספרים:
1) „שרגא טובא".[115]
2) „שרגי נפישי", ווילנא, תרנ"ט, תרס"ח, תרע"ג.
3) „ציון לנפש יקרה", ווילנא, תרנ"ג.[116]
4) „לקוי המאורות", ווילנא, תרנ"ד.
5) „אקלידא דרחמי", ווילנא, תרע"ג.
6) „נס פך השמן", ווילנא, תרמ"ג, תרנ"ה.
7) „שפך שיח", פירוש על „אבינו מלכנו" [יידיש], ווילנא, תרע"ד.
8) „שרגא נהורא", ווילנא, תרע"ד.

לכבוד דעם קרוינונגסטאָג פון ניקאָליי דעם צווייטן האָט ר׳ אייזיק לייב פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור מיטן נאָמען „כבוד מלכים" (ווילנא, 1896).

אין „דברי שמואל" פון שמואל אלכסנדראָוו (ווארשא, תרנ"ג, ע׳ ז׳) איז דאָ אַ בריוו און עטלעכע הערות פון ר׳ אייזיק־לייבן. אין ׳תורה מציון" (ירושלים, תרס"ה, חוב׳ א׳, ד׳) האָט ער געדרוקט חידושי־תורה.

אויף „מסורת התורה והנביאים", פסח פינפער (ווילנא, 1906), איז דאָ זיין הסכמה.

הרב סטאָליאַר האָט אַרויסגעגעבן דעם „אהל יהושע" פון יהושע בר׳ אהרן העליר (ווילנא, תרמ"ב) מיט זיינס אַ הקדמה.

## הרב הלל ב"ר זאב וואָלף

ראַצק איז אַ מאָל געווען אַ פיל גרעסערע קהילה, ווי אין די לעצטע יאָרן, און זי האָט זיך געקענט פאַרגינען צו האָבן שטענדיקע דרשנים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם. איינער פון זיי האָט געלעבט אין ראצק מיט אַ 150—160 יאָר צוריק. זיין נאָמען איז ר׳ הילל מקאוונ

115. דער ספר האָט געהאט עטלעכע אויפלאַגעס: ווילנא, תרנ"ב, תרנ"ט, תרס"ח, תרס"ט, תרע"ג. — פרידבערג אין זיין „בית עקד ספרים" (נר׳ 2374) גיט אָן דעם מחבר׳ס נאָמען — ספּירליאר. אונדז איז באַקאַנט נאָר זיין העברעאיזירטער נאָמען ספּיר.
116. „ציון לנפש יקרה" איז דערנאָך אריין אין „לקוי המאורות", וואָס איז דער חלק שני פון „שרגי נפישי".

ב״ר זאב וואלף מ״מ ומ״ץ דק״ק ראצק, ווי ער גיט זיך אָן אויף זיין ספר „הילל בן שחר״ (ווארשא, תקס״ד). פון דער לאַנגער הקדמה איז צו זען, אַז ער האָט זיך געהאַט פאַרנומען מיט מסחר, שפּעטער איז ער געווען ערגעץ־וואו רב און נאָר די לעצטע יאָרן איז ער „בשירות המגידות״. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַט ווייניק גוטע טעג אין זיין לעבן און ער זאָגט אין זיין הקדמה, אַז מסחר, רבנות און מגידות זיינען „הבל בכעס ומכאובים״. צום סוף פון ספר געפינען זיך צוויי הספדים, איינער פון זיי אויפן ווילנער גאון, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ווילנע.

אַ ברודער פון ר׳ הלל ראַצקער, ר׳ ארעלע, איז געווען מו״צ אין קאלוואריע.[117] ר׳ הלל׳ס אַן אייניקל איז ר׳ הלל הכהן בישקא, איינער פון די גרעסטע לומדים און חשובי העיר פון קיידאַן, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1868.[118] ר׳ הלל בישקא גופא איז געווען יאָרן ראב״ד אין ראַצק, ווי דאָס איז צו זען פון מערערע פּרע־נומעראַנטן. ר׳ הלל בישקאָס שוואָגער איז געווען דער קיידאַנער גביר ר׳ הערשל דייטש.

דער באַוואוסטער העברעאישער שרייבער מרדכי אהרן גינצבורג איז אַן אָפּשטאַמיקער פון ר׳ הלל ראַצ־קערס משפּחה.

## הרב ר׳ אליקום געציל אַלטשול

אַ צווייטער ראַצקער מגיד־מישרים, געציל אַלטשול,[119] איז געווען איינער פון די גרויסע דרשנים אין זיין צייט. ער האָט געלעבט אין ראַצק מיט אַן ערך 140—150 יאָר צוריק און איז געקומען אַהין, ווייזט אויס, טאַקע גלייך נאָך ר׳ הלל ראַצקער.

ר׳ אליקום געצילס פאָטער, ר׳ זאב וואָלף, איז געווען רב „בק״ק לוצין והאוייעזד במדינת איפלאַנד״. נאָך דעם פאָטערס פּטירה האָט ר׳ אליקום געציל פאַר־נומען זיין אָרט. דערנאָך איז ער געווען דיין אין פּאָנעדעל, דערעטשין, ראַצק און הלוסק.

ווען איז דער דאָזיקער באַוואוסטער דרשן און מחבר געווען מ״ץ אין ראַצק? אויפן שער־בלאַט פון דער צווייטער אויסגאַבע פון זיין פאָטערס „זבד טוב״, ארויס אין 1814, גיט ער זיך שוין אָן, ווי מ״מ ומ״צ דק״ק ראצקי. אויפן שער־בלאַט פון ספר „שפת הים ומיצר ים״ ווערט אָנגעגעבן: „אליקום געציל מ״מ ומ״ץ בק״ק הלוסק ומכבר הי׳ למ״מ ומ״ץ בק״ק ראצקי׳ במדינת פולין קטן.[120]

117. „ילקוט מערבי״, ניו־יורק, תרס״ד, ז׳ 37.
118. „לקורות קיידאן ורבניה״, מ. מארקאוויץ, ווארשא, תרע״ג, ז׳ 10. — אגב, ער שרייבט בטעות. אַז ר׳ הלל ב״ר זאב־וואלף איז געווען אב״ד ראַצק.
119. אין זיינע, ווי אין זיין פאָטערס ספרים, טרעפט מען: אלט־שול, אלטשולער, אלטשילער.
120. דער ספר, וואָס איז אַ ביאור אויף הגדה, האָט געהאַט, משמעות, גרויס הצלחה, ווייל אין תקפ״ו איז שוין דערשינען אין ברעסלוי זיינס אַ פערטע אויסגאַבע. די ערשטע אויסגאַבע איז ארויס אין שקלאוו, תקנ״ד, די צווייטע — קאפּוסט, תקע״ב. אגב, „מיצר ים״ איז ר׳ אליקום געצילס אַ פּירוש אויף „שפת הים״ פון זיין פאָטער. — אין „אשכול״ און

דער ספר איז דאַטירט פון תקע״ט, ברעסלוי, און דעמאָלט איז ר׳ אליקום געציל שוין געווען אין הלוסק. קומט אויס, אַז אין ראַצק איז ער געווען אַן ערך אָנהייב נייננצנטן יאָרהונדערט.

ר׳ אליקום געצילס פאָטער איז דער מחבר פון „חמשה חלוקי אבנים״ (שקלאוו, תקנ״ד) און „זבד טוב״ (שקלאָוו, תקנ״ג, ווארשא, תקע״ד) — אַ דעטאַלירטער בויפּלאַן פון בית־המקדש, מיט אַ פּירוש פון ר׳ אליקום געציל.

איינער פון די אַלטשולס האָט אָנגעשריבן די יחוס־מגילה פון זייער משפּחה, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז „יותר מח״י דורות מלפניו [פאַר ר׳ אליקום געצילס פאָטער] היו כולם גדולי שרי התורה, אשר שמשו בכתר הרבנות בקהילות גדולות ומפורסמות, או כתר הרבנות היתה הולמתם, אנשי שם בישראל בתורה וביראה וקדושה בשם טוב וביחוסים״.[121]

ר׳ אליקום געצילס אַ הסכמה איז פאַראַן אויפן ספר „דרך המלך״ פון יחיאל ב״ר יהודה מק״ק קלווריע [שקלאוו, תקנ״ח].

הרב הגאון ר׳ אברהם מרגליות, אבד״ק טעלז, איז געווען דער אײדעם פון ר׳ זאב וואלף אלטשולער.[122] ר׳ זאב־וואָלפס אייניקל, הרב הגאון משה־זבולון מרגליות, איז אין 1889 געווען רב אין באָסטאָן און אין 1906 — רב אין ניו־יאָרק, איינער פון די גדולי הרבנים אין אמעריקע און פון די גרינדערס פון אגודת־הרבנים אין אַמעריקע אין תרס״א (1901).

## הרב ר׳ יוסף משה אהרנזאן

נאָך אַ דרשן און מחבר, וועלכער איז געווען „רב ומורה״ אין ראַצק,[123] מיט אַ 110 יאָר צוריק, איז הרב משה ב״ר אהרון מסלאנט (סאלאנט), געבאָרן אין 1805 בערך. ער איז מערערע יאָרן געווען מ״ץ ומ״מ אין מיר, דערנאָך אין זעלווע „ומשם נתקבל לרב ומורה בק״ק ראצקע במדינות פ׳ [פולין]. ער איז געווען רב ומורה אויך אין ווישטינעץ. לויט די דאַטעס אויף זיינע דרושים אין זיין ספר „מטעי משה״, איז ער אין 1844 שוין זיכער געווען אין ראצק. אין 1847 און 1848 טרעפן מיר אים שוין האַלטנדיק דרשות אין אייבערגען, האלאנד. 1862 איז ער אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז געוואָרן רב אין ,עדת ישורון״. אין ניו־יאָרק איז ער אויך געווען סופר סת״מ און שוחט.

מיטן נאָמען פון הרב אהרנזאן איז פאַרבונדן אַ גרויסע מחלוקת אין ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך דאָרטן צעפלאַקערט אין די זעכציקער יאָרן. ביז זיין קומען פלעגן יידן אין ניו־יאָרק עסן פון געשטאָכענע קעלבער,

„ענציקל. יודאַאיקא״ ווערט הלוסק ניט דערמאָנט אין דער רשימה פון שטעט, וואו ר׳ אליקום געציל איז געווען דיין.
121. „רשמות״, סדרה חדשה, כרך ד׳, ע׳ 133.
122. „אהלי שם״, ז׳ 39.
123. אין ס׳רוב אַמאָליקע ספרים — ראַצקע (מיט אַן „ע״) אָדער ראַצקי (מיט אַ „י״).

ד״ה מען פלעגט די קעלבער איינשטעכן און אָפּצאַפּן אַ גרויסן טייל פון בלוט דורך אַן אָדער פון האַלדז. הרב אהרנזאָן האָט אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף קעגן דעם און גע׳אסר׳ט אַזאַ סאָרט שחיטה. אין זיין ספר „מטעי משה״ מאָטיווירט ער זיינע טענות. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין אַנדערע לענדער און ווערט דערמאָנט אין די שאלות־ותשובות פון אַ ריי אייראָפּעאישע גאונים, ווי ר׳ יוסף שאול נאַטאנזאָן, ר׳ שמשון רפאל הירש, ר׳ שלמה קלוגער, ר׳ אלעזר הורוויץ פון ווין, ר׳ יצחק הלוי פון ווירצבורג א״אנד.[124]

ר׳ משה ב״ר אהרון איז געווען אַ קאָנסעקווענטער ייד. וואָס אים איז געווען הייליק און טייער, פאַר דעם האָט ער געקעמפט, זיך ניט רעכענענדיק מיט די רעזולטאַטן פאַר אים פּערזענלעך· זיין מחלוקת וועגן די געשטאָכענע קעלבער איז נישט געווען די איינציקע. ער האָט געפירט אַ גרויסע מחלוקת קעגן רב פון ניו־יאָרקער בית המדרש הגדול הרב ר׳ אברהם יוסף אַש צוליב זיין איינגעפירטן נוסח הגט אין ניו־יאָרק, קעגן די רבנים, וועלכע האָבן געגעבן אַ הכשר אויפן ווייַן פון קאַליפאָרניע און געפירט אַ קאַמף אַרום די שליחים פון דער ישיבת „עץ חיים״ אין ירושלים.

די מחלוקת איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַנדערע רבנים האָבן ר׳ משה אהרנזאָן אריינגעלייגט אין חרם. ר׳ משה׳ן איז געוואָרן ענג אין ניו־יאָרק און ער האָט זיך געלאָזן אין וועג צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט אָבער ניט זוכה געווען צו קומען אַהין, ווייל ער איז געשטאָרבן אין מיטן וועג, אין שיקאַגע, כה׳ אלול, תרל״ה.[125]

ר׳ משה ב״ר אהרן איז דער מחבר פון די ספרים:

1) „פרדס החכמה״, סדילקאָב, 1836.

2) „פרדס הבינה״, אמסטרדם, 1842 [1856]

3) „מטעי משה״, ירושלים, תרל״ח.

*

## הרב הגאון ר׳ יהודה לייב גינצבורג

איינער פון די עלטסטע רבנים אין פּיליפּאָווע, וועגן וועלכע מיר ווייסן, האָט דאָרטן געלעבט מיט אַן ערך הונדערט צען—צוואַנציק יאָר צוריק. אין „לתולדות משפחות גינצבורג״[126] ווערט איבערגעגעבן, אַז צווישן די „אויסגעצייכנטע גינצבורג־אָפּשטאַמיקע אין פאַרשיידענע לענדער״ איז הר״ר יהודה ליב גינצבורג, רב פון פּילי־פּאָווע· זיין נאָמען ווערט אויך דערמאָנט אין „עמודי אור״ פון הגאון ר׳ יחיאל העלער. דאָרטן (זייט ו׳) געפינט זיך אַ תשובה פון מחבר צו „יהודא ליב גינצבורג אב״ד פּיליפּאָווא״. אויף „ערוגת הבושם ובאר מים״, וואָס איז אַ פּירוש אויף תהלים (קאָניגסבערג [תרי״ב]) פון שמערל

124. זע אויך „השוחט והשחיטה בספרות הרבנות״, יקותיאל יהודה גרינוואלד, ניו־יארק, תשט״ו, ז׳ 6—7.

125. „אוצר ישראל״, חלק א׳, ז׳ 167.

126. זייט 63.

ראָזענטהאל, איז דאָ די הסכמה פון יהודא ליב בהמנוח מוהר״א חוב״ק פּיליפּאווא. פון מחבר׳ס הערה, ווי אויך פון ר׳ יחיאל העלערס תשובה, איז זיך משער צו זיין, אַז אין די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט איז ר׳ יהודה לייב געווען רב אין פּיליפּאָווע.

## הרב הגאון ר׳ חיים וואסערצוג

דער רב, מיט וועלכן פּיליפּאָווע האָט זיך געגרייסט, איז הרב הגאון ר׳ חיים במוהר״ר שמשון וואסערצוג, זעלטן ווער עס ווייסט זיין פאַמיליע־נאָמען, און ער איז אַלגעמיין באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ חיים פּיליפּאָווער.

ר׳ חיים איז געבאָרן אין פּלונסק. ער איז געווען רב אין טשענסטעכאָוו, רייגראָד, פּיליפּאָווע, סעריי און וויש־טינעץ. פּיליפּאָווער רבנות האָט ער פאַרנומען סוף פערציקער אָדער אָנהייב פופציקער יאָרן פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט· דער פאַקט, וואָס מען האָט אים אָנגערופן ר׳ חיים פּיליפּאָווער, איז אַ סימן, אַז אין פּיליפּאָווע איז ער געווען רב אַ לענגערע צייט.[127]

ר׳ חיים פּיליפּאָווער איז געווען אַ באַצויבערנדיקע פערזענלעכקייט. שכירות האָט ער גענומען נאָר אויף אויסקומעניש. דעם „פת במלח תאכל״ האָט ער מקיים געווען מיט אַלע קליפּערלעך. אין די נעכט האָט ער מערער געלערנט, ווי געשלאָפן. אהבת־ישראל איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט שטענדיק געזוכט מקיל צו זיין, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידיש געלט. צוליב „חס על ממונם של ישראל״ האָט ר׳ חיים פּיליפּאָווער אפילו איין מאָל גע׳פסק׳נט קעגן אַ פּסק־דין פון ווילנער גאון.[128] אַ טייל רבנים האָבן צוליב דעם אים געוואָלט אריינלייגן אין חרם. ס׳איז שוין געווען גערופן וועגן דעם אַ ספּעציעלע אסיפה פון פיל רבנים. ס׳האָט אָבער געווירקט דער אַרגומענט פון אַ רב, וואָס האָט געזאָגט: ווי קענען מיר, וואָס עסן נאָרמאַל און שלאָפן נאָרמאַל, משפּט׳ן אַ גאון, וואָס עסט ניט גענוג און שלאָפט ניט גענוג און איז זיך „„ממית באהלה של תורה״?[129]

ר׳ חיים פּיליפּאָווער איז געווען אַ גרויסער חקרן אין דת און הלכה. ער איז געווען אַ קעמפער קעגן חסידות און געהאַט אויסצושטיין צרות פון חסידים·

127. באַוואוסט, כאָטש פיל ווייניקער, אויך מיטן נאָמען ר׳ חיים ווישטיניצער.

128. „המליץ״, 1874, נר׳ 21.

129. דער יונג־אומגעקומענער פאָרשער פון יידן אין ליטע ד. מ. ליפּמאַן שרייבט אין זיין „לתולדות היהודים בקובנה וסל־בודקה״ (קידאַן, 1930, ז׳ 226), אַז צווישן די, וועלכע האָבן באַשולדיקט ר׳ חיים פּיליפּאָווערן אין צופיל מקיל זיין און געוואָלט אים פּשוט מעביר זיין פון רבנות, האָבן זיך געפונען די גרויסע גאונים פון זיינע שכנות׳דיקע שטעט: ר׳ יצחק־אייזיק חבר פון סואוואַלק און ר׳ משה־יצחק אביגדור פון סייני. געקומען מיט די טענות זיינען זיי צום גאון ר׳ לייבעלע שאַפּירא פון קאָוונע — און דער קאָוונער רב זאָל זיי האָבן געזאָגט: מיר לערנען אַ וואָך, וואָס ער לערנט אַ טאָג, און מיר עסן אַ טאָג, וואָס ער עסט אַ וואָך — ווי קענען מיר אים משפּט׳ן?

ר׳ חיים פיליפּאָווער האָט געלאָזן פיל חידושי־תורה אין כתב־יד. ט״ף שפּירא האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע מאמרים זיינע אין הלכה־ענינים.[130] ש״י פין האָט אָפּ־געדרוקט אַ טייל הקדמה פון זיין ספר (אין כתב־יד) „נשמת חיים״. פין זאָגט, אַז ר׳ חיים פיליפּאָווער איז געווען אַ גרויסער אוהב־אמת, דעריבער האָט ער לאַנג ניט געקענט זיך האַלטן אויף איין אָרט. ער האָט אויך פיל געליטן צוליב זיין ביטערער קעגנערשאַפט צו חסידות.[131]

ר׳ חיים פיליפּאָווער איז נפטר געוואָרן 1865 אין ווישטינעץ.[132]

## הרב הגאון ר׳ זבולון־לייב ברי״ט ליפּמאַן

איינער פון די פיליפּאָווער רבנים איז געווען הרב הגאון ר׳ זבולון לייב ברי״ט ליפּמאַן.[133] צי האָט ער פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין פיליפּאָווע גלייך נאָך ר׳ חיים פיליפּאָווער, איז ניט קלאָר. אָנהייב זיבעציקער יאָרן איז ער זיכער געווען דאָרטן רב.[134] היות 1873 האָט פיליפּאָווע שוין געהאַט אַ נייעם רב, דאַרף מען אָנ־נעמען, אַז ר׳ זבולון־לייב האָט פאַרנומען פיליפּאָווער רבנות אין די זעכציקער (און אפשר סוף פופציקער) יאָרן.

חידושי־תורה פון ר׳ זבולון־לייב געפינען זיך אין אַ ספר פון זיין איידעם, הרב הגאון ר׳ דוב משה בר׳ יחיאל מיכל נאמיאט, רב אין קראָזש, פלונגיאן א״אנד. אין דער הקדמה פון דאָזיקן ספר ווערט איבערגעגעבן, אַז שאלות־ותשובות פון ר׳ זבולון זיינען פאַרעפנטלעכט אין הלבנון, הפסגה, הפלס, יגדיל תורה און אין ספרים פון אַנדערע מחברים.[135]

ר׳ זבולון איז נפטר געוואָרן ב׳ סיון, תרס״ג.

הרב באַרי״ט איז געווען אַ הייסער חובב־ציון. ער איז געווען אַ ידיד פון הרב הגאון ר׳ צבי הירש קאַלישער, וועלכער האָט גערימט זיינע ציון־דרשות.[135*] אין די קול־קורא׳ס פון אָדעסער וועד זיינען תמיד דערמאָנט געוואָרן ציטאַטעס פון זיינע מאמרים. אין א. י. סלוצקיס „שיבת ציון״ איז פאַראַן זיינס אַ גרויסער אַרטיקל בשבח בנין ארץ־ישראל (ז׳ 43, אין חלק ב׳—ז׳ 55).

## הרב הגאון ר׳ משה זאַקס

אין 1873 איז געוואָרן רב אין פיליפּאָווע הרב הגאון ר׳ משה בר׳ יעקב זאַקס.

130. „המליץ״, 1903, נר׳ 18, 39 א״אנד; 1873, נר׳ 18, 19 א״אנד; 1874, נר׳ 21 א״אנד.
131. „כנסת ישראל״, ווארשא, 1886, ז׳ 344; „אוצר ישראל״, ז׳ 272.
132. „המגיד״, 1865, נר׳ 11.
133. ער איז באַקאַנט נאָר אונטערן נאָמען ברי״ט, אָבער דוד־מתתיהו ליפּמאַן, דער בעל „לתולדות היהודים בליטא־זאמוט״, וועלכער איז געווען משפּחה מיט אים, זאָגט, אַז זיין פאַ־מיליע־נאָמען איז ליפּמאַן — און, משמעות, מיט רעכט.
134. „הלבנון״, תרל״ג, נר׳ 3, 39; „המגיד״, 1872, נר׳ 7, הוספה.
135. „דברי משה״, ווילנא, תרס״ו.
135*. „הרב צבי הירש קלישר״, יצחק גור אריה, ירושלים, תרפ״ת, ע׳ קנ״ד.

ר׳ משה זאַקס איז געבאָרן אין ווילנא אין 1829.[136] ער האָט געלערנט ביים ווידזער רב ר׳ דוד און ביי ר׳ ישראל סאַלאַנטער. פאַר זיין רבנות אין פיליפּאָווע איז ער געווען רב 18 יאָר אין נעמאַקשט, וואו ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות. ביז 1886 איז ר׳ משה זאַקס געווען רב אין פיליפּאָווע און פון דאָרטן האָט אים נעמאָקשט ווידער צוגענומען אויפן כסא־הרבנות, און דאָס מאָל האָט ער דאָרטן שוין געהאַט מער נחת.

אין „אמרי שפר״ פון שמואל נפתלי הירש עפּשטיין (ווילנא, תרל״ד) איז דאָ זיינס אַ הסכמה.

ר׳ משה זאַקס איז נפטר געוואָרן ר״ח שבט, תרס״ה, אין נעמאַקשט. אין זיין ספר „דברי משה״ (ווילנא, תרל״ח) שרייבט ער, אַז ער שטאַמט „מגזע אהרון הכהן״.

## הרב הגאון ר׳ ירוחם פישל זאַבלודאָווסקי

נאָך ר׳ משה זאַקס איז געווען רב אין פיליפּאָווע הרב הגאון ר׳ ירוחם פישל בר׳ יהושע זאבלודאווסקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון דער באַוואוסטער ביאַליסטאָקער משפּחה. משמעות, אַז ער האָט פאַרנומען פיליפּאָווער רבנות ביז אָנהייב נײַנציקער. אין זיין ספר „מסתרי ים התלמוד״ (וואַרשא, 1896) שרייבט ער שוין „אשר הייתי אבד״ק פיליפּאווא״. די בעלי־הסכמות רימען אין דאָזיקן ספר דאָס וועלטלעכע וויסן פון מחבר. איינער פון זיי איז נחום סאקאלאוו, וועלכער שרייבט, אַז „והוא מתבונן בעין חודרת אל דברים רבים אשר לא הסכינו תופשי התורה לשים לבם אליהם״.

ר׳ ירוחם פישל איז דער מחבר פון אַ צווייטן ספר— „עטרות יהושע (ווילנא, תרמ״ב).

## הרב הגאון ר׳ אברהם־אריה גראָסבאַרד

הרב יהודה כאַשעסמאַן, געוועזענער רב פון באַק־לעראָווע, שרייבט אונדז פון שיקאַגע, אַז אין מיטן די נײַנציקער יאָרן איז געוואָרן רב אין פיליפּאָווע הרב הגאון ר׳ אברהם־אריה גראָסבאַרד. ער האָט איבערגע־נומען דעם פיליפּאָווער כסא הרבנות פון זיין פאָטער ר׳ ברוך. משמעות, אַז ר׳ ברוך איז געווען רב אין פיליפּאָווע אַ קורצע צייט, אָבער מיר האָבען ניט געקענט אויפקלערן גענויער דעם ענין. ר׳ ברוך איז פאַר פילי־פאָווע געווען רב אין גאַברי, ליטע, און נאָך פיליפּאָווע — רב אין באַלבירישאָק, ליטע. אין אַ רשימה פון פיליפּאָווער מנדבים פאַר ישוב ארץ ישראל אין „המליץ״ פון 1899 און 1903 געפינט זיך דער נאָמען פון הרב הגאון ר׳ א. א. גראָסבאָרד. הרב גראָסבאָרד איז געווען רב אין פילי[אָ]פאָווע ביז 1913. פון יענעם יאָר איז ער געזעסן אויפן כסא הרבנות פון שירווינט, וואו ער איז אומגע־קומען מיט דער גאַנצער קהילה קדושה דורך די נאַצישע מערדערס.

136. אַזוי קומט אויס לויט דער הקדמה פון זיין זון אין „בכורי ציון וענבי ציון״. לויט אייזנשטאַדטס „דור רבניו וסופריו״ — 1837.

אַ רב ומורה אין די פופציקער יאָרן (בערך) אין פיליפּאָווע איז געווען דער שפּעטערדיקער רב פון רייגראַד און סעריי הרב הגאון ר׳ יוסף אלחנן הלוי.

ר׳ יוסף אלחנן איז געבאָרן אין סייני. יונגערהייט האָט ער געשריבן שירים.

ר׳ יוסף אלחנן איז דער מחבר פון „עינות מים״ (וואַרשע, 1856). ער איז נפטר געוואָרן אין סעריי ז׳ תשרי, תרל״ז.[137]

*

## הרב הגאון ר׳ יעקב ב״ר יהודה לייב

דער עלטסטער רב פון אַלע צען דאָ באַשריבענע סואוואַלקער שטעט, וואָס אונדז איז געלונגען אויסצוגעפינען, איז פון קליינטשיגקן ישוב אין קראַסנעפּאָלע. ער האָט דאָרטן געלעבט מיט אַן ערך 160—170 יאָר צוריק (און אפשר נאָך פריער). זיין נאָמען איז ר׳ יעקב ב״ר יהודה לייב.

דאָס ביסל ידיעות, וואָס מיר האָבן וועגן אים, שטאַמט פון זיין ספר „פּדויות יעקב״, וואָס איז דערשינען „פה ק״ק פ״פ [פראנקפורט] ד׳אדר תקנ״ו״. אויפן שער־בלאַט איז אָנגעגעבן, אַז דער מחבר איז „חתן הנגיד (ה)מפורסם כמ״ה נתן נטע מק״ק פיליפּאָווע״. ער האָט אַ הסכמה פון אָרטיקן רב הרב הגאון נפתלי הירש קצנאילבוגן (קאַצענעלבאָגן).

פון דער הקדמה אין דאָזיקן ספר איז צו זען, אַז ער איז ניט נאָר אַ פיליפּאָווער אײדעם, נאָר אַז ער און אויך זיין טאַטע זיינען געווען פיליפּאָווער תושבים.[138]

ר׳ יעקב האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות, געווען אָפּט אויף די וועגן, געזעסן אפילו אין טורמע לאַנגע יאָרן. ער שרייבט: „הריעו בי בני בליעל להציבני כחץ למטרה ליתן אותי בבית־האסורים... (אַ צעריבן וואָרט) כל היום דוה אכלני חור״ף ביום ובלילה קרח״. זיצנדיק אין טורמע האָט ער זיך אַ נדר געטאָן, אַז אויב ער וועט אַרויס אויף דער פריי, וועט ער אָנשרייבן אַ חיבור. ער האָט זיין נדר מקיים געווען.

דאָס איז אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן דאָזיקן רב אין קראַסנעפּאָלע. אויך ש״י פין שרייבט, אַז מער איז ניט באַקאַנט וועגן אים.

ב. צ. אייזנשטאַדט האָט נאָך אויסגעפונען, אַז זיין פּאַטער, ר׳ יהודה לייב, איז געווען דער ערשטער שומר אויפן ווילנער בית־הקברות.[139]

## הרב הגאון ר׳ אריה ב״ר יצחק

גאָר ווייניק מזל האָבן מיר געהאַט צו די קראַסנע־פּאָלער רבנים, וועלכע האָבן געלעבט פיל־פיל שפּעטער פון ר׳ יעקב ב״ר יהודה לייב.

137. „המגיד״, 1876, נר׳ 39.

138. פון דעם קען מען, אגב, זען, אַז דער יידישער קיבוץ אין פיליפּאָווע איז לכל־הפחות 200 יאָר אַלט.

139. „דורות האחרונים״, ספר א׳, ניו־יאָרק, תרע״ד, ז׳ 210.

לויט אַ ידיעה אין „המגיד״ (נר׳ 34, הוספה), איז אין 1872 געווען רב אין קראַסנעפּאָלע הרה״ג ר׳ אריה במו״ה יצחק. קיין אַנדערע פּרטים וועגן אים ווייסן מיר ניט.

## הרב הגאון ר׳ עקיבא באראכאוויץ

אין 1896 האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין קראַסנעפּאָלע הרב הגאון ר׳ עקיבא בב״ר יצחק אליהו באַראַכאָוויץ. ער איז געבאָרן אין סקידל אין 1866.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַ רב אין סואוואַלקער געגנט זאָל דאָ געבראַכט ווערן די ווייטער־דיקע ציטאַטע פון „פּתח דבר״ אין זיין ספר „עקב רב״ (ווילנע, 1903): „עת להגות בחכמה ומדעים וידיעת שפות אחדות על בורין״. דאָרטן ווערט אויך געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון ש״ך.

*

## הרב הגאון ר׳ אליהו מרגלית

סוף דרייסיקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט איז געוואָרן רב אין פשעראַסלע הרב הגאון ר׳ אליהו מרגלית. ער האָט געשטאַמט פון קאַלוואַריע, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1811. ער האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין פשעראַסלע ביז אַרום סוף די פופציקער. שפּעטער איז ער געווען רב אין ווישיי, ראַדון און ראַקישאַק, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין 1867.

אין „עמודי אור״ פון ר׳ יחיאל העלער איז דאָ אַ תשובה צו ר׳ אליהו מרגלית, אב״ד פּרעראַשלע.

ר׳ אליהו האָט געהאַט פינף זין. איינער, ר׳ אשר מרגלית, איז נאָך אים געווען רב אין ראַקישאַק. אויף „הלכות גדולות״ (ווילנא, תרנ״ד) געפינען זיך זיינע הערות. אין „המגיד״ פון 1957 (נר׳ 28) איז דאָ זיינס אַ גרויסער אַרטיקל. אויך אין אַנדערע נומערן פון אָט דער צייטונג זיינען געדרוקט זיינע אַרבעטן.

זיין זון מרדכי איז געווען אב״ד ומו״צ אין אליקסט. ער איז דער מחבר פון „סוגה בשושנים״ (ווילנא, תרנ״ד).

דער באַוואוסטסטער פון אַלע זיינע זין איז ר׳ יצחק מרגלית (מרגליות). ער איז דער מחבר פון „מע״ז התלמוד״ (וואַרשע, 1868), „מעוז הים״ (ווילנא, 1870), „סופרי ישורון״ (בערלין, 1876). ר׳ יצחק מרגלית האָט מגיה געווען דעם אות „נון״ אין ׳פחד יצחק״, וואָס די חברה „מקיצי נרדמים״ האָט אַרויסגעגעבן (ליק, 1864). ער האָט פיל געשריבן אין דער דעמאָלטדיקער העברע־אישער פּרעסע.

ר׳ יצחק מרגליות איז געבאָרן געוואָרן אין קאַלוואַ־ריע אין 1842, געלעבט אין מערעטש און קאָוונע און סוף זיבעציקער יאָרן געווען רב אין דרוזגעניק. אין 1884 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז געווען רב אין „אנשי קלבריה״ שול. ער איז געשטאָרבן אין 1887.[140]

140. „תולדות אנשי שם״, דוד טעבלי אפרתי, וואַרשא, תרל״ה, ע׳ י״ב; דזשואיש ענציקל., VII, ז׳ 330; „תולדות ישיבת ה־יהודים בקורלאַנד״, לוי אווצינסקי, פּיעטרקוב, תרס״ח, ע׳ 46.

# הרב הגאון ר׳ אברהם יעקב סאנדראוויץ

נאָך ר׳ אליהו מרגליות איז געוואָרן פשעראָסלער רב הרב הגאון ר׳ אברהם אבא יעקב סאנדראוויץ (סענדרא־וויץ). משמעות, אַז ער איז דאָרטן געווען רב אין די זיבעציקער און אפשר אויך אָנהייב אַכציקער יאָרן. אין „בנין ציון" פון ר׳ יעקב יוקב עטטלינגער (ווילנא, תרל"ח) זיינען פאַראַן זיינע שאלות ותשובות, דאַטירט פון 1870, און גע׳חתמ׳עט „הגאב"ד פריראשלע". אין דער צווייטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן איז ער שוין נישט געווען אין פשעראשלע, ווייל אונטער זיינע אַרטיקלען אין אַ תורה־זשורנאַל פון ירושלים אין 1887 חתמ׳עט ער זיך „לפנים אבד"ק פריראשלי מ"מ פעה"ק" [מגיד מישרים פה עיר הקדש].[141]

אַ הסכמה פון הרב סאנדראוויץ איז דאָ אויף „זכרון תנחום", תנחום זרחי, ירושלים, תרנ"ב.

# הרב הגאון ר׳ בן־ציון זאב קרעניץ

פון 1895 ביז סוף 1897 איז געווען רב אין פשע־ראָסלע הרב הגאון ר׳ בן־ציון זאב בהרב ר׳ אברהם־אבא קרעניץ. ער איז געבאָרן אין 1858. פאַר פשעראָסלע איז ער געווען רב אין ברעזניק (סואוואַלקער גוב.) 6 יאָר, נאָך דעם — אין פרען און שוועקשנע.[142]

# הרב הגאון ר׳ בן־ציון יהודה לייב זאַקס

סוף 1897 איז געוואָרן רב אין פשעראָסלע הרב הגאון בן־ציון יהודה לייב זאַקס. ער איז געבאָרן אין 1870, געלערנט ביים נצי"ב און ר׳ חיים וואָלאָזשינער. ער איז דער זון פון הרב הגאון ר׳ משה זאַקס, וואָס איז געווען 13 יאָר רב אין פיליפּאָווע.

ר׳ בן־ציון איז געווען רב אין פשעראסלע 7 יאָר. פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין נעמאקשט, וואו ער האָט פאַרנומען דעם כסא־הרבנות פון זיין פאָטער. ר׳ בן־ציון איז נפטר געוואָרן אין נעמאקשט ארום 1933. זיין ספר „בכורי ציון וענבי ציון" איז דערשינען אין 1928. אויף „המבאר" פון חיים הלוי הערצמאן (ביאַליסטאק, תרע"ג) איז דאָ זיין הסכמה.

# הרב ר׳ דובער טויבער

אין די זיבעציקער אָדער אַכציקער יאָרן איז געווען מגיד־מישרים אין פשעראָסלע הרב ר׳ דובער בהרב ר׳ עזריאל זאב טויבער. נאָך איבער דרייסיק יאָר מגידות האָט ער זיך באַזעצט אין 1896 אין ירושלים. פאַר דעם איז ער געווען מגיד מישרים אויך אין וואַבאָלניק (ליטע) און מו"צ אין מיטאווע, טאַווריק און ניזבאָטקע. די לעצטע צען יאָר פאַר זיין קומען קיין ירושלים האָט ער געלעבט אין ווילנע.

141. „תורה מציון", חוברת א׳—ד׳. אין „המליץ", 1890, נר׳ 173, איז הרב סאנדראוויץ ארויסגעטראָטן מיט שאַרפע טענות קעגן דעמאָלט באוואוסטן חובב־ציון יעקב גאָלדמאַן.

142. „אהלי שם", ז׳ 202.



הרב טויבער איז דער מחבר פון „דובב שפתי ישנים", חלק א׳, ב׳, ג׳ (ירושלים, תר"ס), „שלחן המגדים" (ירושלים, תר"ס) און „שלחן המורים".[143]

*

# הרב הגאון ר׳ אליהו באַרדין

אין באקלעראווע האָט דעם כסא־הרבנות אין 1827 פאַרנומען הרב הגאון ר׳ אליהו באַרדין. ער איז געבאָרן אין 1797. ר׳ אליהו איז נפטר געוואָרן אין באקלעראווע, וואו ער איז געווען רב אַן ערך 40 יאָר.[144]

# הרב הגאון ר׳ שלמה שמריהו מרגליות

נאָך ר׳ אליהו באַרדין איז, משמעות, געוואָרן רב אין באַקלעראָווע הרב הגאון ר׳ שלמה שמריהו בהגאון ר׳ יצחק מרגליות. אין זיינס אַ מודעה וועגן אַ גע׳הרג׳עטן יידישן סאָלדאַט (המגיד, 1870, נר׳ 17) לעבן באַקלעראָווע חתמ׳עט ער זיך חופ"ק פה ק"ק. וויפל יאָר ער האָט פאַרנומען באַקלעראָווער רבנות, איז ניט באוואוסט.

# הרב הגאון ר׳ יהודה כאַשעסמאַן

ווער זיינען געווען די רבנים אין באַקלעראָווע נאָך ר׳ שלמה שמריה מרגליות, ווייסן מיר ניט. אין 1904 איז דאָרטן געוואָרן רב הרב הגאון ר׳ יהודה ב"ר ישראל אשר כאַשעסמאַן, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין 1876 אין האָראָדישץ. ער איז געווען 10 יאָר רב אין באַקלע־ראָווע און אַ יאָר אין קרעווע. פון 1925 ביז 1954 איז ער געווען רב פון „קהלת אנשי טיקטין" אין שיקאַגע.[145]

אין „מאסף דרושי" פון יעקב מאיר סאגאלאוויץ (ווילנא, תרס"ט) איז געבראַכט זיינס אַ דרוש.

*

# הרב הגאון ר׳ שלמה גאָרדאַן

אין יעלינעווע איז אין 1872 געוואָרן רב הרב הגאון ר׳ שלמה ב"ר יעקב גאָרדאַן. ער איז געבאָרן אין שאקי אין 1850. ער האָט אָנגעהאַלטן זיין רבנות אין יעלינעווע אַן ערך 10 יאָר. שפּעטער איז ער געווען רב אין דרוזגעניק כמעט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. נפטר געוואָרן אַ זקן מופלג.

אין זיין ספר „בנין שלמה וזכרון יעקב" (גראַיעווע, 1908, סימן ד׳) איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע שאלה[146] וועגן איינעם יחזקאל בן יוסף מייעלינעוו, אַ געבאָרענעם

143. אונדז איז ניט באקאנט, צי דער לעצטער ספר איז געדרוקט געוואָרן.

144. „המגיד", 1867, נר׳ 12.

145. „אהלי שם", ז׳ 19; „תולדות אנשי שם", עורך: א. ראנד, ניו־יאָרק, תש"י, ז׳ 52. אין לעצטן מקור ווערט אָנ־געגעבן, אַז הרב כאַשעסמאַן איז געווען 18 יאָר אין באַקלעראָווע.

146. אַ פּאָר שאלות זיינען, אגב, צו די סואוואַלקער רבנים ר׳ אליעזר שמחה ראבינאוויץ און ר׳ הלל ליבשיץ.

אין סואוואַלק. ער מיט זיין פרוי האָבן געהאַט אויס־געוואַנדערט קיין פּאַריז. ער האָט זיך באַטייליקט אין דער פראַנצויזיש־דייטשישער מלחמה אין 1870 און ניט צוריקגעקומען. זיין פרוי האָט זיך אומגעקערט קיין יעלינעווע און געוואָלט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן, טענה׳־דיק, אַז איר מאַן יחזקאל איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אין קריג. דער וויזשאנער רב האָט איר געגעבן אַ היתר. שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מאַן, אַז ער איז אין פּאַריז.

פון ספר איז אויך צו זען, אַז זיין אָנקל ר׳ יהודה לייב איז געווען דיין ומו״ץ אין ראסיין.

סוף פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז געווען רב אין יעלינעווע הרב גאָלדנסאָן. ער האָט שפּעטער געהאַט זיינע רבנות־שטעלעס אין שיקאַגע און סט. לואיס, וואו ער איז נפטר געוואָרן.

*

וויזשאַן איז אַן אַלטע יידישע קהילה, צום באַדויערן האָבן מיר אָבער ווייניק ידיעות וועגן אירע רבנים ביז 1905. אין ירושלימער „המאסף״ (תרס״ג, חוברת א׳, ה׳) געפינען מיר מאמרים פון שמואל צבי בהגאון מו״ה משה ארי׳ הלוי ווינן[147] רב מוויזאַן. מען קען אָננעמען, אַז דער דאָזיקער ר׳ שמואל צבי איז געווען רב אין וויזשאַן אין די זיבעציקער יאָרן און ער ווערט דאָס מסתמא דערמאָנט אין ר׳ שלמה גאָרדאָנס „בנין שלמה וזכרון יעקב״, ווען ער רעדט וועגן יעלינעווער יחזקאל בן יוסף. דעם וויזשאַנער רב׳ס נאָמען ווערט דאָרטן באַצייכנט מיט „הרה״ג רמ״א״, און זיינען, משמעות, די ראשי־תבות פון ר׳ משה אריה (הלוי).

אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז ר׳ שמואל צבי ווין געווען רב אין ניו־יאָרק.

*

אין פּונסק איז אין די 50ער יאָרן געווען רב הרה״ג ר׳ יעקב־טוביה גאָלדבערג. 1864 איז ער געוואָרן ראש־ישיבה אין סואוואַלק. ער האָט געלערנט אין דער קיידאַנער ישיבה, וואו ער איז אויך אַ שטיקל צייט געווען ראש־ישיבה.

אין 1869 איז געשטאָרבן אין סואוואַלק איינער מיטן נאָמען ר׳ יעקב ווילאוונער.[148] ישראל־זלמן סטאַראָפּאָלסקי שרייבט, אַז ער איז פריער געווען „אב״ד אין אַ קליין, נאָענט שטעטל״. קען זיין, אַז ער איז געווען רב אין איינער פון די 9 שטעט אין סואוואַלקער געגנט.[149]

*

צום דאָזיקן קאַפּיטל, מיינען מיר, דאַרפן אויך צו־געשריבן ווערן די נעמען פון די יעניקע, וועלכע זיינען געווען רבנים, דיינים וכו׳ אין אַנדערע מקומות, אָבער זיי שטאַמען פון סואוואַלק און אומגעגנט, אָדער פון

147. גיכער: ווין. אין „המאסף״ פון תרס״ד זיינען דאָ פיל שבחים פאַר אים און זיין פרוי חיה רוזא פאַר העלפן דעם זשורנאַל. דאָרטן איז אויך פאַראַן זיינס אַ המלצה פאַרן „המאסף״.

148. אין אַן אַנדער אָרט: ווילנער.

149. „המגיד״, 1869, נר. 48, הוספה.



אַזעלכע, וועלכע זיינען געווען רבנים, דיינים, מגידים אין סואוואַלקער אויסלענדישע חברות.

הרב הגאון ר׳ אריה לייב ב״ר אליעזר, וועלכער איז געווען רב אין סאסמאקין, לעטלאַנד, דערנאָך ר״מ אין דווינסק און צום סוף פיל יאָרן אין ראדין, איז אַ געבאָרענער אין ראַצק. לויט דער בקשה פון הרב הגאון ר׳ אברהם אבלי פּאָסוואָלער, איז ער געוואָרן מורה צדק אין ווילנע. ר׳ אריה לייב איז געווען אַ חבר אין לערנען מיט הגאון ר׳ יהודה בכרך, דעם אב״ד סייני, און תלמיד פון פּלאָצקער רב הגאון ר׳ אריה לייב צונץ. צוליב זיין שאַרפן קאָפּ האָט מען אים גערופן ר׳ לייב חריף. ער איז געווען דער איידעם פון צדיק און מקובל ר׳ גדליה, אב״ד אָסטרע. זיין זון ר׳ אברהם ישׂשכר ראַצקער איז מערערע יאָרן געווען ר״מ אין דווינסק און וויטעבסק. ער איז געשטאָרבן אין 1890 אין סווענציאַן. ר׳ אברהם ישׂשכר׳ס זון, ר׳ צבי הירש ראַצקער, איז געווען רב אין ניי־סווענציאַן. ער איז דער מחבר פון „זרע אברהם״ (קראקא, תרנ״א). אין „ילקוט אליעזר״ פון אליעזר ראַנין (קובנה, תרע״א) געפינען זיך זיינע שאלות־ותשובות.[150–151]

הרב הגאון ר׳ שאול שאַפּיראָ, אַ געבאָרענער אין סואַ־וואַלק, איז איבער 30 יאָר געווען רב אין סאַפּאָטקין, סואוואַלקער גובערניע. ער איז אַ תלמיד פון הגרי״ב און מען האָט אים גערופן ר׳ שאול חריף. נפטר געוואָרן אין סאַפּאָטקין אין 1887.

ר׳ נחום ליפּמאַן, געבאָרן אין 1848 אין סואוואַלק, איז אין 1870 אַוועק קיין לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרן הויפּט־משגיח איבער אַלע שוחטים אין שטאָט.[152]

הרב ר׳ משה חיים חיימזאָן, געבאָרן אין 1862 אין סואוואַלק, איז פון 1901 ביז 1911 געווען ראש בית־דין אין ענגלאַנד און פון 1911 ביז 1913 — ממלא־מקום פון רב הכולל אין ענגלאַנד. שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין דער חברה „אורח חיים״ אין ניו־יארק, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1949 אין עלטער פון 87 יאָר. ר׳ משה חיים איז דער מחבר פון עטלעכע ספרים וועגן רעליגיעזע ענינים. ער האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש דעם „משנה תורה״ פון רמב״ם און אַנדערע ספרים. ער איז געווען אַ מומחה אין דער אַלטער און מיטלעלטערלעכער ליטע־ראַטור.[153]

הרב ר׳ צבי איזאַקס, געוועזענער אב״ד יאָהאַניסבורג און רב ומטיף אין לאָנדאָן, איז געבאָרן געוואָרן 1860 אין סואַוואַלק.

150. „גדולת מרדכי״, משה מרדכי ישראל ריבקינד, שיקאגא, 1904, ז׳ ד; „תולדות ישיבת היהודים בקורלאנד״, ז׳ 130; יעוור. ענציקלאפּעדיא, XII, ז׳ 336; „אוצר התמונות״, ב. צ. אייזענ־שטאַדט, ניו־יארק, 1915, ז׳ 9; „תורה מציון״, תרס״ה, חוברת ג׳.

151. דאָרטן.

152. „אהלי שם״, ז׳ 454.

153. „הדאר״, תש״ט, גל׳ ל׳; „דורות האחרונים״, ב. צ. אייזענ־שטאַדט, ז׳ 156; „חכמת ישראל במערב־אירופּה״, עורך: ד״ר שמעון פדרבוש, ניו־יורק, תשי״ט, ע׳ 510. The Jewish Universal Encyclopedia, p. 509.

הרב ר׳ ישראל יוסף בערלין, געבאָרן 1860 אין מאַטיסלאַוו, איז געווען רב אין „משכן ישראל אנשי סובאלק״ אין ניו־יאָרק. אין 1895 איז דאָרטן געווען רב ר׳ דובער אַבראַמאָוויץ.[154]

אין מיטן די נײַנציקער יאָרן איז „רב לעדת אנשי סובאלק״ אין שיקאַגע געווען ר׳ יוסף קאָמיסאַרסקי, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן 1831 אין פיליפּאָווע. 1884 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. ער איז מחבר פון אַ ריי חיבורים. [154*] אויף „שומר אמונים״ פון חיים יחיאל אָשרי (באַלטימאָר, תרנ״ו) איז פאַראַן זײַן הסכמה.

הרה״ג ר׳ אברהם אליעזר אַלפּערשיין איז פון 1884 ביז 1899 געווען רב אין „בית הכנסת סובאלק״ פון שיקאַגע. ער איז געבאָרן 1853 אין קאָברין.[155]

ר׳ שמואל קלמן מעלינעק איז אין 1894 געוואָרן אַ מגיד־מישרים אין לאָנדאָנער חברה „פועלי צדק בני סובאַלק״.

הרה״ג ר׳ ישראל איזאַקסאָן איז אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט געווען רב אין גרויסן בית־הכנסת פון די סואַוואַלקער אין ניו־יאָרק „כל ישראל אנשי פולין.״[156]

פון 1906 ביז 1922 האָט דער זעלביקער בית־הכנסת געהאַט פאַר אַ רב ר׳ מרדכי דאָקטאָר, מחבר פון 2 בענד „קובץ נאומים לזמנים, לענינים ולמקרים שונים בחיי הלאום, המשפחה והיהדות״ (ניו־יאָרק, תרפ״ב). זײַן פאָטער ר׳ צבי־הירש ב״ר שמריה האָט געשטאַמט פון נאָוואראַדעק. דעם פאָטערס אמת׳ער נאָמען איז געווען רויט, אָבער צוליב פּריזיוו־ענינים איז דער זון געוואָרן „דאָקטאָר״. ר׳ מרדכי׳ס קינדער זײַנען געשטאָרבן אין סואוואַלק בעת דער דאָרטיקער גרויסער סקאַרלאַטין־עפּידעמיע אין 1900—1901. נאָך דער פּטירה פון הרב מרדכי דאקטאר איז זײַן רבי׳צין מלכה אַוועק צוריק קיין סואוואַלק און זי איז שפּעטער אומגעקומען פון די נאַציס אין ביאלא־פּאדלאסק, הי״ד.

הרב הגאון ר׳ שבתי סופר איז אין 1904 געווען רב אין „מחזיקי תורה אנשי סייניער״.[157]

הרב הגאון ר׳ חיים האַלידיצקי איז געווען רב אין דער שול „אנשי סיניער ואנשי ווילנא בניו־יאָרק.[158] אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דאָרטן געווען מגיד ר׳ ישעיה צבי אבנר.[159]

הרב הגאון ר׳ מעשיל, אב״ד ווישקעס, איז געווען באַקאַנט מיטן נאָמען „סואוואַלקער עילוי״. ער איז געווען דער שווער פון הרה״ג ר׳ צבי־הירש ימיני, אב״ד ווילאָן.[160]

154. „העברי״, 1895, נר׳ 13; „לתולדות ישראל באמריקה״, ב. צ. אייזענשטאַדט, ניו־יארק, תרע״ז, ע׳ ד׳.

154*. “History of the Jews in Chicago”, H. L. Meites, New-York, 1924, p. 556.

155. „תולדות אנשי שם״, א. ראנד, ע׳ 3.

156. „אהלי שם״, ז״ז 306, 458.

157. „המאסף״, ירושלים, תרס״ד.

158. „דורות האחרונים״, ז׳ 297.

159. „מגדל דוד״, שמואל דוד סאבעל, ניו־יארק, תרס״ז, פּרענומעראַנטן־רשימה.

160. „אהלי שם״, ז׳ 59.

ר׳ אליעזר ב״ר שמואל ראנין, מו״צ אין נײַשטאָט, ליטע, אַ געבאָרענער אין קאָרעץ, האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין סייני.[161] ער איז דער מחבר פון „ילקוט אליעזר״ (קובנה, תרע״א) און „שיח אליעזר״ (ווילנא, תרס״ו).

הרה״ג ר׳ זאב־חיים ווײַן, אַ געבאָרענער אין ראַצק אין 1905, איז פון 1939 רב אין בית־המדרש הגדול פון שיקאַגע. הגאון ר׳ מרדכי, אב״ד קיבאַרט, ליטע, איז געווען זײַן זיידע.[162]

הרב הגאון ר׳ מרדכי קרימער, רב אויפן שאָסייבאַרג אין קאָוונע, איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1897. ער האָט געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע קאָוונער יידן.

הרה״ג ר׳ אפרים צבי מינזבערג, אַ געבאָרענער אין ליפּסק, סואוואַלקער גובערניע, האָט אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט געלערנט דריי יאָר אין דער תלמוד־תורה וישיבה פון סואוואַלק ביי הרב צבי־הירש רעזניק, הרב משה לערנער און הרב משה שטערמאַן. ער איז געווען רב אין עטלעכע קהילות אין רוסלאַנד און שפּעטער אין אַמעריקע.

הרה״ג ר׳ מאיר־צבי לוי, וועלכער איז פון 1902 געווען רב אין טאָראָנטאָ, האָט זײַן גרסא דינקותא באַקומען אין סואוואַלקער תלמוד־תורה וישיבה ביים ראש־ישיבה הרב ר׳ טוביה גאָלדבערג.

הרב הגאון ר׳ מרדכי יצחק עפּשטיין, אב״ד זיים, ליטע, און שעיפעלד, אַמעריקע, האָט פיר יאָר געלערנט אין סואוואַלק.

ר׳ משה חיים ראַצקער איז געווען מו״צ אין איינער פון די קהילות אין פראַנקפורט ביים מיין.[163]

הרב הגאון ר׳ אהרן טשארני, איצטיקער רב און באיאן, ניו־דזשוירזי, איז אַן אײדעם פון חיה־ביילע דאַלאָוויטש, דער טאָכטער פון ר׳ אליעזר צבי און קלאַרע אפּענהיים פון ראַצק.

דער איצטיקער רב הכולל פון מעקסיקע ר׳ דוד שלמה ראַפּאַלין איז געבאָרן געוואָרן אין פּונסק אין 1899. ער האָט געלערנט אין סואוואַלקער און סלאַבאָדקער ישיבות. פון 1922 איז ער געווען 3 יאָר רב הכולל אין קובאַ.[163*]

אַ משפחה־שייכות צו סואוואַלק האָט געהאַט דער ביאַליסטאָקער רב הגאון אליקום געציל מאיר, וואָס זײַן סואוואַלקער אייניקל משה יהושע ב״ר בצלאל יהודה פאבראבייניק האָט אָפּגעדרוקט זײַן ספר „בית אליקום״ (ווארשא, תרמ״ו).

ביי דער געלעגנהייט זאָל דאָ דערמאָנט ווערן איינער, וואָס כאָטש ער איז ניט קיין רב און ניט קיין דיין, האָט ער אָבער אַ חלק אין איינעם פון די גראַנדיעזסטע תורה־מוסדות אין אמעריקע — ר׳ יהונתן שעפּף, זון פון ר׳

161. דאָס איז צו זען פון זײַנס אַן אָפּשייד־ברכה אין פאָרעם פון אַ ליד, פאַרעפנטלעכט אין „תשובות מנחם״, מנחם מענדיל פּנחס פּערעוואזניק, ירושלים.

162. „תולדות אנשי שם״, א. ראַנד, ז׳ 42.

163. „דעת מרדכי״, חלק א׳, מרדכי יצחק אייזיק ראבינאוויץ, קיידאן, תרצ״ט, סימן ל״ג.

163*. „בויער פון אַ ישוב״, ל. פאָרעם, מעקסיקע, 1947, ז׳ 108.

שמערל שערעשעווסקי, וואָס האָט געהאָלפֿן גרינדן די „ישיבת רבנו יצחק אלחנן" אין ניו־יאָרק. ער איז אַליין אַ געבאָרענער אין סואוואַלקער גובערניע (דאָרף שצעבּ־ראַ) און האָט 5 יאָר געלערנט אין דער ישיבה פון סואוואַלק.

## די רבנים־משפחה אפרתי

דער קאַפּיטל וועגן סואוואַלקער רבנים וועט ניט זיין פאַרענדיקט, אויב מען זאָל צו אים ניט צוגעבן עפּעס וועגן דער רבנים־משפחה אפרתי, וואָס איז בעיקר אַ סואוואַלקישע.

הרב ר' אליעזר אפרתי איז אַ געבאָרענער אין סואוואַלק (אַן ערך 1846). זיין פאָטער, ר' בן־ציון, איז אַ סואוואַלקער נגיד. זיין מאַמע, יענטע, איז די טאָכטער פון סואוואַלקער גביר ר' אריה־לייב ביאַליסטאָצקי, אַ דאָרטיקער גביר'ישער משפחה. ר' בן־ציון'ס ברודער, ר' מנחם־מענדל, האָט געלעבט אין קאַלוואַריע.[164] זיין איינ־ציקע שוועסטער, שרה פערל, האָט חתונה געהאַט מיט משה־דוב פריד פון לאָזדיי. ר' שמואל־יוסף יערוזאַ־לימסקי, אַן אַלטער סואוואַלקער תושב, איז געווען זיין עלטער־אָנקל.[165]

ר' אליעזר אפרתי האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין בריסק דליטא און דערנאָך געווען אַ תושב אין קאָוונע. ער איז דער מחבר פון די ספרים 'אבן ציון" (וואַרשע, 1866, חלק א') און „דור ודורשיו" (ווילנא, תרמ"ט).[166]

אויך דער זון פון ר' מנחם־מענדל אפרתי, דעם ברודער פון ר' בן־ציון, האָט געהייסן אליעזר. ער האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין שאַוול, וואו ער איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איינער פון די חשוב'סטע טובי העיר. זיין אָנקל, ר' דוד טעבלי, רופט אים „הגביר והליטעראַט משאַוויל".

דער פּאָר פון סואוואַלקער אפרתי'ס איז ר' אליעזר'ס אָנקל הרה"ג ר' דוד טעבלי אפרתי, באַקאַנט אונטערן נאָמען ר' דוד־טעבלי מוויטעבסק.

ר' דוד טעבלי אפרתי איז געבאָרן 1850 אין מע־רעטש,[166*] סואוואַלקער גובערניע. זיין פאָטער, ר' אברהם, שטאַמט פון ווילקאָווישק, סואוואַלקער גוב., און איז דער זון פון הגאון ר' לייזער פּרוזינער. ר' דוד טעבלי'ס עלטער־זיידע איז דער גאון ר' חנוך העניך פון קאַל־וואַריע, דער זון פון גאון עולם ר' יהודה יסו"ד. ר' דוד־טעבלי אפרתי איז משפחה'דיק געבונדן מיט ר' דוד־

164. אויף דער פּרענומעראַנטן־רשימה פון „פרדס החכמה" (סדיל־קאָב, 1836) געפינט זיך זיין נאָמען.

165. שמואל יוסף יערוזאַלימסקי איז געווען אַ ברודער פון ר' אריה לייב ביאַליסטאָצקי, נאָר פון „סגולה" וועגן, פאַרן פּריזיוו, משמעות, האָט איין ברודער געאַנדערשט זיין פאַמיליע־נאָמען. יצחק עטינגער פון סואוואַלק איז געווען יערוזאַלימסקיס איידעם.

166. די געבראַכטע ידיעות וועגן אים זיינען גענומען פון זיינע ספרים.

166*. „ענציקל. יודאַאיקא גיט אָן זיין געבוירן־אָרט — האַראַדאָק, אָבער ר' דוד טעבלי אליין שרייבט אין זיין „תולדות אנשי שם": „מרץ [מערעטש] עיר מולדתי".

טעבלי בריסקער (עלטער־זיידע), מיט ר' דוד־טעבלי פון בראָדי, אבד"ק הארחוב וליסא און מיט ר' דוד טעבלי ליפּשיץ פון סלאָנים.[167]

ר' דוד טעבלי אפרתי האָט צו 14 יאָר שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ חיבור „דלתות זהב". צו 15 יאָר זיינען זיינע מאמרים געדרוקט געוואָרן אין „הלבנון". אין 1873 איז ער פלוצעם אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ מסירה („נתפשתי בכף מלשני בסתר"). אין אַ יאָר אַרום איז ער געפונען געוואָרן אומשולדיק.[168]

ר' דוד טעבלי אפרתי איז דער מחבר פון די ספרים און פירושים:

1) „דברי דוד", בערלין, תרל"ה.
2) „יד דוד טעבלי", לעמבערג, תר"מ (מיט קונטרס „שתילי זיתים").
3) „מגדול דוד", מאַינץ, תרל"ב.
4) „מאירת עינים", קונטרס.
5) „קהלת דוד האפרתי", בערלין, תרמ"ד.
6) „שמענוה באפרת", קונטרס.
7) „שתילי דוד" און 'קול דוד" (אין „נטעי אברהם").
8) „תולדות אנשי שם", וואַרשע, תרל"ה.
9) „מטעי אפרתי", פּרעמישלא, תרמ"ב.

אין „חיי יעקב" פון חיים יעקב לנדא (ווילנא, תרע"ג, חלק א') ווערן געבראַכט מערערע שאלות־ותשובות פון ר' ד"ט אפרתי.

ר' דוד טעבלי'ס הסכמות געפינען זיך אין:

1) „קנה אברהם", אברהם אביש, וואַרשע, תרמ"ד.
2) „מלחמת אהרן", אהרן פרידמאַן, ווילנא, תר"מ.
3) „המדריך", אברהם בנימין זינגער, פּרעסבורג, תרמ"ב.

ר' דוד טעבלי אפרתי האָט רעדאַגירט דעם „עץ החיים" (לעמבערג, 1881, בערלין, 1884), דעם „התנובה" און „יגדיל תורה" (אָדעס).

ר' ד"ט האָט געלאָזן אין כתב־יד עטלעכע חיבורים: „גפן אדרת", „ייטב לב" אויף משניות און אַ גרויסן ספר אויפן „זהר".[168*]

הרב אפרתי איז געווען אַ הייסער חובב־ציון. אין וויטעבסק איז ער געווען אַקטיוו פאַר חיבת־ציון. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט דעמאָלט אויך געלעבט אין וויטעבסק און דאַן געווען קעגן ישוב ארץ־ישראל, דערמאָנט אים אין זיינע זכרונות פון יענער תקופה.

ר' דוד טעבלי איז נפטר געוואָרן אין פראַנקפורט ביים מיין אין זיין עכטער בליצייט — צו 34 יאָר.[169]

167. אין „עיר תהלה" פון אריה ליב פיינשטיין (וואַרשע, 1886, זז' 168, 179) זיינען פאַראַן עטלעכע בריוו פון ר' ד"ט אפרתי, אין וועלכע עס ווערט באריכות אויסגערעכנט זיין יחוס ביז אין די ווייטע דורות אריין.

168. „אנשי שם", ח. בראָווערמאַן, וואַרשע, תרנ"ב; ענציקל. יודאַ־איקא און ר' דוד־טעבלי'ס ספרים.

168*. „האסיף", וואַרשע, תרמ"ו, ז' 754.

169. חידושי־תורה פון זיין פלימעניק ישראל יצחק האפרתי געפינען זיך אין „הצופה בארץ החדשה" (ניו־יאָרק, 1871, נר'. 43, 44 א"אנד).

# שריפטשטעלערס

סואוואַלק און אירע ארומיקע 9 שטעטלעך האָבן דער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור ניט געגעבן קיין גלאַנץ נעמען, פון דאָרטן שטאַמען אָבער שריפטשטעלערס, וואָס האָבן, יעדער לויט זיין טאַלאַנט, צוגעטראָגן זייער חלק צו דער יידישער און בעיקר העברעאישער שאַפונג פון 19טן יאָרהונדערט. טייל פון זיי האָבן אויך געשריבן אין אַנדערע שפּראַכן.

## יוסף שיינהאַק

איינער פון די עלטסטע סואוואַלקער העברעאישע שרייבערס איז יוסף שיינהאַק,[1] געבאָרן אין 1812. זיין פאָטערס נאָמען איז בנימין־דוב, זיין מוטערס — שרה־רחל פון סטאַוויסק. שיינהאַק שטאַמט פון טיקטין, אָבער ער איז, משמעות, אין זיינע יונגע יאָרן אַוועק קיין סואוואַלק, וואו ער האָט געלעבט די מערסטע צייט ביז זיין טויט. איינער פון די סואוואַלקער ראשי־הקהל, משה קראַקאָווסקי, ווי ס'איז צו זען פון דער פּרענומעראַנטן־רשימה אין שיינהאָקס „ספר המלואים", איז געווען זיין שוואָגער, און קען זיין, אַז נאָך דער חתונה מיט קראַקאָווסקיס שוועסטער האָט ער זיך באַזעצט אין סואוואַלק. דער פאַקט אַז אַלע זיינע ספרים זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן בעת זיין אויפהאַלט אין סואוואַלק, איז אַ סימן, אַז טיקטין האָט ער פאַרלאָזט יונגערהייט. אין זיין „תולדות הארץ", וואָס איז דערשינען אין 1841, שרייבט ער אויפן שער־בלאַט: „מילידי טיקטין המתגורר בסובאלק". פון דער הקדמה (ז' כ"ח) אין זעלביקן ספר איז צו זען, אַז שוין אין 1840 האָט ער געלעבט אין סואוואַלק. צו 27—28 יאָר, בכן, האָט שיינהאָק שוין זיכער געוואוינט אין סואוואַלק — און אפשר נאָך פריער.



יוסף שיינהאַק

צוליב די ענינים פון זיינע ביכער פלעגט שיינהאָק פאָרן קיין וואַרשע, וואו ער פלעגט אָפט פאַרברענגען ניט קיין קורצע צייט. די פאַמיליע איז תמיד פאַרבליבן אין סואוואַלק. אין דער הקדמה פון זיין „המשביר" דאַנקט ער זיין שוואָגער משה קראַקאָווסקי, „וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף די ענינים פון מיין הויז און מיינע

1. ניט שיינהאַך, ווי אַנדערע שרייבן בטעות.

קינדער אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין וואַרשע". פון דעם איז צו זען, אַז די אַלע, וועלכע ריידן וועגן שיינהאָקן ווי וועגן אַ „וואַרשעווער משכיל", מאַכן אַ טעות.

שיינהאָק האָט געקענט פיל שפּראַכן (גריכיש, לאַטיין, אַראַביש, אַראַמיש א"אנד.), ווייל אָן אַ גרויסער לשונות־קענטעניש וואָלט ער אַ טייל פון זיינע ביכער ניט געקענט שרייבן. צי האָט ער די שפּראַכן ערגעץ־וואו און ביי עמעצן געלערנט אָדער ער איז געווען אַן אויסער־געוויינלעך־פעאיקער אויטאָדידאַקט — איז אונדז ניט באַקאַנט.

אין זיין „תולדות הארץ" (ווארשא, תר"א) קלערט שיינהאַק אויף די „פלאי יוצר בראשית", לויטן אויסדרוק פון הגאון ר' יצחק־אייזיק חבר אין זיין הסכמה. דאָס איז איינס פון די ערשטע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף עברית.

פישל לחובר, דער באַוואוסטער העברעאישער ליטעראַטור־קריטיקער, שרייבט: „פון די ערשטע, וואָס האָבן פיל פאַרשפּרייט דאָס וויסן וועגן וועלט און נאַטור צווישן די העברעאישע לייענערס, איז אויך געווען יוסף שיינהאַק פון סואוואַלק".[2]

שיינהאַקס „ספר המשביר או ערוך החדש" (ווארשא, 1858) דערקלערט די וואָרצלען פון די ווערטער אין תנ"ך, ש"ס, מדרשים וכו', זיי פאַרגלייכנדיק מיט אַ ריי אַנדערע שפּראַכן.[3] זיין „ספר המלואים או משביר החדש" (ווארשא, 1867) איז אַ המשך פון פריערדיקן בוך. אויפן לעצטן ספר געפינען זיך הסכמות פון די גאונים ר' יצחק־אלחנן, ר' שמואל אביגדור תוספאה פון קארלין א"אנד.

אַ ריי באַוואוסטע שרייבערס פון זיין צייט, ווי ש. י. פין, למשל, האָבן שטאַרק געריימט שיינהאַקס ספרים.[4]

ס'איז ניט געווען קיין גרויסע גוזמא אין דער ידיעה פון י. ז. סטאַראָפּאָלסקי וועגן שיינהאָקס טויט, אַז ס'איז געשטאָרבן „הרב החכם הכולל המבקר הגדול המפורסם".[5] שיינהאָק איז געשטאָרבן אין 1870 און דער סואוואַלקער רב הרב הגאון ר' אליעזר שמחה ראַבינאָוויץ האָט אים מספּיד געווען.

שיינהאָק איז בשעתו געווען אַזוי באַקאַנט, אַז אויף

2. „תולדות הספרות העברית החדשה", ספר ב', חלק ב', תל־אביב, תש"ז.
3. אין „המגיד" פון 1857, נר' 13, איז דאָ שיינהאַקס אַן אויפרוף־אַנאָנס וועגן דאָזיקן בוך אונטערן נאָמען „שמעו נבונים מלי".
4. „שפה לנאמנים", ש. י. פין, ווילנא, תרמ"א, ע' 167. — שיינהאָק האָט פאַרעפנטלעכט אין העברעאישע צייטשריפטן אַ ריי דערקלערונגען און הערות צו שווערע פסוקים אין תנ"ך און מימרות אין ש"ס, ווי, למשל, אין „הכרמל", תרכ"א, נר' 28 („הגהה בש"ס"), נר' 29 („באור מקראי קדש") און אַנדערע.
5. „המגיד", 1879, נר' 49. — אין בריוושטעלער „כתב יושר החדש" (ווארשא, תרל"א) ווערן עטלעכע שיינהאַקס בריוו געבראַכט ווי אַ מוסטער.

אַ קאָלעקטיוו בילד „תמונות חכמי וסופרי ישראל", פאָטאָגראַפיעס פון די באַרימטסטע יידישע געלערנטע און שריפשטעלערס פון אַמאָליקן רוסלאַנד, איז דאָ אויך זיין בילד.[6] דאָס בילד איז איצט אַ יקר־המציאות.

אין דער פרענומעראַנטן־רשימה פון זיין „ספר המלואים" רופט י. שיינהאָק אָן איינעם „בני ר' שמואל שיינהאק". דער דאָזיקער שמואל האָט ארויסגעגעבן „איוב" (ווארשא, תרנ"ו) און „משלי" (ווארשא, תרנ"ה) מיט זיינע פירושים. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1835 און געשטאָרבן אין 1913.

אין סטאַוויסק האָט געלעבט שיינהאָקס ברודער זבולון אריה־לייב.

## יהודה לייב פּאַראַדיסטאַל[7]

איינער פון די אינטערעסאַנטע העברעאישע שריפט־שטעלערס פון סואוואַלק איז יהודה־לייב פּאַראַדיסטאַל. צום באַדויערן, זיינען דאָ ווייניק ידיעות וועגן זיין לעבן. דאָס איינציקע, וואָס מיר ווייסן וועגן זיין אָפּשטאַם, איז צו געפינען אין דער הקדמה פון זיין בוך „מערכת מכתבים" [8] (ווארשא, 1853). דאָרטן שרייבט פּאַראַדיסטאַל, אַז „איך בין געבאָרן געוואָרן אין אַ קליין דאָרף פון אַ ליטווישן קרייז (מחוז), און מיט די יינגלעך פון די דאָרפסלייט האָב איך זיך געשפּילט (היה בריתי), ביז א־ך בין אַלט געוואָרן 14 יאָר". ער איז געבאָרן, הייסט עס, אין אַ ליטוויש דאָרף, וואָס איז געלעגן, משמעות, אין סואוואַלקער געגנט אָדער נאָענט צו איר. אין 1841 איז פּאַראַדיסטאַל שוין געווען אין סואוואַלק, ווייל צווישן די סואוואַלקער פרענומעראַנטן אויף שיינהאָקס „תולדות הארץ", וואָס איז אַרויס אין יענעם יאָר, געפינט זיך זיין נאָמען.

אין 1862 [9] האָט פּאַראַדיסטאַל געגרינדעט אין סוא־וואַלק די ערשטע העברעאישע שול. אין 1864 האָט זיין שול נאָך גוט פּראָגרעסירט. דאַרף מען משער זיין, אַז ביז אַן ערך סוף זעכציקער יאָרן האָט פּאַראַדיסטאַל נאָך זיכער געלעבט אין סואוואַלק. ער איז דערנאָך אריבער קיין וואַרשע, אָבער ווען און ווי לאַנג ער איז דאָרטן געווען, ווייסן מיר ניט. קלאָר איז נאָר, אַז זיינע ביכער האָט ער געשריבן אין סואוואַלק און ניט אין וואַרשע.

נאָך איידער פּאַראַדיסטאַל האָט געעפנט זיין העב־רעאישע שול אין סואוואַלק, האָט ער דאָרטן יאָרן פריער זיך פאַרנומען מיט געבן „שטונדן" אויף דייטש, פראַנ־צויזיש און העברעאיש. די דאָזיקע שפּראַכן האָט אין 1854—1857 געלערנט ביי אים אין סואוואַלק די העב־רעאישע שריפטשטעלערין מרים מאַרקעל־מאָזעסזאָן.[10]

6. „פון יאָר צו יאָר", רעדאַגירט פון מ. שאַליט, ווארשע, 1926, ז' 74.
7. האָט אָפּט פאַרהעברעאישט זיין נאָמען: פּרדס־טל.
8. די קאָרעספּאָנדענטן האָבן געשריבן פאַלש: „מערכת כתבים".
9. זע קאַפּיטל „השכלה און חינוך".
10. „צרור אגרות יל"ג אל מרים מארקל־מאָזעסזאָהן", ע"י אברהם יערי, ירושלים, תרצ"ז; דזשואיש ענציקל., XI, ז' 95.

ווען איז פּאַראַדיסטאַל געבאָרן געוואָרן? די דאַטע איז ניט באַקאַנט, אָבער מיר זיינען זיך משער, אַז דאָס דאַרף זיין צווישן 1815 און 1820. מיר טוען דאָס אויפן סמך פון דעם, וואָס זיין נאָמען געפינט זיך צווישן די פרענומעראַנטן אויף א. ב. גאָטלאָבערס „פרחי האביב", וואָס איז אַרויס אין 1837, — און ס'לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז גאָר אַ יונגער יינגל אין סואוואַלק אָדער אין אַ דערבייאיק שטעטל זאָל זיך דעמאָלט פרענומערירן אויף גאָטלאָבערס אַ בוך.

וואָס פאַר אַן אָרט פּאַראַדיסטאַל האָט פאַרנומען אין דעם גרויסן יידישן צענטער פון וואַרשע, קענען מיר לערנען פון די רייד פון ד"ר יעקב שאַצקי: „צו די גאָר פיינע העברעאיסטן אין וואַרשע איז געווען פאַררעכנט דער מחבר פון אַ העברעאישן בריוון־שטעלער (1853) יהודה־לייב פּאַראַדיסטאַל, אַ סואוואַלקער ייד, איידעם פון דניאל נייפילדן, שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פון דער „יוטצענקא".

פּאַראַדיסטאַל איז אָן ספק געווען פון די „גאָר פיינע העברעאיסטן" ניט נאָר אין וואַרשע אַליין. ווען מען לייענט זיינע ביכער, קען מען זיך ניט אָפּוואונדערן פון דער ריינקייט און קלאָרקייט פון זיין העברעאיש אין אַ צייט, ווען לשון־קודש איז געווען פאַרטרונקען אין אַ ים פון מליצות. אפילו די שירים, וואָס ער גיט צום סוף פון „מערכת מכתבים", וואָס זיינען שוין מערער מליצה'דיק, זיינען אויך מיט אַ מאָס, פאַר יענער צייט, און זיינען ווייט פון דעם „אץ קוצץ לקצץ", וואָס מען האָט אָנגע־טראָפן אין אַ „המליץ", אַ „הצפירה" א"אנד. אפילו די פּונקטואַציע זיינע איז פיל אָפּגעהיטער, ווי אין אַנדערע העברעאישע חיבורים.

אַ צווייט ווערק זיינס איז געווען „זכר רב" (ווילנא, 1863), וואָס זיין מחבר איז געווען ר' בנימין מוספיא הספרדי און פּאַראַדיסטאַל האָט עס באַארבעט. אין דער הקדמה פּרוּווט ער אויפקלערן, פאַרוואָס ניט אַלע יידן פאַרשטייען העברעאיש.

יוסף בריל („איוב") ממינסק האָט אין 1878 געפירט אַ וויכוח וועגן י. ל. פּאַראַדיסטאַלס דקדוק.[12]

אין „המגיד" פון 1858 (נר' 43) איז דאָ פּאַראַדיס־טאַלס אַ נעקראָלאָג אויף יהודה לייב ראָזנטאַל, דעם באַוואוסטן גביר און כלל־טוער פון פּעטערבורג.[13]

11. „געשיכטע פון יידן אין ווארשע, באוד II, ניו־יארק, 1948, ז' 129.
12. „אספת חכמים", קעניגסבערג, איר, תרל"ח, ע' 133.
13. אין „המגיד" פון 1866 האָט איינער אַן אהרן פּאַראַדיסטאַל געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס פו מעמפיס, טענעסי. היות ער חתמ'עט זיך אהרן ב"ר יהודה ליב קען מען משער זיין, אַז דאָס איז טאַקע פּאַראַדיסטאַלס אַ זון. — דער דאָזיקער פּאַראַדיסטאַל איז געווען דער ערשטער חזן פון דער שול „אוהבי שלום מאַריאַמפּאָל" אין שיקאַגע. ער איז געווען אַ ייד אַ משכיל און איינער פון די גרינדערס „דורשי ספרות עברית" אין שיקאַגע („פנקס שיקאגו", שיקאגו, תש"ב, ע' כ"ה). דער פאַקט, וואָס ער איז געווען חזן אין אַ שול פון יידן פון מאַריאַמפּאָל, סואוואַלקער געגנט, באַווייזט גאַנץ קלאָר זיין קרובה'שאַפט צו י. ל. פּאַראַדיסטאַל.

# יצחק זיבענבערגער

איינער פון די חשוב׳ע העברעאישע שריפטשטעלערס סוף ערשטער און אָנהייב צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט איז געווען יצחק בן דוד זיבענבערגער. אָבער מאָדנע איבער מאָדנע: דער דאָזיקער וויכטיקער שרייבער איז זעלטן דערמאָנט אין אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע.[14] און מיר האָבן טאַקע וועגן אים (אויך) גאָר מאָגערע ידיעות.

דר. י. שאַצקי שרייבט, אַז זיבענבערגער איז געבאָרן געוואָרן אין 1803 [15] און אַז ער איז געווען „דער סאַמע פּאָפּולערסטער משכילישער מחבר אין וואַרשע" אין זיין צייט. ער גיט אויך איבער, אַז זיבענבערגער איז געווען אַ לערער, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט זיין אמת׳ן נאָמען און מען האָט אים גערופן ר׳ איציקל דער בעל דקדוק.[16]

דר. שאַצקי גיט ניט אָן זיין אָפּשטאַמיקייט, אָבער אפרים דיינארד, וועלכער איז אין לעצטען פערטל פון 19טן יאָרהונדערט ארומגעפאָרן איבער מזרח־אייראָפּע און זיך געטראָפן מיט אַ סך ד׳אָרטיקע יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס, שרייבט, אַז זיבענבערגער איז פון סואוואלק (אָדער אין סואוואַלק).[17] קלאָר איז, אַז ער איז געבאָרן אין וואַרשע, ווי דאָס איז צו זען פון דער הקדמה אין זיין „מעגל ישר" (ווארשא, 1850), וואו ער שרייבט, אַז ער איז „אחד מילידי ווארשויא", און אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט אין סואוואַלק.

„מעגל ישר" איז אַ דקדוק בוך, וואָס האָט געהאַט דריי אויסגאַבעס. צום סוף פון בוך גייען „ספּורים" אויף „יודיש־דייטש". שפּראַכלעך איז פּאַראַדיסטאַלס העברע־איש שענער און ריינער.

דאָס וויכטיקסטע ווערק פון זיבענבערגערן איז זיין „אוצר השרשים הכללי" (ווארשא, תר״ו, תר״י, תרכ״ג), וואָס קלערט אויף די שפּראַכוואָרצלען פון עברית, ארמית וכו׳ אין תנ״ך און תלמוד. דער אָנגעזאָגטער פערטער טייל פון בוך איז ניט דערשינען. דאָס בוך איז דריי מאָל גרעסער, ווי בן־זאב׳ס.[18]

זיבענבערגער רופט זיך אויך זיבענבערג און זיבענ־בירגען, ווי, למשל, אין זיינע הערות צו „מגלת יהודית" (ווארשא, 1840). ער האָט אויך אַרויסגעגעבן מיט פּירושים און הגהות דעם „ספר ברוך ותפלת מנשה ותפלת עזריה", נעתק ללשון הקודש ומתורגם לל״א [לשון אשכנז] (ווארשא, תר״א), דעם „חיי טוביה" (ווארשא, 1839) און „ספרי מכבי" (ווארשא, 1843).

14. דער זעלביקער גורל האָט געטראָפן אויך שיינהאָקן און פּאַראַדיסטאַלן, בעת די נעמען פון פיל־פיל קלענערע שריפט־שטעלערס פון זיי ווערן אָפטער דערמאָנט אין די פאַרשיידענע יידישע ענציקלאפּעדיעס.
15. אין „המגיד", 1879, נר׳ 18, וואו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן זיין טויט, ווערט געזאָגט, אַז זיבענבערג איז געשטארבן אין עלטער פון 82 יאָר. לויט דעם קומט אויס, אַז ער איז געבאָרן אין 1797.
16. „די געשיכטע פון יידן אין ווארשע", ב׳ II, ז׳ 129.
17. „משגי עורים", סט. לואיס, תרע״ט, ז׳ 30.
18. דער כתב־יד פון צווייטן טייל געפינט זיך אין בית הספרים הלאומי בירושלים.



יצחק זיבענבערגער איז געשטאָרבן ט׳ ניסן, תרל״ט.[19]

# יוסף פינקלשטיין

אַ לחלוטין אומבאוואוסטער פון סואוואַלקער געגנט איז יוסף פינקלשטיין, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט אָנהייב פערציקער יאָרן קיין אונגאַרן. אויף זיין ספר „מקורי מנהגים" (אמשטרדם, תרי״ג) ווערט אָנגעגעבן דער מחבר „מק״ק מישקאָלטץ", ווייל דאָרטן, משמעות, האָט ער געלעבט.[20] אַ צווייטע אויסגאַבע איז דערשינען אין ווארשע (תרל״ד).

יוסף פינקלשטיין איז געווען אַ קוזין פון באקאנטן סואוואַלקער חובב־ציון ר׳ מרדכי־אליעזר אַלטשולער.[21] זיין מוטער האָט געוואוינט אין מאריאמפּאָל.

# ט״פ שאפּירא

פון די באוואוסטסטע העברעאישע שרייבערס פון סואוואַלקער געגנט אין דער באַשריבענער תקופה איז געווען ט״פ (טוביה פסח) שאפּירא.

ט״פ שאפּירא איז געבאָרן אין סייני אין 1845. זיין פאָטער ר׳ מאיר הלוי, אַ חשוב׳ער בעל־הבית און בן־תורה, האָט אין די פופציקער יאָרן זיך אַריבערגעקליבן קיין פיליפּאָווע. ער האָט פיל ארומגעוואַנדערט איבער אייראפּע. געווען לערער אין זאַקראַצין, וולאַצלאַוועק, פּלאָצק. אַ ריי יאָרן האָט ער זיך הצלחה׳דיק פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין לאָדז. אין 1874 האָט שאפּירא געשאַפן אין סייני אַ שול, וואָס האָט געהאט אַ שם, אָבער ניט קיין יאָרן. אין 1881 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט זיך דאָרטן ניט געקענט איינלעבן און דאָס לאַנד פאַרלאָזן.[22]

פון סוף זעכציקער יאָרן איז ט״פ שאפּירא געוואָרן אַן אַקטיווער קעמפער פאַר השכלה און העברעאיש. זיינע „מכתבים מפולין", ביחוד וועגן העברעאישן חינוך אין רוסלאַנד, האָבן בשעתם געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

ט״פ שפירא האָט געפירט אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די גרעסטע משכילים פון זיין צייט: פּ. סמאלענסקין, י. ל. גארדאן, ש. י. פין, מ. ל. ליליענבלום, ח. ז. סלאנימסקי א״אנד.

ט״פ שאפּירא איז דער מחבר פון מערערע ביכער. זיין בריוונשטעלער „עט עברי" (ווארשא, תרל״ח, תרמ״ג) צייכנט זיך אויס מיט זיין ריינער און שיינער שפּראַך. טייל פון זיינע 91 בריוומוסטערס וואָלט מען נאָך היינט

19. „נחלת עולמים", ש. יעווניך, ווארשא, תרמ״ב, ז׳ 96. דאָרטן איז אויך דאָ דער מצבה־נוסח פון זיין קבר אויפן וואַרשעווער בית־עולם.
20. סואוואַלקער האָבן געהאַט אַ „שוואַכקייט" צו אונגאַרן און טאַקע צו מישקאָלץ: מיט איבער 40 יאָר פאַר פינקלשטיינען האָט דאָרטן שוין געוואוינט ישׂשכר בער מלמד ב״ר מרדכי פון ווילקאָווישק, וועלכער האָט אין 1805 ארויסגעגעבן דעם ספר „אהל ישׂשכר" (פּראַג).
21. „המגיד", 1863, נר׳ 24.
22. „משל הקדמוני", ט״פ שפירא, הקדמה פון ד״ר ישראל שפירא, פילדלפיה, תרפ״ה: „כנסת ישראל", ש. י. פין.

געקענט ניצן. זיין „משלי אב" איז דערשינען אין פּיעטרקוב, 1907. די איבעריקע ביכער זיינען: „ספּורים" (ווארשא, תרל"א), „יד ועט" (ווילנא, תרנ"א), „עובר לסוחר" (פּיעטרקוב, תרס"ז), „אמרי שפר", „בית האוצר" (ווארשא, תרל"ו), „שפּינוזה" (ווארשא, תרנ"ח). זיין זון, ד"ר ישראל שאַפּירא, האָט אַרויסגעגעבן זיין פאָטערס צוויי ביכער: „משל הקדמוני" (פילדלפיה, 1925), „פּתגמים של חכמים" (ניו־יאָרק, 1927). עטלעכע מאַנוסקריפּטן זיינע געפינען זיך אין ניו־יאָרקער טעאָלאָגישן סעמינאַר.

אָן אַ צאָל אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן פון ט"ף שאפּירא זיינען צעשפּרייט איבער הצפירה, המליץ, המגיד, הכרמל, השחר, נגה הירח, כנסת ישראל, גן שעשועים וכו'.[23]

ט"ף שאפּירא איז געשטאָרבן 1924 אין קאַלוואַריע, וואו ער האָט זיינע לעצטע יאָרן געלעבט אין הויז פון זיין טאָכטער.

## יחיאל מהריח

אַ מחבר מיטן דאָזיקן מאָדנע־קלינגענדיקן נאָמען איז געווען אַ סואוואַלקער. ער איז אויסגעוואַקסן און גייסטיק רייף געוואָרן אין סואוואַלק און מסתמא אויך דאָרטן געבאָרן. אין די הסכמות פון די סואוואַלקער אברהם נתן בהרב מוהר"ח שטערין און יעקב בהרב מוהר"א אויף זיין „ספר הדעות והמדות" ווערט געזאָגט: „ראה ראינו מצעדי גבר. צורבא מרבנן דידעין ליה במתא. ומחבבין ליה. ומהדרין ליה שמעתתא. למד ולימד".[24] מיט אַנדערע ווערטער — יחיאל מהריח האָט אין זיין יוגנט, אין זיין בחור'שאַפט און אין די מיטעלע יאָרן געלעבט אין סואוואַלק.

דער פאַמיליע־נאָמען איז איינציק־אַרטיק צווישן די סואוואַלקער. מיר האָבן אויך אַזאַ נאָמען ניט אָנגעטראָפן ניט אין די פּרענומעראַנטן פון סואוואַלק, ניט פון אַנדערע ארומיקע שטעט. קען זיין, אַז זיין נאָמען איז אַ ראשי־תבות'דיקער, אָבער אין קיין אָרט איז מהריח ניט געשריבן מיט סימנים פון ראשי־תבות. מוזן מיר, בכן, אָננעמען, אַז מהריח איז אַן אמתער פאַמיליע־נאָמען.

פון הרב הגאון ר' נפתלי צבי יהודה בערלין איז דאָ אַ הקדמה אין ספר. הסכמות זיינען פאַראַן פון דובעריש מייזילש, אב"ד ור"מ ווארשא, מאיר ליבוש מלבים, אב"ד ור"מ בוקארעשט, שמואל אביגדור תוספאה, אב"ד קארלין, ר' ישראל סאלאנטער, ר' יהושע יהודה ליב בה"ר בנימין, אב"ד ור"מ בלאָמזע, ווי אויך פון בארימטן אדם הכהן

23. „דורות האחרונים", ז' 346. — אין „כנסת ישראל" פון תרמ"ז, ז' 345, גיט איבער ט"ף שאפּירא חידושי־תורה פון סערייער רב ר' יוסף אלחנן הלוי, וועלכער איז געווען זיין אָנקל. אין „ימים ושנים" פון מ. י. פריד (ז' 87) גיט דער מחבר אַ שטיקל כאַראַקטעריסטיק פון זיין אָנקל ט"ף שפּירא.
24. „ספר הדעות והמדות" להרלב"ג, חובר והוכן מאת יחיאל בן־שלמה מהריח, ווארשא, 1865. אין „הכרמל", 1872, ח' אייר, געפינען זיך זיינע חידושי־תורה, און דאָרטן האָבן מיר דאָס איינציקע מאָל געטראָפן זיין נאָמען מיט ראשי־תבות.
25. „המגיד", 1873, נר' 10.

לעבענזאָן. אין אַ בריוו פון יהודה נארמאַן, סעקרעטאַר פון „כל ישראל חברים" אין פּאַריז, ווערט איבערגעגעבן, אַז די חברה האָט באַשלאָסן צו נעמען 10 עקזעמפּליאַרן פונעם ספר.

יחיאל מהרי"ח איז געשטאָרבן צו 48 יאָר אין 1873. אין דער ידיעה וועגן זיין טויט בעט דער קאָרעספּאָנדענט, י. ז. סטאַראָפּאָלסקי, אַז מען זאָל שיקן הילף פאַר דער אלמנה און די קינדער.[26]

## אריה־דוב פרידמאַן

פרידמאַן אריה־דוב (לייב־בער), וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט ביי אַ צוויי צענדליק ביכער,[27] איז געבאָרן געוואָרן 1845 אין סואוואַלק. ער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין סייני און אויף אַ טייל פון זיינע ביכער באַטיטלט ער זיך אויך „איש סייני".

אריה־דוב פרידמאַן איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון. אין וואַרשע, וואו ער האָט געלעבט פון 1877 ביז 1892, האָט ער געשאַפן די ערשטע חברה פון חובבי־ציון.

אין די ניינציקער יאָרן איז ער געקומען קיין אַמעריקע. געווען לערער אין וואוסטער, טראָי, ראַטשעסטער, אַ געוויסע צייט — אויך רב.

פרידמאַן האָט געשריבן אין „המגיד", „הצפירה" א"אנד, ווי אויך אין דער יידיש־אַמעריקאַנער פּרעסע.

אריה־דוב פרידמאן איז געשטאָרבן 1929 אין אינדיאַנאַפּאָליס, אַמעריקע.[28]

## אַפּאָלאָן פינקנשטיין

וועגן דאָזיקן פען־מענטשן פעלן פיל ביאָגראַפישע פּרטים. מען ווייסט אפילו ניט גענוי זיין ריכטיקן נאָמען

26. „המגיד", 1873, נר' 10.
27. „אלופי ישראל" (ווארשא, תרנ"ב), „כרם שעשועים" 2 טיילן (ברדיטשב, 1893 און 1903), „יחש המדות" (ווארשא, 1871), „הפדגוג העברי" (ווארשא, תרנ"א, ניו־יורק, תש"ד), „תורת הבוכהאלטונג" (ווארשא, תרל"ה), „מקרא קדש"... (ברוקלין־ניו־יורק, 5טע אויסגאַבע), „גמול אלהים", יעקב פאשעלעס, איבערגעזעצט דורך א. ב. (ווארשא, תרנ"א), „מכתבים לבני הנעורים" (ברדיטשוב, תר"ן), „נצח ישראל" (ווארשא, תרמ"ד), „שומר ישראל" (ווארשא, תרמ"א), „קרוא מקרא" (ווארשא, תרע"א), „תורת הלשון" (ווארשא, תרמ"ט), „שבי פשע" (ווארשא, תרנ"ב), „דקדוק לשון עבר" (ניו־יורק, תרע"ב, הוצאה שניה), „תולדות ישורון" (ווארשא, תרנ"ה), „עמק שוה" (ווארשא, תרמ"ח), „קורות ישורון" (ניו־יארק, תרנ"ט). „אמרות טהורות" (תל־אביב, תרצ"ה). — ר' ברוך עפּשטיין דערציילט אין זיינע זכרונות די ווייטערדיקע הלצה וועגן אריה־דוב פרידמאן. פרידמאן האָט צווישן זיינע פיל ביכער געהאט אויך אַ בראָשור מיטן נאָמען „הרבנים בשנים קדמוניות", האָט איינער פון די היסטאָריקערס געמאַכט אַ טעות און געשריבן, אַז פרידמאן איז געווען „רב בשנים קדמוניות" („מקור ברוך", חלק ג', ווארשא, תרפ"ח, ע' תשע"ו).
28. „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור", ז. רייזען, ווילנע, 1930, ב' III, ז' 178; „חכמי ישראל באמריקא", ז' 80; דזשואיש ענציקל., V, ז' 518, שרייבט בטעות, אַז ער איז געבאָרן אין 1865.

און אויך זיין געבוירנאָרט איז ניט קלאָר. אַנדערע זאָגן, אַז ער הייסט יעקב־אבא פינקלשטיין, און לויט ש. ל. ציטראָן שטאַמט ער פון סייני.

פינקנשטיין איז געבאָרן ארום 1850. ער איז יונגערהייט אַוועק קיין ענגלאַנד. ער האָט פאַרמאָגט גרויס וויסן און באַהערשט אויסערגעוויינלעך פיל שפּראַכן. פינקנשטיין האָט געאַרבעט אין לאָנדאָנער „טיימס". ער איז תחילת געווען אַ ראַדיקאַל, דערנאָך אַ חובב־ציון. פיל יאָרן האָט ער מיט ישראל זאַנגווילן געאַרבעט אין ייט"א. די ערשטע איבערזעצונג פון ד"ר פינסקערס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן" אויף ענגליש איז געמאַכט געוואָרן דורך אים.[29]

## מרים מאַרקעל־מאָזעסזאָן

צווישן די אַמאָליקע סואוואַלקער איז געווען אַ פרוי, וועלכע האָט געפּרואווט איר כוח אין דער פען — דאָס איז מרים מאַרקעל. אין 1869 האָט זי פאַרעפנטלעכט אין העברעאיש אַ דייטשן ראָמאַן פון אויגען ריספּארט (ד"ר פראַנקאָלם). בראש פון איבערגעזעצטן בוך גייט אַ בריוו פון יהודה לייב גאָרדאָן, וואָס איז פול מיט התפעלות, געשריבן פון טעלז: „יקר בעיני ספרך אשר כתבת מפז ומכתם אופיר. ברוכה את לנו אחותנו... את היי למופת לאלפי רבבה".

אויפן שער־בלאַט פון דערמאָנטן בוך גיט די איבערזעצערין אָן, אַז זי שטאַמט פון דער פאַמיליע ווערזבאָלאָווסקי, אירע עלטערן הייסן שמעון און חיה און איר מאַן — אנשיל מארקעל.[30]

דאָס איז געוויס די זעלביקע מרים ווערזבאָלאָווסקי, וועלכע האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל אין „המגיד"[31] וועגן שולן פאַר יידישע מיידלעך, מיט אַ וואַרעמער הסכמה פון אברהם מאַפּו. מאַפּו האָט איר אויך געשריבן עטלעכע פּריוואַטע בריוו.

אין שלום עליכם'ס באַוואוסטער „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק" רעכנט דער שרייבער י. וויסבערג אריין מרים מאזעסזאנען צווישן די געלערנטסטע יידישע פרויען. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג פון שלום עליכם'ען אויפן שרייבן פון מרים מאזעסזאן, אַז זי וועט מיטאַרבעטן אין „פאָלקס־ביבליאָטהעק": „מיר שטאָלצירען פאָראויס מיט אַזאַ מיטאַרבייטערין און ווינשען זיך אַזעלכע פרויען... צווישן אונזערע שוועסטער צו באַגעגענען אָפט און אַ סך".[32]

די סואוואַלקער איבערזעצערין־קאָרעספּאָנדענטין מרים ווערזבאלאווסקי איז, בכן, באַוואונדערט געוואָרן פון דעם גרעסטן העברעאישן פּאָעט אין זיין דור, י. ל. גארדאן, פון דעם בשעתו גרעסטן העברעישן פּראָזאַאיקער אברהם מאַפּו, און פון דעם גרויסן יידישן קלאַסיקער שלום עליכם.

מרים מאַרקעל־מאָזעסזאָן איז געווען די ערשטע העברעאישע שרייבערין, מיט וועמען י. ל. גארדאן האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ משך פון ניינצן יאָר. דער באַרימטער העברעאישער משורר האָט איינע פון זיינע וויכטיקסטע פּאָעמעס, „קוצו של יוד" — וואָס איר צענטראַלער מאָטיוו איז די יידישע פרוי — געווידמעט מרים מאַרקעל.

מ. מאַרקעל האָט זיך גע'חתמ'עט מיט די איניציאַלן מ. מ. מ. אויף אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זי האָט אָפּגעדרוקט אין דער העברעאישער פּרעסע.

די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט פון מ. מאַרקעל „הפליט מירושלים" (אַן איבערזעצונג פון פיליפּזאָנס „דער פליכטלינג אויס יערוזאַלעם") איז ניט געדרוקט געוואָרן.

מרים איז געבאָרן געוואָרן אין 1841 אין ווילקאָווישק, סואוואַלקער גובערניע. צו 13 יאָר איז זי אריבער מיט אירע עלטערן קיין סואוואַלק, וואו זי האָט דריי יאָר געלערנט העברעאיש, דייטש און פראַנצויזיש ביי יהודה־לייב פּאַראַדיסטאַל. צו 15 יאָר האָט זי געקענט גאַנץ תנ"ך. איר ערשטער מאַן איז געווען אַנשיל מארקעל. אין קאָוונע האָט זי חתונה געהאט אַ צווייט מאָל מיט מאָזעסזאָן. צוזאַמען מיט איר צווייטן מאַן האָט זי דורכגעמאַכט פיל וואַנדערונגען. פון 1875 ביז 1914 האָבן זיי געלעבט אין ווין. די לעצטע דריי יאָר פון איר לעבן האָט זי געוואוינט אין גראַיעווע, וואו זי איז געשטאָרבן אין 1921.[33]

## אהרן־צבי פרענקל

פרענקל איז געבאָרן געוואָרן 1852 אין סואוואַלק און 1903 געשטאָרבן אין אמעריקע. ער האָט ארויסגעגעבן עטלעכע ווערק אין ענגליש, צ"א "In Gold We Trust" געווען אַ גרויסער אַגיטאַטאָר פאַר וועגעטאַריזם און פאַרעפנטלעכט אין ענגליש אַ בוך וועגן דעם.[34]

---

29. ד"ר דוב ווײַנריב שרייבט, אַז זיין נאָמען איז פינקלשטיין און אַז ער שטאַמט פון קאַלוואַריע, סואוואַלקער גובערניע. ער איז געווען דער ערשטער אָדער איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן. ער האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין וולאַדיסלאַוואָווע (אין סואוואַלקער גובערניע). אין 1872 האָט ער געשאַפן אין ווילנער רבנים־סעמינאַר אַן אומלעגאַלע ביבליאָטעק פון סאָציאַליסטישער ליטעראַטור („בראשית הסוציאליזם היהודי", ירושלים, תש"ו, ז' 16).
30. „היהודים באנגליא או היהודים ונוסעי הצלב ומלך ריכאַרד לב־הארי", ווארשא, תרכ"ט. דער צווייטער טייל איז ארויס אין ווארשע אין 1895. אַ נייע אויסגאַבע, לויט איר איבערזעצונג, איז ארויס אין ווארשע אין 1928, מיט אַ דרוקפעלער אין איר ערשטן נאָמען („א" אנשטאָט „מ"). אין „ימים ושנים" פון מ. י. פריד ווערט בטעות געזאָגט, אַז דער ראָמאַן איז איבערגעזעצט פון ענגליש.
31. זע קאפּיטל „השכלה און חינוך".

23. „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטהעק", קיעוו, תרמ"ח, ז' 433, אַרטיקל פון י. וויסבערג „יודישע וואהלקאנענדע פרויען".
33. „יאָרבוך־קאַלענדאַר פון קאָוונער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט", 1939; „צרור אגרות יל"ג אל מרים מארקל־מאָזעסזאָהן", ע"י אברהם יערי, ירושלים, תרצ"ז; „המליץ", תרמ"ז, י"ט אייר, י' סיוון, כ"ג סיוון; דזשואיש ענציקל. IX, ז' 95.
34. לעקסיקאָן, ז. רייזען, ב' III, ז' 238.

## סאלאָמאָן רובין

איינע פון די אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, ווי אַ שרייבער און מענטש, איז סאלאמאן רובין. פון זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט ניין יאָר צוריק.[35] דערוויסן מיר זיך זיין לעבנס־געשיכטע. סאלאמאן רובין איז אין 1852 געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק. צו 14 יאָר האָט ער פאַרענדיקט די דאָרטיקע תלמוד־תורה וישיבה. ער האָט געלערנט ווייטער „פאַר זיך", שטודירנדיק אין געהיים דייטש און אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. 1870 האָט ער חתונה געהאַט מיט מירל סעגאל פון סואוואַלק. אויף פאַרשיידענע וועגן איז ער שפּעטער געקומען קיין פרעסבורג. ער האָט געלערנט אין פרעסבורגער ישיבה (געגר. 1803) פון ר׳ משה בן שמואל שרייבער (סופר) און פון אים באַקומען זיין סמיכה. פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין פאַריז. אַ דאַנק דעם פאַריזער רב ר׳ צדוק הכהן, האָט ער באַקומען אַ רבנות־שטעלע אין עלזאס־לאטערינגען, וואו ער איז געווען 11 יאָר. אין שליחות פון פאַריזער יידישע כלל־טוערס איז ער געפאָרן, סוף אַכציקער יאָרן, קיין שפּאַניע מיטן ציל צו געפינען אַ וועג, ווי צו עפענען די טויערן פון דאָזיקן לאַנד פאַר יידישער אימיגראַציע. זיין מיסיע איז פאַרמאַסקירט געוואָרן און ס׳האָט געהייסן, אַז ער פאָרט בויען אַ בית־מדרש אין מאַדריד. דער דעמאָלט באַרימטער זשורנאַליסט ערמאַנד לעווי האָט אים מיטגעגעבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו קאסטעלאר, דעם עקס־פרעזידענט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק.

פון סאלאָמאָן רובינס שליחות האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן, און ער האָט זיך באַזעצט אין באַיאָן, וואו ער איז געוואָרן געהילף פון אריסטיד אסטרוק, געוועזענעם רב־הכולל אין בעלגיע. דאָרטן האָט רובין איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש דעם חושן־משפּט. ער האָט אויך ארויסגעגעבן אַ פאַרגלייך־לעקסיקאָן פון גריכיש־העברעאיש „שורש וענף". ער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן צוויי גרויסע פילאָזאָפישע פּאָעמעס און איינע, אין העברעאיש, האָט ער אָפּגעשיקט צום עקס־אימפּעראַטאָר פון בראַזיליע דאָן פּעדרא,[36] וועלכער האָט שטודירט העברעאיש.

נאָכן אָפּלעבן אַ געוויסע צייט אין מאַרסעל, איז סאַלאָמאָן רובין אין 1892 אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין 1894 האָט ער האַנטשריפטלעך צוגעגרייט דעם קאַטאַלאָג פון די העברעאישע און אַראַבישע כתב־יד׳ן אין דער באַרימטער סוטרא־ביבליאָטעק, וואָס איז אַ טייל פון „קאַליפאָרניער מלוכה־ביבליאָטעק".

רובינס גרעסט ווערק איז אַ בוך וועגן תהלים, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט 20 יאָר, און וואָס פאַרנעמט 1300 זייטן. ער האָט עס שפּעטער איבערגעזעצט פון ענגליש אויף העברעאיש אונטערן נאָמען „נחלת ראובן" און צום סוף נאָך צוגעגעבן אַ פּירוש אויף „קהלת".

רובין איז געווען ראַביי אין וואודביין, ניו דזשוירזי, בוטא מאָנטאנא, וויניפּעג, מיניאַפּאָליס, ספּאוקיין (וואשינגטאן), קאלגערי, אלבערטא. ער איז געשטאָרבן אין 1927, איבערלאָזנדיק פיר קינדער.

35. "Semitic and Oriental Studies", רעדאַקטאר — וואָלטער י. פישעל, באנד XI, לאָס אנדזשעלעס, 1951 ז׳ 355.

36. אַראָפּגעזעצט פון טראָן אין 1889.

## שמואל ראָזנטאַל

שמואל ראָזנטאַל, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1838, איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער שאַכשרייבער. ער האָט רעדאַגירט אַ ריי שאַכזשורנאַלן אין פראַנצויזיש און פיל געשריבן אין זיי. ראָזנטאל איז געווען אַקטיוו אין צווייטן פוילישן אויפשטאַנד און נאָך זיין דורכפאַל איז ער אַנטלאָפן קיין פאַריז, וואו ער איז געוואָרן אַ באַוואוסטער שאַכשפּילער. ער האָט זיך באַטייליקט מיט גרויס הצלחה אויף מערערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרמעסטן אין שאַך. אויפן לאָנדאָנער שאַכטורניר פון 1883 איז ראָזנטאַל באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ פּריז פאַר שיינשפּילן אין אַ פּאַרטיע מיטן באַרימטן שאַכמייסטער שטייניץ.

ראָזנטאל איז געשטאָרבן אין פאַריז אין 1902.[37]

## אשר מרגליות

אשר ב"ר יהודה ליב מרגליות איז געווען אַ רבנישער משכיל, וואָס איז 1827 געבאָרן געוואָרן אין פּשעראסלע. געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים פיליפּאָווער. יוסף ראָזנטאַל רופט אים „הרב המופלג בתורה וחכמה ומשכיל ביראת אלהים", און ווי אַ ראיה צו זיינע רייד ברענגט ער ר׳ אשר׳ס ספר „נחלת אשר" (ניו־יארק, תרע"ב, ארויסגעגעבן דורך זיינע זין אין אַמעריקע). אשר מרגליות האָט אויך ארויסגעגעבן מענדלסאנס „פעדאן" (בשותפות מיט בערקמאנען). פון צייט צו צייט געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס אין די העברעאישע צייטונגען.

ער איז געשטאָרבן אין 1887 אין קאַלוואַריע.[38]

## מאָריס ראָזענפעלד

דער באַוואוסטער יידישער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד שטאַמט פון סואוואַלקער דאָרף באָקשאַ, ניט ווייט פון סייני, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1862. אין 1875 זיינען זיינע עלטערן געקומען צוריק פון וואַרשע, וואו זיי האָבן געלעבט פיר יאָר. וועגן זיינע סואוואַלקער יאָרן שרייבט מ. ראָזענפעלד אַזוי: „דאָרט בין איך געווען אַ בעל הבית׳ישער לייִדיג געהער, פלעג אַ ביסל לערנען אין בית המדרש און אַ ביסל זיך לערנען נייען אויפן מאַשין אין מיין טאַטנס „ווארקשאפּ".[39] ראָזענפעלד דערציילט אויך, אַז שוין אין סואוואַלק האָט מען געזונגען —

37. "Popski", J. Willet, London, 1954, p. 12—13; Jewish Encyclopedia, X, p. 481.

38. „נחלת אשר", הקדמה; „המליץ", 1887, נר׳ 185. די ביאָגראַפישע פּרטים פוןביידע מקורות פאַלן ניט צונויף.

און אין דעם פרט זיינען מסתמא די סואוואַלקער געווען די ערשטע — זיינע לידער, צו וועלכע ער האָט צוגע־פּאַסט מעלאָדיעס.[40]

צו 18 יאָר האָט ראָזענפעלד חתונה געהאַט מיט אָסנע־ביילע יאַוואָראָווסקי,[41] אַ טאָכטער פון אַ סואוואַל־קער סוחר. 1882 איז ער געקומען קיין אַמעריקע, אָבער גיך זיך אומגעקערט אַהיים. אין 1883 האָט מאָריס ראָזענ־פעלד זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט זיך באַ־שעפטיקט מיט שניידעריי. דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיינע ערשטע אַרבעטער־לידער. אין זעלביקן יאָר איז ער צוריקגעקומען קיין סואוואַלק, וואו זיין פרוי האָט געצויגן איר פרנסה פון איר אַלטער פּראָפעסיע — פּאַרוק־מאַכעריי.

פון 1886 איז ראָזענפעלד אַ תושב אין אַמעריקע. ער האָט ווייטער געשריבן זיינע לידער און איז גיך געוואָרן איינער פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע יידישע דיכטערס, וואָס זיינע שירים זיינען געזונגען גע־וואָרן אין היים און אין פאַבריק.

זיין טריאומף האָט לאַנג ניט געדויערט. מען האָט אים אָנגעהויבן פאַרגעסן. צוליב אַ סכסוך איז ער אַוועק פון „פאָרווערטס" און דורך דעם איז ער אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעריסן געוואָרן פון זיינע הויפּט־לייענערס — די יידישע אַרבעטערס. אפילו אויף זיין לוויה (1922) האָבן געפעלט יענע, פאַר וועמען ער האָט זיין גאַנץ לעבן געשריבן — די יידישע אַרבעטער־מאַסן.[42]

## יוסף ראָזענטאַל

איינער פון די באַוואוסטע העברעאישע פּובליציסטן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט איז געווען יוסף ראָזענטאַל. ער איז מערערע יאָרן געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס אין „המליץ", וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט אָן אַ שיעור אַרטיקלען. ער האָט אויך פיל געשריבן אין „הלבנון" און „הכרמל" וועגן וויסנשאַפטלעכע און אַקטועלע ענינים. אין „המגיד" האָט ער אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט אַ

39. אויטאָביאָגראַפיע, איבערגעגעבן דורך ד"ר י. שאַצקי אין „מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון זיינע בריוו", ניו־יאָרק, 1936.

40. „מאָריס ראָזענפעלדס בריוו", י. ליפשיץ, בוענאָס איירעס, 1955, ז' 25. איין בריוו איז געשריבן צו אַ סואוואַלקער בן־עיר, מאיר אפעלבוים, וועלכער איז אין 1892 געווען סעקרע־טאר פון ניו־יאָרקער הכנסת־אורחים, בעת כתריאל שרהזאן איז דאָרטן געווען פּרעזידענט.

41. אין די בריוו, וואָס י. ליפשיץ האָט ארויסגעגעבן, איז אריינ־געפאַלן אַ פאַרדריסלעכער טעות. דער מיידלשער נאָמען פון ראָזענפעלדס פרוי ווערט דאָרטן אָנגעגעבן יעוואַרקאָווסקי און ערשטער נאָמען — רבקה. דער נאָמען יאַוואָראָווסקי, ווי זלמן רייזען גיט אָן, געפינט זיך אויף סואוואַלקער פּרענומעראַנטן־רשימות, געווען אָבער אויך יעוואַרקאָווסקיס אין סואוואַלק; אָבער איר ערשטער נאָמען איז לכל־הדעות ניט רבקה, נאָר אסנע־ביילע.

42. לעקסיקאָן, רייזען, ב' IV, ז' 141.

ריי פילאָלאָגישע אַרטיקלען. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דער „אשכול"־ענציקלאָפּעדיע.

אין „דברי משה" פון ר' משה זאַקס (ווילנא, תרס"ו) ווערן געבראַכט עטלעכע שאלות־ותשובות זיינע. צוויי שאלות־ותשובות האָט ער געדרוקט אין „המליץ" (אונטער די פּסעוודאָנימען 'הצעיר" און „אחד מתלמידיו של הלל").

אין „כנסת ישראל" פון 1887 האָט ראָזענטאַל פאַר־עפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן „ספר יצירה".

פיר גרעסערע מאמרים האָט יוסף ראָזענטאַל אַרויס־געגעבן אין בוכפאָרעם אונטערן נאָמען „דרך אמונה" (ווארשא, תרנ"ד). הרב שמעון רובינשטיין האָט פאַרעפנט־לעכט אַ שאַרפע קריטישע בראָשור אויפן דאָזיקן בוך אונטערן זעלביקן טיטל „דרך אמונה". אין 1892 איז אַרויס אין בערלין זיין ספר „אילת השחר".

אויף „מסתרי ים התלמוד" פון ירוחם זאַבלודאָווסקי (ווארשא, 1896) איז דאָ זיינס אַ הסכמה.

יוסף ראָזענטאַל איז געווען אַ באַוואוסטער שאַכ־שפּילער. אין 1885 האָט ער געוואונען דעם ערשטן פּריז אויפן שאַכטורניר אין דרוזגעניק.

ניטאָ כמעט קיין איין סואוואַלקער פּרענומעראַנטן־רשימה, אין וועלכער זיין נאָמען זאָל זיך ניט געפינען.

יוסף ב"ר מרדכי ראָזענטאַל איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1844. אין די ניינציקער יאָרן איז ער אַריבער קיין וואַרשע, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטור. זיין טויט אין 1913 האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער העברעאישער פּרעסע.[43]

## אליעזר דב ליבערמאַן

אליעזר דב ליבערמאַן איז אַן אָפּשטאַמיקער פון פילווישאַק, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1819. זיין פאָטער ר' צבי־הירש איז געווען אַ שוחט. בחור'וויז האָט ער געלערנט אין לונע (גראָדנער גוב.), וואו דער אָרטיקער רב, ר' איצעלע, האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם. דער שווער האָט געוואָלט, אַז ליבערמאַן זאָל נאָך אים פאַרנעמען דעם כסא־הרבנות אין לונע און ער האָט אים דעריבער אַוועקגעשיקט לערנען אין סלאַ־באָדקער ישיבה. אַנשטאָט צו ווערן אַ רב איז אָבער דער פילווישקער יונגערמאַן געוואָרן אַ משכיל, איז שוין מער קיין לונע ניט געקומען, נאָר האָט זיך מיט זיין פאַמיליע באַזעצט אין סואוואַלק ארום 1848/9. ער איז דאָ אָפּ־געווען אַ פיר יאָר און זיך אַריבערגעקליבן קיין ביאַליס־טאָק. דאָרטן און אין אַנדערע שטעט ארום האָט ער געצויגן זיין פרנסה פון לערנען העברעאיש און דייטש אין רייכע הייזער. סוף 1867 איז ער ווידער געקומען קיין סואוואַלק, וואו ער איז פאַרבליבן ביז 1885.[44]

43. „הד הזמן", ווילנא, 1913, נר' 249; „ספר זכרון" (פון „האסיף"), ווארשא, תרמ"ד, ע' 106;
"Biblioteca Hebraica Post-Mendelssoniana", W. Zeitlin, p. 317.

44. אין דער הקדמה פון זיין ספר „גיא חזיון" דערמאָנט ער צום סוף, אַז דאָס בוך „נכתב בסובאלק עד החדש הרביעי תרמ"ה".

ווען אליעזר־דב ליבערמאַן איז געקומען קיין סואַ־וואַלק צום צווייטן מאָל, איז ער שוין געווען אַ מחבר פון צוויי ספרים: „מגילת ספר" (יאָהאַניסבורג, תרי"ד)[45] און „צדקה ומשפט" פון ש. ד. לוצאַטו, איבערגעזעצט פון דייטש (ווילנא, 1866). דאָ האָט ער אָנגעשריבן זיין דריטן ספר „גיא חזיון", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע (תרמ"ט). פון סואַוואַלק האָט ער אויך געשריבן קאָרעס־פּאָנדענציעס, מאמרים און חידושי־תורה אין פאַרשיידענע העברעאישע צייטונגען (הצפירה, הקול וכו׳).

א. ד. ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן די צווייטע אויפלאַגע פון ד"ר ישראל זאַבלודאָווסקיס „הילדות והשחרות" (וואַרשע, 1893). אין „בבטן האדמה", וואָס עס האָט איבערגעזעצט ישראל זאב בן נפתלי שפּערלינג (וואַרשע, תרל"ח), איז דאָ זיינס אַ הסכמה־בריוו, געשריבן אין סואַוואַלק, תרל"ז.

אליעזר־דב ליבערמאַן איז דער פאָטער פון אהרן־שמואל ליבערמאַן, דעם באַוואוסטן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער צייטשריפט אין העברעאיש „האמת". ער איז געשטאָרבן אין 1897.

# יהודה וויסטינעצקי

אַן אָפּטער און חשוב׳ער נאָמען אין אַמאָליקער העברעאישער פּרעסע איז געווען ר׳ יהודה וויסטינעצקי. ער האָט געשריבן זייער ערנסטע אַרטיקלען און פיל חידושי־תורה אין ס׳רוב העברעאישע צייטשריפטן פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. דוד גאָרדאָן, דער בעל „המגיד", האָט זיין שרייבן הויך אָפּגעשאַצט.

די פירערס פון „מקיצי נרדמים" האָבן וויסטינעצקין אָנגעפאַרטרויט צו באַאַרבעטן — לויט אַ מאַנוסקריפּט אין פּאַרמאַ, איטאַליע — און אַרויסצוגעבן דעם „ספר חסידים". וויסטינעצקיס הגהות, תיקונים, ביאורים און מראה־מקומות אין דער דאָזיקער אויסגאַבע (בערלין, תרנ"א) פון באַוואוסטן ספר האָבן אַ באַטייטיקן וויסנ־שאַפטלעכן ווערט. דאָס איז אויך צו זען פון דעם פאַקט, וואָס אין 33 יאָר אַרום איז דערשינען אַ צווייטע אויס־גאַבע פון דאָזיקן ספר מיט וויסטינעצקיס פּירושים (פראַנקפורט ע"נ מיין, תרפ"ד), און אין די סאַמע לעצטע יאָרן איז אַרויס אין ישראל אַ נייע אויסגאַבע פון וויס־טינעצקיס באַאַרבעטן „ספר חסידים".

יהודה וויסטינעצקי איז געבאָרן געוואָרן אין 1843 אין פּשעראָסלע, האָט געלעבט אין ראַצק, באַקלעראָווע און אין סואַוואַלק. ער האָט אויך געפּרואווט זיין מזל אין אַמעריקע, וואו ער איז געווען 5 יאָר רב אין בופאלא.

אשר במסבות עתותי באתי לגור שמה, ואחר שמונה עשרה שנה". — אָקטאָבער 1875 איז געקומען קיין סואַוואַלק זיין שנור מיט די קינדער. משמעות, אַז זיי זיינען שוין דאָ אויך פאַרבליבן ביז 1885. זע אויך „ספר זכרון" (פון „האסיף"), תרמ"ט, ע׳ 57.

45. אויף זיין „מגילת ספר" איז דאָ אַ הסכמה פון אברהם מאפו און אַ לויב פון קלמן שולמאַן פאַרן שיינעם העברעאיש פון בוך.



ער האָט זיך אָבער ניט געקענט גייסטיק אַקלימאַטיזירן אין אַמעריקע און צוריקגעפאָרן קיין סואַוואַלק.

וויסטינעצקי איז געשטאָרבן אין 1908.[*45]

# יעקב בכרך

דער באַוואוסטער שרייבער און פאָרשער פון דער קאַראַימער־ליטעראַטור יעקב בכרך איז געבאָרן געוואָרן אין סייני אין 1824. זיין פאָטער ר׳ משה איז דער זון פון הגאון ר׳ יהודה בכרך (הגרי"ב). ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין ש"ס ופוסקים, אָבער ער האָט ניט אָנגענומען קיין רבנות־שטעלע און געמאַכט זיין פרנסה פון דיסטילירן בראָנפן.

יעקב בכרך האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ספרים, וואָס דער באַרימטסטער צווישן זיי איז „ספר היחס לכתב אשורי" (וואַרשע, תרי"ד).[46]

# גאָרסאָן משה ישראל

גאָרסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין 1861 אין ראַצק צו זיין פאָטער גרשון מרדכי און מוטער שרה (ראַזאַל־סקי). גאָר יונג האָט ער זיך שוין געדרוקט אין „הקול", אין „המליץ" און שפּעטער אין „הצפירה".

1881 איז גאָרסאָן געקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער זיך פאַרנומען נאָר מיט מסחר, אָבער פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט שירים אין „נר המערבי", „הדבורה" און „העברי". אין די ניינציקער יאָרן האָט גאָרסאָן זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט מ. מ. דאָליצקין, וועמעס לידער ער האָט אַרויסגעגעבן אויף זיין חשבון.

משה ישראל גאָרסאָן איז געשטאָרבן אין פּאָרט אַמבאָי, ניו דזשוירזי.[47]

# אברהם ראָזנטאַל

אברהם ב"ר זלמן ראָזנטאַל איז געבאָרן געוואָרן אין סואַוואַלק אין 1875. אין 1898 האָט ער געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. ער איז געווען אַ דאָקטאָר אין מאָסקווע און בערלין. אין 1924 האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. ביז 1935 איז ער געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון מעדיצינישן זשורנאַל „הרפואה". אברהם ראָזנטאַל האָט פאַרעפנטלעכט מעדיצינישע אַרטיקלען אין רוסיש און העברעאיש.

# וויליאַם פּאַכאָצקי

פּאַכאָצקיס פאָטער איז אַ ייד פון סואַוואַלק, וואָס פאַר זיין אַנטייל אין צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין טאָמסק, סיביר. דאָרטן איז אין 1881 געבאָרן געוואָרן וויליאַם. אין 1896 האָט די גאַנצע

*45. „אהרן ליבערמאַנס בריוו", ק. מרמר, ניו־יאָרק, 1951, ז׳ 174; „הד הזמן", 1908, נר׳ 259.

46. „אוצר ישראל", ספר ג׳, ז׳ 81.

47. „אנתולוגיה של השירה העברית באמריקה", בעריכת מנחם ריבולוב, ניו־יורק, תרצ"ח, ז׳ 26.

פּאַכאַצקי־פאַמיליע זיך אומגעקערט קיין סואוואַלק. פאַר זיין טעטיקייט אין סואוואַלקער „בונד" איז ווילִיאַם פּאַ־כאַצקי געווען אַרעסטירט.

1905 איז פּאַכאַצקי געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און פעליעטאָנען אין פאַרשיידענע צייטונגען. פון 1915 איז ער געווען אַ מיט־אַרבעטער אין „מאָרגן זשורנאַל", וואו ער האָט אָפט געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „גראַף פּאָטאָצקי".[48] פּאַ־כאַצקי איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

## ישראל שאַפּירא

ט"ף שאַפּיראָס זון, ישראל, איז געגאַנגען אין די דרכים פון זיין טאַטן — סיי אין לערעריי, סיי אין שרייבעריי. ישראל שאַפּירא איז געבאָרן אין סייני אין 1882. צו 12 יאָר האָט מען אים געשיקט לערנען אין טעלזער ישיבה, שפּעטער האָט ער געלערנט אין סואוואַל־קער גימנאַזיע. ער האָט שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון בערלין, שטראַסבורג, וואו ער האָט באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטל.

אין 1907 איז ער געוואָרן לערער אין לערער־סעמינאַר פון „עזרה" אין ירושלים. פון 1914 איז ער געווען לייטער פון סעמיטישן אָפּטייל אין דער קאָנגרעס־ביבליאָטעק פון וואַשינגטאָן. ער איז אויך געווען פּראָ־פעסאָר פון סעמיטישער וויסנשאַפט אין וואַשינגטאָן־אוניווערסיטעט. אין די לעצטע יאָרן האָט ד"ר שאַפּירא געלעבט אין ישראל, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1957.

ישראל שאַפּירא האָט גאָר יונג אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. ער האָט געשריבן אין המליץ, הצפירה, המגיד, היהודי, העברי, מקלט, הדואר און אַנדערע.

שאַפּירא האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויסנשאַפטלעכע ווערק,[49] ווי:

1) Die Haggadische Elemente im Erzählenden Teil des Korans (1902, Leipzig).

2) Leviticus XXVII im Lichte des Talmuds (1909).

3) Schil'er und Goethe im Hebräischen (1935).

4) פירוש משניות של הרמב"ם (ירושלים, תר"ע).

5) אוצר תרגומים עברים מספרות הגרמנית (תרצ"ד).

6) אוצר תרגומים עברים מספרות האנגלית (תרפ"ט).

## אהרון־צבי ראָמאַנאָווסקי

ראָמאַנאָווסקי איז געבאָרן אין דאָרף גובי, לעבן סייני, אין 1885. זיין מוטער איז מאָריס ראָזענפעלדס אַ שוועסטערקינד. אַ טייל פון זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין סואוואַלק. מיט אַ גרופּע חברים האָט ער אין סוא־וואַלק אַרויסגעגעבן אַ שאַפּיראָגראַפירטן יידישן קינדער־זשורנאַל, וואו ער האָט געשריבן לידער.

אין 1904 איז ראָמאַנאָווסקי אוועק קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט פאַרענדיקט דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. גע־ווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס פון מאָריס מייערס „די צייט". ראָמאַנאָווסקי איז פיל יאָרן געווען פּרעזידענט פון די פּועלי־ציון אין ענגלאַנד.[50]

## דוד־אריה פרידמאַן

איינער פון די באַקאַנטע העברעאישע ליטעראַטור־און קונסט־קריטיקערס, דוד־אריה פרידמאַן, איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1889. ער איז דער זון פון הרב ר' חיים־מענדל, ראש־הקהל פון שטאָט. ער האָט געלערנט אין ישיבות, דערנאָך געענדיקט כהן'ס גימנאַזיע אין ווילנע. פרידמאַן האָט באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטל אין מאָסקווער אוניווערסיטעט און שפּעטער זיך ספּעציאַ־ליזירט אויף אויגן־דאָקטאָריע אין בערלין און ווין. אין צייט פון ערשטן וועלטקריג איז ער געווען מיליטער־דאָקטאָר אויפן רוסישן פראָנט. נאָכן קריג האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין סואוואַלק, וואו ער איז געווען גע־זעלשאַפטלעך זייער טעטיק. ער האָט זיך ביחוד אָפּגעגעבן מיט דער אַגיטאַציע פאַרן אויפלעבן די העברעאישע קולטור און פאַרן אַנטוויקלען ספּאָרט ביי יידן.

אין מאָסקווע איז ד"ר דוד־אריה פרידמאַן געווען פון די גרינדערס און רעדאַקטאָרן פון „מדע", צוזאַמען מיט בוקי בן יגלי, שאול טשערניכאָווסקי, פּראָפ' מינץ און אַנדערע. צוזאַמען מיט ד"ר צבי ווִיסלאָווסקי האָט ער רעדאַגירט דעם ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „עין הקורא". ד"ר פרידמאַנס ערשטער אַרטיקל (וועגן ביאַליקן) איז געדרוקט געוואָרן אין „השלוח" (תשרי, תרע"ב) און איז געשריבן געוואָרן אין סואוואַלק (אב, תרע"א).

דוד־אריה פרידמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי וויכ־טיקע ביכער און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען וועגן י. ח. ברענער, משה זכות, טוביה הרופא און אַנדערע. ער האָט זיך באַטייליקט אין וואָסערע פערציק צייטשריפטן מיט וואָגיקע אַרבעטן איבער צענדליקער העברעאישע שריי־בערס. איינער האָט ריכטיק באַמערקט, אַז „ער איז געווען דער אָנזאָגער און דערמוטיקער פון אונדזערע בעסטע שרייבערס, וועלכע זיינען געשטאַנען און שטייען נאָך איצט אין צענטער פון אונדזער ליטעראַרישן לעבן".[51]

ד"ר פרידמאַן האָט געשריבן ווייניק יידיש. אַ דראמע אין יידיש מיטן נאָמען „לילית" האָט ער אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט" (1923) אונטערן פּסעוודאָנים „ארי מאַנ־פריד". אין 1920 איז ער געווען אַ געוויסע צייט רעדאַק־טאָר פון בערלינער „אונזער באַפרייאונג".

פון 1925 האָט דוד־אריה פרידמאַן געלעבט אין ארץ־ישראל, וואו ער איז געווען פּראָדוקטיוו אויפן געביט פון ליטעראַטור־און קונסט־קריטיק. די לעצטע יאָרן האָט ער בעיקר געשריבן וועגן מעדיצין. געווען דער רע־

48. רייזען־לעקסיקאָן, II, ז' 849.

49. דאָרטן, באַנד IV, ז' 463; „דורות האחרונים", אייזענשטאַדט, ז' 341.

50. דאָרטן, IV, ז' 211.

51. „לתולדות חלוצי הישוב ובוניו", ד. תדהר, ז' 1022; רייזענס לעקסיקאָן, ב' III, ז' 181.

דאַקטאר און אַרויסגעבער פון „לוח רפואי של ארץ־ישראל". ער האָט אויך רעדאַגירט דעם מעדיצינישן זשורנאַל „הרפואה"[52]

ד"ר דוד אריה פרידמאַן איז געשטאָרבן אין 1957 אין תל־אביב.

## לייב דינסקי

לייב דינסקי איז אַ סואוואַלקער, געבאָרן אין 1890. אין 1905 איז ער אַוועק קיין פּאַריז. קיין אמעריקע איז ער געקומען אין 1913.

דינסקי האָט דעביוטירט אין 1916 מיט אַ ליד אין ניו־יאָרקער „קונדס". ער האָט געשריבן אַ סך רעוואָלוציאָנערע לידער. ער איז דער מחבר פון די ביכער „דערוויילֿ" (ניו־יאָרק, 1922) און „טעג אין שאַפּ" (ניו־יאָרק, 1936).

## מאיר קויפמאַן

קויפמאַן איז אין 899 1געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק, שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע. אין שיקאַגע האָט ער געגרינדעט דעם „יונגער שרייבער־פאַראיין" און אין זיינע אויסגאַבעס האָט ער פיל געשריבן. קויפמאַן האָט מיטגעאַרבעט אויך אין אַנדערע יידישע צייטונגען פון אמעריקע.[54]

## אברהם־אבא סעניער

א. א. סעניער שטאַמט פון סייני. ער איז אַן אייניקל פון דעם בשעתו באַוואוסטן גביר ר' יהודה־לייב סעניער. אין 1910 האָט ער איבערגעזעצט פ. שילערס „מאריא סטוארט".[55]

## י. ש. ווייס

י. ש. ווייס, וועלכער איז באקאנט מיט זיין העברעאישן פען־נאָמען יהושם הלבני, האָט געלעבט אין סואוואַלק אַן ערך 7 יאָר. מיר נעמען אריין זיין נאָמען אין דאָזיקן טייל פון קאפּיטל, ווייל ער איז, דאַכט זיך, דער איינציקער שרייבער, וואָס אין זיינעם אַ בוך ווערט אַזוי פיל באַשריבן סואוואַלק (און איר סביבה) אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון נייִנצטן יאָרהונדערט. אויך אין אונדזער דאָזיקער אַרבעט האָבן מיר ניט זעלטן ציטירט זיין דאָזיקן בוך מיטן נאָמען „טלטולי גבר".

י. ש. ווייס איז געבאָרן אין ביעלסק אין 1872. 1892 איז ער געקומען קיין סואוואַלק, דאָרטן חתונה געהאט און געעפנט אַ בית־ספר. ער האָט זיך שטאַרק

52. אין „מחברת העיינין" פון בנימין שמואל (תל־אביב, תשי"ב) איז דאָ אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון דוד אריה פרידמאַנס מאמרים. זע אויך אַרטיקל פון חיים תורן אין „הפועל הצעיר", תשי"ח, נר' 1.

53. לעקסיקאָן, רייזען, I, ז' 698.

54. דאָרטן, III, ז' 590.

55. „דורות האחרונים", אייזענשטאַדט, 259.

באַפריינדט מיט ש. ל. ציטראָן, וועלכער איז אויך יענע יאָרן געווען לערער אין סואוואַלק.

י. ש. ווייס האָט קיין פיל נחת אין זיין לעבן ניט געהאט. ער האָט פיל ארומגעוואַנדערט, און אויך נאָך זיין קומען קיין אמעריקע האָט ער קיין רו ניט געפונען. ער איז געווען יאָרן לאַנג מלמד אין ניו־יאָרק, אָבער ניט געפונען קיין גייסטיקע באפרידיקונג אין זיין אַרבעט.

דער כתב־יד פון צווייטן טייל פון זיין „טלטולי גבר" איז געווען אין גאַנצן פאַרטיק, נאָר פון פאַרביטערונג האָט ווייס אים פאַרברענט.

זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המליץ" האָט ווייס אָפט גע'חתמ'עט מיט די אותיות A. V—S.

י. ש. ווייס איז געשטאָרבן אין 1948 אין לאָס אַנדזשעלעס.

## ד"ר א. דושקין

ד"ר א. דושקין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1890. אין 1902 איז ער געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער איז אין שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן איינער פון די פירנדיקסטע פּערזענלעכקייטן אויפן געביט פון יידישן חינוך. זיין בוך

"Jewish Education in New York City"

איז איינס פון די בעסטע אויפן דאָזיקן געביט. נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט ד"ר דושקין פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע אינעם העברעאישן חינוך וועזן פון ארץ־ישראל.[55*]

## שמואל דושקין

שמואל דושקין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1898. ער איז אַ באַוואוסטער פידלער. דעם ערשטן קאָנצערט האָט ער געהאַט אין 1924, אין ניו־יאָרק. ער שרייבט אויך אליין קלענערע קאָמפּאָזיציעס.

## משה מרגלית — אַ משומד

אין דער רשימה פון סואוואַלקער שריפטשטעלערס דאַרף, צום באַדויערן, אַריינגיין אויך דער נאָמען פון אַ געוועזענעם יידן. און וואָלט ער ניט געווען קיין משומד, וואָלט ער, לויט אונדזער כראָנאָלאָגישן סדר, געדאַרפט זיין איינער פון די ערשטע אין דער דאָזיקער רשימה.

דער נאָמען פון דאָזיקן אָפּטריניקן יידן איז משה מרגלית [Margalita], אַן אָפּשטאַמיקער פון יענער גרויסער מרגלית־משפחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל גאונים און גדולים ביי יידן.

משה מרגלית איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1818. האָט געלערנט אין פּשעראָסלע ביי ר' יעקב(?), שפּעטער אין גראָדנער ישיבות. אין קאַלוואַריע האָט ער געקראָגן סמיכה. אין 1837 איז ער געקומען קיין לאנדאָן, דאָרטן איז ער אַראָפּגעפירט געוואָרן פון דרך הישר און אין אַ

55* "History of the Jews in Chicago", H. L. Meites, New York, 1924, p. 670.

יאָר אַרום זיך גע׳שמד׳ט. ער האָט פאַרענדיקט דעם קריסטלעכן טעאָלאָגישן סעמינאַר און געוואָרן אַן אַנ־געזעענער גלח אין דער אַנגליקאַנער קירך.

מרגלית האָט פאַרפאַסט מערערע ביכער, ווי „די געשיכטע פון יידן אין ענגלאַנד״, „פּילגרים־נסיעה קיין ארץ־ישראל״ און אַנדערע.

ער איז געשטאָרבן אין 1881.[56]

## אשר בער

ניט קיין שרייבער נאָר קונסט־גראַווירער און מאַטע־מאַטיקער איז געווען אשר בער, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין סייני אַן ערך אין צווייטן צענדליק פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. ער האָט געמאַכט באַטייטיקע אויסגעפינסן אין מאַטעמאַטיק, אָבער בעיקר אין מעכאַ־ניק. באַזונדערס באַקאַנט איז ער געווען מיט זיין קונסט־גראַווירעריי, וואָס פאַר איר האָט ער באַקומען אַ פּריז אויף דער קיניגסבערגער אויסשטעלונג פון 1858. סיי די דייטשע, סיי די יידיש־רוסישע און רוסישע פּרעסע האָבן אים שטאַרק געלויבט.



אשר בער

נאָכן לעבן אַ געוויסע צייט אין פּאַריז איז אשר בער אָפּגעפאָרן סוף זעכציקער יאָרן קיין ירושלים. פון דאָרטן האָט ער געשריבן פיל אַרטיקלען פאַרן „המגיד״ און אַנדערע העברעאישע צייטשריפטן.[57]

ער איז געשטאָרבן אין 1897 און אויף זיין מצבה אין ירושלים איז אָנגעגעבן: „הרבני ר׳ אשר ב״ר דוב בער מסייני״.[58]

*

ביי דער געלעגנהייט לאָמיר דערמאָנען בקיצור די יעניקע שרייבערס, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו לעבן אין סואוואַלק אַ געוויסע צייט.

ד״ר גאָטליב מאיר, וואָס האָט געשריבן אין „הצפירה״, ׳האסיף״ און אין אַנדערע צייטשריפטן, האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין סואוואַלק. ער האָט אויך גע־שריבן יידיש און רוסיש. גאָטליב איז געווען אַ פּאָפּולאַ־ריזאַטאָר פון היגיענישע פּראָבלעמען אויף יידיש.[59]

ישראל פּריס, דער מחבר פון מערערע ספרים, האָט ביז 18 יאָר געלערנט אין די ישיבות פון סייני און סואוואַלק.[60]

ריינהאַרט מאָריס (משה־דוד אָפּנהיים) האָט פאַר־פאַסט אייניקע ביכער, אויך געשריבן אין יידיש־אַמערי־קאַנישע צייטונגען. ער האָט געלערנט אין סואוואַלקער ישיבה, דערנאָך אין דער דאָרטיקער רוסישער גימנאַזיע.[61]

אלשוואַנגער אליהו, יידישער שרייבער און זשורנאַ־ליסט, האָט געלערנט אין ש. ל. ציטראָנס שול אין סואוואַלק, דערנאָך געענדיקט סואוואַלקער רוסישע גימ־נאַזיע. זיין ברודער, ד״ר עמנואל אלשוואַנגער, וואָס איז דער אויטאָר פון מערערע ביכער, האָט אויך פאַרענדיקט די סואוואַלקער גימנאַזיע.[62]

ד״ר יעקב ראָבינזאָן, מחבר פון אַ ריי ביכער וועגן אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, באַוואוסטער ציוניסטישער עסקן און געוועזענער לאַנגיאָריקער יוריסקאָנסול פון מדינת ישראל אין יו־ען, האָט געלערנט אין סואוואַלקער גימ־נאַזיע. די ערשטע יאָרן נאָכן וועלטקריג נומער איינס איז ער געווען טעטיק אין סואוואַלקער קהילה־לעבן. די ראָבינזאָנס זיינען געווען אַ פאַרשפּרייטע משפּחה אין סואוואַלק און אומגעגנט.[63]

שמואל־משה מלמד האָט געשריבן פיל אין העברע־אישע, דייטשע און ענגלישע צייטונגען. ער האָט גע־לערנט אין סואוואַלקער ישיבה.[64]

דער שרייבער י. בערעביטשעס, וועלכער געפינט זיך איצט אין מעקסיקע, האָט געלערנט אין דער ישיבה פון סואוואַלק.

---

56. "Christen und Juden", A. Fürst, Strassburg, 1892, s. 193.
ריידנדיק וועגן משומדים זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק האָט סייני געהאַט אַ משומד פאַר אַ בישאָף. זיין נאָמען איז מאַרציעוווסקי. דער סייניער פּרעלאַט בוטקוס־בוטקעוויטשיוס, אין די זיבעציקער־אַכציקער יאָרן בערך, איז געווען אַ האַלבער ייד. מיר האָבן ניט קיין פּרטים וועגן זיי אויסער דעם, אַז ביידע זיינען געווען ליטווישע. זע וועגן דעם אין:
"Lietuviu Tautos Kelias", M. Birziska, Los Angeles, 1952, p. 209.

57. „מסע באיירופא״, אפרים דיינארד, פּרעסבורג, תרמ״ה, ז׳ 154; דזשואיש ענציקל., 11, ז׳ 429. — ווי ווייט אשר בער איז געווען באַקאַנט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס אויף דער קאָלעק־טיווער פאָטאָגראַפיע פון די באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה געפינט זיך זיין בילד. ווען אשר בער האָט אין 1861 באַזוכט ווילנע האָט

דער „הכרמל״ (נר׳ 31) אַזוי געשריבן: „חכמי עירנו שמחים לקראת הרב החכם המופלא... אחד המיוחדים בדורנו זה בשכלו העמוק... וכבר המציא המצאות גדולות ונפלאות בחכמת המאטעמאטיק, המעכאניק והפיזיק.״ — אין נר׳ 31־32 פון „הכרמל״ איז דאָ אשר בערס אַ „הערה ברש״י״. אין נר׳ 35 שרייבט ער וועגן געאָמעטרישע ענינים.

58. „חלקת מחוקק״, א. ל. בריסק, חוב׳ ז׳, מחברת ב׳, ע׳ י״ט. — דאָ ווערט אָנגעגעבן — ווייט ניט פּינקטלעך — אַז אשר בער איז געקומען קיין ירושלים ערשט „בסוף ימיו״.

59. לעקסיקאָן, רייזען, ב׳ 1, ז׳ 462; נייער לעקסיקאָן, נ״י, ז׳ 20

60. דאָרטן, II, ז׳ 953.

61. דאָרטן, IV, ז׳ 387.

62. „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו״, תדהר, ז׳ 1822.

63. Jewish Universal Encyclopedia, p. 175.

64. לעקסיקאָן, רייזען, II, ז׳ 436.

# פאַרלעגערס

אברהם אבעלע מארקסאָן איז אין די זעכציקער יאָרן געווען אַ באַוואוסטער נאָמען אין דער יידיש־פאַר־לעגערישער וועלט. אין 1860 האָט ער אין וואַרשע אָנגעהויבן דרוקן די משניות. אין 1862 האָט ער געעפנט אין זיין געבוירנשטאָט סואוואַלק אַ דרוקעריי. אין זעלביקן יאָר האָט ער דאָרטן אָפּגעדרוקט די מסכת סופרים און



מסכת סופרים
עם באור
מקרא סופרים לבאר פשטי המאמרים,
ועטור סופרים לבאר חדושי דברים, המאחים בדברי המסכת והביאורים,
עם
הגהות מאת רשכבה"ג הגאון איש אלהי רבינו אליהו ז"ל מווילנא,
חוברו יחדיו
מאת צעיר הצעירים, נכנע ליושבי שערים, מילידי עיר ווילנא הנה מנעורים,
יצחק אליהו לנדא יצ"ו,
בן לאיש נודע לשם ולתפארה, מאפרתי העיר יושבי שערה,
הרב ר' שמואל לנדא ז"ל
ומשבתי בעיר דובנא הבנוי... ובשנת אך טוב לישראל לפ"ק.
נדפס בעיר
סובאלק
בדפוס ובהוצאות של הנגיד ר' אברהם אבלי מארקסאהן.
בשנת כה מעשיו הגיד לעמו לפ"ק
MASECHET SOFRIM
w Drukarni A. Marksohna
w SUWALKACH.
1862.

אין 1863 — די הגדה „גאולת ישראל" און „חובות הלבבות". בדרך כלל איז אָנגענומען, אַז אין מארקסאנס סואוואַלקער דרוקעריי זיינען געדרוקט געוואָרן נאָר די דריי דערמאָנטע ספרים, אָבער באמת איז דאָרטן ארויס אין 1863 אויך דער ספר תהלים. משמעות, דער עסק האָט זיך ניט איינגעגעבן און דערמיט האָט זיך פאַר־ענדיקט די מארקסאָן־פארלעגעריי אין סואוואַלק.[1]

מאַרקסאָן איז געווען אַ באוואוסטער וואַרשעווער

1. ש. ווינער אין „ביבליאָגראַפיע דער אָסטער־האַגאַדאַ" (ניו־יארק, 1949) איז משער, אַז די דאָזיקע הגדה איז אַן איבערדרוק פון אַ פריערדיקער אויסגאַבע אין ברעסלוי. — אין „אוצר הבאורים והפרושים" פון פנחס יעקב הכהן (לאָנדאָן, 1952) ווערט אָנגעגעבן, אַז די מסכתא סופרים איז דערשינען אין 1864. אויב דאָס איז ניט קיין צווייטע אויסגאַבע, מאַכט דער „אוצר"

פאַרלעגער, אָבער אַ סך ווייניקער איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז ער איז אויך געווען דער גרינדער פון דער באוואוסטער וואַרשעווער דרוקעריי און פאַרלעגעריי פון א. באַמבערג.[2]


ספר תהלים
בצרוף
שמוש תהלים וענינים אחרים הנאותים לו
מדויק היטב ומנוקד ומוטעם יפה
ע"פ המסורה וכתבי הקדמונים וכדוקים
נדפס פה סובאלק כמ"ש
ברעדעלהיים שנת תרכ"ג לפ"ק
Druck und Verlag von A. Markssohn in Suwalk.
1863.

איין פאַרלעגער, נחמן גאָלדבערג, האָט געהאַט אַ סכסוך מיט אברהם אבעלע מארקסאָן, הלמאי דער לעצ־טער האָט אָפּגעדרוקט אין זיינע אַרויסגעגעבענע משניות די חידושי ר' עקיבא איגר. גאָלדבערג האָט גע'טענה'ט, אַז נאָר ער האָט דאָס איינציקע רעכט אויף אָט די חידושים. ר' שמואל מאהליווער, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין סואוואַלק, האָט אָבער גע'פסק'נט, אַז מארקסאָן האָט עס געמעגט טאָן.

מארקסאָנס נאָמען ווי אַ פאַרלעגער איז געווען אַזוי פּאָפּולער, אַז מען פלעגט אים אָפט אפילו ניט פורש בשמו זיין. הרב ר' יצחק אליהו לנדא, וועלכער האָט געהאַט אַ טענה אויף מארקסאָנען, אַז ביי אים זיינען

אַ טעות. — זע אויך „הכרמל", 1860, נר' 22; ד"ר י. שאַצקיס „קולטור־געשיכטע פון דער השכלה ביי יידן אין ליטע" אין „ליטע", באַנד I, ז' 755, ווי אויך „תולדות הדפוס העברי בפולניה" פון ח. ד. פרידבערג, תל־אביב, תש"ו, ז' 112.

2. ד"ר י. שאַצקי האָט אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע" וועגן דעם ניט דערמאָנט, אָבער ס'איז קלאָר געשריבן וועגן דעם אויף אַ ריי שער־בלעטער פון ספרים, וואָס צוויי פון זיי זאָלן דאָ געבראַכט ווערן: משניות (זרעים), ווארשא, תרכ"א „בדפוס ר' אב. באמבערג, אשר הוסד ע"י א"א מאַרקסאָהן מסובאלק", אַן ענלעכע אויפשריפט איז דאָ אין „חדושי הרשב"א", ווארשא, תרכ"ט.

פאַרלאָרן געגאַנגען זיינע מאַנוסקריפטן, רופט אים אָן נאָר „המדפיס מסובאלק".[3]

דער דערמאָנטער י. א. לנדא גופא האָט אַ קענטיקע שייכות צו סואוואַלק. די לנדא־משפחה געפינט זיך אויף


ספר
תורת
חובת הלבבות
עם פירוש
פת לחם
בתוספת כמה מעלות טובות
חלק שני
סובאלק
בדפוס של הנגיד ר' אברהם אבלי מארקסאהן
שנת תרכ"ג לפ"ק
Ховасъ Гадвовасъ, т. е. Обязанность Сердца.
СУВАЛКИ, въ Типографіи А. Марксона.
1863.

ס'רוב סואוואַלקער פרענומעראַנטן־רשימות. איינער פון זיי, „הרבני הנגיד המופלג מו"ה אלחנן דוב בהגביר מ' יעקב לנדא", האָט געהאָלפן ר' ישראל יפה'ן, וועלכער איז געווען חזן אין סואוואַלק, אַרויסגעבן זיין ספר „אשי ישראל".

מאַרקסאָן איז געווען דער סואוואַלקער פאַרלעגער בה' הידיעה, אָבער ס' איז אַ סך ווייניקער באוואוסט, אַז די באַקאַנטע משפחה יעבץ, וואָס האָט ארויסגעגעבן אין די זעכציקער יאָרן אַ גרויסן טייל פון וואַרשעווער ש"ס און אַנדערע ספרים, האָט אַ קענטיקע שייכות צו סואוואַלק. איינער פון דער דאָזיקער משפחה, אליהו יעבץ, גיט זיך אַליין אָן ווי אַ סואוואַלקער. אויפן שער־בלאַט פון ספר „תולדות רבנו עקיבא איגר" (ווארשא,

3. „דרך ארץ זוטא", עם ביאור „דרך חיים" לר' יצחק אליהו לנדא, ווילנא, 1872.

תרל"ה) ווערט געזאָגט: „נדפס ע"י ר' אליהו יעבץ מסוואלק". פון דעם איז צו דרינגען, אַז אָדער ער איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אָדער ער האָט דאָרטן געלעבט אַ לענגערע צייט.

דער דאָזיקער ר' אליהו, ווי ער גיט זיך אַליין אָן אויפן שער־בלאַט פון דערמאָנטן ספר, איז אַ זון פון ר' יהודה ליב יעבץ, וועלכער שטאַמט פון קאָלנע, איז אָבער געווען געקניפּט און געבונדן מיט סואוואַלקער געגנט.


בעזה"י
גאולת ישראל
הוא סדר הגדה של פסח
עם כמה מעלות נפלאות · כולמו בפז מסולאות:
א) כל הדינים וסדר הנהגות ליל שמורים · כלם ארוכים וברורים:
ב) מחברת ספורי נפלאות מנסי אלהים חיים . בו יבואר כל נס ונס אשר עשה ברחב ידים · עם עמו מימי צאתם ממצרים · ועד היום הזה לא עזב חסדו לדורשיו משמים · ואשר יעשה עוד לעינינו במהרה בימינו פתח כמים . עת יושע יהודה בירושלים · כפי המבואר בש"ס וילקוטים ומדרשים אשר כל דבריהם מקור חיים · אשר קבץ וליקט הרב החסיד המנוח מהו' משה מואלשין · בעה"מ ס' תיקון שבת וס' משפט צדק · בזכותו ה' יציל עמו ממשוסת חרק · ויחזיק בדק:
ג) פי' ילקוט הרועים · והוא פירושים נפלאים על סדר הגדה המקובצים משבעה רועים נאמנים · ראשונים וגאונים (המבוארים בהקדמה) מתוק מדבש ונופת צופים:
ד) איזה הערות ע"ד מוסר מספרים קדושים · אשר כל דבריהם בלב כל ישראל עושים רושם:
ה) הוספות והגהות למחברת ספורי נפלאות · אשר בשולי היריעה באות · יפות גם נאות:
ו) סדר קצירת עומר · ועי"ז נטה לקול מבשר ואומר:
ז) קצת מראה מקומות בש"ס ומדרשים ובתנ"ך כל מאמר מצוין כאשר עיניכם יראו עין בעין · כ"ז לקטתי ואספתי אחרי מות משה עבד ה' · בנני המלקט שבלים · בעשתונות נבהלים · ורעיונות נכשלים · והבאתים לבית הדפוס המשובח והמפואר · בעזר צור ישראל:
סובאלק
בדפוס ר' אברהם אבלי מארקסאהן
בשנת למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים לפ"ק
ГАГАДА ШЕЛЪ ПЕСАХЪ,
т. е. Молитвы читаемыя въ ночи Праздника Пасхи
СУВАЛКИ въ Типографіи А. Марксона.
1863.

ר' יהודה ליב, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים אין 1854, האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן געשאַפן אַ קליינע ישיבה מיטן נאָמען „עץ חיים". פיל רבנים אין ירושלים זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מיט דער באַשולדיקונג, אַז „בירושלים מבקשים ללמד נערי בני ישראל בילדונגס". די קעגנערס האָבן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע בראַשור, אין וועלכער זיי שרייבן צווישן אַנדערע וועגן ר' יהודה ליב יעבץ: „והזקן הזה הי' לו



סדר

# הגדה של פסח

עם כמה מעלות כמבואר בשער השני

נדפס מחדש

## סובאלק

שנה תרכ"ג לפ"ק

מספרי ר' דוד הלוי זק נ"י

אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב

על הר גבוה עלי לך מבשרת ציון הרימי בכח קולך מבשרת ירושלים

ספר

# חבת ירושלם

המאיר לארץ ולדרים. להשביע מלא כף נחת בלבות ישרים. מטיב הארץ וירושלם ת"ו במשרים. אשר יסדתי בחדרי קדש בסיפורים. ואסף איש טהור ולקט באמרים. מפי סיפרים וספרים. ובשם אומרם נאמרים. ערי קדש יבפרים. ושכונת קברות יקרים. וזכותם תגן לדור דורים.

נדפס על מכבש הדפוס משלת משה ויהודית ס"ו:

ע"י הרב המדפיס חכם עדיף וכו' כמ"ס ישראל ז"ל הרב החסיד מוהר"ר אברהם זללה"ס.

פה עה"ק ירושלם תובב"א

ובירושלים

שנת תנוחמו

תחת ממשלת אדונינו המלך האדיר החסיד סולטן עבדול מאגיד יר"ה.

הובא לדפוס ע"י הרבני המופלג מוה' מרדכי ב"ר יהודא הכהן נר"ו מגיד מישרים לפני חברים בק"ק סוואלק מע"ה.

מה ידידות משכנותיך יי צבאות נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות יי

זכור יי חבת ירושלים אהבת ציון אל תשכח לנצח

מספרי ר' דוד הלוי זק נ"י

סך עצום בכל שנה מגוברנא סובלק לחלק ללומדי תורה".[4]

די פאַמיליע יעבץ געפינט זיך אָפט אויף סוואַלקער פרענומעראַנטן־רשימות אָדער אויף ליסטעס פרענו־מעראַנטן פון סוואַלקער מחברים.


תולדות
רבינו עקיבא איגר
שישב על כסא הרבנות :
ווארשא
נתן שריפטגיסער
תרל"ה
ТОЛДОСЪ
РАБИНО ЕКИВУ ЕГЕРЪ
ВАРШАВА 1875
Въ Типографіи Н. Шрифтгиссеръ
на улицѣ Налевки № 2242.

ר' מרדכי ב"ר יהודה הכהן, וועלכער איז געווען אַ מגיד־מישרים אין סוואַלק, האָט אויך פאַדינסטן אויפן געביט פון אַרויסגעבן ספרים. אַ דאַנק אים איז אַרויס אַ נייע אויפלאַגע פון באַוואוסטן ספר וועגן ווילנער גאון „עליות אליהו" (שטעטין, תרט"ז), ווייל די ערשטע אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אינעם זעלביקן יאָר, איז גיך צעכאַפּט געוואָרן. ר' מרדכי איז דער אַרויסגעבער פון „חבת־ירושלים" פון ר' חיים הלוי הורוויץ (קעניגס־בערג, תרי"ח, צווייטע אויפלאַגע). ער איז אויך דער מוציא לאור פון „נשמת חיים", מנשה בן ישראל (שטעט־טין, תרי"א). צום סוף פון ספר „משרת משה", שמחה שמואל [נבר], זיינען דאַ „דברי המגיה מרדכי ב"ר יהודא הכהן מ"מ לח' בסוואלק". ער האָט אויך מגיה געווען „נתיבות השלום", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן משה נחמיה ב"ר משולם פּיוויש [קעניגסבערג, תרי"ט], און דעם חלק ג' פון „אשי ישראל" פון ישראל יפה (וואַרשע, 1854). ר' מרדכי הכהן איז אויך דער מוציא לאור פון „בית אברהם", אברהם דאַנציג (קאָניגסבערג, תרי"ט). אין דעם האָט אים געהאָלפן זיין זון קאַפּל, וועלכער האָט געלעבט מיט זיין פרוי און קינד אין קיניגסבערג.

*

אין 1846 איז דערשינען אין בערלין אַ ספר „זכרון יהודה" (שאלות־ותשובות לרבנו יהודה בן הרא"ש) פון איינעם יהודה בן אלכסנדר זיסקינד ראָזענבערג מראַצק, וועלכער האָט עס אַרויסגעגעבן אויף זיינע הוצאות. ער שרייבט אין דער הקדמה, אַז אין בערלין האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ כתב־יד פון ראַ"ש'ס זון, וואָס איז שוין אַלט „פינף הונדערט יאָר".

אין צען יאָר אַרום האָט ער אָפּגעדרוקט אין זיין „קובץ מעשי ידי גאונים קדמונים", חלק א', אַ פירוש פון רבנו רב האי גאון אויף סדר טהרות, „אשר זה אלף שנים גנוז וטמון" (בערלין, תרט"ז).


ספר
רבינו בחיי
באור על התורה
חלק ראשון
ספר בראשית
ווארשא
בשנת ברית לפ"ק
בדפוס של הרבני מהו' צבי יעקב באמבערג .

4. „קונטרס אמת ומשפט", ירושלים, תרס"א.

אין 1860 האָט ראָזנבערג אַרויסגעגעבן אין לייפּציג „„שאלות ותשובות" פון חיים אשכנזי.

אין 1846 איז ר' יהודה ראָזנבערג שוין געווען אַ זקן. אין הקדמה פון „זכרון יהודה" קלאָגט ער, אַז די האָר זיינען שוין ווייס און עס זיינען געקומען די טעג, אין וועלכע ס'איז ניטאָ קיין אינטערעס. ער האָט געליטן פון חולאת'ן, געלעגן קראַנק און פאַרלאָזן אין ברעסלאַו, שפּעטער אין פראַנקפורט ביים מיין און אין בערלין. ער איז געשטאָרבן אין האַלבערשטאַט.

אַן אַנדער סואוואַלקער, וועלכער איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ווארשע, האָט אויך געהאט אין זיינע פּלענער דאָס דרוקן „ספרים קדושים". משמעות, אַז דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. מיר האָבן אָנגעטראָפן נאָר דריי ספרים, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן: „רבינו בחיי, חלק א', ספר בראשית (ווארשא, תרי"ב), הובא לדפוס ע"י האיש הנכבד המפורסם מו"ה שמואל נטע בהרב מה"ו בנימין בישקאָוויץ מסוואלק". צום סוף איז דאָ אַ רעקלאַמע פון מחבר אין פאָרעם פון אַ ליד צו קויפן דעם ספר. זיין צווייטער אַרויסגעגעבענער ספר איז דער „חובת הלבבות" מיטן פירוש „פת לחם" (ווארשא, תר"י) און דער דריטער: „חשבון הנפש", מנחם מענדל ב"ר יהודא ליב [סאטאַנאווער], (ווארשא, תרי"ב). ר' שמואל בישקאָוויץ האָט אַ לענגערע צייט געלעבט אין פּשעראָסלע.

דער געבאָרענער אין סייני מאיר אריה ב"ר יאיר הכהן האָט ארויסגעגעבן „צוואה" פון יוסף משה אברהם (ניו־יאָרק, תשי"ב[?], צווייטע אויסגאַבע. ערשטע אויסגאַבע דערשינען ווארשא, 1845).

דוב בער גאָלדבערג (ב"ג), געבאָרן אין כלודנע, לעבן ראַצק, אין 1890, אַ פאָרשער אויפן געביט פון אַלטער יידישער ליטעראַטור, האָט אַרויסגעגעבן טייערע מאַנוסקריפּטן פון אַמאָליקע גדולי ישראל, ווי, 'יסוד עולם" לר' יצחק ב"ר יוסף ישראלי, „ברכת אברהם" לר' אברהם בן הרמב"ם (ליק, 1859) און אַנדערע. ער איז געשטאָרבן 1883 אין פּאַריז. אין 1830 איז ער געווען אַ לערער ביים גביר און משכיל ליטינסקי אין איינעם פון די דערפער אַרום סואוואַלק. ער האָט פאַרעפנטלעכט 17 ביכער און בראָשורן און הונדערטער אַרטיקלען אין דער העברעאישער פּרעסע אונטער דעם בשעתו באַוואוסטן פעננאָמען ב"ג.[5]

אשר מרגלית פון פּשעראָסלע האָט אַרויסגעגעבן מענדלסאָנס „פעדאָן", בשותפות מיט בערקמאַן פון ווילקאָווישק.

ר' ישראל יפה, לאַנגיעריקער סואוואַלקער חזן, האָט ארויסגעגעבן אַ דריטע אויפלאַגע פון „שער השמים" פון אברהם כהן אירירי (ווארשא, 1864).

5. „אנציקלופדיה עברית", ירושלים—תל־אביב, תשט"ו, כרך י', ע' 382 ; ענציקל. יודאַאיקא, VII, ז' 467.

# פּיאָנערן פון יידיש־העברעאישער פּרעסע

כאָטש אין דער אייגענער געגנט האָבן די סואוואַלקער ניט געהאט צו פאַרצייכענען דעם מינדסטן אויפטו אויפן געביט פון יידישן צייטונגס־וועזן, האָבן אָבער סואוואַלק־אָפּשטאַמיקע אימיגראַנטן אויסגעפירט אַז ערשטקלאַסיקע פּיאָנערן־ראָל אינעם אויפבוי פון דער יידישער און העברעאישער פּרעסע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

צווישן די סאַמע ערשטע חלוצים פון יידיש־געדרוקטן וואָרט אין אמעריקע זיינען געווען כתריאל־צבי שרהזאן און מרדכי יהלמשטיין (יהלם־שטיין),ביידע סואוואַלקער. יהלמשטיין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1835, שרהזאָן 1837 — אין פּייזער, אַ דערפל ניט ווייט פון סואוואַלק. זיי זיינען געווען שוואָגערס. נאָך דער חתונה האָט כתריאל־צבי געלעבט אין סואוואַלק אַ לענגערע צייט.[1] אין 1866 זיינען ביידע געקומען קיין ניו־יאָרק. אין זעלביקן יאָר האָט מ. יהלמשטיין אַרויסגעגעבן די יידישע צייטונג „דיא אידישע פּרעסע", וואָס האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים. שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן „דיא ניו־יאָרקער אידישע צייטונג", וואָס האָט אָבער אויך קיין בעסערן מזל ניט געהאַט און איז גיך אַרונטער פון דער סצענע.[2]

1. מ. יהלמשטיין האָט נאָך דער חתונה געלעבט אין פּאַריז, שפּעטער אין וואַרשע, וואו ער איז געווען הויפּט־קאָרעקטאָר ביי זיין פעטער ר' אבעלע מאַרקסאָן. ער האָט אַ סך געשריבן אין „המליץ" אונטערן פּסעוודאָנים „איש ימיני". —

2. „פּוילישע יידן", ניו־יארק, 1935, ז' 31.

מ. יהלמשטיין איז צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע, אָבער אין 1871 איז ער צוריקגעקומען. אין 1874 האָט ער מיט כתריאל צבי שרהזאן געגרינדעט די וועכנטלעכע „יודישע גאזעטטען". דער דערפאָלג איז געווען נישטיק, פונדעסטוועגן האָט שרהזאן ניט פאַרלאָרן זיין מוט און אין עטלעכע יאָר אַרום, אין 1881,*[2] האָט ער געפּרואווט מזל מיט ארויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג אונטערן נאָמען „טעגליכע גאזעטטען", וואָס זיינען געווען די ערשטע יידישע טעגלעכע פּרעסע־אויסגאַבע אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט. די „טעגליכע גאזעטטען" האָבן אָבער אָנגעהאַלטן נאָר צוויי וואָכן. אַ פּרואוו פון שרהזאנ'ען אין 1883 צו באנייען די „טעגליכע גאזעטטען" האָט געגעבן דעם זעלביקן רעזולטאַט, ווי אין 1881.[3]

קורצע יאָרן האָט אויך געהאט דער „ניו־יארקער איזראעליט", וואָס מ. יהלמשטיין האָט ארויסגעגעבן אין 1875.[4]

ערשט אין 1885 האָט שרהזאָנען אָפּגעגליקט. אין יענעם יאָר האָט שרהזאָן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „דאָס אידישעס טאַגעבלאַט", וואָס איז מיט דער צייט פאַראייניקט געוואָרן מיט די „יודישע גאזעטטען". שרהזאנס נייע יידישע טעגלעכע צייטונג אין ניו־יאָרק איז דער־

*2. ערשטער נומער ארויס דעם 18טן יוני.

3. „זאמלבוך לכבוד דעם 250סטן יובל פון יידישער פּרעסע", רעדאַגירט ד"ר י. שאַצקי, ניו־יארק, 1937, ז' 127.

4. דאָרטן, ז' 118 און ווייטער.

שינען מיט דער הילף פון זיין זון יחזקאל און זיין שפּעטערדיקן איידעם יהודה־לייב (לעאָן) קאַמייקאַ. קאַמייקאַ אַליין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלקער קרייז־שטאָט ווילקאָווישק, בערך אין 1865.[5-6] קאַמייקאַ, אגב, האָט פאַרנומען אַ חשוב׳ע פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער אמעריקע און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דער פּאָרזיצער פון צענטראַלן רעליף־קאָמיטעט פאַר יידישע קריגס־געליטענע.

די „גאזעטטען־טאַגעבלאַט" האָבן עקסיסטירט אַ לאַנגע צייט — ביז 1928, ווען זיי זיינען אָפּגעקויפט געוואָרן דורכן „מאָרגען זשורנאל".

די ערשטע יידישע צייטונג אין שיקאַגע איז אויך געגרינדעט געוואָרן דורך אַ סואוואַלקער, נחמן־בער עטעלסאָן, אין 1877. עטעלסאָן איז, אמת, ניט קיין „ריינער" סואוואַלקער, אָבער ער שטאַמט פון סואוואלקער גובערניע, פון שאַקי, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1828. קיין אמעריקע איז ער געקומען אין 1857. דער נאָמען פון דער צייטונג איז געווען „די איזראעליטישע פּרעסע", מיט אַ העברעאישער הוספה „היכל העבריה", און האָט אָנגעהאַלטן ארום דריי יאָר.[7]

כתריאל־צבי שרהזאָן איז געווען פּאָפּולער און אָנגענומען אין ניו־יאָרק און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין מערערע חברות. איין ניו־יאָרקער חברה, „גבאי מחזיקי עניי ארץ־ישראל", האָט אים אין 1875 דעלעגירט קיין ארץ־ישראל מיט דער אויפגאַבע צו ליקווידירן דעם סכסוך צווישן די צוויי קאָנקורירנדיקע שפּיטאָלן אין ירושלים — פון די ספרדים און פון די אשכנזים. שרהזאָן האָט ניט מצליח געווען אין זיין מיסיע און אין אַ ריי אַרטיקלען האָט ער שפּעטער דערקלערט די סיבות דערפון.[8]

שרהזאָן איז געווען פון די ערשטע פּלאַנירערס און צוגרייטערס פון דער קאָנפערענץ צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון אָרטאָדאָקסישע יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.[9]

שרהזאָן און יהלמשטיין זיינען די גרינדערס פון דער ערשטער אגודה עברית אין דער וועלט — „שוחרי שפת עבר", געשאַפן אין 1880. שרהזאָן האָט אויך אַרויסגעגעבן (אין 1882) דאָס ערשטע יידישע לערנבוך צו לערנען ענגליש „דער אמעריקאנער".[10]

שרהזאָן איז אין זיין לאַנגער זשורנאַליסטישער און צייטונגס־פאַרלעגערישער קאַריערע אַנדערש מאָל באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער „ניצעוועט" איבער פרעמדע מאַטעריאַלן פאַר זיינע צייטשריפטן. איינעם פון די שאַרפסטע אָנפאַלן און באַשולדיקונגען אין פּלאַגיאַט אויף כתריאל צבי שרהזאָן האָט געמאַכט די לאָנדאָנער „צוקונפט".[11]

וו. שור, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון שיקאַגער „הפסגה" און איינער פון די ערנסטע העברעאישע פּובליציסטן בשעתו אין אַמעריקע, האָט געהאַט וועגן כתריאל שרהזאן גאָר אַ שלעכטע מיינונג. ער זאָגט אויף אים: „האיש השפל הזה הוא צרעת ממארת..."[12] דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז שור און שרהזאן זיינען תחילת געווען שותפים אין „הפסגה" און זיינען זיך צעגאַנגען. די מיינונג פון וו. שור וועגן זיין אַמאָליקן שותף קען דעריבער ניט זיין קיין צו אָביעקטיווע.

ווי אַן אַרויסגעבער פון מערערע צייטונגען איז כ. שרהזאן ניט זעלטן באַגאַנגען גראָבע טעות׳ן. איינס פון די סאַמע בולט׳סטע ביישפּילן פאַר דעם איז זיין באַציאונג צו זיין האַלבן לאַנדסמאַן און באַרימטן יידישן פאָלקסדיכטער מאָריס ראָזענפעלד. ראָזענפעלד פלעגט שרייבן לידער פאַר שרהזאָנס „יודישעס טאַגעבלאטט". האָבן די באַלעבאַטים, שרהזאן און זון, איין מאָל זיך מיישב געווען און ראָזענפעלדן אָפּגעזאָגט די מיטאַרבעט אין צייטונג, צושיקנדיק אים דאָס ווייטערדיקע קליינע בריוועלע: „געערטער הער, מיר געפינען פאַר נויטיק אייך צו לאָזן וויסן, אַז פון היינט אָן דאַרפט איר מער אונדז ניט שרייבן. די אורזאַך איז, ווייל אייער שרייבן איז נישט גענוג אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט".[13] אַ שיין ביישפּיל פון ליטעראַרישער „מבינות"!

בדרך כלל האָט אָבער כ. שרהזאן אויסגעפירט אַ זייער וויכטיקע פּיאָנערן־ראָל אינעם אויסבוי פון יידישן פּרעסע־וועזן אין אמעריקע.

שרהזאן האָט זיך געהאַט גוט ארויפגעארבעט אין אַמעריקע, ווי עס באַווייזט זיין צוואה, אין וועלכער ער צעטיילט 600.000 [60 טויזנט?] דאָלאַר אויף יידישע מוסדות — צוויי דריטל פאַר חברות אין ניו־יאָרק און איין דריטל פאַר ארץ־ישראל.[14] שרהזאן איז געשטאָרבן דעם 12טן יאַנואַר, 1905, אין ניו־יאָרק און אין דער לוויה האָט זיך באַטייליקט אַן עולם פון אַ 50.000 יידן.

מרדכי יהלמשטיין איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1897. אין 1893 איז דערשינען זיין בוך „דברי ימי ארצות הברית".

אפילו די סאַמע ערשטע יידישע צייטשריפט אין אַמעריקע — „די פּאָסט" — איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַ סואוואַלק־אָפּשטאַמיקן, צבי־הירש בערנשטיין פון ניישטאַט, אַן איידעם פון קאלווואריער רב. בערנשטיין איז געווען איר גרינדער און דער סואוואַלקער מ. י.

5-6. „לתולדות ישראל באמריקא", בן־ציון אייזענשטאַדט, ניו־יאָרק, תרע"ז, ז׳ 47.

7. „זאמלבוך לכבוד דעם 250סטן יובל פון יידישער פּרעסע", ז׳ 116 און „פּנקס" פון ייוואָ פון 1927/8, ז׳ 739. — אויף י. שיינהאקס „תולדות הארץ" געפינט זיך צווישן די סואוואַלקער פרענומעראַנטן שמואל יצחק עטעלזאן, וואָס איז מסתמא די זעלביקע משפּחה.

8. „הצבי", ירושלים, נר׳ 3, 5, 6, 7, 9; „העברי", 1875, נר׳ 3.

9. „יהדות אמריקה בהתפתחותה", משה דייוויס, ניו־יארק, תשי"א, ע׳ 283.

10. „עברים כחלוצי יידיש באמריקה", מ. שטאַרקמאַן, תדפיס מ„מצודה", תשי"ד.

11. „צוקונפט", לאָנדאָן, 1885, נר׳ 30.

12. „אגרות סופרים", א. ר. מלאכי, ניו־יורק, תרצ"ב, זז׳ קיג׳, קיח׳.

13. „מאָריס ראַזענפעלדס בריוו", י. ליפשיץ, בוענאס איירעס, 1955, ז׳ 22 (מאָדערניזירטער אויסלייג פון ארויסגעבער).

14. „הפּלס", תרס"ה, ז׳ 383.

ילהמשטיין איר צווייטער רעדאקטאר (נאָך צבי גרשוני).

לויט מ. שטאַרקמאַן, איז די עלטסטע יידישע צייטשריפט אין אמעריקע ניט „דיא פּאָסט",[15] נאָר „די אידישע צייטונג", אָבער אויף יעדן פאַל איז דער צייטמהלך צווישןביידן נאָר אין 6 חדשים.[16]

סואוואַלקער אימיגראַנטן זיינען געווען אויך די ערשטע פאָרלויפערס פון דער העברעאישער פּרעסע אין אמעריקע.

דער דערמאָנטער צבי־הירש בערנשטיין איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „הצופה בארץ החדשה", וואָס ער האָט געגרינדעט אין ניו־יאָרק אין 1871 און איז דערשינען גאַנצע פינף יאָר.[17] איר מיטגרינדער איז געווען דער „ריינער" סואוואַלקער מרדכי יהלמשטיין.

ווי אַ „סואוואַלקער" צייטונג, געפינט איר טאַקע אין „הצפה בארץ החדשה" אויך סואוואַלקער „נייס": אין נר' 42 זוכט אַ סואוואַלק־געבאָרענער דעם סואוואַלקער בחור יעקב לעוויט, וועלכער האָט אים באשווינדלט; אין נר' 43 שרייבט דער סואוואַלק־אָפּשטאַמיקער ר' ישראל־יצחק האפרתי חידושי תורה; אין זעלביקן נומער מעלדעט דער סואוואַלקער מרדכי יהלמשטיין, אַז ער איז אַן אַגענט פון אַ שיף־געזעלשאַפט אין האַמבורג וכדומה.

אין 1881 האָט מ. יהלמשטיין רעדאַגירט דעם „המאסף בארץ החדשה", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק אַ קורצע צייט.

כתריאל־צבי שרהזאן איז געווען דער גרינדער פון ניו־יאָרקער „העברי" (אין 1892). זיין רעדאַקטאר איז כמעט די גאַנצע צייט פון זיין עקסיסטענץ געווען גרשון ראָזנצווייג, אַ פריערדיקער סואוואַלקער לערער. אַ געוויסע צייט איז דער „העברי" רעדאַגירט געוואָרן דורך אַ צווייטן סואוואַלקער — אריה דוב פרידמאַן.

יהודה־לייב גאָרדאָן האָט ניט געהאט קיין צו גער הייבענע מיינונג וועגן דער דאָזיקער העברעאישער צייטשריפט. אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער אַזוי: „גם מוציאי „העברי", שרהזאן אב ובנו, קוראים אותי לעזרה; אכן את פניהם השיבותי ריקם, כי מתוך העלים אשר שלחו לי לדוגמא ראיתי, כי האנשים ההם שפתנו איננה אתם ולא יבינו לדבר כן".[18] יל"ג האָט זיין דאָזיקע מיינונג אַרויסגעזאָגט אויפן סמך פון עטלעכע, אפשר ניט געלונגענע, נומערן, אָבער בדרך כלל האָט דער „העברי" זיך ווייט ניט געהאט צו שעמען מיט זיין לשון פאַר די איבעריקע העברעאישע צייטשריפטן פון יענער צייט.

גרשון ראָזנצווייג איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר און ארויסגעבער פון „קדימה", „מכתב עתי לעניני החיים ולספרות ישראל", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען

15. ערשטער נומער — ערשטער אויגוסט 1870.
16. „זאמלבוך צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע", רעדאגירט פון ד"ר י. שאַצקי, ניו־יארק, 1934 און ש. טשארנאָבראדאס אַרטיקל אין „פּוילישע יידן", ניו־יאָרק, 1933.
17. ערשטער נומער — כ"ב סיון, תרל"א.
18. „אגרות יל"ג", ע"י י. י. ווייסבערג, כרך שני, חלק ד', ווארשא, תרנ"ה, ע' 398.

אין ניו־יאָרק אין 1899. אין פּראָגראַם־אַרטיקל „אל הקוראים" ווערט געזאָגט: „וקדימה תהיה מגמת פניו, לרוח הזמן הזה, ולרוח היהדות שקדמה בהשכלתה להשכלת הדור הזה... קדימה יקרא לאחינו בעלי הי תערובות השוכחים צור מחצבתם".

ג. ראָזנצווייג האָט אויך רעדאַגירט די „הדבורה" און זיך באַטייליקט אין מיטרעדאַגירן דעם ניו־יאָרקער „נר המערבי".

אין 1892 (ניו־יאָרק) און 1894 (ווילנע) איז דערשינען זיין „מסכת עמאריקא" (פון „תלמוד ינקאי", וואָס איז ארויס אין ניו־יאָרק אין 1907). אין 1904 האָט ראָזנצווייג ארויסגעגעבן אַ בוך „אָריגינעלע אַפּאָריזמען" מיטן נאָמען „חמשה ואלף" (ניו־יאָרק, תרס"ג, חלק א'), געווידמעט כתריאל־צבי שרהזאן. אין 1898 איז ארויס זיינס אַ קליין ביכל לידער „מזמרת הארץ". אין 1894 האָט ער ארויסגעגעבן אין ניו־יאָרק זיין „שירים, משלים ומכתבים".

ראָזנצווייגס „מסכת עמאריקא" איז אפשר די סאמע בייסיקסטע סאַטירע, וואָס איז ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין העברעאיש און יידיש אויף דעם אויפגעקומענעם פאַרפּוסטעוועטן און פאַר'עם־הארצ'עוועטן יידישן „אָלרייטניק" און קהל־פירער אין אמעריקע.

ג. ראָזנצווייג איז געבאָרן געוואָרן 1861 אין קראַטאָשין. נאָך זיין חתונה אין 1880 האָט ער געעפנט אין סואוואַלק אַ בית־ספר עברי, וואָס האָט עקסיסטירט ביז זיין אָפּפאָר קיין אמעריקע אין 1888 און האָט געהאט אַ קענטיקע הצלחה.[19] ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין 1914.

מנחם ריבולוב שרייבט, אַז בזכות פון זיין סאַטירע איז גרשון ראָזנצווייג איינער פון די, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.[20] אויך א. ר. מלאכי זאָגט, אַז ראָזנצווייג איז ניט געווען קיין גאָט־געבענטשטער משורר, אָבער אַ מענטש מיט גאָר גרויסע כשרונות.[21]

אַ גאַנץ אַקטיווער מיטאַרבעטער אין דער העברעאיש־אַמעריקאַנער פּרעסע איז געווען נחום טוביה לאָנדאָן, וועלכער איז אין 1837 געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק. ער האָט געלערנט אין קאַלוואַריע ביים אָרטיקן רב ר' מרדכי מעלצער. אין 1867 איז ער געווען לערער אין דער רעגירונג־שול אין ווילקאָווישק, ליטע. אין 1895 האָט ער זיך באַזעצט אין אַמעריקע. לאָנדאָן האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „המודיע לחדשים", „העברי", „הלאם", „בית ועד לחכמים", „ילקוט מערבי". ער האָט בייגעטראָגן מערערע אַרבעטן צו דער „דזשואיש ענציקלאפּעדיא".[22]

19. „חכמי ישראל באמריקא", ב"צ אייזענשטאַדט, ניו־יארק, תרס"ג, ז' 94. לויט „המקהלה" איז ער געבאָרן געוואָרן אין דובראָווע. — ראָזנצווייגס נאָמען געפינט זיך גאַנץ אָפט אויף סואוואַלקער פּרענומעראַנטן־רשימות.
20. „השירה העברית באמריקה", ניו־יורק, תרצ"ח, ע' ג'.
21. „מסות ורשימות", ניו־יורק, תרצ"ט, ע' קע"ט.
22. זע אויך „חכמי ישראל באמריקא", ע' י"ב.

סואוואַלקער, בכן, זיינען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט די סאַמע אָנהייבן פון דער יידישער און העברעאישער פּרעסע אין אַמעריקע און זיי קענען שטאָלץ זיין מיט זייער גרויסן ביישטייער אין איר אויסבוי.

*

פאַראַן אַ צווייט לאַנד, וואו סואוואַלקער עמיגראַנטן האָבן אַ חלק אינעם אויסבוי פון דער יידישער פּרעסע — אַ קאַפּיטל, וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט אין אונדזער פּרעסע־געשיכטע.

בלעטערנדיק די אַלטע העברעאישע צייטונגען האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קאָרעספּאָנדענץ פון לאָנדאָן אין „המליץ", 1885, נר' 155, געשריבן פון „גר ותושב", וואָס איז געווען ניט קיין זעלטענער קאָרעספּאָנדענט פון סואוואַלק אין „המליץ". און אָט וואָס ער שרייבט דאָרטן צווישן אַנדערע:

„דער געדאַנק פון ישוב א"י האָט געפונען ווען אויך אין האַרצן פון אונדזערע ברידער געבוירענע אין אונדזער שטאָט, וועלכע האָבן פאַרלאָזן אונדזער לאַנד [פוילן] צוליב אַרבעטסלאָזיקייט און איצט וואוינען זיי אין דער הויפּטשטאָט לאָנדאָן. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויסער דער חברה, וואָס זיי האָבן געשאַפן צו זאַמלען נדבות פאַרן אויפבוי פון א"י, אויך אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אַ צייטונג אין דער יידישער שפּראַך „המצפה" [האַמצאַפּע], וואָס איר גאַנצע אויפגאַבע און ציל איז צו פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון ישוב [א"י] צווישן אונ־דזערע ברידער. און כאָטש דערווייל איז די צייטונג נאָך ניט רייף און אירע רעדאַקטאָרן פאַרשטייען נאָך ניט צו ריידן צום פאָלק און צו וועקן זיין האַרץ מיט שטאַרקע און געהייבענע ווערטער — אָבער לאָמיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך פאַרפולקומען די צייטונג..."

קלאָר פון דעם, אַז סואוואַלקער האָבן אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן, אין 1885, אַ יידישע צייטונג מיטן נאָמען „המצפה". אין יידישע פּרעסע־איבערבליקן איז אַזאַ אָרגאַן ניט פאַרצייכנט, און אפילו אין דער גרעסטער און אויספירלעכסטער ביבליאָגראַפיע פון פאַרשיידנ־שפּראַכיקע יידישע אויסגאַבעס אין ענגלאַנד פון סעסיל ראָט איז וועגן איר קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.[23]

איינער פון די רעדאַקציע־מיטאַרבעטערס פון „המצפה" איז געווען אפרים איש כישור. אין זיין פיל־

23. "Magna Bibliottheca Anglo-Judaica, London, 1937; ניטאָ אויך אין ז. רייזענס פּרעסע־איבערבליק אין „לעקסיקאָן" פון 1914.



בענדיקער „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב ובוניו"[24] שרייבט ד. תדהר: „אין 1887 האָט ער [א. א. כישור] זיך באַטיי־ליקט אין רעדאַקציע פון דער צייטונג „המצפה", וואָס איז דערשינען אין יידיש און האָט געפּרעדיקט דעם געדאַנק פון שיבת ציון".

אפרים איש כישור איז געווען דער פּענגאָמען פון שפּינדלמאַן, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן דעם 20סטן יולי, 1863, אין פאַנעמון, סואוואַלקער גובערניע. זיין גאַנצע משפחה האָט דערנאָך יאָרן לאַנג געלעבט אין סואוואַלק גופא. ער האָט אויך רעדאַגירט „די יודישע נאַציאָנאַל־צייטונג". איש־כישור האָט פיל געהאָלפן ד"ר הערצלען אין זיינע ערשטע פּאָליטישע שריט אין לאָנדאָן. ד"ר הערצל דערמאָנט אים אויך אין זיינע טאָגביכער. ער האָט מערערע יאָרן געלעבט אין אַמעריקע און פון דאָרטן אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געוואָרן אַן אַקטיווער רעוויזיאָניסט. דעם 23סטן סעפּ־טעמבער, 1945, איז ער געשטאָרבן אין ירושלים.[25]

מערער פּרטים איז אונדז ניט געלונגען אויסצו־געפינען וועגן „המצפה", אויך ניט וועגן זיין רעדאַקטאָר. מיר זיינען משער, אַז דער „המצפה" איז דערשינען נאָר אַ קורצע צייט — און דעריבער ווייסט מען אַזוי ווייניק וועגן אים.

אין תדהר'ס רייד, אַז כישור־שפּינדלמאַן האָט רע־דאַגירט דעם „המצפה" אין 1887, מוז זיין מסתמא אַ טעות. אויב דאָס זאָל זיין ריכטיק, קומט אויס, אַז דער „המצפה" — וואָס „גר ותושב" שרייבט שוין וועגן זיין עקסיסטענץ אין 1885 — האָט אָנגעהאַלטן וואָסערע 2—3 יאָר, — און אַ יידישע צייטונג מיט אַזאַ עלטער וואָלט זיכער ניט געבליבן אַזוי אומבאַקאַנט און אַזוי פאַרגעסן.

א. ר. מלאכי, דער באַוואוסטער העברעאישער ביב־ליאָגראַף, שרייבט, אַז דער רעדאַקטאָר פון „המצפה" איז געווען אַ דייטשער ייד, ד"ר הערצבערג.[26] ער האָט געזען נאָר איין נומער פון דער צייטונג. אָבער ווי ס'איז צו זען פון די רייד פון „גר ותושב", זיינען טאַקע די הויפּט־מיטאַרבעטערס אין „המצפה" געווען סואוואַלקער בני־עיר.

אין לאָנדאָן, ווי אויך — אין אַ פיל־פיל גרעסערער מאָס — אין ניו־יאָרק און שיקאַגע האָבן סואוואַלקער אימיגראַנטן אויסגעפירט אַ גרויסע פּיאָנערן־אַרבעט אינעם אויסבוי פון יידיש־העברעאישן פּרעסע־וועזן.

24. תל־אביב, 1942, ז' 1167.
25. אין „ספר הקונגרס", בעריכת ל. יפה, ירושלים, תרפ"ג, ז' 98 איז דאָ אַן אַרטיקל פון איש־כישור.
26. „שיקאַגאַ", אויגוסט, 1933, ז' 22.

# קאָרעספּאָנדענטן

פון סואוואַלקער געגנט, באַזונדערס פון סייני און סואוואַלק, האָט מען געשיקט אַ היפּשע צאָל קאָרעספּאָנ־דענציעס אין די אַמאָליקע העברעאישע צייטונגען. צווישן די קאָרעספּאָנדענטן זיינען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן ניט נאָר געשריבן וועגן לויפיקע געשע־עניש, נייערט פון צייט־צו־צייט אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי ערנסטע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע העברעאישע צייטשריפטן.

אין דער לעצטער קאַטעגאָריע דאַרפן אריינגערעכנט ווערן: פון סואוואַלק — יהודה הכהן וויסטינעצקי,[1] יוסף ראָזנטאל, ישראל־זלמן סטאַראָפּאָלסקי. אין אַ קלענערער מאָס: יחזקאל ליעבשיץ בן האל״ה,[2] אליהו וויסטינעצקי. אשר מרגלית,[3] יהושע זאב סערייסקי, אליעזר דוב ליבער־מאַן, יהושם הלבני (י. ש. ווייס). פון סייני: ט״ף שפּירא.[4]

די איבעריקע קאָרעספּאָנדענטן זיינען:[5]

פון סואוואַלק — אברהם מאיר זילבערבערג (1),

1. געשריבן אויך פון פּשערסאָלע. דוד גאָרדאָן, דער בעל „המגיד״, האָט אין אַ בריוו צו ש. ל. ציטראָן געלויבט וויסטינעצקיס מאמרים און חידושי־תורה. ער רעכנט אויך צו וויסטינעצקין צו די אַקטיווע עסקנים פון חובבי־ציון.
2. ער האָט פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון פראַנקפורטער „איזראַעליט״ אין „הלבנון״ (1878, נר׳ 28 א״אנד). די ערשטע איבערזעצונגען זיינען גע׳חתמ׳עט: יחזקאל ליעבשיץ מסובאלק, די ווייטערדיקע — יחזקאל ליעבשיץ בן האל״ה מסובאלק. פון 1878 איז געווען רב אין סואוואַלק ר׳ הלל אריה ליב ליבשיץ (ראשי־תבות: האל״ה — דער „ה״ באַטייט מסתמא הרב אָדער הלוי). ער האָט געהאַט אַ זון יחזקאל, שפּעטער אַ באַוואוסטער רב, און ער איז עס, זיכער, דער מתרגם פון „איזראַעליט״. אין „הלבנון״ פון 1872, נר׳ 10, איז דאָ אַן אָנהייב פון אַ דערציילונג אין פיל המשכים, איבערגעדרוקט פון דער דערמאָנטער יידיש־דייטשער צייטונג און איבערגעזעצט פון האל״ה מפלונגיאן — ד״ה פון זיין פאָטער אַליין. אין יענעם יאָר איז ר׳ הלל ליבשיץ טאַקע געווען רב אין פלונגיאַן, ליטע. זע אויך אין „אוצר בדויי השם״ פון ש. חיות, נר׳ 3530.
3. געשריבן אויך פון פּשעראָסלע.
4. אין „המגיד״, 1867, נר׳ 15, געפינט זיך אַ שיר פון איינעם אפרים לייב בן יחזקאל באַנקאָווסקי מסוואלק. מער האָבן מיר זיין נאָמען ניט באַמערקט.
5. דער נומער אין קלאַמערן ווייזט די צאָל קאָרעספּאָנדענציעס.

שמואל־יהודה מאַרקין (3), אברהם ניימאַרק (1), זלמן ראָזנטאַל (4), א. ד. ליבערמאַן (3), יג״ר שטערן (1), זאב דאַנייגער (3), יצחק גאָרדאָן (1), מ. לעווינזאָן (2), יהודה־דוד בוטקאָווסקי (1), צבי־הירש אבראַמזאָן (1), ישראל מאַרקאָוויץ (1), שרגא פייבא שייטליס (7), אשר רובינשטיין (3), י. צ. מידד (1), חייקל מידד (1), יצחק־לייב פרידמאַן (1), י. ל. פאַראַדיסטאַל (1), יונה קאָפּעלא־וויץ (1), שו״ב אביגדור כ״ץ (1), אצב״ע מעלצערזאָן (3), מרים ווערזבלאָווסקי (1), אסתר ברוינראָט (1), אברהם הלוי (1), אליהו בערנשטיין (3), משה קאָרקעוויטש (1), צמח קלויזמאַן (1), משה מאיר כהנא (1), גרשון ראָזנצווייג (1), יהודה־לייב קאַלוואַריסקי (1), יוסף קאָמיסאַרסקי (1).

פון סייני: משה־אליהו פינקל (1), נחמן בן אריה־לייב פאַלאַנטער (1), ח״ץ הכהן גיביאַנסקי (2), ישראל שאַפּירא (2), אליהו לעווינטאַל (1), שלום־יעקב ווילענסקי (1), נוח־יהושע ראָטנבערג (1), חלוונא בערנשטיין (2), אברהם־צבי פּאָלניצקי (1), צבי־אריה לוריע (1), נוח־יהושע ראָזנבערג [ראָטנבערג?] (1) דוב פראַנק (1).

פון קראַסנעפּאָלע: אהרון־יהודה פּאָסטאַוועלסקי (1), דניאל ראָזנטאַל (2), מאיר פרידמאַן (1), יהושע פּאָסטאַ־וועלסקי (1), אברהם עסקין (1).

פון ראַצק: צבי־הירש פערלא (1), אברהם צימערמאַן (1).

פון פּיליפּאָווע: הרה״ג ר׳ זבולון ליב ברי״ט (1), נחום אריה קאַפּלאַן (1).

דער פונאַנדערטייל פון די קאָרעספּאָנדענציעס לויט די וויכטיקסטע העברעאישע צייטונגען איז אַזאַ: „המגיד״ — 54, „המליץ״ — 43, „הצפירה״ — 11, „הלבנון״ — 9, „הכרמל״ — 9, „הקול״ — 1.[6]

6. אַרטיקלען ווערן דאָ כמעט ניט אריינגערעכנט. אַנאָנימע אָדער פּסעוודאָנימע קאָרעספּאָנדענציעס גייען אויך ניט אריין אין חשבון. די צאָל פון אַלע קאָרעספּאָנדענציעס איז, לכן, אַן אַנדערע: „המליץ״ — 116, „המגיד״ — 150, „הצפירה״ — 33, „הלבנון״ — 14, „הכרמל״ — 9, „הקול״ — 3, סך־הכל — 325.

# חזנים

ר׳ ישראל ב״ר ידידיה יפה, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען ישראל׳קע סואוואַלקער, איז געווען שטאָט־חזן אין סואוואַלק קרוב צו 30 יאָר, פון 1832—1833 ביז 1860, אַ פּאָר יאָר נאָך דער רבנות־צייט פון הגאון ר׳ יחיאל העלער.[1] ר׳ יחיאל אַליין איז געווען אַ גרויסער בעל־נגינה און ווען ר׳ ישראל האָט זיך איין מאָל פאַר־שפּעטיקט אין שול, האָט ר׳ יחיאל געוויזן זיין יכולת אין חזנות. נאָך סואוואַלק איז ר׳ ישראל יפה געווען

1. אין דער הקדמה פון זיין ספר „אשי ישראל״, חלק ב׳, וואָס איז ארויס אין 1854, שרייבט ר׳ ישראל: „קרית סובאלק הנכבדה אשר ימלאו מחסורי לכלכלני זה עשרים ושתים שנה מאז נהייתי להם לש״ץ״. דאָס פאַלט ניט צונויף מיט די ידיעות פון שפּעטער געבראַכטן חזנים־בוך פון א. זאַלודקאָוו־סקי.

פיל יאָרן חזן אין קאַליש. זיין יחוס ציט זיך ביזן של״ה הקדוש. לויט אַ בריוו פון ר׳ ישראל׳ס פאָטער קומט אויס, אַז ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, דער בעל „התניא״, איז געווען זיין עלטער־אָנקל, אָבער דער מחבר פון ר׳ שניאור זלמנס ספר־היוחסין זאָגט, אַז די זאַך דאַרף נאָך אויפגעקלערט ווערן.[2]

ר׳ ישראל יפה איז דער מחבר פון „אשי ישראל״ — אַ פּירוש אויפן „תורת העולה״ פון רמ״א — וואָס 23 רבנים פון רוסלאַנד־פּוילן האָבן געגעבן זייערע הסכמות אויף אים (קאָניגסבערג, 1854, ג׳ חלקים). סעריעס תורה־אַרטיקלען זיינע געפינען זיך אין „המגיד״ (1859) און אין אַנדערע צייטשריפטן.

ר׳ ישראל האָט זיך מתעסק געווען מיט קבלה און אויך מיט וועלטלעכער פילאָסאָפיע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דריטע און פאַרבעסערטע אויסגאַבע פון „שער השמים״ פון אברהם כהן אירירי (ווארשא, 1864), וואו ער גיט אַ גרויסן מבוא וועגן קבלה, זיך אָפּשטעלנדיק אויך אויף די טעאָריעס פון אריסטאָטעל, פּלאַטאָ, ניוטאָן, לייבניץ, קאַנט און אַנדערע.

ר׳ ישראל יפה איז אויך געווען חזן אין ניו־יאָרק, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1888.[3]

אַרנאָלד מאַרקסאָן, וועלכער האָט שטודירט חזנות ביים באַרימטן זולצער אין ווין און איז געווען חזן אין בערלין איבער 25 יאָר, איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1839. ער איז געווען משורר ביים אויבן דערמאָנטן ר׳ ישראלקע סואוואַלקער. מאַרקסאָן איז געשטאָרבן אין 1900.

געזונגען ביי ר׳ ישראל יפה האָט אויך ר׳ חיים ב״ר ברוך וויינשעל, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין 1838. אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער געווען חזן אין דער ניו־יאָרקער שול „תפארת ישראל״ פון „אנשי ניישטאַט־שירווינט״. ער איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע דורך סואוואַלקער לאַנדסלייט פון ניו־יאָרק צו דאַוונען אין זייער שול. י. ד. אייזענשטיין רופט אים אין זיינע זכרונות „הדון המהולל״ און דער מחבר יעקב צוזמער רעכנט אים אַריין אין זיינע מעמוּאַרן צווישן די „מאורות גדולים״ אין חזנות. וויינשעל איז אויך געווען חזן אין מינסק, קאָוונע און לאָנדאָן. ער איז געשטאָרבן אין 1901 אין ניו־יאָרק.[4-5]

חיים וויינשעל איז דער מחבר פון אַ ביכל לידער

2. „בית רבי״, חיים מאיר היילמאַן, בערדיטשוב, 1906, ע׳ נ״ו. — פאַרן אָנווייזן אויפן דאָזיקן מקור קומט אַ דאַנק ר׳ חיים ליבערמאַן, דעם ביבליאָטעקאַר פון דער ליובאַוויטשער ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק און איינעם פון די בקיאות׳דיקסטע ביבליאָגראַפן פון אונדזער דור.

3. „קולטור־טרעגער פון דער יידישער ליטורגיע״, אליהו זאַלודקאָווסקי, דעטראָיט, 1930, ז׳ 215; „יהדות לטביה״, תל־אביב, תשי״ג, ז׳ 265; „ספר זכרון פון „האסיף״, ווארשא, תרמ״ט, ז׳ 51; דזשואיש ענציקלאָפּעדיא, VII, זז׳ 53, 56; “Lebensbilder Berühmter Kantoren”, Band III, Aron Friedmann, Berlin, 1927, s. 135.

5-4. „בעקבי הדור״, יעקב צוזמר, [ניו־יאָרק], 1957, ז׳ 71; „קולטור־טרעגער . . .״, ז׳ 137.

„נטעי נעמנים״ (ניו יאָרק, 1891), מיט אַ הקדמה פון זיין חזנישן סואוואַלקער רבי׳ן ר׳ ישראל יאפו (יפה). איין ליד איז אויך געווידמעט דעם לעצטן. אַ טייל לידער, גיט איבער דער מחבר, האָט ער פריער געשיקט צו דעם באַוואוסטן סואוואַלקער יוסף ראָזנטאַל. דער ליטעראַרישער ווערט פון די שירים איז אַ קנאַפּער.

איינער פון די באַרימטסטע חזנים אין אַמאָליקן רוסלאַנד איז געווען דוד־מרדכי כיינאָווסקי, געבאָרן אין סואוואַלק 1859. ער האָט זיך געלערנט זינגען אין ווארשע ביים חזן גריצהענדלער, שפּעטער ביי זולצערן אין ווין. 1883 איז ער געוואָרן חזן אין קערטש, 1885 — אין כאַרקאָוו, 1887 — אין דער באַרימטער פּאָליאַקאָוו־שול אין מאָסקווע. צוליבן יידן־גירוש פון מאָסקווע אין 1891 איז כיינאָווסקי אַוועק קיין מיליטאָפּל, וואו ער איז געווען חזן ביז זיין טויט אין 1920. כיינאָווסקי האָט פאַרמאָגט אַ ריזיקן העלדן־טענאָר און איז באַוואונדערט געוואָרן פון די גרעסטע אָפּערע־זינגערס. ער האָט אויפגעשטעלט אַ דור תלמידים.[6]

ר׳ יהודה לייב חסיד איז געווען חזן אין סואוואַלק סוף פאַרגאַנגענעם און אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט, אַן ערך 30 יאָר. ער האָט געהאַט אַ גרויסן כאָר. ער און זיין כאָר זיינען געווען שטאַרק באַליבט ביי די סואוואַלקער.

דער חזן אברהם־דובער כאַרלאַפּ (בערעלע כאַרלאַפּ) האָט געלערנט ביי ר׳ הירשל מייטשעטער אין סואוואַלק, געווען חזן אין אַ בראָפּאַרקער שול אין ברוקלין.[7]

באַוואוסט אין סואוואַלק מיט זיין מתיקות׳דיקער שטים איז געווען אשר רובינשטיין מיט זיינע דריי זין, וואָס איינער האָט געזונגען שענער פאַרן צווייטן. אשר רובינשטיין פלעגט מנדב זיין זיין „דאַוונען״ אויף פאַרשיידענע קהל׳שע הצטרכות׳ן. ער פלעגט אויך דאַוונען אין ארומיקע שטעטלעך אויף וואוילטעטיקע צוועקן.[8]

סואוואַלקער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק האָבן זיך געהאַט פאַרבענקט נאָך דער נגינה פון זייערס אַ היימישן חזן, האָבן זיי אין 1910 פאַרבעטן אשר רובינשטיין, אַז ער זאָל קומען צו זיי דאַוונען אויף ימים־נוראים. ר׳ אשר האָט דערפילט זייער בקשה — און זיינע אַמאָליקע בני־עיר האָבן ווידער דערפילט די מתיקות פון אַ סואוואַלקער בעל־תפלה.

חנוך־זונדל זאקהיים, געבאָרן 1846 אין יאַנאָווו, איז אַ געוויסע צייט געווען חזן אין ראַצק.[9]

אַ קורצע צייט האָט געזונגען אין סואוואַלק בנימין־זרח לעוויט, שפּעטער חזן אין אַמעריקע[10]

דער חזן אברהם בלעכאַראָוויטש, פון אַראַן, איז קינדערווייז מיט זיין משפחה געקומען קיין סואוואַלק. דאָ האָט ער געלערנט אין דער אָרטיקער העברעאישער גימנאַזיע און האָט זיך אויך אויסגעפורעמט ווי אַ חזן.

6. דאָרטן, ז׳ 217.

7. דאָרטן, ז׳ 298.

8. „הצפירה״, 1883, נר׳ 10; „המגיד״, 1872, נר׳ 43.

9. „קולטור־טרעגער . . .״, ז׳ 226.

10 דאַרטן, ז׳ 307.

צו 21 יאָר איז ער געווען ערשטער סאָליסט אין דער ריגער מלוכה־אָפּערע. איצט איז בלעכאַראָוויטש אייבער־חזן אין בוענאָס־איירעס.[10*]

איינער פון די באַוואוסטע חזנים אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פוילן איז ישראל מיכאַלאָווסקי, אַ געבוירענער אין סואוואַלק. ער איז געווען יאָרן לאַנג חזן אין פּראַגאַ און 10 יאָר הויפּט־חזן אין בית־המדרש הגדול פון ניו־יאָרק. מיכאַלאָווסקי איז געשטאָרבן אין 1911 אין עלטער פון 80 יאָר.[11]

סוף ניינציקער יאָרן איז אין סייני באַרימט געוואָרן אַן אַכט יעריק יידיש קינד פון לאַזדיי (סואוואַלקער גובערניע), יוסף אחרון, מיט זיינע אויסערגעוויינלעכע מוזיקאַלישע פעאיקייטן.[12] שוין צו 4 יאָר האָט מיט אים געלערנט נגינה דער קאָמפּאָזיטאָר מיכאַלאָוויץ. זיינע קאָנצערטן אין סואוואַלק, קאָוונע, מינסק, וואַרשע א״א האָבן געהאט אַ ריזיקן דערפאָלג. די רוסישע צייטונגען האָבן אים געלויבט אין הימל אריין, צווישן זיי אויך די „סואוואלסקי גובערנסקי וויעדאמאָסטי״.[13] דאָס איז דער זעלביקער אחרון, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואקסן ווי איינער פון די גרעסטע יידישע קאָמפּאָזיטאָרס פון אונדזער צייט.

*10. „ספר החזנים״, י. ל. חדקל, בוענאס איירעס, 1957, ז׳ 162.

11. „דורות האחרונים״, ב״צ אייזענשטאַדט, ז׳ 232.

12. ס׳רוב איז זיין נאָמען פאַרגרייזט געוואָרן אין די צייטונגען: עכרן, ערכין וכד׳.

13. „המליץ״, 1896, נר׳ 149; „הצבי״, ירושלים, נר׳ 43.

# אַרטיסטן

סואוואַלק און איר אומגעגנט האָט ארויסגעגעבן ווייניק יידישע אַרטיסטן. געציילטע זייטלעך אין יידישן טעאַטער-בוך פאַרנעמען סואוואַלקער אַקטיאָרן.

אטלאס דזשעני האָט אין אַמעריקע געשפּילט יידיש טעאַטער מיט אַדלער, קעסלער, אַנדערש מאָל אויך מיט טאָמאַשעווסקין. זי איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1880 און געשטאָרבן 1927 אין אַמעריקע.[1]

גודינסקאַ בעלאַ איז ארום 1890 געקומען קיין אַמעריקע. זי האָט געשפּילט אויף דער יידישער בינע מיט מאגולעסקא, מאשקאוויטש, טאמאשעווסקי, קעסלער, אדלער. אין 1928 האָט זי אַ קורצע צייט געשפּילט אויך ענגליש טעאַטער.

גודינסקאַ איז געבאָרן אין סואוואַלק אין 1877. איר פאָטער האָט אין סואוואַלק געהאַט אַ קליינע שול, וואו ער פלעגט לערנען די קינדער העברעאיש, פּויליש און דייטש.[2]

געילינג בערנאַרד איז געבאָרן אין קראַסנעפּאָלע אין 1899. זיין פאָטער איז געווען אַ שניידער און אַ שטיקל כלי־זמר. געילינג האָט געלערנט אין סואוואַלקער חדרים. 1914 איז ער געקומען קיין אמעריקע. 1918 ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַרטיסט. אין 1922 האָט ער געשפּילט אין שוואַרצס קונסט־טעאַטער. זיינע צוגעטראַכטע לידלעך האָט מען נאָך געזונגען אין זיין שטעטל. געילינג האָט פאַרעפנטלעכט פעליעטאָנען אין קאַנאַדישע און ניו־יאָרקער צייטשריפטן. זיינע מעלאָדראַמעס האָט מען געשפּילט אין יידישן טעאַטער. אין 1949 איז אַרויס אין באָסטאָן זיין בוך „גיט אַ שמייכל״.[3]

1. „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״, ז. זילבערצוייג, ניו־יארק, 1931, ז׳ 48.

2. דאָרטן, ז׳ 467.

3. דאָרטן, ז׳ 497; לעקסיקאָן II, נ״י, 1958, ז׳ 292.

# פאָלקסלידער אין סואוואַלקער געגנט

יידישע פאָלקסלידער אין מזרח־איראָפּע האָבן ניט אנערקענט קיין גרענעצן. זייערע ניגונים האָבן זיך געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד, וואו נאָר יידן האָבן געלעבט און יידיש איז געווען זייער שפּראַך. פונדעסטוועגן זיינען דאָך געווען יידישע פאָלקסלידער, וואָס אין איין לאַנד און אפילו אין איין געגנט פון אַ לאַנד זיינען זיי דורך די דאָרטיקע יידן מער געזונגען געוואָרן, ווי אין אַנדערע יידישע וואוינערטער.

אויך סואוואַלקער יידן זיינען אין דעם פּרט ניט געווען קיין יוצא מן הכלל — און מיר גיבן דאָ אַ טייל יידישע לידער, וואָס זיי האָבן מיט איבער 100 יאָר צוריק באַזונדערס געזונגען.[1]

פערד און — חתן־כלה

היי, היי העמערל,
קום צו מיר אין קעמערל,
איך וויל דיר עפּעס ווייזן:
שיסעלעך מיט רויזן
טעפּעלעך מיט לויטער גאָלד,
איך האָב דיר זייער האָלט.
אַ פּאָר פערד יאָגן זיך,
חתן־כלה שלאָגן זיך;

1. די לידער זיינען גענומען פון שמעון איינהאָרנס אַרטיקל „מה היו שרים בפלך סובלק לפני מאה שנה״ אין „רשמות״, כרך ו׳, תל־אביב, תר״ץ. כמעט אַלע לידער האָט ער געהערט פון זיין באָבען פון דער משפּחה אַבראַמסאָן אין שאַקי, סואוואַלקער גובערניע. דעם אויסלייג האָבן מיר מאָדערניזירט.

אַ פּאָר פערד הושען זיך,
חתן־כלה קושן זיך.

### בענדעלע־רענדעלע פון חתן־כלה

שפּיץ בוידעם אַף דער ערד,
אלע שטיבער אויסגעקערט.
אלע יידן די קעפּ פאַרצוואָגן.
אלע בעטן פאַרבעט.
קומט אריין די שוויגער מיט די געלע חלה.
געלע חלה שמירט מען,
חתן־כלה פירט מען.
גייט אריין די שנור,
טרייבט אַרויס די הון.
די כלה געגאַנגען אין באָד אריין,
דער חתן געגאַנגען אין שטאָט אריין.
די כלה געפונען אַ בענדעלע,
דער חתן געפונען אַ רענדעלע.

### איך ארבעט פאַר אַלעמען

שיין בין איך, פיין בין איך,
שיין איז מיין נאָמען,
ארבעט איך, ארבעט איך
צווישן די קראָמען.
ארבעט איך גלייכע —
קויפן די רייכע.
ארבעט איך קרומע —
קויפן די פרומע.
ארבעט איך גאָרענע[2-3] —
קויפן די ארעמע.

### יאָמער און געוויין פון אַ מאַן וואָס אליין

אַמאָל איז געווען אַ מעשה, אזוי און אזוי, אזוי און אזוי,
מאַן האָט אוועקגעוואָרפן א יונגע פרוי.
איז ער געגאנגען וואַלד־אויס און וואַלד־איין,
ביזוואַנען ער איז געקומען אין וואַלד אריין.
הערט ער פייגעלעך זינגען גרויס און קליין,
האָט אים אָנגענומען אַ יאָמער און געוויין.
האָט ער אנגעהויבן ווייטער צו גיין(?).
הערט ער פייגעלעך זינגען קליין און גרויס,
באַגיסט ער זיך מיט טרערן איבערן שויס.
האָט ער אָנגעהויבן גיין וואַלד־איין און וואַלד־אויס,
ביז ער איז געקומען פון וואַלד ארויס.
האָט ער באגעגנט דעם יידישן מלך,
איז אים געוואָרן אַפן הערצעלע פריילעך,
האט ער אנגעהויבן בריוועלעך שרייבן,
אז די ווייב זאל קיין עגונה ניט בלייבן.

3־2. גאָרן — אַזאַ געוועב פון פלאַקס.

### די מלכה זוכט דעם מלך

דער מלך איז אַף מלחמה אוועקגעפאָן,
איז די מלכה אומעטיק געוואָרן.
זיבן יאָר אָן אַ מאָן׳ צו זיין! —
איז די מלכה אין שטאָט אריין.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

— פייגעלע דו ליבע, פייגעלע דו מיין,
ווייסט ניט, וואו מיין מאָן קען זיין?
— שרייב מיר אַ בריוועלע,
בינד מיר אָן אַ פליגעלע,
וועל איך פליען וואלד־אויס און וואַלד־איין
און איך וועל זוכן, וואו דיין מאָן קען זיין.
(סוף: בשורה פון פייגעלע, אַז מאן איז טויט.)

### וועגן א מאַן אַן אלטן

מיין מאָן, מיין מאָן צום וואַסער געטריבן,
מיין געלט, מיין געלט אין בייטעלע געבליבן.
טאַלער אין די טאַשן,
מעד אין די פלאַשן,
ביר אין די קריגער,
קינדער אין די וויגער,
א הוט מיט פעדערן,
אַ קלייד מיט פאַלטן,
א מאַן אן אלטן —
די קעפּעלע צו שפּאלטן,
חרוסת צו באהאלטן.

### בין איך דאָך אַן עלנטע

אמאָל איז געווען אַ יידענע תמר, תמר,
נעמט מיר אָן אַ יאָמער,
אַ יאָמער און אַ געוויין,
איך בלייב דאָך גאָר אַליין.
בין איך דאָך אַן עלנטע, אַן עלנטע,
׳זוי עלנט ווי איך בין —
השם יתברך זאל זיך דערבאַרעמען, דער־באַרעמען.
וואו איך קום אַהין —
א שיף אָן א רודער,
קיין שוועסטער און קיין ברודער,
קיין טאַטע און קיין מאַמען,
קיין גאָרטן און קיין בלומען,
קיין פעטער און קיין מומען.

### לאה׳שי קומט צו חלום

וואו ביסטו געווען לאה׳שי?
— ביי א שווער, וואָס ברומט ווי א בער,
ביי אַ שוויגער, וואָס ברומט ווי אַ טיגער,

4. איינהאָרנס באָבע האָט אים איבערגעגעבן, אַז סואוואַלקער פלעגן זאָגן מאַן (מיט אַ פּתח), אָבער אין די לידער האָבן זיי געזונגען מאָן (מיט א קמץ).

מוטער דו ליבסטע, דו מיינע.
וואו האָט מען דיך אַוועקגעפירט, לאה׳שי?
— אויף אַ באנק געלעגן קראנק
— — — — — — — — — — — — — —
מוטער, דו ליבסטע, דו מיינע.
וואו האָט מען דיך אַוועקגעפירט, לאה׳שי?
— אונטער אַ בוימעלע גרין,
וואו אלע קומען דאָרטן הין,
מוטער דו ליבסטע, דו מיינע.

### א פויגעלע אָן אַ נעסט

ווי ס׳איז ביטער, מיין ליב מוטער,
אַ פויגעלע אָן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליב מוטער
אַף שווער און שוויגערס קעסט.
ווי ס׳איז ביטער, מיין ליב מוטער,
א פויגעלע אויפן זאמד,
אזוי איז ביטער, מיין ליב מוטער,
אין אַ פרעמדע לאנד.
ווי ס׳איז ביטער, מיין ליב מוטער,
אַ פיש אין אַ פאַן,
אזוי איז ביטער, מיין ליב מוטער,
ביי אַ שלעכטן מאַן.
ווי ס׳איז ביטער, מיין ליב מוטער,
אָן וואַסער א פיש,
אזוי איז ביטער, מיין ליב מוטער,
ביי אַ פרעמדן טיש.

### א מעשה מיט אַ יידישן מלך

איך וויל אייך דערציילן אַ מעשה,
די מעשה איז זייער פריילעך.
די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ יידישן מלך.
דער מלך האָט געהאַט אַ בת יחידה,
איז ער געפאָרן פאר איר זוכן אַ שידוך.
זיינען זיי געקומען צו די אומות־גויים,
האָט מען זיי געענטפערט אזוי ווי די רשעים.
זיינען זיי געפאָרן צו די אומות־פריצים,
האָט מען זיי געענטפערט פאלשע תירוצים.
זיינען זיי געפאָרן צו די אומות־יידן,
זיינען זיי געוואָרן מיט דער תורה צופרידן.

### די מאמעשי פאַרשטייט

מאַמע, וואוהין גייסטו?
— טאָכטער, וואָס זשע ווילסטו?
אפשר ווילסטו אַ קליידל האָבן,
וועל איך גיין דעם שניידער זאָגן.
— ניין, מאמע, ניין,
פארשטייסט ניט, וואָס איך מיין.
איי ווײ, לאטערי[?], ס׳ארא שלעכטע מאַמע זי.
פארשטייט ניט, וואָס איך מיין.

2

מאַמע אאז״וו טאָכטער אאז״וו
— אפשר ווילסטו אַ פאַציילע האָבן,
וועל איך גיין דעם קרעמער זאָגן.
— ניין אאז״וו

3

מאַמע אאז״וו טאָכטער אאז״וו
— אפשר ווילסטו אַ פאָר שיכעלעך האָבן,
וועל איך גיין דעם שוסטער זאָגן.
— ניין אאז״וו

4

מאַמע אאז״וו טאָכטער אאז״וו
— אפשר ווילסטו אַ חתן האָבן,
וועל איך גיין דעם שדכן זאָגן.
— אַיאָ, מאמע, אַיאָ,
איי ווײ לאָטערי, וואָס פאַר אַ גוטע מאַמע זי,
זי פאַרשטייט, וואָס איך מיין.

### 1853 [6]

אין טויזנט אַכט הונדערט פופציק דריי
הייבט זיך אָן די מאַכעריי.[7]
היי מאַכער, אָרעמער פראַכער,[8]
לוסטיק, לעבעדיק געמאַכט!
— — — — — — — — — — — — — —
בין איך געגאנגען אויפן גיי[9]
האָב איך געפונען אַ שטיקל בליי,
האָב איך גענומען אַ רובל דריי,
בין איך אריין ביי צינקען אין טשיינע[10]
און געמאַכט אַ רייבעריי.[11]

### די גרעסטע גזירה

קלאָגט און וויינט, איר יידישע קינדער,
אַז די יידעלעך מוזן אויסטאָן די יידישע קליידער.
דער זון מיטן טאַטן
טוען אויס די כאַלאַטן,
די הייליקע היטל,
די ליכטיקע שטריימל
מאַכט אַן אסיפה פון מופלגים, רבנים,
— — — — — — — — — — — — — —
געוואלד, א דעה,
אַ באָרד מיט אַ פאה —
דאָס איז דער צירונג פון יידישן פנים.
אַ ראָק מיט אַ שפּאַלט

---

5־6. אין צייט פון קרימער קריג איז אַ גרויסער טייל פון רוסישן מסחר געגאַנגען דורך די מערב־פראָווינצן פון רוסלאַנד, בתוכם אויך סואוואַלק, וואָס האָבן דערפון שטאַרק פראָפיטירט.
7. דער קרימער קריג.
8. קבצן.
9. טאָל אין קאָוונע.
10. טייהויז.
11. אַ גרויסע אכילה.

איז אין גרויסער געוואלד.
די שיינע בגדים קיין גרויסע עבירה,
אָבער ווי וועט זיין צו „מודים” ביקן,[12]
אז דער אנדערער וועט פון הינטן ארייננקיקן —
דאָס איז די גרעסטע גזירה.

### אונטער יידעלעס וויגעלע

אין סואוואַלקער גובערניע האָט מען די לעצטע שורות פון דאָזיקן באַרימטן פּאָלקסליד געזונגען אַ ביסל אַנדערש, ווי אין מערסטן טייל מקומות.

... דו וועסט לערנען תורה,
תורה, תורה אין קעפּעלע,
קאַשע, קאַשע אין טעפּעלע,
פּוטער מיט ברויט שמירן,
דער טאַטע מיט דער מאַמען זאלן דערלעבן
Kaplun—Kogan, W., "Die Judishe Sprach— und Kulturgemeinschaft in Polen", Berlin—Wien, 1917, pp. 2—3.

"Lietuvos Encyklopedija", Tomas V, Chicago, 1956, p. 271.

Meites, H. L., "History of the Jews in Chi-

cago", New Yoork, 1924, pp. 194, 276, 412, 556, 596, 670.

"Pervaja Perepisi Naselenia Rossiskaja Imperia", 1897, Suwalskaja Gubernia.

"A Priceless Heritage", Morris A. Gutstein, New Yor, 1953, pp. 127, 130.

"Publication of the American Jewish Historical Society", 1955, No. 3.

"Recueil de Matériaux sur la Situation economique des Israélites de Russie", Vol. II, pp. 116, 140.

Roth, S., "Magna Bibliotheca Anglo—Judaica", London, 1937.

Rivas, C., "La Lituanie sous le jong Allemand 1915—1918", Lausanne, 1918, p. 29.

Schipper, Ignaz, "Dzieje Handlu Zydowskiego na Ziemiach Polskich", "Warszawa, 1937, pp. 462, 470.

"Semitic and Oriental Studies", Vol. XI., Los Angeles.

Sholem, G., "Bibliographia Kabbalistica", Leipzig, 1927, p. 207.

"Slownik Geograficzny Krolewstwa Polskiego", pp. 176, 388, 612, 613, 687.

Totoraitis, Jonas, "Suduvos Suvalkijos Istorijia", I—oji dalis Kaunas, 1938. pp. 195, 199, 202, 216, 219, 231, 241, 243. 292, 359, 496, 518, 577—579.

Weinryb, O. S., "Neueste Wirtschaftsgeschichte der Juden in Russland und Polen", Breslau, 1934, pp. 14—15, 22, 44—45, 75, 188, 223.

Wiener, S., "Bibliographie der Oster—Haggada", New York, 1949.

Willet, J., "Popski", London, 1954, p. 12.

Wishnitzer, M., "To Dwell in Safety", Philadelphia, 1948, p. 61.

Wronka, Johannes, "Kurland und Litauen Ostpreussens Nachbaren", Freiburg, 1917, S. 139.

Zeitlin, William, "Bibliotheca Hebraica Post-Mendelssohniana", Leipzig, 1805, p. 317.

(ארטיקל פון ניומאן: „סאלאמאן רובין און אפרים דיינארד").

אליעזר מרדכי אלטשולער

# פון אַן אַלטן טאָגבוך

די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך זיינען פראגמענטן פון א. מ. אלטשולערס העברעאישן „ספר הזכרונות", איבערגעשריבן דורך זיין זון זלמן אלטשולער און איבערגעזעצט, מיט קליינע שינויים, דורך אונדז אויף יידיש. דער גאנצער „ספר הזכרונות" געפינט זיך אין „הארכיון הציוני המרכזי", ירושלים.

תרכ"א—1861

דעם ווינטער האָט דער רב [ר' שמואל מאָהליווער] געשאַפן אַ חברה „ביקור חולים" פון אַלע יונגעלייט פון שטאָט. איך בין אויך געווען איינער פון זיי. איך בין אַ סך מאָל געגאַנגען מיט נאָך איינעם צו קלייבן נדבות אויף דעם.

תרכ"ב—1862

היינטיקן ווינטער איז געשאַפן געוואָרן אַ „חברה אלפס". תחילת האָט די חברה געציילט בלויז פינף חברים, אָבער אין משך פון עטלעכע וואָכן איז זייער צאָל געשטיגן אויף איבער הונדערט, און אַלע טישן פון בית־המדרש זיינען געווען באַזעצט. די חברה האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. געבליבן זיינען נאָר די ערשטע פינף גרינדערס, וואָס איך בין אויך געווען איינער פון זיי. מיר האָבן אָפּגעהיט דאָס לערנען יעדן טאָג נאָך שחרית אין משך פון פיר יאָר, ביז מיר האָבען צוויי מאָל געענדיקט דעם גאַנצן אלפס.

תרכ"ג—1863

אַ גרופּע בעלי־בתים מיט ר' שאול ראָזנטאל בראש האָט היינטיקן זומער געגרינדעט אַן אַלגעמיינעם בית־ספר פאַר די יידישע קינדער. מען האָט איינגעטיילט די שול אין זיבן מחלקות, מיט ספּעציעלע משגיחים. אויף איין קלאַס בין איך געווען משגיח. די איבעריקע מלמדים פון שטאָט זיינען ניט געווען צופרידן מיטן גאַנצן אויפטו און זיי האָבן געוואָרנט, אַז פון דער שול וועט אַרויסקומען כפירה. מער ווי צוויי יאָר האָט די דאָזיקע שול ניט עקסיסטירט.

תרכ"ד—1864

עטלעכע יונגע משכילים האָבן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג אין שטאָט אונטערן נאָמען „רוח הזמן".

תרכ״ז—1867

דעם ווינטער האָט געבושעוועט אין שטאָט די כאָלערע. אַ סך איינוואוינערס זיינען געשטאָרבן. אין שבט איז די שרעקלעכע קראַנקייט אַריבער, גאָט צו דאַנקען.

דעם זומער זיינען געווען זייער גרויסע רעגנס. די תבואה אויף די פעלדער האָט שטאַרק געליטן. די גאַנצע מדינה האָט זיך געשראָקן פאַר אַ הונגער. דער פּרייז אויף תבואה איז געשטיגן זייער הויך.

תרכ״ח—1868

ווינטער איז דער יקרות געוואָרן זייער שטאַרק. אָרעמעלייט זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט. צוליב דעם האָט מען אָנגעהויבן ברענגען אַהער פון רוסלאַנד רייז און הירש, און אַלע האָבן דאָס גענוצט. אין די מערב־לענדער האָבן יידן דורכגעפירט גרויסע געלט־זאַמלונגען לטובת די יידישע געליטענע פון אונדזער לאַנד. אויך קיין סואוואַלק זיינען געשיקט געוואָרן טויזנטער רובל. אַ דאַנק אָט דער הילף זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן קיכן פאַר אָרעמע. פאַר דעם איבערגעבליבענעם געלט איז געקויפט געוואָרן דאָס הויז פון דער תלמוד־תורה.

תרכ״ט—1869

איך האָב געמאַכט אַ קאַמאַשן־פאַבריק. אין וואַרשע האָט איך איינגעקויפט אַ שטעפּמאַשין, פאַר וועלכער איך האָב באַצאָלט 130 רובל. די שטעפּמאַשין איז געווען די ערשטע פון איר סאָרט אין שטאָט. ניט ווייניק האָבן תחילת געהאַט מורא צו געבן שטעפּן אויף דער מאַשין.

תר״ל—1870

איך בין געפאָרן קיין פּרייסן און פון דאָרטן געבראַכט אַ נאַפטלאָמפּ, וואָס איז געווען אַ נייס אין שטאָט.

חול־המועד פּסח זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אונדזערע פריינד מיט ר׳ שאול ראָזנטאַל און באַשלאָסן צו גרינדן אַ שטאָטישע ביבליאָטעק. מיר האָבן באַזוכט אַ סך הייזער און צוזאַמענגעקליבן אַרום 500 ביכער. נאָך פּסח האָבן מיר איינגעאָרדנט די ביבליאָטעק אין אַ צימער פון דער תלמוד־תורה. פיל מענטשן פלעגן קומען אַהין לייענען. אלול איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אין תלמוד־תורה און די ביבליאָטעק איז פאַרברענט געוואָרן.

תרל״ג—1873

חול־המועד סוכות האָט אַ גרופּע פון צוואַנציק בעלי־בתים באַשלאָסן צו שאַפן אַ נייע חברה ש״ס, ווייל פון דער אַלטער איז שוין כמעט קיינער ניט געבליבן. מיר האָבן איינגעלאַדן דעם רב ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויץ צו מאַכן די התחלה. די חברה איז געוואַקסן פון טאָג.ביים סיום פון דער ערשטער מסכתא זיינען שוין געווען זעכציק חברים.

אין שטאָט איז אויך דאָ אַ „חברת־משמורים״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך הגאון ר׳ יחיאל העלער זצ״ל, און ער אָדער זיין ברודער פלעגן איין מאָל אַ וואָך זאָגן דברי אגדה פאַר די חברים. דאָס זעלביקע פלעגן טאָן די אַנדערע רבנים, בפרט הרב ר׳ אליעזר שמחה, וועלכער פלעגט דרש׳ענען יעדן שבת צו נאַכט, און צייטנווייז אויך החכם הנכבד ר׳ יוסף ראָזנטאַל. מיין חזקה צו ריידן פאַר זיי איז געווען שבת־צו־נאַכט פאַר סליחות.

תרל״ז—1877

הרב ר׳ אליעזר שמחה האָט פאַרלאָזן סואוואַלק. נאָך זיין אַוועקפאָרן איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת, אַ טייל האָבן געוואָלט נעמען דעם סלוצקער רב און אַ טייל — דעם רב פון בריסק. ווען אַ דעלעגאַציע איז געפאָרן ברענגען דעם בריסקער רב, האָבן די קעגנערס געשיקט צו אים טעלעגראַמעס, אַז ער זאָל ניט קומען. דער רעזולטאַט פון דער מחלוקת איז געווען, וואָס געוויסע מקורבים למלכות זיינען אַוועק צום גובערנאַטאָר און אים געבעטן צו באַשטימען דעם לערער פון רעליגיע און רוסיש, ה׳ זעליגמאַן, פאַר דעם ׳קאַזיאָנעם ראַבינער״. לכתחילה האָט זעליגמאַן ניט געוואָלט מסכים זיין, אָבער מענטשן פון איין צד זיינען אויף אים זייער אָנגעשטאַנען, כדי זיי זאָלן שפּעטער האָבן די דעה צו נעמען זיין געהילף [לויט די דעמאָלטדיקע געזעצן], דעם ׳דוכאָוונעם״ רב, דעם אמת׳ן רב פון שטאָט. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט אפילו קעגן דעם, אַז זעליגמאַן זאָל ווערן דער קאַזיאָנער ראַבינער, אָבער דער כוח פון זיינע מקורבים און פון „נאַטשאַלסטווא״ איז געווען שטאַרקער — און זעליגמאַן האָט באַקומען די נייטיקע צאָל חתימות און געוואָרן דער אָפיציעלער רב. אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט אָבער קהל געמאַכט אַ כתב־רבנות פאַרן אמת׳ן רב פון שטאָט, דעם באַוואוסטן פלונגיאַנער רב ר׳ הלל ליבשיץ.

סוף ווינטער בין איך באַשטימט געוואָרן דורך דעם רב און די דאַזאָרעס ווי דער גבאי פון גרויסן בית־מדרש. פון די ספּעציעלע געלטער, וואָס מען האָט מנדב געווען פּרשה שקלים פאַר בדק־הבית, זיינען געמאַכט געוואָרן נייע בענק אין בית־מדרש, עס איז פאַרריכט געוואָרן די פּאָדלאָגע, מען האָט צוגעבויט צוויי טויערן ביים אַריינגאַנג צום הויף, וואָס מען האָט צום ערשטן מאָל אויסגעברוקירט, דעם גאַנצן בית־מדרש האָט מען אויסגעפאַרבן פון אינעווייניק און פון דרויסן און מען האָט געמאַכט אַ פּלומפּ צו שעפּן וואַסער.

תר״מ—1880

די נאַכט פון ט״ו כסלו איז געווען אַ גרויסע געשעעניש פאַר די זיבעציק חברים פון חברה ש״ס. אין דער פרי האָט דער רב געזאָגט דעם סיום. פאַר נאַכט האָט מען באַלויכטן דעם בית־מדרש מיט אַ סך לאָמפּן און ליכט און פון דאָרטן איז מען געגאַנגען צו דער סעודה. אויף דער סעודה איז באַשטימט געוואָרן צו מאַכן אַ פּנקס פאַר דער חברה. די אויפגאַבע איז אַרויפּ־

געלייגט געוואָרן אויף מיר. אין אַ וואָך אַרום האָב איך מסדר געווען 41 תקנות. איינע פון די תקנות איז געווען, אַז אַ נייער חבר דאַרף ניט איינצאָלן קיין געלט, נאָר לערנען פריער דריי מסכתות צוזאַמען מיט דער חברה. דער חברה׳שער שבת איז לויט די תקנות באַשטימט געוואָרן אויף פרשה ואתחנן. דער רב האָט מסכים געווען אויף די תקנות און ער האָט צוגעשריבן אַ גרויסע הקדמה. שפּעטער האָט אַ סופר אַריינגעשריבן אין פּנקס די תקנות מיט דער הקדמה און די נעמען פון די חברים. ווען דער פּנקס איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אויף אַן אסיפה געמאַכט אַ קלפּי, מען האָט אויסגעקליבן בוררים, די בוררים האָבן אויסגעקליבן גבאים, און אַזוי איז געבליבן דער סדר אויף ווייטער.

תרנ״א—1891

אין חשוון זיינען אין שטאָט אויסגעקליבן געוואָרן נייע דאזארעס: ר׳ מענדל ראָזנטאל, ר׳ משה באַרדין און איך. אונדזער ערשטע החלטה איז געווען איינצופירן אַ נייעם סדר אין קהילה־לעבן. קודם כל האָבן מיר בטל געמאַכט דעם אַזוי גערופענעם ׳עטאט״ — אַ יערלעכער געלטשטייער, וואָס פלעגט אַרויפגעלייגט ווערן אויף יעדן לויט אַן אָפּשאַצונג. פון דעם פלעגט מען צאָלן שכירות פאַרן רב, פאַרן חזן, פאַר די דיינים, די שמשים און די איבעריקע קהל׳שע אָנגעשטעלטע. דער „עטאט״ פלעגט אָבער ברענגען צו מחלוקת׳ן אין שטאָט, דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן עס אָפּצושאַפן. כדי צו געפינען נייע הכנסה־מקורות, האָבן מיר געפאָדערט פון די שוחטים, אַז זיי זאָלן פאַרגרעסערן די סומע פון 1,100 רובל, וואָס זיי פלעגן געבן צו דער קהל׳שער קאַסע, אויף 1,700 רובל. די שוחטים האָבן צוליב דעם געהעכערט דעם שחיטה־אָפּצאָל. מיר האָבן פאַרדונגען דעם מרחץ צו אַ נייעם בעדער פאַרן אָפּצאָל פון 20 רובל אַ וואָך (דעם אַלטן בעדער האָט געקומט אַ חוב פון 2,700 רובל, זיינען די דאזארעס ארויס אין שטאָט און צוזאַמענגעקליבן 1,700 רובל, און דעם רעשט האָט געגעבן דער נייער בעדער). מיר האָבן אויך אַרויפגעלייגט אַ באַשטימטן אָפּצאָל אויף די קלויזן. אויף אַזאַ אופן האָט די הכנסה געדעקט די הוצאה.

מיר האָבן אויך איבערגענומען די חברה קדישא. דאָס האָט אונדז ווידער אַריינגעבראַכט אַ טייל הכנסה. דאָס אַלץ האָט אונדז מעגלעך געמאַכט, אַז מיר זאָלן קענען לייגן אַ נייעם דאַך אויפן גרויסן בית־מדרש, פאַרריכטן דעם סופיט אין עזרת־נשים, ווי אויך ענדיקן אויסברוקירן דעם גאַנצן שולהויף. אַלץ צוזאַמען האָט באַטראָפן די גרויסע סומע פון 1,700 רובל. דער חשבון פון הוצאה און הכנסה איז געוואָרן אויסגעקלעפּט אויף די ווענט פון אַלע שולן און שטאָט האָט זיך געוואונדערט אויף אַזאַ הצלחה.

נאָך פסח האָבן די דאזארעס גערופן אַן אסיפה פון בעלי־בתים, וועלכע האָבן גע׳חתמ׳עט אַ כתב צו באַשטימען הרב ר׳ משה אַלטמאַן, איידעם פון ר׳ אשר מרגלית, ווי אַ דיין אין שטאָט.

די דאזארעס האָבן געשאַפן אַ יוגנט־חברה, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען צונויפצוקלייבן יעדע וואָך אַן ערך 20 רובל, וואָס פלעגן פאַרטיילט ווערן פאַר אָרעמע קינדער אויף רעצעפּטן.

תרנ״ג—1893

היינטיקע ימים־נוראים האָט מען מקצר געווען מיטן זאָגן פּיוטים אין די שולן, ווייל די כאָלערע איז אַרומגעגאַנגען אין דער מדינה.

מיטוואָך, דעם ערשטן טאָג חנוכה, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אסיפה צו קלייבן נייע דאזארעס. מיר, די אַלטע, האָבן געהאַט באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן, אָבער אונטערן דרוק פון קהל האָבן מיר מסכים געווען צו פאַרבלייבן אויף ווייטער.

די צייט האָב איך זיך גענומען איבערצושרייבן דעם פּנקס הקהל, ווייל דער אַלטער איז שוין געווען צעריסן אויף שטיקלעך. דאָס ערשטע האָב איך צונויפגעקליבן אַלע פּנקסים פון חברה ש״ס, חברה משניות, חברה תהלים, חברה תורה, הכנסת־אורחים, גמילות־חסדים, ביקור־חולים, חברה משמורים, עין־יעקב, מנורת־המאור, חברה חייטים, סנדלרים, זובחי־צדק און דעם פּנקס פון תלמוד־תורה והישיבה. פון זיי האָב איך צונויפגעשטעלט דעם נייעם קהל׳שן פּנקס.

אָנהייב זומער האָט מען געשאַפן אַ „לינת־הצדק״. איך האָב אויסגעאַרבעט די תקנות, וואָס זיינען שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן.

ט״ו תמוז זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַן ערך הונדערט חברים פון דער חברה „תלמוד־תורה״. מען האָט געמאַכט אַ קלפּי און אויסגעקליבן צוועלף גבאים, פאַר יעדן חודש אַ גבאי. מיך האָט מען אויסגעקליבן פאַרן ראש־החברה.

דעם ווינטער האָט אונדז פאַרלאָזן דער רב ר׳ הלל ליבשיץ, וועלכער האָט אָנגענומען די רבנות אין לובלין. אין שטאָט איז ווידער געוואָרן אַקטועל די פראַגע פון נעמען אַ נייעם רב. מיר האָבן געשריבן צו הרב ר׳ אליעזר שמחה ראַבינאָוויץ פון קאַלוואַריע (וועלכער איז געווען רב אין סואוואַלק פאַר הרב ר׳ הלל ליבשיץ) און אים געבעטן, אַז ער זאָל ווידער אָננעמען די רבנות ביי אונדז, און נאָך פסח, י׳ אייר, בין איך און ראָזנטאל געפאָרן צו אים. לכתחילה האָט ער געגעבן זיין הסכמה, אַ סך בעלי־בתים זיינען געווען זייער צופרידן, מען האָט געקליבן חתימות פאַר אים און מען האָט אים איינגעלאַדן צו קומען ווינטער תרנ״ד צום סיום הש״ס. ר׳ אליעזר איז טאַקע געקומען און געזאָגט דעם „הדרן״, אָבער שפּעטער זיינען געוואָרן חילוקי־דעות און עס איז ניט געקומען צו קיין גמר וועגן דער רבנות.

כ״א סיון איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אסיפה אין קלויז „עין יעקב״ און מען איז געקומען צו אַ הסכם וועגן אויסקלייבן פאַרן רב פון שטאָט דעם ווערזשבעלאָווער רב הרב ר׳ דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן. נאָך שבת בין איך מיט ר׳ ישראל זלמן סטאַראָפּאָלסקי גע־

פאָרן קיין ווערזשבעלאָווע און פאַרבראַכט מיטן רב אין לערנען ביז האַלבער נאַכט און אויף מאָרגן אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין שאַרפער תורה און חכמה. קומענדיק צוריק האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דער ווערזשבעלאָווער איז פּאַסיק צו זיין רב ביי אונדז. דער עולם איז געווען צופרידן פון אונדזער באַריכט. די זעלביקע וואָך איז געמאַכט געוואָרן אַ כתב־רבנות, אויף וועלכן עס האָבן זיך גע׳חתמ׳עט 220 חתומים, און מען האָט עס איבערגעגעבן אין מאַגיסטראַט צו באַשטעטיקונג.

דינסטיק, י״ג אב, זיינען ר׳ מענדל ראָזנטאַל און ר׳ מאיר סערייסקי געפאָרן קיין מאַריאַמפּאָל מקבל פּנים צו זיין דעם אָנקומענדיקן רב פון ווערזשבעלאָווע. איך בין געבליבן אין שטאָט, כדי איינצואָרדענען דעם קבלת־פּנים פאַרן נייעם סואוואַלקער רב אין נאָנטן דאָרף שוויצערניע. מיטוואָך ביי טאָג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון מאַריאַמפּאָל, אַז דער רב מיט די באַגלייטערס זיינען שוין אויפן וועג קיין סואוואַלק. עס איז געוואָרן אַ קאָך אין שטאָט. ביי 400 בעלי־בתים זיינען אויף קאַרעטקעס אַרויסגעפאָרן קיין שוויצערניע. דער אויפנעם אין דאָרף איז געווען זייער פייערלעך. דער רב האָט געזאָגט תורה און געהאַלטן אַ דרשה, די גבאים האָבן געטיילט משקה און צובייסן מיט אַ ברייטער האַנט. פאַר נאַכט זיינען אַלע געקומען צוריק אין שטאָט, דער נייער רב איז מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעפירט געוואָרן צו זיין אכסניא, וואו דער עולם האָט נאָך מיט אים פאַרבראַכט ביז האַלבער נאַכט.

תרנ״ו—1896

מיטוואָך, כט׳ חשון, זיינען פאָרגעקומען וואַלן פאַר נייע דאזארעס. פון די ניי־אויסגעקליבענע זיינען ר׳ ברוך ראָזנבערג און ר׳ גאָטליב קשעמיאַנסקי, אַ פירער פון המון.

תרנ״ז—1897

ערב יום־כפור איז נפטר געוואָרן דער דיין הרב ר׳ נפתלי [פרענדזל]. אויף זיין אָרט איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן הרב ר׳ בנימין מגנצא.

תרס״ב—1902

אין די לעצטע פאָר יאָר זיינען עטלעכע מאָל אויסגעבראָכן מחלוקת׳ן אין שטאָטישע ענינים צווישן קהל און די דאָזאָרעס. עס האָבן זיך געשאַפן צדדים. כדי צו מאַכן אַ סוף צו די סיכסוכים, האָט מען באַשטימט נייע וואַלן אויף דאָזאָרעס. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן איך און ר׳ אליהו יערוזאַלימסקי. אָנהייב זומער האָבן מיר רעמאָנטירט דעם גרויסן בית־המדרש און באַשטימט זעקס גבאים. דער שמש, וועלכער איז אָנגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט פון מחלוקת, איז באַזייטיקט געוואָרן. ער האָט אָבער באַקומען 100 רובל קאָמפּענסאַציע. אין שטאָט־ענינים איז געוואָרן אַ סך רואיקער.

תרס״ה—1905

ערב ראש חודש טבת איז אַוועק פון שטאָט דער אַלטער גובערנאַטאָר. פאַר זיין אָפּפאָר איז ער געגאַנגען זיך געזעגענען מיט די דאזארעס און נאָך חשוב׳ע בעלי־בתים פון שטאָט מיטן רב בראש. זיי האָבן אים איבערגעגעבן אַ מתנה אַ תנ״ך מיט זילבערנע טאָוולען.

סוף ווינטער האָבן די קאַמאַשן־אַרבעטערס געמאַכט יד־אחת צו אַרבעטן נאָר פון 9 פרי ביז 7 אָוונט. עס איז געוואָרן אַ טומל אין דער שוך־בראַנזשע. די סוחרים האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אָבער אין אַ וואָך אַרום האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן.

תרס״ו—1906

דעם גאַנצן ווינטער זיינען מיר געווען אין שרעק צוליב די שטרייקנדיקע און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערס. עס זיינען פאָרגעקומען אַ ריי שטרייקן. עס האָט זיך שטאַרק געטומלט אין שטאָט. שבת פ׳ וארא זיינען בעת׳ן דאַווענען אַריינגעקומען אַרום הונדערט אַרבעטערס, זיי האָבן פאַרמאַכט די טירן און איינער פון זיי איז אַרויף אויף דער בימה און געהאַלטן אַ רעדע. דאָנערשטיק ביי נאַכט זיינען פיר פון זייערע מענטשן אַריין צו מיר אין הויז און געפאָדערט פון מיר פינף רובל. כאָטש זיי האָבן מיך געשראָקן מיט אַ רעוואָלווער, האָב איך זיך געשטאַרקט און געזאָגט, אַז איך האָב ניט קיין געלט פאַר זיי. זיי האָבן מיך געוואָרנט, אַז זיי וועלן קומען נאָך אַ מאָל, אָבער מער האָבן זיי זיך ניט באַוויזן.

די צייט איז בכלל אַן אומרואיקע אין דער גאַנצער מדינה. אין אַ ריי שטעט זיינען אויסגעבראָכן עקסצעסן קעגן יידן, אויך אין וואַרשע און לאָדזש. דעריבער האָט מען זיך אומעטום געשראָקן פאַרן מאָרגעדיקן טאָג. אין שטאָט האָט יונגוואַרג אָרגאַניזירט שטילערהייט אַ זעלבסטשוץ.

# פאַר און צווישן
# ביידע וועלט־מלחמות

יחזקאל בערלזאָן

# די לעצטע 40 יאָר

(איבערבליק)

פון אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט ביזן ערשטן וועלט־קריג זיינען קיין אויפטרייסלנדיקע געשעענישן ניט פאָרגעקומען אין געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפטלעכן לעבן פון די יידן אין סואוואַלק. די פרייהייטס־אידייען האָבן יעמאָלט אָנגעצונדן די הערצער פון פיל יידישע יוגנטלעכע אין שטאָט — אָבער דער גאַנצער שטייגער־לעבן איז אין תוך געבליבן דער זעלביקער, ווי געווען. ס'האָט זיך געשאַפן אַ געוויסער יידישער קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע יידישע אינטעליגענץ — אָבער דאָס קהל־לעבן איז דורך דעם דאָך ניט רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן.

## יידיש עקאָנאָמיש לעבן

דאָס זעלביקע איז געשען אויך אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. די יידישע עקאָנאָמיק אין שטאָט האָט דורכגעמאַכט אירע נאָרמאַלע פּראָצעסן, כאָטש די קריסטלעכע קאָנקורענץ האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואָס שאַרפער. אין די יאָרן 1909־1911 זיינען אין סואוואַלקער גובערניע אויפגעשטעלט געוואָרן פיל ניט־יידישע ווירטשאַפטס־מוסדות, וואָס האָבן קאָנקורירט סיי מיטן יידישן סוחר, סיי מיטן יידישן בעל־מלאכה. אין 1909 האָבן די פּאָליאַקן געעפנט אין סואוואַלק אַ גרויס קאָלאָניאַל־געשעפט און אויך אַ קאָאָפּעראַטיוו פאַר שניידערס און שוסטערס. זיי האָבן אויך געשאַפן דאָרטן אַ מאָדערנע בעקעריי. די יידישע בעקערייען האָבן נאָך געליטן שטאַרק פון אַן אַנדער קאָנקורענץ: אין שטאָט האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט עטלעכע טערקישע בעקערס, וועלכע האָבן געוואָרפן די פרייזן.[1]

אויך די ליטווינער זיינען אין יענע יאָרן געוואָרן ווירטשאַפטלעך אַקטיוו. זיי האָבן געשאַפן פיל קאָאָפּעראַטיוון אין סואוואַלקער געגנט. מאַריאַמפּאָל איז געוואָרן דער צענטער פון דער ליטווישער קאָאָפּעראַטיוו־געזעלשאַפט „זשאַגאַרע" ZAGARE, וואָס האָט געהאַט מערערע צענדליק אָפּטיילן. וואָס פאַר אַ גרויסן ווירטשאַפטלעך־קאָנקורירנדיקן כוח די ליטווישע קאָאָפּעראַטיוון אַליין האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך אין סואוואַלקער געגנט קען מען זען פון דעם, וואָס די „זשאַגאַרע" האָט אין 1910—1911 פאַרמאָגט אַ קאַפּיטאַל פון 3½ מיליאָן רובל.[2]

אָבער די נייע אויפקומענדיקע ווירטשאַפט־כוחות זיינען ביז 1914 נאָך ניט געווען ביכולת אויפצוטרייסלען די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין סואוואַלק און אומגעגנט. דער וויכטיקסטער עקספּאָרט־אַרטיקל — געהילץ — איז נאָך ווייטער געלעגן אין יידישע הענט. דאָס זעלביקע דער מסחר מיט תבואה, עופות און פערד. אין 1913 האָט דער האָלץ עקספּאָרט פון סואוואַלקער געגנט קיין דייטשלאַנד באַטראָפן 2,212,323 מאַרק — און כמעט אַלץ איז געגאַנגען דורך יידן.[3] יידן האָבן ווייטער באַהערשט די צווישן־שטאָטישע אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע.

אַ באַזונדערס שאַרפן אַריינבליק אינעם געבוי און פאַרנעם פון דער יידישער עקאָנאָמיק אין סואוואַלק פון 1900 ביז 1914 גיבן אונדז די אַנאָנסן פון סואוואַלקער פאַרשיידענע פירמעס, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ רוסיש־דייטשער בראַשור, אַרויסגעגעבן אין סואוואַלק גופא אין 1910 (בערך. דאָס שער־בלאַט איז אָפּגעריסן). פון די אַנאָנסן איז בולט צו זען, אויף וויפל יידן האָבן דעמאָלט דאָמינירט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער גובערניע־שטאָט.

מ. ברינמאַן — אַ גרויס געשעפט פון פּאַפּיר, לאָמפּן און פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן.

ש. טראַצקי — אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט אויף דער סט. פּעטערסבורגער הויפטגאַס, געגרינדעט 1877.

מענדל מושקאַט — אייזן־געשעפט.

י. ד. בוטקאָווסקי — אייזן־געשעפט, געגרינדעט 1876.

מ. א. רובינטשיק — פּאַפּיר־געשעפט און דרוקעריי.

ע. ברוינראַט — דרוקעריי, איינבינדעריי און סקלאַד פון שרייב־מאַטעריאַלן, געגרינדעט 1870.

ש. ראָזנטאַל — סקלאַד פון שרייב־מאַטעריאַלן.

ס. לעווינאָווסקי — בוכהאַנדלונג און שרייב־מאַטעריאַלן.

נפתלי פרידלענדער און בער רובינשטיין — דאַמפּ־מיל און טאַרטאַק.

שמואל סמאָלינסקי אַרענדאַטאָר פון גענעראַל גאַנאַצקיס וואַסער־און דאַמפּמילן.

1. „הד הזמן", ווילנא, 1909, נר' 101.
2. "L'état Lituanien et la gouvernment de Suvalkai", Dr. Bartuska, Lausanne, 1918, p. 13.
3. ביי 25% פון דער סואוואַלקער גובערניע אין 1909 זיינען געווען געדיכטע וועלדער.

ש. ראָזנבערג — סקלאַד פון אַפּטייק־מאַטעריאַלן און סאָדע־פאַבריקל.

ל. ראַבינאָוויטש — סקלאַד פון אַפּטייק־און עלעקטראָטעכנישע מאַטעריאַלן און סאָדע־פאַבריקל.

ג. מ. אַראָנאָווסקי — סקלאַד פון אַפּטייק־זאַכן, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, עלעקטרישע מאַטעריאַלן און סאָדע־פאַבריקל.

ס. בענקאָווסקי — „אַפּטייקאַרסקי מאַגאַזין״.

ש. קוסנערזשיצקי — אַנגראָ־געשעפט פון אַפּטייק־מאַטעריאַלן, פאַיאַנס און סאַמאָוואַרן.

י. ל. לייפּונער — מאַנופאַקטור־געשעפט.

נפתלי מאַרגאָליס — מאַנופאַקטור־געשעפט.

שלמה פערלאָ — מאַנופאַקטור־געשעפט.

מ. קאַפּלאַן — גרויסע גאַלאַנטעריי־קראָם.

מ. ווייסבערג — גרעסטע פירמע פון אויטאָ־קאָמוניקאַציע.

יוסף שטיין — מעכאַנישע שלאָסעריי.

ע. מ. קאַמעניעצקי — גרויסע פירמע פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן מיט פיליאַלעס אין וואַרשע, אָדעס, ביאַליסטאָק, לאָדז א״א (אַגענט אין סואוואַלק — ג. ב. ליבערמאַן).

מ. פין — געשעפט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

אברהם פאלניצקי — גאַלאַנטעריי־געשעפט, אַנגראָ.

מ. קאַפּלאַן — גרויס גאַלאַנטעריי־געשעפט.

ב. פּרושאַנסקי — אַנגראָ און דעטאַל־געשעפט פון קאָלאָניאַל סחורה, נאַפט סקלאַד.

מ. ל. ראָכמאַן — גרויס וויין־ און דעליקאַטעסן־געשעפט.

מ. ק. ווין — גרויס וויין געשעפט.

מ. וואַגער — זייגערמאַכער, זייגער־געשעפט.

אליהו ראָזנטאל — אַנגראָ־געשעפט פון אייל, פאַרב, צעמענט און אַלבאַסטער.

ס. גליקשטיין — באַנק־קאַנטאָר.

ריינגעווירץ און אָפּנהיים — מעכאַנישע טריקאָטאַזש־פאַבריק.

אברהם גלאַזהענדלער — פוטער געשעפט, קירזשנעריי.

ס. גליקסאָן — עקספּעדיטאָר.

די באַציאונגען צווישן דער יידישער און ניט־יידישער באַפעלקערונג זיינען געווען גאַנץ גוט. פלעגט אַ מאָל פּאַסירן אין אַ מאַרקטאָג אַ געשלעג צווישן אַ יידן און אַ גוי, ס׳פלעגט ווערן אַ שטיקל טומל — און מיט דעם פלעגט זיך עס ענדיקן. מען האָט אויך געפונען אַ וועג, ווי דורכצוקומען מיט „נאַטשאַלסטווא״. ס׳האָט ניט געהערשט קיין גרויסע אהבת־ישראל, אָבער דאָס פייער פון שנאה צו יידן איז אויך ניט געווען אַזוי פלאַמיק, אַז עס זאָל ניט קענען פון צייט־צו־צייט געלאָשן ווערן מיט מיטלען, וואָס אחינו בני ישראל האָבן גענוצט בכל דור ודור.

# געזעלשאַפטלעך לעבן

די ציוניסטן פון אַלע פּאַרטייען האָבן זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט פּראַקטישער אַרבעט פאַרן ישוב אין ארץ־ישראל. געווען אַ ריי עסקנים אין סואוואַלק און אומגעגענט, וועלכע האָבן פיל געטאָן אויפן דאָזיקן געביט. אַן ערך צווישן 1900 און 1914 זיינען אין סואוואַלק געווען אַקטיוו אין זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל און סתם ציוניסטישער טעטיקייט יהודה לייב ליפּסקי, יצחק הורוויץ, צבי בערנשטיין, דער לערער ווישינסקי, אורי מאַריאַמפּאָלסקי, דער לערער ד. אָפּנהיים, רײַגראַדסקי, אליעזר בערמאַן, אברהם שמואל ליזעווסקי, גבריאל סמאָלינסקי, יעקב וואָראַנאָווסקי, אלחנן סוכאָוואָלסקי, א. לעוויטאַנסקי, שוואַרצמאַן, משה זאב ווײַנשטיין, אליעזר עפּשטיין, זשילקעוויץ, ראָזנפעלד, יאַבלינעווסקי, סידאַרסקי, חיים רייבמאַן, אפרים יעלינעווסקי און די פּריילנס לוריע, לעליניצקי און אַנדערע. דער מורשה אין דער צייט איז געווען אליהו ר. כהן; אין פיליפּאָווע — מ. ה. ראַדזילאָווסקי, אין באַקלעראָווע — משה יצחק זילבערמאַן, פּשעראָסלע — י. פּעלטין, ה. ראָזנטאַל.[4]

די ציוניסטן און אויך דער „בונד״ זיינען געווען אַקטיוו אין פאַרשפּרייטן זייערע אידייען. אויסער די אייגענע „קרייזלעך״ און אויסן־שטאָטישע שפּאַצירן פלעגן אויך פאָרקומען לעבעדיקע און פייערדיקע דיסקוסיע־אָוונטן, וואו יעדע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט איר גענעראַל־רעדנער, כדי צו איבערצייגן דעם עולם דעם אמת פון איר לעבנס־אנשויאונג. ביחוד פלעגט אַ פּאַרטיי זיך פלייסן צו אָרגאַניזירן אַזעלכע וויכוחים, ווען זי פלעגט האָבן אַ באַזוך פון אירס אַ פירנדיקן חבר פון צענטער.

עס האָט עקסיסטירט אַ קרייז צו קעמפן פאַר העברעאיש, און ווען אין 1907 איז פאָרגעקומען אַן אַלוועלטלעכע העברעאיסטן־קאָנפערענץ, איז סואוואַלק דאָרטן געווען פאַרטראָטן דורך איר דעלעגאַט יוסף בערגמאַן.[5]

צו די פאַרשיידענע חינוך־מוסדות אין סואוואַלק איז אַן ערך אין 1908 צוגעקומען גאָר אַ נייער טיפּ פון יידישן דערציאונגס־וועזן — אַ העברעאישע פּריוואַטע גימנאַזיע, געשאַפן פון ד״ר שוואַרצמאַן, לויטן מוסטער פון קאַגאַנס גימנאַזיע אין ווילנע. דאָס איז געווען איינע פון די סאַמע ערשטע העברעאישע העכערע לער־

4. „חשבון הנדבות בערים שונות... לקנין אדמה בא״י״ (אודיסא, תרס״ח—ע״ב).

5. „הקונפרנציה ההאַגית״ (קראקא, תרס״ט).

אַנשטאַלטן. די גימנאַזיע, אין וועלכער עס זיינען געווען נאָר די ערשטע 4 קלאַסן, האָט אָבער עקסיסטירט נאָר עטלעכע יאָר.[6]

אַ צווייטער מאָדערנער יידישער חינוך־מוסד אין סואוואַלק איז געשאַפן געוואָרן אין 1909 — דאָס איז געווען אַ יידישע פאָלקשול: אירע קינדער־ספּעקטאַקלען האָבן געהאַט אַ שם אין שטאָט און פלעגן צוציען אַ גרויסן עולם.[7]

## ערשטע וועלט מלחמה

מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אַלץ ראַדיקאַל געביטן. טייל יידן זיינען אַנטלאָפן צוליב דעם זיך דערנענטערנדיקן פראָנט, טייל זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי. די יידישע עקאָנאָמיק איז געבראָכן געוואָרן, אָרעמקייט און נויט האָבן זיך פאַרמערט. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען מסירות, אַז יידן באַהאַלטן שפּייז. צוליב אַזאַ מסירה איז אפילו געקומען צו אַ קליינעם פּאָגראָם אין סואוואַלק. געווען אויך די געוויינלעכע בלבולים, אַז יידן זיינען שפּיאָנעס. אין 1915 האָט מען פון סואוואַלק און אומגעגנט צוליב אַזעלכע בלבולים אַרויסגעשיקט פיל יידן.

די ערשטע צייט פון דער דייטשער אַקופּאַציע אין סואוואַלק איז געווען שלעכט. אַ נייער בעל־הבית, מיליטערישער רעזשים, צוואַנגסאַרבעט. אַז דער פראָנט האָט זיך אָפּגערוקט און ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ דייטשע ציווילע אַדמיניסטראַציע אין שטאָט, האָט דאָס לעבן זיך גענומען ביסלעכווייז סטאַביליזירן. די דייטשן פון קייזער ווילהעלם זיינען ניט געווען די דייטשן פון היטלערן. זיי האָבן גאָר גיך געפונען אַ געמיינזאַם לשון גראָד מיט דער יידישער באַפעלקערונג. זיי האָבן אויך, אויסער עקספּלאָאַטאַציע, געשאַפן עפּעס קאָנסטרוקטיוום. אין 1916 האָבן די דייטשע מאַכט אָרגאַנען געעפנט אין סואוואַלק אַ גרויסע עמער־פאַבריק, וואו עס זיינען באַשעפטיקט געוואָרן צענדליקער אַרבעטערס, צווישן זיי ניט ווייניק יידן. די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אויך געשאַפן אין סואוואַלק עטלעכע שוועבל־פאַבריקן. אין שטאָט זיינען אויך אין אָט דער צייט געווען טעטיק עטלעכע לעדער־פאַבריקן, וואָס האָבן געגעבן אַרבעט אַן ערך 1,200 מענטשן. די דייטשע מאַכטהאָבערס האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די דאָזיקע פאַבריקן זאָלן באַקומען די רוי־מאַטעריאַלן, ווייל דייטשלאַנד האָט זיך ביטער גענייטיקט אין לעדער.

ווי אין יעדער קריגסצייט זיינען אויך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך עקאָנאָמיש אַרויפגעאַרבעט אַ דאַנק דער קריגס־קאָניונקטור. אָבער ניט אַלע, נאַטירלעך, האָבן זיך געקענט אַזוי גיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. הונגער און קעלט זיינען געווען ניט קיין זעלטענע געסט אין פיל הייזער פון סואוואַלק אין יענער צייט. אחוץ דעם האָבן נאָך געלעבט אין שטאָט פיל יידישע פּליטים פון די ארומיקע שטעטלעך, וועלכע זיינען אַהערגעקומען אין די ערשטע שרעקטעג פון דער מלחמה און זיינען שוין דערנאָך דאָרטן פאַרבליבן.

דער סואוואַלקער ועד הקהל האָט דעמאָלט זיך שטאַרק פאַרנומען מיט העלפן די אָנגעלאָפענע יידן און סתם אָרעמעלייט. ער האָט באַקומען געלטער, שפּייז און קליידער פון „דזשאָינט" און עס פונאַנדערגעטיילט צווישן די יידישע נויטבאַדערפטיקע אין סואוואַלק גופא. אויף פאַרטיילן די אַמעריקאַנער שטיצע פאַר די יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך איז געשאַפן געוואָרן אַ קרייז־קאָמיטעט, וואָס זיין פאָרזיצער איז געווען הרב יהודה כאשעסמאַן, געוועזענער באַקלעראַוואַער רב. דער קרייז־קאָמיטעט האָט געהאַט אין זיין רשות די ווייטערדיקע שטעטלעך: ראַצק, פיליפּאָווע, וויזשאַן, פּונסק, ווישטינעץ, פּשעראָסלע, יעלינעווע, קראַסנאָפּאָלע און אַ קורצע צייט אויך סאַפּאָטקין און קאָפּטשעווע.

געווען אויך אַ צווייטע חברה צו העלפן קריגס־געליטענע יידן אין סואוואַלק און אומגעגנט. דאָס איז די „עזרת אחים", וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען די חלוקה פון די געלטער, וואָס זי האָט באַקומען פון דער סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ניו־יאָרק. ווען הרב כאשעסמאַן און הירשל בערנשטיין האָבן איבערגענומען די פירונג פון „עזרת אחים", האָבן זיי די חברה געמאַכט פאַר אַ גמילות־חסד, וואָס פלעגט געבן שטיצע נאָר אויף אַ זשירע (גאַראַנטיע) פון צוויי מענטשן. דער געדאַנק דערפון איז געווען, אַז יידן זאָלן זיך ניט איינגעוואוינען צו שנאָרעריי. אפילו געלטער פון קרובים צו קרובים פלעגן פאַרטיילט ווערן דורך „עזרת אחים", ווי אַ הלוואה. געווען אויך עטלעכע באַזוכן פון דעלעגאַטן, וואָס ניו־יאָרקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געשיקט קיין סואוואַלק און אומגעגנט.[8]

6. „במעגלות החינוך", אלכסנדר ח. לוין, יוהניסבורג, תשי"ד, ע' 112.

7. אין בוך 4 („יידן") פון דער ייד. ענציקלאָפּעדיע זיינען דאָ בילדער פון איין פאָרשטעלונג (ז' 413).

8. זע אויספירלעך וועגן דעם אין קאַפּיטל „40 יאָר סואוואַלקער רעליף".

# סואוואַלק אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

גלייך נאָכן סוף פון ערשטן וועלטקריג האָבן זיך גענומען אומקערן צו זייערע היימען אַ טייל פון די אַנטלאָפענע אָדער פאַרשיקטע יידישע פליטים פון סואוואַלקער געגנט. מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער און אַפריקאַנער קרובים און פון אַלוועלטלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט מען זיך גענומען ביסלעכוויז אָפּבויען ווער אַ קרעמל, ווער אַ וואַרשטאַטל, ווער אַן אַנדער מקור חיונה.

קיין רואיקייט און סטאַבילקייט איז נאָך אין אָט דער געגנט ניט געווען אפילו נאָכן קריג. פון איין זייט האָט געהויערט די שרעק פון אַ באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, פון דער אַנדער זייט האָט ליטע געפאָדערט סואוואַלק פאַר זיך. אַ 6 וואָכן האָט אפילו ליטוויש מיליטער געהאַט באַזעצט סואוואַלק. אין ליטע איז שוין צו יענער צייט געווען אויפגעשטעלט די באַרימטע נאַציאָנאַל־יידישע אויטאָנאָמיע מיט אַ יידישן מיניסטער. קלאָר, אַז אָט דער פאַקט האָט געוואַלדיק געווירקט אויף די שטימונגען פון סואוואַלקער יידן. אָבער געשיכטע ווערט דערוויל ניט געפורעמט דורך שטימונגען, נאָר דורך כוח — און כוח האָט פּוילן געהאַט מער ווי ליטע.

ווירטשאַפטלעך האָבן זיך די יידן גענומען אַלץ מער פאַרפעסטיקן. אין מסחר, אינדוסטריע און מלאכה האָבן סואוואַלקער יידן געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל. די נייע פּוילישע מלוכה איז נאָך געווען יונג און ניט דערפאַרן און זי האָט זיך געניטיקט אין דער איניציאַטיוו, רירעוודיקייט, קאָנטאַקט און נסיון פון יידן אין מסחר. די מלוכה האָט, אמת, שוין גלייך אין אָנהייב גענומען אויסהאָדעווען אַ פּוילישן קלאַס פון סוחרים און האַנטווערקערס און זיי, צוזאַמען מיט די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרן פון דער רעגירונג, זיינען גיך געוואָרן קאָלאָסאַלע קאָנקורענטן פון די יידן. דורכן גראַבסקי־רעזשים איז דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ־כוח פון די פּאָליאַקן נאָך מער אויסגעוואַקסן. אָבער ניט געקוקט אויף דעם, וואָלטן נאָך סואוואַלקער יידן גענוג לאַנג אויפגעהאַלטן זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, ווען עס זאָל ניט האָבן אָנגעשטורעמט דער היטלער־חורבן, וואָס האָט אַלץ אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

לשם אילוסטראַציע פאַר דער גרויסער ראָל פון יידן אינעם סואוואַלקער עקאָנאָמישן לעבן אין צייט פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט זאָל דאָ געבראַכט ווערן אַ טייל פון די פאַרשיידענע מסחר־אונטערנעמונגען אין שטאָט:

טורעצקי און זון — מאַשינען, אויטאָס, „זינגער" מאַשינען וכו'.

שמחה פעסטמאַן — גרויס גאַלאַנטעריי־געשעפט.

בנימין מינץ און זיין איידעם שמואל שאפּירא — גרויס מאַנופאַקטור־געשעפט.

מ. ראַבינאָוויטש — אַפּטייק־מאַגאַזין.
רייך — מעכאַנישע שלאָסעריי.
משה ראַקאָווסקי און מרדכי ראַקאָווסקי — פּעלץ־געשעפט, קירזשנעריי.

אשר און ישעיה קערשקאָווסקי — עקספּאָרט־אימפּאָרט פון פוטערוואַרג.

הענעך גלאזהענדלער — פוטער־געשעפט.
מ. פּין — מוזיק־געשעפט.
אכראַן־ערדרייך — אַפּטייק.
יהושע שוואַרצמאַן — אַפּטייק.
ברוינראָט — דרוקעריי, שרייבגעצייג.
א. י. געניאָ — דרוקעריי.
ספּיר — קאָנפעקטן־פאַבריקל.
גאָלדשמידט — קינאָ „מאַרמאַר".
אסאוויעצקי — קינא „פּילמא", שפּעטער „פּאַן".
לייב קאָווין און זין, אברהם אַלטשולער, פּאָדליאַסקי, קראַווטשינסקי, מאַקס לעווין — געשעפטן פון שיך.

אליהו לעווענטין — באַוול פאַבריק.
שאַפּירא און זון — סוועטער פאַבריק.
זלמן אַלטשולער לעווינסאָן, דניאל ליפּשיץ — לעדער־געשעפט.

שלמה דאבקין — מאַנופאַקטור־גשעפט.
יהודהווישנעווסקי — מאַנופאַקטור־געשעפט.
אביעזר זשילקעוויטש — עלעקטרישע מכשירים.
טוביה סיטקאָווסקי, זילבערבלאַט — גאַלאַנטעריי־געשעפט, אַנגראָ.
בערל און יעקב זעליגסאָן — גאַלאַנטעריי, אַנגראָ.
מאיר יצחק בראָמבערג — גאַלאַנטעריי, אַנגראָ.
קלאָרפיין — מאַנופאַקטור־געשעפט.
שמואל גראַדאָווסקי — פּאַרטיקע קליידער.
משה עברי — אייזן־געשעפט.
גאָלדבערג און פּרץ — אייזן־פאַבריק „ראלא".

מענדל מושקאַט, שלמה האָלענדערסקי, לייזער סאָלאָוויטשיק, לייב קרוציניצקי, יהודה בוטקאָווסקי — גרויסע אייזן־געשעפטן.

אַ דריטל פון אַלע סואוואַלקער יידישע סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט תבואה. די גרעסטע צווישן די יידישע תבואה־סוחרים זיינען געווען: די ברידער הירשע און לייב פרידמאַן (גזעלשאַפט „עקספּאָרט"), חיים באַראַוויטש, הירש און אריה־לייב רובינשטיין, אלחנן סוכאָוואָלסקי, לייב אריאָוויטש. די ברידער פרידמאַן, סוכאָוואָלסקי און פינקלשטיין זיינען געווען שותפים אין דער גרויסער קונץ־ביר־ברויעריי. אַ בירברויז האָט אויך געהאַט יהושע סינענסקי און אַ ביר סקלאַד האָט געהאַט פּרץ סאָלניצקי.

וואַלד־און האָלץ־סוחרים אַדער אייגנטימערס פון

טאַרטאַקן זיינען געווען: משה געלטשינסקי, נחום און לייזער ווילענסקי, סינענסקי, נפתלי פרידלענער, בערטשיק רובינשטיין, יוסף לאָזמאַן, משה לאָזמאַן, חיים סקיבעל־סקי און קינדער, ישראל זאַוואָזניצקי, (איצט אין ניו־יאָרק מיט פאַמיליע).

אויפן געביט פון סואוואַלקער קרעדיט־וועזן זיינען געווען באַקאַנט די באַנק פון בוראַק, די יידישע סוחרים־באַנק (דירעקטאָר — מענדל סאָלאָמיאַנסקי), די פאָלקס־באַנק (דירעקטאָר — משה דוד זשילקעוויטש), די גמילות־חסד קאַסע (סעקרעטאַר — מאָשצעזשניצקי, דירעקטאָר — מיכנאָווסקי).

אַ דאַמפמיל האָט געהאַט יוסף אדלסאן, ווינטמילן — גבריאל סמאָלינסקי און שלמה גוטמאַן.

די גרעסטע הורטאָווניקעס פון באקאליי זיינען געווען ר׳ חיים מענדל פרידמאן, משה דרויאן און זיין שוואָגער מאריאמפּאָלסקי, חיים רייבמאַן און זיין שוואָגער שלמה, מאיר הירש סערערסקי און פאקראיסקי.

צווישן די גרעסטע סוחרים פון מעל איז געווען חנא אַבקעוויטש, פון צוקער — מרדכי ווייסבערג.

די עלטסטע בעקעריי האָט געהערט צו ברוך זילבער־שטיין און זיין זון משה־דוד. די בעקעריי איז אַלט געווען אַ הונדערט יאָר און איז איבערגעגאַנגען פון קינד צו קינד. בעקערייען האָבן אויך געהאַט די פאַמיליע יאָגעל, מרדכי און זיין זון פייוול אויעראן, ליס, שואל קאַ־ווער, לייזער סאָלאָווייטשיק.

גרויסע פּאָדריאַדטשיקעס, בעיקר פאַר דער אַרמיי, זיינען געווען: חיים קויפמאן, דיטקאָווסקי, ראַקאָוויצקי (זון פון באַוואוסטן מורה־הוראה אין גראָדנע ר׳ יאָסעלע), סאַכאַריצקי, יצחק טעפער.

פון די גרעסטע געפליגל־סוחרים איז געווען יצחק שערמאן, וועלכער האָט אין דייטשלאַנד געהאַט אַ קאָנ־סערוון־פאַבריק.

גרויסע גאָלדגעשעפטן האָבן געהערט צו אלקנה גלאַדשטיין, טראָצקי און ראדזינסקאַנסקי.

די האָטעלן־רעסטאָראַנען פון מראַטשקאָווסקי, קעלער־מאן, ט. פראַנק („קאָמערץ״) און אוקראאינסקי זיינען געווען די גרעסערע אין שטאָט.

אויפן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן געביט האָט סואַ־וואַלק געצאַפּלט מיט לעבן. פון קולטור־אויפטוען אין שטאָט איז געווען די העברעאישע גימנאַזיע, וואָס איר דירעקטאָר איז געווען אינזשינער בנימין עפראָן. די לערערס זיינע דאָרטן געווען: מילער, סטראַזשינסקי, ראָטנבערג, שימאנאָוויטש, שאַפּירא, ד״ר פערלמאַן, זון פון האָראָדזייער רב און אייניקל פון מינסקער גדול און אַנדערע.

אויך די מיידלשול „תרבות״ האָט זיך גוט אַנטוויקלט. אַ ריי יאָרן איז איר מנהל געווען דובראָווסקי, און אירע לערערס — נח פערסקי, ניסן זאַר, איצט אין יאהאניס־בורג, אפריקע, בעלאַ סמאָלינסקי, נחמה טילעס־שניי, רבקה סאָלאָמיאַנסקי (ישראל), רחל ווינשטיין־סטארא־זשינסקי.

ביי דער יוגנט איז געווען אַ גרויסער דראַנג נאָך יידישער טיפער קולטור. מען האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די ידיעות, וואָס די יידישע חינוך־מוסדות האָבן געגעבן. פיל, אויב ניט כמעט אַלע, תלמידים פון יידישע און העברעאישע פאָלקשולן און פון דער גימנאַזיע זיינען געווען לייענערס פון די עטלעכע יידישע ביבליאָטעקן אין שטאָט.



די יידישע פאָלקסשול

געווען אויך אַזעלכע יוגנטלעכע, וועלכע זיינען גע־פאָרן קיין ווילנע אויף פאַרטיפן זייער יידיש וויסן. עטלעכע סואוואַלקער בחורים זיינען געווען אספיראַנטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע. איינער פון זיי, סערגיוס גליקסאָן, האָט אין ווילנער „ייוואָ־בלעטער" (באַנד X, נר' 1־2) פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל



„אָרט"-שול

סטאָלעריי־אָפּטיילונג אונטער אָנפירונג פון נפתלי קראַמאַרסקי

אונטערן קעפל „די פּראָווינצער יידישע יוגנט אין ווילנע".[*8] די סואוואַלקער בחורים אליעזר קאַלעצקי און



שלאָסעריי־אָפּטיילונג פון „אָרט"-שול

אָנגעפירט פון משה רייך.

*8. דער זעלביקער גליקסאָן האָט אויך אָנגעשריבן די בראָשור „דער יידישער פּריזיוו־אַרבעטער אין וואַרשע" (וואַרשע, 1939). דאָס איז די ערשטע סטאַטיסטישע אַרבעט אויפן דאָזיקן געביט.



פירערס פון „אָרט" אין סואוואַלק:

פון רעכטס צו לינקס, זיצנדיק: יעקב זעליגסאָן, ד"ר ל. ווייסמאַן, אַפּטייקער ראָזנבערג, אינזש. עפראָן, ה. שערמאַן, ה. מאָצמאַן.

פון רעכטס צו לינקס, שטייענדיק: ה. אדעלסאָן, ה. סלאָוואטיצקי, ה. בוטקאָווסקי. ד"ר פרייסמאַן, ה. האָלענדערסקי, אינזש. שווערגאָלד.

ח. גאַרבאָוויטש און דער באַקלעראָוויטש י. קאַמינסקי האָבן געזאַמלט יידישע פאָלקלאָר מאַטעריאַלן און זיי געשיקט קיין ווילנע צו ייווא.

אויך די פרומע שיכטן זיינען געווען געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש אַקטיוו. זיי האָבן ווייטער געשענקט זייער עיקר־אויפמערקזאַמקייט צו די חדרים, תלמוד־תורה׳ס און ישיבות אין דער געגנט. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אויך באַטייליקט אין בנין הארץ. דער גרעסטער טייל פון די רבנים אין סוואַלקער געגנט האָבן אַ סך גע־האָלפן די טעטיקייטן פאַר ארץ־ישראל סיי דעם ערשטן יאַרצענדליק פון אינדזער יאַרהונדערט, סיי צווישן ערשטן און צווייטן וועלטקריג.



„אָרט״־שול

פון רעכטס צו לינקס: ר׳ משה רייך, מאַצמאַן, דירעקטאָר, נפתלי קראַמאַרסקי, אינסטרוקטאָר.

# רבנים אין די אַרומיקע שטעטלעך

אין אָט דער תקופה איז געזעסן אויפן כסא הרבנות אין סייני הרב הגאון ר׳ חיים פישל ב״ר דוד שלמה עפשטיין, געבאָרן אין יאָר תרל״ד. פון יאָר תרנ״ח איז ער געווען רב אין דעם שטעטל הראזאוועֶ, לעבן סלוצק. אין יאָר תרס״ח (1908) איז ער געוואָרן רב אין סייני. הרב עפשטיין האָט שפּעטער פאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין דארפּאַט (עסטלאַנד) און ליבאָווע (לעטלאנד). פון דאָרטן איז ער געקומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען רב אין באיאָן, נ. דזש., קליוולאנד, סינסענעטי, ברוקלין און צוועלף יאָר דער רב הכולל פון סט. לואיס, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין תש״ג. הרב עפשטיין איז באַרימט געווען ווי איינער פון די גדולי הרבנים. זיינע ספרים: „תשובה שלמה״ (אויף הלכה, שאלות ותשובות, חלק א׳, פיעטרקוב, תרע״ד, אין שיקאגא, תש״ח, חלק ב׳ (אויף אבן העזר און חו״מ, סט. לואיס, תש״א), און „מדרש חיים״ (אויף דרוש) זיינען באַרימט אין דער וועלט.

נאָך הרב עפשטיין איז געווען רב אין סייני הרב הגאון וויינטרויב און נאָך אים הרב הגאון ר׳ אליהו דוד נחמן קאָלאָדיצקי. נאָך סייני איז ער געוואָרן רב אין אַליטע, ליטע, וואו ער איז אין כ״ג טבת, תרפ״ו, געשטאָרבן אין עלטער פון 45 יאָר. זיין זון הרב הגאון ר׳ יצחק, מחבר פון ספר „מנחת אליהו״ (ירושלים, תשט״ז), איז איצט אַ ראש־ישיבה אין „ישיבת־הדרום״ פון רחובות.

נאָך הרב קאָלאָדיצקי איז געווען רב אין סייני הרב הגאון ר׳ יצחק רייצער, וועלכער איז פריער געווען רב אין פיליפּאָווע. פון סייני איז ער אַנגעקומען קיין זשעטל, וווּ ער איז אומגעקומען דורך די נאַציס, הי״ד.

דער לעצטער סייניער רב איז געווען הרב הגאון ר׳ מרדכי ראַגאָוו, איידעם פון הרב הגאון ר׳ אליהו גאַרבער, אב״ד האָראָדאָק. הרב ראַגאָוו איז געב׳ אין ליפּנישאָק. פאַר סייני איז ער געווען רב אין טעלעכאַן (לעבן פינסק). אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געראַטעוועט קיין שאַנכיי. איצט איז הרב ראַגאָוו איינער פון די הויפּט ראשי־ישיבה אין „בית המדרש לתורה״ אין שיקאַגע.

אין פיליפּאָווע זיינען געווען די רבנים הרב הגאון רייצער, הרב הגאון ר׳ שלמה־צבי קאַליר, שפּעטער רב אין סוכאָוואָליע, וואו ער איז אומגעקומען דורך די נאַציס; הרב הגאון באָרוכאָוויץ. דער לעצטער פיליפּאָווער רב איז געווען הרב הגאון ר׳ יוסף ב״ר יו״ט ליפמאַן ווערט, וועלכער איז אומגעקומען אין לובלינער געטאָ, הי״ד.

אין יעלינעווע זיינען פאַר אָט דער צייט געווען רבנים: הרב הגאון גאָלדענסאָן, וועלכער איז שפּעטער געווען רב אין שיקאַגע, וואו ער איז נפטר געוואָרן; הרב הגאון ווילענציק, שפּעטער רב אין פּאָרט עליזאַבעט, דרום־אַפריקע; הרב הגאון ר׳ יהודה יעקב צימערמאַן, שפּעטער ר״מ אין סוואַלקער תלמוד־תורה והישיבה, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אומגעקומען אין לובלינער געגנט, הי״ד. דער לעצטער יעלינעווער רב הרב הגאון ר׳ מאיר ליבערמאַן איז אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע און איז איצט רב אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא.

אין ווישאַן איז פון 1904 ביז 1914 בערך געווען רב הרב הגאון ר׳ משה פנחס מענדל ווישאַנסקי. דער לעצטער רב הרב הגאון ר׳ משה יהודה לעדערמאַן איז אומגעקומען מיט זיין משפחה על קידוש השם, הי״ד.

אין פשעראָסלע איז אָנהייב יאָרהונדערט (נאָך ר׳ בן־ציון זאַקס) געוואָרן רב הרב הגאון ר׳ אליעזר שלאָסבערג. נאָך אים זיינען דאָרטן געווען רבנים: הרב הגאון ר׳ צבי סענדעראָוויץ, הרב הגאון ר׳ אברהם משה אבאוויטש, הרב הגאון ר׳ יהודה דוב לאַסאָווסקי, הרב

הגאון ר׳ משה שלמה שאפירא, שפעטער רב אין באָראָ־פּאַרק, ברוקלין, וואו ער איז נפטר געוואָרן.

דער לעצטער רב אין פּשעראסלע איז געווען הרב הגאון ר׳ דוב קאוואלסקי, אומגעקומען מיט זיין משפחה אויף קידוש השם אין גראדנער געגנט, הי״ד.

די רבנים אין ראַצק אין אָט דער תקופה זיינען געווען: הרב הגאון קושעלעוויץ, הרב הגאון ר׳ שמחה זילבערשטיין און הרב הגאון ר׳ אייזיק־לייב סטאליאר.

דער לעצטער צו פאַרנעמען ראַצקער כסא־הרבנות איז געווען הרב הגאון ר׳ שמואל סרעבראוויטש, אַ געבאָרענער אין טשעכאַנאווצע ביי זיין פּאָטער ר׳ חיים און מוטער איידל. ער האָט געלערנט אין ראדין, קאָוונע און גראָדנע און שפּעטער ביים באַרימטן ר׳ חיים העלער שליט״א אין בערלין. זיין ערשטע רבנות איז געווען אין אסטראָוועץ לעבן ווילנע. אין 1931 איז ער אָנגעקומען קיין ראַצק, וואו עס זיינען דעמאָלט געווען ארום 150 יידישע פאַמיליעס. אָנהייב דער לעצטער מלחמה זיינען זיך ס׳רוב יידן צעלאָפן פון שטעטל, בתוכם אויך דער רב. שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט דער רבי׳צין פאַר־שיקט געוואָרן טיף אין סיביר. זיי האָבן געמוזט זעגן האָלץ אין די וועלדער ביי אַ פראָסט פון 55 גראַד. אַזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט עסן קיין טריפה, איז ער זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און געשטאָרבן פון הונגער שמיני עצרת תש״ב אין דער שטאָט וואלסק. זיין פרוי צילע האָט זיך נאָך אַ סך וואָגלענישן דערשלאָגן צוריק קיין פּוילן און דייטשלאַנד און פון דאָרטן עולה געווען קיין ישראל.

פון פּונסק איז אונדז באקאנט נאָר דער לעצטער רב הרב הגאון ר׳ חיים נתן ב״ר אריה לובאָווסקי. אליין אַ געבאָרענער סואוואַלקער, געלערנט אין סלאַבאָדקער ישיבה. ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון פּונסק, האָט ער זיך געראַטעוועט מיט נאָך פּונסקער יידן קיין קאַלוואַריע, אָבער שפּעטער איז ער מיט זיין פאַמיליע דאָרטן אומגעקומען דורך די נאַציס, הי״ד.

באַקלעראָווע האָט די לעצטע יאָרן ניט געהאַט קיין רב, נאָר אַ שוחט — ר׳ יששכר קאַמינסקי, אומגעקומען על קידוש השם, הי״ד.



אַ בילד פון אַ קלאַס שילערס מיטן מנהל און די לערערס
פון סואוואַלקער תלמוד־תורה אין 1925.

ערשטע ריי זיצן פון רעכטס צו לינקס: משה לעווענטין, יאָסל יאַקוב, שמעון קאָברינסקי, וועלוול סאַנדאָווסקי, אליהו פיליטאָווסקי, בערל שצופּאַצקי, יאַנקל לעווענשטין.

צווייטע ריי: ברוך אַלבערט, דער מדריך פון קלאַס בערגשטיין, דער מנהל ראָזנבערג, לערערין ליזשעווסקי, לובלינער, בצלאל סטאָלניצקי, הירשל מישקונסקי.

דריטע ריי שטייען: חיים וואַרטעלסקי, אומבאַקאַנט, קאַרמין, משה אָספּאָוואַט, קראַווצינסקי, יהודה זאַמעצקי, לייזער שערעשעווסקי, אברהם רובינשטיין, עזרא לינצעווסקי, יעקב לעווענטין, שמחה גוטמאַן, שלמה רימאַן.

פינפטע ריי שטייען: אברהם וואָראָבייטשיק, זלמן פלאַסקאָווסקי, הירש געלבאָרד, אומבאַקאַנט, שטיינבערג.

# סואוואַלקער תלמוד־תורה

אין סואוואַלק גופא האָבן די פרומע עסקנים מיט די רבנים בראש געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן און אויסצוברייטערן די אָרטיקע תלמוד תורה והישיבה, „אהל יצחק”, געגרינדעט אין יאָר תר״ט דורך הגאון ר׳ יצחק אייזיק חבר זצ״ל, וואָס איז געווען די צענטראַלע חינוך־אינסטיטוציע פאַר יינגלעך אין משך פון צענדליקער יאָרן, בפרט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַלע פּריוואַטע חדרים האָבן שוין מער ניט עקסיסטירט. אַ ריי ראשי־ישיבות, משגיחים, מנהלים און סתם בעלי־בתים האָבן אין דעם שטאַרק מיטגעהאָלפן.



קינדער פון דער תלמוד תורה והישיבה „אהל יצחק” ביים עסן פרישטיק.

אין צענטער שטייען דער שול־דאָקטאר נפתלי סטאַראָפּאָלסקי, מנהל שמואל עברי און די לערערין קוקלינסקי.

פון די ערשטע ראשי־ישיבה און רביים, צוזאַמען מיטן הויפּט ראש־ישיבה ר׳ הירשל סלאָנימער תחילת הייַנטיקן יאָרהונדערט, איז געווען הרב ר׳ אברהם משה אַבאָוויטש, וואָס איז געווען פריער רב אין פּשעראָסלע. ער מיט זיין פרוי זיינען געשטאָרבן פון אַ טשאַד. אויף זיין אָרט איז געקומען הרב ר׳ משה הלוי שטערמאַן, געבאָרן 1864 אין קאָברין. ער האָט געקראָגן סמיכה פון הגאון ר׳ חיים עוזר גרודזענסקי. צו פינף און צוואַנציק יאָר איז ער געקומען קיין ווערזשבעלאווע, וואו ער איז געווען זיבן יאָר. עטלעכע יאָר איז ער געווען רב אין קיבארט, ליטע. ווען דער געוועזענער ווערזשבעלאווער רב ר׳ דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן איז געווען מרא דאתרא פון סואוואַלק, האָט ער רעקאָמענדירט, אַז הרב שטערמאַן זאָל ווערן ראש־ישיבה אין סואוואַלקער תלמוד־תורה וישיבה. זיין פארלייג איז אָנגענומען געוואָרן. אין 1906 איז ער געקומען קיין אמעריקע.ער איז תחילת געווען דער הרב המכשיר אין אַ ניו־יאָרקער שחיטה־הויז, דערנאָך רב אין ישיבה דהאַרלעם, וואָס ער איז געווען איינער פון אירע גרינדערס. שפּעטער איז ער געווען ממלא־מקום פון רב אין שול „אוהב צדק”, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין מיטן קבלת־שבת, ט״ז כסלו תרצ״ט.

נאָך אַנדערע ראשי־ישיבה זיינען דאָרטן געווען:

הרב ר׳ יהודה ווייל, שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער איז געווען במשך פון פיל יאָרן משגיח אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן; הרב הורוויץ, איידעם פון ר׳ דוד טעבלי קאצענעלנבויגען; הרב ר׳ אהרן ראובן טשארני (איצט רב אין באיאן, נ. דזש.) אין יאָר 1913; הרב ר׳ שלמה צבי קאליר, אַן ערך 5 יאָר ביז 1921; הרב ר׳ חיים קאברינער; הרב ר׳ יעקב ניימאן ביז 1924, שפּעטער ר״מ אין לידע, און איצט ר״מ אין דער ישיבה „אור ישראל” אין פתח-תקוה; הרב ר׳ הלל, שפּעטער רב אין יאַלאָווקע; הרב ר׳ יעקב פּרוזאנסקי; הרב ר׳ מאיר פּעצינער, שפּעטער ר״מ אין גראָדנער ישיבה און דערנאָך רב אין אָרלאָווע, וואו ער איז אומגעקומען דורך די נאציס; הרב ר׳ אנשל פון וויזנע אין יאָר 1928; הרב ר׳ אהרן קאַלטמאַן, געבאָרן אין וולאָדאָווע, איידעם פון שוסטערשן רבין; הרב ר׳ יהודה יעקב צימערמאן, געוועזענער יעלענעווער רב. די לעצטע צוויי

זיינען געווען ראשי־ישיבה ביז דעם לעצטן טאָג, ווען די דייטשן האָבן פאַרמאַכט די ישיבה. זיי זיינען אומגעקומען אין לובלינער געגנט, הי״ד.

משגיחים אין דער תלמוד תורה והישיבה זיינען געווען: ר׳ חנא אייזיק זשילקעוויטש; ר׳ לוי יצחק געלבאָרט; הרב ר׳ שמעון בערגשטיין, שפּעטער אין אַמעריקע און צום סוף אין ארץ־ישראל, וואו ער איז נפטר געוואָרן; ר׳ חיים לייב בכרך, תרצ״ה אוועק קיין ירושלים, וואו ער איז נפטר געוואָרן טבת תרצ״ז; דער לעצטער משגיח איז געווען ר׳ אברהם קאַטשער, געבאָרן אין מאַלקין, איידעם פון ר׳ בנימין מאגענצא, אומגעקומען מיט פרוי און טאָכטער אין לוקאָוו, לובלינער געגנט.

אין משך פון עטלעכע יאָר איז געווען מנהל פון תלמוד תורה שמואל עברי, געבאָרן אין ביאַליסטאָק, זיך געראַטעוועט דורך שאַנכיי און איצט אין באַלטימאָר. דער לעצטער מנהל איז געווען ר׳ אברהם לעווין, געבאָרן אין אָלקעניק, געלערנט אין טעלזער ישיבה, אומגעקומען מיט זיין משפחה אין לובלינער געגנט הי״ד. די לעצטע רביים און לערערס זיינען געווען: ישראל איגעלסקי, יצחק צימערמאן, יעקב לעווין, יעקב דובלמאַן, ווינאָגראַד, קרינסקי, קוקלינסקי און אַנדערע.

די תלמוד תורה האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן דורך דער צייט פון דער רבנות פון הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש זצ״ל, אַ דאַנק זיין אומדערמידלעכער אַרבעט פאַרן דאָזיקן מוסד. די צאָל תלמידים איז געשטיגן אויף אזוי פיל, אַז דער אַלטער בנין פון תלמוד־תורה איז געוואָרן ענג. מען האָט געדאַרפט בויען אַ נייעם גרויסן בנין פון צוויי עטאַזש. די ערשטע גרעסטע באַשטייערונג האָט געגעבן דער באוואוסטער שטאָטישער נדיב ר׳ בנימין מינץ. דורך דער איבערגעגעבענער עסקנות פון הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש און דעם גבאי פון בית מדרש הגדול ר׳ יצחק פאַיאַנס איז דער בנין שנעל פאַרטיק געוואָרן. חנוכה תרצ״ד איז מיט גרויס פייערלעכקייט געפּראַוועט געוואָרן דער חנוכת הבית פון דעם נייעם, פּראַכטפולן בנין, וואָס האָט געעפנט אַ נייע תקופה אין דעם לעבן פון דער שטאָטישער תלמוד תורה. אין תלמוד־תורה האָבן געלערנט קינדער פון אַלע שטאָטישע שיכטן, אָרעם און רייך. דער דאָזיקער חינוך־מוסד איז געווען באַליבט און באַרימט ניט נאָר אין שטאָט גופא, נאָר אין דער גאַנצער ארומיקער געגנט, פון וואַנען עס זיינען געקומען אַ סך תלמידים.



בית הועד פון תלמוד תורה

דער בודזשעט פון תלמוד תורה איז געדעקט געוואָרן דורכן שכר־לימוד פון די רייכערע קינדער, דור אַ יערלעכער גרעסערער סובסידיע פון ועד הקהלה און דורך אַ העלפט פון די הכנסות פון חברה קדישא. אויסער דעם האָט די תלמוד תורה געהאַט אַ חזקה, אז שבת פרשה במדבר האָט מען אין אַלע שולן דורכגעפירט אן אַפּיל אויף אויסצוהאַלטן די אָרעמע קינדער. ביי יעדער שמחה, חתונה, ברית און בר־מצוה, פלעגן עסקנים אויך קלייבן געלט פאַר דער דאָזיקער באַליבטער חינוך־אינסטיטוציע.

אויף פסח און ראש־השנה פלעגן די סואוואַלקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע אַריינשיקן גרעסערע סומעס געלט, וואָס צוזאַמען מיט די נדבות פון אָרטיקע גבירים פלעגן זיי גענוצט ווערן אויף צו באַשוכן און צו באַקליידן די געדריקטע קינדער פון תלמוד־תורה.

אין תרצ״ו (1936) איז דורכן לעצטן סואוואַלקער רב הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע ישיבה און איר ראש־ישיבה איז געווען הרב ר׳ יעקב סקופּסקי.

די ישיבה האָט זיך געפונען אין „„חברה מדרש״־קלויז, וואו די תלמידים האָבן געלערנט בהתמדה רבה. די ישיבה איז גיך צעוואַקסן, האָט זיך קונה שם געווען און געצויגן בחורים פון דער גאַנצער פּראָווינץ ארום ביז דעם לעצטן אלול תרצ״ט. צוליב דער וועלט־מלחמה זיינען זיך די תלמידים צעלאָפן און דער קול תורה איז פאַרשטומט געוואָרן.

*

אין 1931 איז אין סואוואַלק געמאַכט געוואָרן אַ פּרוואו ארויסצולאָזן אַ יידישע צייטונג, געווידמעט בעיקר די פּראָבלעמען פון אָרטיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. כ״ד אב פון יענעם יאָר איז ארויס דער ערשטער נומער פון דער צייטשריפט אונטערן נאָמען „סואוואַלקער וואָכנ־בלאַט״ אין 4 זייטן, רעדאַגירט דורך משה גוטקאָווסקי. כאָטש דאָס וואָכנבלאַט פּראָקלאַמירט זיין אומפאַרטיי־


№ 1. „SUWAŁKER WOCHNBLAT" פרייז 25 גראשן.

סובאלקער וואכנבלאט

ארויסגעגעבן דער רעדאקציע פון מ. גוטקאווסקי.

Suwałki, Piątek, dn. 7 sierpnia 1931 r. ערשטער יאהרגאנג. פרייטאג, פ׳ ראה, כ״ד אב תרצ״א.

אפאר ווערטער צו אונזערע לעזער.

מאנופאקטור געשעפט
א. בראמבערג & ח. פרידמאן
סובאלק, קאסציושקי 72a

אישקייט, איז אָבער דאָך קלאָר צו זען זיין גענייגטקייט צום רעוויזיאָניזם.

„סובאַלקער וואָכנבלאַט״ האָט געהאַט גאָר אַ קורצן קיום. מיר האָבן געזען נאָר דריי נומערן.[9] אין די עטלעכע נומערן האָבן זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען, אויסער דעם רעדאַקטאָר, י. יורבארסקי, יחזקאל העניגזאָן, יהודה זילקוויץ, ד״ר נפתלי סטראַפּאָלסקי, א. ב. צימערמאַן.

9. אין ניו־יאָרקער ייווא.

מיט זעקס יאָר פריער, אין 1926, איז אין סואוואַלק ארויסגעגעבן געוואָרן אַן איין מאַליקע אויסגאַבע „סו־באַלקער שטימע״ אין זעקס זייטן. די שריפט איז אַרויס דעם 15טן אָקטאָבער. דער רעדאַקטאָר איז געווען ל. ווייסמאַן, און דער אַרויסגעבער — די אָרטיקע ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן די שריפט ניט געקענט זען, נאָר געפונען זי רעגיסטרירט אין „קרית ספר״ (שנה ד׳, ע׳ 109).

דער דאָזיקער ל. ווייסמאַן איז געווען במשך פון

יאָרן ראש הקהילה אין סואוואַלק, אַ באַוואוסטער דאָק־טאָר און פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ ריי יאָרן זייער אַקטיוו אין אָרטיקן געזעלשאַפ־לעכן לעבן.

דאָס פּאַרטיי־לעבן אין סואוואַלק איז געווען אַ קאָכעדיק קעסל, באַזונדערס אין דער דעמאָקראַטישער תקופה פון דעם ניי־אויפגעלעבטן פוילן. די פּאַרטיי־קאַמפּן בעת וואַלן צו דער קהילה, צום סיים אָדער ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען געווען ברויזיק ביז גאָר, ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן אין יענעם צייטאָפּשניט. די דאָזיקע פּאַרשיידענע וואַלן זיינען ניט געווען קיין קאַמף פאַר איינהאַלטן „בענקלעך" פון פּאָלי־



סואוואַלקער „החלוץ" אין 1920.



יידישע פאָלקשול אין סואוואַלק

טיקאַנערס, נאָר אַ קאַמף פאַר פּשוט'ע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן (קהילה, סיים) אָדער פאַר טיף־אמונה'דיקע אידייען און וועלט־אנשויאונגען (ציוניסטישע קאָנגרעסן, קהילה). טאַקע דעריבער דער פלאַקער און ברען אין די דאָזיקע וואַלן.

די קאַמפן ארום דער קהילה זיינען געווען אַזעלכע שאַרפע, ווייל דורך איר האָט מען געקענט אָנפירן און באַווירקן דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון סואוואַלק. למשל, אין יאָר 1925 האָט סואוואַלקער קהילה, ביי אַ באַפעל־קערונג פון 7,500 יידן, געהאַט אַ בודזשעט פון 165,921 זלאָטעס, אין 1926 — 177,253 זלאָטעס, אין 1927 — 188,022 זלאָטעס.[10]

סואוואַלק האָט פאַרמאָגט אַ פיינע אינטעליגענץ: דאָקטוירים, סטודענטן, לערערס, ווי אויך ישיבה־לייט, וואָס אחוץ תורה זיינען זיי געווען אויך באַהאַוונט אין אַקטועלע ענינים.

אַ געוואַלדיקן אויפלעב גייסט אין יידישן סואוואַלק האָבן אריינגעבראַכט די הכשרה־קיבוצים אין שטאָט און ארום איר. זיי זיינען געווען די צענטערס פון דער אָרטיקער יוגנט. אין 1923 האָבן סואוואַלקער חלוצים אָפּגעדונגען צוויי גערטנער אין שטאָט, יעדער פון איין

10. „פון יאָר צו יאָר", רעדאַגירט דורך מ. שאַליט, ווארשע, 1926, ז' 38; 1928, זז' 19, 20; 1929, ז' 111.

מאָרג, אויף צו באַארבעטן זומער צייט. איןביידע ערטער האָבן געאַרבעט 5 חברים און 16 חברות. שפּעטער איז די צאָל חלוצים אין סואוואַלק געוואָרן פיל גרעסער. אויף דער דריטער לאַנד־קאָנפערענץ פון „החלוץ" אין פוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע פון 13טן ביזן 17טן יוני 1923, איז דער דעלעגאַט פון סואוואַלק געווען משה אָרלאָווסקי.[11]

צווישן ערשטן און צווייטן וועלטקריג איז געגאַנגען פון סואוואַלק און אומגעגנט ניט קיין קליינע עליה קיין ארץ־ישראל, סיי פון יוגנטלעכע, סיי פון גאַנצע פאַמי־ליעס. צוליבן שווערן עקאָנאָמישן מצב זיינען סואוואַלקער יידן געפאָרן אויך קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, אורוגוויי, מעקסיקע און אַ קליינער טייל אויך קיין דרום־אפריקע. די עמיגראַציע קיין צפון־און דרום־אמעריקע ביזן אָנהייב צוואַנציקער יאָרן און די עליה קיין ארץ ישראל האָבן גורם געווען דערצו, אַז די קהילה אין סואוואַלק זאָל קלענער ווערן. בעת אין 1913 האָט סואוואַלקער עדה יידן געציילט אַן ערך 13,000 נפשות, איז זי ערב דעם היטלער־חורבן באַשטאַנען סך־הכל פון צען טויזנט. אַ דאַנק דעם האָבן פיל טויזנטער יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט באַצייטנס זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע טויטלאַגערן.

11. „החלוץ", נר' 2—4, ורשה, תרפ"ג.

## שמואל דוד בערנשטיין

# אַ שטאָט פון לעבעדיקער געזעלשאַפטלעכקייט

זעקס דורות פון מיין משפחה האָבן געלעבט אין מיין היימשטאָט סואוואַלק און געהאָלפן דאָרטן בויען אַ קהילה פון איבער 12,000 יידן. אַלע געשעענישן דאָרטן זיינען דעריבער פאַר מיר געבונדן מיט פערזענלעכע און משפחה'דיקע זכרונות.

לאָמיר נעמען, למשל, אונדזער תלמוד־תורה אויפן נאָמען פון ר' יצחק אייזיק חבר. מיין עלטערזיידע ר' דוד זייבערג האָט אים געבראַכט פאַר אַ רב אין סואוואַלק מיט איבער הונדערט יאָר צוריק. זיי, צוזאַמען מיט נאָך בעלי־בתים, האָבן אויפגעשטעלט דעם בנין פון דער תלמוד־תורה, געבליבן חברים אין לעבן און שכנים אויפן בית־הקברות, וואו אַ נר תמיד האָט געברענט אויפן קבר אַזוי לאַנג, ווי דער יידישער גייסט האָט געשוועבט אי־בער אונדזער הייליקער קהילה.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די סואוואַל־קער יידן האָבן דערפילט אַ נויטווענדיקייט אין אַ מאָדער־נער יידישער העברער שול, איז מיין פעטער ר' הירש'ל בערנשטיין—וואָס האָט זיך שטאַרק מתעסק געווען אויך מיט דער תלמוד־תורה—געווען צווישן די ערשטע אויס־צובויען אַ העברעאישע גימנאַזיע. צוואַנציק יאָר האָבן אָרטיקע יידישע ייִנגלעך און מיידלעך באַקומען אין דער גימנאַזיע אַ מאָדערנע יידיש־נאַציאָנאַלע דערציאונג, פאַר־שפּאָרט צו פאָרן אין פרעמד־שטעטישע גימנאַזיעס, ווי אויך אויסגעמיטן דאָס מחלל שבת זיין אין דער פוילישער גימנאַזיע. די לערערס אין דער העברעאישער גימנאַזיע בראש מיטן דירעקטאָר בנימין עפראָן זיינען געווען ציוניסטישע עסקנים. פאַר מיר, אַ זעכצן־יאָריקן בחור, איז געווען אַ גרויסער כבוד צו זיין אַ חבר אין וועד פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סואוואַלק צוזאַמען מיט דעם גימנאַזיע־דירעקטאָר, כאָטש על־פּי דין האָבן תלמידים זיך ניט געטאָרט באַטייליקן אין קיין שום פּאָליטישער אַרבעט.

אין דער סואוואַלקער העברעאישער גימנאַזיע האָב איך זיך באַקענט מיט אברהם שטערן, דעם שפּעטערדיקן

גרינדער פון לח״י (לוחמי חרות ישראל). שטערן איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד אין 1922 און האָט ניט געוואוסט קיין יידישן אות. אין אונדזער גימנאַזיע האָט ער אָנגעהויבן לערנען עברית און פון זיינע חברים־גימנאַזיסטן — דעם אלף־בית פון ציוניזם. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אין שפּראַכן, דראַמאַטיזאַציע און דער עיקר אין פירערשאַפט און אָרגאַניזאַציע. אין 1926 זיינען די העכערע קלאַסן פון אונדזער גימנאַזיע זיך צעפאַלן, ווייל די פוילישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט די מלוכה־סובסידיע. דעמאָלט איז אברהם שטערן (מיט מנחם ראַבינזאָן) אַוועקגעפאָרן לערנען אין דער גימנסיה עברית פון ירושלים. שטערן האָט שפּעטער עטלעכע מאָל באַזוכט פוילן, אַראָפּקומענדיק, נאַטירלעך, אויך צו זיינע עלטערן אין סואוואַלק. נאָר געציילטע פון אונדז, זיינע יוגנט־חברים, האָבן געוואוסט, אַז ער איז איינער פון די פירערס פון „ארגון צבאי לאומי״. אפילו זיינע עלטערן האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע השגה פון דעם. שוין אַ סך יאָרן שפּעטער, אין 1939, ווען איך און אברהם שטערנס עלטערן האָבן זיך געטראָפן ווי פּליטים אין קאָוונע, האָבן זיי נאָך ווייניק געוואוסט וועגן דער ראָל, וואָס זייער זון שפּילט אין קאַמף פאַר אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל.

אין גימנאַזיע האָבן מיר געשאַפן קרייזלעך „רק עברית״ אָדער „דוברי עברית״ און אין משך פון מאָנאַטן ניט גערעדט קיין אַנדער שפּראַך אויסער העברעאיש. דאָרטן האָבן מיר אָנגעהויבן דעם ציוניסטישן פּאַרטייאישן קאַמף. אין 1926 האָט אין סואוואַלק עקסיסטירט אַ שטאַרקער „החלוץ״, וואָס איינער פון זיינע פירערס איז דעמאָלט געווען פּנחס קאָזלאָווסקי, דער היינטיקער



אָרקעסטער פון סואוואַלקער גימנאַזיע

ערשטע ריי, פון אונטן, פון רעכטס צו לינקס: הערצל צָספּאָוואַט, ר. ביאַלאָגורסקי, לייזער שערעשעווסקי.

צווייטע ריי: בערל שיפּלישקאָווסקי, א. בערמאַן, דירעקטאָר עפראָן, מוזיק־לערער א. גוטמאַן, א. רובינשטיין, י. סאָלניצקי.

דריטע ריי: יששכר סאָלאָווייטשיק, דניאל עפראָן, בערמאַן, אומבאַקאַנט.

פערטע ריי: יצחק בראון, פּאָדלאַסקי, אומבאַקאַנט, ישעיה קראַוושינסקי.

האַנדלס־מיניסטער פון ישראל פּנחס ספּיר. אין הויז פון זיין פאָטער, אַ למדן און משכיל, פלעגן מיר פירן הייסע דיסקוסיעס וועגן ציוניזם, סאָציאַליזם און דער צוקונפט פון יידישן פאָלק. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן מיר געשאַפן אין סואוואַלק דעם „החלוץ המרכזי״, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע און קעגן־געוויכט צום „החלוץ״. פון אָט דער גרופּע האָבן זיך שפּעטער אויסגעקריטאַליזירט די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע און „ביתר״ פון סואוואַלק.

דער „ביתר״ און די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי זיינען געווען פון די אַקטיווסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט, באַזונדערס אין די לעצטע צוויי יאָר פון פאַרן חורבן, ווען אין דער אָנפירונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָבן זיך געפונען די רעוויזיאָניסטן קוסנערזשיצקי און מילער. די רעוויזיאָניסטן האָבן אויך אָנגעפירט מיט דער „תרבות״־שול און מיט דער העברעאישער ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט איבער 5000 ביכער.

דעם 14טן מיי 1939 זיינען פאַרגעקומען וואַלן צו

דעם סאוואַלקער שטאָטראַט. דער „דעמאָקראַטישער בלאָק״, וואָס האָט אַריינגענומען אַלע ציוניסטישע גרו־פּירונגען, אויסער רעוויזיאָניסטן, האָט אויסגעקליבן דריי ראַטמענער: ד״ר ל. ווייסמאַן, יאָסל אדעלסאָן און משה גאָלדבערג, די רעוויזיאָניסטן—צוויי ראַטמענער: שמואל דוד בערנשטיין און שאַפּירא. אָבער שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון ניי־אויסגעקליבענעם שטאָטראַט האָבן מיר געהאַט איין יידישן קלוב פון ראַטמענער, וואָס איז פאַראייניקט אין קאַמף פאַר יידישע רעכט, ווי אין דער פראַגע פון אַריבערטראָגן דעם מאַרק, וועגן באַגרענעצן די שחיטה־מעגלעכקייטן וכדומה. איך מוז דערביי באַ־מערקן, אַז די מערהייט פּוילישע ראַטמענער און רע־גירונגס־באַאַמטע אין סואוואַלק האָבן ארויסגעוויזן פאַר־שטענדעניש פאַר די יידישע באַדערפעניש. בכלל זיינען די באַציאונגען צווישן דער יידישער און פּוילישער באַ־פעלקערונג אין סואוואַלק ניט געווען אַזוי שלעכט ווי אין אַנדערע שטעט.

איסער די פּאָליטישע פאַרטייען האָבן מיר געהאַט




סואוואַלקער וואָקזאַל, קבלת־פּנים פאַרן סענאַטאָר פון פּוילישן סענאַט הרב קאָוואלסקי

צוזאַמען מיט די נכבדים פון שטאָט: הרב ר׳ בנימין מאגענצא דער דיין, ר׳ אליהו ראזנטאל, ר׳ חיים מענדל פרידמאַן, ר׳ יוחנן בירגער, ר׳ בערל זעליגזאן, ר׳ אלטר גוביאַנסקי, הרב אסטרינסקי, מאצמאן און אנדערע.

אַ זייער גוט־אָרגאַניזירטן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, וואָס איז אַ סך יאָרן אָנגעפירט געוואָרן דורך יאָסל אדעלסאָן און קלמן מיכנאָווסקי—צוויי פּראַקטישע און פּיקחות׳דיקע יידן.

די סוחרים האָבן געהאַט זייער אייגענעם פאַרבאַנד, אָנגעפירט דורך שלמה האָלענדערסקי, קלמן סעגעלמאַן און אַנדערע. דער סוחרים־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַן אייגענעם קלוב, וואו מען האָט ניט נאָר געשפּילט אין קאָרטן, נאָר מען האָט אויך דאָרטן אויסגעהאַלטן די בעסטע און גרעסטע ביבליאָטעק אין שטאָט מיט די נייסטע יידישע, פּוילישע און רוסישע ביכער.

בראש פון „לינת־הצדק״ און „ביקור־חולים״ איז יאָרן לאַנג געשטאַנען מאָטע ווייסבערג—אַ ייד אַ תקיף, וואָס האָט אָבער אָפּגעגעבן אַ סך צייט און טירחה פאַר די דאָזיקע מוסדות.

דער שטאָלץ פון די סואוואַלקער וואוילטעטיקע אַנ־שטאַלטן איז געווען דער יידישער שפּיטאָל, וואָס יידן האָבן אויסגעהאַלטן מיט זייערע אָרעמע גראָשנס. ד״ר ל. ווייסמאַן, ד״ר נ. סטאַראַפּאָלסקי און אין די לעצטע יאָרן ד״ר גרובשטיין זיינען געווען ניט נאָר גוטע דאָק־טוירים, נאָר אויך פאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע עסקנים.

סואוואַלק האָט אויך פאַרמאָגט אַ „ברית־החיל״—א רעוויזיאָניסטישער פאַרבאַנד פון געוועזענע סאָלדאַטן אין דער פּוילישער אַרמיי, מיט הונדערטער מיטגלידער.

געווען אויך אין סואוואַלק צוויי אַרטיסטישע גרופּעס —„די דראַמאַטישע געזעלשאַפט״ און „דער דראַמאַטישער ווינקל״. „די דראַמאַטישע געזעלשאַפט״ האָט געהאַט אַ שיינעם כאָר, אָנגעפירט פון די בלאכאראָוויטשעס (פינף פון איין משפחה האָבן אָדער געזונגען אָדער דיריגירט) און אויך אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, אָנגעפירט פון אינ־זשינער טראָצקי און אַלטער גוטמאַן.

אָט די אַלע מוסדות און אָרגאַניזאַציעס האָבן געאַרבעט מיט געוויסן און אחריות און זיך אַליין

אויסגעהאַלטן. יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אירע עסקנים, וועלכע האָבן געפילט, אַז זיי טוען אַ הייליקע אַרבעט — און אויף דעם דאַרף מען ניט קיין רעש און „פּובליסיטי”. און ווען אַ רעדנער איז געקומען אין שטאָט, האָט מען ניט געדאַרפט פויקן און קלאַפּן — דער עולם איז אַליין געלאָפן



הערן אַ ניי וואָרט. אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון סואוואַלקער יידן אויפן שולהויף—און קינד און קייט ענטפערן דעם רוף. ניט נייטיק קיין אַרטיסטן און קיין „ענטערטיינערס"—מען קומט הערן די אייגענע פירערס: דעם רב ר׳ דוד ליפשיץ, באַליבט און געאַכט ביי יעדן אין שטאָט, ד"ר וויסמאַן, ד"ר סטאראפּאָלסקי—יעדער איינער רעדט מאַמע־לשון, יעדער איינער מיט אַ מאמר חז"ל אָדער אַ פּסוק. און אַז דער מיטינג איז געענדיקט, לויפט מען ניט אַהיים, נאָר מען שטייט נאָך שעה׳ן און מען דיסקוטירט די רעדעס.

ווי ביטער איז צו טראַכטן, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַ פאַרשניטענע וועלט און אַז דער רוצח האָט צעשטערט יעדן זכרון פון אונדזער הייליקער סואוואַלקער קהילה.

א. מ. אלטשולער

# אין די יאָרן פון ערשטן וועלטקריג *)

אין אייר תרע"ד איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אסיפה וועגן דער רבנות, וואָס איז געבליבן ליידיק נאָך דער פּטירה פון ר׳ משה בצלאל לוריא זצ"ל. פאַר קאַנדידאַטן זיינען באטראכט געוואָרן: דער ווילנער שטאָט־מגיד און די רבנים פון טאווריק, פאנעוועזש, ווילקאמיר, קנישין, סאקאלקע, נאווארעדעק, ברסטאוויץ און פלונגיאן. אין סיוון האָט מען געמאַכט אַ כתב־רבנות פאַר הרב ר׳ חיים העלער, אָבער קורץ נאָך דעם איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און עס איז אַלץ בטל געוואָרן.

אין אב איז פראקלאמירט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. די בענק האָבן אויפגעהערט אויסצאָלן געלט. די עסנוואַרג־פּרייזן זיינען גלייך געשטיגן. מען האָט אויפגעהערט צו געבן אויף באָרג און דער, וואָס האָט ניט געהאט קיין מזומן געלט, האָט פּשוט ניט געהאט וואָס צו עסן.

מען האָט גלייך אָנגעהויבן אַרויספירן פון שטאָט אַלע רעגירונגס־מוסדות. עס זיינען פארמאַכט געוואָרן די געריכטן. די שטאָט איז געשטעלט געוואָרן אונטער באַלאַגערונגס־צושטאַנד. מען האָט ניט געטאָרט ארויסגיין פון הויז פון נאָך זעקס אין אָוונט. די הויז־אייגנטימערס האָבן באַקומען באַפעלן צו מאַכן טויערן צו די הויפן און אַוועקשטעלן לעבן זיי נאַכטוועכטערס, ווי אויך גלייך צו באַצאָלן אַלע מליכה־שטייערן.

אין שטאָט אַריין שטראָמען צענדליקער טויזנטער מיליטער־לייט, צווישן זיי אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע. הונדערטער פאַמיליעס פון די ארומיקע שטעטלעך קומען צולויפן אין שטאָט, אַ סך משפחות, ווידער, אַנטלויפן פון שטאָט טיפער אין דער מדינה. די שרעק ווערט פון טאָג גרעסער.

פרייטיק פרשה עקב האָט דער שטאָט־קאָמענדאנט באפוילן, אַז אַלע קראָמען זאָלן זיין אָפן אום שבת, אָבער נאָך אַן אינטערוועניע פון אַ יידישער דעלעגאַציע, אין וועלכער עס זיינען געוועז ר׳ אליהו ראָזנטאַל און מיין זון שלמה, איז די גזירה בטל געוואָרן.

שבת פאַר נאַכט איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ נייער מיליטער־אָפּטייל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ סך יידישע סאָלדאַטן, אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע. זיי זיינען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך די סוואַלקער יידן און מען האָט זיי געגעבן עסן און טרינקען.

מיטוואָך, חודש אלול, איז מיר אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מיט אַ טאָג פריער איז נפטר געוואָרן אין ווילנע מיין טייערער פריינד און גרויסער עסקן ר׳ זלמן ראָזנטאל. ער איז אהין אַנטלאָפן צוליב דער מלחמה. תנצב"ה.

פרייטיק, ניינצן טעג אין אלול, האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די רוסן טרעטן אָפּ. עס איז געוואָרן אַ בהלה און אַ סך מענטשן האָבן אָנגעהויבן אנטלויפן פון שטאָט. שבת איינס ביי טאָג האָבן די פּאָליציי און אלע שטאָט־אָנגעשטעלטע פארלאזן די שטאָט. האַלב פיר איז אריין די דייטשע ארמיי. די סאלדאטן זיינען געוועזן פריינדלעך און דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. זונטיק איז אויפן באפעל פון דייטשן קאָמענדאנט געשאַפן געווארן אַ נייער מאַגיסטראַט מיט דער באַטייליקונג פון צוויי יידן.

תרע"ה—1915

דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די קראָמען זאָלן זיין אָפן ראש־השנה. ס׳רוב קרעמערס האָבן ניט געעפנט די געשעפטן. כדי די הייזער זאָלן ניט בלייבן אַליין, האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז די פרויען זאָלן ניט קומען צום דאַוונען אין די שולן. די תפילות האָט מען געענדיקט האַלב עלף אין דער פרי. נאָך האַלבן טאָג האָט מען געמוזט עפענען די קראָמען.

*) פראגמענטן פון זיין „ספר הזכרונות". זע זייט 279.

# מעקבלאט.

## אויסצוג פון דער פארארדענונג פון אבער בעפעהלסהאבער אסט פון 30 אקטאבער 1916 וועגען דער רעגולירונג פון דעם גרונטבוך־ און היפאטעקעןוועזען אין יענע טיילען פון פערוואלטונגסראיאן אב אסט, וואס האבען געהערט צו די געוועזענע סובאלקער גובערניע.

1. פאר יענע טיילען פון פערוואלטונגסראיאן אבער אסט, וואס האבען ביז דער בעזעצונג דורך די דייטשען געהערט צו סובאלקער גובערניע, ווערט איינגעארדנעט ביי דעם פרידענסגעריכט אין סובאלק אן אלגמיינע גרונטבוך־ און היפאטעקען־אמט, וועלכער הייבט אן זיין טעטיגקייט דעם 1טען יאנואר 1916.

2. אלע שהדלנות און בקשות צום גרונט־ און היפאטעקען־בוך און אויך אלע דאקומענטען, פון וועלכע מען דארף אריינטראגען אין גרונט־ און היפאטעקען־בוך, מוזען זיין געשריבען אין דער דייטשער שפראך אדער מען מוז זיי צושטעלען אין איינעם מיט א דייטשע איבערזעצונג, וועלכער איז בעשטעטיגט פון א געריכטליך פארשווארענעם דאלמעטשער.

3. מיט אנקלאגעס איבער די החלטות פון דעם גרונטבוך־ און היפאטעקען־אמט אין סובאלק דארף מען זיך ווענדען צום בעצירקסגעריכט אין סובאלק. די אנקלאגע דארף מען מאכען ביי דעם פרידענסגעריכט אדער ביי דעם בעצירקסגעריכט אין סובאלק שריפטליך דורך אנערקלערונג צום פראטאקאל פון דעם געריכטשרייבער.

היפטקוארטיר אסט, דעם 5 נאוועמבער 1916

**פון אבערבעפעלסהאבער אסט**

דער אבערקווארטירמייסטער

(געחתמעט) **פ. אייזענהארט.**

פרייטיק זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן מודעות אויף די גאַסן, אַז אַלע שטאָט־איינוואוינערס מוזן אריינטראָגן אַ ספּעציעלן אָפּצאָל פון 3,000 רובל מיט אַ צוגאָב פון 500 רובל באַזונדער אויף די יידן.

יום־כיפור האָט מען אויך געמוזט האַלטן אָפן די געשעפטן. יום־כיפור ביי טאָג האָט מען געהערט, אַז די דייטשן זיינען אָפּגעשטויסן געוואָרן פון גראָדנע און אַז זיי טרעטן אָפּ אויפן גאַנצן פראָנט. שבת פיר ביי טאָג האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער אויפרייס און עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין יידישן צענטער, וואָס האָט גיך ארומגענומען אַ טייל פון שטאָט. אין דער זעלביקער צייט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט.

שבת אָוונט זיינען רוסישע סאָלדאַטן שוין געווען אין שטאָט. זיי האָבן באַלאַגערט די קראָמען און געפּאָדערט שפּייז, מלבושים און שיך, — אַלץ זאַכן, אין וועלכע עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגל. ניט געפינענדיק די געפאָדערטע זאַכן אין די קראָמען, האָבן די זעלנערס געזוכט און גענישטערט אין פּריוואַטע הייזער און אין קעלערן, און דאָס האָט ארויסגערופן אַ טומל אין שטאָט.

זונטיק פרי זיינען שוין געווען אַ סך צעראַבירטע קראָמען און עס זיינען אויך פאָרגעקומען געוואַלדטאַטן און רויבערייען. פינצטערע עלעמענטן פון די פּאָליאַקן האָבן נאָך אונטערגעהעצט די סאָלדאַטן קעגן די יידן. סוכות האָט מען געמוזט דאַוונען ביחידות, ווייל די שול און בית־מדרש זיינען געווען באַלאַגערט מיט מחנות סאָלדאַטן און מען האָט מורא געהאַט צו גיין אַהין.

די רויבערייען זיינען אַזוי אָנגעגאַנגען אין שטאָט, ביז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער בירגערמייסטער, וועלכער האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען זיי אָפּצושטעלן. די יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, און ווי אַ צייכן פון דאַנק זיינען זיי ארויס זאַמלען בעסערע שפּייז און זיסוואַרג פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. די שיסערייען האָבן זיך נאָך געהערט פון אַלע זייטן. אַרמיי־פּאַטרולן האָבן געהיט די גאַסן.

די ערשטע נאַכט סוכות זיינען אויסגעבראָכן גרויסע שריפות, איינע אין מיטן שטאָט און איינע אויסער דער שטאָט. דורך אַלע טעג פון יום־טוב האָבן זיך געהערט שיסערייען. אָפּטיילן זעלנערס פלעגן קומען און אַוועקגיין. די קראָמען זיינען חול־המועד געווען אָפן. די סאָלדאַטן האָבן געקויפט וואָס נאָר זיי האָבן באַקומען און געצאָלט גוטע פּרייזן. אַ סך אַנטלאָפענע זיינען צוריקגעקומען אין שטאָט, וואו עס איז געווען אַ גרויסער מאַנגל אין שפּייז. ברויט האָט מען באַקומען מיט שוועריקייטן. צוקער, פּוטער און אייער האָט מען אין גאַנצן ניט געקענט קריגן.

אין חשוון האָבן אַ סך יידישע פאַמיליעס פאַרלאָזן די שטאָט, ווייל די הארמאטן האָבן געדונערט טאָג און נאַכט פון די פראָנט־פּאָזיציעס, וואָס זיינען געווען אַ פינף קילאָמעטער פון שטאָט. סוף שבט האָט די דייטשע אַרמיי זיך ווידער דערנענטערט צו דער שטאָט. אין דער לעצטער מינוט האָב איך מיט מיין פאַמיליע געכאַפּט אַ באַן, וואָס איז געגאַנגען אויף אראָן־גראָדנע. פון דאָרטן זיינען מיר געפאָרן צו ווילנע־מינסק, וואו מיר זיינען פאַרבליבן ביזן סוף פון דער מלחמה.

# פּאָגראָם אין סואוואַלק אין 1914

פון דער בונדישער בראָשור „דאָקלאַד פּאָ יעווריי־סקאָמו וואָפּראָסו", יאַנואַר, 1916, אַ ביסל געקירצט.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס סוף אויגוסט (1914), ד"ה האַרט פאַרן אַריינגיין פון די דייטשן קיין סואוואַלק, האָט די רוסישע מיליטערישע מאַכט פאַרזיכערט, אַז דער שונא איז נאָך ווייט פון שטאָט און וועט אַזוי גיך ניט קומען, איז אַ דריי פערטל פון די שטאָט־איינוואוינערס זיך צעלאָפן פון שרעק, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן די ידיעות וועגן דער שלעכטער באַציאונג פון די דייטשן צו דער ציווילער באַפעלקערונג. געבליבן זיינען נאָר די יעניקע, וואָס האָבן צוליב אַזאַ אָדער אַנדער סיבה ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן.

יידן האָבן פאַרלאָזן די שטאָט אין מאַסן. דאָס דערקלערט זיך מיט דער אימרואיקער שטימונג פון די יידן אין סואוואַלק צוליב די פאַרשפּרייטע קלאַנגען, אַז די יידן וואַרטן אויף די דייטשן און אַז זיי וועלן אַרויסגיין זיי באַגעגענען מיט גאָלד.

אין סואוואַלק איז דעמאָלט אַרויס אַן אָפענע אַנטיסעמיטישע צייטונג, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן צוויי "נאראדאווצעס", וויניצקי און דאבלאצקי. די צייטונג האָט איבערגעדרוקט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער "דוואַ גראָשאַ" און אין די אַנטיסעמיטישע בלעטלעך פון גאַליציע און פּויזן. די צייטונג און אייך עטלעכע אָרטיקע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַט אַ חלק אין פאַרשאַרפן די אָנגעשטרענגטע לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפינען די סואוואַלקער יידן אין אָנהייב פון

דער מלחמה. די פיינטשאַפט פון די פּאָליאַקן צו די יידן האָט זיך אָפט אַרויסגעוויזן אין קליינִיקייטן, אָבער האָט ניט פאַרויסגעזאָגט קיין גוטס. ביי דעם שטאָטישן שפּיטאָל, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס אויסגעבויט געוואָרן דורך יידיש געלט, האָבן געאַרבעט נאָר אַזעלכע קראַנקנשוועסטערס, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די ספּעציעלע שולביים שפּיטאָל. בראש פון אָט דער שול איז געשטאַנען די אייבער־שוועסטער קראַסאָווסקאַיאַ, וועלכע האָט, מיט דער הילף פון השפעה׳דיקע פּערזענלעכקייטן, ניט אָנגענומען אין דער שול קיין יידישע קראַנקנשוועסטערס, אפילו ווען זיי האָבן געהאַט העכערע מעדיצינישע בילדונג. נאָר אַ דאַנק דער פאָדערונג פון דעם אָרטיקן יידישן דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין שפּיטאָל־קאָמיטעט, זיינען אָנגענומען געוואָרן זעקס יידישע פרויען אין דער שול.

אין די אומרואיקע טעג נאָכן אויסבראָך פון (ערשטן) וועלטקריג איז לויט דער איניציאַטיוו פון די פּאָליאַקן גערופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיטן ציל צו גרינדן אַ שטאָטישן בירגער־קאָמיטעט. קיין יידן זיינען צו דער פאַרזאַמלונג ניט איינגעלאַדן געוואָרן. אין קאָמיטעט איז נאָמינירט געוואָרן איין ייד אָן זיין וויסן. דער פאַקט, וואָס יידן זיינען כמעט ניט פאַרטראָטן אין דער אָנפירונג פון קאָמיטעט—כאָטש דאָס האָט זיי ניט באַפרייט, נאַטירלעך, פון די אַלע התחייבות׳ן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין אַרבעט—האָט געקענט שאַפן ביי דער רוסישער מאַכט דעם איינדרוק, אַז די יידן אינטערעסירן זיך ניט מיט דעם וואוילשטאַנד פון שטאָט און העלפן ניט דער ציווילער און מיליטערישער מאַכט. פון דעם איז ניט שווער געווען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די יידן ווילן ניט קיין נצחון פון די רוסן און האָפן, אַז די דייטשן וועלן מנצח זיין. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט יעדער טריט פון אַ יידן געקענט פאַלש אויסגעטייטשט ווערן און פירן צו זייער ערנסטע רעזולטאַטן.

עטלעכע פאַקטן כאַראַקטעריזירן די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו די יידן אין די ערשטע וואָכן פון קריג.

ווען די רוסישע אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס צו קיניגסבערג און עס איז נאָך ניט געווען קיין געפאַר, אַז די דייטשן וועלן פאַרנעמען סואוואלק—האָט אַן אָרטיקער פוילישער פאַבריקאַנט געפרעגט דעם יידישן פראָוויזאָר ערדרייך פאַר די אויגן פון אַ גרויסן עולם:

—וואָס, איר וועט זיך אויך באַטייליקן אין דער דעפּוטאַציע צו קייזער ווילהעלם?

דער אַלטער פרענקל, וועמען די שכנים האָבן אויפגעהערט צו צאָלן דירה־געלט, האָט געבעטן זיין זון, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר אין טאָמסק, צו שיקן אים געלט אויף צו לעבן. דער סואוואלקער מיליטערישער צענזאָר דאַניעצקי האָט פרענקלען אַרויסגערופן צו זיך, האָט אים לאַנג אויסגעפרעגט צו וואָס ער דאַרף דאָס געלט און צי קלייבט ער זיך ניט עס איבערצושיקן צו די דייטשן...

די דייטשן זיינען אַריין קיין סואוואַלק דעם 30סטן אויגוסט און אַרויס צוריק אין דער נאַכט פון 20סטן סעפּטעמבער. די רוסישע אַרמיי־טיילן האָבן אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן אין שטאָט שבת, דעם 20סטן סעפּטעמבער, 11 אַ זייגער אין דער פרי.

גלייך פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט די צוריקגעקומענע רוסישע סאָלדאַטן האָבן די פּאָליאַקן אָנגעהויבן פירן צווישן זיי אַ שטאַרקע העצע קעגן יידן. די סאָלדאַטן, אויסגעהונגערטע פון פראָנט, האָבן זיך גלייך געוואָרפן אויף די יידישע קראָמען. זיי זיינען נאָך מער געוואָרן צעיושעט, ווען זיי האָבן געפונען די קראָמען געשלאָסן, ווייל דאָס איז געווען שבת. די יידן האָבן שפּעטער געעפנט אַלע געשעפטן, אָבער עס האָט סיי ווי ניט געהאָלפן, ווייל קיין שפּייז פאַר אַ גאַנצער אַרמיי איז ממילא ניט געווען אין זיי.

די אַגיטאַציע אין דער אַרמיי האָט אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אַז אויפן צווייטן טאָג האָט איינער פון די אָרטיקע גלחים געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן אין קלויסטער מיט אַ רוף צום עולם אָפּצושטעלן די העצע.

דער פּאָגראָם האָט געדויערט דעם גאַנצן שבת׳דיקן טאָג. וויפל די חשוב׳סטע יידן פון שטאָט האָבן זיך ניט משתדל געווען, אַז די מאַכט זאָל העלפן אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, האָט גאָרניט געהאָלפן. ווען אַ ייד האָט זיך געווענדט צו אַ פאַרבייגייענדיקן אָפיציער נאָך הילף, האָט יענער אים געענטפערט: גיי צו די דייטשן. זונטיק האָט דער גענעראַל מישצענקא אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון אָרטיקע דייטשן און פּאָליאַקן, אָבער דעם רב האָט ער ניט אויפגענומען.

מאָנטיק אין דער פרי זיינען גאַנץ אומדערוואַרט אַרעסטירט געוואָרן ביידע רבנים (מסתמא די מורי־הוראה ר׳ משה אלטמאַן און ר׳ בנימין מגנצא—איבערזעצער). גענעראַל מישצענקא האָט די יידישע דעפּוטאַציע וועגן דעם ניט געוואָלט אויסהערן. ער האָט זיי נאָר געמאָלדן, אַז די יידן פירן זיך ניט אויף פּאַטריאָטיש און ווי אַ ראיה דערצו האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף די וויטערדיקע פאַקטן:

1. די פויערים פון דאָרף טאַרטאַק האָבן געזען, ווי אַ ייד אויף אַ ווייס פערד איז אַרומגעריטן צווישן די רוסיש־דייטשע פראָנטליניעס און האָט אָנגעוויזן די דייטשן, וואו עס געפינען זיך די רוסישע סאָלדאַטן.

2. די יידן צערייסן די רוסישע טעלעפאָנען (ווי עס איז שפּעטער אויפגעקלערט געוואָרן, האָבן די רוסן חושד געווען אַ יידן, וואָס אויף זיין הויז האָבן זיי איינגעריכט טעלעפאָן־דראָטן, ווען ער איז גאָר אין שטוב ניט געווען—אַז ער איז אַ שפּיאָן און האָט געוואָלט שעדיקן דעם טעלעפאָן. דעם יידן האָט מען באַלד דערשאָסן).

3. די יידן האָבן גאָרניט געוואָלט פאַרקויפן צו די רוסישע סאָלדאַטן, אָבער די דייטשן האָבן זיי שיין אויפגענומען און געבאַקן פאַר זיי ברויט.

4. די יידן ווייסן וועגן דער צאָל פון די דייטשע סאָלדאַטן און וואו זיי געפינען זיך, דאָך האָבן זיי דעם רוסישן שטאַב ניט געגעבן צו וויסן וועגן דעם.

די רבנים האָט מען פונדעסטוועגן באַפרייט.

*

ווען די דייטשן זיינען נאָך געווען אין שטאָט, האָבן זיך שוין אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די רוסישע סאָלדאַטן אַרום סואוואלק האָבן געסטראַשעט זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן. אַזעלכע סטראַשונקעס האָט מען אויך געהערט פון די אָרטיקע פּאָליאַקן. דער דירעקטאָר פון „פּאָטרעביטעלסקע אָבשצעסטוואָ" און בוכהאַלטאָר פון דער „קאַזנאַטשייסטוואָ" מאציעווסקי האָט געסטראַשעט: מיר וועלן זיך אָן אייך, זשידעס, נוקם זיין. ווען איינער פון די צוהערערס האָט אים געפרעגט, צי ער אַליין וועט זיך באַטייליקן אין אַ פּאָגראָם אויף יידן, האָט ער געענטפערט: אויב ניט איך אַליין, וועלן עס אַנדערע טאָן. איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר.

דעם 20סטן סעפּטעמבער, ווען די ערשטע רוסישע אַרמיי־אָפּטיילן זיינען אַריין אין שטאָט, זיינען אַ סך יידן אַרויס אויף גראָדנער גאַס זיי צו באַגריסן. די יידן האָבן געגעבן די רוסישע סאָלדאַטן ברויט, הערינג און ציגאַרעטן אָן געלט. די קאָזאַקן, וועלכע זיינען אַריין די ערשטע, האָבן באַדאַנקט און דאָך צוגעגעבן: „מיר ווייסן וועגן אייך", „מיר וועלן אַלע יידן אויסקוילענען, אויב עס וועט ניט זיין קיין ברויט". גלייך האָבן פיינטערע עלעמענטן פון די פּאָליאַקן אַרומגערינגלט די סאָלדאַטן און געהעצט קעגן די יידן. די סאָלדאַטן, אין באַגלייטונג פון פּוילישע שקצים און פרויען פון לייכטער אויפפירונג, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער שטאָט צו שלאָגן יידן. אַ יידישן מאַנופאַקטור־סוחר ש. פ. האָט מען צעשלאָגן דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן קיין טאַבאַק צו די סאָלדאַטן. אַ צווייטן יידן האָט מען שטאַרק צעשלאָגן דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געהאַט אין זיין קראָם קיין צוקער און קאָנפעקטן. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען אַ סך אין שטאָט. ברויט האָט מען פאַרקויפט אין אַלע בעקערייען פון שטאָט. דאָס ברויט האָט מען געבאַקן אפילו אום שבת, ווייל די רבנים האָבן אַרויסגעגעבן אַ היתר, אַז פאַר די רוסישע סאָלדאַטן מעג מען שבת באַקן ברויט.

אין דער נאַכט פון 20סטן אויפן 21סטן סעפּטעמבער זיינען פאָרגעקומען אַנטי־יידישע אומרוען אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט. מען האָט געראַבירט קראָמען און אויך פּריוואַטע דירות. איך וועל דאָ אָנגעבן עטלעכע פאַקטן, וואָס איך האָב אַליין געהערט פון די געליטענע:

1. אין בוראַקס שפּייזקראָם אויפן מאַרקפּלאַץ האָבן סאָלדאַטן און ציווילע מענטשן אויסגעבראָכן די טיר און אויסגעראַבירט. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אויך אין דער דירה. איין קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן. די סאָלדאַטן זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די פּאַטרולן. ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָט מיך דער פּאַטרולירנדיקער אָפיציער באַרואיקט, אַז מען האָט נאָר אויסגעליידיקט אַ „זשידאָווסקען מאַגאַזין" און געקוילעט אַ יידיש יינגעלע. דאָס קינד האָט זיך שפּעטער אָפּגעזוכט.

2. ביי פרידן האָט מען אויפגעבראָכן די קראָם אויף באַזאַרנע גאַס. ווען ער האָט געבעטן אַ פּאַטרולירנדיקן אָפיציער צו שטעלן אַ שמירה ביי זיין קראָם, האָט יענער געענטפערט, אַז ער מישט זיך ניט אין דעם.

3. סאָלדאַטן האָבן אויסגעראַבירט גאָלדבערגס קראָם. גאָלדבערגן האָבן זיי שטאַרק צעשלאָגן און זיין ווייב האָבן זיי געשלעפּט פאַר די האָר פון קאָפּ.

4. ביי זעוון האָבן קאָזאַקן מיט רעוואָלווערן אין די הענט צוגענומען 200 מאַרק און 500 רובל מיט אַ גאָלדענעם זייגער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געבושעוועט אין זיין דירה.

5. דער זעלביקער זעוו האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל פאַר אַ דורכגייענדיקן אָפיציער. ווי אַן ענטפער אויף דער באַגריסונג האָט אים דער אָפיציער געגעבן אַ פּאַטש און געזאָגט: „דו ביסט דאָך אַ זשיד".

6. די אַלע צעראַבירטע סחורות און זאַכן זיינען איבערגענומען געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון אַלע טיילן שטאָט מיט זעק און קערב. אַנדערע זיינען אפילו געקומען מיט פורן און אַוועקגעפירט דאָס אָנגעראַבירטע האָב און גוטס. דאָס, וואָס זיי האָבן ניט אַוועקגעפירט, האָט מען חרוב געמאַכט. איך האָב אַליין געזען, ווי אויף דער ערד זיינען געלעגן צעטראָטענע ספרים. דער זיידע פון דערמאַנטן פרידן, אַ מאַן פון 90 יאָר, האָט זיך זייער צעוויינט, ווען ער האָט געזען די הייליקע ספרים אויף דער ערד. אַ סאָלדאַט האָט אים דערפאַר געוואָלט דערשטעכן, נאָר אַ צווייטער סאָלדאַט האָט אים אָפּגעהאַלטן.

7. אויפן צווייטן טאָג, אין סאַמע ברען פון פּאָגראָם, האָט אַ פּוילישע פרוי געזאָגט צו די געליטענע יידן: „דאָס איז נאָך גאָרניט, מיר וועלן נאָך זען זשידאָווסקע בלוט".

ערשט אויפן דריטן טאָג איז באַשטימט געוואָרן אַ מיליטערישער פּאָליציי־שעף, וועלכער האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן ווייטערדיקע אומרוען.

די ערשטע צייט האָט מען גענומען אויף צוואַנגס־אַרבעט נאָר יידן. די סאָלדאַטן פלעגן אָפּשטעלן אין גאַס און פרעגן: אַ ייד אָדער אַ פּאָליאַק? אַ יידן האָט מען געצוואונגען צו גיין אַרבעטן און אַ פּאָליאַק האָט מען באַפרייט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען שוין גענומען אַלעמען. די יידן האָט מען געגעבן אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זאָלן זיי דערנידעריקן. למשל: אַ גרופּע חשוב׳ע מיטגלידער פון דער קהילה בראש מיטן גבאי פון גרויסן בית־מדרש, ראָזנטאַל, האָבן געדאַרפט צונעמען די גע׳פגר׳טע פערד פון וועג און זיי באַגראָבן. צווישן די, וועלכע זיינען געצוואונגען געוואָרן צו אַרבעטן איז געווען מיראַווסקי, ביי וועמען מען האָט דעם זעלביקן טאָג אויסגעראַבירט זיין קראָם און דירה.

עס איז וויכטיק צו באַטאָנען דעם פאַקט, אַז אויסער די קאָזאַקן האָבן אין פּאָגראָם זיך מערסטנס באַטייליקט די סאָלדאַטן פון קאַווקאַזער פּאָלקן, וואָס 65 פּראָצענט פון זיי זיינען געווען פּאָליאַקן.

אליעזר אַראַנאָווסקי

# דייטשן אין תלמוד-תורה

(זכרונות פון ערשטן וועלטקריג)

אין ווייסן פאַרצויגן, איינגעקלאַמערט פון קרעפטיקן פראָסט, האָט געפערלט די שטאָט סוואַלק.

די שוואַרצע אַנשע, אַ פאַרפרוירענע, איז געלעגן פאַר־גליווערט, געשמידט אין אייזיקע קייטן.

בלויז דער אַספעקט, אין דער אַרקאַדיע, האָט אונ־טערן גלאָז געלאָזט בליען און וואַקסן בלומען און פלאַנצן.

צוזאַמען מיטן פראָסט האָבן אויך נויט און הונגער געבאַלעבאַטעוועט אין שטאָט.

די דייטשן האָבן ניט געלאָזט אריינפירן קיין תבואה און עסנוואַרג. זיי האָבן אַלץ קאָנפיסקירט.

המן, אַ הויכער, ברייט־פלייציקער דייטש, איז געווען באַרימט מיטן אונטערזוכן, ביים אריינגאַנג פון שטאָט, די פויערטעס, צי זיי פירן ניט, אין פאַרבאַהאַלטענע ערטער, קיין פוטער און קעזלעך.

טייל אַרבעטסלאָזע האָבן זיך דערנערט מיטן פאַר־קויפן ציגאַרעטן צו די דייטשע סאָלדאַטן. פאַר טאָג האָבן שוואַרצע פלעקן באַדעקט דעם ווייסן שניי איבער די גאַסן, — אַ שפור פון די הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט לעבן די בעקערייען אויף צו קריגן קויפן ראַזעווען ברויט, געמישט מיט פלעוועס און געמאָלענע קאַשטאַנעס.

דאָס בייטן זיך פון די רעזשימען, פון צאַר אויפן קייזער, האָט אויפן רעליגיעזן און גייסטיקן לעבן כמעט ווי זיך ניט אָנגעזען. די שולן, בתי־מדרשים און קלויזן זענען געווען פול מיט מתפללים און לערנערס. אין די חדרים און אין תלמוד־תורה האָט מען געלערנט ווי שטענדיק, אויסער די ערשטע וואָכן פון אָקופּאַציע, ווען עס איז געווען אויסנאַם־צושטאַנד, און מען האָט נאָך אַכט אָוונט זיך ניט געטאָרט ווייזן איבער די גאַסן. דאַן האָבן אַלע זיך פאַרמאַכט הינטער די טויערן, פאַררוקט די ריגלען, און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַן אויס־געליידיקטע פון מענטשן — אַ טויטע שטאָט.

צו יענער צייט האָבן די תלמידים פון דער תלמוד־תורה אין דעם איינשטאָקיקן, ציגלנעם מויער פאַר־קלונגען מיט זייערע געזאַנגען פון אַלע ניין קלאַסן. יעדע כיתה האָט פאַר זיך, מיט אַ באַזונדערן ניגון, אויס־געזונגען אַ פסוק חומש. און די אַלע פּישטשענדיקע שטימעלעך, ווי פון פייגל, האָבן זיך געקייקלערט אין דער לופט און איינגעהילט דעם ארום מיט כוואַליעס פון געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן צו די הימלען...

צוליב דעם וואָס עס האָט אויסגעפעלט געלט אויף צו קויפן האָלץ, האָט מען אָנגעזאָגט יעדן תלמיד, אַז ער זאָל ברענגען איין מאָל אין וואָך אַ פאָר שייטלעך האָלץ פון שטוב, און פון דעם האָט זיך אָנגעקליבן גענוג האָלץ אויף צו הייצן טעגלעך די אויוונס פון די חדרים.



אין אָוונט האָבן בלויז געלערנט די העכערע כיתות. קיין נאַפט איז ניט געווען, קיין ליכט אויך נישט.

אין „צווייטן", דאָס הייסט אין לעצטן קלאַס פאַר דער ישיבה, האָט געלערנט דער רבי ווייל — אַ דאַרער, אַ גרויער, אַ קליינגעוויקסיקער, מיט אַ קורץ בערדל, מיט אַ פאָר שוואַרצע, טיפע אויגן, וואָס האָבן אַרויס־גערופן דרך־ארץ צו זיך. אַ שוואַרצער כאַלאַט האָט איינגעהילט זיין דינעם קערפער, וואָס האָט זיך געבויגן ווי אַ ריטל און געווען רירעוודיק ווי קוועקזילבער.

ער איז געזעסן אין מיטן, אָנגעשפאַרט אויף אַ שטענדער, מיט אַן אָפענער גמרא. אַרום אים, אין פאָרעם פון אַ חית, זיינען געזעסן די תלמידים. האָט זיך איינער פאַרזינדיקט, אַרויסגערעדט אין מיטן פון שיעור צו אַ חבר אַ וואָרט, און רבי ווייל האָט עס באַמערקט, האָט מען מער ניט באַדאַרפט. ער האָט אָפּגעשטעלט אין מיטן דאָס לערנען, זיך אויפגעשטעלט און גענומען טרייסלען דעם שטענדער אויף אַלע זייטן, פון רעכטס צו לינקס, פון־זיך און צו־זיך. זיינע אויגן, וואָס זיינען נאָך דעמאָלט גרעסער געוואָרן, האָט ער אָנגעשטעלט אויף דעם פאַר־זינדיקטן בחור׳ל, ווי ער וואָלט אים אַדורכגעלעכערט מיט שפּיזן ביז דער טיפעניש פון דער נשמה. אין אים אַליין האָט געקאָכט אַ שטורעם פון כעס און פאַרביטערונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט זיין גאַנץ וועזן.

אַלע תלמידים זענען דעמאָלט געזעסן טויט־שטום, בלאַס און דערשראָקן, אָבער אויף דעם, אויף ווען עס זענען געפאַלן די פיילן פון די פייערדיקן בליקן, האָט מען געזען, אַז ווען עס עפנט זיך איצט אויף די ערד אונטער זיינע פיס און פאַרשלינגט אים, וואָלט ער געווען צופרי־דענער, איידער דורכלעבן די חרפה און בושה, מיט די בליקן־שפּיזן פון דעם רבי׳ן.

נאָך אַ מינוט־צוויי פון אַזאַ גייסטיקער פייניקונג האָבן אַלע זיך געפילט ווי גערייניקטע פון זינד, גע־טובל׳ט אין די פייערדיקע בליקן פון דעם רבי׳ן, ביי וועמען ס׳האָט ביסלעכוויז זיך איינגעשטילט דער צאָרן, אויסגעלייטערט זיך דאָס פנים. און די שכינה האָט ווידער אַרויסגעשיינט פון אים, ווי פון אַ זון נאָך אַ רעגן, און ער האָט ווייטער ממשיך געווען דעם שיעור.

אין איינעם אַזאַ אָוונט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— אריין! — האָט דער רבי ווייל מיט אַ שטילער און ציטערדיקער שטימע געענטפערט. צוויי הויכע, מגושמ׳דיקע דייטשן, מיט רויטע פאַרפרוירענע פנימ׳ער, מיט פאַרריסענע שפּיציקע וואָנצעס, האָבן זיך באַוויזן אין טיר. זיי זיינען געבליבן שטיין ווי געפּלעפטע.

— וואו זיינען זיי דאָ? — האָבן זיי פאַר זיך געטראַכט.

— איז עס וואָר, צי טרוים?

אַ דרייסיק בחורים׳לעך פון אַ יאָר צען־צוועלף זיינען געזעסן מיט די היטלעך אויף די קעפּ, ביי גרויסע ביכער, גמרא׳ס, און יעדער איינער האָט געהאַלטן אין זיין רעכטער האַנט אַ באַלאָנקע, וואָס האָט באַלויכטן מיט אַ געל ליכט דאס בלאַסע, יינגלשע פּנים׳ל. אַ דינער רויך האָט זיך געצויגן און איינגעהילט אַלעמען ווי מיט אַ וואָלקן.

דאָ און דאָרט האָט ווער אָפּגעשניצט דעם שפּי׳ץ קויל, וואָס האָט זיך געהאַלטיביים איינלעשן, און דאָס פייער האָט זיך ווידער פאַרגרעסערט. די שאָטנס האָבן אויפגעטאַנצט אויף די ווענט, ווי אַ געראַנגל פון ליכט מיט פינצטערניש, פון פאָרעמלאָזע מיסטעריעזע פיגורן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָבן זיי געפרעגט דעם אַלטן, דאַרן מאַן מיטן לאַנגן, שוואַרצן כאַלאַט, וועלכער האָט אויסגעזען, אונטער דער באַלייכטונג פון די קינעלעך, ווי אַן אויסטערלישע פיגור.

— גאַנץ איינפאַך — האָט ער זיי געענטפערט, — דאָ לערנען מיר דעם תלמוד. און אזוי ווי קיין נאַפט און קיין ליכט זיינען ניטאָ, ניצן מיר באַלאָנקעס צו באַלייכטן, ווייל אָפּשטעלן דאָס לערנען טאָר מען ניט. די וועלט שטייט אויף לערנען תורה!

זיי האָבן אים יאָ־פאַרשטאַנען, ניט־פאַרשטאַנען, זיך אַנטשולדיקט פאַרן שטערן, פאַרן איבעררייסן אין מיטן, — און פאַרשוואונדן אין דעם פראָסטיקן דרויסן.

— איצט וועל איך אייך דערקלערן דעם זין פון זייער זען, הערן און נישט פאַרשטיין אונדז, — האָט דער רבי ווייל גענומען אויפקלערן דעם ענין.

— איר האָט געזען, דאָ זיינען געווען צוויי דייטשן. מענטשן מיט אויגן, מיט אויערן, מיט אַ קאָפּ, מיט הענט און מיט פיס, מענטשן גלייך ווי אַלע, און דאָך האָבן זיי גאָרניט געזען, גאָרניט געהערט און גאָרניט פאַרשטאַנען.

— פאַרשטייט איר דעם זין פון „פה להם ולא ידברו“.. דאָס איז ניט געמיינט בלויז אויף ליים און אויף שטיין; אויף געטשקעס געמאַכט פון מענטשלעכע הענט, נאָר אויך אויף מענטשן. זיי זענען אויך בבחינה פון ליים און פון שטיין — וואָס זעען ניט און הערן ניט...

— וואָס האָבן זיי געזען? — רויכערדיקע באַלאָנקעס, אַ געלב ליכט, קוילן פון רויך און אָרעמע קינדער, וואָס שטיקן זיך אין אים, ביי גרויסע ביכער מיט פאַר־שמאָלצענע בלעטער.

אויב זיי האָבן מענטשלעכע הערצער, האָבן זיי געקענט בלויז רחמנות האָבן אויף אונדז. און אפשר האָבן זיי געטראַכט, אַז מיר זענען אין גאַנצן ניט נאָרמאַל, ווייל לויט זייער לאָגיק זעט עס אויס אַ שטיק משוגעת: עס איז ווייניק דער טאָג אויף צו לערנען, דאַרף מען נאָך האָבן די נעכט? און אין אַזעלכע אומשטאַנדן?

גיי דערקלער זיי, אַז תורה דאַרף מען לערנען יומם ולילה — טאָג און נאַכט. וועלן זיי עס פאַרשטיין? אַ ביסל ווייטער שלאָגן זיך צוויי גיגאַנטן, די רוסן מיט די דייטשן, — און דאָ ווי גאָרניט וואָלט געשען. ביי די ערגסטע אומשטאַנדן זיצן מיר על התורה ועל העבודה, און אַז ס׳איז ניטאָ קיין ליכט — איז אַ באַלאָנקע אויך גוט. ווייל מיר ווערן באַלויכטן פון אַן אייגענעם פייער... פון אַן אינערלעך ליכט... דאָס ליכט, וואָס אַ יעדער איד טראָגט אין זיך און וואָס ציט זיך צו דעם סנה אינעם מדבר; צו יענעם דאָרן, וואָס משה האָט דערזען אין מדבר, צום געטלעכן ליכט, וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט...

— ווען מיר זענען פאַרוואָרצלט מיט הארץ און נשמה אין יענעם סנה, איז גענוג פאַר אונז אַ באַלאַנקע, אַ שפּענדל, אַ העלצל צו באַלייכטן דעם חומר — דאָס בלאַט מיטן טינט, די גשמיות׳דיקע אויגן זאָלן עס קענען זען, און דעמאָלט קומט דאָס אינעווייניקסטע ליכט — און עפנט פאַר אונדז אויף גייסטיקע וועלטן. און די אותיות מיט די ווערטער צעזינגען זיך אין אונדזערע בלוטן, און מיר פילן זיך ווי געטראָגן אין דעם ים התלמוד, גליק־לעכע, צעלויכטענע, דערהייבענע...

נו, קענען זיי עס פילן?! קענען זיי עס פאַרשטיין?...

דער רבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף זיין שטול. דאָס פּנים, דאָס צעשטראַלטע, פאַרבאַהאַלטן צווישן ביידע הענט, אָנגעשפּאַרט אויף דעם שטענדער לעבן דער גמרא.

אַ שטילער ניגון האָט אַרויסגעזונגען פון דרייסיק געלייטערטע הערצעלעך. דאָס געלבע ליכט פון די באַ־לאָנקעס איז נאָך טונקעלער געוואָרן אין דער תלמוד־תורה אין יענער נאַכט פון גרויסן ערשטן וועלטקריג.

שלמה סטוצינסקי
מאָנטעווידעאָ

# נאָכן ערשטן וועלטקריג

אין 1919 איז געקומען קיין סאָוואַלק אַ לערער מיטן נאָמען געלמאַן. ער איז געווען זייער געלערנט און אַ גוטער רעדנער, האָט ער געפירט דיסקוסיעס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט מיט התלהבות אַגיטירט פאַר חלוציזם, פאַר דער אידיי פון פאָרן קיין ארץ־ישראל און אַליין בויען דאָס לאַנד.

מיר, יוגנטלעכע, האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט. מיר זיינען געווען פול מיט חלומות און די אידיי פון אַ ניי לעבן אין לאַנד פון אונדזערע אבות האָט אונדז פאַרכאַפּט. עס איז געשאַפּען געוואָרען אַ וועד (קאָמיסיע), מען האָט געדונגען אַ פּלאַץ און אָנגעהויבן זיך צו לערנען ערדאַרבעט.

קודם כל האָט מען געדונגען אַ פערד און וואָגן ביי חנא׳קע דעם פורמאַנשטשיק אויף צו פירן מיסט. גאַנץ סאָוואַלק איז געווען אויף די פיס צו זען, ווי אַזוי די בעלי־בתי׳שע זינדעלעך פירן מיסט... אין זעלביקן יאָר איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּאָרטקלוב „מכבי״, אָנגעפירט פון מאָטל עפּלבוים. בעיקר האָט „מכבי״ זיך אָפּגעגעבן מיט שפּילן פוטבאָל. צו קויפן די ספּעציעלע שיך און הויזן פאַר פוטבאָל־שפּילערס איז ניט געווען די מעגלעכקייט, האָט מען צורעכטגעמאַכט די ברידערס אַלטע שיך און פון די לאַנגע הויזן געמאַכט קורצע. כאָטש די שיך זיינען געווען צו גרויס האָבן מיר דאָך געוואונען א מאטש קעגן דעם 41סטן פּאָלק, וועלכער האָט סטאַציאָנירט אין סאָוואַלק. „נאַש פּרשעגלאַנד״, די וואַרשעווער ספּאָרט צייטונג, האָט זיך שיין אָפּגערופן וועגן אונדז און גערימט סאָוואַלקער „מכבי״. מען האָט אונדז טאַקע גלייך איינגעלאַדן קיין וואַרשע, אָבער מיט אונדזערע בגדים האָבן מיר ניט געקענט פאָרן אַהין.



מיטגלידער פון מוזיקאַלישן פאַראיין אין סאָוואַלק אין 1923:
מיכנאָווסקי, עפּלבוים, פינקל, פורווין, משה ב־רגער, בלעכאַראָוויטש.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה א־ז אין סאָוואַלק געשאַפן געוואָרן אַ דראַמאַטישע מוזיקאַלישע געזעל־שאַפט. דער דיריגענט איז געווען יעקב ראַבעלינסקי. די אָוונטן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָבן געהאַט אַ שם אין סאָוואַלק און א מגעגנט.

שטאַרק טעטיק איז אויך געווען דער סאָוואַלקער שאַכקלוב. יעדן אָוונט פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַהי־ן פיל שאַכמאַטיסטן און פאַרמעסטן די כוחות. די בעסטע שאַכשפּילערס זיינען געווען שלום שפּערלינג און ריינגעווירץ.



מיטגלידער פון סואוואַלקער שאַכקלוב אין 1924:

אַדלסאָן, עפּלבוים, מיכנאָווסקי, מיכל סמאָלינסקי, טורעצקי, גאָלומביעווסקי, ד״ר סמאָלינסקי, ריינגעווירץ.

מ. שלומי־פרידמאַן
חיפה

# די ליטווישע אקופּאַציע-צייט

ס'איז יאָר 1920. די רויטע אַרמיי האָט דערגרייכט פּראַגע ביי וואַרשע. פּאָליאַקן פאַרלאָזן סואוואַלק און מען ריכט זיך אויפן אָנקום פון דער ליטווישער אַרמיי.

עס הערשט אַ שרעק פאַר פּאָגראָמען. די עלטערע יוגנטלעכע פון „השומר הצעיר״, וואָס איז דעמאָלט געווען די סקאוט־אָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, קומען זיך צונויף און מען שמועסט וועגן אַ זעלבסטשוץ פון יידן. אויך אין דער קהילה רעדט מען וועגן דעם. די „שומרים״ שטעלן זיך אין גאַנצן אין רשות פון וועד הקהילה.

ווען די ליטווינער זיינען אריין אין שטאָט, האָט דער ליטווישער קאָמענדאנט גערופן דעם וועד הקהילה, געבעטן הילף אין האַלטן די אָרדענונג אין שטאָט, ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ בירגערלעכע פּאָליציי. זיין בקשה איז געווען, אַז די יידישע יוגנט זאָל אויך אָנטיילנעמען אין דער פּאָליציי.

אין עטלעכע טעג ארום קומט אַ ליטווישער סאָלדאַט צו מיר אין שטוב און פאָדערט, אַז איך, דער „קאָמענ־דאַנט״ פון די סקאוטן, זאָל גלייך קומען צום קאָמענ־דאַנט פון שטאָט. באַפעל איז באַפעל און איך האָב געמוזט גיין. איך האָב נאָר געבעטן דעם סעקרעטאר שמואל באכראך, אַז ער זאָל מיטגיין מיט מיר.

די ליטווישע קאמענדאנטור איז געווען אין אַ הויז אויף קאָשטשיושקאָ אַנטקעגן דער פּאָסט. מען האָט אונדז אריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און פון אונדז געפאָדערט, אַז מיר זאָלן צוגרייטן 50 חברים, וואָס זאָלן העלפן האַלטן אָרדענונג מאָרגן פרי, ווען עס וועלן אָנקומען אַהער דריי ליטווישע מיניסטאָרן, — דער אינערן־מיניסטער, קריגס־מיניסטער און מיניסטער פאַר יידישע ענינים.

איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע, מיר זיינען אַן אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און מיר קענען אַליין גאָרניט באַשליסן. מיר דערקלערן אים, אַז די בעסטע אינסטאַנץ פאַר אַזאַ

מין פאָדערונג איז דער וועד הקהילה. איך הייב זיך אויף און וויל אַוועקגיין.

— ניין, זאָגט ער, איר וואַרט דאָ, ביז עס וועט קומען דער ענטפער פון וועד הקהילה. איך האָב געבעטן אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער דעם פּרעזעס פון סואוואַלקער קהילה, נישט זאָגנדיק, אַז דאָס איז געווען מיין פאָטער. ער האָט עס דערלויבט. אויך דער ליטווישער קאָמענדאַנט האָט געשריבן דעם וועד הקהילה און האָט אַוועקגעשיקט די צוויי בריוו דורך אַ סאָלדאַט.

איך האָב שפּעטער געהערט, אַז דער בריוו איז גראַד אָנגעקומען בעת אַ זיצונג פון וועד הקהילה, און פון מיינע פּאָר ווערטער האָט דער פאָטער זיך דערוואוסט פון מיין פאַרצווייפלטער לאַגע.

די דעבאַטן אין קהילה האָבן זיך פאַרצויגן ביז ניין אין אָוונט. איך מיט באַכראַכן זיצן ווי אויף שפּילקעס. מיר ריידן צווישן זיך העברעאיש, אַז דער „ערל" זאָל נישט פאַרשטיין. די אָפיציערן האָבן זיך געביטן יעדע פּאָר שעה, אָבער אונדז לאָזט מען נישט אַליין.

דער ענטפער פון וועד הקהילה איז געווען, אַז היות עס איז ניטאָ אין שטאָט קיין פּאָליציי, דאַרף דאָס מיליטער האַלטן די אָרדענונג בעת'ן קבלת פּנים, אָבער העלפן דערביי וועלן אויך די „שומרים" (סקאוטן).

אונדז האָט מען אָפּגעלאָזט. אויפן וועג זיינען מיר אריין אין ציוניסטישן קלוב זיך באַראַטן מיט ראָזנבערגן. אין שטוב האָבן מיר געהאט אַ קליינע באַראַטונג מיטן פאָטער. מיר זיינען געלאָפן אויפרופן די עלטערע גרופּע פון „השומר הצעיר" אויף מאָרגן אין דער פרי.

40 חברים אין אוניפאָרמעס זיינען געקומען 9 אַ זייגער אין דער פרי צום ראָג פון קאָשטשיושקאָ און כלאָדנע גאַס. דאָרט איז געווען געבויט אַ טויער מיט גרינס. מיליטערישע פּאָליציי איז שוין געווען אויפן פּלאַץ. דאָס פובליקום איז געווען מערסטן טייל יידן. גויים זיינען געווען אויף אַ רפואה.

עס דערנענטערט זיך אַן אויטאָ מיט די געסט. דער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט דעם ליטווישן הימן. די ליטווישע סאָלדאַטן סאַלוטירן און אויך מיינע שומרים טוען דאָס זעלביקע. איינער פון די געסט, דער קריגס־מיניסטער פּולקאָווניק זשוקאַס, צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט און אַנדערע אָפיציערן גייען דורך די רייען פון די סאָלדאַטן. ווען זיי קומען צו אונדז, שטרעקט ער אויס די האַנט צו מיר און זאָגט אויף רוסיש: „כאָראָשייע רעביאַטאַ"! (גוטע חברה לייט). איך ענטפער, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, אין רוסיש: „ראַדי סטאַראַטסיאַ" (צופרידן זיך צו מיען).

דער יידישער מיניסטער פון ליטע ד"ר ש. ראָזנבוים איז נישט געקומען. איז עס געווען אַ שפּיצל פון קאָמענדאַנט, כדי יידן זאָלן זיך באַטייליקן אין דער מאַניפעסטאַציע, אָדער איז עס געווען אַ צופאַל, ווער ווייס?

איך בין געגאַנגען פון פּאַראַד ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

אַ פּאָר וואָכן נאָכן אַריינמאַרש פון די ליטווינער אין סואוואַלק איז ווידער געוואָרן אומרואיק אין שטאָט. עס גייען קלאַנגען, אַז די פּוילישע אַרמיי דערנענטערט זיך ווידער. די ליטווינער גרייטן זיך צו אַנטלויפן. ליטווישע „אָבאָזען" גייען שוין אויפן וועג צו קאַלוואַריע. אין שטוב ווערט גלייך אַ „קריגס"־באַראַטונג און מען באַשליסט, אַז איך זאָל גיין צום ליטווישן קאָמענדאַנט און אים בעטן מיך מיטנעמען. איך דערקלער דעם ליטווישן קאָמענדאַנט, אַז ווי דער פירער פון דער יידישער יוגנט אין יענער מאַניפעסטאַציע קען איך דאָ ניט פאַרבלייבן. ער האָט עס פאַרשטאַנען. ער האָט מיך און מיין ברודער זרח געהייסן קומען אויף מאָרגן און האָט אונדז אַריינגעלאָזן אין אַ לאַסטאויטאָ פול מיט סאָלדאַטן, וואָס איז געפאָרן קיין מאַריאַמפּאָל.

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן לעבן ווי פּליטים אין מאַריאַמפּאָל און שפּעטער אין קאָוונע. אַלע וועגן זיינען געווען פאַר מיר אָפן, אפילו אַן אוידיענץ ביים קריגס־מיניסטער האָב איך באַקומען. איך בין געווען דער איינציקער ייד, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין רעגירונגס־טעכניקום.

שווער צו זיין אַ פּליט. קיין געלט האָבן מיר נישט געהאַט, קיין סך זאַכן האָבן מיר אויך נישט מיטגעבראַכט, און אַזוי האָבן מיר שטילערהייט געהונגערט.

די „שומרים", וואָס זיינען געבליבן אין סואוואַלק, האָבן נאָך געהאַט געברענטע צרות. מען האָט זיי געשלעפּט אין פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, געוויזן פאָטאָגראַפיעס און געפרעגט וואוהין איך בין פאַרשוואונדן. דאָס האָב איך זיך דערוואוסט אין אַ יאָר אַרום, ווען איך האָב זיך אריינגעגנב'עט קיין סואוואַלק, וואו איך האָב געוואָלט אַרויסבאַקומען פּאַפּירן אויף אַ פּאַספּאָרט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. אַ פּוילישער פּאָליציסט האָט מיך דערקענט און אַרעסטירט און נאָר דורך נסים האָב איך זיך געראַטעוועט פון טויט.

אין יענע צייטן האָט ניט איין ייד באַצאָלט מיטן קאָפּ. די פּאָליאַקן האָבן פיל יידן באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש און אין די קאַלוואַריער און יאַגוסטאָווער וועלדער האָט מען ניט ווייניק פון אַזעלכע „שפּיאָנען" אויפגעהאַנגען. צו מיין פאָטער, ווי צום גבאי פון „חברה קדישא", פלעגט די פּוילישע פּאָליציי שיקן אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל אַרונטערנעמען די קרבנות פון די תליות.

די וועלדער זיינען געווען פול מיט „סטשעלציעס" (פּאַרטיזאַנישע פּוילישע אָרגאַניזאַציע) און פּוילישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין יעדן יידן געזען אַ באָלשעוויק. פאַר אַ יידן זיך צו באווייזן אין יענע מקומות איז געווען די גרעסטע געפאַר. דער פאָטער מיט נאָך אַ פּאָר יידן פלעגן פאָרן אין די וועלדער און ברענגען צו קבר ישראל די אויפגעהאַנגענע. נישט איין מאָל זיינען זיי געווען אין טויט־סכנה. נישט איין מאָל האָט מען געכאַפּט דעם פאָטער פאַר דער באָרד און געשריען צו אים:

— „זידזע, מיר וועלן דיך דערשיסן"...

אָבער דאָס צעטל פון פּוילישן מאַיאָר, אַז זיי געהערן צו דער חברה קדישא און אַ מאָל אַ ביסל געלט אויך דערצו, האָט זיי געראַטעוועט פון דער תליה.

מרדכי זלאַטניצקי־זהבי
ירושלים

# דער פּאָגראָם אין 1936

דאָס יאָר 1936 געדענקט זיך מיר זייער גוט. ס׳איז דאָס יאָר פון די פּאָגראָמען אין פּשיטעק און בריסק, דאָס יאָר, ווען גערינג איז געקומען צו גאַסט ביי מיניס־טער בעק „אויף יאַגד”.

די סאָוואַלקער לופט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט נאַציישן סם. אויף די גאַסן האָבן אַמעריקאַנער פאָטאָגראַ־פירט אויפשריפטן מיט די ווערטער „בידער מיט די יידן”. נאָך אַ פוטבאָל מאַטש פון „מכבי” מיט אַ פוילישער ספּאָרט מאַנשאַפט פלעגן די יידישע ספּאָרט־לערס פאַרלאָזן דעם פּלאַץ אונטער אַ האָגל פון שטיינער.

די אָרטיקע אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס האָבן זיך אָבער פאַרמאָסטן אויף גרעסערע מעשים — זיי האָבן געוואָלט אַן אמת׳ן פּאָגראָם. געשען איז עס אין אַ וואונדערבאַר־שיינעם טאָג פון מיי. איך און נאָך עטלעכע חברים זיצן אין קלוב פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע אויף קאַשטשיושקאַ גאַס. פּלוצעם הייבט אָן קלינגען די סירענע. מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַ שריפה, נאָר אַרויסגייענדיק אויפן באַלקאָן האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַן אַנדער סאָרט פייער:

אַ גרויסע כאַלאַסטרע פּוילישע חברה־לייט מיט דרענגענער אין די הענט ברעכן און שטעכן די פענצטערס פון אַלע יידישע געשעפטן. מיט רציחה יאָגן זיי זיך נאָך יידישע פאַרבייגייערס, און ווען זיי האָבן אונדז דערזען אויפן באַלקאָן, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז. מיר האָבן גיך פאַרשלאָסן די טיר. מיר זיינען געווען דריי בחורים — יעקב ווילענסקי, משה ניגניבוצקי, איך און דריי מיידלעך. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געקענט ניצן אין קאַמף, זיינען געווען ביליאַרד־שטעקנס, האָבן מיר זיך געגרייט. די כוליגאַנעס האָבן זיך אָבער פאַרדרייט אין אַן אַנדער ריכטונג און מיר זיינען אָפּגעקומען מיט שטיינער, וואָס זיי האָבן געוואָרפן דורכן פענצטער.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען צוגעקומען צו אונדז נאָך עטלעכע חברים מיט אמת׳ן געווער. זיי האָבן דערציילט, אַז ס׳זיינען שוין דאָ עטלעכע פאַרוואונדעטע און געזאָגט, אַז מען דאַרף אַרויסגיין אין גאַס באַשיצן די יידן.

קאַשטשיושקאַ גאַס איז געווען טויט. צעבראָכענע טירן, שטיקער גלאָז און סחורות האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. קיין פּאָליציאַנט זעט מען נישט אויף אַ רפואה. די מיידלעך מיט אַ פּאָר בחורים האָבן מיר געלאָזן אין קלוב און זאַלבעדריט זיינען מיר אַרויס אויף דער גאַס.

גלייך איז אָנגעלאָפן פּוילישע פּאָליציי מיט געשרייען: „פּרענדקאָ דאָ דאָמו” (גיכער אַהיים). מיר האָבן זיך פאַרדרייט אויף יאַטקעווע גאַס, אָבער דאָ זיינען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן דריי פּוילישע יונגען און תיכף זיך „גענומען” צו אונדז. אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר טאַקע באַקומען קלעפּ, אָבער ווען מיר האָבן געזען, אַז זיי זיינען אָן אַ מחנה, האָבן מיר זיי גענומען באַווייזן, וואָס מיר קענען.

משה ניגניבוצקי האָט איין כוליגאַן אַזוי צעקלאַפּט, אַז מען האָט נאָר געהערט „אָ יעזוס מאַריאַ”. מיר צוויי האָבן זיך גענומען צו די איבעריקע. די צוויי זיינען געווען אין גימנאַזיסטישע אוניפאָרעמס. פעסטע יאַטן. איינער האָט געקראָגן פון מיר אַזאַ זעץ מיטן קאָפּ אין נאָז, אַז דאָס רויטע האָט אָנגעהויבן צו פליסן און ער האָט גענומען שטעלן פיס. מיטן דריטן האָט עס געהאַלטן גאָר שמאָל. יצחק ווילענסקי איז געווען אַ סטאָליאַר (געשטאָרבן אין רוסלאַנד) מיט אַ פּאָר אייזערנע הענט, און ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, ווי אים דערשטיקן. קוים זיך איינגעבעטן ביי ווילענסקין, אַז ער זאָל עס ניט טאָן.

אין אָוונט האָט מען געזען נאָר פּאָליציי אויף די גאַסן. יידישע חברה האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ביי סאַנדובסקין אין שענק, אין „מכבי”, אין „בית״ר” און אין „השומר הצעיר”.

אויף מאָרגן האָבן יידישע ווייבער מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. כאָטש ס׳איז געווען שטיל, איז אָבער יידישע יוגנט געווען גרייט אויף יעדן פאַל. געגרייט האָבן זיך אויך די פּוילישע שקצים. און דאָ איז געשען אַ מאָדנע זאַך, וואָס איך וועל דאָס אייביק געדענקען: פאַר נאַכט האָבן זיך אַרויסגעלאָזן די כוליגאַנעס מיט שטעקנס און אייזנס אויף אַ „שפּאַציר”. שפּעטער זיינען אויף אַן אַנדער זייט אַרויסגעקומען יידישע חברה — קצבים מיט העק אונטער די מאַנטלען, פורמאַנעס, שוסטערס און סתם „עמך”, אַלץ יאַטן מיט ברייטע פּלייצעס — און זיי האָבן פאַרפולט די הויפּטגאַס. די פּוילישע האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך שאַרן אויף צוריק און אין איין שעה זיינען זיי אין גאַנצן נעלם געוואָרן. די יידן זיינען געוואָרן די בעלי בתים אויף דער גאַס און דאָס איז געווען אַ גרויסער נצחון, אַ באַווייז, אַז „זיי” האָבן מורא...

## שמואל סינענסקי־סימן
ישראל

# עפּיזאָדן פון מיין יוגנט

ר׳ נפתלי פרידלענדער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, משכיל און בעל־מידות. זיין זון אליה איז געווען מיין חבר און איך פלעג אָפט אַריינקומען צו זיי אין הויז. יעדן שבת פלעגט ר׳ נפתלי זאָגן תורה ביי זיך אין שטוב. שבת פלעגן אויך אריינגיין צו ר׳ נפתלי׳ן זיינע ברידער ר׳ לוי־יצחק און ר׳ משה. גאַנץ אָפט פלעגט אַריינקומען צו אים זיין פּלימעניק ד״ר סטאַראָפּאָלסקי. ר׳ נפתלי און זיין שוואָגער ר׳ בערטשיק רובינשטיין האָבן געהאַט אַ טאַרטאַק אויף גומיעני גאַס. כמעט אלע פאַבריקן האָבן זיך געפונען אויף דער זעלביקער גאַס, ווי, למשל, אונדזער ברויז, הירש ראַטשעווסקיס גאַרבאַרניע און ר׳ אשר רובינשטיינס ברויז. נאָך אַיין ברויז האָט זיך געפונען אויף וויגרער גאַס. פאַרן ערשטן קריג האָט עס געהערט צו קונצן. בעת דער פּוילישער ממשלה איז קונץ ניט געווען בכוח צו פירן זיין ברויז. בלית ברירה האָט ער געשאַפן אַן אַקציע־געזעלשאַפט, וואָס אירע מערסטע אַקציעס האָבן געהערט צו זיינע יידישע שותפים משה ראָזנטאַל, פינקל־שטיין און אריאָוויטש.

צוויי יידישע סקלאַדן פון ביר און לעמאָנאַדע זיינען געווען אין סואוואַלק. זיי האָבע געהערט צו פּרץ סאָלניצקי און רומשינסקי. די גרעסטע צאָל שענקען האָבן זיך געפונען אין יידישע הענט: אוקראַאינסקי, אָפּנהיים, אַריאָוויטש, בערגער, באַראָווסקי, גאָלדרינג, מישקינסקי, סאַנדאָווסקי, פרידנבערג און קאַץ.

סואוואַלק האָט דורכגעמאַכט אַ דריי־שפּראַכן־פּעריאָד. דער ערשטער איז דער רוסישער פּעריאָד. ביז 1914 האָט סואוואַלק געהאַט אַ רוסיש מלוכה׳שע גימנאַזיע. אויך מאַריאַמפּאָלסקיס פּריוואַטע שול, וואָס האָט צוגעגרייט יידישע קינדער צו די ערשטע קלאַסן גימנאַזיע, איז געפירט געוואָרן אין רוסיש.

דער צווייטער פּעריאָד איז דער דייטשער. די יידישע דייטש־ריידנדיקע אינטעליגענטן האָבן געשאַפן אין סואוואַלק אַ דייטש־העברעאישע צוואַנגשול. דער אינספּעקטאָר איז געווען אַ דייטשער מאַיאָר מיטן נאָמען ווילקי. דער אייבערלערער וואָלף איז געווען אַ דייטשער ייד, וועלכער וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר זיין דייטשן פאָטערלאַנד. ער איז געווען זייער נערוועז און משוגע שטרענג. די תלמידים האָבן פאַר אים געציטערט, ווייל עס פלעגט נישט אַוועק אַ טאָג, וואָס אַ שילער זאָל פון אים ניט געשלאָגן ווערן מיט אַ גראָבן שטעקן. אפילו די לערערס און לערערקעס האָבן מורא געהאַט פאַר אים, ווי פאַר פייער.

איך דערמאָן זיך, ווי איין מאָל האָב איך געדאַרפט זינגען אויף אַ פּורים׳דיקן שילער־קאָנצערט אין קאָפע הויז הינדענבורג, וואָס האָט זיך געפונען אויף שול גאַס, אָבער איך בין פּלוצעם קראַנק געוואָרן אויף אינפלוענציע און נישט געקענט קומען אין טעאַטער. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, ווי צוויי פּאָליציסטן זיינען געקומען צו אונדז, אַרויסגעשלעפּט מיך פון בעט און געבראַכט אין טעאַטער. קראַנקערהייט האָב איך הינטער די קוליסן געכאַפּט פּעטש פון וואָלפן, ווייל איך האָב „פּאולענציע און נישט אינפלוענציע", האָט ער געזאָגט. אפילו אויף די ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען, וואו עס פלעגן זיך מתווכח זיין דער ציוניסטישער פירער ד״ר ראָבינזאָן מיטן בונדיסטישן פירער גליקסאָן, פלעגט וואָלף ארומלויפן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און אלעמען צעטרייבן.

אין דער דאָזיקער דייטשער עפּאָכע האָבן אונדזערע יונגע אינטעליגענטן גערעדט דייטש ווי מאַמע־לשון.

די דריטע תקופה איז די פּוילישע. אין סואוואַלק איז געגרינדעט געוואָרן אַ העברעאיש־פּוילישע גימנאַזיע און איר דירעקטאָר איז געווען עפראָן, פון פאַך אן אינזשינער. ער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יידישן לעבן פון סואוואַלק. אַ סך יידישע בחורים און מיידלעך האָבן געענדיקט די גימנאַזיע און שפּעטער געשטודירט אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. די גימנאַזיסטן און סטודענטן האָבן שטאַרק באַניצט פּויליש אין ריידן.

עפראָן איז געווען אַ פירער פון די אלגעמיינע ציוניסטן און זיין בר־פּלוגתא איז געווען געלמאַן, וועלכער איז געווען זייער אַן אינטעליגענטער מענטש און אַ זעלטענער אָראַטאָר. געלמאַן איז געווען דער מנהל פון דער העברעאישער פאָלקשול און פירער פון די צעירי־ציון. ער האָט אָנגעפירט מיטן סואוואַלקער „החלוץ" תחילת די צוואַנציקער יאָרן. ער האָט פאַרמאָגט אַ זעלטן גוט האַרץ, וואָס איז שווער צו געפינען. דער „החלוץ" האָט אויך אָרגאַניזירט העברעאישע אָוונט־קורסן פאַר זיינע אָפּגעשטאַנענע חברים. די לערערס זיינען געווען: געלמאַן, בערעזאָווסקי און אַרלאָווסקי.

דאָס יידישע סואוואַלק האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם גוטן אָרקעסטער, וואָס פלעגט שפּילן אין סוחרים־קלוב. צווישן זיינע בעסטע שפּילערס האָבן זיך גערעכנט: ריכאַרד אָפּנהיים, דווארעצקי, מיין ברודער הלל ע״ה, סמאָלינסקי און אַנדערע יידישע מוזיקאַלישע יונגעלייט, וואָס איך געדענק שוין ניט זייערע נעמען. דער אָרקעסטער איז אָנגעפירט געוואָרן פון אינזשינער טראָצקי, אַ זון פון טראָצקי דעם יואוועליר. דער יונגער טראָצקי איז געווען דער הויפּט־אינזשינער פון דער שטאָטישער עלעקטרישער סטאַנציע.

אבּרהם־משה קלימאַן
מאָנטעווידעאָ

# ראַצק

ראַצק, ווי אַלע יידישע שטעטלעך, האָט זיך געהאַט אירע שיינע בעלי־בתים, וואָס פלעגן אָנפירן מיטן קהל׳שן לעבן, ווי ר׳ יהושע מרגלית, וואָס איז שפּעטער געווען רב אין מיכאלאָווע, ר׳ מנחם מורזשינסקי, ר׳ שמעון התימני, ר׳ הערשל התימני, ר׳ עוזר אויסטערן, ר׳ יצחק לייפּונער, ר׳ פּסח אויסטערן, ר׳ שמואל פרידמאַן, ר׳ מאיר אויסטערן, ר׳ אברהם בריגמאַן, ר׳ אברהם לעוו און ר׳ אליעזר שאַפּירא. זיי האָבן געשפּילט די הויפּטראָל אין ראַצקער קהל׳שן לעבן.

פון די אַנדערע ראַצקער בעלי־בתים גדענקען זיך מיר: ר׳ חיים גאָלד, געוועזענער גוטער לערער מיט פּעדאגאָגישע פעאיקייטן, וועלכער האָט איינגעפלאַנצט אין די הערצעלעך פון די דאָרטיקע יידישע קינדער תורה און אמונה; די פאַמיליעס איוואַשקאָווסקי, שטיינדאַם, ראָזנפעלד, ריבאק, סטעלמאך, ר׳ מענדל סטאַוויסקאָווסקי, דער ש״ץ ושו״ב גאָלדאָפּ, יעקב מאַריאַנסקי, חיים דונסקי, יעקב צירעלעוויטש, יעקב גאַרפינקל, אריה התימני, מאַגדולין, נוסבוים, פינגעראָווסקי, נטע ראָזנפעלד, משה לעוויטינסקי, סטאַוויסקאָווסקי, רובינשטיין, יהודה קרופּינסקי, דוב פּרענקל, אורי פּרענקל, אליעזר נימצאָווסקי, ברענער, ליס, שמואל לייב ווילענסקי, משה וואַרטעלסקי, זיידל בערדוואַלד, יהושע מרגלית, פריימאַן, שואל סטאַלאָווסקי, ישראל מרגלית, ראובן כאַלאַסנאָוויטש, ראובן סטאַלאָווסקי, מאָטל קאַראַבעלניק.

דער מו״ץ אין שטעטל איז געווען הרב ר׳ מאָטל ז״ל. ער האָט זוכה געווען עולה צו זיין קיין ירושלים. ער איז געווען זייער באַשיידן, זיך איינגעלעבט מיטן פאָלקס מענטש און מקרב געווען יידן מעלי־מלאכות און אַנדערע, וועלכע האָבן אים רעספּעקטירט פאַר זיין פּשטות. זיין איידעם, הרב ר׳ דב ווין ז״ל, האָבן די ראַצקער יידן פון ליבשאַפט וועגן גערופן בערטשיק. כאָטש ער האָט געצויגן זיין אָרעמע חיונה פון שטעפּעריי, האָט ער קיין מאָל ניט פאַרלאָזן זיין שיעור קבוע פון גמרא און זיין בלאַט משניות. ער איז אויך געווען אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה. זיין זון הרב זאב ווין איז אַ באַוואוסטער רב אין שיקאַגע און ר׳ זאב׳ס זון הרב ר׳ דוד ווין איז דער רב פון חולון, ביי תל־אביב.

ראַצק האָט אין מיין צייט געהאַט אַ טייערן חזן, ר׳ עזריאל אהרנסאָן. זיינע האַרציקע תפילות האָבן אזוי דורכגענומען דעם גאַנצן עולם, אַז סיי די יוגנט און סיי די חשוב׳ע און בכבוד׳יקע בעלי־בתים פון „מזרח־וואַנט״ פלעגן מיטזינגען מיט אים. דער חזן איז אויך געווען שוחט און מוהל.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די קליינע שכנות׳דיקע קהילות. בראש פון דער באַקלעראָווער קהילה זיינען געשטאַנען ר׳ אברהם מיראָווסקי, וואָס צו אים האָט געהערט די וואַסערמיל, יודל מיראָווסקי, חיים קאספּעראָוויטש, חיים חייט, אברהם ראַצקאָווסקי. די קהילה האָט אויסגעהאַלטן אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע שול.

אין פיליפּאָווע איז אין מיין צייט געווען רב ר׳ יוסף ווערט. שו״ב איז געווען ר׳ אברהם זשאלקאָווסקי. די פיליפּאָווער תלמוד־תורה איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון דעם ספּעציאַליזירטן פּעדאגאָג און למדן ה. דאָקטאָרסקי פון סואוואַלק. פאַר די אַלע דערמאָנטע קהילות האָב איך עטלעכע יאָר דערפילט מיינע פונקציעס ווי אַ ש״ץ ושו״ב. נאָך מיין אַוועקפאָרן האָט די שטעלע פון שו״ב פאַרנומען הרב סענדעראָוויץ, וועלכער איז שפּעטער געקומען מיט זיין פאַמיליע קיין אַרגענטינע און פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין מאָזעסוויל. פון דאָרטן איז ער עולה געווען קיין ישראל.

די אַלע קהילות קדושות מיט זייערע רבנים, שיינע בעלי־בתים און פיינע יידן זיינען אַוועק מיטן רויך. און ניטאָ קיין אַנדערע, ניטאָ, וואָס זאָלן זייער אָרט פאַרנעמען.

---

לייב שפּערלינג, אַלבערט קירש

# פּונסק

געווען איז פּונסק אַ שטעטל אַ קליינס, שיין מיט איר בלאָטע און רייך מיט איר דלות. סך־הכל 70 יידישע משפּחות האָבן דאָרטן געלעבט, פון דורות צוגעוואוינט צו דער מאָגערער ערד און צום אייגענעם שטילן און האַרציקן שטייגער־לעבן. קיין אויסערגעוויינלעכס ניט פאַרמאָגט און דאָס געוויינלעכע איז דאָך געווען נאָענט און טייער.

באַרימט אויסער די גרענעצן פון פּונסק איז נאָר געווען דער שמש. זיין נאָמען איז געווען משה פיליפּאָווסקי. ביי אונדז האָט מען אים אָבער גערופן משה

כ״ץ. פאַרוואָס אונדזער שמש האָט זוכה געווען צו זיין באַוואוסט אויסער פונסק, ווייסן מיר ניט, אָבער אין די שטעטלעך ארום, ווען יידן פלעגן זיך צעהיצן אין אַ מחלוקת, פלעגן זיי זאָגן: „איך וועל שיקן נאָך דיר דעם פונסקער שמש״. אפשר האָבן זיי אין דעם פאַל ניט געהאַט אין זינען זיין שמשות אין שול, ווי אין חברה קדישא...

געווען אין פונסק אַ פעלדשער האָט ער געקענט די גאַנצע חכמת הדאָקטאָריע. לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ באַוואוסטער בדחן אין מאריאמפאָל, און ווי ער איז געקומען פון בדחנות צו פעלדשעריי, איז געבליבן אַ סוד פאַר גאַנץ שטעטל.

דאָס ביסל חיונה האָבן פונסקער יידן געצויגן בעיקר פון די פיר יאָר־יארידן. דערשטוקעוועט האָט מען פון דער לייזונג, וואָס עס האָבן אריינגעבראַכט די ליטווינער ארום און די פּאָליאַקן אין שטעטל.

דאָס גייסטיקע לעבן פון פונסק איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון דורות. פון זיידעס צו טאַטעס און פון טאַטעס צו קינדער איז איבערגענומען געוואָרן דער שטייגער. אַלטקייט, איינגעפונדעוועטקייט, פאַרוואָרצלטקייט. די השכלה האָט פון צייט צו־צייט פאַרטראָגן אַהער ריחות פון אַן אַנדער וועלט, אָבער געפונען דאָ אַ שוואַכע אַחיזה. עפּעס אויפלעב האָט גורם געווען דער יונגער לערער משה סינענסקי פון סואוואַלק. יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן לערנען עברית, לייענען ביאליקן און חלומען וועגן אַן אַנדער לעבן, וועגן אַ נייער אומבאקאנטער וועלט.

איז דער חורבן געקומען און פאַרשניטן די אַלטע מיט די יונגע, די טרוימערס וועגן נייעם און די צופרידענע מיטן אַלטן.

שלמה בּאַראָווסקי

# מיין שטעטל באַקלעראָווע

באַקלעראָווע איז געלעגן נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ. דאָס שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט שיינע בערג, וועלדער און טייכן. זומער צייט פלעגן קומען אַהער זייער אַ סך באַזוכערס פון גאַנץ פּוילן.

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט באַקלעראָווע פאַרמאָגט אַ שיינעם יידישן ישוב, מיט חשוב׳ע בעלי־בתים, באַוואוסטע רבנים און יידן־לומדים, וואָס זיינען געזעסן יומם ולילה אין בית־המדרש און געלערנט. דער מאַטעריעלער מצב פון ס׳רוב שטעטלשע יידן איז געווען אַ גוטער. די מערסטע יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און אַ טייל מיט מסחר. די יידישע האַנטווערקערס, ווי שניידערס, שוסטערס, שמידן און אַנדערע, ווי אויך קאַראַבעלניקעס האָבן געצויגן זייער חיונה פון די אַרומיקע קריסטן.

אין אַלגעמיין זיינען באַקלעראָווער יידן געווען רעליגיעז, אָבער ניט פאַנאַטיש. די יוגנט האָט געלערנט אין די חדרים ביי ר׳ סענדער בוזשעוויץ, ר׳ משה האַלפערין, שעסטאק און אַנדערע און שפּעטער אין די ישיבות פון די גרעסערע שטעט. אַ טייל יוגנט האָט געלערנט אין העברעאישע אָדער פּוילישע גימנאַזיעס.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז באַקלעראָווע שטאַרק רואינירט געוואָרן. אין גרעסטן טייל האָבן געליטן די יידן. אַ טייל פון די אַנטלאָפענע יידן זיינען שוין נאָך דער מלחמה פאַרבליבן אין די אַרומיקע גרעסערע שטעט. די צוריקגעקערטע האָבן געפונען צעראַבירטע הייזער. מען האָט גענומען פון דאָס ניי בויען אַ ניי לעבן. מען האָט זיך ווידער איינגעלעבט מיט די קריסטלעכע שכנים. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן יידן זיך דערשלאָגן צו דער זעלביקער מדרגה, ווי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

גלייך אין ערשטן טאָג פון צווייטן וועלטקריג איז כמעט גאַנץ באַקלעראָווע פאַרברענט געוואָרן פון די דייטשע צינדבאָמבעס. די ספרי־תורה האָבן מיר באַוויזן צו ראַטעווען און עס מיטנעמען קיין סואוואַלק, וואוהין אַ טייל באַקלעראָווער יידן זיינען אַנטלאָפן, כדי אין דער גרויסער עת צרה צו זיין אין גרעסערן יידישן ישוב. עטלעכע וואָכן האָט באַקלעראָווע געהערט צום סאָוועטישן טייל, לויט אַן אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד. ווען די סאָוועטן האָבן פאַרלאָזן באַקלעראָווע, זיינען אַ טייל יידן מיטגעגאַנגען מיט זיי. די פאַרבליבענע אין שטעטל האָבן תיכף דערפילט די דייטשע נגישות און פייניקונגען. איך אַליין האָב דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קריג אונטער די נאַציס.

נאָך דער באַפרייאונג בין איך סוף 1945 צוריקגעקומען פון נידערשלעזיע קיין באַקלעראָווע. סיי אין מיין געבוירן־שטעטל, סיי אין די אַרומיקע קליינע שטעטלעך האָט זיך קיין איין ייד ניט געפונען. נאָר אין סואוואַלק האָב איך געטראָפן אַ דרייסיק יידן, אַלע איינצלנע פון זייערע משפחות. אויך די בית־עלמינס זיינען געווען צעשטערט. איך בין אַליין געגאַנגען אויף

סואוואַלקער גאַסן, וואָס זײַנען געווען אויסגעבראַקירט מיט מצבות, אַ טייל פון זיי אפילו מיט די אותיות אַרויף. אויפן בית־הקברות גופא פון סואוואַלק האָט מען גע־פּאַשעט בהמות. אויפן פּלאַץ פון באקלעראווער שיינעם בית־המדרש זײַנען געווען אויסגעבויט קליינע הילצערנע כאַטקעס פון אַרומיקע קריסטן. דעם בית־הקברות האָב איך כמעט ניט דערקענט—די קברים צעגראָבן, די מצבות צעבראָכן, די צוויי שטיבלעך צענומען, די ביימער אַרונטערגעהאַקט. דער נייער פּאַרקאַן, וואָס איז גע־שטעלט געוואָרן פאַר די געלטער פון די באקלעראווער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, איז געווען אַרונטערגענומען.

אין איין ווינקל, פון נאָוואָפּאָלער זייט, זײַנען על־פּי צופאַל געבליבן דריי מצבות—פון מיין פאָטער ע״ה, פון שעפסל דעם שוסטער ע״ה און פון שלום סמילינסקיס משפחה.

איך בין געשטאַנען ביי די דריי מצבות און אויס־געגאָסן מיין ביטער האַרץ אין אַ וויינענדיקן „אל מלא רחמים״. אָבער גלייך ביי די ערשטע ווערטער האָבן זיך גענומען שיטן קוילן איבער מיין קאָפּ און קוים אַ לע־בעדיקער בין איך אַנטלאָפן פון דעם אַ מאָל הייליקן און איצט פאַרשוועכטן אָרט און פון מיין היימשטאָט באַק־לעראווע — אויף אייביק.

## מרדכי פּיוואָוואַרסקי, משה אַשינסקי

# פּיליפּאָווע

פּיליפּאָווע איז קיין מאָל ניט געווען קיין כרך, אָבער אין די לעצטע צוויי־דריי צענדליק יאָר איז זי גאָר אַראָפּ און האָט געציילט סך־הכל ביי 40 יידישע משפחות.

ווי קליין פּיליפּאָווע איז ניט געווען, אָבער אַ רב האָט זי געהאַט. ביז אַרום אָנהייב ערשטן וועלטקריג איז הרב ר׳ אברהם אריה גראָסבאַרד געזעסן אויפן פּיליפּאָווער כסא־הרבנות. נאָך אים איז געווען רב ר׳ יצחק רייצער. אַפילו די דייטשן האָבן בעת דער מלחמה געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. שפּעטער איז גע־וואָרן רב ר׳ שלמה־צבי קאָלער. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע אָראַטאָרישע פעאיקייטן און די יוגנט פלעגט לויפן לויפנדיק צו זיינע דרשות.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן מיר געהאַט אַ פיינעם חזן, וועלכער איז אויך געווען שוחט און



אַ טייל פון פּיליפּאָווער מאַרק.

מלמד. ער האָט געהייסן געזאָמסקי. געווען אַ למדן אַ ייד. ער פלעגט ליב האָבן צו זאָגן שיינע גלייכ־ווערטלעך, פון וועלכע מיר וועלן אַ פּאָר דערמאָנען. אין פּיליפּאָווע איז געווען אַ ניט־דערבאַקענער בחור,



דער אריינגאַנג אין פּיליפּאָווער שול
און בית-מדרש אין 1931.

האָט דער חזן געזאָגט, אַז אים וועט מען שוין אין מיליטער ניט נעמען. מאָטיווירט האָט ער עס מיט אַ פסוק: וכסיל לא „יבין״ — אַ נאַר איז ניט קיין יוון... אויף עוף פלעגט ער זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין פליש, ווייל עס שטייט ביי אברהמ׳ען „והצפור לא בתר״ — אַ פויגל איז ניט קיין בשר...

פּיליפּאָווע איז טאַקע געווען קליין — אָבער אין חדר מוזן אומעטום יידישע קינדער גיין. פון די מלמדים געדענקען זיך דער זאַלודקער קאָברינסקי און

דער יעלינעווער רבי כ״ץ. עפּשטיינס חדר איז שוין געווען אַ ביסל מאָדערנער, דעריבער האָט מען עפּשטיינען שוין גערופן „דער לערער״. דער לערער סטאַראָזשינסקי האָט געבראַכט קיין פּיליפּאָווע נייע יידישע און העברעאישע לידער. ער האָט מיט די אָרטיקע יוגנטלעכע געשטעלט עטלעכע דראַמעס און בכלל אַריינגעבראַכט פיל לעבן אין אומעטיקן יידישן שטעטל. אַ מאָדערנערן חדר האָבן אויך געהאַט דאָקטאָרסקי (פון סואוואַלק) און אָכומאָווסקי.

אַרום ערשטן וועלטקריג האָט אַ ניי־געקומענער לערער צוזאַמען מיט די אָרטיקע בראַמסאָן און לייבוש קווינט געשאַפן אין שטעטל אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין 1920 איז געגרינדעט געוואָרן דער העברעאישער קלוב „הרצליה״, וואָס זיינע אָנפירערס זיינען געווען זיסקינד לעוויטוס און לייבוש קווינט. דער קלוב האָט אַרויסגעגעבן 5—6 נומערן פון אַ שאַפּיראָגראַפירטער ציישונג מיטן נאָמען „הצעיר״.

דאָס ביסל יידישע יוגנט האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום „השומר־הצעיר״, וואָס פייוול זימאַנסקי האָט אָנגעפירט, און „ביתר״, וואָס בראש פון אים זיינען געשטאַנען יוסף לאַנגוס און דער לערער כאַלאַסנאָוויץ.

געווען אַ שטעטל פּיליפּאָווע, אַ קליינס אָבער אַ שיינס. שטיל און רואיק האָבן דאָרטן געלעבט דורות יידן, פאַרפלאַנצט תורה, געבויט יידיש לעבן, גע׳יום־טוב׳ט און געוואָכט — ביז דער היטלערישער מלאך־המות איז געקומען און אַלץ אָפּגעמעקט פון דער ערד.

טאָ זאָלן דאָ לזכר עולם כאָטש דערמאָנט ווערן יענע אַלע יידן, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן אין פּיליפּאָווע געלעבט און דאָרטן געשטאָרבן אָדער אומגעקומען.

הירשל אָקון, שעפּסל אָקון, לייבל אָקונעוויטש, שמערל אָשינסקי, זאַוול בראַדאָווסקי, ישעיה בראַמסאָן, משה בראַמסאָן, גדליה גוטמאַן, שיימי גאָרנאָסטייסקי, מאַריאַשע גראָדזינסקי, העשל וואָלקאָוויסקי, משה אהרן וואָלקאָוויסקי, חיים וויניצקי, מרדכי וויניצקי, פייוול וויניצקי, יאָסל מאָטל זימאַן, אברהם זימאַנסקי, מאָטל זימאַנסקי, נוח טשאַרניסקי, ישעיה יעלין, משה כייטינסקי, יאַנקל לאַנגוס, שבח לאַנגעוויץ, בערל לאַנסקי (בערל דער פאַרבער), משה לאַנסקי (דער מילנער), משה־הערש לאַנסקי, פּרץ לאַנסקי, לייב־הערש לעוויטוס, חנהביילע מאָטולסקי, יצחק מאַטולעווסקי, משה מאַטולעווסקי, הערצל מאַרגאָלין, לייבל מאַרקאָווסקי, זוסל מאַרשאַק, משה בערל ניעדזשוועצקי, משה דוד סמאָלינסקי, שמואל משה סערעוויאַנסקי, יעקב טקופּסקי, שלום פּאַלניצקי, דוד פּיוואָוואַרסקי, משה אהרן פּיוואָוואַרסקי, ליבע פשעדמייסקי, יהודה לייזער פינקלשטיין, מיכל פליישער, חיים זיסל צימערמאַן, יעקב קווינט, לייבל קושינסקי, דוד לייב קרענציצקי, אַדוואָקאַט חיים מאיר ראַדזילאָווסקי, אַלטער ראָזנגאָלד, וועלווע ניסן ראָזנגאָלד, אַלטער ראָטשילד, מרדכי לייב ראָטשילד, אברהם זלמן רובעלסקי, אַייזיק רובעלסקי, טאָדרעס שאַרפשטיין, ניסן און זון שלום שידאָרסקי, איצע לייב שידלאָווסקי, מרדכי לייב שידלאָווסקי.

# מוסדות, חברות, פּאַרטייען

שמואל שחריה (שוואַרץ)
ירושלים

# סואוואַלק די פשרה־שטאָט

סואוואַלק — בעצם אַ שטאָט, ווי אַלע יידישע שטעט, און פונדעסטוועגן האָט זי געהאַט עפּעס ספּעציפישס, וואָס האָט זי געשטעלט „אויסער דער ריי״.

געוויינלעך, איז אַ יידישע שטאָט געווען געבענטשט מיט מחלוקת, מיט פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך. סואוואַלק איז אפשר אין דעם זין געווען אַן אויסנאַם. די „מחלוקת״ אין שטאָט איז נישט געווען אַזאַ, וואָס האָט „געשריבן געשיכטע״. ס׳פלעגט אַ מאָל קומען צו אַ ווערטער־געפּעכט אין בית המדרש, צו חילוקי דעות מכח קלייבן אַ רב, אָבער צו קיין ערנסטע צוזאַמענשטויסן איז עס נישט דערגאַנגען. סואוואַלק איז געווען אַ שטאָט פון פשרות, פון מהיכי תיתי: צו גאָט און צו לייטן. אפילו דער מורה הוראה אין סואוואַלק, הרב אַלטמאַן, איז געווען באַקאַנט מיט זיין פאָרלייגן שטענדיק אַ פשרה... צו וואָס פסק׳ענען אַ דין, אַז מ׳קען דורכקומען מיט אַ פשרה?

## ציוניסטן

אויך די ציוניסטן אין סואוואַלק זיינען נישט געווען קעמפעריש געשטימט. אָט נעמט, למשל, דר. ווייסמאַן: שטענדיק רואיק, געלאַסן. — „ציוניזם — פלעגט ער זאָגן—איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך״, און גיי קעמף פאַר אַ „זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט״. און ווי האָט געזאָגט דער מנהל פון „תרבות״, דובראָווסקי (ער איז, אמת, געקומען פון דרויסן, אָבער ער האָט זיך איינגעראַמט אין סואוואַלקער סביבה): „צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט, ציוניסטן מוזט איר זיין — און אויב מען מוז, טאָ צו וואָס קעמפן? — עס וועט שוין קומען, פריער אָדער שפּעטער״...

אָדער נעמט, למשל, אַזאַ ציוניסט ווי דר. סטאַראַ־פּאָלסקי. אַ מזג טוב, אַ בקי אין תנ״ך און תלמוד. ער האָט געהערט אין שטאָט צו דער גאַלעריע „ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן״. אָבער ווידער אַ מאָל — אויך ער איז געווען אַ מענטש פון פשרות. עס איז גלייכער צו „פירן״ אַ טיש פון „עונג שבת״ אין „תרבות״־זאַל, איידער פירן מלחמות... און טאַקע כאַפּן אַ שמועס איבער אַ שווערער סוגיא, אפילו מיטן רב פון שטאָט, איז אויך פיל וויכ־טיקער געווען פאַר דר. סטאַראַפּאָלסקי, ווי — פירן מלחמות.

אמת, עס איז געווען איינער אַ קעמפער־נאַטור. אָבער ער איז נישט געווען קיין סואוואַלקער ממש, דאָס איז געווען דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע, עפראָן. ער האָט שוין געהערט צו „על המשמר״, פון גרינביימס חסידים, אַז ער פלעגט ריידן, פלעגט ער דונערן. ער פלעגט שטענדיק ריידן איבער „דאָס אידישעס פאָלקעס״. — אַזוי האָט אים דיקטירט זיין גראַמאַטיק. אָבער גאָרנישט — אויך ער האָט זיך „גלייכגעשאַלטעט״. אוירא דסואוואַלק...

## בונדיסטן־יידישיסטן

„אויף אַ רפואה״ זיינען אין סואוואַלק געווען אויך בונדיסטן און יידישיסטן. מען האָט אפילו געשאַפן אַ יידישע פאָלקשול, און זי האָט געהאַט אַ „פּעריפעריע״. די הויפּט פּראָבלעמען פון דער דאָזיקער שול פלעגן באַהאַנדלט ווערן אין קינאָ „מאמוס״. דער אייגנטימער פון דעם קינאָ, גאָלדשמידט, האָט זיך גע׳עוסק׳ט מיט דער דאָזיקער שול. שווער אָבער צו זאָגן, אַז די דאָזיקע שול האָט געשאַפן אַ קעמפערישע אַטמאָספער. סואוואַלק האָט עס טאָלערירט. ציוניסטן — אויך: זאָל זיין אַ ביסל קאָלאָריט. צייטנווייז האָט זיך געדאַכט: ווען די יידישיסטן וואָלטן נישט געווען, וואָלט מען זיי געדאַרפט באַשטעלן...

דער וואָרטפירער פון די אַזוי גערופענע פּראָ־גרעסיווע איז געווען יאסל אדלסאָן. שווער צו זאָגן, צי ער איז געווען בונדיסט אָדער נישט. בכל אופן איז ער געווען פון די ציוניסטישע קעגנערס. ער האָט זיך גע׳קהל׳ט און האָט פאַרנומען אַ חשוב אָרט. ער פלעגט זיין בייסיק, איראָניש און פלעגט זיך לוסטיק מאַכן איבער די „שיינע בעלי־בתים״.

און אַז מען שמועסט וועגן פּראָגרעסיווע, טאָר נישט פאַרגעסן ווערן „חבר מארטשיק״. ער איז געווען אַן איבערצייגטער בונדיסט, דער עיקר האָט ער אָבער געזאָרגט פאַר די שכנים, און אַז עפּעס פלעגט נישט זיין אין אָרדענונג, פלעגט ער קעמפן מיט אַן „אויס־געפּרואווט״ געווער: ער פלעגט „מעכב הקריאה זיין״... ער פלעגט קומען אין בית־המדרש און „זאָגן זיין וואָרט״. און אַז „חבר מארטשיק״ פלעגט קומען אין בית המדרש, האָט מען זיך נישט געבייזערט. די „מזרח־וואַנט״ האָט געוואוסט, אַז מען מוז אים לאָזן טאָן זיינס...

## חסידים אין סואוואַלק

אויך די חסידים אין סואוואַלק זיינען געווען „נישט קאַלט און נישט וואַרעם״. אמת, שמחת תורה פלעגן זיי זיך אַ ביסל צעהיצן. צוויי אָדער אפשר דריי חסידים זיינען געווען: דער מצבה־קריצער און דער משגיח פון תלמוד תורה. דער מצבה־קריצער האָט זיך באַנוגנט מיטן טראָגן דאָס חסידישע היטעלע און מיט נישט לייגן קיין תפילין חול המועד... דאַקעגן דער משגיח פון תלמוד־תורה, ר׳ חיים ליב באַכראַך, איז געווען אַ טעטיקער חסיד, און ער פלעגט טאַקע שמחת־תורה באַלעבן די מתנגד׳ישע שטאָט. ער פלעגט זינגען מיט באַגייסטערונג

עפעס אַ ליד אין האַלב דייטש: „צו גרונדע זאָלן גיין אַלע אונזערע פיינדע, אַלע אונזערע פיינדע"... און די מתנגדים פלעגן אויך מיטזינגען מיט התלהבות: „צו גרונדע זאָלן גיין אַלע אונזערע פיינדע"... און דאַמאָלסט פלעגט אפילו ר' חיים מענדל פרידמאַן, איינער פון די רואיקע און זייער חשובע מזרח־וואַנט יידן, געבן אַ שמייכל, — אויך ער האָט מסכים געווען...

## סתם פאַלקסיידן

סואוואַלק, ווי אַלע יידישע שיינע שטעט, האָט געהאַט אינטערעסאַנטע פאַלקסיידן, וואָס האָבן מוסיף געווען נישט ווייניק צום קאָלאָריט פון דער שטאָט. באַזונדערס זיינען עס געווען די טרעגערס און קצבים. בדרך כלל האָבן זיי זיך נישט געמישט אין יידישע כלל־ענינים. אָבער אַז מען האָט געדאַרפט געבן אַ קלאַפּ — און בעיקר אַ גוי אַ רשע — דאַמאָלסט זיינען זיי געווען אויף דער וואַך און פאַרהיט דעם יידישן כבוד.

דאָס „קיילער־געסל" אין סואוואַלק האָט נישט געקעמפט קעגן „בית־המדרש געסל". איינס האָט דער־גאַנצט דאָס צווייטע. אַז מען שמועסט: אַ פשרה־שטאָט.

הרב יהואש זאַוואַזניצקי

# די תורה־יוגנט אין סואוואַלק

סואוואַלק איז געווען באַוואוסט מיט אירע לומדים און שיינע בעלי־בתים. אין שטאָט זיינען געווען גוט־אָרגאַניזירטע חברות־ש"ס, וואו בעלי־בתים זיינען גע־זעסן יעדן אָוונט און געלערנט אַ בלאַט גמרא בחברותא. אין די אַלע חברות האָט מען געלערנט די זעלביקע מסכתא. נאָך זיבן יאָר האָט מען געפייערט מיט גרויס פאַראַד דעם „הדרן", וואָס דער רב פלעגט זאָגן.

סואוואַלקער כסא־הרבנות האָט געהאַט אַ שם אין ליטע־פוילן. דאָרטן האָבן מכהן געווען ברבנות גרויסע גאונים, און ביי די דערהייבענע מאָמענטן פון סיום הגדול פון ש"ס פלעגן דערשיינען די רבנים אין זייער גאַנצער תורה־פראַכט. דאָס האָט געווירקט צו שטאַרקן דעם כבוד התורה ביים פאָלק און ביי דער יוגנט, וואָס אַ גרויסער טייל פון איר האָט געלערנט אין סואוואַלקער תלמוד־תורה והישיבה. נאָכן ענדיקן דעם דאָזיקן תורה־אַנשטאַלט פלעגן די תלמידים ממשיך זיין זייער לערנען אין די גרויסע ליטווישע ישיבות.

אַזוי האָט זיך געפירט אין סואוואַלק זינט דורות, נאָר איך וויל דאָ באַשרייבן די סואוואַלקער ישיבה־לייט פון די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

אין יאָר תרפ"א (1921) איז געוואָרן רב אין סואוואַלק הרב הגאון ר' אהרן באקשט, וועלכער איז געווען פון די גרויסע גאונים פון זיין צייט, ווי אויך אַ גרויסער בעל־מוסר, מרביץ תורה און גרינדער פון ישיבות. ער האָט אין סואוואַלק געגרינדעט אַ ישיבה, וואָס מען האָט גערופן דער „קיבוץ" און האָט זיך געפונען אין „חברה־מדרש"־קלויז. ר' אהרן באקשט איז געווען דער ראש־ישיבה.

אין סואוואַלקער „קיבוץ" האָבן אָבער געלערנט בעיקר בחורים פון אַנדערע שטעט. די סואוואַלקער בני־תורה זיינען געפאָרן לערנען אין אַנדערע ישיבות, כדי ניט צו האָבן שטערונגען פון דער היים. צוריקקומען אַהיים פלעגן זיי נאָר אויף די ימים־טובים פון פסח און סוכות. זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין קלויז „חברה־תורה", ריידן אין תורה, זיך טיילן מיט מיינונגען אין סוגיות פון תלמוד, ווי אויך אין רעיונות פון מוסר, וואָס יעדער האָט אָנגעזאַפּט דורכן „זמן" אין זיין ישיבה.

דערמאָנענדיק די קלויז „חברה־תורה", וואו איך פלעג דאַווענען, ווילט זיך זאָגן עטלעכע „חסד של אמת"־ווערטער וועגן אירע מתפללים.

„חברה־תורה" איז געווען אָפן אַ גאַנצן טאָג, פון אין דער פרי ביז שפעט ביי נאַכט. דאָרט האָבן יידן גע־לערנט גמרא און משניות, ווי אויך געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים.

ר' לוי יצחק געלבאַרד, לאַנג יעריקער ראש החברה און רבי פון „חברה ש"ס" אין דער קלויז ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ גרויסער למדן און מתמיד אין לערנען. ער האָט אַ סך מאָל דורכ־געלערנט ש"ס און געווען אַ בקי.

ר' יעקב אייזן, וועלכער איז אָפט געווען ממלא־מקום פון רבי'ן אין „חברה־ש"ס", פלעגט אין יעדער פרייער צייט קומען גלייך אין קלויז און לערנען ביחידות. ער איז אויך געווען גבאי אין „חברה־תורה".

ר' שלמה מידלינסקי, שו"ב אין סואוואַלק, איז די לעצטע יאָרן געווען אַ שטענדיקער מתפלל אין קלויז און אַ סך שעה'ן געזעסן דאָרטן און געלערנט.

פון די אַנדערע מתפללים איז כדאי צו דערמאָנען:

ר' מענדל באגאן, אַ למדן מיט אַ גרויסער ידיעה אין ש"ס און מפרשים; ר' משה קראַוצינסקי, לאַנג יעריקער גבאי און ראש פון „חברה ש"ס" און „חברה משניות"; ר' אברהם יעקב הכהן קאַפּלאַן, געווען אַ סך יאָרן אַ גמרא־מלמד אין שטאָט; ר' אברהם סוכאוואלסקי,

שו"ב אין סואוואַלק; ר' עוזר איינהאָרן, ר' אבא גאָלד־בלאַט, ר' אלקנה גלאַטשטיין, ר' אלתר סטאלארסקי, ר' רפאל שטייגמאַן דער מוכר־ספרים, לערער פון תלמוד־תורה יעקב לעווין, ר' משה בערליס, ר' ברוך לערנער, ר' יוסף זעף, ר' יהושע מלאָטעק און אַנדערע.

אַ מתפלל דאָרטן איז אויך געווען מיין אָנקל ר' צבי־הירש בהרב ר' אברהם משה אבאוויץ, געוועזענער פשעראסלער רב. ער איז אויך געווען אַן עוסק בצרכי ציבור באמונה—פאַר דעם וועד הישיבות, פאַר קופת ר' מאיר בעל הנס, פאַרן „כולל סובאלק" אין ירושלים און פאַר אַנדערע צדקה־אַנשטאַלטן. זיין זון ר' אברהם משה האָט אויך אָפּגעגעבן אַ סך צייט פאַר דער שול, געשאַפן אַ חברה „תיקון ספרים" מיטן ציל צו פאַרגרעסערן דעם אוצר הספרים אין קלויז, האָבנדיק אין זינען די בני הישיבה, וועלכע קומען אַהיים אויף בין־הזמנים.

די אַלע דערמאָנטע שיינע יידן זיינען אומגעקומען אין לוקאָוו צוזאַמען מיט נאָך פיל פון זייערע בני־עיר.

*

די בני הישיבה האָבן געזוכט וועגן פון התחזקות רוחנית אויך אין די צייטן פון בין־הזמנים. פלעגט מען מאַכן אַ שמחת החג און דאָרטן ריידן דברי תורה ומוסר, זינגען ניגונים און זמירות קודש, וואָס פלעגן אַרויסרופן התעוררות הלב אויך ביי די זייטיקע צוקוקערס.



אַ גרופּע סואוואַלקער ישיבה־לייט

זיצן פון רעכטס צו לינקס: הרב יואש זאַוואָזניצקי (ניו־יאָרק), הרב עבר גראַדאָווסקי, הרב אריה לייב קריוואָי, הרב מרדכי איילענדער־אילן (ישראל), הרב ישראל דומבעלסקי, הרב מרדכי גרשון פינקאָוויטש, הרב יהושע קאָבראָנסקי.

שטייען: הרב יצחק פרוזשנעווסקי (שווייץ), ברענער (שיקאגע), הרב משה גראַדאָווסקי, הרב יהודה אָפּנהיים, הרב חיים לערנער, הרב משה פאַנימונסקי, דוד פעפערמאַן, געלבאָרד.

די בני הישיבות האָבן געהאַט אַ נאַטירלעכע צו־געבונדנקייט צו די שטאָטישע רבנים און מורי־הוראה. אין די ימים־טובים פלעגן זיי אָפט באַזוכן די דיינים ר' בנימין מגנצא און ר' משה אלטמאַן. אין דער צייט, ווען דער אב"ד דמתא איז געווען הרב הגאון ר' יוסף יאָסע־לעוויטש, פלעגן זיי זיין אָפטע אריינגייערס אין בית הרב, בפרט יום־טוב און שבת, ווען דער רב פלעגט זיי מחזק זיין מיט זיינע חידושי תורה און מוסר.

פאַרן חיזוק התורה האָט אַ סך אויפגעטאָן ר' מרדכי מגנצא. צוזאַמען מיט די בני הישיבה האָט ער אַנטוויקלט אַ גרויסע אַקציע פאַר הפצת התורה. מען האָט צוזאַמען דערמוטיקט יונגע בחורים'לעך, וועלכע האָבן געענדיקט די תלמוד־תורה, אַז זיי זאָלן ממשיך זיין דאָס לערנען אין ישיבות. ר' מרדכי מגנצא האָט באַזאָרגט די בחורים'לעך מיט מאַטעריעלע מיטלען אויף אַרויסצו־פאָרן לערנען אין דער פרעמד.

דער מרכז רוחני פון די בני תורה איז געבליבן אין זעלביקן בית הרב, ווען דער ממלא־מקום פון הרב יוסף יאָסעלעוויטש איז געוואָרן זיין איידעם הרב דוד ליפשיץ.

אין דער אַטמאָספער פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, ווען אַ טייל יידישע יוגנט איז געווען פאַרכאַפּט פון פרעמדע אידייען, איז געווען גרויס די געפאַר, אַז יידישע יוגנט־

לעכע, וועלכע לערנען ניט אין ישיבות, זאָלן בכלל דערוייטערט ווערן פון יידישקייט, דעריבער האָבן די סואוואַלקער בני הישיבה אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט פאַר חיזוק הדת. זיי האָבן געשאַפן אין סואוואַלק אַ רעליגיעזע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „תפארת בחורים”, וואו מען האָט געלערנט יעדן אָוונט אַ פרק משניות, שלחן ערוך און די פרשת השבוע. מען האָט אויך דאָרט דורכגעפירט עונג שבתים און מלוה מלכה׳ס מיט געזאַנגען פון שבת׳דיקע זמירות און ישיבה׳שע ניגונים, ווי אויך רעליגיעזע רעפעראַטן. צו „תפארת בחורים” האָבן בעיקר געהערט יונגע אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע.

דער סואוואַלקער „תפארת בחורים” איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון הרב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש און פאַרבליבן ווייטער אונטער דער אָנפירונג פון זיין איידעם הרב ר׳ דוד ליפשיץ שליט״א.



בית הרב

איינער פון די גרינדערס און טוערס פון „תפארת בחורים” איז געוועזן הרב ר׳ אברהם עבר גראַדאַווסקי, תלמיד פון לאָמזשער ישיבה. ער איז אויך געוועזן אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און פיינער רעדנער. ער פלעגט אָפט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן פאַר די סואוואַלקער בעלי־בתים ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

זיין עלטערער ברודער, ר׳ חיים זלמן גראַדאַווסקי, איינער פון די גוט־באַקאַנטע פירערס פון סואוואַלקער יוגנט, איז אויך געוועזן מיטגרינדער און עסקן אין „תפארת בחורים”.

זיין ייִנגערער ברודער הרב משה גראַדאָווסקי איז אויך געוועזן אַ תלמיד פון לאָמזשער ישיבה. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס לומדות און יראת שמים.

די גראַדאָווסקיס זיינען געוועזן אוראייניקלעך פון באַוואוסטן לאַזדייער רב הרב הגאון ר׳ אברהם עבר, דעם בעל „מחזה אברהם” און „אבן לב”. ר׳ חיים זלמן און ר׳ משה זיינען אומגעקומען אין ליטע.

צו די גייסטיקע פירערס פון „תפארת בחורים” האָבן אויך געהערט הרב ר׳ בצלאל גאָלדבערג, איידעם פון ר׳ משה שמואל אַראַנאָווסקי, אַ תלמיד פון דער ביאַליסטאָקער ישיבה „בית יוסף” און אַליין אַ גרויסער למדן און רעדנער, שפעטערדיקער רב אין טשערוואָני־בור, לעבן לאָמזשע, און הרב ר׳ אהרן קאַלטמאַן, ראש ישיבה אין סואוואַלקער ישיבה ביי דער תלמוד תורה.

צום סוף וויל איך דערמאָנען הרב ר׳ יהודה יעקב צימערמאַן. ווער האָט עס ניט געקענט אין סואוואַלק אָט דעם טייערן יידן! ער האָט געלערנט אין כולל ביים „קיבוץ” פון הרב באַקשט, שפעטער איז ער געוואָרן ר״מ אין סואוואַלקער ישיבה. ער איז געוועזן פון די גייסטיקע מנהיגים אין „תפארת בחורים”. הרב צימערמאַן האָט אויך געשאַפן די „חברה ש״ס” אין אראַנזאָנס קלויז. ער האָט אָרגאַניזירט די חברה „מחזיקי הדת” מיטן ציל צו מאַכן רעליגיעזע פראָפאַגאַנדע פאַר שמירת שבת און אַלע יסודי היהדות. הרב צימערמאַן האָט פאַרמאָגט אַ טייערן רעדנערישן טאַלאַנט און האָט געהאַלטן פאַר דער חברה פייערדיקע דרשות. איינע פון די געבענטשטע טעטיקייטן פון די „מחזיקי הדת” איז געוועזן דאָס איינאָרדענען עונג־שבתים אין שטאָט. דאָס איז געוועזן אין סואוואַלק אַ נייס און עס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם אין קלויז „חברה תורה”, וואו דאָס פלעגט פאָרקומען. דער עולם האָט געשעפט חיות פון די שבת־זמירות און פון די חסידישע ניגונים, וואָס פלעגן אָפקלינגען איבערן גאַנצן אַרום.

דער סעקרעטאַר פון „מחזיקי הדת” איז געוועזן אהרן (אַרציקל) פינקאָווסקי, אַן אָריגינעלער טיפ פון דער סואוואַלקער רעליגיעזער יוגנט, וועלכער האָט געקראָגן די השפעה פון זיין רבי׳ן הרב צימערמאַן און געוואָרן אַ תלמיד ביי אים אין „חברה ש״ס” פון אראַנזאָנס קלויז. אהרן איז געוועזן אַ שלאָסער־מעכאַניק, אַ טייערער יונגערמאַן, אַ חבר און פריינד פון די בני הישיבות.

דער סואוואַלקער רב ר׳ דוד ליפשיץ האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין קלויז „חברה מדרש”. די ישיבה האָט עקסיסטירט ביזן חורבן סואוואַלק. זי האָט אַרויסגעגעבן אַ סך בני תורה, וועלכע זיינען שפעטער אַוועק לערנען אין די גרויסע ישיבות. דער ראש־ישיבה איז געוועזן הרב ר׳ יעקב סקופסקי, אַ תלמיד פון גראָדנער און מירער ישיבות און אַ צוגעקומענער איידעם אין פיליפאָווע. הרב סקופסקי איז געבליבן אין קאשעדאר, ליטע, אונטער די דייטשן. לויט דערהאַלטענע ידיעות, איז ער דאָר׳ן אומגעקומען מיט נאָך סואוואַלקער פליטים. זיין פאַמיליע איז אומגעקומען אין לוקאָוו.

די בני הישיבה זיינען אויך געוועזן אַקטיוו אין העלפן באַזאָרגן די יידישע סאָלדאַטן פון סואוואַלקער גאַרניזאָן אויף ימים־טובים. די לעצטע יאָרן האָט פונקציאָנירט אַ גאַנץ יאָר אַ קיך פון מאכל כשר פאַר די יעניקע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט עסן פון קאַזאַרמע־קעסל. פאַר זיי פלעגן יעדן טאָג צוגעשטעלט ווערן כשר׳ע מיטאָגן אין די קאַזאַרמעס. אַ סך געהאָלפן אין דעם האָט ר׳ יצחק קוויאַט, דער זון פון פיעסקער רב און איידעם פון הרב משה אלטמאַן.

אַזוי האָבן די אָרטיקע ישיבה־לייט פאַרשריבן אַ שיין בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן סואוואַלק.

מיר ברענגען דאָ ווייטער די נעמען פון די בני

הישיבה הקדושים און פון זייער קרייז, וואָס זיינען נאָך פריער ניט דערמאָנט געוואָרן און אויף וויפל מיר געדענקען זיי.

הרב אריה קרייוואן, אַ תלמיד פון ראדינער ישיבה. זיין פאָטער ר׳ יוסף איז געווען שמש אין אראנזאָנס קלויז.

אליעזר פיעקארסקי, תלמיד פון ראדינער ישיבה.

הרב חיים בר׳ צבי אַבאָוויץ, תלמיד פון לאָמזשער ישיבה, אומגעקומען אין ווילקאָווישק, ליטע.

חיים ברוך לערנער, תלמיד פון די ישיבות אין לאָמזשע און קלעצק.

הרב ר׳ ישראל בר׳ חיים הכהן דומבעלסקי, תלמיד פון גראָדנער ישיבה.

הרב ר׳ יהודה בר׳ אברהם אָפּנהיים, תלמיד פון גראָדנער ישיבה, אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ.

הרב ר׳ יהושע בר׳ משה אהרן הכהן קאבראנסקי, תלמיד פון גראָדנער ישיבה.

הרב ר׳ מאיר בר׳ אברהם אָפּנהיים, תלמיד פון לאָמזשער ישיבה.

מאיר בר׳ אברהם אָפּנהיים, תלמיד פון לאָמזשער ישיבה.

מאיר בר׳ ברוך לערנער, פון ראַדינער ישיבה.

מאיר בר׳ עוזר סערעוויאַנסקי, פון מירער ישיבה, געשטאָרבן מלחמה־צייט אין ווילנע.

משה פאַנימונסקי, פון גראָדנער ישיבה.

הרב ר׳ שמואל ליבלינג, פון גראָדנער ישיבה, אַ פונסקער איידעם.

די ברידער ר׳ שמואל און הרב ר׳ זלמן בר׳ שמעון בערמאַן, פון די ישיבות אין גראָדנע און קלעצק.

די ברידער קראַסנאָפּאָלסקי, פון לאָמזשער ישיבה.

הרב יעקב בר׳ אריה לייב זילבערשטיין, פון די ישיבות באַראַנאָוויטש, מיר און קאָרעץ.

ר׳ גרשון ב״ר נחמיה פינקאָוויץ, געלערנט אין גראָדנער ישיבה.

די ברידער יוסף און ראובן קושעל פון פונסק, תלמידים פון לאָמזשער ישיבה.

ר׳ פנחס שאַפּירא.

לאנדוי און קאָוואַלסקי.

הרב ר׳ דוד פעפערמאַן און זיין ברודער ר׳ לייב.

הרב ר׳ אהרן הכהן ווילקאָווסקי.

יהודה גוסטמאַן און אהרן סאָבל, תלמידים פון גראָדנער ישיבה.

חיים זעליגסאָן

# די רעוואָלוציע־יאָרן

געצויגן האָט זיך דאָס נאָך פון די יאָרן פון דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג. אין יענער צייט פלעגט די סואוואַלקער באַפעלקערונג אינפאָרמירט ווערן וועגן די מלחמה־געשעענישן דורך אָפיציעלע טעלעגראַמעס, געדרוקטע אין דער אָרטיקער רעגירונגס־דרוקעריי. יענע טעלעגראַמעס פלעגן דערציילן נאָר פון נצחונות פון דער צאַרישער אַרמיי אויפן פראָנט און פון פיל טויזנטער יאַפּאַנישע סאָלדאַטן און אָפיצערן, וואָס ווערן גענומען אין געפאַנגענשאַפט. קיין גרויס צוטרוי האָט די באַפעלקערונג צו די טעלעגראַפישע ידיעות ניט געהאַט, נאָר קיין אַנדערע קוועלן זיינען ניט געווען. ווי מען האַלט מיט דער מלחמה אויפן ווייטן מזרח האָט מען ניט געוואוסט. דער אמת איז פלוצלונג אַרויסגעשוואוימען פון אַ פּאָר שורות אין אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז פּאָרט אַרטור איז געפאַלן און אַז די רוסישע אַרמיי טרעט אָפּ.

ווי אונטער דער ערד האָבן זיך באַלד באַוויזן פּראָקלאַמאַציעס פונעם „סובאַלקער אידישן ארבייטער בונד״, אריינגעשטעקט דורך דער נאַכט אין די טירן פון אַ סך קראָמען און הייזער. אין יענע פּראָקלאַמאַציעס איז געזאָגט געוואָרן, אַז נאָך דעם ווי די צאַרישע אַרמיי איז צעשלאָגן געוואָרן פון דעם קליינעם יאַפּאַנער — איז געקומען די צייט, אַז אויך דער יידישער אַרבעטער פון סואוואַלק זאָל זיך פאַראייניקן מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד, ארונטערוואַרפן פון זיך די קייטן פון שקלאַפעריי און צוזאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַרישן פאָלק זיך באפרייען פון יאָך פון דער צעפוילטער צאַרישער רעגירונג. געענדיקט האָט זיך יענע פּראָקלאַמאַציע מיט די ווערטער: „נידער מיט די אידישע אונטערדריקער״! „נידער מיטן קאַפּיטאַליזם״, „נידער מיט די צאַרישע רעגירונג״ און „נידער מיט ניקאָלאַי דעם לעצטן״! — „לעבן זאָל דער אידישער אַרבייטער־בונד פון רוסלאַנד, פוילן און ליטע״!...

מיר, חדר־יינגלעך — איבערלייענענדיק אַזעלכע ווערטער, ווי „פּראָלעטאַריאַט״, „קאַפּיטאַליזם״ און „עס לעבע דער אידישער ארבייטער־בונד״ — האָבן שטאַרק הנאה געהאט פון די נייע געפליגלטע פראַזעס און האָבן די צוניפגעזאַמלטע פּראָקלאַמאַציעס פאַרזיכטיק באַגראָבן

טיף אין שטאַל און אויפן בוידעם. מיר פלעגן מקנא זיין די גרויסע בחורים, וועלכע פלעגן גיין אָנגעטאָן אין די פאַרשיידענע „בלוזקעס", אַרומגעבונדן מיט קוטאשן פון פאַרשיידענע קאָלירן. שבת פאַר נאַכט פלעגט מען זען אין שטאָטגאָרטן פיל יונגע בחורים און מיידלעך. די, וועלכע זיינען געווען אָנגעטאָן אין בלויע בלוזעס און רויטע קוטאשן, האָבן באַלאַנגט צום „בונד". די רויטע בלוזעס זיינען געווען אַ סימן פון אָנגעהעריקייט צו די „עס־ער" („סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן"), ברוינע בלוזעס און רויטע קוטאשן — האָבן באַלאַנגט צו די פועלי ציון און ס. ס.

שבת נאָך מיטאָג פלעגט זיך דער עולם אַרויסלאָזן אויף לאָדקעס ביי פּוזשערסקען אויפן טייך, יעדער קאָליר פון די בלוזעס און קוטאשן גרופּירט אויף באַזונדערע לאָדקעס. אויף אייביק האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון דאָס בילד פון די קאָלירדיקע פּאַרטייליית אויף די לאָדקעס, וואָס שרייען אַרויסרופערישע ווערטער איינע צו די אַנדערע.

אַחוץ דעם גרויסן „בונד" האָט אין סאוואַלק עקסיסטירט אויך אַן אָרגאַניזאַציע פון „קליינעם בונד", וואָס איז באַשטאַנען פון 12 ביז 15 יאָריקע ייִנגלעך פון דער אָרעמקייט. דאָס זיינען געווען דאָס רוב לערן־ייִנגלעך, וועלכע האָבן צוליב זייער עלטער ניט געקענט ווערן מיטגלידער פונעם גרויסן „בונד". די ייִנגלעך זיינען אָבער געווען גוט אָרגאַניזירט און דערצויגן אין די טראַדיציעס פון קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט. זיי, די חברה פון „קליינעם בונד", פלעגן ארומגיין אויף די טראָטואַרן מיט גרויסע שטעקנס אין די הענט און אָנוואַרפן אַ פחד אויף יעדן ייִנגל. זייער אויפגאַבע איז אויך געווען צו העלפן אויפדעקן צאַרישע שפּיאָנען, קוקן און נאָכזען, צי עס האָבן זיך ניט אריינגעכאַפּט פאַר־דעכטיקע אין דער אָרגאַניזאַציע און אויף די אַלגעמיינע מיטינגען און דיסקוסיעס פון די פּאַרטייען.

איין מאָל אַ שבת פאַר נאַכט איז זיך געגאַנגען געמיטלעך אויף זיין שפּאַציר לעבן גאָרטן דער סוא־וואַלקער ראש־הישיבה ר' הירשל מייטשעטער, באַקאַנט אין שטאָט אונטערן נאָמען „דער סלאָנימער". געגאַנגען איז ער צוזאַמען מיט זיין פריינד ר' אברהם יצחק פּאָלאַטשעק, דעם באַוואוסטן למדן און גמרא־מלמד, וואָס פון זיין חדר פלעגט מען קענען אריינקומען לערנען אין דער ישיבה. ביידע, דער ראש־ישיבה מיטן גרויסן גמרא־מלמד, זיינען געגאַנגען און זיך מפלפל געווען אין אַ שווערן תוספות. אַזוי ווי ר' הירשל מייטשעטער איז געווען זייער אַ קורצזיכטיקער, האָט ער זיך איינגעבויגן און אָנגעשטרענגט די אויגן צו זען, צי די ייִנגלעך, וואָס דרייען זיך אַרום איבער דער שאָסיי־גאַס, זיינען נישט תלמידים פון זיין ישיבה... די ייִנגלעך זיינען אָבער געווען די חברה פון „קליינעם בונד". זעענדיק די גרויסע אָנשטרענגונג פונעם ראש־ישיבה זיי גוט צו באַמערקן — האָט די יונגוואַרג פון „קליינעם בונד" באַשלאָסן, אַז די צוויי יידן זיינען נישט אַנדערש ווי צוויי צאַרישע שפּיאָנען. עס איז גלייך ארויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל,

אַז מען זאָל אָנגרייטן די שטעקנס צו דערלאַנגען קלעפּ...
צום גליק פון די סואוואַלקער צוויי לומדים האָט זיך פלוצלונג באַוויזן חנא דער בעקער, אַ מיטגליד פון גרויסן „בונד" אין סואוואַלק. ער האָט תיכף באַמערקט, וואָס די חברה קלייבן זיך טאָן און האָט אָנגעפאַנגען שרייען צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין.

דער שרייבער פון די שורות, שוין זייענדיק דאָ אין אַמעריקע, האָט די גאַנצע געשיכטע קאָנטראָלירט טאַקע ביי דעם זעלביקן חנא דעם בעקער, וועלכער געפינט זיך איצט אין ניו־יאָרק און איז איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פונעם אַמאָליקן סואוואַלקער „בונד". אַליין שוין אויף די עלטערע יאָרן, אַ קראַנקער מענטש, אָבער דער זכרון דינט ביי חנא'ן אַזוי גוט, אַז ריידנדיק מיטן שרייבער פון די שורות, האָט ער אָפּגעפרישט אַלע פרטים פון יענע העלדישע יאָרן פונעם „בונד" אין סואוואַלק.

חנא איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגרינדערס פון דער בונדישער פּאַרטיי אין סואוואַלק. ער דערציילט, אַז אין 1902 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ער, חנא, יאַנקל דער סטעלמאַכער, שרה־לאה די שניידערקע, כעמקע קאַלוואַרייסקי, איטשקע ראָזענדאָרף, משה'קע דער סלאָנימער, אברהם־הירשקע גלאַטשטיין דער גאַרבער, גרושקין, אהרן שיינמאַן דעם באַנקירס זון, פרענקל דעם דעזאָרצעס זון, פּאַכוצקי דעם סיבירניקס (מחמת זיין פאָטער האָט אנטיילגענומען אינעם פּוילישן אויפ־שטאַנד פון די זעכציקער יאָרן און איז צוליב דעם פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר), פרידמאַנס זון פון קאָלאָניאַל־געשעפט, משה'קע ריבאַצקי, זעליגמאַן דעם סואוואַלקער קאַזיאָנער ראַבינערס זון, חנה'קע גאָלוב, רבקה דעם שמידס, איסר'קע דער שניידער, ניסקע „בויעלע", וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַרן דערשטעכן אַ סטראַזניק, און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן.



ניסקע דובאָווסקי („בויעלע")

די אַלע אויסגערעכנטע פּיאָנערן פון סואוואַלקער „בונד" האָבן זיך דעמאָלט פאַרזאַמלט אויף אַן אומלעגאַ־

לער קוואַרטיר ביי זרח דעם שוסטער אויפן איבער־שטיבל. די פאַרזאַמלונג איז אָבער „פאַרשאָטן" געוואָרן — פּאָליציי האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע און אַרעסטירט אַלע אנטיילנעמערס („פאַרשאָטן" האָט געהייסן אויף זייער שפּראַך — אַרעסטירט).

נאָכן באַפרייט ווערן האָט אהרן שיינמאַן פאָרגעלייגט פאַר זיינע חברים צו מאַכן זייערע פאַרזאַמלונגען ביי זיין טאַטן אין באַנקהויז שבת נאָך מיטאָג, ווען די באַנק איז געשלאָסן, ווייל דער פּאָליציי וועט קיין מאָל נישט איינפאַלן צו מאַכן דאָרט אַן איבערפאַל. די חברים האָבן אָנגענומען זיין פאָרלייג. און טאַקע דאָרט, ביי שיינמאַנען אין באַנקהויז, איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן אין סואוואַלק דעם ערשטן שטרייק פון די גאַרבערס און בעקערס.

די פּאָליציי אין סואוואַלק האָט געאַרבעט אויף טיש און בענק אויסצוגעפינען די אָרגאַניזאַטאָרן. דער ערשטער אַרעסטירט צו ווערן איז געווען דער דערמאָנטער חנא. חנא׳ס בעל־הבית, ברוך דער בעקער, איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש מיט אַן אײדעלן כאַראַקטער און האָט געטאָן אַלץ צו פאַרלייכטערן דעם שיקזאַל פון זיין אַרעסטירטן אַרבעטער. משה־דוד, ברוך דעם בעקערס זון, פלעגט קומען באַזוכן חנא׳ן אין תפיסה. דער אַרעסטירטער חנא האָט פאַרטרויט משה־דוד׳ן, אַז ער איז אַ גרויסער קעגנער פון יענע חברה, וועלכע גייען ארום מיט רעוואָלווערן אין די קעשענעס און רופן זיך עקספּראָפּריאַטאָרן און וועלכע האַלטן, אַז די „בורזשואַזיע" דאַרף מען צווינגען מיט געוואַלד צו געבן ביישטייער פאַר דער פּאַרטיי און פאַר דער רעוואָלוציאָנערער זאַך. ער האָט אָבער געראַטן משה־דוד׳ן, אַז זיין טאַטע זאָל זיך ניט קעגנשטעלן די פאָדערונגען פון דעם „באָיעוואָי אָטריאַד" (קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) וועגן ביישטייערן פאַר די שטרייקערס, ווייל פאַר דעם קען מען קריגן אַריינגעשאָסן עטלעכע קוילן בליי. נאָך זיין באַפרייט ווערן האָט חנא טאַקע געפונען לעכער פון רעוואָלווער־שאָסן אין ר׳ ברוכ׳ס בעקעריי.

כדי איינצושרעקן די יידישע בורזשואַזיע זיינען צוויי מיטגלידער פון „בונד" איין שבת געקומען אין דער גרויסער סואוואַלקער שול און האָבן נאָכן לייענען געוואָלט האַלטן אַ דרשה פון רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. עס איז געוואָרן אַ טומל מצד די מתפללים. כדי עס זאָל ווערן שטיל, האָבן די צוויי חברה־לייט אויסגעשאָסן אין דער הויך פון זייערע רעוואָלווערן. אין שול איז געוואָרן אַ שרעקלעכע פּאַניק. יידן אין טליתים האָבן אָנגעהויבן צו לויפן אין גאַס. באַלד איז אָנגעלאָפן פּאָליציי, אָבער אין דער געוואַלדיקער סומאַטאָכע זיינען די צוויי בחורים־לעך פאַרשוואונדן געוואָרן.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך געצויגן דאָס לעבן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס אין סואוואַלק ביזן יאָר 1905. ווען די ערשטע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד, האָבן זיך געוומען באַוויזן אויף די ראָגן פון סואוואַלקער גאַסן פּלאַקאַטן מיט מעלדונגען, אַז דער סואוואַלקער „בונד" רופט אַ פאַרזאַמלונג אין שטאָטגאָרטן. אונטער די דאָזיקע פּלאַקאַטן איז צוגעקלעפּט געוואָרן אַ באַזונדער אויפרוף פון די סואוואַלקער „פּועלי ציון", אַז אויך זיי רופן אַ פאַרזאַמלונג אין דער זעלביקער צייט און אינעם זעלביקן אָרט, נאָר אין אַן אַנדער ווינקל פון גאָרטן.

יידישע אויפרופן זיינען פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אויף די גאַסן, ביים אַריינגאַנג צו דער שול גאַס, אויף יאַטקע גאַס, ביי די טויערן פון שטאָטגאָרטן און אין נאָך עפנטלעכע פּלעצער. פּלאַקאַטן מיט יידישע אותיות אויף די גאַסן, דאָס אַליין איז געווען אַ נייס. אין די אָוונטן האָט דער מוזיקאַלישער אָרקעסטער פון דער סואוואַלקער פייערלעשער קאָמאַנדע, מערסטן פּאָליאַקן און מיטגלידער פון „פּ.פּ.ס" (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) געשפּילט אויף די גאַסן רעוואָלוציאָנערע לידער און זייער הימן „יעשטשע פּאָלסקא ניע זגינעלא" (פּוילן איז נאָך נישט פאַרפאַלן).

איין טאָג נאָך דעם קייזערלעכן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער, 1905, האָט דער סואוואַלקער פּראָלעטאַריאַט דורכגעפירט מיט גרויס פּאַראַד זיין ערשטע עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע.

יוסף כאַצקל זעליגמאַן, דעם סואוואַלקער קאַזיאָנער ראַבינערס זון, אין זיין מונדיר פון אַן אוניווערסיטעט סטודענט, האָט געפירט די דעמאָנסטראַציע און מאַרשירט פאָרויס. יעדע ווײַלע האָט ער זיך אומגעקערט און געגעבן די קאָמאַנדע: „טאָוואַרישטשי, האַלט זיך רואיק! מיר מאַרשירן צו דער באַן סטאַנציע אָפּצושטעלן די באַן־באַוועגונג". „דאָלאָי ניקאָליי פּאָסלעדני"!... און אַנדערע האָבן דערביי אויסגעשריען: — „דאָלאָי וויזיאַטאָטשניקאָוו"! (נידער מיט די שוחד־נעמערס).

אַזאַ פּאַראַד האָט נאָך סואוואַלק ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געזען. גאַנץ שאָסיי־גאַס, דורך וועלכער דער פּאַראַד האָט זיך געצויגן, איז געווען באַלויכטן, אַלע האָבן געשפּירט, אַז די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פרייהייט און אַז סוף־כל־סוף וועט זיין אַן עק אויך צו די יידישע צרות.

אָט די פרייד האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע דריי טעג. אויפן פערטן טאָג נאָכן מאַניפעסט פון צאַר ניקאָליי איז די רעוואָלוציע דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף די גאַסן פון סואוואַלק. עס זיינען אויסגעקלעפּט געוואָרן באַפעלן פון דער רעגירונג וועגן קריגצושטאַנד. אונטער די דאָזיקע רעגירונגס־אויפרופן איז געווען צוגעשריבן, אַז ווער עס וועט זיי אַרונטעררייסן, וועט באַקומען דריי חדשים טורמע.

אַרונטער דער שול־גאַס האָט געוואוינט פינקלשטיין דער קופּערשמיד. זיינע קינדער זיינען אויך געווען פאַרכאַפּט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. גייט זיין פערצן־יעריק יינגל און לייענט די פּראָקלאַמאַציע וועגן קריגצושטאַנד, פאַרדריסט אים די מעשה און ניט טראַכטנדיק פיל רייסט ער אַראָפּ די באַפעלן. דאָס האָט באַמערקט איוואַנטשוק דער סטראַזשניק, וועלכער איז צוגעלאָפן צו אים מיט רציחה און אים אַ כאַפּ געטאָן

פאַרן קאַלנער. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין תחנונים און געשרייען. דאָס בחור׳ל איז איינגעזעצט געוואָרן אין טורמע און זיין מאַמע מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען האָט אים יעדן טאָג געטראָגן עסן.

עפּעס ווי פון אונטער דער ערד הייבן זיך אָן טראָגן קלאַנגען, אַז אין סואוואַלק וועט זיין אַ פּאָגראָם אויף יידן, אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט. און מען זעט טאַקע באַשיימפּערלעך, ווי עס באַווייזן זיך עפּעס מאָדנע פאַרשווינען, קאַצאַפּעס מיט בערד, יונגע שקצים כוליגאַנעס און בכלל פאַרדעכטיקע טיפּן. זיי קומען ראַטעווען דעם „באַטיושקא צאַריא״...

סואוואַלקער יידן ווייסן מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט. זיי האָבן שוין געהערט פון אַזאַ ראַטונעק פון דעם „באַטיושקא צאַריא״ אין ביאַליסטאָק, מינסק, האָמעל, יעליסאַוועטגראַד און פיל אַנדערע שטעט אין תחום המושב. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט די סואוואַלקער יידן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום סואוואַלקער גובערנאַטאָר און אים בעטן רחמים, אַז ער זאָל נישט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם אין שטאָט.

די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון סואוואַלקער רב ר׳ טוביה קאַצענעלנבויגן מיט דעם קאַזיאָנעם ראַבינער זעליגמאַן. ווען די דעלעגאַצי׳ע האָט זיך באַוויזן פאַרן גובערנאַטאָר, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביים קאַזיאָנעם ראַבינער אויף ר׳ טעבלי קאַצענעלנבויגן: — „ווער איז דער מאַן״? — „דער מאַן״, ענטפערט זעליגמאַן, „איז מיין פּאָמאָשטשניק״ (געהילף)... איינפאַך גערעדט הייסט דאָס, אַז הרב הגאון ר׳ טעבלי קאַצענעלנבויגן, דער באַרימטער רב און מחבר פון ספרים, איז אַן אַרויסהעלפער ביי זעליגמאַנען.

דער גובערנאַטאָר האָט צוגעזאָגט צו באַשיצן די יידן. לויט זיין צוזאָג, וועלן די „רעטערס פון צאַר באַטיושקא״ מאַרשירן איבער דער שטאָט, אָבער סאָלדאַטן וועלן היטן, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין פּאָגראָם. די סואוואַלקער יידן האָבן זיך אַ ביסל באַרואיקט. די סואוואַלקער יידישע אַרבעטערס האָבן אָבער זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף גובערנאַטאָרישע הבטחות און זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ זעלבסטשוץ. צו דעם זיינען גערופן געוואָרן אויך די אַרבעטערס פון יאַגוסטאָוו, סייני און פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. די זעלבסטשוץ־מיטגלידער פון די שטעטלעך זיינען געבראַכט געוואָרן קיין סואוואַלק. די אָנגעקומענע יאַגוסטאַווער יידישע בחורים מיט רעוואָלווערן, פלעשער וויטראָל, גרייט צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, זיינען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אין הויז פון די חובבי־ציון. אין אַ צווייטן פּלאַץ זיינען געווען פאַרזאַמלט אַנדערע יונגעלייט פון זעלבסטשוץ. אַזוי האָט מען געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען די קאַצאַפּעס און כוליגאַנעס וועלן דורכפירן זייער פּאַראַד.

און דער טאָג איז געקומען. דער גובערנאַטאָר האָט געהאַלטן וואָרט. דורך דער גאַנצער לענג פון מאַרק ביז דער שול־גאַס איז פוןביידע זייטן געווען אויסגעשטעלט דער זעקסטער דראַגונער פּאָלק און אין מיטן האָבן פּאַראַדירט די קאַצאַפּעס, זיי האָבן געטראָגן אַ גרויס בילד פון צאַר ניקאָליי און געשריען דעם גאַנצן וועג: „בעי זשידאָוו — ספּאַסאַי ראָססיו״ (שלאָג די יידן — ראַטעווע רוסלאַנד).

זיי האָבען אָבער ניט געהאַט וועמען צו שלאָגן. דער רב האָט געהאַט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז אַלע יידן זאָלן זיצן אין די הייזער דורך דער גאַנצער צייט פון זייער פּאַראַד. די גוט־אָרגאַניזירטע יונגעלייט פון יידישן זעלבסטשוץ האָבן נישט געהאַט, וואָס צו טאָן. די קאַצאַפּעס און כוליגאַנעס האָבן נאָך זייער לאַנגן מאַרש איבער די הויפּטגאַסן זיך פאַרקערעוועט צו דער זייט אַראָפּ דער שול־גאַס, פון וואַנען מען קען אריבערגיין אויף דער שאָסיי־גאַס, — און דערמיט האָבן זיי פאַרענדיקט זייער גרויסן פּאַראַד איבער די גאַסן.

דער פינצטערער פּלאַן פון די כוליגאַנעס וועגן אַ פּאָגראָם אויף די יידן אין סואוואַלק איז מיאוס דורכגעפאַלן.

*

וואָס איז געוואָרן מיט די אַקטיווע מענטשן פון די אַמאָליקע סואוואַלקער ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס? — אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט דער דערמאָנטער חנא דער בעקער די ווייטערדיקע אינפאָרמאַציעס:

יאַנקל דער סטעלמאַכער האָט חתונה געהאַט מיט שרה־לאה דער שניידערין און איז אַוועק קיין אמעריקע. דאָ אין לאַנד איז ער געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, באַקאַנט אונטערן נאָמען יעקב מארקסאָן. ער איז געווען יאָרן לאַנג דער סעקרעטאַר פון דער „אינדעפּענדענט סובאַלקער בענעוואָלענט אַסאָסיאַיישאָן״, ווי אויך אַ לאַנגע צייט סעקרעטאַר פון יאַגוסטאַווער ברענטש 77 פון אַרבעטער רינג. זיין געטריישאַפט צו זיינע מיטמענטשן איז געווען זייער שטאַרק. כאָטש ער איז ניט געווען קיין רעליגיעזער מענטש, האָט ער אָבער געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אַ רב און תלמיד חכם. ווען הרב ר׳ דוד ליפשיץ, דער לעצטער סואוואַלקער רב, איז נאָכן חורבן געקומען קיין אַמעריקע איז יעקב מאַרקסאָן געווען איינער פון זיינע איבערגעגעבנסטע חסידים. זיין טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער ביי אַלע סואוואַלקער אין ניו־יאָרק.

נחמיה׳קע קאַלוואַרייסקי, וועמען די פּאָליטישע זשאַנדאַרמעריע אין צאַרישן רוסלאַנד האָט געזוכט מיט ליכט, איז אַוועק קיין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ געשעפטסמאַן אין דער „דריי־גודס ביזנעס״ ערגעץ אין פּענסילווייניע. דאָס זעלביקע איז אויך געשען מיט משה ריבאַצקי, וועלכער רופט זיך דאָ פישער און איז דער גרינדער פון דער באַוואוסטער דאַמען־קליידער פירמע „פישער־גראָס״. וועלוול פּאַכוצקי איז געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ מיטאַרבעטער אין „מאָרגן־זשורנאַל״.

רבקה דעם שמידס, אַן אַקטיווע טוערין פון די סואוואַלקער פּועלי ציון, האָט חתונה געהאַט אין לאָנדאָן מיטן באַקאַנטן זשורנאַליסט וויליאַם צוקערמאַן. משה׳קע דער סלאָנימער, כאָטש ער איז געוואָרן אין אַמעריקע אַ דערפאָלגרייכער סוחר, האָט זיך דאָך נישט געקענט

אויסניכטערן פון זיינע רעוואָלוציאָנערע יוגנט־טרוימען און איז געווען אַ געוויסע צייט דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון די סאָוועטישע ביכער־פארלאגן אין אמעריקע.

אהרן שיינמאַן, דעם סואוואַלקער באַנקירס זון, איז אַוועק קיין סאָוועטן־רוסלאַנד. ער איז דאָרטן געוואָרן געהילף פון דעם סאָוועטישן פינאַנס־קאָמיסאַר. שיינמאַן איז איין מאָל געשיקט געוואָרן דורך דער סאָוועטנמאַכט קיין אַמעריקע צו פאַרהאַנדלען וועגן א הלוואה פאַר דער באָלשעוויסטישער מלוכה. אהרן שיינמאן האָט אָבער אין אַמעריקע דערזען אַ פרייע וועלט און האָט פאַרלאָרן דעם חשק זיך צוריקצוקערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז פון אַמעריקע אַוועק קיין בערלין און דאָרטן זאָל ער האָבן געשטאָרבן. די באָלשעוויקעס האָבן אים אונטער די אויגן פאַר׳משפט צום טויט.

דוד׳קע דעם גארבערס איז געשטאָרבן אָנהייב 1903. אַזוי ווי דאָס איז אין סואוואַלק געווען דער ערשטער טויטפאַל פון אַן אַקטיוון חבר פון „בונד”, האָט די פאַרטיי געוואָלט אים אָפּגעבן כבוד און אים טראָגן אין דער מיטה צום בית־עלמין אנשטאָט צו פירן. צו טאָן אַזאַ זאַך מוז מען האָבן די הסכמה פון דער סואוואַלקער חברה קדישא. יאַנקל דער סטעלמאַכער האָט וועגן דעם זיך געווענדט צום סואוואַלקער דיין ר׳ בנימין מגנצא. דער דיין האָט אָבער דערקלערט, אַז דער מת איז ניט געווען קיין גרויסער מענטש און ער דערלויבט אים נישט צו טראָגן. יאנקל דער סטעלמאַכער האָט דערקלערט דעם דיין, אַז ער איז יאָ געווען אַ גרויסער מענטש און צי ער, ר׳ בנימין מגנצא, דערלויבט אים צו טראָגן אָדער ניט, די „אָרגאַניזאַציע” האָט באַשלאָסן אַזוי צו טאָן. ר׳ חיים פיוואָווארסקי, דער הויפּט־גבאי פון דער סואוואַלקער חברא קדישא, האָט אָנגעזאָגט זיינע מענטשן, אַז מען זאָל דעם בר־מינן נישט טאָן זיין רעכט. די סטראַשונקעס און וואָרנונגען פון די בונדיסטן האָבן אָבער סוף־סוף געווירקט און חברה קדישא איז בעסער געוואָרן. אויפן בית־עולם האָבן עטלעכע חברים געהאַלטן רעדעס ביים אָפענעם קבר. און דער פינאַל פון אַלע רעדעס איז געווען:

„דוד׳קע! דו ביסט נישט געשטאָרבן! דו לעבסט — נאָר די עלעקטריע איז אויסגעגאַנגען”...

דערפאַר, ווען יאַנקל סטעלמאַכער האָט געהאַט יאָרצייט און איז געגאַנגען דאַווענען ביים עמוד אין דער שניידערשער קלויז — האָט אים דער דיין ר׳ בנימין מגנצא נישט צוגעלאָזן צום עמוד, זאָגנדיק דערביי, אַז אַזעלכע „שקצים”, וועלכע האָבן נישט קיין נשמות, נאָר „עלעקטריע”, טאָרן נישט דאַווענען פאַרן עמוד.

יעקב אריה טראָפּ

# סואוואַלקער אַנשטאַלטן

## בקור חולים ולינת הצדק

דער בקור חולים ולינת הצדק, וואָס איז געווען איינע פון די עלטסטע אינסטיטוציעס אין סואוואַלק, איז אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה שטאַרק פאַרלאָזן געוואָרן. ערשט נאָכן קריג, ווען פיל סואוואַלקער האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייער היימשטאָט פון די פאַרשיידענע אַנטלויף־ערטער, האָט מען זיך ווידער גענומען אויפשטעלן דעם דאָזיקן זייער וויכטיקן מוסד.

די ערשטע אַלגעמיינע פארזאַמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן צו באנייען די טעטיקייט פוז בקור־חולים, איז פאָרגעקומען אין 1920. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג: ר׳ מרדכי ווייסבערג, פאָרזיצער, משה יוסף גרייוועך, וויצע־פאָרזיצער, נפתלי גליקסאָן, קאַסירער, חיים קויפמאן, צבי לעווענטין, אלקנה גלאַדשטיין, דוב בערמאן, יוסף איילענדער, לייב זארעמבאָווסקי, צבי פרענאָוויץ, אברהם סטוצינסקי, אליה בערנשטיין, משה ראפּלזאָן, אברהם סטאוויסקאָווסקי. סעקרעטאר איז געווען דוד באנדישקאווסקי, ווי אויך דער שרייבער פון די שורות. די מערהייט פון די אַלע אויסגערעכנטע פערזאָנען זיינען געווען טעטיק ביזן גרויסן חורבן פון 1939.

דער בודזשעט פון בקור־חולים איז געווען ניט קיין קליינער. די לעצטע צייט האָט ער באַטראָפן 7.000 זלאָטעס. דער יסוד פון הכנסה איז געווען דער מאָנאַטלעכער אָפּצאָל פון די מיטגלידער. היפּשע סכומים האָבן אריינגעבראַכט די נדרים פאַרן בקור־חולים ולינת הצדק, וואָס פלעגן צוגעזאָגט ווערן אין אַלע שולן דעם שבת, וואָס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַרן דאָזיקן צוועק.

די מיטגלידער פון דער פארוואַלטונג פלעגן אויך באַזוכן חתונות, ברית׳ן אין פארשיידענע אינטערנעמונגען, כדי צו פאַרגרעסערן די הכנסות פון מוסד. אַ גרויסע שטיצע אין העלפן באַלאַנסירן דעם בודזשעט איז געקומען מצד די סואוואַלקער לאַנדסלייט פון אַמעריקע.

ניט אַלע מענטשן קענען קומען בעטן הילף, אפילו

אין אַ גרויסער נויט. ס'זיינען דאָ נצרכים, וואָס שעמען זיך מיט זייער מצב, מאַטערן זיך, אבי ניט אָנצוקומען לידי מתנת בשר ודם. האָבן דעריבער די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג געמוזט פאָרשן אַזעלכע פאַלן. פון 1925 ביז 1939 זיינען אַזעלכע פאַלן געווען ניט ווייניק און דער מתן־בסתר האָט פאַרנומען אַ גאַנץ חשוב'ע פּאָזיציע אין די הוצאות פונעם אַנשטאַלט.

די אָרטיקע יידישע דאָקטוירים האָבן פיל מיט־געהאָלפן אין דער אַרבעט פון בקור־חולים. אין צייט פון אומאָפּהענגיקן פוילן זיינען אין סואוואַלק געווען איבער אַ מנין יידישע דאָקטוירים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיטן יידישן קראַנקנ־הויז. אויף אַ צעטל פון בקור־חולים האָבן די יידישע דאָקטוירים געגומען פאַר אַ וויזיט נאָר איין דריטל פונעם פּרייז. די באַציאונג פון יידישן דאָקטאר צום אָרעמען קראַנקן איז געווען יידישליך־האַרציק.

די פאַרוואַלטונג האָט אויך געהאַט אַן אָפּמאַך מיט דער אָפּטייק פון ערדרייך־אכראַן ארויסצוגעבן מעדיצין צו קראַנקע, וועלכע האָבן אַ באַשטעטיקונג פון בקור־חולים, מיט פערציק פּראָצענט ביליקער, ווי פאַר אַלעמען.

די דאָקטוירים, וועלכע האָבן די לעצטע פאָר צענד־ליק יאָר מיטגעאַרבעט מיטן בקור־חולים, זיינען: ד"ר נאַטאַנסאָן, ד"ר וויסמאַן, ד"ר סטראַפּאַלסקי, ד"ר ראָזנטאַל, ד"ר גרובשטיין, ד"ר פרייסמאַן, ד"ר פיגאַווסקאַ, ד"ר שערמאַן און ד"ר סמאַלינסקי, וואָס איז דער איינציקער לעבן־געבליבענער דאָקטאָר נאָכן היטלער־חורבן.

דער בקור־חולים האָט ניט נאָר פאַר'אָרגט אָרעמע יידישע קראַנקע מיט אומזיסטער אָדער פאַרביליקטער מעדיצין. לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אַ דאַקטאַר, פלעגן ניט־פאַרמעגלעכע קראַנקע געשיקט ווערן אין ספּעציעלע ארומיקע סאַנאַטאַריעס און ווען נייטיק — אפילו קיין וואַרשע.

כדאי נאָך צו דערמאָנען, אַז דער בקור־חולים אין סואוואַלק האָט געגעבן הילף אויך צו יידישע קראַנקע פון די ארומיקע שטעטלעך.

דער בקור־חולים איז געווען אָפן 24 שעה אין מעת־לעת פאַר קראַנקע, וואָס נייטיקן זיך ניט נאָר אין אַ דאקטאר, נאָר אָפט אויך אין פאַרשיידענע אינסטרומענטן, וואָס אין יענע צייטן האָט זיי ניט יעדערער פאַרמאָגט, ווי: באַנקעס, גומענע פלעשער, טערמאמעטערס, וואַנעס, און אויך שפּייז־פּראָדוקטן, ווי אייער, מילך, פּוטער, עוף.

לינת־הצדק איז געווען אַ דערגאַנצונג צום בקור־חולים. די דאָזיקע פּרעכטיקע אינסטיטוציע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון יעדער עדה יידן אין אונדזערע אַמאָליקע היימען — און סואוואַלק איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ווען עס פלעגט פּאַסירן אַ פאַל פון אַ שווער קראַנקן אין אַ יידישער פאַמיליע, וואָס האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו נעמען אַ קראַנקן־שוועסטער און די אייגענע משפחה איז שוין געווען אויסגעמאַטערט פון זיין אויף טאָג און נאַכט — דעמאָלט פלעגט דער לינת־הצדק ארייַנשיקן צוויי מענטשן, וואָס זאָלן באַדינען דעם קראַנקן ביי נאַכט. אויב עס זיינען צופעליק ניט געווען קיין פרייוויליקע מיטגלידער, האָט לינת־הצדק באַצאָלט מענטשן און זיי געשיקט צו פאַרלייכטערן דער פאַמיליע פון קראַנקן.


אויסצוג פון די תקנות:

1. א מיטגליעד פון סובאלקער יודישען האנדווערקער פעראין קאן זיין נור א האנדווערקער (בעל-מלאכה) און וועלכער [illegible] זיך אונטער די [illegible] און בעשטימונגען פון פעראין

2. ווער עס צאהלט נישט, אהן א גילטיגע סבה, 3 חדשים נאכאנאנד זיין מיטגליעדס-אבצאהל, הערט אויף זיך צו רעכנען פאר א מיטגליעד פון פעראין

3. יעדער מיטגליעד דארף טראגען די קארטע ביי זיך און אין נויטיגען פאל זי פארצייגען.

סובאלקער יודישער האנדווערקער פעראין

מיטגליד'ס-קארטע №

חבר

נאם №

בראנזשע:

פאך:

איז א מיטגליעד פון סובאלקער יודישען האנדווערקער פעראין

פארזיצענדער:

סעקרעטאר:

סובאלק, דעם

אַ מיטגליד־קאַרטע פון סואוואַלקער האַנטווערקער־פאַראיין

דער בקור־חולים ולינת־הצדק האָט פאַרמאָגט אַן אייגן הויז, וואָס איז געקויפט געוואָרן פון חשוב'ן נדבן און תלמיד־חכם ר' חיים שלמה ב"ר יעקב זילבערמאַן.

## האַנטווערקער־פאַראיין

אין 1919, ווען די ערשטע רעגירונג פון אומאָפּהענגיקן פוילן האָט אַרויסגעגעבן געזעצן וועגן האַנטווערקערס, איז חנא מארקאָוויץ געוואָרן דער איניציאַטאָר פון אָרגאַניזירן אַ פאַראיין פון יידישע בעלי־מלאכות אין סואוואַלק. ער האָט דעמאָלט צו דער אָרגאַניזיר־אַרבעט צוגעצויגן יוסף אַדלסאָן. ווי אַ סעקרעטאר איז אָנגעשטעלט געוואָרן א. ב. צימערמאַן. דער ערשטער לאקאל איז געדונגען געוואָרן אויף קאשטשושקא.

נאָך אַ געוויסער צוגרייט־אַרבעט האָבן די דערמאָנטע פערזאָנען פאַררופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע האַנטווערקערס אין ס'אוואַלק, ווי בעקערס, קצבים, שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס, בלעכערס, קופּערשמידן, שטריק־מאַכערס, מוליארעס, סטאָליארעס, מאלערס, שמידן, רימארעס א"אנד.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די ווייטערדיקע פערזאָנען: יוסף אַדלסאָן, ערן פאָרזיצער, חנא מארקאָוויץ, פאָרזיצער, שכנא פינקעל, וויצע־פאָרזיצער; אהרן ווארABייציק, סמאָליאן, שוכמאן, סמעצעכאָווסקי, יאגעל, טראָפּ, עפּלבוים, ראמאנאָווסקי, רייך, צווילינג — זיינען געווען אין דירעקטאָרן־ראַט.

אויסער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען און אויך פאַרוויילאָונטן, איז אין אייגענעם לאָקאל געווען אויך אַ מנין, ביחוד שבת און יום־טוב. געהאַט אפילו צוויי אייגענע חזנים: חזן ראשון ווארABייציק און חזן שני משה רייך.



לינת הצדק און ביקור הולים

פון רעכטס זיצנדיק, ערשטע שורה: מ. קויפמאן, צ. לעווענטין, מ. י. גרייווער, מ. ווייסבערג, י. טראָפּ, דער איינציק לעבן געבליבענער, מ. ראפּעלזאן, נ. גליקזאָן.
צווייטע שורה: ד. בערמאן, א. בערנשטיין, א. סטאַווויסקאָווסקי, י. איילענדער, ל. זארעמבאָווסקי, צ. פּרענאוויץ, א. סטוצינסקי, ד. באַנדזישקאָווסקי, א. גלאדשטיין.

ווי אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט האָבן די יידישע בעלי־מלאכות אין סואוואַלק געשפּילט אַ ראָל אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן. אַזוי, למשל, ווען ס׳איז אויסגעקליבן געוואָרן דער ערשטער ועד־הקהל, זיינען אין אים אריין האַנטווערקער־פאַרשטייערס: יוסף אדלסאָן, חנא מאַרקאָוויץ, וואַראַבייציק, שוכמאַן, סמעצעכאָווסקי און יאגעל.

דער פאַראיין האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אויך אין אַלע שטאָטישע אנגעלעגנהייטן.

ביים פאַראיין איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ביבליאָטעק מיט אַ לייענזאַל.

יעדן אָוונט איז דער לאָקאַל געווען פול מיט באַזוכערס.

די פאַרוואַלטונג האָט שטאַרק געזאָרגט וועגן באַשיצן די רעכט פון די יידישע האַנטווערקערס אין שטאָט. ווען ס׳איז ארויס דער באַפעל, אַז יעדער בעל־מלאכה מוז צושטעלן אַ באַשטעטיקונג וועגן זיין פאַך, האָט די פאַרוואַלטונג די זאַך דערליידיקט אויפן בעסטן אופן.

סואוואַלקער האַנטווערקער־פאַראיין האָט אויך מיט דערפאָלג אָרגאַניזירט די האַנטווערקערס פון די ארומיקע שטעטלעך פון סואוואַלק: ראַצק, פיליפּאָווע, באַקלעראָווע, פּשעראָסלע, וויזשאַן, יעלינעווע, פונסק, סייני. די יידישע בעלי־מלאכות פון די דערמאָנטע שטעטלעך האָבן, נאַטירלעך, אויך געמוזט צושטעלן אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי האָבן רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט זייער פאַך און דער סואוואַלקער האַנטווערקער־פאַראיין האָט זיי געהאָלפן אין דעם.

דער פאַראיין פון די האַנטווערקערס האָט עקסיסטירט ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## הכנסת־אורחים

דער אַלטער און גוט־פונקציאָנירנדיקער סואוואַלקער הכנסת־אורחים איז אין 1914 פאַרלאָזן געוואָרן צוליבן קריג. דאָס מיליטער האָט צוגענומען דעם גרעסטן טייל בעטן און סתם מכשירים פון מוסד.

סואוואַלקער הכנסת־אורחים האָט פאַרמאָגט אַ שול, וואו מען פלעגט דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג. יעדן פאַרנאַכט פלעגט מען לערנען משניות, און דער רבי איז געווען ר׳ אברהם יצחק פּאָלאטשעק ז״ל.

אין צייט פון קריג איז כמעט אַלץ אָפּגעשטאָרבן. ר׳ מרדכי מאיר קליימאַן און זיין פרוי חנה, שכנים פון הכנסת־אורחים, האָבן געזאָרגט, אַז די שול זאָל זיין אָפן. אין 1921, ווען סואוואַלקער בעלי־בתים האָבן אָנגעהויבן קומען צוריק פון זייערע פאַרוואָגלטע ערטער בעת דער מלחמה, האָט מען גענומען אויפסניי אָרגאַניזירן דעם הכנסת־אורחים.

די ערשטע זיך צו נעמען פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער זאַך זיינען געווען ר׳ אייזיק קאַלעצקי, ר׳ אריה ביאַלעסטאָצקי, ר׳ צבי פיליפּאָווסקי, ר׳ פנחס לעווין. זיי זיינען ארויס אין שטאָט און געשאַפן בעטן און אַנדערע נייטיקע זאַכן.

די זעלביקע פיר פערזאָנען זיינען שפּעטער אויסגעקליבן געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אָנצופירן ווייטער מיטן הכנסת־אורחים.

סואוואַלקער הכנסת־אורחים האָט געהאַט אַכצן בעטן. איין צימער מיט צוויי בעטן איז באַשטימט געווען נאָר פאַר חשוב׳ע אורחים.

אין 1930 האָט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויסגעקליבן נייע חברים פון דער פאַרוואַלטונג, דהיינו: גבאי ראשון — ר׳ יעקב קאַווין, גבאי שני — ר׳ מרדכי סג״ל הלוי, גבאי שלישי — ר׳ פנחס לעווין, קאַסירער — יעקב טראָפּ.

דער דאָזיקער צדקה־מוסד איז נאָכן קריג פאַרשענערט און פאַרבעסערט געוואָרן און איז געוואָרן אַ שם־דבר איבערן גאַנצן אָרום.

אין די וואָכעדיקע טעג האָבן די אורחים זיך אליין געשאַפן דאָס עסן, שבת האָט מען זיי אָבער באַזאָרגט צו עסן ביי די בעלי־בתים. ווען עס זיינען געווען צו פיל אורחים, האָט מען באַשטעלט אַן עקסטרע פלאַץ, און דער רב מיט די גבאים פון הכנסת־אורחים האָבן באַצאָלט פאַר דעם.

דער הכנסת אורחים איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל פון סואוואַלקער בעלי־בתים. איין מאָל אַ יאָר, שבת פרשה וירא, איז געווען אַ יום־טוב. דער מרא דאתרא פון שטאָט הרב הגאון יאָסעלעוויטש זצ״ל און שפּעטער דער לעצטער סואוואַלקער רב ר׳ דוד ליפשיץ שליט״א פלעגן ריידן מעינינא דיומא און אויפפאָדערן זייער עדה יידן אויפצוהאַלטן די אייביקע יידישע טראַדיציע פון הכנסת־אורחים.

כלב כאַנאָוויץ
שטאָקהאָלם

# חדרים און שולן

די גרעסטע שול אין סואוואַלק מיט אַ 50 יאָר צוריק איז געווען חייקל מיידאדס, וואָס איז געווען צוזאַמען מיט זיין דירה אויף שול גאַס. חייקל איז געווען אַ פיין־געבילדעטער מענטש, אַ גרויסער ציוניסט. אין זיין שול איז געהאנגען הערצלס בילד. ער האָט געהאַט די בעסטע לערערס. איינער פון זיי, ווישינסקי, איז שפּעטער געווען אַ העברעאישער לערער און דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע אין וואַרשע. דער צווייטער לערער האָט געהייסן ווינשטיין. די קינדער־פאָרשטעלונגען צו די יידישע יום־טובים זיינען געווען באַליבט אין שטאָט. אין חייקלס שול האָבן געלערנט צוזאַמען רייכערע קינדער מיט אָרעמע. ווען אַ שילער איז אַרויס פון זיין האַלב־חדר, האַלב־שול איז ער געווען אָנגעזאַפּט מיט כל־טוב פון יידישקייט.

געלמאנס חדר האָט זיך געפונען אויף וועסאלער גאַס ביי זרח דעם שוסטער. געלמאן איז געווען אַ פעסט געבויטער ייד מיט אַ לאַנגער בלאָנדער באָרד. ביים לערנען פלעגט ער קיין מאָל נישט זיצן, נאָר ארומגיין הין און צוריק איבערן חדר. זיין לערנען, זיין פארטייטשן אַ שטיקל חומש איז געווען צו קושן.

פּאָלאַטשאָקס חדר איז אויך געווען אויף וועסאלער גאס, אַנטקעגן זילבערשטיינס בעקעריי. ער פלעגט זיך אַוועקזעצן לעבן יעדן קינד אויפן „לאווקע", ארומנעמען דעם תלמיד, געבן אים צו פאַרשטיין, דאָס געזונט אַוועקגעבן פאַר די קינדער, אבי זיי זאָלן קענען...

הורוויצעס חדר פאַר אָנפאַנגערס איז געווען אויף טורמע גאַס. דאָס איז דער חדר, וואו דער מלאך פלעגט אַראָפּוואַרפן גראָשנס פון הימל. הורוויץ פלעגט געבן אַ מאָל אַ פּאַטש אויך; אָבער דאָס איז געווען ליב. זיין חדר איז געווען אויף פיר פענצטערס, אַ ליכטיקער און אַ לופטיקער.

געווען שולן נאָר פאַר מיידלעך, ווי ווישייסקיס שול. היינטיקע צייטן דאַרף מען זוכן אַזאַ קענער, אַזאַ תלמודיסט, אַזאַ העברעער, אַזאַ וועלטלעך־באַלייענטן מענטשן. אַ מיידל, וואָס האָט געענדיקט זיין שול, האָט געקענט פּערפעקט יידיש און העברעאיש. אַ צווייטע מיידלשע שול האָט אָנגעפירט ווילקאָוויסקי.

יונגוואַרג האָט נישט נאָר געלערנט, נאָר אויך געלייענט. די פיינסטע און די סאַמע מאָדערנע ביכער פלעגט מען ברענגען קיין סואוואַלק. איין בוכגעשעפט האָט געהאט זשילקעוויץ אויף דער שול גאַס. ער האָט פאַרמאָגט אַן אוצר פון ביכער, וואָס ער פלעגט אויך געבן אויף אויסצוצאָלן. דער אַנדערער בוכהענדלער איז געווען יעבץ. ער פלעגט שטיין מיט זיינע צעפראָרענע פינגערס אין דער קאַלטער קראָם, וואו עס האָבן זיך געפונען די בעסטע ביכער אויף יידיש, העברעאיש און אַנדערע שפּראַכן. די ביידע קראָמען זיינען תמיד געווען פול מיט יונגוואַרג.

געוואַלד, געוואַלד, וואו איז דאָס אַלץ געבליבן? עס ווערט מער אַזוינס ניט זיין — ניט די מענטשן, ניט די קינדער, ניט די שולן.

חיים זעליגסאָן

# חובבי־ציון אין אונדזער שטאָט

צווישן דער ערשטער גרופּע אָנהענגערס פון דעם ציוניסטישן אידעאל אין סואוואַלק אנהייב היינטיקן יאָרהונדערט איז געווען איינער, וועלכער האָט געהייסן דימענט. ער איז געווען אַ רייכער איד, א „פּערווי גילדי" סוחר, וועלכער האָט לויטן צאַרישן געזעץ געקענט האָבען געשעפטן אויסערן תחום המושב (וואו יידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען). האָבנדיק אַ פאַבריק פון שלייעס און אַנדערע לעדער־אויסאַרבעטונגען, האָט דימענט זיך באַזעצט אין מאָסקווע. אָבער זיין הויז אין סואוואַלק, וואָס האָט זיך געפונען אין שולגאַס אַנטקעגן דער תלמוד־תורה, האָט דימענט אַוועקגעשאָנקען פאַר די אָרטיקע חובבי־ציון. אין הויז איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ לייענזאַל, ווי אויך אַ שול, וואו מען פלעגט דאַוונען שבתים און יום־טובים.

אין די אונטערשטע צימערן פונעם געשאָנקענעם הויז האָט געוואוינט דער אויפזעער פון הויז, דער הייסער ציוניסט דניאל ראזנטאל. יעדן פרייטיק־צו־נאַכט, נאָכן עסן, פלעגט דניאל האַלטן לעקציעס וועגן ציוניזם,

דערקלערן, ווי אַזוי די יידישע מדינה וועט אויסזען צווישן די פעלקער פון דער וועלט. די לעקציעס האָט דער עולם אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.

איינער פון די אָנפירנדיקע ציוניסטן, חוץ ראָזנטאַל, איז געווען דער צאָן־דאָקטאָר מינסקי. ער פלעגט באַגייסטערן די מיטגלידער מיט זיינע וואונדערלעכע רעפעראַטן, אין וועלכע ער פלעגט אויפקלערן, אַז אָט באַלד קומט שוין די גאולה.

אַ צווייטער לעקטאָר, הרב ר׳ מרדכי דאָקטאָר, דערמאָנט זיך דער שרייבער פון די שורות, האָט אַ מאָל אָפּגעקילט אַ ביסל די ענטוזיאַסטישע אָנהענגערס פון ד״ר מינסקי, באַנוצנדיק זיך דערביי מיטן פסוק פון תנ״ך „אמר שומר אתא בוקר וגם לילה״, עס איז טאַקע אמת, אַז דער ציוניסטישער אידעאַל האָט אויפגעשיינט, אָבער צום ציל איז נאָך ווייט. עס איז נאָך אַלץ נאַכט.

פונדעסטוועגן פלעגט דער עולם זיך ניט ערגערן שטאַרק פון אַזאַ פּעסימיסטישער אויפקלערונג און פלעגט נאָך מיט מער ענטוזיאַזם לייענען די צייטונגען „המליץ״, „הצפירה״, ווי אויך דעם פּעטערבורגער „פריינד״, וואָס דניאל ראָזנטאַל איז געווען זיין אַגענט פאַר סאָוואַלק.

אויסער די אַלע ציוניסטישע אויפגאַבעס איז דניאל ראָזנטאַל געווען אַ לערער אויף רוסיש אין דער תלמוד־תורה, וואו ער פלעגט זיך טיילן מיט די קלאַסן מיט אַ יידן, וועלכער האָט געהייסן סאַפּעלינסקי. דער לעצטער איז געווען אַ גאַנצער יוצא ונכנס ביים ניקאָלייעווסקן רוסישן דירעקטאָר, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן אויף אַלע חדרים און תלמוד־תורה׳ס אין שטאָט.

ווען דניאל ראָזנטאַל פלעגט פאַרטיק ווערן מיט זיינע לערן־שעה׳ן אין תלמוד־תורה, פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט דער ביבליאָטעק, וואו עס איז אויך געווען אַ גרויסער לייענזאַל, וואָס איז תמיד געווען פול מיט לייענערס.

איין מאָל האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ קלאַפּ אין די שויבן פון לייענזאַל. שפּעטער זיינען שטיינער אריינגעפאַלן אין צימער. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגע׳חזר׳ט עטלעכע מאָל. די לייענערס האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן צו קומען.

וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער זייטיקער גאַס, וואָס יידן האָבן גערופן „וועלוול טשעסלאָרס״ גאַס, האָט געוואוינט דימענט דעם נדבן׳ס אַ ברודער. ער איז געווען אַ בעקער און האָט די גאַנצע צייט ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס זיין לייבלעכער ברודער האָט אַזוי „פאַר גאָרנישט״ גענומען און אַוועק־געשאָנקען אַזאַ הויז און געגעבן אַן אומזיסטע דירה דניאל ראָזנטאַלן, און ניט אים, וועלכער האָט זיך באַטראַכט פאַר מער באַרעכטיקט אויף דעם. און אַזוי ווי קיין גזועצלעכע מיטלען קעגן דעם האָט ער ניט געקענט אָננעמען — האָט ער ביי נאַכט געוואָרפן שטיינער. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז די ראָזנטאַלס איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן דאָרט און זיי האָבן באַשלאָסן זיך אַרויסצוציען פונעם הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען ליידיק אַ לאַנגע צייט. קאָזאַקן פון יאגוסטאָווע, וועלכע פלעגן קומען זומערצייט קיין סאָוואַלק אויף מאַנעוורעס, פלעגן מאַכן זייער צייטווייליקע קאַזאַרמע אין יענעם הויז.

דניאל ראָזנטאַל איז געבליבן אָן באַשעפטיקונג. זיין פרוי איז פון עגמת־נפש געשטאָרבן. דעמאָלט איז ער מיט זיינע צוויי קינדער אַוועק קיין אַמעריקע אין 1904. אין 1926 האָט דניאל ראָזנטאַל פאַרלאָזן ניו־יאָרק און זיך באַזעצט אין ירושלים, וואו ער איז געשטאָרבן אין 1936.

די חובבי־ציון, וועלכע זיינען געבליבן טריי זייער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך אַריבערגעקליבן דאַוונען שבתים און יום־טובים אין „בית־הועד״ פון תלמוד־תורה. זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט דער חברה „תפארת בחורים״. די מערהייט פון דער דאָזיקער חברה איז באַשטאַנען פון יונגעלייט. טייל פון זיי פלעגן דאַוונען ביים עמוד, ווי אויך זיין בעלי קריאה, און אַלע פלעגן לערנען אַ פרשה חומש מיט רש״י. איין מאָל אין חודש פלעגט דער דאַמאָלסטדיקער סאָוואַלקער רב, הגאון ר׳ טעבלע קאַצענעלענבויגן, דרשה׳נען פאַר זיי. קיין גרויס אינ־טערעס פאַרן ציוניזם האָבן די מענטשן פון דער פאַר־אייניקטער חברה ניט געהאַט. כמעט אַלע יונגעלייט זיינען געווען בעלי־מלאכות, באַשעפטיקט ביי שניידעריי, גאַרבעריי און אַנדערע פאַכן. ווען די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויך דערגרייכט סאָוואַלק, האָבן זיך פיל פון זיי אָנגעשלאָסן אָן „בונד״, „פּועלי־ציון״, „עס־עס״ א״אנד. מיט דער צייט זיינען מערערע פון זיי אַוועק קיין אַמעריקע.

אַזוי איז אונטערגאַנגען די פיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאָוואַלק צוליב דעם, וואָס זי האָט אָנגעוואָרן איר אייגענעם לאָקאַל.

לייבל חן

# פּועלי ציון אין סואוואַלק

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז 1914 זיינען אין סואוואַלק ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע יידישע פּאַרטייען, וואָס זאָלן שפּילן אַ וועלכע ניט איז ראָלע אין אָרטיקן יידישן לעבן. מיר געדענקען נאָר די רעוואָלוציאָנערע תקופה פון 1905, ווען אין סואוואַלק האָט געשטורעמט, ווי אומעטום איבערן גאַנצן שטח פון דער רוסישער אימפּעריע — דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, אומרוען, אפילו עקספּראָפּריאַציעס. סואוואַלק האָט געהאַט גענוג יידישע אַרבעטערס, באַזונדערס גאַרבערס און וואַלקערס, פלעגט מען מאַכן „סטאַטשקעס" (שטרייקן). מען פלעגט אָרגאַניזירן פאַרזאַמלונגען, אָנגעפירטע דורך יחידים בונדיסטן, און עס פלעגן פאָרקומען ניט ווייניק אַרעסטן...

אָבער ערשט אין 1916, אונטערן שטיוול פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, האָט אויפגעבליט אַן אינטענסיוו יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, אַ דאַנק דער אויסגע־וואַקסענער יוגנט און די סטודענטן, וואָס האָבן מחמת מלחמה נישט געקאָנט צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד ווייטער שטודירן. אין יענעם יאָר איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער „דראַמאַטישער פאַראיין", וואָס האָט קאָנצענט־רירט ארום זיך די בעסטע פון דער סואוואַלקער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ. דער „דראַמאַטישער פאַראיין" האָט בשעתו געפירט אַ קולטורעלע אויפקלער־אַרבעט, אין וועלכער ס'זיינען שוין געווען פאַרבאָרגן די קערנער פון די שפּעטערדיקע יידישע פּאַרטייען „בונד", „פּועלי ציון" און יידישע פ.ס.ס.

די זיצונגען און רעפּעטיציעס פלעגט מען מאַכן אין דער דירה פון שניט־סוחר ראָזנצווייג אויף „פּעטער־בורגער פּראָספּעקט", אַ קעגן שפּאַציר־גאָרטן. געמאַכט האָט מען עס דאָרטן אין זכות פון אַ בילד שיינער בונדיסטקע, וואָס האָט געאַרבעט ביים סוחר. זי האָט איבערגענומען די דירה מיטן געשעפט, ווען די ראָזנ־צווייגס זיינען אַנטלאָפן נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה.

פון די נעמען, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון פון יענער תקופה ביז 1918, איז כדאי צו דערמאָנען: אדלסאָן, דער שפּעטערדיקער קהלה־טוער, טשאַרנעס, א פּועלי ציוניסט, אַ מענטש מיט טיפן וויסן, אַ באַאמטער אין דייטשן שטאָטראַט. די פּועלי ציוניסטן: אינזשינער טראָצקי, (דירעקטאָר פון דער עלעקטרישער סטאַנציע), דער סטודענט משה ריזנבערג, אַ זון פון אַ ציוניסטישער משפּחה (היינט ערגעץ אין מעקסיקע), זשעניע בראַמסאָן, דער לערער ישראל ראובן ברינמאַן פון ראַצק און זיין ברודער „חיליק" (אומגעקומען אין בית אלפא, ישראל, בעת אַ קאַמף מיט די אַראַבער), פּיטליק, אַ זייגער־מאַכער, ש. וואַראַבייטשיק (שמעוני, היינט אַ הויכער מלוכה־באַאמטער אין ישראל), יהודית פינקלשטיין (היינט



ערשטער פאַראיין פון די פּועלי־ציון אין 1905, האַלטן „דער וועג" אין האַנט.

דער פערטער אין צווייטער ריי געוועזענער סואוואַלקער באַנקיר סאַלאַמיאַנסקי.

פאַריז), עלע אלטשולער מיט איר ברודער, יאבלאנסקי, אַ שניידער (דערמאָרדעט פון די פּאָליאקן), הדסה קראָס־נאפּאָלסקי, מאיר סמעטשעכאָווסקי (פאטאגראף), דער יינגערער ווילענסקי, נתן ראבינזאָן (היינט פראפעסאר אין חיפה׳ער פּאָליטעכניקום), מענדעלע און לייבוש סמאָלינסקי, טייבעלע פּאלניצקי, אברהם רייך (ישראל) און קאגאן. פון די אַקטיווע בונדיסטן געדענקען זיך די נעמען פון רעמעז (היינט שיקאַגע), פושקאנצער, גליקסאָן און נאָך פיל אַנדערע, וואָס איך האָב פאַרגעסן.

פון דעם „דראַמאַטישן פאַראיין" האָט זיך אויס־געבילדעט אַ „ליטעראַרישע סעקציע" — און פון דער סעקציע זיינען שפּעטער אויסגעוואַקסן אין סואוואַלק די אַרבעטער־ און ציוניסטישע פּאַרטייען. דער לעבע־דיקער גייסט פון „דראַמאַטישן פאַראיין" איז געווען זבולון ווילענסקי, דער רעזשיסאר און אימפּרעסאריא, דער באַ־ליבטער גוטער ברודער פון אַלע אנטיילנעמערס (היינט אין בוענאָס איירעס).



יידיש־דראַמאַטישער קלוב אין סואוואַלק, 1917

אין סואוואַלק האָט פונקציאָנירט אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק ביי דער קהלה (גראַדנער גאַס), אָבער ס׳זיינען גלייכצייטיק געווען אומלעגאַלע קליינע ביבליאָ־טעקלעך מיט אומלעגאַלער פּאַרטיי־ליטעראַטור. ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען די חברה „לינת הצדק", וואָס איז געווען פּאָפּולער אין סואוואַלק. מיר דערמאָנען די „לינת הצדק" דערפאַר, ווייל די יונגע מיטגלידער פון דער „לינת הצדק" האָבן אין 1917־18 געשאַפן אין סואוואַלק די ערשטע האַלב לעגאַלע יידישע „קראַנקן־קאַסע", אָנגעפירט פון בונדיסטן און פועלי ציוניסטן.

די תקופה 1914־18 איז געווען אַ ביטערע און שווערע פאַר די סואוואַלקער יידן. די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן צוגענומען די הויפּט־פּרנסות און ס׳רוב יוגנט פאַרנומען אויף כל׳ערליי צוואַנגסאַרבעטן, וואָס זיינען שפּעטער מער נישט געווען קיין צוואַנג: מען איז גע־גאַנגען פרייוויליק, ווייל ס׳איז פשוט נישט געווען וואָס צו עסן. גרויסע טיילן יוגנט פלעגן אַרבעטן אין די לאַגערן פון פלאַטשיצנע ביים האַקן און זעגן וואַלד, אין די פערד־לאַזאַרעטן אויפן קאלוואַריער באַרג און סייניער שאָסיי און אין דער פאַספאַבריק פון דייטשן מיליטער. דאָרטן האָבן מיר, סואוואַלקער יוגנטלעכע, געהאַט די מעגלעכקייט פון לעבן צוזאַמען, פון דערפילן דעם טעם פון שווערער קנעכטישער פּראַצע אונטער דייטשע נאַגייקעס — דאָרטן האָט זיך אויסגעשמידט אונדזער קלאַסן־באַוואוסטזיין און דאָרטן האָבן מיר ארומ־דיסקוטירט די דרכים און פּרינציפּן פון סאָציאַליזם. אַן אַרבעטספּלאַץ, וואו יידישע יוגנט איז צום ערשטן מאָל אריינגעדרונגען, איז געווען די אייזנבאַן. די דייטשן האָבן ניט גע׳פּסל׳ט די יידישע גוטע שלאָסערס און שפּעטערדיקע קאָנדוקטאָרן און ברעמזערס. אַזוי איז מלחמה־צייט אויסגעוואַקסן און אויפגעקומען אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס אין סואוואַלק נאָר וואָס פון נאָדל אַרויס, און צוזאַמען מיט די אָרטיקע שניידער־געזעלן, שוסטערס, גאַרבערס, וואַלקערס און פריקאַזשטשיקעס — האָבן זיי זיכער געציילט אין יענע יאָרן אַ פּאָר טויזנט מאַן.

אין 1917, בעת די דייטשע יונקערמאַכט האָט זיך

אַ טרייסל געטאָן אין די דיסציפּלין פון מיליטער איז געוואָרן דערשיטערט, באַזונדערס נאָכן אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין פעברואַר 1917, האָבן מיר גענומען אַריבערטראָגן די אויפקלערונג מיט די דעבאַטן פון דעם ליטעראַרישן קרייז ביים „דראַמאַטישן פאַראיין" אויף די דערמאָנטע אַרבעטספּלעצער. די אַרבעטספּלעצער פלעגן שוין שיקן „דעלעגאַטן" אין קרייז און אין דער „קראַנקן־קאַסע". שפּעטער האָבן מיר צוזאַמען מיט פ.פ.ס. געשאַפן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואו די צונויפגעשמידטע גרופּע פועלי ציון האָט געפאָדערט, לויט דער מאָדע פון יענער צייט, „יידישע פּראָפעסיאָנעלע סעקציעס".

ביי דער סואוואַלקער „גמינע" (קהילה) האָט אין 1918 פונקציאָנירט אַ „קאָמיטעט", וואָס האָט באַקומען הילף פון אַמעריקע, פון „פּיפּעלס רעליף קאָמיטעט" און ס'דוכט זיך מיר אויך פון „דזשאָינט". דער „קאָמיטעט" האָט אויפגעמאַכט אַ „פאָלקסקיך", און די ערשטע בונדיסטן און פועלי ציון האָבן באַשלאָסן צו פאָדערן פאַרטרעטערס, כדי דעם „קאָמיטעט" צו פאַרוואַנדלען אין אַ געזעלשאַפטלעכן אינסטיטוט. אין יענער תקופה האָבן די דייטשע זעלנערס געזאָלט וויילן אַ „סאָלדאַטן־ראַט". פועלי ציון האָבן זיך פאַרבונדן מיט די דייטשע סאָציאַליסטיש־געשטימטע סאָלדאַטן און גענומען פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן שאַפן אַן „אַרבעטער און סאָלדאַטן ראַט" לויטן רוסישן נוסח.

דער בראשית פון „בונד" און „פועלי ציון", ווי פאַרטייען, האָט זיך אָנגעהויבן, ווי פריער דערמאָנט, אין דער דירה פון מאַנופאַקטוריסט ראָזנצוויג. דער „בונד" האָט פּרובירט פּראָקלאַמירן די „ליטעראַרישע סעקציע" ווי דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד" אין סואוואַלק. דאָס האָט געבראַכט צו גרויסע רייסערייען. דער סוף איז געווען, אַז די פועלי ציון האָבן פאַרלאָזן די „סעקציע" און מיט 120 חברים פאַרנומען אַ גרויסע פּרעכטיקע דירה און אָפיציעל פּראָקלאַמירט די שאַפונג פון דער פועלי ציון פּאַרטיי אין סואוואַלק (1918).

די ערשטע עפנטלעכע אַרבעט פון פועלי ציון אין סואוואַלק האָט זיך אויסגעדריקט אין שאַפן אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם בער באָראָכאָוו, בעת די בונדיסטן האָבן געעפנט אָוונטקורסן. דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די וואַלן צו דער ערשטער דעמאָקראַטישער קהילה אין סואוואַלק, די וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען אַ שטורמישע און פאַרבונדן מיטן אָנהייב פון שפּראַכנקאַמף (יידיש־העברעאיש). ס'דערמאָנען זיך די גרויסע פאַרזאַמלונגען אין טעאַטער־זאַל „אַרקאַדיע". די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעשטעלט ווי איר רעדנער דעם איצט באַרימטן ד"ר יעקב ראַבינזאָן, דעם זון פון אַ לערער אין אַ סואוואַלקער מלוכה'שער פאָלקשול. ביים „בונד" איז דער ראש המדברים געווען גליקסאָן, און פועלי ציון האָבן געהאַט צוגעקראָגן קרעפטן פון וואַרשע, ווי אייזיק פּלאַטנער, ברוך ווינאַגורא און איינעם אַ ראָזנטאַל פון לאָנדאָן.

פון אַן „אַרבעטער־ראַט" אין סואוואַלק איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן עס פאַרווערט. געווען אפילו אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אין יענער צייט אין סואוואַלק, וואָס איז צעטריבן געוואָרן דורך די קוילנוואַרפערס פון די „רעוואָלוציאָנערע" דייטשן, און אני הקטן מיט נאָך אַ פּאָר חברים האָבן צום ערשטן מאָל זוכה געווען צו פאַרזוכן דעם טעם פון טורמע.

אין 1919 גרייט זיך סואוואַלק צו וואַלן צום ערשטן געוויילטן שטאָטראַט. פועלי ציון זיינען געווען די, וואָס האָבן אַרויסגערוקט די פאָדערונג פון „אַלגעמיינע, געהיימע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן", בעת פ.פ.ס. און „בונד" זיינען שיעור ניט איינגעגאַנגען, ווי אַ התחלה פון אַ שטאָטראַט, אויף קוריאַלע וואַלן. פועלי ציון האָט יעמאָלט צו נישט געמאַכט די „קוריאַלע וואַלן", וואָס האָט שטאַרק דערצאָרנט די פּאָליאַקן. זיי האָבן גענומען ריידן מיט גענעראַל האַלערס לשון, און פועלי ציון האָבן גענומען שאַפן אין סואוואַלק אַ זעלבסטשוץ־גרופּע מיט הייס געווער.

דער „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין" איז געווען פּראָפּאָרציאָנעל געבויט, און די פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון „בונד", פועלי ציון און פ.פ.ס. אין זכות פון דערמאָנטן פּראָפ' פאַראיין איז פּורים 1919 צום ערשטן מאָל אָפיציעל איינגעפירט געוואָרן אין סואוואַלק דער 8־שעה'דיקער אַרבעטסטאָג.

ס'דערמאָנט זיך נאָך אַן אַקציע פון יענער צייט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן ליטע און פּוילן צוליב סואוואַלק, זיינען ס'רוב יידן געווען פּראָ־ליטוויש, בתוכם פועלי ציון. אָבער די פּוילישע געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע „פּ.אָ.וו." („פּאָלסקאַ אָרגאַניזאַציע וואָיסקאָוואַ") האָט אַלץ צו נישט געמאַכט. זיי האָבן אויסגענוצט די איבערגאַנגס־צייט און איין טאָג פאַרכאַפּט די מאַכט, קודם כל דעם שטאָטראַט. יענעם טאָג האָבן זיי אויפגעהאַנגען אויפן טורעם פון מאַגיסטראַט דעם רויטן שילד מיטן פּוילישן ווייסן מלוכה־אָדלער. מיר, אַ גרופּע פועלי ציוניסטן, האָבן זיך ניט געפוילט און דעם דאָזיקן שילד אַראָפּגעריסן. דער דאָזיקער אַרויסטריט האָט יעמאָלט גענוג איבערגעשראָקן די יידישע באַפעלקערונג.

נאָענט צום יאָר 1920 איז געוואָרן אומרואיק אין דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציע, ס'האָבן זיך גענומען אויסקריסטאַליזירן 2 ריכטונגען, רעכטע און לינקע, וואָרעם פועלי ציון זיינען יעמאָלט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט צוויי צענטערס: מיט וואַרשע און מינסק, אוןביידע פלעגן שיקן ליטעראַטור מיט פּרעסע, אין ביידע ריכטונגען, די „לינקע" פון מינסק און „רעכטע" פון וואַרשע, האָבן געשיקט דעלעגאַטן קיין סואוואַלק: פון מינסק — פינטשוק און יודל לעווין, פון וואַרשע — די פריער דערמאָנטע פּלאַטנער און ווינאַגורא. מיר האָבן אויפגענומען ביידע דעלעגאַציעס מיטן זעלביקן כבוד, ווייל ס'האָט אונדז פאַראייניקט דער באָראָכאָוויזם און די טיפע שטרעבונג וואָס גיכער צו קענען פאָרן קיין ארץ ישראל.

פּסח 1919 רופן סואוואַלקער פועלי ציון אַ ברייטע

ראַיאָן־קאָנפערענץ. די גרענעצן צווישן ליטע און פוילן זיינען נאָך געווען לויזע און מטושטש׳דיקע, און צו דער קאָנפערענץ אין סואוואַלק זיינען געקומען דעלעגאַטן פון גראָדנע, ווילקאווישק (ליטע), פון סייני, יאגוסטאוו, ראַצק און אפילו ביאַליסטאָק און פון נאָך ערטער, וואָס זיינען ארויס פון זכרון. אויף דער קאָנפערענץ האָבן פּאַקטיש צווישן זיך דועלירט נאָר די שליחים פון וואַרשע און מינסק, זיי האָבן באַוויזן אַריינצוברענגען אַ בלבול המוחות צווישן די פועלי ציון פון סואוואַלק, וואָס האָבן זיך אין אויסערלעך־פּאָליטישע ענינים שווער פונאַנדער־געקליבן. פאַר די סואוואַלקער איז בעיקר געשטאַנען פאַר די אויגן די פּערספּעקטיוו פון אַן אַרבעטער ארץ ישראל, אָבער פאַר גרויסע טיילן האָט די רוסישע רעוואָלוציע טיף געלאָקט. די אויפפירונג פון פּ.פּ.ס. אין פּוילן איז אונדז ווי יידן געווען דערווידער, און די פּ.פּ.ס. האָבן דאָך פאַרקערפּערט דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן גאַנג. די קאָנפערענץ איז געווען אַ שטורמישע, אָבער זי האָט זיך פאַרענדיקט בשלום.

אַ סוף צו די אַלע דיסקוסיעס פון פועלי ציון האָט געמאַכט די צעשטורעמטע צייט פון יענע יאָרן. נאָך דעם ווי פּוילן האָט איבערגענומען די מאַכט און זיך פאַר־פעסטיקט אין סואוואַלק, זיינען אַ סך פועלי ציוניסטן אַוועק קיין ליטע, וואו זיי האָבן געהאָלפן אויסבויען די ליטווישע לינקע פועלי ציון פאַרטיי, איר פּרעסע און אינסטיטוציעס.





צוויי בילדער פון ערשטן יידישן ספּאָרט פאַראיין אין סואוואַלק, 1917—1918

די ערשטע תקופה פון פועלי ציון אין סואוואַלק ווערט געשלאָסן אין 1920.

פון 1920 גייט אויף אין סואוואַלק אַן אַנדער ניט ווייניק אינטענסיווער פעריאָד פון אַקטיווער יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, און ווי אומעטום אין פוילן האָבן מיר אין סואוואַלק געהאַט אַלע יידישע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען, רעכטע און לינקע ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע. מיר האָבן געהאַט פאָלקשולן, ספּאָרטפאַראיינען, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, אַ פּרעכטיקע החלוץ־באַוועגונג, און דאָס אַלץ איז אויפגעגאַנגען, אויסגעוואַקסן און זיך פונאַנדערגעבליט אין זכות פון די „ראשונים", פון די ערשטע פּיאָנערן, וואָס האָבן די יסודות פאַרלייגט אין די ביטערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.


## גדליה שמחוני
חיפה


# ציוניסטישע ארבעט

ביים סוף פונעם ערשטן וועלטקריג האָט זיך אָנגעהויבן אין שטאָט אַ פיבערהאַפטע אויפקלער־אַרבעט פאַר די וואַלן צו די יידישע קהלות. דעם וואַלקאַמף האָבן ביחוד געפירט די פירערס און עסקנים פון פארשיידענע פּאַרטייען: יעקב ראַבינזאָן, דער שפּעטערדיקער באַוואוסטער סיים־דעפּוטאַט אין ליטע און לאַנגיאָריקער יוריסקאָנסול פון מדינת ישראל ביי אונא, שוין דאַן אַ הייסער ציוניסטישער טריבון, דר. ווייסמאַן, דר. סטאַראָפּאָלסקי, שמואל ראָזנבערג און זיין זון משה, סוכאָוואָלסקי, גוטמאַן, האָלענדער, רעמבלינקער, די ברידער זעליגסאָן, לעווענטין, א. ליפשיץ, ישראל שפּירא, ק. איינשטיין, מאַצמאַן — אַלע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן; מ. פרידמאַן, ליזעווסקי און אַנדערע פאָרשטייערס פון „מזרחי"; אברהם גליקסאָן, מאַרטשיק — פון „בונד" און נאָך אַנדערע פון „פועלי־ציון", „אגודה". זיי אַלע האָבן זיך פאַרמאָסטן אין ערלעכע, אָבער היציקע פּאָרוואַל־פאַרזאַמלונגען.

אין אָט דער צייט איז כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט געווען קאָנצענטרירט אין דער סקאַוטן־אָרגאַניזאַציע. ווען דער ליטווישער קריגס־מיניסטער זשוקאַס האָט אין 1917 באַזוכט סוואַלק, האָבן אים די יידישע סקאַוטן געמאַכט אַ קבלת פנים און די גאַנצע שאַסייגאַס איז געווען פאַרגאָסן מיט יידן. ווען זשוקאַס האָט אינדז געפרעגט, וואָס ער קען טאָן פאַר אונדז, איז אונדזער ענטפער געווען: גיב אונדז די מעגלעכקייט זיך פריי צו אַנטוויקלען.

אין די ערשטע יאָרן פון סואוואַלק אונטער פּוילן האָט די יידישע סקאַוטן־אָרגאַניזאַציע נאָך גוט געאַרבעט. אָבער שפּעטער האָט ביסלעכווייז פאַרנומען איר פּלאַץ די חלוצישע באַוועגונג. די ערשטע חלוצים פון סואוואַלק נאָכן ערשטן וועלטקריג זיינען געווען: איסטערן, פרידמאַן, באַקשטיין און אַנדערע.

די הויפּטאַרבעט פון „החלוץ" האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די אומרועןן אין יפו און מאָרד פון י. ח. ברנר אין מיי 1921. די יוגנט האָט געשטראָמט אין די חלוצישע רייען, כדי נאָך אַ געהעריקער הכשרה עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. אין סואוואַלק איז געווען אַ „מזכירות מחוזית" — אַ ראַיאָן־סעקרעטאַריאַט פון „החלוץ".

אין און ארום סואוואַלק האָבן זיך געפונען עטלעכע הכשרה־קיבוצים, וואו יוגנטלעכע האָבן דורך שווערער פיזישער אַרבעט זיך געגרייט צום אַרבעטסלעבן אין ארץ־ישראל. געפרייט האָט זיך דאָס האַרץ, אַריינגייענדיק אין קבוץ פון דייטשן מוסטער־פאַרמער אין „זיעלאַנקע" ה' רייראַט, וואו עס האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה ביי 12 חלוצים פון אַלע עקן לאַנד.

זייער געלויבט די אַרבעט פון אונדזערע חלוצים האָט די שצעבראַאלשאַנקער פּריצ'טע, די דעמאָלטדיקע אַסימילאַנטקע און היינטיקע טייערע בירגערין פון ישראל בינשטיין סאַלאַמעאַ, ביי וועמען די חלוצים האָבן באַקומען זייער הכשרה.

צופרידן איז געווען פון דער אַרבעט פון אונדזערע חלוצים דער מאַסקעווישציזנער גוטבאַזיצער, דער גוטער און האַרציקער ייד, ה' קירסניאַנסקי ז"ל. ער האָט אַלץ געטאָן, אַז אויך מיר זאָלן צופרידן זיין.

גרויס אינטערעס האָבן ארויסגעוויזן פאַר דער הכשרה פון אונדזערע יוגנטלעכע די פּריצים פון רעשקאַ, פון די הויפן אַרום גראַיעווע, לאָמזשע, יאַגוסטאָוו און אַנדערע.

אַ ברען פון וועלן זיך איבערבויען פון דאָס ניי האָט ארומגענומען די גאַנצע יידישע יוגנט אין סואוואַלק און אומגעגנט. גליקלעך איז געווען דער יוגנטלעכער, וועלכער האָט אין אויפטראַג פון „החלוץ" דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן צעזעגט אין צעהאַקט 2 מעטער האָלץ אין אַ טאָג.

שטאָלץ זיינען מיר געווען מיט דער דערעפענונג פון אַן אייגענער סטאָלערײַ אין בנין פון מושב־זקנים,

# אשרינו שזכינו לכך!

## יהודינו!

הנה בא היום המאושר שזכינו לו ז׳ אלפים שנה. ארץ־ישראל הוכרה מאת ועידת השלום בתור מקלט לאומי לעם ישראל.

יהודים! 1850 שנה עברו מהעת שחרות עמנו נגולה ממנו באכזריות נוראה, ומגורש מארצו זה לעם נודד, מפוזר ומפורד בין כל העמים.

למרות כל הצרות והתלאות, עמל ויגון שעברו עלינו במשך גלותנו המרה והארוכה, לא חדלנו לקוות, כי יבוא יום גאולתנו תזרח לנו שמש־הדרור, ואנו נשיג את ארצנו הישנה־חדשה.

ובגורלנו אנו נפל להיות הדור האחרון לגלות והראשון לגאולה.

יחד עם כל היהדות הפולנית חוגגים אנו בל״ג בעומר זה את היום הגדול, שבו נתמלאו ונתקימו תפלותינו ותקותינו והננו קוראים לכל אוכלסי היהודים בעירנו לחוג את החג הגדול של גאולת עמנו בארצנו באופן המתאים לערכו הגדול של היום הזה.

ביום ל״ג בעומר, בשעה 10 בבקר תערך בבית הכנסת תפלה חגיגית לכבוד הברית ,כותבו על אותנו.

במשך כל עת התפלה מן השעה 9 בבקר עד השעה 1 אחה״צ תהיינה כל חנויות היהודים סגורות.

בתי היהודים והמרכבות צריכים להיות מפוארים ומקושטים כראוי.

במשך כל היום

# ממכר־פרחים

לטובת ,,קרן־הגאולה״

סובלק, י״ז לחדש אייר תר״פ.

ועד הקהלה.

## יודען!

דער טאג אויף וועלכען מיר האבן שוין באלד 2000 יאהר געווארט איז ענדליך געקומען. ארץ ישראל איז פון פרידענס־קאנפערענץ אנערקענט געווארען אלס א היים פארן יודישען פאלק.

יודען! 1850 יאהר זיינען אריבער זינד אונזער גאנצער האט זיין זעלבסטשטענדיקייט פערלארען און איז פון זיין היימאט פערטריבען און איבער דער גאנצער וועלט צוזייט און צושפרייט געווארען. פיל צרות און ליידען, גיט און פיין איז אונז אויס־געקומען אויף אונזער לאנגען גלות־וועג אריבערצוטראגען, אבער קיין איין רגע האבן מיר ניט אויפגעהערט צו האפען, אז קומען וועט דער טאג פון אונזער גאולה, ליכטען וועט אויף נאר אונז די זוהן פון פרייהייט און צוריק בקומען וועלן מיר אונזער אלט־נייע היימאט לאנד. און אויף אונזער גורל איז עס אויסגעפאלען צו זיין דער דור האחרון לגלות והראשון לגאולה.

און צוזאמען מיט דאס גאנצע פוילישע יודענטום פייערן מיר היינטיגן ל״ג־בעומר די פערווירקליכונג פון אונזערע תפלות און האפנונגען און רופן אויף די גאנצע יודישע בעפעלקערונג פון אונזער שטאט צו פייערן דיעם גרויסען יום טוב פון גאולת עמנו וארצנו אויף א פאסענדען ווייזען פאר די גרויסע בעדייטונג פון דעם יום־טוב.

ל״ג בעומר 10 א זייגער אין דערפריה ווערט אבגעהיטעט אין שוהל א פייערליכער גאטעס־דינסט לכבוד דאס צוריקבעקו־מען פון ארץ ישראל.

אין דער צייט פון גאטעס־דינסט, ד. ה. פון 9 ביז 1 אזייגער נ. מ. דארפען זיין אלע יודישע געשעפטן געשלאסען.

אלע יודישע הייזער און בא־קאנען דארפן זיין געהעריג דעקארירט און בעפוצט.

דעם גאנצען טאג

# אבלימל־פערקויף

לטובת ,,קרן־הגאולה״

סובאלק, י״ז אייר.

ועד הקהלה.

אויפרוף פון ועד הקהילה צו פייערן דעם טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

וואו עס האָבן באַקומען זייער הכשרה 8 יוגנטלעכע חלוצים.

דאָ וויל איך דערמאָנען דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פאָטער ר׳ חיים דוב ז״ל, וועלכער האָט אונדז פיל מיטגעהאָלפן צו באַקומען דעם בנין.

פאַר די, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, איז דער טאָג געווען צו קליין. אָט פאָרט מען אין קיבוץ לייענען אַ פאָרטראג, אָט דערליידיקט מען אין אַ צווייטן קיבוץ אָרגאַני'זאַציאָנעלע ענינים, אָט אָרגאַניזירט מען אַ קורס פון עברית, פון דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל, פון פּאַלעסטינאגראַפיע אאז״וו.

מיר האָבן זיך ניט באַגרענעצט נאָר מ׳ט די ענינים פון „החלוץ״, נאָר זיך אויך באַטייליקט אין אַלע אַלגעמיינע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. באַזונדערס אַקטיוו זיינען מיר געווען אין דער אַרבעט פון קרן־קיימת. מיר האָבן פיל געשאַפן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. אָבער דער מורשה איז ניט געווען קיין אונדזעריקער. האָט זיך אין אונדז דערוועקט די קנאה: סטייטש, 80% אַרבעט פון קרן־קיימת פירן מיר אויס, פאַרוואָס זאָל בערל זעליגזאָן, דער פאָרשטייער פון אַלגעמיינע ציוניסטן, זיין דער מורשה? און בערל זעליגזאָן איז געווען אַ בחור אַ גאָלד, איבערגעגעבן בכל לבו ונפשו דעם קרן־קיימת. ס׳טרעפט, דו קומסט צו אים אריין אין געשעפט. פיל קונים ארום אין קליינעם קרעמל. זאָגסט אים: „בערל, דאָרטן און דאָרטן איז אַ חתונה, איך האָב ניט קיין פאַרטנער, קומט מיט מיר״. לאָזט ער אַלץ און שוין איז ער אויפן וועג צו דער שליחות מצווה. אָבער דאָך ווילן מיר אַן „אייגענעם״ אויף זיין פּלאַץ און מיר מאַכן אַ „רעוואָלוציע״ און נעמען איבער די אָנפירערשאַפט פון קרן־קיימת. דעמאָלט ווייסן מיר שוין גאָרניט פון גענוג. די הכנסות ווערן פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט.

פיל פון יענע אַמאָליקע אידעאַליסטישע חלוצים אין סוואַלק און אויך זייערע פאַמיליעס האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דער ערד פון ארץ ישראל. נאָך היינט געפינען מיר די חברים איסטערן און פרידמאַן אין קיבוץ פון עין חרוד, אליהו יאסעלעוויטש אין עין החורש, עובדיה יאָסעלעוויטש אין רמת הכובש, זשעניע פיגאווסקא אין אשדות יעקב און נאָך און נאָך.

חנה אלטשולער

# זכרונות וועגן סוואַלקער יידן

יידן פון סואוואַלק זיינען פון תמיד געווען פאַרבונדן מיט בנין הארץ. ניט קיין וואונדער, וואָס דער ציוניזם—אין אַלע זיינע פאָרמען—האָט באַהערשט כמעט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין סואוואַלק.

די אַלגעמיינע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סואוואַלק איז געווען זייער אַקטיוו. איר פאָרזיצער איז געווען דער איבערגעגעבענער ציוניסט און טאַלאַנטפולער רעדנער ד״ר ל. ווייסמאַן. ד״ר נ. סטאַראָפּאָלסקי האָט פאַרנומען אַ בכבוד׳יק אָרט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע קולטור־טוערס אין סואוואַלק. צו די אַקטיווסטע חברים פון אונדזער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן געהערט: ריזנבערג און זיין פרוי, אביעזר זשילקעוויטש, משה דוד זשילקעוויטש און זיין פרוי, שלמה גוטמאַן, די ברידער יעקב און בערל זעליגסאָן, חנא סוכאוואלסקי, פריי עברי, גבריאל איילענדער, חנא מאַרקאָוויץ און אַ ריי אַנדערע. מיין מאַן אברהם אַלטשולער איז געווען פון די איבערגעגעבנסטע מיטגלידער פון דער סוואוואַלקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיין מאַן האָט אָנגעפירט מיטן קרן היסוד אין סואוואַלק ביז זיין פריצייטיקן טויט אין 1928.

צי אַלגעמיינע ציוניסטן, צי ציוניסטן־סאָציאַליסטן—אין סואוואַלק האָבן זיי כמעט אַלע זיך פאַרנומען מיט מסחר, וואָס איז דאָ געלעגן בעיקר אין יידישע הענט. היות איך האָב געהאַט אַ שוך געשעפט, וועל איז זיך אָפּשטעלן אויף דער לעדער־בראַנזשע.

איינער פון די אַמאָליקע לעדער־סוחרים אין סואוואַלק איז געווען שלמה אַלטשולער, אַ זון פון ר׳ אליעזר מרדכי. ביז דעם ערשטן וועלטקריג האָט ער געהאַט די פאַרטרעטערשאַפט פון דער דעמאָלטדיקער באַרימטער פּעטערבורגער פירמע פון קאַלאָשן און גומי־אַרטיקלען „טרעאוגאָלניק״. פון גאַנץ ס׳אוואַלקער גובערניע און פון גאַנץ ליטע פלעגט מען קומען צו שלמה אַלטשולערן קויפן די „טרעאוגאָלניק״־קאַלאָשן און גומי־אויסאַרבעטונגען. פון די אַמאָליקע גרויסע שוך קראָמען אין סואוואַלק איז אויך געווען באַקאַנט די פירמע פאדלאסקי.

נאָכן ערשטן וועלטקריג זיינען אין דער סואוואַלקער לעדער־בראַנזשע געווען באַקאַנט: זלמן אַלטשולער, זון פון ר׳ אליעזר מרדכי, אַראַנאָווסקי, מאָרגנשטערן, לעווענטין, פ׳ון די שוך געשעפטן—די ברידער קאווין, פירמע פאדלאסקי, פירמע אַלטשולער, לעווין, הינטערשטיין, משה קראווצ׳ינסקי א׳ן נאָך אַנדערע.

פון די ל׳מד׳ישע יידן געדענק איך די ברידער ר׳ יאָסל און ר׳ לייבציק קר׳צענישקי. דער לעצטער האָט געהאַט אַן אייזן געשעפט א׳יף מאַרקגאַס, געווען אַ

גרויסער סוחר און בעל־צדקה. עס דערמאָנט זיך מיר, ווי מיין פעטער אהרן קרוצענישקי, וועלכער האָט ניט פאַרפעלט צו לערנען בין מנחה למעריב אין חברה ש״ס, פלעגט יעדן שמיני עצרת אין דער פרי פאררופן די חברה ש״ס אויף לעקעך און בראָנפן.

אַ זעלטן פיינע און איידעלע פערזענלעכקייט איז געווען ר׳ שמואל סאלאמיאנסקי. אַ ייד אַ למדן, אַ גרויסער בעל־מידות, שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפן און מיט אַ גוט וואָרט פאַר יעדערן. אַ מאָל האָט ער געפירט גרויסע געשעפטן און די אַלע, וואָס האָבן געהאַט מיט אים האַנדלס־באַציאונגען, האָבן באַוואונדערט זיין אויסערגעוויינלעכע ערלעכקייט.

צו די ליכטיקע פערזענלעכקייטן אין סואוואַלק האָט געהערט ר׳ שמואל שאַפּירא, ר׳ בנימין מינצס איידעם. געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. פון זיין מתן בסתר האָבן געוואוסט נאָר זיינע נאָענטע. צו אים פלעגן זיך ווענדן אַלע נויטבאַדערפטיקע און ער פלעגט אַלעמען העלפן מיט אַ פולער האַנט.

געווען אַ שטאָט מיט שיינע און גוטע יידן—וואו איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען?

שלמה רימאן

# „ביתר״

די רעוויזיאָניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „ביתר״ איז אין סואוואַלק געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1927. דער ערשטער מפקד־הקן פון סואוואַלקער „ביתר״ איז געווען דוד שטערן, וועלכער האָט די גרעסטע פאַרדינסטן אין אויסבויען די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע צו איינער פון די פּאָפּולערטסע יידישע געזעלשאַפטן אין שטאָט. אַ דאַנק אים זיינען אין „ביתר״ אַריינגעצויגן געוואָרן זייער פיל יוגנטלעכע פון דער סואוואַלקער העברעאישער גימנאַזיע. די גרויסע צאָל גימנאַזיסטן האָט אויך פאַרלייכטערט דעם „ביתר״ צו פירן זיין גאַנצע טעטיקייט נאָר אויף עברית.

אין 1930 זיינען עולה געווען אַ ריי אַקטיווע חברים און חברות פון סואוואַלקער „ביתר״ און דאָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין ווייטערדיקער אַרבעט.



„נורדיה״־מאַנשאַפט

(פון לינקס צו רעכטס): מ. סימענסקי (קאַפּיטאַן), ביעדאַק, וואָראָבייטשיק, א. גארדאן, פיליפּאָווסקי, ב. מאַלינסקי, ש. אַוויראָן, י. יעלינעווסקי, י. ראָזנבלום, צאַלקאָווסקי, ש. קשיוויצקי, ד. שטיינבערג, ח. דומבאָוויטש.

אין די ערשטע יאָרן האָט דער „ביתר" געהאַט זייער אַ שטאַרקע פוטבאָל מאַנשאַפט. זיינע ערשטע פוטבאַליסטען זיינען געווען: קובע בערנשטיין, א. פּוליטאווסקי, יהודה נייערמאַן, דוד שטערן, אברהם שיינמאַן, יאָסל קאַץ, לייזער באַראַווסקי, יעקב באַראַווסקי, וויקטאָר בערמאַן, לייזער צאַליקאָווסקי, אַרטשיק פּינקאָווסקי, ישראל סטרעלטוקאַווסקי, שלמה האַלפּערין און אַנדערע.

נאָך דער שפּאַלטונג אין דער רעוויזיאָניסטישער וועלט־באַוועגונג האָט זיך אויך אין סואוואַלק געשאַפן אַ גראָסמאַניסטישע פּאַרטיי, צו וועלכער עס זיינען צוגעשטאַנען אַ סך ביתר'יסטן. בראש פון דער ניי־געשאַפענער פּאַרטיי זיינען געשטאַנען שמואל גראַדאַווסקיס עלטסטער זון חיים זלמן, וואָס איז אומגעקומען אין אוישוויץ, משה ליזשענסקי, וואָס איז גע'הרג'עט געוואָרן בעת אַ מיליטערישער אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע און אליה גאָרדאָן, וואָס איז געפאַלן אין די ערשטע שלאַכטן פון דער מלחמה צווישן פּוילן און דייטשלאַנד אין 1939.

נאָך עטלעכע יאָרן פון אָפּגעשוואַכטער טעטיקייט האָט זיך דער סואוואַלקער „ביתר" ווידער גענומען פאַרשטאַרקן אין 1937. דערצו האָט אַ סך צוגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס אליה גאָרדאָן, דער פּאָרזיצער און גרינדער פון דעם ספּאָרטקלוב „הכדור", האָט אַריבערגעפירט אַ גרויסע צאָל חברים און דאָס גאַנצע אייגנטום צו „ביתר" און געשאַפן איין ספּאָרטקלוב אונטערן נאָמען „נורדיה".

אין די ספּאָרט־סעקציעס פון „נורדיה" האָבן געשפּילט: זעליק ביעדאַק, וועלוול פונק, משה סאַפּערזאָן, אליה גאָרדאָן, אלתר וואָלף, יאָסל צאַליקאָווסקי, ישראל לובלינסקי, משה־מאָטע סעמענסקי, יאָסל יעלינעווסקי, דער זון פון יושב־ראש פון סואוואַלקער קהילה קושנערזיצקי, מאָטל באַנדישקאָווסקי, קאַספּערסקי, קיפּער, הירש־וועלוול סאַנדאַווסקי, ראובן שידאַרסקי, וועלוול פּאַפּאָווסקי, לאַנאָוויצקי און אַ ריי אַנדערע, וואָס איך געדענק שוין ניט זייערע נעמען.

אַ סך ביתר'ישע ספּאָרטלערס זיינען אין משך פון דער צייט עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ניט ווייניק פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער העלדישער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל אין 1948.

אליעזר שערער

# סואוואַלקער „טאָז"

די געזעלשאַפט „טאָז" אין סואוואַלק איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע מוסדות אין אָרטיקן יידישן לעבן. איר אויפגאַבע איז געווען צו היטן דאָס געזונט פון די אָרעמע יידישע קינדער פון שטאָט.

„טאָז" האָט געגעבן די אָרעמע יידישע קינדער אין סואוואַלק פרייע מעדיצינישע הילף אויף אַלע געביטן און זיי באַזאָרגט מיט אומזיסטע וואַרעמע מאָלצייטן. זומער צייט האָט „טאָז" אַרויסגענומען די אָרעמע יידישע קינדער פון זייערע פינצטערע און פאַרשטויביקטע היימען און זיי געהאַלטן און אויסגעהאַלטן אין די האַלב־קאָלאָניעס, וואָס ער האָט יעדעס יאָר געשאַפן אויף די פרישע פעלדער פון ארום סואוואַלק.

פון דער הילף פון „טאָז" האָבן גענאָסן יידישע קינדער פון אַלע סאָרטן: יינגלעך פון דער תלמוד־תורה, מיידלעך פון דער „תרבות"־שול און תלמידים פון אַנדערע שולן.

אַ גרופּע פון יונגע סואוואַלקער אימיגראַנטן אין אַמעריקע, ווי אויך קינדער פון עלטערע אימיגראַנטן, האָבן אין 1937 אָרגאַניזירט אין ניו־יאָרק אַ קלוב צו אונטערשטיצן דעם „טאָז" און אנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס אין סואוואַלק. די פּאָרזיצערין איז געווען פריי מינץ־בעילי. ווי דער גרינדער פון דאָזיקן קלוב קען איך זאָגן, אַז אין די צוויי יאָר פון זיין עקסיסטענץ האָט ער איבערגעשיקט צום סואוואַלקער „טאָז" הינדערטער דאָלאַרן. דער אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה האָט געמאַכט אַ סוף צו אונדזער אַרבעט, ווייל די יידישע קינדערלעך האָט מען פאַרגאַזט און פאַרברענט.

זאָלן די פּאָר ווערטער זיין אַן אייביקע מצבה צום אָנדענק פון די אומגעקומענע יידישע קינדער, ווי אויך פון מיין ליבער מוטער שרה שערעשעווסקי, וועלכע האָט אויך געהאָלפן אין דער סואוואַלקער „טאָז"־אַרבעט.




סואוואַלקער „טאָז".



עסצימער פון „טאָז" פאַר סואוואַלקער אָרעמע קינדער.

אויפן בילד זעט מען: ד"ר שערמאַן, דענטיסטין פרוי סטוטשינסקי, פרל' פערעץ, חנה מייטקעס.



פאַרוואַלטונג פון סואוואַלקער „טאָז".

שטייען פון רעכטס צו לינקס: דענטיסטין סטוטשינסקי, לאַבאָראַטאָריע־אסיסטענטקע חנה מייטקעס.
זיצן: מיידעלע קרושינסקי, אומבאַקאַנט, ד"ר סטראַראָפּאָלסקי, ד"ר ראָזנטאַל, ד"ר שערמאַן (פאָרזיצער), פרוי פּערעץ, אומבאַקאַנט, פרוי לאָזמאַן.

## שלמה רימאן

# „מכבי"

צווישן די פיל יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין סואוואַלק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אויך געווען דער ספּאָרטקלוב „מכבי".

פון 1919 ביז 1924 האָט פאַר „מכבי" עקסיסטירט אין סואוואַלק אַ יידישע פוטבאָל־מאַנשאַפט מיטן נאָמען „אַמאַטאָרן", וואָס איר גרינדער און שטיצער איז געווען ישעיה קערשקאָווסקי. אין דער דאָזיקער פוטבאָל־קאָמאַנדע האָבן געשפּילט: אדלסאָן, וויסאָצעק ניסן, ווערעבייטשיק לייבקע, ליפּשיץ מאָטקע, ליפּטשאַק מאָטקע, מאגלענדער, סמאַלינסקי מיכאל, ספּירסקי, פּינקאָווסקי משה הירשל, רייגנגווירץ גבריאל און אַנדערע.

אין 1924 איז די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון די „אַמאַטאָרן" אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן און דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן דער ספּאָרטקלוב „מכבי". אויך דער גרינדער פון „מכבי" איז געווען דער דערמאָנטער י. קערשקאָווסקי. אים האָבן געהאָלפן די ברידער שמעון, דוד און אברהם׳ל פינק, הענעך קלאַטשקאָווסקי, לייב ליפּשיץ, יאָסל סאלניצקי, אברהם קויפמאן און אברהם טשארקא.

אין דער ערשטער פוטבאָל־מאַנשאַפט פון „מכבי" האָבן געשפּילט: די דריי דערמאָנטע ברידער פינק, עליע האלענדער, שלמה שטיינבערג, מאָטקע ליפּטשאַק, חיים קוואַס, משה־הירשקע פינקאָווסקי, אברהם קויפמאן, שמואל סקיבעלסקי, דוד רייך, לייב ליפּשיץ, דאָדעק שטערן, שולקעס, אברהם שיינמאן, אברהם טשארקא, הענעך קלאַטשקאָווסקי און יאָסל סאלניצקי. די לעצטע זעקס זענען געווען תלמידים פון דער העברעאישער גימנאַזיע.

די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון „מכבי" האָט געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע נצחונות. די פוילישע צוקוקערס פון אַ מאַטש זיינען ניט אַלע מאָל געבליבן גלייכגילטיק, ווען ער האָט זיך געענדיקט מיט אַ זיג פון די יידישע

ספאָרטלערס. אַזוי האָט פּאַסירט נאָכן דערפאָלגרייכן שפּיל פון „מכבי״ איבערן מייסטער פון ביאַליסטאָקער קרייז. די צעיושעטע פאָליאַקן זיינען באַפאַלן דעם יידישן עולם און עס איז געקומען צו אַ גרויס געשלעג, בעת



פאַרוואַלטונג פון סואוואַלקער „מכבי״ אין 1928.

זיצנדיק פון רעכטס: סטעריסאָלער (אינסטרוקטאָר), טשאַרקאָ אברהם.

שטייענדיק פון רעכטס: ליפשיץ לייבל, קירשקאָווסקי ישעיה, קויפמאן אברהם.



די פוטבאָל־מאַנשאַפט פון „מכבי״ אין סואוואַלק אין 1929.

ערשטע ריי פון רעכטס צו לינקס: מאָטל קראַוטשינסקי, דוד פינק, יאָסל זעליגמאַן, אברהם קויפמאַן. שמעון אָשינסקי.

צווייטע ריי שטייען: ניסן אַבראַמסקי, דוד רייך, אברהם פינק, ישעיה קערשקאָווסקי, שמעון פינק, שלמה שטיינבערג, לייב האַלענדער.

וועלכן די יידן זיינען נישט געבליבן הינטערשטעליק. דער שטאַרקסטער יידישער טרעגער האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע גבורה, שלאָגנדיק אַליין אַ גרויסע צאָל פּאָליאַקן.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון „מכבי" זיינען אַריין: ערן־פּאַרזיצער ד"ר פרייסמאַן, פּאַרזיצער ישעיה קערשקאָווסקי, מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג: אברהם קויפמאַן, לייב ליפשיץ, אברהם טשאַרקאַ, יאָסל סאָל־ניצקי, הענעך קלאָטשקאָווסקי און ראובן פעקאַרסקי (געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין דעצעמבער 1949).

„מכבי" האָט זיך גיך אַנטוויקלט. אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער קלוב געציילט אַרום 300־400 אַקטיווע און 200 פּאַסיווע מיטגלידער. ער האָט זיך אויס־געהאַלטן פון אייגענע הכנסות. „מכבי" האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיק־שיינעם לאָקאַל מיט אַ שיינעם גרויסן זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און גימנסטיק, מיט אַ סצענע פאַר פאָרשטעלונגען, אייגענעם גרויסן ראַדיאָ, אַ פּיאַנאָ, פאַר־שיידענע טייערע ספּאָרט־מכשירים. אין דעם שיינעם לאָקאַל האָט אַ גאַנץ יאָר געשפּרודלט מיט לעבן, פרייד און אַקטיוויטעט.

אַן ערנסטער קריזיס אין דער אָרגאַניזאַציע איז געקומען אין 1936, ווען דער פּאַרזיצער איז געוואָרן ראַטנשטיין. ער האָט איינגעפירט אַ ריי זאַכן, מיט וועלכע ניט אַלע חברים האָבן מסכים געווען, און אַ טייל פון זיי האָבן אפילו פאַרלאָזן „מכבי".

גרויס כבוד און אויך פיינע הכנסה פלעגן ברענגען די גראַנדיעזע גימנאַסטיק יום־טובים, וואָס „מכבי" פלעגט דורכפירן איין מאָל אַ יאָר אין גרויסן שטאָטישן זאַל. דער רוח־החיה פון די דאָזיקע „טורן־פעסטן" איז געווען דער באַגאַבטער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר ווויסלאַ. ער איז אין 1930 אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון דעם ניי־געשאַפענעם בונדישן ספּאָרטקלוב „מאָרגנשטערן", וואָס האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן, און וויסלאַ איז אַריבער צו „מכבי".

אין 1936 איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ יידישער ספּאָרטקלוב, דער „הכדור", אָנגעפירט פון חברים, וועלכע האָבן פאַרלאָזן „מכבי" צוליבן סכסוך מיטן פּאַרזיצער ראַטנשטיין, בתוכם אויך דער מחבר פון אָט די שורות. די שפּילערס זיינען ס׳רוב באַשטאַנען פון יונגע ייִנגלעך אין עלטער פון 14 ביז 16 יאָר.




די פאַרוואַלטונג און רעווידיר־קאָמיסיע פון סאָוואַלקער „מכבי" אין 1938-39.

שטייען פון רעכטס צו לינקס: אברהם פינק, סיינענסקי, ישעיה קראַוויצינסקי, ישעיה גאַלינסקי, דוד פינק.

צווייטע ריי: סואוואַלסקי, שלמה שטיינבערג, דער אינסטרוקטאָר וויסלאַ, אברהם מורזשינסקי, פרידמאַן, ווינער (אינסטרוקטאָר).

דריטע ריי: ד"ר אברהם טשאַרקאָ, ישעיה קערשקאָווסקי, ד"ר לעאָן סמאָלינסקי, ראטנשטיין, זעליק סאָלאָווייטשיק.

לעצטע ריי: אשר איגעלסקי, זעליק צווילינג.

דער „הכדור" האָט גאָר גיך אויפגעהאָדעוועט פוטבאָל־שפּילערס טאַקע פאַר „מכבי", אין וועלכן זיי־ זיינען אַריינגעטראָטן נאָך זיין צוויי־יעריקער עקס־סטענץ. ביי „הכדור" זיינען אויסגעוואַקסן די נייע ספּאָרטלערס לייב נייערמאַן, געצע אספּאָוואַט, חיים־לייב קראַסנאָ־פּאָלסקי, חיים וויסאַצעק, שמואל קשיוויצקי און אַ ריי אַנדערע.

„מכבי" האָט אויך פאַרמאָגט אַן אייגענעם קליינעם

ספאָרטפּלאַץ פאַר לייכט־אַטלעטיק, קוישבאָל, נעצבאָל, שווימען וכדומה. די פאַרוואַלטונג פון „מכבי" האָט אָפּגעדונגען אַ שטיק פעלד און עס אויסגעבויט אין אַ פיינעם טרעניר־פּלאַץ פאַר זיינע מיטגלידער. אין די זומער־חדשים איז דאָ געווען לעבעדיק און פריילעך.

די פינג־פּאָנג סעקציע פון „מכבי" איז געווען די בעסטע אין סואוואַלק. מיר אַליין איז פיל יאָרן אויסגעקומען צו רעפּרעזענטירן דעם קלוב אין פאַרשיידענע פאַרמעסטונגען.

פון די אויסגערעכנטע ספּאָרטלערס געפינען זיך איצט אין קאַנאַדע שמעון און אברהם פינק. חיים קוואס לעבט איצט אין פוילן. דוד פינק איז עטלעכע טעג פאַר דער באפרייאונג געפאַלן מיט געווער אין די הענט אין אַ שווערן פאַרטיזאַנער־קאַמף. ווער קען אויסרעכענען די



אַלגעמיין בילד פון סואוואַלקער „מכבי" אין 1929.

ערשטע ריי פון רעכטס צו לינקס: לייב פינקאָווסקי, יעקב בירנהאָלץ, משה גראַבשטיין, זעליק צווילינג, מענדל לעווין, אומבאַקאַנט, איזאַקאָווסקי, פּאָטאָצקי, פּאָטאָצקי, אומבאַקאַנט, קושניערזשיצקי.

צווייטע ריי: אומבאַקאַנט, באַשקיר, אומבאַקאַנט, אומבאַקאַנט, דוואָרעצקי, אומבאַקאַנט, האַלפּערן, לערנער, מילקאָווסקי, אומבאַקאַנט, גאַלינסקי, קאָבלינסקי, אומבאַקאַנט, אַלטער קאַלמאַנאָוויץ, אומבאַקאַנט, יאָגעל, אומבאַקאַנט.

דריטע ריי: משה ליזשעווסקי, אומבאַקאַנט, חיים קוואַס, אברהם קויפמאַן, ליובע ליפשיץ, ישעיה קערשקאָווסקי, דירעקטאָר עפראָן, ד"ר ל. ווייסמאַן, ד"ר נ. סטאַראָפּאָלסקי, אַדוואָקאַט ערדרייך, אומבאַקאַנט, אומבאַקאַנט, האָלענדערסקי, פרוי ד"ר סטאַראָפּאָלסקי, אומבאַקאַנט, סמאָלאַן, אומבאַקאַנט.

פערטע ריי: משה פרידמאַן, דוד צווילינג, מאָטל גאַלינסקי, האָרעכווע, אומבאַקאַנט, פּאָנעמונסקי, דוד ווּרובלעווסקי, איציק לעווינסקי, שלמה דאַנטאָ, דוד פינק, ישראל פּוטשאַנסקי, אומבאַקאַנט, שמעון פינק, אברהם מורזשינסקי, ישעיה גאַלינסקי, לעווינסקי, שלמה שטיינבערג, פּרוסאַק.

פינפטע ריי: ניסן כלאַבאָווסקי, נחום סאַיעט, וועלוול קוזשניערזשיצקי, מאיר קלאַדאָווסקי, משה־הירשל פינקאָווסקי, אליהו גאָרדאָן, משה יעלינעווסקי, אברהם פינק, יאָסל זעליגמאַן, אומבאַקאַנט, יאָסל זאַלקינד, שמעון אָשינסקי, עזרא לינצעווסקי, אומבאַקאַנט, וועלוול כלאַבאָווסקי, יעקב זשינעווסקי, אשר איגעלסקי, אומבאַקאַנטע.

זעקסטע ריי: פּאַיאַנס, זשינעווסקי, מאָטל קרינסקי, טאָבאָלסקי, אומבאַקאַנט, מינץ, אומבאַקאַנט, ל. שטיינבערג, אומבאַקאַנט, אומבאַקאַנט, משה אָספּאָוואַט, דוואָרעצקי, לייבל איילענדער, ניסן אַבראַמסקי, גרימזשאַנסקי, משה פיליטאָווסקי, יהודה סמאָלאַן, מאַגדולין, אליהו איילענדער, באָנדישקאָווסקי, קאַמענקאָוויטש.

שטייען אין דער שפּיץ: שבתי קאַנאָוויטש, אומבאַקאַנט, דוד רייך, לייזער ראָזנדאָרף.

אונטן זיצן דריי קינדער: ד"ר סטאַראָפּאָלסקיס מיידעלע, דירעקטאָר עפראָנס מיידעלע, אַפּטייקער אָכראָנס יינגל.

אַלע טרייע קעמפּערס פאַרן ייִדישן כבוד אין די געטאָס, בונקערס און וועלדער? אינעם „יזכור"־בוך פון אונדזער ליבער שטאָט סאָוואַלק זאָלן דאָ פאַראייביקט ווערן די נעמען פון די ייִדישע ספּאָרטלערס, וואָס איך געדענק:



די באָקס־מאַנשאַפט פון סואוואַלקער „מכבי" אין 1928.

פון רעכטס צו לינקס שטייען: דער פּוילישער אינסטרוקטאָר, אברהם קויפמאַן, שלמה שטיינבערג, לייב ליפשיץ, מאיר יאָגעל, יאָסל זעליגמאַן, אברהם מורזשינסקי, דוד רייך, לייב פּינקאָווסקי. אין פראָנט: די ברידער אברהם און דוד פּינק.

אָשינסקי, שימיאָשקי, ברענהאָלץ יעקב (יאַנטשע), גרימזשאַנסקי יוסף (קאַבאַן), אײלענדער עליע, קראַסנאָפּאָלסקי חיים לייב, זעליגמאַן יאָסל, ווײנער יעקב, זשיניעווסקי יעקב, קויפמאַן שמואל (א גראָדנער), אבראַמסקי ניסן, אבראַמסקי גרשון, אבראַמסקי ברוך, ראָלסטײטשער, שטיינבערג שלמה, וויסאַצקי חיים, אָספּאָוואַטגעצע, אָספּאָוואַט משה, פּינקאָווסקי הלל, נייערמאַן לייב, פּינקאָווסקי משה הירש, סמאָלאַן יהודה, סעלענסקי אַלטערקע, וועלשער יעקב, פּאָמעראַנץ, פראַנק, כלעבאָווסקי ניסן, כלעבאָווסקי וועלוול, גרינשטיין חנא הירש, בערנשטיין בערעק, לובלינסקי אברהם, דאַנטאַ שלמה.

אין די לײכט־אַטלעטישע פאַרמעסטונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אויפן שטאָטישן סטאַדיום, האָבן אַ ריי „מכבי"־ספּאָרטלערס זיך שטאַרק אָנגעזען. די דריי ברידער פּינק האָבן פאַרנומען די ערשטע ערטער אין לויף געווען אויף 100 מעטער. אין שטאַפעט פון 4 מאָל 100 מעטער האָבן אויסער די ברידער פּינק זיך אויסגעצייכנט הענעך קלאַטשקאָווסקי און יאָסל סאָלניצקי. אין ווייטשפּרונג און שטאַבשפּרונג פלעגן דוד און אברהם פּינק פאַרנעמען די ערשטע ערטער. אין לויף אויף לאַנגע שטרעקעס פון דריי קילאָמעטער האָבן מיר פאַרמאָגט איין און איינציקן רעפּרעזענטאַנט, וועלכער האָט אונדז פאַר אַ סך יאָרן פאַרשאַפט פיל כבוד, שלאָגנדיק אַ גרויסע צאָל נישט־ייִדישע לויפערס. דאָס איז געווען מאיר קלאַדאָווסקי. ער איז אין אַלע פאַרמעסטונגען אַרויס דער זיגער. ווען אין וואַרשע זיינען פאָרגעקומען ווייטלויף־פאַרמעסטונגען פון אַלע פּויליש שטעט, האָט סואוואַלק געשיקט אַהין צווישן אַנדערע אויך מ. קלאַדאָווסקין. ד"ר טשאַרקאַ אברהם, אדוו. יאָסל סאָלניצקי, הענעך קלאַטשקאָווסקי זיינען געווען די גייסטיקע פירערס פון סואוואַלקער „מכבי".

אין 1935 איז מיט דער צווייטער „מכביה" אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל יאָסקע סאָלניצקי, וואו ער געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג. הענעך קלאַטשקאָווסקי, וועלכער איז פאַר פיל יאָרן געווען דער סעקרעטאַר פון „מכבי", איז אומגעקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן דורך די נאַצישע מערדערס. ד"ר אברהם טשאַרקאַ איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד פון פלעקטיפוס.

דער ספּאָרטקלוב „מכבי" האָט אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל געשיכטע אין דעם ייִדישן לעבן פון סואוואַלק. מיטן אונטערגאַנג פון דער ייִדישער קהילה אין סואוואַלק איז אויך פאַרשוואונדן אויף אייביק אַ שיינע און פּרעכטיקע ייִדישע ספּאָרט־משפּחה, וואָס האָט פאַרשאַפט כבוד די ייִדן פון אונדזער חרוב'ער היימשטאָט.

# טיפּן און געשטאַלטן

הרב אהרן מגנצא

# ר׳ בנימין און ר׳ מרדכי מגנצא

הרב הצדיק ר׳ בנימין מגנצא איז געווען דער סואוואַלקער דיין אין סואוואַלק, ווען אויפן דאָרטיקן כסא־הרבנות זיינען געזעסן אַזעלכע רבנים, ווי ר׳ הלל ליבשיץ, ר דוד טעבלי קאַצענעלנבויגן, ר׳ משה בצלאל לוריא און ר׳ אהרן באקשט. עטלעכע מאָל, ווען דער כסא־הרבנות איז געוואָרן פריי, האָבן סואוואַלקער בעלי־בתים פאָרגעלייגט ר׳ בנימינ׳ען, אַז ער זאָל ווערן זייער רב, אָבער ער האָט זיי אַלע מאָל אָפּגעזאָגט.




ר׳ בנימין האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די גרויסע אחריות פון אַ רב, אָבער ער האָט דאָך געטראָגן אויף זיך דעם עול פון דער גאַנצער קהילה. ער איז ניט נאָר געווען דער דיין פון שטאָט, נאָר דער פאַרזאָרגער פון יעדן אין פון אַלעמען. אַלע יידן פון שטאָט,



וועלכע זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג, האָבן געזען אין אים זייער טאַטן און פריינד, וועלכער זאָגט מוסר און לערנט זיי, אָבער וואָס גלעט און וואַרעמט. און דאָס אַלץ ווערט געטאָן מיט אַזוי פיל פשטות, אַז מען זעט ניט פאַר זיך דעם צדיק, נאָר דעם קליינעם, דאַרן ר׳ בנימין.

פול מיט האַרציקייט און וואַרעמקייט צום געדריקטן מענטשן, האָט ער ליב געהאַט דעם פּראָסטן יידן, דעם שניידער און שוסטער, דעם וואַסערטרעגער און קוימענקערער — און די אַלע פאָלקסמענטשן האָבן אים ליב געהאַט.

ווען די שטאָטישע תלמוד־תורה האָט אין 1931 זיך געפונען אין אַ שווערן מצב און זיך גענייטיקט אין פאָנדן, האָבן די סואוואַלקער יידן—ווי אַן אויסדרוק פון די געפילן צו זייער דיין—אָפּגעדרוקט עטלעכע טויזנט פאָטאָגראַפיעס פון ר׳ בנימינ׳ען אויף צו פאַרקויפן אין שטאָט און צו לאַנדסלייט אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וואָס זייער הכנסה איז געגאַנגען פאַר דער תלמוד־תורה.

ערב שבת פלעגט ר׳ בנימין זיך באַווייזן אין מאַרק ביי די „דרייצן קרעמלעך" צו דערמאָנען די יידן, אַז דער שבת דערנענטערט זיך. ניט איין מאָל פלעגט ר׳ בנימין אַליין קייקלען אַ פאַס הערינג, כדי צוצוהעלפן דעם קרעמער גיכער צו פאַרמאַכן די קראָם.

ר׳ בנימין איז געווען אַ מסתפק במועט און דער עיקר געזעסן על התורה ועל העבודה. אין די שפּעטע שעה׳ן פון אָוונט פלעגט ער האַלטן די פיס אין קאַלט וואַסער, כדי ער זאָל וואָס לענגער קענען לערנען.

ר׳ בנימין איז געווען אַ געוואַלדיקער בקי אין ש״ס און מפרשים. 25 מינוט פאַר זיין טויט, ווען ד״ר נפתלי סטאַראָפּאָלסקי האָט געוואָלט וויסן דעם צושטאַנד פון קראַנקן ר׳ בנימין און האָט אים געפרעגט אַ מאמר אין גמרא, האָט יענער אים געענטפערט: סוטה דף ט׳, עמוד אלף.

ר׳ בנימין איז נפטר געוואָרן ג׳ אלול תרפ״ה אין עלטער פון 75 יאָר.

ר׳ בנימין האָט געהאַט דריי זין: ר׳ מרדכי ניסן, ר׳ ישראל חיים, איצט אין תל־אביב, און ר׳ אליה משה, וועלכער איז געווען רב אין בוענאס איירעס און דערנאָך רב־הכולל אין טשילע, וואו ער איז נפטר געוואָרן אין תשי״ב.

איינער פון זיינע איידעמס, ר׳ מיכאל סרעבראָוויטש, איז געווען אַ נכבד אין לאָמזשע, אַ צווייטער איידעם— ר׳ אברהם קאַטשער, לערער אין שפּעטער משגיח אין

סאוואַלקער תלמוד־תורה, און דער דריטער אידעם—הרב גרשון ברוידע, דער לעצטער דיין אין סאוואַלק.

*

דער עלטסטער זון פון ר׳ בנימינ׳ען, ר׳ מרדכי, האָט צו ערשט געלערנט ביי זיין פאָטער און דערנאָך אין סלאָבאָדקער ישיבה.

ר׳ מרדכי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין צדקה און מעשים טובים. פרייטיק צו נאַכט נאָך מעריב פלעגט ער בלייבן דער לעצטער אין בית־המדרש הגדול, כדי מיטצונעמען מיט זיך די אָרעמע אורחים, וועלכע זיינען געבליבן אין שול. עטלעכע אורחים פלעגט ער מיטנעמען מיט זיך אַהיים און פאַר די איבעריקע האָט ער געהאַט אַ „רעסטאָראַן" ביי מאָטע־מאיר׳ן, וועמען ער פלעגט באַצאָלן פון זיין אייגן געלט. אַ סך מאָל פלעגט מען אים טרעפן מיט אַכצן־צוואַנציק אורחים, אַ העלפט צום „רעסטאָראַן" און אַ העלפט צו זיך אַהיים.

האָט אַן אָרעמאַן געדאַרפט אַ הלוואה, געלט צו מאַכן שבת אָדער אויף אַן אַנדער נייטיקן צוועק, האָט ער שוין געוואוסט זיך צו ווענדן צו ר׳ מרדכי׳ן. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ר׳ מרדכי איז אַליין געגאַנגען לייען געלט, כדי צו העלפן אַן אָרעמאַן.

זיין גוטהאַרציקייט איז געווען אין לשער, און מענטשן האָבן זיך געוואונדערט, פון וואַנען נעמט ר׳ מרדכי אַזוי פיל געלט צו פאַרטיילן צדקה. מען איז געקומען דעריבער צו דער מסקנא, אַז ר׳ מרדכי האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס אויף דער „דאַלערוואוקע". דאָס איז אָבער ניט געווען אמת.

ר׳ מרדכי האָט ניט נאָר אַליין געגעבן צדקה, נאָר ער האָט אויך געמאַכט אַנדערע געבן צדקה. גרויסע, פשוט איבערמענטשלעכע מסירת־נפש האָט ער באַוויזן אין זיין אַרבעט פאַר דעם „ועד הישיבות". ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין די לעצטע עטלעכע יאָרן איז ער געווען אַ קראַנקער און ליידנדיקער מענטש, האָט ער דאָך געאַרבעט מיט לייב און לעבן פאַר די ישיבות. צוליב זיין ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט האָט מען זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט אים צו געבן אַ נדבה.

זיין אַרבעט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער פולער מאָס פון די גרויסע גאונים און פירערס פון פאָלק, הגאון הצדיק דער חפץ־חיים זצ״ל און הגאון ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי זצ״ל, וועלכע זיינען געווען זיינע פערזענלעכע פריינד.

נאָך ר׳ מרדכי׳ס פטירה אין כ״ז ניסן תרצ״ו האָט די הנהלה פון „ועד הישיבות" אין ווילנע פאַרעפנטלעכט דעם ווייטערדיקן אַרטיקל אין אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט „דאָס וואָרט":

„איינער פון אונדזערע בעסטע, שענסטע, איבערגעגעבנסטע און אפשר טאַקע דער בעסטער, שענסטער און איבערגעגעבנסטער איז פון אונדז אַוועק אויף דעם צוויי און פופציקסטן יאָר פון זיין לעבן. זיין נאָמען איז געווען ר׳ מרדכי מגנצא פון סאוואַלק.

„ווי ווייניק מיר פאַרמאָגן זיי, די שטילע, באַשיידענע און געטרייע. אַ מאָל, לייענען מיר אין אונדזערע אַלטע געשיכטעס, זיינען געווען פיל יידן, וואָס האָבן זייער לעבן, זייער גאַנצן אינטערעס געשטעלט אין דינסט פון לימוד התורה, אָבער אין אונדזערע טעג זיינען זיי דאָ ווייניק.

„אָבער ר׳ מרדכי איז געקומען צו אונדז ווי אַ פרייוויליקער. ער האָט זיך אַליין אָנגעשלאָגן איבערצונעמען די אַרבעט און האָט אַרויסגעוויזן אין משך פון צען יאָר אַ זעלטענע באַגייסטערונג. ער האָט געטראָגן די לאַסט מיט יענער אינערלעכער שיינקייט און מיט יענעם באַוואוסטזיין, וואָס איז גאָרניט בנמצא אין אונדזערע טעג, און וואָס האָט שטענדיק דערמאָנט אין דער אַמאָליקער נדיבות הלב פון די פאַרצייטיקע דורות עסקנים.

„ביז די לעצטע טעג איז ער געשטאַנען אויף זיין פאָסטן. אפילו די פסח־אַרבעט פאַרן „ועד הישיבות" האָט ער נאָך אָנגעפירט, און ווען מיר האָבן דאָ מתפלל געווען פאַר זיין געזונט, אויף אַ בריוו פון זיינע פריינד, וועלכע האָבן אונדז אָן זיין וויסן מודיע געווען וועגן דער סכנה, אין וועלכער ער געפינט זיך, איז ער נאָך געשטאַנען ביי זיין אַרבעט און נאָך מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט געטאָן פאַרן „ועד הישיבות".

ר׳ מרדכי מגנצא׳ס באַגלייטערין אין לעבן, זיין טייערע פרוי שרה, איז שטענדיק געשטאַנען ביי זיין זייט צו העלפן אין די מעשי הצדקה והחסד. שרה מגנצא הי״ד איז געווען פיין געלערנט. זי האָט שוין אין יענע יאָרן שטודירט אין אוניווערסיטעט. זי האָט גוט געקענט העברעאיש, רוסיש און פויליש. געווען אַ גרויסע מלומדת אין תנ״ך און מפרשים. אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זי איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מינסק, האָט זי געהאָלפן דאָרטן אָרגאַניזירן העברעאישע קורסן פאַר לערערס.

שרה האָט געטיילט דעם ביטערן גורל פון אַלע סאוואַלקער יידן. געווען צו ערשט אין ביאַלאָ־פאָדליאַסק מיט איר יינגסטן זון ישראל און דערנאָך פאַרשיקט געוואָרן קיין סלאָנים, וואו זי איז אומגעקומען מיטן זון אין 1943, הי״ד.

ר׳ מרדכי און שרה׳ס צוויי זין לעבן אין סט. לואיס, אַמעריקע, וואו הרב צבי איז דער ראש־ישיבה פון דער דאָרטיקער ישיבה „זכריה יוסף" און דער יינגערער זון, דער שרייבער פון אָט די שורות, איז רב אין דער דאָרטיקער קאָנגרעגיישאָן „בית־תפלה".

הרב יהואש זאַוואָזניצקי

# פאָרטרעטן פון לומדים, עסקנים און נדיבים

## די צוויי ברידער צדיקים ר׳ חיים־שלמה און ר׳ ישראל־מאיר זילבערמאַן

אין שטאָט האָט מען ר׳ חיים־שלמה׳ן געדענקט נאָר פון זיינע עלטערע יאָרן, כאָטש סיי ער און סיי זיין פאָטער ר׳ יעקב זיינען געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק. אין דער הקדמה פון זיין ספר „אור יעקב" זאָגט ר׳ חיים־שלמה וועגן זיין פאָטער אַזוי : „איש נבון וחכם אשר כל יגיעו ועבודתו תורת ה׳ בפיו הוא הרב ר׳ יעקב זילבערמאן מילידי סובאלק ולומד ודורש ברבים". אין שטאָט האָט מען ר׳ חיים־שלמה׳ן גערופן „דער אמעריקאַנער", ווייל ער האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין אַמעריקע.

אין הקדמה פון ציטירטן ספר לויבט ער השי"ת, וואָס ער האָט געבענטשט „מיין עלטערן ברודער, דעם טייערן לערנער ר׳ ישראל-מאיר, מיט אַ טייערן זון, — ווי עס איז געווען שטענדיק זיין שטרעבונג. זיין נאָמען איז יצחק, אַ בן חכם ונחמד, וואָס ביי זיין בר־מצוה האָט ער שוין געזאָגט אַליין אַ דרשה. ער איז אַ גוטער דרשן און אַ גוטער מקיים. איך געדענק, אַז ווען ער איז נאָך אַלט געווען פיר יאָר, פלעגט ער אָפּהיטן דאָס ענטפערן אָמן. און איצט, ווען ער איז שוין אַלט זיבן־אַכט יאָר, עסט ער ניט אָן אַ ברכה". און ער איז מוסיף : „איך שרייב עס ניט ח"ו צוליב מיין כבוד אָדער צוליבן כבוד פון משפחה, נאָר כדי צו ווייזן, אַז אויך אין אַמעריקע קען מען דערציען די קינדער אויף דעם יידישן וועג, אויב מען וויל נאָר".

ר׳ חיים־שלמה האָט אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע ספרים, וואו ער האָט צוזאַמענגענומען מאמרים און דברי־מוסר פון ראשונים און אחרונים און צוגעגעבן אַ סך אייגענע געדאַנקען וועגן יסודות היהדות וחיזוק הדת, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחברו. די נעמען פון זיינע ספרים זיינען : 1) ספר מדרש רבה, צוויי כרכים, איבערגעזעצט אויף עברי־טייטש, מיט די פירושים פון די בעסטע מפרשים. געדרוקט אין ס׳ט לואיס, תרע"ט. 2) „אור־יעקב", געדרוקט אין ירושלים, תרנ"ט. 3) „שולחן־שבת" אין דריי חלקים, געדרוקט אין סואוואַלק שנת תרפ"ה, און די קונטרסים „שלחן שבת" אויף חיזוק התורה, „שמירת־הלשון", „בקשת חפץ־חיים", „קדושת שבת", „חשבון מחיי אדם", געדרוקט אין סואוואַלק, שנת תרפ"ו.

כדאי צו באַמערקן דעם אינהאַלט פון „שלחן שבת", ווי עס גיט אָן אַליין דער מחבר אין זיין שער בלאַט:„אין דעם
גיט אָן אַליין דער מחבר אין זיין שער בלאַט : „אין דעם
ספר וועט דער לעזער געפינען פיל זאַכן וואָס איז נויטיג צו וויסן פאַר יעדן אידן און וועט האָבן גרויס נוטץ אויף ביידע וועלטן און וועט וויסן צו וואָס ער איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט. דארום האָבן מיר אים געמאַכט



אין אַ פּאקעט פאָרמאַט, אַז יעדער זאָל אים קענען האַלטן ביי זיך און וועט וויסן ניט צו פאַרגעסן זיין געוויסן".

ער האָט זיך באַמיט צו שרייבן ספרים אין אַ פאָלקסטימלעכן יידיש, באַ׳טעמ׳ט מיט אַ סך משלים פון לעבן, און זיי האָבן געהאַט איין ציל : צו לערנען דאָס פאָלק צו היטן די תורה. אַזעלכע ספרים׳לעך פלעגט ער אַליין אָפּט טיילן אין גאַס.


ספר
שלחן שבת
חלק ג.

אין דעם ספר וועט דער לעזער געפינען פיעל זאכן וואָס איז נייטיג צו וויסן פאר יעדן אידן און וועט האָבן גרויס נוטץ אויףביידע וועלטן און וועט וויסן צו וואָס ער איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט.

דארום האָבן מיר איהם געמאכט אין אפּא־קעט פאָרמאט אז יעדער זאָל איהם קענען האלטן ביי זיך און וועט וויסן ניט צו פארגעסן זיין געוויסן.

מאת ר׳ חיים שלמה ב"ר יעקב זצ"ל זילבערמאן.
סובאלק, שנת תרפ"ה.

דרוקעריי א. י. גענינא, סובאלק.
Tłoczono w drukarni St. Milewskiego, Suwałki.

איך האָב אַ מאָל געזען, ווי אויפן ווינקל פון יאַטקע גאַס און שול גאַס שטייען יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות און לייענען קליינע מוסר־ספרים׳לעך. ווי קומען אַהער מוסר־ספרים ? דאָס איז ר׳ חיים־שלמה דאָ פאַרביי־געגאַנגען אויף זיין שטענדיקן וועג צו דער שול און געטיילט זיינע ספרים, כדי יידן זאָלן אריינכאַפּן כאָטש אַ פאָר מינוט תורה.

ר׳ חיים־שלמה אַליין פלעגט ניט אָפּטרעטן פון געצעלט פון תורה. מיט גרויס התמדה פלעגט ער זיצן און לערנען. ער האָט אויך געלערנט פאַר אַן עולם אין די

קלויזן פון „חברה מדרש״, „עין יעקב״, און „הכנסת אורחים״. אָפט פלעגט ער אויך דינגען רביים פאַר זיין געלט צו לערנען אין די חברות.

נאָך מער נסתר איז ער געווען מיט זיינע גרויסע נדבות, וואָס ער פלעגט פונאַנדערטיילן אין די שווערע טויזנטער. ביחוד האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אויפ־בויען און פאַרריכטן מקוואות. ווי מען גיט איבער, האָט אין דעם פרט געווירקט אויף אים דער חפץ-חיים זצ״ל. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען חרוב געוואָרן אַ סך מקוואות, און ר׳ חיים־שלמה פלעגט ארומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך און העלפן בויען אָדער פאַרריכטן מקוואות, ניט זעלטן דעקנדיק אַליין די אַלע הוצאות.

צוליב דעם איז זיין נאָמען באַוואוסט געווען ווייט איבער די גרענעצן פון סואוואַלק. רבנים פון ווייטע געגנטן פלעגן זיך ווענדן צו אים וועגן אַרויסהעלפן זייער שטעטל מיט בויען אַ מקווה. אָט וואַרט אויף אים דאָס גאַנצע שטעטל אָזיאָר (לעבן גראדנע), אַז ער זאָל קומען אַהין און העלפן פינאַנסירן דאָס אויפשטעלן פון אַ מקווה. צוליב דעם דאַרף ער דורכפאָרן גראדנע, — טאָ אין וועלכן האָטעל שטייט איין אָט דער „אַמערי־קאנער״? — טרעפט אים דער שרייבער פון די שורות, ווי ער עסט מיטאָג אין אַ ווינקל פון קיך אין גראדנער ישיבה קטנה, וואו עס פלעגן אויך עסן דורכפאָרנדיקע אָרעמעלייט.

ר׳ חיים־שלמה האָט געהאַט אַ שטענדיקע חזקה גלייך נאָך שחרית צו באזוכן נויטבאַדערפטיקע הייזער און אויסטיילן זיי הילף לויט זיין איינזען. וואו עס איז נאָר געווען אַן ענין פון הכנסת כלה, ביקור חולים אָדער סתם צרות פון יידן, פלעגט ער קומען צו הילף. ער פלעגט אויך אונטערשטעלן מענטשן אויסצופאָרשן, ווער עס איז אַ נצרך און שעמט זיך צו דערציילן וועגן זיין נויט. אַזאַ איינעם פלעגט ער געבן הילף בסתר. ער פלעגט באַ־שטעלן ביי גויים פורן האָלץ און זיי הייסן אַוועקפירן צו געדריקטע פאַמיליעס, וואָס האָבן אפילו ניט געוואוסט, ווער דאָס האָט געשיקט. אַזוי פלעגט ער אויך אריינשיקן בעטגעוואַנט און אַנדערע נייטיקע אַרטיקלען צו אָרעמע קימפעטאָרינס און געדריקטע משפחות.

גאַנץ אָפט פלעגט מען אים זען ביי נאַכט, גייענדיק מיט זיינע גרינגע טריט און אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טראָגנדיק אויף זיינע פלייצעס שטיקער האָלץ און בעטגעוואַנט צו נויטבאַדערפטיקע הייזער.

ער פלעגט שטיצן אַלע שטאָטישע מוסדות מיט אַ ברייטער האַנט. ער האָט געקויפט אַ הויז אויף דער ערשטער מיי־גאַס פאַרן ביקור־חולים און לינת־הצדק. דאָרטן איז געווען אַ דירה פאַרן פאַרוואַלטער דוד באנדזיסקאווסקי, ווי אויך אַ גרויסער זאַל פאַר פאַרזאַמ־לונגען. שפּעטער האָט ער אויך געקויפט נאָך אַ הויז (אויף יאטקע גאס), וואָס זיינע הכנסות זיינען געגאַנגען פאַרן לינת־הצדק. אַ קורצע צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געגעבן טויזנט זלאָטעס האַנטגעלט אויף אַ דריט הויז פאַר ביקור־חולים (חארלאַפּס הויז אויף יאטקע גאס), אָבער די פוילישע רעגירונג האָט דעם קויף ניט באַשטעטיקט.

פון וואַנען האָט ר׳ חיים־שלמה גענומען אַזוי פיל געלט אויף צדקה? — דאָס האָט ער באַקומען פון זיין ברודער אין אַמעריקע ר׳ ישראל מאיר.

איז זיין ברודער טאַקע געווען אַזאַ גרויסער גביר? — ווייט דערפון! ער איז געווען אַן איינפּאַכער, אָרעמער פעדלער, אָבער אַ גרויסער בן־תורה און צדיק, וועלכער האָט געלעבט אַ געדריקט לעבן, האָט אָפּגעריסן פון זיך און געשיקט צו זיין ברודער אין סואוואַלק גרויסע סכומים געלט אויף תורה, צדקה און גמילת־חסדים.

דער סואוואַלקער רב ר׳ יוסף יאסעלעוויטש פלעגט זיך נוהג זיין, אַז ווען מען פלעגט קומען צו אים בעטן אַ ברכה, פלעגט ער אויך צושיקן צו ר׳ חיים־שלמה׳ן, דעם „גוטן ייד״.

ר׳ חיים-שלמה אליין האָט אָבער געלעבט אָרעם און איינזאַם אויף אַ בוידעם־שטיבל. זייענדיק אַלט און קראַנק — ער האָט געליטן פון מאלאריע — פלעגט ער זיך באַנוגענען אָנצואוואַרעמען דעם אויוון מיט שטיקער פּאַפּיר. שבתים און יום־טובים פלעגט ער עסן ביים באַוואוסטן שטאָטישן נדיב און זיין נאָענטן פריינד שמואל נח שאפּירא.

פון זיין פערזענלעכן לעבן און פאַרגאַנגענהייט איז כדאי דאָ צו דערמאָנען אינטערעסאַנטע פּרטים, וועלכע עס האָבן אונז איבערגעגעבן זיינע קרובים פון הייזעלטאָן, אַמעריקע.

זיין פאָטער ר׳ יעקב האָט געהאַט פיר זין אין סואוואַלק, יוסף, ישראל־מאיר, חיים שלמה און שמואל. זיי אַלע זיינען געקומען אין דער יוגנט קיין אַמעריקע. צוויי פון זיי, ר׳ ישראל־מאיר און ר׳ חיים־שלמה, האָבן זיך באַזעצט אין הייזעלטאָן, פּענסילווייניע.

די פרוי פון ר׳ חיים־שלמה׳ן איז געשטאָרבן יונגער־הייט, איבערלאָזנדיק צוויי פּיצעלעך קינדער. תּחילת איצטיקן יאָרהונדערט האָט ער גענומען מיט זיך די צוויי קינדערלעך און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. ער האָט געמוזט אריינגעבן זיינע קינדער אין אַ בית יתומים און אַליין האָט ער זיך איבערגעגעבן צו לערנען תורה און שרייבן זיינע ספרים, אָבער אויך דאָרטן האָט ער ניט זוכה געווען צו האָבן מנוחה. ער האָט דאָרט באַקומען מאַלאַריע און אַן אויגן קראַנקייט. אין 1913 האָט ער צוזאַמען מיט די קינדער זיך אומגעקערט קיין הייזעלטאָן, וואו ער האָט זיך פאַרנומען מיט אָפּגעבן פּריוואַטע לעקציעס, בעיקר פאַר מיידלעך, ווייל זיי זיינען דאָך די צוקונפטיקע מוטערס. ער פלעגט ליב האָבען קינדער אהבת נפש, און מען פלעגט אים אָפט קענען זען אין דער חברה פון קינדער. אויך די קינדערלעך פלעגן אים זייער ליב האָבן, ווייל ער פלעגט זיי פיין לערנען מיט ליבע. ווען זיינע אייגענע קינדער זיינען אויפגעוואַקסן און זיך געפונען ווייט פון אים, האָבן דיביידע ברידער צדיקים ר׳ חיים־שלמה און ר׳ ישראל מאיר געמאַכט אַ סאָרט שותפות, אַז דער ערשטער זאָל (אין 1922) פאָרן צוריק קיין סואוואַלק, זיך דאָרט איבערגעבן לתורה ועבודה

וחסד, און ר׳ ישראל מאיר זאָל אים צושיקן די געלטער אויף דעם.

ר׳ ישראל־מאיר איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק אין יאָר 1853. ער האָט געלערנט אין דער גרויסער וואלאָזשינער ישיבה ביי דעם גאון דעם נצי״ב. ארום 1873 איז ער געקומען קיין אמעריקע. אין עטלעכע יאָר ארום האָט ער חתונה געהאַט מיט חנה בת ר׳ צבי ליטווינאווסקי, וואָס זיין פאָטער ר׳ יעקב האָט ספעציעל אראָפּגעבראַכט קיין ניו־יאָרק פון סואוואַלק. נאָך דער חתונה האָט דער פאָטער זיך אומגעקערט קיין סואוואַלק. ר׳ ישראל־מאיר׳ס פרנסה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט ארויס־גיין יעדן טאָג מיט אַ גרויסן פּאַק קאָלדרעס, ליילעכער, טיכלעך און נאָך זאַכן, און וואַנדערן צווישן די דערפער אַרום הייזעלטאַן. אַלע קונדן, אפילו קריסטן, האָבן אים זייער געאַכט ווי אַן ערלעכן און פיינעם מענטשן. כמעט די גאַנצע רווחים פלעגט ער אַוועקשיקן אויף צדקה אין ארץ ישראל, אין סואוואַלק און אויך אין אַמעריקע גופא.

פאַר זיך האָט ער ווינציק געדאַרפט. ער פלעגט אַ גאַנצע וואָך שלאָפן אויף דער ערד און עסן בלויז ברויט מיט זאַלץ, נאָר שבת און יום־טוב פלעגט ער שלאָפן אין אַ בעט און צוגרייטן בעסערע עסן פאַר זיך. זיין גאַנץ לעבן איז געווען לשם־שמים. יעדע פרייע מינוט פלעגט ער עוסק זיין בתורה, פלעגט פראַווען חצות און פלעגט פאַסטן בה״ב. אויסער זיינע אייגענע גרויסע סכומים אויף צדקה, פלעגט ער נאָך פאַרלאָזן זיין פאַמיליע און פאָרן אין גאַנץ ווייטע ערטער צו זאַמלען צדקה ביי אַנדערע. אויף די דאָזיקע נסיעות פלעגט ער צעטיילן בראָשורן וועגן „טהרת המשפחה״ און וועגן די יסודות היהדות.

אין יאָר 1922 האָט ער באַזוכט ארץ ישראל. אויף זיין צוריקוועג איז ער אויך געווען אין זיין היימשטאָט סואוואַלק און ביי דעם חפץ־חיים אין ראַדין, וועמען ער פלעגט שיקן גרעסערע סומעס געלט פאַר דער ישיבה. דער חפץ-חיים האָט אַרויסגעוויזן צו אים גרויס רעספּעקט און ליבע.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט זיין לעבן. ער איז נפטר גע־וואָרן ט׳ אייר תש״ד און נקבר געוואָרן אויף דעם בית־עולם פון ישיבת תפארת־ירושלים אין ניו־יאָרק.

פון ר׳ ישראל מאיר׳ס קינדער איז איצט דאָ אין הייזעלטאַן נאָר זיין יינגסטער זון ר׳ אריה, וועלכער האָט געלערנט אין ארץ־ישראל׳דיקע ישיבות. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין פרוי דבורה אין ירושלים. ווען ר׳ ישראל מאיר איז נסתלק געוואָרן, האָט זיין שנור דבורה געשריבן וועגן אים אַן אַרטיקל אין „מאָרגען זשורנאַל״.

די תורה קערט זיך שטענדיק אום צו איר אכסניה. און זייערע דריי קינדער זיינען טייערע לערנערס אין טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד.

דאָס לעבן פון ר׳ חיים שלמה׳ן איז אָפּגעשניטן געוואָרן דורך די נאַציס.

ווען די נאַציס זיינען אריין קיין סואוואַלק און יידן האָבן אָנגעהויבן לויפן פון שטאָט, האָט דער סואוואַלקער רב ר׳ דוד ליפשיץ גע׳עצה׳ט ר׳ חיים־שלמה׳ן זיך אריבערצוכאַפּן אויף דער ליטווישער זייט. ר׳ חיים האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז ער איז צו אַלט און שוואַך דאָס צו אונטערנעמען. איז ער געבליבן זיצן אין סואוואַלק, העלפנדיק נויטבאַדערפטיקע מיט גרעסערע סומעס דאָ־לאַרן, וואָס דאָס האָט פאַרלייכטערט אריבערצוגיין די גרענעץ. ווען די בהלה פון לויפן איז געוואָרן זייער גרויס, האָט ער זיך געלאָזט איבעררייזן און מיט אַ גרופּע יידן אריבער די ליטווישע גרענעץ. ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט מיט נאָך פיל פליטים אין שטעטל זאסלע, ליטע, וואו ער האָט ממשיך געווען זיינע מעשים טובים פאַר די פליטים און נויטבאַדערפטיקע. אַזוי ווי אין סואוואַלק אַזוי האָבן אויך די זאסלער יידן באַוואונדערט זיינע מעשים און צדקות און געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פאַרצייטיקן „גוטן ייד״.

אין דעם זומער תש״א — 1941, ווען די היטלעריסטן האָבן חרוב געמאַכט ליטע, איז ער צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה יידן אומגעקומען אויף קידוש השם.

אַ צדיק איז ער געווען ביים לעבן — און אַ קדוש ביי זיין טויט.

הי״ד ויהי זכרו ברוך.

## ר׳ חיים מענדל פרידמאַן

דער פאר והדר פון סואוואַלקער בעלי־בתים בכלל און פון רעליגיעזע עסקנים בפרט איז אין משך פון צענדליקער יאָרן געווען ר׳ מענדל פרידמאַן. צווישן די לומדים פון שטאָט — דער גרעסטער למדן, צווישן די סוחר׳ישע קרייזן — דער פיינער סוחר און נדבן, צווישן די איבערגעגעבענע טוערס אין רעליגיעזע און סאָציאַלע אַנשטאַלטן — דער שענסטער, ווירטיקסטער עסקן. אַ דרשן, פה מפיק מרגליות, אַ גרויסער פיקח און נוח לבריות און דער ראש המדברים אומעטום. אַ לאַנגע צייט געווען דער פרעזעס פון ועד הקהל. דער ראש פון חברה ש״ס, תלמוד־תורה און חברה־קדישא. אַ הייסער חובב ציון און פיל געאַרבעט פאַר ארץ ישראל. גרויסע געסט אין שטאָט האָבן געוואוסט, אַז קודם כל דאַרפן זיי קומען אין קאָנטאַקט מיט ר׳ חיים מענדל פרידמאַן, און זיין הויז איז טאַקע געווען אַ בית ועד לחכמים, תורה וגדולה במקום אחד.

אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין דער גרויסער וואלאָזשינער ישיבה, אין דער סאַמע תקופה פון איר גלאַנץ, ווען צווישן אירע לערנערס האָבן זיך געפונען די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע גאונים, ווי ר׳ שמעון שקאָפּ, גראַדנער ראש הישיבה, ר׳ ברוך בער לייבאָוויץ, קאַמענעצער ראש הישיבה און אַנדערע.

דער וועלט־באַרימטער גאון ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין האָט אָפּגעדרוקט אין זיין באַקאַנטן ספר „משיב־דבר״ ח״ב צוויי תשובות צו ר׳ חיים מענדל פרידמאַן, וואו ער איז זיך מפלפל מיט אים אין הלכה און טיטולירט אים מיט גרויסע שבחים.

צענדליקער יאָרן האָט ער באַשיינט די שטאָט אויף אַלע געביטן. מיט זיין טיפער לומדות און מעשים טובים האָט ער סימבאָליזירט דעם לומד׳ישן טיפּ פון פריערדיקע דורות, ביז סואוואַלק איז פאַר׳יתומ׳ט געוואָרן אויך פון דעם יחיד המיוחד דורך זיין פלוצעמדיקער פטירה, בליל שבת קדש, כ׳ שבט תרצ״ח.


ר׳ חיים מנחם מענדל פרידמאַן רעדט אויפן שולהויף

## ר׳ נפתלי פרידלענדער

אַ צווייטער פון די סאַמע פני פון סואוואַלק איז געווען ר׳ נפתלי פרידלענדער, וועמען מען האָט טאַקע נאָך דער פטירה פון ר׳ חיים מענדלען באַטראַכט פאַר זיין ממלא־מקום און אים באַשטימט פאַרן ראש פון חברה־ש״ס, ווי אויך פאַרן פירער פון דער תלמוד־תורה. ער האָט אויך גע׳שמ׳ט מיט זיין גרויס לומדות און געווען אַ זעלטענער דרשן ובעל מסביר. אויף דער טראַדיציאָנעלער סעודה פון חברה־ש״ס פלעגט ר׳ נפתלי האָבן די חזקה אין משך פון אַ סך יאָרן צו זאָגן דעם יערלעכן פלפול אויף ש״ס.

ר׳ נפתלי איז געווען אַ גרויסער בעל-מידות, אַ מיושב בדעת און אַ פיקח. פאַר פיל יאָרן איז ער געווען פירנדיקער מיטגליד פון ועד הקהלה און אַקטיווער עסקן אין שטאָט. מיט גרויס דרך ארץ האָט מען זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען.

## ר׳ אליה ראָזנטאַל

אַ הויך־געוויקסיקער ייד מיט אַ פירשטלעך גע־שטאַלט. דער כבוד־התורה איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלץ און ער פלעגט אָפט אַרויסטרעטן פאַר דעם מיט שטאָלץ און ענערגיע. וואָס ער פלעגט פאָדערן פון אַנדערע פלעגט ער אליין מקיים זיין. תמיד פינקטלעך אָפּגעהיט דעם לימוד התורה ברבים, ווי אויך תפילה בציבור.

געשטאַמט האָט ער פון די מיוחס׳דיקע סואוואַלקער פאַמיליעס ראָזנטאַל, וואָס זיינען געווען מפורסם ווייט איבער די גרענעצן פון שטאָט. אַ קורצע צייט איז ער געווען דער וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט. אין פאַר־שיידענע צייטן — דער ראש פון חברה־ש״ס, אַ גבאי און עסקן אין אַ ריי שטאָטישע מוסדות. אין משך פון צענ־דליקער יאָרן פלעגן יעדן שבת פאַר נאַכט זיך צונויפ־קומען מענטשן פון לומד׳ישן קרייז אין זיין באַוואוסטן מנין פון מוצאי שבת.

מיט זיין שווערער פּאַראַליז־קראַנקייט, אין זיינע לעצטע יאָרן, און שפּעטער מיט זיין פטירה אין ווינטער 1932 איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פּרעסטיזש פון תורה־טרייע בעלי בתים אין סואוואַלק.

## ר׳ לוי יצחק געלבאַרד

אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט ר׳ לוי יצחק באַשיינט „די חברה תורה״ קלויז, וואו ער איז געווען דער ראש החברה און דער רבי פון חברה ש״ס. ער אליין האָט געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין ש״ס, וואָס ער האָט מסיים געווען אַ סך מאָל.

ר׳ לוי יצחק איז געווען אַ תלמיד פון וואלאָזשינער ישיבה. אויך זיין פאָטער איז געווען אַ למדן און אַ ירא־שמים און אַ גרויסער זהיר במצוות. וועגן דעם מהות פון זיין פאָטער פלעגט ר׳ לוי יצחק דערציילן די ווייטערדיקע געשיכטע :

זייענדיק אַ ייד אַ סוחר פלעגט ער אַרומפאָרן איבער קריסטלעכע ישובים און אַ מאָל אויך מוזן ביי זיי איינשטיין. ער האָט, נאַטירלעך, געהאַט מיט זיך זיין אייגן עסן, פון דעם גוי פלעגט ער נאָר בעטן אַ ביסל וואַסער זיך צו וואַשן. האָט איין מאָל געטראָפן, אַז אַ גוי האָט בשום אופן אים ניט געוואָלט געבן אַ ביסל וואַסער. דער פאָטער האָט אויסגערופן צום גוי, אַז אויב ער וועט ניט קריגן קיין וואַסער, וועט ער מוזן טאָן אַזאַ זאַך, פון וועלכער יענער וועט „צעשפרונגען״ ווערן פון פאַרדראָס. דער גוי לאַכט זיך אויס פון אים און וויל אַלץ ניט געבן קיין וואַסער. דעמאָלט נעמט דער פאָטער אַרויס פון זיין רענצל אַ פלאַש גוטן בראַנפן און וואַשט זיך מיט דעם די הענט. דער גוי ווערט טאַקע אויסער זיך פון פאַרדראָס, בייגט זיך איין אונטער זיינע הענט און כאַפּט זופן די טראָפּנס בראַנפן...

ר׳ לוי יצחק איז אַ קורצע צייט געווען משגיח אין סאוואַלקער תלמוד־תורה און אויך געלערנט גמרא מיט דער העכסטער כיתה. די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געשטיצט געוואָרן פון זיינע קינדער אין אויסלאַנד און האָט זיך אין גאַנצן געווידמעט צום לערנען.

ער האָט געגומען פאַר אַן איידעם אַ גרויסן למדן און בעל־מוסר פון דער נאָווהאַרעדקער ישיבה אין ביאַליסטאָק, וועלכער פלעגט זיצן און לערנען יומם ולילה אין קלויז חברה־תורה. שפּעטער איז דער איידעם אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ ראש ישיבה אין קרינעק.

אין די טעג פון דער מלחמה־בהלה, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַנטלויפן קיין גראָדנע, איז ער דעם לעצטן שבת ארויף אויף דער בימה און זיך געזעגנט מיט האַרציקע ווערטער און געוויין מיט די מתפללים פון קלויז.

אין גראָדנע איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין פרוי. ער איז פאַרבליבן עלנט און צעבראָכן, ביז ער איז אומגעקומען על קידוש השם. הי״ד.

## חסידים אין אַ מתנגד׳ישער שטאָט

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט נאָך סאוואַלק פאַרמאָגט איין מנין פון חסידים, און דאָס אויך ניט פון סאוואַלקער געבאָרענע. אָבער נאָך דער ערשטער מלחמה איז שוין אין סאוואַלק קיין איינציקער חסיד׳ישער מנין אויך ניט געווען. די פאַרבליבענע צוויי פיינע חסיד׳ישע יידן מיט זייער ספּעציפישן לבוש און אייסזען זיינען דעריבער נאָך מער קענטיקער געוואָרן אין שטאָט.

קיין חילוקי־דעות מיט די מתנגד׳ישע יידן האָבן ניט עקסיסטירט. די ביידע חסידים זיינען געווען לומד׳ישע יידן און זיי האָט פאַראייניקט איין רצון מיט די לומדים פון שטאָט, ביחוד פון דער חברה־ש״ס: לערנען תורה. זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט שטאַרקן דת אין סאוואַלק. אָבער אַ ספּעציפישע נאָנטקייט האָט די ביידע חסידים דאָך פאַרבונדן אין אַ ביסל זיי אויסגעטיילט פון גאַנץ קהל.

## ר׳ חיים לייב בכרך

איינער פון די אויבן דערמאָנטע חסידים איז געווען ר׳ חיים לייב בכרך. ער האָט געשטאַמט פון דער מיוחסדיקע משפחה בכרך, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר היחוס „דעת קדושים״, אַן אָפּשטאַם פון באַוואוסטן גאון בכרך, מחבר פון „חוות יאיר״.

ר׳ חיים לייב האָט געלערנט אין לאָמזשער ישיבה. ער איז אויך געווען אַ קרוב מיט דער משפחה פון מייסד פון דער ישיבה, הגה״צ ר׳ אליעזר שולאַוויץ. זיין פאָטער ר׳ שאול אלחנן איז געווען דער זון פון גראַיעווער רב.

ר׳ חיים לייב איז דורך אַ שידוך אריבער פון גראַיעווע קיין סאוואַלק. דער שדכן איז געווען זיין פעטער רבי זלמ׳עלע בירגער, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אין סאוואַלקער געגנט קלייבן פאַר קופת רבי מאיר בעל הנס. אין דאָרף אָלשאַנקע — וואו עס איז דעמאָלט געווען אַ שיינער יידישער ישוב, — האָט ער געהאַט אַ גוט באַקאַנטן זייער פרומען יידן, ר׳ אפרים זאַוואַזניצקי. ר׳ אפרים איז געווען אַן אוהב תורה און יעדע פרייע מינוט אריינגעקוקט אין אַ ספר, געשיקט אַ זון לערנען אין וואָלאָזשינער ישיבה און זיין גאַנצע שטרעבונג איז געווען מחנך צו זיין זיינע אַלע קינדער צו תורה ומצוות. אפילו די קריסטן פון דאָרף האָבן אים שטאַרק רעספּעקטירט און גערופן „דער הייליקער אפרים״. ווען ר׳ זלמ׳עלע האָט פאָרגעלייגט משדך צו זיין זיין פרומע טאָכטער רייזל מיט אַ בן תורה, איז באַלד געוואָרן אַ שידוך.

ר׳ חיים לייב איז געווען אַ מקורב ביי אַלע סאוואַלקער רבנים פון זיין צייט, ווי הגאון ר׳ דוד קאַצענעלנבויגן, הגאון ר׳ משה בצלאל, הגאון ר׳ אהרון באַקשט און הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש, ביי וועמען ער איז געווען אַ בן־בית. ער איז געווען אַ גרויסער מהדר במצוות, פלעגט מיט עלות השחר שטענדיק אויפשטיין צום דאַווענען און לערנען.

אין שטאָט איז ניט געווען באַוואוסט זיין מנהג צו פאַסטן תעניתים געוויסע טעג אין יאָר, אָבער זיין התלהבות׳דיקע שמחת מצווה מיט זיין חסידי׳שן ברען — איז געווען אַלעמען באַקאַנט.

אין 1920 איז ער געוואָרן משגיח אין תלמוד־תורה, ביז ער איז אריבער מיט זיין פאַמיליע קיין ארץ ישראל אין 1935. דאָרט האָט ער עטלעכע יאָר זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט תורה ועבודה. ער איז נפטר געוואָרן אין תל־אביב ד׳ שבט תרצ״ז.

זיין פרוי רייזל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר פרומקייט, גוטסקייט און מעשים טובים אין געשטאָרבן בשם טוב אין ישראל, כפר הרואה, חודש מנחם אב תשי״ד.

## ר׳ מנחם וואַקסלבוים

דער צווייטער געריער חסיד אין חברה־ש״ס פון בית מדרש איז אין משך פון אַ סך יאָרן געווען ר׳ מנחם

דער מצבה קריצער. ער פלעגט זיין פון די ערשטע צו קומען ביים חברה־ש״ס טיש לערנען, ער פלעגט פשוט באַלעבן דעם טיש מיט זיין מפלפל זיין זיך ברבים אין דברי־תורה.

ער האָט געלעבט מיגיע כפיו. ביים עצם אויסהאַקן די שטיינער אויף די מצבות פלעגן אַרבעטן ביי אים מענטשן, נאָר ער פלעגט זיין דער אויסקריצער פון די אותיות אין לשון קודש און פאַראייביקן אויפן שטיין די נעמען און מעשים טובים פון די נפטרים. זיין הויז איז געווען אין דעם שמאָלן וועסאָלער געסעלע, פונקט אַנטקעגן דעם הויף פון בית מדרש. יעדערער, וואָס פלעגט קומען דאַוונען און לערנען אין גרויסן בית מדרש, צי אין די קלויזן ארום דעם הויף, פלעגט שטענדיק קענען זען פאַר זיך אַ מוסר השכל פון דעם תכלית פון מענטשן... יזכיר לו יום המיתה... אָבער ער אַליין איז געווען אַ פריילעכער זיסער ייד און אַ מעורב בין הבריות.

ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן מוח און געהאַט אַ גרויסע השפעה אין שטאָט. צייטנווייז איז ער אויך געווען אַ דרשן ברבים און צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט.

אָנהייב ווינטער 1937 איז ער קראַנק געוואָרן, מען האָט אים געפירט קיין ווילנע, וואו ער איז געלעגן אַ שטיקל צייט אין שפיטאָל און איז דאָרט נפטר געוואָרן.

## ר׳ מרדכי קאזלאווסקי

אַ סוחר־ישער מענטש, צייטנווייז אויך געפירט גרויסע געשעפטן, אָבער געווען אַריינגעטאָן אין העכערע וועלטן.

געווען אַ גבאי און אַן עסקן באמונה אין פאַרשיידענע כלל־זאַכן, ווי אין לינת־הצדק און ביקור־חולים, ביי די קרנות פאַר ארץ ישראל, אין דער יידישער קאָאָפּעראַ־טיווער באַנק. אַ מיטגליד אין קהילה־ראַט, געגעבן צדקה



ר׳ מרדכי קאזלאווסקי און זיין פרוי

מיט אַ ברייטער האַנט. פיל יאָרן געווען אַ גבאי אין „חברה־מדרש״־קלויז, וואו ער פלעגט אויך אָפּט לערנען פאַרן עולם מדרש, ארויסברענגענדיק שיינע געדאַנקען.

אין חברה־ש״ס פון גרויסן בית־מדרש פלעגט ער קומען יעדן אָוונט לערנען.

ר׳ מרדכי האָט איבערגעלעבט גרויסע פאַמיליע־אומגליקן. די מערסטע פון זיינע קינדער זיינען פון אים אַוועקגעריסן געוואָרן יונגערהייט.

ר׳ מרדכי איז געבאָרן געוואָרן אין בריסק דליטע, ביי זיין פאָטער ר׳ שמואל דוד, וועלכער האָט אים געגעבן אַן עכטע תורה־דערציאונג. ער האָט געלערנט אין די ישיבות פון בריסק, טעלז און סלאָבאָדקע.

צו 21 יאָר האָט ער חתונה געהאַט אין סואוואַלק מיט מלכה בת ר׳ יצחק אייזיק הלוי סאַפּירשטיין. זי האָט גלייך מיט איר מאַן זיך פיל אָפּגעגעבן מיט צדקה־ענינים. זי פלעגט זאָגן: „איך פאַרדין אויך, דאַרף איך באַזונדער געבן צדקה". זי איז געווען אַ צנועה און אַ צדקת, קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט ניט אַרויסגערעדט אויף עמעצן. די פאַבריקאַנטן, מיט וועמען די קאַזלאָווסקיס האָבן גע־האַנדלט, האָבן באַוואונדערט זייער ערלעכקייט.

אין 1937 זיינען זיי געקומען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין כפר־סבא. זיי האָבן דאָרט געעפנט אַ שפּייזקראָם. זיי האָבן געאַרבעט שווער אויף חיונה און דאָך האָבן זיי אויך אין ארץ ישראל געגעבן אַ סך צדקה. אין דער צייט פון קריזיס האָבן זיי דאָרטן געטיילט שפּייז פאַר קראַנקע קינדער.

ר׳ מרדכי׳ס לעבן־געבליבענע קינדער האָבן גע׳ירש׳נט זיין ערלעכע איבערגעגעבנקייט לטובת הכלל, אָבער ער אַליין האָט שוין ניט זוכה געווען צו זען ווי זיין זון, דער שר פנחס ספיר, איז דערהייבן געוואָרן צו זיין מיניסטער פון האַנדל און פאַבריקאַציע אין מדינת־ישראל.

ר׳ מרדכי איז געשטאָרבן אין כפר־סבא צו 73 יאָר, ו׳ אייר תשי״ג (1953). זיין פרוי טויבע איז געשטאָרבן אין עלטער פון 76 יאָר, ראש חודש שבט תשי״ב (1952).

## ר׳ אביגדור פאיאנס

אַ ברודער פון ביאַליסטאָקער ראב״ד ר׳ דוד פאיאנס. ער איז געווען אַ סוחר, אָבער האָט אָפּגעגעבן אויסער־געוויינלעכע ענערגיע און כוחות לטובת דער שטאָט און געווען פון די ראשי המדברים בכל מקום. געהאָלפן תמיד דורכפירן געלט־זאַמלונגען פאַר ישיבות, ווי אויך פאַר פאַרשיידענע שטאָטישע זאַכן, ווי האָלץ־אַקציעס פאַר אָרעמע לייט, מעות־חטים וכדומה. געווען אַ קלוגער, פראַקטישער מענטש און מען פלעגט אים אויך אַרויסרופן ווי אַ בורר אין קאָמפּליצירטע דין־תורות אין אַנדערע שטעט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פיל־זייטיקער עסקנות פאַר אַלע שטאָטישע מוסדות, אָבער באַזונדערס האָט ער זייער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער שטאָטישער תלמוד־תורה, פאַר וועלכער ער האָט געזאָרגט מיט לייב און לעבן. ווען ס׳איז געוואָרן ענג אין אַלטן בנין פון תלמוד תורה, האָט ער ניט גערוט, ביז מען האָט אויפ־געשטעלט אַ נייעם צוויי־שטאָקיקן בנין, וואָס מען האָט מחנך געווען אין חנכה תרצ״ד—1934.

בײַ די לעצטע וואַלן צו דעם ועד הקהל איז ר׳ אביגדור אויסגעקליבן געוואָרן אין קהלה־ראַט, וואו ער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זײַן טעטיקייט לטובת די שטאָט־אַנשטאַלטן און יחידים נויט־באַדערפטיקע. ער איז געווען אַ לערנער אין חברה־ש״ס און דער לעצטער גבאי פון בית מדרש הגדול, פאַר וועלכן ער האָט זייער אַ סך געטאָן מיט געוואַלדיקער איבערגעגעבנקייט. איידער די נאַציס זײַנען אַרײַן קיין סואוואַלק, איז ער אַנטלאָפן מיט זײַן פאַמיליע קיין גראָדנע, וואו ער איז קורץ נאָך דעם אין עלנט און פײַן אַוועק פון דער וועלט.

## ר׳ זלמן שוואַרץ

געלערנט אין דער גרויסער וואָלאָזשינער ישיבה, אַ מוסמך להוראה, שפּעטער זיך פאַרנומען מיט מסחר. ער פלעגט אָפּגעבן אַ סך צײַט פאַר דער תלמוד־תוה, אָפּט קומען פאַרהערן די תלמידים אין לערנען. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער מעורר זײַן דעם עולם צו אמונה און חיזוק־התורה. שפּעטער האָט ער אָפּגעלאָזן דעם מסחר און ארומגעפאָרן איבערן לאַנד לטובת קלעצקער ישיבה.

בעת זײַן באַזוך אין דרום־אַפריקע לטובת דער סואוואַלקער ישיבה און תלמוד־תורה איז ער דאָרטן אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין איינער פון די דאָרטיקע קהילות. ער האָט דאָרט געווירקט מיט זײַן טעמפּעראַמענטפולן גײַסט ביז זײַן פטירה, עטלעכע יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## ר׳ אברהם זלאָווסקי

נאָך אַ חברה־ש״ס ייד פון בית מדרש הגדול איז געווען ר׳ אברהם זלאָווסקי, אַ בן־תורה און אַ גרויסער מתמיד. פון פאַך איז ער געווען בלויז אַ בויער פון הילצערנע הײַזלעך און אַ שינדל־דעקער. מיט זײַן ענערגישער איניציאַטיוו האָט ער אָנגעהויבן בויען קליינע הילצערנע הײַזלעך און זיי פאַרדונגען, ביז ער איז געוואָרן אַ בעל־הבית איבער זיבעציק שכנים, ס׳רוב אין דעם אָרעמען קוואַרטאַל פון מאַלי־ראַצעק. אויך דאָס שטאָטישע שחיטה־שטיבל פון עופות האָט געהערט צו אים.

מער צו באַוואונדערן איז זײַן איניציאַטיוו פאַר זײַן אייגענעם גײַסטיקן אויפשטייג. ווי מען גיט איבער, האָט ער זײַן לומדות דערגרייכט שוין אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט אָנגעהויבן פון משניות און מיט זײַן גרויסער התמדה, טאָג און נאַכט, איז ער געוואָרן אַ למדן, אַ חשוב׳ער לערנער אין חברה־ש״ס. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער זיך ניט באַנוגנט מיטן קביעת עתים לתורה, נאָר ער פלעגט באַגינען און אין די שפּעטע נאַכט־שעה׳ן זיצן אין גרויסן בית מדרש און לערנען.

זײַן זון ר׳ משה מאיר איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון זײַן פאָטער. אַ סך יאָרן פלעגט מען ביידן זען צוזאַמען אין גרויסן בית־מדרש פאַרטיפט אין לערנען. אויך ר׳ משה מאיר איז געווען פאַרנומען בײַ זײַן פרנסה, — אַ שפּייזקרעמל אין ווײַגרער גאַס, אָבער ער פלעגט זיך זייער פיל אָפּגעבן מיט תורה. נאָכן פאָטערס טויט איז זײַן פּלאַץ אין בית־מדרש ניט געבליבן ליידיק, ווײַל ר׳ משה מאיר פלעגט דאָרט אין דעם זעלביקן ווינקל אויך לערנען און דאַוונען. ער פלעגט אויך ברענגען מיט זיך זײַנע קליינע קינדער אפילו באַגינען צום דאַוונען, זאָגנדיק, אַז מען דאַרף קינדער אײַנגעוואוינען פון דער פריסטער יוגנט צו גיין דאַוונען סײַ ווינטער, סײַ זומער. זיי פלעגן טאַקע שפּעטער אַליין לויפן שטענדיק אין שול אַרײַן, נאָר זיי האָבן ניט געקענט ממשיך זײַן דעם גוטן וועג פון זייער זיידן און פאָטער, ווײַל די גאַנצע פאַמיליע זייערע איז אומגעקומען אין ליטע, וואוהין זיי זײַנען אַנטלאָפן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## ר׳ לייזער גאַרבאַרסקי

ר׳ לייזער פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין בית־מדרש אָדער אין שטוב און לערנען. ער איז די לעצטע יאָרן געווען פרײַ פון דעם עול הפרנסה און פלעגט נאָך שטיצן זײַן אייניקל משה פאַנימונסקי, וואָס האָט געלערנט אין די ישיבות פון מיר און גראָדנע. אויף דער עלטער איז ער געווען מיט אַ פּעלער אויף אַ פוס און פלעגט גיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, אָבער געווען פריש בײַם לערנען און דאַוונען און בײַ זײַן עסקנות, ווי אַ לאַנג יאָריקער גבאי אין דער קלויז. ער איז געווען פאַררעכנט צווישן די לומד׳ישע יידן אין שטאָט.

נפטר געוואָרן צו נײַנציק יאָר.

## ר׳ שלמה דאַבקין

ער האָט געשטאַמט פון סלאָנים. געלערנט אַ סך יאָרן אין סלאַבאָדקער ישיבה. ווען ר׳ אהרן באַקשט האָט געשאַפן אין סואוואַלק זײַן „קיבוץ״, איז ר׳ שלמה דאַבקין אויך געקומען דאָרטן לערנען. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט אין סואוואַלק און געעפנט אַ מאַנו־פאַקטור־קראָם, אָבער ער האָט אויסגענוצט יעדע פרײַע צײַט אויף לערנען. ווען די געשעפטן פלעגן זײַן פאַר־מאַכט, פלעגט ער זיצן אין קלויז בײַ דער גמרא אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין אָוונט. ער איז געווען פאַר־רעכנט פאַר איינעם פון די שאַרפע לומדים אין שטאָט און פלעגט זיך שטאַרק מפלפל זײַן מיט די איבעריקע לער־נערס פון חברה ש״ס. פלעגט העלפן אויך צו קלייבן פאַר די ישיבות און אויף יעדער דבר שבצדקה. אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע סואוואַלקער קדושים, הי״ד.

## ר׳ משה שמואל אַראַנאָווסקי

געהאַט אַ לעדער־געשעפט אויף יאַטקע־גאַס און אויך אַ גרויס הויז אויף קאָשטשושקאָ־גאַס. אַמאָליקער תלמיד פון סלאַבאָדקער ישיבה, געקענט אַ סך לערנען. לאַנג־יעריקער מיטגליד פון חברה־ש״ס. ער פלעגט אויפשטיין באַגינען און קומען אָפט אין אַנדערע פרײַע צײַטן לערנען אין בית מדרש הגדול און אין חברה

מדרש קלויז. גענומען אַן אײדעם אַ מצוין פון נאָוואַרעדקער ישיבה אין ביאַליסטאָק, אַ בקי בש״ס און טיפער למדן, הרב בצלאל גאָלדבערג, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רב אין טשערוואָני־באָר, לעבן לאָמזשע. זײ זײנען אומגעקומען מיט אַלע קדושים.

ר׳ משה שמואל׳ס אײנציקער זון ר׳ טוביה האָט געלערנט אין גראָדנער ישיבה. דערנאָך האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון מאָנטרע, שווייץ. געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן, וואו ער פאַרנעמט זיך מיט מסחר.

## ר׳ חיים רייבמאַן

אַ סוחר׳ישער ייד, געהאַט אַ גרויס אַנגראָ־געשעפט פון שפּייז אין שול־גאַס. פון די שײנע סואוואַלקער בעלי־בתים און לומדים אין חברה־ש״ס. געווען אויך אַ ייד אַ משכיל און אַ סך געטאָן פאַר ארץ־ישראל. פאַרמאָגט אַ זעלטן אײדעלן כאַראַקטער. געווען אַלע מאָל אַ רודף שלום און דורך דעם זײער אָנגענומען אין שטאָט. לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטגליד אין קהילה־ראַט און טעטיק אין אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים. אומגעקומען מיט אַלע קדושים. הי״ד.

## ר׳ זײדל בווילאַווסקי

אַ ייד מיט אַ שײנעם הדרת־פּנים, פון די שטאָטישע לומדים. געלערנט אַ מאָל אין ראַדינער ישיבה. אַ שטענדיקער לערנער אין חברה־ש״ס. ער האָט געהאַט אַ קראָם אין מאַרק גאַס, אָבער מען פלעגט אים אַלע מאָל טרעפן ביז גאָר שפּעט בײם לערנען אין בית מדרש הגדול. דאָס האָבן געוואוסט אפילו זײנע קריסטלעכע קונים און זײ פלעגן פאַר אים האָבן גרויס דרך ארץ און רופן אים „ראַבין״.

ער איז אומגעקומען מיט די קדושים אין לובלינער געגנט, הי״ד.

## ר׳ אביעזר זשילקעוויטש

געווען דער אַגענט, ווי אויך דער שטאָטישער קאָרעספּאָנדענט פון דעם וואַרשעווער „הײנט״. אַ מעורב עם הבריות. געלערנט טעגלעך אין חברה־ש״ס פון בית מדרש הגדול, וואו ער איז געווען אַן אָפטער בעל־תפלה. געטאָן אַ סך פאַר ארץ־ישראל און געווען אַקטיוו אין שטאָטישע זאַכן. אומגעקומען מיט די קדושים.

## ר׳ וועלוול זימאַן

פלעגט שטענדיק לערנען אין בית־מדרש. זײנע גאַנצע יאָרן פלעגט ער זיך אָפּגעבן מיט קלײבן פאַר צדקה־באַדערפעניש.

## ר׳ בערל בערלין

אַ שטענדיקער קובע עתים לתורה אין גרויסן בית־מדרש. געשטאַמט פון דער מיוחס׳דיקער משפחה פון הגאון רבי נפתלי צבי יהודה בערלין. אַן אײדעם פון ר׳ אליה ראָזנטאַל. אומגעקומען מיט אַלע קדושים.

## די פאַמיליע קרוציניצקי

בײ דעם גרויסן טיש פון חברה־ש״ס אין בית מדרש פלעגט פאַרנעמען אַ חשוב׳ן פּלאַץ די פאַמיליע קרוציניצקי. דער עלטסטער פון דער דאָזיקער פאַמיליע, ר׳ טעוועלע, אַ קלײן געוויקסיק יידעלע מיט אַ לאַנגער באָרד, איז במשך פון צענדליקער יאָרן געווען ווי אַ ניט אָפּגעזונדערטער טײל פון בית־המדרש און חברה־ש״ס. זינט דער בית המדרש איז אויסגעבויט געוואָרן אין זײן צײט, האָט ער בלויז אײן שבת פאַרפעלט צו קומען דאַווענען. ער האָט זוכה געווען צו ענדיקן בײ דעם טיש פון חברה־ש״ס איבער נײן מאָל ש״ס. געווען עטלעכע יאָר הויפּט־גבאי פון בית מדרש. ער איז נפטר געוואָרן אַ זקן מופלג, אין עלטער פון 86 יאָר, אין 1937.

ר׳ טעוועלעס ברודער, ר׳ תנחום, איז אויך געווען אַ לאַנג יאָריקער מתפלל אין בית־מדרש און לערנער אין חברה־ש״ס. ער האָט געהאַט אַ שפּײזקרעמל אין מאַרק־גאַס, וואו ער האָט געמוזט שטײן כמעט דעם גאַנצן טאָג צוליב פרנסה. ער פלעגט בײ יעדער געלעגנהײט זיך אַפּרײסן פון קרעמל, כדי אָפּצוהיטן זײן קביעות צו גײן לערנען אין בית מדרש. מיט אים האָט געטראָפן אַ טראַגישע געשיכטע. אײן שבת האָט מען אים מכבד געווען מיט אַן עליה, אָבער ווען דער שמש האָט אויסגערופן: יעמוד ר׳ תנחום... האָט ער זיך ניט אויפגעהויבן. פון עולם באַמערקט מען, ווי ער באַמיט זיך אויפצושטעלן, אָבער ער קען ניט: ער איז געוואָרן פּלוצלונג פּאַראַליזירט. ס׳איז געוואָרן אַ טומל אין בית מדרש, מען האָט אים געבראַכט אין שטוב און גערופן אַ דאָקטאָר. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן: אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן.

די דרײ ברידער ר׳ יוסף, ר׳ לײב און ר׳ אהרן קרוציניצקי, וועלכע זײנען געווען קוזינען פון ר׳ טעוועלן און ר׳ תנחום׳ען, זײנען אויך געווען שטענדיקע לערנערס אין חברה־ש״ס. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זײ פלעגן זײן אַ גאַנצן טאָג פאַרנומען אין מסחר, פלעגן זײ אָבער אין אָוונט געשמאַק לערנען. זײ זײנען געווען בעלי־צדקה און גוט־האַרציקע יידן און פון די אָנערקענטסטע בעלי־בתים אין שטאָט. ר׳ אהרן איז במשך פון יאָרן געווען גבאי אין חברה־ש״ס און בײ אים אין הויז פלעגן פאָרקומען מסיבות פון דער חברה.

זײ זײנען אומגעקומען אין דער מלחמה מיט אַלע קדושים אין לובלינער געגנט, הי״ד.

## ר׳ בנימין מינץ

אײנער פון די זעלטן שײנע טיפּן אין שטאָט, אַ סינטעז פון גוטסקײט און פרומקײט.

ר׳ בנימין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק בײ זײנע עלטערן ר׳ שלמה לײב און רחל. לויט די מקורות פון זײן פאַמיליע, זײנען די מינצעס מיט הונדערטער

יאָרן צוריק געקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילן. ער איז געבליבן אַ יונגער יתום נאָך זיין פאָטער. אָבער דורך זיינע זעלטענע פעאיקייטן איז ער צוגעקומען צו גרויס עשירות און פאַרמאָגט דאָס גרעסטע מאַנופאַקטור געשעפט אין שטאָט. אַלע אין שטאָט האָבן אים רעספּעקטירט פאַר זיין גוטער נאַטור, מידות טובות און גוטע מעשים.



ר׳ בנימין מינין

זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט אויך אין דער וויטער אַמעריקע. די מערסטע געלטער, געשיקטע פון אַמעריקאַנער קאָמיטעטן און לאַנדסלייט, זיינען געקומען אויף זיין אַדרעס. ער איז געווען אַ גרויסער חובב תורה און געשטיצט תלמידי־חכמים מיט אַ ברייטער האַנט. געווען איינער פון די גרעסטע נדיבים אין שטאָט. צוויי מאָל אַ יאָר, פאַר פסח און אויף די ימים טובים, פלעגט ער באַקליידן און באַשוכן די אָרעמע קינדער פון תלמוד תורה און בית־יתומים. ווען עס איז געוואָרן ענג דער אַלטער בנין פון תלמוד־תורה, האָט ער געגעבן — אין 1932 — די ערשטע און גרעסטע נדבה אויף צו בויען אַ נייעם בנין פון צוויי עטאַזש.

זיין פרוי חנה האָט געשטאַמט פון מאַריאַמפּאָל, ליטע. זי איז אויך געבליבן אַ יונגע יתומה, איר פאָטער ר׳ יצחק קאַפּלאַן איז אומגעקומען אין פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863, און זי האָט דורכגעמאַכט זייער אַ שווערע קינדהייט. צווישן איר און איר מאַן האָט שטענדיק געהערשט אַן אידילישער שלום־בית. זי האָט זיך געפירט, אַז יעדן ערב שבת און ערב יום טוב פלעגט זי אַריינשיקן עסנוואַרג און בעטציג אין אַלע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, ווי בית־יתומים, מושב־זקנים און שפּיטאָל. זי פלעגט אויך העלפן קראַנקע און געבן פאַר הכנסת־כלה מיט אַ פולער האַנט. זייער גרויס און רייך הויז אויף ראָג קאָסטשושקאָ און מוטקע גאַס איז אַלע מאָל געשטאַנען אָפן פאַר אַלע סאָרטן אורחים, וועלכע פלעגן אויפגענומען ווערן בכבוד און זייער האַרציק.

אָנהייב מלחמה זיינען זיי אַוועק פון סוואַוואַלק צו זייער טאָכטער אין וואַרשע. פון דאָרטן זיינען זיי שפּעטער אַנטלאָפן קיין סלאָנים, וואו זיי זיינען ביידע אומגעקומען, אין דער סלאָנימער שחיטה, ב׳ שבט תש״ב, אין עלטער פון איבער 80 יאָר. הי״ד.

## זיין איידעם ר׳ שמואל נח שפּירא

די באַוואוסטע מאַנופאַקטור פירמע „מינץ און פאַמיליע" האָט זיך געפונען אין דעם סאַמע צענטער קאָסטשושקאָ גאַס. דאָרטן פלעגט מען ר׳ שמואל־נח שאַפּיראָן זען אַריינגעטאָן אין געשעפט. אָבער ניט תמיד איז ער געווען פאַרטאָן נאָר מיט מסחר. נאָכן פאַרמאַכן זיין קראָם פלעגט ער אָפט אַריין אין דער פישערשער קלויז און זיך זעצן ביים טיש, וואו עס האָט געלערנט דער באַוואוסטער ר׳ חיים שלמה.

וואָס פאַר אַ בשותפות׳דיקס האָט דער רייכער סוחר מיט דעם רוחניות׳דיקן ר׳ חיים שלמה׳ן?

ר׳ שמואל נח באַנוגנט זיך ניט מיט דער צדקה, וואָס די גבאים קומען אין זיין געשעפט נעמען פאַר באַוואוסטע מצוה־זאַכן. ער שטרעבט צו געבן מתן־בסתר, וויל אויסגעפינען באַשיידענע נויטבאַדערפטיקע, מנדב זיין ניט נאָר בעת מען מאָנט ביי אים און מען איז אים מפרסם, — קומט ער דעריבער צו ר׳ חיים שלמה׳ן, דעם ריינעם קוואַל פון צדקה.

זיין פאָטער הרב ר׳ אריה לייב שאַפּירא איז געווען אַ באַוואוסטער גרויסער למדן אין גראָדנע, וואו ער האָט גע׳שמ׳ט מיט זיין לומדות און מעשים טובים. זיין זון ר׳ שמואל האָט טאַקע פון אים גע׳ירש׳נט זיין אהבת תורה און איידעלן כאַראַקטער, ווי אויך זיין מידה פון מדקדק זיין במצוות.

ר׳ שמואל נח איז געווען אַ הויך געבילדעטער מענש, אַ דיפּלאָמירטער אינזשינער פון בערלינער אוניווערסיטעט. זיין געלערנטקייט האָט ער אויסגענוצט, כדי משפיע צו זיין אויף דער שטאָטישער יוגנט און זי צוציען צו יידישקייט.

ר׳ שמואל נח האָט זיך אויך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים. געווען אַ מיטגליד פון קהילה־ראַט און געהאַט אַ גרויסע השפעה אין שטאָט. אַ דאַנק זיין השפעה פלעגן אויסגעגליכן ווערן אַ סך קאָמפּליצירטע ענינים.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער מכניס אורח. צי דער אורח איז געווען אַ פערזענלעכקייט אָדער סתם אַן אָרעמער וואַנדערער, פלעגט ער און זיינע בני בית אים אויפנעמען בכבוד און זען, אַז דער אורח זאָל זיך שפּירן היימיש אין זיין רייך הויז.

ער איז געווען אַ בן־בית ביי הרב יוסף יאָסעלעוויטש

און שפּעטער ביי זיין איידעם הרב דוד ליפשיץ. ווען הרב ליפשיץ האָט געגרינדעט אין שטאָט אַ העכערע ישיבה, האָט ר׳ שמואל נח שפּירא ביז דעם לעצטן טאָג געדעקט אַ העלפט פון איר הוצאה. בעת רבנים פלעגן קומען אין שטאָט דורכצופירן אַן אַקציע פאַר ישיבות, פלעגט ער ניט וואַרטן, ביז זיי וועלן קומען אים באַזוכן, נאָר ער פלעגט אַליין אַוועק צו זיי, זיך דערקוויקן מיט זייערע דרשות און דברי תורה, געבן די גרעסטע נתינה און אויך מיטגיין באַזוכן אַנדערע סוחרים פאַר דעם צוועק.

זיינע צוויי קינדער האָט ער דערצויגן אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה והישיבה „אהל יצחק״ און האָט זיי מחנך געווען אין זיין תורה־גייסט.

אָנהייב דער לעצטער מלחמה איז ער און זיין פאַמיליע אַרויסגעפאָרן צו זיינע ברידער אין לידע — ר׳ יעקב און ר׳ עבער, וועלכע זיינען דאָרטן אויך געווען באַוואוסט ווי גרויסע נדיבים און פון די חשוב׳סטע בעלי־בתים אין שטאָט. שפּעטער איז ער דורך דער רוסישער מאַכט געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן לידע און איז אַוועק מיט זיין פאַמיליע קיין סלאָנים, וואו ער איז אומגעקומען אין דער שחיטה פון יום ג׳, כ״ד אלול תש״א, 16/9 — 1941. זיין פרוי אסתר עטל און זייערע צוויי זין שלמה, 18 יאָר אַלט און דוד, 13 יאָר אַלט, זיינען אומגעקומען אין אַ יאָר אַרום, יום ו׳, י״ג אלול תש״ב, הי״ד.

## ר׳ הירשע לעווינזאָן

אַ פרומער ייד מיט אַ שיינער, ווייסער באָרד, פון די אַמאָליקע חשוב׳ע בעלי־בתים. אַ שטילער, באַשיידענער מענטש, אַ בעל צדקה און אָפּגעהיט מיטן ריידן. אין דעם וואָכן פלעגט ער דאַוונען אין בית מדרש הגדול, אָבער שבתים און ימים טובים פלעגט ער זיין אין דער אייגענער קלויז, וואָס איז געווען ביי אים אויפן הויף אין מאַרק גאַס. אויפן הויף איז אויך געווען זיין גאַרבאַרניע. זיין איידעם איז געווען דער באַוואוסטער דאָקטאָר און כלל־טוער ל. ווייסמאַן. אומגעקומען מיט די סואוואַלקער קדושים, הי״ד.

## ר׳ מרדכי רובינשטיין

אַ טייערער ייד מיט אַ שיינעם הדרת פנים, אַ גרויסער נדבן, מיט אַ זעלטן גוט האַרץ, אַנטקעגנגעקומען די קלייבערס בסבר פנים יפות און מיט אַ ברייטער האַנט. אַ גרויסער מדקדק במצות. ער איז געווען אַ שטענדיקער מתפלל אין בית־המדרש הגדול, און ווען ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך, פלעגט ער מיט אַ דראָשקע קומען צופאָרן צו זאָגן יום־כפור קטן אין בית־מדרש. געשטאָרבן קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## ר׳ נחום שעשופּסקי

געווען אַ פיינער סוחר, אַ ייד אַ פּיקח, צו וועמען מ׳פלעגט קומען זיך מיישב זיין אין פאַרשיידענע ענינים, און בכלל אַן אָנגענעמער מענטש. געלערנט אין חברה ש״ס פון בית־מדרש הגדול און געווען פאַררעכנט צווישן די שאַרפע קעפּ אין שטאָט. אומגעקומען מיט די קדושים. הי״ד.

## ר׳ הירשע רובינשטיין

אַ לאַנג יעריקער גבאי אין בית מדרש און לערנער אין חברה־ש״ס. פלעגט דאַוונען ימים נוראים אין בית־מדרש פאַרן עמוד, געהאַט אַ פיינע שטים און געפיל צו נגינה, און דער עולם אין סואוואַלק פלעגט הנאה האָבן צו הערן זיינע האַרציקע תפילות. די שמחות פון חברה־ש״ס פלעגט ער אויפלעבן מיט זיינע חזנ׳ישע שטיקלעך. חוץ דעם איז ער געווען באַוואוסט מיט זיין גוט האַרץ, מיט זיין קלייבן פאַר דברים שבצדקה. מען פלעגט אים אַנטקעגנקומען מיט שיינע נדבות.

ער איז נפטר געוואָרן אין תרצ״ב.

## ר׳ בערציק רובינשטיין

ר׳ הירשעס אַ ברודער, אויך אַ לערנער און בעל־מנגן און קלייבער לכל דבר שבצדקה, ביחוד פאַר ישיבות, האָלץ־אַקציעס פאַר אָרעמע, מאכל כשר און מעות חטים. ער איז געווען אַ שותף אין טאַרטאַק און באַוואוסט ווי אַ פיינער, ערלעכער סוחר. געווען אַ ייד אַ בעל רחמים, מיט אַן אידעלן כאַראַקטער און זעלטענע מידות טובות און פאַר דעם איז ער באַליבט געווען אין שטאָט. זיין עלטערע טאָכטער גאָלדע איז געווען פאַרהייראַט צום זון פון ר׳ חיים מענדל־פרידמאַן, קאָפּל.

אומגעקומען אַלע אין דער היטלער־שחיטה. זיין טאָכטער פּעסל, וועלכע איז גראָד געקומען האַרט פאַר דער מלחמה פון ארץ ישראל זיך זען מיט דער משפחה, איז אויך אומגעקומען מיט זיי. הי״ד.

## ר׳ לוי יצחק פרידלענדער

געהאַט אַ גאַלאַנטעריי־קראָם אין יאַטקע־גאַס. פלעגט אָפּהיטן דאָס בלאַט גמרא אין חברה־ש״ס. כאָטש זיין געשעפט פלעגט אים פאַרנעמען קאָפּ און צייט, פלעגט מען זען, אַז דער מענטש האָט העכערע געפילן. ווען ער האָט זיך געפונען אין וואַרשע צוליב זיינע מסחר־ענינים, האָבן זיך מיט אים באַקענט פאָרשטייערס פון מירער ישיבה. זיי האָבן אים פאָרגעלייגט אויסצוניצן זיינע מסחר־פאַרבינדונגען פאַר זייער ישיבה. ר׳ לוי יצחק האָט דורכגעפירט אַ „גאָלדענע קייט״ פון נדיבים, וואו איינער האָט אריינגעצויגן דעם צווייטן פאַרביישטייערונג — און דאָס האָט געבראַכט צו אַ באַזונדער הצלחה פון דער אַקציע. ער האָט פאַרמאָגט געפיל פאַר תפילה און פלעגט זיין אַן אָפטער שליח ציבור אין סואוואַלקער שולן. זיין דאַוונען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס התלהבות און מתיקות, בכלל איז ער געווען

אַ ייד אַ בעל־רחמנות, און ע׳ר פלעגט אָפט גיין קלייבן אין שטאָט פאַר צדקה זאַכן.

ר׳ לוי־יצחק פרידלענדער איז אומגעקומען מיט זיין גאַנצער משפחה. הי״ד.

## ר׳ אליעזר קאגאן

יאָרן לאַנג איז ר׳ לייזער דער שטאָט־חזן געשטאַנען ביים עמוד אין דער גרויסער שול. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט אַ גוט־אָרגאַניזירטן כאָר. ער איז געווען אַ תורה־מענטש, פלעגט שעה׳ן לאַנג זיצן ביים בית־מדרש־טיש און לערנען מיט נאָך יידן, בעיקר מיט דעם דערמאָנטן מנגן און למדן ר׳ הירשע רובינשטיין. לערנען און נגינה זיינען געגאַנגען האַנט ביי האַנט. אַ שטיקל צייט איז ער געווען אַ חזן אין דער גראָדנער שטאָטשול. נאָך זיין פאַרלאָזן סואוואַלק איז ער געוואָרן חזן־שוחט אין סוועמציאַן.

געשטאָרבן יונגערהייט עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

## ר׳ שמואל גראדאווסקי

לאַנגע יאָרן געווען דער בעל־קריאה שבתים און בעל־מוסף ימים נוראים אין בית־מדרש הגדול, וואו ער פלעגט קומען אין די אָוונטן לערנען אַ שיעור גמרא. געווען אַן איידעם פון לאזדייער רב, הרב הגאון יפה זצ״ל, און אַליין פון די חשובי העיר, מיט זעלטענע טייערע מדות, אַ פאַרמאַכט מויל און ערלעכער סוחר. ער האָט געהאַט אַ קליידער־געשעפט אויף קלאָדנע־גאס און איז געווען אַ ייד אַ בעל טובה. מיט זיין התלהבות׳דיקן דאַוונען מוספים ימים נוראים האָט ער מיטגעריסן הערצער צו תשובה און התעוררות. זיין פרוי שרה איז געווען אַן אשה צנועה און באַקאַנט אין שטאָט מיט איר גוטסקייט און הכנסת־אורחים. זיי האָבן געהאַט אויסגעצייכנטע קינדער און געשיקט זיי לערנען אין די ישיבות. דער עלטערער זון חיים זלמן איז געווען זייער טעטיק געזעלשאַפטלעך אין שטאָט, באַזונדערס ווי אַ פירער אין פאַרשיידענע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אין תורה ויראת שמים האָבן זיך ביחוד אויסגעצייכנט זייערע צוויי זין ר׳ עבער און ר׳ משה, באַרימטע תלמידים פון לאָמזשער ישיבה. זיי זיינע̇ן אַלע אומגעקומען. הי״ד.

## ר׳ לייזער זעף

געווען אַ בעל־הבית פון אַ גרויסן מאַיאָנטעק אין סואוואַלק, אויף ערשטער־מיי־גאַס. געהאַט אויך ביי אים אין שטוב אַ שיינעם מנין, וואו מען פלעגט דאַוונען שבתים און ימים־טובים און מען האָט עס גערופן ר׳ לייזער ז״פס קלויז. געווען אַ הייסער ייד. זיין שיין און האַרציק דאַוונען פאַרן עמוד, בפרט ימים נוראים, האָט שטאַרק אויסגענומען. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער שוין געווען אַ בן־שמונים. ער איז אַנטלאָפן קיין ווילנע, דאָרטן געלעבט עטלעכע יאָר און דערנאָך אומגעקומען, ווען די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט די ליטווישע הויפטשטאָט. הי״ד.

## ר׳ לייב זארעמבאווסקי

ער האָט זיך פאַרנומען מיט עקספּעדיציע, אָבער געווען אַלע מאָל אַ מתנדב צו אַרבעטן אַ סך פאַר ביקור־חולים און לינת־הצדק. געווען אַ שיינער בעל־תפילה, מיט אַ זיסן קול, און פלעגט פאַרשאַפן דעם עולם גרויס הנאה מיט זיין דאַוונען פאַרן עמוד אין דער גרויסער שול. אומגעקומען אין דער מלחמה. הי״ד.

## דער לעצטער ש״ץ דמתא ר׳ דוב בערמאן

די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז סואוואַלקער שטאָט־חזן געווען ר׳ דוב בערמאַן. זיין התלהבות׳דיק דאַוונע̇ן און זיין שיינע שטים פלעגן איבערלאָזן אַ רושם. ער איז אַ סך יאָרן געווען אויך רבי פון „עין־יעקב״ און „חיי־אדם״ אין חברה־מדרש קלויז, נאָך דעם אריבער צו דער חברה־חייטים, וואו ער פלעגט צוציען אַ גרויסן עולם צו זיין לערנען און אינהאַלטס־רייכע דרשות. ער פלעגט גיין קלייבן פאַר נויטבאַדערפטיקע, פאַר הכנסת־כלה און ישיבות, געווען אַ גרויסער עסקן אין ביקור־חולים ולינת־הצדק און פלעגט אָפט גיין צו לינות אפילו ביי שווערע קראַנקע. זיין זון שלמה זלמן האָט ער געשיקט לערנען פריער אין נאָוואַרעדקער ישיבה, שפּעטער אין דער גרויסער לאָמזשער ישיבה. ער מיט זיין פאַמיליע זיינען אומגעקומען אין די גרויזאַמע שחיטות. הי״ד.

# די שוחטים אין סואוואַלק

## ר׳ חיים שלמה מידלינסקי

ר׳ חיים שלמה מידלינסקי, אַן איידעם פון ר׳ חיים ברוידע דעם שוחט, אַ הדרת־פנים׳דיקער ייד, למדן און ירא שמים, געזעסן פיל שעה׳ן אין קלויז חברה־תורה און געלערנט. זיין דאַוונען איז תמיד געווען בלב ונפש. ער איז געזעסן אין עק שטאָט אין ווינטמיל־גאַס, פלעגט אָבער יעדן טאָג קומען אין חברה־תורה לערנען.

## ר׳ צדוק ריימאן

ר׳ צדוק ריימאַן, איידעם פון באוואוסטן סואוואַלקער שוחט און בעל תפילה ר׳ משה לייב מייטקעס. זיין הויז האָט זיך אויסגעצייכנט מיט הכנסת־אורחים. כמעט יעדער שיינער ייד, וואָס פלעגט קומען צופאָרן אין שטאָט, פלעגט אין זיין הויז עסן און שלאָפן. פלעגט דאַוונען אין בית־המדרש הגדול, וואו ער פלעגט אויך

לערנען פאַר זיך. זיינער אַ זון, שלמה, איז געראַטעוועט געוואָרן פון די נאַציס, דורכגעמאַכט שווערע ליידן און סוף־סוף אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, וואו ער איז איצט דער פינאַנס־סעקרעטאַר פון דער סאָוואַלקער לאַנדס־מאַנשאַפט.

## ר׳ אברהם סוכאָוואָלסקי

ר׳ אברהם סוכאָוואָלסקי, אַ זון פון ר׳ שמואל שו״ב, אַ לאַנג־יעריקער מתפלל אין חברה־תורה, אַ שיינער בן תורה און איידעלער, שטילער מענטש. אַ סך יאָרן געווען פון די שטאָט־שוחטים.

## ר׳ זלמן קאַנטאָראָוויץ

געווען שוחט אין סאָוואַלק און שטאָט־מוהל פאַר די לעצטע פופצן יאָר. געווען אויך אַ מתפלל און בעל־מנגן און אַ שטיקל צייט געדאַוונט אין שטאָט מיטן כאָר.

די אַלע פיר שוחטים זיינען אַ סך יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט דורך זייער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דער כשרות און מיט זייער עסקנות לכל דבר שבקדושה, ביז זיי זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קדושים פון סאָוואַלק.

*

## ר׳ יוסף ב״ר הלל בירגער

די גרויסע שטאָטשול האָט געהאַט אַ גייסטיקן מענטשן פאַר דעם אייבער־שמש, וועמען מען האָט גערופן ר׳ יוסף דער סופר, ווייל ער איז געווען אַ סופר פון ספרי־תורה׳ס, תפילין און מזוזות. מען האָט געוואוסט, אַז זיינע תפילין זיינען די בעסטע אין שטאָט. אויך זיין פאָטער ר׳ הלל איז געווען כל ימיו אַ סופר. ר׳ יוסף דער סופר איז געווען אַ ייד אַ גרויסער למדן, אַ פיקח און געהאַט זעלטענע טייערע מדות, און מיט זיין שמשות האָט ער געהייבן דעם כבוד פון שול. ער איז דאָרט געווען אויך דער בעל־קריאה. זיין קריאת־התורה איז געווען באַרימט מיט אַלע הידורים. ער האָט זיך גערעכנט פאַרן בעסטן בעל־קריאה אין שטאָט. ער פלעגט שטיין אויף דער בימה שטענדיק מיט אַ ספר און לערנען און זיין מאַיעסטעטיש אויסזען האָט געהאַט אַ באַזונדערע ווירקונג אויף אַלע מתפללים.

ר׳ יוסף איז געווען אַ סך יאָרן שמש אין שול. ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן פון דער חשיבות פון דער שטאָטשול אין די אַמאָליקע יאָרן, בעת אין די ערשטע דריי בענק פלעגן שטיין שיינע יידן, אַלע אָנגעטאָן אין צילינדערס, ווי אויך פון יענע צייטן, ווען ביי די ערשטע סליחות פלעגט דער שולהויף זיין פול אַ גאַנצע נאַכט מיט פורן פון די אַרומיקע ישוב׳ניקעס.

ר׳ יוסף איז אויך געווען דער הויפּט־שמש פון בית־דין ביי די שטאָטישע רבנים, און אָפט מאָל פלעגט ער משפיע זיין אויף די בעלי דברים, אַז זיי זאָלן דורכקומען בשלום צווישן זיך.

בעת דעם היטלער־גירוש האָט מען אים אַוועק־געשיקט קראַנקערהייט צוזאַמען מיט סאָוואַלקער יידן קיין ביאַלע. זייענדיק שוין אַלט און שוואַך איז ער דאָרט אין אַ קורצער צייט ארום געשטאָרבן. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט ביי אַלע סאָוואַלקער מיט כבוד און דרך־ארץ.

## ר׳ צבי יואל בכרך (ר׳ הערשל דער שמש)

ער איז געווען דער אונטער־שמש סיי פון בית־מדרש און סיי פון שול. ער האָט זיינע טאָפּלטע התחייבות׳ן אויסגעפירט געטריי און ענערגיש במשך פון צענדליקער יאָרן. ער איז אויך געווען דער בית־דין שמש און שליח צו רופן די בעלי־דברים צו אַ דין־תורה אָדער וועגן אַנדערע ענינים צום רב. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלעמען אין שטאָט און אויך צוזאַמען מיט אַלעמען אומגעקומען על קידוש השם אין לובלינער געגנט. הי״ד.



ר׳ צבי יואל בכרך

## ר׳ משה בער בודוועצקי

מען פלעגט אים שטענדיק זען איבערגעבויגן אויף דער בימה ביי אַ גמרא ביז שפּעט ביי נאַכט. זיין דאַווענען איז געווען מיט טיפער דביקות. ער האָט געהאַט אַ פאַרמאַכט מויל און איז געווען זייער אָפּגעהיט ניט ארויסצוריידן אויף קיינעם אַ שלעכט וואָרט. אויך אַנדערע פלעגט ער ניט לאָזן ריידן קיין לשון הרע אָדער רכילות.

פון פאַך איז ער געווען אַ בעקער. 10 יאָר האָט ער געלערנט אין ארץ ישראל. נאָך זיין צוריקקומען קיין סואוואַלק האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון אַן איבער־שמש אין גרויסן בית־המדרש און ארויסגעבער פון קוויטלעך צו שעכטן עופות. זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר נאַכטלעגער פון אורחים. זיינע צדקות זיינען געווען בסתר און מיט אַ ברייטער האַנט. איך געדענק, אַז ווען איך בין געקומען קיין ירושלים, מיט אַ צייט צוריק, האָט מיך געפרעגט דער ראדינער רב, הרב קאפשטיין, — דער גרינדער און פירער פון באַוואוסטן מוסד „עזרת רבנים פליטי רוסיה ושאר ארצות" אין ירושלים, — ווער איז עס דער ר' משה בער בודוועצקי פון סואוואַלק, וועלכער שיקט אַזוינע שיינע נדבות פאַר עזרת הרבנים? דער קאָמיטעט האָט געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויסער גביר. ער איז נפטר געוואָרן בשם טוב י' אדר תרצ"ז, שוין זייענדיק איבער אַכציק יאָר.

## ר' מענדל סטאַוויסקאַווסקי

אין די דרייסיקער יאָרן איז ער צוריקגעקומען קיין סואוואַלק פון דייטשלאַנד, וואו ער איז געווען שוחט. ער איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער קהילה פאַר דעם ממלא־מקום פון פריערדיקן שמש ר' משה־בער, וועלכער איז אין יענער צייט נפטר געוואָרן. זיין פאָטער און פיר ברידער האָבן אויך געלעבט אין סואַוואַלק. זיי זיינען געווען בעלי־מלאכות, שניידערס פון פאַך, און פרומע אָפּגעהיטע יידן. עטלעכע פון זיי האָבן פאַרמאָגט אַ חוש פאַר נגינה און פלעגן אָפט זיין בעלי־תפילה פאַרן עמוד אין בית־מדרש און אין די קלויזן ארום.

זיי זיינען אַלע אומגעקומען אין פאַרשיידענע ערטער. הי"ד.

## חברה משניות

אַנטקעגן טיש פון חברה־ש"ס, אין צווייטן ברעג פון בית־מדרש הגדול, איז געשטאַנען נאָך אַ לאַנגער טיש. דאָרטן פלעגט ס'רוב לערנען די חברה משניות, וואָס איז באַשטאַנען פון האַנדוואַרקער, וועלכע פלעגן קומען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט לערנען יעדן אָוונט בין מנחה למעריב. בפרט איז זייער חברה געווען קענטיק שבת צו נאַכט, נאָך הבדלה, ווען זיי פלעגן זיצן ביז גאַנץ שפּעט און לערנען.

## ר' ארציק דער טעפּער

אַ ייד מיט אַ שיין הדרת־פּנים'דיק אויסזען. תמיד אַ פאַרהאָרעוועטער ביי זיין אַרבעט, פלעגט ער דאָך אָפּרייסן פון זיין צייט, באַגינען און אין אָוונט, אויף צו לערנען משניות, עין יעקב און נאָך ספרים. געווען צווישן די שטענדיקע הויפּטלערנערס אין חברה משניות. געווען אַ מכניס אורח, פלעגט קלייבן פאַר אָרעמעלייט און זיך איינשטעלן פאַר געדריקטע אין באַ'עוול'טע. אומגעקומען מיט די קדושים. הי"ד.

## ר' סענדער דער סטאָליער

ביי טאָג פלעגט ער האָרעווען ביי סטאָלעריי און ביי נאַכט פלעגט ער מרביץ תורה זיין, געווען אַ רבי אין פורמאַנסקער קלויז. אַליין געלעבט בדחקות, אָבער געגעבן פיל צדקה.

## ר' קלמן טעפּער

אַ שטענדיקער לערנער פון חברה משניות. אַן ערלעכער ייד. ווען ער פלעגט זיך נאָר קענען אָפּרייסן פון זיין שווערער אַרבעט אין יאַטקע פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו אַ ספר אין בית־מדרש.

## ר' משה רייך דער מעכאַניקער

געווען ניט קיין דיפּלאָמירטער מעכאַניקער, אָבער פאַרמאָגט גוטע פעאיקייטן פאַר מעכאַנישער אַרבעט. דער דירעקטאָר פון גראָדנער אינזשינערן־שול האָט באַזוכט זיין וואַרשטאַט און באַוואונדערט זיינע אָריגענעלע המצאות. זיינע זין זיינען שוין געווען מאָדערנע מעכאַניקערס. ר' משה רייך איז געווען אַן אָפּגעהיטער, ערלעכער ייד, און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פלעגט ער זיך איילן צו שליסן זיין וואַרשטאַט און לויפן יעדן אָוונט אין בית־מדרש צו דער חברה משניות.

זיי און נאָך אַזעלכע פון זייער חברה זיינען אומגעקומען דורך דעם צורר, הי"ד.

## ר' ברוך זילבערשטיין

ווער האָט דאָס ניט געקענט ר' ברוך דעם בעקער? דעם טייערן יידן מיט די טייערע יידישע מידות. זיין בעקעריי אויף וועסאלע געסל איז אָנגעגאַנגען אין סואוואַלק מדור דורות, אָבער קונה שם געווען האָט ער זיך אין שטאָט ניט נאָר מיט דער בעקעריי, נאָר מיט זיינע מעשים טובים און צדקות פאַר אָרעמע און געדריקטע. ער איז געווען באקאנט מיט דער שטאָטישער



ר' ברוך זילבערשטיין

„נאַטשאַלסטוואָ", פלעגט ער גאַנץ אָפט לאָזן זיין אַרבעט און לויפן משתדל זיין זיך פאַר עמעצן ביי דעם גובערנאטאר אָדער פאָליציי־מייסטער. דער עולם האָט שוין דאָס גאַנץ גוט געוואוסט און וואו נאָר עפּעס אַ צרה, פלעגט מען לויפן צו ר׳ ברוכ׳ן.

שבתים פלעגט ער האָבן ביי זיך אין שטוב אַ רבי׳ן מיט אַ חברה מיט וועמען צוזאַמען צו לערנען, און עס איז שוין געווען זיין חזקה זיי מכבד צו זיין נאָכן לערנען מיט טיי פון בעקערשן איוון און פיינעם כיבוד. ער איז געווען אַ טייערער אָפּגעהיטער ייד און אַ מקורב צו דעם דאמאלסטדיקן שטאָטישן רב ר׳ דוד טעבלי קאצענעלענבויגן.

ער איז נפטר געוואָרן אַ זקן אין יאָר תרע"ח.

## ר׳ דניאל ליפשיץ

געהאַט אויף מאַרק גאָס הייזער און אַ גרויס געשעפט פון גאַלאַנטעריי און אַנדערע אַרטיקלען. ניט געקוקט אויף זיין פּאַרנומענקייט האָט ער געהאַט צייט צו זיין גבאי אין דער חברה־תורה שול און צו קומען אַהין לערנען. ער פלעגט פּראַווען ביי זיך אין שטוב די סעודות ביים מסיים זיין ש"ס, ווי אויך מאַכן אין זיין הויז די סעודה פון שמחת־תורה פאַר דעם גאַנצן עולם. ער פלעגט געבן אַ סך צדקה, געשטיצט באַזונדערס די ארץ ישראל ישיבות. ער האָט באַקומען פון ירושלים אַ נזר גבאות, ווייל ער האָט געקויפט אַ שטוב פאַר דער מאה שערים׳דיקער ישיבה.

אין דער יוגנט האָט ר׳ דניאל געלערנט אין גראָדנע, בעת דאָרטן האָט געלעבט און געווירקט דער באַוואוסטער צדיק ר׳ נחומ׳קע הוראדנער. ער איז שטאַרק מושפע געוואָרן פון ר׳ נחומ׳קען, וועלכער פלעגט אָפט מאָל לערנען מיט די יונגע תלמידים און זאָגן פאַר זיי מוסר.

זיין זון אלתר האָט ער געשיקט לערנען אין דער סלאבאדקער ישיבה. אלתר איז שפּעטער געווען באקאנט אין שטאָט ווי אַ טיכטיקער עסקן פאַר ארץ־ישראל.

ר׳ דניאל איז נפטר געוואָרן בשם טוב אין ניסן תרצ"א.

זיינע איידעמס זיינען געווען די צוויי ברידער ר׳ משה און ר׳ יהושע קראַווצינסקי, ביידע יידן לומדים. ר׳ משה האָט געהאט אַ שוכגעשעפט אויף כלאדנער גאַס, געדאַוונט אין חברה־תורה קלויז, וואו ער איז אויך געווען א גבאי ביזן לעצטן טאָג. ר׳ יהושע, אַ גרויסער ירא שמים, האָט געהאַט אַ שפּייזגעשעפט אין די דרייצן קרעמלעך און געהאט אַ גוטן נאָמען פאַר זיין גרויסער ערלעכקייט אין מסחר אפילו צווישן קריסטן. דער דריטער איידעם איז געווען אַ טייערער, שטילער און ערלעכער ייד, ר׳ נחמן לאַזמאַן, וועלכער האָט געאַרבעט גאַנץ שווער ביי דער האָלץ־בראַנזשע און יעדן פאַר טאָג אויפשטיין זאָגן תהלים. ר׳ הערשל פּרענאַוויטש, דער פערטער איידעם, איז געווען טעטיק אין שטאָטישע זאַכן, בעיקר אין ביקור חולים ולינת הצדק, און געווען מיטגליד פון לעצטן ועד־הקהל. זיי זיינען אַלע אומגעקומען דורך די נאַציס אין פאַרשיידענע ערטער. הי"ד.

## ר׳ יאסל זעף

ביי יעדער פרייער צייט פלעגט ער זיצן אין חברה־תורה קלויז און לערנען, פיל יאָרן האָט ער געלערנט מיט דעם גבאי ראשון פון קלויז ר׳ דניאל ליפשיץ.

ר׳ יאָסל זעף איז געווען אַ סוחר זיינע אַלע יאָרן. געשטאַמט האָט ער פון אַ קליין שטעטל לעבן סואוואַלק, לאזדיי. ער האָט חתונה געהאַט אין סואוואַלק, האָט געפירט אַ גארבעריי־פאַבריק, פלעגט פאָרן געשעפטלעך פון צייט צו צייט קיין אויסלאַנד, נאָר מיט זיינע אַלע געפילן איז ער געווען צוגעבונדן צום בית מדרש און לערנען. אויך אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין שלעכט און גלייכצייטיק האָט ער געהאַט פיל אַנדערע צרות, האָט ער זיין לערנען אין קלויז ניט אָפּגעשטעלט. ער איז אויך געווען עטלעכע יאָר דער הויפּט־גבאי פון חברה־תורה קלויז.

אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון 74 יאָר. עס האָבן אים מספיד געווען דער מרא־דאתרא הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ שליט"א, ווי אויך דער שטאָטישער מורה הוראה הרב גרשון ברוידא זצ"ל.

## ר׳ ברוך לערנער

אַן אמת׳ער ערלעכער ייד און מדקדק במצות. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין לאמזשער ישיבה. זיינע צוויי זין מאיר און חיים האָט ער געשיקט לערנען אין ישיבות. געווען כל ימיו אַ נהנה מיגיע כפיו, געאַרבעט ביי סמאָלינסקין אין מיל. נאָכן טויט פונעם לאַנג יאָריקן שמש פון חברה קדישא ר׳ ראובן לייזער האָט ער איבערגענומען זיין קהל׳שע שטעלע און געאַרבעט באמונה. ער פלעגט אַ סך טאָן פאַר אורחים און איינאָרדענען זיי מיט עסן און שלאָפן, קלייבן פאַר צדקה און מעורר זיין צו שמירת שבת. ער האָט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין שמירת הלשון און פלעגט ווירקן אויף אַנדערע אויך ניט צו ריידן קיין לשון הרע און רכילות. ער פלעגט אָפּהיטן יעדן אָוונט צו קומען לערנען אין חברה־תורה קלויז. אומגעקומען מיט די קדושים. הי"ד.

## ר׳ אלתר סטאַליארסקי

פון די שיינע לומדישע יידן אין שטאָט. ער האָט ביז זיין חתונה געלערנט אין טעלזער ישיבה, געווען דאָרטן פון די מצויינים אין לערנען. ער איז געווען אַ מוסמך להוראה, אָבער ער האָט אויסגעקליבן צו זיין אַ תבואה־סוחר. ווען די שטאָטישע רבנים אָדער רבנים, וואָס פלעגן קומען צו גאַסט, פלעגן זאָגן פלפולים פאַרן עולם,

פלעגט מען ארויסזען, אז ר' אלתר איז נאך געבליבן מיט זיינע אלע חושים דער אמאליקער טעלזער ישיבה־מאן. ער פלעגט פארויס דורכקוקן די סוגיות, אויף וועלכע די רבנים פלעגן דארפן זאגן, און פלעגט זיך נאך דעם מיט זיי מפלפל זיין אין זייערע חידושי תורה. ער איז געווען א שטענדיקער מתפלל אין קלויז חברה־תורה, וואו ער פלעגט זיצן און לערנען בעמקות.

ביים אויסבראך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אנטלאפן קיין ליטע, זיך באזעצט אין דעם שטעטל קאשעדאר, און ווען די נאציס זיינען אריין אין ליטע, איז ער דארט אומגעקומען. הי"ד.

## ר' אהרן גאלדשטיין

ער איז געבארן אין פונסק. האט געלערנט אין טעלזער ישיבה און שפעטער חתונה געהאט אין פיליפאווע. נאכן זיין אין אמעריקע ביי 10 יאר, האט ער זיך אומגעקערט קיין סואוואלק, דארטן אפגעקויפט א הויף מיט הייזער אויף וועסאלע גאס און פון דעם געלעבט. ער האט געלערנט אין חברה־ש"ס פון גרויסן בית־מדרש און פון חברה־תורה קלויז. ער איז געווען א בן־בית ביי די רבנים הרב ר' אהרן באקשט און נאך דעם ביי הרב ר' יוסף יאסעלעוויטש און ביי דעם לעצטן רב ר' דוד ליפשיץ. ווען עס האט אויסגעבראכן די מלחמה האט הרב באקשט, דעמאלט רב אין שאוול, ליטע, זיך געלאזט קאסטן געלט, כדי ארייצוברענגען צו אים ר' אהרנען און נאך צוויי סואוואלקער בעלי־בתים פון זיינע נאנטסטע ידידים. דאס איז אבער אים ניט געלונגען.

ר' אהרן גאלדשטיין פלעגט ליב האבן צו פארברענגען מיט די סואוואלקער בני־תורה אין לערנען און אין מילי דעלמא. האט געוואוסט צו דערציילן מיט געפיל וועגן א סך גדולים, וועמען ער האט פערזענלעך געקענט. ער איז אויך געווען א ייד א משכיל, א בעל־תנ"ך און געווען זייער איבערגעגעבן פאר ארץ ישראל. ער, זיין פרוי שרה איטל און זייער געלערנטע טאכטער רחל זיינען מיט נאך טויזנטער סואוואלקער יידן פארטריבן געווארן דורך די נאציס אין לובלינער געגנט, וואו זיי זיינען אומגעקומען. הי"ד. זייער איינציקער זון משה געפינט זיך זייט יארן אין תל־אביב, וואו ער פארנעמט א וויכטיקן פאסטן אין דער דארטיקער עיריה.

## ר' מאיר גוסטמאן

ער איז אנגעקומען פון ווייזשאן קיין סואוואלק אין 1934. ער האט געשאפן אין שטאט א גרויסע „חברה תהילים", אין יעדן שבת פאר טאג סיי זומער, סיי ווינטער פלעגט אפקלינגען פון גרויסן בית־מדרש דער זיסער ניגון פון תהילים, וואס איז געזאגט געווארן פון א גרויסן עולם. דעם שיינעם ביישפיל האבן נאכגעטאן אויך אנדערע קלייזן. ר' מאיר גוסטמאן איז אנטלאפן פון דער נאצישער ממשלה אין סואוואלק קיין ליטע, וואו ער איז אומגעקומען. הי"ד.

## ר' יהודה דעמבאוויטש

ער האט געהאט א פרוכטגעשעפט אויף יאטקע־גאס, אבער מיט זיין גאנצן מהות איז ער געווען פארטאן אין תורה. געווען רבי אין דער פורמאנסקער קלויז. ווען מען פלעגט אים פרעגן מיט וואס ער פארנעמט זיך, פלעגט ער זיך אנגעבן ווי א רבי אין א קלויז, כאטש ער האט פאר דעם קיין געלט ניט גענומען. זיינע איידעמס ר' מרדכי פערצאווסקי און ר' משה סאראקשאבל זיינען געווען בני־תורה און תלמידי־חכמים און געווען אקטיוו אין רעליגיעזן לעבן פון סואוואלק. זיין זון איז געווען אן איבערגעגעבענער עסקן פאר ארץ־ישראל. נאך אן איידעם זיינער, קאייעם, האט אויך געהאט א פרוכטגעשעפט אויף קאסטשושקא־גאס, אבער ער איז געשטארבן אין די מיטעלע יארן. זיין פרוי אידע מיט אן איינציקן זון געפינען זיך איצט אין רמת־גן, ישראל, וואוהין זיי זיינען געקומען נאכן דורכמאכן דעם יסורים'־דיקן וועג פון א היטלער־פליט.

## דער רבי פון שוסטערשער קלויז

אין פאליש פון גרויסן בית־מדרש זיינען געווען צוויי קלויזן. איינע האט געהייסן די שוסטערשע קלויז („חברה סנדלרים"). איר רבי איז געווען שיינהויז, אן עלטערער ייד, א גרויסער תלמיד־חכם ויירא שמים און א תמים באמת, איז דארט געזעסן יומם ולילה און געלערנט. יעדן אוונט האט ער געלערנט פארן עולם חיי־אדם און עין־יעקב און שבתים — חומש. ער פלעגט זייער משפיע זיין אויפן עולם מיט זיינע הארציקע דרשות. ער איז אומגעקומען מיט אלע יידן פון סואוואלק. הי"ד.

## דער רבי פון שניידערשער קלויז

ער איז געווען פריער דער יעלינעווער רב. אויף דער עלטער האט ער זיך באזעצט אין סואוואלק, וואו ביי טאג פלעגט ער לערנען פריוואט גמרא מיט קינדער און אין אוונט אין „חברה חייטים", וואס איז געווען די צווייטע קלויז אין פאליש פון גרויסן בית־מדרש. ער פלעגט שטענדיק אויפשטיין דאווענען מיטן נץ החמה און פיל לערנען. יעדן ערב ראש חודש פלעגט ער זיין דער ש"ץ פארן עולם. ער האט זוכה געווען צו זייער א טיפער עלטער.

פון דער שניידער קלויז איז געווען בארימט אין שטאט דער שניידער ר' יעקב איילענדער, וועלכער פלעגט יעדן טאג נאכן דאווענען לערנען משניות און יעדן אוונט נאך דער ארבעט גיין אין זילעברבלאטס קלויז הערן א בלאט גמרא. ער איז געווען א שליח פון די אנטווערקערס אין יעד הקהילה. נאך א קורצער קראנקייט איז ער געשטארבן אין עלטער פון עטלעכע זעכציק יאר, חודש אדר תר"ץ. דער שטאט־רב הרב ר' יוסף יאסעלעוויטש האט אים מיט זייער רירנדיקע ווערטער מספיד געווען.

## די מולארסקע קלויז

פון חצר פון בית־מדרש פלעגט פירן אַ שמאָל טירל — וואָס מער ווי איין מענטש פלעגט ניט קענען דורכגיין דורך איר — צו דעם הויף פון בעקער ליס. הינטער דעם דאָזיקן טירל האָט זיך געפונען אַ קליין שולכל, די מולארסקע קלויז. יעדן אָוונט און אַלע שבתים פלעגט דאָרטן לערנען מיט עולם דער רבי קאַטשעראָווסקי. עס האָבן דאָרט געדאַוונט איינפאַכע האָרעפּאַשניקעס, אָבער שטילע און פרומע יידן. זיי פלעגן זיך האַרציק צוהערן, ווי דער רבי לערנט עין יעקב און דינים.

## דער רבי זימאַן

דער רבי זימאַן האָט אַ סך יאָרן געלערנט אין „חברה מדרש" פאַרן עולם, ניט נעמענדיק פאַר דעם קיין געלט. געווען אַ ייד אַ למדן, אַ שיינער דרשן און האָט אַ סך מענטשן צוגעצויגן צום לערנען. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ"ט.

## ר' טאָדרעס

געווען פון די זקני תלמידי־חכמים אין שטאָט, פאַר וועמען מען האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ. ער פלעגט זיצן און לערנען ממש טאָג און נאַכט אין „חברה־מדרש" און אין שפּעטער'דיקע יאָרן — אין עין־יעקב־קלויז. אַ גרויסער מהדר במצוות. געווען באַוואוסט אין שטאָט מיט זיינע מידות טובות און בפרט מיט זיין גמילות־חסדים.

ער האָט זוכה געווען צו דער עלטער פון קרוב 90 יאָר. איין מאָל חול־המועד סוכות האָט ער זיך מקדים געווען צו דאַוונען מנחה פריער ווי אַלע מאָל. איז אַוועק פון שול אין שטוב און האַלטנדיק דעם אתרוג און לולב אין האַנט איז ער געפאַלן און געשטאָרבן אויף אַן אָרט.

## ר' אברהם יהודה זעליגסאָן

געבאָרן אין סאפאטקין, ניט ווייט פון סואוואַלק, אין יאָר 1868, ביי זיין פאָטער ר' ישראל־יצחק, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און געלערנט מיטן עולם אַ בלאַט גמרא. אין 1891 האָט ער חתונה געהאט אין סואוואַלק מיט חיה קרוטשעניצקי, דער טאָכטער פון ר' יחזקאל, באַקאַנטן למדן און סוחר אין שטאָט. ער האָט געהאַט אויף מאַרק גאַס אַ קראָם פון גאלאַנטעריי און במשך פון צענדליקער יאָרן געפירט שטיל און ערלעך זיין געשעפט. אַ ייד א פיקח און תלמיד־חכם, פלעגט דאַוונען מוספים אין קלויז „חברה־מדרש", געווען אַ זעלטענער בעל־קורא. געטאָן אַ סך פאַר ארץ־ישראל. געהערט צו די חשוב'ע בעלי־בתים און געהאט אַ גוטן נאָמען אין שטאָט.

ו' טבת תרצ"ב איז געשטאָרבן זיין פרוי חיה ע"ה. סוף 1935 איז ר' אברהם־יהודה געקומען צו גאַסט קיין אמעריקע צו זיין עלטסטן זון ר' יחזקאל חיים זעליגסאָן, באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער און פרעזידענט פון סואוואלקער רעליף־קאָמיטעט. נאָכן אָפּזיין עטלעכע יאָר אין ניו־יאָרק טראַכט ער צו פאָרן צוריק אַהיים, אָבער צוליב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער שוין געבליבן ביי זיין זון. ער איז דעמאָלט דורך הרב בארישאנסקי, האָמלער רב, אויפגענומען געוואָרן ווי אַ משגיח איבער שחיטת עופות. די מלאכת הקודש פלעגט ער אויספירן באמונה. האָט קובע עתים געווען לתורה, פלעגט אויך לערנען ביי חברה ש"ס אין בית־המדרש פון מאונט־אידן־סענטער, וואו ער פלעגט זיין ימים נוראים דער בעל שחרית, אָפּט אויך דער בעל קורא, אָן קיין שום געצאָלט. ער איז דאָ געווען פון די אַקטיווע „מזרחי" חברים און געווען באַליבט ביי אַלעמען.



ר' אברהם יהודה זעליגסאָן

ערב שבת פ' תזריע־מצורע, ה' אייר תש"ז, איז ער, ווי געוויינטלעך, געקומען פאַר נאַכט אין שול אריין מקבל שבת זיין, אָבער ביים זאָגן שיר השירים איז אים פלוצלונג ניט גוט געוואָרן, דער סידור איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט און ער איז נפטר געוואָרן זיצנדיק אויף זיין אָרט אין שול. תנצב"ה.

זיינע זין יעקב און דוד־בערל זיינען געווען סאָלידע און ערלעכע סוחרים. זיי האָבן געהאַט גאַלאַנטעריי־קראָמען אויף יאַטקע און מאַרק גאַס. געווען עסקנים בצרכי ציבור און באַזונדערס פיל געטאָן פאַר דער תלמוד־תורה, זייער איבערגעגעבענע טוערס פאַר ארץ ישראל און פיל געשאַפן פאַר די קרנות.ביידע זענען זיי געווען מנגנים. יעקב פלעגט אָפּט דאַוונען פאַרן עמוד אין „חברה־תורה"־קלויז און אין „חברה־מדרש", וואו ער פלעגט זיין אַ בעל־מוסף און בעל־קורא.

אָנהייב מלחמה איז דוד־בערל מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אַוועק קיין סלאָנים, וואו זיי זיינען אומגעקומען אַ פאָר יאָר שפּעטער בעת דער באקאנטער סלאָנימער שחיטה. יעקב איז נאָך געבליבן אין סואוואַלק ביז דעם נאַציסטן גירוש און דעמאָלט אַנטלאָפן דורך דער ליטווישער גרענעץ קיין לאזדיי, וואו ער איז זומער 1941 אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי און דריי קינדער. זייער שוועסטער באַשע־פייגל מיט איר מאַן

אליה לעווענטין מיט דריי קינדער זיינען שפּעטער אומגעקומען אין קאָוונער געטא. הי״ד.

## ר׳ הערשל לעווענטין

אַליין האָט ער געשטאַמט פון וואַרשע, וואו ער האָט געהאַט אַ לעדער פאַבריק און אַ וואָלקאַרניע, דערי־בער האָט מען אים גערופן דער וואַרשאַווער וואַלקער. ער איז געווען פון די געציילטע חסיד׳ישע יידן אין שטאָט, מיט זיין גאַנצער הנהגה, מיט די לאַנגע מלבושים און חסיד׳יש פּוילישן היטעלע, ווי אויך מיטן גאַנצן חסיד׳ישן ברען. געווען אַ קלוגער, אָפּגעהיטער ייד מיט אַ חוש פאַר הומאָר און גלייכווערטל. כל ימיו איז ער געווען פון די הויפּט עסקנים פון דער חברה ביקור־חולים ולינת הצדק. ער פלעגט צושטעלן פאַר אָרעמע קראַנקע די נייטיקע רפואות און גוטע שפּייז. פלעגט אַליין גיין נעכטיקן ביי קראַנקע און זיך זאָרגן דערפאַר, אַז אויך אַנדערע זאָלן מקיים זיין די דאָזיקע מצווה. די אָרעמע פאַמיליעס האָבן דערמאָנט זיין נאָמען מיט ליבע. זיינע פינף זין: נפתלי, אברהם יצחק, אליהו, יעקב און מאָטל האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס אין שטאָטישן לעבן. ספּעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט זיין עלטסטער זון ר׳ נפתלי, וועלכער איז געווען אַ כלל טוער, אַ בורר ביי דין־תורות און פון די גרינדערס פון דער חברה ביקור חולים ולינת הצדק און איר וויצע־פּאָרזיצער. אין יאָר 1926 איז ער מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעפאָרן קיין אַנטווערפּן, בעלגיע, וואו ער האָט געפירט אַ מסחר מיט דימענטן, און אויך דאָרטן געווען פון די חשוב׳ע באַ־קאַנטע בעלי־בתים. ער איז נפטר געוואָרן שבת בראשית תר״ץ.

## רביים און גבאים פון הכנסת־אורחים קלויז

אין הכנסת־אורחים קלויז זיינען געווען צימערן, וואו עס פלעגן נעכטיקן דורכפאָרערס. יעדן שבת פלעגט מען דאָרטן טאַקע זען נייע יידן. וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן די אורחים זיינען געווען, האָט מען, נאַטירלעך, ניט געוואוסט. עס האָט איין מאָל געטראָפן, אַז איין אורח איז מיט זיין באַשיידענעם שטיין הינטער דער בימה און מיטן דאַווענען בדביקות געפעלן געוואָרן דעם מורה־הוראה ר׳ משה אלטמאַן, וועלכער האָט יענעם פאַרבעטן צו זיך אויף שבת. דער אורח האָט די איינלאַדונג ניט אָנגע־נומען. אין אַ צייט ארום האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער „אורח" איז געווען דער גאון און צדיק ר׳ יצחק בלאַזער, שפּעטערדיקער פּעטערבורגער רב.

דער ראש החברה און גבאי איז דאָרט געווען ר׳ מאטיע מאיר קליימאַן, אן איידעם פון דעם מנדב פון הכנסת אורחים. ער איז אַ מאָל געווען אַ בעקער, דער־נאָך האָט ער געהאַט ביי זיך אין הויז אַ היימישן רעסטאָראַן. ער פלעגט זייער אַ סך לערנען אין קלויז. געווען אויך דאָרטן אַ בעל־תפילה ימים־נוראים. ער האָט זוכה געווען צו אַ טיפער עלטער פון קרוב צו הונדערט יאָר.

צוזאַמען מיט אים איז דאָרטן אַ ריי יאָרן געווען גבאי ר׳ ליב קאַווין, דער פיינער, איידעלער געשעפטס־מאַן פון שוכוואַרג אין מאַרק־גאַס. ער איז אויך געווען אַ האַרציקער בעל־תפילה. ער איז געשטאָרבן שוין אַן עלטערער מענטש, אָבער אין שטאָט איז געווען אַן איבערראַשונג זיין פּלוצלונגדיקער טויט אין ווינטער 1927.

דער מלמד הר״ר אברהם יצחק פּאָלאַטשאַק, אַ גרויסער למדן, פון די תלמידים פון וואָלאָזשינער ישיבה, איז געווען אַ רבי אין דער חברה. ער איז אויך געווען א גמרא־מלמד אין דער העכסטער כיתה פון תלמוד־תורה. זיין הויפּט־פּרנסה האָט ער געצויגן פון האַלטן אַ בודקע שניט אויפן מאַרק.

דער אַראַנער רבי בלאַכאַראָוויטש, וועלכער איז אויך געווען מלמד אין תלמוד־תורה, פלעגט צוציען מיט זיין לערנען עין־יעקב און חומש אַ גרויסן עולם. ער פלעגט זיך אָפט צעזינגען מיט זיין שיינער, זיסער שטים און מאַכן אנגענעם און לעבעדיק דאָס לערנען. געווען אויך אַ גוטער בעל־תפילה. צוויי פון זיינע קינדער זיינען איצט באַרימטע חזנים אין אַרגענטינע.

אַ לאַנג יעריקער בעל־קריאה און פון צייט צו צייט אויך אַ רבי ביים טיש איז דאָרטן געווען ר׳ מרדכי סג״ל. מען האָט אים גערופן שבת׳ל דעם חסיד׳ס איידעם, ווייל זיין שווער איז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען דער ראש פון איינציקן חסידים־שטיבל אין סוואַלק, וואָס האָט דאָרטן דעמאָלט עקסיסטירט. ער אַליין איז געווען אַ חסיד׳ישער ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד און לאַנגע יידישע קליידער, אַ למדן און פּיקח. כאָטש ער האָט געהאַט צרות אין זיין פּריוואַטן לעבן, איז ער דאָך געווען תמיד פריילעך און פריינדלעך צו אַלעמען. געווען אַ תלמיד פון לאָמזשער ישיבה. ער האָט געוואוינט אויף עק וויגרער גאַס, לעבן דער שטאָט־ישער בוינע, וואו ער איז געווען משגיח און קאַסירער. אומגעקומען מיט די קדושים. הי״ד.

אַ לאַנג יעריקער בעל־מוסף ימים־נוראים אין קלויז איז געווען מיין זיידע ר׳ אפרים זאַוואָזניצקי. וועגן זיין שיינעם און האַרציקן דאַווענען פלעגט מען נאָך איבער־דערציילן אין סוואַלק שוין אַ סך יאָרן נאָך זיין טויט (כ׳ כסליו תר״פ).

אַ געוויסע צייט איז אין קלויז געווען אַ רבי דער באַקאַנטער תלמיד־חכם ר׳ קלמן ציצאַוויטש, אַ למדן און אַ רעדנער אין שטאָט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. ער האָט איינגעפירט דאָרטן צו לערנען און דרש׳נען ווינטער יעדן פרייטאָג צו נאַכט, און אַ גרויסער עולם פלעגט טאַקע קומען הערן זיינע שיינע דרשות. ר׳ קלמן ציצאַוויטש איז געווען באַקאַנט אין שטאָט ווי אַ בקי אין חושן־משפּט און איז געווען אַ שטענדיקער בורר ביי דין־תורה׳ס.

פּרשת „וירא" פלעגט זיין דער חברה׳שער שבת. צו דער חגיגה פלעגט מען פאַרבעטן דעם רב מיט די דיינים און די פּני העיר. דער רב פלעגט דרש׳ענען וועגן דער פּרשה פון דער וואָך, וועגן דער גרויסקייט

פון דער מידה פון אברהם אבינו אין קבלת אורחים און מחזק געווען די חברה, אַז מען זאָל ווייטער ממשיך זיין די וויכטיקע מעשים פון אויפנעמען פרעמדע מענטשן.

אַזוי האָט די חברה צענדליקער יאָרן מקיים געווען די גרויסע מצווה פון העלפן יידישע וואַנדערערס, ביז די שטאָט מענטשן אַליין זיינען געוואָרן וואַנדערערס אין האַרטן, שווערן גלות, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט זייער אומקום על קידוש השם.

## ר׳ משה לייב גראָדזענסקי

אַ פלימעניק פון באַרימטן גאון ר׳ חיים עוזר גראָד־זענסקי זצ״ל פון ווילנע. אין זיין האָטעל „פראנק״ פלעגן מערסטנס איינשטיין רבנים. געווען אַ בכבוד׳יקער ייד און בן־תורה. ער פלעגט אַ סך אַרבעטן פאַרן „ועד הישיבות״ און פאַר פאַרשיידענע צדקה־מוסדות. עטלעכע יאָר פאַרן חורבן איז ער אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע, וואו ער האָט זיך אין גאַנצן אָפגעגעבן מיט ארומפאָרן פאַרן „ועד הישיבות״. ער איז אומגעקומען מיט די קדושים. הי״ד.

## ר׳ יהושע גלאַס

אַ נעימות׳דיקער ייד, מיט אַ לאַנגער שיינער באָרד. געזעסן פיל און געלערנט. אין זיין יוגנט האָט ער געלערנט אין לאָמזשער ישיבה. פלעגט אַ סך טאָן פאַרן „ועד הישיבות״ און אורחים, וואָס פלעגן דורכפאָרן די שטאָט. אומגעקומען מיט די סואוואַלקער קדושים, הי״ד.

## ר׳ יחזקאל העניגזאָן

געשטאַמט פון קאלוואריע. געווען פון די באקאנטע משכילים אין שטאָט. האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיין בקיאות אין תנ״ך און מאמרי חז״ל. געהאט אַ זעלטענעם זכרון. דרשנים און זאָגערס האָבן זיך געדאַרפט פאַר אים היטן, ער זאָל זיי ניט כאַפּן ביי אַ גרייז אין ברענגען אַ פסוק. ער האָט געהאט אַ געשעפט פון גאלאנטעריי אין מאַרק־גאַס, אָבער ער פלעגט אָפגעבן פיל צייט פאַר כלל זאַכן, צייטנווייז אויך אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן. אַן ענערגישער טוער פאַרן „ועד הישיבות״ אין שטאָט, פון וועלכן ער איז געווען אַ שטיקל צייט דער סעקרעטאַר. קורץ פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ממש מיט דער לעצטער שיף, איז ער אָפּגעפאָרן צו זיין משפחה אין אַמעריקע. גע־שטאָרבן כ״ו כסלו, תשי״ח אין ניו־יאָרק.

## ר׳ אברהם יעקב הכהן קאַפּלאַן

מען האָט אים גערופן אין שטאָט ר׳ אברהמ׳י דער מלמד, ווייל ער האָט אַ מאָל געלערנט לימודי־קודש מיט די קינדער. שפּעטער האָט ער זיך שוין מיט דעם ניט פאַרנומען, ווייל ער איז אויסגעהאַלטן געוואָרן בכבוד פון זיין שוועסטער אין אַמעריקע. ער האָט געהאט פיל ספרים ביי זיך אין שטוב און פלעגט אַ סך לערנען. געווען אַ מהדר במצוות און פלעגט געבן אַ סך צדקה. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענַיוות און געווען בכלל אַ שווייגער. ער האָט זיך משתדל געווען צו פאַרהוילן זיינע מעשים טובים. ווען מען האָט אַ מאָל באַמערקט, ווי ער נעמט צונויף אין גאַס שטיקלעך און שערבלעך, איז מען צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל זאָגן פאַרוואָס ער טוט עס. בלית ברירה האָט ער געענטפערט: „כדי די קינדער, וואָס גייען באָרוועס, זאָלן זיך, חלילה, ניט צעשטעכן די פיס״. זיין גאַנצע הנהגה האָט דערוועקט דעם כח הדמיון פון פאָלק צו קלערן אויף אים, אַז ער איז פון די פאַרבאָרגענע צדיקים.

## ר׳ יהושע מלאַטעק

אַ ספּעציפישער טיפּ פון אַן אַלטן מלמד און אַ רעליגיעזן משכיל איז געווען ר׳ יהושע ב״ר ציון מלאטעק. געלעבט האָט ער פון אָפּגעבן פּריוואַטע „שטונדן״. דאָס האָט אָבער ניט געקלעקט אויף פרנסה, האָט ער זיך ארויסגעהאָלפן מיט אַזאַ „געשעפט״: מיט זיין שיינער האַנטשריפט פלעגט ער אויף אַ פּאָסטקאַרטל אָנשרייבן לידער אין העברעאיש און יידיש אויף אַקטו־עלע טעמעס (אַ שמחה אין משפחה, אַ יום טוב וכדומה). די קאַרטלעך פלעגט ער פאַרקויפן. ניט ווייניק פון זיי זיינען אַוועק צו סואוואַלקער קרובים אין אמעריקע. מיט דעם פלעגט ער אַ ביסל צושטוקעווען זיין אָרעמע פרנסה.

ר׳ יהושע האָט געלעבט איינזאַם און פלעגט עסן אין דעם היימישן רעסטאָראַן, וואו מענטשן אָן פאַמיליעס אָדער פרעמדע דורכפאָרערס פלעגן עסן — ביי ר׳ יהושע מעקלער דעם שפּייזקרעמער אין שול־גאַס. ער האָט ניט געהערט צו חברה־ש״ס, אָבער לערנען האָט ער געקענט און פלעגט אָפט זיצן ביי דער גמרא אין „חברה־תורה״ פון בית־מדרש הגדול. ווען חברה־ש״ס האָט גע׳יום־טוב׳ט איר זיבן־יעריקן יובל, האָט ער זיך געפילט ווי אַ גאַנצער מחותן אויף דער תורה־שמחה און פאַראיינס שוין צוגעגרייט זיינע גראַמען לכבוד דער געשעעניש: „סליק מסכת נדה ועמה נגמר כל הש״ס/ אשרי מי שזכה ללמוד ולסיימו חדא תרי ותלת״/ הנה ש״ס זה מתחלתו ועד סופו פנינים / אורך ימים למיימינים / עושר וכבוד למשמיאילים /. איך דערמאָן זיך עטלעכע שורות פון זיינעם אַ געגראַמטן שיר אויף סוכות. דער רעיון איז וועגן לולב, וואָס דער ייד דרייט אויף אַלע פיר זייטן און סימבאָליזירט דעם גורל פון יידישן פאָלק, וואָס זוכט אַ פּלאַץ פאַר זיך אין אַלע זייטן פון דער וועלט און קען ניט געפינען:

„עומד יהודי ונוטל לולבו לארבע הרוחות ונפשו עגומה/ פה איסור תחומים ושם איסור תחומים, ובבית אין להשתכר מאומה/ היה היו ימים טובים מאלה, פתוחים הגבולים והכניסה מותרת/ אם היתה כאן פרנסתי לקויה/ ואסע למדינה אחרת/ עכשיו סוגרו הדרכים...״

אָבער ער ענדיקט מיט אַ טרייסט: „פתאום הישיר היהודי את רגלו ויוליך בלולבו מעלה ומטה / השם בוראי שבשמים הוא זן אותי עד הנה ויזונני גם עתה".

איין סוכות אָבער, אין יאָר ת"ש, האָט מען אָנגעהויבן אין שטאָט טאַקע לויפן אין אַלע עקן, דאָס מאָל זיך פשוט צו ראַטעווען פון טויט, — און דאָס איז שוין געווען דער לעצטער סוכות סיי פאַר ר' יהושע מלאָטעק, סיי פאַרן גרעסטן טייל יידן אין סואוואַלק.

## ר' טוביה סידקאָווסקי

צענדליקער יאָרן האָט ער פיגורירט אין סואוואַלק ווי דער צושטעלער פון אַלע צייטונגען. איידער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין שטאָט, איז ער געווען דער מענטש, וואָס האָט דערפילט די וויכטיקע אויפגאַבע פון צושטעלן נייס, יידישע און אַלגעמיינע, בפרט ביי וויכטיקע געשעענישן. עס געדענקט זיך נאָך פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה, ווען די צייטונגען האָבן זיך פרייטיק פאַרשפּעטיקט, וואָס פאַר אַ באַלאַגערונג עס איז געווען אויף סידקאָווסקיס הויז. אַזעלכע סצענעס פלעגט מען אויך זען, ווען עס פלעגן פאָרקומען גרויסע געשעענישן אין ארץ־ישראל, ווי אין יאָר תרפ"ט, למשל.

ר' טוביה האָט אויך געהאַט אַ קראָם פון טאַבאַק און ציגאַרעטן. ער האָט זיך גערעכנט פון די שיינע בעלי־בתים אין שטאָט, בפרט אין אַראָנסאָנס קלויז, וואו ער איז אַ סך יאָרן געווען אַן איבערגעגעבענער גבאי. ער פלעגט דאָרט אויך זיצן און לערנען בקביעות אַ בלאַט גמרא יעדן טאָג.

אין מסחר האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איידלקייט און ערלעכקייט. די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן דערנענטערט זיין סוף דורך זייערע פּיקעטן, וואָס פלעגן אָפּריידן די גוי'אישע קונדן פון צו קויפן ביי יידן. דורך דעם האָבן זיי אַזוי צערואינירט זיינע מסחרים, אַז פון פאַרדראָס איז ער געשטאָרבן אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה.

## ר' שלמה פּערלאַ

געווען פון די חשוב'ע בעלי־בתים אין שטאָט. געבאָרן אין לאָמזשע און געלערנט דאָרטן אין ישיבה און שפּעטער אין די ישיבות פון ביאַליסטאָק און גראָדנע. ער איז געקומען קיין סואוואַלק אין יאָר 1890 און איז געווען די ערשטע צייט אַ לערער ללמודי קודש אין דאַנינגערס חדר. ער האָט חתונה געהאַט מיט הינדע רבקה דער טאָכטער פון ר' שמעון עליאַן אין פון דער באַקאַנטער גלאַזהענדלער־פאַמיליע. ר' שמעון עליאַן, וועלכער האָט געשטאַמט פון ליובאָווע לעבן סואוואַלק, האָט געהאַט אַ ברודער אין שטאָקהאָלם, שוועדן, וואוהין ער האָט אויך עמיגרירט מיט זיין פאַמיליע און געהאַנדלט דאָרטן מיט גאָלד. עס האָט אָבער דאָרטן אויסגעפעלט אַ היימישע יידישע סביבה און נאָכן אָפּזיין אין שטאָקהאָלם 8 יאָר איז ער צוריק געקומען מיט זיין פאַמיליע קיין סואוואַלק און געעפנט אַ שניטקראָם אויף מאַרק־גאַס.



שלמה פּערלאַ

אויך זיין איידעם ר' שלמה פּערלאַ האָט זיך נאָך דער חתונה גענומען צו מסחר און צוזאַמען מיט זיין פרוי, וועלכע איז געווען באַקאַנט מיט איר חכמה און סוחר'ישע פעאיקייטן, האָבן זיי דערוואָרבן אַ פיין מאַנופאַקטור־געשעפט און אַ גוטן, ערלעכן נאָמען.

ר' שלמה פּערלאַ איז געווען אַן איבערגעגעבענער עסקן אין פיל שטאָטישע ענינים און באַזונדערס אין דעם „עזרת־אחים קאָמיטעט", וואָס האָט פאַרטיילט אַמעריקאַנער שטיצע פאַר געדריקטע. ער פלעגט ארומלויפן טאָן מענטשן טובות און לייען גמילות־חסדים צו נויטבאַדערפטיקע. ר' שלמה איז געווען גבאי ראשון אין חברה לינת־הצדק ובקור חולים און אין חברה קדישא. במשך פון יאָרן פלעגט ער קומען שבת פאַרהערן די קינדער פון דער ישיבה און תלמוד תורה, וואו ער איז געווען גבאי. ער איז געווען אַ חבר אין חברה ש"ס, אַ חובב ציון און פיל געטאָן פאַר ארץ ישראל. באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ שם אין שטאָט מיט זיין מתיקות'דיקן דאַוונען ווי אַ בעל מוסף אין די קלויזן פון זילבערבלאַט און חברה־תורה. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אים די דייטשן גענומען, ווי אַ חשוב'ן שטאָטישן טוער, פאַר אַן ערוב'ניק און געהאַלטן פאַרשפאַרט אַ פּאָר וואָכן.

אין יאָר 1923 איז ר' שלמה אַוועק מיט זיין משפחה קיין אַמעריקע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיינע זין געפירט אַ געשעפט פון מאַנופאַקטור אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך באַזעצט אין בענסענהירסט, ברוקלין, און אויך דאָרטן איז ער געווען שטאַרק טעטיק פאַר יידישקייט, געבויט דאָרטן די באַקאַנטע יאָנג־איזראַעל מקוה, געווען פון די גרינדערס פון ישיבת „אהל־משה" און יענער געגנט אין אָנגעהאַלטן ווייטער זיין חזקה צו דאַוונען

מוספים אין דער ישיבה דבענסענהוירסט און אין בית־
הכנסת תפארת־תורה.

זומער 1935 איז ער פלוצלונג קראַנק געוואָרן און
איז געשטאָרבן י״ג מנחם־אב תרצ״ה.

זיין פרוי, האשה החשובה ויראת ד׳ מרת הינדע
רבקה, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע מידות טובות,
קלוגשאַפט און גוטסקייט, זי האָט געטאָן פיל פאַר
געדריקטע און נויט־באַדערפטיקע און איר הויז איז געווען
באַקאַנט מיט הכנסת־אורחים ומעשים טובים. זי איז נפטר
געוואָרן בשם טוב פרייטיק ז׳ שבט תשי״ט.

## ד״ר נפתלי סטאַראָפּאָלסקי

אַ באַרימטע פערזענלעכקייט אין שטאָט, פון די וויכ־
טיקסטע פירערס און עסקנים, אַ לאַנג יעריקער מיטגליד
פון ועד הקהל, איבערגעגעבענער כלל טוער אין אַ ריי
אַנשטאַלטן און הויך געשעצט אין אַלע קרייזן. אויסער
זיין פריוואַטער מעדיצינישער פּראַקטיק איז ער געווען
פאַרנומען אויף שטעלעס ווי אַ שטאָט־דאָקטאָר אין
תלמוד תורה און רעגירונגס־דאָקטאָר אין קראַנקן־קאַסע.
געהאַט אַ לב טוב, געגעבן אַ סך צדקה און פיל אָרעמע
האָט ער געהיילט אומזיסט.

אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער מיט גרויס התמדה
געלערנט אין לאָמזשער ישיבה און זיך אויסגעצייכנט
מיט זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון. הגאון ר׳ חיים עוזר
גראָדזענסקי פון ווילנע האָט שטאַרק גערימט זיין פענאָ־
מענאַלן זכרון און זיין גרויסע בקיאות אין תנ״ך,
מפרשים און אגדות הש״ס. אַ סך ענינים פון תורה און
מדע האָט ער גאַנצע שטיקער נאָכגעזאָגט אויסווייניק.
ער איז געווען אַ מתפלל אין בית־המדרש הגדול און
חבר אין דער גרויסער חברה־ש״ס, וואו ער פלעגט
צייטנווייז קומען לערנען און זיך מפלפל זיין בהלכה.
ער איז כל ימיו פאַרבליבן אַ וואַרעמער האַרציקער
תורה ייד, איבערגעגעבן געווען זייער פאַר ארץ ישראל
און פיל געטאָן פאַר אַלע קרנות. פלעגט אָפט אויך
אַרויסטרעטן מיט רעדעס ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.
ער איז געווען פון די הויפּט־עסקנים פאַר דער תלמוד־
תורה און פלעגט קומען פאַרהערן די תלמידים. ביי די
רבנים פון שטאָט איז ער געווען אַ בן בית, ספּעציעל
ביי די לעצטע, ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש און זיין איידעם
ר׳ דוד ליפשיץ.

אין אַן אָוונט פון פרילינג 1936 זיינען פלוצלונג
אויסגעבראָכן אַנטיסעמיטישע אומרוען אין סאָוואַלק.
מען האָט געכאַפּט יידן אין די גאַסן און זיי אומ־
ברחמנות׳דיק געשלאָגן. ד״ר סטאַראָפּאָלסקי איז גראָד
יענעם אָוונט גערופן געוואָרן צו אַ חולה און אַרויס־
גייענדיק אויף דער גאַס האָבן אים די כוליגאַנעס
געכאַפּט, מערדערלעך צעשלאָגן און אריינגעשטאָכן אַ
מעסער אין קאָפּ. אַנהייב צווייטער וועלט־מלחמה איז
ער נאָך געווען אין שטאָט און געהאָלפן אַ סך דעם רב
אין קהל׳שער אַרבעט, ביז וואַנען ער האָט געמוזט
אַנטלויפן קיין לידע, צו זיין פרויס משפחה, וואו ער
איז שפּעטער דורך די נאַציס אומגעקומען מיט זיין
גאַנצער פאַמיליע. הי״ד.

## ר׳ מאיר יצחק בראַמבערג

פון די אָנערקענטסטע שטאָטפירערס און עסקנים.
אַ לענגערע צייט געווען דער פאָרזיצער פון קהילה־
ראַט, גבאי אין תלמוד־תורה והישיבה און פירער פון
סוחרים־פאַראיין. געווען אַ פרומער ייד, געקענט לערנען,
אַ בקי אין תנ״ך און אַ משכיל, אַ גרויסער חובב ציון
און פיל געטאָן פאַר ארץ ישראל. ער האָט זיך אויס־
געצייכנט מיט זיין קלוגשאַפט, פּינקטלעכקייט און
פּראַקטישן צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען, דעריבער האָט
מען אין שטאָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין מיינונג.
ער האָט געהאַט אַן אַנגראָ־געשעפט פון גאַלאַנטעריי
און איז געווען פון די גרעסערע סוחרים. מען פלעגט
אים אָפט נוצן ווי אַ בורר אין סוחר׳ישע סכסוכים
און ביי דין־תורות.

אַנהייב מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין וואַרשע, וואו
ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי. הי״ד.

## ר׳ חנא סוכאָוואָלסקי

זון פון באַקאַנטן סאָוואַלקער שוחט ר׳ שמואל.
געווען אַ באַליבטער עסקן און טוער אין שטאָט, אַליין
אַ משכיל ויודע־ספר, נוח לבריות און איידעלער מענטש
מיט אַ וואַרעם האַרץ און געפיל פאַר יעדן. במשך פון
אַ סך יאָרן — און ביז דעם לעצטן טאָג — געווען אַ
פירנדיקער מיטגליד פון ועד־הקהל, צו וועמעס מיינונג
און עצה מען האָט זיך אַלע מאָל צוגעהערט בכבוד.

ר׳ חנא סוכאָוואָלסקי איז געווען אַ ידיד נאמן ובן־
בית ביי די שטאָטישע רבנים הגאונים ר׳ אהרן באַקשט,
ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש און ביים לעצטן רב ר׳ דוד
ליפשיץ. ער האָט פיל געטאָן און געווירקט פאַר הרמת
כבוד הרבנות. געווען טעטיק אין פיל שטאָטישע אינ־
סטיטוציעס און פון די הויפּטטוערס פאַר ארץ־ישראל.
ער איז געווען אַ שותף אין קונצס ברויז צוזאַמען מיט
משה ראָזנטאַל, לייבע אָראָוויטש און פינקלשטיין, ווי אויך
אין דער באַקאַנטער „עקספּאָרט״־קאָמפּאַניע.

ווען די נאַציס זיינען אריין קיין סאָוואַלק, איז ער
געווען פון די געציילטע בלב ונפש איבערגעגעבענע
עסקנים, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיטן רב אין דער
שווערער קהל׳שער אַרבעט. ער איז געבליבן שטיין
טריי אויף דער וואַך ווי אַ קהילה־פאַרשטייער ביזן
לעצטן טאָג, ווען ער צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע
יידן זיינען דורך די נאַציס אַוועקגעשיקט געוואָרן אין
פאַרמאַכטע וואַגאָנעס אין לובלינער געגנט. שפּעטער
איז ער אומגעקומען אין ביאַלע־פּאָדלאַסק צוזאַמען מיט
די סאָוואַלקער קדושים. הי״ד.

## בעליצקי

בעליצקי איז פיל יאָרן געווען דער מנהל פון שטאָטישן בית־יתומים, פאַר וועלכן ער האָט גע־אַרבעט בלב ונפש. ער האָט שטרענג אָפּגעהיט, אַז דער אַנשטאַלט זאָל זיך פירן אין אַ רעליגיעזן גייסט און ניט צולאָזן קיין אַנדערע שטרעמונגען, כאָטש ער האָט געהאַט אויסצושטיין רדיפות צוליב דעם.

בעליצקי איז געווען ווי אַ פאָטער צו די קינדער פון בית־היתומים און איז פון זיי ניט אָפּגעטראָטן אין די קריטישע טעג פון היטלער־אומגליק. צוזאַמען מיט די יתומים איז ער אַוועק אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנעס, וואָס האָבן זי געפירט אין לובלינער רעזערוואַט, וואו זיי זיינען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן על קידוש השם, הי״ד.

## ר׳ אלקנה גלאדשטיין

אַ באַקאַנטער סוחר און כלל־טוער. געהאַט אַ גאָלד־געשעפט און געווען יאָרן לאַנג מיטגליד פון ועד הקהל. איבערגעגעבענער טוער פאַר אַ ריי שטאָטישע מוסדות. געווען כל ימיו אַ הייסער ציוניסט און געאַרבעט אַ סך פאַר די ארץ־ישראלדיקע פאָנדן. אַ צוגעלאָזענער, פאָלקס־טימלעכער מענטש. פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ און געטאָן מענטשן טובות.

ער און זיין פרוי מיט זייער אייציקן פאַרהייראַטן זון און פאַמיליע זיינען אומגעקומען דורך די נאַציס, הי״ד.

## ר׳ נחום סלאוואטיצקי

לאַנג יאָריקער סעקרעטאַר פון ועד־הקהל, דורך וועמען ס׳פלעגן דורכגיין אַלע פאַרצווייגטע קהל׳שע ענינים. גערעדט ווינציק — אָבער געטאָן אַ סך. אַ שטענדיקער מתפלל אין דער גרויסער שול. אַ ייד אַ פיקח, אַ משכיל וויודע־ספר. זיין נאָמען איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט אַלע קהל׳שע מוסדות. ער האָט געפירט טריי און ערלעך זיין שטאָטישע טעטיקייט ביז זיין לעצטער קראַנקייט, עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה. געשטאָרבן איז ער אין גראָדנע, וואו עס האָט געוואוינט זיינע אַ טאָכטער, אָבער מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אין זיין באַליבטער שטאָט סואוואַלק, וואו אויך זיין פרוי איז געשטאָרבן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

## חנא זילבערשטיין

אַ פּעאיקער יונגערמאַן, אַ יודע ספר און זייער אַ טיכטיקער. אַ סך יאָרן פאַרנומען קהל׳שע אַמטן אין פאַרשיידענע שטאָטישע מוסדות. געווען דער לעצטער סעקרעטאַר פון ועד־הקהל. אומעטום האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טעמפּעראַמענטפולער עסקנות און איבערגעגעבנקייט. געבליבן טריי אויף זיין אַמט אייך אונטער דער גרויזאַמער נאַצישער הערשאַפט, פון וועלכער ער האָט פיל געליטן ווי דער סעקרעטאַר פון ועד הקהל. איין מאָל איז ער מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ־פּאָליצײַ, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַרויסגעבן די נעמען פון פאַרמעגלעכע יידן. צום סוף איז ער אומגעקומען מיט זיין משפחה אין לובלינער רעזערוואַט, וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן. הי״ד.

## דריי יידישע מיניסטאָרן פון סואוואַלק

## יהודה שיינמאַן

### דער פינאַנץ־מיניסטער אין סאָוועט־רוסלאַנד

ער האָט געשטאַמט פון דער רייכער משפחה שיינמאַן, די באַנקירן פון סואוואַלק. ווי באַוואוסט, איז די סאָוועטי־שע מטבע געווען ניט סטאַביליזירט און מער ווי אין רוס־לאַנד גופא האָט עס ניט געהאַט קיין ווערט. שיינמאַן האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַר די פינאַנצן פון סאָוועט־רוסלאַנד, און ווען עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די „טשער־וואָנצעס״, וואָס האָבן באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן ווערט, איז איינע פון די חתימות אויף זיי געווען „שיינמאַן״. זיין אָפּשטאַם פון אַ בורזשואַזער פאַמיליע איז ניט געווען קיין חסרון, ווען מען האָט זיך גענייטיקט אין יידישע פעאיקייטן. אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז געווען מיט אַ שליחות אין אַמעריקע, האָט אים פּלוצלונג די סאָוועטישע מאַכט אויפגעפאָדערט זיך אומצוקערן צוריק. ער האָט זיך גלייך אָריענטירט און ניט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעמיטן דעם ביטערן גורל פון אַ סך הייכע פערזענלעכקייטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. שפּעטער איז ער אַוועק קיין בערלין, וואו ער זאָל האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

## משה באַקאַנאָווסקי

### מיניסטער אין פראַנקרייך

עס איז אַ וואונדערלעכע געשיכטע פון אַ יידישער משפחה, וועמען עס האָט באַגליקט אין אַ קורצער צייט זיך אַרויסצוהייבן פון טיפסטער אָרעמקייט צו די שפּיצן פון מאַטעריעלער און גייסטיקער רייכקייט.

נאָך מיט צוויי דורות צוריק איז די משפחה באַקאַ־נאָווסקי געווען צווישן די אָרעמע שיכטן פון סואוואַלק. דער פאָטער פון משה׳ן האָט ניט באַוויזן צו פאַרדינען אויף פרנסה און זיין ווייב האָט אים געהאָלפן, פאַרקוי־פנדיק אויף די קאָפּ־טעראַסעס „רבי־ניסלעך״.

אַנהייב היינטיקן יאָרהונדערט האָבן די באַקאַ־נאָווסקיס אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך. זייערע קינ־

דער האָט דאָרטן שטאַרק אָפּגעגליקט דורכן שאַפן אין נייעם לאַנד די ערשטע „כל־בו" מאַגאַזינען, וואָס זיינען שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשעפטן פון כל־ערליי שניט־סחורות. זיי געפינען זיך איצט אין אַלע גרעסערע שטעט פון פראַנקרייך, מיט פּאַריז בראש, אונטערן נאָמען „באקא".

פון אַלע קינדער האָט משה (מאָריס) זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פלינקן קאָפּ און אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, און בעת די משפּחה באַקאַנאָווסקי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט האַנדל און אינדוסטריע, האָט ער זיך געווידמעט דער פּאָליטיק. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, וואו זיין ערשטע רעדע האָט אַלעמען איבערראַשט מיט איר אינהאַלט און פאָרעם.

דער באַוואוסטער פראַנצויזישער פּרעמיער פּואַנקאַרע האָט נאָמינירט דעם געוועזענעם אָרעמען סואוואלקער יינגל פאַר אַ מיניסטער אין זיין קאַבינעט. תחילת איז ער געווען מיניסטער פון פלאָט, דערנאָך עטלעכע מאָל האַנדלס־מיניסטער און לסוף אוויאַציע מיניסטער. משה באַקאַנאָווסקי קען באַצייכנט ווערן ווי דער פּאַקטישער שאַפער פון פראַנצויזישן פלי־וועזן. ער איז טאַקע געווען דער ערשטער מיניסטער פון פראַנצויזישן לופט־פלאָט.

ניט געקוקט אויף זיין וואונדערלעכן אויפשטייג, איז ער פאַרבליבן אַ פאָלקסטימלעכער טיפּ און שטאָלץ מיט זיין יידישקייט. ער פלעגט ליב האָבן זיך אוועקצוזעצן אין מיטן פון זיין לוקסוסדיקן סאַלאָן אין פּאַריזער פּאַלאַץ און דערציילן זכרונות פון די קינדער־יאָרן אין סואוואלק.

משה באַקאַנאָווסקי איז איין מאָל געקומען צופליען קיין שטראַסבורג, כדי צו עפענען אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אַן אינטערנאַציאָנאַלן יריד. שוין זייענדיק דאָרטן האָט דער מיניסטער זיך דערוואוסט, אַז דער טאָג איז יום־כיפור. איז ער אַוועק אין דער שטראַסבורגער שול און זיך געווענדט צום דאָרטיקן רב מיט די ווערטער: „זאָלן מיר די יידן מוחל זיין... איך האָט פאַרגעסן, אַז עס איז יום־כיפור, און איך באַדויער דאָס זייער. ווי אַזוי זאָל איך תשובה טאָן, זאָגט מיר?"

אַזוי האָט ער, דער יידישער־פראַנצויזישער מיניסטער, נאָך אַלץ געלעבט מיטן גייסט, וואָס איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אים אין די חדרים פון סואוואַלק.

משה באַקאַנאָווסקי איז אומגעקומען אין 1928, ווען זיין פּערזענלעכער אַעראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן בעת מאַנעווערס פון לופטפלאָט. דער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט האָט איינגעאָרדנט פאַר אים אַ מלוכה'שע לוויה, אויף וועלכער דער רב־הכולל האָט געמאַכט דעם „א־ל מלא־רחמים".

אויך מישעל מאָריס באַקאַנאָווסקי, דער מיניסטער אין דע־גאָל'ס רעגירונג אין פראַנקרייך, איז אַן אייניקל פון דער סואוואַלקער עמיגראַנטן־משפּחה באַקאַנאָווסקי.

## פּנחס ספּיר

### דער ישראל־מיניסטער

ער איז דער זון פון אויבן דערמאָנטן ר' מרדכי קאָזלאָווסקי, פון די נכבדי העיר. יינגלוויז האָט ער געלערנט אין סואוואַלקער תלמוד־תורה. פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט ער זיך אריינגעוואָרפן אין דער חלוצישער באַוועגונג. ער האָט געגרינדעט אין סואוואַלק דעם „החלוץ" און אָנגעפירט מיט דעם דאָרטיקן הכשרה־פּונקט, ביז וואַנען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. דאָרטן איז ער אויסגעוואקסן ווי איינער פון די פירנדיקע כוחות אין דער מפא"י און זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע אויפטוען פאַרן לאַנד, ביז ער איז דערגאַנגען צום ראַנג פון האַנדלס־און־אינדוסטריע־מיניסטער אין ישראל.

פּנחס ספּיר רעכנט זיך צווישן די יונגע מיניסטאָרן אין ישראל, פאַר וועלכן עס שטייט נאָך פאָר אַ גרויסע צוקונפט. זיין פרוי שושנה איז אויך אַ סואוואַלקער, טאָכטער פון ר' אלתר גיביאַנסקי, פון די חשוב'ע שטאָטישע בעלי־בתים. זיי פירן אַ באַשיידן לעבן אין שטילן שטעטל כפר־סבא און זיינען זייער באַליבט אַ דאַנק זייער פשטות און ערלעכקייט.

## הר"ב אהרן ראובן טשאַרני

(באיאָן, ניו־דזשוירזי)

# ר' חיים מענדל פרידמאַן

ווי אַ ראַצקער תושב פלעג איך אָפט באַזוכן סואוואַלק. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געוואָלט האָבן אַ ביסל גייסטיקע אָפּפרישונג, פלעג איך קומען קיין סואוואַלק.

ס'איז געווען אַ זכיה צו באַזוכן דעם סואוואַלקער רב, דעם באַוואוסטן גאון ר' משה בצלאל לוריא זצ"ל, פון וועמען איך האָב באַקומען סמיכה, און איך האָב געהאַט אַ הנאה רוחנית צו זיין אין סואוואַלק, וואָס איז געווען אַן עיר מלאה חכמים און סופרים. סואוואַלק איז געווען בבחינת אַ מאַמע, צו וועלכער אַלע קליינע שטעטלעך אַרום פלעגן זיך טוליען.

איז געווען אַ שווערע שאלה פון אַ הפסד מרובה פלעגט מען אַריינפאָרן צו סואוואַלקער רב;

פלעגט סואוואַלק ברענגען אַ באַרימטן חזן, ווי סיראָטע

און אַנדערע, פֿלעגן יידן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך עולה רגל זיין קיין סואוואַלק הערן דעם חזן;

פֿלעגט מען וועלן אויפֿטאָן פֿאַר אַ געוויסן מוסד אין אַ שטעטל, פֿלעגט מען אַראָפּברענגען דעם סואוואַלקער שטאָט מגיד, הרב ראַפּפּאַפּאָרט, וועלכער רופֿט זיך איצט ביאַליסטאָקער שטאָט־מגיד (וואוינט אין אַמעריקע);

האָט מען געוואָלט מאַכן אַ קינד פֿאַר אַ תּלמיד־חכם, פֿלעגט מען אים ערשט שיקן אין דער סואוואַלקער ישיבה און דער נאָך אין די גרויסע ליטווישע ישיבות.

סואוואַלק האָט פֿאַרמאָגט סוחרים אמת׳ע לומדים. איינעם פֿון זיי האָב איך געהאַט די געלעגנהייט גוט צו קענען, דאָס איז: ר׳ חיים מענדל פֿרידמאַן — למדן, חכם און משׂכּיל, עסקן און סוחר. איך בין געווען ביי אים אין הויז אַ שכן און אַ קעסטקינד.

ומעשׂה שהיה כך היה: נאָך מיין חתונה אין ראַצק בין איך געוואָרן ראש־ישיבה אין סואוואַלקער ישיבה, און ר׳ חיים מענדל פֿרידמאַן ז״ל האָט מיר אָנגעבאָטן צו זיין ביי אים אויף סטאַנציע מיט עסן.

די חדשים, וואָס איך האָב געוואוינט מיט די פֿרידמאַנס לעבן ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין מיין זכּרון. דאָס הויז פֿון ר׳ חיים מענדל פֿרידמאַן און זיין פֿרוי דער אשת־חיל און צדקת מערע איז געווען רייך ניט בלויז אין גשמיות, נאָר אויך אין תּורה, צדקה און השׂכּלה.

ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַזוכט אין זיין גרויס שפּייזגעשעפֿט און געזען ווי ער האַנדלט מיט די קרעמערס און קרעמערקעס, אָנגעטאָן אין אַ פּעלצל און אין אַ פּעלענע היטל, האָט זיך מיר געדוכט, אַז פֿאַר מיר שטייט אַ ייד פֿון אַ גאַנץ יאָר. אָבער אָט איז געוואָרן אַ ביסל ליידיקער אין געשעפֿט און ר׳ חיים מענדל כאַפּט זיך אַריין אין הויז, טוט אויס זיין פֿוטער, שטעלט זיך אַוועק ביים קאַכלאָוון אויוון, נעמט זיך מפלפּל זיין מיט מיר אין לערנען אין די סוגיות, אויף וועלכע איך האָב געזאָגט אַ שיעור. דעמאָלט האָב איך געזען פֿאַר זיך אַ למדן אַ חריף.

איך האָב זיך גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס איז דער זעלביקער קרעמער, וועלכן איך האָב געזען מיט אַ שעה צוריק.

איין מאָל איז מען געקומען צולויפֿן אָנזאָגן, אַז די פּאָליציי איז געקומען אַרעסטירן דעם רב. די סיבה פֿון זיין אַרעסט איז געווען זיין אייגענע טאָכטער. זי איז געווען אַ ציוניסטקע. די פּאָליציי האָט זיך דערוואוּסט וועגן איר טעטיקייט און געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף איר מאַטנס הויז, וואו מען האָט טאַקע געפֿונען שקלים און אַנדערע ציוניסטישע זאַכן, וואָס דעם רב׳ס טאָכטער האָט דאָרטן באַהאַלטן. האָט די פּאָליציי אַרעסטירט דעם אַלטן רב.

די שטראָף פֿאַר אַזאַ פֿאַרברעכן איז געווען דריי וואָכן טורמע אָדער הונדערט רובל. די פּאָליציי האָט געדענקט, אַז דער רב וועט גלייך באַצאָלן די געלטשטראָף און דערמיט וועט זיך דאָס גלייך ענדיקן. ווי פֿאַרוואוּנדערט זיינען אָבער געוואָרן די פּאָליציאַנטן, ווען זיי האָבן געזען, ווי דער רב טוט אָן זיין פֿוטער מיטן שטריימל און ער זאָגט צו זיי: „קומט, לאָמיר גיין״.

ווען מיר זיינען געקומען צו דער גאַס, וואו דער רב האָט געוואוינט, איז זי געווען געפּאַקט מיט מענטשן. ביי אַ סך פֿון זיי האָבן גערונען טרערן פֿון די אויגן. דעם רב׳ס הויז איז געווען פֿול מיט די „פּני״ פֿון סואוואַלק.

דער רב איז געשטאַנען אין פֿוטער, זיין טלית און תּפֿילין אונטערן אָרעם און גרייט צום גיין.

זאָגן די בעלי־בתּים: „רבי, ווי פּאַסט עס, אַז סואוואַלקער רב זאָל זיצן אין טורמע?״ ענטפֿערט דער רב: „נו, זאָל זיך סואוואַלק שעמען.״

דער סוף איז געווען, אַז ר׳ חיים מענדל מיט די אַנדערע בעלי־בתּים האָבן גלייך באַצאָלט די הונדערט רובל שטראָף.

דאָס הויז פֿון ר׳ חיים מענדל פֿרידמאַן איז געווען אַ ביתו של אַברהם אבינו. דער טיש איז שטענדיק געווען גרייט פֿאַר אורחים. אַלע טאָג האָבן געגעסן ישיבה־בחורים, און די בעל הבית׳טע מערע פֿרידמאַן ז״ל, ווי פֿאַרנומען זי זאָל ניט האָבן געווען אין געשעפֿט, ווען די ישיבה־בחורים פֿלעגן קומען עסן, פֿלעגט זי אַריינקומען אין הויז און זיי דערמונטערן: „עסט, קינדערלעך, וועט איר האָבן כּוח צו לערנען תּורה״.

ר׳ חיים מענדל פֿרידמאַן מיט זיין ווייב האָבן געוואוּסט, אַז די רייכקייט, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן, איז ניט נאָר פֿאַר זיי, נאָר אַז זיי דאַרפֿן מפֿרנס זיין אויך די, וועלכע האָבן ניט. סואוואַלק ווי בכלל אַלע פֿאַרשניטענע שטעטלעך פֿון מזרח־אייראָפּע זיינען רייך געווען מיט אַ סך אַזעלכע ר׳ חיים מענדלס און מערעס. אַזעלכע יידן האָבן אַ חלק אין אויסבוי פֿון אַזוי פֿיל שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, וואָס זיינען געווען פֿול מיט תּורה, חכמה, צדקה, יראת שמים און אידעאַליזם.

אליעזר פערלשטיין

# ר׳ ברוך ראָזנבערג

I

אין מיינע האַלב־יינגלשע און האַלב־בחור׳שע יאָרן האָט זיך ביי מיר פאָרמירט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו די „פני״ פון מיין געבוירן־שטאָט סואוואַלק, — די גבירים, סוחרים, לומדים, וואָס איינער פון זיי איז געווען ר׳ ברוך ראָזנבערג. פאַר מיר האָבן אַזעלכע יידן, ווי מרדכי אַלטשולער, ברוך ראָזנבערג, בנימין מינץ געהערט צו אַ וועלט, וואָס איז מיר לחלוטין פרעמד.

אין יענע יאָרן איז מיר טאַקע אפילו אין חלום ניט געקומען, אַז דאָס לעבן וועט מיך ווען עס איז צוזאַמענ־ברענגען מיט איינעם פון די חשוב׳סטע „מזרח״־יידן פון סואוואַלק, ר׳ ברוך ראָזנבערג, און ווערן אפילו ידידים מיט אים.

ר׳ ברוך איז געווען העכער פון מיטעלער וואוקס; זיין פנים אַרומגענומען מיט אַ רונדער, היפּשלעך־געגרויטער באָרד; דורך זיינע דינע שפּאַקולן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קלוגע אויגן. אַ גייסטיקע אַריסטאָ־קראַטישקייט האָט געלויכטן פון זיין גאַנצן וועזן.

דאָס ערשטע, וואָס האָט געצויגן מיין אויפמערק־זאַמקייט אויף ר׳ ברוך ראָזנבערג, איז געווען זיין „ברוגז״ מיט דעם רב, ר׳ דוד טעבלע קאַצענעלנבויגן. ר׳ ברוך פלעגט שטענדיק אריינקומען אין בית־מדרש צו דאַוונען שחרית, סיי שבת און סיי אין מיטן־דער־וואָך, ווען מען פלעגט שוין האַלטן אַ היפּש ביסל ווייט פון אָנהייב. זיין „שטאָט״ אין דער מזרח־וואַנט איז געווען אויף דער זעלביקער זייט, וואו דער רב איז געשטאַנען. איז ווי נאָר ר׳ ברוך פלעגט זיך דערנענטערן צום רב׳ס אָרט, פלעגט ער אַוועקדרייען זיין קאָפּ. אַזאַ באַנעמונג פון אַ תלמיד־חכם צו אַ מרא דאתרא איז געווען פאַר מיר ניט פאַרשטענדלעך, און ר׳ ברוך איז געוואָרן פאַר מיר עפּעס אַ מיסטעריעזע פערזענלעכקייט.

משונה׳דיק אין מיינע אויגן איז אויך געווען ר׳ ברוך׳ס אויפפיר נאָכן דאַוונען. אין די וואָכעדיקע טעג נאָכן דאַוונען, ווען די מתפללים האָבן ביים צוזאַמענלייגן טלית ותפילין געשמועסט צווישן זיך וועגן מסחר, יאַריד, אָדער נייס פון „בלאַט״, פלעגט ר׳ ברוך זיך ניט באַ־טייליקן אין די שמועסן, נאָר פאַרשלאָסן אין זיך גיין צו זיך אַהיים. זיכער איז דאָס נישט געווען קיין אַקט פון גאווה, ווייל עס האָט זיך נישט געמערקט אויף זיינע ליפּן דער כאַראַקטעריסטישער ביטול־שמייכל פון אַ בעל־גאוה. איך האָב געצווייפלט, צי דער ייד איז בכלל פעאיק צו שמייכלען.

ער איז נישט געווען אַ מעורב עם הבריות, נישט קיין נוח לבריות. איך בין געווען מסופק, צי דער ייד האָט עמעצן געגעבן שלום־עליכם, שוין נישט ריידן וועגן טאָן עמעצן א טובה.



אַזאַ פאָרשטעל האָב איך געהאַט פון ר׳ ברוך ראָזנבערג אין מיינע האַלב־בחור׳שע יאָרן.

II

ווען מיין טאַטע פלעגט דערמאָנען ר׳ ברוך יהושע שאכנא׳ס, ווי מען פלעגט רופן ר׳ ברוך ראָזנבערג אין שטאָט, איז דער נאָמען תמיד באַגלייט געוואָרן מיט „דער גרויסער למדן״. די מאַמע פלעגט אים רופן ר׳ ברוך כאשעלעס און אויך צוגעלייגט „דער גרויסער למדן״.

ווען איך בין עלטער געוואָרן און געקומען דאוונען און לערנען אין בית המדרש, פלעגן די מתפללים און לערנערס אויך ריידן וועגן זיין גרויסער לומדות. איך האָב אָבער ניט געוואוסט, מיט וואָס ער האָט זיך פאַר־דינט אַזאַ נאָמען. פון דעם, וואָס איינער קומט אריין לערנען „פאַר זיך״ אַ בלאַט גמרא, איז נאָך ניט געדרונגען, אַז ער איז אַ גרויסער למדן. עס זיינען טאַקע געווען גרויסע לומדים, וואָס זייער גרויסקייט איז ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן מאַניפעסטירט געוואָרן. ר׳ מרדכי אלטשולער, למשל, פלעגט זיין איינער פון די פאַרבעטענע געסט ביי דער „חברה ש״ס״ צו לערנען מיט זיי אַ בלאַט גמרא. ער פלעגט אויך איינגעלאַדן ווערן צו דער חברה „עין יעקב״, ביים אַנטקעגנדיקן טיש. געווען אַ ר׳ חיים מענדל פרידמאַן, אַ וואָלאָזשינער ישיבה־ייד. איך האָב געזען זיין נאָמען באַגלייט מיט אַ גרויס־לומדישן טיטול אין אַ שאלות־ותשובות פון וואָלאָזשינער ראש הישיבה, ר׳ יוסף דוב סאָלאָווייטשיק זצ״ל. עס איז אויך געווען אין סואוואַלק נאָך אַ וואָלאָ־זשינער למדן, ר׳ שמואל ליזשעווסקי (ער האָט מיך „פאַרהערט״ אין לערנען, צי איך בין ראוי אָנגענומען צו ווערן אין ר׳ הירש סלאָנימערס ישיבה). גע׳שמ׳ט מיט לומדות האָבן די ברידער ר׳ אברהם און אליה ראָזנטאל. ר׳ אברהם האָט אויך געלערנט מיט „חברה ש״ס״. געווען נאָך און נאָך לומדים. אָבער ר׳ ברוך איז שטענדיק געווען אַ נחבא אל הכלים, קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן זיין תורה־קענטשאַפט.

ערב פסח 1906 איז קלאָר געוואָרן פאַר מיר, אַז אין עטלעכע חדשים ארום וועל איך פאַרלאָזן סואוואלק אויף שטענדיק. איך בין דעמאָלט געוואָרן אַ טעגלעכער לערנער אין בית־המדרש, וואו ר׳ ברוך איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס פלעגט קומען אַהין לערנען אַ בלאַט גמרא יעדן טאָג צווישן צוועלף און צוויי אַ זייגער. אין זיין לערנען האָט זיך אויך בולט אַרויסגעוויזן אַנדערש־קייט. מען האָט ניט געהערט פון אים קיין וואָרט און אפילו ניט דעם אַלגעמיין־אָנגענומענעם גמרא־ניגון, נאָר אַ מאָנאָטאָנעם בורטשען אונטער דער נאָז.

זיינע צוויי שעה לערנען האָבן געריסן מיינע אויערן און נאָך מער מיינע נערוון.

כאָטש מיר האָבןביידע געלערנט אין זעלביקן בית־מדרש, זיינען אָבער אַוועק וואָכן, אַז מיר האָבן זיך ניט צוזאַמענגעטראָפן. נאָר איין טאָג איז פּלוצעם ווי אויסגעוואַקסן לעבן מיר ר׳ ברוך. ער שטייט ביי מיין שטענדער און אַ ברייטער, האַרציקער שמייכל איז צעלייגט אויף זיין פּנים — אַ שמייכל, וואָס איך האָב קיין מאָל ביי אים ניט באַמערקט. ער זעצט זיך צו און שטעלט מיר פּאָטערלעך־האַרציק אַ פראַגע:

— וואָלסט געוואָלט, אַז מיר זאָלן פון מאָרגן אָן לערנען צוזאַמען?

אויף אַזאַ פראַגע האָב איך זיך ניט געריכט און איך האָב פּשוט פאַרלאָרן מיין לשון. איך און ר׳ ברוך! מזרח און מערב! דער גרויסער למדן און אַן אָרעמער ישיבה־בחור!

נאָר סוף־סוף בין איך געקומען צו זיך פון מיין גרויסער איבעררעשונג און האָב געענטפערט:

ר׳ ברוך, ס׳איז אַ גרויסער כבוד צו זיין אייערס אַ תלמיד, אָבער איך וועל דאָ נאָר זיין ארום צוויי חדשים, דערנאָך פאָר איך קיין אמעריקע.

— ביז יענער צייט קענען מיר לערנען צוזאַמען. דו וועסט ניט זיין מיין תלמיד, נאָר אַ חבר. — ער זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ מסכתא ער לערנט און מיט אַ שמייכל־דיקן „אַ גוטן טאָג" דערווייטערט ער זיך פּאַמעלעך פון מיר.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, ביז איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז ר׳ ברוך האָט כשר פאַרדינט זיין נאָמען „גרויסער למדן". ער איז געווען אַ גרויסער בקי און ניט קיין קלענערער חריף, און כאָטש מיר האָבן געלערנט בחברותא, האָב איך אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסן די דיסטאַנץ צווישן מיר און אים.

איין טאָג פאַרבעט ער מיך צו אַ מיטיק אין זיין שטוב. צוליב פאַרשיידענע סיבות האָב איך קיין גרויס חשק ניט געהאַט צו גיין אהין. נאָר ס׳איז מיר שווער געווען צו זאָגן „ניין", האָב איך געענטפערט אַ ניט־באַגייסטערטן „יאָ".

ווען איך בין געקומען, איז דער טיש שוין געווען גרייט. ער האָט אויסגעקוקט שבת־יום־טוב׳דיק, עס האָבן נאָר געפעלט די בענטשליכט און די שבת־חלות.ביים טיש זיינען שוין געזעסן זייערע קינדער — אַ זון אַ סטודענט און אַ טאָכטער, וואָס האָט שוין געהאַט אַן אייגענעם דענטיסטישן קאַבינעט אין סואַוואַלק.

די נייע סביבה, די מיר ביז גאָר ווייטע מענטשן, די רחבות פון הויז און די שפע, און ועל כולם אפשר דאָס יונגע שיינע מיידל — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער געשמאַקער מאָלצייט איז מיר ניט באַקומען. איך האָב פרייער אָפּגעטאָמט, ווען איך בין שוין געווען אויף יענער זייט טיר און געהאָפּט, אַז מער וועט זיך עס ניט איבער׳חזר׳ן.

אין עטלעכע טעג ארום רופט זיך צו מיר אָפּ ר׳ ברוך:

— „כאשעלע באַקלאָגט זיך, אַז ס׳איז אומעטיק ביים עסן. די קינדער זיינען נישטאָ — די טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן צו אַ דענטיסטן־צוזאַמענפאָר און דער זון צו אַן עקזאַמען. זיי וועלן ערשט פרייטיק קומען אַהיים — האָט זי דיך פאַרבעטן צו קומען מיט מיר עסן די פאָר טעג ביז פרייטיק".

איך בין ווידער אין אַ פאַרלעגנהייט, זאָג אָבער ווידער בעל כרחא „יאָ".

ביים עסן איז מיר אָבער איינגעפאַלן, אַז עפּעס איז די מעשה מיטן אַוועקפאָרן פון זייערע קינדער ניט כשורה. דעם זעלביקן טאָג בין מנחה למעריב האָב איך טאַקע געמאַכט וועגן דעם אַ שטילע אויספאָרשונג: איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן טוך געשעפט פון בנימין מינץ, וואָס אויף זיין צווייטן עטאַזש האָט ד״ר ראָזנבערג געהאַט איר קאַבינעט. עס איז געווען דאָרט ליכטיק און איך האָב געזען, ווי זי דרעלט אַ צאָן ביי אַ פּאַציענט.

ר׳ ברוך און זיין פרוי האָבן, משמעות, פאַרשטאַנען, אַז מיין ערשטער מאָלצייט איז מיר ניט געווען לרצון צוליב דער אָנוועזנהייט פון זייערע קינדער, — איז ביי זיי רעכט געווען אַוועקצושיקן זייערע קינדער פון טיש צוליב מיר, אַן אָרעמען ישיבה־בחור. ער האָט מן הסתם דערקענט, אַז איך בין אויף אַ „דרכה של תורה" דיעטע — „פת במלח"... — האָט ער מותר געווען אויף אַלע משפחה־באַקוועמלעכקייטן, כדי צו העלפן עמעצן.

פון יעמאָלט האָב איך גענומען קוקן אויף ר׳ ברוך׳ן גאָר מיט אַנדערע אויגן.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג פון געזעגענען זיך מיט ר׳ ברוך׳ן, האָב איך ביי זיין „פאָר געזונט" דערפילט אין מיין האַנט אַ מטבע. איך האָב געעפנט מיין האַנט און דערזען אַ פינף־רובל־גאָלדשטיק. אויף מיין פּראָטעסט מיטן מאָטיוו, אַז איך האָב גענוג אויף הוצאות הדרך, האָט ר׳ ברוך געענטפערט, אַז ניט נאָר גיט ער מיר ניט דאָס געלט, נאָר אפילו ער לייט עס מיר ניט, ער וויל נאָר, אַז איך זאָל זיין זיין שליח און איבערגעבן עס צו זיין זון אין ניו־יאָרק. ער גיט מיר אָבער, זאָגט ער, זיין דערלויבעניש צו נוצן דאָס געלט אויפן וועג, אויב עס וועט מיר אויספעלן. „מען קען ניט וויסן, וואָס עס מאַכט זיך אויף אַזאַ וויטער נסיעה", זאָגט ער.

זיין תירוץ איז געווען פיין און דין. ס׳האָט קיינעם ניט באַליידיקט, כאָטש דער ציל פון „שיקן" דאָס פינפערל איז געווען קלאָר. איך האָב ווידער אַ מאָל חרטה געקראָגן אויף מיין פריערדיקער אומגערעכטער אָפּשאַצונג פון ר׳ ברוך ראָזנבערג, וועמעס פערזענלעכקייט איך האָב דערקענט ערשט דעמאָלט, ווען ער איז געוואָרן מיין פריינד און רבי.

ערשט אין אַמעריקע האָב איך זיך דערוואוסט עטלעכע ביאָגראַפישע פרטים וועגן אים, וואָס איך האַלט פאַר וויכטיק דאָ צוצוגעבן. ר ברוך האָט געענדיקט דעם ראַבינער־סעמינאַר אין ברעסלוי. ער איז געווען אַ דיפּלאָמירטער כעמיקער און יוריסט. סמיכה אויף רבנות האָבן אים געגעבן ר׳ שמואל מאָהליווער און ר׳ יצחק אלחנן. זיין פרוי איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער.

**משה שלומי־פרידמאַן**
חיפה

# מײַן משפחה

## דער זיידע ר׳ רפאל שלמה פרידמאַן

בײַ אונדז מתנגדים זײַנען דאָך קיין רביים נישטאָ. בײַ אונדז זײַנען נישטאָ קיין „צדיקים״, און „עם קדוש״ זײַנען מיר אַלע. אָבער דער זיידע, דאָס קלײנע ייִדעלע, וואָס פלעגט גיין מיט זײַנע איבער נײַנציק יאָר דרײַ מאָל אַ טאָג דאַוונען, און אויפן וועג פלעגט ער זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ „טאַנדעטניקס״ קראָם (פון פּאַרטיקע קליידער) צו נעמען אַ פּאָר הויזן אָדער אַ קאַפּאָטע אויפן זונס חשבון און שטילערהייט עס אַוועקטראָגן אויף מאַלאַראַצעק צו אַן אָרעמאַן, — ער איז געווען אַזוי ווי אַ קדוש.

אײן מאָל אין אַ ווינטערדיקן טאָג, ווען ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט, דערזעען מיר, אייניקלעך, דעם ייִדן, ווי ער שלעפּט זיך קוים־קוים, ציטערנדיק אין גאַנצן פון קעלט. מיר לויפן אַרויס און העלפן אים אַרײַנגיין אין זײַן צימער. ער טוט אויס דעם פוטער און... בלײַבט אין די אונטערשטע וועש.

— זיידע, וואָס האָט פּאַסירט?

— מיר איז וואַרעמער, ווי „אים״, — איך האָב אַ פוטער, אָבער „ער״ איז געווען אַזוי אָפּגעריסן, אָן אַ קאַפּאָטע אפילו!

„ער״ איז דאָס געווען אַ קבצן, אַן אָרעמאַן, האָט ניט קיין מלבוש אויפן לײַב, און אַ ייִד פון מײַן זיידעס שניט קען זיך ניט אָפּשטעלן פון אַוועקגעבן אַזאַ אײנעם אפילו דאָס לעצטע פון זיך.

דער זיידע איז געווען דער איניציאַטאָר פון בויען די „חברה מדרש קלויז״, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער באָד אויפן שולהויף. ער האָט דאָרטן געהאַט אַ שטענדיקן פּלאַץ. יום כפור פלעגט ער שטיין פון „כל נדרי״ ביז מוצאי יום כפור. אויף אונדז, זײַנע קלײנע אייניקלעך, איז געלעגן די פליכט — צו גיין פון בית המדרש, וואו דער פאָטער האָט געדאַוונט, און מיטנעמען דעם ייִדן אַהיים. ניט געקוקט אויף 26 שעה שטיין אויף די פיס און אין אַזאַ עלטער, פלעגט ער מקדש זײַן די לבנה און טאַקע צוטאַנצן אויך בײַ דעם „כשם שאני רוקד״.

איך און מײַן ברודער זײַנען צוזאַמען מיט אים געשלאָפן אין אײן צימער. ביז איצט קען איך ניט פאַרגעסן זײַן אויפשטיין בײַ נאַכט צו „תקון חצות״, זײַן וויינען אויפן חורבן ירושלים, זיצנדיק אויף אַ קלײן בענקעלע מיט אַ ליכטעלע און לערנען „זוהר״.

דאָס ליכטעלע, וואָס האָט געקאַפּעט אויפן סידור און „זוהר״, איז פאַר אונדז געווען ווי אַ פונק, וואָס האָט געשײַנט אין אונדזער ווײַטערדיקן לעבן. דאָס געוויין אויפן חורבן פון „רחל מבכה על בניה״ האָט אונדז געבראַכט, כמעט אַלע זײַנע אייניקלעך, קיין ארץ ישראל.

ער איז געשטאָרבן אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מוטער, מערי פרידמאַן ז״ל, איז געגאַנגען פון קראָם צו קראָם פון די „טאַנדעטניקעס״ מיראָווסקי, רייגראַדסקי און אַנדערע, פרעגנדיק, וואָס פאַר אַ חובות האָט דער שווער איבערגעלאָזן. — „לאָזט אונדז זיך משתתף זײַן אין אַ מצווה פון „מלביש ערומים״ — האָבן מערסטע פון זיי געזאָגט.

טיפּן פון דעם מין זײַנען ווייניק פאַרבליבן בײַ אונדז.

## דער פאָטער ר׳ מנחם מענדל פרידמאַן

ער איז געווען אַ חבר אין חברה ש״ס. יעדן אָוונט



ר׳ מנחם מענדל פרידמאַן

איז ער געזעסן אין בית המדרש ביים גרויסן טיש און געלערנט אַ בלאַט גמרא. אַ מאָל פלעגט ער ווייזן אַ פלפול פון וואָלאָזשינער ישיבה, מערסטן טייל האָט ער געלערנט פאַר זיך.

אָבער איין מאָל אין יאָר האָט דער קאַלטער מתנגד זיך משמח געווען מיטן גאַנצן עולם. דאָס איז געווען שמחת תורה ביי דער סעודת מצווה.

די סעודה פלעגט פאָרקומען ביי אונדז אין שטוב. עס פלעגן קומען די אַלטע יידן, צווישן זיי דער רב מיט די דיינים, דער חזן און אַנדערע. דער רב פלעגט זאָגן דברי תורה, יידן פלעגן ווייזן חריפות, דערנאָך מאַכן „לחיים". די צוויי איינציקע חסידים אין שטאָט, ר' חיים לייב באכראך און ר' מנחם מענדל דער מצבה־מאַכער, פלעגן זינגען חסידישע ניגונים און אַלע מתנגדים האָבן צוגעהאָלפן. אין צווייטן צימער פלעגט מען כאַפּן אַ טענצל לכבוד התורה.

ווער האָט געקענט זיך פאָרשטעלן, אַז די אַלע ערנסטע בעלי בתים, וועלכע זיצן יעדן אָוונט אַזוי פאַרטיפט אין די שווערע סוגיות פון דער גמרא, זאָלן פלוצעם ווערן ווי קליינע קינדער און זיך שפּילן, זינגען און טאַנצן.

דער פאָטער איז געווען א גבאי פון חברה קדישא. חנא דער קוימענקערער, וואָס איז געווען אַן אַלטער חבר פון „חברה מתעסקים" אין חברה קדישא, פלעגט קומען שטענדיק זיך דערוויסן, צי עס איז דאָ אַ „שטיקל" אַרבעט.

פון חנא'ן האָט שטענדיק געשמעקט מיט בראנפן. קיין שיכור, חס וחלילה, איז ער ניט געווען. ער האָט ליב געהאַט, וואָס גויים האָבן נישט פיינט, אָבער פון שיכרות איז עס געווען וויט.

דער פאָטער איז אויך געווען דער פרעזעס פון וועד הקהלה.

איין ווינטערטאָג קומט אַ ייד פון נייעם מאַרק און דערציילט אים, אַז דער פראוואָסלאַוונער גלח, וואָס וואוינט אין גאַס דריטער מיי, איז שווער קראַנק און אין זיין שטוב איז ניטאָ קיין שטיקל האָלץ צו הייצן.

— „אַ מענטש איז געבאָרן געוואָרן בצלם אלקים" — זאָגט דער פאָטער און הייסט שיקן אַ שליטן האָלץ צום גלח.

באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון איז מיר דער ערב יום כפור אין טאַטנס שטוב. אין יענעם טאָג פון ערב דעם גרויסן חשבון הנפש פלעגט דער פאָטער אַרויסנעמען אַ גרויסן פּאַק פּאַפּירן, אָנהייבן רעכענען, שרייבן, ציילן געלט. ער פלעגט צורופן איינעם פון זיינע זין און אים געבן געלט אַוועקצושיקן קיין ארץ ישראל אויף צו באַצאָלן די שטייערן, וואָס דער וועד פון מושבה חדרה האָט אַרויפגעלייגט אויף אַלע נחלות (דער פאָטער האָט דאָרט שוין יאָרן לאַנג געהאַט אַ נחלה צוזאַמען מיט בוטקאָווסקי און גאָלדענבערג).

דאָס זוכן חשבונות, דאָס שרייבן, דאָס ציילן דאָס געלט, אַלץ איז געטאָן געוואָרן בדחילו ורחימו. די מינוטן פון טאַטנס „חשבון ארץ ישראל" ערב יום כפור האָבן אונדז געבראַכט צו אַן אמת'ן צוזאַמענבונד מיט ארץ ישראל. געקומען קיין ארץ ישראל, איז מיר נישט פרעמד געווען קיין זאַך. ווען איך האָב געזען דעם „דיליגאַנס", האָב איך זיך דערמאָנט אָן „מס (שטייער) דיליגאַנס", וואָס מיין פאָטער פלעגט צאָלן יערלעך פון סואוואַלק אַ שומר מיט אַ ביקס אין קאָלאָניע. פון זיידן און פון פאָטער האָבן מיר גע'ירש'נט די פלאַמיקע אהבת ארץ ישראל און די שטרעבונג צו פאָרן אַהין.

## די מוטער מערי

זי האָט אויך געהאַט אַ פּאָר „צדקה־פעלערן". איינער פון זיי איז געווען „הכנסת כלה". אַז אַן אָרעם מיידל האָט געדאַרפט חתונה האָבן האָט די מוטער זיך ניט באַרואיקט, ביז זי האָט דאָס מיידל געפירט צו דער חופה. אָפט מאָל פלעגן מיר, קינדער, קומען פון חדר אָדער גימנאַזיע און נישט דערקענען אונדזער אייגענע שטוב: עס טומלט זיך, עס רודערט זיך, פרעמדע מענטשן קומען, גייען, ברענגען עפּעס, שמאַיענען אַרום — מיט איין וואָרט, ס'איז אַ גרויסע שמחה: די מאַמע מאַכט חתונה אַן אָרעם מיידל.

עס פלעגן קומען צו דער מאַמען צענדליקער פרויען. מען פלעגט זי נעמען אָן אַ זייט און ריידן שטילערהייט. די פרויען זיינען געווען פאַרבונדן אין אַ „געהיימער" אָרגאַניזאַציע פון „מתן בסתר": ווייבער האָבן געזוכט און געפאָרשט פאַמיליעס, וואָס מען דאַרף שטיצן, אָבער קיינער זאָל, חס וחלילה, נישט וויסן פון דעם.

אין אונדזער משפחה איז געווען אַ פאַרטיילונג פון די געשעפטלעכע פונקציעס: די מוטער האָט זיך באַשעפטיקט מיט קליינע קראָמען, מיט יידענעס פון מאַרק, און דער פאָטער איז געווען דער גרויסער סוחר און האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל אויפן גרויסן מאַסשטאַב. דאָך פלעגט די מוטער געפינען צייט פאַרן דאָזיקן העכסטן סאָרט פון צדקה. זי פלעגט פאַרשוואונדן ווערן אויף עטלעכע שעה פון קראָם, ארומגיין איבער די הינטערשטע געסלעך פאָרשן און קלייבן „מאטעריאל" פאַר דער „געהיימער" אָרגאַניזאַציע.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט וועגן אַ פאַמיליע, וואָס נייטיקט זיך אין „מתן בסתר", האָט מען אין דער גרעסטער געהיימעניש געשיקט אהין געלט אָדער פּראָ־דוקטן. נישט איין מאָל בין איך מיטגעגאַנגען מיט אַ טרעגער, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען פולע קוישן צו אַ משפחה. מיר פלעגן אָנקלאַפּן אין טיר, דערלאַנגען דאָס פּעקל און גיך פאַרשווינדן. די מוטער האָט אונדז אָנגעזאָגט: קיינער טאָר נישט וויסן, פון וואַנען עס שטאַמט די „מתנה".

ניט אַלע מאָל איז מען געגאַנגען אין די דרכים פון טאַטע־מאַמע. זיי האָט עס פאַרדראָסן, אָבער ניט מיט רוגזה האָבן זיי געפרואווט אינדז מחזיר למוטב זיין. זיי האָבן גענוצט אַזעלכע מאָמעדיקע מעטאָדן, וואָס האָבן טויזנט מאָל מער געווירקט, ווי געשרייען און קולות.

ווען איך בין שוין געווען אַ בחור־יונג האָב איך

געאַרבעט אין טאַרטאַק צוזאַמען מיט שותפים פון פּאַטער: פרידלאַנד, רובינשטיין, קאַליעצקי, רובינטשיק און אַנדערע. מיין אַרבעט איז געווען צו מעסטן דאָס האָלץ, וואָס די גויים האָבן געבראַכט פאַר טאָג אויף די לאַנגע שליטנס. ניין־צען אַ זייגער פלעג איך קומען אַהיים פרישטיקן, אָבער דאָס דאַוונען פלעג איך אָפּט „פאַרגעסן". איין מאָל קומט צו צו מיר די מוטער און זאָגט:

— דיי מיינסט, מיין קינד, אַז דער פּאַטער זעט נישט, ווי דו דאַוונסט נישט? ער וועט דיר דאָס נישט זאָגן, אָבער פאַר זיך, הער איך, קרעכצט ער אויף דיינע שלעכטע מעשים. ווילסטו אים דעם צער אָנטאָן?

דער צוגאַנג איז געווען אַזוי פיין, אַזוי מענטשלעך, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן היטן ניט אָנצוטאָן דעם טאַטן קיין עגמת־נפש וועגן דעם.

אליעזר פערלשטיין

# ר' מרדכי שפינדלמאַן

ר' מרדכי, דער שמש פון קלויז „חברה תורה", איז געווען איינער פון די „נישט־באַזונגענע העלדן" פון דער סואוואַלקער לומדישער וועלט. ר' מרדכי האָט געהאַט אַ צונאָמען „שוועבל־מאַכער", דאָס איז אים געקומען פון דעם, וואָס אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער אין זיין געבוירן־שטעטל פאַנעמון, ביים טייך ניעמאַן, געהאַט אַ פאַבריקל פון שוועבעלעך. ווען ער איז אָנגעקומען קיין סואוואַלק האָט ער אויך זיין פאַבריקל אַריבערגעהויבן מיט זיך. צוליב דער פייער־געפאַר פון אַזאַ אונטער־נעמונג האָט זיך זיין פאַבריקל געפונען ווייט הינטער דער שטאָט, אַרום דעם יאַגוסטאָווער וועג. אַזוי האָבן דערציילט די עלטערע מענטשן פון סואוואַלק.



אליעזר פערלשטיין

מרדכי דער שמש איז געווען אונדזערס אַ שכן, אין לייבל ביאַלאָסטאָצקיס הויף, אויף שאָסיי־גאַס. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן, אַ זיידע פון האַלב־דערוואַקסענע אייניקלעך.

די איינפאַכע שמש'ישע אַרבעט אין קלויז „חברה תורה" האָט דורכגעפירט ניט ר' מרדכי, נאָר זיין געהילף, דער אונטער־שמש ר' שלמה. יענער פלעגט אויסרייניקן די לייכטערס, אריינשטעלן נייע ליכט ביים עמוד און אויף די טישן, וואו די בעלי־בתים לערנען אַ בלאַט, צוגרייטן ספרים פאַר זיי וכדומה. אגב, איז די דאָזיקע קלויז געווען די איינציקע, לויט מיין זכרון, וואָס האָט געהאַט אַן אונטער־שמש.

להיפוך צו דער חברה ש"ס אין בית המדרש, וואו די בעלי־בתים פלעגן לערנען בחברותא, האָבן די בעלי־בתים פון „חברה תורה" געלערנט יעדער איינער פאַר זיך. עס פלעגט אָבער ניט זעלטן טרעפן, אַז איין לערנער איז עפּעס קשה געוואָרן אַ שטיקל תוספות אָדער מהרש"א און ער פלעגט גיין זיך „דורכשמועסן" וועגן דעם מיט זיין שכן ביים שטענדער. אָפּט האָט אַזאַ דורכשמועסן זיך אין לערנען זיך געענדיקט דערמיט, וואָס ביידע „צדדים" זיינען געקומען צו ר' מרדכי דעם שמש, וועלכער פלעגט גאַנצע טעג זיצן און לערנען, און פאַר אים אויסלייגן זייער מחלוקת לשם שמים. אין אַזאַ פאַל פלעגט ר' מרדכי זיך פאַרטראַכטן אַ ווילע, אַ גלעט טאָן זיין באָרד, און דעמאָלט שטיל און געלאַסן זאָגן זיין מיינונג. נאָך אַזאַ זאָגן פלעגן די בר־פלוגתא'ס מיט שיינענדיקע פּנים'ער צוריקגיין צו זייערע לערן־פּלעצער.

איך, וואָס האָב אַזעלכע סצענעס צוגעזען נאָך יינגלוויַיז, האָב שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז ר' מרדכי קען בעסער לערנען פאַר די בעלי־בתים, כאָטש ער איז „ניט מער ווי אַ שמש".

ר' מרדכי איז געווען אַ קליין דאַר יידעלע. פון זיין לענגלעך, איינגעשרומפּט פּנים איז אַרויסגעוואַקסן אַ שיטערע ניט צו לאַנגע באָרד, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט זיין גאַנצער פיזיאָנאָמיע.

אין זיין באַציאונג צו מענטשן און אין זיינע מלבושים איז ער געווען די פשטות אַליין. ער האָט זיך געהאַלטן, ווי ער וואָלט באַשאַפן געוואָרן צו באַדינען אַנדערע. ער האָט קיין מאָל ניט — אפילו ניט שבת אָדער יום־טוב — געטראָגן אַ קאַפעליוש, וואָס דאָס איז געווען דער אויסערלעכער סימן פון אַ ייד אַ בן־תורה. ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ היטל מיט אַ דאַשעק, ווי אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, דער שינוי לכבוד שבת און יום־טוב איז נאָר געווען דאָס, וואָס עס איז געווען פון אַ בעסערן שטאָף.

ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן חוש זיך צו דערוויסן, ווער עס פעלט אויף שבת אָדער ווער עס נייטיקט זיך אין אַ ביסל האָלץ אין די פרעסט. ער האָט שוין געזען, אַז די הילף זאָל צו די מענטשן אָנקומען מיט דער קלענסטער מאָס פון מבייש זיין. אויב דאָס פלעגט געשען מיט אַן אלמנה, האָט עס שוין זיין ווייב אסתר עלקע, די אקושערין פון סאוואַלק, באַזאָרגט — אויך מיט „דיפּלאָמאַטיע". די מיטלען פאַר אַזאַ „מתן בסתר" פלעגט ער קריגן ביי די יידן פון זיין חברה.

איך בין איין מאָל געווען ביי מיינעם אַ חבר אין שטוב, האָב איך געטראָפן ר' מרדכי'ן שמועסנדיק מיט מיין חבר'ס טאַטן. ווען זיין טאַטע איז אויף אַ ווײַלע אַוועק פון טיש, האָט ר' מרדכי ארונטערגעלייגט פאַפיר־געלט אונטערן טישטעך — און בנעימות'דיק שטיל פאַרלאָזן דאָס צימער.

איין מאָל אין יאָר פלעגט ר' מרדכי ווערן אַן „אַנדער" מענטש — דאָס איז געווען שמחת־תורה ביי טאָג. מען האָט אים דעמאָלט פשוט ניט געקענט דערקענען. ער פלעגט ארויפגיין אויפן טיש, וואו ער פלעגט אַ גאַנץ יאָר זיצן און לערנען, און טאַנצן מיט דבקות און זינגען מיט התלהבות: „ברוך אלקינו שבראנו לכבודו — איי, איי, איי"... און אַז ער איז צוגעקומען צו „ונתן לנו תורת אמת" האָט מען ממש געזען, ווי דאָס ביסל חומר'־דיקס, וואָס ער טראָגט אויף זיך, צעגייט אין פלאַם פון זיין גרויסער פרייד מיט דער אַמאָל־אַמאָליקער טייערער מתנה אויפן באַרג סיני.

ר' מרדכי און זיין פרוי און טאָכטער האָבן פאַרלאָזן סאוואַלק אין 1901 און געפאָרן צו זייערע צוויי זין, אפרים און יעקב איש־כשור (איבערגעזעצט פון שפינדעל־מאן) אין לאָנדאָן.

אין 1908 איז ר' מרדכי געקומען קיין אמעריקע צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. ער האָט זיך באַזעצט אין נוואַרק, נ. דזש. ער האָט אויך אין אַמעריקע ממשיך געווען זיין תורה ומעשים טובים ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

יהודה לייב בלעכמאן
תל־אביב

# ר' חיים קויפמאן

ר' חיים קויפמאַן איז געווען זייער באַליבט ביי פיל הונדערטער יידן אין סאוואַלק און אומגעגנט. סוחרים, קליין־הענדלערס, כלל־טוערס, פרומע קרייזן און אויך קריסטן.

ר' חיים איז געוואָרן אַ גרויסער עושר פון זיינע פאָדריאַדן פאַרן רוסישן מיליטער אין סאוואַלק און אין איר פראָווינץ.

אין 1900 האָט ער איבערגענומען די ערשטע גרעסערע אונטערנעמונג פון פראָוויאַנט־צושטעל פאַר איבער דריי טויזנט בוי־אַרבעטערס, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די מיליטערישע קאַזאַרמעס אויף סייניער און יאגוסטאָווער וועגן. מיט דער צייט איז ר' חיים געוואָרן דער הויפט־צושטעלער פון שפייז און זאַכן פאַרן גאַנצן גאַרניזאָן, וואָס האָט סטאַנציאָנירט אין סאוואַלק. ער איז אויך יאָרן לאַנג געווען דער הויפט־צושטעלער פאַרן פוילישן מיליטער אין שטאָט, אָבער מיטן אויפקום פון דער אנטיסעמיטישער כוואַליע אין פוילן אין 1938 האָט מען צוגענומען אַן „אייגענעם" אויף זיין פלאַץ.

אין יאָר 1909 איז געווען כמעט אַ הונגער אין סאוואַלק און אומגעגנט. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז די בהמות האָט מען געמוזט געבן שטרוי פון די דעכער צום עסן. עס זיינען ניט געווען קיין קאַרטאָפל צו זייען, האָט זיך דער גובערנאַטאָר בכבודו ובעצמו געווענדט צו ר' חיים קויפמאַן, אַז ער זאָל זען צו ראַטעווען די לאַגע. ר' חיים האָט אין משך פון זיבן־אַכט וואָכן אַריינגעבראַכט 930 וואַגאָנעס קאַרטאָפל און אַנדערע גרינסן און דערמיט געלינדערט דעם שפייז־קריזיס. די לאָקאַלע רעגירונג האָט אים דערפאַר געגעבן אַן אויסצייכענונג.

אין צייט פון ערשטן וועלטקריג האָט ר' חיים געדאַרפט צושטעלן פאַר די רוסישע זעלנערס שפייז און פראָדוקטן, האָט ער אויסגעפועלט, אַז מען זאָל אים געבן עטלעכע צענדליק יידישע סאָלדאַטן צו פיטערן

די בהמות. זיי האָבן געגעסן ביי אים און ער האָט זיי געהאַלטן, ווי אייגענע קינדער.

— — — —

ווער געדענקט ניט די קלויז „חברה מדרש" אויפן שולהויף לעבן באָד? איידער ר׳ חיים איז געוואָרן גבאי, איז זי געווען אָפּגעלאָזן, די ווענט זיינען געווען פאַרשוואַרצט, קליין. ר׳ חיים האָט זי איבערגעבויט, פאַרגרעסערט און צוגעבויט אַן עזרת־נשים און כמעט 90% אויף זיין רעכענונג. מ׳האָט דערציילט, אַז בערך 5000 זלאָטעס האָט ער אַליין מנדב געווען אויף דעם רעמאָנט. ווי אַ רבי׳ן אין קלויז האָט ער אַריינגענומען דעם מנהל פון סואוואַלקער תרבות־שול, א. דובראָווסקי, וועלכער איז געווען אַ גוטער דרשן און גלייכצייטיק אייראָפּעאיש געבילדעט. נאָך זיין טויט האָט ער אַריינגענומען פאַר אַ רבי׳ן אין קלויז אַ באַקאַנטן יונגן גדול בתורה, הרב יעקב סקופּסקי פון פּיליפּאָווע, וועלכער האָט צוגעצויגן פיל צוהערערס. ר׳ חיים איז געווען אַן איבערגעגעבענער טוער פון דער חברה „בקור חולים ולינת־הצדק" און זי געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט.

ווען מען פלעגט אַריינזעצן אַ יידן אין סואוואַלקער טורמע, פלעגט ר׳ חיים מקיים זיין די מצווה פון פדיון שבויים. איין מאָל האָט מען קיין סואוואַלק געבראַכט אין תפיסה זעקס גראָדנער יידן. איז ר׳ חיים אַוועק צום נאַטשאַלניק (שעף) פון טורמע און האָט אויסגעפּועלט, אַז ביי טאָג זאָלן זיי מעגן קומען אין שטאָט און נאָר ביי נאַכט זאָלן זיי גיין נעכטיקן אין טורמע. געהייסן האָט עס, אַז זיי קומען צו אַרבעטן אין שטאָט, אָבער באמת פלעגן זיי אַ גאַנצן טאָג זיין ביי שואל סוכאָוואלסקין אין פרוכטגאָרטן און זיך דאָרט „איבעראַרבעטן", פאַרזוכנדיק די פיל מינים גרויסאַרטיקע פּירות.

— — — —

נאָכן טויט פון ה׳ גיפּשטיין, וועלכער האָט איבערגעלאָזן קליינע קינדערלעך אָן שום עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן, האָט ר׳ חיים׳ס פרוי קראַשל זיך דערבאַרעמט אויף זיי, געשיקט זיי לערנען און זיי אונטערגעשטיצט, ווי אייגענע קינדער. און ווען דער עלטסטער זון יהושע (היינט רב אין ישראל) האָט געענדיקט די סואוואַלקער תלמוד־תורה, האָט אים קראַשל אַוועקגעשיקט אין ישיבה לערנען און אים מיט אַלץ אויסגעהאַלטן.

אין יאָר 1935, ווען אין סואוואַלק איז געגרינדעט געוואָרן די „ישיבה קטנה", וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען הרב יעקב סקופּסקי, האָט ר׳ חיים די ישיבה אַריינגענומען אין קלויז „חברה־מדרש". ביי אים אין הויז פלעגן פיל תלמידים פון ישיבה עסן.

ר׳ חיים צוזאַמען מיט זיין פרוי קראַשל האָבן געשטיצט אַלע צדקה אינסטיטוציעס, ישיבות און תורה־מוסדות, ווי אויך געהאָלפן יחידים און נויטבאַדערפטיקע. ער האָט אויך אַ סך מנדב געווען פאַר די ארץ־ישראל־דיקע פאָנדן, ווי קרן־קיימת און קרן־היסוד.

זיין פרוי קראַשל איז געשטאָרבן אין סואוואַלק ז׳ טבת תרצ״ה. ר׳ חיים האָט געטיילט דעם גורל פון די מיליאָנען יידן אין פּוילן. נאָך גרויסע יסורים איז ער כ״ח ניסן תש״א געשטאָרבן פון הונגער אין סלאָנימער געטאָ. זאָל זייער אָנדענק זיין געבענטשט.

# ר׳ אברהם שמואל ליזשעווסקי

## (זכרונות פון אַ געוועזענעם תלמיד פון סואוואַלקער תלמוד־תורה)

דורך דער גאַנצער צייט פון לערנען אין תלמוד תורה, פון דעם דרדקי מלמד ר׳ ישראל איגעלסקי ביז דער העכסטער כיתה, איז ר׳ אברהם שמואל ליזשעווסקי געווען דער אייביקער מחנך. ר׳ אברהם שמואל איז געווען טעטיק אויף אַנדערע געביטן אויך, — געווען אַ מיטגליד פון ועד הקהל, אַ מיטגליד פון סוחרים־פאַראיין, אין דער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקסבאַנק, אין דער פאַרוואַלטונג פון אַ ריי רעליגיעזע און סאָציאַלע אַנשטאַלטן, אָבער פאַר אונדז, תלמידים פון תלמוד־תורה, איז ער געווען און פאַרבליבן נאָר דער דערציער און מורה־דרך, וואָס פלעגט קומען פאַרהערן ביי די בחינות סוף יאָר, ווי אויך האַלטן רעדעס ביי פאַרשיידענע אַנדערע געלעגנהייטן. אַרום דער תלמוד־תורה זיינען געווען טעטיק די חשוב׳סטע בעלי־בתים פון שטאָט, אָבער ר׳ אברהם שמואל איז געווען דער רוח־חיים פון איר טעטיקייט. זיין אייגנטלעכע אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר די פינאַנסן פון תלמוד תורה און פאַר איר אַלגעמיינעם גייסט, אָבער ער פלעגט זיך אָפּגעבן מיט אַלע איינצלהייטן פון לערנען און הנהגה פון יעדן תלמיד, — און אַזוי האָבן זיך איינגעוואוינט צו קוקן אויף אים די קינדער פון תלמוד־תורה. עס האָט איין מאָל געטראָפן, אַז עטלעכע יונגע קינדער איז באַזונדערס שווער געווען צו פאַסטן אַ תענית און זיי האָבן וועגן דעם דערציילט ר׳ אברהם שמואל׳ן. האָט ער זיי געענטפערט: עסן זאָלט איר ווי גוים, אָבער לערנען זאָלט איר ווי יידן. אויף קינדער האָט אַזאַ תשובה שטאַרק געווירקט פסיכאָלאָגיש און פאַרבליבן אויף אייביק אין זכרון.

ר׳ אברהם שמואל ליזשעווסקי איז געווען אַ מאָל

אליין אַ תלמיד אין דער תלמוד־תורה. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרעמע מענטשן, האָט ער געמוזט „עסן טעג" ביי בעלי־בתים אין שטאָט. שפּעטער איז ער געפאָרן לערנען אין וואָלאָזשינער ישיבה, וואו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גרויסער התמדה. נאָך דער חתונה האָט ער געהאַט אַ געשעפט פון שפּייז און אַן אייגן הויז. אַזאַ געשעפט נעמט צו אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, ער האָט אָבער מיט זיין שטאַרקן ווילן געפונען צייט פאַר אַלץ. ער האָט געזאָרגט פאַר אָרעמעלייט, ווינטער געטיילט פאַר זיין האָלץ און וואַרעמע מלבושים. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען אַ גבאי ביים פאַרטיילן שטיצע, וואָס פלעגט אָנקומען פון אמעריקאנער לאנדס־לייט. ניט געקוקט אויף זיינע אלע טירדות, פלעגט ער נאָך זאָגן אַ בלאַט גמרא אין זילבערבלאַט קלויז. מיט זיין אויסערגעוויינלעכע גוטער הסברה פלעגט ער צוציען אַ גרויסן עולם מענטשן און שטאַרק פאַראינטערעסירן די צוהערערס מיט זיין ספּעציעלן גאַנג אין לערנען. דער סאוואַלקער רב ר׳ אהרן באקשט האָט זייער גע־האַלטן פון ר׳ אברהם שמואל׳ס לומדות, און ווען יענער האָט איין מאָל געהאַלטן ביי פאָרן קיין אמעריקע, האָט הרב באקשט געזאָגט מיט התפעלות און באדויערן: „אה! אַ ש״ס פאָרט אַרויס פון דאַנען". ווי אַ למדן און גרויסן מבין האָט די שטאָט אים באַשטימט צוזאַמען מיט ר׳ נפתלי פרידלענדער און ר׳ שלמה גוטמאן צו פאָרן קיין סעמיאטיטש, בכדי אויסצוקלייבן דעם דאָרטיקן רב פאַר אַ מרא דאתרא אין סואוואַלק. אויף זייער מבינות האָט מען טאַקע אויפגענומען פאַר דעם רב אין סואוואַלק הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש פון סעמיאַטיטש.

זיין געפּלאַנטע רייזע קיין אמעריקע קורץ פאַר דער מלחמה איז ניט דורכגעפירט געוואָרן, און עס איז אים צוזאַמען מיט זיין פרוי באַשערט געווען אומצוקומען על קידוש־השם צוזאַמען מיט די איבעריקע סואוואַלקער יידן, אין דער שטאָט לוקאָוו, וואוהין זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך די נאַציס, הי״ד.

חוה גלאַדשטיין

# ר׳ אהרן סינענסקי

זיין הויז איז געווען אָפן פאַר אָרעמע און קראַנקע. פאַר יעדערן האָט ער געפונען טרייסט און הילף.

ר׳ אהרן סיינענסקי האָט ניט גערוט, ביז דער לעצטער פון די יידישע סאלדאטן אין סואוואַלקער גארניזאָן איז ניט באפרייט און באזאָרגט געוואָרן מיט אַ יידישן טיש אויף יום־טוב.

אָרעמע קינדער אין תלמוד תורה האָט ר׳ אהרן באַזאָרגט מיט שיך און קליידער.

איז געקומען אַן אָרעמע יידענע מיט אַ געוויין, אַז עמעצער איז קראַנק אין דער משפחה, האָט ר׳ אהרן שוין געהאַט צוגעגרייטע צעטעלעך אויף אַן אומזיסטן דאקטאר און אויף פרייער מעדיצין.

זאָרגן פאַר אָרעמע כלות און אלמנות איז געווען איינע פון זיינע הויפּט־מצוות. ניט ווייניק יידישע אָרעמע מיידלעך אין סואוואַלק האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען ר׳ אהרנ׳ס „שדכנות".

אַ שיינער ייד געווען ר׳ אהרן סיינענסקי, איינער פון אַ סך אין סואוואַלק. וואו זיינען זיי, וואו?

ל. שמעוני
חיפה

# אַמאָל איז געווען

אַ מאָל איז געווען סואוואַלק אַ שטאָט. געווען איז זי מיט שטעט צו גלייך אין דער ליטע: — אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע, אַ שטאָט פון פּאָליאַקן, רוסן, ליטווינער, דייטשן און יידן אַ פּאָר צענער טויזנט כולו מתנגדים — אייזערנע קעפּ, אייזערנע מוחות, „אַנדערע יאָרן, אַנדערע כוחות"...

אַ שיינע שטאָט, וואָס ליגט צווישן צוויי בערג, דעם אויגוסטאַוּוער און קאַלוואַריער, ארומגערינגלט מיט געדיכטע וועלדער, פאַרגאַרטלט מיט אַ טייער יידיש טייכל — די „שוואַרצע חנה", און בס"ה אַ פּאָר קילאָ־מעטער אין מזרח — די ריזיקע באַרימטע וויגרער אָזיערע מיטן מיטעלעלטערלעכן קלויסטער, וואו ס'ליגן מומיעס און באַלזאַמירטע גלחים.



סואוואלקער הויפּטגאַס קאָסטשושקאָ
אַמאָליקע שאָסיי־גאַס

היינט געשניטן איז מיין סואוואַלק מיט שיינע גאַסן, וואָס צווייגן זיך פון דער פּרעכטיקער פּעטערבורגער גאַס, אַ צוויי קילאָמעטער לאַנג, פוןביידע זייטן ביימער קאַשטאַנעס, זשוראָווינעס און ווערבעס. אין האַרצן פון שטאָט אַ פּרעכטיקער פּאַרק, און אַ פּאָר טריט אָן אַ זייט — שולגאַס מיט די אַלטע הונדערט יעריקע בנינים פון דער שול, מיטן בית מדרש, מיט די באַרימטע שניידערשע, שוסטערשע, קצבישע און מוליארסקע קלויזן, וואו מען האָט מער געשמועסט און פּאָליטיקעוועט, ווי געדאַוונט, וואָרעם דאָס איז געווען אַן אייזערנער מתנגדי־שער צענטער, מיט נאָר איין איינציק „שטיבל", וואו קינדער פלעגן נאָכלויפן ווי נאָך אַ בייז וואונדער אַ יידן מיט פּאות אין אַ חסידיש היטעלע...

ביים מאַגיסטראַט — אַ גרויסער פּלאַץ מיט אַ צערקווע און די גרויסע בנינים פון גימנאַזיע, וואו צאַר ניקאָלייס 6 פּאָלקן פלעגן פּאַראַדירן יעדער יום־טוב, שפּילן מוזיק און זינגען „באָזשע צאריא כראני" און די אַרבעטערס — „באָזשע צאַריאַ כאַראַני"...

טויזנט חן'ען האָבן געהאַט די איינציקע צוויי קרומע גאַסן פון שטאָט: דער „דאָלעק", וואָס איז געווען פול געפּיקעוועט מיט בעלי מלאכות און יידישע סוחרים'לעך און די וויגדע־גאַס — פון קיילערס, האָלצהעקערס און פּוילישע אַרבעטערס.



סואוואלקער שטאָטגאָרטן
דער פּלאַץ, וואו די מוזיק פלעגט שפּילן

חוץ דעם פּאַרק מיטן ברייטן טראָטואַר, וואו ס'האָבן שבת שפּאַצירט יידן און זונטיק קריסטן, האָט מיין סואוואַלק פאַרמאָגט די פּרעכטיקע „ארקאדיע" מיט די ביידלעך, וואונדערבאַרע סעדער; אַן אָזיערע מיט די אינדזעלעך און לאָדקעס; היינט אויגוסטאַווער וועלדער ארום און ארום שטאָט, וואָס פלעגן פריילינג פאַר'שיכור'ן די סביבה מיט גן־עדן־ריחות.

געלעבט האָבן יידן און גויים בשלום, געגאַנגען איינער צום צווייטן צו גאַסט, געבאָרגט גמילות חסדים, געגאַנגען אויף חתונות און לוויות, און ע"פ רוב זיך געקענט מיט די נעמען און געוואוסט פון אַלע היימישע פריידן און ליידן. אַ שטאָט, וואָס האָט ביז די לעצטע יאָרן ניט געוואוסט ניט פון פּאָגראָמען, ניט פון קיין אַנדערע ראַסן פורעניות — אַ טייערע שטאָט!

ווידער האָט סואוואַלק געהאַט אַ חולשה צו צו־נעמענישן, וואָס די משפּחות האָבן געטראָגן ווי זייערע פאַמיליע־הערבן, למשל: פּיאָרונעס, סאָלטיסטן, באָל־טריקעס, קרויטניאקעס, „די לערער", די „הויקערס" וכדומה.

די צונעמענישן האָבן זיך געקייטלט און געפּלאָנטערט

ביז די ווייטסטע גלידער, ווי קלעטער־פלאַנצן, און ס׳איז אסור געווען אַזאַ מענטשן אָנרופן מיטן צונאָמען אין די אויגן כיבע בשעת רתיחה, אַניט פלעגט אַוועקגיין אַ שנאה אויף יאָרן ביז קינדס קינדער, אָבער אונטער די אויגן האָט מען יעדערן אָנגערופן מיטן צונאָמען, ס׳איז געווען באַקוועמער און האַרציקער...

חוץ דעם זענען געווען גאַנצע דינאַסטיעס בעלי מלאכות, וואָס זענען געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער שטאָט ביז די תהומ׳ען פון דור דורות, צווישן וועלכע ס׳זענען באַקאַנט די שלאָסערס און מעכאַניקערס, די „צווילינגס״ און „דייכס״, צו וועלכע דער מחבר האָט דעם כבוד צו געהערן. דאָס זענען געווען 2 „דינאַסטיעס״, געבונדענע דורך שידוכים און שכנות, גרויסע גבירים און גרויסע קבצנים, וואָס האָבן אַליין מיט די האַמערס און טרובשטשאַקעס פאַרבויט און פאַרפלאַנצט אַ וועלט, און געטיילט בנים ובני בנים צו אַלע קאָנטינענטן פון דער ערד, אפילו אין ארץ ישראל איז זייער פאַרטרעטונג ניט פון די קליינע.

וואונדערלעכע יידן האָט סואוואַלק געהאַט, ע״פ רוב פון די פשוטע טייערע פאָלקסמענטשן, וואָס זייערע נעמען זענען ניטאָ אין דער „געשיכטע״.

לאָמיר נאָכן חורבן פון מיין סואוואַלק פאַרצייכענען אַ פּאָר פון יענע טיפּן און זאָל זייער זכרון פאַרלענגערט ווערן.

די ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן:

א) סטרעלעצקי, אַ ייד אַ דעמב, אַ ברוסט מיט מעדאַלן, אַ קערנדיקע רוסישע שפּראַך, אַ טאַטע פון ניט חתונה געמאַכטע זין און טעכטער, אַ ייד אַ גביר און ניקאָלייעווסקער פּאַטריאָט, וואָס איז גרייט געווען צו שפּאַלטן יעדער קאָפּ, וואָס האָט עפּעס שלעכטס געטראַכט וועגן זייער מאַיעסטעט די ראָמאַנאָווס.

אויסגעזען האָט ער ווי אַ פּריץ, גרוי ווי אַ טויב, און פון דער טבע גוט ווי אַ צדיק. אין 1909 איז אין זיין הויז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע גימנאַזיע אין ליטע (פון שוואַרצמאַנען).

געשטאָרבן איז ער אין עלטער פון הונדערט יאָר.

ב) גבריאל סלופּ — אַ גרויסער קבצן, הויך ווי אַ סאָסנע, אַ באָרד פון די שמעקעדיקע פּאַקולעס, אין וועלכע מען פּאַקט אתרוגים, אַ קאָנסטרוקטאָר פון זייגערס מיט הילצערנע ווערק, אַן אויסגעפינער פון אַ וואונדערלעכן שמעקטאַבאַק, וואָס קיין כעמיקער אין דער וועלט ווייסט ניט זיין פאָרמולע. מיט אָט דעם שמעק־טאַבאַק פלעגט ער ארומגיין אַלע יום כפור פון שול צו שול, פון קלויז צו קלויז און מינטערן פאַר׳חלש׳טע אויסגעדאַוונטע יידן. ער פלעגט טיילן דעם טאַבאַק, אָנגעטאָן אין ווייסן קיטל מיטן טלית איבערן קאָפּ. דער רב רבי טעוועלע קאצענעלנבויגן האָט געזאָגט, „אַז זיין שמעקטאַבאַק איז מער אָנגענומען ביים רבונו של עולם, ווי יאָכע דער פּראָצענטניכעס תחינות״.

גבריאל סלופּ איז געווען שוואַך אויף יידיש, אַ פשיטא אויף עברי. ער האָט געוואוסט, אַז צו קדושה שטייט מען מיליטעריש אויסגעצויגן, מיט פאַרקלאַפּטע פיס, ביים ארויסנעמען די ספרי תורות גיט מען אָפּ „טשעסט״ (סאַליוט) און אַנשטאָט אָמן ענטפערט מען בקול רם: „כאָראָשאָ״, „טשודנאָ״, „פּריליטשנאָ״ און ביים אויפרופן שטייט מען „דום״. מיט די מעדאַלן האָט ער זיך קיין מאָל ניט געשיידט, פונקט ווי מיט זיין גרויסן סענקאטן שטעקן, און ליב האָט ער געהאט מלכות, ווי אַ יידענע איר בן יחיד. געשטאָרבן איז ער, ווי אַ צדיק, יום כפור צו נעילה אין שול, אַרומגעטראָגן זיך מיטן טייערן שמעקטאַבאַק ווי תמיד, אָבער אויסגעגלייכט דעם קיטל, זיך איינגעטוליעט אין טלית, און ביי דער תקיעה גדולה זיך אויפגעשטעלט, אַ דונער געטאָן: „קאָנטשענאָ״ — און אַזוי געענדיקט זיינע הונדערט מיט צוויי יאָר, ביים אָפענעם ארון־קודש אין דער גרויסער סואוואַלקער שול.

אַזעלכע ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן האָבן מיר געהאַט באַלד אַ מנין.

איצט ווייטער:

א) מאָטיע באָק — אַ „יאַפּאָנסקער״ סאָלדאַט, פון פאַך אַ שניידער, אַ פּראָפעסיאָנעלער בחור, מיט 3 „געאָרגיעס״ אויף דער ברוסט, געלעבט פון צאַרישער פּענסיע און פון ניצעווען בגדים, אַ געוואַלדיקער פּאַטריאָט, געטראָגן אַ סאָלדאַטסקע היטל מיט אַ רויטן אָקאָלישאָק, געפּאָרבן די גרויע וואָנצעס מיט דער כוונה אַ מאָל חתונה צו האָבן, און היות ווי זיין פּענסיע פון איין רובל מיט 15 קאָפּיקעס אַ וואָך פלעגט ער באַקומען ניט אין סואוואַלק נאָר אין סייני, פלעגט ער דאָרטן אַלע חודש דעם 20סטן גיין צופוס הין און צוריק וואָסערע 80 קילאָמעטער. אין די „גאַליופּקעס״ — דעם קייסערס געבורטסטאָג — פלעגט מען צווינגען דעם חזן מיט די משוררים אין שול צו זינגען „באָזשע צאַריאַ כראַני״ פאַר אַלע יידישע שולקינדער און לערערס. יעמאָלט פלעגט מאָטיע באָק אָנטאָן די נייע בגדים מיט די מעדאַלן און צוזאַמען מיט גבריאל סלופּן שטיין אויסגעצויגן אין איין שורה מיט די פּאָליציאַנטן — און אָפּגעבען „טשעסט״.

כ׳געדענק, ווי אַזוי ער איז אַוועק פון סואוואַלק.

מאָטיע באָק פלעגט עסן נאָר שוואַרצברויט מיט „פּאָדסמעטאַנקע״. עסן פלעגט ער עס מיט טעם, מיט דבקות, „מיט מוזיק״, און געהאַט האָט ער אַ טבע אין מיטן עסן איינצושלאָפן, נאָכער זיך אויפכאַפּן און ווייטער עסן. איין מאָל האָבן חברה לצים טאַקע ביי מיין פאָטער אין וואַרשטאַט גענומען זיין לאַבן ברויט און צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס צום טיש, נאָכער אים אויפגעוועקט און געהייסן ווייטער עסן. מאָטיע האָט זיך געכאַפּט צום ברויט און שיִער ניט געפאַלן פון שרעק. ס׳ברויט האָט זיך ניט גערירט, נאָר געלעגן צוגעשמידט צום טיש. אַז ער איז דערגאַנגען די סיבה, האָט ער געזאָגט צו ס׳וואַלק די ווייטערדיקע געזעגן־ווערטער:

„אַזוינס מיט ברויט האָבן ניט געטאָן אפילו פּאָניעס קאַצאַפּעס אונטער פּאָרט אַרטור״. מאָטיע האָט אָפּגעריסן דאָס ברויט און מיט ציטעריקע הענט עס אָנגעבראָכט אין שיסל „פּאָדסמעטאַנקע״, אויפגעגעסן, ארויפגעטאָן דאָס סאָלדאַטישע היטל, צוגעפענומען די ברעקלעך, זיי

צונויפגעקנעטן, אויפגעגעסן, אָנגעטאָן די מעדאַלן און אַוועק ביז היינטיקן טאָג, ניט צו וויסן, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

ב) רבי פישל דער „פראַנצויז", אַ ייד פון אַ יאָר אַכציק, אַ סוחר פון תבואה, איינער פון די טרייסטע פריינד, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אויף דער וועלט. זיין פראַנצויזיש האָט געדינט דער גאַנצער שטאָט. רבי פישל איז געווען אין פאַריז אין 1871 — בעת סוף פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ס'פלעגט אים קיין מאָל ניט מיאוס ווערן צו דערציילן וועגן יענע געהייבענע בלוטיקע טעג אין די גאַסן פון פאַריז, וועגן דער פאַריזער קאָמונע, פון וועלכער ער האָט פערזענלעך געקאַנט עטלעכע מענטשן. ס'פלעגט אויך קיין מאָל ניט מיאוס ווערן הונדערט מאָל אויסצוהערן די זעלביקע געשיכטעס ביז דעם ענין מיט די געבראָטענע מייז, וואָס ער אַליין האָט געגעסן, אַניט וואָלט שוין פון פישלען לאַנג קיין זכר ניט געבליבן... די אידעלע יידן פלעגן שוין וויסן דעם מאָמענט, ווען ס'הייבט זיך אָן דער קאַפּיטל מייז און זיך אָפּטראָגן. דערפאַר פלעגט יונגוואַרג זייער נייגעריק אויסהערן די מעשיות, און פישל פלעגט אונדז דערפאַר געבן צוקערלעך און דערלויבן זיך באָדן אָן געלט אין זיינע ביידלעך אויף דער „שוואַרצער חנה".

ג) בייניש דער „פילאָזאָף" — אַ רייכער האָלץ־סוחר, וואָס פלעגט אין מיטן דאַווענען עסן צוקערלעך און לייענען דעם „כוזרי" מיט אַזוי פיל התמדה, ביז ער פלעגט זיך צעזינגען — דערפאַר האָט ער געהייסן „פילאָזאָף".

ד) משה פונסקער דער פעלדשער — אַ ייד, וואָס פלעגט ריידן אונטער דער נאָז, זיך ניט רירן פון אָרט אָן אַ טשעמאָדאַנטשיק, וואו ס'זיינען געלעגן כלים, ווי באַנקעס, אַ סלאָאיקל פּיאַווקעס, טערמאָמעטערס, אַ קליס־טיר, ברעטעלעך, ריצינאייל, וואַלעריאַן, פּלאַסטערס. משה פונסקער איז געווען דער באַליבטסטער מענטש אין שטאָט, און לויט דער עדות פון די דאָקטוירים האָט ער געוואוסט אין מעדיצין מער, ווי אַ היינטיקער דאָקטאָר מיט אוניווערסיטעט בילדונג. כ'געדענק אים גוט, ווי ער פלעגט אונדז העלפן אין אַלע קראַנקייטן ניט נאָר מיט מעדיצין — מיט זיינע וואונדערלעכע מעשיות פלעגט ער צווינגען אויסלעפלען די ביטערסטע רפואות און אויסהאַלטן די צענדליקער הייסע באַנקעס. אַזעלכע האַרציקע מענטשן און פאָלקס־מעדיקערס זיינען מער ניטאָ ביי אונדז.

ה) יהודה דער איינבינדער — אַ באַרימטער עסער, וואָס פלעגט צווישן איינבינדן איין בוך און אַ צווייטס זיך אַריינכאַפּן שפּילן אַ קאָרט און אויפעסן אַ גאַנדז מיט די פיסלעך צוזאַמען, פאַרטרינקען וואָסערע 5־6 קוואָרט ביר, גיין דאַווענען מנחה און צוריקקומען אַהיים טויט הונגעריק.

ו) משה „פידעלע" — אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, אַ קאַרליק, גרויס געווען ווי אַ קינד פון פינף־זעקס יאָר. פלעגט לעבן פון שרייבן בריוו פאַר דינסטמיידלעך, פּראָשעניעס אין מאַגיסטראַט און פון כל'ערליי שמחות, וואו ער פלעגט אַרויסווייזן מאָדנע קונצן: שרייבן מיט אַ פעדער, וואָס פלעגט שטעקן אין די פינגערס פון די פיס און אויפעסן קאָלאָסאַלע קוואַנטומס שפּייז. ער פלעגט זיך פאַרענטפערן אַזוי: אויף יענער וועלט ווערן די מענטשן געבויט גלידערווייז, דאָרטן זענען פאַראַן ריזיקע סקלאַדן הענט, פיס, קעפ, געדערעם, הערצער, נירן, קישקעס, מאָגנס אאז"וו. אים, משה פידעלען, האָט מען זייער קליין צוזאַמענגעשטעלט און געשיקט נעמען אַ מאָגן. אַז ער איז אריין אין סקלאַד פון די מאָגנס, האָט ער דערזען, ווי אַזעלכע הענגען אויף די ווענט טויזנטער פון כל'ערליי גרייסן. זייענדיק אַ קליינער, האָט ער בלית ברירה געמוזט אַראָפּנעמען דעם לענגסטן מאָגן, ווייל צו די קורצע האָט ער ניט דערגרייכט...

ס'איז געווען ביי אונדז די משפחה פון ר' אייזיק דעם קברן, וואָס האָט געוואוינט אויפן בית עולם, אויף יענער זייט טייך. כאָטש ער אַליין איז געווען דער קברן, האָט מען שוין די גאַנצע משפחה גערופן די „קברנים" ביז די ווייטסטע קינדס קינדער, שניר און איידעמס. ער איז אויך געווען אַ טייערער ייד, מיט אַ שיינער, ווייסער באָרד, גוטמוטיק, אַ בעל רחמים. זיין דירה איז געווען אויפן בית עולם אויף דער צווייטער זייט טהרה־שטיבל, דאָרטן זענען אייביק געווען אָפן די טירן און יעדערער האָט געקענט באַקוקן זייןווירטשאַפט: דעם קאַמאָד, דעם גרויסן זייגער אויף וואָגן מיט הילצערנע ווערק פון גבריאל שלופס קאָנסטרוקציע, די שלאָף באַנק, די סערוואַנטקע, וואו אונטערן גלאָז זיינען געשטאַנען די פסח'דיקע בעכערס מיטן אַלטן בשמים שמעקער, די ווענט באַהאַנגען מיט אַמעריקאַנער קרובים — אמתע לאָרדן. צוויי זין זענען אַוועק „אָן־אַ זייט", איינער איז געווען אַ בונדיסט, דער צווייטער אַ קאָמוניסט, פונ־דעסטוועגן האָט מען זיי אויך גערופן די „קברנים", כאָטש זיי זענען געווען האַרציקע, גוטע מענטשן און גוטע שניידערס.

אַז מען רעדט שוין פון קברן, מוז מען דערמאַנען איין באַרימטן חברה קדישא מאַן, דוד פונסקער. ער פלעגט ספּעציעל „אָפּנעמען" טויטע קינדער. גאָר די קליינע עופ'עלעך פלעגט ער אַריינלייגן אין אַ ריזיקער קעשענע פון זיין בורנוס, וואָס ער פלעגט טראָגן זומער און ווינטער. געווען איז ער אַ ייד אַ גבר, אַ ריז, און אַז מיר פלעגן אים טרעפן אויף דער גאַס, פלעגן מיר אָפּטרעטן אָן אַ זייט פון שרעק.

שרה די באָבע זאָל אויך דערמאָנט ווערן צום גוטן, די באַרימטע אקושאָרין, וואָס האָט אָפּגענומען טויזנטער קינדער ניט מיט אינסטרומענטן, נאָר מיט אירע קנאָכיקע הענט און מיט די שענסטע פאָלקס־מעשה'לעך. אַז שרה די באָבע איז געשטאָרבן, זיינען אירע טויזנטער קינדער געגאַנגען אויף דער לוויה מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט.

היינט ר' משה דער זייגערמאַכער. ער איז געווען דער, וואָס האָט געוואוסט אויף אויסנווייניק די גאַנצע כראָניק פון דער פוילישער „פאָווסטאַניע", אַלע אירע העלדן און אויפטוען. רבי משה דער זייגערמאַכער האָט טאָג און נאַכט גערעדט און דערציילט, ביז ער פלעגט פאַר־

לירן די גרענעץ פון וואָר און פאַנטאַזיע. איין מאָל, מלחמה צייט, איז אַ באָמבע געפאַלן ניט ווייט פון זיין „געשעפט”, בעת ער איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ זייגער מיטן קוקגלאָז אין אויג. בעת די באָמבע איז געפאַלן, האָט ער געהאַלטן אין דערציילן די מעשיות פון באַרימטן יידישן „פּאָוסטאַנעץ” יונה דער פישער, וואָס פלעגט דורך טייכן און אָזיערעס פירן פון פרייסן געווער. צוליבן אויפרייס פון דער באָמבע איז ר׳ משה אויפגעשפרונגען און אָפּגעביסן די שפּיץ צונג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש אין טעצעלע בענדזין. משה דער זייגערמאַכער פלעגט האָבן אַ ספּעציעלן „פיזיאָלאָגישן” צוגאַנג צו זייגערס, למשל: אַז אַ סאָלדאַט פלעגט קויפן אַ זייגער פון דעם „ציבעלע” מין און ער פלעגט קומען אויף מאָרגן מיט אַ געוואַלד: „סטייטש, דער זייגער שטייט”, — פלעגט אים משה געלאַסן אָנקוקן און פרעגן: זאָג דעם אמת, האָסט אים געהאַלטן אויף דער קאַלטער לופט? דער יוון פלעגט זיך קראַצן דעם קאָפּ און ענטפערן „טאַק טאָטשנאָ”, כ׳האָב געהאַלטן! — „ובכן, בהמה דו איינער, דער זייגער האָט זיך פאַרקילט!”

*

קריסטן זיינען געווען אויסגעמישט און אויסגעקאָכט אין יידישן לעבן. כ׳מוז דאָ דערמאָנען איינעם פון זיי, וואָס האָט געהייסן אדאם, געווען איז ער אַ לאַטוטניק און געאַרבעט ביי די כאַנאָוויטשעס, די מיליטערישע שניידערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרצווייגטע משפחה אין פּעטערבורג. אדאם האָט גערעדט גוט יידיש, געמאַכט אַ ברכה אויפן ברויט, געקענט מאַכן קידוש, און פלעגט בענטשן מיט קינדער ציצית. אַז ער פלעגט האָבן סכסוכים מיט יידן, פלעגט ער אויסמיידן דאָס געריכט, נאָר זיך לאָדן ביים רב, „ווי דער רב וועט פּאַשן (פּסק׳ענען), אַזוי זיין גוט”...

די סטראַזשניקעס (פּאָליציי) פלעגן גיין אַלע שבת אויף שנאַפּס מיט האָניק־לעקעך צו יידן. איך געדענק, ווי דער סטראַזשניק, וואָס פלעגט שטיין אויף פּאַטרול ביי אונזער הויז (ביי דער פּאָסט), פלעגט מיר געבן פּוצן זיין ביקס און לערנען די תורה פון רעוואָלווער, און אַז ער פלעגט כאַפּן אַ דרעמל אין אונדזער קראָם, פלעגן מיר אים פאַרטרעטן און אַכטונג געבן, צי דער פעלדפעבל קומט פון ווייטן...

אַ פּילגש פון וויצע־גובערנאַטאָר, די מאַדאַם טאַטאַרטשיקאָווא, האָט געוואוינט ביי אונדז אויפן אייבערשטן שטאָק. זי איז געווען אַזוי אויסגעבונדן מיט יידן, אַז דורך איר פלעגן מיר דערליידיקן אַלע יידישע ענינים אין גובערנאַטאָרס קאַנצעליאַריע און אויך צוקומען צום „וואָיאַינסקע נאַטשאַלניק” מיט „קאַטערינקעס” (הונדערט רובלדיקע) ראַטעווען יידישע קינדער פון פּריזיוו.

די דייטשן האָבן געוואוינט אין אונדזער געגנט אַלע צוזאַמען. זייער קלויסטער איז געווען אַקעגן אונדז, און דער פּאַסטאָר רידל איז געווען מיין לערער פון דייטש לשון. איין מאָל אַ זונטיק, זיך יאָגנדיק נאָך טויבן, האָב





איך מיט נאָך אַ תכשיט אריינגעוואָרפן אַ שטיין אין אַ פענצטער פון קלויסטער. דער שטיין איז געפאַלן דעם פּאַסטאָר אויפן סידור. שטעלט אייך פאָר, אַז מיט 52 יאָר צוריק האָט מען אַזאַ ענין דערליידיקט אָן אַ פּאָגראָם אויף יידן, נאָר מיטן איינפּאַכסטן „ענדשולדיקן זי, הער פּאַסטאָר”...

פון די מלמדים און לערערס מוז איך דערמאָנען מיין רבי׳ן, וואָס האָט געהייסן לערנער, אַ ייד אַ למדן מיט אַן אייזערנעם קאָפּ, וועלכער האָט געקאָנט אַלע לידער פון ביאַליקן אויף אויסווייניק. געלערנט תנ״ך, העברעאישע ליטעראַטור און חשבון, דקדוק, אפילו „טבע”. נאָכמיטיק האָט אַ ספּעציעלער לערער אַ קריסט געלערנט רוסיש און דייטש.

בורדע האָט געהייסן אַ צווייטער מלמד — אַ גרויסער העברעאישער בעל־דקדוק, וואָס פלעגט פאַרגעסן דאַוונען. ער האָט געהאַט אַ באַהעלפער אַ בחור, געהייסן האָט ער ראובן, וועמען מען האָט אין „5טן יאָר” פאַרטריבן קיין סיביר. אונדז קינדער פלעגט ער פירן אין „ארקאַדיע” זיך באָדן און לערנען שרייען „דאָלאָי” און דעם ניגון פון דער מארסעליעזיע, ווייל די ווערטער האָט ער אַליין ניט געוואוסט.

ס׳איז געווען אַ „חדר־מתוקן”, וואו מען האָט געלערנט „עברית בעברית”, אַ יידישע גימנאַזיע, וואָס איז גיך אונטערגעגאַנגען.

ס׳זיינען געווען צוויי מלוכה־שולן פאַר יידן. דאָס לערנען איז געווען אויף רוסיש, די לערערס (מאַריאַמפּאָלסקי און ראַבינזאָן) האָבן געטראָגן היטלען מיט קאָקאַרדעס און געהייסן מלוכה־באַאמטע. איך האָב באַזוכט אַזאַ שול, וועלכע כ׳האָב זייער ליב געהאַט, ספּעציעל צוליבן לערער, וואָס האָט זייער פיל געלערנט רוסישע ליטעראַטור און פלעגט דערציילן אויף אויסווייניק ריזיקע שטיקער פון די רוסישע קלאַסיקערס. דאָרטן פלעגט מען זינגען אַקאָמפּאַנירט דורך אַ פידל, און אין 1910 האָט מען איינגעפירט 2 שעה אַ טאָג „יידיש”, פּשוט יידיש לשון און יידיש שרייבן.

היינט די לעדווינאַווסקיס, די משכילים פון שטאָט, איינער אַ בוכהענדלער, דער צווייטער אַ לערער, און אויך מיין לערער. זיין הויז איז געווען אַ היים פאַר יעדער ווידערשפּענסטיקן. ער האָט מיט אונדז געלערנט מאַטעמאַטיק, פראַנצויזיש, פּויליש און דייטש. פאַר יענער מלחמה האָבן מיר אויך געלערנט ליטוויש ביים ליטווישן לערער קובוליוס, וואָס האָט געקענט יידיש בעסער פאַר אַ סך היינטיקע יידישע עסקנים.

ביי די לעדווינאָווסקיס פלעגן זיך צונויפטרעפן די „רויטע”, די גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, די עקסטערנס, די אורלויב־סטודענטן. דאָרטן האָט מען געשפּונען די פּלענער פון דער צוקינפטיקער באַפרייטער וועלט.

סיאוואַלק האָט געהאַט אַ גאַס, וואָס האָט געהייסן „משה דעם טשעסלערס גאַס”, וואו ס׳האָט זיך קאָנצענטרירט דער אַרבעטער טייל פון שטאָט. אָן אַ זייט פון גאַס דער „מאַלי־ראַצעק” — אַ גאַנצער קוואַרטאַל

פון גרעסטן יידישן דלות, די פּראָפעסיאָנעלע בעטלערס, בעלי עגלות, די אָרעמסטע בעלי מלאכות און די דורכגייערס. ניט ווייט פון יענער געגנט זיינען געלעגן די גרעסערע לעדער פאַבריקן, די איינציקע אינדוסטריע פון דער שטאָט. דאָרטן זיינען אויך געווען די גרויסע וואלקערייען. אַלץ צוזאַמען פלעגט פאַרשפּרייטן אַ שלעכטן ריח מיילן ארום, אָבער די יידן פלעגן טענהען — „אַ ריח, וואָס גיט ברויט, שמעקט"...

ווי אין חלום זיינען מיר פאַרבליבן שטיקלעך פון פינפטן יאָר, בעת מיין פאָטער האָט געמוזט עוקר זיין קיין אַמעריקע, און די פעטערס פלעגן ליגן באהאלטן אין אונדזער גרויסן, פאַרצייטיקן קליידער־שראַנק, דעמאָנסטראַציעס, פאַקלצוגן, שיסערייען, הריגות פון זשאנדארן, קאזאקן, רויטע פענער, די מאַרסעליעזע, און „עקסלעך" (עקספּראָפּריאַציעס), נאַכער דאָס ווילדעווען פונעם מיליטער און דער נאָמען סיביר, וואָס האָט אויסגעפילט מאַסן יידישע היימען.

ביי אונדז אין הויז האָט געוואוינט דער קאַזיאָנער רב זעליגמאן, זייער אַ געבילדעטער וועלטלעכער ייד, וועמען אַלע האָבן ליב געהאַט און זיך באַצויגן צו אים מיטן גרעסטן דרך ארץ. זיין זון יוסף כאצקל, יעמאָלט אַ סטודענט (שפּעטער אַ דירעקטאָר פון „ריגער באַנק", אַ דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע און רעדאַקטאָר פון „גאָלאָס ביעלאָסטאָקא") איז געווען אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער. אַ פּסוק פון זיינער אַ רעדע אין פינפטן יאָר איז מיר ביז היינט פאַרבליבן אין זכרון. ער האָט געדונערט:

„זעט ווי אַזוי די ווילדע כינעזער האָבן געוואוסט צו רעוואָלטירן קעגן דער אַלטער פאַרשאָלטענער אָרדענונג, בעת איר, די קולטורעלע רוסן, קענט עס ניט דורכפירן ביז היינט"...

אַזעלכע רייד פלעגן שניידן ווי מיט מעסערס, אָנצינדן די געמיטער און טרייבן צו דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדן.

ווי אין אַ גרענעץ שטאָט, איז אין סואוואַלק געווען זייער אַ סך מיליטער. די פאַרפּוצטע אָפיצערן מיט זייערע דאַמען, די „פּאדריאדטשיקעס" און די גרויסע צאָל באַאַמטע האָבן געגעבן געשמאַק צו לייזן: פון יידנהאַס האָט מען ווייניק געוואוסט. דערצו דער גרויסער וואַלד מסחר, די נאָענטע גרענעץ, די קאנטראבאנדע, די לעדער־אינדוסטריע, די פישערייען — דאָס אַלץ האָט געטראָגן שפע אין שטאָט, וואָס איז געוואַקסן, זיך פאַרשענערט, פאַרבויט, צעשפּרייט אין דער לענג און דער ברייט.

און ס'זיינען אויפגעעפנט געוואָרן פּריוואַטע בענק פון די שיינמאַנס, די גליקשטיינס, די „ריגער־באַנק", אַ פּוילישע קאָמערץ באַנק, ס'איז צוגעקומען אַ פּוילישע גימנאַזיע (די קאמערץ שול), וואָס האָט אָנגעהויבן פּראָדוצירן די אַנטיסעמיטישע פּעסט אין דער געגנט, אָבער וואָס האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט צוגעקלעפּט צו דער באַפעלקערונג פאַקטיש ביז דער פּוילישער אקופּאַציע אין 1919־1920.

ביז 1918 איז דער קולטור צענטער פון שטאָט געווען די ביבליאָטעק, אַ צימער ביי דער קהילה, וואו ס'פלעגן זיך צונויפקומען אַ סך יוגנטלעכע באָרגן יידישע און העברעאישע ביכער, און בחורים מיט מיידלעך „אינטעליגענטן" פלעגן שליסן „קאַנטשאַפט". ס'איז געווען נאָך אַ מין כמו קולטור צענטער — דאָס צייטונגס געשעפט ניט ווייט פון קלויסטער אויף דער פּעטערבורגער גאַס, וואו מענטשן פלעגן אומגעדולדיק אָפּוואַרטן די באַן מיט די „היינטן", „מאָמענטן", „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטי", „רעטש", „בערלינער טאַגעבלאַט" און די „פאָסישע".

די צייטונגען פלעגט מען אַבאָנירן בשותפות, לייענען גרינטלעך און זוכן כוונות אין יעדער וואָרט, אפילו אין די מעלדונגען. אויף די פּאָליטישע נייעס זיינען געווען קאָמענטאַטאָרס, ווי רבי איטשע, דער פייערדיקער דייטשישער פּאַטריאָט, וואָס זיין פוס האָט קיין מאָל ניט באַטרעטן דייטשלאַנד, כאָטש דאָס לאַנד איז געלעגן אונטער דער נאָז. זיין אָפּאָנענט איז געווען כאנאוויץ דער מיליטערישער שניידער, וואָס האָט פאַרמאָגט די שענסטע טעכטער פון דער גובערניע, וועלכע ער האָט אַלע אויסגעגעבן פאַר פּעטערבורגער חתנים, יונגען ווי דעמבעס, יידישע „קאַצאַפּעס", וואָס האָבן חוץ „שמע ישראל" קיין אות נישט געוואוסט פון יידישקייט.

בעת ס'פלעגט זיך צעפלאַקערן דער וויכוח צווישן ביידע טייערע יידן, פלעגן זיך צונויפזאַמלען אַרום צענדליקער מענטשן, און יעדער פון זיי האָט געהאַט באַהעלפערס. מיין פאָטער ע"ה איז געווען אויפן רוסישן צד, און דער זיידע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, אויפן דייטשישן. ואני הקטן בין געווען „נייטראַל", אָבער זייער אָנגענומען ביי ביידע צדדים, ווייל בעת אַ צד האָט זיך גענייטיקט אין הילף פון זכרון אָדער אַ ציטאַטע, פלעגט מען מיך מיט דרך ארץ אריינשטופּן אין מיטן, און איך, אני הקטן, פלעג עס זיין דער פירלייענער פון די „פאָסישע", פון „בערלינער טאַגעבלאַט", פון „בירזשעוויע וויעדאמאסטי", אָדער אויסשניטן פון „ריעטש", וואָס מיין פאָטער פלעגט אויסהיטן אין דעם גרויסן ספרים אלמער צוזאַמען מיט די בענד „גיוואַ", „ביבליאָטעקאַ דלאַ" ... „ביליאָע אי דומי", משניות'ן, כל'ערליי תנך'ן, „ראַזסוויעטן", „מענדעלי מוכר ספרים" און פאַרשיידענע רוסישע, דייטשישע און העברעאישע ביכער, פון וועלכע סמאָלענסקי און מאַפּו זענען געווען די באַליבטסטע.

איך קען זיך נישט שענקען ביז היינט, וואָס איך האָב ביי מיין לעצטן באַזוך אין דער היים אין 1938 נישט מיטגענומען מיט זיך אַ זעלטענעם באַנד לידער פון אליקום צענזור, אַ בוך פון אייזיק מאיר דיק, ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד; מיין פאָטער איז שוין געווען אַזוי פאַראָרעמט, אַז חוץ פון זיין טייערן ביכער שראַנק האָט ער מיר גאָרנישט געהאַט וואָס מיטצוגעבן. ס'האָבן מיר די הענט געברענט, כ'האָב זיי געוואָלט האָבן, אָבער ווייסנדיק, וואָס די ביכער זיינען געווען פאַר מיין היים, האָב איך נישט געוואַגט גאָרנישט צו נעמען, חוץ אַ פּאָר בינטלעך „הצפירה" און „המליץ".

ס׳דערמאָנען זיך די ערשטע „פועלי ציון” גרופּעס, דער „בונד”, די „דראַמאַטישע געזעלשאַפט”, ס׳דערמאָנען זיך יענע איבערגעגעבענע קולטור־טוערס, די טשאַר־נעסעס, די ריזנבערגס, טייבעלע פּאָלניצקי, די גליקסאָנס, דער פייערדיקער ציוניסט ד״ר ווייסמאַן און דער פאָלקס־טימלעכער הויזפריינד פון יעדער יידישער שטוב ד״ר נאַטאַנזאָן, גאָלדרייך און אַדאָנאָוסקי די אַפּטייקערס, קאַצענעלנסאָן דער צאָן דאָקטאָר, די סמאָלינסקיס, די טראָצקיס. וואו איז אַהינגעקומען זייער געביין?

מיר באַנוגענען זיך מיט די פּאָר נאָטיצן, וואָס זאָלן פלעמלען אין פּנקס פון מיין אלטער פאַרלוירענער געבורטשטאָט — סאָוואַלק.

## משה שלומי־פרידמאַן

# מלמדים

די איבערלעבענישן פון אַ יידישער שטוב אין פוילן זיינען א־בערלעבענישן פון אַ וועלט, וואָס איז חרוב געוואָרן. אין מיין זכרון ווערן אָבער פּאָרטרעטן פון אומגעקומענע און בילדער פון מיין פאַרטיליקטער היימ־שטאָט ווידער לעבעדיק און באַהויכט מיט ליבע און צאַרטקייט.

אָט שטייט פאַר מיינע אויגן דער חדר פון גאָטליב. ער איז געווען אַ מלמד דרדקי (א״ב מלמד) און מיר קינדער פלעגן זיך שרעקן פאַר אים פּחד מות. ער האָט געהאַט אַ דיקע ליניקע, וואָס די קינדערשע הענטלעך האָבן זי ניט זעלטן דערפילט אויף זיך. פונדעסטוועגן איז ער געווען דאָך אַ „יידישער גזלן”: ווען אַ יינגעלע פלעגט פון ווייטיק אָנהייבן וויינען, פלעגט ער אים אַרומנעמען, צוקוועטשן צו זיך, גלעטן און באַרואיקן מיט אַ שמייכל.

דער היפוך פון אים איז געווען לערנער דער מלמד. ביי אים האָב איך שוין געלערנט חומש. ער איז געווען אַ דאַרער, שוואַרצער ייד, אַ שוואַכער אין געזונט. קיין איינציקער שמייכל איז נישט געווען אויף זיין פּנים. אָבער ער איז געווען צאַרט און איידל. פאַר מיר איז געווען די גרעסטע שטראָף, ווען ער פלעגט קוקן אויף מיר מיט אַ בליק פון צער אין זיינע שוואַרצע אויגן. איך האָב דעמאָלט געפילט, אַז איך בין אים מקצר די יאָרן. אָבער דאָס האָט דאָך נישט אָפּגעשטעלט אונדז, „ווילדע



סואוואַלקער גן־ילדים — סוף דרייסיקער יאָרן.

שקצים״, אָנצופאַלן אין יעדער הפסקה אויף דעם רבינ׳ס ציג און זי אַזוי אויסמוטשען, אַז פאַר שרעק זאָל זי שעה׳ן לאַנג קיין מילך נישט געבן — און דער רבי, נעבעך, האָט עס געדאַרפט גאָר נייטיק האָבן.

לערנער האָט געוואוינט אויף שול־גאַס. אין זעלביקן הויז פון חדר האָט געוואוינט דער „רוסישער״ לערער ראָבינזאָן, וואָס פלעגט קומען דריי מאָל אין וואָך אין חדר לערנען מיט אונדז רוסיש. מיר פלעגן עס פיינט האָבן, נישט צוליב דעם לערער און נישט צוליב דעם רוסיש, נאָר צוליב... דער פינצטערניש. די פאָר שעה פלעגט אויסקומען אונדז צו גיין אַהיים אין חושך. יעדער איינציקער פון אונדז האָט טאַקע געהאַט אַ לאַמטערנע מיט אַ ליכטל, אָבער וואָס טוט מען, אַז אַנדערע קינדער וואַרפן אַריין אַ קולקע שניי אין דער לאַמטערנע און צעברעכן זי?

אַ מאָדערנער חדר איז געווען בערמאַנס. ער האָט זיך געפונען אין זעלביקן הויז וואו דער רבי לוריע ז״ל האָט געלערנט עברית בעברית, העברעאישע ליטעראַטור, דקדוק און תנ״ך. בערמאַן איז געווען אַ געלער ייד מיט אַ הייסן טעמפּעראַמענט און שטענדיק פלעגט ער זיין אין כעס. ער איז געווען פשוט פאַרליבט אין תנ״ך און זיין לימוד פון תנ״ך איז געווען פול מתיקות. דער רבי בערמאַן פלעגט אונדז רופן שבת נאָכמיטיק אין חדר, וואו ער פלעגט צוגרייטן פאַר אונדז אַ קינדער־זשורנאַל „בכורים״ אָדער „עתון־קטן״, וואָס איינער פון אונדז פלעגט פאָרלייענען. כדי מיר זאָלן זיך פילן פריי, פלעגט ער אַרויסגיין פון צימער און קומען נאָר דעמאָלט, ווען עס פלעגט ווערן אַ געפּאַר פון אַ געשלעג.

דער דאָזיקער מלמד איז שוין געווען אַ ביסל אָנגעשטעקט מיטן גייסט פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק.

---

יהושע באַכראַך
(פּתח־תקוה)

# שטריכן און עפּיזאָדן

## ר׳ בנימין מגנצא זצ״ל

ער איז געווען אַ אַקליין רירעוודיק יידעלע, וואָס איז תמיד ארומגעלאָפן צו טאָן מצוות. איך געדענק אים פון חדר, וואוהין ער פלעגט אריינלויפן, שמייכלען צו אונדז און גאָרנישט פאַרהערן. נאָך דעם רבי׳ן פלעגט ער אָפּרופן אין אַ ווינקל און אים אַריינשטופּן אַ פּאָר גילדן אויף שבת. מיט דער זעלביקער שליחות איז ער ווייטער געלאָפן צו די אַלע מלמדים, וואָס נייטיקן זיך אין הילף.

ר׳ בנימין האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר אורחים אויף שבת. פרייטיק צונאַכט נאָכן דאַוונען האָט מען אים געקענט טרעפן ווייט אין טורמע גאַס פירנדיק אַן אורח צו אַ בעל־הבית, וואָס איז ניט געווען ביים דאַוונען אין גרויסן בית־המדרש.

איין מאָל איז געקומען צו אים אַן אָרעמע יידענע מיט אַ שאלה. דאָס הינדל איז גראָד טריף געוואָרן. האָט ער שטיל באַפוילן ברײנדלען, זיין טאָכטער, זי זאָל פון אירע אָנגעגרייטע פלייש אויף שבת „אויסבאָרגן״ דער יידענע: „זי האָט אפשר אַ קראַנק קינד אין דער היים״, — האָט ער געזאָגט.

אַן אינטערעסאַנטן שטריך וועגן אים האָט מיר איבערגעגעבן אונדזער ליבער משה׳ל ראָזנטאַל, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען נאָענט צו אים ביי דער ארבעט פון הילפס־קאָמיטעט אין מלחמה צייט:

עס האָט זיך געצויגן אַ דין־תורה צווישן דריי פשעראָסלער יידן און ביי אים האָט מען משליש געווען דאָס גאַנצע געלט פון דער תביעה. אין א געוויסן טאָג כאַפּט זיך אַריין צו אים איינער פון די צדדים און דערציילט אים מיט תמימות: רבי, מיר זיינען שוין דורכגעקומען צווישן זיך און מבטל געווען די דין־תורה.

„אַך אַך — האָט זיך ר׳ בנימין דערפרייט — ברוך השם, אבי עס זאָל זיין שלום צווישן יידן״ — און פון גרויס התפעלות גלייך צוגעלאָפן צו דער שראַנק און אים דערלאַנגט דאָס גאַנצע איינגעלייגטע געלט.

אויף צו מאָרגנס איז אריינגעפאַלן צו אים דער פשעראָסלער רב, ווי אַ צעטומלטער. אין שטעטל איז אַ מהומה: ווי אַזוי האָט זיך דאָס געלאָזן ר׳ בנימין אָפּנאַרן? ווי אַזוי גיט מען דאָס אָפּ משולש׳דיק געלט איינעם פון די צדדים?

ערשט איצט האָט זיך ר׳ בנימין געכאַפּט פאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן ארומלויפן איבער דער שטוב און ווי געשריען צו זיך: רבונו של עולם, מען זאָל שוין אַ יידן נישט קענען גלייבן אויפן וואָרט?...

זיין טויט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף סואוואַלקער יידן.

ביים אוהל פון ר׳ משה בצלאל זצ״ל האָט מען אויסגעבויט דעם אוהל פון ר׳ בנימין מגנצא, ביי וועלכן שווערע הערצער האָבן פיל טרערן פאַרגאָסן און געבעטן אין זכות פון צדיק.

## ר׳ אהרן באַקשט זצ״ל

פאַר מיין צייט האָבן אין סואוואַלק געקיניגט צוויי רבנים. ר׳ אהרן באַקשט זצ״ל און נאָך אים ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש זצ״ל.

ר׳ אהרן באַקשט איז געקומען פון ליטע. ער איז טאַקע געווען אַן אמת׳ער ליטוואַק, אַ גרויסער למדן, אבער מלא התלהבות ווי אַ חסיד. ר׳ אהרן באַקשט איז געווען אַ תלמיד פון דער באַוואוסטער מוסר־ישיבה אין קעלם. אין דער ישיבה׳שער וועלט דאָרטן האָט ער געשמ׳ט ווי איינער פון די גרויסע בעלי־מוסר אין דור.

ער האָט געווירקט מיט זיינע מוסר־מעשים ניט ווייניקער, ווי דורך זיינע מוסר־דרשות. אָט איז איינע פון זיינע מוסטער־טאַטן, וואָס די ווייבער, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט הערינג אין מאַרק, האָבן מיט וואונדער און התפעלות דערציילט:

איין פרייטיק איז דער רב געגאַנגען צו קבלת שבת און די הערינג־פאַרקויפערקעס זיינען נאָך געשטאַנען מיט די פעסער אין דרויסן. האָט ער אויף זיי ניט געשריען, נאָר האָט זיי גאָר געהאָלפן אַריינצוקייקלען די פעסלעך הערינג אין די בודקעס...

פאַרשטייט זיך, אַז דעם צווייטן פרייטיק האָבן זיי שוין אַלע גאָר זיך צוגעאיילט און גאַנץ פרי פאַרמאַכט די בודקעס, כדי ניט מטריח צו זיין, חלילה, דעם רב...

אַ סואוואַלקער טרעגער האָט דערציילט זיינע חברים, אַז אין אַ פשוט׳ן קאַלטן מיטוואָך האָט ער זיך געוואָלט אַריינכאַפּן אין גרויסן בית־המדרש, כדי זיך אָנצוואַרעמען ביים אויוון. דער בית-המדרש איז געווען צוגעשלאָסן פון אינעווייניק און דאָרט האָט זיך ארומגעשפּאַצירט דער רב איינער אליין און געזונגען און געלערנט אזוי זיס, אזוי אומעטיק...

גלייבט מיר — האָט דער טרעגער דערציילט זיינע חברים — כ׳בין דאָרט הינטער דער טיר געשטאַנען אַ לאַנגע צייט, געציטערט ווי אין אַ מקום קדוש און ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, כ׳ווייס ניט פאַר וואָס...

ר׳ אהר׳טשיק באַקשט, דער קעלמער בעל־מוסר, האָט אַזוי געפּראַוועט התבודדות אין סואוואַלקער גרויסן בית־המדרש.

דער עולם האָט פאַר אים געהאַט גרויס יראת־הכבוד. ער האָט זיך איין מאָל דערלויבט אריינצוגיין אין דער בוינע און בעטן די קצב׳ישע יונגען, אַז זיי זאָלן אים ווייזן זייערע ציצית.

## ר׳ יוסף יאסעלעוויטש זצ״ל

נאָך הרב הגאון ר׳ אהרן באַקשט האָט סואוואַלק אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם רב. ס׳זיינען געווען פיל קאַנדידאַטן. רבנים זיינען געקומען אויף אַ באַזוך, געזאָגט דרשות אין בית־המדרש — און ביי דעם איז עס געבליבן. דער אַלטער ר׳ אהרן וואַלקין, פינסקער רב, איז גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן סיי דעם לומד׳ישן עולם, און סיי „עמך״. ביחוד זיינען שטאָל און אַייזן געווען פאַר אים די ווייבער, וואָס זיינען געווען מלא התפעלות פון זיינע ניגונדיקע דרשות ימים־נוראים צייט.

אָבער אַזוי ווי עס איז נגזר געוואָרן, אַז אָן מחלוקת זאָל ניט אָנקומען אַ רב אין אַ שטאָט, איז אפילו דאָס שטילע און געמיטלעכע סואוואַלק אריין אין אַ הייסער מחלוקת. עס איז געוואָרן אַ נייער „צד״, וואָס האָט געוואָלט אויך האָבן אַ דעה וועגן אַ רב און דווקא קעגן דער מיינונג פון די לומדים. דאָס זיינען געווען די קרייזן פון האַנטווערקער פאַראַיין און זיי האָבן אויסגעקליבן פון די קאַנדידאַטן דעם זשעטלער רב הרב ר׳ זלמן סאָראָצקין.



הרב הגאון ר׳ יוסף יאסעלעוויץ, אב״ד פון סואוואַלק (לינקס) און ר׳ יוסף ב״ר הלל בירגער, הויפּט-שמש פון בית-דין און פון דער גרויסער שול.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט באַשטימט וואַלן; אָבער היות קיינער האָט ניט באַקומען קיין אַבסאָלוטע מערהייט, איז מען ווייטער געבליבן אָן אַ רב.

איז אַרויסגעפאָרן אַ דעלעגאַציע פון די בעלי בתים נכבדים לומדים פון דער קהילה און פאָרגעלייגט דעם באַרימטן סעמיאַטיטשער רב ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש די סואוואַלקער רבנות.

צוריקקומענדיק האָבן די דעלעגאַטן איבערגעגעבן די רעזולטאַטן פון זייער שליחות אויף אַן אָפענער זיצונג פון קהילה־ראַט. די דעלעגירטע האָבן דערציילט, אַז דער סעמיאַטיטשער רב האָט געמאַכט אויף

זיי זייער אַ גוטן רושם, אָבער ער האָט געשטעלט אַזאַ תנאי, וואָס קיין רב פאַר אים האָט זיך עס ניט דערלויבט צו טאָן: ער וועט ניט קומען זיך פאָרשטעלן פאַר דער שטאָט און בכלל ניט געבן זיין הסכמה, סיידן סואוואַלק זאָל אים ברענגען קיין סעמיאַטיטש דעם כתב־רבנות.

ווי עס ווייזט אויס, איז דווקא אָט דער תנאי געפעלן געוואָרן דעם עולם. עס איז געווען דרייסט און קלוג און אַגב אויסגעשטראָפט די שטאָט, פאַרן פאַרהערן אזוי פיל רבנים — און מ׳האָט טאַקע באַלד באַשלאָסן אים צו שיקן דעם כתב.

דער טאָג פון קבלת פנים איז געווען אַ יום־טוב. און דער נייער רב האָט טאַקע שטאַרק אויסגענומען ביי אַלעמען מיט זיין ערשטער דרשה און בכלל מיט זיין רעפרעזענטאַטיוון דערשיינען.

הרב יאָסעלעוויטש איז געווען אַן אָנערקענטער גאון אין לערנען און פון די פירנדיקע רבנים אין אגודת־הרבנים פון פוילן, אויך באַהאַוונט אין מילי דעלמא, אַ פיקח און אַ גרויסער רעדנער. ער האָט זיך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט תורה׳דיקן חינוך. איך געדענק זיינע שיינע דרשות ביי געוויסע געלעגנהייטן און זיין באַרימטן הספד אויף ר׳ מאיר שמחה פון דווינסק זצ״ל.

דעם הספד אויפן „חפץ־חיים״ זצ״ל האָט ער שוין נישט געקענט זאָגן, ווייל ער איז שוין געווען קראַנק. עס האָט אים אָבער געזאָגט זיין יונגער איידעם, הרב ר׳ דוד ליפשיץ, וועלכער איז זייער באַליבט געוואָרן אין שטאָט און פיל מיטגעהאָלפן דעם שווער אין זיינע לעצטע יאָרן.

## א. סואוואלקער

# הרב ר׳ מרדכי צבי הלוי ווייסמאַן

ר׳ מרדכי ווייסמאַן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינעם פון די זעלטנסטע טיפּן אין דער לומדיש־בעלי־בתי׳שער וועלט פון דעם פריערדיקן דור. ווי ער אליין דערמאָנט אין זיין צוואה צו זיינע קינדער, איז ער געבאָרן אין סואוואַלק ר״ח כסלו תר״ה (1845) צו זיין פאָטער הרב ר׳ יוסף זעליק הלוי. זיין זיידע ר׳ לייב חנה׳לעס איז געווען באוואוסט אין גאַנץ שטאָט מיט זיין ערלעכן נאָמען, געווען אָפּגעהיט אין זיין ריידן און צייט זיין לעבן ניט גערעדט קיין איבעריק וואָרט. זיינע עלטערן האָבן אויף דער עלטער עמיגרירט קיין אמעריקע. זיין פאָטער איז אַ לענגערע צייט געווען רב אין דער עלדרעט־שול אין ניו־יאָרק און געווען באַקאַנט מיט זיין לומדות און מעשים טובים, וואָס ער האָט געטאָן פאַר געדריקטע אימיגראַנטן, וועלכע פלעגן אָנקומען פון יענער זייט ים.

פון זיין פריסטער יוגנט האָט ר׳ מרדכי־צבי זיך קונה שם געווען מיט זיינע זעלטענע כשרונות און גרויסער התמדה אין לערנען, און דער דאַמאָלסטדיקער סואוואַלקער רב ר׳ שמואל מאָהיליווער האָט אים זייער מקרב געווען. צו 17 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון באַוואוסטן גאון ר׳ יהושע הכהן בלומענטאַל, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין לאַזדיי. נאָך דער חתונה האָט ער געוואוינט אַ קורצע צייט אין מאַריאַמפּאָל און שפּעטער צוריקגעקומען קיין סואוואַלק. אין יענער געגנט איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער הונגער און ער האָט זיך געמאַטערט מיט זיין פרנסה.

איז ער דעריבער אַוועק אין יאָר 1869 קיין ראַדאָם, וואו דער שטאָט רב איז געווען ר׳ שמואל מאָהיליווער, ביי וועמען ער איז געווען אַ בן־בית אין סואוואַלק. ר׳ שמואל האָט אים זייער וואַרעם אויפגענומען און ער האָט אים רעקאָמענדירט צו לערנען מיט צוויי בחורים פון גביר׳ישע עלטערן, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַר זיין פרנסה במשך פון עטלעכע יאָר. שפּעטער איז ער דורך דער עצה און הילף פון ר׳ שמואל מאָהיליווער אריינגעצויגן געוואָרן אין דער מסחר־וועלט און איז געוואָרן אַ פאַרמיטלער ביי מאַכן היפּאָטעקן אויף גרעסערע הלוואות. אַ דאַנק זיין ערלעכן נאָמען האָט ער זיך דערוואָרבן גרויס צוטרוי און האָט פון דעם מסחר געהאַט אַ פיינע פרנסה.

אויסער זיינע מסחר־ענינים האָט ער זיך זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן אַ סך מיטן לערנען תורה און איז טאַקע געווען אָנערקענט ווי אַ גרויסער תלמיד־חכם, חריף ובקי, זיין נאָמען אין שטאָט איז דעריבער געווען: „דער מופלג״. ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט פיל רבנים גאונים אין לערנען און אליין אויך געדרוקט אַ סך חידושים ומאמרים אין תורה־זשורנאַלן: „המאסף״ (ירושלים, תרס״ז) „בית מדרש לחכמים״ (ווארשא, תרצ״ד) „שערי־תורה״ (תרפ״א—תרפ״ו) „הבאר״. ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ זאַמלונג חידושי־תורה און פסקים וועגן דיני שבת אויף אַ שיף, צוזאַמען מיט זיינע הערות „דברי־חכמים״ (ווארשא, תרל״ו) און אויך נאָך

איבערגעלאָזן בכתב־יד אַ גרעסערן חיבור אויף הלכה ואגדה.

ר׳ מרדכי צבי האָט פאַרמאָגט זעלטענע מידות, געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ און אַ גוט האַרץ און אַ סך געטאָן פאַר יידישקייט. אַ קורצע צייט האָט ער אויך פאַרבראַכט אין אַמעריקע, אין די יאָרן 1909—1910, און ער פלעגט דאָן האַלטן דרשות אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט צו שטאַרקן אמת׳ע יידישקייט אין דעם לאַנד.

אין זיין גאָר טיפער עלטער, ווען זיין פרוי האָט שוין ניט געלעבט, איז ער צוריקגעקומען קיין סואוואַלק צו זיין איינציק־פאַרבליבענעם זון, דעם באַוואוסטן דאָקטאר און געזעלשאַפטלעכן עסקן ל. ווייסמאַן. ער איז שוין געווען אין די הויכע אַכציקער, דאָך איז ער צוריק באַלד באַליבט געוואָרן אין שטאָט. דער לומדישער עולם און ספּעציעל די יונגע בני־תורה פלעגן ליב האָבן מיט אים זיך מפלפל צו זיין בדברי תורה און צו הערן פון אים פאַרשיידענע געשיכטעס פון דעם אמאָליקן סואוואַלק. ניט געקוקט אויף זיין טיפער עלטער איז ער געווען אַן אָפּטער אריינגייער, צו פאַרברענגען אין לערנען, ביי דעם רב הגאון ר׳ יוסף יאסעלעוויטש און שפּעטער ביי זיין אײדעם הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ, וועלכע האָבן פון אים זייער געהאַלטן, און מען פלעגט אים מכבד זיין צו דרשנ׳ען ביי געוויסע געלעגנהייטן.

ווען ער איז שוין געוואָרן שוואַך און ניט געקענט ארומגיין, פלעגט ער נאָך צושיקן בכתב זיינע חידושי תורה צום רב, אַז ער זאָל זיי דורכקוקן. אַזוי שטאַרק איז ער געווען אריינגעטאָן אין לערנען ממש ביז זיינע לעצטע טעג. הושענא־רבא ביי טאָג האָט דער רב אים צום לעצטן מאָל מבקר חולה געווען און געבראַכט אים נאָך אַ ספר, וואָס ער האָט געבעטן צו מעיין זיין, און מוצאי שמחת־תורה תרצ״ט, נאָך דעם ווי ער האָט נאָך געהערט הבדלה, איז ער נפטר געוואָרן זייענדיק אַלט 94 יאָר. תנצב״ה.


ראובן באַיאַרסקי
דעטרויט


# סואוואַלקער געשטאַלטן

אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה בין איך געוואָרן חזן אין סואוואַלק. איך בין דאָרטן געווען חזן אַכט יאָר און פיל אנגענעמע זכרונות זיינען מיר פאַרבליבן פון יענער צייט.

סואוואַלק איז געווען רייך מיט אַ ריי אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפן אָרטיקן יידישן לעבן. אַ טייל פון זיי זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן.

די דיינים בעת מיין זיין אין סואוואַלק זיינען געווען ר׳ בנימין מאגענצא און ר׳ משה אלטמאַן. הרב אלטמאַן איז געווען אַ ייד אַ חכם און טאַקע דעריבער אַ גרויסער מומחה אין דין־תורות. עס פלעגט אים געלינגען אויסצוגלייכן סיכסוכים. געווען אַ מעורב עם הבריות און אַ ביסל שוין פון דעם מאָדערנעם טיפּ פרומע יידן.

ר׳ בנימין מאגענצא איז געווען אין גאַנצן אַנדערש. אַ ייד, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מער מיטן הימל ווי מיט דער ערד. געווען אַ גרויסער למדן און מתמיד און גאַנצע נעכט געזעסן און געלערנט. און דאָך האָט ער געהאַט גענוג צייט צו אַרבעטן פאַר דער איינציקער תלמוד־תורה אין שטאָט, וואָס ער האָט פּשוט געטראָגן אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס. ער פלעגט שטענדיק קלייבן געלט סיי פאַר דער תלמוד־תורה, סיי פאַר צדקה־אַנשטאַלטן. ער האָט געלעבט חיי צער. די גאַנצע וועלט איז ממש געווען ביי אים אַ פּרוזדור לזיי העולם הבא. זייענדיק שפּעטער חזן אין ענגלאַנד, האָב איך פון אים געקראָגן אַ בריוו (דאָס איז שוין געווען קורץ פאַר זיין פּטירה), אין וועלכן ער האָט פאַר זיך קיין זאַך נישט פאַרלאַנגט, נאָר געבעטן מ׳זאָל שטיצן די תלמוד־תורה.

דער משגיח אין דער תלמוד־תורה איז געווען רבי בערגשטיין, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק נפטר געוואָרן אין מדינת ישראל. דער קאַזיאָנער ראַבינער איז פאַר מיין צייט געווען הרב ראָזנבערג. מה טיבו של אדם זה — ווייס איך נ׳ט עד היום הזה. ער האָט זיך ווייניק געמישט אין אָרטיקן לעבן און דאָך געהאַט פיל קעגנערס. מענטשן האָבן גערעדט, אַז ער איז אַ ייד אַ למדן, ווי אויך אַ קענער פון עטלעכע שפּראַכן. ביחוד איז ער געווען באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטעראַטור. סיי דער ראַבינער און סיי דער חזן זיינען געווען אנערקענט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג ווי קהל׳שע באַאמטע און האָבן געקראָגן זייער שכירות פון מאַגיסטראַט.

די קהילה איז געוואָרן אָנגעפירט פון 3 דאָזאָרס: וואָלף ביאַלאָסטאָצקי, יוסף ראַבינאָוויטש און פרענקל. ביאַלאָסטאָצקי איז געווען אַ שטרענגער ייד און געפירט זיין מלוכה ביד חזקה, אָבער אויך מיט אַ סדר. די איבעריקע צוויי זיינען געווען בבחינת געהילפן. עס איז

אויך ווערט צו דערמאָנען די צוויי שטאָט־שמשים: איינער, ר׳ יוסף דער שול־שמש, איז געווען אַ ייד אַ בר־אוריין און אַ משכיל מפואר, געהאַט אַ זעלטענעם זכרון אַן אמת׳ער בור סיד שאינו מאבד טפה. ער איז אויך געווען אַ טייערער סופר. דער שמש פון ביהמ״ד הגדול, ר׳ משה בער בודוועצקי, איז געווען אַ צדיק און אַן איש תמים. ווען נאָר מען איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט מען אים תמיד געטראָפן זיך שאָקלענדיק ביי אַ בלאַט גמרא. דעם „נצור לשונך מרע״ האָט ער אָפּגעהיט אויף אַ חפץ חיים׳שן שטייגער, און זיין מויל איז געווען געשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

דאָס דאָזיקע סוואָלק מיט אַזעלכע טייערע יידן איז צוזאַמען מיט טויזנטער ענלעכע יידישע ישובים אָפּגעמעקט געוואָרן דורך די נאַצים, ימח שמם וזכרם!

בן־ישראל

# אויסטערלישע געשעענישן אין סוואוואַלק

## ר׳ יצחק אייזיק חבר זאָגט צו ישועות

פערזענלעך האָט אים שוין כמעט קיינער אין מיין צייט ניט געדענקט, אָבער אין סוואוואַלק האָט מען דערציילט פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן דעם גאון און מקובל.

אויפן גרויסן שילד פון סוואוואַלקער תלמוד־תורה איז נאָך ביזן לעצטן טאָג געווען אָנגעשריבן: נוסד ע״י הגאון הצדיק רבי יצחק אייזיק חבר זי״ע. אַלטע לייט האָבן איבערגעגעבן וועגן אַ הבטחה פון אַמאָליקן סוואוואַלקער רב, אַז כל זמן מען וועט לערנען אין תלמוד־תורה, וועט דער זכות מגין זיין אויף דער שטאָט, בפרט אין צייטן פון מלחמות. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז טאַקע דאָס לערנען אין תלמוד־תורה כמעט ניט איבערגעריסן געוואָרן. צוליב דעם — האָט מען דערציילט — איז מען ניצול געוואָרן פון טויט, און יידן, וואָס מען האָט מאָביליזירט אין קריג, זיינען געקומען גאַנץ צוריק. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען טאַקע ארום סוואוואַלק ניט פאָרגעקומען קיין קאַמפן, און קיינער האָט ניט געליטן פון לופט־אַטאַקעס, אויך קיין הריגות זיינען אין שטאָט גופא ניט געווען. ווען די נאַציס זיינען אריין קיין סוואוואַלק, האָבן זיי גלייך פאַרמאַכט די תלמוד־תורה און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן די גזירות אויף די דאָרטיקע יידן.

## דער רבי פון פישערשער קלויז — א בעל־מופת

צום דאָזיקן רבי׳ן פלעגט מען גיין נאָך ברכות און סגולות. אנדערע האָבן אים גערופן „דער רבי דער בעל־שם״, ווייל אַ סך האבן געהאט צו דערציילן וועגן זיינע וואונדער, וואָס ער פלעגט טאָן. אין אונדזער פאַמיליע האָט געטראָפן, אז אַ פּיצל קינד איז כסדר געפאלן אין קאַנוואולסיעס. די דאָקטוירים האבן זיך ניט געקענט קיין עצה געבן, איז די מאמע אוועק צום רבי׳ן. ער האט געהייסן נעמען פון פלומפ וואסער אין אַ פלעשל, דעם גאנצן וועג גארניט ריידן און צולייגן דאָס פלעשל ביים קינד צוקאָפּנס. דערביי האָט ער געגעבן אַ ברכה: שרעקט זיך ניט, דאָס קינד וועט געזונט ווערן. דאָס קינד איז געוואָרן נאָרמאַל, ווי עס וואָלט קיין זאַך ניט געשען.

א טאָכטער פון דאָזיקן רבי׳ן האט געלעבט אין סוואוואלק ביז דער צווייטער וועלט מלחמה. זי איז געווען א געדריקטע אלמנה און געוואוינט אין אן ארעמער דירה ביי ר׳ ארציק דעם מולער, און די שטאָט האָט זי אויסגעהאלטן. אירע קינדער זיינען אלע געווען אומנארמאל. דער „ספר חסידים״ וואָרנט טאַקע, אז מען זאָל זיך ניט באנוצן מיט קבלה מעשית, ווייל עס דראָט אַ סכנה פאַר דעם מענטשן, וואָס באנוצט זיך מיט דעם, אז זיינע קינדער וועלען זיך שמד׳ן אדער משוגע ווערן. דער אויבן דערמאָנטער בעל־מופת האָט אויך זיכער געוואוסט פון דער סכנה, אבער ווייזט אויס, אז די אהבת ישראל האָט ביי אים איבערגעשטיגן, און ער האט זיך איינגעשטעלט פאַר יידן.

## די ברכה פון ר׳ משה בצלאל

ר׳ יוסף טורעצקי איז געווען אַ פאַרמעגלעכער ייד, געהאט א געשעפט פון ניימאשינען, מאַטאָציקלען און וועלאָסיפּעדן, צוזאַמען מיט אַ מעכאַנישן וואַרשטאַט. ער איז פריער געווען ווייט פון יידישקייט, אבער שפּעטער איז ער געוואָרן א שטארק פרומער ייד. זיינע צדקות זיינען געווען אַ שם דבר, און אויסער דעם האָבן די גבאי־צדקה געוואוסט פון פיל צדקות, וואס ער פלעגט געבן בסתר. געוואָרן פרום איז ער נאָך דעם, ווי זיינע

א יונגע טאָכטער איז ביי אים געשטאָרבן. ווען עס איז שפּעטער ביי אים קראַנק געוואָרן זיין זון חיים און די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, איז ער אַוועק מיט אַ פאַרביטערט האַרץ צום דאַמאָלסטדיקן רב ר׳ משה בצלאל און אים דערציילט זיין גרויסע צרה. ר׳ משה בצלאל האָט אים געגעבן זיין ברכה און געזאָגט, אַז זיין זון וועט בלייבן לעבן. ר׳ יוסף טורעצקי האָט דעם רב געפרעגט, צי נאָך אַזאַ מחלה וועט זיין זון, חלילה, בלייבן אַ קרענקלעכער. ר׳ משה בצלאל האָט אויף דעם אַזוי געענטפערט: ניין, ער וועט זיין געזונט און וואַקסן ווי אַ בוים. די ברכה איז טאַקע מקויים געוואָרן. חיים איז ניצול געוואָרן מיט זיין פאַמיליע פון די נאַציס און געפינט זיך איצט אין דרום־אַפריקע.

## אַ שטראָף פאַר עובר זיין אויף אַ חרם

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די שטאָט געליטן פון מאַנגל אין שפּייז. אַנדערע האָבן געטריבן ספּעקולאַציע מיט אַרויספירן שפּייז פון שטאָט. עס איז געווען אַ הונגער־געפאַר. די רעגירונג האָט געפאָדערט אַנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן דער ספּעקולאַציע. קיין שטאָט־רב איז דעמאָלט ניט געווען, האָבן די דיינים אויסגערופן אַ חרם, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט, מיט דעם שוואַרצן וואָגן און שוואַרצע ליכט... ניט אַלע האָבן אויסגעהיט דעם איסור, און עס האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט פאַר זיי זייער טראַגיש. פון יענער צייט האָט מען אין סואוואַלק ספּעציעל מורא געהאַט פאַר אַ חרם און איסור.

## מען מאָנט דעם כבוד פון נפטרים

אין יאָר 1920 איז דער שמועס פון טאָג אין שטאָט געווען די ווייטערדיקע געשעעניש. אין דער דירה פון אַ יידישער פרוי אויף טורמע־גאַס פלעגט אין מיטן נאַכט אָנהייבן שטאַרק צו פּויקן אין די פענצטערס. מען האָט תחילת פּרובירט זאָגן אויף דעם פאַרשיידענע סברות, אָבער מענטשן זיינען געגאַנגען דאָס אַליין אָנקוקן און האָבן זיך איבערגעצייגט, אַז פּונקט האַלבע נאַכט הייבט זיך אָן די קלאַפּעריי און זי קומט פון אינעווייניק. אַזוי האָט זיך געצויגן אַ לענגערע צייט. אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז דער דיין רבי בנימין מאַגענצע איז דאָרטן אַוועק מיט אַ מנין יידן און געזאָגט תפילות. צום סוף האָט זיך מיט דעם פאַרנומען דער אַלטיטשקער ר׳ זלמ׳עלע, און ווי מען האָט דעמאָלט גערעדט, האָט ער מיט זיינע סגולות איינגעשטילט דאָס קלאַפּן אין די פענצטערס. די פרוי האָט דערציילט, אַז זי האָט געהאַט אויסגעריסן גראָז פון דעם קבר פון רבי יצחק איזיק חבר און עס גענוצט ווי אַ סגולה פאַר איר קראַנקן אייניקל. לויט ווי ספרים שרייבן, געפינען נשמות מנוחה און אַ תיקון אַרום די גראָזן פון אַ צדיק׳ס קבר. די געשיכטע איז לאַנג פאַרבליבן אין זכרון פון די סואוואַלקער יידן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, שוין נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, האָט אַ סואוואַלקער פרוי אין ישראל זיך געקליבן צו פאָרן אויף דעם קבר פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון, כדי מתפלל צו זיין פאַר איר קראַנק קינד. ווען מען האָט איר געזאָגט, אַז מען גיט דאָרט ווי אַ סגולה בוימאייל, וואָס מען רייסט פון די איילבערט ביימער ניט ווייט פון זיין אוהל אין מירון — איז די פרוי אויפגעציטערט געוואָרן און דערציילט מיט שרעק די אַמאָליקע געשיכטע פון דעם האַלבנאַכטיקן קלאַפּן אין די פענצטערס פון אַ פרוי אין סואוואַלק.

אין מירון זיינען פאַקטיש די איילבערטן ניט פון דעם קבר גופא, נאָר פון וועלדער אַרום, אָבער די מורא ווייסט ניט קיין גרענעצן.

## אַ שטראָף פאַר פוגע בכבוד זיין אַ רב

אַ חשוב׳ער דאַזאָר פון ועד הקהל, אַ געזונטער מענטש אין די מיטעלע יאָרן, איז געקומען פון אַ זיצונג אין דער קהילה, זיך געלייגט שלאָפן און אין שלאָף געשטאָרבן. די מעשה האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ שטאָט. דערביי אָבער האָט מען שטאַרק גערעדט אין שטאָט וועגן דעם פאַקט, וואָס פּונקט אויף יענער קהילה-זיצונג, אויף וועלכער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויפנעמען אַ רב פאַר סואוואַלק, איז דער דאַזאָר אַרויסגעטראָטן קעגן אַ באַוואוסטן רב מיטן מאָטיוו, אַז ער איז צו אַלט פאַר דער שטאָט, אויסרופנדיק מיט פּאַטאָס: „מיר דאַרפן ניט קיין אַלטע רבנים ביי אונדז אויף צו פאַרלייגן קברים אויפן בית עולם״. דער „אַלטער רב״ האָט נאָך דעם געלעבט ביי זיך אין שטאָט איבער 15 יאָר און אומגעקומען דורך די נאַציס.

## די עצה פון ר׳ מרדכי׳לע אָשמענער

די סואוואַלקער פּאָדריאַד־פירמע פון טשאַסטקאָוו פלעגט צושטעלן מעל און ברויט פאַר דער אַרמיי. מיט די העכערע מיליטער לייט פון שטאָט פלעגן זיי שוין אַרומקומען ווי עס איז... איין מאָל איז אָנגעקומען קיין סואוואַלק אַ גענעראַל פון פּעטערבורג, כדי עקסטרע אַכטונג צו געבן אויפן צושטעלן שפּייז פאַר דער אַרמיי. ער האָט בכבודו ובעצמו באַזוכט די בעקערייען פון דער פּאָדריאַד־קאָמפּאַניע און דאָרטן אויסגעפונען, אַז מען איז עובר אויף אַ ריי געזעצן. דער גענעראַל האָט גלייך פאַרמאַכט די פירמע און אָנגעקלאָגט אין געריכט אַלע מיטגלידער. עס האָט זיי אַלעמען געדראָט אַ גרויסע שטראָף.

דער שעף פון דער פירמע טשאַסטקאָוו איז געפאָרן קיין ביאַליסטאָק צו אַ גרויסן אַדוואָקאַט. דער אַדוואָקאַט האָט אים אָבער געזאָגט, אַז מען קען גאָרניט טאָן, ווייל די באַשולדיקונג איז אָפן באַוויזן געוואָרן. טשאַסטקאָוו איז געקומען אַ פאַר׳יאוש׳טער אין האָטעל. אין זיין גרויס פאַרצווייפלונג האָט ער גענומען אַ תהילים און עס געזאָגט מיט גרויס געוויין. אַ חסיד׳ישער ייד אין האָטעל איז צוגעשטאַנען צו טשאַסטקאָוון, אַז ער זאָל אים דערציילן די סיבה פון זיין תהילים זאָגן. ווען ער

איז געוואָר געוואָרן די מעשה, האָט ער אים געראַטן צו פאָרן תיכף צו דעם באַרימטן בעל מופת ר׳ מרדכי׳לע אָשמענער. ווען טשאַסטקאָוו האָט דערציילט ר׳ מרדכי׳לען זיין צער, גיט אים ר׳ מרדכי׳לע אַ פרעג: „דאַוונסטו אַלע טאָג“? ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען און זיך צו פאַרענטפערן: „פאַרנומען, רבי, די געשעפטן...“ ר׳ מרדכי׳לע ענטפערט אים שטרענג: „עס איז קיין תירוץ ניט“ און וויל מער מיט אים ניט רײדן. אָבער נאָך טשאַסטקאָווס תחנונים ווערט ר׳ מרדכי׳לע ווייכער און זאָגט אים: „ביי אַ געשעפט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, עס האַנדלט זיך דאָך וועגן פרעמדע געלטער, דערונטער אויך פון אלמנות און נדן פון יתומות“ און אַ ווײלע טראַכטנדיק צוגעגעבן: „דערוויס זיך און שיק מיר צו דעם נאָמען פון גענעראַלס מוטער“.

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער פירמע האָט טשאַסטקאָוו דערציילט די מעשה מיט ר׳ מרדכי׳לען. עס איז געבליבן, אַז היות עס איז שוין ממילא ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, זאָל טשאַסטקאָוו זיך אַליין איינשטעלן, אריינגיין צום גענעראַל און אים דערציילן, אַז ער איז געווען אין פעטערבורג און מען האָט אים דאָרטן געגעבן אַ גרוס פון זיין פאַמיליע און זיך מאַכן כאילו ער וויל זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון גענעראַלס מוטער. דאָס האָט טאַקע וואונדערלעך זיך איינגעגעבן, דער גענעראַל האָט אַליין אונטערגעכאַפּט: יע, זי הייסט... ס׳איז גלייך אַוועקגעשיקט געוואָרן אַ טעלעגראַמע צו ר׳ מרדכי׳לען און באַלד נאָך דעם איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון פעטער־בורג, אַז דער גענעראַל זאָל דאָרט קומען צופאָרן. מער האָט מען שוין דעם גענעראַל ניט געזען און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט לטובה.

## א ישועה דורכן חפץ־חיים

ר׳ משה געלצינסקי איז געווען אַ פיינער, ערלעכער סוחר און אַ בעל־צדקה. איין מאָל האָט אַ פוילישער געהיים־אַגענט צונויפגעשטעלט אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים און די סכנה פון ווערן שווער באַשטראָפט איז געווען גרויס. געלצינסקי איז געפאָרן צום חפץ־חיים זיך שואל עצה זיין. נאָך דעם ווי דער חפץ־חיים האָט זיך מיט אים דורכגערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, בין אדם למקום און בין אדם לחברו, האָט ער אים געזאָגט, אַז בעת׳ן משפט זאָל ער האַלטן אַ מזוזה׳לע און טראַכטן וועגן וואָס עס שטייט דאָרט און דעמאָלט וועט דער געהיים־אַגענט צעטומלט ווערן. דער געהיים־אַגענט האָט אָנגעהויבן פאָרלייענען אַ לאַנגן באַשולדיקונגס־אַקט פול מיט מסירות אויף געצינסקין און אין מיטן האָט ער זיך אַליין פאַרפלאָנטערט מיט די רייד און מען האָט אין אים באַמערקט סימנים פון משוגעת. פאַרשטייט זיך, אַז דער משפט איז בטל געוואָרן און סואוואַלקער יידן האָבן אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן דעם.

הרב אברהם מגנצא

# דער פאַרבאַהאַלטענער צדיק

אין 1849 האָט געוואוינט אין סואוואַלק אַ ייד אַ גרויסער גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן. די שטאָט האָט קיין מאָל נישט געקאָנט אַרויסקריגן פון אים די מינדסטע נדבה. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס איינ׳־טענה׳ן מיט אים מיט גוטן און מיט בייזן. ער האָט נישט געגעבן און שוין!

האָבן די ראשי העיר געזען, אַז מען וועט שוין פון אים קיין נחת נישט האָבן, האָבן זיי צוזאַמען מיט דער חברה קדישא באַשלאָסן, אַז אזוי ווי ביי זיין לעבן קען מען אים גאָרנישט טאָן, וועט מען זיך דערפאַר אָפּרעכענען מיט אים נאָך זיין טויט און מען וועט אים לייגן ביים פאַרקאַן. למען ישמעו וייראו.

אין דער זעלביקער צייט האָט אין סואוואַלק געלעבט אַן אָרעמער שוסטער, וואָס האָט קוים געמאַכט חיונה. אָבער אין קעגנזאַץ צו דעם גרויסן גביר דעם קמצן איז ער געווען אַ גרויסער בעל צדקה. זיין האַנט איז שטענדיק געווען אָפן פאַר יעדן איינעם — פאַר אָרעמע יתומים, אלמנות, פאַר סתם שטאָטישע עניים. און ער פלעגט געבן מער, ווי די שענסטע בעלי בתים.

און אַזוי האָט זיך עס געצויגן יאָר־איין, יאָר־אויס. דער גרויסער גביר פלעגט נישט וועלען געבן קיין צדקה און דער אָרעמער שוסטער פלעגט שטענדיק געבן מיט דער ברייטער האַנט. ביז — — —

איין טאָג איז דער גביר געשטאָרבן. פאַרשטייט זיך, אַז די חברה קדישא האָט געהאַלטן וואָרט און מען האָט אים מקבר געווען ביים פאַרקאַן.

עס זיינען דורך אַ פאָר וואָכן. די שטאָט האָט גע־דאַרפט בויען אַ נייע מקווה. זיינען עטלעכע בעלי־בתים

ארויס איבער דער שטאָט זאַמלען געלט. וועמען באַזוכט מען צום ערשטן? דעם שוסטער.

זיינען די בעלי־בתים אריין צום שוסטער, אים דערציילט די נייטיקייט פון דער זאַך און אים געבעטן זיין נדבה. ערשט — ער גיט נישט...

האָבן זיך די בעלי־בתים געטראַכט: אפשר האָט ער נישט פונקט איצט. מאַכט זיך אָבער, אַז עטלעכע טעג שפּעטער זיינען אריין צום שוסטער אַנדערע בעלי־בתים וועגן אַן אַנדער וויכטיקן ענין און — ער גיט ווידער נישט.

איז דאָך געוואָרן אַ טומל אין שטאָט: סטייטש, אַ ייד האָט אַזוי פיל יאָרן געגעבן די שענסטע נדבות און איצט מיט אַ מאָל אויפגעהערט געבן. וואָס האָט פּאַסירט?

זיינען עטלעכע בעלי־בתים אַוועק צום רב און אים געבעטן רופן דעם שוסטער און אים פרעגן: היתכן?

האָט דער רב גערופן צו זיך דעם שוסטער. דער שוסטער איז שנעל געקומען צו לויפן.

פרעגט אים דער רב:

— זאָגט מיר, ר׳ ייד, איך בעט אייך, וואָס איז מיט אייך געשען? מיר ווייסן, אַז אַלע יאָרן פלעגט איר געבן די שענסטע נדבות, שענער ווי די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט, און איצט, פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן, האָט איר אין גאַנצן אויפגעהערט געבן. ווי שיקט זיך עס?

— הערט, רבי, האָט דער שוסטער געענטפערט, איך וועל מיר פאַר אייך מודה ומתוודה זיין: די גאַנצע צייט, וואָס איך פלעג געבן די נדבות, האָב איך נישט געגעבן מיינס. איך בין אַ ייד אַ גרויסער אָרעמאַן, איך אַרבעט שווער און ביטער צו פאַרדינען מיין שטיקל ברויט, טאָ ווי קען איך געבן צדקה? נאָר די מעשה איז, אַז דער גרויסער גביר, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קמצן און וועלכן מען האָט מקבר געווען לעבן פּאַרקאַן — ער פלעגט עס מיר געבן דאָס געלט פונאַנדערצוטיילן אויף צדקה. ער איז געווען אַ גרויסער צדיק, רבי, האָט ער נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן וויסן דערפון, האָט ער מיך געמאַכט פאַר אַ שליח. איצט אָבער, אַז ער איז טויט, קען איך אויך נישט געבן מער. און אָט, רבי, איז די צוואה זיינע, וואָס ער האָט מיר געלאָזן מיט אַן אָנזאָג צו עפענען נאָך שלשים.

מיט ציטעריקע הענט האָט דער רב געעפנט די צוואה פון דעם פאַרבאַהאַלטענעם צדיק און גענומען לייענען:

„איך בין מוחל דער חברה קדישא און דער גאַנצער שטאָט פאַר דעם בזיון פון לייגן מיך לעבן פּאַרקאַן, ווייל אַזוי איז געווען מיין רצון. איך בין דעריבער גוזר, אַז מען זאָל מיין גוף נישט אריבערטראָגן פון דאָרטן אויף אַ חשוב׳ערן אָרט״.

מיט דער געשיכטע האָט יאָרן לאַנג געקלונגען די גאַנצע געגנט און די סאָוואַלקער קהילה האָט עס באַשריבן אויספירלעך אין שטאָטישן פּנקס פאַר די קומענדיקע דורות. מיטן חורבן פון דער גאַנצער קהילה איז אויך אַוועק מיטן רויך דער פּנקס. טאָ זאָלן די אויבן דערמאָנטע שורות דינען ווי אַ מצבה פאַר דער נשמה פון דעם גרויסן „מתן בסתר׳ניק״.

ר׳ אלי׳ בערנשטיין הי״ד, גבאי דחברה קדישא, האָט געוויזן מיין פאָטער ר׳ מרדכי זצ״ל, אַז אַזוי שטייט געשריבן אין פּנקס פון חברה קדישא, און דער טאַטע פלעגט עס ביי יעדער געלעגנהייט איבערדערציילן פאַר מיר מיט די ברידער.

זלמן דוד ראָזנבלום

# סואוואַלקער זונעמענישן

סואוואַלק האָט פאַרמאָגט ניט נאָר לומדים, סוחרים, און אינטעליגענץ, נאָר אויך אַן אומגעהויבלטן המון מיט אַן אוצר פון זעלטענע טיפּן. אָט די טיפּן, וועלכע וועלן דאָ פאַרצייכנט ווערן, וועלן ווערן אָפּגעפרישט אין די זכרונות פון די, וואָס זיינען אין יענער צייט נאָך געווען יונגע קינדער אין סואוואַלק.

טראַכטנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן גייט מיר דורך אין געדאַנק אַזאַ בילד:

איך שטיי אַזוי אין אַ דינסטיקדיקן מאַרקטאָג אין יאַטקע גאַס און זע, ווי מרדכי באַלטרוק דינגט אַ וואָגן האָלץ און חיים פון די בולוועס נישטערט אין אַ צווייטן וואָגן און דינגט זיך מיטן גוי פאַר אַ „טשוואַרטקע״ בול־וועס. אויף דער אַנדער זייט גאַס גייט פון דער קצב׳ישער קלויז משה טאָפּ מיט מאָניש דעם קצב און שמועסן וועגן אַ טעליצע, וואָס איז טריף געוואָרען ביים ראצקער קצב.

ווען איך לויף דורך דוד קאָקלינסקיס פאָרהויז ביי ליסן און גיי מיר מיט מיין תפילין־זעקל אַריין אין פּאָליש פון בית־מדרש, שטייט דאָרט חנא איזיק מיט

צווי טישן אויסגעלייגט מיט זיינע סחורות: מחזורים, סידורים, לוחות, בינטלעך ציצית, מעשיות צו לייענען און תחינות. אין מיטן דערינען הער איך, ווי אַ שטימע רופט פון דער שניידערשער קלויז „אַ קדושה, נקדש את שמך בעולם". דאָס רופט יאָסל מיט די גאָטקעס טאָן אַ מצווה. אין בית־מדרש שטייען יידן און דאַוונען. צווישן זיי באַמערק איך שאָסטאַקן, וואָס פאַרקויפט קאַלך, ווי ער שטייט איבערגעדעקט מיטן טלית, מעשה רב. ביים אויוון זיצן, ווי תמיד, די דריי שטומאַקעס, „פרייסישע באַנדע" מיט די הויכע קאַליעווקעס, אָנגעשמירט מיט געלן טראָן, דער רויטער שטומאַק, וואָס פלעגט קנעטן די וואורשט ביי זלמן יונה דעם קצב און אויך ביי גרשון דעם קצב, און דער דריטער פון דער „טראַיקע" אוקע דער שטומאַק.

נאָכן דאַוונען זעט מען אויך אויף שול גאַס, ווי ביים טויער שטייט מאָטע דער אַרבוליעק מיט אַ טישל זיס־וואַרג, און זיין ווייב, די גראָבע דבורה'קע, זיצט מיט אַ פייער טאָפּ און וואַרעמט זיך. עטלעכע טריט ווייטער שטייט טאַמאַרע פון די באָב מיט אַ קאַשעק וואַרעמע אַרבעס און אַ בלעך פּירעשקעס. עס גייט פאַרביי חנא מאָטע־מאיר פון הכנסת אורחים, טעווקע משה שיעס פירט אַ וואָגן ברויט אין בודע, מייטקע דער שוחט לויפט דאַוונען צום לעצטן מנין.

איך גיי מיר צו צום ראָג. לעבן פּאַקראַיסקין שטייען עטלעכע גויים מיט העק און זעגן און וואַרטן, אַז מען זאָל זיי רופן צעהאַקן אַ וואָגן האָלץ. עס שטייען אויך פורמאַנעס מיט טרעגערס, צווישן וועלכע איך באַמערק ראַווקע לוליעק, גאָלדע־באַשעשע, שאַרקע נאַוואַק, אשר'־קע אדזשאַדער, מעטשיק שמחה־טרעדע, מאיר'קע קורעק. אויף דער צווייטער זייט לעבן קאַמכען שטייט אַלטער דער טויבער מיט זיין האַנט־וועגעלע. עס שטייען אויך עטלעכע זשוליקעס און טשעפּען זיך מיט דוד'ל דעם תהילים־זאָגער, וואָס פלעגט פּומפּן די גאַזע ביי ציפּע עוזר'ס.

אויף דעם אַנדערן ראָג לעבן סאַנדאָווסקיס שענק שטייט חיים לאַנגע־האָלדז און קלייבט זיך אַריינצוגיין צום דריטן מאָל אין שענק אַריין. די גאַס איז פול מיט מענטשן, גויים גייען און פאָרן צום מאַרק צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. איך גיי מיר אויך צום מאַרק. איך קום צו לעבן די פישערס. עס איז אַ רויך, אַ געפּילדער. עס שטייט משה זשאַנדאַר, מאיר'קע דער פישער שרייט מיט זיין הייזעריקער שטימע. אַראַנאָוויץ דער טעפּער האָט שוין אַרויסגעשטעלט די רויטע, געברענטע ליימענע טעפּ. בליאַכמאַנס בודע מיט זיינע באַזאַר־אַרטיקלען איז שוין אויך אָפן.

אַ ביסעלע ווייטער שטייט די הויכע שיינע־עטקע פיארונס און קריגט זיך מיט איר קליינינקן מאַנדעלע און כאַפּט זיך אים שלאָגן, ווייל ער האַנדלט שוין אַזוי לאַנג און האָט נאָך ניט אויסגעלערנט איינצוקויפן אַ וואָגן אוגערקעס און ניט איבערצאָלן. לעבן דער מילכיקערס בודע איז אַ געזעמל מיט מענטשן, וואָס קוקן זיך צו, ווי בריינקע דזשידיכע שרייט און שילט מיט באַנומענע קולות און קיינער ווייסט ניט וואָס און ווען.

ווייטער אויפן מאַרק זעט מען, ווי טאַנדעטניקעס האָבן שוין אויסגעשטעלט זייערע פּאַלאַטקענע געשטעלן. אַזוי שטייען דאָרטן די בויעלעס, ביידע מאַליושקעס, בערקע אביאַק, משה'קע אביאַק. די רימאַכערס זיינען אויך דאָ. כאַצע דער הויכער איז געקומען העלפן זיין שוואָגער, דעם געלן רימעי, פאַרקויפן שלייעס. עס שטייען אויך אַלע קירזשנערס, קאַסמאַן, בראַק פון טורמע גאַס. און צווישן דער קליידער־סעקציע דרייט זיך אַרום באַסע מאַנסביל מיט עטלעכע מענערשע זאַכן אויפן אָרעם. משה דער שלייפער שטייט שוין בגילופין'דיק און זינגט ביים שלייפן די מעסערס. זיין זון פרצ'קע דער „איינ־זשינער" איז שוין אויסגעלאָפן די שטאָט און רעווידירט וואו־וואו עס בויט עפּעס.



חיים ישראל דער סוואַלקער וואַסער־טרעגער

אויפן וועג צו דער יאַטקע גאַס טרעף איך וועלוול שמאַרדזש מיט זיין חבר, וועלכע גייען קלייבן פאַר זייער חבר מאַטקע פלאַק, וואָס ליגט אין שפּיטאָל, ווייל ער האָט זיך צעווערטלט ביי אַ שנאַפּס מיט מאיר'קע פאַצוק.

די יאַטקע גאַס איז אין גאַנצן שוואַרץ פון מענטשן, צווישן זיי פונדע מיטן זאַק און סאָניע מיט די קעץ מיט אירע צוויי פולע זעק מיט שמאַטעס, אויף וועלכע זי פלעגט שלאָפן יעדע נאַכט הינטער אַ טיר.

אויפן מיטן גאַס זע איך, ווי יונה׳קע צאַץ קריגט זיך מיט יאָסקע קאַליאַקן, ווייל ער קריכט אים אין וועג און שטייגט אים אַריין דאָס קעלבל ביים גוי, און ישראל׳־קע סאפאר קוקט שעלמיש מיט זיינע קאָסאָקע אויגן, וואָס דאָ וועט ווערן.

די יאַטקעס פון כאַסעלע ראָזנבערג זיינען אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן. עס שטייען פּאלקע דער קצב, ווילקי, משה׳קע סאפאר, אבדזשיר, קור׳אפּאטקע, דוד׳ל קאשליאַץ, חיים׳קע פאָניע. אַנטקעגן ליסענס פּעקאַרניע, לעבן דזשע־דזשיניעץ, זיינען די יאַטקעס מיט די ברויטשטעלן אין פולן גאַנג. ביי איין טיש שטייט שמואל׳קע בורילע מיט געבעקס, ביי אַ צווייטן טיש איז דאָ משה דוד׳ל סטראַפּקי. אויף דער אַנדער זייט פאַרקויפט קומס זון די גראַכא־וויאַק און באַדינט זיינע קונדן: יאַשע פון קאַנטאַר, פּעלטע באַיוכע, פּאַגרודי נאַסקע קרוטי, בריצקי קיאַק, שמואל׳קע באַבעק, ביניאַמקע דער רויטער, מאָטקע בול און יאָסל דער זעלנער.

סאָוואַלקער המון האָט פאַרמאָגט אויך פאָלקס־שטימלעכע מוזיקאַלישע טאַלאַנטן. אַזעלכע „באַרימט־קייטן״, ווי שימעלע דער קלעזמער, וואָס אַז ער פלעגט אויפשפּילן „ראַזלוקאַ טי ראַזלוקאַ״, איז דאָך דאָס געווען ווייט צו זוכן. און ווער קען דען פאַרגעסן אַזאַ קינסטלער, ווי גאַווריל סלופּ מיטן פייפיאַל איז געווען? און וואו איז אַזאַ מוזיקער, ווי לייבקע דער טויבער, וואָס פלעגט אויספייפן אין אַ פלאַש „יאַמשציק דאגאניאל לאשאדיי״? און צמח׳קע דימענט, וואָס פלעגט געבן זיינע מוזיקאַלישע קאָנצערטן, בלאָזנדיק דורך שוימפּאַפּיר אויף אַ קעמל? עס איז דאָך געווען אַ מחיה צו הערן. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו אַזאַ באַשיידענער אינסטרומענט, ווי אַ פּייקל איז געווען, פלעגט אויך האָבן אַ צוציִאונגס־קראַפט, ווייל ווי נאָר דער גוי׳עלע פון קאזשאנע פּאלאטע פלעגט אַרויסגיין פּייקלען דורך דער שטאָט, אַנאָנסירנדיק עפּעס אַ פאַראָרדענונג פון מאַגיסטראַט, פלעגט גלייך ווערן אַרום אים אַ געזעמל. אפילו די צוויי יידעלעך, וואָס פלעגן זיך שלעפּן מיט אַ בענקל אויף אַלע פיר, פלעגן אויך קומען צו קריכן.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער סאָוואַלקער קהילה זיינען אויך אָט די פאָלקסטיפּן אומגעקומען.

# סוואָוואַלקער אין דער וועלט

חיים זעליגסאָן

# סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט

אין אָקטאָבער 1914, ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם נומער 206 איסט בראָדוויי, איז מיין אויפמערק־זאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו אַ שילד מיט אַ גרויסער אויפשריפט:

„סואוואַלקער, אויפמערקזאַם!

„דאָ קומט פאָר אַ מאַסן־מיטינג פון אַלע סואוואַלקער, כדי צו זען, וואָס מען קען טאָן פאַר די יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט, וואָס דער דייטש האָט איינגענומען".

ווי אַ מאַגנעט האָט מיך דער שילד צוגעצויגן. א־ן אַ מינוט ארום בין איך שוין געווען אין זאַל. דאָ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די פאַרזאַמלונג איז גערופן געוואָרן פון דער „אינדעפּענדענט סואוואַלקער סאָסייעטי".



חיים זעליגסאָן

דער פאָרזיצער האָט פאַר די פאַרזאַמלטע איבער־געלייענט פון אַן ענגלישער צייטונג די ווייטערדיקע ידיעה:

„גענעראל הינדענבורג האָט אריינגעמאַרשירט מיט זיין אַרמיי קיין סואוואַלק און געמאַכט זיין הויפּט־קוואַרטיר אויף סט. פּעטערבורגסקי פּראָספּעקט נומער 60. די שטאָט גופא האָט קיין סך נישט געליטן און עס הערשט דאָרט פולע אָרדענונג".

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע, ווי צו העלפן יידן אין סואוואַלק. דער שרייבער פון די שורות האָט דעמאָלט פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ הילפס־קאָמיטעט, וואָס זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון סואוואַלקער גובערניע, כדי אויסצואַרבעטן אַ גרויסן, געמיינזאַמען הילפספּלאַן פאַר די יידן אין אונדזער היימשטאָט און אומגעגנט.



דער פאָרלייג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 15 מיטגלידער מיט דעם פאָרלייגער ווי דער סעקרעטאר פון דער קאָמיסיע. גלייך אויפן אָרט איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע געלט־זאַמלונג, וואָס האָט געמאַכט 68 דאָלאר.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון רעליף־קאָמיטעט פאַר סואוואַלק און אומגעגנט.

דעם 14טן נאָוועמבער, 1914, האָט דער קאָמיטעט זיך פארזאמלט אין ביוראָ פון דעם ווילקאָווישקער דאָקטאָר שאול שייפער, אויף 32 פייק סטריט, ניו־יאָרק. דאָרטן זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די ערשטע באאמטע פאַרן סואוואַלקער הילפס־קאָמיטעט: י. סידני — אַ סואוואַלקער אייגנטימער פון אַ גאָלדגעשעפט, פאָרזיצער; ה. שייפער — פינאַנס־סעקרעטאר; אייזיק סאַפּערשטיין, — א קאלווארייער קליידער־פאַבריקאַנט, קאַסיר; חיים זעליגסאָן — פּראָטאָקאָל־און קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאר.

מען האָט אויך באשלאסן וואָס גיכער צו רופן דעם געפּלאַנטן געמיינזאַמען מיטינג פון אַלע סואוואַלקער אָרגאַניזאַציעס. דער דאָזיקער מיטינג איז אין גיכן פאָרגעקומען אין דער נייער דירה פון גן ילדים עברי, 35 מאָנטגאָמערי סטריט, נ. י. אין אים האָבן זיך באַ־טייליקט די דעלעגאַטן פון די ווייטערדיקע אָרגאַניזאַציעס:

אינדעפּענדענט סואוואַלקער בענעוואָלענט אסס"ן; סואוואַלקער־ווילקאָווישקער ברענטש 300 א. ר.; סואוואַלק לאָדזש פון אָרדן „ברית אברהם"; סואוואַלקער שול „משכן ישראל"; סואוואַלקער שול „כל ישראל אנשי פוילן מסובאַלק"; די קאלווארער שול „בני ישראל אנשי קאלווריע"; די קראסנאָפּאָליער חברה; יאגוסטאָווער שול; די ראצקער און סאָפּאָטקינער „אחי גראָדנע שול"; „יאגוסטאָווער ברענטש 77 ארבעטער רינג". עס זיינען אויך געקומען פאַרטרעטערס פון די לאזדייער, יעלינעווער און סערייער חברות.

שבת אָוונט, דעם 27סטן נאָוועמבער, 1914, האָט דער קאָמיטעט גערופן אַ מאַסן־מיטינג אין דער גרויסער סואוואַלקער שול „כל ישראל אנשי פוילן מסובאַלק" אויף 114טער סטריט, נ. י.. וואו חזן מייזעל האָט געמאַכט אַ הזכרה און רעווערענד ראַבינאָוויטש, וואָס איז צו יענער צייט געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע רעדנערס, האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה. סך הכל האָט מען געמאַכט די סומע פון 81 דאָלאר.

דעם 20סטן דעצעמבער, 1914, האָט דער קאָמיטעט באַקומען אַן איינלאַדונג פון ניו־יאָרקער קהילה צו שיקן דעלעגאַטן צו אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס וועלן באַטראַכט ווערן פּלענער, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט פון די הילפס־קאָמיטעטן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאסשטאַב. צו דער קאָנפערענץ זיינען דעלעגירט געוואָרן די סעקרעטאַרן זעליגסאָן און שייפער.

אין יענער צייט זיינען געווען טעטיק אין יידיש־אַמעריקאַנישן לעבן דריי באַזונדערע הויפּט־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט שאַפן הילף פאַר באַזונדערע גרופּעס מלחמה־געליטענע יידן אין אייראָפּע: 1) די „סענטרעל דזשויש קאָמיטע״ אונטער דער פירערשאַפט פון לעאָן קאמייקע, אַרויסגעבער פון „אידישען טאַגעבלאַט״. דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט פאַר דעם אָרטאָדאָקסישן יידנטום און זיינע אינסטיטוציעס ווי ישיבות, חדרים א״אנד. 2) די „פּיפּעלס רעליף קאָמיטע״, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו שטיצן די אַרבעטער־באַוועגונגען און זייערע אינסטיטוציעס. 3) די „אַמעריקען דזשויש קאָמיטע״, אָנגעפירט דורך די רייכע דייטשע יאַהודים.

כדי צו צענטראַליזירן די גאַנצע הילפסאַרבעט אין איין אַפּאַראַט און דורך דעם צו זיכערן אַ בעסערן דערפאָלג, האָט די דערמאָנטע קאָנפערענץ אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו פאַראייניקן אַלע איינצלנע הילפס־קאָמיטעטן אין איין גרויסער אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״ (וואָס איז עד היום באַרימט מיטן נאָמען „דזשאָינט״), וואָס זאָל פאַרטיילן די געלטער צו אַלע יידישע ריכטונגען אָן אונטערשייד.

די סאוואַלקער דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פאַרן סאוואַלקער רעליף־קאָמיטעט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע, צי מען זאָל אָפּגעבן דאָס געזאַמלטע געלט צו דעם „דזשאָינט״ אָדער ווייטער אַרבעטן באַזונדער פאַר סאוואַלק און אומגעגנט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוגיין ווייטער מיט דער באַזונדערער טעטיקייט לטובת דער היימשטאָט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער סאוואַלקער רעליף־קאָמיטעט געהאַט אין זיין קאַסע די סומע פון 400 דאָלאַר, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַ היפּשע מטבע. צוליב דער מלחמה האָט מען דאָס געלט ניט געקענט אָפּשיקן קיין סאוואַלק.

מיטן אריינטריט פון אַמעריקע אין קריג איז דער יינגערער און אַקטיווערער טייל פון הילפס־קאָמיטעט מאָביליזירט געוואָרן. צוליב דעם איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושטעלן צייטווייליק די אַרבעט און דאָס געזאַמלטע געלט, ארום 500 דאָלאַר, אָפּצוגעבן צום „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״.

אָט אַזוי ענדיקט זיך דער ערשטער קאַפּיטל פון דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון די גרינדערס פון דעם ערשטן סאוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין אַמעריקע.

*




דער ערשטער סאוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, 1918.

פון רעכטס צו לינקס, זיצן: פּ. בלומענטאַל, ס. קאַנטאָר, ל. ליוואַי, חיים זעליגסאָן, יעקב מאַרקסאָן, מ. לינדענטאַל, אומבאַקאַנט.

צווייטע ריי, שטייען: ר׳ אביגדור הכהן, משה דאַנסקי, ל. סילווערמאַן, ד״ר מ׳ דזש. קאַץ, נתן סילווערמאַן, ל. דאַנסקי, ל. דזשייקאבסאן.

דריטע ריי: אומבאקאַנט, ד״ר פּ. לעוואַנדער, ש. סאַנדאָווסקי, דזש. לעווין, ל. סיגעל, ברוך העריסאָן, בצלאל גלאַדשטיין, מ. בראון, טיקאָצינסקי, ווראָבלעווסקי, ב. סאָלינסקי, וו. מאַרקאָוויץ.

לעצטע ריי: אומבאקאנט, מיטניק, ראַקאָווסקי, געליס, ראָזנטאַל, אומבאַקאַנט.

גלייך נאָכן סוף פון ערשטן וועלטקריג איז, לויט דער איניציאַטיוו פון שרייבער פון אָט די שורות, רעאָרגאַניזירט געוואָרן דער סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט, כדי צו העלפן די פאַראָרעמטע יידן און די חרוב געוואָרענע מוסדות אין סואוואַלק און אומגעגנט. אין אים זיינען אריין ד״ר מ. דזש. קאַץ, אַ סואוואַלקער איידעם, פרעזידענט; ל. סילווערמאן — וויצע פרעזידענט; ל. דאנסקי — קאַסירער און חיים זעליגסאָן — סעקרעטאַר. דער קאָמיטעט האָט אויך צוגעצויגן ווי באַראַטונגס־מענער דעם באַרימטן פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד — אַליין פון סואוואַלקער געגנט; דעם ריכטער ראָזאלסקי — אַ ראַצקער לאַנדסמאן; ווי אויך די סואוואַלקער וו. פּאַכוצקי, מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל״; ד״ר ל. פראנק, דירעקטאָר פון בית ישראל שפּיטאָלן; הרב ד״ר חיימסאָן, גייסטיקער פירער פון „אורח חיים״ שול; יחזקאל שרהזאָן, אַרויסגעבער פון „טאַגעבלאַט״.

דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר זיין ציל צו שאַפן אַ פאָנד פון 25 טויזנט דאָלאר.

די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „משכן ישראל אנשי סובאַלק״ אויף 38 הענרי סטריט, ניו־יאָרק, אין דעצעמבער, 1919. צווישן די רעדנערס איז אויך געווען מאָריס ראָזענפעלד, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט דעם פסוק „כי למחיה שלחני אלקים לפניכם״. אַזוי ווי יוסף בשעתו — האָט דער פּאָעט געזאָגט — אַזוי זיינען מיר דאָ אין אמעריקע באַשטימט געוואָרן צו שפּייזן אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים!״

עס איז דעמאָלט באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען אַ פאָר־שטעלונג אין טאָמאשעווסקיס טעאַטער, וואָס האָט אריינ־געבראַכט 2.000 דאָלאר לטובת דעם הילפספאָנד.

עס האָט זיך דעמאָלט גראָד געמאַכט, אַז אַ גראַיעווער יונגערמאַן, אליהו וויפּינסקי, אַ פּלימעניק פון ר׳ אביגדור הכהן, מיטגליד פון אונדזער קאָמיטעט, האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין גראַיעווע. האָט מען דורך אים געשיקט די צוויי טויזנט דאָלאר אויף איבערצוגעבן אין סואוואַלק דעם דעמאָלטדיקן רב ר׳ מנחם קראקאָווסקי, דיין הרב ר׳ בנימין מגנצא און ר׳ זלמן בירגער דעם מוהל. לויט די אינסטרוקציעס פון ניו־יאָרקער קאָמיטעט, זיינען אין פאַרטיילונגס־קאָמיטעט אין סואוואַלק נאָך צוגעצויגן געוואָרן: מנחם מענדל פרידמאן, שלמה פערלאָ, תנחום קרוטשענישקי, יצחק לעווין, ישראל דאווידזאָן, אברהם־יהודה זעליגסאָן, אהרן חסיד (דעם חזן׳ס זון), גינזבורג (ר׳ זעלמעלעס איידעם), ד״ר חיים וויגדאָרטשיק, משה גלאדשטיין, משה דוד זילבערשטיין, יצחק אבראמייטיס, אברהם שמואל ליזשעווסקי, חיים בער סמעציכאָווסקי, יעקב שלמה פינקאָוויטש, און די פרויען בערטא לעווין, ראָזע גראַדאָווסקי און קאַווין (פון סואוואַלקער פרויען־פאַראיין).



קאָמיטעט פון „עזרת אהים״ אין סואוואַלק:

פון רעכט אויף לינקס, זיצן: משה גלאדשטיין און פרוי, ד״ר וויגדאָרטשיק, שלמה פערלאָ, דז. שפּערלינג, אליעזר ליזעווסקי, הדיין ר׳ בנימין מאגענצא, הרב ר׳ יהודה כאַשעסמאַן, אומבאקאנט, אהרן חסיד.
שטייען: יעקב ראַצקאָווסקי, יעקב שלמה פינקאוויץ, פרוי קאַווין, יעקב גאטליב, ישראל דאווידסאָן, אומבאקאנט, פרוי ראזא גראַדאָווסקי, פרוי שפּערלינג, שלום שפּערלינג, יצחק אבראַמייטיס, משה דוד זילבערשטיין, תנחום קרוטשינסקי, אברהם יהודה זעליגסאָן, גינזבורג (ר׳ זעמעלעס איידעם), חיים בער סמעטשעכאָווסקי, דער רבי פון שניידערשער קלויז, פרוי בערטא לעווין.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אונדזער קאָמיטעט אַראַנזשירט אַ גרויסן קאָנצערט, דאָס מאָל שוין אין גרויסן קאַרנעגי האָל, מיט דער באַטייליקונג פון דעמאָלט באַוואוסטן חזן יוסף שליסקי און דעם באַרימטן פידל־ווירט,אָז עדי בראַון. דער קאָנצערט האָט געגעבן אַ ריינע הכנסה פון דריי טויזנט מיט פינף הונדערט דאָלאַר.

גלייכצייטיק האָט אונדזער קאָמיטעט אנאָנסירט, אַז מיר וועלן אָננעמען פריוואַטע געלטער פאַר קרובים, מיט דעם באַדינג, אַז דער אַמעריקאַנער קרוב זאָלביישטייערן 10 פראָצענט פאַר דעם הילפס־קאָמיטעט. די פראָצענטן פון אַזעלכע געלטשיקונגען האָבן אריינגעבראַכט נאָך 18 הונדערט דאָלאַר פאַרן הילפספאָנד. צוליב דער פאַר־גרעסערטער אַרבעט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ביוראָ אויף 124 ריווינגטאָן גאַס, ניו־יאָרק.

מיט אַ סומע פון אַן ערך זעקס טויזנט דאָלאַר האָט דער רעליף־קאָמיטעט אָנגעהויבן באַטראַכטן וועגן שיקן אַ שליח מיוחד קיין סואוואַלק, כדי פונאַנדערצוטיילן דאָרט דאָס געלט, ווייל אויף קיין אַנדער וועג האָט מען דעמאָלט קיין געלט נישט געקאָנט שיקן קיין פוילן. די נסיעה האָט אָבער געדאַרפט קאָסטן מינימום אַ טויזנט דאָלאַר. צו באַקומען אַ רייזע־פּאַספּאָרט איז אויך געווען שווער, ווייל עס איז דעמאָלט געווען אַן „עפּידעמיע״ פון שיקן ספּעציעלע דעלעגאַטן דורך הונדערטער לאַנדסמאַנשאַפטן מיט געלטער צו קרובים אויף יענער זייט ים, און דער סטייט דעפּאַרטמענט האָט דעריבער געמאַכט שוועריקייטן מיט אַן אַרויספאָר־וויזע.

אָבער דאָ האָט זיך ווידער געמאַכט אַ געלעגנהייט, וואָס אַ סואוואַלקער יונגערמאַן, יוסף שפּערלינג, האָט געהאַט אַ פאַרטיקע וויזע צו פאָרן קיין סואוואַלק אָפּצונעמען זיינע קרובים, און פאַר בלויז 300 דאָלאַר צושטייער האָט ער זיך אונטערגענומען אָפּצוגעבן די געלטער סיי צו די קרובים, סיי צום פאַרטיילונגס־קאָמיטעט אין סואוואַלק. צוזאַמען איז עס געווען אַ סומע פון 23 טויזנט דאָלאַר.

דער סואוואַלקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך גערופן „עזרת אחים״, האָט לויט אונדזערע אָנווייזונגען אַרויס־געגעבן קליינע הלוואות צו קליינהענדלערס, פאַרטיילט שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע, געגעבן פרייע מעדיצין, איינגעאָרדנט פאָלקסבעדער, זופּקיכן, און אַזוי ווייטער, ווי אויך געשיקט שטיצע פאַר די אַרומיקע שטעטלעך: ראַצק, באַקלעראָווע, פיליפּאָווע, יעלינעווע, סייני, וויזשאַן, פּשעראַשלע, פּונסק און לובאָווע. אַלע געלטער זיינען פּינקטלעך פאַרטיילט געוואָרן.

פון ערשטן באַריכט פון „עזרת אחים״ איז צו זעו, אַז אין משך פון 9 חדשים (אַפּריל 1920 — יאַנואַר 1921) זיינען פאַרטיילט געוואָרן אונדזערע הילפסגעלטער אויף אַזאַ אופן (לויט דעם קורס פון 83 סענט פאַר 100 מאַרק):

| | |
|---|---|
| שטיצע פאַר נויטבאַדערפטיקע | 657.883 מאַרק |
| הלוואות פאַר אַרבעטערס און קליינהענדלערס | 164.000 |
| פאַר דאָקטוירים און מעדיקאַמענטן | 20.000 |
| שטיצע פאַר אָרעמע אויסוואַנדערערס | 12.400 |
| פאַר יידן אין סייני, וואָס זיינען פאַגראָמירט געוואָרן דורך פּאָליאַקן | 23.000 |
| קליידער און עסן פאַר תלמוד־תורה קינדער | 95.600 |
| מעדיצין פאַר די שטעטלעך אַרום סואוואַלק | 94.200 |
| קהל׳שע אינסטיטוציעס | 84.300 |
| צוזאַמען | 1,151.383 מאַרק |

ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז איבער אַ מיליאָן מאַרק איז פאַרטיילט געוואָרן פון אונדזער הילפס־קאָמיטעט אין משך פון ניין מאָנאַטן, קען מען האָבן אַ באַגריף פון דער גרויסער שטיצע, וואָס אונדזער הילף האָט דעמאָלט באַטייט פאַר די נויט־ליידנדיקע ברידער און שוועסטער אין אונדזער אַלטער היים.

אין אפּריל 1921 האָט דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אונטער מיין רעדאַקציע מיטן נאָמען „דער סובאַלקער לעבען״, וואו עס ווערט איבער־געגעבן אַ פולער באַריכט פון אונדזער הילפס־טעטיקייט אין סואוואַלק, ווי אויך שילדערונגען פון דער גרויסער נויט, וואָס האָט דאָרט געהערשט.



די גרויסע הכנסות פון סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט האָבן אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. נישט אַלע סואוואַלקער האָבן זיך ווייטער אַזוי וואַרעם אָפּגערופן, ווי גלייך נאָך דער מלחמה. אין זשורנאַל „דער סובאַלקער לעבען" געפינען מיר וועגן דעם גאָר ביטערע ווערטער פון דעמאָלטדיקן פאָרזיצער ד"ר דזש. קאַץ, פון וויליאַם פאַכוצקי און ל. פערלשטיין, באַזונדערס אויפן חשבון פון די איפּגעקומענע סואוואַלקער גבירים אין אַמעריקע. אָבער נאָך פיל אָנשטרענגונגען איז געלונגען אונדזער קאָמיטעט צו שאַפן און אַרויסשיקן קיין סואוואַלק נאָך צוויי טויזנט דאָלאַר, אינסטרואירנדיק דעם „עזרת אחים" צו שאַפן פון דעם געלט אַ לייקאַסע. סואוואַלקער בעלי־בתים און אַרבעטערס האָבן זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער לייקאַסע און דאָס האָט זיי געשטעלט אויף די פיס.

דער ערשטער סעקרעטאַר פון „עזרת אחים" קאָמיטעט איז געווען הירש בערנשטיין הי"ד. נאָך אים איז געווען סעקרעטאַר דער געוועזענער באַקלעראָווער רב הגאון יהודה כאַשעסמאַן שליט"א, שפּעטער רב אין טיקטינער שול אין שיקאַגע.

עס וועט זיין יושר׳דיק דאָ צו פאַרצייכענען יענע איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס האָבן אַזוי האַרציק געאַרבעט לטובת אונדזערע לאַנדסלייט און וואָס זיינען שוין מער ניטאָ צווישן אונדז:

מ. קאהאן, מ. זאבלודאָווסקי, מ. ראָזנטאל, מ. סעמיאנסקי, בצלאל גלאדשטיין, ברוך העריסאָן, מ. בראון, שמואל סאנדאָווסקי, ל. סילווערמאן, מ. לינדענטאל, ל. דזשייקאָבסאָן, נ. סילווערמאן, דזש. גראָסמאן, וו. מארקעוויטש, מ. ראָזנדאָרף, אביגדור הכהן און דזש. מארקסאָן.




ערשטע ריי: זיצן פון רעכטס צו לינקס: פּ. בלומענטאַל, קאַנטער, ל. ליווי, חיים זעליגסאָן, דזש. מאַרקסאָן ע"ה, מאַקס לינדענטאַל ע"ה, אליעזר פּערלשטיין ע"ה.
צווייטע שורה: ר׳ אביגדור הכהן ז"ל, משה דאַנסקי ע"ה, ל. סילווערמאַן ע"ה, ל. דאַנסקי, דזשייקאָבסאָן ע"ה.
דריטע ריי: אומבאַקאַנט, ד"ר לעוואַנדער, שמואל סאַנדאָווסקי, ד"ר לעוואַנדער, שמואל סאַנדאָווסקי ע"ה.
ד. לעווין, סיגעל ע"ה, ברוך העריסאָן ע"ה, ס. גלאַטשטיין ע"ה, מאיר בראון ע"ה, אייזיק טיקאָטשינסקי,
ד. ווראָבלעווסקי, ב. סאַלינסקי, מאַרקאָוויץ ע"ה.
פערטע ריי: אומבאַקאַנט, ל. מיטניק ע"ה, ראַקאָווסקי, דוד געליס, ראָזנטאַל ע"ה, אומבאַקאַנט.

מיט דער צייט זיינען די זאַמלונגען געוואָרן שוואַכער און די טעטיקייטן פון קאָמיטעט מער באַשרענקט. דער אומדערמידלעכער ד"ר קאַץ האָט צוליב די שווערע אומשטאַנדן אויפגעגעבן די טעטיקייט און אין 1923 איז דער קאָמיטעט רעאָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב. ווי אַ פאָרזיצער איז דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן חיים זעליגסאָן און סעקרעטאַר — פערלשטיין. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען בלויז פון פאָרשטייערס

פון דער סוואוואַלקער סאָסייעטי און דעם סואוואַלקער אַרבעטער רינג ברענטש 300.

אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען טרויעריקע גרוסן וועגן דער יידישער לאַגע אין פוילן: יידן ווערן אַרויסגעוואָרפן פון לויפנדיקע באַנען, מען רייסט יידישע בערד און באָיקאָט קעגן יידישע פרנסות רואינירט טויזנטער יידישע משפחות.

ווי אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער שווערער לאַגע זיינען אויך די סואוואַלקער אינסטיטוציעס, ווי די תלמוד־תורה, פאָלקשולן, שפּיטאָל, מושב זקנים, בית יתומים און אַנדערע שווער געטראָפן געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק אַפּעלירן צו אונדז נאָך הילף פאַר זייער ווייטערדיקער עקסיסטענץ. דער רעליף־קאָמיטעט האָט געמאַכט פון צייט צו צייט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און די פּראָפיטן איבערגעשיקט צו געזעלשאַפטלעכע מוסדות אין סואוואַלק. אויסער דעם פלעגט פאַר פסח און פאַר ראש השנה געשיקט ווערן ספּעציעלע שטיצע פאַר דער תלמוד־תורה אויף צו באַקליידן די אָרעמע קינדער.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז 1935. דער אַנטי־סעמיטיזם אין פוילן האָט אָנגענומען אַזעלכע שווערע פאָרמען, אַז אין אַ ריי שטעט זיינען פאָרגעקומען אמת׳ע פּאָגראָמען. די אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזער שטאָט סואוואַלק, וואו ס׳איז אויס־געבראָכן אַ פּאָגראָם דעם 9טן יוני, 1935. דער סוא־וואַלקער קאָראָספּאָנדענט פון וואַרשעווער „היינט״, אביעזר זילקעוויטש, האָט אַזוי געשילדערט דעם פּאָגראָם:

„זונטאָג, 9 אַ זייגער אין אָוונט, האָט מען געגעבן אַ סיגנאַל פון דער סירענע פון די שטאָטישע פייער־לעשערס. פון אָנפאַנג האָט מען געמיינט, אַז עס ברענט, אָבער פלוצלונג האָבן זיך דערהערט געשרייען פון הונדערטער פּערזאָנען, שקצים פון דער האַנטווערקער־שול און האַנדלשול. דער דאָזיקער המון האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער די יידישע גאַסן און מיט שטיינער און אייזנס אויסגעהאַקט די שויבן, באַפאַלן דעם בית־המדרש און די תלמוד־תורה, פאַרוואונדעט אייניקע יידן, צווישן זיי ד״ר סטאַראָפּאָלסקי, וועמען די כוליגאַנעס האָבן געשטאָכן מיט אַ מעסער אין קאָפּ. די „סטרוזשעס״, וועלכע האָבן געלעבט פון יידן, האָבן געהאַקט די שויבן ביי זייערע יידישע בעלי־בתים און געראַבירט, וואָס נאָר זיי האָבן געקענט. ערשט מאָנטאָג אין דער פרי האָט אַ דעלעגאַציע צוזאַמען מיטן סואוואַלקער רב, הרב ר׳ דוד ליפשיץ און דעם פאַרוואונדעטן דאָקטאָר סטאַראָ־פּאָלסקי, זיך משתדל געווען ביים סטאַראָסטע פון שטאָט און מיליטערישן קאָמאַנדיר נישט צו דערלאָזן קיין ווייטערדיקע פּאָגראָמען״.

דער ניו־יאָרקער רעליף־קאָמיטעט האָט איבער־געשיקט אַ שטאַרקע פּראָטעסט־רעזאָלוציע צום פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין אַמעריקע, ווי אויך צום סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן מיט אזא אינהאַלט:

„מיר זיינען אינפאָרמירט געוואָרן פון ראַיעלע קוועלן, אַז דעם 9טן יוני, 1935, איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין סואוואַלק, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט די סטודענטן פון די פּוילישע שולן. עטלעכע יידן זיינען מערדערלעך צעשלאָגן און אויך פאַרוואונדעט געוואָרן. יידיש האָב און גוטס איז צעראַבירט געוואָרן. מיר פּראָטעסטירן צום שאַרפסטן קעגן דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט דערלאָזן אַזעלכע אַנטיסעמיטישע אויסברוכן און נישט באַשיצט די יידן, וועלכע וואוינען אין שטאָט שוין פאַר הונדערטער יאָרן און האָבן אנטיילגענומען אין איר אויפבוי און וואוקס. ווי אַמעריקאַנער בירגערס בעטן מיר דעם סטייט דעפּאַרטמענט צו פאָדערן פון דער פּוילישער רעגירונג, אַז זי זאָל אויספאָרשן די געשעענישן און באַשטראָפן די שולדיקע״.

קאָפּיעס פון דער פּראָטעסט־רעזאָלוציע זיינען געשיקט געוואָרן צו אַלע יידישע און ענגלישע צייטונגען. פון סטייט דעפּאַרטמענט איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז אונדזער פּראָטעסט וועט איבערגעשיקט ווערן צו דער פּוילישער רעגירונג.

אָט די שווערע לאַגע אין פוילן, וואָס איז אַלץ ערגער געוואָרן פאַר די יידן פון סואוואַלק, האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט גרעסערע פליכטן פאַר הילף, וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו דערפילן.

צוליב דעם האָבן מיר ווי אַ צוגאָב־הכנסה באַשטימט אַ יערלעכן ביישטייער פון איין דאָלאַר פאַר יעדן מיטגליד פון דער סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס איז, אגב, פאַרבליבן פאַרפליכטנדיק ביז היינטיקן טאָג. די יידישע פּרעסע האָט עס דענסטמאָל אַרויסגעשטעלט ווי אַ גוטן מוסטער פאַר אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן.

קורץ פאַרן גרויסן חורבן האָבן מיר נאָך געהאַט אַ געלעגנהייט צו האָבן אונדזערס אַ שליח קיין סואוואַלק דורך ל. פּערלאָ, קאַסירער פון רעליף־קאָמיטעט, וועלכער איז דעלעגירט געוואָרן אהין אויסצופאָרשן די גאַנצע לאַגע, ווי אויך צו טיילן געלטער פאַר מוסדות און יחידים. ער האָט באַזוכט די שטאָטישע אינסטיטוציעס און בעיקר זיך אינטערעסירט מיט דער תלמוד־תורה, אין וועלכער עס האָבן זיך דעמאָלט געלערנט איבער 500 תלמידים.

קומענדיק צוריק קיין ניו־יאָרק האָט ל. פּערלאָ איבערגעגעבן אַ טרויעריקן באַריכט פון סואוואַלק, וואָס לעבט אין שטענדיקער שרעק פון אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך פון דער שווערער לאַגע פון די אינסטיטוציעס.

נאָכן אויסהערן דעם באַריכט האָט דער רעליף־קאָמיטעט אָנגענומען פאַרשיידענע הילפספּלענער לטובת די היימישע אינסטיטוציעס, אָבער דער מלחמה־שטורעם האָט צעשטערט אַלע פּלענער.

*

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 ברעכט אויס די מלחמה און היטלערס נאַציס מאַרשירן אריין שמחת תורה קיין סואוואַלק. נאָך עטלעכע וואָכן פון שרעקלעכע גזירות און אונטערדריקונגען איז דערקלערט געוואָרן אַ טאָטאַלער גירוש אויף די יידן פון סואוואַלק און אומ־געגנט.

די דעפּאָרטאַציע פון די יידן איז פאָרגעקומען

אונטער שרעקלעכע אומשטאַנדן. מען האָט געכאַפּט ייִדן אויף די גאַסן און אין די הייזער אין די טויזנטער, אַרײַנגעפּאַקט אין די פּראַכטוואַגאָנען און אָפּגעשיקט אין די ווייטע פּוילישע שטעטלעך לוקאָוו, פּאַרטשעוו, ביאַלע־פּאָדליאַסק, אין דעם אַזוי גערופענעם לובלינער רעזער־וואַט.



לעצטער בילד פון סואוואַלקער תלמוד־תורה אין 1939.
אין מיטן הרב ליפשיץ און אונדזער שליח לעאָן פּערלא

עטלעכע טויזנט סואוואַלקער האָבן זיך געראַטעוועט פון פאַרשיקונג דורך אַנטלויפן אין די וועלדער און פעלדער אַרום שטאָט און זיך דאָרטן געוואַלגערט אין „קיינעמס לאַנד". אַ טייל פון זיי איז מיט סכנות נפשות געלונגען זיך אַרײַנצובאַקומען קיין יאַגוסטאָוו, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען ביי די רוסן, און דער גרעסטער טייל פון זיי, אַן ערך 2.700, זיינען אַרײַנגעקומען אין די גרענעץ־שטעטלעך פון ליטע: קאַלוואַריע, לאַזדיי, ווילקאָ־ווישק, מאַריאַמפּאָל און אַנדערע.

די נויט פון די סואוואַלקער פּליטים אין ליטע איז געווען גרויס. די ייִדן פון די דערמאָנטע שטעטלעך האָבן זייער פיל געהאָלפן, אָבער דאָך זיינען זיי ניט געווען ביכולת אליין בייצושטייערן די גאַנצע נייטיקע הילף.

אָנהייב 1940 האָט דער ליטוויש־ייִדישער פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק באַקומען אַ דרינגלעכן בריוו פון הרב ר' שמעון בענגיס פון קאַלוואַריע, וואָס איז געווען דער צענטער פון סואוואַלקער פּליטים, וועגן דער אומבאַ־שרייבלעכער נויט פון אונדזערע פאַרטריבענע לאַנדסלייט, בעטנדיק פאַר זיי גיכע הילף.

נאָך אַ באַראַטונג פון ניו־יאָרקער פאַרבאַנד פון די ליטווישע ייִדן מיט אונדזער רעליף־קאָמיטעט איז פאַררופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע אינדזערע אָרגאַניזאַציעס. דאָרטן איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער אויסגעברייטערטער הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם ייִדיש־ליטווישן פאַרבאַנד אונטער דעם נאָמען „רעטונגס־קאָמיטעט פון סואוואַלקער ראַיאָן אין קאַלוואַריע און אומגעגנט".

אין קאָמיטעט זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: לעאָן שאַפּיראָ — יוריסקאָנסול, חיים זעליגסאָן — פּאָרזיצער, נייטאַן פראַנק — וויצע־פּאָרזיצער, לאַזאַר פּערלשטיין — סעקרעטאַר, לעאָן פּערלאָ — קאַסירער.

דער רעטונגס־קאָמיטעט האָט גיך צונויפגעקליבן אַ סומע פון 600 דאָלאַר און אַריבערגעשיקט עס טעלע־גראַפיש צו הרב בענגיס אין קאַלוואַריע. כדי צו לינדערן וואָס שנעלער דעם מאַנגל אין קליידער, האָט דער ליטווישער פאַרבאַנד אונדז איבערגעגעבן 700 פונט זאַכן, וואָס מיר האָבן גלייך איבערגעשיקט קיין קאַלוואַריע.

הרב בענגיס אין קאַלוואַריע איז אויך געבעטן געוואָרן צו שאַפן אויף די ערטער הילפס־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן פונאַנדערטיילן די הילפסגעלטער, ווי אויך גרינדן עפנטלעכע קיכן.

דעם 28סטן יאַנואַר, 1940, האָבן מיר גערופן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, אויף וועלכן עס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן שוידערלעכע פאַקטן פון דער נאַצישער הער־שאַפט אין סואוואַלק און אין די אַרומיקע שטעטלעך. אַ גרויסן יאָמער רופט אַרויס די ידיעה, אַז עטלעכע

סואוואַלקער יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן לויפנדיק צו דער ליטווישער גרענעץ און אַז אַנדערע זיינען דערטרונקען געוואָרן שווימענדיק דורכן קאַנאַל ביי יאַגוסטאָוו. גלייך אויפן אָרט איז געשאַפן געוואָרן די סומע פון 3.500 דאָלאַר.

דער קאָמיטעט האָט אויך דורכגעפירט אַ קליידער־זאַמלונג, און נאָך אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אונטער דער אָנפירונג פון דעם שרייבער פון די שורות, זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן 5 באַלן מיט קליידער און שיך קיין ליטע. צוליב די מלחמה־אומשטאַנדן האָט דער גאַנצער טראַנספּאָרט זיך פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט אין שוועדן.

אונדזער קאָמיטעט האָט זיך דערוואוסט, אַז צווישן די געראַטעוועטע געפינט זיך אויך דער סואוואַלקער רב, הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ מיט זיין פאַמיליע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַ שוידערלעכן וועג: לויפנדיק איבער דער גרענעץ קיין קאַלוואַריע איז אויפן וועג געטויט געוואָרן זייער קליין קינד. מיר האָבן אים גלייך טעלעגראַפיש געבעטן, אַז ער זאָל זיך שטעלן בראש פון דער הילפסאַרבעט און שאַפן אַ קאָמיטעט, אין וועלכן עס זאָלן זיין פאַרטראָטן פאָרשטייערס פון אַלע שטעטלעך, וואו עס געפינען זיך די פליטים פון סואוואַלק און אומגעגנט.

אונטער דער פירערשאַפט פון רב איז געשאַפן געוואָרן אַ צענטראַלער קאָמיטעט, וואָס אויף זיין נאָמען האָבן מיר אין 1940 עטלעכע מאָל איבערגעשיקט גרעסערע סומעס געלט פאַר אונדזערע פליטים־לאַנדסלייט אין ליטע. אויך דער פאַרהאַלטענער טראַנספּאָרט זאַכן אין שוועדן איז זומער צייט אָנגעקומען קיין קאָוונע און איז דורך דעם צענטראַלן קאָמיטעט פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די נויט־באַדערפטיקע.

אַ טיילוויַיזן איבערבליק וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון די פליטים קען מען קריגן פון באַריכט פון „דזשאָינט״, וואָס ער האָט אויף אונדזער פאַרלאַנג צוגעשיקט זומער 1940:

„מר. בעקעלמאַן, אונדזער פאַרטרעטער פון ווילנער ביוראָ, האָט געמאַכט אַ טור איבער ליטע און האָט אויסגעפונען, אַז אין 12 שטעטלעך געפינען זיך 1646 סואוואַלקער. פון דער צאָל ווערן 1533 אונטערשטיצט דורך דעם פליטים־קאָמיטעט און 113 — פון לאָקאַלע איינוואוינערס. ספּעציעל שטעלט זיך מר. בעקעלמאַן אָפּ אויף דער לאַגע פון די פליטים אין ווילקאָווישק, וואו עס געפינען זיך, לויט זיין באַריכט, 290 פליטים. 42 פון זיי ווערן אויסגעהאַלטן פון די לאָקאַלע איינוואוינערס און 248 דורך דעם פליטים־קאָמיטעט. דער מאָנאַטלעכער בודזשעט פאַר ווילקאָווישק איז 1.675 דאָלאַר אַ מאָנאַט. די פליטים האָבן געוואוינט אין דירות, וואָס זיינען אויסגעמעבלירט געוואָרן דורך אָרטיקע יידן. די קינדער זיינען געגאַנגען אין שולן, און 15 יינגלעך האָבן זיך געלערנט אין דער לאָקאַלער „אָרט״־שול.

די היגיענישע באַדינגונגען זיינען געווען שלעכט. די זאַכן זיינען געווען אַלט און צעריסן. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שיך און אונטערוועש. צווישן די פליטים זיינען ניט געווען קיין שוסטערס, צוליב דעם איז אין ווילקאָווישק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שוסטעריי צו פאַרריכטן אַלטע שיך פאַר די פליטים.

אין אַנדערע ערטער איז די לאַגע געווען נאָך ערגער. קיין שיך און קיין קליידער זיינען אין גאַנצן ניט געווען און די קינדער זיינען אין חדר נישט געגאַנגען״.

צו דעם „דזשאָינט״ באַריכט דאַרף מען צוגעבן, אַז די צאָל פליטים פון סואוואַלק און אומגעגנט אין ליטע האָט דערגרייכט אַן ערך 3000, און זיי האָבן זיך געפונען אין מערער ווי 12 שטעטלעך.

כדי די הילפסאַרבעט זאָל זיין מער עפעקטיוו, האָט אונדזער קאָמיטעט זיך פאַרבונדן מיט דער סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין שיקאַגע בראש מיטן כלל־טוער שמואל בערנשטיין. אַ דאַנק זיין טעטיקייט שטיצט דער שיקאַגער סואוואַלקער קלוב מיט אַ ברייטער האַנט די פליטים אין ליטע. ש. בערנשטיין האָט אויך אָרגאַניזירט די לאַנדסלייט אין דעטראַיט, און אויך זיי האָבן געשיקט פיל הילף.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך מיט אונדז פאַרבונדן דער פּאָרזיצער פון דעם סואוואַלקער פאַראיין אין בוענאָס־איירעס, דוד ראָזנבלום, וועלכער האָט אונדז איבערגעשיקט הילפסמיטלען פון אַרגענטינער לאַנדסלייט פאַר די געליטענע סואוואַלקער. דוד ראָזנבלום האָט זיך אויך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די לאַנדסלייט פון מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי), וואו די הילפּט־טעטיקייט איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם פּאָרזיצער שלמה סטוטשינסקי.

לויט דער איניציאַטיוו פון ש. בערנשטיין פון שיקאַגע איז אין יולי 1940 גערופן געוואָרן אין פּיטסבורג אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע סואוואַלקער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. אונדזער דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון ל. פערלשטיין, לעאָ פערלאָ און בערל גערשען. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זייער הילפסאַרבעט פירן אין איין קערפּערשאַפט אונטערן נאָמען „פעדערייטעד אָרגאַניזיישאָנס אָף סואוואַלק ענד וויסיניטי״ און אַז דער קומעדיקער צוזאַמענקום זאָל זיין אין קליוולאַנד.

סוף זומער 1940 האָט דער ועד הצלה ביי דער אגודת הרבנים אין אמעריקע געמאָלדן אונדזער רעליף־קאָמיטעט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל וויזעס פאַר אַ ריי יידישע פירערס פון אייראָפּע, צווישן זיי אויך פאַר דעם סואוואַלקער רב, הרב ר׳ דוד ליפשיץ. באַקומענדיק די ידיעה האָבן מיר מיט פרייד זיך אונטערגענומען צו שאַפן טיילוויַיז די מאַטעריעלע מיטלען פאַר זיין קומען קיין אַמעריקע. נאָך אַ לענגערער רייזע פון חדשים איבער פיל לענדער איז דער רב מיט זיין פאַמיליע אָנגעקומען קיין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, אין יוני 1941. ער האָט באַקומען פון אונדזערע לאַנדסלייט אַן אויסערגעוויינלעכן וואַרעמען אויפנעם דורכפאָרנדיק שיקאַגע און שפּעטער קומענדיק קיין ניו־יאָרק.

זונטיק, דעם 22סטן יוני, 1941, איז פאַרן רב פאָר־געקומען אַן אָפּיציעלער קבלת־פּנים אין מאַנהעטן פּלאזא. ביי אַ פול געפּאַקטן זאל האָט ער באריכות דערציילט וועגן שוידערלעכן חורבן, וואָס היטלער האָט געבראַכט אויף די 15 טויזנט יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט. זיין רעדע האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו כליפּען, זיך דערוויסנדיק וועגן גורל פון זייערע קרובים און נאָענטסטע. דער רב האָט אויך איבערגעגעבן פּרטים פון דער שווערער לאַגע פון די „גליקלעכע" 3000 יידן, וועלכע האָבן קוים מיטן לעבן זיך געראַטעוועט קיין ליטע. אין נאָמען פון דער ס׳אָ־וואַלקער „שארית הפליטה" האָט ער אויסגעדריקט די טיפסטע דאַנק געפילן פאַר דער שטיצע, וואָס אונדזער קאָמיטעט האָט געגעבן פאַר די אומגליקלעכע און אַפּעלירט פאַר ווייטערדיקער הילף.

אָבער גאָר גיך, ממש אין דעם זעלביקן טאָג, איז אויך



אַ קבלת־פּנים פאַרן ישראל־מיניסטער פּנחס ספּיר פון „סואוואַלקער לאַנדסלייט פאַראיין" אין בוענאָס־איירעס.

אַ טייל פון די אַנוועזנדיקע זיינען: לייב מאשעזניצקי, פּרעזידענט, דניאל לעווקאָוויטש, וויצע־פּרעזידענט, ז. לעוויטאַס, קאַסירער, הערש רימאַצקי, זלמן דוד ראָזנבלום, לייזער שקאָלניק, חיים בלאָך, בנימין בלאָך, אברהם גליקסאָן, פּרוי לעווקאָוויטש, לייזער לובעלסקי, שמחה יאַבלאָנסקי, מ. דישמאַן, מ. לעווין. אין מיטן זיצט מיניסטער ספּיר.

ליטע פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער היטלערישער אַרמיי, און ס׳איז נישט געבליבן קיין האָפענונג אַזוי שנעל זיך צוריק צו פאַרבינדן מיט אונדזערע לאַנדסלייט. שווערע כמאַרעס האָבן באַדעקט די גאַנצע פרייע וועלט און אַ יאוש האָט אַלעמען באַהערשט. פונדעסטוועגן איז די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. מיר האָבן געמאַכט פּלענער צו זיין גרייט צו געבן די ערשטע הילף פאַר די געראַטעוועטע לאַנדסלייט אין יענעם מאָמענט, ווען די וועלט וועט ווערן ווידער פריי.

דעריבער איז אין יולי, 1941, גערופן געוואָרן אין קליוולאַנד דער צווייטער לאַנד־צוזאמענפאָר פון אַלע סואוואַלקער אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון ש. בערנשטיין פון שיקאַגע. די ניו־יאָרקער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון ח. זעליגסאָן, ל. פּערלשטיין, ל. פּערלאָ, ב. גערשען, ס. סאַנדאָווסקי און דזש. מארקסאָן.

דעלעגאַציעס זיינען אָנגעקומען אויך פון שיקאַגע, דעטראָיט און פּיטסבורג. אויפן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדויערט 2 טעג, זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער, ווי אַזוי צו זיין גרייט מיט באַלדיקער הילף, ווען די וועלטלאַגע וועט דאָס דערמעגלעכן.

דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן

אויספיר־קאָמיטעט: ס. סאנדאָווסקי (נ. י.) — פּאָרזיצער; דזש. דאנטע (דעטראָיט) — וו״צע־פּאָרזיצער; סעמועל קריגער (שיקאַגע) — פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר; ל. פּערל־שטיין (נ. י.) — פּרעסע־סעקרעטאר; ש. בערנשטיין (שיקאַגע) — עקזעקוטיוו־סעקרעטאר; העראָלד גוטקאָווסקי (שיקאַגע) — קאַסירער.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעאַרבעט אַ קאָנסטיטוציע, ווי אַזוי עס זאָל אָנגעפירט ווערן די הילפסאַרבעט, און באשלאָסן, אַז דער קומעדיקער צוזאַמענפאָר זאָל פאָר־קומען אין ניו־יאָרק.

די אַרבעט פון אונדזער הילפס־קאָמיטעט ווערט וואַרעם אָפּגעשאַצט פון דער יידישער פּרעסע. דעם



די געסט־דעלעגאַציע פון סואוואַלקער לאַנדסלייט־פאראיין אין בוענאס איירעס פאָטאָגראַפירט 1955 אין ניו־יאָרק.

פון רעכטס צו לינקס: דניאל לעפקאָוויטש, פרוי לעפקאָוויטש, זיסקא לעוויטאס, פּרעז. פון פאַראיין, פאניע בייגראַדסקי, לעאָן מאַשעזניצקי.

20סטן מערץ, 1942, גיבן דער „מאָרגן־זשורנאל" און דער „טאָג" באַריכטן וועגן די אויפטוען פון סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט, ווי אויך אויספירלעכע באַשרייבונגען פון זיינע אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס גרייטן צו פאָנדן פאַר זייערע לאַנדסלייט נאָך דער מלחמה.

ניט געקוקט אויפן איבערגעריסענעם קאָנטאַקט מיט אונדזערע לאַנדסלייט, דערגייען צו אונדז פון צייט צו צייט טרויעריקע באַריכטן. אַזוי, למשל, דערוויסן מיר זיך, אַז אין סלאָנים זיינען ארום דריי טויזנט סואוואַלקער אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורך די בלוטיקע נאַציס און

אַז דער גרעסטער טייל פון די סואוואַלקער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט סוף 1939 אין ליטע, זיינען אומגעקומען אין די אַלגעמיינע הריגות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די שטעטלעך, וואוהין זיי זיינען פאַר־וואָגלט געוואָרן, ווי מאריאמפּאָל, קאלוואריע, לאזדיי, ווילקאָווישק, טראָק און אזוי ווייטער. אין די דאָזיקע שחיטות זיינען אומגעקומען אין סלאָנים מיין ברודער דוד בערל מיט זיין משפּחה, מיין שוועסטער באשע פייגל מיט איר משפּחה אין טראָק און מיין ברודער יעקב מיט זיין משפּחה איז אומגעקומען אין לאזדיי, ליטע, הי״ד.

דעם גרויסן בראָך פון אונדזער פאָלק דערוויסן מיר זיך ערשט סוף זומער 1945, ווען עס ענדיקט זיך די בלוטיקע מלחמה מיט היטלערן. דאָס, וואָס מען האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, איז געווען דער גרויזאַמער אמת: זעקס מיליאָן יידן זיינען דורך די היטלערישע רוצחים אויסגעמאָרדעט געוואָרן. קוים אַ קליין ביסל האָט זיך געראַטעוועט. מיט קלאַפּעדיקע הערצער האָבן מיר טאָג טעגלעך דערוואַרט צו באַקומען די ערשטע באַריכטן וועגן דעם גורל פון די יידן אין סואוואַלק און אומגעגנט.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער שרעקלעכער גורל פון דעם וועלט־יידנטום האָט אויך נישט אויסגעמיטן אונדזערע לאַנדסלייט, דאָך האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז אַ טייל פון די נאָענטסטע און טייערע זאָל זיך פאָרט האָבן געראַטעוועט פון די רוצחישע הענט דורך אויסבאהאלטן זיך אין די וועלדער אָדער ווי פאַרשיקטע קיין סיביר. אָבער קיין ידיעות האָבן מיר נישט געהאַט.

דער ערשטער בריוו, וואָס מיר האָבן באקומען, האָט אונדז דערציילט דעם שוידערלעכן אמת, אַז דאָס גרויסע יידישע סואוואַלק, די עיר ואם בישראל, עקסיסטירט שוין נישט מער. בלויז איינצלנע האָבן זיך צוריק־געקערט פון פארשיידענע גיהנום׳ס און אַלע יידישע הייזער און געשעפטן זיינען פאַרנומען פון פאָליאַקן. די נעמען פון די ערשטע שטעטלשע יידן זיינען געווען:

קאָפּל לובאָווסקי, די ברידער קראַמאַרסקי, שלמה גאָלדינג, חנא ווינצקי, מאיר פרידמאַן, מאָטל פאלניצקי, שלמה פאָדרוושניק, חנה אלטשולער, פרוי אידלסאָן מיטן זון, אינזשינער טראָצקי, כלב כאַנאָוויטש, די פאַמיליע סאלניצקי, ישעיה קערשקאָווסקי, מישקינסקי און נאָך עטלעכע.

די געראַטעוועטע האָבן אין בריוו געשילדערט זייער לאַגע און אַלע יסורים, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, און געבעטן באַלדיקע הילף.

די געפאָדערטע הילף איז גלייך ארויסגעשיקט געוואָרן דורך אונדזער קאָמיטעט, צוזאַמען מיט האַרציקע אויפמונטערנדיקע בריוו, אַז מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, כדי צו לינדערן זייער נויט. מיר האָבן זיי אויך געבעטן, אַז זיי זאָלן צושיקן אויספירלעכע רשימות פון געראַטעוועטע סואוואַלקער און וואו זיי געפינען זיך.

ווי אַן ענטפער אויף אונדזער ווענדונג האָבן אָנגע־הויבן אָנקומען פון וואָך צו וואָך נייע ליסטעס מיט נעמען פון גרופעס און יחידים.

אָנהייב 1946 איז אויפן סמך פון אַלע באַריכטן און ליסטעס פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון סואוואַלק און אומגעגנט, וואָס האָט זיך געציילט אַן ערך 17 טויזנט נפשות, זיינען געבליבן קנאַפּע 400. די מערסטע פון די געראַטעוועטע זיינען באשטאנען פון די צוריקגעקומענע פון טיף רוסלאַנד, וואו הין זיי זיינען אַנטלאָפן אָדער פאַרשיקט געוואָרן אָנהייב מלחמה, און נאָך דער עטאַבלירונג פון דער פוילישער רעגירונג האָט מען דערלויבט די אַלע פוילישע בירגערס זיך אומצוקערן קיין פוילן. אַ טייל זיינען געווען פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די נאַציס אין די וועלדער, און אַ גאַנץ קליינער טייל זיינען געווען די יעניקע, וועלכע זיינען באפרייט געוואָרן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן דורך די אליאירטע ארמייען.

כדי צו שאַפן גרעסערע פאָנדן פאַר דער שארית הפליטה, האָבן מיר אויף זונטאג, דעם 20סטן מערץ, 1946, פאַררופן אַ גרויסע מאַסן־פארזאמלונג און הזכרה אין מאַנהעטן סענטער. די פאַרזאַמלונג איז געעפנט געוואָרן דורך ל. פערלשטיין, סעקרעטאר פון רעליף־קאָמיטעט. ח. זעליגסאָן, דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, האָט אָפּ־געגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון קאָמיטעט און אויך פאָרגעלייענט אַ געוויסע רשימה מיט נעמען פון אַלע געראַטעוועטע. טייל פארזאמלטע האָבן דורך דעם זיך דערוואוסט פון זייערע לעבן געבליבענע קרובים.

אַ האַרצרייסנדיקן הספד נאָך די געפאַלענע קדושים האָט געמאַכט דער סואוואַלקער רב. נאָך דעם שטאַרקן רוף פון רב צו העלפן דער שארית הפליטה, איז גלייך אויפן אָרט געשאַפן געוואָרן די סומע פון 3.200 דאָלאר.

כדי צו מאַכן עפעקטיווער די הילף פון רעליף־קאָמיטעט, זיינען באַשטימט געוואָרן צוויי סוב־קאָמיסיעס: איינע צו שאַפן און שיקן זאַכן — אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר ד. מיראָוו, אַ צווייטע פאַר שיקן שפייזפעקלעך, אונטער דער אָנפירונג פון דזש. סיימאָן.

סוף ווינטער זיינען מיר אינפאָרמירט געוואָרן, אַז די צאָל צוריקגעקומענע יידן קיין סואוואַלק איז אַ ביסל פאַרגרעסערט געוואָרן און דערגרייכט ביז ארום 90 נפשות. אויף פסח האָבן מיר אַרויסגעשיקט פאַר זיי מצות און אַלע נייטיקע פסח׳דיקע שפייזן, אפילו ראָזשינקעס אויף ווייַן. דאָס האָט זיי מעגלעך געמאַכט, נאָך אַן איבעררייס פון שרעקלעכע 6 יאָר, צו פראַווען ווייטער די טראַדיציאָנעלע סדרים אין סואוואַלק. אין טרערן־דורכגעווייקטע בריוו האָבן זיי געשילדערט, ווי אַזוי די דאָזיקע סדרים האָבן אויפגעלעבט פאַר זיי די גאָר נאָענטע פאַרגאַנגענהייט און זיי האָבן זיך ווידער דער־שפירט, ווי אַ טייל פון יידישן פאָלק.

נאָך פסח איז אויף אונדזער פארלאנג אָרגאניזירט געוואָרן אין סואוואַלק אַ קאָמיטעט פון די ווייטערדיקע פערזאָנען: שלמה גוטמאַן, געוועזענער מיטגליד פון סואוואַלקער ועד הקהל — פאָרזיצער; אינזשינער טראָצ־קי, קאָפּל לובאָווסקי, כלב כאנאָוויטש, און חנה אלט־שולער — סעקרעטארין.

אויף דעם נאָמען פון קאָמיטעט האָבן מיר צוגעשיקט אַן ערך 15 הונדערט דאָלאר, פיל גרויסע פעק זאַכן און שפייזפעקלעך.

אין די ערשטע זומערדיקע מאָנאַטן פון 1946 האָט נאָך אַ צאָל סואוואַלקער יידן זיך צוריקגעקערט קיין פוילן פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט, לויט די אינ־סטרוקציעס פון דער פוילישער רעגירונג, אין געגנט פון נידער־שלעזיע, ווי דזשערזשאָנוו, ריכבאך, ליגניצע, שטעטין, ווראָצלאַוו און אַ ריי אַנדערע. אַ קלענערע צאָל

האָט זיך אויך באַזעצט אין פּראַגע, ביאַליסטאָק און לאָדזש.

צוליב אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אין געוויסע שטעט אין נאָך מלחמה׳דיקן פּוילן איז געפאַלן אַ מורא אויף דעם ביסל צוריקגעקומענע יידן אין סואוואַלק, — און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט דורך דעם זומער אריבערגעוואַנדערט אין דער נידער־שלעזישער געגנט, וואו גרעסערע צאָלן יידן האָבן זיך קאָנצענטרירט. סוף זומער האָט די צאָל סואוואַלקער יידן דאָרטן דערגרייכט שוין איבער 300 נפשות. כדי צו סיסטעמאַטיזירן אונדזער אַרבעט, איז אויף אונדזער פאָרשלאָג געשאַפן געוואָרן אין ריכבאך אַ צענטראַלער הילפס־קאָמיטעט פון פאָרשטייערס פון פאַרשיידענע שטעט אין נידער־שלעזיע, אונטער דער פירערשאַפט פון גדליהו סמעצעכאָווסקי, וועלכער איז מיט אונדז געשטאַנען אין כסדר׳דיקער טעלעגראַפישער און שריפט־לעכער פאַרבינדונג. ער האָט אומדערמידלעך, טריי און ראיעל געאַרבעט און פיל אויפגעטאָן לטובת די דאָרטיקע סואוואַלקער. נאָך דער גרינדונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט האָבן מיר אונדזער גאַנצע הילף — געלט, שפּייזפּאַקעטן, קליידער און פאַרשיידענע רעליגיעזע אַרטיקלען, ווי תפילין, טליתים, סידורים און מחזורים — געשיקט אויפן נאָמען פון דעם קאָמיטעט. ספּעציעל האָבן מיר זיך באַמיט צו זאַמלען און ארויסשיקן וואָס מער קליידער און שיך.ביים קלייבן און שיקן שפּייז און פּעקלעך האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט: ד״ר ד. מיראָוו, י. סיימאָן, י. טראָפּ, י. סילווערמאַן, ב. סאַלינסקי, ח. וולאַדקאָווסקי און אַנדערע.

אין איינקלאַנג מיט דעם באַשלוס פון דעם קליוו־לענדער צוזאַמענפאָר, אַז אַלע זאָלן קאָאָפּערירן און זאַמלען פאָנדן לטובת דער שארית הפליטה, האָבן מיר זיך געווענדט צו אַלע סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפטן אין שיקאַגע, דעטראָיט, לאָס־אַנדזשעלעס, בוענאָס־איירעס, מאָנטעווידעאָ און מעקסיקע און פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן איצט אויך אָרגאַניזירן זייער הילפסאַרבעט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אונדזער ווענדונג האָט געפונען ביי אַלעמען אַ וואַרעמען אָפּרוף. די שיקאַגער סואוואַלקער,



הזכרה פון סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטעווידעאָ, מיי 26, 1946.

אינספּירירט דורך הרב פּינקוס און ש. בערנשטיין, האָבן אָנגעפירט אַ שטאַרקע הילפס־טעטיקייט און איבערגעשיקט צום קאָמיטעט גרעסערע סומעס געלט, שפּייזפּעקלעך און זאַכן.

די דעטראָיטער סואוואַלקער, בראש מיט פראַנק מאַרקסאָן, דזש. דאַנטאַ, פרוי גלאַדשטיין און אַלעקס גאָטליב, האָבן געשאַפן גרעסערע הילפסמיטלען און אַקטיוו געאַרבעט. אויך אין בוענאָס איירעס, אונטער דער אָנפירונג פון דוד ראָזנבלום, ל. מאַשעזניצקי און ז. לעוויטאַס, זיינען געשאַפן געוואָרן גרעסערע סומעס געלט.

אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, זיינען די סואוואַלקער אַקטיוויזירט געוואָרן אַ דאַנק דער טעטיקייט פון שלמה סטשיצינסקי און יצחק גאָלומביעווסקי.

אין מעקסיקע האָט אָרגאַניזירט די הילפסאַרבעט הרב ראַפאַלין, אַ געבאָרענער אין פּונסק, צוזאַמען מיט א. ראָזנפעלד.

זומער 1946 האָט זיך אָרגאַניזירט אין תל־אביב אַ „ועד ליהודי סובאלק והסביבה”, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די איבערגעגעבענע עסקנים יהודה קויפמאַן, משה גאָלדשטיין און שלמה שולקעס, שפּונדער און אַנדערע. כאָטש די לאַגע אין ארץ ישראל איז געווען זייער אַ שווערע, פונדעסטוועגן האָט דער ארץ ישראל קאָמיטעט דורכגעפירט עטלעכע געלטזאַמלונגען און אַרויסגעשיקט באַלדיקע הילף פאַר די סואוואַלקער.

דער רעליף־קאָמיטעט האָט אויך אַ חלק אין אַרויסראַטעווען נאָכן חורבן עטלעכע קינדער פון שמד. אַזאַ פאַל האָט פּאַסירט אין פּאַריז מיט די קינדער פון חיה גאָלדבערג, טאָכטער פון מרדכי אשר עפּשטיין פון סואוואַלק. דער מאַן איז דער׳הרג׳עט געוואָרן דורך די נאַציס. די קינדער זיינען געווען באַהאַלטן ביי קריסטן, וועלכע האָבן זיי ניט געוואָלט אָפּגעבן. אַ דאַנק אַ גרעסערער סומע געלט, וואָס מיר האָבן געשיקט, און די גרויסע באַמיאונגען פון אונדזער סואוואַלקער לאַנדסמאַן אדלסאָן אין פּאַריז, איז געלונגען די קינדער צוריקצוברענגען צו זייער מוטער.

אַ צווייטער פאַל האָט געטראָפן מיט דעם מיידעלע פון לייזער און רחל קופּערבערג און אייניקל פון שלמה גוטמאַן. די עלטערן זיינען געווען אין קאָוונער געטאָ. ווי באַקאַנט, פלעגן פאָרקומען אין די געטאָס מאָרד־„אַקציעס” אויף קליינע קינדער. ערב אַזאַ סאָרט „אַקציע” אויף קליינע קינדער האָבן די פאַרצווייפלטע עלטערן איבערגעגעבן זייער איין יעריק קינד צו אַ קריסטין עס אויסצובאַהאַלטן. דורך אַ נס זיינען די עלטערן לעבן געבליבן. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן זייער קינד — האָבן די שפּורן געוויזן, אַז דאָס מיידעלע געפינט זיך אין אַ דאָרף אין פּוילן, ביי אַ קריסטין, וועלכע האָט דאָס קינד נישט געוואָלט אַרויסגעבן. די עלטערן האָבן אַפּעלירט צו אונדז נאָך געלט — און אַ דאַנק דעם האָבן זיי, נאָך גרויסע שוועריקייטן, צוריקגעקראָגן דאָס קינד.

סוף ווינטער 1946 זיינען אָנגעקומען פון אייראָפּע קיין ניו־יאָרק די ערשטע געראַטעוועטע סואוואַלקער, צווישן זיי ד״ר לעאָן סמאָלענסקי, וועלכער איז צוזאַמען מיט אונדזער רב געווען אין סואוואַלק ביזן לעצטן מאָמענט און אַ סך מיטגעהאָלפן לטובת הכלל. נאָכן גירוש איז ער קוים אָנגעקומען קיין סלאָנים, וואו ער איז דאָרט פאַרבליבן ביז דער גרויזאַמער שחיטה. ווי דורך אַ נס איז אים געלונגען אין דער לעצטער מינוט צו אַנטלויפן פון דער נאַצישער וואַך אין וואַלד אַריין, וואו ער איז אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר געווען אַ פּאַרטיזאַן. אויפן סמך פון באַריכטן פון פאַרשיידענע ערטער און פון די ניי־געקומענע סואוואַלקער אין אַמעריקע האָבן מיר אין יוני, 1946, פאַרעפנטלעכט אַ באַשור מיט די נעמען פון 284 געראַטעוועטע.

אַזוי ווי די הילפסאַרבעט איז פאַרצווייגט געוואָרן, איז לויט דער איניציאַטיוו פון אונדזער קאָמיטעט פאַררופן געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע סואוואַלקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 4טן, 5טן און 6טן יולי, 1946, אין פּענסילווייניע האָטעל. די ניו־יאָרקער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון: חיים זעליגסאָן, ל. פּערלשטיין, ל. פּערלאָ, דזש. גלאַדשטיין, ב. סאָלינסקי, ד״ר. דוד מיראָוו, ב. גערשען, דוד סילווערמאַן, פּינקוס סילווערשטיין, ל. שערער, ה. וולאַדקאָווסקי, ה. גאָטליב, דזש. יוליוס, א. איינהאָרן און דזש. גליקמאַן. הרב ר׳ דוד ליפּשיץ איז געווען פאָרזיצער פון דער ניו־יאָרקער דעלעגאַציע.

די שיקאַגער דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון דזש. באַער, איזידאָר פיינגלאַס, דוד גיטלסאָן, ה. גוטקאָווסקי, טש. קאהן, דוד ליווי, ס. ריין, פרוי דיאַנא שטיין, א. ביילים, ל. באַוער און ש. בערנשטיין — פאָרזיצער פון דער דעלעגאַציע.

פון דעטראָיט: אל. גאָטליב, פרוי ל. גלאַדשטיין, פרוי עקער, דזש. דאַנטאָ, ראָזנטאַל, קראַוסע, פ. מאַרקסאָן — פאָרזיצער פון דעטראָיטער דעלעגאַציע.

פון פּיטסבורג: דזש. סאַול.

אַ דעלעגאַציע איז אויך געווען פאַרטראָטן פון דעם יאַגוסטאָווער אַרבעטער־רינג בראַנטש 77: ס. ליינג, ה. לעווין און ל. בוקי.

ביי אַ געפּאַקטן זאַל פון הונדערטער לאַנדסלייט איז דער צוזאַמענפאָר געעפנט געוואָרן מיט דער רעדע פון דעם סואוואַלקער רב, וועלכער האָט געשילדערט דעם חורבן פון סואוואַלק און אַפּעלירט פאַר רעטונג פון דער שארית הפליטה.

רעפעראַטן זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ח. זעליגסאָן, ל. פּערלשטיין, ניו־יאָרק, ש. בערנשטיין און ד. גיטלסאָן, שיקאַגע. דער נאָר וואָס אַריבערגעקומענער געראַטעוועטער לאַנדסמאַן ד״ר לעאָן סמאָלענסקי, וועלכער איז געווען אַ לעבעדיקער עדות פון די נאַצישע מערדערייען, האָט דערשיטערט די פאַרזאַמלטע מיט זיינע ווערטער, אַז „פאַר מיינע אייגן איז מיין פאָטער דערשאָסן געוואָרן. די מאַמע און שוועסטער מיט טויזנטער אַנדערע יידן זיינען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן. דריי טעג האָט זיך די ערד געשאָקלט פון די לעבעדיק־באַגראָבענע יידן. מענער, פרויען און קינדער האָבן מאַרשירט צו די גאַז־

אויוונס. אוי ווי, ס'איז שרעקלעך דאָס צו גלייבן — אָבער עס איז אמת"...

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן צו שאַפן 40.000 דאָלאַר פאַר הילפסצוועקן. צוליב פאַרשיידענע סיבות זיינען אָבער די אויסגעאַרבעטע גרויסע פּלענער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, און יעדע סאוואַלקער לאַנדס־מאַנשאַפט האָט זיך ווייטער געפירט איר אַרבעט אויף אַ סעפּאַראַטן אופן.



סאוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק אין 1959.

ערשטע ריי זיצן (פון רעכטס צו לינקס): לאַזאַר פּערלשטיין (סעקרעטאַר), לעאָן פּערלאָ (קאַסיר), הרב הגאון ר' דוד ליפשיץ (ערן־פּרעזידענט), חיים זעליגסאָן (פּרעזידענט), דוד סילווערמאַן.
צווייטע ריי שטייען: דזש. גלאַדסטאָון, פּ. סילווערשטיין ע"ה, ב. גערשען, ב. סאָלינעקי. ה. וולאַדקאָווסקי.

ווי עס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז נאָכן חורבן פאַרבליבן אין סאוואַלק אַ קליינע גרופּע יידן. מיר זיינען געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זיי. דער רעליף־קאָמיטעט האָט אָבער געמוזט זאָרגן ניט נאָר פאַר דעם ביסל לעבן געבליבענע, נאָר אויך פאַר דעם כבוד פון די פאַרשטאָרבענע.

קאָפּל לובאָווסקי, דער עלטסטער געראַטעוועטער סאוואַלקער ייד, האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז די נאַציס האָבן צעשטערט דעם גאַנצן בית־עולם. זיי האָבן אַרויס־געריסן די מצבות און פיל קברים זיינען געבליבן אָפן. דער פּאַרקאַן איז צענומען. אויך דער גרויסער בנין ביים אריינגאַנג פון בית־עולם, וואו עס איז געווען די טהרה־שטוב און בית המדרש, האָבן די נאַציס ארונטער־געריסן. די אוהלים און קברים פון די רבנים ר' יצחק־אייזיק חבר, ר' יהודה־לייב בכרך, ר' משה־בצלאל לוריא און ר' יוסף יאָסעלעוויטש זיינען חרוב געוואָרן. כדי דאָס צו פאַרריכטן האָט זיך געפאָדערט אַ גרעסערע סומע געלט, וועלכע מיר האָבן גלייך אַרויסגעשיקט צו קאָפּל לובאָווסקי. ער צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן האָבן געמאַכט אַ נייעם פּאַרקאַן, פאַרשאָטן די קברים און אויפגעשטעלט מצבות נאָך עטלעכע רבנים, וואָס דער סוא־וואַלקער קאָמיטעט האָט פון ניו־יאָרק צוגעשיקט זייער פריערדיקן נוסח.

חרוב ומוחרב זיינען אויך געוואָרן אַלע שטאָטישע

בתי־מדרשים און קלויזן. די מערסטע פון זיי זיינען אין גאַנצן צעשטערט געוואָרן, אָבער די גרויסע שול איז אַ האַלב רואינירטע געבליבן שטיין, ווי אַן אייביק־לעבעדיקע מצבה נאָך דער אומגעקומענער יידישער באַפעלקערונג.

די עטלעכע פאַרבליבענע יידן האָבן זיך געפילט, ווי זיי לעבן אויף איין גרויסן בית־עולם. ניט אַלע האָבן געקאַנט אַריבערטראָגן דעם גרויסן חורבן ארום און פלוצעמדיקער טויט האָט געמאַכט אַ סוף צו זייער טיפן טרויער. אין אַ בריוו צו אונדז קיין ניו־יאָרק האָט מען אונדז געשריבן וועגן אַזאַ פאַל:

אַ יאַגוסטאָווער ייד האָט זיך אומגעקערט פון סיביר אין זיין היימשטאָט. זיך דערוויסנדיק פון זיינע גוי'אישע שכנים, ווי אַזוי זיין פאַמיליע איז ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, איז ער פון גרויס אויפרעגונג געפאַלן טויט. אַזוי ווי אין יאַגוסטאָווע איז דעמאָלט אפילו קיין איין ייד נישט געווען, האָבן אים די עטלעכע סואוואַלקער יידן געבראַכט קיין סואוואַלק צו קבר ישראל. היות זיי זיינען ניט געווען בכוח צו באַצאָלן פאַר די קבורה־הוצאות, האָבן מיר עס געדעקט, און אַזוי אַרום איז אויסגעקומען דעם רעליף־קאָמיטעט צו מקיים זיין די מצווה פון חסד של אמת.

ווי אַזוי סואוואַלק האָט אויסגעזען אַ יאָר — צוויי נאָך דער מלחמה, קען מען זען פון דער שילדערונג פון אַדוואָקאַט מ. זאַבאָראָווסקי, אַליין אַ יאַגוסטאָווער, וואָס האָט באַזוכט די שטאָט אין 1947. ער איז געווען דער איינציקער לאַנדסמאַן פון אויסלאַנד, וועלכער האָט דעמאָלט באַזוכט סואוואַלק. ער שרייבט צווישן אַנדערע:

„קומענדיק מיט דער באַן פון וואַרשע קיין סואוואַלק, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אַלץ איז ווי געווען. דער זעלביקער וואקזאל, די זעלביקע פעלדער, די זעלביקע גוים ארום. אָבער אריינקומענדיק אין שטאָט — וואָס פאַר אַ חורבן! די גאַסן זיינען די זעלביקע — אָבער וואו זיינען אונדזערע ברידער און שוועסטערס? וואו זיינען די יידישע פנים'ער? וואו זיינען די יידישע קינדערלעך? — ניטאָ און ניטאָ! שפּעטער טרעף איך זיך צוזאַמען מיט בלויז עטלעכע סואוואַלקער, וועלכע האָבן זיך על פי נס געראַטעוועט. דער אַלטער קאָפּל לובאָווסקי, וועלכער איז געבליבן איינער אַליין פון זיין גרויסער פאַמיליע, די אלמנה חנה אלטשולער, די אלמנה אדלסאָן, די צוויי שוועסטערס סאלניצקי און אינזשינער טראָצקי און נאָך אַ פּאָר צענדליק — דאָס איז געבליבן פון דעם אַמאָליקן סואוואַלק, דער עיר ואם בישראל...

אין יאַגוסטאָווע איז אָבער נאָך ערגער געווען, ווייל דאָרטן איז קיין איין יידיש פנים ניט פאַרבליבן. אַזאַ חורבן!"...

*

אַ וויכטיק קאַפּיטל אין אונדזער הילפסאַרבעט האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס אויסזוכן קרובים איבער גאַנץ אַמעריקע און זיי שטעלן אין פאַרבינדונג מיט זייערע עלנטע געראַטעוועטע פריינד. מיר האָבן אויך אַנאָנסירט פיל מאָל אין די צייטונגען, אַז געראַטעוועטע יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט זאָלן זיך מעלדן צו אונדז און מיר וועלן זיי העלפן. די אַנאָנסן זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין יידישע צייטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די פליטים אין די לאַגערן. אויפן סמך פון די אָנגעקומענע ענטפערס האָבן מיר צונויפגעשטעלט נייע ליסטעס פון געראַטעוועטע סואוואַלקער, וועמען מיר האָבן געהאָלפן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט זייערע קרובים. די דאָזיקע דערפאָלגרייכע אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן במשך פון יאָרן דורך אונדזער איבערגעגעבענעם סעקרעטאר לאזאר פערלשטיין.

*

אין די יאָרן 1946—1947 איז די יידישע לאַגע אין פּוילן אַלץ ניט געווען קיין זיכערע. עקסצעסן זיינען פאָרגעקומען אין פיל שטעט. דער פאַרקער אויף די באַנען און וועגן איז פאַר יידן געווען באַדראָט.

אַ באַזונדער טראַגישער פאַל האָט פּאַסירט מיט אונדזער לאַנדסמאַן מ. קושעל פון פּונסק, וועלכער איז אויף אַ ברוטאַלן אופן דערמאָרדעט געוואָרן, פאָרנדיק מיט דער באַן פון סואוואַלק קיין וואַרשע. ה' יקום דמו.

דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן אין פּוילן און מען האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז אַנטלויפן פון דאָרטן. זיינען אויך געלאָפן די סואוואַלקער. דורך פאַרשיידענע וועגן און וואָגלענישן איבער די גרענעצן האָבן זיי זיך אריינגעקראָגן ווי פליטים אין לאַגערן פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע זאָנעס אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. די לאַגע פון די אַריבערגעקומענע אין די לאַגערן איז געווען זייער אַ שווערע, דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי מאָראַליש געשטאַרקט, איז געווען די האָפענונג צו עמיגרירן קיין ארץ ישראל, אַמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער.

די עמיגראַציע־באַדינגונגען זיינען אָבער געווען זייער קאָמפּליצירט, דעריבער האָבן זיי געמוזט פאַרבלייבן אין די דאָרטיקע לאַגערן אַ לענגערע צייט. די סואוואַלקער פּליטים האָבן זיך מערסטנס קאָנצענטרירט אין די לאַגערן פון דאָלסהיים, איסערלאָן, ראָזענהיים, ווינדשהיים, לאַנדסבערג, שוואַב־האַל לאגער (דייטשלאנד), עדעלסבערג, האליין (עסטרייך), קרעמאנא, מילאנא, טראני, בארי (איטאַליע). זיי אַלע האָבן אַפּעלירט צו אונדז נאָך הילף און דער רעליף־קאָמיטעט האָט זיך באַמיט די אַלע בקשות צו באַפרידיקן און פון צייט צו צייט געשיקט שפּייז, פּעקלעך קליידער און מעדיצין.

אין יענער צייט האָט זיך פאַרשטאַרקט די אומלעגאַלע עליה קיין ארץ ישראל. אין אירע רייען האָבן זיך געפונען פיל סואוואַלקער, מיטמאַכנדיק די העראָאישע קאַפּיטלען פון קאַמף קעגן דער ענגלישער מאַנדאַטאָר־מאַכט, וואָס האָט געהאַלטן די טויערן פון ארץ ישראל געשלאָסן. אַ באַזונדער טראַגישער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאַר די שיף „עקזאָדוס", אויף וועלכער עס האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע סואוואַלקער, צווישן זיי חיים גרינשטיין, דער איצטיקער סעקרעטאר פון סואוואַלקער קאָמיטעט אין תל אביב.

ווי באַוואוסט, פּלעגט די ענגלישע מאַכט די גע־

כאַפּטע אומלעגאַלע עולים פאַרשפאַרן אין די קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן אויפן אינדזל ציפּערן. אַזוי ארום האָט זיך אויך דאָרט פאַרמערט די צאָל סואוואַלקער, וועלכע האָבן געשמאַכט אין נויט, געלעגן אין לייוונטענע ביידלעך אויפן הוילן זאַמד און טייל פון זיי זיינען קראַנק געוואָרן.

ווען זייער פאַרצווייפלטער רוף איז צו אונדז דער־גאַנגען, האָבען מיר זיי טעלעגראַפיש געשיקט געלט, ביז וואַנען זיי זיינען ביסלעכוויז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל.

נאָך די אַלע אַנטלויפענישן פון פוילן דורך דעם



גערַאטעוועטע יידן פון סואוואַלק און אומגעגנט פּראַוּוען דעם סדר אין ליגניצע אין יאָר תש״ז (1947). אויבן אָן זיצט מאיר געלבאַרט.

ווינטער פון 1946—1947 זיינען נאָך אַלץ פאַרבליבן עטלעכע הונדערט סואוואַלקער יידן אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד, ווי ליגניצע, דזשערזשאָנאָוו, ריכבאַך,



גערַאטעוועטע סואוואַלקער פּראַוּוען דעם סדר אין ריכבאַך. אויבן אָן גדליה סמעציכאָווסקי.

שטעטין און עטלעכע צענדליק אין סואוואַלק גופא. זיי אַלע האָבן ווייטער באַקומען הילף. אַזוי ווי אין פוילן איז ניט געווען צו קריגן קיין אַרטיקלען פאַרן רעליגיעזן געברויך, האָט דער סואוואַלקער רב זיי געשיקט פון דאַנען תפילין, טליתים, חומשים, סידורים, מחזורים, ציצית, מזוזות און יארמולקעס. אויף פסח האָבן מיר זיי געשיקט מצות, פסח׳דיקע שפּייזן, ווי אויך הגדות. אויף אַזאַ אופן האָבן אונדזערע לאַנדסלייט געקענט פּראַוּוען די סדרים, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט צוזאַמען.

גלייך נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה אין 1948 זיינען אָנגעקומען קיין ישראל פיל סואוואַלקער פליט״ים. זיי זיינען אָנגעקומען אָן מיטלען. כדי צו לינדערן זייער נויט, איז דער סואוואַלקער קאָמיטעט אין תל אביב, לויט דער איניציאַטיוו פון די לאַנדסלייט שולקעס, קויפמאַן, גוטקאָווסקי, גרינשטיין און אַנדערע מער אַקטיוויזירט געוואָרן. זיי האָבן דורכגעפירט אַ גרעסערע געלט־אַקציע און אויסגעהאָלפן די נייע עולים. די צאָל סואוואַלקער עולים האָט אָבער געהאַלטן אין איין שטייגן. צווישן זיי זיינען געווען זקנים, פרויען און קראַנקע. די פליכטן פון קאָמיטעט זיינען געוואָרן גרעסער און שווערער. דער וועד פון תל־אביב האָט דעריבער אַפּעלירט צו ניו־יאָרק, שיקאַגע און דעטראָיט, אַז מען זאָל זיי קומען צו הילף. די פאָדערונג איז פון אַלעמען דערפילט געוואָרן, און גרעסערע סומעס געלט זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צום קאָמיטעט און צו אַ סך יחידים באַזונדער.

צוליב די פיל ווענדונגען צו אונדז וועגן קליידער האָבן מיר אַקטיוויזירט אונדזער פריערדיקע קליידער־קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט דורכגעפירט דערפאָלגרייכע

אַקציעס פאַר קליידער אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר און האָט זייער פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט. אירע מיטגלידער האָבן אַליין געפּאַקט און אַוועקגעשיקט טויזנטער פונטן זאַכן קיין ישראל.

כדי די הילף פאַר די נייע עולים אין ישראל זאָל זיין פון מער קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער, האָט דער תל אביבער קאָמיטעט — לויט אונדזער פּלאַן — עטאַבלירט אַ גמילות חסדים קאַסע אויף אַרויסצוגעבן גרעסערע הלוואות. דעם ערשטן גרונט־קאַפּיטאַל פאַר דער ליי־קאַסע האָבן געשיקט די רעליף־קאָמיטעטן פון ניו־יאָרק, שיקאַגע, דעטראָיט און לאָס אַנדזשעלעס.

צוליב דער דרינגלעכער נויטווענדיקייט איז די הילפסאַרבעט פון אַלע סואוואַלקער קאָמיטעטן אין אַמעריקע במשך פון די יאָרן 1949, 1950, 1951 נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

צו פאַרגרעסערן די הכנסה פון ניו־יאָרקער קאָמיטעט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ לאָטעריי, אונטער דער אַקטיווער אָנפירונג פון דוש. גלאַדסטאָון, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 1,300 דאָלאַר.

אין די יאָרן 1950—1951 ווערט רייף דער געדאַנק ביי פאַרשיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן צו פאַראייביקן זייערע חרוב׳ע קהילות דורך אַרויסגעבן יזכור־ספרים. אַזאַ



רעדאַקציע־קאָמיסיע פונעם בוך.

פון רעכטס צו לינקס: בערל כהן, הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ, חיים זעליגסאָן, לאַזאַר פערלשטיין.

באַשלוס וועגן סואוואַלק און אומגעגנט איז אָנגענומען געוואָרן אויך דורך אונדזער קאָמיטעט.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלער בוך־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין הרב ר׳ דוד ליפשיץ, חיים זעליגסאָן און לאזאר פערלשטיין.

זומער 1952 האָט הרב דוד ליפשיץ באַזוכט ישראל. אונדזער קאָמיטעט האָט אים איבערגעגעבן אַ צאָל „סקריפּטס" צו צעטיילן פאַר די סואוואַלקער נויט־באַדערפטיקע. מיר האָבן אים אויך באַפולמעכטיקט אויסצופאָרשן די אַלע פּראָבלעמען אין שייכות מיט אונדזער הילפסאַרבעט אין ישראל.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן קומען פון הרב דוד ליפשיץ, האָט דער סואוואַלקער קאָמיטעט אין תל אביב גערופן דעם ערשטן יזכור־צוזאַמענפאָר פון אַלע סואוואַלקער אין ארץ ישראל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער לאַנדסלייט.

די רעדע פון הרב דוד ליפשיץ, אין וועלכער ער האָט געשילדערט דעם שרעקלעכן חורבן פון די יידן פון סואוואַלק און איר פּראָווינץ, האָט עלעקטריזירט די צוזאַמענגעפאָרענע לאַנדסלייט. טרערן האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן פון די פאַרזאַמלטע, דערמאָנענדיק זיך די צייט, ווען דער חשוב׳ער רב איז געווען דער פירער פון דער אינטערגעגאַנגענער סואוואַלקער קהילה.



צאתכם־לשלום פאַר הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ ערב זיין אָפּפאָר קיין ארץ ישראל ט״ו מנחם אב, תשי״ב, 5טן אויגוסט 1952.

זיצנדיק פון רעכטס : ח. זעליגסאָן, הרב הגאון ליפשיץ, ס. סקיבעלסקי, א. קוירש, סקיבעלסקי.
שטייענדיק פון רעכטס : דזש. יוליוס, ל. פערלשטיין, ל. פערלאָ, ב. גוירשען, ד. סילווערמאַן, ב. סאָלינסקי, ל. דאַנסקי, מ. מישעל.

אין דעם יזכור־צוזאַמענקום האָט אויך אנטייל־גענומען פרוי ש. גלאַדשטיין־קעניגסבערג, אַקטיווע פירערין פון סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין דעטראָיט, וועלכע איז דעמאָלט געווען אויף אַ באַזוך אין מדינת ישראל. אויך זי האָט מיטגעבראַכט „סקריפּטס" פאַר די נויטליידנדיקע. אין נאָמען פון די סואוואַלקער לאַנדסלייט אין דעטראָיט האָט זי צוגעזאָגט ממשיך צו זיין די הילפסאַרבעט.

דורך די לעצטע פאַר יאָר האָבן אַ טייל סואוואַלקער געראַטעוועטע אין ישראל זיך איינגעאָרדנט, אָבער ניט ווייניק מוזן נאָך אַלץ אָנקומען צו שטיצע. אויסער דעם מוזן מיר נאָך שיקן פון צייט צו צייט הילף פאַר אונדזערע געראַטעוועטע לאַנדסלייט, וועלכע געפינען זיך אין פאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע, פאַר אלמנות, אַלטע און קראַנקע.

טריי צו אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט־געפיל באַמיען מיר זיך דעריבער אָנצוגיין ווייטער מיט אונדזער הילפסאַרבעט פאַר די אַלע אויסגעוואָרצלטע פון סואוואַלק און אומגעגנט, וועלכע נייטיקן זיך אין אונדזער ברידער־לעכער, וואַרעמער הילף.

זאָל די צוקונפט ברענגען גליק אין זייער ווייטער־דיקן לעבן.

**חיים זעליגסאָן**

# די ערשטע סואוואַלקער אין ניו־יאָרק

1

הגם מען קען ניט וויסן גענוי, ווען די סואוואלקער עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן, וועט אָבער זיין נאָענט צום אמת די השערה, אַז די סואוואַלקער זיינען אָנגעקומען אין די זעכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אין קאָלאָמבוסעס מדינה.

אין יענער צייט האָט געהערשט אַ גרויסער הונגער אין סואוואַלקער ראַיאָן. די פאַבריקאַציע און אפילו האַנטווערקעריי איז נישט געווען אַנטוויקלט, די יידן זיינען געווען אָנגעוויזן אויפן האַנדל פון דאָרף און דאָס דאָרף איז געווען פאַראָרעמט. האָבן יידן פון סואוואַלקער געגנט גענומען אויסוואַנדערן מעבר לים. די נאָענטקייט צו דער גרענעץ פון פרייסן האָט די יידן פיל לייכטער געמאַכט די עמיגראַציע, ווי זייערע אַנדערע ברידער אין רוסלאַנד און קיניגרייך פוילן.

הונדערטער און דערנאָך טויזנטער יידן פון סואוואַלק און פון ארומיקע שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע. געפאָרן קיין אַמעריקע זיינען מענטשן פון אַלערליי קלאַסן און שיכטן. אַ סך פון די ערשטע עמיגראַנטן האָבן געשריבן בריוו אין דער אַלטער היים, אַז מען קען האָבן פרנסה, ווען מען זאָל קענען פעדלען אָדער עפענען אַ קליין געשעפט. אַזעלכע בריוו האָבן אָנגעלאָקט בעלי־מלאכות, אָרעמע קרעמערס א״אנד אין סואוואַלק און אין די אַרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן געלעבט אין דחקות און ניט געהאַט קיין אויסקוק אויף פרנסה.

איינער פון אַזעלכע קליינע קרעמערס אויף דער יאַטקע גאַס אין סואוואַלק איז געווען דער באַוואוסטער ר׳ כתריאל־צבי שרהזאָן. אין סואוואַלק האָט ער געהאַט אַ קליין פאַפיר־געשעפט מיט אַ ביסל דרוק־מאַטעריאַלן. זיין שוואָגער ר׳ מרדכי יהלמשטיין, וועלכער איז געווען אַ גרויסער משכיל און אינטעליגענט און פלעגט שרייבן אין דעמאָלטדיקן העברעאישן „המגיד“, איז נאָך אין זיין פריער יוגנט שטאַרק גע׳רודפ׳ט געוואָרן פאַר זיין השכלה, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַפיקורסות. אין 1861 איז יהלמשטיין אַנטלאָפן קיין אַמעריקע.

אינטערעסאַנט איז דאָ צוצוגעבן דעם ווייניק באַקאַנטן פאַקט, אַז מרדכי יהלמשטיין איז אויף זיין וועג קיין אַמעריקע געבליבן שטעקן אין לאָנדאָן, ווייל עס האָט אים געפעלט אויף די ווייטערדיקע הוצאות. ער האָט זיך אין לאָנדאָן געווענדט מיט בקשות צום סעקרעטאַר פון ר׳ משה מאָנטעפיאָרי, צום לאָנדאָנער רב־הכולל און צו די ראשי הקהל. צוליב זיין זייער שיינער מליצה־שפּראַך האָבן זיי אים געגעבן די נייטיקע שטיצע צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אין 1865 שרייבט יהלמשטיין פון ניו־יאָרק צו זיין שוואָגער ר׳ כתריאל צבי שרהזאָן, אַז אין אַמעריקע וואָלט ער פון אַזאַ געשעפט, וואָס ער האָט אין סואוואַלק, געקענט האָבן פרנסה בכבוד און אפילו אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג. האָט שרהזאָן געפאָלגט די עצה פון זיין שוואָגער און געקומען קיין אַמעריקע אין 1866. אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין ניו־יאָרק, פאַרבענקט ער זיך צוריק נאָך דער אַלטער היים און קערט זיך אום קיין סואוואַלק. אין 1871 עמיגרירט שוין שרהזאָן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע און באַזעצט זיך אין אַמעריקע אויף שטענדיק.



מיט דער צייט זיינען די ביידע סואוואַלקער שוואָגערס געוואָרן די פּיאָנערן פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע. שרהזאָנס שוואָגער יהלמשטיין האָט אין 1865 אַרויסגעגעבן אַ צייטונג אונטערן נאָמען „ניו־יאָרקער אידישע צייטונג“, וואָס איז גיך אונטערגעגאַנגען. ר׳ כתריאל שרהזאָן האָט זיך געלערנט פון יהלמשטיינס דערפאַרונג און האָט אַליין אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט „די אידישע גאַזעטען“ אין זיין דרוקעריי אויף איסט בראָדוויי, נישט ווייט פון יידישן בית עולם אויף טשעטעם סקווער. אין 1885 זיינען די „גאַזעטען“ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „יודישעס טאַגעבלאַט“. אַזוי ווי אין יענער צייט האָבן די סואוואַלקער יידן געהאַלטן, אַז יידיש איז אַ מין „זשאַרגאָן“ און דייטש איז שענער, פלעגן זיי אין געזעלשאַפט ריידן האַלב־דייטש און די סואוואַלקער ארויסגעבערס האָבן אָנגערופן זייער צייטונג מיטן דייטשן נאָמען „יודישעס טאגעבלאט“.

אין 1870 האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק די ערשטע סואוואַלקער שול מיטן נאָמען „משכן ישראל־אנשי סובאלק“. די שול האָט זיך געפונען אַ לאַנגע צייט אויפן ערשטן שטאָק פון 5 איסט בראָדוויי. אַזוי ווי ר׳ כתריאל צבי שרהזאָן פלעגט דאָרטן שטענדיק דאַווענען, איז ער געוואָרן איר פרעזידענט און פירער. זייענדיק תמיד אַן עוסק בצרכי ציבור, האָט ער מיט דער הילף פון די מיטגלידער פון דער שול שפּעטער געגרינדעט די „מחזיקי תלמוד תורה“ אויף איסט בראָדוויי, וואָס עקסיסטירט נאָך עד היום. דער צווייטער פרעזידענט פון דער דערמאָנטער תלמוד תורה איז געווען פיליפּס, אַ געוועזענער שמש פון בית המדרש אין סואוואַלק.

שפּעטער האָט שרהזאָן געהאָלפן אויפשטעלן דעם „בית ישראל“ שפּיטאָל, כדי אונדזעריקע יידן זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו די קראַנקנהייזער, וואָס זיינען דעמאָלט אויסגעהאַלטן געוואָרן פון די דייטשע יידן, וואו מען איז ניט געווען אָפּגעהיט אין הלכות כשרות, ווייל מאכל טריפות איז געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג ביי די דייטשע יידן.

אין יענער צייט האָבן די דייטשע יידן אָנגעפירט מיט אַן אָרגאַניזאַציע „היברו אימיגרענט אייד סאָסייעטי“, וואָס פלעגט זיך אָפּגעבן מיט העלפן ניי־אַריבערגעקומענע יידן. מזרח־איראָפּעאישע יידן זיינען דורך די

„יאהודים" באהאַנדלט געוואָרן ווי שנאָרערס און בעטלערס. שרהזאָן האָט זיך דאָס גענומען צום האַרצן און געהאָלפן גרינדן אַ „הכנסת אורחים", לויטן אַלטן סואוואַלקער שטייגער, וואו מען האָט אויפגענומען יעדן יידן בסבר פנים יפות. די „יאהודים" האָבן עס ניט געקענט פאַרטראָגן און האָבן אָנגעווענדט פאַרשיידענע אינטריגעס, ביז עס איז זיי סוף־כל־סוף געלונגען צו פאַראייניקן דעם „הכנסת אורחים" מיט זייער חברה אונטער איין נאָמען, וואָס איז שוין צענדליקער יאָרן באַוואוסט אין דער פאַרקירצטער פאָרעם „האַיאַס".

אָנהייב אַכציקער יאָרן הייבט זיך אָן אין רוסלאַנד אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס האָט אויך דערגרייכט פּוילן. באַזונדערס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף סואוואַלקער יידן דער פּאָגראָם אין וואַרשע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג און אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען 12 יידן. די מורא פאַר פּאָגראָמען האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע מאַסן־עמיגראַציע פון די רוסיש־פּוילישע יידן, בתוכם אויך פון סואוואַלק, קיין אַמעריקע. צוליב דעם גרויסן אָנשטראָם פון מאַסן סואוואַלקער פון יענער זייט ים, איז די שול „משכן ישראל אנשי סובאלק" געוואָרן ענג און מען האָט גענומען פּלאַנעווען צו בויען אַ גראַנדיעזע שול אויף קריסטי גאַס. די בעלי בתים פון שול האָבן ניט געהאַט קיין סך געלט אויף אַזאַ אונטערנעמונג, איז מען אריינגעקראָכן אין גרויסע חובות. כדי צו דעקן די געוויינלעכע הוצאות און די גרויסע חובות, האָבן די פירערס פון דער סואוואַלקער שול אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ברענגען אַ באַרימטן חזן, וואָס זיין נאָמען זאָל צוציען אַלע יידן אין שול און דורך דעם זאָל מען פאַרגרעסערן די הכנסה און מען זאָל קענען אָפּצאָלן די אַלע חובות.

אין יענער צייט איז געווען אין סואוואַלק אַ חזן מיטן נאָמען ר' חיים ווינשעל. ער האָט גע'שמ'ט אין סואוואַלק און אין די אַרומיקע שטעט מיט זיין פיינער חזנישער שטימע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד העברעאישע לידער אונטערן נאָמען „נטעי נעמנים". דעם דאָזיקן ר' חיים ווינשעל האָבן די סואוואַלקער יידן ארונטערגעבראַכט קיין אַמעריקע. זיין דאַוונען אין דער נייער סואוואַלקער שול אין ניו־יאָרק האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. די באַאמטע פון די איבעריקע שולן האָבן מורא געהאַט, אַז פיל פון זייערע מיטגלידער וועלן אַריבער צו דער סואוואַלקער שול. ביחוד איז געווען אין גרויס שרעק די קאַלוואַריער שול „חברה קדישא בני ישראל אנשי קאַלוואַריע", וואָס האָט אַרונטערגעבראַכט צו זיך דעם באַרימטן חזן ר' ישראל קופּער, ווי אַ קאָנקורענט צום סואוואַלקער נייעם חזן.

אַ דאַנק דעם גרויסן דערפאָלג פון דעם חזן ר' חיים ווינשעל האָט די סואוואַלקער שול אָפּגעצאָלט אירע חובות און איז געוואָרן איינע פון די רייכסטע שולן אין ניו־יאָרק. מען זאָגט, אַז דער באַרימטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט וואָלטער ווינטשעל איז אַ קרוב פון חיים ווינשעל.

אין 1887 איז גערופן געוואָרן אין בית מדרש הגדול פון ניו־יאָרק אַן אסיפה פון אַלע אָרטיקע שולן און בתי מדרשים וועגן אריינברענגען אַ סדר אין די ענינים פון כשרות, איסור והיתר וכדומה. עס איז אויך געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אויסקלייבן אַ רב הכולל פאַר ניו־יאָרק, וואָס זאָל זיין דער פּוסק אחרון. צווישן די פאַרשיידענע פאָרלייגן וועגן די גרעסטע רבנים גאונים, וואָס מען האָט געוואָלט ברענגען ווי אַ רב הכולל פון ניו־יאָרק, ווי ר' מאיר ליבוש מלבים אָדער דעם קאָוונער גאון ר' יצחק אלחנן, האָבן די סואוואַלקער, און צווישן זיי דער אַלטער יאגוסטאָווער באַנקיר יארמולאָווסקי, אַרויסגערוקט די קאַנדידאַטור פון הרב ר' הלל ליעבשיץ, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין סואוואַלק, הרב ליעבשיץ איז געווען אַ גרויסער גאון און אַ חוץ דעם אַ וועלטלעכער מענטש און קענער פון שפּראַכן, בעיקר פון דייטש. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ קעגן־געוויכט קעגן די רעפאָרמירטע ראַביים, וואָס האָבן געפּרעדיקט אין דייטש און האָבן געהאַט אַ נישט צו טיפן באַגריף פון אמת'ער יהדות און פון הלכות איסור והיתר.

דער פאָרלייג וועגן סואוואַלקער רב איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. עס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן זיך צו ווענדן צו הרב ר' הלל ליעבשיץ, אַז ער זאָל ווערן דער רב הכולל אין ניו־יאָרק. דער גאון ר' הלל ליעבשיץ האָט אָבער דעם פאָרלייג מפני כמה טעמים ניט אָנגענומען — און דער רב־הכולל איז דעמאָלט געוואָרן דער ווילנער שטאָט־מגיד ר' יעקב יוסף.

אין יענער צייט זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אַ סך סואוואַלקער משכילים און אינטעליגענטן דורך ענגלאַנד. צווישן די ניי־געקומענע איז אויך געווען דער אינטעליגענט און משכיל אפרים שפּינדלמאַן, פון דער סואוואַלקער פאַמיליע, וואָס פלעגט פאַבריצירן שוועבעלעך און מען האָט זיי גערופן שוועבל־מאַכערס.

שפּינדלמאַן האָט מיטגעאַרבעט אין העברעאישע און יידישע צייטשריפטן. זיין ברודער יעקב איז געווען אַ לאַנגע צייט סעקרעטאַר פון „בני ציון" אָרדן. ער האָט צוזאַמען מיט לואי ליפּסקי אָרגאַניזירט די „דזשודעא לייף אינשורענס קאָמפּאַני" און האָט אַרויסגעגעבן מיט העברעאישע אותיות „בר מצוה" פּאָליסיס, „לחיים ולא למות" פּאָליסיס אאז"וו. שפּעטער איז די קאָמפּאַניע אָרגאַניזירט געוואָרן ווי די „איסטערן לייף אינשורענס קאָמפּאַני", וואָס פאַרנעמט ביז היינט אַ בכבוד'יקן פּלאַץ צווישן די לעבנס פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן אין אַמעריקע. יעקב שפּינדלמאַן איז געווען סעקרעטאַר פון דער איינציקער, אמת יידישער „לייף אינשורענס קאָמפּאַני" אין אַמעריקע ביזן סוף פון זיינע יאָרן.

אין יענער צייט איז אויך אָנגעקומען קיין אַמעריקע דער באַרימטער סואוואַלקער פּעדאַגאָג און למדן גרשון ראָזנצווייג. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „יודישעס טאַגעבלאַט" און פלעגט דאָרטן כמעט אַלע טאָג שרייבן (אין העברעאיש) אונטערן קעפּל „מכתמים מיום יום". ראָזנצווייג האָט געהאַט אַ רעסטאָראַן אויף דער איסט בראָדוויי, וואו די שענסטע יידישע אינטע־

ליגענץ פלעגט זיך פאַרזאַמלען. זיינע „מכתמים" זיינען געווען קורץ און וויציק און אין לייכטן העברעאיש. ער איז אויך דער מחבר פון „מסכת ינקאי".

אין יאָר 1892 קומט אָן קיין ניו־יאָרק דער סואוואַלקער ר׳ בערל לייב פרידמאַן, אַ תלמיד פונעם גאון ר׳ חיים פיליפּאָווער. פרידמאַן איז מיט דער צייט געוואָרן רב און ראטשעסטער. פריער איז ער געווען אַ העברעאישער לערער, איינער פון די אַקטיווע חובבי־ציון און ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון דער וואַרשעווער „הצפירה".

ר׳ בערל לייב פרידמאַן איז ווי אַ רב פון ראטשעסטער, נ. י., געווען אַ מקיל אויף פיל דינים, שטיצנדיק זיך אויף זיין גרויסן רבי׳ן. ער האָט געהאַט אויסצושטיין פיל קריטיק. אין עלטער פון 75 יאָר איז ער געשטאָרבן אין אינדיאַנאַפּאָליס, מינעסאָטאַ.

אין די 80ער יאָרן קומט קיין אַמעריקע מאָריס ראָזענפעלד, וועלכער האָט זיך יונגערהייט געלערנט שניידעריי אין סואוואַלק. אין אַמעריקע ווערט ראָזענפעלד אַ פּרעסער אין אַ שניידער־פאַבריק, וואו ער מאַכט אַליין דורך די אַלע צרות אין די דעמאָלטדיקע „סוועטשעפּער". ער פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין „טאַגעבלאַט" און אין „פאָרווערטס" איבער די ביטערעליידן פון דעם אַרבעטער און ווערט גיך באַרימט, ווי איינער פון די בעסטע יידישע פאָלקסדיכטערס אין דער וועלט.

אָנפאַנג איצטיקן יאָרהונדערט הייבן אָן קומען קיין אַמעריקע סואוואַלקער מלמדים און לערערס. קיין ניו־יאָרק איז געקומען דער סואוואַלקער מלמד דושקין, אַ גוטער תנ״ך־קענער און פיינער העברעער, מיט זיינע צוויי זין. איינער פון זיי, וועלכער האָט שטודירט אין שיקאַגע, ד״ר אלכסנדר דושקין, איז געווען דער פאָרזיצער פון דער יידישער „באָרד אָף עדיוקיישאָן" אין ניו־יאָרק. ער איז געווען פּראָפעסאָר אין העברעאישן אוניווערסיטעט פון ירושלים. דער צווייטער זון, שמואל דושקין, איז געוואָרן באַקאַנט ווי אַ פידלער. ער האָט געגעבן קאָנצערטן אין ניו־יאָרקער קאַרנעגי האָל, ווי אויך אין פּאַריז און אַנדערע באַרימטע צענטערס פון דער וועלט.

אין דער זעלביקער צייט איז געקומען קיין אַמעריקע הרב ר׳ משה שטערמאַן, וועמען מען האָט אין סואוואַלק גערופן „דער ווערזשבאָלאָווער". ער איז געווען אַ גרויסער למדן און בקי בש״ס, דער צווייטער צום ראש ישיבה אין סואוואַלק ר׳ צבי הירש רעזניק, באַקאַנט אונטערן נאָמען ר׳ הירשל מייטשעטער. אין ניו־יאָרק איז הרב שטערמאַן געווען ראש ישיבה פון „ישיבה ד׳הארלעם" און איינער פון די הויפּט־משגיחים איף ניו־יאָרקער שחיטה־הייזער.

ווייס, דער מלמד פון סואוואַלק, אַ גוטער העברעער און משכיל, לערנט אין ניו־יאָרק העברעאיש מיט בחורים פון אַ רייכן יידישן קלאַס און גיט דאָ אַרויס אַ בוך „טלטולי גבר", וואָס שילדערט פּאַסירונגען פון סואוואַלק און אַנדערע ערטער.

אין עטלעכע יאָרן אַרום איז אויך געקומען קיין ניו־יאָרק הרב ווייל, וועלכער האָט געהאַט פאַרנומען אין סואוואַלקער תלמוד תורה וישיבה דעם פּלאַץ פון הרב שטערמאַן. הרב ווייל איז געווען משגיח אין ישיבת ר׳ יצחק אלחנן.

2

די שול „משכן ישראל אנשי סובאלק", געגרינדעט אין 1870, האָט זיך דערפאָלגרייך אנטוויקלט. דער גרעסטער טייל לאַנדסלייט פון די שטעטלעך ארום סואוואַלק זיינען געווען אירע מיטגלידער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די שול „חברה קדישא אנשי קאלווארי" איז געשאַפן געוואָרן שוין אין 1862 און האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען אַריינצוציען ווי מיטגלידער סואוואַלקער לאַנדסלייט. אָבער צווישן די פירערס פון „משכן ישראל" און דער מיטגלידערשאַפט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת, וואָס האָט געפירט צו אַ שפּאַלטונג צווישן אַ טייל סואוואַלקער און לאַנדסלייט פון ארום סואוואַלק. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אַ צאָל סואוואַלקער לאַנדסלייט האָבן זיך אָפּגעריסן פון „משכן ישראל אנשי סובאלק" און געשאַפן אַן אייגענע שול אויף פאָרסייט סטריט אונטערן נאָמען „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק". מיטן נאָמען האָבן די אָפּגעשפּאָלטענע געוואָלט באַצייכענען, אַז נישט נאָר יידן פון שטאָט סואוואַלק, נאָר אויך לאַנדסלייט פון ארום סואוואַלק קענען זיין צווישן די פירערס. דאָרטן איז טאַקע איין מאָל געווען פּרעזידענט אַ פשעראָסלער, אַ צווייט מאָל — אַ ראצקער, אַ סייניער אאז״וו.

נאָך דער שפּאַלטונג האָט „משכן ישראל" ווייניק פּראָגרעסירט. אָפּגעשוואַכט איר וואוקס האָט אויך די גרויסע שריפה אין דער שול סוף נײַנציקער יאָרן. נאָך דער שריפה האָט די חברה אָפּגעקויפט אַן אַלטן רעפאָרעם־טעמפּל אויף 400 הענרי סטריט פאַר דער סואוואַלקער שול.

דער בית התפילה „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק" איז זיך דעמאָלט שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן און גיך געוואָרן איינע פון די פירנדיקע שולן אין ניו־יאָרק.

אין דער דאָזיקער שול איז 18 יאָר געזעסן אויפן כסא הרבנות דער סואוואַלקער ר׳ מרדכי דאָקטאָר. ער איז געווען אַן איידעם פון דער פאַמיליע קרוטשעניסקי. געלערנט אין ווילנע אין ראמיילעס קלויז און געהאַט סמיכה פון די ווילנער רבנים. אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט איז אין סואוואַלק אויסגעבראָכן די מגפה פון סקאַרלעטין. ביי ר׳ מרדכי דאָקטאָר זיינען אַלע דריי קינדערלעך אויסגעשטאָרבן אין זייער אַ קורצער צייט. נישט קענענדיק אויסהאַלטן דעם גרויסן צער, האָט ר׳ מרדכי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן סואוואַלק, אַוועקגיין קיין אַמעריקע און פּרואוון בייען אַ ניי לעבן.

ר׳ מרדכי איז תחילת געוואָרן דער סעקרעטאַר פון „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק" און דערנאָך אויך זייער רב.

הרב ר׳ מרדכי דאָקטאָר האָט פאַרפאַסט אַ ספר

„דרשות ונאומים" אין צוויי טיילן. דער ספר איז אין יענער צייט געווען דאָס טעקסטבוך פאַר דרשות און דברי־תורה פאַר פיל רבנים און מגידים אין די שולן פון אַמעריקע.

האָבנדיק אַן „אייגענעם" פאַר אַ רב און אײַנגעוואוינענדיק זיך מיטן סוואַלקער דרך אין דרשות, האָבן אַ טייל סוואַלקער מיטגלידער פון „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק" זיך אויך פאַרבענקט נאָך אַ היימישן סוואַלקער בעל־תפילה, וואָס זאָל אָנוואַרעמען די נשמה. האָבן זיי טאַקע אָנגענומען אַ החלטה אַראָפּצוברענגען אויף עטלעכע חדשים ר' אשר רובינשטיין, וועלכער איז געווען אַ טייערער „זאגער". אין 1902 שטייט שוין דער אַלטער ר' אשר רובינשטיין ביים עמוד און מיט זיין מתיקות'דיקן טראַדיציאָנעלן נוסח און קלינגענדיקן קול נעמט ער דורך אַלע מתפללים. די ייִדן אין שול דענקען, אַז זיי זיצן אין אַמאָליקן בית־מדרש, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

3

וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן זיינען געווען די בעלי־בתים פון די שולן „משכן ישראל אנשי סובאלק" און פון „כל ישראל אנשי פוילין מסובאַלק"? איינער פון די מיטגלידער פון „משכן ישראל", וואָס די שול האָט זיך אַזוי גע'יחס'נט מיט אים, איז געווען דער ריכטער ראָזאלסקי, אַ זון פון אַ ראצקער קצב, וועלכער האָט זוכה געווען אין אַמעריקע דערהייבן צו ווערן צו זיין דער ריכטער אין די „דזשענעראל סעשאַנס" (קרימינאַל־געריכט) — אַ זאַך, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זעלטנקייט צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן. אַ צווייטער חשוב'ער מיטגליד פון „משכן ישראל" איז געווען דער שוין דערמאָנטער מר. פיליפּס. אין סוואַלק איז ער געווען אַ שמש אין בית מדרש און אין אַמעריקע איז ער געוואָרן איינער פון די רייכסטע העמדער־פאַבריקאַנטן. זיין פירמע האָט זיך גערופן „פיליפּס דזשאָינט קאָר־פּאָריישאַן". און כאָטש מר. פיליפּס האָט באַשעפטיקט אַרבעטערס פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן, איז זיין פאַבריק געווען שבת געשלאָסן.

די פאַמיליעס ראָזנבערג און גלאַדשטיין זיינען געווען צווישן די הויפּטטוערס פון „משכן ישראל" כמעט ביז דעם אונטערגאַנג פון דער שול.

די מיטגלידער פון „כל ישראל אנשי פוילין מ־סובאלק" זיינען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון בעלי־בתים קרעמערס און קלענערע געשעפטסלייט. ס'זיינען אָבער געווען אויך שטאַרק אויפגעקומענע גבירים. איינער פון זיי איז געווען משה ליוויי. זיין פירמע האָט געטראָגן דעם נאָמען „ליוויי ענד סאָנס". צו טראָגן אַן אָנצוג פון זיין געשעפט איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער יחוס, מחמת ניט אַלע האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן אַזאַ הויכן פּרייז.

אַ מיטגליד פון „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק" שול איז אויך געווען שמאי ראָזנטאַל, וועלכער האָט רעקלאַמירט אויפן שילד פון זיין וויינגעשעפט די אויפ־שריפט „שמאי ראָזנטאל ענד קאָמפּאַני פון סוואַלק". אויך אַנדערע האָבן ניט פאַרגעסן אָנצוגעבן אויפן שילד זייער סוואַלקער יחוס, ווי: „גאָטליב קרעמער מסובאלק", „יצחק גאָלדבערג מסובאלק" אאז"וו. און טאָמער איז איינער געווען אַ שוחט אָדער מוהל — האָט ער אויפגעשריבן אויף זיין שילד דעם נאָמען פון זיין היימשטאָט, ווי, צום ביישפּיל, „אביגדור הכהן שוחט ומוהל מ־סובאלק".

וואָס איז געוואָרן פון יענע היסטאָרישע סוואַלקער שולן?

די „משכן ישראל" שול איז פאַרקויפט געוואָרן. די לעבן געבליבענע בעלי־בתים האָבן געקראָגן אַ חלק פון די אָנגעזאַמלטע געלטער און דאָס איבערגעבליבענע איז אָוועקגעגעבן געוואָרן צו דער „ישיבת ר' יצחק אלחנן". די שול „כל ישראל אנשי פוילין מסובאלק" איז אויך פאַרקויפט געוואָרן. אַ גריכישער קלויסטער פאַרנעמט איר אָרט עד היום הזה. די חברה פון „אנשי פוילין מסובאלק" האָט שפּעטער אויפגעבויט אַן אַנדער שול אויף דער 114טער גאַס, וואו די מערסטע מיט־גלידער האָבן זיך באַזעצט אָנהייב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. זי איז געווען אַ פּראַכטפולע שול, אָבער געהאט דעם זעלביקן מזל, ווי די שול אויף פאָרסייט סטריט — זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצן קלויסטער, וואָס דער „פאַדהער דיווין" האָט געמאַכט פאַר זיין ערדישן גן־עדן...

אָט אַזוי ענדיקט זיך די געשיכטע פון די צוויי וויכטיקע גרויסע שולן, וועלכע די סוואַלקער ייִדן האָבן אויפגעבויט אין ניו־יאָרק.

*

נאָך דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און נאָך די רעוואָלוציע־יאָרן פון 1905 אין רוסלאַנד קומען אָן קיין אַמעריקע זייער פיל ייִדישע יונגעלייט פון סוואַלקער געגנט. אַ סך פון די נייע סוואַלקער זיינען פאַרבליבן אין ניו־יאָרק. די דאָזיקע יונגעלייט האָבן זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו די אַלע ייִדישע חברות און געזעל־שאַפטן און ביים צוזאַמענטרעפן זיך אין נייעם לאַנד הייבן זיי אָן צו קלערן וועגן שאַפן אַ שטענדיקע אָרגאַניזאַציע, וואו מען זאָל זיך פילן היימיש, און וועלכע זאָל אויך גלייכצייטיק ארויסהעלפן אין צייט פון נויט אָדער אומגליקפאַל.

די איניציאַטיוו איז געקומען פון יעקב מארקסאָן, וועמען די סוואַלקער האָבן גערופן „יאַנקל דער סטעלמאַכער". ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געזעל־שאַפטלעכן חוש, וועלכער האָט נאָך ווי אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער ארמיי אָרגאַניזירט די ייִדישע סאָלדאַטן פון זיין אָפּטייל אין פּעטערבורג צו קריגן פון דער ייִדישער קהילה פאַר זיי פּסח'דיקע מאכלים און אַנדערע ייִדישע הצטרכות'ן.

ווייסנדיק ווי וויכטיק עס איז ביי אַזאַ סיטואַציע צו זיין געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט, האָט יעקב מארקסאָן צוגעצויגן צו זיך נאָך עטלעכע פון די אַלטע און

נייע חברים פון די סואוואַלקער און אין חודש אויגוסט 1905 האָט ער אָרגאַניזירט דעם סואוואַלקער פאַראיין אונטערן נאָמען „אינדעפּענדענט סואוואַלקער בענעוואָלענט אסאָסיאיישן". בעת זיין גרינדונג האָט דער פאַראיין געציילט 7 מיטגלידער. דער הויפּטציל פון דער נייער חברה איז געווען צו געבן שטיצע די מיטגלידער בעת אַ קראַנקייט, לעבנס־פאַרזיכערונג און קרקע לאחר מאה ועשרים שנה.

אַ טייל פון די ניי־געקומענע סואוואַלקער פון 1905־1906 האָבן זיך אין ניו־יאָרק אָרגאַניזירט אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט אונטערן נאָמען „סואוואַלקער יאָנג־מענס בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן". זייער אויפגאַבע איז אין אָנהייב געווען נאָר אַ געזעלשאַפטלעכע. זיי פלעגן איינאָרדענען לעקציעס און דיסקוסיעס אויף זייערע מיטינגען און מאַכען געזעלשאַפטלעכע פאַרווייַלונגען פאַר די מיטגלידער. אָבער גאָר גיך האָבן זיי אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן קרקע און אַנדערע פאַרזיכערונגען פאַר די מיטגלידער. אַ טייל פון די נייע אימיגראַנטן איז נישט געפעלן געוואָרן די פּראָגראַם פון „יאָנגמענס בענעוואָלענט אסאָסיאיישן". די פּלאַנירונג וועגן קרקע און נאָך אַזעלכע מינים אַרבעט האָט זיי אַבסאָלוט ניט צופרידנגעשטעלט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוליב דעם חלוקי דעות און די אָנגעוויזענע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין גיכן אויפגעלייזט. אַ טייל פון די מיטגלידער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער „אינדעפּענדענט בענעוואָלענט אסאָסיאיישן פון די סואוואַלקער".

צווישן די יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען פון סואוואַלק נאָך דער דורכגעפאַלנער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער אַלטער היים אנטיילגענומען אין „בונד", „פּועלי ציון", „ס. ס." (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן) און אַנדערע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקסיסטירט אויך אין סואוואַלק. אָט די יונגעלייט האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו קיין איינער פון די דערמאָנטע ניו־יאָרקער אָרגאַניזאַציעס פון די סואוואַלקער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אידעאָלאָגישן הינטערגרונט. אָבער ווייסנדיק, אַז אין „אינדעפּענדענט סואוואַלקער בענעוואָלענט אסאָסיאיישן" געפינען זיך אויך אַזעלכע מיטגלידער, וואָס זיינען בלב ונפש פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפטלעכקייט, האָבן זיי זיך געווענדט צו יעקב מארקסאָן וועגן שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע. מארקסאָן האָט צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר פון ביאַליסטאָק — אַ געוויסן ל. קאָן, וואָס האָט געאַרבעט אין סואוואַלק ווי אַ בלעכער און איז געווען טעטיק אין „בונד" — דעמאָלט אָרגאַניזירט אין ניו־יאָרק אַ גרופּע סואוואַלקער יונגעלייט פון ארום 50 אין צאָל און געשאַפן פון זיי אַ צווייג פון אַרבעטער־רינג אונטערן נאָמען „סואוואַלקער פּראָגרעסיוו סאָסייעטי בראַנטש 302 אַרבעטער־רינג". די דורכשניטלעכע עלטער פון די יונגעלייט איז געווען פון 18 ביז 20 יאָר. אַ טייל פון זיי זיינען קיין מאָל נישט געווען טעטיק אין קיין פּאָליטישע פּאַרטייען, נאָר צוליב די לאַנדסלייט אין דער זעלביקער עלטער האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אָרגאַניזאַציע. נישט זייענדיק באַגייסטערט פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע, זיינען מערערע מיטגלידער אָפּגעפאַלן. אַנדערע, ווידער, וועלכע האָבן געפונען גוטע געשעפט־פאַרבינדונגען און זיינען נתעשר געוואָרן




קעפּל פון זשורנאַל, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן סאָוואַלקער־ווילקאָווישקער „אַרבעטער־רינג" בראַנטש 300 אין 1941.



עקזעקוטיווע און באַאַמטע פון סואוואַלקער פרויען־פאַראיין אין ניו־יאָרק אין 1955.
זיצן פון רעכטס צו לינקס: סילוויע זעליגסאָן, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, סילוויע גיורשען, פּרעזידענט, איוואַ גלאַדסטאָון, פינאַנץ־סעקרעטאר, י. ל. ליווי, קאַסירערין.
שטייען: פרוי קליינבערג, העלען וולאַדקאָווסקי, ס. מישעל, ט. ל. פּערלשטיין, גערטרוד סאַלינסקי, ג. שיינפילד.

מיט דער צייט, זיינען בכלל אַוועק. אַ טייל זיינען זיך צעפאָרן אין אַנדערע שטעט. איבערגעבליבענע רעשטלעך האָבן זיך פֿאַראייניקט מיטן אַרבעטער־רינג־צווייג „ווילקאָווישקער, מאַריאַמפּאָלער און קאַלוואַריער ברענטש 300 אַרבעטער־רינג", וואָס איז באַשטאַנען פֿון אָפּשטאַמיקע פֿון אַנדערע שטעט אין סואוואַלקער גובערניע. דער פֿאַראייניקטער צווייג האָט זיך גערופֿן „סואוואַלקער־ווילקאָווישקער ברענטש 300 אַרבעטער־רינג".

אין 1922 האָבן די פֿרויען אָרגאַניזירט די „סובאַלקער לײדיס עקזילערי". זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט שטיצן יידישע אינסטיטוציעס אין סואוואַלק, ווי די תלמוד־תורה, מושב זקנים וכדומה. זיי האָבן אויך געהאָלפֿן עטלעכע אַנשטאַלטן אין ארץ־ישראל און אין אַמעריקע, ווי אויך יחידים לאַנדסלייט. די ערשטע פּרעזידענטין איז געווען פֿרוי ריינשרייבער, נאָך דעם פֿרוי לאָוב און פֿרוי ס. גערשען, די לעצטע פּרעזידענטין.

כמעט אַלע סואוואַלקער אָרגאַניזאַציעס אין ניו־יאָרק זיינען מיט דער צייט אונטערגעגאַנגען. געבליבן עד היום איז בלויז די איינציקע „אינדעפּענדענט סואוואַלקער בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן" און דער סואוואַלקער ברענטש 300.

אברהם קויפמאַן
תל אביב

# סואוואַלקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל

אין יאָר 1944 האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ארץ ישראל די ערשטע סואוואַלקער פּליטים.

שוין פֿיל פֿריער האָבן מיר געלייענט אין ארץ־ישראל'דיקער פּרעסע שוידערלעכע שילדערונגען וועגן דעם, וואָס די נאַציס טוען מיט אונדזערע ברידער אין פּוילן און אַנדערע לענדער.

אָבער די דערציילונגען, וואָס מיר האָבן געהערט דירעקט פֿון אונדזערע סואוואַלקער, האָבן איבערגעשטיגן יעדע מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע מיט זייער גרויל און פּיין.

פֿאַר אונדז איז געווען קלאָר, אַז מיר מוזן טאָן עפּעס, כדי צו העלפֿן די סואוואַלקער, וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן קיין ארץ ישראל.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט די נויטווענדיקייט צו שאַפֿן אַ צענטראַלן קאָמיטעט פֿון סואוואַלקער לאַנדסלייט, כדי מען זאָל אויף אַ בעסערן אופֿן קענען אָרגאַניזירן די הילף.

צו דעם צוועק האָט דער שרייבער פֿון די שורות צוזאַמען מיט בערל סימענסקי און רחל זילבערמאַן־רייכמאַן גערופֿן אַן אַלגעמיינע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אין גרויסן זאַל פֿון „אהל־שם" אין תל־אביב.

עס זיינען געווען חלוקי־דעות וועגן גאַנצן ענין.

אַ טייל פֿון אונדזערע סואוואַלקער זיינען געווען קעגן שאַפֿן לאַנדסמאַנשאַפֿטן. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז מיר האָבן דאָ אַ „סוכנות", וועלכע וועט שוין זאָרגן פֿאַר אַלעמען. זיי האָבן אויך מאָטיווירט, אַז דאָס טיילן נדבות וועט נאָר אַריינברענגען דעמאָראַליזאַציע אין שנאָרעריי צווישן אונדזערע ברידער עולים.

די מערהייט איז אָבער געווען פֿאַרן גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט, ווייל אויף אַזאַ אופֿן וועט מען קענען געבן הילף אונדזערע סואוואַלקער פּליטים.

אויף אונדזער ערשטן רוף זיינען געקומען 125 סואוואַלקער פֿון אַלע עקן לאַנד.

דער ערשטער שריט פֿון קאָמיטעט איז געווען צו פֿאַרבינדן זיך מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין אַלע טיילן וועלט, און דער עיקר אין אמעריקע, ווייל פֿאַר אונדז איז קלאָר געווען, אַז אָן דער הילף פֿון אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער וועט די געפּלאַנטע הילפֿסאַרבעט ניט זיין ממשות'דיק. ביחוד איז דאָס נייטיק געווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען עס זיינען געקומען קיין ישראל הונדערטער סואוואַלקער פּליטים.

אַ דאַנק דעם רעליף־קאָמיטעט בראש מיט הרב ר' דוד ליפּשיץ, ח. זעליגסאָן, ל. פּערלשטיין, פּערלאָ אין ניו־יאָרק, שמואל בערנשטיין און הרב פּינקוס פֿון שיקאַגע און פֿיל אַנדערע האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפֿן סוואַלקער שארית הפּליטה מיט געלט, שפּייז און קליידער.

די מערהייט פֿון זיי זיינען געקומען אָרעם און נאַקעט, אויסגעשעפּט פֿיזיש און צעבראָכן גייסטיק. דער עצם פֿאַקט, אַז עס עקסיסטירט אַ קאָמיטעט פֿון סואוואַלק און אומגעגנט האָט זיי דערמוטיקט און געשטאַרקט.

אַ טייל פֿון דעם קאָמיטעט האָט שוין געוואָלט עטלעכע מאָל ליקווידירן דעם סואוואַלקער קאָמיטעט. זייער טענה איז געווען, אַז מיר האָבן געגעבן די נייע עולים די ערשטע הילף און מען טאָר זיי נישט צוגעוואוינען צו לעבן פֿון שנאָרעריי. אָבער דער אמת איז, אַז צווישן די ניי־געקומענע סואוואַלקער זיינען געווען אַלטע, קראַנקע, נערוועזע און אינוואַלידן, וואָס אָן אַ קאָמיטעט פֿון אייגענע לאַנדסלייט וואָלט זיי דאָס לעבן אין אַ ניי לאַנד פֿיל שווערער געווען. דעריבער איז אויך דער קאָמיטעט געבליבן ווייטער עקסיסטירן.

די אויפֿגאַבן פֿון קאָמיטעט זיינען נישקשה'דיקע. עס זיינען פֿאַרטיילט געוואָרן אַ סך הלוואות, שפּייז־פּאַקעטן און קליידער פֿאַר איבער 160 סואוואַלקער פֿאַמיליעס, וועמען איין מאָל און וועמען עטלעכע מאָל. די הילף איז געווען זייער נייטיק און ניצלעך.

צווישן די אַקטיווע טוערס פֿון ישראל'דיקן קאָמיטעט זיינען געווען שלמה שולקיס און משה גאָלדשטיין.

חתימות פון סואוואַלקער בעלי-בתים אויף אַ שטר מכירת חמץ אין 1939 —
ערב דעם גרויסן חורבן.



חתימות פון סואוואלקער בעלי־בתים אויף אַ שטר מכירת חמץ אין 1939 — ערב דעם גרויסן חורבן.



חתימות פון סואוואַלקער בעלי־בתים אויף אַ שטר מכירת חמץ אין 1939 — ערב דעם גרויסן חורבן.



חתימות פון סואוואלקער בעלי־בתים אויף אַ שטר מכירת המין אין 1939 —
ערב דעם גרויסן חורבן.



# הורבן

קול ברמה נשמע,
נהי בכי תמרורים:
רחל מבכה על בניה,
מאנה להנחם.

(ירמיה ל״א)

יחזקאל בערלזאָן

# חורבן סואוואַלק

די אָנגעצויגנקייט צווישן פּוילן און דייטשלאַנד איז אין די זומער־חדשים פון 1939 אַלץ מער געוואַקסן, באַשולדיקונגען און קעגן־באַשולדיקונגען זיינען געפאַלן יעדן טאָג. די געפאַר פון אַ דייטשן אָנגריף אויף פּוילן איז געוואָרן אַלץ דראָענדיקער. אָבער די יידן אין סואוואַלק — אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ — האָבן עפּעס דאָך ניט געגלויבט, אַז היטלער וועט וואַגן אָנצוצינדן אַ נייע וועלט־מלחמה. זיי האָבן איבערגעטראַכט, איבערגעקלערט, זיך געשראָקן — און דאָך גע׳ספק׳ט אין דער מעגלעכקייט פון אַ צווייטן וועלטקריג.

די היצן זיינען דעמאָלט געשטאַנען שרעקלעכע, און סואוואַלקער יידן האָבן זיך גע׳חכמה׳ט: די מלחמה איז אויף וואקאציע. ניט ווייניק יידן פון סואוואַלק זיינען טאַקע אין יענע געשפּאַנטע טעג געפאָרן אויף דאַטשע און אפילו אין ווייטערע ערטער.

די סואוואַלקער כלל־טוערס זיינען אין אָט די הרת־עולם׳דיקע חדשים געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די אומגליקלעכע יידן פון זבאנשין — די יידן, וואָס היטלער האָט פּלוצלונג ארויסגעוואָרפן אין מיטן ווינטער 1939 פון זייערע וואוינערטער, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין דייטשע בירגערשאַפט, און זיי האָבן זיך אַ שטיק צייט געוואלגערט אויף „קיינעמס לאַנד״, ווייל אויך פּוילן האָט זיי ניט געוואָלט אריינלאָזן. אין פרילינג 1939 זיינען קיין סואוואַלק אַריבערגעבראַכט געוואָרן עטלעכע צענדליק משפחות פון יענע יידן, און די אָרטיקע עסקנים האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרזאָרגן זיי מיט דירות, שפּייז, מלבושים וכדומה. דער קאָמיטעט פאַר די זבאַנשינער פּליטים, וואָס איז שוין געווען געשאַפן נאָך אין מיטן ווינטער און געשיקט גרעסערע סומעס געלט צום צענטראַלן קאָמיטעט אין וואַרשע, האָט איצט זיך באַשעפטיקט אויך מיט געבן דירעקטע הילף צו די אַרויסגעשיקטע פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט. בראש פון דעם קאָמיטעט איז געשטאַנען דער לעצטער רב פון סואוואַלק, הרב הגאון ר׳ דוד ליפּשיץ. צווישן זיינע מיטגלידער זיינען געווען: יעקב קאָסנעזשיצקי, פאָרזיצער פון דער קהילה, אַדוואקאט דוד בערנשטיין (איצט אין שיקאַגע), דירעקטאָר פון גימנאַזיע אינזשינער בנימין עפראָן, ד״ר נפתלי סטאַראָפּאָלסקי, חנא סוכאוואלסקי, חיים רייבמאַן, שכנא פינקל און אַנדערע.

די זבאנשינער קרבנות אין סואוואַלק זיינען געווען אַ לעבעדיקע וואָרענונג, אַז היטלער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך און אַז מען דאַרף זיך גרייטן אויפן ערגסטן. אָבער דאָך איז דאָס לעבן אין שטאָט אָנגעגאַנגען גאַנץ נאָרמאַל — און די קהל׳שע אַרבעט איז ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. גראָד איז אין די זומער־חדשים פון 1939 פאַרענדיקט געוואָרן דער בנין פון אַ שעכטהויז פאַר עופות, און ס׳זיינען דעמאָלט אויך געבויט געוואָרן עטלעכע נייע מאָדערנע מקוואות אין דעם שטאָטישן אידישן מרחץ אויפן שולהויף.

דאָס איז געטאָן געוואָרן ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די סואוואַלקער יידן, ווי איינוואוינערס אויף דער פּויליש־דייטשער גרענעץ, האָבן די מלחמה־סכנה געפילט ממשות׳דיק אויף זייער הויט, ווי דאָס איז נאָך געשען, למשל, ערב פּסח פון 1939.

אין סואוואַלק, ווי אַ גרענעץ שטאָט, האָבן סטאַציאָנירט ביי פיר־פינף פּוילישע פּאָלקן, צווישן זיי האָבן זיך תמיד געפונען וואָסערע 500—600 יידישע סאָלדאַטן. די קהילה צוזאַמען מיטן רב האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די יידישע זעלנערס זאָלן אין גאַנצן באַפרייט ווערן אויף די יידישע ימים־טובים און באזונדערס אויף פּסח, כדי זיי צו באזארגן מיט מאכל כשר. צוויי קאָמיטעטן, פון מענער און פרויען, פלעגן גלייך שוין נאָך פּורים אָנהייבן מאַכן הכנות פאַר אַן אימפּאָזאַנטן סאלדאטן־סדר. די פּאַדריאַדן האָבן אויף דעם געגעבן מצה, קצבים — פלייש, פישערס — פיש או״וו. ס׳איז געווען אַ מנהג פון יאָרן, אַז פּסח נאָך מעריב פלעגן דער רב און די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט גיין פון שול גלייך צום גרויסן זאַל, וואָס איז ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן פאַר די יידישע סאָלדאטן, און פראַווען מיט זיי ביידע סדרים. די דערלויבעניש אויף דעם פלעגט מען באַקומען פון גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט. דאָס איז אַלע מאָל אָנגעקומען גאַנץ לייכט, אָבער גאַנץ אַנדערש איז עס געווען דעם לעצטן פּסח. דער קאָמענדאַנט האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן די יידישע זעלנערס פון די קאַזאַרמעס אויף גאַנצע עטלעכע טעג, און ער האָט קוים־קוים זיי באַפרייט אויף עטלעכע שעה צו גיין דאַוונען אין שול און צו עסן אין דער יידישער קיך. זיין מאָטיוו, אַז „מען מוז זיין גרייט״, האָט געשטאַרקט די שוואַרצזעערס אין שטאָט, אָבער ווען עס זיינען אַריבער טעג און וואָכן און ס׳איז גאָרניט געשען, האָט דער יידישער בטחון ווידער גענומען די איבערהאַנט. מען איז ארומגעגאַנגען מיט פינצטערע מחשבות, אָבער דאָך ניט אָן האָפענונג, אַז ווי ניט איז וועט קימען אין דער וועלט צו אַ בשלום׳דיקן אויסגלייך.

אין אַזאַ שטימונג צווישן שרעק און בטחון איז אָנ־

געקומען דער חודש אלול. דער דרויסן איז פון צייט־צו־צייט געוואָרן כמאַרעדיק, רעגנדיק און ווינטיק, און אין האַרצן — נאָגנדיק און קלעמעדיק. ראש־השנה דערנענטערט זיך, און דער חשבון הנפש ווערט טיפער און ווייטיקדיקער, ווי אַלע יאָר.

גראָד אין חשבון־הנפש׳דיקן אלול איז אויסגעבראָכן די גרויסע פּאַניק. אין מיטן דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, ט׳ אלול, דעם 24סטן אויגוסט 1939, האָט פּאָליציי אָנגעקלאַפּט אין די טירן פון די הייזער, וואו עס האָבן זיך געפונען מיליטער־פּליכטיקע און רעזערוויסטן, און זיי געמאָלדן די ארמיי־פּלעצער, וואוהין זיי מוזן גלייך קומען. אין דער פרי זיינען שוין געווען אויסגעהאַנגען מודעות וועגן אַן אַלגעמיינער מאָביליזאַציע. דאָס איז געווען גלייך נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן אָפּמאַך צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און דייטשלאַנד, דורך זייערע אויסערן־מיניסטאָרן מאָלאָטאָוו און ריבנטראָפּ.

ביי סואוואַלקער יידן האָט זיך געטאָן חושך. פרויען זיינען ארומגעלאָפן און געבראָכן די הענט, טייל פון זיי זיינען געקומען צולויפן צום רב און געבעטן מתפלל זיין, אַז זייערע מענער און קינדער זאָלן זיך צוריקקערן געזונטערהייט. פאַר די אויגן האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט די שרעקלעכע בילדער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די גרעסערע סוחרים און סתם רייכע בעלי־בתים האָבן אָנגעהויבן ביסלעכוויז פאַרלאָזן די שטאָט. יעדן טאָג איז סואוואַלק אַלץ מער אויסגעליידיקט געוואָרן פון אירע יידן. געבליבן זיינען מערסטנס די יעניקע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין כוח און קיין מיטלען צו לויפן: אַלטע, קראַנקע, אָרעמע און איינפאַכער מיטלקלאַס. געבליבן זיינען אויך אַ טייל פון די רייכע, וועלכע האָבן געטענה׳ט, אַז ס׳לוינט ניט צו לויפן, מען ווערט נאָר פון דעם בדיל הדל, און מען וואַלגערט זיך ארום אין פרעמדע שטעט אין הונגער און שמוץ, ווי דאָס האָט באַוויזן די ביטערע פּראַקטיק פון ערשטן וועלטקריג. זייער אַרגומענטאַציע איז געווען, אַז סואוואַלק איז ניט קיין סטראַטעגיש־וויכטיקער פּלאַץ, ממילא וועלן דאָ ניט פאָרקומען קיין שלאַכטן, און אַז אין ווייטערע געגנטן וועט מען אויך ניט אויסמיידן די מלחמה.

אָבער אין אַזעלכע מאָמענטן הערשט ניט די לאָגיק, נאָר שרעק, און די שרעק האָט געיאָגט און געטריבן מאַסן יידן פון סואוואַלק צו אַנטלויפן אין די מער צענטראַלערע שטעט פון פוילן און באַזונדערס נענטער צו די רוסישע גרענעצן. היות צווישן די אַנטלאָפענע האָבן זיך געפונען אַ סך פון די קהילה־מיטגלידער און די נויט פון דער אָרעמער באַפעלקערונג איז אויך געוואָרן גרעסער, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קליינער קאָמיטעט בראש מיטן רב פאַר דער צייט פון קריזיס.

די געשעענישן זיינען איצט געלאָפן זייער גיך. פרייטיק פרי, י״ז אלול, ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט דער פּוילישער פּרעזידענט איגנאַצי מאָשציצקי אָנגענומען די קריגס־דערקלערונג פון דייטשלאַנד, און איינס אַ זייגער ביי טאָג האָבן נאַצישע עראָפּלאַנען שוין באָמבאַרדירט סואוואַלק. די דייטשע ארמיי איז אריבער די פּוילישע גרענעץ און יעדע מינוט האָט מען זיך געריכט אויף איר אריינמאַרש אין שטאָט.

שבת, אויפן צווייטן טאָג מלחמה, איז פאָרגעקומען זייער אַ שווערע באָמבאַרדירונג אַרום שטאָט, ספּעציעל אויף די מיליטערישע קאַזאַרמעס און דעם וואָקזאַל און עס זיינען געווען אַ סך קרבנות. כמעט יעדן טאָג זיינען געפאַלן דייטשע באָמבעס, אָבער קיין דייטשע סאָלדאַטן האָט מען אַלץ ניט געזען. די היטלער־אַרמיי האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעשניטן טיף אין פוילן, אָבער סואוואַלק און די אַרומיקע גרענעץ־געביטן זיינען נאָך ווייטער פריי. ווי דערקלערט מען דאָס? קיינער פון אונדז האָט דעמאָלט ניט געקענט ענטפערן אויף אָט דער פראַגע.

אפילו אין די געפערלעכסטע מינוטן פאָדערט דאָס לעבן זיינס. ווען די לופט־סירענעס האָבן געפייפט און געוואָרנט פאַר באָמבאַרדירונגען, איז מען געלאָפן טאַקע אין די צוגעגרייטע קעלערס, אָבער פאַר שוואַכע, קראַנקע און אָרעמע האָט מען ווייטער געמוזט זאָרגן. דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דעם ניי־געשאַפענעם קליינעם קאָמיטעט. איינע פון זיינע דאגות איז אויך געווען: וואָס טוט מען מיט די יידן, וואָס זיצן אין טורמע פאַר קלענערע חטאים? ס׳איז אַ פּיקוח־נפש זיי צו אַרויסצונעמען פון דאָרטן, אָבער ס׳איז אויך אַ סכנת־נפשות צוצוקומען אַהין זיך משתדל צו זיין פאַר זיי. דער רב האָט געפּסק׳נט, אַז מען מוז די אַרעסטירטע יידן ראַטעווען, און ער צוזאַמען מיט ד״ר נפתלי סטאראפּאָלסקי האָבן זיך אָנגענומען צו גיין צו דעם טורמע־שעף וועגן דעם. ווען זיי זיינען געווען אויפן וועג צו דער תפיסה, זיינען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען. ביידע שליחי־מצוה האָבן זיך אריינגעכאַפּט אין אַ קעלער, געוואַרט אַ ווײַלע, אריינגעלאָפן אין אַ צווייטער באַהעלטעניש, און אַזוי פון קעלער צו קעלער אָנגעקומען צו זייער ציל. ווען זיי זיינען אַרויס פון לעצטן קעלער אויף זייער צוריקוועג, האָבנדיק די הבטחה פון תפיסה־שעף זייער בקשה צו באַפרידיקן, האָט ד״ר סטאראפּאָלסקי געזאָגט צום רב:

— רבי, מיר מוזן זיך געזעגענען. איר, ווי דער מנהיג העדה, מוזט דאָך בלייבן מיט אייער קהילה, אָבער איך מוז אַוועק פון דאַנען, אפשר וועלן מיר אַלע ווערן געראַטעוועט און נאָך דעם מלחמה־פייער זיך צוריק טרעפן אין אונדזער סואוואַלק. זייט געזונט! — און ביידע האָבן זיך שרעקלעך צעוויינט.

אין אַזאַ מצב פון צעטומלדיקער אומבאַשטימטקייט און פאַרצווייפלטער שרעק האָט זיך דערנענטערט ראש־השנה. אין שטאָט הערשט נאָך פולשטענדיקע אָרדענונג, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פונעם פּוילישן מיליטער. איצט געפינען זיך אין אָרטיקן גאַרניזאָן ניט נאָר אויסנשטאָטישע יידן, נאָך אויך ניט ווייניק סואוואַלקער. איז דער רב אַוועק צום פּוילישן שטאָט־קאָמענדאַנט און געבעטן אָפּלאָזן די יידישע סאָלדאַטן צום דאַוונען. דער קאָמענדאַנט האָט תחילת ניט געוואָלט אפילו הערן פון דעם, — ס׳איז דאָך מלחמה — האָט ער מאָטיווירט. אויף דעם האָט דער רב אים געענטפערט: טאַקע ווייל

ס׳איז מלחמה, איז בעסער, אַז די יידישע סאָלדאַטן זאָלן אין זייערע הייליקע טעג קענען בעטן צו גאָט — דאָס וועט שטאַרקן זייער מוט און גייסט אין קאַמף קעגן שונא. — דער אַרגומענט פון רב האָט געווירקט.

זעלטן איז אַזוי ימים־נוראים׳דיק געווען אין שול, ווי דעם ראש־השנה. די שרעק פאַרן רבונו־של־עולם און פאַר זיין שטויביקן באַשאַף האָט זיך אויסגעמישט, און די גאַנצע שול איז געוואָרן איין גרויסער „חיל ורעדה״. די שרעק האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אמונה אין אבינו שבשמים, ביי וועמען מען האָט געבעטן אויף אַ געזונט יאָר. אומבאַשרייבלעך האַרץ־רייסנדיק זיינען געווייזן די סצענעס, ווען די אַקערשט מאָביליזירטע סאָוויעטאַלקער יונגעלייט האָבן נאָכן דאַוונען זיך געזעגנט מיט משפחה, קרובים און סתם באַקאַנטע. דאָס געשריי און געוויין האָבן געשניטן הימלען, און ס׳איז באמת געווען „ותעל שועתם אל האלקים״. דער געווײנלעכער „לשנה טובה תכתבו״ האָט איצט באַקומען זיין אמת׳דיקן באַטייט, און ביי יעדן האַנטדרוק מיט דער דאָזיקער אַלטער יידישער ברכה האָבן וואַרעמע יידישע טרערן זיך געגאָסן און געגאָסן.

אייגנטלעך, איז בכלל געשטאַנען אונטער אַ פרעגצייכן, צי מען זאָל עפענען די גרויסע שולן אויף ראש־השנה. ערב יום־טוב זיינען געקומען צום רב בעלי־בתים און זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די גרויסע שולן זאָלן אפשר בלייבן געשלאָסן ימים־נוראים, ווייל די היטלערשע לופט־מחבלים קענען דאָך קומען ספּעציעל באָמבאַרדירן אַ מקום קדוש. ס׳איז באמת געווען אַ האַרבע שאלה. אָבער דער רב און אַ טייל קהל־פירערס האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר עס ניט טאָן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָס וואָלט נאָך מער פאַרשטאַרקן די פּאַניק. מען האָט נאָר אָנגעזאָגט, אַז פרויען און קינדער זאָלן וואָס ווייניקער קומען אין שול.

גאָר קריטיש און פאַרצווייפלט איז געוואָרן די לאַגע שבת שובה, וואָס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן גלייך נאָך ראש־השנה. אין דער פרי האָט דאָס גאַנצע פּוילישע מיליטער פלוצעם פאַרלאָזן די שטאָט. ביי טאָג זיינען אויך אַוועק די פּאָליציי און די פּאָסט — און דאָס איז געווען דער בעסטער סימן, אַז פּוילן האָט אויפגעגעבן סואוואַלק.

צוזאַמען דערמיט האָבן פון פאַרשיידענע זייטן זיך גענומען פאַרשפּרייטן ידיעות, אַז די סאָוועטישע אַרמיי איז אַריבער די פּוילישע גרענעץ, אַז זי איז שוין אריין קיין באַראַנאָוויטש, וואָלקאָוויסק, לידע און דערנענטערט זיך צו גראָדנע, אויגוסטאָווע, סואוואַלק. מען האָט דערציילט, לויט פאַרשיידענע ראַדיאָ באַריכטן, אַז סאָוועט־רוסלאַנד און היטלער־דייטשלאַנד האָבן צווישן זיך צעטיילט פּוילן. וועט סואוואַלק אַריינפאַלן אין סאָוועטישן טייל?

דערווייל געפינט זיך אָבער סואוואַלק אָן אַ מאַכט. — די פּאַסיקסטע צייט פאַר כוליגאַניזם און יידן־רויבעריי. עס דערגייען אויך קלאַנגען, אַז בשייכות מיטן סאָוועטישן אַריינמאַרש אין די פּוילישע געביטן פאַרשפּרייטן פינצטערע עלעמענטן פאַרשיידענע בלבולים אויף יידן.

אין אַנדערע ערטער איז געקומען צו גרעסערע עקסצעסן קעגן יידן. ס׳איז דעריבער געוואָרן דרינגלעך אַקטועל צו אָרגאַניזירן אַ יידישע שמירה אין שטאָט.

פאַר דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ גרעסערע אסיפה אין הויז פון רב, און דאָס ביסל פאַרבליבענע יידישע יוגנטלעכע און מיטליעריקע זיינען תיכף צוגעטראָטן צו דער וויכטיקער אַרבעט. טייל פון דער שמירה זיינען באַוואָפנט געוואָרן. אירע אָנפירערס זיינען געווען: ב. גניאָ דער דרוקער, גריצהענדלער, קלמן סעגלמאַן, אברהם בער צימערמאַן, דער סעקרעטאַר פון האַנטווערקער־פאַראיין, כאַצקל זילבערשטיין דער בעקער, משה קאַלינסקי און אַנדערע.

אויף יום־כפור איז די שמירה נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. לויט אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן פּלאַן, האָבן אַ טייל פון דער שמירה געדאַרפט היטן דעם קוואַרטאַל שטאָט ארום דאָלעק, נאָענט צום בית־עולם, אַ טייל — די בתי־מדרשים און די איבעריקע — די יידישע וואוינערטער.

פאַר מוסף האָט דער רב געהאַלטן אַ דרשה פאַר אַ פול געפּאַקטן בית־מדרש און מחזק געווען דעם צעשראָקענעם און צעבראָכענעם עולם. אין דער צייט, ווען דער רב האָט צווישן אַנדערע דערציילט וועגן דער יום־כפור תפילה פון כהן גדול אויף די אנשי השרון „שלא יעשו בתיהם קבריהם״, און געבעטן די גאַנצע עדה מתפלל זיין, אַז אונדזערע הייזער זאָלן ניט ווערן אונדזערע קברים, — אין דער זעלביקער צייט זיינען פאַרביי געפלויגן פיל עראָפּלאַנען ניט ווייט פון שולהויף. שטום איז געוואָרן דער עולם און פאַרשטיינערט. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צו די הימלפענסטער דורך די פענצטערס. די עראָפּלאַנען האָבן אָבער דאָס מאָל קיין באָמבעס ניט געוואָרפן.

ביים סוף פון מוסף זיינען געקומען אין בית־מדרש עטלעכע פון די שמירה־אָנפירערס. זיי האָבן איבערגעגעבן דעם רב בסוד אַ ידיעה פון שטאָט בירגערמייסטער, אַז כוליגאַנעס פון אַנדערשוואו זיינען אויפן וועג פון אויגוסטאָווע קיין סואוואַלק צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן. דער רב איז געוואָרן בלייך, ווי קאַלך. וואָס זאָל מען דאָ טאָן? אויסזאָגן דעם עולם דעם סוד? — וועט ווערן אַ פּאַניק, וואָס קען נאָך ברענגען אַן אומגליק. ניט אויסזאָגן? דאַרף מען דאָך נעמען די אחריות פאַר אַזוי פיל יידישע לעבנס, טאָמער פּאַסירט עפּעס, חלילה. אָבער דער רב האָט זיך ניט פאַרלאָרן, און נאָך אַ גרינטלעכן ישוב־הדעת האָט ער אָנגעזאָגט די שמירה־שליחים, אַז מען זאָל ציִען נאָך אַ גרעסערע צאָל מענטשן צו דער שמירה און אַרויסשיקן זיי צו דעם באַדראָטן פּלאַץ, דעם אויגוסטאָווער שאָסיי, פון וואַנען די כוליגאַנעס קענען אָנקומען, אין צווייטנס, אַז מען זאָל זיך גלייך פאַרבינדן מיט די אָרטיקע באַקאַנטע לאַבוזעס אין כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיכער אַ קאָנטאַקט מיט זייערע „חברים״, וואָס קלייבן זיך אַהער פון דער ווייטנס, און זיי אָנבאָטן אַ גרויסע סומע געלט און אַנדערע אָנלאָקנדיקע זאַכן. פאַר דעם זאָלן זיי גאַראַנטירן, אַז זיי וועלן די פרעמדע פּאָגראָמשטשיקעס ניט צולאָזן קומען

קיין סואוואַלק. דער פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן און עס האָט געהאָלפן, ווי מען האָט זיך דערוואוסט האַרט צו „נעילה”.. פונדעסטוועגן האָט מען זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן נאָר אויף די הבטחות פון די אָרטיקע אונטערוועלטניקעס, און דער רב האָט אָנגעזאָגט צו ענדיקן תפילת נעילה פריער און אַז אַלע זאָלן גלייך נאָכן דאַוונען גיין גיך אַהיים און זיך גוט פאַרמאַכן און האָפן צום בורא עולם, אַז מען וועט ניצול ווערן פון אַלעם בייז אויפן נייעם יאָר. אַלץ, וואָס האָט געדריקט אויפן האַרצן פון רב די לעצטע עטלעכע שעה פון יום־כפור, האָט ארויסגעשפּאַרט אין זיין כליפּעדיקן „גוט יאָר” צו דיביידע שמשים ר׳ הערשל באַכראַך און ר׳ מענדל סטאַוויסקאָווסקי נאָך דעם, ווי דער גאַנצער עולם איז זיך שוין גע׳וועזן צעגאַנגען אַהיים מיט קלאַפּעדיקע הערצער.

די נאַכט איז געווען אַ ליל־שימורים. קיינער האָט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. די יידישע שמירה איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. אויף די יידישע גאַסן האָבן פּאַטרולירט יוגנטלעכע שומרים, וועלכע זיינען געווען גרייט אויף אַלץ. ספּעציעל זיינען באַוואַכט געווען דער בית־היתומים, מושב־זקנים און דער יידישער שפּיטאָל. מען האָט אויך געהיט די גרויסע שול, די בתי מדרשים און דעם בית־עולם.

די נאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי דער יידישער גלות, איז אריבער — און פּאַר טאָג האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן קומען די ערשטע אָפּטיילן פון דער רויטער אַרמיי.

אין עטלעכע טעג ארום האָבן צו ביסלעך זיך גענומען צוריקקערן די אַנטלאָפענע סואוואַלקער יידן — אויסגעמוטשעטע, פאַרהונגערטע און צעבראָכענע. זיי אַלעמען האָט געטראָפן דער זעלביקער גורל: וואוהין זיי זיינען ניט געלאָפן, זיינען זיי באָמבאַרדירט געוואָרן דורך די דייטשן. גראָד די מער וויטערע געגנטן פון גרענעץ און די צענטראַלע גרעסערע שטעט פון פּוילן, וואוהין אַ סך סואוואַלקער זיינען געלאָפן, האָבן מערער געליטן פון מלחמה־פייער, ווי סואוואַלק גופא. דערצו האָבן נאָך פיל געלאָפענע געהאַט גרויסע מאַטעריעלע שאָדנס, ווייל אַ סך זאַכן און סחורה זיינען אויסגעראַבירט געוואָרן פון זייערע פאַרקלאַפּטע און פאַרמאַכטע הייזער. ס׳האָט געזיגט די שיטה פון ניט לויפן.

קורץ נאָכן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי איז דער מצב געוואָרן אַ ביסל סטאַבילער. עס זיינען נאָך געווען גענוג צעריסענע יידישע משפחות, אָבער דאָך האָבן זיך די געמיטער אַ ביסל באַרואיקט. אָבער ניט לאַנג האָט די רעלאַטיווע רואיקייט אָנגעהאַלטן. אין דער לופטן האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען וועגן פאַרשיידענע טעריטאָריעלע גרענעץ־ענדערונגען צווישן דייטשלאַנד און סאָוועט־רוסלאַנד. שבת, דעם ערשטן טאָג חול המועד סוכות, האָבן די סאָוועטישע פירערס גערופן אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג אין שטאָטישן גאָרטן, וואו זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז סואוואַלק וועט בלייבן אונטער סאָוועטישער הערשאַפט. אין אַ פּאָר טעג ארום האָט מען אָנגעהויבן מערקן, אַז די סאָוועטן פאַרלאָזן סואוואַלקער געגנט. אָפּטימיסטן האָבן זיך געטרייסט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט איבערגעבן סואוואַלק צו ליטע, ווי זי האָט עס געטאָן מיט ווילנע. אָבער דער דאָזיקער אָפּטימיזם האָט זיך ניט ביי אַלעמען אָנגענומען. די שרעק פאַר אריינפאַלן צו די נאַציס איז אַלץ געוואַקסן. וואָס אַ טאָג מערער איז געוואָרן אַ גרעסערע בהלה. הונדערטער יידן האָבן ווידער גענומען האַק און פּאַק און זיך געלאָזן אין וועג אריין צו אויגוסטאָווער זייט. דער גרעסטער טייל יידן זיינען געבליבן זיצן צעטומלט אויפן אָרט. ס׳איז הושענא רבה, מען וואַרט אויף דעם גוטן צעטל פון הימל, און דאָ שפּאַלט זיך פּשוט דער קאָפּ: וואָס טוט מען און ווי דעצידירט מען זיך? לאָזן זיך לויפן פון שטאָט און זוכן רעטונג אין דער פרעמד? האָט דאָך די צייט ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַוויזן, אַז דאָס איז געווען אַן אומזין, די אַנטלאָפענע האָבן דאָס שפּעטער אליין זייער באַדויערט און מקנא געווען זייערע רואיקערע שכנים, וועלכע זיינען געבליבן אויף די ערטער.

און בכלל ווי קענען אַלע לויפן? אין שטאָט זיינען דאָך דאָ טויזנטער יידן, — צווישן זיי אַ סך קראַנקע און אַלטע — וואָס פאַר זיי איז פּשוט אוממעגלעך צו פאַרלאָזן זייערע היימען (די שפּעטערדיקע גרויזאַמקייטן פון די נאַציס זענען דאָך דאַן נאָך ניט געווען באַקאַנט, האָבן פיל יידן דערפאַר געטראַכט, וואָס ס׳וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין אויך מיט ר׳ ישראל).

אין אַזעלכע שטימונגען און האַרץ־קלאַפּענישן איז דורכגעגאַנגען הושענא רבה און שמיני עצרת; מען האָט זיך פאַרזאַמלט מער ווי אַלע מאָל אין די בתי־מדרשים און מתפּלל געווען אויף ניצול צו ווערן פון אומגליקן. שמיני עצרת צו הזכרת נשמות ווערט מיט אַ מאָל אַ טומל אין דער גרויסער שול, אַז די דייטשן זיינען שוין דאָ אין שטאָט; ס׳ברעכט אויס אַ פּאַניק, מען הערט יללות און בכיות — אָבער אין אַ ווײַלע אַרום ווערט דער באַריכט ניט באַשטעטיקט; עס ווייזט זיך ארויס, אַז עטלעכע מונדירטע דייטשע אָפיצערן זיינען טאַקע צוגעפאָרן צו דעם שטאַב פון די סאָוועטן, אָבער ווער קען וויסן דעם כאַראַקטער פון זייער שליחות? צו דער תפילת גשם ווערט קהל אַ ביסל מונטערער און מיט אַ געמיש פון שרעק און האָפענונג שרייען אַלע אויס פון טיפן האַרצן צוזאַמען מיטן חזן: לחיים ולא למות — — —

צו הקפות האָט זיך די שטימונג נאָך מער פאַרבעסערט. פון געהיימע ראַדיאָ־באַריכטן האָט מען איבערגעגעבן, אַז סואוואַלקער געגנט ווערט אָנגעשלאָסן צו ליטע. די שמחה איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די הקפות זיינען געפּראַוועט געוואָרן גאָר אויף אַמאָליקן שטייגער, און פול מיט האָפענונג האָט מען געוואַרט אויף די בעסערע צייטן.

די האָפענונג האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. שמחת תורה אין דער פרי, פּונקט אין מיטן הקפות, איז מען געקומען צו לויפן אין בית־המדרש הגדול אָנזאָגן די טרויעריקע ידיעה, אַז דאָס מאָל זיינען טאַקע אויף אַן

אמת אָנגעקומען אין שטאָט די ערשטע דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גלייך איבערגענומען די מאַכט פון די אַוועקגייענדיקע רוסן. אין די שולן האָט זיך אָפגעטאָן חושך, פאַרלאָשן איז געוואָרן די יידישע האָפענונג. מען האָט אויף גיך געענדיקט דאַוונען, און מיט ציטערדיקע הערצער איז מען זיך צעלאָפן יעדער אין זיין היים, פאַררינגלענדיק זיך הינטער שלאָס און טויער.

אַ פאָר שעה שפעטער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון ראַצקער זייט טויזנטער דייטשע סאָלדאַטן, טאַנקען און מאָטאָריזירטע אַרטילעריע.

# אונטער היטלערס ממשלה

דעם ערשטן טאָג האָבן די נאַצי׳ס ניט ארויסגעוויזן זייערע נעגל. אחינו בני ישראל זיינען געזעסן פאַרשפאַרטע אין די הייזער, געקוקט ציטערדיק דורך די פענצטער־שפאַלטן. געציילטע יידן, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויס אויף דער גאַס, האָבן דערציילט, אַז די דייטשע סאָלדאַטן טשעפען ניט קיינעם.

אויף מאָרגן האָט מען שוין געהערט אַנדערע גרוסן: דער און דער ייד איז דורך נאַצישע זעלנערס צעשלאָגן געוואָרן, דאָ און דאָרטן איז אַ יידיש געשעפט דורך זיי צעראַבירט געוואָרן, ס.ס.־לייט האָבן עפעס געזוכט אין ארון־קודש פון בית־מדרש אאז״וו.

אויפן דריטן טאָג, זונטיק אָוונט, ווען דער רב איז געגאַנגען אין בית־המדרש דאַוונען מעריב, איז אָנגעקומען אַ פוילישער שליח און אים געמאָלדן, אַז ער ווערט תיכף גערופן צו קומען אין געשטאַפא. דער רב האָט מיטגענומען דעם סעקרעטאַר פון דער קהילה חנא זילבערשטיין, דעם מנהל פון תלמוד־תורה ר׳ יצחק לעווין און לייבע ראָזנטאַל.

שנאה און גיפט האָבן געשפריצט פון די אויגן פון די געשטאַפא־לייט, וועלכע האָבן אויפגענומען די יידישע פאָרשטייערס. מען האָט ניט געענטפערט אויף זייער „גוטן אַבענד״, מען האָט זיי ניט געבעטן זיך זעצן, נאָר אָן צערעמאָניעס תיכף ארויס מיט דער פאָדערונג:

— ביז 8 אַ זייגער מאָרגן פרי מוז צוגעשטעלט ווערן צו געשטאַפא די רשימה פון אַלע יידן אין סואוואַלק און זייערע אַדרעסן.

די יידישע קהל־פירערס האָבן גענומען טענה׳ן:

— עס איז דאָך ניט מעגלעך צו מאַכן אַזאַ ליסטע אין איין נאַכט. אויסער דעם זיינען דאָך פיל יידן אַנטלאָפן פון שטאָט — און ווער קען וויסן, ווער ס׳איז געבליבן און ווער ניט?

נאָך לאַנגע בעטענישן האָט געשטאַפא מסכים געווען צו וואַרטן אויפן צושטעל פון דער רשימה ביז אויף מאָרגן אָוונט בתנאַי, אַז גלייך אין דער פרי זאָל מען זיי צושטעלן אַ קוואנטום לעדער, קאפע און שאקאלאד.

עטלעכע טעג שפעטער האָט געשטאַפא אָנגעהויבן כאַפן יידן אויף אַרבעט. מען האָט געכאַפט אויף דער גאַס, ארויסגעשלעפט פון די הייזער, און די געכאַפטע אַוועקגעשיקט גראָבן אָקאָפעס (טראַנשייען), ראַמען בתי־כסא׳ס, פאַרשיטן גריבער וכדומה. זיי האָבן מיט אַ כיוון גענומען אויף די שווערע אַרבעטן פיל אַלטע און שוואַכע — דעם רבי׳ן פון דער שוסטערשער קלויז הרב שיינהויז, אַ בן שמונים, דעם אַלטן און שוואַכן לייבע קרוציניצקי, און אַנדערע זקנים. יידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געוואָלט פרייוויליק פאַרבייטן די אַלטע, האָט מען מכבד געווען מיט קלעפ.

ווען די יידן־כאַפעניש זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָט אַ געהיימע אסיפה פון ועד־הקהל באַשלאָסן ארויפצולייגן אויף יעדן געזונטן מאַן אַ חוב צו גיין צו דער אַרבעט פון די דייטשן פרייוויליק, כדי דורך דעם אויסצומיידן דאָס כאַפעניש אויף אַלטע און קראַנקע. אויב איינער וויל פרייוויליק עס ניט טאָן, דעמאָלט דאַרף ער באַצאָלן 10 זלאָטעס אַ טאָג צו דער קהילה, כדי פאַר דעם געלט זאָלן קענען געשיקט ווערן צו דער אַרבעט אַזעלכע אַרבעטס־פעאיקע יידן, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ טאָג פאַרדינסט. דורך דעם האָט מען אויך געוואָלט לייזן דאָס שווערע פראָבלעם פון אַרויסהעלפן נויטבאַדערפטיקע יידן. דאָס אַלץ דורכצופירן האָט געהאָלפן די שווער־אויסגע׳פועל׳טע הסכמה פון געשטאַפאָ, אַז יידן אַליין וועלן צושטעלן די געפאָדערטע צאָל אַרבעטערס. דער מאָטיוו איז געווען: די יידן וועלן אויסקלייבן יונגע און פאַסיקערע פאַכלייט צו דער אַרבעט און דערמיט פאַרמיידן אומזיסטע פאַניק אין שטאָט. דאָס האָט אריינגעבראַכט אַ ביסל באַרויקונג אין שטאָט.

עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ שטרענגער באַפעל, אַז אַלע געשעפטן מוזן זיין אָפן. פאַר באַהאַלטענע סחורות האָט געדראָט ביז טויטשטראָף.

מ׳האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך אָרגאַניזירן דאָס קהל׳שע לעבן. מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן דעם בית־יתומים, מושב זקנים, דעם יידישן שפיטאָל. אין שטאָט האָבן זיך דעמאָלט געפונען אַ סך אַנטלאָפענע יידן פון די ארומיקע גרענעץ־שטעטלעך, ווי באקלעראווע, סייני, ראַצק, פיליפאָווע, יעלינעווע, וועמען מען האָט געדאַרפט ארויסהעלפן. ניט געקוקט אויף דער אומנאָרמאַלער לאַגע האָט דער רב צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע עסקנים געעפנט צום נייעם „זמן״ די תלמוד־תורה אונטער דער השגחה פון מנהל לעווין, באַשטעלט נייע לערערס אַנשטאט די אַנטלאָפענע און גאַראַנטירט זייער שכירות. ס׳איז אויך צוריק אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער קהילה די מיידל־שיל. די אַלע טעטיקייטן האָבן אַ ביסל פאַרזיסט די גרויסע ביטערנעש און פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן ארומגעכאַפט אַלע יידן אין שטאָט.

די האַלב־רואיקייט איז אָבער געווען גאָר אַ קורצע. אין אַ פאָר טעג ארום האָט זיך דאָס יידן־כאַפעניש ווידער

אַנגעהויבן — און עס איז געוואָרן אוממעגלעך אַרויסצו־גיין אויף דער גאַס.

אין די טעג איז געקומען אויך דער פאַרבאָט אויף שחיטה. אויף מאָרגן נאָכן פאַרבאָט זיינען געשטאַפּאָ־לייט אַריינגעלאָפן צום רב. אויפן בית־דין טיש איז גראַד געלעגן אַ מעסער. מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ חלף, האָבן די רוצחים אַריינגעשלעפּט דעם רב אין אַ באַזונדער צימער, אים צוגעשטעלט דאָס מעסער צום האַלדז און געפאָדערט פון אים אַלע „שלאַכטמעסערס", ווען ניט, האָבן זיי אים מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער געזאָגט: שלאַכטן מיר דעם ראַבינער אויף „כשר". ווען זיי האָבן דעם רב אָפּגעלאָזן, האָבן זיי פון אים געפאָדערט אַ ליסטע פון יידישע גבירים און פון די יידן, וועלכע האָבן ראַדיאָס. דער רב האָט זיי קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז קיין גבירים זיינען אין שטאָט ניט געבליבן, און ווער ס'האָט אַ ראַדיאָ, ווייס ער ניט. ס'האָבן ניט געהאָלפן זייערע דראָאונגען און זיי זיינען אַוועק פון רב אָן קיין שום אינפאָרמאַציע.

מיט אַ טאָג פריער האָט זיך די זעלביקע סצענע אָפּגעשפּילט אין ועד הקהל. חנא זילבערשטיין דער סעקרעטאַר האָט פאַרן אָפּזאָגן די נאַצישע פאָדערונג באַקומען אַזאַ פּאַטש, אַז ער איז געפאַלן אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער.

גאָר ביטער אויפן האַרצן איז געוואָרן, ווען געשטאַפּאָ האָט גערופן דעם רב און אים געמאָלדן, אַז די גרויסע שול, אַלע בתי־מדרשים, קלויזן און חדרים מוזן געשלאָסן ווערן. דאָס האָט גאָר געבראָכן דעם מוט פון רב, וועלכער האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אויף זיינע פּלייצעס די הויפּט־משא פון די שרעקלעכע געשעענישן אין דער לעצטער צייט. ווען דער רב איז געקומען צוריק אהיים, האָט ער צו די פאַרזאַמלטע קהל־פירערס געזאָגט: „אויב אונ־דזערע הייליקסטע ערטער נעמט מען צו — איז דאָס חס ושלום ניט קיין גוטער סימן".

בעת דער רב האָט איבערגעגעבן די לעצטע איוב־בשורה, זיינען צו אים געקומען די שמשים ר' מענדל סטאַווישקאָווסקי און ר' הערשל באַכראַך און דערציילט,



זילבערבלאַטס קלויז אויף טורמע גאַס, אין גאַנצן צעשטערט.
בילד גענומען דורך גבריאל ריינער אין 1955.

אַז דייטשן זיינען געקומען און צוגענומען די שליסלען פון שול און פון בית־המדרש. שפּעטער זיינען געקומען די שמשים פון די אַנדערע בתי־תפילה און איבערגעגעבן דאָס זעלביקע. דער רב צוזאַמען מיט די סואוואַלקער מנהיגי העדה האָבן שוין גלייך ביים אַריינקום פון די נאַצישע חיילות זיך גערעכנט מיט אַ מעגלעכער קאָנ־



די גרויסע שול פון אינעווייניק, דער ארון קדש ארויסגעריסן פון אָרט. אין דער הויך קוים צו באַמערקן די ווערטער „כתר תורה". די פּאָדלאָגע צעשטערט.

פיסקאַציע פון די בתי־מדרשים. זיי האָבן דעריבער שוין דעמאָלט אַרויסגענומען דעם גרעסטן טייל פון די ספרי־תורה'ס און עס באַהאַלטן. די איינצלנע ספרי־תורה'ס, וואָס מען האָט געהאַט געלאָזן אין יעדן בית מדרש צום לייענען, האָט מען שוין ניט געקענט ראַטעווען. אויף מאָרגן נאָכן צונעמען די שליסלען פון די שמשים, זיינען דייטשע לאַסטאויטאָס צוגעפאָרן צו אַלע יידישע געשעפטן, אַרויסגענומען אַלע סחורות און עס אַוועקגעפירט אין דער

גרויסער שול, וואָס איז דורך זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן דורך געכאַפּטע יידן.

חושך און פינצטער איז געוואָרן פאַר סואוואלקער יידן. דאָס הייליקסטע מחלל געווען, האָב־און־גוטס צעראַבירט — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגעדיקער טאָג?

די געוואַלדאַקטן, רויבערייען און שלאָגענישן זיינען געוואָרן שרעקלעכער פון טאָג צו טאָג. ס׳האָבן אויך ניט געפעלט קיין בלבולים אויף יידן. אַזוי, למשל, האָט אַ קריסטלעכער פאַבריקמאַכער צוליב אַן אַלטן כעס אונטערגעוואָרפן אַ ביקס אין הויף פון זיין געוועזענעם יידישן בעל־הבית און גע׳מסר׳ט עס צו געשטאַפּאָ, וואָס האָט תיכף דעם יידן ארעסטירט. דער ייד איז על־פי נס אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער תליה אין דער לעצטער מינוט, ווען די גרוב איז שוין געווען פאַרטיק און ער האָט שוין באַקומען דעם באַפעל זיך אויסצוטאָן. די ישועה איז דאָס מאָל געקומען אַ דאַנק דעם פשעראַסלער בחור אברהם מאַטולסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ צוטריט צו איינעם פון די הויפּטמאַכערס פון געשטאַפּאָ, ווייל יענעמס פאָטער און ער האָבן פאַרן קריג געהאַנדלט צוזאַמען. דער דאָזיקער בחור האָט נאָך ביי מערערע אַנדערע געלעגנהייטן געראַטעוועט יידן פון פאַרשיידענע צרות. צום סוף איז ער אַליין אויך דערשאָסן געוואָרן.

אָבער די איינצלנע געלונגענע אינטערווענצן פאַר יידן־יחידים אין געשטאַפּאָ האָבן ניט געקענט פאַרמינערן דעם גרויסן ים פון צרות און אומגליקן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

די פאַרצווייפלטע און פאַר׳יאוש׳טע יידן האָבן אפילו ניט געהאַט וואו אויסצוּוויינען זייער ביטער האַרץ, ווייל, ווי געזאָגט, זיינען די בתי־מדרשים און שולן פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט. זי האָט אויך פאַרבאָטן תפילות אין פריוואַטע הייזער.

געווען צרות מיט יידישע קראַנקע. די צוויי יידישע אַפּטייקן פון לעאָן אכראן און יהושע שווארצמאַן זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, און קיין איינציקער יידישער דאקטאר איז אין גאַנץ סואוואַלק דעמאָלט ניט געווען. ערשט עטלעכע טעג פאַרן גירוש האָט זיך אומגעקערט קיין סואוואַלק ד״ר לעאָן סמאָלינסקי, וועלכער איז געווען מאָביליזירט אין דער פוילישער אַרמיי זינט דעם אָנהייב פון קריג.

# דער גירוש

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ פאָרשפּיל צום חורבן פון סואוואַלקער יידן.

שבת לך־לך, ח׳ חשון ת״ש (21סטער אָקטאָבער 1939), ווען אַ מנין יידן האָבן אין געהיים געענדיקט דאַווענען אין רב׳ס הויז, איז דאָרטן אַריינגעקומען אַ געוועזענער פוילישער באַאמטער, וואָס דער רב האָט אים געקענט, און איבערגעגעבן אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז מאָנטיק פרי מוז דער רב און 2 פאָרשטייערס פון דער קהילה קומען צום דייטשן קרייזאַמט, כדי אויסצוהערן אַ באַפעל וועגן דער יידישער באַפעלקערונג. פאַר נאַכט איז די זעלביקע ידיעה געקומען פון אַ יידישן שניידער אויף קאָשטשושקאָ גאַס, וואָס אַ באַאַמטער פון דייטשן קרייזאַמט האָט אים דערציילט בסוד. אין דאָס מאָל איז שוין די אינפאָרמאַציע געווען זייער קלאָר: עס גרייט זיך אַ באַפעל פון ארויסטרייבן אַלע יידן פון סואוואַלק.

דער רושם איז געווען אומבאשרייבלעך. זונטיק האָט דער רב גערופן אַן אסיפה צו באַטראַכטן די מעגלעכקייטן פון אָפּשרייען אָדער לכל־הפחות מילדערן דעם גירוש־באַפעל. מען האָט אויך באַשלאָסן, אַז מיטן רב, וואָס די דייטשן האָבן אים גערופן, זאָלן מיטגיין שכנא פינקל און חנא זילבערשטיין.

דער ציווילער דייטש, וועלכער האָט מאָנטיק פרי אויפגענומען די יידישע שליחי־ציבור, האָט תיכף ביי זייער אריינגאַנג אַרויסגעברומט, זיי ניט אָנקוקנדיק אין פנים:

— אין משך פון דריי טעג מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן סואוואַלק.

די יידישע דעלעגאַטן האָבן אָנגעהויבן אַפּעלירן, זיך בעטן און וויינען: ווי קען מען דאָס באַווייזן, און וואוהין קען מען גיין, ווען סואוואַלק ליגט דאָך אויף גרענעצן?

אויף דעם האָט דער דייטש געענטפערט: — איר קענט גיין אויפן מאַרס, אָבער איר מוזט פאַרשווינדן. און דערביי צוגעגעבן: — אויב ניט, „דאַן ווירד שלימער זיין”.

דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן גע׳פועל׳ט, איז געווען, אַז מאָרגן, דינסטיק פרי, וועט אַ פאָרשטייער פון די יידן אָנגעבן צום קרייזאַמט אַ בקשה מיט אַ פלאַן, ווי אַזוי צו פאַרלייכטערן כאָטש אין דער קלענסטער מאָס די שרעקלעכע גזירה.

צעבראָכענע און פאַר׳יאוש׳טע האָבן די יידישע שליחי־ציבור פאַרלאָזן דעם קרייזאַמט. מחנות יידן האָבן שוין געוואַרט אויף זיי, ניט געקוקט אויפן באַפעל זיך ניט צו פאַרזאַמלען אין גרופּעס. דאָס געסל פון וועסאלע, וואו דער רב האָט געלעבט, איז געווען שוואַרץ פון יידן. פיל פון זיי האָבן אָנגעפּראָפּט דאָס הויז פון רב, וועלכער האָט מיט אַ געבראָכענער שטימע זיי דערקלערט: יידן, מען דאַרף רחמים. אַ גזירה פון גירוש שוועבט איבער אונדזער קאָפּ. אפשר וועט מען נאָך אָפּשרייען די גזירה, אָבער יעדערער דאַרף דערווייל מאַכן אַלע הכנות זיך צו לאָזן אין וועג אריין. מיר לאָזן דאָ איבער, ברידער, די

בתי־מדרשים און דעם בית־עלמין, לאָמיר מתפלל זיין צום רבש״ע, אַז מיר זאָלן זוכה זיין אין גיכן צוריקצוקומען.

יללות האָבן באַגלייט די ווערטער פונעם מנהיג העדה. פרויען און זקנים זיינען צוגעלאָפן צום רב און געקלאָגט: רבי, וואָס וועט זיין מיט אונדז?

אין וועד־הקהל איז גיך צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ



אַלטער אַריינגאַנג צום סואוואַלקער בית־עולם.

זיצונג צו באטראַכטן די לאַגע. נאָך 6 שעה באַראַטונגען האָט מען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון 16 פּונקטן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען, אַז מען זאָל בעטן פון דעם דייטשן קרייזאַמט אַ דערלויבעניש צו שיקן צוויי יידישע קאָמיסיעס צו די גרענעצן פון ליטע און רוסלאַנד, אפשר וועט מען פּועל'ן ביי זיי אַריינצולאָזן די אַרויסגעטריבענע יידן. מען האָט אויך באַשלאָסן, אַז די פאַרמעגלעכע יידן מוזן אָפּגעבן אין דער קהילה־קאַסע 10% מזומן, כדי מען זאָל עס קענען צעטיילן פאַר די אָרעמערע, וואָס זאָלן מיטן געלט זוכן וועגן פון קענען זיך אריבערכאַפּן די גרענעצן. אַן אַנדער פּונקט פון פּלאַן איז געווען, אַז עס זאָלן מאָביליזירט ווערן אַלע פורמאַנעס מיט זייערע פערד און וועגענער, און אַלע יידן, וועלכע האָבן באקאַנטשאַפט מיט די דערפער ארום, זאָלן תיכף ארויספאָרן אהין און זען צו ברענגען קיין סואוואַלק אויפן דריטן טאָג (אין טאָג פון אָנגעזאָגטן גירוש) וואָס מער פויערים מיט פורן. מען האָט אויך געדאַפּט בעטן די דייטשן צו דערלויבן אַ בהדרגה'דיקן גירוש דורכן פאַרלאָזן סואוואַלק יעדע וואָך מינימום 100 יידן.

איבערצוגעבן דעם פּלאַן די דייטשן זיינען אויף מאָרגן פרי אַוועק ד״ר לעאָן סמאָלינסקי און חנא זילבערשטיין. 6,000 נפשות האָבן געוואַרט אויף זייער צוריקקום מיט קלאַפּעדיקע הערצער. די רעזולטאַטן פון באַזוך זיינען געווען:

א) דער גירוש פון 3 טעג ווערט פאַרלענגערט אויף 14 טעג.

ב) זעקס יידישע פאָרשטייערס וועט געגעבן ווערן אַ שריפטלעכע דערלויבעניש צו פאָרן צו די גרענעצן פון ליטע און סאָוועט־רוסלאַנד.

דאָס האָט געבראַכט אַ קענטיקע באַרואיקונג. ווידער האָבן אָנגעהויבן טליען שטיקלעך האָפענונג, אַז אפשר וועט מען דאָך אַנטרונען ווערן פון דער היטלעריסטישער טויט לאַפּע. מען האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט: ס'איז דאָך קריג, ווער ווייסט, וואָס עס קען פּאַסירן אין די צוויי וואָכן?

איין קאָמיסיע איז פרייטיק, י״ד חשון, אָפּגעפאָרן צו דער גרענעץ פון ליטע לעבן קאַלוואַריע. ביי אַ יידישן שאָפער מיטן נאָמען צווילינג האָט מען נאָך געפונען אַן אַלטן אויטא, האָט מען אים מחייב געווען צו פירן די קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון סואוואַלקער רב ר' דוד ליפשיץ, סואוואלסקי (וועלכער האָט גערעדט ליטוויש), לייבע אריאָוויטש און פון נאָך איינעם.

אַ גאַנצע עדה יידן האָט באַגלייט די דעלעגאַציע מיט אירע טיפסטע תפילות, אַז זי זאָל באַגליקן אין איר שליחות. די שליחי־ציבור גופא האָבן געוואוסט, אַז דער גורל פון אַ קהילה יידן איז איצט אין זייערע הענט: וועלן זיי מצליח זיין — קען זיין רווח והצלה, טאָמער ניט — קען זיין טויט און חורבן. און יעדער איינער פון זיי האָט אין האַרצן מתפלל געווען די אַלטע און טרערן־דורכגעווייקטע תפילה: „היה נא מצליח דרכי״.

די נסיעה אין אַזעלכע טעג און ביחוד פאַר יידן איז געווען אַ געפערלעכע. ניט איין מאָל איז דער אויטא אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דייטשער פּאָליציי. אָבער די שריפטלעכע דערלויבעניש פון סואוואַלקער דייטשן קרייזאַמט האָט אַלע מאָל געהאַט איר פּעולה. אויפן לעצטן

פונקט האָבן די דייטשע שומרים גוט קאָנטראָלירט די קאָמיסיע־מיטגלידער און האָבן זיי באַגלייט אַ שטיקל וועג אין דער ריכטונג פון דער ליטווישער גרענעץ־פּאָליציי.

די ליטווישע פּאָליציי האָט אָבער ניט צוגעלאָזן צו זיך. סואוואַלסקי דער ליטוויש־קענער האָט מיט טרערן איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע און געזאָגט, אַז די קאָמיסיע וויל נאָר צופאָרן קיין קאָוונע, כדי עס איבערצוגעבן די דאָרטיקע יידישע פירערס. דער ליטווישער אָפיצער האָט אָבער ניט דערלויבט. ער האָט אויך ניט מסכים געווען דורכצולאָזן די דעלעגאַציע צום נאָענטסטן יידישן שטעטל אויף נאָר עטלעכע שעה. וועגן דער בקשה, אַז זיי — אָדער אפילו ער גופא — זאָלן טעלעפאָנירן צום רב אין קאַלוואַריע, וואָס ליגט ניט ווייט פון גרענעץ, האָט ער אַליין אָנגעפרעגט ביי זיינע העכערע לייט און באַקומען דעם ענטפער: ניין, ס׳איז מלחמה.

די דעלעגאַציע איז געשטאַנען אויף „קיינעמס לאַנד", אין מיטן וועג צווישן דער דייטשער און ליטווישער גרענעץ־פּאָליציי. ווען דער ליטווישער אָפיצער האָט געגומען גיין, האָט דער רב מיט די קאָמיסיע־מיטגלידער זיך גענומען רוקן נאָך אים צו דער ליטווישער זייט און ווייטער געבעטן אים רחמים. ער האָט אָבער שטרענג געוואָרנט:

— נאָך דריי טריט — און איך שיס.

אויסגעמוטשעט, פאַראומערט און מרה־שחורה׳דיק זיינען די שליחי־ציבור פון סואוואַלק געפאָרן צוריק.

די קאָמיסיע צו דער סאָוועטישער גרענעץ האָט אויך ניט געבראַכט קיין ישועות. אין אָט דער קאָמיסיע זיינען געווען: ד״ר לעאָן סמאָלינסקי, שכנא פינקל און אברהם בער צימערמאַן — די לעצטע צוויי זיינען געווען פון די אַרבעטערס און האַנטווערקערס. מען האָט געמיינט, אַז אין דעם פאַל וועט דאָס אפשר זיין אַ שטיקל סגולה.

אויף דער סאָוועטישער זייט האָט מען די דעלעגאַציע יאָ אַריבערגעלאָזן די גרענעץ און זי איז געוואָרן אויפגענומען דורך עטלעכע מיליטערישע פירערס. די דעלעגאַציע האָט איבערגעגעבן דעם טראַגישן צושטאַנד פון דער יידישער סואוואַלקער באַפעלקערונג און אַפּעלירט, אַז מען זאָל עפענען די גרענעץ אויף אַ פּאָר שעה. דער ענטפער איז געווען, אַז זיי האָבן ניט קיין רעכט צו עפענען די גרענעץ אָן אַ דערלויבעניש פון מאָסקווע. ס׳האָט ניט געהאָלפן די לעצטע בקשה פון דער דעלעגאַציע, אַז די צעשיידטע פאַמיליעס זאָלן לכל הפחות האָבן די מעגלעכקייט זיך צו פאַראייניקן (הונדערטער משפחות זיינען צעטיילט געוואָרן צוליב דעם, וואָס אַ טייל איז געבליבן אין סואוואַלק און אַ טייל איז אַנטלאָפן נאָך פון פריער קיין אויגוסטאָווע).

איין זאַך איז דערלויבט געוואָרן דער דעלעגאַציע: צוזאַמענשטעלן אַ פּעטיציע צו דער סאָוועטישער רעגירונג אין מאָסקווע וועגן עפענען די גרענעץ. די דעלעגאַציע האָט באַקומען אַ הבטחה צו ווערן אינפאָרמירט וועגן דער תשובה.

די גרויסן פּיןביידע קאָמיסיעס האָבן אריינגעוואָרפן אַלע סואוואַלקער יידן אין טיפסטן יאוש. אַלע גרענעצן זיינען געשלאָסן. קיין רעטונג זעט זיך ניט — און די טעג לויפן. איין וואָך איז שוין אַוועק, און פון שעה ווערט טראַגישער און אימה׳דיקער די פראַגע: „מאין יבוא עזרי?" דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקענט טאָן, איז געווען צו שיקן דורך גויים געהיימע בריוועלעך צו די רבנים פון די ארומיקע ליטווישע שטעטלעך און זיי אַלאַרמירן וועגן דער גרויסער סכנה.

שבת, ט״ו חשון, (28סטער אָקטאָבער) האָט אַ קריסט געבראַכט צום סואוואַלקער רב אַ צעטעלע פון איינעם פון די שענסטע יידן אין סייני, ר׳ משה־ליב לעוו, אַ ייד אַ בן שמונים. דאָרטן איז געווען געשריבן, אַז די אַלע 573 יידן פון סייני האָט מען דאַנערשטיק אַרויסגעטריבן פון שטעטל. זיי געפינען זיך שוין דעם דריטן טאָג אויף פעלדער, 5 קילאָמעטער פון דער ליטווישער גרענעץ, זיי ליידן פון קעלט און הונגער, ס׳איז שוין דאָ אַ געשטאָרבענע פרוי און פיל קראַנקע, און זיי בעטן, אַז סואוואַלק זאָל זיי ראַטעווען. דאָס בריוול איז געווען פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „לסדר: ואת מתך קבר".

מען האָט גלייך אַוועקגעשיקט אהין דורך גויים צוויי פורן מיט ברויט און קליידער. אויף מאָרגן, זונטיק, איז דער רב צוזאַמען מיט די פרײערדיקע בעלי־בתים אַוועק קיין סייני אין זעלביקן אויטא פון צווילינגן. זייער ציל איז געווען זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די סייניער יידן און פאַראיינס שוין פּרואוון מזל דורך יענער זייט צוצוקומען צו דער ליטווישער גרענעץ.

טרויעריק איז געווען דאָס בילד, וואָס די דעלעגאַציע האָט געזען ביים דורכפאָרן סייני זונטיק פרי. דער מאַרק איז געווען פול מיט פויערים, וועלכע האָבן גאַנץ היימלעך פאַרבראַכט, אָבער די יידישע הייזער און קראָמען זיינען געווען פּוסט און אויפגעריסן. ניט געווען מער קיין סימן פון אַ יידיש לעבן, וואָס האָט דאָ פולסירט הונדערטער יאָרן. ביי דער בריק אויסערן שטעטל זיינען די יידישע שלוחים אַרעסטירט געוואָרן דורך דער דייטשער פּאָליציי. „יידן! ווי קומען אַהער יידן?" האָבן זיי אויסגעשריען מיט האַס און רציחה. אָבער דאָס צעטל פון סואוואַלקער קרייזאַמט האָט דאָ אויך געהאָלפן און מען האָט זיי סוף־סוף דורכגעלאָזן.

דורך פאַרשיידענע גלגולים האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו די סייניער יידן אויפן פעלד; ס׳איז געווען אַ פראָסטיקער טאָג, די קעלט איז געווען אַ ביטערע, און אויפן פעלד, ווי אויך ביי די זייטן פון שאָסיי זיינען ארומגעלאָפן אהין און צוריק צענדליקער יידן, עלטערע און יינגערע, כדי אַ ביסל אָנצואוואַרעמען זייערע גלידער. ווען דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און די סואוואַלקער שליחים זיינען פון אים אַרויס, איז געוואָרן אַזאַ געלאַף און געדראַנג, אַז מען האָט פּשוט די ערשטע עטלעכע מינוט ניט געקענט זיך צוזאַמענריידן. זיי, די עלנטע, האָבן קענטיק געמיינט, אַז די סואוואַלקער דעלעגאַציע איז געקומען זיי ראַטעווען, איז דעריבער געוואָרן די ערשטע ווײַלע אַן אומבאַשרייבלעכע שמחה צווישן זיי: נעכטן האָבן זיי דאָך באַקומען ברויט פון סואוואַלק און

איצט איז געקומען דער רב מיט בעלי בתים ארויסנעמען זיי פון דאַנען, — ווי דען אַנדערש? ווען זיי האָבן אָבער אויסגעהערט, מיט וויפל צרות די סואוואַלקער דעלעגאַציע איז געקומען אַהער, האָבן זיי נאָך מער צוזאַמענגעבראָכן און מיט וויינענדיקע שטימעס דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון דעם סייניער גירוש:

דאָנערשטיק פאַר נאַכט, דעם 26סטן אָקטאָבער, איז דאָס גאַנצע שטעטל יידן ארויסגעטריבן געוואָרן דורך די נאַציס צו דער ליטווישער גרענעץ. היות די ליטווישע פּאָליציי האָט זיי ניט דורכגעלאָזט, זיינען זיי געשטאַנען, 573 נפשות, אַ גאַנצע נאַכט אויפן פעלד. די געוואַלדן און געוויינען זיינען געוועזן ביזן הימל. פרייטיק פרי זענען די אַרומיקע פּויערים פון דער ליטווישער זייט זיך צוזאַמענגעקומען זען, וואָס דאָ קומט פאָר. די געשיכטע איז, משמעות, דערגאַנגען אויך ביז קאָוונע, און פון דאָרטן זיינען אַראָפּגעקומען זשורנאַליסטן פון אַמעריקאַנער צייטונגען און גענומען בילדער פון די אומגליקלעכע יידן. וויזט אויס, אַז די דייטשן האָבן דאָס באַמערקט, און ניט וועלנדיק, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן פון זייערע מעשים, האָבן זיי געטריבן די יידן אויף צוריק, אַ פּאָר קילאָמעטער פון גרענעץ, און אַריינגעשפּאַרט זיי אין אַ קלין צווישן שטעטל און דער ליטווישער זייט. מען האָט ארויסגעגעבן אַ באַפעל צו די אַלע ארומיקע דערפער, אַז זיי טאָרן ניט ארייננעמען קיין ייד אין זייערע הייזער, אין פאַל פון ניט פאָלגן וועט מען פאַרברענען זייער האָב און גוטס. אַזוי ארום האָבן די יידן זיך געוואַלגערט שוין דריי טעג אויף די פעלדער אין קעלט און אין הונגער; שרעקלעך איז געוועזן זייער אויסזען, פאַר׳חושכ׳ט, צעבראָכן און פאַרצווייפלט.

אין אַ שטורעם ווינט און ביטערער קעלט האָבן די שליחים אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה מיט די סייניער אין מיטן פעלד און זיי ניט געקענט געבן קיין עצה, וואָס צו טאָן: זאָלן זיי פּרואוון זיך אריינצובאַקומען קיין סואוואַלק אָדער ביי נאַכט זיך אריבערכאַפּן די ליטווישע גרענעץ ?

אַ שרעקלעך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר די סואוואַלקער שליחים, ווען די סייניער האָבן זיי צוגעפירט צו אַ סטאַדאָלע פון אַ פּויער אין עק דאָרף, וואו עס איז געלעגן אַ שווער קראַנקער יידישער בחור אין געוואַלדיקע יסורים. דער רב האָט גלייך געהייסן, אַז מען זאָל אויפן חשבון פון ועד־הקהל דינגען אַ פור און אים ברענגען קיין סואוואַלק.

פון דאָרטן האָבן די סואוואַלקער זיך געלאָזט צו אַ גרענעץ פּונקט, וואו עס איז געשטאַנען נאָר אַ ליטווישע וואַך. מען האָט אָבער אויך דאָ גאָרניט געקענט אויפטאָן און מיט צעבראָכענע הערצער איז מען געפאָרן צוריק פון די גרענעצן צום דריטן מאָל.

מען האָט אַלץ ניט אויפגעגעבן די האָפענונג זיך דאָך דורכצושלאָגן דורך אַ ליטווישער גרענעץ, דאָס מאָל דורכן שטעטעלע וויזשאַן. עס זיינען ווידער געפאָרן מיטן זעלביקן יידישן אויטאָ הרב ליפשיץ מיט די עטלעכע אויבן דערמאָנטע איבערגעבענע עסקנים, מיטנעמענדיק אין אויטאָ ברויט און אַנדערע שפּייזן פאַר די פאַרשמאַכטע יידן.

די וויזשאַנער יידן האָבן זיך דעמאָלט שוין אויך געפונען אויף אַ פעלד, און אַהין זיינען געקומען די סואוואַלקער שליחים. ווען די וויזשאַנער האָבן דערזען אַן אויטא, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס זיינען דייטשן און האָבן זיך גענומען רוקן און אַנטלויפן אַלץ ווייטער פון דער מאַשין. ווען זיי האָבן סוף־סוף באַמערקט יידן גייען ארויס פון אויטא, איז זייער שמחה געוואָרן אומבאשרייבלעך. די וויזשאַנער האָבן דערציילט, אַז די יידן פון זייער שטעטל האָט מען אַרויסגעטריבן נאָך פרייטיק ביי טאָג, י״ד חשון (27סטער אָקטאָבער) און זיי וואלגערן זיך אויפן פעלד שוין 5 טעג. אַ טייל יידן פון וויזשאַן איז געלונגען זיך אריבערצוכאַפּן די ליטווישע גרענעץ און געפינען זיך אין ווילקאָווישק.

די סואוואַלקער שליחי־צבור האָבן אויך דאָס מאָל ניט געהאַט קיין מזל. אויף צוריקוועגס זיינען זיי נאָך אַרעסטירט געוואָרן דורך דייטשן, וועלכע האָבן זיי געבראַכט קיין וויזשאַן. אין דער צייט, ווען זיי זיינען געוועזן פאַרהאַלטן אין דער פּאָליציי, האָט מען צעבראָכן זייער אויטא, און מיט גרויסע צרות איז זיי געלונגען צו פּועל׳ן, אַז מען זאָל זיי לאָזן פאַרריכטן דעם אויטא און פאָרן צוריק קיין סואוואַלק.

אַ פינפטער און אַ לעצטער פּרואוו זיך דורכצורייסן די גרענעץ פון ליטע, כדי איבערצוגעבן די פּירערס פון דאָרטיקן ישוב וועגן שרעקלעכן מצב פון די סואוואַלקער, איז געמאַכט געוואָרן מאָנטיק, כ״ד חשון (זעקסטער נאָוועמבער). ס׳האָבן זיך דעמאָלט גראָד פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די יידן פון פּונסק איז יאָ געלונגען דורך די נעכט זיך אריינצוכאַפּן קיין ליטע. האָט די סואוואַלקער דעלעגאַציע אינעם זעלביקן צוזאַמענשטעל זיך געלאָזן צום דאָזיקן שטעטל. קיין יידן האָבן זיי שוין אין פּונסק ניט געטראָפן. אין אַ דאָרף ניט ווייט פון גרענעץ האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ יידישן בחור, וואָס פלעגט אריבערפירן יידן די גרענעץ. ער האָט די סואוואַלקער צוגעפירט צום ריכטיקן אָרט, אָבער מען האָט דאָס מאָל גאָרניט געקענט מאַכן מיט דער ליטווישער פּאָליציי.

אַ גאַנצע יידישע קהילה געפינט זיך אין אַ טויט פאַסטקע. אַלע ווייסן, אַז ראַטעווען קען מען זיך נאָר דורך אריבערגיין די גרענעץ, אָבער קיין וועג צו איר איז נאָך אַלץ נישטאָ. אַלע שטעלן די איינציקע פראַגע: וואָס טוט מען? און קיין ענטפער קען קיינער ניט געבן.

אין אָט די טעג, שוין האַרט פאַרן אָפּלויף פון צוויי־וואָכן טערמין, איז געקומען אַ פּויער צום סואוואַלקער רב און אים איבערגעגעבן אַ בריוועלע פון הרב בענגיס פון קאַלוואַריע. אין בריוועלע ווערט געזאָגט, אַז אין ליטע ווייס מען שוין די גאַנצע טראַגישע לאַגע פון סואוואַלקער יידן, אויפן אַפיציעלן דרך קען מען גאַרניט פּועל׳ן וועגן עפענען די גרענעצן פאַר די סואוואַלקער יידן, אָבער פאַר די אריבערגעלאָפענע יידן וועט מען אפשר באַקומען די שוץ פון דער ליטווישער מלוכה.

דעריבער ־צה״ט הרב בענגיס, אַז מען זאָל אַנהייבן לויפן מיט אַלע מיטלען און דורך אַלע וועגן.



הרב שמעון זאב בענגיס פון קאַלוואַריע און לייב ליפשיץ ביים ברענגען ספרים פון סואוואַלק.

הרב ליפשיץ האָט עס תיכף איבערגעגעבן דעם וועד הקהל, וואָס האָט עס בליץ שנעל מודיע געווען אַלע יידן אין שטאָט. די בהלה איז געווען אין לשער: וואוהין זאָל מען לויפן — ליטע אָדער רוסלאַנד? ווי זאָל מען לויפן — איינציקווייז אָדער אין גרופּעס? וואָס טוט מען מיט משפחה, מיט קרובים? אין הייזער, וואו עס זיינען דאָ קראַנקע און שוואַכע — זיי מיטנעמען אָדער לאָזן?

נאָר דער חלף איז דאָך שוין געלעגן אויפן האַלדז — האָט מען אָנגעהויבן לויפן, ווער קיין רוסלאנד, ווער קיין ליטע. אַ טייל איז געלונגען זיך דורכצורייסן, טייל איז געקומען צוריק, און אַנדערע זיינען אומגעקומען. משה גילטשינסקי און פרוי מאריאמפּאלסקי־ברוידע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין אויגוסטאָווער קאַנאַל, ביי דער רוסישער גרענעץ.

אין סואוואַלק גופא האָבן זיך פאַרשטאַרקט די כאַפּע־נישן אויף אַרבעט און דאָס שלאָגן יידן. כאַצקל פרידמאַן איז דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן אויף אַן אָרט, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין אַלטן טאַטן ר׳ הירשע, אַ ייד איבער שמונים, וועמען מען האָט געשלעפּט צו שווערער ארבעט.

מיטוואָך פרי, כ״ו חשון (8טער נאָוועמבער), האָבן מערערע יידן, בתוכם אויך הרב ליפשיץ, באַקומען צעטעלעך פון זייערע קרובים פון יענער זייט ליטווישער גרענעץ. די בריוועלעך צום סואוואַלקער רב זיינען געווען געשריבן פון זיינע קרובים די רבנים פון ווישיי, זאָסלע און וועוויע, הרב יחזקאל גאָלדשלאַק, הרב משה לעווין און הרב נחמיה פיין הי״ד (שפּעטער, אין יאָר תש״א—1941 אַלע אומגעקומען אין ליטע דורך די נאַציס). זיי האָבן געראַטן הרב ליפשיץ, אַז ער און די משפחה זאָלן גלייך אַנטלויפן מיט דער זעלביקער פיר פון פויער, וואָס האָט געבראַכט דאָס בריוול. דער רב האָט אָבער זיין עדה אין אַזאַ עת צרה ניט געוואָלט פאַרלאָזן און ער האָט אָפּגעשיקט אין דאָרף צו דער ליטווישער גרענעץ, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע יידן, נאָר זיין משפחה, — זיין פרוי מיט צוויי קליינע קינדערלעך, איינס פון זיי פינף חדשים אַלט, צוזאַמען מיט דער אַלטער רבי׳צין. ביים אַריבערגיין די גרענעץ האָט דאָס עופ׳עלע, משמעות, אָנגעהויבן צו וויינען, די ליטווישע פּאָליציי איז געפאַלן אויף די שפורן, האָט גענומען שיסן און דאָס פּיצעלע קינד איז גלייך אין דער פינצטערניש אומגעקומען. אין גרויסן טומל איז פאַרלאָרן געגאַנגען פון דער מוטער אויך דאָס צווייטע קינד, וואָס איז אַלט געווען 5 יאָר און איז געפירט געוואָרן דורך אַ פויער פון דאָרף. אין דער גרויסער בהלה פון דער שיסעריי זיינען אַ סך פון דער גרופּע יידן זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אין דער פינצטערניש איז זיי געלונגען דורכ־צוגיין דורכן וואַלד די גרענעץ און זיך אַריבערכאַפּן קיין ליטע. אַנדערע זיינען אָבער געכאַפּט געוואָרן דורך דער ליטווישער פּאָליציי, וואָס האָט זיי אַרעסטירט און גע־שיקט צו דער דייטשער גרענעץ. צווישן זיי איז אויך געווען די רבי׳צין ליפשיץ מיטן טויטן קינד. אומזיסט איז געווען איר בעטן זיך, אַז מען זאָל האָבן מיטגעפיל אין איר גרויסן אומגליק און זי דורכלאָזן די גרענעץ — עס האָט גאָרניט געהאָלפן, און זי איז מיט אַ טויט קינד אויף די הענט צוריקגעשיקט געוואָרן צו דער דייטשער זייט. אין דאָרף האָט די רבי׳צין זיך געוואַלגערט עטלעכע טעג. מיינענדיק, אַז איר וועט פאָרט געלינגען אַריבער־צוגיין די גרענעץ, האָט זי ניט געוואָלט קומען צוריק קיין סואוואַלק, כדי דער רב זאָל זיך ניט דערוויסן פון אומגליק. דער גרענעץ פונקט איז אָבער נאָך מער באַ־וואַכט געוואָרן, און אַ קראַנקע און צעבראָכענע האָט זי זיך געמוזט אומקערן קיין סואוואַלק.

זונטיק, ר״ח כסלו, איז געווען די קבורה פון דעם פּיצעלע קינד אויפן סואוואַלקער בית־עלמין. פאַר נאַכט איז קוים מיטן לעבן געבראַכט געוואָרן צוריק די אַלטע רבי׳צין, וועלכע איז צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פרויען אַרעסטירט געוואָרן פון דער ליטווישער פּאָליציי און צוריקגעשיקט געוואָרן צו דער דייטשער זייט. די פרויען זיינען אויסגעשטאַנען שרעקלעכע צרות דורך די פּאָר טעג — זיי זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל אויפן פעלד אין הונגער און קעלט, מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט, אפילו די קדושין־רינגעלעך, און געשלאָגן מכות־רצח. קוים מיט דער נשמה האָבן זיי זיך דערשלעפּט קיין סואוואַלק.

די טראַגעדיע אין רב׳ס פאַמיליע האָט אויפגע־שוידערט אַלע יידן אין שטאָט. דער גאַנצער עולם איז שטאַרק אָנגעשטאַנען אויפן רב, אַז ער מוז איצט תיכף זיך לאָזן גיין זוכן אַ וועג אריבערצוגיין די גרענעץ, כדי אויסצוגעפינען די שפורן פון דעם עלטערן טעכטערל. זייער שווער איז געווען דעם איבערגעגעבענעם מנהיג העדה זיך צו שיידן מיט זיין באַליבטער און חרוב׳ער קהילה. מיט אַ צעבראָכן האַרץ און הייסע טרערן, באַגלייט פון די נאָענטסטע בעלי־בתים, וועלכע האָבן געדונגען פאַר אים אַ פיר ביז דער גרענעץ, האָט ער צוזאַמען מיט דער רבי׳צין און נאָך צוויי יידן פאַרלאָזן זונטיק ביי נאַכט.

ר״ח כסלו, זיין בית הרב, זיך לאָזנדיק איבער פעלדער און וועלדער.

אין דער שטאָק־פינצטערניש האָבן די צוויי פורן פון רב און פון נאָך עטלעכע יידן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך אַ פור, וואָס איז געקומען פון דער אַנדער זייט. אין חושך האָט זיך דורכגעטראָגן אַ קול אויף פויליש פון יענער פור: ווער פאָרט דאָרטן? אפשר דער רב פון סואוואַלק? אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען דעם רב — ווער ווייסט, וואָס די אויסטערלישע פראַגע קען באַטייטן? און אפשר מיינט עס גאָר אַ ידיעה פון דעם פאַרלאָרענעם טעכטערל אין פעלד? וואַקלדיק האָט ער געענטפערט: „יאָ״. דעמאָלט האָט זיך ווידער געהערט דער קול אויף פויליש: „פאָרט ניט דורכן שאָסיי, וואָס איז באַלאַגערט מיט פאָליציי, נאָר דורך זייטיקע וועגעלעך...״

ביז היינטיקן טאָג ווייס מען ניט, ווער עס איז געווען יענער פוילישער אַנזאָגער, וואָס אַ דאַנק אים האָט דער רב און זיינע מיטפאָרערס אויסגעמיטן די גרעסטע געפאַרן. אָבער מיט דעם האָט זיך דאָס ניט געענדיקט. צוועלף ביי נאַכט זיינען זיי אָנגעקומען צו דעם סאַמע גרענעץ פונקט. דאָרטן האָבן זיי במשך פון עטלעכע שעה געמוזט קלעטערן אויף בערג און דורכשניידן טאָלן, כדי ניט באַמערקט צו ווערן פון דער פאָליציי. ביי יעדן שאָרך האָבן די פירערס געהייסן זיך אויסציען אויף דער ערד. ניט איין מאָל האָט זיך געזען פון ווייטן אַן אָפּשיין פון אַ באַטאַריי־לעמפּל, קענטיק פון אַ גרענעץ־וועכטער, און דעמאָלט פלעגט מען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, קריכנדיק אויף אַלע פיר, זיך רוקן פּאַמעלעך צוריק.

פאַר טאָג האָבן זיי זיך געפונען צווישן געדיכטע ביימער פון אַ וואַלד. מען איז שוין געווען אַ שפּאַר עטלעכע מייל אריין אויף דער ליטווישער טעריטאָריע, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די געפאַר איז שוין אריבער. זייערע וועגפירערס האָבן דעריבער באַשלאָסן צו דינגען אין דעם נאָענטסטן דאָרף אַ פור צו דעם ליטווישן שטעטל קאַלוואַריע. אויסגעשעפּטע און פאַרמאַטערטע האָבן זיי זיך געזעצט אויף אַ גרויסער פור פון אַ ליטווישן פויער, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר שטאַרקע פערד. תחילת איז אַלץ געגאַנגען גוט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געשריי אויף ליטוויש: „סטאָק!״ (בלייב שטיין). דאָס איז געווען אַ באַפעל פון אַ פּאָליציי־אָפּטייל. ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז פאַרן פירן יידן אומלעגאַל קען מען אים באַשטראָפן מיט צונעמען די פערד און וואָגן, האָט דער פויער אַ טרייב געטאָן די פערד שטאַרקער. עס האָט זיך דערטראָגן נאָך אַ מאָל אַ קול „סטאָק!״ און גלייך נאָך דעם האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן שיסן אויף די פורן. די פאָרערס האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער פור און דער רב האָט אָנגעהויבן צו זאָגן ווידוי. אַ נס, וואָס גלייך האָט זיך געמאַכט אַ זייטיק וועגעלע אין וואַלד, וואוהין דער פויער האָט זיך גיך אַריינגעדרייט, און זיי זיינען ניצול געוואָרן.

דער פויער האָט שוין מער ניט געוואָלט האַלטן אויף זיין פור די אומלעגאַלע „סחורה״, די סואוואַלקער יידן, און האָט זיי אַלעמען אַראָפּגעטריבן פון זיין פור. ער האָט זיי נאָר אָנגעוויזן אויף אַ הייזקע אויף אַ באַרג פון דער ווייטנס, וואו זיי וועלן זיך קענען אָפּשטעלן. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט מען זיך געלאָזן צום אָנגעוויזענעם אָרט. ווי גרויס איז געווען די שמחה, ווען אין יענעם הויז האָט זיי באַגעגנט אַן עלטערע יידישע פרוי, פון אַ יידישער מילך פאַרעם אין דאָרף, וואָס איז ניט ווייט פון קאַלוואַריע. די בעל־הבית׳טע האָט זייער האַרציק אויפגענומען די געסט, אָבער זי האָט זיי געזאָגט, אַז דאָ איז ניט זיכער צו פאַרבלייבן, ווייל אַהער קומען אָפט אריין די „שיאוליסטן״ (פרייוויליקע ליטווישע פאָליציסטן), וועלכע אַרעסטירן אַלע ניי־אריינגעקומענע יידן.

וואָס טוט מען דאָ? ווי באַהאַלט מען זיך אויס דערווייל? און ווי קומט מען אַז וואָס פריער אין שטעטל? בעיקר איז געווען די דאגה וועגן רב, ווייל ער וואָרפט זיך דאָך מער אין די אויגן, אַז ער איז ניט פון דאַנען. מעשה גליקלעכן צופאַל איז פונקט אָנגעפאָרן אַ יידישער יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען אָפּנעמען זיינע מילך קאַנען. מען האָט זיך קורץ מיישב געווען און עס איז געבליבן, אַז ער זאָל מיטנעמען דעם רב אויף זיין פור קיין קאַלוואַריע. מען האָט אויך אָפּגערעדט, אַז פון שטעטל וועט מען תיכף ארויסשיקן אַ פור, כדי אָפּצונעמען די איבעריקע.

צופאָרנדיק נאָענטער צום שטעטל האָבן זיך באַוויזן יידישע יונגעלייט, וועלכע פלעגן אָפּוואַרטן יעדן פרימאָרגן די סואוואַלקער פליטים און אויסבאַהאַלטן זיי אין די הייזער. גרויס איז געווען די איבערראַשונג פון די יונגעלייט, ווען דער מילכיקער האָט זיי אַ זאָג געטאָן, ווער ער פירט אויף דער פור.

שלום עליכם, רבי — האָבן זיי מיט פרייד אויסגערופן — אייער טעכטערל איז דאָ אין קאַלוואַריע, די פרטים וועט איר זיך שפּעטער דערוויסן, דערווייל דאַרפן מיר אייך אויסבאַהאַלטן אין אַ יידיש הויז, ווייל די „שיאוליסטן״ לויערן דאָ אויף יעדן איינעם.

דער רב האָט זיי געבעטן באַזאָרגן תיכף ומיד אַ פור אויף צו ברענגען די איבעריקע פליטים פון דאָרף, און זיי האָבן דאָס צוגעזאָגט גלייך צו טאָן.

די רבי׳צין, זייענדיק שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פון איר טעכטערל, האָט ניט געוואָלט מער בלייבן וואַרטן אין מילך פאַרעם. גלייך נאָכן אַוועקפאָרן פון רב האָט זי זיך געלאָזט גיין אַליין אין שטעטל אריין. ניט ווייט פון בריק איז זי באַמערקט געוואָרן פון די „שיאוליסטן״, וועלכע האָבן זי אַרעסטירט. היות דאָס איז אָבער געווען אין שטעטלשן תחום, איז די רבי׳צין אָפּגעפירט געוואָרן אין דער קאַלוואַריער פּאָליציי. איר איז געלונגען איבערצוגעבן פאַרבייגייענדיקע יידן, ווער זי איז, און יענע האָבן זי באַרואיקט, אַז דאָס קינד געפינט זיך אין שטעטל און וועגן איר גופא וועט מען שוין געפינען אַן עצה.

נאָך אַ שטאַרקער השתדלות אין די „הויכע פענצטערס״ איז די רבי׳צין גיך באַפרייט געוואָרן, דעם רב׳ס מיידעלע איז געבראַכט געוואָרן צו די עלטערן, און דאָס שטעטל איז געווען פשוט גליקלעך מיטן אויפטו.

אויף מאָרגן האָט דער קאָוונער רב טעלעפאָנירט

צום קאלוואריער מרא דאתרא און זיך נאָכגעפרעגט, צי דער סואוואַלקער רב איז שוין דאָ אין שטעטל, ווייל עס זיינען אָנגעקומען ידיעות פון יענער זייט, אַז די דייטשן זוכן אים ארום לענג אויס דער גרענעץ, כדי צו נעמען אים פאַר אַן ערב׳ניק. שפּעטער האָט זיך דאָס טאַקע באַשטעטיקט. אין אַ בריוול פון דער אַלטער רבי׳צין אין סואוואַלק איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען דער רב איז אַוועק פון שטאָט, זיינען געקומען דייטשן אים צונעמען ווי אַ דריטן ערב׳ניק (צו די פריערדיקע צוויי אַפּטייקערס שווארצמאַן און ערד־רייך).

מיטן אָנקום פון סואוואַלקער רב קיין קאלוואריע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַרבעט פון אריבערברענגען וואָס מער יידן פון דער דייטשער זייט. יעדע נאַכט האָבן זיך אַלץ מער יידן אריבערגע׳גנב׳עט די ליטווישע גרע־נעץ. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אריינבאַקומען קיין קאלוואריע, דער רעשט — קיין ווילקאווישק און לאזדיי. די מידה פון הכנסת־אורחים, וואָס די יידן פון קאלוואריע און פון די אַנדערע שטעטלעך האָבן ארויסגעוויזן צו זייערע אומגליקלעכע ברידער, איז ניט צו באַשרייבן. ניט געווען, דאַכט זיך, קיין איין יידיש הויז, וואו מען האָט ניט אָפּגעגעבן אַ צימער פאַר די סואוואַלקער — מיט עסן, מיט קליידער, מיט בעטגעוואַנט.

די קהילה אין קאלוואריע האָט געשאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע ענינים פון די פּליטים. אין אים זיינען געווען אַקטיוו אבא יאַקאָבסאָן (פון דער עלעקטרישער סטאַנציע), דער וויצע בירגער־מייסטער פון שטאָט אבא בלומענזאָן, דער אַדוואָקאַט מלאך, קראָנזאָן, קאגאנסקי, יאנסבורסקי, וויגדעראָ־וויטש און אַנדערע. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט ניט נאָר געזאָרגט פאַר די שוין פאַראַנענע פּליטים, נאָר האָט אויך אָנגענומען שריט, אַז מען זאָל ראַטעווען וואָס מער יידן פון די, וועלכע זיינען נאָך געווען פאַרבליבן אויף דער אַנדער זייט. לשם זה האָט מען געלאָזט באַקאַנט מאַכן אין די גרענעץ־דערפער, אַז פאַרן ברענגען יידן קיין ליטע וועט דער קאָמיטעט גוט באַצאָלן. וואָסערע דריי־פיר וואָכן זיינען קאלוואריער יונגעלייט יעדע נאַכט געגאַנגען אין די דערפער צו זען, אפשר קען מען העלפן נאָך יידן אריבער־צוגיין די גרענעץ.

בסך הכל האָבן זיך אריבערגעכאַפּט די ליטווישע גרענעץ ארום 3000 יידן פון סואוואַלקער געגנט. דער צענטראלער קאָמיטעט אויף העלפן די סואוואלקער פּליטים האָט זיך געפונען אין קאָוונע בראש מיט הגאון ר׳ אברהם דובער שאַפּירא, קאָוונער רב זצ״ל. הרה״ג ר׳ שמואל אבא סניעג, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער ליטווישער ארמיי־ראַבינער, האָט פיל אויפגעטאָן אין דער הילפסאַרבעט. זייער אַקטיוו זיינען געווען די קאָמיטעט־מיטגלידער ראובן רובינשטיין, רעדאַקטאָר פון קאָוונער „אידישע שטימע״, ראָזאָווסקי, דירעקטאָר פון „האיאַס״, דוד איצקאָוויטש, י. ידידיה, ד״ר בנימין בערגער, ר. כאסמאַן און דער „דזשאָינט״־אָפּטייל פאַר ליטע.

אין אַלע שטעט פון ליטע האָבן די רבנים און עסקנים געשאַפן גרעסערע סומעס געלט פאַר די סוא־וואַלקער.

געלט און קליידער פאַר די פּליטים האָט שפּעטער פיל געשיקט אויך דער סואוואַלקער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.



אַ טייל געראַטעוועטע פון דער פישערשער קלויז.
אַ ייד האַלט אַ געראַטעוועטע ספר־תורה.

דאָס לויפן קיין ליטע איז ניט אַלע מאָל אַראָפּ גלאַט. געווען אויך ניט ווייניק טראַגעדיעס. אַנדערע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק, אַנדערע זיינען אומגעקומען.

בלומבערג פון גלאָזקראָם איז געכאַפּט געוואָרן לעבן קאַלוואַריע. אויף זיין צוריקוועג איז ער פאַרזונקען גע־וואָרן אין די טאָרף זומפּן. זיין פרוי און זון זיינען אַריבער בשלום.

ד״ר שטערן, אַ באַקאַנטער דענטיסט פון סואוואַלק, האָט אָפּגעפרוירן די פיסביים לויפן און אין אַ שווערן צושטאַנד האָט מען אים אָפּגעפירט אין קאָוונער שפּיטאָל, וואו ער איז געשטאָרבן אין גרויסע יסורים. דאָס איז דער פאָטער פון באַוואוסטן אברהם שטערן, דעם געווע־זענעם פירער פון דער לח״י גרופּע אין ארץ ישראל.

קראמארסקין דעם מולער, געוועזענעם שמש פון די מתעסקים ביי דער חברה־קדישא, האָבן זיין טאָכטער און איידעם געמוזט לאָזן ליגן אין אַ זייט פון וועג, ווען ער איז פּלוצעם געפאַלן טויט, און אַליין זיך לאָזן ווייטער איבער דער גרענעץ קיין קאַלוואַריע. דער סוא־וואַלקער רב און די איבעריקע פּליטים, דערהערנדיק די טרויעריקע געשעניש, האָבן ניט געהאַט קיין רו:

עס ליגט אַ חלל, א מת־מצווה אויפן פעלד אַליין, מוז מען דאָך אים ברענגען צו קבר ישראל. עס איז פשוט שווער געווען צו קריגן פּויערים, וועלכע זאָלן וועלן אריבערגיין אויף דער דייטשער זייט און דאָרטן זוכן דעם נפטר. סוף־סוף האָבן ספּעציעלע געדונגענע שליחים אויפגעזוכט דעם נפטר און געבראַכט אים קיין קאלוואריע.

די לוויה איז באַשטימט געוואָרן אויף זונטיק, כ״א כסלו. אַ גרייסער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען אויפן שולהויף, און הרב ר׳ גרשון ברוידע, איידעם פון הרב ר׳ בנימין מגנצא און דער לעצטער סואוואַלקער דיין, האָט

אים מספיד געווען. אין זייער רירנדיקע ווערטער האָט ער דערמאָנט דעם פסוק פון דער סדרה: „כי גנב גנבתי מארץ העברים וגם פה לא עשיתי מאומה, כי שמו אותי בבור״. ער האָט ארומגערעדט די גאַנצע סואוואַלקער טראַגעדיע, די אַלע קרבנות אויפן וועג, און ער האָט פאָרגעשטעלט פאַרן עולם, ווי דער נפטר בעט זיך מיט די ווערטער פון חומש: „גר ותושב אנכי עמכם, תנו לי אחוזת קבר עמכם״. דערמאָנענדיק די ווערטער פון פסוק, האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און אנידערגעפאַלן אויף דער ערד. מען האָט אים אריינגעטראָגן אין בית־המדרש, אָנגעהויבן מינטערן, גיסן מיט וואַסער, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן, דער ארויסגערופענער דאקטאר האָט דערקלערט, אַז ער איז גלייך געפאַלן טויט אויף אַן אָרט.

אומבאַשרייבלעך איז געווען די טראַגעדיע: דאָ שטייט אַן ארון מיט אַ נפטר געבראַכט פון פעלד, און דאָ נאָך אַזאַ אומגליק. די בכיות און דער טרויער זיינען געווען גרויס, והעיר קאלווארייע נבוכה.

אויף מאָרגן, מאָנטיק, כ״ב כסלו, איז פאָרגעקומען די לוויה פון אַלטן סואוואלקער דיין, ביי דער באַטייליקונג פון גאַנץ קאלווארייע. האַרץ־רייסנדיקע הספדים האָבן געמאַכט דער סואוואַלקער רב און הרב ר׳ גרשון גוטמאַן, מורה־הוראה פון קאָוונע. ווען הרב ליפשיץ האָט וויינענדיק געשילדערט די שרעקלעכע לאַגע פון די איבערגעבליבענע יידן אין סואוואַלק און ער האָט אַלעמען גערופן מתפלל זיין פאַר זיי, האָבן אויסגעבראָכן אַזעלכע בכיות און יללות אין שול, אַז די ווענט האָבן געציטערט.

ניט אַלע יידן פון סואוואַלק האָבן געקאָנט אַנטלויפן פון שטאָט. נאָך אַלע לויפענישן זיינען דאָרטן נאָך אַלץ געווען געבליבן אַן ערך 3000 נפשות. עטלעכע וואָכן זיינען געווען רואיקע. די דייטשן האָבן געזען, אַז די יידן צעלויפן סיי ווי פון שטאָט, האָבן זיי אַ ביסל נאָכגעלאָזט און זיינען ניט אַרויסגעקומען מיט אַ נייעם באַפעל פון גירוש. מען האָט נאָך דערלויבט דעם יידישן בעקער פיוול אויערן צו באַקן ברויט. יידן האָבן געזען אין דעם אַ בעסערן סימן, און עס האָט זיך פאַרשפרייט אַ השערה, אַז היות ס׳איז געבליבן אין שטאָט נאָר אַזאַ קליינע צאָל יידן, וועט אפשר די דייטשע מאַכט זיי צו רו לאָזן און מען וועט שוין קענען בלייבן זיצן אויף די ערטער.

אָבער די אָרעמקייט איז פון טאָג צו טאָג געשטיגן, עס איז פשוט קיין געלט ניט געווען ביי דעם עולם. האָט איינער אַ סואוואַלקער שניידער ריזיקירט מיט זיין לעבן, אַריבער די גרענעץ און געבראַכט צום סואוואַלקער רב אין קאַלוואַריע אַ בריוול פון חנא סוכאַוואלסקי, אַ חשוב׳ן עסקן פון וועד הקהל, אין וועלכן ער שילדערט דעם גאַנצן מצב און בעט איבערשיקן דרינגלעכע הילף. דער רב האָט ניט גערוט, ביז וואַנען עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך דעם זעלביקן שניידער.

די רואיקע טעג אין סואוואַלק האָבן זיך אָבער לאַנג ניט געצויגן. שבת, כ׳ כסלו ת״ש (2טער דעצעמבער 1939), איז פלוצעם אַרויס אַ באַפעל, אַז דריי טעג טאָר קיין ייד ניט אַרויס פון הויז. מאָנטיק פרי איז די שטאָט באַלאַגערט געוואָרן דורך דייטשע פּאָליציסטן און ס. ס.־לייט. די גאַסן זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן, און אַלע יידן זיינען צוזאַמענגעטריבן געוואָרן אין דער גרויסער שול, אין יידישן שפּיטאָל און אין טורמע. מען האָט זיי אַלעמען אונטערזוכט און צעגענומען ביי זיי די ווערטפולע זאַכן. ביי די אַלע זאַמלפונקטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרץ־רייסנדיקע סצענעס. פון דאָרטן זיינען אַלע אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן־סטאַנציע, זיינען אריינגעזעצט געוואָרן אין וואַגאָנעס, וואָס זיינען געווען ארומגעשטעלט מיט גרויסע בייזע הינט. נאָך צוויי מעת־לעת פאָרן דורך אָסט־פּרייסן און וואַרשעווער געגנט, האָט מען זיי אַרונטערגעלאָזן אין לוקאוו, ביאלא־פּאָדלאַסק, פּאַרטשעוו און אין די אַרומיקע קליינע שטעטלעך פון דעם אַזוי גערופענעם לובלינער רעזערוואַט.

אין דעם זעלביקן פאַטאַלן פרימאָרגן, ווען עס איז פאָרגעקומען אין סואוואַלק דער גירוש, האָבן נאָך פיל משפחות באַוויזן זיך אַרויסצודרייען, דורך פאַרשיידענע געסלעך און זייטיקע הויפן, פון דער דייטשער פּאָליציי, און אַנטלאָפן אין די דערפער ארום. זעענדיק שוין קלאָר, אַז ס׳איז ממילא ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, האָבן זיי בעסער אויסגעקליבן צו ריזיקירן מיט לויפן צו דער גרענעץ, איידער אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט. עטלעכע פון זיי זיינען גלייך אויף מאָרגן אָנגעקומען קיין קאלווארייע, צווישן זיי ר׳ ישראל זאַוואָזניצקי (איצט אין ניו־יאָרק) און ר׳ משה ראפּלזאָן, צוויי חשוב׳ע בעלי־בתים, וועלכע האָבן גלייך איבערגעגעבן דעם סואוואַלקער רב די לעצטע טרויעריקע נייס פון סואוואַלק.

פון זייערע שילדערונגען איז געווען אָנצונעמען, אַז הונדערטער סואוואַלקער יידן זיינען אין די לעצטע שעה׳ן אַנטלאָפן אין די דערפער, וואו זיי וואַרטן זיכער אויף אַ געלעגנהייט זיך אַריבערצוכאַפּן די ליטווישע גרענעץ. עס האָבן זיך תיכף געפאָדערט גרעסערע סומעס געלט, כדי מען זאָל זיי אריבערברענגען קיין ליטע. דער סואוואַלקער רב האָט גלייך צונויפגערופן אַ גרויסע אסיפה פון אַלע סואוואַלקער. מען האָט באַשלאָסן גוזר תענית צו זיין און אַז יעדערער זאָל אָפּגעבן אַ טאָג עסן, כדי צו שאַפן אַ התחלה אויף דעם רעטונגספאָנד לטובת זייערע בני עיר. דער סואוואַלקער רב האָט גלייך אלארמירט דעם צענטראַלן פּליטים־קאָמיטעט אין קאָוונע און די ארומיקע שטעט מאַריאַמפּאָל, לאַזדיי און ווילקאָווישק. ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל תיכף אסיגנירן אויף דעם ספּעציעלן רעטונגספאָנד לכל הפחות 10 טויזנט ליט (בערך 1700 דאלאר).

דער גאַנצער קאלווארייער פּליטים־קאָמיטעט האָט געאַרבעט מיט מסירות נפש טאָג און נאַכט. מען האָט תיכף אַרויסגעשיקט שליחים צו דער ליטווישער גרענעץ און אין אַלע דערפער אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט העלפן אויסבאַהאַלטן יידן און אריבערברענגען זיי קיין ליטע, וועט גוט באַצאָלט ווערן. אַ דאַנק דעם זיינען אין משך פון אַ וואָך צייט אריבערגעפירט געוואָרן קיין ליטע נאָך עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין

די וועלדער ביי דער גרענעץ, צווישן זיי איך די אַלטע רבי׳צין מרת שרה־רבקה יאסעלעוויטש (זי איז שפּעטער אומגעקומען אין דער שחיטה פון שטעטל סימעלישאָק, דעם ערשטן טאָג סוכות תש״א, הי״ד).

ניט אַלע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון סואוואַלק אין די לעצטע טעג פאַר דער ליקווידאַציע, האָבן דערגרייכט זייער ציל. אַ פּאָר צענדליק פון זיי זיינען דורך די דייטשן געכאַפּט און צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין סואוואַלק. אין קאלווארִיע איז באַקומען געוואָרן אַ יידיש צעטעלע, אַז 60 יידן ליגן פאַרשפּאַרט אין דער פישערשער קלויז „עין יעקב" צוזאַמען מיט ציגיינערס, פון וועמען זיי האָבן געבראַנטע צרות — זיי שלאָגן, הרג׳ענען און מאַכן אפילו אַ ספּעקטאַקל פון אַרויפלייגן ברעטער מיט טשוועקעס אויף יידן און טאַנצן אויף זיי. צווישן די 60 מאַן האָבן זיך געפונען כאַצקל זילבערשטיין, משה קאַלינסקי, נחמיה פינקאָוויטש און זייערע פאַמיליעס. די סואוואַלקער פּליטים אין קאלווארִיע האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ יידישן יונגנמאַן פון יעזנע, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו קריגן פאַרבינדונגען אין סואוואַלק און געקענט די מלאכה פון דורכפירן ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען. האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גוי און מיט עטלעכע פויערים זיך אַוועקגעלאָזט דורכפירן דעם אויפטראג פון ארויסנעמען און ראַטעווען די יידן.

מען האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַ מאָל וועט מען ניט קענען אַלעמען ארויסנעמען. האָט מען אָנגעזאָגט דעם יעזנער יידן ארויסצופירן קודם־כל קינדער מיט זייערע מאַמעס און די אַלטע לייט.

עס איז געווען אַ גרויסער ספק, צי די „רעטונגסעקספּעדיציע" וועט געלינגען, אָבער עס איז ניט געווען וואָס אָנצוואווערן. די יידן אין סואוואַלק זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דער גרעסטער געפאַר, האָט מען געמוזט פּרובירן טאָן אַלץ, כדי זיי צו ראַטעווען. ווי גרויס איז דערפאַר געווען די איבערראַשונג, ווען אין אַ פּאָר טעג ארום האָבן זיך באַוויזן אין קאלווארִיע די אַרויסגעראַטעוועטע קליינע יידישע קינדער צוזאַמען מיט עלטערע מענער און פרויען. די קינדער זיינען גלייך באַזאָרגט געוואָרן דורך באַקאַנטע פאַמיליעס. אַ גרויסער פריידיקער טאָג איז דעמאָלט געווען אין קאַלוואַריע, אַ טראָפּן נחמה אין אַ ים פון טרויער און צעבראָכנקייט.

געשטאַרקט פון זיין הצלחה דאָס ערשטע מאָל, איז דער יעזנער יונגערמאַן נאָך אַ מאָל אַוועק קיין סואוואַלק מיט עטלעכע פורן. סוף־סוף איז אים געלונגען אַרויסצונעמען אַלע 60 יידן און זיי צו ברענגען קיין קאלווארִיע. די אַריבערגעבראַכטע זילבערשטיין, קאלינסקי, פינקאָוויטש און נאָך עטלעכע יינגערע מענער זיינען געווען אַזוי שרעקלעך צעשלאָגן, אַז זיי האָבן געמוזט ליגן אַ לענגערע צייט אין בעט.

אין סואוואַלק זיינען נאָך געווען פאַרבליבן יידישע הייליקייטן, עטלעכע הונדערט ספר־תורה׳ס, באַהאַלטן אין קעלערן פון שולן און אין פּריוואַטע הייזער. קיין קאַלוואַריע זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מען פאַרקויפט פּאַרמעטן פון ספרי־תורה׳ס צו שוסטערס. עטלעכע פּויערים האָבן געבראַכט גאַנצע און האַלב־צעריסענע יריעות אויפן קאַלוואַריער מאַרק. איז געוואָרן אַ התעוררות צו ראַטעווען די הייליקע ספרים. באמת איז דער רב נאָך פון פריער געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם, אָבער ס׳איז שווער געווען צו געבן אַן עצה, ווי זיי אריבערצוברענגען אַהער. ס׳רוב פון די ספרי־תורה׳ס זיינען געוואָרן פאַרמויערט, טאָ ווי קומט מען צו זיי צו? אָבער איצט, ווען די גויים האָבן שוין אויסגעפונען פיל באַ־



איין זייט פון דער גרויסער סואתאַלקער שול גאָכן חורבן, — אַריינגאַנג פון שולהויף.

העלטענישן און מבזה געווען די ספרים, איז ניט געבליבן קיין אַנדער וועג, ווי צו שיקן גוי׳אישע שליחים פון קאלווארייע און זיי אָנגעבן די סימנים פון די באהאלטענע ספרים. מען האָט זיי אויך אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן גיין צו די שוסטערס און אָפּקויפן יריעות און אַלע שטיקלעך פּאַרמעט. דער סואוואַלקער רב האָט געווירקט אויף איינעם פון די בעסטע און איבערגעגעבנסטע עסקנים פון קאלווארייער קאָמיטעט, קאגאנסקי, אַז יענער זאָל אויס־לייגן פאַרן דאָזיקן צוועק דריי הונדערט דאָלאר. קאגאנ־סקיס הויז איז געווען פון די ערשטע הייזער אין שטאָט; אהין פלעגן ווערן געבראַכט אין די נעכט די ארויס־געראַטעוועטע יידן פון די וועלדער. גאַנצע וואָכן האָט קאגאנסקי מיט זיין פאַמיליע אָפּגעגעבן זייערע בעטן און דאָס גאַנצע הויז פאַר די פליטים — און זאָל טאַקע זיין נאָמען דאָ דערמאָנט ווערן לברכה. אין דעם זעלביקן



דער סואוואַלקער רב הרב הגאון ר׳ דוד ליפשיץ אין קאַלוואַריע מיט די געראַטעוועטע ספרי־תורות.
רעכטס שטייט ה׳ קאַגאַנסקי פון קאַלוואַריע.

הויז זיינען געבראַכט געוואָרן די צוזאַמענגעקליבענע ספר־תורה׳ס פון סואוואַלק, צווישן זיי — פיל צעריסענע און צענעצטע. סך הכל איז געלונגען צו ראַטעווען בערך 60 ספרים. אין קאלווארייער בית־המדרש האָט מען אָוועק־געשטעלט אַ באַזונדער ארון־קודש פאַר די סואוואַלקער ספר־תורה׳ס, און מיט אַ גרויסן גאַסן־פאַראַד האָט מען זיי געפירט פון קאגאנסקיס הויז ביזן בית־המדרש. מיט אַ געמיש פון טרויער און פרייד זיינען אַלע נאָכגעגאַנגען נאָך דער חופה, טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אַלעמענס אויגן, און יעדערער האָט געטראַכט: דעם זעלביקן גורל פון די סואוואַלקער יידן האָבן געטיילט זייערע הייליקע ספרים, אַ טייל טאַקע געראַטעוועט, אָבער פיל צעריסענע, פאַרשעמטע.

אַ דאַנק דער השתדלות פון צענטראַלן קאָמיטעט אין קאָוונע איז סוף־סוף געלונגען צו פועל׳ן, אַז די ליטווישע רעגירונג זאָל לעגאַליזירן אַלע אין ליטע אריינגעקומענע סואוואַלקער פליטים. מען האָט זיי דער־לויבט זיך צו באַזעצן אין 16 שטעט און שטעטלעך ארום קאלווארייע, ווי מאריאמפּאָל, סימנע, פילווישאָק, ווילקאָווישק, לאַזדיי, אליטע, ניישטאָט־קודירקא (וולאַ־דיסלאַוואָווע) און אַנדערע. אויפן צוזאַמענפאָר פון ליטווישע רבנים, וואָס איז פאָרגעקומען טבת ת״ש (1940) אין קאָוונע, האָט דער סואוואַלקער רב הרב ליפשיץ, דערציילנדיק פּרטים פון גירוש סואוואַלק, באַ־דאַנקט ליטע און איר פּרעזידענט אַנטאַנאַס סמעטאָנאַ פאַרן דערלויבן די סואוואַלקער פליטים צו פאַרבלייבן אין ליטע.

זייער ווייניק סואוואַלקער פליטים איז געלונגען צו עמיגרירן פון ליטע. נאָך די אַלע פּיינען און יסורים זיינען זיי אין זייער מקום־מקלט אין אַ יאָר אַרום ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נאַציסטישע רוצחים, דאָס מאָל שוין אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. זיי האָבן געטיילט דעם אכזריות׳דיקן גורל פון אַלע זייערע ברידער אין ליטע.

די צאָל צוזאַמענגעלאָפענע סואוואַלקער יידן אין אויגוסטאָווע איז געווען גרעסער, ווי אין ליטע — ביי 4,500 נפשות. דאָס איז דערפאַר, וואָס אויגוסטאָווע איז בעת דער טיילונג פון פוילן דורך היטלער־סטאַלין אריבער צו סאָוועט־רוסלאַנד. די סואוואַלקער יידן, וועל־כע זיינען אַנטלאָפן די לעצטע פאַר טעג פאַר דעם אריינ־קום פון די נאַציס, זיינען דאָרטן געבליבן. צו זיי זיינען נאָך צוגעקומען שפּעטער די יידישע פליטים פון אומ־געגנט. די אויגוסטאָווער יידן האָבן געעפנט אַ קיך פאַר

די פּליטים, וואָס פאַר זיי האָבן זיך באזונדערס געזאָרגט הרב עזריאל זעליק קושעלעווסקי, רינקעוויטש און אַנ־דערע.

די סאָוועטן האָבן דערנאָך אַרויסגעשיקט די טויזנ־טער סואוואַלקער יידישע פּליטים פון אויגוסטאָווע אין דער געגנט פון באַראַנאָוויטש און סלאָנים, וואו זיי זיינען שפּעטער אומגעקומען מיט די יידן פון יענע קהילות. אין דער באקאנטער גרויליקער „סלאָנימער שחיטה" זיינען, צווישן אַנדערע, אומגעקומען ר' בנימין מינץ און זיין איידעם שמואל שפּירא, ר' נפתלי פרידלענדער, שלמה פרידלענדער, גבריאל סמאלינסקי, יוסף גראייעווער מיט זייערע משפחות. אַ קליינע צאָל סואוואַלקער איז געווען אין לידע, וואו ס'איז גע'הרג'עט געוואָרן ד"ר נפתלי סטאַראַפּאָלסקי. אין מייטשעט האָט געפונען זיין קדושים־טויט ר' הערשל לעווענטין, אַן איבערגעגעבענער עסקן פון ביקור־חולים און לינת הצדק. אין גראָדנע זיינען געשטאָרבן ר' אביגדור פאיאנס, לאַנגיעריקער גבאי פון בית־המדרש הגדול, ברודער פון ביאַליסטאָקער רב ר' דוד, און דער לעצטער פאָרזיצער פון סואוואַלקער קהילה ר' יעקב קושנעזיצקי.

געווען אַ גרויסע יידישע קהילה אין סואוואַלק — און ניטאָ מער אויף אייביק.



צעשטערטע מצבות דורך די נאַציס ימח שמם ביי דעם אַריינגאַנג פון דעם סואוואַלקער בית־עולם.

חנה לעוויטאַן־ריבאַלד

# אויפֿן בלוטיקן וועג

סוף נאָוועמבער, 1939, הייבט זיך אָן דער טראַגישער גורל פֿון די פֿאַרבליבענע יידן אין סואוואַלק. די דייטשע מערדערס עוואַקואירן זיי קיין ביאלא־פּאָדלאסק, לוקאווע, מעזריטש און קאָצק, וואו זיי זיינען אין די יאָרן 1941 און 1942 פֿאַרפּייניקט געוואָרן דורך די נאַציס.

דעם 16טן יולי 1941 האָב איך זיך געפֿונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. מיין שרעקלעכע עלנטקייט איז פֿרעמדן געטאָ איז פֿאַרקלענערט געוואָרן נאָכן באַגעגענען זיך מיט מערערע סואוואַלקער: די פֿאַמיליע האַלענדערסקי, בראנראט, גיביאנסקי, ד״ר אינדורסקי, דירעקטאָר עפֿראָן (פֿון דער העברעאישער גימנאַזיע), זעליק צווילינג, די שוועסטערס אויסטערן, סוראלסקי, ד״ר האַלפּערן־קאַפּציאַווסקי, שצופּאַצקי און אַ סך אַנדערע פֿון סואוואַלק און אומגעגנט. מיר דערפֿרייען זיך איינער מיטן אַנדערן, ווי קינדער פֿון איין משפּחה.



גאַז אויוון אין מיידאַנעק.

צוליב מיין אַרבעט אין קיך פֿון דער געשטאַפּאָ האָב איך באַקומען אַ „לעבנסשיין". אַ קורצע צייט איז דאָס אין געטאָ געווען דאָס גרעסטע גליק.

ווען מען האָט געפּאָדערט מענער אויף אַרבעט אין געשטאַפּאָ־בנין, האָב איך גע׳פּועל׳ט ביים שעף אריינצונעמען אַ נדזער לאַנדסמאַן זעליק צווילינג. אין פּיין



אַריינגאַנג אין מוזעאום פֿון מיידאַנעק.

און אין שרעק האָבן מיר דורכגעלעבט די ערשטע פּאָר יאָר אין ביאַליסטאָקער געטאָ, ביז עס איז געקומען דער טאָג פֿון 6טן פֿעברואַר, 1943, דער שוידערלעכער טאָג פֿון דער ערשטער „אַקציע", ווען עס זיינען אומגעקומען ביי 12 טויזנט יידן, צווישן זיי פֿיל סואוואַלקער.

איך מיט צווילינגען און יורעק סוראלסקי זיינען געבליבן אין געטאָ ביזן 15טן אויגוסט 1943, ווען ביאַליסטאָקער געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן. מען האָט אַלע יידישע אַרבעטערס פֿון געשטאַפּאָ צונויפֿגעקליבן אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ. מען האָט אונדז אריינגעפֿירט, 140 פּערזאָן, אין איין קליינעם לאַסטאויטא. ס׳איז פּשוט ניט געווען קיין לופֿט צום אָטעמען. צוויי יידן זיינען געשטאָרבן פֿון אָט דער שרעקלעכער רייזע און צוויי האָבן זיך אַליין פֿאַר׳סמ׳ט.

נאָך אָט דער שוידערלעכער רייזע קומען מיר אָן אין לאָמזשער טורמע. אין דריי חדשים אַרום האָט מען אונדז געבראַכט קיין שטוטהאָף. דאָ האָט מען אָפּגעטיילט מענער און פֿרויען. ווער ווייסט, צי איך וועל זיך נאָך זען מיט מיין מאַן, וועלכער טרייסט מיך פֿאַרן שיידן זיך. אויך צווילינג שטאַרקט מיין מוט.

דער לאַגער אין שטוטהאָף איז גרויס און די יידישע פּיין און צרות זיינען נאָך גרעסער. איך זע פֿון דער וויטנס, ווי די מערדערס פּייניקן די יידישע מענער, צווישן זיי אויך מיין מאַן. מיין בלוט ווערט פֿאַרגליווערט, אָבער

וואָס קען מען זיך העלפן? עטלעכע מאַל האָב איך איינגעשטעלט מיין לעבן און אַריבערגעוואָרפן מיינע אָפּגעשפּאָרטע שטיקלעך ברויט איבער די עלעקטרישע דראָטן גלייך צו צווילינגען, דענקענדיק, אַז מיט מיין



אויף די טרעפּ פון חרוב־געוואָרענעם אהל פון סואוואַלקער בית־עולם זיצן: קאָפּל לובאָווסקי (רעכטס), שלמה גוטמאַן (לינקס) האַלט אַ צעריסענע ספר־תורה, וואָס זיי האָבן געפונען ביי גויים.

ברויט וועט זיי אפשר זיין גרינגער אויסצוהאַלטן די שוידערלעכע קלעפּ. אָבער אונדזער האַרציקער, ליבער סואוואַלקער ברודער זעליק צווילינג האָט ניט אויסגע־האַלטן און איז אומגעקומען פון די קלעפּ פון אַ פּאָליאַק (אַ געשטאַפּאָ־אַגענט) דעם 10טן יאַנואַר, 1944.

אין שטוטהאָף האָט מען אונדז לאַנג נישט געהאַלטן. מען האָט אונדז אָפּגעפירט קיין אוישוויץ, אין דעם ערגסטן פון אַלע לאַגערן, וואו אַלץ האָט געאָטעמט מיט שרעקלעכע טויטן. צוועלף בעסטע פּאַכלייט זיינען פאַר־בליבן, צווישן זיי אויך מיין מאַן. אין אוישוויץ פירט מען אונדז אריין אין באָדצימער. עס שטייען מענער פאַר דער טיר און פרעגן אויף יידיש: פון וואַנען קומען מיר? איך פרעג גלייך, צי עס געפינט זיך דאָ ווער פון סואוואַלק? עס רופט זיך גלייך אָפּ אַ סואוואַלקער קול: יעקב פריי־מארק! ער האָט באַלד געוויזן זיין גוט האַרץ, געבנדיק מיר אַ גרויסן לאַבן ברויט, וואָס איז דעמאָלט מער ווערט געווען ווי גאָלד און דימאַנטן.

אין די ווייטערדיקע טעג און וואָכן בין איך געוואָרן שטאַרק אָפּגעשוואַכט און איך האָב געפילט, אַז איך גיי אויס פון די כוחות. אָבער אונדזערע סואוואַלקער ברידער מיט די גוטע הערצער לאָזן מיך ניט אויסגיין: אביגדור ווערטשעלינסקי האָט ריזיקירט מיט זיין אייגע־נעם לעבן און מיר געבראַכט אין פרויען־לאַגער צוקער, ברויט און פּוטער; גראַדאָווסקיס עלטסטער זון און פייסעלע קראמארסקי גיבן מיר צו וויסן, אַז דאָ מוז מען זיך אַליין שטאַרקן. וועגן עסן זאָל איך ניט זאָרגן, זיי וועלען מיר אַלץ צושטעלן. אויב עס איז מיר באַשערט געווען צו בלייבן לעבן, איז עס נאָר אַ דאַנק מיינע סואוואַלקער לאַנדסלייט.



דאָס אָרט, וואו ס׳איז אַ מאָל געשטאַנען דער בית־היתומים אויף ווּעסאָלע גאַס. פון הינטן זעט זיך דער נייער בנין פון תלמוד־תורה.

אויפן בילד שטייען פון רעכטס אויף לינקס: שלמה גוטמאַן מיטן איניקל, זיין טאָכטער פרוי קופּערבערג, ליב ליפשיץ און זיין פרוי, חנה אלטשילער, קאָפּל ליובאָיסקי, פרוי — אומבאַקאַנט, אינזש. טראָצקי, איבעריקע — אומבאַקאַנט.

ד״ר כתריאל איילענדער

# סואוואַלקער אין סלאָנימער געטאָ

גלייך אין אָנהייב פון צווייטן וועלטקריג זיינען אַ סך סואוואַלקער צעשפּרייט געוואָרן איבער גאַנץ פּוילן. איין טייל איז פאַרוואָגלט געוואָרן קיין מערב־פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן, און דער אַנדער טייל — אין רוסיש אָקופּירטער טעריטאָריע. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך געפונען סואוואַלקער אין ווארשע, לוקאָוו, ביאַלאַ פּאַדלאַסק, מעזריטש, ווי אויך אין ביאַליסטאָק, גראָדנע, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, מייטשעט, דערעטשין.



אַ גרופּע סואוואַלקער ביי די ביינער פון קרבנות.

שוין אין דעצעמבער 1939 איז סואוואַלק געוואָרן „יודן־ריין״. אונדזערע שוועסטער און ברידער זיינען אַרויס פון שטוב, מיטנעמענדיק נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט טראָגן מיט זיך. נישט לייכט איז געווען זיך צו־צוגעוואוינען צו אַ פרישער סביבה. אַ סך פאַמיליעס זיינען געוואָרן פונאַנדערגעטיילט. צו ביסלעך אָבער האָבן אונדזערע סואוואַלקער אָנגעהויבן זיך צוצופּאַסן צו די ספּע־ציפישע באַדינגונגען אין דעם סאָוועט־אָקופּירטן געביט. מען האָט געקראָגן וואוינונגען, אַרבעט, די קינדער זיינען געגאַנגען אין שול. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַן איבערגאַנגס־צייט און מען וועט נאָך אַ מאָל קומען קיין סואוואַלק צוריק.

די מנוחה האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. היטלער־דייטשלאַנד איז באַפאַלן רוסלאַנד. שוין אין צווייטן טאָג אַרום זיינען די דייטשן אריין קיין סלאָנים (יוני 1941). עס איז אַלץ געקומען אַזוי גיך, אַז עס איז נישט געווען קיין צייט צו אַנטלויפן. יידן פון עלטערן דור, וואָס האָבן נאָך געדענקט די דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן געטרייסט די יוגנט, אַז עס וועט נישט זיין אַזוי שלעכט און אַז מען וועט נאָר מוזן אַרבעטן פאַר זיי. די נאָענטסטע טעג האָבן געוויזן דעם טראַגישן טעות פון אונדז אַלעמען. דריי וואָכן נאָכן פאַרנעמען סלאָנים האָבן די דייטשן צוזאַמענגענומען 1100 יידישע מענער, כלומר׳שט אויף אַרבעט. אין דער אמת׳ן זיינען זיי אויסגעשאָסן געוואָרן אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער סלאָנים. צווישן די דערשאָסענע זיינען געווען אויך מערערע סואוואַלקער. איך קען זיך דערמאָנען נאָר עטלעכע: שאַפּירא (ר׳ בנימין מינצס איידעם) מיטן עלטסטן זון, גבריאל איילענדער און זון, אברהם בלאַ־כאַרסקי (פון דער גאַרבעריי).

מיר אַלע אין סלאָנים האָבן געטראָגן געלע לאַטעס. גזירות האָבן זיך געשאָטן איינע אויף די אַנדערע. איין טאָג זיינען די יידן אין סלאָנים אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דער ידיעה, אַז 60 יונגע מענער, וועלכע זיינען גע־נומען געוואָרן אין דער פרי צו דער אַרבעט, זיינען נישט צוריקגעקומען אַהיים. שפּעטער האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די 60 יידן זיינען אויסגעשאָסן געוואָרן נאָכן אויסגראָבן גריבער נישט ווייט פון סלאָנים, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען דערציילן די יידן אין סלאָנים, וואָס די דייטשן גרייטן זיך דאָ צו טאָן. די נאַציס האָבן נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין פּאַניק. אַלץ איז גע׳פּלאַנט און אָרגאַניזירט געוואָרן מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט.

דעם 14טן נאָוועמבער 1941 איז דאָס געטאָ אין סלאָנים אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן און ליט־ווינער. מען האָט געהייסן אַלע יידן צוגרייטן עסן אויף 3 טעג. די דייטשן זיינען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. די יידן, וועלכע האָבן געקענט ווייזן די געלע לעבנשיינען, וואָס מען האָט מיט אַ געוויסער צייט צ ריק אַרויסגעגעבן צו די יידישע האַנטווערקערס און אַרבעטערס, האָט מען געלאָזן אין די הייזער צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס. אַלע אַנדערע יידן האָט מען אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד נישט ווייט פון ציפּיעלאָווע, אַ דאָרף ביי סלאָנים, און זיי אַלעמען דער־

שאָסן. צווישן די דערמאָרדעטע 10.000 יידן זיינען געווען ביי 2.000 סואוואַלקער.

אַ סך פון די יידן זיינען נאָר פאַרוואונדעט געוואָרן און אַ קליינעם טייל פון זיי איז ביי נאַכט געלונגען זיך אַרויסצו׳גנב׳ענען פון די אָפענע מאַסן־קברים. צווישן זיי איז געווען אַ סואוואַלקער מיידל, וואָס איז געלעגן אין גרוב אין גאַנצן נישט פאַרוואונדעט. דאָס איז געווען ביינקע איילענדער (יאנקל איילענדערס טאָכטער). זי איז צוריקגעקומען אין געטאָ, וואו זי האָט מיר אַלץ דערציילט. שפּעטער איז זי אַליין אומגעקומען.

פון די סואוואַלקער, וועלכע זיינען אומגעקומען אין סלאָנים, געדענק איך די ווייטערדיקע נעמען: פאַמיליע דאָבקין, שרה מאַגענצע מיטן יינגסטן זון, קאגאן (פון וויזשאָן), פושקאנצער, ד״ר גרובשטיינס פרוי מיט ביידע קינדער, ר׳ בנימין מינצס טאָכטער, פרוי עטל שאַפּיראָ און זון, בלאַכאַרסקיס פרוי (פון דער גאַרבעריי) און אירע צוויי שוועסטערס, די צוויי שוועגערינס פון בלאַכאַרסקין פון דער גאַרבעריי, קויפמאַן, בערל זעליגסאָן און פאַמיליע.

פון אומגעקומענע סואוואַלקער משפחות אין אַנדערע שטעט זיינען מיר באַקאַנט: אין ביטען — די גאַנצע משפחה מאַרקסאָן; אין מייטשעט — די פאַמיליעס זכות, וויסאָצעק, אַבראַמסקי; אין זעלווע — גאָטליב, דאווידסאָן; אין דערעטשין — פאַמיליע פּרענאָוויטש, אהרן גלאַטשטיין מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, אליהו לעווינסקי מיט זיין פרוי, מאיר סימענסקי מיט זיין פאַמיליע, די משפחה גרעמזשאַנסקי. די דייטשן האָבן געוואָלט איבערלאָזן דעם ד״ר ראָזנטאַל אין שטאָטישן שפּיטאָל, אָבער אָן זיין פרוי און אָן זיין יינגסטן זון. ד״ר ראָזנטאַל האָט אָפּגעוואָרפן מיט כעס דעם דייטשן אָנבאָט און אַוועק מיט אַלע יידן צו די מאַסן־גריבער.

פון די דערעטשינער יידן איז אַ קליינער טייל אַנטלאָפן צו די פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי אויך מיינע עלטערן יוסף און שרה, מיין ברודער גרשון און מיין שוועסטער אסתר און די סואוואַלקער באַראַנאָווסקי, דער קצב מיט ביידע זין און ד״ר ראָזנטאַלס מיטעלער זון. אַ באַקאַנטע העלדין פון די פּאַרטיזנער אין דערעטשינער געגנט איז געווען די יונגע סואוואַלקער גיטעלע קאַגאַן.

איך בין אויסגעווען אין פאַרשיידענע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי למשל, אין מאָהילעוו ביים דניעפּער. דאָרטן האָבן זיך געפונען מיט מיר סואוואַלקער פון סלאָנימער געטאָ, וועלכע זיינען שפּעטער אומגעקומען: לייבל גוטקאָווסקי, משה לאַזמאַן מיטן זון, אהרן גאָלדבערג, יששכר סאָלאָווייטשיק. איך בין באַפרייט געוואָרן דעם 8טן מיי אין נידערשלעזיע.

## ד״ר אהרן קרעשקאָווסקי (קער)

# אין די לאַגערן פון עסטלאַנד

נאָכן אויסבראָך פון דייטש־פּוילישן קריג אין סעפּטעמבער 1939 האָבן זיך עטלעכע סואוואַלקער משפחות פאַרקליבן קיין ווילנע. אין 1941, קורץ פאַרן אָנהייב פון דער סאָוועטיש־דייטשער מלחמה, האָבן דאָרטן געלעבט מיין מוטער ריווע, מיינע ברידער דוד, מרדכי, יצחק קערשקאָווסקי און איך (מיין פאָטער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשעווער געגנט), מיין אָנקל און טאַנטע יצחק און ריווע אייזנבערג מיט זייערע קינדער רייזל און ישעיה, הדסה אייזנבערג, יעקב אייזנבערג, פרוי שערמאַן, שיינע סאלניצקי, די ברידער שלמה און יעקב קראַווטשינסקי און רפאל פאלניצקי.

אין די ערשטע פאָר מאָנאַטן פון דער נאַצישער ממשלה אין ווילנע זיינען די ברידער קראַווטשינסקי און רפאל פאלניצקי אומגעקומען.

אין זומער 1943 האָט מען מיין ברודער דוד און מיך, ווי אויך יצחק, דוד, יחיאל און ישעיה אייזנבערג פאַרשיקט פון ווילנער געטאָ אין די לאַגערן פון עסטלאַנד. די דאָרטיקע לאַגערן האָבן זיך געפונען בעיקר אין וואַלדיקע געגנטן. אין לאַגער וויוויקאַניע האָב איך און מיין ברודער דוד געאַרבעט אין קוילנגרובן. די אייזנבערגס האָבן געאַרבעט ביים לייגן באַנליניעס. אַ פאָר חדשים שפּעטער האָט מען יצחק און דוד אייזנבערג מיט אַ גרופּע יידן אַריבערגעשיקט אין אַן אַנדער לאַגער, ערעדאַ. נאָכן ליקווידירן דעם לאַגער וויוויקאַניע אין ווינטער 1943 האָט מען אַלע יידן פון דאָרטן אַריבערגעפירט קיין ערעדאַ, טרייבנדיק זיי אין אַ צווייטאָגיקן מאַרש אין אַ שרעקלעכן פראָסט.

אין ערעדאַ איז יצחק אייזנבערג אויסגעגאַנגען פון הונגער און שווערער אַרבעט. מיין ברודער דוד האָט אונטער לעבנס־געפאַר געפּרואווט ראַטעווען יצחק׳ס זון דוד. ניט געקוקט אויף אַלע זיינע אָנשטרענגונגען האָט זיך דאָס אים אָבער ניט איינגעגעבן און דער קליינער דוד איז אין אַ פאָר וואָכן ארום געשטאָרבן. עטלעכע חדשים שפּעטער איז אומגעקומען יחיאל אייזנבערג. מיין עלטערער ברודער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין עסטלאַנד אין זומער 1944, אַ קורצע צייט פאַרן אַרויסטרייבן די יידן פון די עסטישע לאַגערן קיין דייטשלאַנד. אין לאַגער ריבען, פאמערן, איז געשטאָרבן קורץ פאַר דער באפרייאונג ישעיה אייזנבערג.

ווי איך האָב געהערט נאָכן קריג, זיינען מיין מוטער און מיינע צוויי יינגערע ברידער אומגעקומען אין אוישוויץ און מיין פאָטער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין טראַווניקי, וואַרשעווער געגנט.

יעקב פריימאַרק

# מיט סואוואַלקער אין טויטלאַגערן

מיט אומבאַשרייבלעכער שרעק האָבן די יידן אין סואוואַלק געוואַרט אויפן אריינמאַרש פון נאַציִשן מיליטער. יידן האָבן געוואוסט, וואָס זיי קענען דערוואַרטן פון היטלערס חיילות. ס'האָט אָבער פּאַסירט אַ נס, און גלייך נאָכן אויסבראָך פון דייטש־פּוילישן קריג איז סואוואַלק פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. ניט צו באַשרייבן די שמחה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע באַפעלקערונג ביים אָנקום פֿון סאָוועטישן מיליטער.

לאַנג האָט אָבער די פרייד ניט אָנגעהאַלטן. די סאָוועטישע סאָלדאַטן זיינען געווען אין סואוואַלק נאָר איין וואָך צייט. ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זיי פאַרלאָזן די שטאָט, האָט זיך די סומאַטאָכע אָנגעהויבן פונסניי. פיל סואוואַלקער יידן, אין גרעסטן טייל יוגנטלעכע, זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער רויטער ארמיי. אויך איך האָב אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן זיינען מיר אָנגעקומען קיין יאַגוסטאָוו. הונדערטער אַנטלאָפענע יידן האָבן זיך באַזעצט אין דער אָרטיקער גרויסער שול. די סאַניטאַרע באַדינגונגען זיינען אָבער געווען שרעקלעכע, עסן איז געווען ווייניק, אויסגעמאַטערט איז מען געווען — האָבן זיך גיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע קראַנקייטן. דער גרעסטער טייל סואוואַלקער האָט עס ניט געקענט אויסהאַלטן און באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין סואוואַלק, וואו די דייטשן האָבן געהאַט די ממשלה.



מלבושים פון די קרבנות אין מיידאַנעק.

מיר איז ניט געלונגען צו דערגרייכן סואוואַלק. די דייטשן האָבן מיך געכאַפּט אויפן צוריקוועג און אַוועקגעשיקט קיין אָסטפּרייסן. פון דאָרטן האָט מען מיך אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין אוישוויץ.

דאָ האָב איך באַגעגנט אַ סואוואַלקער זלמן גראַדאָווסקי, שמואל גראַדאָווסקיס זון. ער האָט מיך אויפגעקלערט די מעגלעכקייט פון אויפזוכן סואוואַלקער, בכדי זיי צו העלפן. דורך אַ צופאַל האָב איך געטראָפן



אויוון פון מיידאַנעק.

דאָס סואוואַלקער מיידל פּאָלא קראַמאַרסקי. זיך טרעפן מיט אַ מיידל האָט אין אוישוויץ געדראָט מיט טויט. אָבער דער ווילן צו העלפן אַן אייגענעם בן־עיר איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט ניט געקוקט אויף קיין געפאַר. זלמן גראַדאָווסקי האָט מיר צוגעשטעלט עסן און איך האָב עס איבערגעגעבן פּאָלען דורך פאַרשיידענע וועגן און אומוועגן. זי איז געבראַכט געוואָרן אַהער פון מיידאַנעק און איז געווען שרעקלעך אָפּגעשוואַכט.

אין אַ קורצער צייט האָבן אָנגעהויבן קומען נאָך טראַנספּאָרטן פֿון מיידאַנעק. צווישן זיי האָב איך געטראָפן ישראל לובלינסקי ז"ל. מיר האָבן מיט גרויס מי זיך באַמיט אים צו העלפן, ווייל ער איז געווען געשוואָלן פון הונגער. אָבער עס האָט, צום באַדויערן, ניט געהאָלפן. היות ער האָט ניט געקענט גיין צו דער אַרבעט צוליב אָפּגעשוואַכטקייט, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין קרעמאַטאָריע.

זלמן גראַדאָווסקי, וועלכער איז געווען פון פריער אין אוישוויץ־לאַגער, האָט געפירט אַ טאָגבוך וועגן די שרעקלעכע ליידן אין דאָזיקן גיהנום. דאָס בוך איז פאַרניכט געוואָרן צוזאַמען מיט אים, ווען ער איז אומגעקומען אין 1944 ביים אָנטיילנעמען אין אויפשטאַנד פון אויפרייסן די קרעמאַטאָריע נר. 3.

עס איז ווערט אונטערצושטרייכן, אַז די פּאָר סואוואַלקער, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין דעם שרעקלעכן לאַגער אוישוויץ, האָבן אין די שווערסטע מאָמענטן, ניט געקוקט אויף די געפאַרן, זיך באַמיט איינער דעם צווייטן צו העלפן.

**אַברהם לייב ווייס**

# אומגעקומענע אין ליטע

לזכר אבי מורי ר׳ טוביה ווייס ז״ל.

דאָס איז געשען אין האַרבסט 1939. עטלעכע וואָכן נאָך דעם, ווי דאָס נאַציִשע מיליטער האָט אָקופּירט סואוואַלק, די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל, אַז אין משך פון 14 טעג מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן סואוואַלק. מען האָט געזאָגט, אַז מ׳וועט זיי אַריבערפירן קיין לובלין.

איך האָב צו יענער צייט געוואוינט אין קאָוונע. ווי באַקאַנט, איז ליטע אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן שפּעטער, ביים אָנגריף אויף סאָוועט־רוסלאַנד, דעם 22סטן יוני 1941 — ביז דעמאָלט איז ליטע געווען נייטראַל. דערוויסנדיק זיך פון דער גזירה אין סואוואַלק, בין איך גלייך אָפּגעפאָרן קיין קאַלוואַריע, וואָס איז געווען ניט־ווייט פון דער פּוילישער גרענעץ. דאָרטן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די ליטווישע גרענעץ וואַך מאַכט שוועריקייטן פאַר די יעניקע, וועלכע ווילן אַריבערגיין קיין ליטע, און אַז עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן די דייטשע וואַך, געפינען זיך אין „קיינעמס לאַנד" — אַ געוויסער שטח לאַנד אויף די פעלדער צווישן דער פּוילישער און ליטווישער גרענעץ. דאָס וועטער איז געווען שלעכט, ס׳האָט געהאַלטן אין איין רעגענען. מען האָט געדאַרפט זיך דורכשלייכן דעם וועג ביי נאַכט. יידן האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע טעג אין נאַסע גריבער, ביז ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן זיך אַריבערצוכאַפּן קיין ליטע.

אין קאַלוואַריע האָב איך זיך דערוואוסט וועגן אַ ליטווישן פּויער ביי דער גרענעץ און דורך אים זיך שריפטלעך פאַרבונדן מיט מיין פאַמיליע. איך האָב זיי געשריבן, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער זיך אַרויסראַטעווען קיין ליטע מיט דער הילף פונעם פּויער.

אין עטלעכע טעג אַרום — דאָס איז געווען פרייטיק ביי נאַכט — האָט דער פּויער געבראַכט אויף זיין וואָגן מיינע צוויי ברידער מיט זייערע פאַמיליעס מיט קליינע פּעקלעך פון זייער הויז ווירטשאַפט. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן פרייטיק צוליב חלול שבת, און די ברידער האָבן בשום אופן ניט געקאָנט ווירקן אויף אים. אויף זייער טענה, אַז ס׳איז סכנות נפשות און „פּיקוח נפש דוחה שבת" — האָט ער געענטפערט: „גאָט וועט העלפן". ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיט גרויסע שוועריקייטן אַריבערגעבראַכט מיין פאָטער קיין קאַלוואַריע. פון דאָרט האָב איך אים אַריבערגעפירט צו זיך אין קאָוונע.

ס׳איז באַשערט געווען מיין פאָטער צו לעבן איבער פיר יאָר אין ליטע, פון דעם מער ווי צוויי יאָר אין קאָוונער געטאָ, ביז די דייטשע רוצחים זיינען באַפאַלן דאָס געטאָ און אַרויסגעפירט אַלע עלטערע יידן פון אַ געהיימען בית־מדרש, וואו ער פלעגט יעדן טאָג דאַווענען און לערנען אַ בלאַט גמרא. צוזאַמען מיטן קאָוונער שטאָט־מגיד הרב מאָסט ז״ל האָט מען אים אַרויסגעפירט און א׳מגעבראַכט ג׳ ניסן תש״ד.

**שלמה גוטמאַן**
בת־ים, ישראל

# פון אַרכאַנגעלסק און צוריק

דורך באַקאַנטשאַפט מיטן נאַציִשן קאָמענדאַנט פון שטאָט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די יידן אין סואוואַלק דערוואַרט אַ ביטערער סוף. קלאַנגען וועגן גירוש אויף יידן זיינען צו אונדז דערגאַנגען אויך פון אַרומיקע יידישע שטעטלעך. אונדזער קהילה האָט דעריבער באַשלאָסן צו מעלדן, אַז יעדערער זאָל לויפן וואָהין ער קען. פיל זיינען געלאָפן דורך פעלדער און וועלדער, וועגן צו דער ליטווישער גרענעץ און יענער צו די רוסן. ווען די דייטשן האָבן געכאַפּט, האָבן זיי צעשלאָגן און געבראַכט צוריק האַלב טויטע.

מיר מיט מיין גרופּע האָט זיך איינגעגעבן דורכצוגיין די וועלדער און קומען צו די רוסן אין גראָדנע. אין אַ

פאָר מאָנאַטן אַרום זיינען געקומען ביי נאַכט רוסישע מיליץ מיט מיליטער, אונדז צונויפגענומען, אריינגעזעצט אין וואַגאָנעס פון בהמות און געפירט קיין טיף רוסלאַנד. פינף וואָכן זיינען מיר געפאָ־רן טאָג און נאַכט, ביז מיר זיינען סוף־סוף געקומען אין די אַרכאַנגעלסקער וועלדער. מען האָט אונדז איינגעקוואַרטירט אין באַראַקן און געטריבן נאַקעטע און הונגעריקע אין די וועלדער האַקן האָלץ. די פרעסט זיינען געווען אומדערטרעגלעך — 75 גראַד און שניי איבער די קני. יעדן טאָג איז געווען אַן אַנדער קרבן: איינער האָט אָפּגעפראָרן אַ האַנט, אַ פוס, די אויערן אָדער נאָז... אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעפּייניקט פערצן מאָנאַטן.

נאָך דער פאַרשטענדיקונג מיטן פּוילישן גענעראַל סיקאָרסקי האָט מען אונדז באַפרייט און געלאָזן פאָרן קיין קאַזאַכסטאַן, אַ געגנט פון האַלב ווילדע מענטשן, וואָס מען פאַרשטייט ניט זייער שפּראַך און זיי קענען קיין אַנדער שפּראַך ניט. זיי האָבן אונדז קיין שפּייז ניט געוואָלט פאַרקויפן און פאַר דער קלענסטער זאַך געבעטן געשוואָלענע פרייזן. עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע עפּידעמיע און פיל זיינען אויסגעשטאָרבן, צווישן זיי מיין פרוי טאַמאַרא מערעצקי און מיין עלטערער 25־יעריקער זון אלעזר.

סוף־סוף האָט מען אונדז געלאָזן פאָרן קיין פּוילן.

מיט צרות געקומען קיין סואוואַלק. מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן ביז 22 מענטשן, איינער אָדער צוויי פון אַ פאַמיליע. מיר האָבן ממש די שטאָט ניט דערקענט. פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן פאַרנומען די יידישע הייזער און געשעפטן. די שטאָט סואוואַלק האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויס דאָרף. מיר האָבן אָנגעהויבן וואָס ניט איז צו האַנדלען. איך האָב אָפּגעקראָגן מיין מיל און אויך די הייזער, וואָס זיינען געבליבן גאַנץ.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין קעלץ, האָבן מיר זיך זייער דערשראָקן. קריסטן האָבן גענומען ריידן, אַז דאָ וועלן זיי אויך אַזוי מאַכן, ווי אין קעלץ. איך מיט אינזשינער טראָצקי זיינען אַוועק צום הויפּט־גלח און אים זייער שטאַרק געבעטן צו זאָגן זונטיק אין קלויסטער, אַז מען זאָל ניט באַפאַלן קיין יידן. מיך האָט ער דערקענט. ווען דער פּוילישער פּרעזידענט מאָשציצקי איז געקומען קיין סואוואַלק, בין איך געווען צוזאַמען מיטן גלח אין דער אויפנעם־דעלעגאַציע. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז מען וועט אונדז גאָרנישט טאָן, ווייל קריסטן שלאָגן ניט קיינעם... פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאַרזיכערונג איז געווען אַ קנאַפּע זיכערקייט און דאָס ביסל יידן האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן סואוואַלק.

צעבראָכענע און פאַרפּייניקטע האָבן מיר געוואַנדערט אויף אָנצוהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי — מיר די עצמות היבשות פון גרויסע קהילות יידן. צי וועלן מיר האָבן רו?

חנה אלטשולער

# סאָוואַלק אין 1957

נאָענט פאַרן אויסבראָך פון צווייטן וועלטקריג האָבן שוין סואוואלקער יידן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן פון סואוואלק. מען האָט געוואוסט, אַז אין יעדער נייער מלחמה וועט סואוואלק, וואָס ליגט נים ווייט פון דער דייטשער גרענעץ, זיין פון די ערשט־געליטענע. ניט אַלע האָבן פאַרמאָגט גענוג כוח אין זיך צו לאָזן אויף הפקר די אַלע הייזער און געשעפטן, וואָס מען האָט געבויט און געשאַפן אין משך פון דורות. אָבער אַ טייל פון סואוואלקער יידן האָבן די געפאַר באַטראַכט פאַר אַזוי גרויס און נאָענט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן וואָס גיכער זיך צו ראַטעווען פון די אָנקומענדיקע היטלע־ריסטן. צו די לעצטע האָבן געהערט די ווייטערדיקע סואוואלקער, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט דעם 31סטן אויגוסט, 1939, אַ טאָג פאַרן אויסבראָך פון קריג: שמואל שאַפּירא מיט דער פאַמיליע, זלמן אַלט־שולער מיט דער פאַמיליע, קאָפּל פרידמאַן, די משפחות סאלניצקי, סאלאמיאנסקי, מושקאט, טורעצקי, ברוינראט און נאָך אַנדערע, וואָס איך געדענק ניט זייערע נעמען.

איך און מיינע קינדער זיינען אויך אַוועק פון סוא־וואלק דעם זעלביקן טאָג. מיר זיינען אָנגעקומען קיין וואָלקאָוויסק, וואוהין עס זיינען פריער אוועק אויך די משפחות פון די סואוואלקער יעקב רייגראדסקי, מענדל סאלאמיאנסקי, דידקאווסקי און איגעלסקי.



אַ טייל פון די 13 יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין סואוואַלק אין זומער 1955

פון רעכטס צו לינקס: פּאַלניצקי, סאָלניצקי, גבריאל ריינער (גאַסט פון אמעריקע), דאָבע סאָלניצקי, חנה אלטשולער, סינענסקי, קראַמאַרסקי.

אַ פּאָר וואָכן נאָך אונדזער קומען קיין וואָלקאָוויסק איז די גע̇גנט אַרונטערגעפאַלן אונטערן סאָוועטישן רעזשים. אין יוני 1940 האָבן די סאָוועטן אונדז פאַר־שיקט קיין קאָמאַריצי, וואלאגדער גובערניע. אין קאָמאַ־ריצי זיינען געווען די פאַמיליעס פון זלמן אַלטשולער, יעקב רייגראָדסקי און רבקה סאלאמיאנסקי מיט די קינדער. מענדל סאלאמיאנסקי איז גע׳הרג׳עט געוואָרן דורך באַנדיטן אויפן וועג פון זעלווע קיין וואָלקאָוויסק גלייך ווי די רוסן האָבן פאַרנומען ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן אַלע געאַרבעט אין די דאָרטיקע געדיכטע וועלדער. אין די גרעסטע פרעסט האָט מען אונדז הונגעריקע און אויסגעמאַטערטע געטריבן אין וואַלד זעגן און האַקן האָלץ.

נאָכן אָפּמאַך צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און דער פּוי־לישער רעגירונג אין לאָנדאָן האָט מען אונדז, ווי פּוילישע בירגערס, באַפרייט. מיר זיינען אַוועקגע־פאָרן קיין קאזאכסטאן. צו ערשט האָבן מיר גע־וואוינט אין אַ קאָלכאָז. ניט קענענדיק אויסהאַלטן די אומ־דערטרעגלעכע באַדינגונגען אין קאָלכאָז, זיינען מיר אַרי־בערגעפאָרן אין דער שטאָט דזשאמבול, וואו עס זיינען גע־ווען אַ סך פּוילישע יידן. אין דזשאמבול האָבן מיר שוין געלייענט אין די צייטונגען וועגן די היטלעריסטישע מאַסן־שחיטות אויף יידן. מיר האָבן תחילת ניט געוואָלט גלייבן די צייטונגען און געמיינט, אַז די רוסן גיבן איבער פאַלשע ידיעות.

אין 1946 האָט מען אונדז דערלויבט צוריקצופאָרן קיין פּוילן. שווער איבערצוגעבן די פיינלעכע געפילן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווען איך בין דעם 20סטן מיי 1946 געקומען קיין סואוואלק. די שטאָט האָט ניט שטאַרק געליטן פון קריג. עס שטייען די זעלביקע יידישע הייזער—אָבער קיין יידן זיינען אין זיי ניטאָ. אַלץ האָבן פאַרנומען פרעמדע. „נחלתנו נהפכה לזרים, בתינו לנכרים”. אונדזערע ברידער און שוועסטערס זיינען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן — און בלוטיקע שונאים האָבען פאַרכאַפּט זייער האָב־און־גוטס. אין שטאָט איז ניטאָ מער די אַמאָליקע באַוועגונג. ניטאָ מער אויף די גאַסן די יידישע קינדער־לעך מיט זייערע שיינע און ליכטיקע אייגעלעך. ניטאָ מער אויף די גאַסן די יידישע יוגנט. ווען מען גייט פאַרביי די יידישע הייזער, דאַכט זיך, ווי מען הערט אַ שטים, וואָס פאָדערט גערעכטיקייט און רופט נקמה צו נעמען פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט.

אין סואוואלק האָבן זיך דעמאָלט געפונען: שלמה גוטמאַן, כלב כאַנאָוויץ, קאָפּל לובאווסקי, חנא וויניצקי, סאלניצקי, אליעזר סיינענסקי, אינזשינער טראָצקי מיט דער פאַמיליע, בעלא אַדעלמאַן מיטן זון, קערשקאווסקי, שלמה גאָלדרינג, מישקינסקי, די ברידער קראַמארסקי, מענדל גאָטליב און פּאלניצקי.

דעם בית־מדרש האָבן די נאַציס פאַרברענט. די שול איז נאָך אַ לענגערע צייט געשטאַנען. די אַנטי־סעמיטן אין סואוואלקער מאַגיסטראַט האָבן ניט געקענט ריִען צוליב דעם. אינטערן תירוץ, אַז דער שול דראָט אַ געפאַר פון איינפאַלן, האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז מען

זאָל זי אַראָפּוואַרפן. דער עיקר האָבן זיי געוואָלט די ציגל פון דער שול און נאָך מער דאָס ווייסע בלעך פון



ביים אריינגאַנג צום עזרת־נשים פון דער גרויסער שול נאָכן חורבן קאָפּל ליובאָווסקי און דאָס איינציקע קינד חיה׳לע ליפשיץ, 3 יאָר אַלט (איצט אין ישראל מיט די עלטערן).

איר דאַך, וואָס מען האָט דעמאָלט אין פוילן אפילו פאַר קיין געלט ניט געקענט קריגן. מיר, די פאַרבליבענע יידן, זיינען עטלעכע מאָל געווען אין מאַגיסטראַט בעטן, אַז מען זאָל די שול פאַרריכטן, כדי זי זאָל בלייבן שטיין, ווי אַ זכרון פאַר די טויזנטער יידן, וואָס האָבן אַ מאָל געלעבט אין סואוואלק. אונדזער אינטערווענץ האָט אָבער ניט געהאָלפן און די שול איז סוף כל סוף צענומען געוואָרן.

דער בית־עולם איז אין זיין גרעסטן טייל צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשן. אויך דער פּאַרקאַן איז צענומען געוואָרן דורך זיי. דער לעצטער סואוואלקער רב ר׳ דוד ליפשיץ האָט אונדז פון אַמעריקע געשיקט געלט אויף אַ נייעם פּאַרקאַן פון בית־הקברות און אויף אויפשטעלן מצבות אויף די קברים פון הרב הגאון ר׳ יוסף יאָסעלעוויטש, הרב ר׳ משה אַלטמאַן און הרב ר׳ בנימין מאגענצא. אונדזער טירחה איז אָבער געווען אומזיסט: וויפל מיר האָבן ניט פאַרריכט דעם פּאַרקאַן—כוליגאַנעס האָבן אים ווידער צעבראָכן און די נייע מצבות איבער־געקערט.

די ערשטע צייט פון מיין קומען איז נאָך ביי מיר אין שטוב געווען אַ מנין. אונדזער שליח־ציבור איז געווען כלב כאַנאַוויץ, וועלכער איז אַוועק קיין אויסלאַנד נאָכן פּאָגראָם אין קעלץ. דעמאָלט האָט פאַרלאָזן סואַוואלק אויך שלמה גוטמאַן. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיינען געשטאָרבן קאָפּל לובאַווסקי, שלמה גאָלדרינג און קערשקאָווסקי — און מער קיין מנין האָבן מיר שוין ניט געהאַט.

אַ שרעקלעכן איינדרוק אויף די עטלעכע געראַטעוועטע סואוואַלקער יידן האָט געמאַכט דער טראַגישער טויט פון דעם פּונסקער ייד קושעל. דאָס איז געשען גלייך ווי מיר זיינען געקומען פון רוסלאַנד. ער איז געפאָרן פון סואוואַלק קיין ביאַליסטאָק. אויף אַ סטאַנציע ניט ווייט פון ביאַליסטאָק איז אַריין אין וואַגאָן אַ באַנדע אַנטיסעמיטן. ווען זיי האָבן דערזען דעם יידן, האָבן זיי מיט געוואַלד אים אַרויסגעפירט פון באַן אויפן פעלד און דערשאָסן.

די איינציקע שמחה, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אין סואוואַלק, איז געווען, ווען נאַאום אדעלסאָנס פרוי האָט געבאָרן אַ זון און צום ערשטן מאָל אין פופצן יאָר איז געווען אַ ברית אין סואוואַלק. אַ מוהל איז געקומען פון וואַרשע.



די 13 קרעמלעך אויפן מאַרק — פאָטאָגראַפירט אין 1955 דורך ג. ריינער.

פון דער אַמאָליקער גרויסער יידישער באַפעלקערונג האָבן אין 1957 געלעבט אין סואוואַלק 11 צעבראָכענע יידן: פיר פון דער משפחה סאלניצקי, פיר פון דער משפחה אדעלמאן, מישקינסקי, גאָטליב און פאלניצקי. מאַקס מושקאַט און וולאַדעק מאַריאַמפּאָלסקי, וועלכע האָבען געהאַט פאַרנומען אין קאָמוניסטישן פוילן הויכע שטעלעס, האָבן מיט אַ צייט פריער עמיגרירט קיין ישראל.

אין 1957 האָב איך פאַרלאָזן מיין אַמאָליקע טייערע און ליבע היימשטאָט—טויט און חרוב פאַר יידן אויף אייביק.



דער אינעווייניקסטער טייל פון דעם חרוב׳ן עזרת נשים, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גאַלערייען. די מחיצה־וואַנט, וואָס פלעגט אָפּטיילן צווישן דער מענערשער שול, איז איינגעבראָכן.



דער אַריינגאַנג צום עזרת־נשים פון דער גרויסער שול פון דער זייט פון שולגאַס.




דער סטעמפל פון סואוואַלקער ועד הקהלה.




די ניי־אויפגעשטעלטע מצבה נאָכן חורבן אויפן קבר פון הרב ר׳ משה אלטמאן ז״ל, סואוואַלקער דיין.

מרדכי מישעל

# חורבן ראַצק

אַ רואיק און געמיטלעך שטעטל איז געווען ראַצק. איר יידישער ישוב איז געווען אַן אַלט־איינגעזעסענער. כאָטש מיר ווייסן ניט גענוי, ווען זיינען געקומען די ערשטע יידן קיין ראַצק, איז אָבער זיכער, אַז אַ יידישע קהילה האָט דאָרט עקסיסטירט שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

געלעבט האָבן יידן אין ראַצק, ווי אחינו בני ישראל האָבן געלעבט אין אַלע איבעריקע שטעטלעך ארום. אַ גאַנצע וואָך אין קראָם, אין שפּיכלער אָדער אין וואַר־שטאַט, פאַרטאַראַראַמט און פאַרהאַוועט מיט ענינים פון עולם הזה, און שבת — פאַרפּוצט און פאַרקעמט און אויסגעצוואָגן, גיבן זיך אָפּ מיט אַ שבח והודיה צום רבונו־של־עולם, ווער דורך אַ „ברכי נפשי", ווער דורך אַ „פּרקי אבות", ווער טאַקע דורך אַ לומדיש בלאַט גמרא.

אַנזאָגן דעם אָנקום פון שבת קדש פלעגט דער שמש מיט זיין מאָנאָטאָן־אויסגעצויגענעם רוף: „יידן, אין שול אריין"!

איינגנטלעך, איז זיין רופן געווען אַן איבעריקע זאַך, ווייל וועלכע יידענע האָט ניט געוואוסט אַליין די צייט פון ליכטבענטשן און וועלכער ייד האָט ניט געוואוסט די צייט פון דער שקיעה?

ראַצק האָט יאָרן לאַנג געהערט צו אַ פּוילישן גראַף מיטן נאָמען פּאַץ. ניט ווייט פון שטעטל, אויפן וועג צו יאַגוסטאַוו, האָט ער געלעבט אין זיין הויף דאָווספּודאַ. דאָרטן האָט ער אויסגעבויט אַ ריי פּרעכטיקע בנינים, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין אומגעגנט אונטערן נאָמען די פּאַץ־פּאַלאַצן. ווען די רוסן האָבן פאַרנומען ראַצק, האָבן זיי דאָס שטעטל געשאַנקען די דאָרטיקע תושבים. דער רוסישער גענעראַל קאַרצאַוו, וועלכער האָט איינ־גענומען ראַצק, האָט באַקומען במתנה דעם הויף דאָוו־ספּודאַ. גענעראַל קאַרצאַוו האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שאַך, און פון־צייט־צו־צייט פלעגט ער אַראָפּקומען קיין ראַצק צו ר' וועלוול סטאַלאַווסקי און מיט אים פאַרברענגען אין שאַכשפּיל.

אַזוי האָט זיך געצויגן דורות אויף דורות — אַ שטיל און רואיק לעבן פון פאַרהאָרעוועטע און פאַרפּראַ־צעוועטע יידן אין ראַצק, ביז עס איז געקומען דער פינפצנטער טאָג פון ערשטן סעפּטעמבער 1939. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, די זון האָט גע׳שרפ׳עט, און דער ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט אַ נייע שריפה: „מלחמה"!

אַ שווערע כמאַרע פון שטויב באַדעקט דאָס שטעטל. עס פאָרן פורן, אויטאָמאָבילן. דאָס יידישע שטעטל ווערט פול מיט פּיין און אימה. ראַצקער יידן פאַרשטייען, וואָס עס דערוואַרט זיי.

עס איז פרייטיק פאַר נאַכט. נאָך דעם הייסן טומל־דיקן טאָג איז דאָס שטעטל אָפּגעשטאָרבן. די לאָדנס פאַרמאַכט. די לאָמפּן אויסגעלאָשן. די טישן זיינען שוין ניט באַפּוצט מיט חלות און ליכט.

די שול שטייט פאַרפינצטערט. עס ברענען ניט מער קיין עלעקטרישע לאָמפּן. דער בית־המדרש זעט אויס ווי אום תשעה־באָב. עס דאַוונט זיך ניט. נאָכן דאַוונען לויפט מען ניט אַהיים צום פריילעכן „שלום עליכם מלאכי השרת", ווי אַלע מאָל נאָר מען קלייבט זיך אין רעדלעך און יעדער איינער פרעגט: — וואָס וועט זיין? וואוהין גייט מען? — די פראַגעס בלייבן הענגען אין דער לופטן.

שבת האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אעראָפּלאַנען מיטן שוואַרצן האַקנקרייץ. זיי מאַכן אַ שטאַרק גערויש מיט די מאָטאָרן. די ראַצקער פּאָליציי שיסט אויף זיי מיט ביקסן, אָבער די פליערס, משמעות, מאַכן ניט קיין וועזן פון דעם. ערשט ווען עס האָט אָנגעהויבן קנאַלן דער האַרמאַט פון יאַגוסטאַווער גאַס, האָט דער אעראָפּלאַן גענומען וואַרפן באָמבעס. דער האַרמאַט איז גלייך שטום געוואָרן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויפ־געציטערט פון שרעקלעכן אויפרייס.

נאַציישע אעראָפּלאַנען פלעגן זיך באַווייזן פון צייט־צו־צייט. יעדן טאָג האָט מען זיך געריכט אויפן דייטש, אָבער ער איז אַלץ ניט געקומען. די אומבאַשטימטקייט האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די שרעק. טייל יידן זיינען אַנטלאָפן פון שטעטל און טייל פון די אַנטלאָפענע זיינען געקומען צוריק. דאָס שטעטל איז געוואָרן פאַר יידן אַ פאַסטקע, און מען האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן, ביז אין שטעטל איז אַריין די נאַציישע אַרמיי און גענומען ווייזן איר יד חזקה. די דייטשן האָבן געצוואונגען די יידן צו ראַמען די גאַסן און טאָן פאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן. יעדן טאָג האָבן זיך געשאָטן נייע גזירות. מען האָט אויסגעזויגן די יידן ביזן לעצטן גראָשן, צעראַבירט זייערע קראָמען און זיי אויסגעמאַטערט ביזן טויט.

אין נאָוועמבער 1939 איז פּלוצעם געקומען דער באַפעל: יידן מוזן אין 8 שעה פאַרלאָזן ראַצק. געווען איז עס רעגנדיק און קאַלט און פינצטער. אויסגעמוטשעטע און געיאָגטע איז אַן עדה יידן געגאַנגען איבער בלאָטיקע וועגן, ניט וויסנדיק וואוהין. אַנדערע האָבן געזאָגט ווידוי, און אַנדערע האָבן שוין בכלל קיין כוח ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן זייער גורל.

דער ווידוי איז שוין געווען פאַר אַלעמען, פאַר אַלע יידן פון דער אַלטער קהילה ראַצק.

## קלמן אבראַמאָוויץ

# ניטאָ מער סואוואַלק

ווען די היטלעריסטישע האָרדעס זיינען באַפאַלן סואוואַלק, בין איך נאָך געווען אַ יונג בחור׳ל. מיט מיין יינגלשער תמימות און ניט־דערפאַרנקייט בין איך אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם גרויסן שטורעם פון יסורים און פיין, וואָס די נאַצישע רוצחים האָבן געבראַכט אויפן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. אין מיינע אַלע גיהנום׳שע איבערלעבענישן אין געטאָ און קאַצעט האָב איך פאַרלאָרן מיין תמימות, אָבער ניט מיין ליבשאַפט און בענקשאַפט נאָך מיין היימשטאָט. פאַרקערט, די בילדער און פאָרשטעלונגען פון מיין סואוואַלקער קינדהייט זיינען איצט נאָך קלאָרער און שאַרפער, ווי פריער — בילדער און פאָרשטעלונגען פון אַ וועלט, אַ רייכער, שאַפערישער וועלט, וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ.

איך זע אין דמיון קודם כל די גרויסע סואוואַלקער שול, וואָס איז פאַר אונדז, סואוואַלקער חדר־יינגלעך, געווען אַ שטענדיקער פאַרזאַמלאָרט. שבת אָדער יום־טוב, צי אין אַ וואָכעדיקן פאַרנאַכט — וואו טרעפן זיך שטאָטישע יינגלעך, אויב ניט אין דער גרויסער שול? מיר, יינגלעך, כאַפן אויף גיך אָפּ דאָס דאַווענען, לויפן ארום איינער צום אַנדערן און צוזאַמען שפּאַרט מען זיך נייגיריק צום עמוד אָדער צו דער בימה, כדי בעסער צו זען דעם חזן אָדער בעל־קורא. אַ שטער פאַר אונדזער קינדערשער נייגיריקייט איז תמיד געווען יוסף דער שמש. אין וועלכן ווינקל פון שול מיר האָבן זיך ניט פאַרקליבן, איז ער תמיד אויסגעוואקסן. יוסף דער שמש איז געווען אַ ייד אַ למדן, אָבער אויגן האָט ער געהאַט זייער שטרענגע, און ווי נאָר מיר פלעגן דערפילן זיין בליק, פלעגן מיר תיכף מאַכן אַ ויברח.

באַזונדערס אומפאַרגעסלעך פאַר מיר איז די שטאָטישע תלמוד־תורה, אין וועלכער איך האָב זיך געלערנט. מיין ערשטער לערער דאָרטן איז געווען איגעלסקי (מיר פלעגן אים רופן — מאלושקי), ביי וועמען איך האָב אָנגעהויבן לערנען אלף־בית. איגעלסקי איז געווען אַ גוטער לערער, כאָטש ער האָט ניט פיינט געהאַט צו געבן דעם תלמיד אויך אַ צי פאַרן אויער. עברית האָב איך דאָרטן געלערנט ביים גוטן קענער פון העברעאישן לשון ציבעלמאַן. הרב צימערמאַן איז געווען מיין רבי אויף חומש און גמרא. ער האָט געהאט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס דער פרעסטיזש פון דער תלמוד־תורה איז געווען אזוי הויך אין די אויגן פון יידן אין סואוואַלק און פון די ארומיקע שטעטלעך.

אַ באַזונדערע שוואכקייט האָבן מיר, חדר־יינגלעך, געהאַט צום ברונעם אין מיטן שטאָט. וואַסער פלעגט מען פּומפּען פון ברונעם דורכן ציען אַרויף און אַראָפּ דאָס לאַנגע אויסגעבויגענע אייזן ביי דער זייט. די גרויסע אייזערנע האַנט האָט געהאט ביים סוף אַזאַ רונדן אייזערנעם באַל, וואָס האָט זיך ממש געבעטן: „קומט, קינדער, זעצט זיך ארויף און הוידעט זיך”. זיינען טאַקע די קינדער ניט געווען קיין עקשנים, פלעגן איינס נאָכן אַנדערן זיך זעצן אויפן „באַל”, זיך הוידען און דאָס וואַסער פלעגט רוישיק רינען אין דער וועלט ריין. דאָס פלעגט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז עס פלעגט זיך באווייזן חיים ישראל׳ע דער וואַסער־טרעגער — און מיר פלעגן זיך צעלויפן אין אַלע זייטן.

ווען איז דאָס אַלץ געשען?

דער חורבן איז אַזוי גרויס און די ווירקלעכקייט איז אַזוי ביטער, אַז אָפט זעען אויס די אַלע זכרונות פון דער אקאָרשטיקער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַ ווייטער, ווייטער חלום: ניט געווען קיין ליבע סואוואַלק, ניט געווען קיין טייערע יידן דאָרטן, ניט געווען קיין שולן און בתי־מדרשים, ניט געווען קיין יידישע קינדער, ניט געווען קיין יידישע טאַטע־מאַמע...

ניין, ניט דער „געווען” איז אַ חלום, נאָר דער „איצט” איז אַ חלום, אַ שרעקלעכער, אוממענטשלעכער קאָשמאַר —

נישטאָ מער קיין יידיש סואוואַלק, נישטאָ מער קיין יידיש לעבן דאָרטן — נישטאָ און וועט שוין אייביק נישט זיין.

Kennort Biała Podlaska
Miejsce wystawienia
Kreish. Biała Podlaska Distrikt LUBLIN
Starostwo powiat. Okręg

Kennummer 12336
Numer rózpoznawczy

Gültig bis 12. VI. 1946.
Ważne do

Name F l ejs z e r
Nazwisko

Geburtsname (b. Ehefrau) -----
Nazwisko panieńskie (u mężatek)

Vorname Cyla
Imię

Geboren am 19.5.1925
Urodzony (a) w dn.

Geburtsort Suwałki
Miejsce urodzenia

Kreish. Suwałki Distrikt
Starostwo pow. Okręg

Land Deutschland
Kraj

Beruf / Zawód
erlernter wyuczony keiner/żaden/
ausgeübter wykonywany Arbeiterin/robotnica/

Religion mosaisch
Wyznanie

Volkszugehörigkeit Jüdin
Przynależność narodowa

Besondere Kennzeichen -------
Szczególne znaki rozpoznawcze






Cyla Flejszer
Unterschrift des Kennkarteninhabers
Podpis posiadacza karty rozpoznawczej

Biała Podlaska, den 194
dnia

Dienstsiegel
Pieczęć służbowa

Ausstellungsbehörde
Władza wystawiająca

Unterschrift des ausfertigenden Beamten
Podpis sporządzającego urzędnika

דער „יודען־שיין" פון אַ סואוואַלקער מיידל, צילע פליישער, פאַרבערענט אין מיידאַנעק.

ZUR BEACHTUNG! UWAGA!

I. **Jeder Inhaber einer Kennkarte hat sich bei Behörden und Körperschaften des öffentlichen Rechts und gegenüber den staatlichen und gemeindlichen Kontrollorganen auf Verlangen mit der Kennkarte auszuweisen.**

Każdy posiadacz karty rozpoznawczej winien się wobec władz i instytucji prawa publicznego oraz państwowych i gminnych organów kontrolnych na żądanie legitymować kartą rozpoznawczą.

II. **Kennkarten, in denen das Lichtbild, die Fingerabdrücke, eine der sonstigen vorgeschriebenen Eintragungen oder die anzubringenden Dienstsiegel fehlen, sind ungültig. Das gleiche gilt, wenn der Zustand des Lichtbildes oder die Fingerabdrücke eine einwandfreie Feststellung des Kennkarteninhabers nicht mehr zulassen oder die sonstigen Eintragungen oder die Stempel unleserlich geworden sind.**

Karty rozpoznawcze, nie posiadające fotografii, odcisków palców, przepisowych wpisów lub pieczęci służbowej, są nieważne. To samo dotyczy wypadków, w których stan fotografii lub odcisków palców nie pozwala na dokładne stwierdzenie tożsamości posiadacza karty rozpoznawczej lub pozostałe wpisy czyli pieczęć stały się nieczytelne.

III. **Treffen die Angaben in einer Kennkarte durch Berufswechsel, Namensänderung usw. auf den Inhaber nicht mehr zu, so hat er die Kennkarte der Antragsbehörde zur Änderung oder Neuausstellung vorzulegen. Wohnungsänderungen bescheinigt die Meldebehörde.**

O ile dane karty rozpoznawczej straciły swą aktualność naskutek zmiany mieszkania, zawodu, nazwiska posiadacza karty i t. d., to winien on kartę rozpoznawczą przedstawić władzy załatwiającej wnioski celem zmiany karty lub wystawienia nowej karty rozpoznawczej. Zmiany zamieszkania potwierdza urząd meldunkowy.

IV. **Der Kennkarteninhaber ist verpflichtet, den Verlust einer gültigen Kennkarte unverzüglich der nächsten Antragsbehörde brieflich oder mündlich unter genauer Angabe seiner Personalien und der näheren Umstände des Verlustes zu melden.**

Posiadacz karty zobowiązany jest zgłosić natychmiast władzy załatwiającej wnioski zagubienia ważnej jeszcze karty rozpoznawczej pisemnie lub ustnie, podając dokładnie swe generalia i bliższe okoliczności zagubienia.

Staatsdruckerei Warschau — Nr. 3751-41.

GENERALGOUVERNEMENT
GENERALNE GUBERNATORSTWO

KENNKARTE
KARTA ROZPOZNAWCZA

J

## פאָטאָגראַפיעס פון קדושים פון סואוואַלק און אומגעגנט, וואָס זיינען ארויסגענומען געוואָרן פון די געפונענע „יודען־שיינען" אין מיידאַנעק לאַגער.


ברוך יאַבלאָנאָווסקי


רחל יאַבלאָנאָווסקי


רחל אַקון
פשעראָסלע, פיליפּאָווע


גיטל בראָדסקי,
געב׳ 1921


מרדכי באַראָווסקי,
געב׳ 1878, לאָנדווירט


מרדכי אַלפאָוויטש


שיינע איילענדער,
געב׳ 1912, שניידערין


פריידע בודוויצקי־סוויט־
קיַווסקי, געב׳ 1902


מרים גלישטצינסקי,
געב׳ 1918, שניידערין


מ כה בערנשטיין, געב׳
1922, ביכהאַלטאָרין


רחל דאָקטאָרסקי־
בערנשטיין


שלמה יאָסל בערנ־
שטיין, פאָטאָגראַף



ראָזע גאָלדגאַמער



אשר גאָלדגאַמער,
רימער



פייגע גראַנדיטש



גראַנדיטש
דער שניידער



מרדכי דובלמאַן,
זון פון ת״ת־לערער



מרים־לאה חייטינסקי,
געב׳ 1900, פיליפּאָווע



משה זשאַרגאָווסקי



יאַנקל זשינעווסקי



זעליק וורובלעווסקי,
געב׳ 1902, שניידער



משה טאָפּאָלאַנסקי



חנה־פריידע יעלין,
געב׳ 1916, ראַצק



ברוך יאַבלאָנאָווסקי,
געב׳ 1922, שניידער


וואָלף כלעבאָווסקי,
געב׳ 1914, עלעקטראָ־
טעכניקער


טויבע כלעבאָווסקי


חיים לאַזאָווסקי


אלטר ליפשיץ,
ס חר און עסקן


רישע ליווּשין,
פיליפּאָווע


לייב לובלינסקי


אברהם לובלינסקי,


שרה לובלינסקי,
פון גלאָזקראָם


שרה לעווינזאָן


שיינע מאַרטשיקאַנסקי,
פינסק


אברהם־הערש מענאַקער
געב׳ 1900


שלום מאַרגנשטערן


הדסה מאָרגנשטערן


שרה סימענסקי, מאיר
דעם פישערס טאָכטער


משה מאָטל סימענסקי,
מאיר דעם פישערס זון


מינע סטשעלעצקי


שיינע סטשעלעצקי


יוסף ספיר,
פון די צוקערקעס


יאָסל סאַפּערסאָן,
געב׳ 1896, שוסטער


חיה סאַפּערסאָן,
געב׳ 1898, שניידערין


ביילע סיטקאָווסקי,
געב׳ 1924


זלמן סיטקאָווסקי
געב׳ 1895, שניידער


עטל סראָגאָווסקי,
געב׳ 1902


אלקנה סראָגאָווסקי,
געב׳ 1893, פישער


פאַניע סאַנדאָווסקי,
אייזיקס פרוי


וואָלף ב״ר אייזיק
סאַנדאָווסקי


משה ב״ר אייזיק
סאַנדאָווסקי


פרומע סאָלאָווייטשיק־
בערנשטיין, געב׳ 1900


זבולון ב״ר צבי הירש
סטאַוויסקאָווסקי,
שניידער


ראַניע סטאַוויסקאָווסקי


זבולון ב״ר אברהם נטע
סטאַוויסקאָווסקי


ראַיע סטאַוויסקאָווסקי־
גרינשטיין, געב׳ 1918,
ראַצק


לאה עפלבוים


העניע עפלבוים


טייבע עפלבוים


אברהם פּאַפּאָווסקי,
געב׳ 1914



לייב ב״ר פלטיאל פּאַוולאָווסקי



לאה פּאַוולאָווסקי, דניאל ליפשיצעס טאָכטער



אליהו פּיליטאָווסקי



גיטל פּיליטאָווסקי



מאיר פלישקין



משה פּערלינג, געב׳ 1908, שניידער



פרידע פורמאַנסקי, געב׳ 1926, סייני



יצחק פליישער



שרה פליישער



פייגע פליישער, געב׳ 1923



שיינע פליישער, געב׳ 1927



טויבע־פייגע פליישער, געב׳ 1900, קראַסנאָפּאָלע


משה פינקאָווסקי,
פון תפא״ת בחורים


ראָזע פרידמאַן


שיינע צימערמאַן,
געב׳ 1909


לייב קאַמינקאָוויטש
פאַריקמאַכער


מאַשע קאַמינקאָוויטש


מרים קאַמינקאָוויטש


מרדכי קאַמינקאָוויטש,
פאַריקמאַכער


פרידע קאַמינקאָוויטש,
געב׳ 1908


הינדע קאַמינקאָוויטש,
געב׳ 1912


שרה קאַספּעראָוויטש


אברהם קאַספּעראָוויטש


בראָניע קריוויאַנסקי



פרומע קראַמאַרסקי



בן־ציון ב״ר לייב
קאַשינסקי, פיליפּאָווע
שמיד



לאה שקלאַרמאַן



לייזער קאַטשערינסקי,
געב׳ 1901, אַרבעטער



שמואל רובינשטיין,
פון טאַרטאַק

---



ר׳ חיים קויפמאַן



חנה מינץ, פרוי פון ר׳ בנימין מינץ



אַ גרופּע פּיליפּאָווער קדושים.

רישקע מאָטלס, דוד פּיוואָוואַרסקיס דריי טעכטער, מיכלע־ליבע משה׳ס, שבח לאַנגעוויטש, חיה־שרה אָקונעוויטש און אנדערע.



אַ גרופּע פּיליפּאָווער קדושים, וועמענס נעמען זיינען נישט אָנגעגעבן געוואָרן.



אַ באַראַק אין מײדאַנעק.



אַרײַנגאַנג אין גאַזקאַמער.

חיים זעליגסאָן

# אויפן פרישן קבר פון פריינט לאַזאַר פּערלשטיין

צום ענדע פון ארויסגעבן דעם יזכור־ספר, שטייען מיר אַלע טיף ערשיטערט איבער דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס האָט אונז אַלעמען געטראָפן, דורך דעם וואָס פריינט פּערלשטיין איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז.

לאַזאַר פּערלשטיין איז געבאָרן געוואָרן אין סואוואַלק, אין 1886, ביי נישט פאַרמעגלעכע עלטערן. זיין פאָטער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב. נאָכדעם ווי לאַזאַר האָט געענדיקט די סואוואַלקער ישיבה, האָט זיין פאַטער אים געשיקט לערנען אין דער סלאָבאָדקער ישיבה ביי הגאון ר׳ משה מרדכי עפּשטיין זצ״ל.

ווי עס ווייזט אויס האָט אונזער לאַזאַר קיין רב נישט געוואָלט זיין און האָט זיך בעסער געוואָלט לערנען אַ מלאכה, און ער איז געוואָרן אַ שוחט. ער האָט געקראָגן קבלה פון דעם סייניער און שפּעטער סואוואַלקער רב הגאון ר׳ משה בצלאל לוריא זצ״ל.



אליעזר פּערלשטיין

האָבענדיק אַ יאָר צייט פּראַקטיק אין שחיטת גסות אין סואוואַלק, קומט ער קיין ניו יאָרק אין 1906, מיט דער האָפענונג צו קריגן אַ שטעלע פאַר אַ שוחט. אָבער אין יענער צייט, האָט מען אויף דעם געדאַרפט האָבען גרויסע פּראָטעקציע. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין קרובים אין אַמעריקא, איז עס אים נישט געלונגען. האָט ער אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן שחיטה, און באַשלאָסן זיך צו לערנען אַ פּראָסטע מלאכה, פון וועלכער ער זאָל באַלד קענען מאַכען אַ לעבן.

נאָך עטלעכע יאָר אָפּארבעטענדיק ביי פרויען קליידער ווערט ער קראַנק אויפן האַרץ און דאָקטוירים פאַרבאָטן אים צו אַרבעטן פיזיש.

זיין בענקשאַפט נאָך די יונגע יאָרן אין סואוואַלק ברענגט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט זיינע לאַנדסלייט,



אָבגעבענדיק זיך מיט אַ סך ענערגיע פאַר אַלע לאַנדסלייט אָרגאַניזאַציעס. צום ערשטן ווערט ער דער קאַסירער און פירער פון דעם סובאַלקער־ווילקאָווישקער ברענטש 300 ארבייטער רינג, און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה שליסט ער זיך אָן ווי אַ מיטגליד פון דער סובאַלקער בענעוואָלענט אסס׳ן, און נאָכדעם ווי אַ אַקטיווער מיטגליד אין סעקרעטאַר אין דער סובאַלקער און אומגעגנט רעליף קאָמיטע.

דורך דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה שטייט ער אויפן פּאָסטן צו זיין גרייט פאַר דער צייט ווען דער מאָמענט וועט קומען און מען וועט דאַרפן ראַטעווען די, וואָס זיינען אַרויסגעקומען לעבעדיקע פון היטלער׳ס ימ״ש גיהנום: שיקענדיק טרייסט בריוו מיט שטיצע צו יעדן מיט וועלכן מען האָט געקענט קומען אין פאַרבינדונג; אויפזוכענדיק קרובים דורך די צייטונגען און אנדערע; פירנדיק אַ רעכענונג פון די לאַנדסלייט אין אַמעריקא וועלכע זיינען געווען די שטיצערס און אַרויסהעלפערס פון די געראַטעוועטע.

ווען דער רעליף קאָמיטעט האָט באַשלאָסען אַרויסצוגעבן אַ יזכור ספר כדי צו פאַראייביקן די קדושים פון סואוואַלק און אומגעגנט, וואַרפט ער זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט, קאָרעספּאָנדירנדיק מיט אַלע לאַנדסלייט איבער דער גאַנצער וועלט און איבערגעבן זיי דעם געדאַנק פון דעם יזכור בוך.

אין חודש אַפּריל 1960 ווען ער איז געזעסען ביז פאַרטאָג מיט דעם שרייבער פון די שורות, צוגרייטענדיג די אַנאָנסען און אַנדערע אַרבעטן פאַרן בוך, באַקלאָגט ער זיך פּלוצעם, אַז זיין קאָפּ שווינדעלט אים, און ער האָט אַ שטאַרקן קאָפּ ווייטאָק. פון יענעם מאָמענט איז שוין לאַזאַר פּערלשטיין נישט געקומען צו זיך.

קראַנקערהייט, פלעגט ער נאָך וועלן עפּעס טאָן פאַר די וואָס וואַלגערן זיך אין די ישראל מעברות: מיט אַ בריוו, אַ טרייסט וואָרט פאַר בעסערע צייטן, מיט פאַרבינדן קרובים, אָבער זיינע כוחות האָבן שוין אים פאַרלאָזן, און ב׳ מנחם אב תש״ך (26טן יולי 1960) איז ער אין שפּיטאָל אויסגעגאַנגן אין גרויסע יסורים ווען זיין לעבענס־באַגלייטערן מרס. טילי פּערלשטיין איז געשטאַנען ביי זיין בעט.

זאָלן זיינע מעשים טובים זיין אַן אַייביקער אָנדענק פאַר זיין געטרייע לעבענס־באַגלייטערן וועלכע האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין זיין אַרבייט און האָט אַזוי אונערמידלעך אים געדינט ביזן סוף פון זיין לעבן.

די גאַנצע סואוואַלקער און אומגעגנט לאַנדסמאַנשאַפט אין אַלע לענדער וואו זיי געפינען זיך, וועלן ביטער באַוויינען די גרויסע אַבידה וואָס מיר אַלע האָבן פאַרלאָרן און מיר ענדיקן מיט דעם טראַדיציאָנאַלן תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.




הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו

מיר ווארפן אהער
א זודיקע טרער
אויף פארלוסטן וואס מיר
האבן געליטן —

אויף לעבנס נישט דערלעבטע
אויף טרוימען נישט דערוועבטע
וואס דער גרויזאמער דייטש
האט פארשניטן.

ל. פ.

נעמען פון פארשטארבענע מיטגלידער פון
די פאמיליעס פון אונדזערע סובסקרייבערס,
טייל פון זיי געפאלענע קרבנות על קדוש השם,
אומגעקומען דורך דער דייטשער בעסטיאליטעט,
תנצב"ה — הי"ד.

# למזכרת נצח

## על ידי ילידי סובאלק והסביבה

## בארצנו הקדושה




## אַמאָל איז געווען...

פון לאַזאַר פערעלשטיין

„אַמאָל איז געווען" — מיט אָט־די ווערטער
פלעגען אונזערע מאַמעס דערציילען ביים וויגעל —
פון פאַלאַצן געבויטע מיט גאָלדענע ציגעל,
פון בני־מלך, בת־מלכה׳ס, פון עקזאָטישע ערטער.

„אַמאָל איז געווען" — ווי זיס אָט־דער קלאַנג
פלעגט זיין פאַר אונזערע קינדערשע אויערן:
שמייכלענדיג חלומ׳ען פון אָפענע טויערן,
פון וואַנען ס׳דערגרייכט אַ מלאכים־געזאַנג.

*
* *

„אַמאָל איז געווען" — דער טאָן פון „איכה"
באַגלייט יעדע זילבע, דרינגט דורך יעדעס וואָרט.
איכה און אַיכה? — וואו ביסטו, דאָס אָרט,
וואָס אַמאָל איז געווען — און איז איצט מער
ניטאָ?

וואו ביסטו, סואוואַלק, מיט די ישובים אַרום,
וואָס האָבען פאָרמירט איין גרויס מעטראָפּאָליע
וואו זיינען די מענשען וואָס האָבען געשפּילט אַזאַ
ראָלע
אין ספערן וואָס האָבען פאַרדינט לויב און רום

איצט זאָגען מיר יזכור נאָך אייך, ליבע קדושים,
מיר הייליקען דעם אָנדענק פון אייערע נשמות.
ביז די נקמה וועט קומען פון דעם א־ל נקמות,
וועט נישט זיין ביי אונז קיין פעריאָדע „נאָך
שלושים".

*
* *

„אַמאָל איז געווען" — מיט׳ן קול פון „איכה"
ווערען די ווערטער פון אונז היינט געזאָגט.
מיט צער־פולער בענקשאַפט אונזער געמיט איז
געפּלאָגט
נאָך דעם וואָס געווען — און איז איצט מער
ניטאָ...

# YISKOR יזכור

## למזכרת עולם

מיר, דער „אינדעפּענדענט סובאלקער פאראיין״, באַטראַכטן
זיך ווי די נאַטירלעכע יורשים פון דער אומגעקומענער
קהילה קדושה פון אונדזערע היים־שטעט סואוואלק
און פון אומגעגענט, וואָס מיר האָבן טיילווייז
אויפגעהאלטן זייערע אינסטיטוציעס, ווי
די תלמוד תורה, שפּיטאָל, מושב
זקנים, און אנדערע.

זאָל די פאַרצייכענונג דינען ווי אַן אייביקער אָנדענק פאר
די ברידער און שוועסטער אונדזערע, וועלכע זיינען געפאלן
פון רוצחישע הענט על קידוש השם. — ה׳ ינקום דמם!

יהא זכרם ברוך.

## אינדעפּענדענט סובאלקער
## בענעוואָלענט פאראיין

חיים זעליגמאן, פרעזידענט | שלמה רימאן, סעקרעטאר

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה
ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי (ירמי׳ ח׳־כ״ג)

— — — **אנשי עירי קהלת קדש סואוואלק והסביבה, שנספו ונהרגו על קידוש השם בימי השואה והמלחמה ת״ש—תש״ה, ה׳ יקום דמם.**

# אלון בכות ומצבת זכרון

לנשמות קדושים וטהורים

אבינו עטרת ראשנו פאר ישראל

## הגאון ר׳ יוסף ב״ר ישראל ארי׳ יוסלביץ זצ״ל

הגאב״ד דסואוואלק, נפטר ביום י״ט שבט תרצ״ה.



אמנו הרבנית הצדקנית

## שרה רבקה הי״ד בת הגאון ר׳ חיים אברהם שם זצ״ל

לפי השמועה, נהרגה על קידוש השם סמוך להעירה סעמעלישאק בליטא ביום א׳ דחג הסכות תש״א.

בתנו הילדה **אביבית־רשל** הי״ד

נספית באישון ליל ואפילה כ״ח מרחשון ת״ש, בשדות הגבול, והובאה לקבורה בסואוואלק ביום א׳ דר״ח כסלו.

**את אלה נזכרה ונהמיה, — ונפשנו עלינו תשתוחח.**

**דוד ליפשיץ** אב״ד דסואוואלק
והרבנית **צפורה חוה**

# לײדיס אָקזיליערי פון אינדעפּענדענט
# סואוואלקער בענעוואָלענט פאראײן

צוזאמען מיט אלע סואוואלקער הײליקן מיר דעם אָנדענק

## אונדזערע מארטירערס

### די קרבנות פון די היטלעריסטישע רוצחים, הי״ד

סילוויע גוירשען, פּרעזידענט
איווא גלאדסטאן, פינאנס־סעקרעטארין
סילוויע זעליגסאן, פּראָטאָקאָל־סעקרעטארין
מרס. ליווי, קאסירערין

סואוואלק קלוב
פון לאָס אנדזשעלעס

אין הײליקן אָנדענק פון די
## געפאלענע קרבנות

פון אונדזערע נאָענטע און טײערע
סואוואלק און אומגעגענט

יוסף ה. באוער, פּרעזידענט
פ. קאווין, סעקרעטאר

סואוואלקער־ווילקאווישקער
ברענטש 300, ארבעטער־רינג

מיר הײליקן דעם אָנדענק פון די
## געפאלענע קרבנות

פון אידישן פאָלק בכלל
און די קרבנות
פון אונדזער אומגעגענט בפרט.

ה. זעליגסאן, עקז. טשערמאן
סיידי גאטליב, סעקרעטאר

יאָרצייט פון מיינע עלטערן.

# אברהם יהודה ב״ר ישראל יצחק זעליגסאָן

נפטר ה׳ אייר תש״ז, יום ו׳ עש״ק תזריע־מצורע (אפּריל 25, 1947),
אין שול פון מאונט אידען סענטער אין ניו־יאָרק.

# חיה בת ר׳ יחזקאל

נפטרה י׳ טבת תרצ״ג (דעצעמבער 16, 1931), אין סואוואלק.

מיין טאַנטע **מלכה דאקטאר**

בת ר׳ יחזקאל, ע״ה



געקומען צו גאַסט פון אמעריקע אין סואוואלק,
אומגעקומען אין ביאלע פּאָדלאַסק אין 1942, הי״ד.



אברהם יהודה און חיה זעליגסאָן



אליהו לעווענטין און בתיה פייגל און זייערע קינדער אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ

תנצב״ה — הי״ד

# יחזקאל חיים זעליגסאָן

על אלה אני בוכיה ! עיני עיני יורדה מים !

ווי דער איינציקער איבערגעבליבענער פון א גרויסער פאַרצווייגטער משפחה וועלכער האָט
געהאט דאָס גליק צו פארלאָזן אין מיינע קינדער יאָרן די פארשאָלטענע פוילישע
ערד, פארצייכן איך מיט אַ צעבראָכן הארץ און מיט אַ הייליקן ציטער
מיינע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאמיליעס:

## יעקב זעליגסאן מיט זיין פאמיליע
## דוד בערל זעליגסאן מיט זיין פאמיליע
## בתיה פייגל לעווענטין מיט איר פאמיליע



יעקב און פערל זעליגסאָן און זייערע קינדער מינע און שאול



דוד בערל און צילע זעליגסאָן און זייערע קינדער לייבוש און רבקה אומגעקומען אין סלאָנים

**און אלע מיינע אָנקלס, טאנטעס, קוזינס, מיט זייערע פאמיליעס**

וועלכע זיינען אומגעקומען פון מערדערלעכע, אוממענטשלעכע בעסטיעס
דורך פארשידענע מיתות משונות, טבחו ולא חמלו, אין יאר 1942.
ה' יקום דמם. יהא זכרם ברוך לעולם.

## יחזקאל חיים זעליגסאן

# אין אייביקן אָנדענק

פאָטער ר' וועלוול דאווידזאן

מוטער שיינה רחל

ברודער יחיאל ראובן דאווידזאן

ברודער לייזער דאווידזאן

ברודער בצלאל דאווידזאן

ברודער יעקב דאווידזאן

שוועסטער שרה רבקה שערעשעווסקי

(געבאָרן דאווידזאן)



מוטער שרה פייגל גערשען



פאָטער יהודה מענדל גערשען

שוועסטער מערי זעלדע

ת. נ. צ. ב. ה.



צוויי ברידער און א שוועסטער
פארלאָרן געגאנגען.

ת. נ. צ. ב. ה.

מר. און מרס. בערנארד גערשען

# לזכר עולם

## פאר דער פאמיליע זעליגסאן פון סאפאטקין



ר' יוסף לייב און בלומע זעליגסאן, ע"ה

די עלטערן —

**יוסף לייב און בלומע**

זייערע קינדער —

**שרה** און איר מאן **קלמן** און קינדער

**קונע** און איר מאן **חייקל** און קינדער

**שיינע** או איר מאן **יהודה** און קינדער

**ישראל** און זיין פרוי **עלקע**

**אומגעקומען על קידוש השם, יהא זכרם ברוך**

**יעקב זעליגסאן** און ברידער

אקלאהאמא סיטי, אקלא.



ר׳ צדוק רימאן און זיין פאמיליע

יזכור

הקדושים והטהורים

את אבי

## ר׳ צדוק השוחט רימאן

ז״ל ומשפחתו

את אמי מורתי **דבורה, ע״ה**

ואחי **מנדל, מרדכי־בצלאל,**

**משה לייב ובנימין** ואחותי **לאה**

שנהרגו על קידוש השם במחנות

ההשמדה בלוקאוו ובברית המועצות

ה׳ יקום דמם ויצרור את נפשם בצרור החיים

**שלמה ריימאן**

**ומשפחתו**

---

יזכור

הקדושות והטהורות

את אמנו

## ברײנה מײטקעס (אבקוביץ)

ודודתנו

## מאַשע אבקוביץ

**זכרונן לברכה**

שנהרגו על קידוש השם

במחנות המות ב׳לוקוב.

**פייגל וחנה מייטקעס**



ר׳ משה לייב מייטקעס השוחט

צום ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער ליבן פאָטער



# ר׳ שלמה ב״ר ישראל אביגדור פערלא, ז״ל

געווען גבאי ראשון פון חברה קדישא אין סואוואלק;

גבאי ראשון אין חברה לינת הצדק אין סואוואלק;

גבאי ראשון פון חברה קדישא אין „אינדעפענדענט
סובאַלקער פאַראיין״ אין ניו־יאָרק.

**נפטר י״ג מנחם אב תרצ״ה.**

צום ליכטיקן אָנדענק פון אונדזער ליבע מוטער

# הינדע רבקה בת ר׳ שמעון, ע״ה

**נפטרה ז׳ שבט תשי״ט.**

ת. נ. צ. ב. ה.

## די פאמיליע פערלא

## צום אייביקן אָנדענק פון מיין אָנקל



## אלקנה גלאדסטאון און זיין פרוי הינדע לאה
## מיט זיין זון אהרן און זיינע קינדער





**א. ג. גלאדסטאון**

# אין אייביקן אָנדענק

פון אונדזער ברודער
**אלקנה גלאדשטיין**, זיין פרוי **הינדע לאה**
זייער זון **אהרן** און זייערע קינדער.

פון אונדזער שוועסטער
**רחל** און איר מאן **יודעל קאוואלעווסקי**
און זייערע טעכטער.

וועלכע זיינען געפאלן קרבנות על קידוש השם פון די מערדערישע נאציס.

דזש. גלאדסטאון און זיין פרוי
איווא גלאדסטאון און איר פאמיליע
עטל שטיינבערג און איר פאמיליע
פעני גלאדסטאון און איר פאמיליע

**צום אָנדענק פון אונדזער פאָטער און מוטער**





**משה** און **רבקה גלאדשטיין**

און אונדזער עלטער־פאָטער **אהרן סיינענסקי**

**צום אָנדענק**

פון מיין פאָטער
**אברהם יצחק** ב״ר אהרן **סיינענסקי**
מוטער **ליבע ריינע גלאדסטאון**

ברודער **אלקנה סיינענסקי** (קאָהען)
ברודער **יחזקאל סיינענסקי** (קאָהען)
שוועסטער **רחל סיינענסקי**

# יוסף און איווא גלאדסטאון

# צום אייביקן אַנדענק פון דער פאמיליע קרינסקי פון סואוואלק


מרדכי קרינסקי

פאָטער חיים לייב קרינסקי ז"ל
מוטער צביה קרינסקי ע"ה
אומגעקומען על קידוש השם אין חודש תשרי, יאָר 1941,
ביי דער ליקווידאציע פון דעם קליין געטאָ אין קאָוונע,
ליטע, אויפן 9טן פאָרט
שוועסטער רבקה קרינסקי ע"ה
געבאָרן אין סואוואלק, אומגעקומען אין יאָר 1944
ביים ארויסגיין פון צאַם פון קאָוונער געטאָ
ברודער מרדכי (מאקס) קרינסקי ז"ל
געבאָרן אין סואוואלק, אומגעקומען אין יאָר 1944,
אנטלויפנדיק פון טראַנספּאָרט בעת דער ליקווידאציע
פון קאָוונער געטאָ
שוועסטער שולמית קרינסקי ע"ה
געבאָרן אין סואוואלק, אומגעקומען אין יאָר 1942,
אין סלאָנים
שוועסטער טעמא גערצוג ע"ה
(מיידלשער נאָמען קרינסקי), געבאָרן אין סואוואלק
איר מאן יעקב גערצוג ז"ל
געבאָרן אין אָסטראָלענקי
זייער קינד פסח גערצוג ז"ל, געבאָרן אין סואוואלק
אלע זיינען אומגעקומען אין סלאָנים אין יאָר 1942.

איידעם און שוואָגער מאָריס אבראמאוויץ, ניו־יאָרק
זון און זיין פרוי הערי און שרה (סאניע) קרינסקי, לאָס אנדזשעלעס
טאָכטער און מאן חנה און מאקס ראטשילד, ניו־יאָרק

---

# מיין שיקזאל

פון קלמן (קובא) אבראמאָוויץ

I

וואו זייט איר, ליכטיק־
שיינענדיקע שטערן,
וואו זייט איר פערל
פונעם הימל־פאַס ?
וואו זייט איר בלומען,
הייסע טרערן,
פון אַ יידיש פאָלק,
אַ יידיש גאַס ?

עס האָבן דורות אייך
פאַרזייט, פאַרפלאַנצט,
אויף גלות־ערד
צום טיפסטן שלאָף —
און ס'פרעגט אַ פאָלק,
פון צער באַזיגט,
פאַר וועלכע זינד
די האַרבע שטראָף ?

צי האָט איר נישט
אויף וועגן שטילע
דער גאָרער וועלט
געצייגט דאָס ליכט

II

און אַליין שפּעטער
פאַרבויגן זיך
אין טיפער תפילה
צום הויכגעריכט ?

צי האָט איר נישט
מיט שווייס און בלוט
דאָס ברויט פאַרדינט
אין פרעמדן לאַנד
אין גרעסטער נויט
און דאַן אַליין
געשענקט יעדער
געשטרעקטער האַנט ?

און האָט איר נישט
מיין יידיש פאָלק
געפירט צום טויט,
ווי בלינדע שאָף,
מיט בליקן צער
פול און צאָרן
אין לעצטע שעה'ן
פון זייער סוף ?

I

איך בליק צוריק
און זע די וועלט,
וואָס דורכגעגאַנגען.
זי האָט מיין גייסט
מיט פיינען פול
אין אייביקייט געפאַנגען.

איך בליק פאָרויס
און זע אַ צוקונפט
נאָך אין גרוי געהילט.
ווי לאַנג, איך פרעג,
וועט נאָך מיין טרוים
בלייבן אומדערפילט ?

עס נעמט קיין סוף
צום ראַנגלען זיך.
דערצו נאָך זע איך
יעדן טאָג, ווי
ס'פאַלן טיילן
פון מיין איך.
נאָך ווייניק וואָס
פאַרקריפּלט מיין געזיכט —

II

זאָל איך פאַרלירן
איצט נאָך פון
דאָס ליכט ?
מיין טייער אויג

דו ליב אויג מיינס,
האָסט אין פריידן
און אין ליידן
מיט ליכטיקייט מיך באַזעלט.

דורך דיך האָב איך
צוערשט דערזען מיין
מאַמעס געשטאַלט,
וואָס מיט ליבשאַפט
און צאַרטקייט
מיין לעבן האָט באַשטראַלט.

און אפילו אין
מיין בלינדער וועלט
פון מיין מאַמעס
וועט מיין האַרץ נאָך
ליבער צאַרטקייט
אייביק זיין צעהעלט.

# צום אייביקן אָנדענק

## פון מיין ליבער פרוי סאניע אבראמאוויץ

א טאָכטער פון קרינסקי פאמיליע, געבאָרן אין סואוואלק

## פון מיין ליבן זון שלמה ידידיה

9 יאָר אַלט, געבאָרן אין סואוואלק

אומגעקומען על קידוש־השם אין שטוטהאף ביי דאנציג, אין יאָר 1944.



קלמן אבראמאוויץ פאר דעם קאנצענטראציע־לאגער

קלמן אבראמאָוויץ נאָך דעם קאָנצענטראציע־לאגער



מיין קינד קובא איז געווען אַ טאלאנטפולער פיאַנאָ־שפילער און קאָמפאָזיטאָר, ווי אויך אַ באַגאַבטער מאָלער. זיינע בילדער זיינען באוואונדערט געוואָרן פון גרויסע קינסטלערס. זיין שפילן איז געווען זיין טרייסט אין זיינע פיל גייסטיקע און קערפערלעכע ליידן.

מאריס אבראמאוויץ




די מצבה פון מיין ליבן זון

קלמן — KUBA

געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, דעם 7טן יוני, 1954.

באערדיקט אויף דעם בית הקברות פון

Ind. Suwalker Ben. Assn., New York, U. S. A.

## צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע נאָענטע און ליבע

מיין מוטער **חיה העניע** בת ר׳ ארי׳, ע״ה
אשת **ר׳ צבי גרינשטיין**, ע״ה
נפטרה י״ט תשרי, תש״י

מיין שוועסטער **שאשע אײדלין**, ע״ה
געשטאָרבן אין עסטרייך



חיה העניע גרינשטיין

מוטער׳ס מצבה




ביי דער מצבה שטייט מיין שוועסטער
שרה ליבע, וואוינט אין שטעטין, פוילן



שאשע אײדלין

**ד״ר און מרס. יוסף גרינשטיין**

## צום אייביקן אָנדענק פון אונדזערע

## ליבע און טייערע



ר׳ יעקב קאספערסקי און זיין פרוי שרה רייזל ע״ה. צוויי שוועסטער פון מרס. גרינשטיין, פייגע רחל און אסנה ע״ה



אהרן לייב און אסנה בת ר׳ יעקב פאטאשינסקי — אומגעקומען



חיה איטע בת ר׳ יעקב, און איר מאן אומגעקומען



דוד בן ר׳ יעקב קאספערסקי — אומגעקומען



חיים שלמה בן ר׳ יעקב קאספערסקי און זיין פאמיליע — אומגעקומען
הי״ד

ד״ר און מרס. יוסף גרינשטיין

צום אייביקן אָנדענק פון מיינע
אומגעקומענע און געשטאָרבענע





ברודער **יעקב מרדכי**, זיין פרוי **לאה צביה**
און פאמיליע; **שעפסל מיכל גרינשטיין**
און גאנצע פאמיליע; **סאשע איידלינ׳ס**
קינדער פון סייני; איטצע יהודה׳ס פרוי
**איטע לאה** און קינדער פון סייני.

**ד״ר און מרס. יוסף גרינשטיין**

יצחק יהודה בן יעקב מרדכי גרינשטיין
**אומגעקומען, הי״ד**

---

## מיר היילִיקן דעם אָנדענק פון אונדזערע

# קדושים־מארטירער

### פון אונדזער היים־שטאט סואוואלק

## די ברידער בערגער

איינקלאך פון ר׳ זעלמעלע דעם מוהל

# אין אייביקן אָנדענק
# איזידאר און סיידי בירגער





## יוחנן בירגער און זיין פרוי גיטל



ר׳ יוחנן בירגער און משפחה, הי״ד

**דייוויד סילווערמאן**

צום ליכטיקן אָנדענק פון אונדזערע עלטערן און זיידע און באבע

# שמואל סאנדאווסקי, ע״ה

געווען לאַנגיאָריקער פרעזידענט פון „אינד. סובאלקער פאַראיין"
ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.



# און ראשע עטל סאנדאווסקי, ע״ה

## די פאמיליע סאנדאָווסקי

✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡✡

### שמואל סאנדאָווסקי, ע״ה

(געשטאָרבן דעם 19טן נאָוועמבער, 1943)

געשריבן צו שלושים נאָך זיין פטירה, פון ל. פערלשטיין

שמואל סאנדאָווסקי איז מיט אונדז מער ניטאָ,
מער וועט ער אין אונדזער בּאראטונג ניט זיין.
וואָס מיינען די ווערטער פאַר אונדז היינט אָט־דאָ,
אין דער איצטיקער צייט, אונדזער גורל׳דיקער שעה, —
לעבנדיק אין דערוואַרטונג פון סוף פון וועלט׳ס פּיין?
ס׳מיינט — און אונדזער טרויער זאָגט עדות —
אז מיר שאַצן אָפּ טיף אונדזער גרויסן פאַרלוסט.
נאָס זיינען די אויגן פון יונגע און זיידעס,
די זיפצן דערציילן, ס׳ווערן שוואַך די יסודות,
און ווען דער הויפּט יסוד פעלט, דער אינהאַלט ווערט פּוסט.
וועט פעלן זיין לאָגיק, זיין קלאָרער פאַרשטאַנד,
ס׳וועט אונדז אויך פעלן זיין פירענדע האַנט.
קיין סואוואלקער וועט ניט פאַרגעסן דעם מענטשן,
יעדער איינער וועט זיין אָנדענק ערן און בענטשן.

IN MEMORY OF

my beloved Father and Mother

**JUDEL WISNIEWSKI**

יהודה בן נתן ווישניעווסקי, ע״ה הי״ד

טויבע ווישניעווסקי, ע״ה

נפטרה בשנת תרצ״ו, בסואוואלק.

IN LOVING MEMORY OF

האשה רייזל לעוויט בת יהודה ווישניעווסקי, ע״ה

נפטרה בשנת תרצ״ח (1938), בניו יארק.

IN LOVING MEMORY OF

my Brother and Family

**SHABSAI FINKELSTEIN**

שבתי פינקעלשטיין, ע״ה

IN LOVING MEMORY

OF

**BORIS ZYLBERBLAT**

ברוך זילבערבלאט, ע״ה

לאזדיי, ליטע

מר. און מרס. גבריאל ריינער

IN MEMORY OF

our beloved Wife and Mother

# לזכר עולם

## אסנה־לאה ריינער, ע״ה

בת ר׳ יהודה ווישניעווסקי, הי״ד

נפטרה י״ח אלול תשי״ט, בעיר ניו־יורק

September 21, 1959.

לעולם לא נשכחך!

ת. נ. צ. ב. ה.

בעלה **גבריאל ריינער**

ובנה **שכנא**

# לזכר עולם

אבי מורי הנכבד **ר׳ מאיר צבי** ב״ר דניאל
ז״ל. שבק חיים לכל חי ד׳ שבט תרפ״ט.



אמי מורתי הצנועה **מרת קונע** בת ר׳ מאיר
ז״ל. שבקה חיים לכל חי י״ב אייר תש״ד.



אבי זקני ר׳ **דניאל** ב״ר יחזקאל ז״ל.
שבק חיים לכל חי כ״ה אייר תר״ך.

אבי זקני ר׳ **מאיר** ב״ר שרגא ז״ל.
שבק חיים לכל חי י״ד אלול תרס״ו.

אמי זקנתי מרת **דינה** בת ר׳ מאיר צבי ז״ל.
שבקה חיים לכל חי ז׳ אייר תרע״ו.

אמי זקנתי מרת **אסתר** בת ר׳ יעקב ז״ל.
שבקה חיים לכל חי כ״א שבט תרנ״ג.

דודתי מרת **לאה** בת ר׳ מאיר ז״ל.
שבקה חיים לכל חי י״ב אייר תרמ״ב.

מרת **מינה** בת ר׳ מאיר ז״ל.
שבקה חיים לכל חי א׳ טבת תרפ״ו.

מרת **פייגל** בת ר׳ מאיר ז״ל.
נהרגה על קידוש השם, הי״ד.

גדול כים שבר לבבי על חללי כל משפחתי
שנהרגו מידי הצורר היטלער וסיעתו, ימ״ש.



אחינו היקר **ר׳ איסר** ב״ר מאיר צבי ז״ל.
נהרג על קידוש השם כ״ח מרחשון תש״ג
בטרעבלינקע, הי״ד.

**יעקב טראפ**

# לזכרון נצח

אשתי ואמנו היקרה והצדיקת עטרת ראשנו

## חיה שרה זאוואזניצקי ע״ה, מסובלק

בת הרה״ג הצ׳ ר׳ יהואש אבא ז״ל ווארשאווסקי

נפטרה בנוי־יארק, כ״ג כסליו תש״ך. (דעצעמבער 23, 1959)

ת. נ. צ. ב. ה.

בעלה ר׳ ישראל זאוואזניצקי,

בניה הרב ר׳ יהואש, שמעון ואליהו משה

---

לזכרון נשמות קדושים וטהורים קרובינו

שנהרגו על ידי הזדים במקומות שונים

ר׳ משה ב״ר אפרים זבוזניצקי ורעיתו חיה

ר׳ צבי בהרב ר׳ אברהם משה אבאוויץ ורעיתו רחל לאה בת ר׳ אפרים
ובניהם ר׳ אברהם משה והרב ר׳ חיים

ר׳ דוב־בערל ב״ר אפרים ורעיתו גוטל

ר׳ שאול אלחנן ב״ר חיים אריה בכרך ורעיתו חיה
בתם הבכירה קילא והשניה סימא פיגל

ה׳ ינקום דמם, ותהי נפשם צרורה בצרור החיים.

משפחת זאוואזניצקי

# לזכרון נצח

## להורי היקרים

מוטער



ריבה

פאָטער



אשר

## ואחי



דוד



מרדכי

יצחק

# קרשקובסקי

שנהרגו על קידוש השם באירופה בשנות תש״א–תש״ה (1941—1945)

**תנצב״ה — הי״ד**

## ד״ר ארנאלד קעהר

(אהרן קרשקובסקי)

---

## צום אָנדענק

פון אונדזער ליבן מאַן און פאָטער

**אברהם משה ראקאוסקי**

געשטאָרבן אין רוסלאנד, ט״ז אייר תש״ד

**מרדכי, הערש, רחל לאה, צירל, דאבע,**

**שיינע אסתר, חיים יצחק ראקאווסקי**

אלע אומגעקומען אין אייראָפּע

אין דער צייט פון 1945—1941

הי״ד

פייגל ראקאווסקי

דאָרא קאלינס

ליזא ראָטשטיין

## צום אָנדענק

פון אונדזערע פאמיליע מיטגלידער

**פערל קרשקובסקי**

**יצחק, ריבה, דוד, משה אייזענבערג**

**גרשון, גיטל, דוד, אברהם קאלניצקי**

אלע אומגעקומען אין אייראָפּע

אין דער צייט פון 1945—1941

**ישעיהו קרשקובסקי**

געשטאָרבן אין סואוואלק אין יאר 1952

פייגל ראקאווסקי

דאָרא קאלינס

ליזא ראָטשטיין

ארנאָלד קערר

# צום הייליקן אַנדענק פון מיין פאָטער
# הרב ר׳ משה ב״ר אברהם יצחק הלוי, ז״ל



נפטר י״ז כסלו, תרצ״ט

## און פון מיין מוטער הרבנית נחמה, ע״ה

נפטרה ט׳ טבת, תש״ז

**אהרן יוסף שטערמאַן** און ברידער

## פאמיליע ר׳ מרדכי מגנצא ע״ה



פון לינקס צו רעכטס : ר׳ מרדכי מגנצא ע״ה; זיין זון, הרב צבי שליט״א, ראש ישיבה זכרון יוסף, סט. לואיס; זיין פרוי שרה, הי״ד; לעבן טאַטן שטייט דער יינגסטער זון ישראל, הי״ד.

**ר׳ מרדכי** — באַרימטער נדבן און גוטהאַרציקער מענטש צו יעדן נויטבאַדערפטיקן, אומדערמידלעכער עסקן פאַר ועד הישיבות און בני תורה. — נפטר געוואָרן כ״ז ניסן תרצ״ה, אין סואוואַלק.

זיין פרוי **שרה**, הי״ד — אינטעליגענטע פרוי, קולטורעלער מענטש, גרויסע מכנסת אורחים, אַרויסהעלפערן אין איר מאַנ׳ס מעשי צדקה. — אומגעקומען אין סלאָנים, 1943.

דער אינגסטער זון, **ישראל** — אומגעקומען אין עלטער פון 17 יאָר אין סלאָנים, 1943, דורך די נאַציס. הי״ד.

**הרב אברהם מגנצא**, גייסטיקער פירער פון בית תפילה קאָנגרעגיישאָן, סט. לואיס, מיזורי, אַמעריקע.

---

# למזכרת עולם

צום ליכטיקן אָנדענק פון אונדזערע ליבע עלטערן

## דניאל און עלקע ראזענטאהל ע״ה

**פאָטער געשטאָרבן כ״ט כסלו תרצ״ו (1935) אין ירושלים.**

געבאָרן אין קראסנעפאָליע, חתונה געהאַט אין סואוואַלק. אָנגעפירט אַ שול פאַר מיידלעך, געווען לערער פון ריסיש און גרייסער העברעער. אַן אַקטיווער ציוניסט און קאָרעספאָנדענט פון „המליץ״. אויסגעוואַנדערט פון סואוואַלק אין 1904 קיין ניו יאָרק. עליה געווען אין 1926 קיין ארץ ישראל.

ת. נ. צ. ב. ה.

די קינדער,

## הערשל־שלמה און פעשע

לאָס אַנזשעלעס, קאַל.

## צום אייביקן אָנדענק פון מיין פאָטער
## ר׳ צבי אריה ב״ר יעקב הלוי, זצ״ל




מאקס העריס

# אין אייביקן אָנדענק

## פון מיין ליבער פרוי גיטל סאלינסקי



גיטל סאלינסקי, ע״ה
געשטאָרבן י״ג תשרי,
תשי״ט.

פאָטער משה צבי ב״ר אהרן דוב סאלינסקי
מוטער חנה בת ר׳ ישראל
ברודער ישראל לייב ב״ר משה צבי
שוועסטער פעסיע אשת ר׳ דוד איינשטיין
שוועסטער באשע עטל אשת ר׳ וואלף זימאן
און קינד שרה באַשע
שוועסטער פייגל אשת ר׳ אברהם ליזשעווסקי

ה׳ יקום דמם

**בען סאלינסקי און פאמיליע**

---

## צום אייביקן אָנדענק פון מיינע ליבע עלטערן



**ר׳ אברהם שמואל און בת שבע פייגע (סאלינסקי) ליזשעווסקי**

שוועסטער אסתר און איר מאַן שמואל קליבאנאוו, זייער קינד פריידע
ברודער משה, געשטארבן כ״ז סיון, תש״ה

**אהרן אלעזר לעוויט**

## אין אייביקן אָנדענק פון אונדזער

פאָטער **אברהם יעקב** ב״ר שמעון אליהו **מיראַווסקי**
מוטער **רייזל** בת ר׳ דוד איסר
ברודער **לייבל** און זיין פרוי, אומגעקומען אין פאריז, 1944
שוועסטער **זלאטע** און איר מאַן **דוד גרינער** און צוויי קינדער,
געוואוינט אין גראָדנע
שוועסטער **רישעל** און מאַן **אברהם לאמפערט** און איין קינד,
געוואוינט אין סקידעל
3 יונגע שוועסטער מיידלעך, **אסתר, רבקה, טייבל**
געוואוינט מיט די עלטערן

זיי זיינען אומגעקומען אין 1941 דורך די נאַציס, הי״ד.

זין און ברידער,

**ד״ר דוד איסר מיראַוו,** ניו יאָרק
**נחמיה,** ברוקלין
**חיים הירש,** סאמערוויל, מאסס.

---

### א י ן א י י ב י ק ן א ָ נ ד ע נ ק

פ ו ן ד י

# הייליקע קרבנות

**וואָס זיינען געפאַלן על קידוש השם פון די נאַצישע רוצחים**

**יצחק בראַמבערג**



# למזכרת נצח

## למשפחתי היקרה
## לעוויטאן

אבי מאיר, אמי ביילע
אחי יעקב, אחותי ליבע לאה
שנפלו על קדוש השם על ידי
הרוצחים הנאצים בליטא ובפוילין
הי״ד

מיין פאָטער ר׳ מאיר לעוויטאַן
און מוטער ביילע האַלטען די
ספר תורה וואָס זיי האָבען אַ־
ריינגעגעבן אין הכנסת אורחים
קלויז.



מיין שוועסטער ליבע לאה, ע״ה

טאָכטער חנה מיטן מאַן
ישראל ריבאלד

## אין אייביקן אָנדענק פון מיינע

# עלטערן

## און די

# קדושים-מארטירער

אלפרעד ספּיער

פראווידענס, ראוד איילאנד

צום ליכטיקן אָנדענק פון אונדזערע נאָענטע און טייערע
וואָס זיינען אומגעקומען על קידוש השם

פאָטער **ר׳ חיים** ב״ר ישראל משה **פינק**

מוטער **עשעל** בת ר׳ שמאי **פינק** (פון הויז מאניסעוויץ)

ברודער **דוד** ב״ר חיים **פינק**

שוועסטער **רבקה** בת ר׳ חיים פינק־גאלדפעדער

ה י ״ ד .

## שמעון און אברהם פינק

מאנטרעאל, קאנאדע

---



דוד פינק, ע״ה

**דער סימבאָל פון יידישער גבורה, מוט און קאַמף.**

— — —

דוד פינק איז געווען איינער פון די העלדישע, יידישע יוגנטלייט אין אונדזער ליבער שטאָט סואוואלק, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ביי זיין לעבן האָט ער איף פאַרשידענע איפנים פאַרטיידיגט דעם כבוד פון סואוואלקער יידן, איינשטעלנדיק נישט איין מאָל זיין לעבן אין געפאַר.

געווען אַ גרייסער העלד ביים לעבן און אויך אַ גרייסער העלד ביי זיין טויט. קעמפענדיק אין ביאַליסטאָקער קרייז מיט די פאַרטיזאַנער אין די וועלדער קעגן די מערדערישע דייטשן. צום אומגליק איז ער געפאַלן ערב דער באַפרייאונג מיט געווער אין די הענט.

אַזוי איז אויסגעלאָשן געוואָרן אויף אייביק זיין יונג לעבן.

כבוד זיין אָנדענק און אַ טרייסט צו זיינע צוויי לעבן־געבליבענע ברידער

## שמעון און אברהם פינק

צום הייליקן אָנדענק פון אונדזערע

ליבע עלטערן

## זלמן און פאיע פישער

ברידער פישער

צום הייליקן אָנדענק פון אונדזערע

# קדושים-מארטירער

פיליפ סיערס

(געוועזנער סערייסקי)

אין אייביקן אָנדענק פון אונדזער

ליבן מאַן און פאָטער

## נייטען סאַלווען, ע״ה

אייניקל פון דיין ר׳ נפתלי פרענדזל זצ״ל פון סואוואלק

די פאַמיליע

# לזכר

המורה המצוין בשפה העברית בסובאלק ובניו־יורק

מחבר ספר „טלטולי גבר"

## י. ש. ווייס, ע"ה

מאת תלמידיו ומכבדיו

**האחים פראָפ**

צום הייליקן אָנדענק פון אונדזערע

# קדושים-מארטירער

## מישקין

(מישקינסקי פון סואוואלק)

## לזכר נשמות

רחל קלארפיין (פון דער היים אבראמסקי)
און הרבני ר' יצחק קלארפיין
אומגעקומען אין ביאלע־פאָדלאסק
אין יאַר תש"ג
ה' יקום דמם.

טאָכטער לוסיע און איידעם יוסף כהן
סואוואלקער פון שיקאגא

## למזכרת נצח

לנשמות הורי האהובים
ר' יוסף ב"ר אלקנה ושרה
אחי אברהם גרשון
ואחותי אסתר היקרים
אבי־אמי ר' בן־ציון ב"ר גרשון
בלאכארסקי, נפ' ג' דחוה"מ פסח, ת"ש
וסבתי אייגע בת ר' מאנעס
שנספו על קידוש השם בימי השואה והמלחמה
השם ינקום דמם.

דר. כתריאל איילענדער

## למזכרת עולם

מיין פאָטער
ר' שרגא פייוול ב"ר מרדכי אויעראן
מיין מוטער פרומע בת ר' אברהם
מיין ברודער משה
און מיין שוועסטער אסתר

אומגעקומען על קידוש השם
אין ביאלא־פאדלאסק
בשנת תש"ב (1942)



הי"ד

שמואל דוד אויעראן

אין אייביקן אָנדענק פון מיינע ליבע עלטערן

## וואָלף און אַנאַ לעווין

געשטאָרבן אין סואוואלק

## און לובא ראזענדארף, סעמועל ראזענדארף

## און אַנאַ ראזענדארף

אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן

דורך די נאַצים, הי"ד

**לואיס לעווין**

---

## אין אייביקן אָנדענק

פון

## א. פּ. לובעל

**די פאַמיליע**

## צום אייביקן אָנדענק

אליה ב״ר יצחק שפילבערג, ע״ה
טויבע בת ר׳ יהודה שפילבערג
ראובן ב״ר זלמן ערבשטיין
מערע בת ר׳ אליה ערבשטיין
שרה בת ר׳ ראובן ערבשטיין
לאה בת ר׳ ראובן ערבשטיין
חיים ב״ר ראובן ערבשטיין
בלומע שפילבערג
חיים שפילבערג ואשתו ליבע
עם בתם ראשע
עזריאל שפילבערג
רויזע, רחל, בנימין שפילבערג
משה וואלקאוויסקי
שרה, גדליה, אידא ליובע וואלקאוויסקי
הי״ד

זעלדע טראפ

## אין אייביקן אָנדענק

מוטער חנה לאה קריסנאנסקי, ע״ה

שוועסטער גיטל קושעל, ע״ה

שוואָגער אלטער קושעל און קינדער, ע״ה

אומגעקומען אין ליטע

און אלע אומגעקומענע פינסקער לאנדסלייט

תנצב״ה — הי״ד.

אלבערט קוירש

## צום אייביקן אָנדענק

חיים דב סמעציוכאווסקי, סואוואלק
רחל לאה סמעציוכאווסקי, סואוואלק
שרה, אהרן, ראובן, שולמית
ליכטנשטיין, סואוואלק
פעשל, שמחה, שמואל
פיליפאווסקי, סואוואלק
חנה, בערל, יצחק
קאפלאנסקי, אוגוסטאוו
מאיר, דבורה
סמעציוכאווסקי, קאוונא
אלטער, פאאולינא, מינה
גליקסאן, סואוואלק
אברהם, שפרה
גליקסאן, סואוואלק
אשר גליקסאן, סואוואלק

מיין ברודער הערצי גאטליעב
געשטאָרבן אין ניו־יארק.
הי״ד

חיפה, ישראל גדליה שמחוני

## לזכר עולם

צום אָנדענק פון אונדזערע ליבע עלטערן

פאָטער ר׳ ישראל עברי, ע״ה

נפטר ה׳ תמוז תשי״ג
June 27, 1953

מוטער רבקה עברי, ע״ה

נפטרה ט׳ שבת תש״ז
December 31, 1947

די פאמיליע

עברי

## צום הייליקן אָנדענק

**גרשון אליהו** ב״ר מאיר, מזרע רבנים וגאונים, **בערענשטיין**, הי״ד

לאַנגיאָריגער ראש פון חברה קדישא, פאָרזיצער פון בעלי־בתים פאַראיין, אונערמידלעכער עסקן בצרכי ציבור באמונה אין סאוואלק. פאַרשיקט אין ביאלא פאָדלאסקא, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דער הילפס־ארבעט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין הייליקן לעבן.

זיין פרוי **מרים ראשל**

געשטאָרבן אין סאוואלק ז׳ ניסן, תר״פ

זיין ברודער **צבי זאב** ב״ר מאיר

גרינדער פון דער תלמוד תורה אויפן נאָמען פון ר׳ יצחק אייזיק חבר, גרינדער פון דער העברעאישער גימנאזיע אין סאוואלק

געשטאָרבן ערב פסח תש״א, 1941

אין ביאלא פאָדלאסקא

הי״ד

פאַרבליבענע טאָכטער און איידים, ניוטא און סימאָן גאלד, ניו יאָרק; זון, שמואל דוד בערן; שנור, רחל בערן; אייניקעל, מרים ראשל שענקער, איר מאַן שלמה שענקער, שיקאגע.

---

## צום אייביקן אָנדענק

**יצחק** ב״ר יהושע הכהן, און

**חיה דינה גוטקאָווסקי**, הי״ד

**צוזאמען מיטן ברודער און שוועסטער**

אומגעקומען אין ווארשאווער געטא,

פסח—תש״ד

הי״ד

פאַרבליבענע קינדער, רחל און שמואל דוד בערן, שיקאגע; אייניקל, מרים ראשל שענ־קער; שיינע מיראוו און איר מאַן יוסף מיראוו, ניו־קעסל, פא.; אייניקלעך, דינה און איינא פיי מיראוו, ניו־קעסל, פא.; יהודית מענדלסאָן און פאול מענדלסאָן, מאנסי, פא.

---

**וואו איז אהינגעקומען זייער געביין, זייער זכר?**

— — —

זאָלן די געציילטע נאָטיצן זיך פלעמלען אין פינצטערן פנקס פון דער אויף אייביק פארלוירע־נער ליכטיקער געבוירן־שטאָט — סואוואלק.

די קדושים פון מיין משפחה דערמאָרדעט 15 טעג אין אלול 1942 אין די וועלדער ביי סלאָבאָדקע

**אהרן, פרומה, דוד, עלטשע,**

**פעשעלע ווארשאבייטשיק**

**ישראל, רחל לאה קליוטשניק**

**יעקב ניסן, רבקה בארקאָווסקי**

אומגעבראכט אין פוילן

**אשר, אסתר, דוד, ישראל, חוה,**

**מערע, יצחק, לאה, שיינה מיט**

**די קינדער פון דער משפחה**

**צווילינג**

געשטאָרבן אין סיביר

**מאָטל צווילינג**

ונשמותיהם הזכות והטהורות תהיינה צרורות בצרור החיים.

הי״ד

**ש. שמעוני**

ישראל

---

## לזכרון עולם

אבי מורי יקירי

**אביגדור זאב** ב״ר אברהם הכהן, ע״ה

שוחט ומוהל מסובלק

נפטר בערב יום כיפור שנת תרפ״ו

September 27, 1925

אמי מורתי

**העניע מרים** בת ר׳ אריה ליב, ע״ה

נפטרה י״א אייר תר״ץ

May 9, 1930

ת. נ. צ. ב. ה.

**אהרן און רבקה קאהן**

זון און שנור

## צום אייביקן אָנדענק

מיין פאָטער

**אברהם** ב"ר שלמה **אלטשולער**

געשטאָרבן און סואוואלק ט"ז שבט, 1928

מיין עלטער זיידע

**ר' אליעזר מרדכי אלטשולער**

מיין זיידע

**שלמה** ב"ר אליעזר מרדכי **אלטשולער**

געשטאָרבן אין סואוואלק י"ב תמוז, 1935

מיין באבע

**חנה צירל אלטשולער**

געשטאָרבן און סואוואלק כ"ה אייר, 1927

מיין זיידע

**יעקב** ב"ר אליעזר הכהן **מירקעס**

געשטאָרבן אין לאזדיי י"ח כסלו, 1937

מיין באבע

**שרה פרומע מירקעס**

געשטאָרבן אין לאזדיי כ"ב כסלו, תרע"ב

ת. נ. צ. ב. ה.

שרה מאנדעלבוים

(געוועזענע אלטשולער)

---

## לזכרון עולם

טייערע ליבע מוטער

**שרה** בת ר' זאב הלוי **שערעשעווסקי** ע"ה

אומגעקומען יונג אַלס אַ מלחמה־קרבן.

כ"ז מרחשון תש"ג. אין סאמארקאנד.

ליבער פאָטער

**מרדכי** ב"ר אהרן **שערעשעווסקי** ע"ה

נפטר ערב פסח תשי"ז. אין ניו־יארק.

יהא זכרם ברוך.

אײנציקער זון **אליעזר**, שנור **פייגעל**

און אייניקלאך דוד און שרה.

*LESLIE, FAY, DAVID, SUSAN SHERER*

---

## צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזערע סייניער ברידער און שוועסטער

**יעקב גלעזער** מיט זיין פרוי **רחל** און פאמיליע

**חיים גלעזער** מיט זיין פרוי **כאסע** און פאמיליע

**סימע** מיט איר מאַן **ביאליגורסקי** און פאמיליע

**אהרן** און **רובין גלעזער**

אומגעקומען על קידוש השם

זייער ברודער און שוועגערן

רויזע און פיליפ גלעזער

## צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזערע פונסקער ברידער און שוועסטער

**יוסף קאנאוויץ** און זיין פרוי **לאה** און פאמיליע

**אידא** מיט איר מאַן **וואלינסקי** און פאמיליע

אונדזערע אָנקלס און טאַנטעס

**אשר קאנאוויטש** און זיין פאמיליע

**מאשע וולאדיסלאוואווסקי** און פאמיליע

**אלטע קאנאוויטש** און פאמיליע

**מנוחה קאנאוויטש** און פאמיליע

אלע אומגעקומען על קידוש השם.

די שוועסטערס און פלימעניצעס

רויזע און פיליפ גלעזער,

שרה לאה שער

---

## צום אייביקן אָנדענק

פון אונדזער ליבער מוטער

**חנה**

בת ר' יואל, ע"ה

נפטרה י"ה אייר, ל"ג בעומר שנת תרס"ז

די שוועסטער,

**שאפירא און פעלטין**

# חברה „לינת הצדק ובקור חולים" בסובאלק

## סובאלק יום ה' ארבעה ועשרים יום לחודש ניסן שנת לינת הצדק בקור חולים „התרפו"

## לכבוד סגן ראש החברה „לינת הצדק ובקור חולים" בסובאלק מר נפתלי ליעווענטין

# מכתב תודה וברכה

## ולנפתלי אמר: נפתלי שבע רצון ומלא ברכת ה' {דברים לג' כג'}

## חבר נכבד מאד נעלה!

אנחנו חברי הועד של „לינת הצדק ובקור חולים", בהתאספנו היום לברך אותך בברכת הפרדה, לרגלי נסיעתך מאתנו, מתכבדים להביע בזה את רגשותינו, רגשות תודה ותהלה לך, חברנו הנכבד, בעד מפעלך הכביר לטובת החולים העניים ד־עיר־נו, המיחלים לעזרת החברה שלנו, אשר אתה היית הראש והראשון ממיסדיה, ומיום הוסדה ועד עתה, היית אתה החבר היותר מפעלי בהועד. לא חסת על עתך ועל עמל־ך, לא עיפת ולא יגעת בעבודתך הפוריה והמסורה בלב ונפש להושיע את כל דכאי־רוח, יכאילה שלוחה, נפתלי, היית מהיר וזריז לעזור לכל נשברי לב וכל חולי עני אתה סעדתו על ערשו, ערש דוי, וכל משכבו הפכת בחליו ודאגת להמציא לו עזר ותעלה ברופאים, בסמי מרפא, במזון מבריא וגם בכסף מזומן, בלי שום גוזמא נוכל לרשום בעונג רב, כי נפשות רבות הצלת ממות והרבה עולמות קימת במשך ימי עבודתך בהועד. פרי מעשיך אלה השאירו רושם עמוק בלבותינו פנימה, ובכל לב ונפש נתאמץ ללמוד ממך ולעשות כמעשיך. זה הוא לפי דעתנו, תשלום גמול היותר נעים אשר אנחנו יכולים לגמול לך, חברנו הנכבד, ומה' נבקש שישלם הוא פעלך ותהי משכורתך שלמה מעם ה' א' הגמולות!

מאד מאד קשה עלינו פרדתך, חברנו הנכבד, ועוד יותר קשה תהיה פרדתך על החולים העניים, אשר אתה היית להם כאב רחמן!

